STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09008

# DER GER TSEDEK FUN VILNA

Saul Saphire

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער גר צדק פון ווילנא

געווידמעט מיין ליבען חבר

**דר. הירש ליב גארדאן**

# דער גר צדק פון ווילנא

היסטארישער ראמאן פון

## שאול ספיר

## COUNT VALENTI POTOCKI

HISTORICAL NOVEL BY

**SAUL SAPHIRE**

Author of

A CHALLENGE TO CEASAR, CALIPH OF CORDOVA,
A TALE OF TWO KINGS, etc.

Copyright 1942, by
SAUL SAPHIRE

שאול ספיר איז אויך דער מחבר פון: קאליף פון קארדאווא, צווישען רוים און ירושלים, אברהם׳ס אייניקלעך, פרינץ פון מצרים, אסתר המלכה, דיכטער פון טאלידא, קאלומבוס דער איד, טאכטער פון מדבר, פערציג יאהר אין מדבר, משה רבנו׳ס נאכפאלגער, דבורה, יפתח און זיין טאכטער, רות, שמשון הגבור, דוד המלך, שלמה המלך, רמב״ם.

# קאפיטעל איינס

א גאנצע וואָך איז ר' לייזער זום־קעם געווען ווייס פון די מעהל פון דער מיהל, וואָס ער האָט געהאַט איז ארענדע פון דעם גראף פּאָטאָצקי פון ווילנאָ. סיי ווינטער סיי זומער פלעגט ער אויפשטעהן גאנץ פריה, אָפּדאַווּ־נען דעם ערשטען מנין אין דעם קליי־נעם שטעדטעל איליע, נעבען דער שטאָדט ווילנא, און פון דאָרט גלייך געהן אין דער מיהל, וואו עס האָבען שוין געוואַרט אויף איהם א היבשע צאָהל פּויערים מיט זייערע זעקלעך קאָרן און ווייץ.

ר' לייזער איז יעדען טאָג געווען שטארק פארנומען, אז ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו עסען פריהשטיק, און יהודית, זיין פּופּצעהן יעהריגע טאָכטער פלעגט איהם ברייננען א טעפּעל געקעכץ און עטליכע פרישע בולקעלעך. ר' לייזער פלעגט זיך וואַשען צום עסען, און שנעל אָפּכאַ־פּען דאָס ביסעל געקעכץ און די בול־קעלעך, פלעגט אָפּבענשען און זיך ווייטער נעמען צו זיין ארבייט.

שוין באַלד צעהן יאָהר, אז ר' לייזער האַלט די מיהל אין ארענדע. דער גראף פּאָטאָצקי פון ווילנאָ, וועלכער האָט זיין זומער היים נעבען איליע, האָט געוואוסט, אז ר' לייזער איז אן ערליכער איד, און ער האָט איהם אי־בערגעגעבען צו פיהרען די מיהל, און אויך עטליכע סעדער פון פרוכט, וואָס האָבען זיך געפונען ניט ווייט פון דער מיהל.

קיין גרויסע גליקען האָט ר' לייזער ניט געמאַכט פון מיהל, ווייל דאָס רוב פּויערים זיינען געווען זעהר אָרים, קיין געלט צו באַצאָהלען פאר'ן מאָ־לען, האָבען זיי ניט געהאַט, פלעגען זיי איהם ברייננען דערפאר א קאַשעק אייער, עטליכע הינדלעך און אנדערע זאַכען. פון די עטליכע אָרימע אידען פלעגט ער גאָר קיין געלט ניט נעמען. דאָס ביסעל מזומן וואָס ער פלעגט אריינקריגען פון די מעהל קרעמער, פלעגט ער קלייבען צו האָבען צו באַ־צאָהלען דעם פּריז, דעם גראף פּאָ־טאָצקי. ער פלעגט איהם באַצאָהלען פּונקט צו דעם טאָג.

האָט ר' לייזער געארבייט זעהר שווער און ביטער א גאנצע וואָך. אין וואָכענט כאַפּט ער זיך אריין אין בית המדרש צו מנחה און מעריב, איינ־געריכט און פארשטויבט פון די מעהל. נאָך מעריב געהט ר' לייזער אהיים, וואו זיין ווייב, רבקה און זייערע קינ־דער וואַרטען אויף איהם מיט וועט־טשערע.

ער איז אזוי מיד פון טאָג ארבייט, אז ווי נאָר ער בענשט אָפּ פאַלט אויף איהם אָן א שלאָף, און ניט איינמאָל פּאַסירט, אז ווען ער לייענט קריאת שמע פאר'ן געהן שלאָפען ווערט ער אנשלאָפען, און ווען ער כאַפּט זיך אויף פאַנגט ער אָן פון אָנפאַנג אָן...

אָבער, אז עס קומט פרייטאָג, ווערט ר' לייזער אינגאנצען פארענ־דערט. די פּויערים ווייסען, אז נאָך צוועלף אזייגער פרייטאָג בייטאָג שליסט ר' לייזער צו די מיהל. דע־ריבער קומען זיי גאנץ פריה, כדי פארטיג צו ווערען וואָס שנעלער.

פרייטאָג טוט ר' לייזער ניט קיין שווערע ארבייט. ער צאָהלט אָפּ די עטליכע ארבייטער, און שליסט צו די מיהל. אין הויז הערט זיך דער גע־שמאַרקער ריח פון די פרישע געבאַקענע חלה, פון די געפילטע פיש. זיין ווייב רבקה גרייט שוין אָן פאר איהם ריינע וועש, און ער וואַרט אויף זיינע צוויי זיהן, דעם צעהן יאָהריגען דוד און ניין יאָהריגען נפתלי, וועלכע דאַרפען באַלד קומען פון חדר.

אין דער וואָכען זיצען די קינדער אין חדר א גאנצע טאָג, פון 9 אין דער פריה ביז 10 ביינאַכט. פרייטאָג אָבער לאָזט זיי דער רבי אָפּ צוועלף אזייגער. זיי חזר'ן איבער די סדרה פון דער וואָך, דאַן לערענט דער מלמד מיט זיי די טראָפּ. און ווען די קינדער לויפען אהיים, זינגען זיי אויפ'ן וועג די טראָפּ: "פּשטא, מנח זרקא"... דער עלטערער דוד כאַפּט אָן זיין אינגערען ברודער נפתלי פאר'ן אויער און זינגט אוים "פּזר"... זיי לויפען, שפּרינגען און טאַנצען... זיי זיינען פריי פון חדר... מאָרגען איז שבת...

א, דער הייליגער שבת! וואָס פאר א גליקליכער טאָג עס איז פאר אלע־מען. דאָס הויז ווערט אויסגעריי־ניגט. די פּאָדלאָגע איז באַשאָטען מיט קלאָרען זאַמד. דער ריח פון די געשמאַקע מאכלים, וואָס די מאַמע האָט צוגעגרייט, ווערט צעטראָגען אי־

בער'ן גאנצען הויז און דערגרייכט אפילו אין דרויסען. דער טיש איז באדעקט מיט א ווייסען טישטוך. צוויי פרישע חלות, פארדעקט מיט א סערוועטקעלע, זיינען שוין צוגעגרייט אויבען אָן נעבען טאטען'ס שטול. נעבען די חלות שטעהט א פלאש רויטער, פינקעלדיגער וויין. אין מיטען טיש שטעהען פיער מעשענע לייכטער וואָס יהודית האָט אָפּגעשייערט מיט זאמד און געמאכט, אז זיי זאָלען בלאנקען. אין די לייכטער שטעקען די ליכט, און ווארטען, אז די מאמע זאָל זיי אָנצינדען און בענשען. אין אלע ווינקעלאך איז ליכטיג און ציכטיג. די בעטען זיינען איבערגעבעט מיט פרישע ווייסע לײלעכער און ציכלאך.

די מאמע איילט די קינדער: "דער טאטע ווארט אויף אייך, עסט שנעלער, איהר דארפט דאָך געהן מיט איהם אין בית המרחץ. דוד און נפתלי עסען ניט קיין סך, כאָטש זיי זיינען גוט הונגעריג, זיי ווייסען, אז ערב שבת איז ניט רעכט זיך אָנצועסען צופיל, כדי צו קאָנען הנאָה האָבען פון דער גרויסארטיגער סעודה לכבוד שבת.

די קינדער נעמען זייערע פעקלעך ריינע וועש און געהען מיט'ן טאטע'ן אין בית המרחץ. די באָד איז פול מיט אידען וועלכע קריכען ארויף אויפ'ן העכסטען פאָל, בעזימען זיך און קרעכצען פון הנאָה, וואָס די היץ איז אזוי שטארק... מען גיסט עמערס וואסער אויף דעם פאָל, כדי צו מאכען וואָס מעהר פארע. די באָד ווערט אָנגעפילט מיט פארע, אז עס איז שווער צו זעהן וואָס עס טוט זיך ארום זיך.

פון דעם פארע צימער געהט דער טאטע מיט די אנדערע אידען אריין אין צווייטען צימער, וואו די מקוה געפינט זיך און נאָכדעם טוען זיי אָן די ריינע וועש און געהען אהיים.

די מאמע העלפט דערוויל וואשען איהר פופצעהן יאָהריגע טאָכטער יהודית. זי צוואָגט אוים איהר קאָפּ און זי קאמט און פארפלעכט איהרע שווארצע לאנגע האָר אין צוויי לאנגע צעפּ. יהודית טוט אָן איהר שבת'דיגע קלייד, און די מאמע קוקט אויף איהר שעהנער טאָכטער, און איהרע ליפען שעפּטשען א ברכה אין דער שטיל: "זאָל אזוי שיינען דיין מזל, מיין טייערע טאָכטער, ווי שעהן דו ביזט... קיין בייז אויג זאָל דיר ניט שאָדען". זי שפּייט אוים דריי מאָל אלס סגולה געגען אן עין הרע...

ווען די מאמע ווערט פאַרטיג מיט איהר טאָכטער, וואשט זי זיך דאָן אליין ארום, און טוט אָן איהר שבת'דיגע קלייד מיט איהרע גאָלדענע אויירינגלעך וואָס איהר מאמע האָט איהר איבערגעלאָזען בירושה.

ר' לייזער און זיינע צוויי זיהן קומען אָן פון בית המרחץ. זיי זיינען ריין, אויסגעוואשען. זייערע האָר זיינען נאָך פייכט. די מאמע האָט אויסגעלייגט זייערע שבת'דיגע בגדים. ר' לייזער טוט אָן זיין שבת'דיגע אטלעסענע קאפּאָטע, און די שטיוועל וואָס יהודית האָט ארומגעשמירט מיט אזא טראָן זיי זאָלען גלאנצען...

עס איז א שעהנער זומערדיגער פרייטאָג נאָך האלבען טאָג. די שטוב ביי ר' לייזער'ן האָט שוין אָנגענומען דעם שבת'דיגען אויסזעהן. יעדעס ווינקעלע בלאנקט...

ר' לייזער גיט א קוק אויף זיין ווייב, רבקה. איהר פנים לייכט. איהרע אויגען פינקלען. זי, די פארהאָוועטע, פארשמאַיעטע בעל הבית'טע, וועלכע איז א גאנצע וואָך פארשווארצט פון די סאזשע פון אויווען, פון די שווערע ארבייט ארום הויז, איהרע קליידער זיינען פארשמאָלצען און איינגעשמוצט, ווערט איצט, פרייטאָג, נאָך האלבען טאָג פארוואנדעלט אין א מלכה. די קנייטשען פון איהר פארזאָרגטען פנים, ווערען אויסגעגלייכט. די הויט פון איהר פנים ווערט צארט און ווייס, און ווען דער מאן ווארפט א בליק צו איהר ריכטונג, פאנגען זיך אָן איהרע באקען צו רויטלען, וואָס גיט איהר צו א באזונדערען חן... זי טראָגט א ווייסען שירץ, ווייל זי דארף זיך עטוואָס ארומפאָרען ארום אויווען.

יהודית, אָן אויסגעצוואָגענע, א קאמטע, מיט איהרע שעהנע קליידער, געהט ארוים אין דרויסען, זעצט זיך אַוועק אויף א באנק נעבען טיר, און באטראכט די פארבייגעהענדע אידען און אידענעס, וועלכע איילען זיך אהיים אויפצונעמען דעם הייליגען שבת.

ר׳ לייזער זעצט זיך אוועק מיט זיינע צוויי זיהן נעבען קליינעם טישעל, און ער איז מעביר די סדרה. עס איז פרשה קרח, און אין מיטען טוט ער א פרעג דעם עלטערען זוהן דוד, פארוואס קרח און זיינע נאכפאלגער זיינען איינגעזונקען געווארען. דוד זאגט איהם, וואס ער האט געלערענט, און וואס רש"י זאגט, און זיי ענדיגען "שנים מקרא ואחד תרגום".

נאכדעם פאנגט ר׳ לייזער אן צו זינגען דעם שיר השירים... דער שעהנער מעלאדישער ניגון צעטראגט זיך איבער אלע צימערען. יהודית, וועלכע האט אויך געלערענט חמש און פארשטעהט די פירוש המילות, האט זעהר ליב צו הערען ווי איהר טאטע זינגט דעם שיר השירים: "כתפוח בעצי היער כן דודי בין הבנים" (ווי אן עפעלבוים צווישען די וואלדביימער, אזוי איז מיין געליבטער צווישען די זיהן...) איהרע אויגען ווערען טרוימעריש... זי טראכט פון איהם, פון העלדישען געליבטען, וועלכער איז שעהן און הויך ווי א צעדערבוים. אין איהר ערוואכען אזעלכע אנגענעמע געפיהלען... אין איהר פארשטעלונגס קראפט זעהט זי איהם. אט קומט ער אן. ער פארנייגט זיך פאר איהר. ער פארגלייכט איהר צו א רויז פון שרון, צו א לילי פון די טאלען...

נאכדעם ווי ר׳ לייזער ווערט פארטיג מיט דעם זינגען פון שיר השירים, הייסט ער די קינדער אנטאן די רעקלעך און זיי געהען אין בית המדרש דאווענען מנחה און דערנאך מקבל שבת זיין. יהודית באגלייט זיי מיט איהרע אויגען, ביז וואנען זיי פארשווינדען, און דאן קעהרט זי זיך ווידער אום צו איהרע חלומות פון איהר געליבטען, וועלכען זי האט געשאפען אין איהר פארשטעלונגס קראפט...

די זון האט זיך א רוק געטאן צו מערב. די מאמע איז ארויס אין דרויסען, זי האט אויפגעהויבען איהרע אויגען צום הימעל און זיך אנגערופען צו יהודית׳ן: עס איז שוין צייט ליכט צו בענשען!

יהודית איז אריין אין הויז. די מאמע האט אויף דער זיידענער טיכעל, וואס האט באדעקט איהר קאפ אנגעטאן נאך א ווייסע פאטשיילקע. זי האט אויסגעגלייכט די ליכט אין די לייכטער.

רבקה האט אנגעצונדען די ליכט אין די לייכטער. זי פארמאכט די אויגען און הויבט אויף איהרע הענט און זי האלט זיי א ווײלע נעבען די ליכט. איידער זי מאכט די ברכה זאגט זי א קורצע תפלה. זי בעט גאט, אז ער זאל זיי באשיצען פון אל דאס בייז, אז ער זאל זיי געבען געזונט און פרנסה. אז איהרע קינדער זאלען אויסוואקסען גוטע אידען, צו גאט און צו לייט, אז גאט זאל צושיקען צו איהר טאכטער דעם ריכטיגען זיווג; אז גאט זאל געבען און איהר לייזער זאל געפינען חן אין די אויגען פון דעם פריץ גראף פאטאצקי, און ער זאל איהם קיין שלעכטעס ניט טאן. זי האט געהערט, אז ערשט ניט לאנג צוריק, האט מען ביי אט דעם זעלבען פריץ פארשמיסען א אידען צום טויט. א שוידער געהט דורך איהר קערפער, ווען זי דערמאנט זיך אן דעם. זי ווייסט, אז ווען דער פריץ שכור׳ט זיך אן, דאן קאן פאסירען דאס ערגסטע... יהרע ליפען שעפטשען די פאלגענדע תפלה:

"א, בארמהערציגער גאט, פון אונזערע אבות, אברהם, יצחק און יעקב, און פון די אמהות שרה, רבקה, רחל און לאה, אין זייער זכות און אין דעם זכות פון ליכט בענשען פאר דעם שבת קודש, גיב אריין חסד און רחמים אין דעם הארץ פון פריץ, ער זאל אונז קיין בייז ניט טאן. ער זאל פון אונז ניט אוועקנעמען אונזער פרנסה. באשיץ אונז און כל ישראל פון אונזערע שונאים, און מיר זאלען אלע זוכה זיין צו הערען דעם שופר פון משיח, אמן!"

רבקה האט געמאכט די ברכה "להדליק נר של שבת", און גלייך אויסגערופען צו יהודית׳ן: "גוט שבת, טאכטער!"

"גוט שבת, מאמע!" — ענטפערט יהודית און געהט צו און טוט איהר א קוש.

די מאמע עפענט דעם דיקען סידור און זאגט: "קום, טאכטער, לאמיר מקבל שבת זיין!"

רבקה און יהודית זעצען זיך אוועק ביים טיש און ביידע זאגען "לכו נרננה" אויפ׳ן קול...

פון די חלות און שניידט איבער די

אין בית המדרש איז ליכטיג, די ליכט ברענען אין אלע הענגלייכטער, דער חזן האט שוין אפגעזונגען דעם "לכה דודי" און מען האט שוין גענומען דאווענען מעריב.

נאך מעריב באגריסען זיך די אידען מיט א גוט שבת. און דאן נעמט דער שמש און פארטיילט די אורחים. ר' לייזער האט נאך קיינמאל ניט פארפעלט צו האבען אן אורח אויף שבת, גאנץ אפט פלעגט ער מיטברייגגען צוויי אורחים. זיין רבקה גרייט צו גענוג שפייז עס זאל קלעקען אפילו פאר פיר אורחים.

דער שמש געהט צו ר' לייזער'ן און זאגט צו איהם אין דער שטיל: "איך האב געהאט אין זינען אייך צו געבען אן אורח א הדר, א איד א למדן, אבער מיט א ווײלע צוריק איז צו מיר צוגעקומען עפעס א פרעמדער, וועלכער געפינט זיך שוין אין בית המדרש פון נאך האלבען טאג אן, און ער האט מיך געבעטען איך זאל איהם שיקען צו אייך אויף שבת.

— ווער איז ער דאס? — פרעגט ר' לייזער.

— אט שטעהט ער דארט אין ווינקעל—האט דער שמש אנגעוויזן אויף א אידען וועלכער האט טראץ דעם וואס ער איז געווען באוואקסען און געגאנגען אנגעטאן אין אלטע פארלאטעטע בגדים, נאך אויסגעקוקט גאנץ יונג. ער איז געווען הויך און גלייך.

— איך ווייס ניט ווער ער איז, אלץ וואס ער האט מיר געזאגט איז, אז זיין נאמען איז חיים. ווי עס ווייזט אויס איז ער ניט קיין בן תורה, ווייל זינט ער איז געקומען אין בית המדרש, האט ער קיין גמרא אין האנט ניט גענומען, ער איז געזעסען אויף דער באנק און געזאגט תהילים. טא וואס זאל איך טאן? ער וויל דוקא זיין שבת ביי אייך.

— נו, פארוואס ניט? — זאגט ר' לייזער, — ער איז דאך א איד! שיקט איהם צו צו מיר.

דער שמש איז צוגעגאנגען צום פרעמדען, און האט צו איהם א וואונק געטאן און א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ.

דער אורח איז גלייך צוגעגאנגען צו ר' לייזער'ן און איהם געזאגט: "גוט שבת!"

"גוט שבת אייך, ר' חיים, האט ר' לייזער איהם געגעבען זיין האנט. דער שמש האט מיר געזאגט, אז אייער נאמען איז ר' חיים...

— ניט ר' חיים, נאר פשוט חיים! — ענטפערט ער מיט א לייכטען שמייכעל, איהר פארשטעהט איך בין נאך א בחור.

"קומט, חיים! — האט ר' לייזער צו איהם געזאגט, און זיי זיינען ביידע ארויס פון בית המדרש. נאך זיי זיינען נאכגעגאנגען דוד און נפתלי, וועלכע האבען באטראכט דעם אורח מיט נייגעריגע בליקען.

זיי זיינען אלע אריין אין הויז און באגריסט רבקה'ן און יהודית'ן מיט א "גוט שבת". דער טאטע איז ארומגעגאנגען הי זאון צוריק איבער'ן צימער, און געזונגען: "שלום עליכם, מלאכי השרת". דער אורח האט אויך אזוי געטאן. יהודית האט באטראכט דעם אורח, און א רחמנות געפיהל דערוועקט זיך ביי איהר אין הארצען. ער איז אזוי ארים, נעבעך...

ר' לייזער האט געענדיגט זינגען דעם "שלום עליכם", און דאן האט ער צוגערופען דוד'ן און נפתלי'ן, ער האט ארויפגעלייגט זיינע הענט אויף זייערע קעפ און געזאגט: "ישימך אלקים כאפרים וכמנשה".

עטוואס פארשעהמט און רויטלענדיג זיך איז נאכדעם צוגעגאנגען יהודית, און ער האט ארויפגעלייגט זיין האנט אויף איהר קאפ און זי געבענשט: "ישימך אלקים כשרה רבקה, רחל, ולאה!"

באלד געהט ר' לייזער צו צום טישפילט אן דעם זילבערנעם בעכער מיט וויין און מאכט קידוש, נאכדעם ווי ער זופט אפ א ביסעל פון וויין, גיסט ער אפ עטוואס פאר'ן אורח, און דאן גיט יעדער א זופ פון בעכער.

— נו, לאמיר זיך געהן וואשען צום עסען! — האט געזאגט ר' לייזער צום אורח, און ער געהט מיט איהם אריין אין קיך, ער צייגט איהם אן אויף די קענדעל וואסער, און נאכדעם ווי דער אורח וואשט זיך, דערלאנגט איהם ר' לייזער דעם האנטוך. ער וואשט זיך אויך און דאן

נעמט ער ארונטער די סערוועטקעלע חלה אויף העלפט, שניידט אפ א "המוציא", טונקט זי איין אין זאלץ און מאכט "מוציא". גלייך נאכדעם גיט ער די אנדערע חלה צום אורח, און יענער טוט דאס זעלבע. יעדער באקומט א המוציא...

די מאמע געהט אריין אין קיך און ליינגט אויס די חלקים פיש. יהודית דערלאנגט די חלקים צום טיש. פריהער שטעלט זי אוועק דעם טעלער געפילטע פיש פאר דעם אורח. ניט איינמאל האט דער טאטע געזאגט אז דער וועלכער איז מכבד אן אורח, איז פונקט ווי ער וואלט מכבד געוועז דעם רבונו של עולם כביכול, און דעריבער דארף מען דעם אורח געבען דעם ערשטען.

נאך די פיש פלעגט ר' לייזער תמיד ליב האבען ריידען מיט דעם אורח תורה, אבער הערענדיג פון דעם שמש אז דער דאזיגער אורח איז ניט קיין בן תורה האט ער גלייך אנגעפאנגען צו זינגען זמירות: "כל מקדש שביעי כראוי לו"...

דוד און נפתלי האבען זיך צעזונגען און דער אורח האט אויך מיטגעזונגען און אלע האבען הנאה געהאט פון דעם אורח'ס שטימע...

יהודית האט דערלאנגט זופ און דערנאך די חלקים הוהן. מען האט געגעסען און ווידער געזונגען "מנוחה ושמחה אור ליהודים"...

דאס הויז איז אנגעפילט געווארען מיט געזאנג און פרייד. יהודית און איהר מאמע האבען אויך מיטגעזונגען.

פלוצלונג האט זיך דערהערט א שטארק קלאפען אין טיר... אלע זיינען מיט אמאל שטיל געבליבען... א טויט שרעק איז אויף זיי אנגעפאלען.

ר' לייזער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און איז צוגעגאנגען צו דער טיר און געפרעגט: "ווער איז דארט?

— אין נאמען פון גראף פאטאצקי עפען דיין טיר! — האט זיך דערהערט א שטימע פון דרויסען.

— פון גראף פאטאצקי! — האט רבקה אויסגערופען און איהר שרעק איז נאך גרעסער געווארען.

ר' לייזער האט מיט ציטערענדע הענט געעפענט די טיר, און באלד זיינען אריין אינווייניג צוויי האידוקעס.

איינער האט געהאלטען אין זיין האנט א בערישע פעל, דער אנדערער האט געהאלטען דעם קאפ פון דעם בער, וואס ווערט ארויפגעטאן אויף דעם מענשען'ס קאפ ווי א מאסקע...

ווען רבקה האט דאס דערזעהן האט זי ארויסגעלאזען א געשריי: אוי, גאט, העלף אונז!..

אלע האבען שוין געוואוסט וואס דאס באדייט... דאס מיינט אז דער פריץ וועט האבען א "בערען טאנץ" פאר זיינע געסט. רבקה דערמאנט זיך אז ערשט פאראיארען האט מען א אידען פארשמיסען צום טויט ביים פריץ, ווייל ער האט פארלארען דעם טאנץ געוועט...

"העי, מאשקע" (אזוי פלעגט דער פריץ, ווי אויך זיינע האידוקעס, רופן זיין אידען, דעם ארענדאר), "דער גראף פאטאצקי האט איצט א פארוויילונג ביי זיך אין שלאס, און עס איז זיין וואונש אז דו זאלסט אנטאן אט די בערישע פעל, און קומען דארט טאנצען דעם בערען טאנץ, אונטערצוהאלטען די געסט".

א ווייל איז ר' לייזער געבליבען שטעהן א טויט בלאסער אהן לשון... צו זיינע אויערען האט זיך דערטראגען דאס געוויין פון זיין פרוי און קינדער.

— וואס קלערסטו א סך! — האט דער האידוק וועלכער האט געהאלטען די בערישע פעל א געשריי געטאן צו איהם — טו דאס אן און לאמיר געהן! דער גראף האט פיינט אז מען לאזט זיך בעטען!...

— ניין! ניין! — האט ר' לייזער אויסגערופען — היינט איז ביי מיר שבת, איך וועל ניט געהן!

— דו זשידעק! דו ווילסט ניט פאלגען דעם פריץ'ס באפעל! — האט דער צווייטער האידוק אויסגעשריען — ווייסטו דען ניט וואס דער פריץ טוט, ווען א זשידעק וויל איהם ניט פאלגען? ער וועט דיך מאכען מיט א קאפ קירצער! ער האט אונז אנגעזאגט אז טאמער וועסטו ניט וועלען געהן, זאלען מיר דיך ברייגנען מיט געוואלד, און פאר דיין ניט וועלען אויספאלגען דעם פריץ'ס באפעל, זאלען מיר אונטערצינדען דיין הויז.

— נעם טו אן די בערישע פעל! — האט דער האידוק א ווארף געטאן די

פעל און דער צווייטער האט צוגע־ווארפען דעם בערישען קאפ מיט דער אויבערשטער טייל פון פעל. מיר גי־בען דיר פינף מינוט צייט. מיר ווארטען אויף דיר אין דרויסען אין דעם עקיפאזש. אויב דו קומסט ניט ארויס אנגעטאן אין דער דאזיגער פעל, וועלען מיר אריינקומען דיך נעמען איבער־געוואלד, און דאן וועלען מיר זיין גע־צוואונגען אויך אונטערצוציינדען דיין הויז..

די האידוקעס זיינען ארויס און אין ר׳ לייזער׳ס הויז איז געווארען א יאמער און א געוויין.

— זאל ער טאן מיט מיר וואס ער וויל, איך וועל ניט געהן! — האט ר׳ לייזער געזאגט, מיט טרויער און יאוש אין זיין שטימע.

— וואס וועסטו טאן? — האט רבקה געיאמערט — זיי וועלען דאך דיך שלעפען מיט געוואלד, און ערשט דאן וועלען זיי פארברענען אונזער הויז. און ווער ווייסט וואס דער פריץ וועט נאך טאן מיט דיר! ער מוז איצט זיין טויט שכור, און ווען ער וועט דערהערען אז דו ווילסט ניט געהן, קאן ער נאך...

רבקה האט ניט געוואלט ארויסריי־דען פון איהר מויל וואס עס קאן מיט איהר מאן פאסירען, אויב ער זאל איצט ניט פאלגען דעם פריץ.

— איך וועל בעסער שטארבען איי־דער מחלל שבת זיין! — האט ר׳ לייזער אויסגערופען.

— פקוח נפש דוחה שבת! — האט זיך דער אורח אנגערופען — אין דער גמרא יומא שטעהט געשריבען: ״מנין לפיקוח נפש שדוחה את השבת. ר׳ שמעון בן מנסיא אומר ושמרו בני ישראל את השבת אמרה תורה חלל עליו שבת אחת כדי שישמור שבתות הרבה״... (פון וואנען דרינגט מען אז פקוח נפש איז דוחה שבת, זאגט ר׳ שמעון בן מנסיא, עס איז געשריבען אין אונזער תורה: ״און די קינדער פון ישראל זאלען היטען דעם שבת, מיינט די תורה אז מען מעג מחלל זיין איין שבת, כדי עס זאל נאכהער מעג־ליך זיין צו היטען א סך שבתות).

״ניין, איך וועל ניט מחלל שבת זיין!״ האט ר׳ לייזער מיט טרעהרען אין די אויגען געזאגט — ״איך ווייס אז אפילו ווען איך זאל פאלגען דעם פריץ, וועט ער אלץ איינס מיך פאר־מאטערען צום טויט. איך ווייס וואס עס מיינט דער בערען טאנץ, זאל ער מיך בעסער טויטען אזוי, און איך וועל ניט האבען מחלל שבת געוועזן״.

פון דרויסען האבען זיך דערטראגען די שטימען פון די האידוקעס: ״שנע־לער, מיר ווארטען דאך! קום שוין ארויס אויב ניט וועסטו באלד פאר־לירען דיין הויז און אלץ וואס דו האסט!״ זיי האבען שוין גענומען קלאפען נאך אמאל אין טיר...

— ר׳ לייזער, גיט מיר די בערישעפעל, איך וועל געהן אנשטאט אייך! — האט חיים דער אורח אויסגערופען — מיט די בערישע פעל אויף זיך און איי־בער מיין פנים, וועט קיינער ניט ווי־סען אז דאס איז אן אנדערער...

חיים האט א נעם געטאן די בערישע פעל, און זיך שנעל איינגעהילט אין איהר...

ר׳ לייזער, זיין פרוי און די קינדער האבען מיט צעשראקענע בליקען גע־קוקט אויף דעם אורח, ווי ער טוט אויף זיך ארויף די בערישע פעל, און ווען ער האט ארויפגעטאן אויף זיין קאפ דעם אויבערשטען טייל פון דער פעל און עס צוגעשפיליעט, האט ער אויסגעקוקט פונקט ווי א בער. און ווען עס וואלט אויף די קינדער אויך ניט געפאלען א טויט שרעק וואלטען זיי זיך פאנאנדערגעלאכט פון דעם וואס דער אורח איז פארוואנדעלט געווארען אין א בער.

אלע אבער זיינען געשטאנען מיט צעשראקענע אויגען און אפענע מיי־לער, און זיך ניט גערוהרט פון זייערע ערטער. זיי האבען געזעהן ווי דער אורח, אנגעטאן אין דער בערישער פעל, מיט דעם עק פון הינטען געהט ארויס פון הויז. צו זייערע אויערען האבען דערגרייכט די רייד פון די היידוקעס: אט אזוי, מאשקע! קום און טאנץ פאר דעם גראף און זיינע געסט. דיין גליק וואס דו ביזט איצט אליין ארויסגעקומען, אז ניט וואלט פון דיר און פון דיין הויזגעזינט, קיין גערדעכעניש ניט געבליבען!

— באלד וועלען מיר זעהן ווער עס טאנצט בעסער, דו, מאשקע אדער דער היידוק, יוזשוק! — האבען זיי געהערט ווי דער צווייטער היידוק רופט זיך אן לאכענדיג, אזוי הויך,

אז מען האָט עס געקאָנט הערען זעהר ווייט — דו דאַרפסט אָבער וויסען, מאַשקע, אז יוזשוק איז איינער פון די פלינקסטע טענצער. ער קאָן אָפּטאַנצען צוויי שעה נאָכאַנאַנד די שווערסטע טענץ און ניט מיד ווערען! נו, גלויבסטו, אז דו וועסט געווינען דעם טאַנץ־געוועט?

— אהא, דו שווייגסט! — הערען זיי ווי דער ערשטער זאָגט ווייטער, — זיי אָבער וויסען, אז אויב דו וועסט פאַרלירען דעם געוועט, וועט יוזשוק דער געווינער האָבען א רעכט דיך צו פאַרשמייסען ביז טויט. אָדער ער וועט דיר הייסען ארויפקלעטערען אויף א בוים, און צילעווען זיך אויף דיר מיט דעם ביקס, און אויב ער טרעפט דיר מיט דעם ערשטען שאָס, איז זיין מזל, טאָמער ניט איז דיין מזל, אָבער איך קאָן דיר איבערגעבען א סוד, אז יוזשוק איז ניט נאָר איינער פון די בעסטע טענצער, נאָר ער איז אויך זעהר א גוטער שיסער, און טרעפט תמיד אין ציעל!... ניט איין אידען פון ווילנא האָט שוין יוזשוק פאַרשמיסען צום טויט אָדער דערשאָסען נאָכדעם ווי זיי האָבען פאַרלאָרען דעם טאַנץ געוועט.

— איך אליין בין דערביי געווען, — הערען זיי ווי דער צווייטער הייֿדוק באַרימט זיך, — דאָס האָט פּאַסירט מיט עטליכע חדשים צוריק, דאָן האָט דער גראַף פּאָטאָצקי געפייערט זיין געבורטסטאָג. ער האָט איינגעלאַדען זעהר פיעל געסט, און זיי געזאָגט, אז ער וועט האָבען ביי זיך אין שלאָס א "בערן־טאַנץ געוועט", און אז א איד מיט א לאַנגער באָרד, וועט דאַרפען זיך פאַרמעסטען אין טאַנצען מיט יוזשוק'ן, זיין בעסטען טענצער, און מען קאָן זיך שוין פאָרשטעלען וואָס פאַר א שפּאַס די געסט וועלען האָבען. און לאָמיר דיר זאָגען, מאַשקע, אז מיר האָבען ווירקליך נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אזוי פיל שפּאַס. דער איד האָט אָנגעהויבען טאַנצען און איז באַלד אומגעפאַלען. מען האָט איהם אויפגעהויבען און ער האָט ווידער געמוזט טאַנצען, ווייל איך בין געשטאַנען מיט א בייטש און איהם געשמיסען, ביז וואַנען ער האָט געהויבען זיינע פיס... כא, כא, כא!

באַלד האָבען זיך די רעדער פון דעם גראַף'ס עקיפּאַזש א ריהר געטאָן, און די הייַדוקעס זיינען פאַרשוואונדען געוואָרען פון דאָרט.

— אוי, גאָט! — האָט רבקה ארויסגעלאָזען א געשריי און איז געפאַלען אין חלשות...

יהודית האָט איהר קוים דערמינטערט. ר' לייזער'ס פּנים איז געווען וויים ווי קאַלך. דוד און נפתלי, די קינדער, האָבען זיך געטרייסעלט פון שרעק. זיי האָבען געוויינט און געשריען: "מאַמע"!

ווען זיי זיינען עטוואָס געקומען צו זיך פון די שרעקליכקייטען, וואָס זייַנען זיי אזוי פּלוצלונג באַפאַלען, האָט ר' לייזער מיט א וויינענדער שטימע, אויסגערופען:

— אָ, פאָטער אין הימעל! האָב רחמנות און העלף דעם טייערען אורח, וועלכער האָט איינגעשטעלט זיין אייגענעם לעבען, כדי צו ראַטעווען מיין לעבען!

די פרעהליכקייט וואָס האָט מיט א ווייַלע צוריק געהערשט אין הויז, איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין טרויער. אויף דעם טיש האָבען נאָך געברענט די ליכט אין די לייַכטער. דער צימעס און דער קוגעל זיינען קאַלט געוואָרען אין דעם גרויסען פּאַלומיסאָק. דער ווייס געדעקטער טיש האָט אויסגעקוקט פאַר'יתומ'ט... יהודית האָט זיך צוגעזעצט נעבען איהר מאַמע'ן און זי האָט זיך צעבליפּעט.

— קומט, לאָמיר זיך זעצען צוריק צום טיש און בענשען! — האָט געזאָגט ר' לייזער מיט א פאַרשטיקטען קול פון די טרערען וואָס האָבען איהם געשטיקט אין האַלז...

זיי האָבען זיך געזעצט ארום טיש און ר' לייזער האָט גענומען בענשען...

ווען ער איז געקומען צו דעם "הרחמן הוא ישלח לנו את אליהו הנביא זכור לטוב", האָט ער פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ, זיינע אויגען האָבען זיך צעלויכטען... דאָס בלוט אין זיין טויט בלאַסען פּנים האָט זיך צוריקגעקערט.

— וואָס איז! — האָט רבקה אויסגערופען.

ר' לייזער האָט גענומען ארומגעהן איבער'ן הויז הין און צוריק, און ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ער פּלוצלונג זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ,

אויסרופענדיג: „גאָט מיינער, איז דאָס מעגליך?״...

— וואָס, מעגליך? — פרעגט איהם רבקה.

— דו ווייסט רבקה, — האָט זיך ר׳ לייזער צוריקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ, — אָט דער אורח, וועלכער האָט נאָר וואָס געראַטעוועט מיין לעבען... דו ווייסט גאָר ווער ער איז?

— פון וואַנען זאָל איך וויסען?

— האָט זי טרויעריג געזאָגט, — איך האָף נאָר, אז ער זאָל קומען צוריק אומבאַשעדיגט. גאָט ווייסט וואָס זיי וועלען דאָרט טאָן צו איהם!

— הער זיך איין! דו ווייסט דאָך, אז דער שמש ווייסט, אז איך האָב ליב צו נעמען אן אורח אויף שבת, א איד א למדן. גראָד קומט ער צו מיר צו היינט נאָך קבלת שבת, און זאָגט מיר, אז עפּעס א פרעמדער איז געקומען אין בית המדרש נאָך האַלבען טאָג, און ער האָט פון איהם פארלאַנגט, אז ער זאָל פאר איהם באַשטעלען שבת דוקא ביי מיר. ער האָט מיר געזאָגט, אז דער אורח שיינט צו זיין א פּראָסטער איד, ניט קיין בן תורה, ווייל ער האָט די גאַנצע צייט קיין גמרא אין האַנט ניט גענומען. ער איז געזעסען די גאַנצע צייט און געזאָגט תהילים . . . ווער ווייסט ווער אָט דער אורח איז! האָסטו דען ניט געהערט פריהער, ווען ער האָט גערעדט צו מיר, אז פּקוח נפש איז דוחה שבת, האָט ער געבראַכט א מאמר פון דער גמרא... און דאָס וואָס ער האָט דוקא געוואָלט זיין ביי מיר שבת, איז דאָס ניט קיין באַווייז, אז גאָט ברוך הוא, האָט איהם צו אונז געשיקט אלס זיין מלאך מושיע... אָ, ווי גרויס זיינען די וואונדער פון גאָט! ס׳איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז דאָס איז געווען אליהו הנביא...

— אליהו הנביא איז ביי אונז געווען אין הויז! — האָט דוד אויסגערופען, — גאָט האָט איהם צו אונז געשיקט!

— אליהו הנביא! — האָט יהודית געזאָגט מיט א צעשראָקענער שטימע.

— צוליב וואָס פאר א זכות, רבונו של עולם! — האָט ר׳ לייזער אויסגערופען, — ווער בין איך, אז דו זאָלסט מיט מיר טאָן אזא נס!

— טאטע, צוליב דעם זכות פון שמירת שבת! — האָט דוד אויסגערופען, — דער רבי האָט אונז דערצעהלט א מעשה, אז אליהו הנביא...

— ווער ווייסט! ווער ווייסט! — האָט ר׳ לייזער געזאָגט, — אפשר איז ער א גוטער מענש, און ער האָט אויף זיך גענומען די שטראָף כדי מיך צו ראַטעווען... איך האָב איהם ניט באַדאַרפט לאָזען געהן! ער איז דאָך געווען מיין אורח! א איד דאַרף זיך לאָזען מוסר נפש זיין פאר זיין אורח, און ניט דערלאָזען, אז דער אורח זאָל זיך מוסר נפש זיין פאר איהם!... איך וועל שוין לויפען צום שלאָס פון דעם פּריץ, און זיי זאָגען, אז דער וועלכער איז אָנגעטאָן אין דער בעריישער פעל איז גאָר א פרעמדער איד, אז ער האָט מיך געוואָלט באַשיצען.

ר׳ לייזער האָט אויף זיך ארויפגעכאַפּט זיין אטלעסענע קאַפּאָטע, און ער האָט געוואָלט געהן, אָבער רבקה האָט איהם אָפּגעהאַלטען.

— איידער דו וועסט דערגעהן צו זיין שלאָס וועט שוין זיין צו שפּעט, דו וועסט איהם גאָרניט קאָנען העלפען, און דו וועסט נאָך אויף זיך ברייגנען א גרעסערען אומגליק. ניין, איך וועל דיך ניט לאָזען געהן! — האָט זי איהם אָנגענומען פאר׳ן האַנט.

— דו זעהסט דאָך, אז דער רבונו של עולם האָט איהם צו אונז געשיקט צו העלפען אונז, און דו ווילסט אליין געהן און אלץ קאליע מאַכען... עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז דאָס האָט געמוזט זיין אליהו הנביא.

— איך בין גאָרניט אזא צדיק, אז גאָט זאָל מיט מיר וועלען טאָן אזא נס! — האָט ר׳ לייזער אויסגערופען, — איך בין א גאַנצע וואָך פארהאַוועט, פארשמאַיעט... איך לויף אריין אין בית המדרש אָפּדאַוונען. איך האָב אפילו קיין צייט ניט צו לערנען תורה... פארוואָס קומט עס מיר!

— גאָט ווייס וואָס עס טוט זיך ביי דיר אין הארצען! — זאָגט איהם רבקה, — גאָט ווייסט, אז דו האָרעוועסט שווער און ביטער, אז דו היטסט אָפּ אלע מצוות, אז מיר גיבען צדקה וויפיל נאָר מיר קאָנען... דאָס וואָס דו צעמאָלסט די מעהל פאר די אָרימע פרומע אידען, אָט דאָס איז אויך ביי גאָט פאררעכענט פאר גאָר א גרויסע מצוה... און ווען דו האָסט

נאָר צייט לערנסטו א בלאַט גמרא אָדער א פּרק משניות. דו האָסט גראָד יע פאַרדינט ביים רבונו של עולם, ער זאָל מיט דיר א נס טאָן!

— אליהו הנביא האָט געראַטעוועט אונזער טאַטען! — האָט יהודית אויסגערופען מיט טרערען פון פריידן! איך האָב געהאַט די זכיה צו באַדינען אליהו הנביא׳ן!...

— גאָט ווייסט, גאָט ווייסט! — האָט ר׳ לייזער געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ, — מיר האָבען דאָך פריהער געהערט דעם געשפּרעך פון די הייד־דוקעס, ווען זיי האָבען זיך מיט איהם גערייצט און איהם דערצעהלט וועגען יוזשוק׳ען, וועלכער איז אזא טענצער, אז קיינער קאָן קיינמאָל ניט האָפען זיך מיט איהם צו פאַרמעסטען, ווער ווייסט אויב ער וועט איהם ניט פאַרשמייסען צום טויט, אָדער אפשר וועט ער איהם גאָר הייסען אַרויפקלעטערען אויף א בוים און זיך אויף איהם צילעווען מיט א ביקס...

— גאָט האָט מיט אונז א נס געטאָן! — האָט רבקה געזאָגט, — ער האָט צו אונז געשיקט אליהו הנביא! זעהסטו דען ניט? פאַרוואָס האָט דער אורח דוקא געוואָלט געהן צו אונז אויף שבת? ער איז דאָך צו אונז פרעמד! פון וואַנען האָט ער געוואוסט וועגען אונז? איז דאָס אליין ניט קיין באַוויז, אז גאָט האָט איהם געשיקט צו ראַטעווען דיין לעבען?...

— יע, איך האָב עס דערפיהלט אזוי שנעל ווי איך בין געקומען צו דעם "הרחמן הוא ישלח לנו את אליהו הנביא זכור לטוב". א דאַנק דיר, א לויב דיר, אָ, גאָט!

— אָ, מאַמע, איך האָב מורא! איך האָב מורא! — האָט דער קליינער נפתלי פּלוצלונג א געשריי געטאָן און איז צוגעלאָפען צו זיין מאַמען און זיך גענומען טוליען צו איהר.

— האָב קיין מורא ניט, מיין קינד! — די מאַמע איהם געגלעט איבער׳ן פּנים — אויב דאָס איז געווען אליהו הנביא, דאַרפען מיר מעהר פאַר קיינעם ניט מורא האָבען, ווייל דאַן איז דאָס א באַוויז, אז גאָט באַשיצט אונז, אז ער האַלט א וואַכזאַמע אויג אויף אונז אַלעמען.

— אָבער פאַרוואָס איז אליהו הנביא געקומען אין אַלטע פאַרלאַטעטע בגדים? — האָט נפתלי ווייטער געוויינט.

— וואָס פאַרשטעהסטו דען ניט דו נאַר איינער! — רופט זיך שוין אָן צו איהם זיין עלטערער ברודער, דוד, — דאָס האָט זיך מן הסתם אליהו הנביא פאַרשטעלט פאַר אַן אָרימאַן!

— ווער ווייסט! ווער ווייסט! — האָט ר׳ לייזער ווידער גענומען אַרומגעהן איבער׳ן צימער הין און צוריק — עס רעדט זיך אזוי אליהו הנביא... כדי זוכה צו זיין צו האָבען ביי זיך אין הויז אליהו הנביא, דאַרף מען האָבען א באַזונדערען זכות, מען דאַרף זיין א גרויסער צדיק... עפּעס א קלייניגקייט, אליהו הנביא! און ווער בין איך דאָס, אז דער רבונו של עולם זאָל מיט מיר טאָן אזא נס, אז ער זאָל שיקען צו מיר אין הויז אליהו הנביא? ניין, רבקה, איך בין ביי זיך ניט גענאַרט! איך האָב דאָס ניט פאַרדינט ביים אויבערשטען... וואָס! וואָס אזוינס האָב איך געטאָן מעהר ווי יעדער אַנדערער איד? וועלכער איד היט ניט אָפּ שבת?... וועלכער איד גיט עט ניט קיין צדקה, אויב גאָט העלפט און ער קאָן נאָר? יעדער איד האָרעוועט שווער און ביטער, און לויפט אין בית המדרש אַריינכאַפּען א פּרק משניות, אָדער א בלאַט גמרא! קומט עס מיר, אז גאָט זאָל מיט מיר טאָן אזא נס!... פאַרוואָס זאָל דער אייביגער שיקען צו מיר אליהו הנביא׳ן. ניין, רבקה, איך בין דאָס ניט ווערטה, אַן אומשולדיגער איד, מיין אורח, האָט איינגעשטעלט זיין לעבען אין סכנה און מיר געראַטעוועט פון א זיכערען טויט. איך האָב דאָס ניט געטאָרט דערלאָזען! גאָט ווייס, אויב ער וועט זיך שוין אומקעהרען א לעבעדיגער פון אָרט! איך בין ניט קיין צדיק, און ניט קיין בן צדיק, איך האָב קיין רעכט ניט זיך איינצורעדען, אז גאָט וועט צו מיר שיקען אליהו הנביא׳ן, ער זאָל מיך ראַטעווען פון דעם פּריץ׳ס הענט. גרויסע צדיקים זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם, פאַרוואָס האָט גאָט ניט געשיקט צו זיי אליהו הנביא צו ראַטעווען זיי פון טויט? פאַרוואָס קומט עס מיר?...

ווידער איז ר׳ לייזער׳ס הויז געוואָרען איינגעהילט אין טרויער. די ליכט האָבען גענומען צאַנקען... עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען טונקעלער. דער שלאָף וואָס פלעגט יעדען פרייטאָג צונאַכט פאַלען אויף ר׳ לייזער׳ן אזוי

שנעל ווי ער פלעגט אפּבענשען, איז איצט פון איהם אינגאנצען פארשוואונדען געוואָרען... ער איז מיד געוואָרען פון ארומגעהן איבער׳ן צימער הין און צוריק. ער האָט זיך צוגעזעצט און געקוקט אויף די צאנקענדע ליכט. רבקה האָט שוין אויך גענומען מורא האָבען פאר דעם אורח, זי האָט איינגעזעהן, אז איהר מאן האָט רעכט אז ניט יעדער איינער קאָן האָבען די זכיה, אז גאָט זאָל צו איהם שיקען אליהו הנביא׳ן. און זי האָט גענומען ברעכען מיט די הענט און זאָרגען וועגען דעם אורח, וועלכער האָט זיך איינגעשטעלט פאר איהר מאן און דאמיט איהם געראטעוועט פון א זיכערען טויט.

די ליכט זיינען איינציגווייז אויסגעגאנגען... בלויז דער קליינער קעראָסין לעמפּעל האָט נאָך געברענט און פארשפּרייט א בלאסע ליכט איבער׳ן צימער.

— איך קאָן ניט איינרוהען ! — האָט זיך ר׳ לייזער אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ, — איך מוז אויסגעפינען וואָס מען טוט דאָרט מיט׳ן אורח. איך וועל צוגעהן צום שלאָס פון דעם גראף פּאָטאָצקי...

— אָ, ניין, לייזער ! — האָט זיך רבקה ביי איהם גענומען בעטען, — פארוואָס זאָלסטו איצט וועלען געהן אהין, וועסטו איהם דען קענען העלפען ?... דו וועסט בלויז דיין אייגענעם לעבען שטעלען אין סכנה !

— אָבער ווי אזוי קען איך דאָ איינזיצען ווייסענדיג, אז דאָרט שוועבט א איד צווישען לעבען און טויט ! ער מיין אורח, האָט זיך מוסר נפש געווען פאר מיר !...

— זאָג מיר, לייזער, וואוהין געהסטו ? וועסטו דען אריינקומען איצט אין דעם שלאָס פון פּריץ, מען וועט דאָך דיך דאָרט אויף שטיקער צורייסען, ווען דער פּריץ וועט אויסגעפינען, אז א צווייטער איז געגאנגען אויף דיין פּלאַץ, און אויב עס האָט פּאסירט, אז דער אורח איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק, וועט ער ערשט איצט באקומען א שטראף פאר דעם וואָס ער האָט געהאט אָפּגענאַרט דעם פּריץ.

— איך וועל ניט אריינגעהן אין שלאָס, איך וועל זיך שטעלען אויף דער צווייטער זייט און אריינקוקען דורך די פענסטער — האָט ר׳ לייזער אויסגערופען — ווי אזוי קאָן איך בלייבען אין הויז אין אזא צייט ?

— וועל איך מיט דיר מיטגעהן ! — האָט רבקה געזאָגט — אליין לאָז איך דיר ניט געהן אהין.

— אָ, ניין, מאמע, געה ניט ! איך האָב מורא ! — האָט נפתלי זיך ווידער פאנאנדערגעוויינט, און איז צוגעלאָפען צו זיין מוטער און זי אָנגענומען פאר איהר ארבעל — געה ניט, מאמע !

— טאטע, איך וועל מיט דיר געהן !

— האָט יהודית זיך אָנגערופען — מיר וועלען ביידע אוועקשפּאצירען צום שלאָס און מיר וועלען שוין אויסמארקירען, אז קיינער זאָל אונז ניט באמערקען.

ר׳ לייזער האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט, און ער האָט צוגעשפּילעט זיין אטלעסענע קאפּאָטע, און איז ארויס פון הויז. יהודית איז נאָך איהם נאָכגעגאנגען...

שווייגענדיג זיינען זיי ביידע געגאנגען איבער די שטילע געסלעך פון דעם קליינעם שטעדטעל איליע. די אידישע הייזער, וועלכע זיינען געווען צעוואָרפען איצער׳ן שטעדטעל, זיינען געווען פארמאכט און פארשלאָסען. די לאָדענס זיינען געווען צוגעמאכט. ארום איז געווען שטיל, קיין לעבעדיגער נפש איז ניט ארויסגעקומען, כאָטש עס איז געווען אזא שעהנע ווארימע נאכט...

ר׳ לייזער איז געגאנגען מיט זיין טאָכטער און ער האָט זיך ארומגעקוקט... דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער איז ארויס פון הויז פרייטאָג צונאכט נאָכ׳ן עסען. זיין הארץ האָט אין איהם שטארק געקלאפּט. אָט דערנעהנטערט ער זיך מיט יהודית׳ן צום שלאָס. עס הערען זיך די טענער פון מוזיקאלישע איססטרומענטען.

זיי קומען צו נאָך נעהענטער. זיי זעהען דורך די אָפענע פענסטער ווי מען באוועגט זיך. זיי האָבען בלויז געקאָנט זעהן קעפּ, פון יונגע און פון אלטע.

באלד, האָט זיך געהערט א שטימע. יהודית און איהר טאטע האָבען אָנגעשטריינגט די אויערען, אָבער זיי האָבען גאָרניט געקאָנט הערען. באלד האָט זיך דערטראָגען צו זיי שאלען, און געשרייען. עס האָבען זיך געהערט פּאטשערייען מיט די הענט.

זיי האָבען ווידער געקוקט, אָנשטריינגענדיג זייערע בליקען, אָבער זיי האָבען ניט געקאָנט זעהן. באלד

האָבען זיי דערהערט די מוזיק פון א פּאָלקאַ...

— איצט טאנצט מען דאָרט ! — האָט יהודית קוים ארויסגעשעפּטשעט.

— הארציגער פּאָטער אין הימעל — האָט ר׳ לייזער אין דער שטיל מתפּלל געווען — ראטעווע איהם פון זייערע הענט...

— טאטע, גיב א קוק אויף די שאָטענס ! זעה ווי זיי באַוועגען זיך אויף דעם וואנט אינוויינ׳יג... מיר דוכט זיך, אז דאָס זיינען די שאָטענס פון צוויי בערען, וועלכע טאנצען.

— יע, עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען... גאָט ווייסט וואָס עס וועט געשעהן ! עס האָט זיך דערטראָגען צו זייערע אויערען די הילכיגע טענער פון די שפּילער, און די שאָטענס האָבען זיך גענומען באַוועגען פלינקער, און נאָך פלינקער... די מוזיק האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, און א פּאַטשעריי פון בראַוואָ ! האָט זיך פּלוצלינג דערהערט... די קלאַפּעריי האָט אָנגעהאלטען א היבשע ווייל̈ע , און ווידער אמאָל האָט די מוזיק אָנגעהויבען צו שפּילען און די צוויי שאָטענס האָבען זיך באַוויזען נאָך אמאָל אויף דער וואנט. דאָס מאָל האָט שוין געדויערט א היבשע ביסעל לייגער... די מוזיק איז שטארקער געוואָרען און די שאָטענס אויף דער וואנט האָבען זיך שנעלער באַוועגט...

הינט האָבען זיך צעבולען... עס האָבען זיך דערהערט שטימען, און יהודית האָט אריינגערוימט איהר פאָטער אין אויער :

— קום, טאטע, לאָמיר שנעל געהן אהיים, די הינט האָבען אונז דערשמעקט, מען וועט אונז באלד נעהמען ארומזוכען...

ר׳ לייזער האָט אליין אויך זיך שטארק דערשראָקען, און ער האָט זיך גענומען דערווייטערען פון דאָרט מיט זיין טאָכטער. און ווען זיי זיינען שוין אָפּגעגאנגען א היבשען וועג, האָט זיך נאָך אלץ דערטראָגען צו זייערע אויערען דאָס קלאַפּעריי פון בראַוואָ, וואָס איז באַגלייט געוואָרען מיט א הילכיגען געלעכטער.

א דערשלאָגענער האָט זיך ר׳ לייזער דערשלעפּט צו זיין הויז. ער איז געבליבען שטעהן א ווייל̈ע אין דרויסען, און זיך ארומגעקוקט, און דאן איז ער אריין אינוויינ׳יג מיט יהודית׳ן.

— נו, האָט רבקה איהם גלייך געפרעגט.

— גאָט ווייסט ! גאָט ווייסט ! — האָט ר׳ לייזער געענטפערט.

— מיר דוכט זיך, אז דער טאנץ האָט זיך דאָרט אָנגעפאנגען ! — האָט יהודית געזאָגט מיט א טרויעריגער שטימע. — מיר האָבען געקאָנט זעהן בלויז די באַוועגענדע שאָטענס...

— זאָל נאָר גאָט רחמנות האָבען — האָט ר׳ לייזער געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — רחמנות זאָל ער האָבען...

---

## קאַפּיטעל צוויי

ווער איז געווען דער אורח, חיים, וועלכער האָט געראטעוועט ר׳ לייזער׳ן פון א מעגליכען טויט? ווי אזוי קומט ער אין איליע? און פארוואָס האָט ער דוקא געוואָלט איינשטעהן שבת ביי ר׳ לייזער׳ן?

איידער מיר פארענטפערען אָט די אלע פראגעס, ווע̈לען מיר זיך דארפען באקענען מיט דעם לעבען פון זיין משפחה אין ווילנע און פון דער אידישער לאגע אין ליטאָ, פּוילען, אין דער ערשטער העלפט פון אכצעהנטען יאָהרהונדערט, ווען די מאכט פון די פּריצים איז נאָך געווען אומבאגרעניצט, און א פּוילישער גראף אָדער פּריץ האָט געקאָנט טאָן מיט זיינע אידען אלץ וואָס זיין הארץ האָט געלוסט...

אמת, דער איד וועלכער האָט געארבייט פאר׳ן פּריץ איז שטענדיג געווען זיכער מיט חיונה. אָבער דערפאר האָט ער געהאט אויסצושטעהן פון איהם די ערגסטע קאַפּריזען, און ווען דער פּריץ האָט זיך נאָך אָנגעשכור׳ט, איז די סכנה פאר דעם אידען געווען נאָך גרעסער...

אין ווילנאָ, ניט ווייט פון דער ווילי̈ע איז געשטאנען דער פּרעכטיגער פּאלאץ פון דעם גראף פּאָטאָצקי. אָט דער דאָזיגער גראף איז געווען איינער פון די רייכסטע פּריצים. ער איז געווען באריהמט פאר זיין רשעות. ער פלעגט גאנץ אָפּט אויף זיינע פארוויילונגען ליב האָבען צו זעהן ווי צוויי פון זיינע כלאָפּצעס קעמפען איינער מיט׳ן צווייטען, ביז וואנען איינער פלעגט אוועקפאלען.

די אידען וועלכע האָבען געהאט פון איהם ארענדעס, פלעגען פון איהם קיין האָניג ניט לעקען. ער פלעגט זיי פאר

יעדע קלייניגקייט לאָזען שמייסען, און א מאָל אלס צוגאב, זיי פארטרייבען פון דער ארענדע.

פאר א היבשע צייט איז ער געווען אוועקגעפאָהרען טיפער אין פוילען, וואו ער איז געווען דער גאסט פון זיין פרוי'ס משפחה, און ווען ער האָט זיך פון דאָרט צוריקגעקערט, האָט ער פון דאָרט געבראכט א מין שפּיל צו אמוזירען זיך און זיינע געסט. דער דאָזיגער שפּיל האָט ביי איהם געהייסען דער "בערען טאנץ".

דער דאָזיגער "בערן טאנץ" איז באשטאנען אין דעם וואָס צוויי מענשען פארשטעלט אלס בערען, אין בערישע פעלען, פלעגען טאנצען, און דער וועלכער פלעגט קאָנען טאנצען לייני גער און בעסער יענער פלעגט געווינען, און זיין באלוינונג איז געווען אז ער פלעגט קאָנען טאָן מיט דעם צווייטען טענצער אלץ וואָס זיין הארץ געלוסט. ער פלעגט איהם קאָנען אָפּשמייסען פאר אלע געסט אין די אויגען, און אז ער האָט געוואָלט האָט ער געהאט די ערלויבניש צו צווינגען דעם פארלירער ארויפצוקלעטערען אויף א בוים, און אלע געסט פלעגען זיך ארומקלייבען צו זעהן ווי אזוי דער "בער" דער פארלירער קלעטערט אויף דעם בוים, און דער צווייטער "בער", דער זיגער, צילט זיך אויף איהם מיט זיין ביקס.

בלויז איין מאָל האָט יענער געהאט א רעכט צו שיסען אויף איהם, און ווען ער פלעגט טרעפען אין ציל און דער אומגליקליכער פלעגט ארונטערפאלען, פלעגט אויסברעכען א געלעכטער צווישען די אלע פּריצים און פּריצ'טעס און דאמיט האָט זיך דער שפּיל געענדיגט. אָבער ווען ער האָט ניט געטראָפען אין ציל, פלעגט יענער קאָנען ארונטערקלעטערען פון בוים און זיין פריי. און דער פּריץ פלעגט דערצו געבען א באלוינונג פון צעהן גאָלדענע רענדלעך.

עס פארשטעהט זיך אז דער צווייטער טענצער, דער פארלירער, איז תמיד געווען א איד. ווייל וועלכער איד האָט דאָס געקאָנט טאנצען? בפרט א איד וועלכער איז תמיד פארזאָרגט און פארטרויערט? די קונסט פון טאנצען איז אלעמאָל געווען פרעמד דעם אידישען גייסט. און טאקע דערפאר פלעגט דער איד שטענדיג פאלען א קרבן פון דעם פּריץ'ס ווילדע קאפּריזען און שפּילערייען.

זיינען טאקע פאר די לעצטע עטליכע יאָהר געפאלען היבשע עטליכע קרבנות פון די אידען. דער גראף פּאָטאָצקי פלעגט גאנץ אָפט מאכען פארוויילונגען פאר זיינע פריינד, די פּריצים און פּריצ'טעס, און קיין בעסערע אמוזירונג ווי דער "בערען טאנץ" איז ביי איהם ניט געווען. ער האָט פון זיין לעצטען באזוך אין ווארשא ארויפגעבראכט א יונגען שייגעץ, א טענצער מיט'ן נאָמען יוזשוק, וועלכער איז געווען פלינק און האָט געקאָנט אלע פארשידענע טענץ, אזוי אז ווער נאָר עס פלעגט זיך מיט איהם פארמעסטען אין טאנצען, פלעגט פארלירען. בפרט נאָך ווען דער צווייטער איז געווען א איד... פלעגט אָט דער יוזשוק הנאה האָבען פון פארשמייסען די דאָזיגע אידען, די פארלירער, ביז צום טויט, גאנץ אָפט, אָדער זיי צווינגען ארויפצוקלעטערען אויף א בוים און דערנאָך זיך צילעווען. ער האָט תמיד געטראָפען אין ציל, ווייל ער איז געווען א גוטער שיסער.

איז אָנגעפאלען א פּחד אויף אלע אידען וועלכע זיינען געווען אונטערוואָרפען אונטער דעם פּריץ'ס קאפּריזען. יעדער איד האָט געציטערט, ווען מען האָט זיך דערוואוסט אז דער פּריץ קלייבט זיך צו פייערען זיין געבורטסטאָג, אָדער צו מאכען גלאט אזוי א פארוויילונג אין זיין פּאלאץ. ווייל אויב א פּריץ האָט באשטימט אז איינער פון זיינע אידען זאָל זיין דער צווייטער "בער־טענצער", האָט שוין גאָרניט געהאָלפען. יענער האָט זיך ניט געקאָנט ארויסדרעהען. ווייל דער פּריץ פלעגט דאָן יענעם נעהמען געצוואונגענערהייט, און אלס שטראָף פאר ניט וועלען געהן, פלעגט ער לאָזען פארברענען דעם אידענ'ס הויז אָדער איהם מיט זיין משפּחה אינגאנצען פארטרייבען פון דער ארענדע, וואָס האָט געמיינט אז אָט דער איד און זיין הויזגעזינט פלעגען דארפען אלץ איבערלאָזען און געהן וואנדערען ווייטער, אָהן א שום אויסזיכט צו קאָנען פארדינען אויף פּרנסה פאר זיין משפּחה...

אין ווילנאָ, ניט ווייט פון גראף פּאָטאָצקי'ס פּאלאץ, האָט געוואוינט דער רייכער איד ר' מנחם מאַן. ר' מנחם איז געווען א סוחר, און איז געווען באריהמט ביי די פּריצים אלס אן עהר־

ליבער איד, אויף וועמען מען קאָן זיך פארלאָזען אז ער וועט ניט נארען. אָט דער דאָזיגער ר׳ מנחם פלעגט צושטעלען פאר די פריצים אלץ אין וואָס זיי האָבען זיך גענויטיגט. די בעסטע און זעלטענע פרוכטען, וואָס פלעגען אָנקומען פון אויסלאנד; די פארשידענע שפייזען און געווירצען, ווי אויך די בעסטע סחורות פאר דער גאנצער פריצי׳שער משפחה, צו מאכען זייערע שעהנע קליידער. ער פלעגט אויך צושטעלען די פריצים גוטע שניידער און שוסטער וועלכע פלעגען נייען די דאָזיגע בגדים לויט די לעצטע מאָדעס.

עס איז דאריבער לייכט צו זעהן אז אָט דער ר׳ מנחם פלעגט זיין אַן אָפטער אריינגעהער צום פריץ, דעם גראף פאָטאָצקי. אויף איהם האָט דער גראף ניט געהאט קיין שליטה ווייל ער איז ניט געווען אָפּהענגיג פון איהם, און ער, דער גראף, האָט זיך גענויטיגט אין ר׳ מנחם׳ס מבינות און גאנץ אָפט אין זיינע עצות...

ר׳ מנחם האָט געהאט אַן אייניקעל מיט׳ן נאָמען חיים, וועלכער איז געווען זיין זוהנ׳ס בן יחיד. איז אָט דער חיים פון קליינוויז אָן געווען א שטיפער, א טענצער, און דאָס פלעגט פארשאפען זיינע פרומע עלטערען זעהר ווייניג נחת.

פלעגט איהם זיין טאטע מוסר׳ן: ״וואו האָסטו געזעהן, אז א אידיש אינגעל זאָל אזוי פארקאָכט זיין אין טאנצען און אין שפרינגען. דאָס פאסט פאר עשו׳ן.״ ווען דער טאטע פלעגט דערזעהן אז זיין חיים נעהמט א האלבען רייף, פארציהט א שטריקעל עס זאָל אויסזעהן ווי א בויגען, און דאן נעהמט ער שטיקלעך האָלץ און פארשניצט זיי ווי פיילען, און נעהמט שיסען אויף פויגלען, פלעגט ער איהם גוט אָנשלאָגען און צעברעכען די פיילען און בויגען.

חיים אָבער פלעגט עס טאָן באהאלטענערהייט. ער פלעגט ארויפקלעטערען אויף דעם בארג און דאָרט טאנצען און שפרינגען וויפיל זיין הארץ האָט געגלוסט. דאָרט פלעגט ער אויך שיסען מיט זיין פייל און בויגען און האָבען גרויס הנאה ווען ער פלעגט טרעפען אין ציל.

וואָלט חיים געהאט א גראָבע קאָפּ און ניט געוואָלט לערנען, וואָלט שוין זיין טאטע געוואוסט וואָס ער האָט צו טאָן מיט אזא זוהן. ער וואָלט איהם איבערגעגעבען צו א בעל מלאכה, און יענער וואָלט שוין פון איהם געמאכט א מענש. איז אָבער חיים דוקא געווען דער בעסטער אינגעל אין חדר. ער האָט געקאָנט לערנען א בלאט גמרא, און ווען זיין טאטע פלעגט איהם ברייגגען צום זיידען, צו פארהערען, פלעגט חיים קריגען פון זיין זיידען א קניפּ אין בעקעל פאר זיין שארף קעפּעל.

— וואָס איז אָבער די פעולה? — פלעגט זיך חיים׳ס טאטע באקלאָגען פאר זיין פאָטער — אז ער איז א גרויסער שטיפער, נאָר ער טאנצט און שפרינגט און קלעטערט אויף בוימער.

פלעגט ער אויך קריגען גוט אויסגע׳מוסר׳ט פון זיין זיידען פאר האָבען אין זיך שקצימ׳שע זיטען. א איד שפרינגט ניט, טאנצט ניט און ווארפט ניט קיין שטיינער, און שיסט ניט קיין פויגעלעך.

אז חיים איז אונטערגעוואקסען און ער איז שוין געווען א בחור׳ל פון א יאָהר אכצעהן, איז ער געווען א גאנץ גוטער לערנער, אבער אין דער זעלבער צייט האָט ער ליעב געהאט אונטערצוטאנצען ווען קיינער זעהט ניט...

אבער איינמאָל א יאָהר, שמחת תורה, ווען די אידען פלעגען זיך אזוי צעהוליען, און יעדער איד פליגט פון גרויס פרייד זיך א לאָז טאָן טאנצען, פלעגט דאן חיים איבערראשען יעדען איינעם מיט זיין וואונדערבארען טאנצען. ארום איהם פלעגען זיך צונויפזאמלען א היבשע צאָהל יונגווארג און זיך אוועקלאָזען טאנצען איבער דער פּאָדלאָגע פון פּאָליש...

די אידען, אין א פרעהליכער שטימונג לכבוד שמחת תורה, פלעגען שטעהן און צוקוקען מיט גרויס ערשטוינונג ווי חיים, ר׳ מנחם׳ס אייניקעל, צעלאָזט זיך אין טאנצען. יעדער איינער, וועלכער האָט זיך צו דעם צוגעקוקט, האָט געפיהלט אז זיינע פיס הויבען זיך און אז אויך איהם ווילט זיך טאנצען...

פּאסירט איינמאָל, קורץ נאָכדעם ווי דער גראף פּאָטאָצקי האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין רייזע, אז ער, דער גראף, האָט געשיקט רופען ר׳ מנחם׳ן און איהם געלאזט וויסען אז ער וויל מאכען א גרויסארטיגע פארוויילונג ביי

זיך אין פּאַלאַץ און ער וועט האָבען זעהר פיל געהויבענע געסט, דאַריבער וויל ער, אַז ער זאָל זיך אונטערנעהמען צוצושטעלען אַלץ וואָס איז נויטיג פאַר אַט דער פאַרוויילונג... פון די בעסטע פרוכטען און טאָרטען, ווי אויך וויינען ביז די מאַסקעס מיט וואָס די פּריצים וועלען זיך אַמוזירען.

ווען ר' מנחם האָט שוין געהאַט אַלץ פאַרצייכענט ביי זיך, האָט זיך דער גראַף צו איהם אנגערופען :

— איך האָב גאָר פאַרגעסען ! דער עיקר פון מיין פאַרוויילונג וועט דאַרפען זיין דער "בערען־טאַנץ", און איך וויל אַז דו זאָלסט מיר צושטעלען צוויי בערישע פעלען.

— צוויי בערישע פעלען ! — האָט ר' מנחם אויסגערופען — וואו קאָן איך נעהמען צוויי בערישע פעלען ?

— איך וויל פון גאַרניט ניט וויסען! איך מוז האָבען צוויי בערישע פעלען, אַבער גרויסע פעלען, אַז אַ מענש זאָל קאָנען אין זיי אריינקריכען און אויסקוקען ווי אַ בער. מיר אַרט ניט ווי־פיל געלט דו וועסט דערפאַר דאַרפען באַצאָהלען. דו מוזט זעהן דאָס צו קריגען פאַר מיר, ווייל אָהן דעם וועט מיין גאַנצע פאַרוויילונג ניט קאָנען פאַרקומען. איך גיב דיר צוויי וואָכען צייט צו קריגען פאַר מיר די בערישע פעלען.

ר' מנחם האָט געוואוסט, אַז פאַר דעם פּריץ איז ניטאָ קיין שום תירוץ. אויב ער וויל צוויי בערישע פעלען וועט מען איהם דאַרפען צו־שטעלען צוויי בערישע פעלען.

האָט ר' מנחם געזוכט און געניש־טערט, ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי יעדען איינעם, ביז וואַנען עס האָט איהם געלונגען צו קריגען די בערישע פעלען ; איצט, אַז ער האָט שון גע־קראָגען די פעלען, האָט ער צו זיך גע־רופען אַ גוטען שניידער, און ער האָט ערקלערט דעם שניידער וואָס דער פּריץ וויל. דער שניידער האָט צוזאַמענגע־שטוקעוועט די פעל, ער האָט אָנגע־נייהט העקלעך און קנעפּלאַך צו דעם טייל פון דעם קאָפּ פון בער, און אַז אַלץ איז פאַרטיג געוואָרען, האָט ר' מנחם געבראַכט די בערישע פעלען צום גראַף פּאָטאָצקי.

דער גראַף האָט באַטראַכט די פעלען, און ער האָט געזאָגט :

— באַלד וועלען מיר וויסען אויב די פעלען זיינען גוט.

ער האָט געשיקט רופען זיין יונגען טענצער, יוזשוק, וועמען ער האָט מיט־געבראַכט מיט זיך פון טיף פוילען !

יוזשוק איז אַריינגעקומען. ר' מנחם האָט איהם באַטראַכט ; ער איז גע־ווען הויך, שטאַרק געבויט. זיין קערפּער איז געווען עלאַסטיש און בויג־זאַם. זיין פּנים איז געווען רויט און אין זיינע אויגען האָט ר' מנחם געזעהן רציחה . . .

— טו אָן יוזשוק אָט די דאָזיגע פעל ! — האָט דער גראַף זיך צו איהם געווענדעט, — כ'וויל זעהן אויב עס וועט זיין גוט צוגעפּאַסט פאַר דיר, ווייל אין איינציגע טעג אַרום, ווען עס וועט פאַרקומען די פאַרוויילונג, וועסטו דאַרפען טאַנצען דעם "בערען־טאַנץ", און דיין געגנער וועט זיין אַ איד. זעה אַז מיר זאָלען ניט פאַרשעמט ווערען.

— אייער דורכלויכט ! — האָט זיך יוזשוק פאַרנייגט — איך וועל שוין זעהן, אַז מיר זאָלען זיך ניט פאַרשע־מען.

— דו ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ באַ־לוינונג דער געווינער אין דעם בערען טאַנץ געוועט קריגט — האָט דער גראַף געזאָגט.

יוזשוק האָט אַ שמייכעל געטאָן, און ער האָט געזאָגט :

— אייער דורכלויכט, איך האָב שוין געהאַט פינף אַזעלכע געוועטען און איך האָב נאָך קיינעם פון זיי ניט פאַרלוירען !

— און וואָס איז דאָן געווען דיין באַלוינונג ? — פרעגט איהם דער גראַף.

— דאַן האָט מיר דער פּריץ ער־לויבט צו טאָן מיט דעם פאַרלירער אַלץ וואָס מיין האַרץ געלוסט, און אַזוי ווי מיין געגנער איז געווען אַ איד, האָב איך איהם געשמיסען אַזוי לאַנג, אַז ער האָט קיין כח ניט געהאַט זיך צו ריהרען פון אָרט. אַ צווייטען פאַר־לירער האָב איך געהייסען אַרויפקלע־טערען אויף אַ הויכען בוים, און זיך אויף איהם געצילעוועט מיט אַ ביקס...

— נו האָסטו געטראָפען אין ציל?

— פרעגט איהם גראַף פּאָטאָצקי.

— אייער דורכלויכט מעג וויסען, אַז איך בין אויך אַן אויסגעצייכענטער שיסער, און ווי פלינק דער זשידעק איז

געווען און זיך געזוכט צו ראטעווען, פארשטעלענדיג זיך הינטער די צווייגען, האב איך איהם מיט׳ען ערשטען שאס דער׳הרג׳עט.

— איך אבער האב ליב צו טאן גערעכטיגקייט צו ביידע צדדים! — האט דער גראף געזאגט, באמערקענדיג ווי ר׳ מנחם האט אויפגעשוידערט פון יוזשוק׳ס רייד — דאס איז ביי מיר א געוועט און ביידע צדדים דארפען האבען די זעלבע רעכט. איך וועל אויך איינפירען די זעלבע באדינגונגען פאר דעם ״בערען־טאנץ״ געוועט, אבער דאס וועט ניט גילטען פאר ביידען; אויב דו וועסט געווינען דעם טאנץ וועסטו קאנען טאן דאס צו דעם פארלירער, אבער אויב דו וועסט פארלירען דעם טאנץ געוועט, וועט דער איד האבען דאס רעכט צו טאן מיט דיר די זעלבע זאך.

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף יוזשוק׳ס פנים און ער האט זיך אנגערופען:

— דערוויל האט נאך ניט פאסירט, אז איך זאל פארלירען א טאנץ געוועט, בפרט ווען מיין געגנער איז א איד.

— נו, גוט! טו אן דערוויל די ברישע פעל, איך וויל זעהן ווי עס קוקט אויס אויף דיר.

יוזשוק האט שנעל ארויפגעטאן אויף זיך די בערישע פעל און האט זי צוגעשפילעט, דערנאך האט ער ארויפגעטאן איבער זיין קאפ דעם אויבערשטען טייל פון דער פעל. דער פריץ האט זיך געקייקעלט פון געלעכטער.

— נו, יוזשוק, הויב אן צו טאנצען!

— האט דער פריץ איהם געהייסען.

יוזשוק האט זיך אוועקגעלאזט טאנצען; ער איז געפלויגען שנעל ווי א וויכער.

ער האט געהויבען זיינע פיס וואס זיינען געווען איינגעהילט אין דער בערישער פעל און ער האט זיך געדרעהט ווי אין א געווירבעל...

דער גראף האט צוגעפאטשט מיט זיינע הענט און געקליבען נחת...

— נו, איצט ווייס איך שוין פאר וואס דו האסט ניט קיין מורא טאמער וועסטו פארלירען דעם געוועט פון בערען טאנץ...

— איצט מעסט אן די צווייטע פעל — זאגט איהם דער פריץ.

יוזשוק האט אויסגעטאן די ערשטע בערישע פעל און ער האט אנגעטאן די צווייטע פעל. דער פריץ האט באטראכט ביידע פעלען, און דאן האט ער פון מנחם׳ן געבעטען א חשבון.

ר׳ מנחם האט איהם געגעבען א חשבון און דער פריץ האט געהייסען זיין דינער אריינברענגען זיין ביטעל מיט די גאלדענע רענדלאך, און ער האט ארויסגענומען פון דארט עטליכע רענדלאך און באצאהלט ר׳ מנחם׳ן, וועלכער האט זיך א נייג געטאן, איהם באדאנקט און איז ארויס פון פאלאץ.

א דערשלאגענער און פארטרויערטער איז ר׳ מנחם געגאנגען אהיים. ווער ווייסט, האט ער זיך געטראכט, אויף וועמען דער גורל וועט אויספאלען צו זיין דער ערשטער קרבן פון דעם פריצ׳ם ווילדע קאפריזען...

געהענדיג אזוי פארטראכט, האט ער דערהערט זיין איניקעל׳ס שטימע. ער האט זיך ארומגעקוקט און דערזעהן זיין איניקעל, חיים, קומט איהם אנטקעגען. ער האט געגעבען א שפרונג און ער איז שוין געווען נעבען איהם.

—פון וואנען קומסטו, זיידע? עפעס ביזטו אזוי אומעטיג! וואס איז געשעהן?

— גארניט, מיין קינד! — ענטפערט איהם ר׳ מנחם — אבער איך בין זעהר צופרידען וואס איך האב דיך ערשט געטראפען. איך וויל מיט דיר ריידען וועגען א וויכטיגער זאך: זאג מיר, חיים, טאנצסטו נאך איצט אויך אונטער אביסעל?

— א, ניין, זיידע, איצט ליגט מיר ניט אין זינען אזעלכע נארישקייטען! איך טאנץ ניט מעהר און ניט איך שפרינג!

— מיין קינד, עס טוט מיר זעהר לייד, וואס דו האסט פארלארען דיין חשק צום טאנצען! — האט ר׳ מנחם געזאגט.

חיים האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג. ער ווייסט ניט צי דער זיידע זיינער איז ערנסט אדער ער זוכט צו טרייבען שפאס פון איהם. אבער באטראכטענדיג זיין זיידענ׳ס פנים, האט ער געקאנט זעהן, אז ער איז זעהר ערנסט.

— וואס מיינסטו, זיידע? — האט חיים זיך צו איהם געווענדעט.

— איך זעה איצט, אז אלץ אין

דער וועלט האָט א צוועק... ביז היינט האָב איך געטראכט, אז טאנצען איז אן איבעריגע זאך, א נארישע זאך. מענשען מאכען זיך משוגע, הויבען די פיס, מאכען באוועגונגען, דרעהען זיך, און בויגען זיך... האָב איך זיך געטראכט, וואָס פאר א נוצען קאָנען אזוינע נארישקייטען בריינגען דעם מענשען. אָט די אלע כחות וואָס ווערען פארשווענדעט אויף טאנצען וואָלטען דאָך געקאָנט פארנוצט ווערען פאר מעהר נוצליכע זאכען... דאַריבער ווען איך האָב געזעהן, אז דו, חיים, גיסט זיך אָפּ מיט אזעלכע נארישקייטען, פלעגט עס מיר פארדריסען. מיר איז אויסגעקומען, אז פאר א אידען איז עס זעהר א שעדליכע זאך זיך ארייַנצולאָזען אין אזא שפּיל. און דעריבער ווען דיין פאָטער האָט זיך פאר מיר באקלאָגט אויף דיר, האָב איך זיך געטראכט, אז ער האָט רעכט, און איך האָב דיך גוט אויסגעשייגעצט פאר דעם. איצט אָבער, פארדריסט מיר זעהר שטארק וואָס מיר האָבען דיך געשטערט, וואָס דו האָסט זיך ניט פארפאָלקאָמט אין טאנצען, דו וואָלסט געקאָנט בריינגען גאָר שטארקע נוצען. און ווער ווייסט אויב דו וואָלסט אפשר ניט געקאָנט ראטעווען א אידישען לעבען דורך דעם...

חיים׳ס פארוואונדערונג איז נאָך גרעסער געוואָרען. ער האָט געקוקט אויף זיין זיידען מיט דורכדרינגענדע בליקען...

— זיידע, איך קאָן בשום אופן ניט פארשטעהן, וואוהין דו צילסט מיט דיינע רייד!

— איך וועל דיר דערצעהלען א מעשה פון דוד המלך, — רופט זיך אָן דער זיידע צו איהם, — וועסטו אפשר זיך אליין אָנשטויסען, וואָס איך מיין. ווען דוד המלך איז אנטלאָפען פון שאול המלך, פלעגט איהם אויסקומען זיך צו באהאלטען אין וועלדער, אין היילען, און אין שפּאלטען פון פעלזענשטיינער. פארשטעהט זיך, אז ער פלעגט זיך זעהר פיל אָנליידען פון די קאָמארען, וועלכע פלעגען איהם צעבייסען. פלעגט ער זיך באהאלטען אין א הייל אָדער אין די פעלזען, פלעגט ער קומען אין באַריהרונג מיט שפּינען און מיט שפּינוועב, און דאָס פלעגט ער ניט קאָנען פארטראָגען. ער פלעגט אויפשוידערען ווען ער פלעגט דערזעהן א שפּין, און עס פלעגט איהם עקלען, ווען ער פלעגט אָנריהרען שפּינוועב. האָט ער, אין זיינע תפלות צו גאָט, תמיד געהאט טענות צום רבונו של עולם: "צוליב וואָס פאר א צוועק, א גאָט, האָסטו באשאפען דעם שעדליכען קאָמאר, און די העסליכע שפּין, וואָס פאר א נוצען בריינגען זיי דעם מענשען?" אָבער אין איין טאָג האָט ער איינגעזעהן, אז מען קאָן האָבען נוצען פון יעדער זאך. ער איז איינמאָל אנטלאָפען פון שאול׳ען, וועלכער האָט איהם ארומגעיאָגט א גאנצע נאכט. פארטאָג, ווען דוד איז געווען זעהר מיד, האָט ער זיך צוגעלייגט שלאָפען אויפ׳ן גראָז. ער האָט געשמאק געשלאָפען, פלוצלונג דערפיהלט ער א שטארקען ביס פון א קאָמאר אויף זיין שטערן. ער האָט זיך אויפגעכאפּט, און ער האָט באלד דערזעהן, אז איינער פון שאול׳ס בעאמטע, לויפט צו איהם מיט א שפּיז אין האנט. דוד האָט זיך שנעל אויפגעהויבען און ער האָט געמאכט פליטה, און דורכדעם איז זיין לעבען געראטעוועט געוואָרען. ווען ניט דער קאָמאר, וואָלט דער שונא זיינער צוגעקומען שטילערהייט צו איהם און ער וואָלט איהם דערשטאָכען...

— און וואָס פאר א נוצען האָט איהם געבראכט די שפּין? — פרעגט חיים.

— טאקע אָט־דעם זעלבען טאָג האָט ער אויסגעפונען, — רופט זיך אָן דער זיידע, — דוד איז ווייטער געלאָפען. ער האָט געוואוסט, אז שאול איז אויף זיין שפּור, און ער דארף זיך באהאלטען. האָט ער פון ווייטען דערזעהן א קליינע עפענונג, וואָס פיהרט צו א הייל. איז ער אהין אריינגעקראָכען. ער זיצט אזוי אין הייל, א דערשלאָגענער, און ציטערט פאר זיין לעבען. דערזעהט ער פלוצלונג ווי א גרויסע שפּין פאנגט אָן וועבען שפּינוועב ארום דער קליינער עפענונג פון דער הייל, דוד׳ן האָט עס גענומען עקלען, און ווען ער וואָלט ניט געווען אזוי מיד, וואָלט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און צעטראָטען די שפּין. אָבער ער איז געווען זעהר מיד, און

זיך געפוילט אויפצוהויבען פון זיין פלאץ. האט די שפין געטאן איהר ארבייט אונגעשטערט... עס זיינען פאראיבער עטליכע שעה, און דוד באמערקט, אז די גאנצע עפענונג איז פארצויגען מיט שפינוועב, האט ער זיך גענומען אויפהויבען פון זיין פלאץ און געוואלט ארונטערנעמען די שפינ־וועב. האבען זיך פלוצלונג צו איהם דערטראגען שטימען פון דרויסען. ער האט זיך שנעל צוריקגעזעצט. און מיט א קלאפענד הארץ געווארט. ער האט דערקאנט די שטימע פון אבנר, וועלכער זאגט: לאמיר אריינ־געהן אין דער הייל איהם זוכען, עס איז גאנץ מעגליך אז ער האט זיך דארט באהאלטען.

באלד נאכדעם הערט ער ווי דער קעניג שאול זאגט: "זעהסטו דען ניט, אז דא איז קיינער ניט געווען פאר א לאנגער צייט, ווייל די גאנצע עפע־נונג איז פארדעקט מיט שפינוועב"...

דוד'ס הארץ האט געקלאפט זעהר שטארק, אויב זיי קומען אריין אינ־וויינינג, איז ער א פארלארענער. אבער ווי גרויס איז געווארען זיין שמחה, ווען ער האט געהערט, ווי זיי טרע־טען צוריק פון דארט. ערשט דאן, ווען זיי זיינען שוין געווען ווייט פון דארט, איז ער צוגעקומען צו דער עפענונג, און געזעהן ווי די שפין זיצט אין מיטען איהר געוועב, האט ער זיך אנגערופען: "דו טייערע שפין דו האסט מיין לעבען געראטעוועט, גע־לויבט איז גאט, איך זעה איצט, אז פון יעדער זאך וואס דו האסט באשא־פען, קאן דער מענש האבען נוצען"...

דער זיידע האט א ווײלע געשוויגען און דערנאך זיך צו איהם אנגערופען:

— הער זיך איין חיים, קום באלד אריבער מיט דיין טאטע'ן צו מיר, איך וויל זיך דורכריידען מיט אייך ביידען.

— גוט, זיידע, איך וועל איהם זא־גען, — האט חיים זיך אנגערופען און איז גלייך געגאנגען אהיים. ער האט דערצעהלט זיין טאטע'ן וועגען דעם געשפרעך וואס ער האט געהאט מיט דעם זיידען, און דער טאטע האט זיך אנגערופען:

— מיין טאטע וועט ניט ריידען אזוי, גלאט אין דער וועלט אריין, ער האט דאביי א כונה...

ער איז גלייך אריבער מיט זיין זוהן צו זיין פאטער ר' מנחם אין הויז. ר' מנחם איז מיט זיי אריינ־געגאנגען אין א באזונדערען צימער, און ער האט זיך אנגערופען צו זיין אייניקעל:

— טאנץ!

חיים האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג. דער טאטע האט אויך ניט געקאנט באגרייפען.

—חיים, איך בעט דיך טאנץ! יע, טאנץ מיט אלע קונצען וואס דו קאנסט!

— אבער, זיידע! — האט חיים זיך צו איהם געווענדעט.

— האסטו שוין פארגעסען וואס איך האב מיט דיר פריהער גערעדט, וועגען דוד המלך? טאנץ, זאג איך דיר.

—טאטע, איך קאן אויך ניט בא־גרייפען וואס דו מיינסט!

— איך ווייס, אז חיים, דיין זוהן, האט א נייגונג צום טאנצען, און איך וויל, אז ער זאל זיך אויסלערנען אלע טענץ וואס מען טאנצט דא אין לאנד און מעגליך די טענץ פון אויסלאנד. ווייל דורכדעם האף איך צו קאנען ראטעווען די לעבענס פון א סך אי־דען...

ר' מנחם האט דאן דערצעהלט פאר זיין זוהן און זיין אייניקעל, אלץ וואס ער האט געהערט ביים פריץ, וועגען זיין געפלאנטען "בערען־טאנץ" שפיל, און אזוי ווי זיין הויף־טענצער יו־זשוק, א שונא ישראל, האט שוין אויף אזא אופן אומגעבראכט א היבשע צאהל אידען. און דעריבער זעהט ער איצט איין, אז ווען עס וואלטען זיך געפונען אזעלכע אידען וועלכע קאנען גוט טאנצען, וואלטען גע־קאנט פילע לעבענס געראטעוועט ווע־רען.

— דעריבער וויל איך, אז דו זאלסט פון היינט אן זיך גוט איבען אין טאנ־צען. איך האב א באקאנטען קריסט, וועלכער לערענט די פריצישע קינדער טאנצען, וועל איך איהם דינגען ער זאל אויך מיט דיר לערנען. דו וועסט זיך דארפען איבען וויפיל נאר דו וועסט קאנען. פארשטעהסטו מיר,

ער איז איינער פון די בעסטע טענ־
צער... ער איז אויך א געזונטער יונג,
און פלינק און געאיבט. דו וועסט
פון היינט אָן דאַרפען זיך לערנען אַט
די אַלע איבונגען. יע, איך האָב באַלד
פאַרגעסען, יוזשוק איז א גרויסער שי־
סער, ער טרעפט שטענדיג אין ציל.
איך וויל, אַז דו זאָלסט זיך לערנען
שיסען. אין מיין הויז געפינט זיך
אַן אַלטער ביקס, דו קאָנסט קומען
צו מיר אין סאַד, און זיך לערנען שי־
סען. איך ווייס, אַז ווען דו ביזט
געווען א אינגעל, פלעגסטו ליב האָ־
בען צו שיסען...

— איך פאַרשטעה אָבער ניט, טאַ־
טע, ווי אַזוי קאָנסטו ערוואַרטען, אַז
דער פּריץ זאָל וועלען נעמען חיים'ען
פאַר יוזשוק'ס געגנער?

— זאָרג ניט וועגען דעם, מיין זוהן!
— האָט ר' מנחם זיך אָנגערופען, —
איך האָב שוין אייניגע פּלענער. איך
וויל, אַז דו זאָלסט וויסען, אַז וואַ־
לענטי, דער זוהן פון פּריץ, איז איינ־
גאַנצען אַנדערש פון זיין טאַטען, ער
איז א וואוילער גוי, און איהם זיינען
דערווידער אַט די אַלע גרויזאַמקיי־
טען, און ווילדע קאַפּריזען און אַר־
גיעס. איך וועל זיך מיט איהם אין
גיכען זעהן און מיר וועלען צוזאַמען
אויסאַרבייטען פאַרשידענע פּלענער.
גאָט ווייס, ווער עס וועט פאַלען אַלס
קרבן אין די קומענדע עטליכע טעג...
אָבער אויב עס וועט אונז געלינגען
צו ראַטעווען איין אידען אַפילו, וועט
זיין כדאי אַלץ וואָס מיר טוען...

— איך וועל טאָן אַלץ אין מיין
כח צו ווערען א גוטער טענצער, זיי־
דע! — האָט חיים זיך אָנגערופען,
— איך גלויב, אַז וואָס אַנבאַלאַנגט
מיין שיסען, וועל איך זיך נאָך איצט
ניט פאַרשעמען געגען דעם שייגעץ יו־
זשוק, ווייל איך פלעג ביז דער לעצ־
טער צייט א סך איבען און שטענדיג
טרעפען אין ציל...

— וואו פלעגסטו עס טאָן? —
פרעגט איהם זיין פאָטער, — איך האָב
געמיינט, אַז דו האָסט שוין לאַנג
אויפגעגעבען דיינע נאַרישקייטען!

— איך פלעג עס טאָן ווען נאָר איך
האָב געהאַט א געלעגענהייט. — האָט
חיים געזאָגט, — איך האָב תמיד גע־
טראַכט, אַז א איד דאַרף זיך לערנען
שיסען און איבען זיין קערפּער, כדי
ווען עס וועט נויטיג זיין זאָל ער זיך
קאָנען באַשיצען געגען זיינע שונאים.

—דו ביזט גערעכט, חיים, —
האָט דער זיידע זיך אָנגערופען, —
מיר לעבען אין א וועלט וואו עס גע־
פינען זיך א סך חיות, וועלכע דור־
שטען נאָך אידיש בלוט, און דעריי־
בער דאַרפען מיר קאָנען די חכמה
פון פויסט אַזוי גוט ווי אונזערע
שונאים... אָבער צום באַדויערען האָ־
בען מיר פאַרנאַכלעסיגט אַט די דאָ־
זיגע נויטווענדיגקייט. ווען דער שונא
באַפאַלט אונז אָהן שום סיבה, בויגען
מיר איין אונזערע קעפּ, און מיר לאָ־
זען זיך טרעטען מיט די פיס. מיר
זוכען צו אַפּעלירען צו זיין מענש־
ליכקייט, צו זיין געוויסען, אָבער מיר
ווייסען וואָס פאַר א געוויסען אונזערע
שונאים באַזיצען. ווען זיי זעהען, אַז
מיר שרעקען זיך פאַר זיי, אַז מיר וויי־
נען און בעטען זיי זאָלען אונז קיין
שלעכטס ניט טאָן, טוען זיי אונז
ערשט דאַן אָן אַלע מיני נגישות. ביי
זיי קומט עס אויס צו זיין א שפּאַס,
ווען זיי צילעווען זיך מיט א ביקס
אויף א אידען, און ווען ער פאַלט
אום א צעבלוטיגטער, קייקלען זיי זיך
פאַר געלעכטער. יע, חיים, עס איז
שוין צייט מיר זאָלען זיי קאָנען באַ־
צאָהלען מיט דער זעלבער מידה. פאַר
א געזונטען פויסט האָבען זיי, אונ־
זערע שונאים, דרך ארץ!

— איצט גלויב איך, זיידע קאָן
איך דיר און דעם טאַטען דערצעהלען
וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט איינ־
מאָל, ווען איך בין אַרויף אויף דעם
שלאָס־באַרג, און געמאַכט דאָרט פאַר־
שידענע איבונגען. איך פלעג תמיד
געפינען אַן איינזאַמען פּלאַץ, וואו
קיינער פלעגט זיך ניט געפינען. איינ־
מאָל קום איך אָהין. איך האָב זיך
געאיבט, פאַר א ווײלע, און דאַן האָב
איך גענומען דעם בויגען וואָס איך
האָב אַליין געמאַכט, און גענומען צי־
לעווען זיך. מיט אַמאָל שפּרינגען
אַרויס צוויי שקצים פון א באַהעלטע־
ניש, און זיי גיבען מיר א כאַפּ פון
הינטען און נעמען מיר שלאָגען. פון
אָנפאַנג האָב איך זיך שטאַרק דער־
שראָקען. איך האָב ניט געוואוסט
וויפיל זיי זיינען. באַלד אָבער האָב
איך באַוויזען זיך א קער צו טאָן און
דערזעהענדיג, אַז איך האָב דאָ צו

טאָן מיט בלויז צוויי שקצים, האָב איך זיך שוין מיט זיי אָפּגערעכענט...

— דערצעהל אונז, ווי אזוי דו האָסט זיי בייגעקומען? — האָט דער זיידע איהם געפרעגט.

— איך האָב זיך שנעל א דרעה געטהאָן אזוי, אז איין שייגעץ האָט מיך גלייך אָפּגעלאָזען און געוואָלט אויף מיר ווידער א פאל טהאָן, האָב איך מיט מיינע הענט איהם א כאַפּ געטהאָן פון הינטען און איהם געגעבען אזא הויב אין דער הויך, פּונקט ווי ער וואָלט געווען א גרינגע זאך. און איך האָב איהם א שליידער געגעבען אויף דעם באָדען, און ווען דער באָדען וואָלט ניט געווען קיין ווייכער, מיט גראָז, וואָלט דער שייגעץ צעשמעטערט געוואָרען אויף שטיקלאך פון דעם שטאַרקען שליידער... באלד נאָך דעם איז צו מיר צוגעלאָפען דער צווייטער שייגעץ, בין איך איהם אריינגעפאָהרען אין מאָרדע מיט מיין פויסט, אז ער איז באלד אומגעפאלען א צעבלוטיגטער אויף'ן גראָז... זיינען ביידע שקצים געבליבען ליגען א ווײלע אויף'ן גראָז. איך בין געשטאנען אויף מיין פּלאַץ און געווארט. זיי האָבען זיך ביסלאכוויז אויפגעהויבען פון באָדען, און דערזעהענדיג, אז איך אנטלויף ניט, האָבען זיי זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען...

— איך בין גרייט זיך ווידער צו פאַרטיידיגען, אויב איהר וועט זיך מיט מיר אָנפאנגען — האָב איך זיך צו זיי אָנגערופען — איך וועל אייך קיין שלעכטעס ניט טהאָן, סאיידען איהר וועט זיך ווידער וועלען שלאָגען.

די שקצים האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ, און איך בין צו זיי צוגעגאנגען און זיי געפרעגט, אויב זיי ווילען, איך זאָל זיי העלפען זיך אויפשטעלען. זיי האָבען מיר דערלאנגט די הענט און איך האָב זיך אויפגעהויבען, זאָגענדיג:

— נו, ווילט איהר מאכען שלום מיט מיר?!

— יע — זאָגט צו מיר איינער פון די שקצים, און ער דערלאנגט מיר די האנט. איך האָב געדריקט זיין האנט, אָבער דער צווייטער, וועמען איך האָב א שליידער געטהאָן צום באָדען, האָט ניט געוואָלט דריקען מיין האנט. ער איז געווען אויפגערעגט, און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט האס און שנאה.

— קום, זארעמבא — האָט יענער זיך דאָן אָנגערופען צום צווייטען — איך וויל ניט זיך פאראומרייניגען מיט דעם וואָס איך וועל דריקען די האנט פון א זשיד!

— דו האָסט מיר שטענדיג געזאָגט, אז די אידען זיינען פייגלינגע, אז זיי קאָנען ניט קעמפען, אז זיי אנטלויפען. און איצט, אז דו זעהסט, אז אויך צווישען זיי געפינען זיך בראווע יונגען, ווילסטו עס ניט צוגעבען! — האָט דער, וועמענס נאָמען איז געווען זארעמבא, זיך אָנגערופען — איך האָב דיך געהאלטען פאר א בראווען פּוילישען יונג, און מיט דיין האנדלונג צייגסטו ארויס זעהר ניט קיין פיינע זיטען. פאָלג מיר, גיב איהם דיין האנט און לאָמיר ווערען פריינט!

— פריינט מיט א זשיד! — האָט יענער אויסגערופען — אָה, ניין! איך וועל קיינמאָל ניט אָנריהרען די האנט פון א זשיד!

— אָבער ביי דיר איז געווען רעכט איהם צו באפאלען פון הינטען... נו, האָסטו איהם דאָך יאָ אָנגעריהרט!

— איך וועל אָנריהרען א אידען בלויז דאָן, ווען איך וועל איהם שלאָגען! — האָט דער צווייטער זיך אָנגערופען.

— אויב אזוי, קאָנסטו זיך געהן דיין וועג! — האָט זארעמבא אויסגערופען — איך אנערקען יענעמס העלדישקייט. איך וועל פארבלייבען מיט איהם, איך וועל זיך מיט איהם בעסער באקאנען און זיין פריינדליך צו איהם.

יענער שייגעץ האָט צורעכט געמאכט זיינע האָר, זיך אויסגעגלייכט און ער איז אוועק פון דאָרטען, ברומענדיג עפּעס אונטער'ן נאָז. דער צווייטער, וועמענס נאָמען איז געווען זארעמבא, איז פארבליבען מיט מיר. ער האָט זיך פאר מיר פאָרגעשטעלט, און מיר געזאָגט, אז זיין נאָמען איז זארעמבא, און אז ער איז א סטודענט אין דער סעמינאריע פאר גלחים אין ווילנא.

— ווען האָט דאָס פּאסירט, חיים?

— האָט איהם דער זיידע געפרעגט.

— דאָס האָט פּאסירט מיט א יאָהר צוריק — האָט חיים זיך אָנגערופען.

— און דו האָסט מיר קיינמאָל ניט געזאָגט וועגען דעם! — האָט זיך זיין

טאטע צו איהם אנגערופען — און איך האב שוין געמיינט, אז דו האסט שוין לאנג אויפגעגעבען אט די אלע נאַ־רישקייטען!

— דאָס זיינען שוין גאר קיינע נאַ־רישקייטען! — האט מנחם געזאגט — דו זעהסט, אז אפילו די שונאים אונזערע האבען דרך ארץ פאר א איי־דען, וועלכער ווייס ווי זיך צו באנוצען מיט זיין פויסט. איצט זאג מיר, חיים, וואס האט ווייטער פאסירט, האסטו זיך מיט איהם ווידער באגעגנט?

— יע, זיידע, ער איז געווארען מיין בעסטער פריינד. אזוי שנעל ווי זיין פריינד איז אוועקגעגאנגען און אונז איבערגעלאזען אליין, האט ער זיך צו מיר אנגערופען:

— איך שעהם זיך זעהר פאר דיר! מיר ביידע האבען געהאנדעלט ווי פייגלינגע! מיר האבען דיך באפאלען פון הינטען! מיר זיינען געווען צוויי און דו איינער! און ווען דו האסט אונז ביידען בייגעקומען, האסטו אונז געגעבען א געלעגענהייט זיך אויפצו־שטעלען. און מיר דוכט זיך, אז ווען דאס וואלט פאסירט פארקעהרט, וואל־טען אונזעריגע דיר קיין געלעגענהייט ניט געגעבען זיך אויפצושטעלען... איך זאג דיר, אז איך שעהם זיך זעהר שטארק און איך האף, אז דו וועסט מיר מוחל זיין.

ער האט מיר געדריקט מיין האנט און מיך געבעטען, איך זאל מיט איהם זיך טרעפען נאך א פאר מאל אויף דעם זעלבען פלאץ. איך האב איהם געזאגט, אז איך קום דא זעהר זעלטען, איך בין זעהר פארנומען, אז איך לע־רען אין א ישיבה. דאן האט ער מיר דערצעהלט וועגען זיך וויפיעל יאהר ער לערענט אין דעם גלחים סעמינאר, און ער האט צוגעגעבען, אז אין דעם סעמינאר לערענט מען זיי ווי צו האסען די אידען, די קרייציגער פון קריסטוס. איצט אבער זעהט ער, אז די שנאה איז ניט בארעכטיגט און אז ער וואלט זיך וועלען מיט מיר אמאל דורכריידען וועגען רעליגיע.

— האסטו איהם פארשפראכען? — פרעגט איהם זיין טאטע מיט שרעק.

— ניין. איך האב איהם געזאגט, אז וואס אנבאלאנגט רעליגיע, וועט זיין א סך בעסער, ווען מיר וועלען וועגען דעם ניט ריידען.

— זעהר גוט האסטו געטהאן, חיים! זאלסטו וויסען אז וועגען רעליגיעזע זאכען זאלסטו ניט ריידען מיט א קריסט, ווער ער זאל ניט זיין. אפילו ווען דו ביזט איבערצייגט אז ער איז דיין בעסטער פריינד, — רופט זיך אן זיין זיידע.

— זאג מיר, חיים, האסטו זיך גע־טראפען מיט אט דעם שייגעץ נאך אמאל? — פרעגט איהם זיין טאטע.

— יא, טאטע, איך האב זיך מיט איהם א צווייטען מאל געטראפען צו־פעליג. ער האט מיר דערצעהלט אז זינט דאן, האט ער זיך דערווייטערט פון זיין פריינד, און אז זיין פריינד האט מיט קיינעם ניט גערעדט וועגען דעם אז ער איז געשלאגען געווארען פון א אידען. ער האט מיך אויך געבעטען איך זאל קיינעם ניט דערצעהלען וועגען דעם. אבער זייער פריינדשאפט האט זיך צו־ליעב דעם אפגעקיהלט... איך האב איצט א נייעם פריינד, וועלכער ווייסט פון דעם וואס עס האט פאסירט מיט אונז, און ער האט אויסגעדריקט זיין פארלאנג זיך מיט מיר צו באקאנען.

— האסטו זיך מיט איהם באקאנט? — פרעגט איהם דער זיידע.

— ניין, איך האב איהם געזאגט, אז איך וועל זיין זעהר פארנומען, און איך בין זינט דאן ניט געווען אויף דעם שלאס-בארג.

— דו האסט זיך יא באדארפט באַ־קאנען מיט איהם, — רופט זיך אן דער זיידע, — עס קען זיין אז ער איז אויך א וואוילער קריסט. נאך א זאך וויל איך דיר זאגען, אז ווען מען טרעפט שוין יא צווישען די קריסטען א גוטען מענשען, איז ער ניט אפצו־שאצען. אט וועל איך דיר זאגען, אז איך האב זיך באפריינדעט מיט דעם גראף פאטאצקי'ס זוהן, וואלענטי, און לאמיך דיר זאגען, אז ער באזיצט א גאלדענע הארץ. גאנץ אפט ווען איך רייד מיט איהם וואונדער איך זיך ווי קומט אזא טייערער זוהן צו דעם רשע, דעם גראף פאטאצקי... יא, איך קען דיר זאגען אז איך האב שוין דורך איהם אפגעראטעוועט אייניגע אידען פון שמיץ.

— ווי אזוי? — פרעגט איהם חיים.

— גאנץ איינפאך, דער זוהן פון גראף, וואלענטי, פלעגט מיר דערצעה־לען אז א געוויסער איד איז פון פריץ באשטימט געווארען געשמיסען צו ווע־

רען, פלעג איך דאן אוועקגעהן צום פריץ און איהם זאגען אז געוויסע סחורות וואס ער פארלאנגט, קען איך ניט קריגען, נאר איך וויים ווער עס קען יא קריגען, און ווען ער פלעגט מיך פרעגען ווער דאס איז, פלעג איך אנרופען דעם נאמען פון יענעם אידען וועלכער איז פון פריץ באשטימט געווארען געשמיסען צו ווערען. דאן פלעג איך ביי איהם בעטען ערלויבניש, אוועקצושיקען יענעם אידען קיין אויסלאנד צו קריגען די דאזיגע סחורה. יענער איד פלעגט זיך דערווייל אויסבאהאלטען און ווען א היבשע צייט איז פאראיבער, און דער איד האט זיך צוריקגעקעהרט צום גראף מיט די פארלאנגטע סחורה, און דער פריץ איז זעהר צופרידען געווען פון דעם, פלעגט ער שוין איהם פארגעבען און ניט דורכפיהרען די שטראף.

— אבער ווי אזוי פלעגט דער איד קריגען די דאזיגע סחורה? — פרעגט איהם חיים.

— איך האב געהאט די סחורה ביי זיך, אבער דעם פריץ פלעג איך זאגען אז איך האב ניט. נו, איצט שטעל זיך פאר ווען איך וויים ניט וועגען דעם אידען, אז דער פריץ וויל איהם שמיסען, וואלט דאך דאן דער איד פארשמיסען געווארען... אבער וואלענטי פלעגט פון דעם פאראויס ווייסען און ער פלעגט מיר עס באלד איבערגעבען. איצט וועט מען דארפען זעהן אויך עפעס צו טהאן. ווייל איך האב אויסגעפונען אז ער וויל צו דער קומענדער אונטערהאלטונג זיינער נרצען א אידען צו טאנצען מיט יוזשוק'ן אלס זיין שותף... איך מיין אלס יענער וועלכער וועט דארפען זיין יוזשוק'ס געגנער אין דעם געוועט. וואלט ניט געווען צו שפעט וואלט איך גע'פועל'ט ביים פריץ אז דער איד אויף וועמען עס איז געפאלען דער גורל צו טאנצען דעם בערען-טאנץ, זאל האבען א רעכט צו דינגען א צווייטען אידען ער זאל פארנעהמען זיין פלאץ. אבער איצט איז שוין צו שפעט און איך וועל שוין זעהן פועל'ן ביי איהם שפעטער, אויב מעגליך.

— אפשר וועסטו נאך קענען אויסגעפינען, זיידע! — האט חיים זיך צו איהם אנגערופען.

— אפילו איך זאל איצט אויסגעפינען וועל איך אויך גארניט קענען טהאן — האט ר' מנחם זיך אנגערופען, — דו ווייסט דאך אז דו ביזט נאך ניט צוגעגרייט?!

— איך נעהם זיך אונטער אפילו איצט צו טאנצען געגען יוזשוק'ן, — האט חיים געזאגט.

— א, ניין, דו ביזט נאך ניט גרייט, מיין זוהן, — האט זיך דער זיידע אנגערופען, — איך האב געזעהן ווי יוזשוק טאנצט, און מיר דוכט זיך אז דו וועסט נאך דארפען א סך לערנען, אום דו זאלסט קענען זיך פארמעסטען געגען איהם.

— אבער אויב מיר וועלען קענען ראטעווען א אידען, וועט דאך אלץ ווערטה זיין, — האט חיים געזאגט, — איך וועל זעהן אז דער שייגעץ זאל פארלירען.

—ניין, מיין זוהן, — האט דער זיידע אויסגערופען, — איך וויים וואס איך רייד, ווי גוט דו זאלסט טאנצען, וועסטו נאך דערווייל אלץ ניט קענען זיך פארמעסטען צו דעם שייגעץ יוזשוק, וועלכער איז געזונט ווי א חזיר, און איז אזוי גוט געאיבט. איך וועל זעהן אז דו זאלסט זיך לערנען אט די דאזיגע חכמה פון טאנצען, און דאן וועלען מיר זעהן וואס מיר האבען צו טהאן.

אזוי האט פאסירט, אז אט דער ר' מנחם, וועלכער פלעגט פריהער זעהר שטארק אויס,מוסר'ן חיים'ען פאר זיין טאנצען און שפרינגען, האט געדונגען פאר איהם א לעהרער, א קריסט, און ער פלעגט זיך לערנען טאנצען אז קיינער זאל ניט וויסען.

עטליכע חדשים האט חיים זיך געלערנט די קונסט פון טאנצען. ער האט געוואוסט די אלע טענץ פון פארשידענע לענדער. ער פלעגט פאררוואונדערען זיין לעהרער וועלכער האט זיך ניט געקענט גענוג אפלויבען פון איהם.

— איהר ווייסט, — האט זיך דער לעהרער איינמאל אנגערופען צו ר' מנחם'ען, — אייער אייניקעל קען שוין אויפטרעטען אויף דער בימה אלס טענצער. איך וועל זיין זעהר צופרידען צו געבען איהם א בריף פון רעקאמענדאציע, צו מיין פריינד אין ווארשע, און ער וועט איהם העלפען.

— איך דאנק דיר, מיין הערר, — זאגט איהם ר' מנחם, — מיין אייניקעל לערנט זיך טאנצען בלויז צוליעב דער קונסט און ער האט ניט בדעה

אויפצוטרעטען אויף דער ביהנע.

חיים האט אין דערזעלבער צייט אויך ניט פארנאכלעסיגט זיך צו לערנען ווי צו שיסען. ער פלעגט פראקטיצירען טאג און נאכט.

דערווייל איז פארגעקומען די פארוויילונג אין דעם פאלאץ פון דעם גראף פאטאצקי. איינער פון די אידען איז געצוואונגען געווארען צו טאנצען מיט דעם שייגעץ יוזשוק. די שכור'ע פריצים האבען זיך געקייקעלט פון געלעכטער ווען זיי האבען געזעהן דעם אידען אנגעטהאן אין דער בערישער פעל. דער איד האט גענומען טאנצען צוליעב מורא, אבער ער האט זיך ניט געקענט פארמעסטען מיט דעם געאיבטען שייגעץ, יוזשוק. ער האט זיך אפגעשטעלט, און דא, האט ער דערפיהלט א שמיץ פון א געזונטען היידוק, ער האט ווידער גענומען הויבען זיינע פיס, און איז אומגעפאלען. מען האט איהם ווידער געגעבען א שמיץ, און ער האט אנגעהויבען צו שפרינגען פון וועהטאג. די געסט האבען געלאכט, און עס פארשטעהט זיך אז דער שייגעץ יוזשוק האט געוואונען דעם טאנץ און מען האט איהם געהייסען אויסקלייבען וואס פאר א שטראף ער וויל געבען דעם אידען, דעם פארלירער.

יוזשוק האט געזאגט, אז ער וויל אז דער איד זאל ארויפקלעטערען אויף א בוים און ער וועט זיך צילעווען מיט זיין ביקס אויף איהם בלויז איינמאל.

ווען דער איד האט דאס דערהערט, איז איהם שיער די נשמה ניט ארויסגעפלויגען. מען האט איהם ארויסגעפיהרט אין הויף וואו אלע געסט זיינען ארויסגעקומען מיט פאקעלען. דאס געלעכטער און די יובעל־געשרייען האבען פארהילכט די לופט. מען האט דעם אידען צוגעפיהרט צום בוים, און יוזשוק האט איהם באפוילען ארויפצוקלעטערען.

דער איד האט געזעהן אז ער איז א פארלארענער, האט ער זיך אנידערגעווארפען צום באדען און איז געבליבען ליגען באוועגלאז.

עס איז געווארען א טומעל. אייניגע האבען געשריען אז דער איד איז געשטארבען פון שרעק. אבער ווען מען האט איהם גוט באטראכט, האט מען געזאגט אז ער איז געפאלען אין חלשות פון שרעק.

מען האט פרובירט איהם אפמינטערען, אבער דער איד איז נאך אלץ געלעגען באוועגלאז. די פריצים זיינען געווארען אומגעדולדיג. זייער שפאס איז פארשטערט געווארען. א פארחלש'טען אידען קען מען דאך ניט צווינגען ארויפצוקלעטערען אויף א בוים... און שמייסען א פאר'חלש'טען אידען איז אויך ניט צופיעל שפאס...

און נאכדעם ווי מען האט איבער דעם אידען געארבייט ארום א שעה, האט מען איהם אפגעלאזט. דער איד איז אזוי אפגעלעגען א היבשע ווילע, און ווען ער האט געפיהלט אז די סכנה איז פאראיבער, האט ער זיך לאנגזאם אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צו איינעם פון די היידוקעם און געזאגט, אז ער איז קראנק, אז ער וויל דער פריץ זאל איהם ערלויבען געהן אהיים.

— דו קענסט שוין געהן, זשיד! — האט זיך דער היידוק אויף איהם א בייזער געטהאן, — דו האסט דאך שוין אלץ איינם קאליע געמאכט דעם גאנצען שפאס. דער פריץ האט אנגעזאגט אז אזוי שנעל ווי דו וועסט צו זיך קומען, זאל מען פון דיר אראפשלעפען די בערישע פעל און דיך ארויסיאגען פון פאלאץ.

דער איד האט זיך שטארק דערפרעהט. ער האט זיך געראטעוועט פון א זיכערען טויט. אבער דער היידוק האט איהם געגעבען צו וויסען אז דער גראף פארלאנגט אז ער זאל גלייך פארלאזען די ארענדע, און אויב ער וועט פון דארטען ניט אוועקגעהן ביז מארגען, וועט ער איהם דערשיסען ווי א הונט.

אזוי איז דער איד פאראיימט געווארען דורך נאכט. אבער ער איז געוועזען צופרידען צו בלייבען לעבען. ר' מנחם האט זיך דערפון דערוואוסט, און ער האט געגעבען דעם אידען עטליכע גילדען און געזאגט אז ער וועט איהם זעהן באזארגען מיט פרנסה.

צוליעב דעם, וואס זייער שפאס איז פארשטערט געווארען, האט דער גראף צוגעזאגט זיינע געסט צו מאכען א צווייטע פארוויילונג גאר אין גיכען.

עס איז פאריבער בלויז א פאר וואכען און די פארוויילונג איז פארגעקומען. ווידער אמאל האט מען געטאנצט דעם "בערען־טאנץ" און ווידער אמאל האט יוזשוק געוואונען און ער האט פארלאנגט, אז דער איד זאל ארויפקלעטערען אויף א בוים און ער

וועט זיך צילעווען אויף איהם.

האָט דער איד באשלאָסען צו טאָן דאָס זעלבע וואס דער פריהערדיגער איד האָט געטאָן, און איז געפאלען אין חלשות !

— דאָס איז בלויז א שפּיצעל ! — האָט זיך אנגערופען איין פּריץ. דער זשיד איז כיטרע. באלד איז צו איהם צוגעגאנגען נאָך א פּריץ און איהם עפּעס אריינגעשושקעט אין אויער.

— דער איד איז טויט ! וואַרפט איהם אוועק פאר די הינט, זאלען זיי הנאה האבען פון איהם, — האָט דער פּריץ זיך געווענדעט צו זיינע היידוקעם.

די געזונטע היידוקעם האבען איהם א הויב געטאָן און גענומען טראָגען... דער פּריץ און די אנדערע זיינען נאָכגעגאנגען פון הינטען. זיי באמערקען ווי דער איד עפענט אויף זיינע אויגען און ער פאנגט אָן זיך צו בעטען ביי זיי, מיט טרעהרען אין די אויגען :

— אָ, האָט רחמנות, וואַרפט מיך ניט פאר די הינט ! לאזט מיר געהן אהיים, צו מיין פרוי און קינדער.

— אָ, דו פארשאָלטענער זשיד ! — האָט דער פּריץ פּאָטאָצקי אויסגערופען. — דו האסט געמיינט אז דו וועסט אונז נארען, דו האָסט זיך געמאכט ווי דו האָסט גע׳חלש׳ט, אבער מיר נארט מען ניט אָפּ !

—גנעדיגער פּריץ, איך האָב ווירקליך גע׳חלש׳ט פון גרויס שרעק ! — האָט זיך דער איד גענומען בעטען ביי איהם.

—דו האסט גע׳חלשט, דו הינטישער זשיד ! — האָט דער פּריץ א געשריי געטאָן. טאָ פון וואנען האסטו געוואוסט, אז מען וויל דיך וואַרפען פאר די הינט ! שמייסען זאל מען איהם ! יע, יוזשוק, דו זאלסט איהם שמייסען !

מען האָט דעם אידען צוריקגעבראכט אין דעם גראַפ׳ס פּאלאץ, אלע געסט האָבען זיך געשטעלט ארום, און יוזשוק האָט גענומען שמייסען דעם אידען.

דער איד האָט זיך געדרעהט און געקאָרטשעט פון יסורים. און יוזשוק האָט מיט זיין גאנצער מאכט איהם געשמיסען אויף זיין הוילען לייב, מיט א קנוט . . .

וואס העכער דער איד האָט געשריען פון יסורים, אלץ שטארקער זיינען געווען די שמיץ וואס יוזשוק האָט איהם געגעבען און אלץ גרעסער איז געווען דער געלעכטער פון די געסט. זיי האבען געקלאפּט מיט די הענט און געגעבען מעהר מוט צו דעם געזונטען יוזשוק׳ן . . .

און ווען די געשרייען פון דעם אידען זיינען אפילו שוואכער געווארען, האָט יוזשוק נאָך אלץ איהם געשמיסען. בלוט האָט זיך באוויזען פון די סיניאקעס, און ער האָט געטאָן דאָס זייניגע. ער האָט איהם מיט זיין גאנצען כח געשמיסען.

די געשרייען פון דעם אידען האבען אינגאנצען אויפגעהערט, און איינער פון די געסט האָט זיך ארונטערגעבויגען צו זעהען דעם אידענ׳ס פּנים, האָט ער א מאך געטאָן מיט זיין האנט און געזאגט : איך גלויב, אז איצט האָט ער אויף אן אמת גע׳חלש׳ט ! יוזשוק האָט ערשט דאָן אויפגעהערט צו שמייסען. ער האָט איהם מיט זיין פוס א קעהר געטאָן מיט דעם פּנים ארויף, און זיי האבען געזעהען ווי זיינע אויגען סטארטשען ארויס און זיין פּנים איז געל ווי וואקס . . .

— זאל מען איהם וואַרפען צו די הינט ! — האָט דער פּריץ אויסגערופען און געכאפּט א קוק אויף זיין פּנים צו זעהען אויב ער מאכט זיך דאָס ווייטער ניט...

— מינטערט איהם אָפּ און שיקט איהם אהיים ! — האָט דער גראַף פּאָטאָצקי זיך אנגערופען צו די היידוקעם.

זיי האָבען אריינגעבראכט אן עמער קאַלטע וואסער און האבען עס ארויפגעגאָסען אויף דעם אומגליקליכען אידען, אָבער ער האָט זיך פון אָרט ניט געריהרט. זיי האָבען איהם גענומען טרייסלען און דרעהען, אבער ער איז געבליבען ליגען באוועגלאָז.

— ער איז טויט ! — האָט איינער פון די געסט געזאגט צושאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ.

— אָ, דער אָרימער זשידאק ! — האָט זיך אָנגערופן א פעטע פּריצ׳טע, וועלכע האָט די גאנצע צייט ניט אויפגעהערט צו לאכען, ווען מען האָט דעם אידען געשמיסען. — עס וואלט געווען א סך מעהר שפּאס, ווען מען צווינגט איהם ארויפקלעטערן אויף דעם בוים

און יוזשוק זאָל זיך אויף איהם צילעווען . . .

— עס איז זיין איינענע שולד ! — האָט געזאָגט דער שכור'ער גראף פּאָטאָצקי. — איך האָב פיינט אַז מען נאַרט מיר אָפּ. די אַנדערע זשידעס וועלען פון דעם אַפּלערנען אַז פאַר נאַרען דעם גראף פּאָטאָצקי, ווערט מען גוט באַשטראָפט.

דער איד איז געלעגען א טויטער אין מיטען זאַל. יוזשוק איז געשטאַנען נעבען איהם מיט זיין בייטש אין האַנט. ער איז געווען אינגאַנצען א פאַרשוויצטער. די געסט האָבען נאָך צווישען זיך גערעדט. האַלבע און גאַנצע שכור'ע האָבען געלאַכט און דערביי געשאָלטען די אידען פאַרוואָס זיי האָבען געקרייציגט יעזוס'ן.

באַלד האָבען זיך אַלע א קעהר געטאָן. זיי האָבען פּלוצלונג דערזעהען אין זאַל די גרעפין פּאָטאָצקי מיט איהר זוהן וואַלענטי. עס איז געוואָרען שטיל . . . די גרעפין און וואַלענטי זיינען מיט לאַנגזאַמע טריט צוגעגאַנגען צו דעם פּלאַץ וואו דער איד איז געלעגען א טויטער. די שטילקייט איז געוואָרען אַנגעצויגען.

— אָ, יעזוס קריסטוס ! — האָט די גרעפין אַרויסגעלאָזען א געשריי און זיך גענומען צלם'ן. — אָ, הייליגע מאַריע, קוק וואָס זיי האָבען געטאָן צו דעם אונגליקליכען !

וואַלענטי איז געבליבען שטעהן מיט א געבויגענעם קאָפּ. די טרעהרען האָבען איהם געשטיקט. אָבער ער האָט געוואוסט אַז רייד וועלען איצט גאָר ניט העלפען . . .

דער יונגער גראף וואַלענטי איז געווען אינגאַנצען אַנדערש פון זיין גרויזאַמען פּאָטער, וועלכער האָט ליעב געהאַט צו הוליען און צו שכור'ן און האָט געהאַט גרויס הנאה צו זעהן ווי מענשען ליידען. ער, וואַלענטי, אָבער איז געווען פּונקט דער היפּוך פון זיין פּאָטער. ער איז געווען מעהר גענייגט צו זיין ווי זיין מוטער, וועלכע איז געווען צאַרט און ווייכהאַרציג און פּלעגט תמיד פּראָטעסטירען געגען איהר מאַנ'ס גרויזאַמקייט. דער גראף פּאָטאָצקי אָבער פּלעגט זיך פון איהר אויסלאַכען. ער פּלעגט זיך נאָך אויף איהר אָנבייזערען וואָס זי באַאיינפלוסט זייער זוהן וואַלענטי צו זיין ווייכהאַרציג ווי א פרוי . . .

די גרעפין האָט געוואוסט, אַז ווען איהר מאַן איז שכור, איז בעסער פאַר איהר און פאַר וואַלענטי'ן, מיט איהם ניט אַריינצוגעהן אין א ויכוח. זי פּלעגט דאַריבער זיך קיינמאָל ניט באַטייליגען אין זיינע ווילדע הוליאַנקעס. וואַלענטי פּלעגט אויך ווייכען פון די דאָזיגע אונטערהאַלטונגען וואָס זיין פּאָטער פּלעגט פון צייט צו צייט האָבען ביי זיך אין פּאַלאַץ.

אין דער צייט פון דער איצטיגער הוליאַנקע, איז וואַלענטי געזעסען מיט זיין מוטער אין איהר צימער. ער האָט מיט איהר גערעדט וועגען דעם "בערען־טאַנץ", וואָס זיין פּאָטער האָט געבראַכט אהער און וואָס וועט בלייבען א פלעק אויף זייער משפּחה, ווייל ער נעהמט אַן אומשולדיגען אידען, וועלכער האָט קיינמאָל ניט אַנגעזעהן קיין טאַנץ און מען צווינגט איהם צו טאַנצען און זיך פאַרמעסטען מיט דעם יונגען, געזונטען טענצער, יוזשוק. פאַרשטעהט זיך אַז ער פאַרשפּיעלט און ער איז אויסגעזעצט אינגאַנצען צו די קאַפּריזען פון דעם צעווילדעוועטען יונג, יוזשוק, וועלכער קאָן טאָן מיט דעם אידען אַלץ וואָס זיין האַרץ געלוסט.

אַזוי ריידענדיג, האָבען זיי דערהערט די שרעקליכע געשרייען פון דעם אידען.

— קום, מוטער, מיר וועלען עפּעס טאָן, מיר מוזען העלפען דעם אומגליקליכען אידען ! דער פאַטער איז שכור און ווייסט ניט וואָס ער טהוט. מיר דאַרפען זעהן אָפּשטעלן די גרויזאַמע באַהאַנדלונג פון דעם אידען.

זיי זיינען ביידע אַרויס פון צימער און ווען זיי זיינען אַריין אין יענעם זאַל, איז שוין אַלץ געווען פאַריבער. דער איד געלעגען א טויטער. די פּריצים האָבען נאָך געשפּאַסט און געלאַכט און נאָכגעקרימט ווי דער אומגליקליכער איד, האָט זיך געדרעהט און געקאָרטשעט פון יסורים און זיך געבעטען ביי זיי.

די גרעפין איז געשטאַנען און געוויינט נעבען דעם פּלאַץ, וואו דער הרוג איז געלעגען. זי האָט געווישט איהרע אויגען און זיך ניט אויפגעהערט צו צלם'ען . . . ווען דער גראף פּאָטאָצקי האָט דערזעהען איז ער אַנ־

נעצונדען געווארען מיט רציחה.

— ווער האָט נאָך אייך געשיקט!

— האָט ער זיך אויף זיי צושריען. געהט צוריק פון וואנען איהר זייט געקומען! און דו, מיין צערטליכער, איידעלער און ווייכהארציגער זוהן, וואו איז דיין גראפישע בלוט! א קליידעל דארפסטו אָנטאָן, דו צעקראַכענער! שנעל ארויס פון דאנען!

וואלענטי און זיין מוטער האָבען זיך גענומען ארויסרוקען פון זאַל, אבער די שמחה איז שוין פארשטערט געוואָרען. די פריצ'טעם האָבן זיך געפילט עטוואס פארשעהמט און די פריצים האָבען פארגעשלאָגען אז מען זאָל אריינגעהן צוריק אין צווייטן צימער און טאנצען.

— פיהרט אוועק דעם אידען צו זיין פרוי און קינדער, — האָט געזאגט דער גראף פּאָטאָצקי און גיט איהר צעהן גילדענע רענדלעך.

די היידוקעם האָבען איהם אויפגעהויבען, דער פּריץ האָט זיי צוגעווארפען צעהן גאָלדענע רענדלעך און זיי האָבען דעם אידען אוועקגעפיהרט אויף א פוהר. זיי האָבען אנגעקלאַפּט אין טיהר. פון דעם קליינעם האלב איינגעפאלענעם הייזעל איז ארויסגעגאנגען א פרוי, א פארצאָרענטע, א פאר'חשד'טע, מיט געשוואלענע אויגען פון וויינען. ווען זי האָט געזעהען אז מען האָט געבראכט איהר מאַן א טויטען, האָט זי ארויסגעלאזען א געשריי און גע'חלש'ט.

באלד זיינען ארויסגעלאָפען די קינדער און האָבען אפּגעמינטערט זייער מוטער. די היידוקעם האָבן צוגעוואָרפען די צעהן גאָלדענע רענדלעך און זיי זיינען אוועקגעגאנגען . . .

די דאָזיגע געשעהעניש, האָט ארויסגערופען גרויס טרויער צווישען אלע אידען פון ווילנע און ארום. איבערהויפּט פון די וועלכע זיינען אונטערגעווארפען די קאפּריזען פון דעם גרויזאמען פּריץ, וועלכער האָט געקאנט טאָן מיט זיינע אידען אלץ וואס זיין הארץ געלוסט . . .

## קאַפּיטעל דריי

עס זיינען פּאָריבער עטליכע חדשים. עס איז געקומען דער זומער, און דער גראף האָט זיך איבערגעקליבען פאר די זומער חדשים אין זיין פּאלאץ אין איליע, ניט ווייט פון ווילנא.

ער האָט איצט געפּלאַנט ווידער א גרויסע אונטערהאלטונג און ווען ער האָט גערעדט וועגען דעם מיט איינעם פון די פּריצים, האָט ער איהם געזאגט אז אין איליע, געפינט זיך זיינער א איד, וועלכער האלט די מיהל אין ארענדע, און ווי ער האָט געהערט איז יענער איד א געזונטער, מיט איהם וועט שוין ניט פּאסירען דאָס וואס האָט פּאסירט מיט דעם לעצטען אידען, וועלכער האָט געטאנצט דעם "בערען־טאנץ".

— איך וועל איהם שיקען רופען פּלוצלונג! ער וועט דארפען קומען צו מיר שוין אָנגעטאָן אין דער בערישער פעל. און ער וועט שוין ביי מיר טאנצען . . .

וואלענטי, וועלכער איז געזעסען אין צווייטען צימער, האָט זיך אונטערגעהערט דעם געשפּרעך. זיין בלוט איז אין איהם פארגליווערט געוואָרן. ער האָט געוואוסט וואס דאָס מיינט. און ער איז אויף מארגען גלייך אוועק צו ר' מנחם'ן און איהם איבערגעגעבען אלץ וואס ער האָט געהערט.

— איך ווייס שוין ווער דאָס איז!

— האָט ר' מנחם זיך אנגערופען צו דעם יונגען גראף. זיין נאָמען איז ר' לייזער, ער איז זעהר א וואוילער איד. איצט בעט איך דיר, געפין אויס ווען די דאָזיגע פארוויילונג וועט פארקומען.

וואלענטי האָט צוגעזאגט נאָך עטליכע טעג און אזוי שנעל ווי ער האָט זיך דערוואוסט ווען די פארוויילונג וועט זיין, איז ער אוועק צו ר' מנחם'ן און איהם געלאזט וויסען.

— ער האָט באשטימט די פארווײלונג אויף פרייטאָג, אבער איך האב מורא, אז אויב דו וועסט לאָזען דעם אידען וויסען פון דעם און ער וועט אנטלויפען, וועט מיין פאטער לאזען פארברענען זיין הויז און איהם פארטרייבען פון דער מיהל!

— איך האָב אַן אנדער פּלאַן! — האָט ר' מנחם געזאָגט — איך האָף, אז דאָס מאָל וועט עס מיר געלינגען. איך וועל אוועקשיקען מיין אייניקעל קיין איליע אויף שבת. ער וועט פארנעמען דעם פּלאץ פון דעם ארענדער פון מיל, ר' לייזער.

—איך וועל זעהן, אז די היידוקעם

זאָלען ברענגען די בערישע פעל צום אידען אין הויז, און דאָרט זאָל ער זי אָנטאָן, דאַן וועט מען געוויס ניט וויסען ווער דאָס איז. איך האָף, אז ער וועט זיך קאָנען פארמעסטען מיט יוזשוק׳ן. און ער זאָל געווינען דעם טאנץ־געוועט. אָט דער יוזשוק פאַרדינט מען זאָל איהם אָנלערנען, און לויט ווי מיין פריינד זארעמבא האָט מיר איבערגעגעבען, קאָן דיין איינִיקעל אויך געבען א גוטען קלאַפּ.

— איך האָף, אז איהם וועט געלינגען צו ראַטעווען דעם אידען! — האָט ר׳ מנחם געזאָגט, און גאָט וועט דיר, גראַף וואַלענטי באַלוינען פאַר דיין הילף, וואָס דו גיסט מיינע אָרימע ברידער!

ר׳ מנחם איז גלייך אוועק צו זיין איינִיקעל און איהם איבערגעגעבען אַלץ, וואָס וואַלענטי האָט איהם דערצעהלט, וועגען דער אונטערהאַלטונג אין דעם גראַף׳ס פּאַלאַץ אין איליע.

— קיינער דאַרף ניט פאַרדעכטיגען, חיים! — האָט ר׳ מנחם זיך אָנגערופען צו זיין איינִיקעל — דו וועסט אָנטאָן אַלטע, פאַרלאַטעטע בגדים, דו זאָלסט לאָזען וואַקסען דיינע האָר, און דאַן וועסטו אָנקומען פרייטאָג, נאָך האַלבען טאָג אין דעם בית המדרש פון איליע. דאָרט וועסטו פאַרלאַנגען פון שמש ער זאָל פאַר דיר באַשטעלען שבת ביי ר׳ לייזער׳ן. דו זאָלסט זעהן טאָן אַלץ, מען זאָל דיך ניט דערקאָנען. און דאַן ווען דו וועסט זיין ביי איהם אין הויז און די היידוקעס וועלען פאַרלאַנגען פון ר׳ לייזער׳ן ער זאָל אָנטאָן די בערישע פעל, און געהן טאַנצען דאָרט פאַר אַלע פּריצים, זאָלסטו זאָגען ר׳ לייזער׳ן, אז דו וועסט געהן פאַר איהם צום פּריץ אין פּאַלאַץ זיך צו פארמעסטען אין טאַנצען מיט יוזשוק׳ן.

— איך ווייס, אז איך קאָן זיך אויף דיר פאַרלאָזען, און אז דו וועסט אַלץ דורכפיהרען ווי עס באַדאַרף צו זיין. דער יונגער גראַף וואַלענטי וועט דיר העלפען, מיט וואָס ער וועט נאָר קענען.

חיים האָט א שמייכעל געטאָן. ער האָט געוואוסט, וואָס פאַר א גרויסע אחריות עס ליגט אויף איהם. אָבער ער איז געווען פול מיט בטחון, אז גאָט וועט איהם העלפען אין באַזיגען דעם רשע יוזשוק, און אפשר וועט ער דורכ־דעם ראַטעווען פילע אידישע לעבענס.

ער האָט זיך גענומען צוגרייטען צו דעם. ער האָט זיך אויסגעלערנט אַלע מינים טענץ, און ער האָט זיך אויך א סך געאיבט אין שיסען און טרעפען אין ציעל.

אָט האָט זיך דערנעהענטערט דער טאָג. עס איז געווען פרייטאָג, פּרשה קרח, דער זיידע ר׳ מנחם איז אויפגעשטאַנען זעהר פריה, אזוי שנעל ווי די זון איז אויפגעגאַנגען. ער איז געגאַנגען דאַווענען מיט זיין איינִיקעל חיים, דעם ערשטען מנין, און גלייך נאָכ׳ן דאַווענען, האָבען זיי ביידע אָפּגעגעסען פריהשטיק. חיים האָט אָנגעטאָן אַלטע, פאַרלאַטעטע בגדים, ער האָט זיין באָרד ניט פאַרקאַמט, און זיינע לאַנגע האָר מיט די לענגערע פּאות, האָט ער אויך איבערגעלאָזען ניט פאַרקעמט. ער האָט זיך געזעגענט מיט זיין פאָטער און מוטער. דער זיידע האָט אַליין געשפּאַנט זיין ברִיטשקע. זיי האָבען זיך ביידע אריינגעזעצט אין בריטשקע און גענומען ארויספאָהרען פון ווילנא.

— איך וועל דיר צופיהרען ביז א צוויי ווייאָרסט פון איליע — האָט ר׳ מנחם זיך צו איהם אָנגערופען — און פון דאָרט וועסטו שוין צוגעהן צופוס, ערשטענס וועט זיין בעסער, אז דו וועסט דאָרט אָנקומען א פארשטויבטער פון וועג, און א מידער, און צווייטענס וויל איך זיך צוריקקעהרען אין שטאָדט פאַר׳ן האַלבען טאָג, ווייל איך בין נאָך קיינמאָל ניט ארויסגעפאָהרען פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג.

זיי זיינען אזוי אָפּגעפאָהרען א פּאָר שעה, ר׳ מנחם האָט מיט איהם גערעדט וועגען דער גרויסער מצוה, וואָס ער געהט איצט טאָן. און ער האָט איהם געזאָגט, אז "שלוחי מצוה אינן ניזוקין", דער וועלכער געהט טאָן א מצוה, ווערט באַשיצט פון גאָט, און קיין שלעכטס וועט צו איהם ניט פּאַסירען.

— איך ווייס, אז אַלע פּריצים זיינען שכור ווען דער טאַנץ קומט פּאָר, און זיי וויסען ניט, וואָס עס טהוט זיך ארום זיי, עס איז ביי מיר דאריבער קיין צווייפעל ניט, אז מען וועט ניט וויסען, אז דאָס איז אַן אַנדער איד, ניט ר׳ לייזער, זיין ארענדאר, ווייל דו וועסט דאָך דאָרט קומען אָנגעטאָן מיט דער בערישער פעל, און אפילו

ווען דו וועסט נאכהער דארפען דאָרט אויסטאָן די פעל, וועט אויך קיינער ניט וויסען, אז דו ביזט ניט דער זעלבער איד, ר׳ לייזער, ווייל לויט ווי דער יונגער גראף האָט מיר דערצעהלט, האָט זיין פאָטער קיינמאָל ניט אָנגעקוקט ר׳ לייזער׳ן. אָבער אין פאָל מען וועט יאָ אויסגעפינען, וועסטו איהם זאָגען, אז דו ביזט מיין אייניקעל, און אז איך האָב דיר געשיקט. מיר וועט ער קיין שלעכטס ניט טאָן, ווייל ער נויטיגט זיך זעהר אין מיר.

ווען זיי זיינען צוגעקומען א פאָר וויאָרסט פון איליע, האָט זיך חיים געזעגענט מיט זיין זיידען, און איז אַרונטער פון דער בריטשקע, און איז צוגעגאנגען צופוס ביז איליע. ווען ער איז אָנגעקומען אין שטעדטעל איז שוין געווען האַלבער טאָג. ער איז אריין אין בית המדרש. ער האָט דאָרט געטראָפען דעם שמש ריינינגענדיג דעם בית המדרש. ער האָט זיך גלייך געזעצט דאָרט אין א ווינקעל און גענומען א תהילים אין האנט און אָנגעפאנגען צו זאָגען איין קאפיטעל נאָכ׳ן צווייטען.

ווען די אידען האָבען זיך שוין גענומען פארזאמלען פאר קבלת שבת, איז חיים צוגעגאנגען צום שמש און איהם געזאָגט:

— איך וואָלט וועלען איינשטעהן שבת ביי ר׳ לייזער׳ן דעם מילנער.

— איהר קאָנט איהם? — פרעגט דער שמש דעם פרעמדען.

— ניין. איך קאָן איהם ניט! — ענטפערט חיים, אָבער אויפ׳ן וועג האָב איך געהערט ווי מענשען לויבען איהם, אז ער איז אן עהרליכער איד, און דאריבער בעט איך אייך, איהר זאָלט מיר באשטעלען שבת ביי איהם.

— אויב ער וועט ניט האָבען דאגעגען! — האָט דער שמש זיך אָנגערופען — איך וועל מיט איהם רייד־דען וועגען אייך.

— פארוואָס זאָל ער זיין דאגעגען? בין איך דען ניט קיין איד ווי אלע אנדערע אידען? — האָט חיים געזאָגט.

המ . . . איך ווייס, ר׳ לייזער קריגט ביי מיר יעדען פרייטאָג אן אורח, א... איך מיין אן עלטערען אידען א למדן, א תלמיד חכם.

— נו, אז מען איז ניט קיין תלמיד חכם דארף מען ניט עסען אום שבת!

— האָט חיים געזאָגט.

— נו גוט, איך וועל איהם זאָגען! איהר דארפט זיך ניט פיהלען באליידיגט, ר׳ איד!

— — — — — — — — — —

אין דעם זומער פאלאץ פון דעם גראף פאָטאָצקי, איז געווען פרעהליך און לוסטיג. די פריצים האָבען זיך נאָרוואָס צוריקגעקעהרט פון יאגד, און זיי האָבען זיך פארזאמעלט אין דעם ברייטען זאל פון דעם פאלאץ. דאָרט זיינען שוין די טישען געווען געגרייט מיט אל דאָס גוטס. מען האָט געגעסען און געטרונקען, און די פריצים זיינען שוין געווען עטוואָס שכור׳לעך, האָבען זיי שוין אָנגעפאנגען זאָגען ניט קיין ריינע וויצען, און זיך אפילו ניט געשעמט פאר די פריצטעס, וועלכע זיינען אויך געווען עטוואָס באַרוישט פון דעם וויין . . . נאָר די יונגע פאניענקעס, די טעכטער פון די פריצים, וועלכע זיינען אויך געווען די געסט פון דעם גראף פאָטאָצקי, האָבען זיך גענומען רויטלען, און זיך געמאכט ניט הערענדיג.

ווען זיי האָבען זיך שוין גוט אָנגעפרעסען און אָנגעזויפט, האָבען אייניגע פריצים דערמאָנט דעם גראף פאָטאָצקי, אז ער האָט זיי צוגעזאָגט צו ברענגען דעם אידען, זיין ארענדאר און ער וועט זיך פארמעסטען אין טאנצען דעם "בערן־טאנץ" מיט יוזשוק׳ן.

— איך וועל מיין וואָרט האלטען!

— האָט דער גראף פאָטאָצקי אויסגערופען — אָט שיק איך רופען דעם אידען!

דער גראף האָט אריינגערופען די צוויי היידוקעס און ער האָט צו זיי געזאָגט:

—נעמט די בערישע פעל, און געהט אריבער צו דעם ארענדאר פון מיין מיל, און זאָל ער אָנטאָן די פעל און קומען מיט אייך אהער, צו טאנצען דעם בערען־טאנץ מיט יוזשוק׳ן.

— גנעדיגער גראף! — האָט איין היידוק זיך אָנגערופען — וואָס זאָלען מיר טאָן אויב ער וועט ניט וועלען געהן מיט אונז?...

— וואס הייסט ער וועט ניט וועלען געהן! — איז דער גראף אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ, און זיין פנים איז רויט געווארען פון כעס — אויב ער וועט ניט וועלען קומען מיט זיין גוטען ווילען זאָלט איהר איהם נעהמען

מיט געוואלד, און פאר זיין לאזען זיך בעטען, זאלט איהר פארברענען זיין הויז ! איהר פארשטעהט וואס איך מיין !

— מיר פארשטעהן, אייער דורכלויכט!—האבען די היידוקעס זיך פארנייגט פאר איהם און זיי זיינען ארויס פון פאלאץ. זיי האבען איינגעשפאנט די בריטשקע און גענומען די בערישע פעל און אוועק צו ר’ לייזער’ן אין הויז, פונקט אין דער צייט ווען ער איז געזעסען ארום טיש מיט זיין משפחה, און מיט דעם אורח און געזונגען זמירות...

ווען די היידוקעס יינען אריינגעקומען אין פאלאץ מיט דעם אידען אנגעטאן אין דער בערישער פעל האט אויסגעבראכען א הילכיגער געלעכטער איבער’ן זאל. יעדער האלב שיכור’ער פריץ האט אויסגעדריקט זיין צופריעדענהייט אויף אן אנדער אופן ; איינער האט געקלאפט מיט די הענט, א צווייטער האט געדרעהט זיינע לאנגע וואנצעס און מיט באגייסטערונג אויסגערופען אז אט באלד וועלען אלע האבען א סך שפאס... א דריטער האט צוגעקלאפט מיט די פיס, ווי ער וואלט געזאגט — ביזטו גרייט ?

— יוזשוק ! — האט דער פריץ געזאגט — ביזטו געגרייט ?

— יוזשוק האט זיך א הויב געטאן פון זיין פלאץ, וואו ער איז געזעסען נעבען א מיטעל־יעהריגער פריצטע, וועמענס מאן איז שוין געווען טויט שיכור, און ער איז שנעל צוגעלאפען צו דעם פריץ, און זיך פאר איהם פארנייגט.

— אט איז דאך שוין דא דער זשידעק אין דער בערישער פעל, געה שנעלער טו אן דיין בערישע פעל, ווייל דער געוועט טאנץ וועט זיך באלד אנהויבען...

יוזשוק האט לייכט א שפרונג געטאן, און ער איז שוין געוועזן אין א צווייטען צימער וואו זיין טאנץ גארדעראבע איז געוועזן. ער האט אויף זיך אנגעטאן די בערישע פעל. אין זאל האט די מוזיק געשפיעלט, און די געסט האבען געטאנצט די מאזורקע צו דער מוזיק.

ווען דער טאנץ האט זיך געענדיגט, האט דער האלב שיכור’ער גראף פאטאצקי זיך אויפגעשטעלט פון זיין ווייכען שטוהל, ער האט א מאך געטאן מיט זיין האנט, און אלע זיינען מיט אמאל שטיל געווארען.

— איצט וועט פארקומען דאס וואס איהר אלע האט מיט אזוי פיעל אומגעדולד ערווארטעט ! — האט דער פריץ אויסגערופען, און אויף זיין פנים האט זיך באוויזען א ברייטער שמייכעל — דער זשידעק איז שוין דא אנגעטאן אין דער בערישער פעל, און ער וועט באלד טאנצען פאר אונז צוזאמען מיט יוזשוק’ן. אבער איידער זיי געהען טאנצען פאר אונז וויל איך אז עס זאל פארשטאנען ווערען פאר אונז אלעמען די באדינגונגען פאר אט דעם דאזיגען געוועט. קום אהער יוזשוק, זאג מיר וואס פאר א באלוינונג ווילסטו האבען אויב דו געווינסט דעם טאנץ געוועט ?

— ”אויב” ער געווינט ! — האט אן עלטערער פריץ אויסגערופען — ווען ער געווינט ! ווייל לויט ווי איך ווייס האט נאך יוזשוק ניט פארלארען קיין איינציגען טאנץ געוועט, בפרט ווען זיין געגנער איז א זשידעק.

א הילכיגער געלעכטער האט אויסגעבראכען אין זאל.

— אייער דורכלויכט, גראף פאטאצקי ! — האט יוזשוק זיך אנגערופען — מיינע באדינגונגען זיינען אלע מאל די זעלבע ווען איך טאנץ מיט א ז׳ידעק... אדער שמיץ, אדער א פויגעל אויפ’ן בוים.

— פאר די וועלכע וויסען נאך ניט וואס א פויגעל אויפ’ן בוים באדייט — האט דער גראף פאטאצקי זיך אנגערופען — וועל איך ערקלעהרען : דאס מיינט אז דער זשידעק דארף פארוואנדעלט ווערען אין א פויגעל און דארף ארויפקלעטערען אויף א בוים און יוזשוק דארף אויף איהם איין שאס טאן, אויב ער טרעפט אין ציל, באקומט יוזשוק א באלוינונג פון צעהן גאלדענע רענדלעך, און אויב ניט, און דער זשידעק קריכט ארונטער פון בוים אומבאשעדיגט, קריגט ער די צעהן גאלדענע רענדלעך.

— און וואס וועט זיין אויב דער זשידעק געווינט דעם טאנץ־געוועט ?

— האט אימיצער פון די פריצים א פרעג געטהאן.

דער יונגער גראף וואלענטי וועלכער איז דארט אויך געוועזן האט זיך פאנאנדערגעלאכט, און אויף איהם קוקענדיג האבען די שעהנע יונגע טעכטער פון די פריצים געלאכט.

דער יונגער גראף, וועלכער האָט שוין געוואוסט פון דעם סוד, אז חיים וועט טאנצען אָט דעם "בערען־טאנץ" געגען יוזשוק'ן, האָט געוואָלט געבען דעם איינדרוק אז ער אליין גלויבט גאָר ניט אין דער מעגליכקייט אז דער איר וועט געווינען, און דאריבער האָט ער געלאכט ווען איינער האָט אויסגעדריקט די מעגליכקייט אז דער איד זאָל געווינען.

דער פריץ אָבער האָט געוואָלט ווייזען אלע זיינע געסט אז ער וויל זיין גערעכט צו ביידע אנטייל נעהמער אין דעם טאנץ געוועט האָט ער זיך אָנגערופען:

— ווער נאָר עס וועט געווינען דעם טאנץ געוועט איז בארעכטיגט צו שטעלען די זעלבע באדינגונגען צו דעם פארלירער. שטימסטו איין זשידעק? — האָט זיך דער גראף געווענדעט צו דעם אידען וועלכער איז געשטאנען אין מיטען זאל, אָנגעטאָן אין דער בערישער פעל.

דער איד האָט א שאָקעל געטאָן מיט זיין בערישע קאָפּ אויף יא, און ווידער האָבען זיך די געסט פאנאנדערגעלאכט.

— נו, מיר זיינען אלע גרייט! — האָט דער גראף אויסגערופען, און זיך צוריקגעזעצט אויף זיין שטוהל. די אנדערע געסט האָבען זיך אויך געזעצט אויף זייערע פלעצער. אין זאל איז א ווײלע שטיל געבליבען. אין מיטען זאל אויף דעם פּאָלירטען דיל, זיינען געשטאנען די צוויי שטרייטענדע טענצער. יוזשוק האָט געטראגען אויף זיין בערישער האלז א גרינעם שליף, כדי מען זאָל קענען אונטערשיידען צווישען איהם און דעם אידען.

דער קאפּעל־מייסטער האָט א מאַך געטאָן מיט זיין שטעקעלע און די מוזיק האָט אָנגעהויבען שפּילען. דער טאנץ האָט זיך אָנגעפאַנגען. יוזשוק האָט א שוועב געטאָן איבער'ן זאל און האָט גענומען טאנצען, הויבען זיינע פיס און דרעהען זיך ווי א געווירבעל. דער איד אין דער בערישער פעל איז געשטאנען אָן א זייט, און זיך צוגעקוקט דורך די עפענונגען פון די בערישע אויגען. ער האָט באדארפט מאכען א פארזוך צו טאנצען דעם זעלבען טאנץ וואס יוזשוק טאנצט, אזוי שנעל ווי ער פארענדיגט און פארנויגט זיך פאר דעם פּובליקום.

יוזשוק האָט געטאנצט מיט אלע זיינע גלידער. און ווען ער האָט געענדיגט, האָבען די געסט איהם באַגריסט מיט הילכיגע אפּלאָדיסמענטען.

ווען אלע זיינען שטיל געווארען, האָט דער גראף זיך געווענדעט צו דעם אידען אין דער בערישער פעל:

— נו, איצט איז געקומען דיין צייט צו טאנצען! לאָמיר זעהן ווי דו וועסט זיך פארמעסטען געגען יוזשוק'ן! געדענק אָבער, מאָשקע, אז אויב דו וועסט פארלירען דעם טאנץ, וועט מען שינדען דיין פעל, און ניט די בערישע פעל נאָר טאקע דיין אייגענע פעל, ווי יוזשוק וועט פארלאנגען.

די געסט האָבען זיך פאנאנדערגעלאכט.

חיים איז מיט לאנגזאמע טריט ארויס פון זיין ווינקעל... ער איז צוגעקומען צו דעם פלאץ וואו יוזשוק איז פריהער געשטאנען. ער האָט זיך אויסגעגלייכט. דער קאפּעלמייסטער האָט אָנגעפאנגען שפּילען די זעלבע מוזיק, אָבער חיים איז געבליבען שטעהן א ווײלע באוועגלאָז. צוליב דער בערישער מאסקע וואס ער האָט געטראגען אויף זיין קאָפּ, האָט מען ניט געקאָנט באמערקען אז זיינע ליפּען באוועגען זיך אין א תפלה צו גאָט...

דער גראף האָט געהייסען אָפּשטעלען די מוזיק און ער האָט א געשריי געטאָן:

— דו אומווירדיגער זשידעק! טאנץ, זאָג איך דיר, אז ניט וועסטו דערשאָסען ווערען ווי א הונט! איך וועל דיין גאנצע משפחה אומברייגגען!

— דער זשידעק איז א פייגלינג!

— האָבען זיך געהערט שטימען פון די יונגע פאניענקעס — ער ווייסט אז ער וועט פארשפּילען, וויל ער זיך ארויסדרעהען.

— ער וועט געוויס באלד פאלען אין חלשות, פּונקט ווי יענע זשידעס אין ווילנע, וועלכע האָבען זיך געוואָלט ארויסדרעהען פון א שטראָף! אָבער דאס וועט ניט געהן דאָ, אויב ער טאנצט ניט באַלד, וועט איהם יוזשוק צווינגען ארויפצוקלעטערן אויף דעם בוים, און ער וועט איהם דערשיסען ווי א הונט!

יוזשוק האָט שוין געוואָלט צוגעהן צו איהם און איהם א בריק טאָן,

אבער פ׳וצלונג האט דער איד אין דער בערישער פעל א הויב געטאן איינע פון זיינע בערישע לאפּעס אין דער ריכטונג פון קאפּעל־מייסטער, און ער האט איהם דאמיט געגעבען א צייכען, ער זאל אנפאנגען צו שפּילען...

דער קאפּעל־מייסטער האט אבער געווארט אויף א סיגנאל פון גראף.

דער גראף, באמערקענדיג אז דער איד האט געגעבען א צייכען אז ער איז גרייט צו טאנצען, האט א ווּאונק געטאן צום קאפּעל־מייסטער און יענער האט גלייך אנגעפאנגען צו שפּילען די זעלבע מוזיק וואס ער האט מיט א ווייל פריהער געשפּילט פאר יוזשוק׳ן.

חיים האט א שפּרונג געטאן אין דער הויך מיט אזא פלינקייט און לייכטקייט, אז בעת מעשה האבען זיך אלע פּריצים און פּריצטעס דערשראקען.

באלד האט ער זיך אוועקגעלאזען טאנצען איבער דעם ברייטען זאל צום טאקט פון די מוזיק. ער האט געשוועבט און זיינע פיס האבען זיך באוועגט אזוי ריטמיש, אזוי לייכט, אז אלע צושויער זיינען ווי באצויבערט געווארען. זייערע אויגען זיינען געווען אנגעשטעלט אויף דעם טענצער, די מיילער זיינען געווען אפען פון פארגאפונג און ערשטוינונג. דער אידישער טענצער, פארשטעלט אלס דער בער, האט געהויבען די פיס אזוי הויך, אז ביז אהער האט נאך קיינער אזוינס ניט געזעהן... ער איז געפלויגען און געשוועבט אויפ׳ן גלאטען ז׳ . אז ביי די געסט האבען אנגעהויבען שווינדלען די אויגען.

ווען די מוזיק האט זיך אפּגעשטעלט און דער אידישער טענצער האט זיך פארנייגט, זיינען אויסגעבראכען שטורמישע אפּלאדיסמענטען.

— בראווא ! בראווא ! — האבען די פּריצים, די פּריצטעס און זייערע טעכטער ניט אויפגעהערט צו שרייען און פּאטשען מיט די הענט.

יוזשוק איז געבליבען שטעהן ווי פארגליווערט, און זיין גליק איז געווען וואס ער טראגט א מאסקע, האט קיינער ניט געקאנט זעהן ווי די קאלירען אין זיין פּנים האבען זיך געביטען . . .

די געסט האבען ניט אויפגעהערט איהם צו אפּלאדירען. עס איז געווארען א שטיקעל טומעל און א באוועגונג. יעדער איינער פון די פּריצים האבען זיך ניט געקאנט אפּוואונדערען פון דעם פּרעכטיגען טאנצען וואס דער איד האט געטאנצט . . . דער גראף פּאטאצקי אליין איז געווארען אזוי איבערראשט פון דעם אידען׳ס טאנצען, אז אויף א ווייל האט ער צו זיך ניט געקאנט קומען . . . ער איז געווען אזוי זיכער אז יוזשוק איז דער בעסטער טענצער וואס ער האט ווען עס איז געזעהן, און צום סוף קומט א זשידעק, און טאנצט נאך בעסער ווי זיין טענצער . . .

— בראווא ! בראווא ! — האבען די אפּלאדיסמענטען ניט אויפגעהערט.

ווען די געסט האבען זיך עטוואס בארוהיגט, האט דער גראף פּאטאצקי אויפגעהויבען זיין האנד אלס צייכען אז ער וויל עפּעס ריידען. די געסט זיינען געבליבען שטיל. זייערע אויגען זיינען געווען געווענדעט צום גראף, וועלכער האט זיך אנגערופען :

— ווי איך זעה האט דער זשידעק געוואונען דעם ערשטען טאנץ, אבער זיי וועלען נאך דארפען טאנצען וויפיל טענץ זיי וועלען פארלאנגען. יע, יעדער איינער פון די טענצער האט א רעכט צו טאנצען וויפיל טענץ ער פארלאנגט, און ווען מיר וועלען זעהן ווער עס האט געוואונען די מעהרסטע טענץ, וועט יענער האבן געוואונען דעם טאנץ געוועט, און וועט זיין בארעכטיגט דורכצופיהרען זיינע באדינגונגען. איצט וועלען זיי טאנצען דעם צווייטען טאנץ. יוזשוק, ביזטו גרייט ? — האט זיך דער גראף צו איהם געווענדעט.

יוזשוק האט זיך אין זיין בערישער פעל פארנייגט פאר׳ן גראף און פאר די איבעריגע געסט. ער האט אויסגערופען צו דעם קאפּעלמייסטער וואס פאר א טאנץ ער וועט טאנצען, און דער קאפּעלמייסטער האט גענומען שפּילען די מוזיק . . .

מיט אלע זיינע כוחות און מיט אן אימפּעט ווי ער וואלט געטריבען געווארען פון א שטארקען ווינט, האט זיך יוזשוק צעלאזען איבער׳ן זאל. ער האט זיך געוואלט פלייסען, און דאריבער האט ער אריינגעגעבען אין אט דעם טאנץ אלץ וואס ער פארמאגט. ער האט זיך געדרעהט און באוויזען אלערליי קונצען. אט דער טאנץ האט געדויערט אן ערד פון פופצעהן

מינוט. און ווען ער האט געענדיגט און זיך פארנויגט האבען זיך דערהערט הילכיגע אפלאדיסמענטען.

— בראווא, יוזשוק! בראווא, יוזשוק! ווייז דעם זשידעק וואס דו קאנסט, ער וועט אן אונזעריגען ניט באזיגען!

די אפלאדיסמענטען האבען ניט אויפגעהערט און יוזשוק, האט זיך דערפיהלט ערמוטיגט. ער האט זיך געטראכט אז דער זשיד האט מן הסתם זיך אויסגעלערנט איין טאנץ, און דאריבער האט ער געטאנצט אזוי גוט... זאל ער איצט באווייזען דעם קונץ און איהם באזיגען אין אט דעם טאנץ.

ווען אין זאל איז געווארען שטיל, האט דער פריץ א מאך געטהאן מיט זיין האנד צום קאפעלמייסטער און יענער האט גענומען איבערשפילען די זעלבע מוזיק. דער איד האט זיך אוועקגעלאזען טאנצען דעם זעלבען טאנץ פון אנפאנג, האט ער געטאנצט לאנגזאם, און מיט א באזאכטען ריטם... די געסט האבען שוין געמיינט אז אט דעם טאנץ וועט ער זיכער פארלירען, אבער ווי גרויס איז זייער איבערראשונג געווארען, ווען דער איד האט פלוצלונג זיך א הויב געטהאן, און זיך א לאז געטהאן איבער'ן זאל. ער האט געטאנצט מיט אזא לייכטקייט, זיינע פיס האבען קוים באריהרט דעם באדען. אט איז ער אין איין ווינקעל פון זאל, און אין אן אויגענבליק, איז ער שוין אין דעם צווייטען ווינקעל. ער האט באוואויגען דעם קערפער זיינעם מיט גראציזקייט, מיט שוואונג, אז די געסט זיינען ווידער געבליבען שטעהן פארגאפטע. וואס אלעמען האט באוואונדערט איז געווען דאס וואס דער איד האט וואס ווייטער אלץ געטאנצט בעסער און פלינקער... אנשטאט צו ווערען מיעד, איז ער געווארען לייכטער אויף זיינע פיס... און ווען ער האט געענדיגט, האט דער זאל געשטורעמט פון די הילכיגע אפלאדיסמענטען. יעדער פון די געסט האט אויסגעדריקט זיין גרויסע באגייסטערונג פאר דעם דאזיגען וואונדערבארען טאנץ.

יוזשוק איז געבליבען שטעהן א דערשלאגענער. ער האט שווער געאטעמט, ווייל ער איז נאך אלץ געווען מיעד פון די צוויי טענץ, אין וואס ער האט אריינגעלייגט אלע זיינע כוחות. און צום סוף זעהט ער, אז דער איד געווינט זיי. ער טאנצט א סך בעסער פון איהם... ווי קומט עס צו א פארשאלטענעם זשיד?!... אבער ער טאר דעם טאנץ־געוועט ניט פארלירען. דער זשיד וועט זיך דאך אן איהם נוקם זיין פאר די אנדערע אידען וועמען ער האט פארשמיסען אדער דערשאסען צום טויט... ניין, ער טאר ניט דערלאזען צו אזא זאך. אבער וואס קאן ער טהאן? דער גראף האט דאך אויסגענומען מיט זיי די דאזיגע באדינגונגען, טא ווי אזוי וועט ער זיך קאנען ארויסדרעהען? ער האט דורך זיין בערישער מאסקע באטראכט די געסט, ווי זיי הערען ניט אויף צו אפלאדירען דעם אידען, און זיין יובעשע בלוט האט אין איהם געזאדען... ווי אזוי וועט ער אריבערטראגען די שאנדע?... אט ערשט מיט א ווילע צוריק איז ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט געווען אז ער, יוזשוק, וועט געווינען דעם טאנץ געוועט. אט די דאזיגע גרעפין וועמענס מאן איז געווען טויט שיכור, האט איהם אריינגעשושקעט אין אויער אז ווען ער וועט געווינען דעם טאנץ געוועט, זאל ער פארלאנגען, אז ער זאל דעם אידען שמייסען אויף דעם הוילען לייב, און וואס וועט זיין, אז דער זשיד וועט עס וועלען טהאן צו איהם? ניין, ער טאר עס ניט דערלאזען. ער וועט מוזען געווינען דעם טאנץ און זעהן גלייך פטור צו ווערען פון דעם אידען... ער וועט איהם הייסען ארויפקלעטערען אויף דעם בוים, און איהם דערשיסען מיט דעם ערשטען שאס ווי מען דערשיסט א ווילדע חיה! יע, אט דאס וועט ער טהאן מיט איהם! ווייל ער וועט זיין צו מיעד צו האבען די מעגליכקייט צו פארשמייסען דעם זשיד צום טויט...

חיים האט זיך געהאלטען אין איין פארנייגען פאר די געסט וועלכע האבען ניט אויפגעהערט איהם צו אפלאדירען. ווען אלע האבען זיך בארוהיגט, איז ער צוגעגאנגען צו זיין ווינקעל, און איז געבליבען שטעהן

באוועגלאַז. ער האָט געוואַרט אויף דעם באַפעהל פון פּריץ.

די יונגע פּאַניענקעס האָבען האַרציג געלאַכט פון דעם טאַנץ־שפּיל, זיי האָבען ניט ערוואַרט אַזאַ אינטערעסאַנטען שפּיל. זיי האָבען געוואוסט אַז דער טאַנץ קאָן לאַנג ניט דויערען ווייל דער זשיד פאַרלירט איהם גלייך, און אַלץ וואָס עס בלייבט זיי איבער צו זעהן, איז ווי אַזוי דער זשיד פאַלט דעם גראַף צו די פיס און קושט דעם זוים פון זיין בגד, בעטענדיג איהם מיט ביטערע טרעהרען ער זאָל איהם לאָזען לעבען... אָבער איצט, אויב יוזשוק וועט פאַרלירען, וועט ער דאָך דאַרפען זיך אונטערוואַרפען די באַדינגונגען וואָס דער גראַף האָט מיט זיי אויפגענומען איידער דער טאַנץ־געוועט האָט זיך אָנגעפאַנגען.

— אַז אַ זשיד זאָל קאָנען אַזוי גוט טאַנצען, וואָלט איך קיינמאָל ניט געגלויבט, ווען איך זעה דאָס ניט מיט מיינע אויגען, — האָט איין פּריצ'טע זיך אָנגערופען צו דער צווייטער. עס איז דאָך ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט אַז ביז איצט האָט דער זשיד געוואונען דעם געוועט... סיידען זיי זאָלען ווייטער טאַנצען און יוזשוק וועט איהם באַזיגען.

— און וואָס וועט זיין אויב ניט— האָט די צווייטע פּריצ'טע געזאָגט, ווע־לען מיר דען קאָנען דערלאָזען אַז אַ זשיד זאָל פאַרגיסען דאָס בלוט פון אַן אונזעריגען?

— אַ געוועט, איז אַ געוועט! — האָט אַ יונגע פּאַניענקע אויסגערופען — דער גראַף האָט דאָך מיט זיי אויסגענומען אַ באַדינג, און די פּוילישע עהרע פאָדערט אַז דאָס וואָרט פון גראַף דאַרף ערפילט ווערען.

— דאָס וועט דאָך זיין שווידערליך! ווי אַזוי וועלען מיר קאָנען צוזעהן אַז אַ זשיד זאָל שמייסען אַ פּאָלאַק!

— האָט אַן עלטערע פּריצ'טע אויסגערופען — מיר וועלען מוזען עפּעס טהאָן, מיר טאָרען ניט דערלאָזען עס זאָל קומען צו אַזאַ זאַך.

— איך האָף אַז יוזשוק וועט פאַרלאַנגען נאָך טענץ, זאָל ער דעם זשיד פאַרמאַטערען. אפשר וועט ער דאַן באַווייזען אַז ער קאָן טאַנצען בעסער פון איהם.

— דערווייל זעהט אויס אַז יוזשוק אַליין איז פאַרמאַטערט! — האָט אַ פּאַניענקע זיך אָנגערופען — איך האָב געהערט ווי שווער ער אָטעמט.

— איך וועל ריידען מיט'ן גראַף!

— האָט אַ עלטערער פּריץ זיך אָנגערופען — איך וועל איהם זאָגען, אַז מיר טאָרען ניט דערלאָזען אַז אַ זשיד זאָל הויבען אַ האַנד אויף אַ פּאָלאַק!

— און וואָס איז מכח דעם פּוילישען אָנאָר! — האָט אַ שעהנע יונגע פּאַניענקע אויסגערופען — דאָס וואָלט געבליבען אַ פלעק אויף דעם פּוילישען נאָמען און אַלע וואָלטען געזאָגט אַז מיר זיינען ניט יושר'דיג...

— איך וועל אריינשושקענען יוזשוק'ן אין אויער אַז ער זאָל אַזוי שנעל ניט אויפגעבען — האָט אַ צווייטע פּאַניענקע געזאָגט — זאָל ער קעמפען פאַר דעם כבוד פון פּוילען. זאָל ער פאַרמאַטערען דעם זשיד. און דאַן וועט ער זיכער געווינען.

זי איז צוגעגאַנגען צו יוזשוק'ן, וועלכער איז געשטאַנען אַ דערשראָקענער אין זיין ווינקעל און האָט געציטערט ווי אַ בלאַט.

— הער זיך איין יוזשוק — האָט זי זיך צו איהם געווענדעט — דו מוזט געווינען דעם טאַנץ־געוועט און ניט געבען קיין געלעגענהייט דעם זשיד ער זאָל טהאָן מיט דיר וואָס איהם געפעלט. דו מוזט איהם ארויסרופען צו טאַנצען ווייטער... זאָל ער פאַרמאַטערט ווערען, און דאַן וועסטו איהם גאַנץ גרינג באַזיגען... דו טאָרסט ניט פאַרלירען דיין מוט. ווייז דעם זשיד אַז עס איז נאָך ניט געבוירען געוואָרען אַזאַ זשיד, וועלכער וועט קאָנען באַזיגען אַ פּאָלאַק!...

— אַ דאַנק, גנעדיגע, האָט יוזשוק זיך אָנגערופען — איך האָב נאָך מיין מוט ניט פאַרלאָרען, איך האָב איצט, אַ דאַנק אייך געקראָגען מעהר מוט, און איך וועל ניט אויפגעבען דעם טאַנץ ביז וואַנען דער זשיד וועט אַ נידערפאַלען און ערשט דאַן, וועל איך איהם דערשיסען ווי אַ הונט!

זאָל די סוויענטי מאַרי דיר געבען כח! — האָט איהם די יונגע פּאַניענקע צוגעוואונשען און זיך גלייך צוריקגעקערט צו די אַנדערע פּריצ'טעס מיט אַ שמייכעל אויף איהרע ליפּען...

— נו, וואס? — האבען איהר די אנדערע געפרעגט — וועט ער פארלאנגען נאך טענץ?

— יע, ער וועט טאנצען אזוי לאנג ביז וואנען דער זשיד וועט אנידערפאלען — האט זי מיט צופרידענהייט אויסגערופען — ער האט מיר צוגעזאגט, אז ער וועט ניט דערלאזען אז מיר זאלען פארשעהמט ווערען...

— עס קאן אבער זיין אז דער גראף וועט ניט וועלען אז דער טאנץ זאל פארטגעזעצט ווערען — האט אן עלטערע פריצ'טע געזאגט.

— אט וועל איך צו איהם צוגעהן און איהם זאגען אין נאמען פון יוזשוק'ן, האט די יונגע פאניענקע געזאגט און זי האט זיך דערנעהענטערט צו דעם פלאץ וואו דער גראף פאטאצקי איז געזעסען. זי האט זיך פאר איהם א נייג־געטהאן און זיך אנגערופען:

— ווירדיגער גראף, וועט אייער דורכלויכט דערלאזען אז דער זשיד זאל באזיגען יוזשוק'ן?...

— ניט איך וויל עס דערלאזען!

— האט דער גראף געזאגט מיט א שמייכעל — דאס ווענדט זיך אינגאנצען אן יוזשוק'ן. איך האב פאר אלעמען אויסגענומען די דאזיגע באדינגונגען מיט יוזשוק'ן און דעם זשיד, זיי האבען ביידע צו דעם צוגעשטימט, און איצט ווענדעט זיך דאס אן איהם, אויב ער וויל פארטזעצען דעם טאנץ און פרובירען זיין כח וועל איך זיין צופרידען... אבער ווי עס שיינט צו מיר און צו די אנדערע, איז פאר יוזשוק'ן קיין האפנונג ניט פארבליבען. דערווייל איז די מיינונג פון אלעמען אז דער איד איז נאר א גרויסער טענצער, און אפילו יוזשוק קאן זיך צו איהם ניט פארגלייכען.

— איך האב נאר וואס גערעדט מיט יוזשוק'ן, און ער האט מיר געזאגט, אז ער וועט טאנצען אזוי לאנג ביז וואנען דער זשיד וועט פארמאטערט ווערען...

— נו, אויב אזוי וועט דער טאנץשפיל פארטגעזעצט ווערען! — האט דער גראף פאטאצקי אויסגערופען — און אויסרופענדיג: — יוזשוק, ווילסטו נאך טאנצען?

יוזשוק איז פלינק צוגעלאפען צו דעם פריץ און ער האט זיך פארנייגט און געזאגט:

— יע, אייער דורכלויכט, איצט אז איך וויים שוין וואס פאר א טענצער דער זשיד איז, וועל איך שוין זעהן אנוועגדען גאנץ אנדערע מיטלען! איך וועל טאנצען אזוי לאנג ביז ער וועט אנידערפאלען א מיעדער...

דער גראף האט ווידער געהייסען איהם אויסקלייבען וואס פאר א טאנץ ער וויל, און יוזשוק האט אויסגעקליבען איינעם פון די שווערסטע טענץ, און דער קאפעלמייסטער האט אנגעפאנגען צו שפילען.

יוזשוק האט זיך שוין געהאט עטוואס אויסגערוהט און ער האט זיך ווידער א לאז געטאן איבער'ן גלאטען דיל, און גענומען טאנצען מיט אלע זיינע כחות...

ווידער האט ער אפגעטאנצט א פופצעהן מינוט, און באוויזען פארשידענע קונצען, ער האט געשפרונגען און זיך געדרעהט, און אזוי געזוכט ארויסצורופען באגייסטערונג ביי די צושויער. ער האט ווירקליך געקראגען א סך אפלאדיסמענטען, אבער ווען חיים האט געטאנצט דעם זעלבען טאנץ האבען אלע ווי איינער צוגעגעבען אז דער איד טאנצט א סך בעסער... זיי וואלטען זעהר שטארק געוואלט אז יוזשוק זאל ארויסקומען דער זיגער, אבער, זיי ווייסען אז דער פריץ וועט ניט דערלאזען אז מען זאל ארויסגעבען ניט קיין גערעכטען אורטייל. און יעדער איינער פון די געסט האט זיך גענומען שרעקען אז דער איד וועט זיך זיכער וועלען נוקם זיין אן יוזשוק'ן וועלכער האט ניט לאנג צוריק פארשמיסען א אידען צום טויט...

— זאלען זיי ביידע טאנצען דעם זעלבען טאנץ אין איין צייט — האט איינער פון די געסט פארגעשלאגען.

— וועלען מיר דאן קאנען פארגלייכען...

— מיר קאנען אבער ניט פארלייקענען אז דערווייל איז דער זשיד דער געווינער — האט נאך א פריץ אויסגערופען — איך בין ניט אויסען צו זאגען אז יוזשוק האט פארפושט זיין טאנצען, אבער מיר קאנען ניט לייקענען אז דער זשיד טאנצט בעסער. און איך בין זיך מודה אז פאר מיר איז דאס די גרעסטע איבערראשונג!

— יושוק, דו קלייב אוים א טאנץ,

און איהר וועט ביידע טאנצען אָט דעם זעלבען טענץ אין דער זעלבער צייט, און מיר וועלען זעהן ווער שטייגט אריבער זיין געגנער אין טאנצען.

זיי האָבען ווידער געטאַנצט צו דער מוזיק פון דעם קאַפּעלמייסטער, און דאָס מאָל צוזאַמען. יוזשוק האָט אָנגעווענדעט אַלע זיינע כוחות איהם אריבערצויאָגען, אָבער ער אליין האָט געפיהלט אז ער קאָן עס ניט באווייזען. ער איז שוין געוואָרען אזוי מיד, אז ער האָט וואָס ווייטער געטאַנצט אַלץ שוואַכער... ער האָט זיך קוים געהאַלטען אויף זיינע פיס. און איידער די מוזיק האָט אויפגעהערט, האָט ער זיך שוין גענומען וואַקלען אויף זיינע פיס... און ער האָט זיך געמוזט צוריקציהען אין מיטען טאַנצען. חיים, אָבער האָט ניט אויפגעגעבען זיין טאַנצען. ער האָט פאַרענדיגט דאַן, ווען די מוזיק האָט זיך פאַרענדיגט.

ווידער אַמאָל האָבען די געסט אָפּלאָדירט דעם אידען פאַר זיין טאַנצען...

— מיר ווילען אָנקוקען זיין פּנים!

— האָבען איניגע געשריען — עס גלויבט זיך אונז ניט, אז א איד זאָל אזוי גוט קאָנען טאַנצען.

דאָס רוב געסט זיינען שוין געווען היבש שיכור'לעך, דער גראַף פּאָטאָצקי אליין האָט שוין אויך געהאַט אריינגעגאָסען אין זיך עטליכע כוסות, און ער האָט זיין אידישען ארענדאַר פון זיין מיהל קיינמאָל ניט אָנגעקוקט. ער פלעגט טאָן מסחר מיט ר' לייזער'ן דורך זיין הויפּט עקאָנאָם, און יענער איז געווען דער איינציגער וועלכער האָט געקאָנט דעם אידען לייזער זוסקעס, אָבער ער איז ניט געווען אין זאַל ביים טאַנץ, און דאריבער האָט קיינער ניט געהאַט קיין אהנונג ווי לייזער זוסקעס, דעם גראַף'ס ארענדאַר זעהט אויס.

נאָך איניגע געסט האָבען אויסגעדריקט זייער פאַרלאַנג, אז זיי ווילען אָנקוקען דעם אידען וועלכער טאַנצט אזוי וואונדערבאַר, אז ער האָט באזיגט יוזשוק'ן, וועלכער איז געווען בארימט פאַר איינעם פון די בעסטע טענצער.

— טהו אויס דיין בערישע מאַסקע און וויז דיין פּנים. מאָשקע! — האָט דער גראַף איהם באַפוילען.

חיים האָט אויפגעהויבען דעם בערישען קאָפּ וואָס איז געווען אויף זיין קאָפּ, און באַלד האָבען אַלע געזעהן א אידען מיט א באָרד. צוליב די באַוואַקסענקייט און צוליב דעם וואָס ער איז געווען איינגאַנצען באַגאָסען פון שוויים ווייל עס איז געווען א וואַרימער אָוועגט, האָט מען גענוי ניט געקאָנט זעהן די שטריכען פון זיין פּנים. מען האָט אפילו ניט באַמערקט אויב ער איז אַלט אָדער יונג. די איינציגע זאַך איז געווען וואָס אַלע האָבען זיך איבערצייגט אז דער טענצער איז א איד, פון די אידען מיט א גרויסער באָרד, און פּאות, פון וועמען זיי האָבען אַלע מאָל גרויס חשק אָפּצולאַכען... אָבער איצט האָבען איהם אַלע אָפּלאָדירט צוגעבענדיג דאַמיט אז ער האָט געוואונען דעם טאַנץ.

ווען אין זאַל איז שטיל געוואָרען. האָט מען געקאָנט פיהלען אז דאָרט הערשט א געדריקטע שטימונג. אָט באַלד וועט מען דאַרפען באַשליסען ווער עס איז דער געווינער און ווער דער פאַרלירער... אָבער אזוי ווי עס איז ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט געווען אז דער איד איז דער געווינער, און לויט'ן אָפּמאַך וועט ער קאָנען טאָן מיט יוזשוק'ן איינע פון די צוויי זאַכען: איהם שמייסען אזוי לאַנג ווי ער וויל, ביז ער וועט איהם פאַרשמייסען צום טויט, אפילו; אָדער ער קאָן איהם הייסען ארויפקלעטערען אויף דעם בוים, און זיך צילעווען אויף איהם מיט א ביקס, און געבען איין שאָס. עס קאָן דאָך פּאַסירען אז אָט דער זשידעק איז א גוטער שיסער, פּונקט ווי ער איז א בעסערער טענצער פון יוזשוק'ן און דאַן וועט ער איהם דערשיסען צום טויט... וועלען זיי קאָנען דערלאָזען צו אזא זאַך?... אז א זשיד זאָל דערשיסען א פּאָלאַק, נאָך מיט אַלעמענס צושטימונג... דאָס וועט זיין שרעקליך... אָבער וואָס קאָנען זיי איצט טאָן? דער גראַף וועט ניט בייטען זיין וואָרט... עס איז געווען אזא אָפּמאַך. כאָטש בעת דער גראַף האָט אויסגענומען אָט די דאָזיגע באַדינגונגען, זיינען אַלע געווען זיכער אז דער זשיד וועט פאַרלירען... ווייל יוזשוק איז דאָך געווען פאַררעכענט פאַר דעם בעסטען טענצער, און ווער האָט זיך געקאָנט ריכטען אז ער זאָל פאַרלירען דעם טאַנץ געגען צו א זשיד!..

דער גראַף פּאָטאָצקי האָט זיך אויך געפיהלט אין זעהר אן אונאַנגענעמער לאַגע... ער האָט געוואוסט אז דער

איך וועט זוכען זיך נוקם צו זיין אַן יוזשוק'ן פאר דעם טויט פון דעם אידען אין ווילנע, און פאר די אנדערע אידען וואָס ער האָט דערשאָסען א סך פריהער, ווען אַט דער דאָזיגער טאַנץ געוועט איז געשפּילט געוואָרען... אָבער ווען ער זאָל ניט האַלטען זיין וואָרט, דאַן וואָלט ער ניט געקאָנט ווייזען זיינע אויגען פאר די אנדערע פּריצים... זיי וואָלטען איהם צוליעב דעם גרינג געשעצט. אז אַן אַפּמאַך ביי איהם איז קיין אַפּמאַך, און כאָטש דער אַפּמאַך איז געווען מיט א זשיד, דאַרף ער באַווייזען אז א וואָרט איז ביי איהם א וואָרט.

דער גראף פּאָטאָצקי האָט אויפגעהויבען זיין האַנט, און געגעבען א צייכען אז איצט דאַרף פאָרקומען דער אורטייל איבער דעם טאַנץ-געוועט.

— אין פול גערעכטיגקייט, מוזען מיר אַלע צוגעבען אז מיין "מאַשקע" האָט געוואונען דעם טאַנץ-געוועט. און דעריבער איז ער בארעכטיגט לויט אונזער אַפּמאַך צו טאָן צו יוזשוק'ן איינע פון די צוויי באַדינגונגען. יע, מאַשקע, דו קאָנסט טאָן מיט יוזשוק'ן איינע פון די צוויי זאכען: שמייסען איהם ווי לאַנג דו וועסט קאָנען, אָדער אויסשיסען אויף איהם בלויז איינמאָל, נאָכדעם ווי ער וועט ארויפקלעטערען אויף דעם בוים נעבען מיין פּאַלאַץ. זאָג איצט וואָס דו ווילסט טאָן מיט איהם?

חיים האָט א ווייל׳ע געטראַכט. ער האָט געוואוסט וואָס פאר אַן אויפגאבע ער האָט אויף זיך. ער וואָלט דאַרפען זיך נוקם זיין אַן דעם רשע יוזשוק וועלכער האָט פארגאָסען אידיש בלוט... אָבער ער דאַרף אויך פאָרזיכטיג זיין, אז דאָס זאָל ניט ארויסרופען דעם צאָרן פון די פּריצים, אויב זיי וועלען זעהן אז ער האָט פארשמיסען יוזשוק'ן צום טויט...

— אויב אייער דורכלויכט וועט ערלויבען — האָט חיים זיך געווענדעט דורך דער בערישער מאסקע — וועל איך זיך איבערצייגען ווי גוט איך קאָן טרעפען אין ציל... איך וועל בעטען יוזשוק'ן ער זאָל זיך מטריח זיין און ארויפקלעטערען אויף דעם בוים. איך ווייס אז ער וואָלט צו מיר געטאָן דאָס זעלבע, ווען ער געווינט...

— אָ, נייַן גנעדיגער גראף! — האָט יוזשוק אויסגערופען מיט א ציטערענדער שטימע — ער וועט מיך זיכער דערשיסען! האָב רחמנות אויף מיר, און לאָז איהם ניט דורכפיהרען זיין נקמה פּלאַן אַן מיר!...

— אָ, דו פייגלינג! — האָט דער גראף אויף איהם א געשריי געטאָן — דו ביסט דאָך ניט בעסער פון די דאָזיגע זשידעס וועלכע פלעגען פאַלען צו מיר און קושען דעם זוים פון מיין מאַנטעל, איך זאָל אויף זיי רחמנות האָבען! דו מיט דיין שרעקעדיגקייט האָסט געבראַכט שאַנדע אויף אונז. עס איז אומווירדיג פאר א פולבלוטיגען פּאָלאַק צו ריידען אזוי, נאָכדעם ווי עס איז ביי דיר און ביי דיין געגנער אויסגענומען געוואָרען אזא באַדינג! שעהמען מעגסטו זיך! ביז איצט ביסטו געווען געאַכטעט און געשעצט ביי יעדען פּאָלאַק, און אפילו איצט, ווען דו האָסט פארלוירען דיין געוועט, האָבען מיר צו דיר קיינע פּרעטענזיעס ניט געהאַט, ווייל מיר האָבען אַלע געזעהן אז דו האָסט געטאָן אַלץ וואָס איז געווען אין דיין מעגליכקייט, דו האָסט זעהר גוט געטאַנצט, און אויב דער איד טאַנצט בעסער פון דיר, איז דאָך ניט געווען דיין שולד. אָבער איצט, מיט דיין ארויסווייזען דיין שוואַכקייט און דיין פייגהייט, האָסטו פארלוירען אַלץ וואָס דו האָסט זיך ערוואָרבען אין די לעצטע צייט! דו ווערסט ביי אונז פאראַכטעט, און פארהאַסט, ווייל מיט אַט דער דאָזיגער האַנדלונג דיינער, האָסטו פארשעהמט אונזער שטאָלצען פּאָלק! געה מאַשקע, און פיהר דורך דאָס וואָס דו ווינשסט! — האָט דער גראף פּאָטאָצקי אויסגערופען — מיר וועלען אַלע ארויסגעהן אין דרויסען און זעהן ווי גוט דו קאָנסט צילעווען!

א דערשלאָגענער, מיט א געבויגענעם קאָפּ, איז יוזשוק ארויסגעגאַנגען אין דרויסען, באַלד איז אויך ארויסגעגאַנגען חיים, און די אַלע געסט, וועלכע זיינען געווען אין זאַל. אפילו דער יונגער גראף וואַלענטי פּאָטאָצקי איז אויך ארויסגעגאַנגען צו זעהן וואָס חיים וועט טאָן מיט יוזשוק'ן. ער האָט זעהר געוואָלט אז חיים זאָל טרעפען אין ציל, אָבער פונדעסטוועגען האָט ער מורא געהאַט אז אויב חיים וועט דערשיסען יוזשוק'ן, וועט ער ארויסרופען ביטערע געפיהלען געגען זיך און געגען אַלע אידען, און זיי

וועלען שפּעטער זוכען זיך נוקם צו זיין אַן אַלע אידען, און אַ סך בלוט וועט פאַרגאָסען ווערען. אָבער ווען ער וועט ניט טרעפען אין ציל, וועלען זיי זיכער אָפּלאַכען פון אידען און זאָגען אַז אַ איד איז ניט קיין גוטער שיסער!

דער גראַף האָט געשיקט רופען אַלע היידוקעס, ער האָט זיי געהייסען אַנצינדען פּאַקעלען, און ווען זיי זיינען צוגעקומען צו יענעם פּלאַץ מיט די ברענענדע פּאַקעלען, איז דער גאַנצער פּלאַץ באַלויכטען געוואָרען.

יוזשוק׳ס שרעק איז מיט יעדער רגע גרעסער געוואָרען. ער איז געווען זיכער אַז דער זשיד וועט איהם טרעפען מיט דעם ערשטען שאָס, און ער וועט דערשאָסען ווערען ווי אַ הונט. זיינע קני האָבען זיך געבויגען. זיין קערפּער אונטער דער בערישער פעל האָט זיך געטרייסעלט פון שרעק. ער האָט זיך געזעהן ווי ער פאַלט אַרונטער פון דעם בוים, און ווערט גלייך דער׳הרג׳עט.

פּלוצלינג איז איהם אַריין אַ געדאַנק: ער וועט אַנטלויפען! אַלץ איינס האַלט מען דאָך איהם פאַר אַ פייגלינג, זאָל ער בעסער זיין אַ פייגלינג און בלייבען לעבען. ער וועט זיך אויסבאַהאַלטען אין וואַלד, און אַזוי שנעל ווי עס וועט אָנפאַנגען צו טאָגען וועט ער פון זיך אַראָפּוואַרפען די בערישע פעל, און וועט לויפען ווייטער. ער איז זיכער אַז ווען ער וועט אָנקומען אין אַ דאָרף, וועט מען איהם געבען עפּעס אַרבייט, און ער וועט פאַרבלייבען מיט די פּויערים אין דאָרף.

אָט דער דאָזיגער געדאַנק האָט איהם ניט אָפּגעלאָזען. ער האָט געזעהן ווי די געסט קומען אַרויס פון פּאַלאַץ, ווי די היידוקעס ברענגען מיט זיך ברענענדע פּאַקעלען. ער האָט דורך די אָפּענע לעכער פון זיין בערישער מאַסקע, געזעהן ווי דער זשיד שטעהט און וואַרט מען זאָל איהם ברענגען דעם ביקס. אַ ציטער געהט דורך זיין לייב... אָט באַלד, באַלד, און זיין סוף וועט קומען. איצט איז די צייט צו אַנטלויפען. יעדער איינער איז פאַרנומען אין ריידען. ער וועט אַ שפּרונג טאָן, און שנעל פאַרשוואונדען ווערען אין דער פינסטערניש...

חיים האָט אָבער געהאַלטען די אויגען אָפּען אויף איהם. ער האָט באַמערקט ווי יוזשוק קוקט זיך אַרום, און ער האָט פאַרשטאַנען אַז ער וויל מאַכען אַ פאַרזוך צו אַנטלויפען... ער האָט דאַריבער געקוקט אין אַן אַנדער ריכטונג כדי יוזשוק זאָל ניט באַמערקען אַז ער היט איהם...

ווען יוזשוק האָט זיך איבערצייגט אַז קיינער באַמערקט ניט, האָט ער זיך אַ דרעה געטאָן אַן אַ זייט און אין אַן אויגענבליק האָט ער אַ שפּרונג געטאָן איבער׳ן בריקעל... חיים האָט אָבער באַמערקט, ער האָט צוגעוואַרט איין רגע און נאָכהער האָט ער אויסגערופען:

— יוזשוק אַנטלויפט!

האָבען זיך אַלע גענומען אַרומקוקען, און זעהענדיג ווי יוזשוק, אין זיין בערישער פעל, לויפט אין דער ריכטונג פון וואַלד, איז געוואָרען אַ געשריי און אַ געפילדער, יוזשוק איז אַנטלאָפען!

דער גראַף פּאָטאָצקי האָט עס אויך געהערט, און ער האָט געגעבען אַ באַפעהל צו זיינע היידוקעס וועלכע האָבען געהאַלטען די פּאַקעלען אין זייערע הענט:

— יאָגט איהם נאָך, און ברענגט איהם צוריק, דעם פייגלינג!

די היידוקעס האָבען זיך אַ לאָז געטאָן... עס איז געוואָרען אַ טומעל, די פּריצים זיינען געוואָרען אויסער זיך פון כעס!

— עס איז אַ שאַנדע! — האָט איינער פון די פּריצים אויסגערופען— אַז איינער פון אונזערע מענשען זאָל אַרויסווייזען אַזאַ פּחדנות! ער מוז געכאַפּט ווערען!

— מאָשקע! — האָט דער גראַף זיך געווענדעט צו חיים׳ען — איך זעה דאָך אַז דו ביזט אַ פלינקער, לויף שנעל און העלף כאַפּען יוזשוק׳ן.

חיים האָט זיך אַ נייג געטאָן פאַר דעם גראַף, און אין איין אויגענבליק האָט ער אַ שפּרונג געטאָן און איז שנעל פאַרשוואונדען געוואָרען.

מיט די ברענענדע פּאַקעלען אין זייערע הענט, האָבען די היידוקעס זיך נאָכגעיאָגט נאָך יוזשוק׳ן, וועלכער איז געלאָפען מיט זיינע לעצטע כוחות. אין דער פינסטערניש האָבען זיי ניט געקאָנט זעהן וואוהין ער לויפט, און ווען ניט חיים וואָלטען זיי איהם פאַרלוירען. חיים האָט זיך געלאָזט לויפען אין דער ריכטונג פון וואַלד, ווייל ער איז געווען זיכער אַז יוזשוק וועט זיך דאָרט באַהאַלטען. ער איז באַלד געפאַלען אויף זיין שפּור, און אין עטליכע מינוט אַרום, האָבען די היי־

דוקעם דערהערט דעם אידענ׳ס שטימע וועלכער האָט געשריען:

— שנעל קומט אהער! אָט האָב איך איהם געכאַפּט.

די היידוקעס האָבען זיך דערנעהענטערט און מיט הילף פון די ברענענדע פאַקעלן, האָבען זיי באמערקט ווי די צוויי בערן" ראנגלען זיך. זיי האָבן געזעהן אז יוזשוק זוכט זיך ארויסצורייסען פון דעם אידענ׳ס הענט. באלד האָבען זיי ארומגערינגעלט יוזשוק׳ן, און איהם א נעם געטאָן און גענומען שלעפּען צוריק צו דעם פּלאַץ וואו אלע געסט האָבען מיט גרויס אומגעדולד געווארט.

ווען זיי האָבען איהם געבראכט צום גראף, האָט יוזשוק פון אונטער דער בערישער פעל געשאָלטען אלע אידען.

אין גראף פּאָטאָצקי האָט געברענט דער צאָרן.

— אויף דעם האָב איך זיך גאָר ניט געריכט, אפילו דער שרעקענדיגסטער זשיד האָט נאָך קיינמאָל ניט געמאכט קיין פּארזוך צו אנטלויפען — איך בין זעהר צופרידען וואָס אייך איז געלונגען איהם צו כאַפּען.

— ניט מיר נאָר דער זשיד איז מיט זיין פלינקייט איהם פארלאָפּען דעם וועג און איהם געכאַפּט! — האָט איינער פון די היידוקעס זיך אָנגערופען.

— מאָשקע! דו ביסט זעהר בראוו!

— האָט דער גראף אויסגערופען — איצט לאָמיר זעהן וואָס פאר א גוטער שיסער דו ביסט! נעם דעם ביקס!

חיים האָט פון גראפ׳ס הענט גענומען דעם ביקס, און דער גראף האָט גענעבען זיין באפעהל:

— זאָל יוזשוק ארויפקלעטערען אויפ׳ן בוים, און זאָל ער דאָס טאָן וואָס שנעלער!

די געסט האָבען זיך דערנעהענטערט צום בוים. דער גאנצער פּלאַץ איז געווען באלויכטען פון די פאקעלען. און כאָטש יוזשוק איז געווען אין זיין בערישער פעל, האָבען אלע געקאָנט מערקען ווי ער טרייסעלט זיך פון שרעק...

יוזשוק האָט גענומען קלעטערען אויף דעם בוים. ער האָט געסאָפּעט אזוי הויך אז אלע האָבען עס געקאָנט הערען. ווען ער איז שוין געווען דאָרט אויף דעם דיקען צווייג, האָט זיך חיים געווענדעט צו אלע געסט:

— איך בין א איד, און א איד איז ניט בלוט־דורשטיג. איך וויים וואָס ער האָט געטאָן צו מיינע ברידער, איינינע האָט יוזשוק פארשמיסען צום טויט, און לויט זיין אייגענער בארימעריי, האָט ער אויף דעם זעלבען אופן, געפינענדיג זיך אין דער זעלבער לאגע ווי ער, דערשאָסען עטליכע אידען. און איצט אז איך האָב א געלעגענהייט צו טאָן דאָס זעלבע צו איהם, וואָלט איך געוועז זעהר בארעכטיגט דאָס צו טאָן. אָבער א איד איז ניט נקמה דורשטיג.

— וואָס, דו ווערסט אויף דעם פיינגלינג ניט שיסען? — האָט דער גראף פּאָטאָצקי אויסגערופען. — ווילסטו, אז מען זאָל אויף דיר זאָגען, אז דו ביזט ניט קיין גוטער שיסער, און זייענדיג זיכער, אז דו ווערסט ניט טרעפען אין ציעל, ווילסטו זיך צוריקציהען! . . . דו ווערסט זיך ניט קאָנען ארויסדרעהען! אזוי איז געוועזן דער אָפּמאך! דו ווערסט זיך מוזען צילעווען אויף יוזשוק׳ן, און אויב דו ווערסט ניט טרעפען אין ציעל, וועלען מיר אמווענינסטען וויסען, אז דו ביזט ניט קיין גוטער שיסער, און אז אין איין זאך צייכענט זיך יוזשוק אויס געגען דיר, און דאָס איז טרעפען אין ציעל! . . .

— אייער דורכלויכט! — האָט חיים זיך אָנגערופען. — איך האָב ניט בדעה זיך צוריקצוציהען! איך וויל אָבער אייך אלעמען פאָראויסזאָגען, אז איך בין א גוטער שיסער און קאָן טרעפען אין ציעל אזוי גוט ווי יוזשוק, און אפשר בעסער. דעריבער וויל איך, אז איהר אלע זאָלט זעהן, אז איך וועל זיך צילעווען אויף דעם בערישען עק, וואָס הענגט ארונטער פון דער פעל, וואָס יוזשוק טראָגט אויף זיך, און אויב ער וועט צוזאָגען זיך ניט צו דרעהען און ניט צו טרייסלען זיך, וועט זיין לעבען געראטעוועט ווערען. אלץ, וואָס איך וועל טאָן, איז ארונטערשיסען דעם בערישען עק . . . ווען אבער ער וועט מאכען דעם מינדעסטען פארזוך זיך א דרעה צו טאָן, דאַן וועט זיין בלוט פאלען אויף זיין אייגענעם קאָפּ . . .

— האָסטו געהערט, יוזשוק! — האָט איינער פון די פּריצים ארויפגעשריען צו איהם. — אויב דו ווערסט זיך האַלטען רוהיג, וועסטו ניט דערשאָסען ווערען, דו ווערסט בלויז פאר־

לירען דיין עק . . . שטעל זיך אוועק אזוי, אז דער בערישער עק, וואס איז אויף דיין פעל, זאל גוט קאנען געזעהן ווערען, און דורכדעם וועט דער איד ראטעווען דיין לעבען ! . . .

— דאס איז בלויז באריהמעריי !— האט א פריץ אויסגערופען. — עס איז אוממעגליך פאר דעם בעסטען שיסער צו טרעפען אין ציעל אויף אזא קליי־נער זאך . . . בפרט נאך פאר די טונ־קעלע ליכט פון די פאקעלען.

— דער זשיד איז ביטרע ! — האט א יונגע פאניענקע אויסגערופען. — ער וויל אונז געבען דעם איינדרוק, אז ער האט ניט בדעה צו דערשיסען דעם פוילישען טענצער, און אויב ער וועט איהם יא דערשיסען, וועט ער ווארפען די שולד אויף איהם. ער וועט זאגען, אז ער האט זיך א דרעה געטאן און דערפאר איז ער דערשאסען גע־ווארען . . .

חיים האט געהערט אט די דאזיגע באמערקונג, און ער האט געבעטען, אז אלע צושויער זאלען זיך גוט צו־קוקען ווי ער צילעוועט זיך, און זיי זאלען אנזאגען יוזשוק׳ן נאך אמאל ער זאל זיך שטעלען מיט דעם עק אזוי, אז ער זאל זיך קאנען צילעווען אויף איהם . . .

מען האט צו איהם ווידער ארויפ־געשריען און כאטש יוזשוק האט זיך די גאנצע צייט געטרייסעלט פון שרעק, האט ער זיך אבער באמיהט צו האלטען רוהיג, האפענדיג, אז דורך דעם וועט ער אפשר בלייבען לעבען. ער האט זיך אויסגעדרעהט אזוי, אז דער בערישער עק איז ארונטערגעהאנ־גען פון דעם צווייג, אויף וועלכער ער איז געשטאנען . . .

— איך וועל צעהלען דריי, און דו וועסט אויסשיסען ! — האט דער גראף פאטאצקי אויסגערופען.

חיים האט אנגעשטעלט זיין ביקס, און זיך געצילעוועט אויף דעם עק פון דער בערישער פעל. ער האט א ווײלע געהאלטען דעם ביקס אנגעשטעלט. די אלע געסט האבען אנגעשטרענגט זייע־רע אויגען, און ארויפגעקוקט אויבען צו יוזשוק׳ן.

דער גראף האט גענומען צעהלען: איינס, צוויי, דריי ! . . .

עס האט זיך דערהערט א שאס . . . א רויך איז ארויסגעקומען פון ביקס, און באלד האבען אלע געזעהן ווי דער בערישער עק פאלט ארונטער פון בוים . . .

פאר א ווײלע זיינען אלע געבליבען שטעהן ווי פארגליווערטע . . . און באלד האט אויסגעבראכען א הילכיגע בראוואָ פאטשעריי . . .

— ער מוז זיין א הייליגער ! — האט איינער פון די פריצים אויסגע־רופען. — עס איז אומגלויבליך, אז א איד זאל זיין אזוי באגאבט . . . ער האט ניט געטאנצט ווי אן איינפאכער טענצער . . . און איצט האט ער ניט געשאסען ווי אן איינפאכער שיסער... ער באזיצט איבערמענשליכע כחות...

יוזשוק איז נאך אלץ געבליבען שטעהן אויף דעם בוים, און זיך גע־טרייסעלט פון שרעק . . . ער האט ניט באגריפען וואס דא קומט פאר. אט האט ער דערהערט א שאס, און זיין הארץ איז איהם שיעור ניט ארויסגע־פאלען . . . באלד האט ער דערהערט א פאטשעריי פון בראוואָ . . . ער האט זיך גענומען טאפען צו זעהן אויב ער לעבט נאך, אויב ער איז ניט פאר־וואונדעט געווארען, און דא האט ער באמערקט ווי איינער פון די היידו־קעס איז צוגעלאפען מיט זיין ברענענ־דען פאקעל צום בוים, און ער האט אויפגעהויבען דעם עק . . . ערשט איצט האט ער פארשטאנען, אז דער זשיד האט ארונטערגעשאסען דעם עק פון זיין בערישער פעל . . . ער האט זיך גענומען טרייסלען פון שרעק . . . ער זעהט דאך איצט, וואס פאר א גוטער שיסער דער איד איז . . . ער האט ארונטערגעקוקט און זעהענדיג וואס פאר א באגייסטערונג עס הערשט דארט צווישען אלעמען, האט ער ניט געוואוסט וואס צו טאן, ארונטערצו־קלעטערען אדער בלייבען דארט אויף דעם בוים . . .

ווען דאס הענד קלאפעריי האט אויפגעהערט, האבען זיך די געסט גע־נומען ארומקוקען, און דערזעהענדיג ווי יוזשוק זיצט אויף דעם בוים איינ־געקארטשעט און ציטערט, האבען זיי זיך פאנאנדערגעלאכט.

— קלעטער ארונטער ! — האט דער גראף פאטאצקי אויפגעהויבען זיין קאפ צו יוזשוק׳ן און אויף איהם א געשריי געטאן. — ארונטער, דו פייגלינג !

יוזשוק האט גענומען לאנגזאם ארונטערקלעטערען פון בוים. דער גע־

לעכטער פון אלע געסט האט אפגעהילכט אין דער שטילקייט פון דער נאכט.

— נעהמט איהם אוועק פון דאנען!

— האט דער גראף א געשריי געטאן צו די היידוקעס. — ער האט אונז אלעמען געמאכט צו שאנד און צו שפאט.

ווען די היידוקעס האבען איהם גענומען שלעפען, האט דער גראף זיך אנגערופען צו זיי:

— שלעפט ארונטער פון איהם די בערישע פעל. זאל ער זעהן ווי אזוי דער איד האט פון איהם ארונטערגעשאסען דעם עק, און אז ער האט איהם געקאנט דערשיסען ווי א הונט!

זיי האבען ארונטערגעשלעפט פון יוזשוק'ן די פעל, און נאכהער האבען זיי איהם אוועקגעפיהרט אין א באזונדערען קאמער.

דער גראף און אלע אנדערע געסט האבען זיך צוריקגעקעהרט אין זאל.

— זאל אויך אריינקומען מאשקע!

— האט זיך דער גראף אנגערופען. — איך וועל איהם געבען די צעהן גאלדענע רענדלעך, וואס ער האט זיכער פארדינט.

חיים איז אריינגעקומען און דער גראף האט זיך צו איהם אנגערופען:

— קום צו נעהענטער, איך וועל דיר געבען צעהן גאלדענע רעדנלאך.

— א דאנק, אייער דורכלויכט! — האט זיך חיים פארנייגט פאר איהם. — היינט איז ביי אונז א הייליגער טאג, היינט איז אונזער שבת און מיר זיינען ניט ערלויבט צו נעהמען געלד...

— איך קאן דיך ניט פארשטעהן, מאשקע, — האט דער גראף, לאכענדיג געזאגט. — דו האסט זעהר שווער געטאנצט, דו האסט געשאסען פון א ביקס, דאס אלץ איז דיר געווען ערלויבט צו טאן און נעהמען געלד, וואס דאס איז דאך זיכער ניט קיין שווערע ארבייט. געבען געלד קאן זיין שווער, אבער נעהמען? טא ווי קומט עס, אז דאס איז דיר געווען ערלויבט צו טאן, און נעהמען געלד — ניט!...

— אייער דורכלויכט! אט די אלע זאכען, וואס איך האב דא היינט ביינאכט געטאן, איז אונז אויך ניט ערלויבט... אבער איך האב קיין ברירה ניט געהאט. ווען עס איז פאראן א געפאהר פאר דעם מענשענס לעבען, דאן מעג א איד מחלל שבת זיין!

— וואס פאר א געפאהר איז דא געווען ביי דיר? — פרעגט אים דער גראף.

— ווען די היידוקעס זיינען געקומען צו מיר אין הויז מיך נעהמען פאר'ן טאנץ, האבען זיי מיר געזאגט, אז אויב איך וועל ניט געהן טאן ווי דער גראף פארלאנגט, וועלען זיי מיך נעהמען מיט געוואלד, און דערצו וועלען זיי פארברענען מיין הויז...

— אזוי האבען זיי געזאגט צו דיר?

— האט דער גראף מיט א שמייכעל אויסגערופען. — אבער עס איז ריכטיג. דיין פליכט איז מיך צו פאלגען!

— אבער נעהמען געלד וועט דאך דער גראף מיך ניט צווינגען! — האט חיים געזאגט. — און דעריבער טאר איך עס ניט נעהמען. מיין עצה איז, אז דער גראף זאל געבען די צעהן רענדלאך צו יוזשוק'ן, ווייל ער האט געהאט טויט שרעק פאר א היבשע ווילע, און דאס וועט איהם אפשר באצאהלען פאר זיין שרעק...

— אויב אזוי, זאג מיר, וואס דען פארלאנגסטו פון מיר? — האט דער גראף איהם געפרעגט.

— מיין פארלאנג איז, אז דער גראף זאל ביי זיך באשליסען קיינמאל ניט צו צווינגען קיין אידען ער זאל מחלל שבת זיין! — האט חיים געזאגט. — איך פארזיכער אייער דורכלויכט, אז יעדער איד איז אייך געטריי מיט זיין לייב און לעבען און ער האט דעריבער ניט פארדינט, אז אזא פייגלינג ווי יוזשוק זאל האבען די מאכט איהם צו פארשמייסען צום טויט, אדער צו דערשיסען ווי א ווילדע חיה. איך האב געהאט א רעכט דאס צו טאן, און איך האב עס געקאנט זעהר לייכט טאן צו יוזשוק'ן, אבער איך האב קיין בלוט ניט פארגאסען, און איך האף, אז דער ווירדיגער גראף וועט פון היינט אן און ווייטער האבען איינזעהעניש מיט זיינע געטרייע אידען און זיי ניט באהאנדלען ווי חיות...

— ווען דו וואלסט צו מיר אזוי גערעדט אין אן אנדער צייט, וואלסטו פאר דעם אליין געקראגען שמיץ... אבער היינט קאן איך אויף דיר ניט זיין אין כעס, — האט דער גראף געזאגט. — און דעריבער וועל איך טאקע ערפילען דיין וואונש... דו האסט מיר היינט באוויזען, אז דער איד איז ניט אזוי פארדארבען, ווי איך האב זיך פארגעשטעלט... איך וועל דיר

נעבעך א באלוינונג, אבער ניט דאס, וואס דו ווערסט דארפען איצט אנריה־רען מיט דיין האנד . . . איך וועל דיר געבען די ארענדע פון מיין מיל פריי פאר צעהן יאהר צייט! אט דאס זאג איך דיר צו פאר אלע מיינע געסט אין די אויגען. און איצט קאנסטו געהן.

חיים האט זיך א נייג געטאן און ער איז ארויס פון פאלאץ. אין דרויסען האט ער פון זיך ארונטערגעשלעפט די בערישע פעל און ער האט עס איבער־געגעבען צו איינעם פון די היידוקעס, וועלכער האט געהיט דעם ארייןגאנג פון דעם גראף'ס זומער פאלאץ.

עס איז שוין געווען שפעט, באלד מיטנאכט. חיים איז אין גאנצען גע־ווען פארשוויצט. ער איז געווען זעהר מיד... די נאכט איז געווען א קיהלע, און ער האט זיך עטוואס דערקוויקט מיט דעם ליכטען ווינטעלע וואס האט געבלאזען. ער האט זיך צוגעזעצט אויף דעם פייכטען גראז, און ער האט איצט גענומען טראכטען פון דעם, וואס עס איז פארגעקומען... ער האט געפיהלט, אז ער האט געראטעוועט ר' לייזער זוסקעס פון א זיכערען, שענדליכען טויט... ווען ער קומט ניט צו זיין הילף, וואלט איהם יוזשיק געווים דער־שאסען צום טויט...

ער איז געזעסען אזוי א היבשע ווייל און געטראכט פון דעם. עס איז איהם געווארען אומעטיג אויפ'ן האר־צען, ווען ער האט א קלער געטאן ווי טרויעריג די אידישע לאגע איז, אז דער פריץ קאן טאן מיט זיי וואס איהם גע־פעלט. ביי איהם איז רעכט צו שפי־לען זיך מיט א אידישען לעבען... כדי דורכצופיהרען זיינעם א קאפריז, איז ביי איהם רעכט אומצוברענגען אן אומשולדיגען איד, א בעל משפחה. דאס לעבען פון יעדען אידען, וועלכער איז אפהענגיג פון פריץ פאר זיין חיונה, איז תמיד אין געפאהר... מיט עטליכע שעה צוריק איז דער איד ר' לייזער געווען אזוי פרעהליך, אזוי גליקליך, און ווען ער איז געזעסען מיט זיין משפחה ביים טיש האט ער גאר קיין אהנונג ניט געהאט, אז דער טויט לויערט אויף איהם. אז דער פריץ האט איהם אויסגעקליבען פאר זיין קרבן... ווען ניט זיין זיידע ר' מנחם, וואלט מען איצט געווים געפיהרט ר' לייזער'ס קערפער צו איהם א היים... דאס האט דאך פאסירט אזוי מיט די אנדערע אידען אין ווילנא, וועלכע האבען פאר־לוירען דעם טאנץ־געוועט צו יוזשיק'ן... ער איז געווען צופרידען וואס כמעט אלע פריצים זיינען געווען עטוואס שיכור און קיינער וועט ניט וויסען דעם אונטערשיד. זיי האבען זיין פנים ניט גוט געזעהן און זיי וועלען קיינ־מאל ניט וויסען, אז דאס איז ניט געווען ר' לייזער, זיין ארענדאר...

ער האט זיך אויפגעהויבען און האט גענומען געהן צו ר' לייזער'ס הויז. ער האט געוואוסט, אז קיינער דארט וועט איצט ניט שלאפען, געווים זיינען זיי אלע באזארגט וועגען איהם.

## קאפיטעל פיער

דער טרויער אין ר' לייזער'ס הויז איז שטארקער געווארען מיט יעדער רגע... כאטש ער האט זיך מיט א וויי־לע צוריק געהאט צוריקגעקערט מיט זיין פופצעהן יעהריגער טאכטער יהודית, פון דעם געגענט, וואו עס איז געשטאנען פאטאצקי'ס זומער פאלאץ, האט ער אבער ניט געקאנט איינזיצען אין הויז. ער האט געזאגט זיין ווייב, אז ער וועט נאך אמאל צוקומען אהין. עס האבען ניט געהאלפען די רייד פון רבקה'ן, זיין ווייב, אז ער וועט איהם גארניט קאנען העלפען, אז ער שטעלט בלויז איין זיין אייגענעם לעבען אין סכנה. ער האט געזאגט, אז ער קאן ניט בלייבען אין זיין הויז, אין דער צייט ווען אז צווייטער האט איינגע־שטעלט זיין לעבען פאר איהם...

ער איז ווידער אוועק צום פאלאץ, דאס מאל איז ער אליין געגאנגען. ווען ער איז געקומען עטוואס נעהענטער, האט ער באמערקט ווי דער גאנצער פלאץ נעבען פאלאץ איז באלויכטען פון די פאקלען. ער האט פארשטאנען, אז עפעס וועט דא פארקומען אין דרוי־סען. ער האט מורא געהאט צוצו־קומען נעהענטער, טאמער וועט איהם אימיצער דערזעהן. ער האט זיך דא־ריבער געשטעלט הינטער א בוים, גאנץ ווייט און ער האט גענומען קוקען וואס עס קומט פאר... באלד האט ער גע־זעהן ווי איינער אנגעטאן אין א בע־רישער פעל קלעטערט ארויף אויף א בוים, און זיין הארץ איז איהם איינ־געפאלען. עס איז ביי איהם קיין צוויי־פעל ניט געווען, אז דאס האט אויף

דעם בוים אַרויפגעקלעטערט זיין אורח, חיים, און אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז יוזשיק איז אַ גוטער שיסער, איז ביי איהם קיין צווייפעל ניט געווען, אַז ער וועט איהם דערשיסען... אָט הערט ער דעם פּריץ׳ס שטימע ווי ער צעהלט: "איינס, צוויי, דריי!" און דערנאָך האָט ער דערהערט אַ שאָס און נאָכדעם אַן אויסגעשריי פון "בראַוואָ"... איצט איז ביי איהם קיין ספק ניט געווען, אַז יוזשיק האָט דערשאָסען דעם אידען און דאָס האָבען די פּריצים געיובל׳ט און זיך געפרעהט, וואָס יוזשיק׳ן איז געלונגען צו טויטען נאָך אַ אידען...

זיין האַרץ איז איהם איינגעפאַלען. אַ שוידער איז דורך זיין קערפּער... אָט אי זגעקומען אַ פרעמדער און ער האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר איהם... ער האָט זיך קוים דערשלעפּט אַ היים, און ווען ער איז אריין אינוועניג, האָט רבקה גלייך דערקענט, אַז עס איז געשעהן. זי איז צוגעלאָפען צו איהר מאַן און דערלאַנגט אַביסעל וואַסער.

— אוי, רבקה! רבקה! — האָט ר׳ לייזער מיט טרערען אין די אויגען געזאָגט — אונזער אורח האָט אָפּגעגעבען זיין לעבען פאַר מיר! אַזאַ יונגער מאַן!

באַלד איז צו איהם צוגעלאָפען יהודית און זיינע צוויי אינגלאַך, דוד און נפתלי, וועלכע זיינען געזעסען ביים טיש און געדרימעלט, וואַרטענדיג אויף זייער טאַטען...

ר׳ לייזער האָט זיך געכאַפּט ביים קאָפּ, און ניט אויפהערענדיג צו קרעכצען: — גאָט! פאַרוואָס קומט מיר, איך זאָל געראַטעוועט ווערען, און אַן אומשולדיגער אורח זאָל פאַרנעמען מיין פּלאַץ... אָ ווי שרעקליך! זיי האָבען זיך פאַרווילט דאָרט און דערוויל אויסגעלאָשען אַ מענשען׳ס לעבען... איך האָב געזעהן וואָס יוזשיק האָט געטאָן צו איהם... געדענקסט, רבקה וואָס מען האָט דערצעהלט, מיט עטליכע חדשים צוריק, ווען מען האָט געפּראַוועט אויך אַזאַ הוליאַנקע ביים גראַף אין פּלאַץ, אין ווילנא... איינמאָל האָט אָט דער רשע יוזשיק פאַרשמיסען אַ אידען צום טויט, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלוירען צו איהם דעם טאַנץ־געוועט, און איינמאָל האָט ער אַ צווייטען אידען, אַ פאַרלירער, געצוואונגען אַרויפצוקלעטערען אויף אַ בוים, און ער האָט זיך אויף איהם געצילעוועט מיט זיין ביקס, פונקט ווי מען צילעוועט זיך אויף אַ פויגעל... און דאָס זעלבע האָט ער איצט געטאָן מיט אונזער אורח, וועלכער האָט זיך מקריב געווען פאַר מיר!

— אָבער אפשר האָט ער איהם ניט געטראָפען צום ערשטען מאָל! — האָט רבקה פּרובירט איהם טרייסטען — איך האָב דאָך געהערט, אַז אויב ער טרעפט ניט מיט׳ן ערשטען שאָס, דאַן קאָן דער איד געהן אַ היים!...

— אָ, ניין, ער האָט געטראָפען אין ציל! — האָט ר׳ לייזער זיך אָנגערופען — איך האָב געהערט דעם שאָס און באַלד האָט איך דערהערט אַ הילכיגען אויסגעשריי און אַ פּאַטשעריי פון בראַוואָ! דאָס האָבען די פּריצים זיך שטאַרק געפרעהט וואָס זייער יוזשיק האָט געטראָפען אין ציל! יע, מיר האָבען איהם פאַרלוירען! ער איז טויט!

ר׳ לייזער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט ווי אַ קליין קינד, און אויף איהם קוקענדיג, האָבען אַלע געוויינט מיט ביטערע טרערען. אין שטוב האָט געצאַנקט אַ קליינער קעראָסין לעמפּעל... מיט יעדען צאַנק פון לעמפּעל האָבען זיך שאָטענס געוויגט איבער די ווענט. דער קליינער נפתלי האָט געוויינט מעהר פון אַלעמען, ער האָט געשריען: "מאַמע, איך האָב מורא!" ער האָט זיך געטוליעט צו זיין מאַמען, און זי האָט אויך געוויינט: "אוי, מיינע אומגליקליכע קינדער! צו וואָס האָב איך אייך געבראַכט אויף דער וועלט, איהר זאָלט אַזוי דאַרפען ליידען! איהר זאָלט זיין אונטערגעוואָרפען די בייזע קאַפּריזען פון די פּריצים, ביי וועמען אַ אידיש לעבען האָט קיין ווערט ניט... וועה איז אונז! ווי בלינדע שעפּעלאַך ווערען מיר געפירט צו דער שחיטה און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל זיך פאַר אונז אָננעמען...

"כצאן לטבח יובל" — האָט ר׳ לייזער וויינענדיג געזאָגט — אוי, מה היה לנו!

באַלד האָבען זיי דורך די אָפענע פענסטער דערהערט טריט...

— טאַטע, מען געהט! — האָט יהודית אויסגערופען.

ר׳ לייזער האָט זיך אויפגעשטעלט

פון זיין פּלאַץ, און ער האָט אַרויסגע־
קוקט דורכ'ן פענסטער.

עפּעס א מאַן געהט אין אונזער ריכ־
טונג! — האָט ר' לייזער געזאָגט —
ווער ווייסט ווער דאָס איז!

— און מיר האָבען אפילו היינט ניט
צוגעמאַכט די לאָדענס! — האָט
יהודית געזאָגט.

— מיר האָבען שוין ניט וואָס מורא
צו האָבען! — האָט רבקה געזאָגט —
ערגער ווי עס איז אונז איצט, קאָן
דאָך ניט זיין...

—איך וועל אַרויסגעהן זעהן ווער
דאָס איז! — האָט ר' לייזער אויס־
גערופען און זיך געלאָזען צו דער
טיהר.

רבקה און יהודית זיינען איהם נאָכ־
געגאַנגען. אין דער פינסטערניש פון
דער נאַכט האָבען זיי ניט געקאָנט
מערקען ווער עס קומט אָן. זיי זיינען
געבליבען שטעהן נעבען שטוב דער־
שראָקענע און געוואַרט דער אומבאַ־
קאַנטער זאָל זיך דערנעהענטערען. ווען
ער איז שוין געווען גאָר נאָהענט, האָט
ער זיי באַמערקט און אויסגערופען:

— אַ, ר' לייזער, איהר האָט אויף
מיר געוואַרט!

— חיים! — האָט ר' לייזער אויס־
גערופען און ער האָט קיין וואָרט ניט
געקאָנט מעהר אַרויסריידען.

— אַ, דאָס זייט איהר חיים, —
האָט רבקה געזאָגט. — דאַנקען גאָט!
דאַנקען גאָט!

ווען ר' לייזער איז צו זיך געקומען,
האָט ער אַרומגענומען חיים'ען און
איהם געקושט...

— געלויבט איז השם יתברך, ער
האָט אייך געראַטעוועט פון דעם
רשע'ס הענט! — האָט ער וויינענ־
דיג געזאָגט. — איך בין געווען ניט
ווייט פון דאָרט און געהערט דעם
שאַלן און יובלען פון די פּריצים. איך
האָב געזעהן ווי מ'האָט אייך גע־
צוואונגען אַרויפצוקלעטערען אויף דעם
בוים... דאַן האָב איך געהערט דעם
שאָס וואָס יוזשיק האָט אייך געשאָסען
און דאָס פּאַטשען בראַווא, און איך
בין זיכער געווען אַז דער רשע יוזשוק
האָט געטראָפען אין ציעל... נו, אַ
דאַנק דיר, רבונו של עולם. ער האָט
געמאַכט אַז יוזשיק זאָל אין ציעל
טרעפען און איצט זייט איהר אויך גע־
ראַטעוועט געוואָרען! נו, רבקה, האָ־
בען מיר ניט אַ גרויסען גאָט, אַן אל
רחום וחנון! וועלכער טהוט מיט
אונז חסד! מיט איין האַנט שטראָפט
ער אונז, און מיט דער צווייטער היילט
ער אונז, זאָל זיין הייליגער נאָמען גע־
בענשט זיין אויף אייביג! אַלע ווייר־
סען. אַז יוזשיק איז איינער פון די
בעסטע שיסער, אַז ער האָט נאָך קיינ־
מאָל ניט פאַרפעהלט צו טרעפען אין
ציעל... און דאָ האָט ער ניט גע־
טראָפען!

— ניט איך בין געווען אויפ'ן
בוים, נאָר יוזשיק! — האָט חיים זיך
אָנגערופען מיט אַ שמייכעל און ניט
יוזשיק האָט געשאָסען, נאָר איך, און
איך האָב דוקא געטראָפען אין ציעל!

— וואָס! — האָבען זיי אַלע מיט
אַמאָל אויסגערופען! — וואָס איז
געשעהן? ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט?

— גאָט, ברוך הוא, האָט מיר געגע־
בען כח און איך האָב באַזיעגט יו־
זשיק'ן אין דעם טאַנץ געוועט! —
האָט חיים געזאָגט. נו, אַז איך האָב
געוואונען דעם טאַנץ געוועט, האָט
מען דאָך באַדאַרפט דורכפירן די באַ־
דינגונגען, וואָס דער גראַף פּאָטאָצקי
האָט געמאַכט מיט אונז ביידען, מיט
מיר און מיט יוזשיק'ן, אַז ווער פון
אונז וועט פאַרלירען דעם טאַנץ גע־
וועט, וועט דאַרפען טאָן דאָס וואָס
דער געווינער וועט פון איהם פאַרלאַנ־
גען... די באַדינגונגען זיינען גע־
ווען אָדער פאַרשמיסען צו ווערען
צום טויט, אָדער דערשאָסען צו ווערען
ווי אַ פויגעל. נו, אַזוי ווי עס איז
פאַרשטאַנען געוואָרען אַז עס קאָן נאָר
זיין איין געווינער, האָבען אַלע איינ־
געשטימט אַז איך זאָל אויך האָבען די
זעלבע רעכטע, אין פאַל איך וועל
אַרויסקומען דער געווינער. האָט גאָט
געהאָלפען און איך האָב געוואונען
דעם טאַנץ געוועט און אַזוי האָב איך
געהאַט דאָס רעכט צו טאָן צו יוזשיק'ן
דאָס וואָס ער וואָלט געטאָן צו מיר,
ווען ער וואָלט געווען דער געווינער!

— איהר האָט געוואונען דעם טאַנץ
געוועט? —האָט ר' לייזער אויסגע־
רופען. — איהר מיינט אַז איהר האָט
זיך פאַרמאָסטען געגען יוזשיק'ן, וועל־
כער איז אַ באַריהמטער טענצער און
שיסער און איהר האָט געגען איהם
געוואונען!...

— מיט גאָטעס הילף! — האָט

חיים געזאגט. — איך בין אין מיין קינדהייט געווען א גרויסער שטיפער. איך פלעג ליעב האבען צו טאנצען און שפרינגען, איז דאס מיר איצט צוניץ געקומען.

— אוי, טייערער פאטער אין הימעל! — האט רבקה אויסגערופען — צוליעב וואס פאר א זכות! מיר האבען עס ניט פארדינט פון דיר, גאט!

און איהר האט דערשאסען יוזשוק'ן? — האט יהודית איהם געפרעגט.

— ניין, איך האב איהם ניט דערשאסען! איך האב בלויז ארונטערגעשאסען דעם בערישען עק פון זיין פעל, איך האב געזאגט דעם גראף אז מיר אידען זיינען ניט בלוט דורשטיג, און כדי די פריצים זאלען ניט מיינען אז איך בין ניט קיין גוטער שיסער, האב איך זיי געזאגט אז איך וועל זיך צילעווען אויף דעם בערישען עק... און אזוי שנעל ווי יוזשוק האט ארויפגעקלעטערט אויפ'ן בוים, האב איך זיך א צילעווע געטאן און מיט גאטעס הילף האב איך געטראפען אין ציעל און דורכדעם האב איך מקדש השם געווען...

ר' לייזער, רבקה און יהודית זיינען געבליבען שטעהן פארגליווערט... וואס איז געשעהן? ווער איז ער האט דער חיים? ווי קומט עס אז ער האט געוואונען דעם טאנץ־געוועט? ווי קומט עס אז ער איז א גוטער שיסער, אז ער האט געקאנט באווייזען אזא קונץ?

דאס קליינע קעראסין לעמפעל האט נאך געצאנקט... און אין דער טונקעלהייט האט יהודית געקאנט באמערקען אז דער אורח איז זעהר מיד, אז ער איז אפגעגאסען מיט שוויים...

— מאמע, איך וועל געהן מאכען דעם געלעגער פאר אונזער אורח — האט יהודית אין דער שטיל א זאג געטאן צו איהר מאמען, און זי איז אריין אין צווייטען צימער.

— איך בין ווירקליך זעהר מיד, האט דער אורח געזאגט, איך וועל זיך איצט געהן אפרוהען. איך האף אז גאט וועט מיר מוחל זיין וואס איך האב מחלל שבת געווען און אזוי שווער געארבייט... יע, איך וועל אם ירצה השם אייך מארגען אין דער פריה דערצעהלען אלץ וואס האט פאסירט...

יהודית איז ארויסגעקומען פון צימער, און חיים איז אריינגעגאנגען, און זיך באלד אריינגעווארפען אין בעט. ער איז געווען אזוי ערשעפט אז ווי נאר ער האט זיך געליינט אויף דעם געלעגער, איז ער איינגעשלאפען.

ר' לייזער און זיין פרוי און טאכטער זיינען געבליבען זיצען א ווייל און האבען קיין ווארט ניט געקאנט אויסריידען. איצט זיינען זיי נאך מעהר ווי פריהער געווען צעטומעלט... ווער איז ער פארט? פארוואס איז ער געקומען צו זיי? ווער האט איהם דערצעהלט אז דער גראף פלאנט א בערען־טאנץ, און אז ער האט בדעה צו רופען איהם, לייזער'ן זיך צו פארמעסטען מיט דעם רשע יוזשוק?...

די קליינוואַרג, דוד און נפתלי זיינען אנידערגעפאלען שלאפען. עס איז שוין געווען פינסטער אין צימער, און זיי זיינען אלע געגאנגען צו זייערע געלעגערס, אבער קיינער פון זיי האט ניט געקאנט איינשלאפען... און ר' לייזער און רבקה האבען אין דער שטיל גערעדט צווישען זיך אז ווער ווייסט אויב דער מאן איז ניט קיין היילינגער... איך קאן ניט פארשטעהן ווי ער קומט צו מיר?

— נו, מארגען אין דער פריה וועלען מיר שוין וויסען — האט רבקה געזאגט.

— ווער ווייסט! — האט ר' לייזער אויסגערופען.

— ער האט דאך אונז געזאגט אז מארגען אין דער פריה וועט ער אונז דערצעהלען אלע איינצעלהייטען — האט רבקה געזאגט — פארוואס זאגסטו ווער ווייסט?...

— וואס זאל איך דיר זאגען, רבקה, מיר קאנען ניט וויסען! עס קאן זיין אז ווען מיר וועלען מארגען אין דער פריה אריינגעהן צו איהם אין צימער, וועלען מיר אויסגעפינען אז ער איז פארשוואונדען געווארען... האסטו דען ניט געהערט פון אזעלכע פאלען. ווער ווייסט אויב ער איז ניט קיין ל"ו־ניק. און אפשר טאקע אליהו הנביא אליין! עס איז דאך אלץ אזוי אומפארשטענדליך...

אויף מארגען אין דער פריה, זיינען שוין ביידע, ר' לייזער און רבקה געווען אנגעטאן. עס איז נאך געווען זעהר פריה, אבער די זון האט אריינגעשיינט אין שטוב, די טיהר פון צימער, וואו דער אורח איז געווען, איז געווען צוגעמאכט, און זיי זיינען געשטאנען און געקוקט מיט נייגעריגע בליקען... איז ער נאך דארט? אדער

אפשר איז ער שוין פארשוואונדען געוואָרען? אוי זיי וועלען קיינמאָל ניט וויסען ווער ער איז, ווי אזוי ער קומט צו זיי.

באלד האָבען זיי געהערט א באוועגונג. זיי האָבען דערהערט טריט, און זיי זיינען שנעל אָפּגעטראָטען פון דאָרט... די טיהר האָט זיך לאַנגזאַם געעפענט און חיים, אַן אויסגערוהטער, אַן אויסגעשלאָפענער, איז שוין געשטאַנען נעבען זיי...

"גוט שבת" — האָט חיים זיי באַגריסט מיט א שמייכעל.

ר' ליזער און רבקה זיינען געשטאַנען פארגאַפטע, זיי האָבען איהם אפילו ניט געקאָנט ענטפערען אויף זיין באַגריסונג... זיי האָבען אויף איהם געקוקט מיט בליקען פון אימה...

ווען זיי זיינען צו זיך געקומען, האָט איהם ר' ליזער געפרעגט מיט א ציטערענדער שטימע ווי ער האָט געשלאָפען.

— זעהר גוט געשלאָפען, א דאנק גאָט — האָט חיים געזאָגט — איך האָב זיך גוט אויסגערוהט, און איצט בין איך גרייט לעבודת הבורא.

— עס איז נאָך פריה פאר דעם ערשטען מנין! — האָט ר' ליזער געזאָגט — און מיר וועלען דערווייל טרינקען טהעע.

חיים האָט אָפּגעגאָסען "נעגעל-וואַסער" און רבקה האָט דערווייל ארויסגענומען פון אויוען א לאָק מיט געקאָכטע הייסע וואסער, און א קליין טשאַיניקעל מיט טהעע וואָס איז פאַרבריהט געוואָרען נאָך ערב שבת, און זיי האָבען זיך געזעצט ביים טיש טרינקען טהעע.

באלד האָט זיך באוויזען אויך יהודית, זי איז מיט פאַרזיכטיגע טריט אריין אין יענעם צימער... און איז געבליבען שטעהן נעבען טיהר.

— קום צו יהודית, זעץ זיך! — האָט רבקה זיך צו איהר געווענדעט.

יהודית, עטוואָס פארשעהמט האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און די מאַמע האָט איהר אָנגעגאָסען א גלאָז טהעע.

א ווײַלע האָבען זיי געטרונקען די טהעע שוויינענדיג.

— א גאַנץ פיינע שטעדטעל, איליע! — האָט חיים אונטערבראָכען די שטילקייט.

— איהר זייט דאָ צום ערשטען מאָל? — האָט איהם ר' ליזער געפרעגט.

— יע, נעכטען ביינאַכט בין איך דאָ אָנגעקומען צום ערשטען מאָל! — האָט חיים געזאָגט, — אָבער איך בין גלייך אריין אין בית המדרש, און זעהענדיג דאָרט די אידען, פארשטעה איך אז איליע מוז זיין א פיינע שטעדטעל...

— ענטשולדיגט מיר, וואָס איך וועל אייך פרעגען! — האָט ר' ליזער זיך צו איהם געווענדעט — זאָגט מיר ווי קומט עס אז איהר האָט דעם שמש געבעטען ער זאָל ביי מיר באשטעלען שבת פאר אייך...

— איך זעה אז איך וועל מוזען דערצעהלען אלע איינצעלהייטען — האָט חיים געזאָגט, — און דאריבער וועל איך אייך פריהער פון אלץ זאָגען ווער איך בין... איך בין אן אייניקעל פון ר' מנחם פון ווילנא!

— אָ, ר' מנחם מאן! — האָט ר' ליזער אויסגערופען — איך האָב זעהר פיל געהערט פון איהם! ער איז דאָך, זאָגט מען אן אריינגעהער ביים גראף פּאָטאָצקי אין פּאַלאַץ.

— נו, איצט גלויב איך וועט איהר זיך שוין אליין אנשטויסען ווי אזוי איך קום צו אייך.

— איך בעט אייך דערצעהלט אונז אלע איינצעלהייטען! — האָט רבקה זיך אָנגערופען — מיר האָבען ניט גענוג ווערטער מיט וואָס אייך צו באַדאַנקען, פאר אלץ וואָס איהר האָט געטאָן פאר אונז. ווי א מלאך פון הימעל האָט אייך גאָט געשיקט צו אונז און איהר האָט געראַטעוועט מיין מאן פון א זיכערען טויט. זאָגט מיר ווי קומט עס אז איהר האָט זיך פאַראויס דערוואוסט פון דעם גראַפ'ס פּלענער, און איהר זייט געקומען איהם צו ראַטעווען?

— ווי איהר ווייסט שוין, איז מיין זיידע אַן אריינגעהער אין גראַפ'ס פּאַלאַץ. האָט ער דאָרט געהערט אז ער פּלאַנעוועט אן אונטערהאַלטונג פאר זיינע געסט אין זיין זומער פּאַלאַץ אין איליע. און אז דאָרט וועט ער זעהן אז מען זאָל טאַנצען זיין באליבטען טאַנץ-שפּיל, דעם בערען טאַנץ. מיין זיידע האָט אויך געהערט אז ער וועט פּלוצלונג שיקען רופען זיין ארענדאר, וועלכער האַלט זיין מיל אין ארענדע... נו, האָט מיר מיין זיידע געזאָגט וועגען דעם און ער האָט מיך געשיקט אהער קיין איליע, איך זאָל זעהן צו פאַרנעמען אייער פּלאַץ...

— אָבער ווי אזוי האָט ער געקאָנט ערווארטען איהר זאָלט איינשטעלען אייער לעבען פאר מיר, א פרעמדען?

— איך האָב פארגעסען אייך צו דערצעהלען אז איך אליין בין אויך גראד ניט קיין שלעכטער טענצער, אז נאָך פון אינגעלוויז אָן, האָב איך געהאט א נייגונג צום טאנצען, און כאָטש מיין זיידע האָט דאן זעהר ניט געוואָלט אז איך זאָל עס טאָן, ווייל ער האָט געזאָגט אז טאנצען פאסט פאר איוואנ'ען... האָט ער אָבער אין די שפעטערע יאָהרען איינגעזעהן אז טאנצען קען אויך אמאָל צוניצקומען פאר א אידען... און ער האָט מיר לעצטענס געבעטען איך זאָל זעהן זיך צו פארפאָלקאָמען אין טאנצען. איך האָב געטאָן דאָס מייניגע און בעזרת השם, האָב איך, ווייזט אויס, געטאָן א פעולה... איך האָב זיך אויך געלערענט גוט שיסען, און איך טרעף פינקטליך אין ציעל... און ווען מיין זיידע איז געווען זיכער אז איך וועל זיך קאָנען פארמעסטען מיט יוזשוק'ן, אפילו, האָט ער מיר געזאָגט אז איצט איז געקומען די צייט צו העלפען אונזערע ברידער, אָט די איבער וועמען דער גראף האָט די שליטה... און ווען ער האָט אויסגעפונען אז איהר ר' לייזער וועט דארפען אונטערהאלטען די פריצים, ביי דער נעכטיגער אונטערהאלטונג, האָט ער מיך אהער געשיקט...

— זאָל איהם גאָט באצאָהלען פאר זיין גוטסקייט! — האָט רבקה געזאָגט.

— און אייך, חיים, זאָל גאָט אייך באלוינען ווי איהר האָט פארדינט. וואָס וואָלט מיט אונז אלעמען דאָ פאסירט ווען איהר קומט ניט? איהר האָט געראטעוועט א גאנצע משפחה פון אונטערגאנג... — האָט ר' לייזער אויסגערופען.

— אָ, דערצעהלט ווי עס איז דאָרטען צוגעגאנגען, ביים פריץ, ווי אזוי האָט יוזשוק פארלוירען דעם טאנץ־געוועט צו אייך? — האָט יהודית איהם געבעטען.

חיים האָט דערצעהלט מיט אלע איינצעלהייטען אלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען ביים גראף אין פאלאץ, און ווי אזוי ער האָט מקדש השם געווען, און ווען ער האָט איהם אָנגעבאָטען צעהן גאָלדענע רענדלעך האָט ער ניט גענומען, אָנגעבענדיג איהם די ערקלערונג אז שבת נעמט ער קיין געלט ניט.

— איך האָב זיך באנוצט מיט אָט דער געלעגענהייט און איהם פאָרגעוואָרפען פאר די שלעכטע באהאנדלונג וואָס ער באהאנדעלט די אידען וועלכע דינען איהם אזוי געטריי, און ווען ער האָט מיר געפרעגט וואָס איך פארלאנג, האָב איך איהם געזאָגט אז איך פארלאנג אז דער גראף זאָל ביי זיך באשליסען קיינמאָל ניט צו צווינגען קיין אידען מחלל שבת צו זיין. איך האָב פאר זיי אלעמען אויפגעקלערט ווי ניט ריכטיג עס איז צו ערלויבען אז אזא פייגלינג ווי יוזשוק זאָל האָבען די מאכט צו פארשמייסען אן אומשולדיגען אידען צום טויט...

— און וואָס האָט דער פריץ געזאָגט צו דעם? — האָט ר' לייזער איהם געפרעגט.

— ער האָט מיר געזאָגט אז ווען איך רייד צו איהם אזעלכע רייד אין אן אנדער צייט וואָלט איך דערפאר פון איהם באקומען שמיץ, אָבער היינטיגס מאָל איז ער מיר מוחל, ווי עס ווייזט אויס איז זיי שטארק געפעלען געוואָרען וואָס איך האָב געהאט א געלעגענהייט נקמה צו נעמען אָן יוזשוק'ן וועלכער האָט געטויט מיינע אומשולדיגע ברידער, איך האָב זיי איבערציינגט אז איך בין דוקא א גוטער שיסער, און אלץ וואָס איך האָב געטאָן איז ארונטערצושיסען דעם בערישען עק פון דער פעל וואָס יוזשוק האָט געטראָגען אויף זיך...

— און די גאנצע צייט האָט דער גראף געמיינט אז ער רעדט דאָס מיט מיר? — האָט ר' לייזער געפרעגט.

— יע, קיינער האָט ניט געוואוסט אז דאָס איז אן אנדערער! אפילו ווען זיי האָבען פון מיר פארלאנגט איך זאָל ארונטערנעמען די בערישע מאסקע, האָב איך אזוי אויסגעמארקירט אז זיי זאָלען ניט זעהן מיין פנים צו גוט... איך האָב זיך פארנייגט און זיי האָבען זיך בלויז געקאָנט איבערצייגען אז איך טראָג א באָרד.

— אָבער וואָס וועט זיין אז ער וועט מיך שיקען רופען א צווייטען מאָל? — האָט ר' לייזער איהם געפרעגט.

— איך גלויב אז דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס ער האָט געהאט אָט דעם טאנץ געוועט! — האָט חיים אויסגערופען — יוזשוק איז ביי זיי

אינגאנצען געפאלען איבערהויפט נאכדעם ווי ער האט געמאכט א פארזוך צו אנטלויפען... ניין, ער וועט שוין מעהר אזעלכע אונטערהאלטונגען ניט האבען אזוי שנעל, און אפשר וועט ער אינגאנצען אויפגעבען. און איצט האב איך אייך צו דערצעהלען נאך א זאך, וואס איך גלויב וועט אייך שטארק הנאה טאן: אלס באלוינונג פאר דעם וואס איך האב יוזשוק'ן ניט דערשאסען צום טויט, האט דער גראף פאטאצקי מיר געזאגט אז ער גיט מיר, מיינענדיג אייך, ר' לייזער, די ארענדע פון דער מיהל, פריי פאר צעהן יאהר צייט...

— וואס!! — האבען אלע מיט אמאל אויסגערופען. — די ארענדע פריי פאר צעהן יאהר!!

— יע, פריי פאר גאנצע צעהן יאהר — האט חיים ווידערהאלט — און דאס האט ער געזאגט פאר די אויגען פון אלע זיינע געסט, און איהר ר' חיים, וועט ניט דארפען מעהר צאהלען איהם קיין ארענדע.

— א, ווי גרויס זיינען דיינע וואונדער, אלמעכטיגער גאט! — האט ר' לייזער אויסגערופען.

— מיר האבען געמיינט, אז איהר זייט אליהו הנביא! — האט רבקה זיך געווענדעט צו חיים'ען און איצט דוכט זיך מיר, אז איהר זייט ווירקליך אליהו הנביא. איהר זייט געקומען צו אונז אינ'ם מאמענט פון אונזער גרעסטער נויט, און ניט נאר האט איהר אונז אלעמען גערעטעוועט פון אונטערגאנג; ווייל ווען מיין מאן געהט ניט צום גראפ'ם פאלאץ, וואלט ער דאך פארברענט אונזער הויז, ער וואלט פארטריבען מיין מאן פון דער ארענדע, און אפשר וואלט ער איהם געלאזט טויטען, ווי ער האט עס געטאן צו די עמליכע אידען פון ווילנא... און ווען ער וואלט יע געגאנגען, וואלט דאך איהם יוזשוק פארשמיסען צום טויט, אדער דערשאסען... זייט איהר געקומען, און ניט נאר גערעטעוועט מיין מאן פון א זיכערען טויט, נאר איהר האט נאך פאר איהם ארויסבאקומען די ארענדע פריי פאר צעהן יאהר, און דערצו האט איהר מקדש השם געווען, און אויסגעווירקט, אז ער זאל מעהר זיך אזוי ניט איזדעקעווען איבער די הילפלאזע אידען...

— זאל שוין גאט געבען, אז מיר זאלען מעהר ניט וויסען פון קיין שלעכטס! — האט ר' לייזער געזאגט — די אידען ליידען זיך גענוג אן פון די קאפריזען פון די פריצים.

— עס איז אבער ניטא א זאך וואס איז אין גאנצען שלעכט — האט חיים זיך אנגערופען — דער גראף פאטאצקי האט א זוהן, א יונגער מאן, וועלכער איז אינגאנצען דער היפוך פון זיין פאטער. זיין נאמען איז וואלענטי. ער באזיצט א דימענטענע הארץ, און מיר האבען דאס טאקע איהם צו פארדאנקען וואס עס האט זיך אזוי אויסגעלאזען. ווייל אהן איהם וואלטען מיר קיינמאל ניט געוואוסט, אז דער פריץ פלאנט צו מאכען אזא אונטערהאלטונג אין זיין זומער פאלאץ אין איליע, און אז ער האט בדעה אייך, ר' לייזער, צו רופען זיך פארמעסטען אין א טאנץ געוועט מיט יוזשוק'ן. יע, אט דער דאזיגער יונגער גראף וואלענטי, האט וועגען דעם געמעלדעט מיין זיידען, און ער האט איהם געראטען וואס צו טאן. ער איז אפילו געווען אנוועזענד נעכטען ביינאכט ביים טאנץ, כאטש ער קומט זעהר זעלטען צו זיין פאטער'ס ווילדע הוליאנקעס. היינטיגס מאל, אבער, האט ער געוואלט זיין דערביי, אין פאל עס וועט עפעס פאסירען... ווי איך פארשטעה האט ער מורא געהאט, אז אפילו ווען איך זאל ארויסקומען דער זיגער, וועלען פיליכט די פריצים ניט וועלען דערלאזען, אז א איד זאל האבען די אויבערהאנט איבער איינעם פון זיי, און זיי וועלען זוכען צו פארדרעהען די גערעכטיגקייט... און ער האט באשלאסען ניט צו דערלאזען עס זאל קומען צו דעם.

אבער ווי עס ווייזט אויס איז עס צו דעם ניט געקומען. קיינער האט ניט געוואגט צו זאגען, אז יוזשוק טאנצט בעסער פאר מיר... איך האב זיי געוויזען, אז דער איד קאן אויך באווייזען, אז ער קאן טאנצען און טאן אנדערע זאכען, וואס די גויים קאנען טאן...

די שמחה וואס האט געהערשט אין ר' לייזער'ס הויז יענעם שבת אין דער פריה איז געווען זעהר גרויס. די מאמע האט אויפגעוועקט איהרע צוויי זיהן, דוד'ן און נפתלי'ן. זי האט זיי דערצעהלט, אז זייער אורח האט זיי אלעמען גערעטעוועט, און זיי אנגע-

זאגט, אז זיי זאלען פאר קיינעם זיך ניט ארויסריידען, וואס עס האט פאסירט לעצטע נאכט.

באלד האבען זיי זיך אנגעטאן אין זייערע שבת'דיגע בגדים, און זיי זיינען אלע געגאנגען אין בית המדרש דאווגען מיט דעם ערשטען מנין...

ר' לייזער האט געבעטען חיים'ען ער זאל זיך זעצען מיט איהם אויבען־אן אין מזרח, אבער חיים האט ניט געוואלט.

— עס וועט זיין בעסער אזוי! — האט חיים געזאגט צו איהם אין דער שטיל — וואס ווייניגער אויפמערקזאמקייט איך וועל ציהען אליך בעסער וועט זיין... איך בין זיכער, אז אלע אידען וואלטען געוואוסט ווי צו האלטען א סוד, אבער פונדעסטוועגען קאן זיך אימיצער אמאל ארויסריידען פאר אימיצען, וואס קאן מיר און אונז אלעמען טאן שאדען...

פונדעסטוועגען האט ר' לייזער דער גבאי פון בית המדרש צוגערופען דעם שמש און איהם אנגעזאגט, אז ער וויל אן עליה פאר זיך, און זיין אורח, חיים'ען זאל ער געבען מפטיר.

— איך וויל בענשען "גומל"! — האט ר' לייזער צוגעגעבען.

— וואס איז געשעהן מיט אייך? האט איהם דער שמש אנגעקוקט.

— גארניט! — איהר ווייסט דאך היינטיגע צייטען דארף יעדער איד בענשען גומל, עפעס א קלייניגקייט...

— אבער פארט, וואס האט מיט אייך פאסירט?

— זיך שיער ניט דערווארגען מיט א ביינדעל פון פיש! — האט ר' לייזער דורכגעזייט א ליגען דורך זיינע ציינער. ער האט געפיהלט, אז דאס איז דאך ניט קיין ליגען, עס קאן דאך טרעפען אזעלכע זאכען. און ער האט געזאגט "שיעור"... פון עסען פיש, ביז זיך ווערגען מיט א ביינדעל, איז בלויז "שיער"...

דער שמש האט איהם געגעבען "אחרון", און ר' לייזער האט געבענשט "הגומל". דערנאך האט דער שמש אויפגערופען חיים'ען צום מפטיר.

די אידען אין שוהל האבען זיך א לאז געטאן אין מיטען דער קריאה, צו ר' לייזער'ן און איהם געפרעגט וואס עס האט פאסירט, אבער ר' לייזער האט א מאך געטאן מיט'ן האנט, אז איצט איז ניט די צייט צו ריידען וועגען דעם.

אבער די אידען האבען שוין ניט גערוהט... עפעס איז זיי אויפפאלענד, וואס ר' לייזער האט געהייסען דעם שמש געבען זיין אורח מפטיר, ווער איז ער דאס דער אורח? לויט ווי זיי האבען געהערט פון שמש, איז ער אפילו ניט קיין למדן... — און פארוואס האט ר' לייזער פלוצלונג געבענשט "גומל"?

ווי נאר מען האט געענדיגט דאווענען און מען האט גענומען זאגען: "גוט שבת"! האבען די מתפללים ארומגערינגעלט ר' לייזער'ן און איהם גענומען שטעלען פראגעס: "וואס איז מיט איהם געשעהן? פארוואס האט ער געבענשט "גומל"? — ווער איז דאס זיין אורח, וועמען ער האט געהייסען געבען מפטיר?

— עס איז גארניט! — האט זיי ר' לייזער גענומען פארזיכערען — איך האב שוין געזאגט דעם שמש, א ביינדעל פון פיש... גארניט מיט גארניט!

— און וועד איז דאס אייער אורח?

— א איד! א פרומער איד פון ווילנא!

— אבער, אז איהר האט איהם געהייסען געבען מפטיר, איז דאך א סימן, אז ער איז עפעס א וויכטיגער איד...

— און וועד זאגט אייך, אז ער איז ניט קיין וויכטיגער איד? — האט ר' לייזער געזאגט.

— אויב אזוי, פארוואס האט איהר מורא אונז צו זאגען וועד ער איז?

— איך האב קיין מורא ניט! זיין נאמען איז חיים, ער איז דאן אייניקעל פון ר' מנחם מאן, פון ווילנא, נו, איצט זייט איהר שוין צופרידען?

די אידען האבען אבער זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט זיין ענטפער. איבערהויפט האט זיך ניט צופרידענגעשטעלט יאשקע דער שניידער, וועלכער האט געוואוסט אליך וואס עס טוט זיך ביי יענעם. איהם איז די גאנצע געהערט, אז ר' לייזער רופט זיין אורח ניט ר' חיים, נאר חיים... דאס איז א סימן, אז ער איז נאך א בחור, און אויב אזוי, קאן זיין, אז דאס האט ער זאך ניט געפעלען געווארען... ער האט איהם ארפגעבראכט פון ווילנא מיט דער כונה פאר א שידוך פאר זיין טאכ־

טער יהודית... אבער לויט ווי דער שמש האט איהם געזאגט, האט ער איהם דאך ניט געקענט. ער האט שוין דעם שמש געפרעגט נאך נעכטען ביינאכט, נאכ'ן דאווענען ווען ער האט געזעהן ווי ר' לייזער נעמט דעם אורח אויף שבת. דער שמש האט איהם געזאגט, אז דער פרעמדער איז געקומען בייטאג און איז געבליבען זיצען אין בית המדרש, און ער האט פארלאנגט פון איהם ער זאל באשטעלען שבת ביי ר' לייזער'ן... יע, ווי עס ווייזט אויס איז דאס צוליב א שידוך... אבער איין זאך איז איהם שווער צו פארשטעהן, אויב דאס איז צוליב א שידוך, טא ווי קומט עס, אז דער חתן זאל קומען צנגעטאן אין אזעלכע אלטע פארלאטעטע בגדים, בפרט אויב ער איז אן איניקעל פון ר' מנחם'ען. ער האט זעהר פיעל געהערט פון אט דעם מנחם'ען... ער ווייס, אז ער איז א רייכער איד, טא ווי קומט עס, אז זיין איניקעל זאל זיין געקליידט ווי א בעטלער?...

דאס און נאך פילע זאכען האט יאשקע'ן דעם שניידער ניט געלאזט רוהען, ער האט זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט ר' לייזער'ס ערקלערונג, אז ער האט געבענשט "גומל" צוליב עפעס א פיש־ביין...

באטש יאסעל איז געווען א שניידער, איז ער אבער געווען א גאנץ רייכער איד, לויט יענער צייט. ער איז געווען דער בעסטער שניידער אין איליע, און ער פלעגט נייהען בגדים פאר די פריצים. ער פלעגט נייהען אויך דאמסקע קליידער פאר די אנגעשטעלטע פון דעם גראף פאטאצקי'ס זומער פאלאץ אין איליע. און דאריבער האט ער געוואוסט אפילו וואס עס טוט זיך דארט אין פאלאץ. אין דער צייט ווען ער פלעגט נעהמען א מאס פון יענע פרויען, פלעגען זיי איהם דערצעהלען וועגען אלץ.

יאסעל שניידער האט ביי זיך אין הארצען געטראגען א שטיקעל שנאה אויף ר' לייזער'ן. ער האט עס ניט ארויסגעוויזען אפען. דאס איז געווען ווייל ביז וואנען ר' לייזער איז געווארען גבאי פון בית המדרש, פלעגט ער, יאסעל שניידער, זיין דער גבאי שני, ווייל ער פלעגט זיך לאזען קאסטען אויף דעם בית המדרש. אבער ווען ר' לייזער איז געווארען גבאי, האט ער אויסגעקליבען א צווייטען אידען פאר דעם גבאי שני. באטש אין אמת'ן האט זיך יאשקע שניידער ניט געדארפט פיהלען באליידיגט צוליב דעם, ווייל דער נייער גבאי האט געהאט א רעכט צו באשטימען זיין גבאי שני, אבער ער האט געפיהלט אז דאס האט ער איהם מיט א כיוון אויסגעבראקירט, ווייל ער האט ניט געוואלט אז א שניידער וועלכער האט צו טאן מיט פרויען, זאל שטעהן אויף דער בימה נעבען דער ספר תורה... דאס האט ער נאך געהערט פון אימיצען אנדערש, אבער ער האט פארשטאנען אז צוליב דעם טאקע האט ר' לייזער איהם ניט געוואלט האבען פאר גבאי שני.

הגם עס זיינען שוין פאריבער עטליכע יאהר זינט דאס איז געשעהן, האט איהם יאסעל ניט געקאנט מוחל זיין. ער האט געוואוסט אז ער טאר זיך ניט אנפאנגען מיט איהם, ווייל ר' לייזער איז געווען באליבט ביי אלעמען אין איליע, און מען וואלט איהם ניט געשאנקען אויב ער פאנגט זיך אן מיט איהם, אבער לעצטען ערב פסח, ווען ר' לייזער האט געוואלט באשטעלען צוויי גארניטערלעך פאר זיינע צוויי אינגלעך, דוד און נפתלי, האט יאסעל איהם געזאגט אז ער איז פארווארפען מיט ארבייט און קאן איהם ניט גאראנטירען אז ער וועט זיי האבען פארטיג אויף פסח. האט ר' לייזער אוועקגעגעבען די ארבייט צו אן אנדער שניידער...

יאסעל שניידער האט געהאט פינף זיהן און איין טאכטער, וועלכע איז געווען אין די זעלבע יאהרען מיט יהודית'ן, ר' לייזער'ס טאכטער, און דאריבער, ווען ער האט גענומען פארדעכטיגען אז חיים איז געקומען פון ווילנא צוליב דעם וואס ר' לייזער האט אין זינען איהם צו נעהמען פאר אן איידעם, האט דאס איהם שוין אביסעל גענומען באאומרוהיגען. ער האט באשלאסען אויסצוגעפינען וואס מיט ר' לייזער'ן האט פאסירט, פארוואס האט ער געבענשט גומל? און פארוואס האט ער דעם שמש געהייסען געבען זיין אורח מפטיר.

יאסעל'ס אינגלעך פלעגען זיך גאנץ אפט שפילען מיט ר' לייזער'ס אינגלעך, און ווען יאסעל איז געקומען אהיים פון בית המדרש, האט ער דערשטייגען יוזשוק'ן אין טאנצען. און

צעהלט זיין ווייב ווענגען ר׳ לייזער׳ן און זיין אורח.

— עפעס איז געשעהן אין ר׳ לייזער׳ס הויז, אבער ער זאגט ניט וואס...

— טא וואס געהט עס דיר אזוי אין לעבען! — האט זיין ווייב איהם געזאגט — אז ער וויל ניט זאגען, מסתמא דארף ער ניט זאגען.

— מיר נארט מען ניט! א פישביינדעל! האסטו ווען עס איז געהערט אז מען זאל בענשען גומל צוליב א פיש־ביינדעל! קום אהער, בערקע, האט ער זיך געווענדעט צו זיין אינגערען אינגעל — ווען דו וועסט זיך שפילען מיט נפתלי׳ן זאלסטו פון איהם אויסגעפינען וואס עס איז געשעהן מיט זיי... און אויך וועגען זייער אורח פון ווילנא.

בערקע איז געווען א כיטרער אינגעל, פון א יאהר צעהן, און כאטש אין חדר האט ער געלערענט אין דער קלענערער כיתה, פלעגט ער זיך שפילען מיט די אינגלעך פון דער גרעסערער כיתה, און איבערהויפט מיט דוד׳ן און נפתלי׳ן, ר׳ לייזער׳ס אינגלעך.

ווען ר׳ לייזער און זיין באליבטער אורח האבען זיך אומגעקערט אהיים פון בית המדרש, צוזאמען מיט זיינע צוויי אינגלעך, איז שוין דער טיש געווען גרייט. דער ריח פון טשאלענט האט זיך געהערט איבער׳ן גאנצען הויז, און גערייצט די הונגעריגע אפעטיטען פון דוד׳ן און נפתלי, און זיי האבען זיך שוין קוים דערווארט זייער טאטע זאל מאכען קידוש און זיי זאלען זי דזעצען צום טיש. יהודית איז געווען אויסגעפוצט אין איהר שבת׳דיג קלייד, און איהר פנים האט געלויכטען... א גליקליכע פרייד האט זיך אויסגעגאסען אויף דעם פנים פון רבקה׳ן, וועלכע האט מיט אזוי פיל דאנקבארקייט באגריסט זייער טייערען אורח.

אין דער ליכטיגקייט האבען אלע געקאנט זעהן אז חיים, זייער אורח, איז שעהן און איידעל, טראץ דעם וואס ער איז געווען אזוי באוואקסען, און געטראגען אלטע פארלאטעטע קליידער. זיי האבען אנגעפאנגען צו פארשטעהן, פארוואס ער האט עס אזוי געטאן. ער האט דאך געמוזט אויסקוקען עלטער ווי ער איז, כדי מען זאל זיך ניט כאפען ביים גראף, אז דאס איז נאר א פרעמדער...

רבקה האט ארויסגענומען דעם טשאלענט פון אויווען, מיט דעם פעטען געשמאקען קוגעל... ר׳ לייזער האט אנגעהויבען זינגען זמירות: ״יום זה מכובד מכל ימים״, און אלע אין הויז האבען מיטגעהאלפען...

רבקה האט אויסגעטיילט די חלקים אויף די טעלער, און יהודית האט דערלאנגט צום טיש... אין שטוב איז געווען ליכטיג. די זון האט אריינגעשיינט דורך די אפענע פענסטער. פלוצלינג האט זיך דערהערט א לייכטער קלאפ אין טיר.

— ווער קאן דאס זיין? — האט ר׳ לייזער אויסגערופען און זיין הארץ האט גענומען קלאפען זעהר האסטיג.

יהודית איז געגאנגען עפענען די טיר, און ווי גרויס איז געווען איהר ערשטוינונג, ווען זי האט געזעהן פאר איהרע אויגען שטעהענדיג א יונגען גראף, וועלכער איז געבליבען שטעהן נעבען דער טיר מיט זיין הוט אין האנט. ער האט זיך פארנייגט פאר יהודית׳ן און איהר באגריסט: ״דזשען דאברי״!

די קאלירען אין יהודית׳עס פנים האבען זיך געביטען. איהר שרעק איז געווארען גרויס. ווער ווייסט אויב מען איז ניט געקומען אהער פון גראף אויסצוגעפינען ווער עס האט נעכטען געטאנצט דעם טאנץ־געוועט מיט יורזשוק׳ן...

דערווייל האט זיך ר׳ לייזער אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און איז צוגעגאנגען זעהן פון וויטען ווער דאס איז, און ווען ער האט דערזעהן א יונגען גראף, איז איהם באפאלען א טויט שרעק... ער האט זיך גלייך צוריקגעקערט צום טיש, און זיך געווענדעט צו חיים׳ען מיט א ציטערענדער שטימע, אין דער שטיל:

— שנעל, געהט אריין אין דעם צווייטען צימער, מען איז געקומען אהער פון גראף, אויסצופארשען וועגען נעכטען...

חיים האט זיך שנעל אויפגעהויבען און ער האט שוין געוואלט אריינגעהן אין צווייטען צימער, ווען ער האט דערהערט די שטימע פון דעם יונגען גראף, וואלענטי. און אנשטאט זיך צו באהאלטען, איז ער צוגעקומען צו דער טיר און באגריסט דעם יונגען גראף, און איהם געבעטען אריינגעהן.

— אפילו לויט אונזער תלמוד! —

האט חיים זיך אנגערופען צו וואלענ־
טי'ן מיט א שמייכעל—איז ניט רעכט
פאר איין אורח איינצולאדען א צוויי־
טען אורח. אבער איך בין זיכער, אז
איהר וועט זיין זעהר ווילקאמען דא...

חיים איז אריינגעקומען אין דער
סטאלאווע און ער האט פארגעשטעלט
פאר אלעמען דעם יונגען גראף פא־
טאצקי, וועלכער האט זיך פריינטליך
באגריסט מיט זיי.

— איך וויל אייך זאגען! — האט
חיים זיך געווענדעט צו ר' לייזער'ן—
אז ווען ניט אונזער פריינד גראף ווא־
לענטי, וואלטען מיר דא איצט ניט
געגעסען דעם טשאלענט צוזאמען...
יע, מיר האבען איהם צו פארדאנקען
פאר דעם וואס אונז איז געלונגען צו
באזייטיגען די געפאר, וואס עס האט
געלויערט אויף אייך...

א קליינע ווילע האט קיינער ניט
געקאנט עפענען א מויל. אלע האבען
געקוקט אויף דעם יונגען גראף מיט
צעשראקענע בליקען... חיים אבער
האט זיך צו איהם פארהאלטען ווי צו
אן אלטען פריינט... ער האט פאר
איהם געמאכט א פלאץ נעבען טיש און
איהם געבעטען זיך צוזעצען...

— איך וויל, אז איהר זאלט וויסען,
אז דער יונגער גראף וואלענטי, איז
אונז אלעמען א גוטער פריינט — האט
חיים געזאגט אין אידיש צו ר' לייז־
ער'ן.

— ער האט אונז געהאלפען מיט אלץ
וואס ער האט נאר געקאנט און דאס
וואס איך בין אהער געקומען שטאמט
עס אויך פון איהם...

דאס האט אלעמען בארוהיגט.
יהודית, האט שנעל מיט איהר פאר־
טוך אפגעווישט א בענקעל און דאס
צוגעטראגען צום יונגען גראף, וועל־
כער האט זיך העפליך פארנייגט און
איהר באדאנקט.

דער ריח פון טשאלענט האט געריי־
צען וואלענטי'ס נאז־לעכער און ער
האט געמאכט א באמערקונג וועגען
דעם.

— פיליכט וועט אייער דורכלויכט
פארזוכען א אידישען טשאלענט! —
האט חיים זיך צו איהם געווענדעט.

וואלענטי האט א שמייכעל געטאן,
און חיים האט א וואונק געטאן צו
רבקה'ן, וועלכע האט שנעל געבראכט
א טעלער מיט טשאלענט, און אויף א
צווייטען טעלער א שטיקעל קוגעל.

דער יונגער גראף האט עס געגעסען
מיט אפעטיט און ניט געהאט גענוג
ווערטער אפצולויבען די געשמאקקייט
פון דעם טשאלענט.

— איך האב נאך אין מיין לעבען
ניט געגעסען אזא געשמאקען מאכל!
— האט ער זיך אנגערופען — זאגט
מיר, ווי אזוי מאכט איהר אזעלכע
מאכלים! עס זאל האבען אזא זעל־
טענעם טעם!

חיים האט א שמייכעל געטאן און
זיך אנגערופען צו איהם אין א גוטען
פויליש:

— אונזערע חכמים דערצעהלען, אז
א רוימישער קייסער, האט איינמאל
פארזוכט א טשאלענט ביי אידען, האט
ער זיך אויך געוואונדערט ווי אזוי מען
מאכט אזא מאכל! ער האט פאר־
לאנגט, אז מען זאל זאגען זיין קוכער
ווי אזוי מען גרייט צו אזא מאכל. דער
איד האט געזאגט דעם קייסער'ס קו־
כער ווי מען קאכט דעם טשאלענט,
אבער ווען דער קייסער האט עס פאר־
זוכט, האט ער ניט געפיהלט דעם זעל־
בען טעם... איז ער שוין אין כעס גע־
ווארען אויף דעם אידען און איהם גע־
לאזט ארעסטירען פארוואס ער האט
איהם אפגענארט.

דער איד אבער האט איהם געזאגט,
אז ער האט איהם ניט גענארט, ער האט
געגעבען אלע געריכטען וואס ווערען
געברויכט אין דעם דאזיגען מאכל.

— אויב אזוי, טא פארוואס האט
עס ניט געהאט דעם זעלבען טעם ווי
דיין טשאלענט? — האט דער רוימי־
שער קייסער איהם געפרעגט.

— ווייל מיין טשאלענט האט געהאט
אין זיך אזא מין גראז, און דאס האט
געמאכט דעם טעם אזוי געשמאק...

— אויב אזוי, טא פארוואס האסטו
מיין קוכער ניט געגעבען אט דעם
גראז? ווערט שוין דער קייסער אין
כעס.

— אט דעם גראז קאן מען ניט גע־
בען.

— פארוואס ניט?

ווייל עס איז אזא מין גראז וואס
מען קאן איהם ניט זעהן און פיהלען...
דער נאמען פון דעם גראז איז "שבת",
און נאר א איד, וועלכער היט אפ שבת
קאן דורך דעם בא'טעמ'ען דעם טשא־
לענט.

דעם יונגען גראף איז דאס זעהר געפעלען געווארען, און ער האט זיך אנגערופען:

— אייער תלמוד איז פול מיט אזעלכע שעהנע מעשה׳לאך... אייער זיידע, מנחם, האט מיר שוין פילע מעשה׳לאך דערצעהלט און מיר איז קיינמאל ניט נמאס געווארען זיי צו הערען.

עס איז אוועק א האלבע שעה, און מיט יעדער רגע האט זיך ר׳לייזער׳ס משפחה גענומען פיהלען היימישער אין זיין אנוועזענהייט. ער האט גערעדט מיט אזוי פיל צערטליכקייט און פריינטשאפט, אלע האבען געפיהלט, אז זיי האבען אין איהם א גוטען פריינט, וועלכער וועט זיי באשיצען אין פאל פון א נויט...

יהודית האט גענומען פיהלען דעם יונגען גראפ׳ס בליקען, און איהר פנים האט זיך גענומען רויטלען... זי האט ארונטערגעלאזען איהרע אויגען...

— איך האף, אז איך שטער אייך ניט! — האט וואלענטי אויסגערופען

— איך האב געפיהלט, אז איך מוז זיך זעהן מיט חיים׳ען און איהם הארצליך באדאנקען פאר זיין גוטער ארבייט וואס ער האט געטאן לעצטע נאכט... איך וועל אייך זאגען דעם אמת, אז אזא מיין טאנצען ווי איהר האט נעכטען געטאנצט, האב איך נאך אין מיין גאנצען לעבען געזעהן... איהר קאנט זיך פארשטעלען, אז עס האט זיך ניט געפונען קיין איינער פון די געסט, וועלכער זאל זיך ארויסזאגען געגען דעם, אז מען זאל אייך ערקלערען פאר דעם געווינער פון דעם געוועט, און איהר דארפט אויך ניט פארגעסען, אז יוזשוק איז ביז נעכטען געווען פאררעכענט פאר דעם בעסטען טענצער... מיין פאטער האט דאך איהם אראפגעבראכט פון ווארשע, און ער האט מיט איהם שטאלצירט... ער פלעגט אונטערהאלטען אלע אונזערע פריינט... און מיין אינגערע שוועסטער קאטערינא, האט זיך איינפאך פארליבט אין איהם... איך קאן זיך פארשטעלען ווי אזוי זי האט געפיהלט נעכטען ביינאכט ווען איהר, חיים, האט יוזשוק׳ען געמאכט צום נארען... איך האב געקוקט אויף מיין שוועסטער, וועלכע איז געזעסען אין א ווינקעל פון פאלאץ, און ווען יוזשוק האט פארלוירען דעם טאנץ צו אייך, האב איך באמערקט טרעהרען אין איהרע אויגען... און ווען יוזשוק האט ארויסגעוויזען זיין פייגהייט, און ער האט געמאכט א פארזוך צו אנטלויפען, האב איך געהערט ווי מיין שוועסטער האט זיך אנגערופען צו אונזער מוטער, אז מען דארף יוזשוק׳ען דערשיסען ווי א הונט... יע, פאר דעם אליין האט איהר פארדינט מיין און מיין מוטער׳ס דאנקבארקייט, ווייל מיין מוטער, פונקט ווי איך האבען יוזשוק׳ען ניט געקאנט פארליידען... מיין מוטער איז אין גאנצען דער היפוך פון מיין פאטער. זי קאן ניט זעהן קיין בלוט פארגיסונג, און ווען יוזשוק האט ארויסגעוויזען זיין ברוטאליטעט, מיט דעם וואס ער האט פארשמיסען איין אידען צום טויט, און א צווייטען דערשאסען, האט מיין מוטער אויף איהם ניט געקאנט קוקען... זי האט מיך טאקע געבעטען איך זאל אייך באדאנקען פאר אייער וואונדערבארען טאנצען, און איבערהויפט פאר דעם וואס איהר האט אלעמען באוויזען, אז כאטש איהר זייט א גוטער שיסער, און אז איהר האט געהאט פולען רעכט איהם צו דערשיסען ווי א הונט, האטאיהר ארויסגעוויזען רחמנות צו אט דעם אומווירדיגען, און בלויז ארונטערגעשאסען דעם בערישען עק פון דער פעל וואס ער האט געטראגען... דאס, זאגט מיין מוטער איז ביי איהר נאך מעהר אנגעלייגט ווי דאס וואונדערבארע טאנצען.... איבערהויפט איז זי צופרידען פון דעם, וואס יוזשוק איז דורכדעם אינגאנצען געפאלען אין אלעמענס אויגען. איהר ווייסט דאך, אז מיין פאטער האט געהייסען איהם פארשפארען אין תפיסה, און איך בין זיכער, אז דאס וואס ער האט זיך ארויסגעוויזען אלס פייגלינג, וועט ער שוין ניט מעהר טאנצען... מיין שוועסטער׳ס פריינטשאפט צו איהם איז פארוואנדעלט געווארען אין שנאה און פאראכטונג... און מיין מוטער איז אייך דערפאר זעהר דאנקבאר...

— ווייס דען אייער מוטער פון אונזער סוד! — האט חיים זיך געווענדעט צו וואלענטי׳ן.

— א, ניין! קיינער אויסער מיר און איהר אלע, ווייסט ניט פון אט דעם סוד, כאטש איך ווייס, אז איך וואלט

זיך געקאָנט פֿאַרלאָזן אויף מיין מוטער, אַז זי זאָל ניט דערצעהלען קיינעם וועגען דעם, פֿונדעסטוועגן, האָב איך באַשלאָסן אפילו איהר ניט צו דערצעהלען, ווייל זי קאָן זיך נאָך אַ מאָל ניט וועלינדיג אַרויסריידען פֿאַר וועמען עס איז... זי מיינט, אַז דאָס זייט איהר, פֿאַן לייזער זוסקעס, און זי האָט מיר געבעטען איך איבערגעבען איהר דאַנק, און אויך פֿופֿציג רענדלאַך פֿאַר אייך און פֿאַר אייער משפחה...

— אַ, ניין — האָט ר׳ לייזער אויסגערופֿען — איך האָב עס דאָך זיכער ניט פֿאַרדינט!

— איך צווייפֿעל ניט, אַז איהר וועט קאָנען געברויכען דאָס געלט. איך וויים, אַז שבת האַלט איהר קיין געלט ניט, דעריבער וועל איך אייך צוברענגען דאָס געלט היינט ביינאַכט...

— איך וויים ניט וואָס צו זאָגען!

— האָט ר׳ לייזער זיך אָנגערופֿען — איך האָב דאָך דאָס געלט געוויס ניט פֿאַרדינט, האָב איך דאָך קיין רעכט ניט צו ריידען וועגען דעם... איך לאָז עס איבערגאַנצען איבער צו חיים׳ען, אונזער ווירדיגען גאַסט.

— נו, גוט, מיר וועלען נאָך צייט האָבען וועגען דעם צו ריידען היינט, מוצאי־שבת — האָט חיים געזאָגט — און מיר זיינען אייך און אייער מוטער דאַנקבאַר פֿון טיפֿסטען האַרצען, פֿאַר אייער גוטהערציגקייט.

— איך בעט אייך, מיינע פֿריינט, שטערט זיך ניט! איך בין אַהער געקומען זעהן ווי איהר, אידען פֿיהרט זיך אויף אום שבת... איך האָב אַזוי פֿיל געהערט פֿון דעם, אַז איך וואָלט וועלען עס צוזעהן מיט מיינע אויגען... איך בעט אייך, נאָך אַ מאָל, קוקט זיך ניט אום אויף מיר, איך וועל זיצען אָן אַ זייט... ווען איך בין צוגעקומען צו אייער הויז, האָט זיך צו מיינע אויערען דערטראָגען זעהר אַ שעהנער ניגון פֿון אייער הייליגע געזאַנגען... איך פֿיהל, אַז צוליב מיר, האָט האָט איהר אויפֿגעהערט, בעט איך אייך, דאַריבער פֿאָרטצוזעצען אייערע געזאַנגען, ווייל איך האָב עס זעהר ליב צו הערען. זעצט זיך אַלע אויף אייערע פֿלעצער, און זאָל זיך אייך דוכטען, אַז איך בין דאָ ניטאָ...

חיים איז געווען דער ערשטער אָנצופֿאַנגען, און ווען ער איז געקומען צום "השומר שבת, הבן עם הבת..." האָבען שוין אַלע מיטגעזונגען...

דער יונגער גראַף איז געזעסען אויף זיין פֿלאַץ ווי צוגעשמידט... ער האָט געקוקט אויף דער שעהנער יהודית׳ן, וועלכע האָט מיט איהר אַנגענעמע, זיסע שטימע, מיטגעהאָלפֿען זינגען. ער איז געבליבען זיצען אַ פֿאַר׳כשופֿ׳טער פֿון דער וואונדערבאַרער סביבה... ער האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט... וואָס פֿאַר אַן אונטערשייד עס איז צווישען זיינע מענשען און די אידען. אָט נעמט ער זייערען אַ זונטאָג, וואָס דאָס דאַרף דאָך זיין ביי זיי אַ הייליגער טאָג... איז וואָס טוען זיי? זיי שכור׳ען זיך אָן, און זיי פֿאַרוואַנדלען דעם טאָג פֿון רוה, אין אַ טאָג פֿון הוליאַנקעס און פֿאַרשוועכען די הייליגקייט פֿון דעם טאָג מיט זייערע גראָבע רייד, מיט זייערע שמוציגע וויצען, און מיט זייער עקעלהאַפֿטען געלעכטער...

ער האָט באַטראַכט די מוטער, וועלכע איז געזעסען נעבען איהר מאַן און מיט אַזעלכע גליקליכע, באַשיידענע בליקען געקוקט אויף איהרע צוויי אינגלאַך, וועלכע האָבען געזונגען אַזוי הויך און שעהן די זמירות... אין אָט דעם דאָזיגען אָרימען שטיבעל קאָן ער פֿיהלען נעטליכקייט אין יעדען ווינקעל. וואָס פֿאַר אַ ליבליך, טייער פֿאָלק די אידען זיינען! און דאָך ווערען זיי אַזוי גע׳רודפֿ׳ט, אַזוי געפּלאָגט... זיי זיינען רוהיגע, פֿרידליכע מענשען, זיי זיינען עהרליך און גאָט פֿאַרכטיג... טאָ פֿאַרוואָס קומט זיי אַזוי פֿיל ליידען? ער ווייסט וויפֿיל אידיש בלוט איז פֿאַרגאָסען געוואָרען און ווערט פֿאַרגאָסען יעדען טאָג... ער דערמאַנט זיך, אַז דער גלח פֿון דער סעמינאַריום, וואו ער שטודירט טעאָלאָגיע, האָט איינמאָל פֿאַר זיי, די סטודענטען, געהאַלטען אַ רעדע וועגען דער געפֿאַהר פֿון די אידען, די קרייציגער פֿון יעזוס׳ן... ער האָט אַזוי שטאַרק געהעצט געגען די אידען, אַז יעדער איינער פֿון זיי, איז צעהיצט און צעפֿלאַמט געוואָרען און ווען עס וואָלט זיי זיך געמאַכט אַ איד צו דער האַנט וואָלטען זיי איהם צעריסען אויף שטיקער... ער דערמאָנט זיך, אַז אויך ער איז דאַן הינגעריסען געוואָרען פֿון דעם

גלח'ס רייד, און איז געווען גרייט צו טאן שלעכטעס די אידען... ער האט צו פארדאנקען דעם וואונדערבארען אידען מנחם מאן, וועלכער האט זיינע אויגען געעפענט... ער האט באלד איינגעזעהן, אז אין גלח רעדט די שנאה... אז די אידען זיינען פונקט פארקערט ווי דער גלח האט זיי געמאלען, אז זיי זיינען גרייט צו פארקויפען זייערע נשמות צום טייוועל... וואס פאר א גרויסער ליגען דאס איז... ער האט זיך איבערציינגט, אז א איד איז גרייט מקריב צו זיין ניט נאר זיין גאנצען פארמעגען פאר זיין גאט און זיין תורה, נאר אויך זיין לעבען... דער מנחם האט איהם דערצעהלט וועגען די אידען, וועלכע האבען זיך געלאזט פארברענען מיט זייער הייליגער תפלה "שמע ישראל" אויף זייערע ליפען, אין דער צייט ווען מען האט זיי אנגעבאטען רייכטום און כבוד, זיי זאלען זיך שמד'ן...

ער אליין האט זיך אין דעם איבערציינגט, שפעטער, טאקע אין זיין פאטער'ס פאלאץ, אז מען קאן א אידען ניט אוועקנעמען פון זיין רעליגיע פאר קיין געלט ניט... דער גלח איז א ליגנער, און ער האט פארלוירען זיין רעספעקט פאר איהם... ער האט געטראכט פון זיין פריינט, בארים זארעמבא, וועלכער האט אויך געהאט זעהר א שלעכטע מיינונג וועגען אידען, ביז וואנען ער האט זיך באקענט מיט אט דעם חיים'ען...

א שמייכעל באווייזט זיך אויף וואלענטי'ס ליפען, ווען ער דערמאנט זיך וואס זיין פריינט זארעמבא האט איהם דערצעהלט וועגען דעם צוזאמענשטויס וואס ער און נאך איינער פון די סטודענטען פון דער סעמינאריום, האבען געהאט מיט אט דעם חיים'ען. ווען זיי האבען אויף איהם געלויערט אויף דעם שלאסבארג, און איהם, חיים'ען באפאלען פון הינטען, און איהם גענומען שלאגען...

ווען זיי האבען געענדיגט זינגען זמירות, האט זיך דער יונגער גראף אנגערופען צו חיים'ען:

— איך האב זיך נאר־וואס דערמאנט וואס מיין פריינט זארעמבא האט מיר דערצעהלט ווי אזוי ער האט מיט דיר געשלאסען זיין ערשטע באקאנטשאפט. איך בעט דיך, דערצעהל דאס פאר אונז אלעמען.

— א, עס איז גארניטא וואס צו דערצעהלען! — האט חיים געענטפערט.

— איך ווייס, אז ער איז צו באשיידען! — האט דער יונגער גראף זיך אנגערופען — און דעריבער וועל איך אייך דערצעהלען דאס וואס איך האב געהערט פון מיין בעסטען פריינט, בארים זארעמבא, און איך מוז אויך צוגעבען, אז איך אליין האב זיך א סך געענדערט זינט ער האט מיר דערצעהלט די געשיכטע. איך האב זעהר שטארק געוואלט זיך טרעפען מיט אייך, חיים. אמת, מיר איז ניט געווען צום הארצען ווי אזוי מיין פאטער באהאנדעלט זיינע אונטערטעניגע, אזוי ווי אין מיין סביבה האט מען שטענדיג גערעדט שלעכטעס אויף אידען, בין איך אויך געווארען עטוואס באאיינפלוסט. איך האב זעלטען געזעהן א אידען, און איך האב אויך געמיינט, אז אלץ וואס מען דערצעהלט וועגען זיי איז אמת. בפרט, אז אין דעם סעמינאריום האבען אונזערע גלחים אויך אזוי גערעדט... מיין פריינט זארעמבא האט זיך אבער ניט באגאנגען מיט דעם, וואס ער האט בלויז פיינט געהאט אידען, ער האט געזוכט יעדע געלעגענהייט זיי שלעכטעס צו טאן. האט עד מיר דערצעהלט, אז ער און זיינער א פריינט, אויך א סטודענט פון דער סעמינאריע, האבען פארבראכט אויף דעם שלאסבארג, דערזעהן זיי פון ווייטען ווי אימיצער מאכט פארשידענע איבונגען. זיינען זיי געווען נייגעריג צו זעהן ווער דאס איז און צו זייער גרויסער איבערראשונג האבען זיי דערזעהן, אז דאס איז א איד.

"אונזער צארן האט אין אונז געברענט — האט מיר זארעמבא געזאגט — און איך און מיין פריינט האבען באשלאסען אנצולערנען דעם אידען, ער זאל מעהר אהער ניט וואגען צו קומען".

זארעמבא האט מיר דערצעהלט ווי אזוי ער און זיין חבר האבען זיך אומבאמערקטערהייט דערנעהענטערט צו דעם יונגען אידען, און זיי זיינען איהם באפאלען פון הינטען און גענומען שלאגען. אבער ווי גרויס איז געווארען זייער ערשטוינונג, ווען דער איד

האַט זיך שנעל באַפרייט פון זיי, און ער האָט זיין חבר א נעם געטאָן און איהם געגעבען אזא הויב אין דער הויך, פונקט ווי ער וואָלט געוועזן א קליין קינד... און ער האָט איהם געגעבען א שלײדער צום באָדען, וואָס זיין גליק איז געוועזן, אז עס איז געוועזן א ווייכער באָדען באַדעקט מיט גראָז, אז ניט וואָלט ער צעשמעטערט געוואָרען...

באַלד איז זארעמבא צוגעלאָפען צו העלפען זיין פריינט, האָט דער איד זיך מיט איהם אויך ספּראַוועט. ער האָט איהם א זעץ געטאָן מיט זיין פויסט אין פּנים, אז ער איז באַלד אומגעפאַלען א צעבלוטיגטער אויפ׳ן גראָז... ביסלעכווייז זיינען זיי בײדע געקומען צו זיך פון די קלעפּ, און זיך אויפגעהויבען און געבליבען זיצען אויפ׳ן גראָז, ניט האָבענדיג קיין כח זיך אויפשטעלען... זיי זיינען געוועזן זיכער, אז דער איד איז געווים אנטלאָפען געוואָרען, און ווי גרויס איז געוואָרען זייער ערשטוינונג ווען זיי האָבען איהם געזעהן שטעהענדיג נעבען זיי רוהיג, גרייט צו קעמפען ווידער, אויב עס וועט זיין נויטיג.

„איך וועל אייך קיין שלעכטעס מעהר ניט טאָן, האָט דער איד זיך אָנגערופען צו זארעמבא׳ן און זיין פריינט, אָבער, אויב איהר וועט זיך ווידער אָנפאַנגען מיט מיר, וועל איך זיך פאַרטיידיגען!"

— מיר זיינען געוועזן צופרידען וואָס ער וועט אונז מעהר קיין שלעכטעס ניט טאָן! ער האָט זיך דערנעהענטערט צו אונז און געפרעגט אויב מיר ווילען ער זאָל אונז העלפען זיך אויפשטעלען. איך האָב איהם דערלאַנגט מיין האַנט, אָבער מיין פריינט איז געווען אזוי אין כעס און אויפגערעגט, אז ער האָט ניט געוואָלט, אז דער איד זאָל איהם אָנרירען...

„איך, אָבער, האָט זארעמבא מיר דערצעהלט האָב געדריקט דעם אידען׳ס האַנט... מיר איז זעהר געפעלען אז א איד האָט מוט זיך צו פאַרטיידיגען. מיין פריינט האָט זיך מיט שוועריגקייטען אויפגעהויבען און ער האָט געוואָרפען בליקען פון פאַראַכטונג און האַס אין דער ריכטונג פון דעם בראַווען אידען...

„קום, זארעמבא, זאָגט ער צו מיר, איך וויל זיך ניט פאַראומרייניגען מיט דעם וואָס איך וועל דריקען די האַנט פון א זשיד".

ערשט דאַן האָט זארעמבא, מיין פריינט, דערציהלט ווי אומגערעכט מיר, די קריסטען, זיינען צו די אידען, און ער האָט זיך אָנגערופען צו זיין פריינט: „דו האָסט מיר אַלע מאָל געזאָגט, אז די אידען זיינען פייגלינגע, אז זיי קאָנען ניט קעמפען, אז זיי אנטלויפען... און איצט, אז דו זעהסט, אז אויך צווישען זיי געפינען זיך בראַווע יונגען, ווילסטו עס ניט צוגעבען! מיט דיין דאָזיגער האַנדלונג צייגסטו ניט ארויס קיין פיינע זיטען! פאָלג מיך, גיב איהם דיין האַנט און לאָמיר ווערען פריינט"...

„פריינט מיט א זשיד" — האָט ער אויסגערופען — „ניין, דאָס קיינמאָל ניט, איך וועל קיינמאָל ניט אָנרירען א זשיד!"

— אָבער ביי דיר איז געוועזן רעכט איהם צו באַפאַלען פון הינטען, און דו האָסט דאָך איהם יע אָנגערירט!

— כ׳וועל אָנריהרען א אידען בלויז דאַן ווען איך וועל איהם שלאָגען! — האָט ער געענטפערט.

צוליב דעם איז מיין פריינט זארעמבא געוואָרען זעהר אין כעס אויף איהם, און ער האָט איהם געזאָגט, אז פון היינט אָן און ווייטער ווערען זיי אוים פריינט, אז ער קאָן זיך געהן זיין וועג און ער, זארעמבא, וועט פאַרבלייבען מיט איהם, מיט דעם בראַווען יונגען אידען, וועלכער האָט פאַרטיידיגט זיין כבוד...

דאַן האָט זיך זארעמבא פאָרגעשטעלט פאַר איהם, און אויך ער, דער איד האָט איהם געזאָגט, אז זיין נאָמען איז חיים, און פון דאַן אָן זיינען זיי געוואָרען פריינט. ער האָט איהם געזאָגט, אז ער שעמט זיך פאַר איהם פאַר דער שלעכטער באַהאַנדלונג, וואָס ער, חיים, האָט געקראָגען פון זיי, די פּוילישע סטודענטען. זיי זיינען דאָך געוועזן צוויי און ער איינער, און דאָך האָט ער זיי באַזיגט. און זארעמבא האָט איהם געזאָגט, אז ער איז זיכער ווען דאָס פּאַסירט פונקט פאַרקערט, וואָלטען שוין אונזעריגע איהם קיין געלעגענהייט ניט געגעבען זיך אויפצושטעלען...

— איצט קאָנט איהר זיך פאַרשטע־

לען ווי צופרידען איך בין געווען אויסצוגעפינען, אז אט דער בראווער יונגער אידישער מאן איז אן אייניקעל פון מ׳ין בעסטען פריינט, מנחם מאן! — האט דער יונגער גראף וואלענטי צוגעגעבען — איך בין געווען גליקליך צו וויסען, אז א איך האט דעם מוט זיך צו פארטיידיגען... שפעטער ווען איך האב שוין גערעדט מיט זיין זיידען וועגען דעם און איך האב אויסגעפונען, אז חיים איז אויך אן אויסגעצייכענטער טענצער, האב איך צוזאמען מיט זיין זיידען באשלאסען, אז ווען איך וועל אויסגעפינען ווער עס איז באשטימט געווארען פון מיין פאטער צו טאנצען דעם בערען טאנץ, זיך פארמעסטענדיג געגען יוזשוק׳ען, וועט חיים פארנעמען זיין פלאץ... און איצט בין איך זעהר צופרידען, אז עס האט זיך אויסגעלאזען ווי מיר האבען געפלאנט... יוזשוק איז פארשעהמט געווארען און מיין פאטער וועט אויפגעבען דעם גרויזאמען שפיל...

— איך וויל פרעגען אייער דורכלויכט א פראגע! — האט ר׳ לייזער זיך צו איהם געווענדעט — וואס וועל איך טאן, אז דער גראף וועט מיך ווידער אמאל איינלאדען צו טאנצען... איך מיין, אז אזוי ווי ער איז אונטער דעם איינדרוק אז איך בין א גרויסארטיגער טענצער קאן ער דאך פארלאנגען פון מיר איך זאל ווען עס איז קומען אונטערהאלטען זיינע געסט מיט א טאנץ...

—דאס וועט קיינמאל ניט געשעהן. עס איז ניט אין די אינטערעסען פון מיין פאטער און די אנדערע פוילישע גראפען ארויסצוברענגען די פעהיגקייטען פון די אידען, בפרט נאכדעם ווי איינער פון אונזעריגע איז אויף אזא מיאוס׳ן אופן דורכגעפאלען... ער וועט זוכען דאס צו פארגעסען... איין זאך קאנסטו אבער זיכער זיין, אז דאס וואס ער האט דיך באפרייט פון צאהלען די ארענדע פאר צעהן יאהר, וועט ער דאך זייןווארט האלטען... אבער אויב ער וועט אמאל יע וועלען זיך באנוצען מיט דיר פאר אונטערהאלטונג, וועל איך שוין זעהן, אז ער זאל דאס ניט טאן... יעדענפאלס וועט אונזער פריינט חיים שטענדיג זיין גרייט אונז ארויסצוהעלפען אין דעם...

די רייד פון דעם יונגען גראף פאטצקי האבען אלעמען בארוהיגט. זיי האבען זיך קיינמאל ניט פארגעשטעלט אז דער זוהן פון דעם גראף פאטאצקי זאל זיין אזא ווארימער פריינט פון די אידען... אויב חיים איז צו זיי געווען ווי אליהו הנביא, איז אט דער יונגער גראף געווען אין זייערע אויגען ווי א מלאך פון הימעל... זיי האבען אויף איהם געקוקט מיט דאנקבארקייט... יהודית האט פון איהם איהרע אויגען ניט ארונטערגענומען ווען ער האט דערצעהלט וועגען חיים׳ס העלדישקייט. זי האט געזעהן, אז זיין פנים איז מילד און איידעל, אז ער באזיצט אזעלכע ווייכע, צארטע בלויע טרוימערישע אויגען... זיין הויכער שטערען איז געווען לייכט געקנייטשט, און זיינע בלאנדע האר זיינען געווען פארקאמט...

די איידעלקייט און גוטסקייט זיינען געווען אויסגעגאסען אויף זיין פנים... און מערקווירדיג, זיי האבען גלייך דערפיהלט, אז ער איז זיי עפעס אזוי נאהענט, ווי ער וואלט געווען איינער פון זיי...

וואלענטי האט מיט זיי פארבראכט היבשע עטליכע שעה. ער איז ווי פאר׳כשופ׳ט געווארען פון דער שעהנער סביבה... איבערהויפט האט אויף איהם געמאכט אן איינדרוק די שעהנע טאכטער פון ר׳ לייזער. איהר פנים איז געווען אזוי שעהן און איהרע גרויסע שווארצע אויגען האבען אויסגעדריקט באשיידענהייט און ליבליכקייט... עס איז איהם געווען זעהר שווער זיך צו שיידען מיט אט דער דאזיגער פיינער משפחה. אבער ער האט זיי צוגעזאגט, אז היינט אין אווענט וועט ער זיי ברענגען די מתנה וואס זיין מוטער האט צוגעזאגט פאר זיי...

ער האט זיך מיט זיי אלעמען געזעגענט און זיך העפליך פארנייגט און איז ארויסגעגאנגען פון זייער שטוב.

ר׳ לייזער און זיין משפחה, האבען ניט געוואוסט וואס עס איז מיט זיי געשעהן . . . אבער אויך זיי אלעמען איז געווען שווער זיין אוועקגעהן. זיי האבען גארניט געפיהלט ווי שנעל די צייט איז פארפלויגען ווען ער איז געווען מיט זיי.

— ער איז איינער פון די חסידי אומות העולם! — האט ר׳ לייזער

זיך אָנגערופען — איך קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלען, אז ביי זיי זאָלען זיך געפינען אזעלכע טייערע מענשען.

— מיין זיידע זאָגט אז אָט דער יונגער גראף מוז זיין א גלגול פון א הייליגען אידען וועלכער איז אראָנטערגעקומען אויף דער וועלט פאר א תיקון — האָט זיך חיים אָנגערופען.

— אז דער גראף האָט אזא זוהן !

— האָט ר' לייזער זיך אָנגערופען — מן הסתם האָט ער אויך עפּעס גוטע פאַרדינסטען... עס קאָן ניט זיין אז ער זאָל אין גאנצען זיין שלעכט...

— ווי איך פארשטיי איז וואלענטי געראָטען אין זיין מאמען, און זיין שוועסטער קאטערינא איז געראָטען אין איהר טאטען — האָט חיים געזאָגט — זי איז זעהר א צעלאָזענע, א קאפריזנע און צוליב דעם וואָס זי איז זעהר א שעהנע גיט איהר יעדער איינער נאָך אלע איהרע קאפּריזען.

באלד האָט זיך געהערט א פייף אונטער'ן פענסטער און יהודית האָט ארויסגעקוקט צו זעהן ווער דאָס איז.

— אָ, ער איז שוין דאָ ! — האָט יהודית אויסגערופען.

— ווער איז דאָ ? — פרעגט רבקה.

— בערקע, יאָסעל דעם שניידער'ס אינגעל !

דוד און נפתלי, יהודית'ס קלענערע ברידער, האָבען זיך שוין אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און געוואָלט ארויסגעהן זיך שפּילען מיט איהם, אָבער ר' לייזער האָט זיי געהייסען בלייבען אין הויז.

היינט איז דער טאָג וואָס מיר דארפען זיצען אין הויז און דאנקען גאָט פאר זיין גרויסען חסד וואָס ער האָט מיט אונז אלעמען געטאָן. מיר וועלען באלד זאָגען פּרק, און איך וועל אייך פארהערען אין חומש... איך וויל אז אונזער ווירדיגער גאסט חיים, זאָל הערען ווי גוט איהר קאָנט חומש.

— איך לערן שוין חומש מיט רש"י — האָט דוד זיך אָנגערופען — און איך לערן די סדרה פון וואָך.

— וועלכע סדרה איז היינט ? — פרעגט איהם חיים.

— היינט איז פּרשה קרח ! — ענטפערט דוד.

— ברייננ אריין דעם חומש און זאָל אונזער אורח הערען ווי דו קאָנסט שוין זאָגען א פּרשה רש"י.

דוד האָט אריינגעבראכט דעם חומש פון צווייטען צימער און אויפגעמישט די פּרשה קרח און אָנגעהויבען צו זאָגען פאר דעם אורח מיט א שעהנעם ניגון.

דער טאטע איז געשטאנען פון א זייט און געקוקט אויף זיין זוהן, וועלכער האָט גענומען זאָגען רש"י:

"ויקח קרח... לקח את עצמו לצד אחד"...

חיים האָט איהם געגעבען א קניפּ אין בעקעל, און דער איינגערער ברודער, נפתלי, האָט זיך מתקנא געווען און ער האָט געבראכט דעם חומש שמות און געזאָגט, אז ער לערענט שוין "ואלה המשפּטים".

אויך איהם האָט חיים פארהערט און איהם געלויבט פאר זיין קאָנען די פּרשה חומש אזוי גוט. אין דרויסען האָט זיך נאָך אמאָל דערהערט א פייף, און די מאמע האָט געזעהן ווי אומרוהיג די קינדער ווערען. עס איז דאָך אזוי שעהן, ווארעם, א גאנצע וואָך זיצען די קינדער אין איינגען חדר, זאָלען זיי איצט א ווייל ארום אין דרויסען.

זי האָט עפּעס אריינגעשושקעט אין איהר מאנ'ס אויער, און ר' לייזער האָט צוגערופען זיינע צוויי אינגלעך און זיי געזאָגט:

— ווייל איהר האָט גוט געקענט דעם חומש, האָט איהר פאַרדינט אז איך זאָל אייך ארויסלאָזען א ווייל שפּילען אין דרויסען. אָבער געדענקט וואָס איך זאָג אייך אָן, קיין וואָרט זאָלט איהר ניט דערציילען אייערע חברים וועגען אלץ וואָס עס האָט פּאסירט מיט אונז לעצטע נאכט און היינט... אז מען וועט אייך פרעגען, זאָלט איהר זאָגען אז איהר ווייסט ניט...

די קינדער האָבען צוגעזאָגט און זיך א לאָז געטאָן צו דער טיר.

— וואַרט ! — האָט דער טאטע אויסגערופען — פארגעסט ניט אז היינט איז שבת, און זייט פאָרזיכטיג חלילה ניט מחלל שבת צו זיין. איהר זאָלט ניט אָנרירען קיין זאך, וואָס איז מוקצה... ווארפט ניט קיין שטיינדלעך און ברעכט ניט קיין צווייגען, איהר הערט !...

די אינגלעך האָבען צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ און זיי זיינען שוין געווען אין דרויסען. דאָרט האָט אויף זיי

געווארט בערקע יאסעל דעם שניידער׳ס און נאך עטליכע אינגלעך. זיי זיינען צוגעגאנגען נעבען א געדיכטען בוים און זיך אלע אוועקגעזעצט אין זיין שאטען... זיי האבען זיך געשפילט אין ווערטער איינער האט געזאגט א ווארט אין לשון קודש, און דער צווייטער האט באדארפט ענטפערען מיט אן אנדער ווארט וואס פאנגט זיך אן מיט דעם לעצטען אות פון יענעם׳ס ווארט... אט אין אזעלכע שפילערייען האבען אמאליגע אינגלעך זיך געשפילט אום שבת... ווייל אין אנדערע שטיפערייען האבען זיי מורא געהאט זיי זאלען חלילה ניט מחלל שבת זיין...

— דו ווייסט דוד, איך האב געזעהן אז פון אייער שטוב איז ארויסגעקומען א גראף. איך האב איהם געזעהן! ער האט געהאט דא זיין פערד... אוי איז דאס געווען א פערד! ער האט איהם צוגעבונדען צו אט דעם בוים! ווער איז דאס דער גראף, און וואס האט ער געטאן ביי אייך אין הויז? — האט איהם בערקע יאסעל׳ס געפרעגט.

— איך ווייס ניט! — ענטפערט איהם דוד.

— וואס האסטו מורא אויסצוזאגען! — ביי מיין טאטען אין שטוב קומען אריין א סך גראפען און אויך גראפינעס... מיין טאטע נייהט דאך פאר זיי קליידער!

— דו ביזט א ליגנער! א גראף וועט ניט אריינגעהן צו דיין טאטען אין שטוב! אויב א גראף וויל זיך נייהען א בגד, קומט דער שניידער צו איהם אין פאלאץ.

— איך שווער זיך מיט מיינע ציצית אז איך האב אליין געזעהן מיט עטליכע וואכען צוריק א גראף אריינקומען צו אונז און ער האט גערעדט מיט מיין טאטען... ער איז נאכדעם מיט איהם אוועק ערגעץ... — האט בערקע ארויסגענומען זיינע ציצית.

— מסתמא איז דאס געווען דעם גראף׳ס א באדינער! — האט דוד געזאגט.

— און דער גלח קומט אויך אריין צו אונז! — האט זיך בערקע בארימט

— און אז דו וועסט מיר דערציילען וואס דער גראף האט געטאן ביי אייך א ווייל פריהער, וועל איך דיר דערציילען וואס מיין טאטע האט געזאגט וועגען דעם גלח, אזוי שנעל ווי ער האט פארלאזען אונזער הויז.

— איך בעט דיר ניט דו זאלסט מיר דערציילען! — האט דוד געזאגט.

— אז דו וועסט מיר דערציילען וועל איך דיר געבען א מעשענעם קנעפעל! איך האב עס ארונטערגעריסען פון דעם פריסטאוו׳ס מונדיר. עס איז געהאנגען אויף א האר.

— אום שבת האלטסטו קנעפלעך! דו ביזט א גוי! עס איז דאך מוקצה!

— ווער זאגט דיר אז איך האלט עס ביי זיך! איך האב עס באהאלטען. אז דו וועסט מיר זאגען ווער דער גראף איז געווען וועל איך דיר געבען דעם קנעפעל מארגען אין חדר! און אויב דו ווילסט מיר ניט גלויבען, וועל איך דיר שווערען ביי א ציצה! נו, דערצייל מיר!

— איך האב דאך דיר געזאגט אז איך ווייס ניט!

— טא זאג מיר פארוואס דיין טאטע האט היינט אין דער פריה ביים דאווענען, געבענשט "גומל"?

— לאז מיר צורוה, איך ווייס ניט!

בערקע האט איינגעזעהן אז ער קאן פון דוד׳ן גארניט ארויסבאקומען, איז ער צוגעגאנגען צו נפתלי׳ן, דוד׳ס איינגערער ברודער.

— דו ווייסט, נפתלי — האט בערקע זיך צו איהם אנגערופען — ביי אונז זיינען היינט געווען צוויי גראפען און א גלח!

— היינט, אום שבת! — האט נפתלי איהם אנגעקוקט — וואס האבען זיי געטאן ביי אייך אין שטוב, אום שבת?

— און ביי אייך אין שטוב איז דאך אויך געווען א גראף — האט בערקע געזאגט — וואס האט ער געטאן ביי אייך!

— ביי אונז האט ער גארניט געטאן! ער האט געגעסען אונזער טשאלענט!

— דו ביזט א ליגנער! — א גראף וועט ניט עסען קיין טשאלענט ביי א אידען!

— זאל איך אזוי לעבען! ער האט געגעסען טשאלענט און קוגעל! ער האט זיך אזוי פאסמאקעוועט, אז ער האט געוואלט נאך!

— און דער גראף איז געקומען עסען טשאלענט ביי אייך! — האט בערקע געפרעגט.

— ער וועט אונז היינט ביינאכט ברענגען א מתנה!

— פארוואס! — האט איהם שוין בערקע ניט אפגעלאזען.

— וויל אונזער אורח, חיים... — דוד איהם געוואלט דערציילען די גע־שיכטע ווי אזוי חיים האט זיך אנגע־טאן אין דער ברישער פעל, אבער ער האט זיך דערמאנט אז דער טאטע האט איהם אנגעזאגט אז ער זאל קיין ווארט ניט ארויסריידען וועגען דעם.

— נו, פארוואס דערציילסטו מיר ניט! — האט בערקע צו איהם גענו־מען צושטעהן.

— איך וויל ניט!

— אז דו וועסט מיר דערציילען וועל איך דיר געבען א מעשענעם קנעפל!

— ניין, איך וועל דיר מעהר גאר־ניט דערציילען!

— פארוואס ניט, פארוואס האסטו מורא מיר צו דערציילען? אז דו וועסט מיר דערציילען וועל איך דיר דער־ציילען וואס דער גלח האט געטאן אין אונזער שטוב!

— מיין טאטע האט מיר אנגעזאגט אז איך זאל קיינעם ניט דערציילען! — ענטפערט איהם נפתלי.

— דיין טאטע קאן ניט עסען קיין פיש! — האט זיך בערקע גענומען רייצען מיט איהם! איך ווייס אז נעכ־טען האט ער געגעסען א שטיקל פיש, האט ער זיך גענומען ווערגען מיט א שטיקעל ביינדעל!

— דו ביזט א ליגנער! מיין טאטע האט זיך ניט געווארגען מיט א פיש־ביינדעל!

— מאכסטו דאך דיין טאטען פאר א ליגנער! — האט בערקע פון איהם געלאכט — איך האב אליין געהערט אז דיין טאטע האט דערציילט דעם שמש, אז ער האט געבענשט גומל, וויל ער האט זיך געווארגען מיט א פיש־ביינדעל, און דו זאגסט אז ניט, טא ווער איז דער ליגנער, דו, אדער דיין טאטע?

נפתלי האט זיך פאנאנדערגעוויינט, און זיין עלטערער ברודער, דוד האט עם דערהערט, האט ער געמיינט אז בערקע שלאגט איהם, איז ער צו איהם צוגעלאפען און זיך אנגערופען:

— פארוואס האסטו איהם געשלא־גען!

—איך האב איהם ניט געשלאגען! — ענטפערט איהם בערקע — ער וויינט ווייל ער האט געזאגט, אז אייער טאטע איז א ליגנער!

—בהו... איך האב עס ניט געזאגט! דו האסט עס געזאגט - האט נפתלי, וויינענדיג, געזאגט.

— אוי, איז דאס א ליגנער! — האט בערקע אויסגערופען! — ער אליין האט מיר געזאגט, אז זיין טא־טע האט זיך ניט געווארגען מיט א פיש־ביינדעל, און אין בית המדרש האט דאך אייער טאטע פאר אלעמען געזאגט, אז דאס וואס ער האט גע־בענשט "גומל", איז עס ווייל ער האט זיך שיער ניט דערווארגען מיט א ביינ־דעל, פרעג איך דיר, דוד, ווער מאכט דיין זאטען פאר א ליגנער, איך, צי ער?...

— געה אוועס פון דאנען! — האט דוד אויף בערקע'ן א געשרעה געטאן — איך וויל זיך מעהר מיט דיר ניט שפילען!

— דו ביזט א בעל-גאוה, א גרויס־האלטער! — האט בערקע איהם גע־ענטפערט — דו מיינסט, אז וויבאלד אז צו אייך אין שטוב קומט אריין א גראף, און עסט טשאלענט, פאסט דיר שוין ניט זיך צו שפילען מיט מיר! עפעס א קליינינקייט! דער גראף וועט אייך היינט ביינאכט ברענגען א מתנה!

— קום אריין אין שטוב! — האט דוד א שלעפ געטאן זיין אינגערען ברודער, נפתלי, פאר'ן ארבעל. דער טאטע האט דאך אונז אנגעזאגט, אז מיר זאלען קיינעם ניט דערציילען.

— איך האב איהם ניט דערציילט. ער האט מיר געפרעגט, וואס דער גראף האט געטאן אין אונזער שטוב, האב איך איהם געענטפערט, אז ער האט געגעסען טשאלענט.

— און פון וואנען ווייסט ער ווע־גען דער מתנה וואס דער גראף וועט אונז ברענגען היינט ביינאכט!

— איך האב זיך ארויסגערעדט — האט נפתלי ניט אויפגעהערט צו וויי־נען! דערצעהל ניט דעם טאטען!

— ווען דער טאטע וועט אויסגעפי־נען, אז דו האסט געבלאבעט, וועט ער אונז שוין מעהר זיך ניט לאזען שפילען אין דרויסען! — האט דוד געזאגט.

דעם זעלבען שבת צו מנחה, האט מען שוין אין בית המדרש גערעדט

וועגן דעם, אז דער גראף האט געגעסן טשאלנט און קוגעל ביי ר׳ לייזער׳ן אין שטוב, און אז דערפאר וועט ער איהם ברייגנען ביינאכט א פיינע מתנה.

ווען ר׳ לייזער און חיים זיינען געקומען אין בית המדרש צו מנחה, זיינען שוין צוגעקומען עטליכע בעלי־בתים און גערעדט מיט ר׳ לייזער׳ן.

— יאשקע שניידער דערציילט, אז ביי אייך האט היינט דער גראף געגעסן טשאלענט און קוגעל — רופט זיך אן איין בעל־הב׳ית צו איהם. — איז דאס אמת!

— יא, עס איז אמת! — ענטפערט איהם ר לייזער. ער האט פארבייגעריטען מיין פענסטער, האט איהם, ווייזט אויס דערגרייכט דער ריח פון טשאלענט, איז ער אריינגעקומען און האט פארלאנגט אביסעל טשאלענט... נו, האט איהם מיין רבקה מכבד געווען מיט טשאלענט און מיט קוגעל...

— אי... אי... אי! א גראף האט געגעסן קוגעל!

— לויט ווי יאשקע דערציילט האט ער זיך אזוי באסמאקעוועט, אז ער האט אייך צוגעזאגט צו ברייגנען א מתנה היינט ביינאכט.

— נו, וואס דען, מיין רבקה קאן ניט מאכען קיין גוטען קוגעל! — האט ר׳ לייזער מיט שטאלץ געזאגט.

— א קלייניגקייט, דער גראף אליין זאל קומען עסען קוגעל ביי א אידען! נו, מן הסתם וועט ער אייך שוין ארונטערלאזען א היבשע סומע פון דער ארענדע!

— געלויבט איז השם יתברך! — ענטפערט ר׳ לייזער.

וועלכער גראף איז דאס געווען?— פרעגט איהם א דריטער איד. — איך האב געהערט, אז יאשקע שניידער זאגט, אז דער גראף האט אויך א זוהן!

— דער יונגער גראף — זאגט ר׳ לייזער.

— אז איהם האט געפאסט אריינצוגעהן צו א אידען און עסען קוגעל, מוז ער געווים זיין א גוטער גראף! ניט ווי זיין טאטע, ער רשע!

— שייך צו זאגען א רשע! וויפיל אידיש בלוט האט שוין דער אלטער גראף פאטאצקי פארגאסען!... האט נאך איינער באמערקט.

שבת צו נאכט, נאך הבדלה, האבען שוין איינינע אידען ניט געקאנט איינזיצען אין די שטיבער. עס האט זיי געצויגען צו ר׳ לייזער׳ס שטוב. זיינען איינינע געקומען מיט פארשידענע אויסריידענישען. איינינע זיינען געקומען ריידען וועגען מאלען אביסעל קארן, אנדערע האבען זיך געווענדעט צו איהם, אז ער, ר׳ לייזער, זאל זיך פאר זיי משתדל זיין פאר דעם פריץ.

אין שלאף צימער, איז געזעסען דער קליינער נפתלי און געוויינט. ער האט אריינגעכאפט א גוטע פארציע פון טאטען פאר זיין "לאנגען צונג"...

ר׳ לייזער האט אלעמען געזוכט אפצו׳פטר׳ן וואס שנעלער... וויל ער האט זיך גערעכט, אז דער יונגער גראף וועט אנקומען יעדע רגע. אבער די וועלכע זיינען שוין געווען אין זיין שטוב, האבען אזוי שנעל ניט געוואלט אוועקגעהן...

אין דרויסען, ניט ווייט פון ר׳ לייזער׳ס שטוב, האט מען געקענט הערען יאסעל דעם שניידער׳ס שטימע, וועלכער איז געקומען אויסצוגעפינען ווער דער גראף איז. ער האט ניט געוואגט אריינצוגעהן צו איהם אין שטוב, איז ער געשטאנען מיט נאך עטליכע אידען דארט ניט ווייט, און ער האט גערעדט. ער האט דערציילט פון די פארשידענע פריצים, וועלכע זיינען צו איהם געקומען זיך נייהען בגדים.

— אז איך ניי אויף פאר א פריץ א מלבוש — האט ער זיך בארימט, — וועט ער שוין שיקען צו מיר זיינע פריינד!

— אבער פארוואס זאל א פריץ געהן צו דיר.

— איך קום צו זיי אויך — ענטפערט דער שניידער — - אט בין איך מיט א צוויי וואכען צוריק געווען ביי א פריץ אין זיין שלאס. ווען איך בין אריינגעקומען אין דעם צימער, וואו דער פריץ האט זיך דאן געפונען, בין איך א פארציטערטער געווארען. איך האב געזעהן אויף די ווענט הענגען שווערדען, שפיזען און ביקסען. און אין יעדען ווינקעל שטעהען אזעלכע מענשען אנגעטאן פון קאפ ביז די פיס, אין אזעלכע פאנצערם מיט שווערדען אין זייערע הענט... ביי מיר, זאג איך אייך, איז קיין נאווענע ניט צו זעהן א גראף...

— טאַ פאַרוואָס ביזטו געקומען איצט אַהער? — פרעגט איינער, פון די אידען.

— גלאַט אַזוי זיך! איהר פאַרשטעהט, ער בענשט גומל, און ווייל איינריידען אז דאָס האָט ער זיך געוואָרגען מיט א ביינדעל פון פיש. מיין אינגעל האָט אויסגעפונען פון זיין אינגעל אז דאָס איז געווען כזב ושקר... ער האָט זיך קיינמאָל ניט געוואָרגען מיט קיין פיש ביינדעל... אין פאַרשמעה, אז די גאַנצע זאַך האָט עפּעס צו טאָן מיט חיים׳ן, זיין אורח, וועמען ער האָט דעם שמש געהייסען געבען מפטיר... איך האָב עס אָבער באַלד פאַרשטאַנען... מיר קאָן ער ניט אָפּנאַרען... און אפילו די געשיכטע מיט דעם טשאָלענט און קוגעל, וואָס דער גראַף האָט ביי איהם גענעסען, איז מיר אויך ניט פאַרשטענדליך, נו, ביז איך געקומען אַהער, איך וויל זעהן דעם גראַף מיט מיינע אויגען... אָבער איהר קאָנט זיך שוין פאַרלאָזען אויף יאָשקע שניידער! איך וועל שוין אלץ דערגעהן. אַט, צום ביישפּיל, ווי׳ס איך, אז נעכטען ביינאַכט, האָט געזאָלט פאָרקומען אין דעם גראַף׳ס זומער פּאַלאַץ, א פאַרוויילונג.

— פון וואַנען ווייסטו עס!

— איך ווייס. איינער פון די דינער פון פּאַלאַץ, האָט ביי מיר באַשטעלט א לייכטען מלבוש. נו, איז ער געקומען צו מיר נעמען א מאָס, האָב איך זיך מיט איהם פאַנאַנדערגערעדט, און ער האָט מיר געזאָגט, אז זיי דערוואַרטען ׳ז סך געסט, און אז עס וועט שוין דאָרט זיין זעהר פרעהליך! איהר פאַרשטעהט! איך האָב פון דעם געוואוסט נאָך מיט עטליכע טעג צוריק...

דער אָוונט איז געווען א ליכטיגער, דער הימעל איז געווען אויסגעשטערענט, און א האַלבע לבנה האָט זיך באַוויזען. די עטליכע אידען וועלכע זיינען געווען ביי ר׳ לייזער׳ן אין שטוב, האָבען שוין געהאַט ארויס פון דאָרט. ווייל זיי האָבען געפילט, אז איצט זיינען זיי ניט ווילקאָמען דאָרטען, און זיי האָבען זיך אויך אָפּגעשטעלט מיט יאָשקע׳ן דעם שניידער און די אַנדערע, וועלכע האָבען איהם ארומגערינגעלט, און זיך צוגעהערט צו זיינע מעשיות וועגען די פּריצים...

פון דרויסען האָבען אלע געקאָנט זעהן, אז ר׳ לייזער׳ס שטוב איז גאַנץ ליכטיג. באַלד אָבער איז ארויסגעקומען יהודית, און גענומען צומאַכען די לאָדענס.

— וואָס זאָגט איהר אויף זיי! עפּעס א קליינינקייט, מיר וועלען ביי זיי אויסכאַפּען זייער גראַף! — האָט יאָסעל שניידער אויסגערופען.

— שאַ! איך הער דאָס רייטען פון פערד! — האָט איינער אויסגערופען.

יאָסעל און די עטליכע אידען האָבען זיך גלייך אָפּגערוקט אָן א זייט, און באַלד האָבען זיי דערזעהן צוויי רייטער אויף פערד דערנעהנטערען זיך צו ר׳ לייזער׳ס הויז. כאָטש זיי האָבען ניט געקאָנט זעהן ווי זיי זעהען אויס, האָבען זיי אָבער געזעהן, אז זיי זיינען ניט קיין איינפאַכע רייטער. ביי דער ליכטיגקייט פון דער האַלבער לבנה האָבען זיי באַמערקט, אז זיי זיינען ביידע יונגע פּוילישע אַדעלליט.

זיי זיינען געבליבען שטעהן באַוועגלאָז, און מיט נייגעריגע בליקען נאָכגעקוקט, ווי די צוויי אַדעלליט שטעלען זיך אָפּ נעבען ר׳ לייזער׳ס הויז, און בינדען צו זייערע פערד צום בוים וואָס איז נעבען הויז, און דאַן געהען זיי צו צו דער טיר. זיי זעהען ווי די טיר עפּענט זיך און ביידע געהען אַהין אריין...

— צוויי יונגע גראַפען! — רופט אויס יאָסעל שניידער — ווער קאָנען זיי דאָס זיין?

— א איך האָט עס מזל! אלע אידען פון איליע האָבען טשאָלענטען און קוגלען, און דער ריח צעטראָגט זיך אומעטום, און דער גראַף דאַרף גראַד אריינפאַלען צו איהם — האָט זיך איין איד אָנגערופען — גלויבט מיר, אויב דער גראַף וועט איהם דערפאַר געבען עטליכע גילדען, וואָלטען זיי מיר מעהר צוניץ געקומען... איך האָב שוין ניט אָנגעזעהן קיין גילדען זינט פון פאַר שבועות... די עטליכע גילדען וואָס איך האָב דאַן פאַרדינט פון יריד, זיינען שוין אַוועק! און ר׳ לייזער איז אפשר דער גביר פון איליע, דאַרף ער האָבען דאָס גליק, אז דעם פּריץ זאָל זיך פאַרשמעקען זיין טשאָלענט און ער וועט שוין איצט פאַר דעם קריגען א היבשע "אפּותיקי".

א היבשע װײלע האָבן זײ צװישן זיך געשמועסט און זעהענדיג, אז די יונגע פּױלישע אדעללײט זאמען זיך דאָרט צו לאנג, זײנען זײ זיך צעגאנגען...

דער יונגער גראף װאלענטי פּאָטאָצקי איז ארײנגעקומען צו ר׳ לײזער׳ן אין הױז מיט זײן פרײנד באָרים זארעמבא, און ער האָט איהם פאָרגעשטעלט פאר ר׳ לײזער׳ן און די איבעריגע, װעלכע האָבען זיך דאָרט געפונען. װען זארעמבא האָט דערזעהן יהודית׳ן, האָט ער זיך נאָך העפליכער פארנײגט. חיים איז געװען אין צװײטען צימער, און ער איז באלד ארױסגעקומען.

— באָרים — האָט װאלענטי זיך אָנגערופען צו זײן פרײנד — דערקאָנסטו איהם?

זארעמבא, װעלכער האָט די גאנצע צײט געהאלטען זײנע אױגען אױף יהודית׳ן, האָט א דרעה געטהאָן זײן קאָפּ און באמערקענדיג חיים׳ן, איז ער צו איהם צוגעגאנגען און איהם גענומען דריקען פאר זײן האנט.

— איך האָב אײך שױן לאנג ניט געזעהן — האָט זארעמבא ניט ארױסגעלאָזען חיים׳ס האנט פון זײנער — איך קום זעהר אָפט אױף דעם שלאָסבארג, װאו איך האָב געהאט דאָס גליק זיך צו טרעפען מיט דיר... איך שעהם זיך אױסצוזאָגען אױף װאָס פאר אן אופן מיר האָבען געשלאָסען אונזער פרײנדשאפט... אָבער איך מוז דיר זאָגען דעם אמת, אז איך בין געװען צופרידען פון דעם... װײל עס האָט געעפענט מײנע אױגען... און איך האָב דערזעהן פיעלע זאכען צו װאָס איך בין געװען בלינד ביז דאן...

— װען איך בין הײנט נאָך מיטאָג אװעק פון אײך, האָב איך בײ אונז געטראָפען מײן גוטען פרײנד זארעמבא. ער איז געקומען אױף א באזוך, און איך האָב איהם געזאָגט, אז װען ער קומט מיט א טאָג פריהער, װאָלט ער געזעהן דאָס, װאָס ער װאָלט זײן גאנצען לעבען געדענקען! — האָט זיך װאלענטי אָנגערופען צו חיים׳ן, נאָכדעם װי זײ האָבען זיך אלע צוגעזעצט בײם טיש — יע, איך האָב איהם אלץ דערצעהלט װאָס עס האָט נעכטען פּאסירט... אָבער איך האָב איהם ניט געזאָגט, אז דער טענצער, װעלכער האָט זיך פארמאָסטען געגען יוזשוק׳ן, איז געװען זײן אידישער פרײנד, חיים.

— אָה, איצט פארשטעה איך! — האָט זארעמבא אױסגערופען — איך זעה, אז איהר זײט פעהיג אױף אלע געביטען...

װאלענטי האָט באמערקט, אז ר׳ לײזער איז געװאָרען עטװאָס צעטומעלט, און ער האָט איהם דאריבער בארוהיגט:

— איהר מעגט װיסען, אז מײן פרײנד זארעמבא זעהט די אידען אין דעם זעלבען ליכט װי איך... ער, װי איך זײנען אױפגעבראכט געװאָרען צו האסען אידען... מען האָט אונז געזוכט אײנצורײדען, אז אידען זײנען פײגלינגע, שװינדלער און אז פאר געלט װעלען זײ פארקױפען זײער רעליגיע, אפילו. אָבער מיר האָבען זיך בײדע איבערצײגט, אז אין דער װירקליכקײט איז עס פונקט פארקעהרט... און אױב אפילו עס געפינען זיך עטליכע אומגעװינשטע עלעמענטען צװישען אידען, האָבען מיר, די קריסטען, קײן רעכט ניט צו באשולדיגען דעם גאנצען פאָלק... װײל אױב מיר טהוען דאָס, דארפען מיר זיך באהאלטען פון שאנדע, װײל צװישען אונז זײנען פאראן לױט דער צאָהל א סך מעהר אומגעװינשטע... דאריבער װיל איך אײך זאָגען, אז איהר האָט ניט װאָס מורא צו האָבען... זארעמבא װעט קײנמאָל אונזער סוד ניט אנטדעקען!

— איך מוז אײך זאָגען — האָט זארעמבא זיך געװענדעט צו חיים׳ן — אז איהר האָט קײן באגריף ניט װאָס איהר האָט אױפגעטהאָן מיט אײער טאנצען און האנדלונג לעצטע נאכט. איך װײס, אז קאטערינא, װאלענטי׳ס שװעסטער, האָט קײנמאָל קײן גוטען װאָרט ניט געהאט װעגען אידען... און הײנט, װען איך בין אָנגעקומען, האָט זי מיר ניט אױפגעהערט צו דערצעהלען װעגען איהר פאָטער׳ס ארענדאר, װעלכער האָט אזױ װאונדערבאר געטאנצט, און װי אזױ ער האָט ארונטערגעשאָסען דעם עק פון דער פעל װאָס יוזשוק האָט געטראָגען אױף זיך, װען ער האָט ארױפגעקלעטערט אױף דעם בױם...

— און צוליב דעם איז איך מײן מוטער זעהר דאנקבאר! — האָט װאלענטי זיך אָנגערופען — װײל ביז איצט איז זי געװען זעהר שטארק בא־

זאָרגט, וואָס מיין שוועסטער האָט זיך צו פיעל געפריינדעט מיט יוזשוק׳ן... מיין מוטער האָט איהם שטארק געהאסט... אָבער זינט נעכטען ביינאכט איז קאטערינא׳ס פריינדשאפט פארוואנדעלט געוואָרען אין פיינדשאפט, און זי אליין האָט געזאָגט אונזער פאָטער, אז ער זאָל איהם ניט שאנעווען און גוט באשטראָפען פאר דער שאנדע, וואָס ער האָט אויף אונז אלעמען געבראכט מיט זיין האנדלונג, ווען ער איז אנטלאָפען געוואָרען, מורא האָבענדיג, אז איהר וועט איהם דערשיסען אויף׳ן בוים.

וואלענטי האָט ארויסגענומען פון זיין קעשענע די פופציג רענדלאך און ער האָט עס איבערגעגעבען צו ר׳ לייזער׳ן.

— ניט מיר קומט עס, הערר גראף — האָט ר׳ לייזער אויסגערופען — דאָס באלאנגט צו חיים׳ן.

איך גלויב, אז דאָס געלט וועט צוניץ קומען פאר די אלמנות, וואָס זיינען פארבליבען פון אָט דעם זעלבען בערעז־טאנץ, ווען יוזשוק האָט אויף אזא גרויזאמען אופן אומגעבראכט זייערע מענער... יע, זיי וועל איך איבערגעבען דאָס געלט — האָט חיים זיך אָנגערופען.

דער יונגער גראף פאָטאָצקי און זיין פריינד זארעמבא האָבען פארבראכט א היבשע ווײלע אין ר׳ לייזער׳ס שטוב. חיים, וועלכער האָט גערעדט פויליש זעהר גוט, האָט זיי גענומען ערקלערען וועגען דעם שבת, וועגען זיין הייליגקייט. ביידע יונגע אדעלליט האָבען ארויסגעוויזען גרויס אינטערעס צו אלץ וואָס חיים האָט געזאָגט.

— דיין זיידע האָט מיר געהאט צוגעזאָגט — האָט זיך וואלענטי אָנגערופען צו חיים׳ן — אז ער וועט מיט מיר לערנען אייער הייליגע שפראך... איך בין זעהר נייגעריג עס צו לערנען. ווי וואונדערבאר עס מוז זיין, צו קאָנען די שפראך אין וואָס דער הייליגער תנ״ך איז געשריבען געוואָרען... איך וויים, אז אין דער סעמינאריע האָט מען אונז ניט איבערגעגעבען אלץ וואָס ווערט דאָרט געשריבען... ווייל זיי זיינען פאראינטערעסירט, אז מיר זאָלען וויסען וואָס ווייניגער פון דעם אלטען טעסטאמענט...

— איך בין זיך מודה, אז אויך איך האָב פארלאָרען מיין צוטרוי צו די לעהרער פון טעאָלאָגיע, וועלכע לערנען מיט אונז... ווייל זיי אליין וויסען זעהר ווינציג, און דערצו לערנען זיי אונז צו האָבען פאָראורטיילען געגען דעם אידישען פאָלק, וויסענדיג, אז ווען ניט דאָס אידישע פאָלק, וואָלטען מיר אונזער אמונה ניט געהאט... — האָט באָרים זארעמבא זיך אָנגערופען.

ווען זיי האָבען זיך געזעגענט און ארויס פון שטוב, האָט זיך ר׳ לייזער אָנגערופען צו ר׳ חיימ׳ען:

— איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז א קריסט זאָל אזוי ריידען... ווי קומט עס צו זיי אזעלכע טייערע, איידעלע, אויפריכטיגע און גוטהארציגע מענשען!...

די שמחה אין ר׳ לייזער׳ס הויז איז געווען זעהר גרויס. אלע האָבען אין דעם געזעהן א נס...

— אָ, הארציגער פאָטער אין הימעל! — האָט רבקה אויסגערופען — מיט איין האנט שטראָפסטו אונז און מיט דער צווייטער באלוינסטו אונז!

— זאָל זיין הייליגער נאָמען זיין געבענשט אויף אייביג — האָט ר׳ לייזער אויפגעהויבען זיינע הענט.

אויף מאָרגען האָט ר׳ לייזער געגעבען די שליסלען צו זיין ארויסהעלפער אין מיל, און ער האָט איהם געזאָגט, אז ער וועט דאָרט ניט קענען זיין דעם גאנצען טאָג. גלייך נאָכ׳ן דאווענען האָט ער און חיים אָפגעגעסען פרישטיק. ער האָט געשפאנט זיין פערד און וואָגען. יהודית האָט ארויסגעטראָגען זעמעל, און זיי ביידע, ר׳ לייזער און חיים, האָבען זיך אריינגעזעצט אין וואָגען און זיי זיינען אָפגעפאָהרען קיין ווילנא.

## קאפיטעל

אין גראף פאָטאָצקי׳ס זומער פאַלאץ האָט מען אויף מאָרגען נאָך דער פארוויילונג ניט אויפגעהערט צו ריידען פון דער געשעהעניש, אז א איד האָט זיך ארויסגעוויזען צו זיין דער גרעסטער טענצער, און אז ער האָט באזיגט יוזשוק׳ן. עס האָט זיך נאָך דאָרט לאנג געטומעלט. איינינע פון די געסט האָבען געזאָגט, אז זיי וואָלטען וועלען איינלאדען דעם זשידאָק צו טאנצען אויף זייערע פארוויילונגען.

דאָס האָט געהערט דער יונגער גראַף וואַלענטי, און ער האָט זיי גענומען אָפּריידען פון דעם.

— ווען מיר וואָלטען געוואוסט, אַז עס וועט זיך אַזוי אויסלאָזען! — האָט ער מיט ענטריסטונג אויסגערופען — אַז אַ איד וועט באַזיגען אַ פּאָליאַק, און איהם דערצו שטעלען אין זעהר אַן אונגינסטיגען ליכט, וואָלטען מיר דען דערלאָזען? מיר וואָלטען זיכער געזעהן, אַז עס זאָל דערצו ניט קומען... דאַריבער גלויב איך, אַז עס וועט זיין אַ סך בעסער, ווען מיר וועלען פאַרגעסען וועגען דעם און מיר וועלען פאַרמיידען ווייטערע אונאַנגענעמליכקייטען.

—מיין ברודער איז גערעכט! — האָט קאַטערינאַ זיך אָנגערופען — פאַרוואָס זאָלען מיר אָפּגעבען אַזוי פיעל כבוד צו אַ זשידאָק... ער האָט געקראָגען זיין באַלוינונג, מיין פאָטער האָט איהם באַפרייט פון צאָהלען די אַרענדע פאַר די קומענדע צעהן יאָהר, און דאָס איז גענוג פאַר איהם.

אין עטליכע שעה שפּעטער איז אָנגעקומען באַרים זאַרעמבאַ, און ער איז זעהר פריינדליך אויפגענומען געוואָרען. ער איז דאָס געקומען באַזוכען זיין חבר וואַלענטי. און אַזוי ווי וואַלענטי איז גראַד ניט געווען אין פּאַלאַץ, האָבען איהם די גרעפין פּאָ־[.]צקי און איהר טאָכטער קאַטערינאַ אונטערהאַלטען.

דער גראַף פּאָטאָצקי איז איינער פון די רייכסטע פּריצים. ער האָט געהאַט גרויסע מאַיאָנטקעס אין ווילנאָ און אַרום. ער איז געווען איינער פון די געצעהלטע פּריצים, וואָס האָבען אויסגעאיבט אַ גרויסען איינפלוס איבער די קלענערע פּריצים, און יעדער פון זיי האָ[ט] געהאַלטען פאַר אַ כבוד ווען דער גראַף פּאָטאָצקי האָט איהם פאַררעכענט פאַר זיין פריינט און איינגעלאַדען צו זיך ווען ער פלעגט האָבען אַ שמחה ביי זיך. ער איז שוין איצט געווען עטליכע און פופציג יאָהר אַלט און ער איז געווען אין פולען געזונט. ער פלעגט ליעב האָבען צו געהן אויף יאַגד, רייטען אויף פערד, שווימען און טויכען, און מעהר פון אַלץ פלעגט ער ליעב האָבען פרויען. ווען ער איז געווען מיט עטליכע יאָהר אינגער, האָט ער געפיהרט אַ ליעבע מיט אַ יונגער, שעהנער פראַנצויזישער מיידעל, וועלכע איז געווען ביי איהם אין הויז אַלס גאָווערנאַנטקע פאַר זיין טאָכטער, קאַטערינאַ'ן.

די דאָזיגע פראַנצויזקע האָט דער גראַף פּאָטאָצקי מיטגעבראַכט מיט זיך פון פּאַריז, ווען ער איז דאָרטען געווען אויף זיין לאַנגער רייזע דורך איירָאָפּאַ. זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ הויכען בעאַמטען, וועלכער האָט זיך אַריינגעלאָזען אין שכרות, און האָט פאַרלאָרען זיין אמט. די טאָכטער און איהר מוטער האָבען געמוזט געפינען אַ קוואַל פון פּרנסה, און האָבען געעפענט אַ קליינעם גאַסט־הויז, ניט ווייט פון פּאַריז, דאָרט וואו עס פלעגען זיך פאַרזאַמלען די רייכע פרעמדע, ווען זיי פלעגען זיך לאָזען אויף יאַגט אין די דערבייאיגע וועלדער. זי, די יונגע טאָכטער, מאַדעמאָזעל ראַשעיל, איז געווען די אויפזעהערין פון דעם גאַסט הויז. זי איז געווען אַ געבילדעטע מיידעל און זי האָט געקענט אויך איניגע שפּראַכען, צווישען זיי אויך פּויליש.

ווען דער גראַף פּאָטאָצקי האָט זי דערזעהן, האָט ער זי גערופען און מיט איהר גענומען ריידען אויף זיין געבראָכענעם פראַנצויזיש. מאַדמאָזעל ראַשעיל האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און איהם געזאָגט, אַז זי קען מיט איהם ריידען זיין שפּראַד... זי האָט אָנגעפאַנגען ריידען צו איהם פּויליש, און ער איז געווען זעהר שטאַרק צופרידען. ער האָט זיך אין איהר פאַרליעבט, אָב[ע]ר מורא האָבענדיג פאַר אַ סקאַנדאַל, האָט ער איהר פאָרגעשלאָגען מיטצונעהמען מיט זיך קיין ווילנאָ, אין זיין פּאַלאַץ, וואו זי וועט ווערען אַ גאָווערנאַנטקע צו זיין טאָכטער, קאַטערינאַ. ער האָט אָנגעבאָטען ראַשעיל'ס מוטער אַ גרויסע סומע געלט און זי האָט איהר טאָכטער איינגערעדט צו פאָהרען מיט איהם.

ווען ער האָט זיך מיט דער מאַדמאָזעל אומגעקעהרט קיין ווילנאָ צו זיין פּאַלאַץ, איז די גרעפין פּאָטאָצקי זעהר ניט געווען צופרידען, אָבער איהם איז געלונגען איהם איבערצוריידען, אַז ער האָט בלויז אין זינען געהאַט זייער טאָכטער קאַטערינאַ, ווען ער האָט זי אַהער געבראַכט.

— אַ גראַפ'ס אַ טאָכטער מוז קענען פראַנצויזיש, און עס וועט אויך ניט שאַדען, אַז אונזער זוהן וואַלענטי וועט קענען די דאָזיגע שפּראַך. ווען מיין

פאָטער וואָלט אזוי געטהאָן פאר מיר,
וואָלט איך איהם זעהר דאנקבאר גע־
ווען, ווייל דו קענסט זיך ניט פאָר־
שטעלען, ווי שלעכט איך האָב זיך גע־
פיהלט, זייענדיג אין פאריז און ניט קע־
נענדיג זיך צונויפריידען מיט די וויכ־
טיגע פערזענליכקייטען.

די גוואַווערנאַנטקע האָט זיך אָפּגע־
געבען מיט דער ערציהונג פון קאַ־
טערינאַ'ן, וועלכע איז דאַן געווען א
קינד פון 5 יאָהר, און איהר ברודער
וואַלענטי איז געווען מיט צוויי יאָהר
עלטער פון איהר. זי האָט מיט ביידען
גערעדט פראַנצויזיש, און דער גראַף
אליין פלעגט זי גאַנץ אָפט בעטען זי
זאָל מיט איהם ריידען פראַנצויזיש.
דאָס אָבער האָט ער געטהאָן לפנים ווע־
גען, פאר זיין פרוי, זי זאָל אויף איהם
קיין פארדאַכט ניט האָבען. אָבער
הינטער איהרע פּלייצעס האָט ער גע־
פיהרט מיט איהר א ליעבע...

די גרעפין האָט עס ערשט אויסגע־
פונען שפּעטער מיט עטליכע יאָהר, ווען
קאַטערינאַ איז שוין געווען ארום
צעהן יאָהר אלט. דאָס קינד האָט אָנ־
געהויבען פארדעכטיגען, אז איהר
פאָטער איז ניט גלייכגילטיג צו דער
מאַדמאָזעל און זי פלעגט זיי גאַנץ
אָפט נאָכפאָלגען און זיך באַהאַלטען...
איין מאָל, ווען זי האָט געזעהן ווי
איהר פאָטער קושט זיך מיט איהר,
איז זי גלייך געלאָפען דערצעהלען
איהר מוטער.

די גרעפין האָט זיך אויף איהר אָנ־
געבייזערט, אָבער זי אליין האָט שוין
גענומען האַלטען אַן אויג אויף זיי ביי־
דען, און ווען זי האָט זיי געכאַפּט
ביי דער האַנט, האָט זי איהם אריינ־
גערופען צו זיך און איהם אָנגעזאָגט,
אז אויב ער וועט זי באַלד ניט אַוועק־
שיקען, וועט זי מאַכען אַזאַ סקאַנדאַל,
אז דאָס וועט דערגרייכען דעם פויפּסט
אין רוים, און דערפאַר האָט זיך דער
גראַף פּאָטאָצקי זעהר שטאַרק געשראָ־
קען. ער האָט דערצעהלט דער פראַנ־
צויזקע וועגען זיין פרוי'ס וואָרנונג
און ער האָט איהר געזאָגט, אז ער
וועט זי אַוועקשיקען צו איינעם פון
זיינע מאַיאָנטקעס. ער וועט איהר גע־
בען א בריף צו דעם אויפזעהער, און
ער וועט שוין זעהן, אז עס זאָל איהר
גאָרנישט פעהלען. און ער האָט פאַר־
שפּראָכען, אזוי אין א פּאָר וואָכען
ארום וועט ער אַהין קומען זי זעהן.

דער גראַף האָט איהר מיטגעגעבען
דעם בריף און א סך געלט, און זאָ־
גענדיג זיין פרוי, אז ער האָט זי גע־
שיקט צוריק קיין פראַנקרייך, האָט ער
זי באַרוהיגט.

דער מאַיאָנטעק, וואו דעם גראַפ'ס
געליעבטע האָט זיך אויפגעהאַלטען,
איז געווען גאַנץ ווייט פון ווילנאָ. און
ווען ער פלעגט זאָגען זיין פרוי, אז
ער געהט אויף דער יאַגד, פלעגט ער
גאָר אַוועקגעהן אַהין און פאַרברענ־
גען מיט זיין געליעבטער. ער פלעגט
אַרויסשיקען זיין אויפזעהער און איי־
ניגע פון זיינע היידוקעס, זיי זאָלען
געהן אויף יאַגד און פאַנגען איניגע
חיות. אָט די דאָזיגע דערשאָסענע
חיות פלעגט ער מיטנעהמען מיט זיך
ווען ער פלעגט זיך צוריקקעהרען
אַהיים, אלס א באַווייז, אז ער איז גע־
ווען אויף יאַגד.

ווען ער פלעגט קומען באַזוכען זיין
געליעבטע, פלעגט ער ברענגען פאַר
איהר די בעסטע מתנות. ער האָט
שטרענג אָנגעזאָגט זיינע אויפזעהער,
אז זיי זאָלען עס האַלטען בסוד, און
זיי געוואָרנט, אז אויב אימיצער וועט
אויסגעפינען וועגען דעם, וועט ער זיי
האַלטען פאַראַנטוואָרטליך און זייער
שטראָף וועט זיין גרויס...

די גרעפין איז געווען פּונקט דער
היפּוך פון דעם גראַף. זי איז געווען
זעהר באַשיידען, א פרומע, איבערגע־
געבענע קאַטוילין. זי האָט געוואָלט
אויך דערציהען איהרע קינדער אין אָט
דעם דאָזיגען גייסט... זי האָט שטאַרק
מורא געהאַט, אז די אויסגעלאַסענע
פראַנצויזקע האָט געהאַט זעהר א
שלעכטע ווירקונג אויף איהר טאָכטער,
קאַטערינאַ. ווייל ווען זי איז געוואָרען
רייף, האָט זי זיך גענומען אויפפיה־
רען זעהר ניט באַשיידען. זי פלעגט
ליעב האָבען צו טאַנצען מיט יעדען
יונגען גראַף, וועלכער פלעגט צו זיי
קומען, און ניט איין מאָל האָט איהר
מוטער באַמערקט, אז אין איהרע אוי־
גען צעפלאַקערט זיך א מין ליידענ־
שאַפט, און זי האָט איהר דאַן פאַר־
באָטען צו טאַנצען...

דערפאַר אָבער האָט די גרעפין זיך
געפיהלט גליקליך מיט איהר זוהן. זי
האָט אויסגעפיהרט איהריגעס, אז וואַ־
לענטי זאָל אָנקומען אין דעם דאָ־
מאָלסטדיגען יעזואיטישען גלחים סע־
מינאַר, וואו ער וועט שטודירען די
הייליגע שריפטען.

וואַלענטי איז געווען א סך גראָ־

טען אין זיין מוטער. ער איז אויך געווען באשיידען, זעהר פרום און גוטהערציג. ער פלעגט ניט קענען צוזעהן די ווילדע מעשים פון זיין פאָטער. איהם זיינען ניט געווען צום הארצען זיין פאָטער'ס אונטערהאלטונגען, איבערהויפט זינט ער האָט אראָפגעבראכט דעם יונגען שעהנעם טענצער יוזשוק... ער האָט זיך באלד איבערצייגט, אז יוזשוק איז א פארדאָרבענער יונג, בלוט־דורשטיג און מיט א זעהר נידעריגען כאראקטער.

ער האָט אליין מיט זיינע אויגען געזעהן, ווי אָט דער יוזשוק האָט פארשמיסען אן אָרימען אומשולדיגען אידען בלויז דערפאר, וואָס ער האָט ניט געקענט טאנצען און ער האָט פארלאָרען דעם טאנץ־געוועט צו איהם... א צווייטען אידען האָט ער דערשאָסען, ווען ער האָט איהם געצוואונגען ארויפצוקלעטערען אויף דעם בוים.

ער האָט געזעהן ווי זיין פאָטער און די אנדערע פריצים האָבען זיך געפרעהט, ווען ער, יוזשוק, האָט מיט'ן ערשטען שאָס געטראָפען אין ציעל...

זיין הארץ האָט איהם פארקוועטשט, און ווען ער האָט געמאכט א פארזוך צו פּראָטעסטירען געגען אזעלכע גרויזאמקייטען, האָט איהם זיין פאָטער גוט אָנגעזידעלט און איהם גערופען שוואכלינג, אז ער האָט אין זיך בלוט פון א פייגלינג... ער האָט דאן אויסגעגאָסען זיין הארץ פאר זיין מוטער און זי האָט איהם מיטגעפיהלט.

— וואָס קענען מיר טהאָן? — האָט זי צו איהם געזאָגט — איך האָב זיך פון איהם גענוג אָנגעליטען... און ווען איך האָב געקענט ווירקען אויף איהם מיט בייזען, האָב איך דאָס געטהאָן... וועגען זיין איצטיגער אויפפיהרונג האָב איך קיין רעכט ניט איהם פאָרצוואָרפען. ער איז ניט דער איינציגער... דו ווייסט דאָך, אז יוזשוק'ן האָט ער אראָפגעבראכט פון ווארשע און דאָרט האָט מען שוין פון לאנג אָט די דאָזיגע שפּיעל פון דעם "בערען־טאנץ" געהאט איינגעפיהרט.

און אין אָט יענער צייט האָט זיך דער יונגער גראף וואלענטי באקענט מיט דעם געלערנטען און בכבוד'דיגען אידען, ר' מנחם מאן.

ער איז שנעל מיט איהם באפריינדעט געוואָרען און ער פלעגט ליעב האָבען מיט איהם צו פארברענגען... ער האָט איהם געהאט אנפארטרויט, אז ער קען ניט געפינען קיין באפרידיגונג אין דער יעזואיטישער סעמינאריע, ווייל ער פיהלט, אז זי גיט א פאלשע אויסטייטשונג צו דעם אלטען טעסטאמענט.

ער האָט אָבער באלד באמערקט אז ר' מנחם זוכט אויסצומיידען אריינצוגיין מיט איהם אין א געשפּרעך וועגען רעליגיע, און דאריבער האָט ער באשלאָסען צו געווינען ר' מנחם'ס צוטרוי צו איהם.

וואלענטי האָט גלייך געפונען די דאָזיגע געלעגענהייט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם אז זיין פאָטער פּלאנט צו האָבען די אונטערהאלטונג אין זיין זומער פּאלאץ, אין איליע. ער האָט זיך געזעהן מיט ר' מנחם'ן און איהם איבערגעגעבען אלע איינצעלהייטען.

איצט, אז זיין פריינד באָרים זארעמבא איז געווען א גאסט ביי איהם, און ער האָט איהם שוין געהאט באקאנט מיט דער משפחה פון ר' לייזער זוסעקס, וואו ער האָט אויך געטראָפען חיים'ן, האָט ער מיט איהם זיך דורכגערעדט וועגען זיין פּלאן צו לערנען העברעאיש ביט דעם געלערנטען אידען ר' מנחם מאן.

איידער זארעמבא האָט באדארפט אָפּפאָהרען קיין ווילנא, האָט ער מיט איהם אָפּגעמאכט, אז ער זאָל גלייך אריבערגעהן צו אָט דעם ר' מנחם, און איהם איבערגעבען אז לויט ווי ער גלויבט, וועט זיין פאָטער מעהר ניט האָבען קיין "בערען־טאנץ" שפּיל. און אויב ער וועט עפּעס אויסגעפינען וועגען א פּלאן, וואָס קאָן שאדען טאָן צו די אידען, וועט ער איהם גלייך לאָזען וויסען.

ווען קאטערינא האָט אויסגעפונען אז זארעמבא האלט ביים אָפּפאָהרען האָט זי זיך אָנגערופען צו איהר ברודער מיט א לייכטען געלעכטערל:

— פארוואָס וויל דיין פריינד אזוי שנעל אנטלויפען פון דאנען, האָט ער דען מורא פאר מיר? איך מוז דיר זאָגען, וואלענטי, אז די אלע סטודענטען פון דער סעמינאריע, האָבען מורא פאר פרויען... אפילו דו, האָסט מורא... אָט איז געקומען העלענא, די טאָכטער פון דעם גראף לינעצקי, צוזאמען מיט איהרע עלטערען לעצטען פרייטאג צו אונזער אונטערהאלטונג. זי האָט גע'חלש'ט אויסצוריידען א וואָרט מיט דיר, און דו האָסט זיך די

גאַנצע צייט געהאַלטען פון דער ווייטענס.

— פון וואַנען ווייסטו עס? — פרעגט זי וואַלענטי.

— הם... פון וואַנען וויים איך? — האָט קאַטערינאַ א שמייכעל געטאָן. — אפילו ווען זי זאָגט עס מיר ניט, וואָלט איך עס געקאָנט מערקען אָן איהרע אויגען... זי האָט דאָך פון דיר איהרע אויגען ניט ארונטערגענומען... און דו ביסט געווען אזוי פארטאָן צוקוקענדיג ווי דער זשידאָק טאַנצט, אז דו האָסט קיינעם ניט באַמערקט.

— דו אַליין ווייסט דאָך צוגעבען אז עס איז געווען וואָס צו זעהן. קיינער פון אונז האָט ניט ערוואַרט אז א איד וועט אזוי גוט קאָנען טאַנצען... אָבער מעהר פון אַלץ איז מיר געפעלען געוואָרען זיין האַנדלונג, ווען ער האָט דאָך געהאַט א פולען רעכט צו דערשיסען זיין שונא, וועלכער וואָלט עס זיכער צו איהם געטאָן, ווען יוזשוק געווינט דעם טאַנץ געוועט. איך האָב ניט געוואָלט גלויבען אז דער איד איז אזא גוטער שיסער אז ער קאָן טרעפען אזוי גוט אין ציל... איך מוז דיר זאָגען, מיין שוועסטער, אז זינט יענער נאַכט, האָב איך אינגאַנצען געביטען מיין מיינונג וועגען אידען. איך האָב אַלע מאָל געמיינט אז א איד איז א פייגלינג, אז ער פארמאָגט א שקלאַפּישע נשמה, אָבער דאָס וואָס איך האָב געזעהן לעצטען פרייטאג פארנאַכט, האָט מיר געמאַכט צו ענדערען מיין מיינונג.

— און איך האָב מיין מיינונג וועגען די זשידעס ניט געביטען! — האָט קאַטערינאַ זיך צו איהם אָנגערופען — איך האָס זיי איצט נאָך מעהר ווי פריהער!

— אָ, דו האַסט דעם בראַווען אידען וועלכער האָט ארויסגעוויזען מענשליכקייט און ניט פארגאָסען זיין בלוט, אָבער אָט דעם יוזשוק'ן וועלכער האָט אונז אַלעמען געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט, איז ביי דיר געאַכטעט... דוכט זיך ווי אזוי קאָנסטו זיך פאָרשטעלען א גרעסערען פייגלינג ווי איהם?

— ווער זאָגט דיר, אז איך האָב אַכטונג פאַר איהם! — האָט קאַטערינאַ אויסגערופען — פארקעהרט, זינט יענער נאַכט, שוידער איך אויף ווען איך טראַכט בלויז פון זיין נאָמען... און גלויב מיר, איך וואָלט געווען א סך מעהר צופרידען ווען דער זשידעק דערשיסט איהם ווי א הונט, וויל איצט וועט ער, דער זשידעק געשטעלט ווערען אין א שעהנער ליכט, און מיר וועלען זיך שטענדיג דאַרפען שעהמען צוליב יוזשוק'ס האַנדלונג... אָבער פאַרוואָס, מיין ברודער, זוכסטו אויסצומיידען מיר צו געבען אַן ענטפער וועגען דעם וואָס איך האָב דיך געפרעגט וועגען דער העלענאַ'ן. זי איז דאָך אזוי שעהן, און זי איז אויך געלערענט...

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, מיין שוועסטער, אז איך האָב זי אפילו ניט באַמערקט...

— אָט דאָס מיין איך דאָך ווען איך זאָג דיר אז די סטודענטען פון דער סעמינאַריע, האָבען ניט קיינע אויגען פאַר פרויען, עס איז צו דיר געקומען דיין פריינד זאַרעמבאַ, דוכט זיך אז איך האָב איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך... איך האָב איהם אפילו פאָרגעשלאָגען אז מיר זאָלען געהן אויף א שפּאַציר, און ער האָט זיך דערפון ארויסגעדרעהט... ווען איך וואָלט ניט געוואוסט אז ער איז א סטודענט אין דער סעמינאַריע, און אז ער איז דיינער א חבר, וואָלט איך זיך זיכער געהאַט באַליידיגט פון זיין האַנדלונג... אָבער איך ווייס אז דו ביסט אויך אזוי... דו פאַרמאָגסט ניט אין זיך קיין טראָפּען ראָמאַנטישקייט... דו ביזט אזוי אַנדערש פון אונזער פאָטער... איך געדיינק נאָך יענע צייט ווען דער פאָטער איז געווען פאַרליבט אין אונזער גאָווערנאַנטקע...

— דו האָסט קיין רעכט ניט אזוי צו ריידען, קאַטערינאַ! — האָט זיך וואַלענטי אויף איהר אָנגעבייזערט.

— פאַרוואָס ניט! איך האָב ניט איינמאָל געהערט פון אונזער פאָטער'ס מויל ווי ער באַריהמט זיך נאָך דערמיט! איך האָב טאַקע געהערט יענע נאַכט, נאַכדעם ווי די אונטערהאַלטונג האָט זיך געענדיגט, און ער האָט דערצעהלט וועגען זיין אַמאָליגער געליבטער, טאַקע פאַר דעם גראַף לינעצקי, העלענאַ'ס פאָטער. אמת, זיי זיינען ביידע געווען עטוואָס שיכור'לעך, אָבער זיי האָבען געוואוסט וועגען וואָס זיי ריידען... זיי האָבען מיר ניט באַמערקט, איך בין געזעסען איינגענורעט אויף דער זאָפאַ פון הינטען און זיי האָבען געמיינט אז קיינער געפינט זיך ניט אין צימער, האָבען זיי גערעדט גאַנץ אָפען... דער גראַף לינעצקי

האָט נאָך אפילו איצט א געליבטע... איך האָב איהם געהערט דייטליך... און איך וואָלט ניט זיין איבערראשט ווען איך וועל הערען אז אונזער פּאָטער'ס געליבטע געפינט זיך ערגעץ ניט ווייט פון דאנען.

— דו מעגסט זיך שעהמען, קאַטערינא! — האָט וואלענטי זי פאַרגעוואָרפען — ווי אזוי קאָסטו ארויסבריינגען אזעלכע רייד פון דיין מויל!

— איך דאַרף זיך שעהמען! — האָט זי געלאכט — זאָל זיך דער פּאָטער אונזערער שעהמען — און אפשר דאַרף ער זיך אויך ניט שעהמען! צו פיהרען א ליבע מוז זיין איינע פון די וואונדערבארסטע זאכען פון דער וועלט... איך קאָן דעם פּאָטער גאנץ גוט פארשטעהן. ער איז פול מיט לעבען! ער איז געזונט און ער איז שטענדיג פרעהליך... אָבער די מוטער, איז בלויז אריינגעטאָן אין פרומקייט. זי וויל ניט געניסען פון לעבען... זי האלט זיך צוריקגעצויגען פון אלץ און פון אלעמען... איהר גאנצער פארגעניגען איז דער קלויסטער, און די אלע הייליגע בילדער... איך האָב דאָך מיט איהר ניט איינמאָל גע'טענה'ט אז זי איז נאָך יונג, און זי דאַרף נאָך געניסען פון לעבען, אנשטאט דעם פאנגט זי אָן מיר צו דערצעהלען וועגען יענער וועלט, וועגען דעם אז א גוטער קריסט דאַרף זעהן צו האָבען וואָס ווינציגער פארגעניגען אויף דער וועלט כדי, ער זאָל גלייך קאָנען אריינקומען אין הימעל ווען ער וועט שטארבען...

— די מוטער איז גערעכט! — האָט וואלענטי זיך אָנגערופען — אונזער לעבען דאָ איז צייטווייליג! די אייביגקייט פאנגט זיך אָן נאָכ'ן טויט.

— אויב דאָס זאָל זיין אמת! — האָט קאטערינא זיך אָנגערופען טאָ פארוואָס דאַרף מען גאָר געבוירען ווערען!

— מען ווערט געבוירען כדי מען זאָל האָבען א געלעגענהייט צו טאָן גוטעס און דורכדעם דערגרייכען דעם העכסטען שטאפעל פון גליק. א מענש, איז ניט געבוירען פאר פארגעניגען אליין!

— און איך האלט אז יעדער איינער דאַרף געניסען פון לעבען וויפיעל נאָר ער קאָן. און דאריבער בין איך גאָרניט אין כעס אויף אונזער פּאָטער וואָס ער זוכט פארגעניגענס אין לעבען... גלויב מיר, מיין ברודער, אז גאנץ אָפט, ווען איך נעם טראכטען פון דעם אז איך האָב דערצעהלט דער מוטער, אז איך האָב געזעהן ווי דער פּאָטער האָט זיך געקושט מיט דער גאָווערנאנטקע, פארדריסט מיר זעהר שטארק... אויב מיין מוטער וויל גאָר ניט געניסען פון דעם לעבען, טאָ פארוואָס זאָל מיין פּאָטער ניט געניסען!

— איך מוז דיר זאָגען, מיין שוועסטער, או דו ביסט פארדאָרבען. א באשיידענע מיידעל וועט אזעלכע רייד ניט ריידען...

— עס איז ניטאָ אזא זאך ווי א באשיידענע מיידעל! — האָט קאטערינא איהם געזאָגט. — עס זיינען פאַראַן אזעלכע וועלכע ווילען זיך ארויסצייגען פאר באשיידען, אָבער אין זייערע הערצער טראכטען זיי פון זינד און פארגעניגען... אָט האָט מיר די מוטער ערשט נעכטען אויך פאָרגעוואָרפען אז איך בין ניט גענוג באשיידען, און אלס מוסטער נעמט זי העלענא'ן... זי זאָגט אז העלענא איז זעהר באשיידען און אז זי וועט ניט טאָן אזעלכע זאכען ווי איך... נו, זאָג איך דיר אז איך האָב געמוזט לאכען... ווייל העלענא האָט מיט מיר מיט א טאָג צוריק געהאט א געשפּרעך און זי האָט מיר דערצעהלט וועגען איהרע ליבעס אנגעלעגענהייטען, און זי האָט מיר ענטדעקט איהרע געדאנקען, מוז איך דיר זאָגען אז איך בין גענען איהר א נאָנע... דו פארשטעהסט יענע מיידלעך מאכען זיך פאר צנועות, אָבער אין זייערע הערצער זיינען זיי זינדיגע... איך אָבער באהאלט ניט דאָס וואָס עס טהוט זיך אין מיין הארצען... איך זאָג דיר אָפען.

— ניין, מיין שוועסטער, דו האָסט באדארפט וויסען ווי אזוי זיך צו באהערשען — האָט וואלענטי איהר געזאָגט — זעהסטו דערפאר האָט זיך מיין פריינד געהאלטען פון דערווייטענס פון דיר... ער, אלס פרומער קאַטאָליק האָט דערפילט אז דו ביזט ווייט פון צו זיין באשיידען און דאריבער האָט ער געזוכט דיך אויסצומיידען.

— הער זיך איין, מיין ברודער, דו וועסט מיר ניט קאָנען איינריידען אז דאָס איז די אורזאכע! איך ווייס אז ער קוקט ניט אויף קיין פרוי, ווייל אין דער סעמינאריע לערענט מען אייך אז צו קוקען אויף א פרוי איז א זינד... איך וויל דאריבער אז דו זאָלסט

זעהן אז דיין פריינד פאן זארעמבא זאל זיך ביי אונז אפשטעלען נאך אויף עטליכע טעג.

— איך האב איהם שוין געבעטען אבער ער האט מיר געזאגט אז ער מוז זיין אין ווילנא מארגען און דאריבער וועט ער זיך צוריקקעהרען היינט.

— אויב אזוי פארלאנג איך פון דיר אז דו זאלסט איהם איינלאדען ער זאל קומען צו אונז נאך אמאל אויף א באזוך... מיר וועלען אלע דריי ארויספאהרען רייטענדיג און מיר וועלען גוט פארברייגען.

— איך קאן דיר זאגען אז איך האב איהם שוין איינגעלאדען און ער האט מיר פארשפראכען צו קומען אזוי שנעל ווי ער וועט האבען צייט.

— הער זיך איין, וואלענטי, דער פאטער מאכט שוין זיינע פלענער פאר א רייזע אויף א יאגד גאנץ ווייט פון דאנען, און איך וואלט דיר געראטען אז דו זאלסט מיט איהם מיטרייזען.

— דו ווייסט גאנץ גוט, קאטערינא אז איך האב ניט ליב דעם יאגד.

— אבער היינטיגעס מאל וואלסטו מיר באדארפט פאלגען און מיטגעהן מיט איהם — האט קאטערינא מיט א שמייכעל געזאגט.

— פארוואס ?

— ווייל איך האב א פארדאכט אז ער איז אזוי ניט אויסען דעם יאגד ווי עפעס אנדערש — האט זי געזאגט.

— עס איז שוין צייט אז דו זאלסט ניט האבען מעהר אזעלכע פארדאכטען — האט וואלענטי געזאגט.

— אבער איך האב געהערט ווי ער האט זיך געשושקעט מיט דעם גראף לינעצקי'ן, און איך בין כמעט ווי זיכער אז ער האט דערמאנט דעם נאמען פון אונזער געוועזענע גאווערנאנטקע... און דאריבער ווען איך בין דו, וואלט איך שוין דעם פאטער ניט געגעבען א געלעגענהייט צו געהן אליין אויפ'ן יאגד...

אבער מיט א ווייטע פריהער האסטו געזאגט אז דו ביסט ניט אין כעס אויף דעם פאטער וואס ער זוכט פארגעניגענס אין לעבען...

— פונדעסטוועגען וואלט איך זעהר ניט געוואלט זעהן אז אונזער פאטער זאל פארראטען אונזער מוטער — האט קאטערינא געזאגט.

— דו שלאגסט זיך בעסער ארויס אזעלכע געדאנקען פון דיין קאפ — האט וואלענטי זיך צו איהר אנגערופען — דאס אלץ קומט צו דיר פון דיינע ניט ריינע געדאנקען, דו הערסט און זעהסט אזעלכע זאכען אין דעם פארשטעלונגס־קראפט...

— א, ניין, מיין ברודער — האט קאטערינא געזאגט — איך ווייס וואס איך רייד... אויב דו וועסט מיר פארשפרעכען ניט צו דערציילען דער מוטער, וועל איך דיר זאגען וואס איך האב געהערט יענע נאכט, ווען עס איז פארגעקומען דער געשפרעך צווישען פאטער און דעם גראף לינעצקי.

— איך וויל גארניט הערען ! — האט וואלענטי אויסגערופען — איך וועל דיר אלץ איינם ניט גלויבען.

— און וואס וועסטו זאגען צו דעם אז איך האב אליין געזעהן ווי דער פאטער האט געצייגט דעם גראף לינעצקי א שנירעל פערעל וואס ער האט איינגעהאנדעלט אין ווילנא... ער האט עס דאך דער מוטער ניט געגעבען ! איך צווייפעל ניט, אז ער קלייבט זיך צו באזוכען זיין געליבטע, אונזער געוועזענע גאווערנאנטקע, ראשעיל... דאריבער זאג איך דיר, אז אויב דו ווילסט טאן א טובה אונזער מוטער, זאלסטו זיך ווענדען צום פאטער אז ער זאל דיך מיטנעמען אויף דעם יאגד.

— ער ווייסט אבער, אז איך האב ניט ליב קיין יאגד.

— וועסטו איהם קאנען זאגען, אזוי ווי דו האסט ניט וואס צו טאן וואלסטו זיך וועלען באטייליגען אין דעם יאגד. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז ווען דו וועסט מיטגעהן, וועסטו טאן א גאר גרויסע טובה דער מוטער. ער וועט דאן מוזען אויפגעבען דעם באזוך צו זיין געליבטער...

פון זיין קינדהייט אן, האט זיך וואלענטי געהאלטען גאנץ ווייט פון זיין פאטער... ער האט ניט געקאנט דולדען זיין פאטער'ס גרויזאמקייט, און זיינע ווילדע הוליאנקעס. ער האט ניט געקאנט צוזעהן ווי זיין פאטער שיכור'ט און פיהרט זיך אויף אן אופן וואס איז זעהר ניט פאסענד פאר א גראף. און ווען ער האט איינמאל געמאכט א פארזוך איבערצורעדען זיך מיט זיין פאטער, און איהם געגעבען אנצוהערען אז עס איז ניט שעהן פאר די דינער, האט זיך זיין פאטער צע־

קאַכט, און איהם אַרונטערגעלאָזען אַ פּאַטש. זינט דאַן פלעגט ער זעהן אויסצומיידען אַריינצוגעהן אין אַ געשפּרעך מיט זיין פאַטער וועגען זיין אויפפירונג. אפילו איצט ווען ער איז שוין עלטער געוואָרען, און ער איז זעהר שטאַרק געליבט געוואָרען פון די גלחים פון דער סעמינאַריע, האָט דער פאַטער אויף איהם אויך געקוקט מיט פאַראַכטונג... ער פלעגט איהם רופען: „פייגלינג", פרויען־צימער, און שרעקענדער האָז...

וואַלענטי האָט איצט גענומען זיין שוועסטער'ס רייד צום האַרצען... אפשר וועט איהם געלינגען צו פאַרמיידען אַז זיין פאַטער זאָל באַגעהן אַ זינד... זי וועט דאָך ניט אויסטראַכטען אַזעלכע זאַכען וועגען זייער פאַטער, געוויס האָט זי געהערט דאָס וואָס זי האָט איהם דערציילט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען וואַלענטי האָט געזעהן אַז זיין פאַטער גרייט זיך אָפּצורייזען צום יאַגד, האָט ער זיך צו איהם געווענדעט, ער זאָל איהם אויך מיטנעמען.

— וואָס! דו ווילסט פאָרען אויף דעם יאַגד! — האָט זיך דער גראַף פאָטאָצקי פאַנאַנדערגעלאַכט — דו וועסט דערזעהן אַ האָז וועסטו זיך דערשרעקען און אַנטלויפען.

— איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען אויף אַ יאַגד — האָט וואַלענטי געזאָגט — און אויב עס וועט זיין פאַר דיר ניט צו שווער מיך מיטצונעמען, וואָלט איך זעהר גערן מיטגעגאַנגען. ווייל איך האָב אַלץ איינס ניט וואָס צו טאָן די קומענדע עטליכע וואָכען...

— אָבער ווייסטו וואָס מען טוט אויף אַ יאַגד? — האָט דער גראַף ניט אויפגעהערט צו לאַכען — מען שיסט און מען פאַרגיסט בלוט און דו ביזט געגען דעם.

— איך בין געגען דעם אַז מען זאָל פאַרגיסען בלוט פון אומשולדיגע מענשען, אַזוי לערנען די הייליגע שריפטען. אָבער מיר עסען דאָך פלייש פון די חיות...

— מיין עצה איז אַז דו זאָלסט בלייבען אין דער היים! — האָט דער גראַף זיך צו איהם אָנגערופען לאַכענדיג — איך האָב מורא אַז דו וועסט אונז בלויז שטערען. דו ביזט דאָך אַ שרעקענדיגער, און איינער, וועלכער איז אַ פייגלינג דאַרף זיצען אין דער היים...

— פאַטער — האָט זיך שוין קאַטערינאַ אַריינגעמישט — אויב דו גלויבסט אַז ער האָט מורא, דאַרפסטו גראָד מיטנעמען כדי איהם צו באַווייזען ער זאָל קיין מורא ניט האָבען. איך בעט דיך, נעהם איהם מיט זיך! פאַרוואָס זאָל ער בלויז וויסען ווי צו זיצען אין דער היים אָדער אין דער סעמינאַריע, און זיין אינגאַנצען אויסגעטאָן פון אַלע וועלטליכע פאַרגעניגענס.

דער גראַף האָט זעהר ליב געהאַט זיין טאָכטער, און אַז זי האָט גענומען צו איהם צושטעהן, האָט ער איהר נאָכגעגעבען.

— גוט — האָט ער זיך געווענדעט צו וואַלענטי'ן — זיי גרייט! אָבער געדענק, אַז אויב דו וועסט מיר פאַלען צו לאַסט, וועל איך דיר ניט שענקען.

וואַלענטי האָט שוין חרטה געהאַט. ווי באַלד אַז זיין פאַטער וויל איהם מיטנעמען, איז אַ סימן אַז די גאַנצע מעשה מיט זיינער אַ געליבטער, איז אויסגעטראַכט, אפשר מאַכט זיין שוועסטער אַ טעות... און אפשר האָט זי טאַקע געהערט ווי איהר פאַטער רעדט מיט דעם גראַף לינעצקי וועגען זיין געליבטע, אָבער ער האָט זיך בלויז געוואָלט באַריהמטען פאַר איהם...

צוריקצוציהען זיך אָבער, האָט וואַלענטי ניט געקאָנט. ער האָט זיך גענומען צוגרייטען צו דער רייזע אויפ'ן יאַגד. און ווען זיין מוטער האָט זיך דערוואוסט אַז ער וויל מיטגעהן מיט'ן פאַטער אויף דער יאַגד, האָט זי איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג:.

— דו אויך, מיין זוהן! — האָט זי זיך צו איהם אויסגערופען — איך וואָלט עס אויף דיר קיינמאָל ניט געגלויבט... ווי קומט עס צו דיר?...

וואַלענטי האָט זיך פרובירט פאַרענטפערען, אַז ער וואָלט וועלען זעהן ווי אַזוי מען פיהרט זיך אויף ביים יאַגד, און ער אַליין וועט זיך אפילו ניט באַטייליגען...

די גרעפין האָט איהם ניט געשטערט אָבער ער האָט געקאָנט מערקען אַז זי איז ניט איבעריגס צופרידען פון דעם. זי איז אין איהם ענטוישט... די אמת'ע סיבה פון זיין מיטגעהן קאָן ער דאָך איהר ניט זאָגען... ער האָט אָבער געבעטען קאַטערינאַ'ן אַז זי זאָל באַרו־

היגען די מוטער, און זי זאָל איהר זאָגען אז דאָס האָט זי אויף איהם געווירקט ער זאָל געהן צוזאמען מיט דעם פאָטער...

וואלענטי האָט אָנגעטאָן די יאגד קליידער, און אפילו מיטגענומען א ביקס. ער און זיין פאָטער האָבען זיך געזעצט אויף זייערע פערד, און הינטער זיי האָבען גערייטען א צעהן היידוקעס, מיט אלע נויטיגע זאכען, מיט שפּייז, און וואסער און אלע אנדערע נויטווענדיגקייטען...

זיי האָבען אָפּגעריטען אזוי היבשע עטליכע שעה. דאַן האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט אין א קרעטשמע אויפ'ן וועג.

דער קרעטשמאר איז געווען א איד, וועלכער האָט שוין געקאָנט דעם פּריץ, ווייל דאָרט פלעגט ער זיך גאנץ אָפּט אָפּשטעלען. ער האָט גלייך געמאכט א גרויסארטיגען מאָלצייט פאר דעם גראף און זיינע באגלייטער. וואלענטי האָט געהאט א געלעגענהייט צו באטראכטען דעם אידען ווי אזוי ער פירט זיך אויף. און איהם איז געקומען אויפ'ן זינען דער איד, דער ארענדאר פון איליע, מיט זיין משפּחה. יע, זיי זיינען תמיד אין שרעק... זיי מוזען זיין זעהר פלינק נאָכצוגעבען די קאפּריזען פון די פּריצים, אז ניט קאָנען זיי אזוי גרינג פארלירען זייערע לעבענס ווי די חיות וואָס ווערען דערשאָסען אויף דער יאגד... א שטארקער רחמנות האָט זיך אין וואלענטי'ס הארץ דערוועקט ווען ער האָט באטראכט די דאָזיגע אידישע משפּחה. ער האָט געוואָלט עפּעס טאָן פאר זיי, ער האָט זיי גענומען טרייסטען און בארוהיגען אז זיי האָבען ניט וואָס מורא צו האָבען, אז מען וועט זיי קיין בייזעס ניט טאָן. אָבער ער האָט באמערקט, אז דער אידישער קרעטשמאר קוקט אפילו אויף איהם מיט פארדאכט. ער לויפט ארום איהם ווי א הונט ארום זיין בעל הבית...

נאָכדעם ווי דער גראף האָט זיך גוט אָנגעגעסען, האָט ער פארלאנגט פון דעם אידען ער זאָל איהם געבען א גוטען טרונק בראָנפען.

דער איד האָט שוין געהאט אָנגעגרייט פאר אזא פאל, און ער האָט געבראכט דעם גראף א גלעזעל שנאַפּס, און א צווייטער און א דריטע...

— דו ווייסט וואלענטי! — האָט זיך דער גראף צו איהם אָנגערופען — איך און מיין נאָהענטסטער דינער וועלען זיך דורכרייטען א ווײלע... דאָ ניט ווייט געפינט זיך מיינער אן אלטער פריינד... איך האָב איהם דעם לעצטען מאָל פארשפּראָכען אָפּצושטאטען א באזוך... און אויב ער וועט מיך ניט פארהאלטען, וועל איך זיך צוריקקערען אהער, און מיר וועלען דאָ אלע איבערנעכטיגען, אָבער אויב מיין אלטער פריינד וועט מיך פארהאלטען וועל איך דאָרט בלייבען איבערנעכטיגען, או, איך וועל זיך אהער אומקערען מאָרגען אין דער פריה און מיר וועלען פון דאנען .זרויסגעהן אויף דעם יאגד.

— אָבער פאָטער איך וויל מיטגעהן מיט דיר! — האָט וואלענטי זיך אָנגערופען — איך בין זיכער אז דיין פריינד וועט זיין צופרידען מיך אויך אויפצונעמען.

— הם... — האָט דער גראף זיך אָנגערופען — דו בעסער בלייב איבער מיט די היידוקעס, ווייל איך האָב מורא אז ווען זיי וועלען זיך אָנשיכור'ן וועלען זיי נאָך פאראורזאכען צרות דעם אידישען קרעטשמאר.

— וועסטו זיי אָנזאָגען אז זיי זאָלען זיך ניט צוריהרען צו קיין בראָנפען — האָט וואלענטי איהם געזאָגט.

— ווען קיינער וועט ניט זיין זיי צו היטען וועלען זיי אָפּטאָן אנדערע אונאנגענעמע זאכען. פאָלג מיר, מיין זוהן, פארבלייב דאָ מיט זיי!

— איך וועל דיר זאָגען פאָטער! — האָט וואלענטי זיך אָנגערופען — דו באשטים איינעם פון די היידוקעס אלס זייער הויפּט, וועלכער וועט זיין פאראנטוואָרטליך פאר זיי, און זאָג זיי אלעמען אָן, אז זיי דארפען זיך צו איהם צוהערען, וועט ער שוין אויף זיי אכטונג געבען...

דער גראף פאָטאָצקי האָט געזוכט אלערליי מיטלען איינצורעדען זיין זוהן צו פארבלייבען דאָ אין קרעטשמע, אָבער וואלענטי האָט יעדעס מאָל געפונען א געגענמיטעל, און באשטאַנען אז ער זאָל איהם אויך מיטנעמען צו זיין פריינד.

דער גראף פאָטאָצקי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיין זוהן. ער האָט שוין חרטה געקראָגען אויף דעם וואָס ער האָט זיך געלאָזט איבעררײדען פון זיין טאָכטער, און מיטגענומען זיין

זוהן. ער האָט זיך דאַן געטראַכט, אז איהם וועט געלינגען אָפּצושטעלען וואַלענטי'ן אין דער קרעטשמע איבער נאַכט, און דערווייל וועט ער קאָנען פאַרברייגנען מיט זיין געליבטער ראַשעיל אויף זיין מאַיאָנטעק וואָס איז ניט ווייט פון דאַנען. איצט אָבער, אז זיין זוהן שפּאַרט זיך איין און וויל דוקא מיטפאָרען, האָט ער זיך קיין עצה ניט געקאָנט געפינען. ווען ער וועט איהם פאָרט ניט מיטנעמען, וועט ער איהם אָנפאַנגען פאַרדעכטיגען. און דאָס וועט נאָך ערגער זיין, ער וועט געוויס דערציילען דער מוטער, און זי וועט שוין אויסגעפינען דעם אמת.

ווען וואַלענטי וואָלט ליב געהאַט דעם ביטערען טראָפּען, וואָלט ער שוין גע־זעהן אז מען זאָל איהם פאַר'שיכור'ן, און בלייבען נעכטיגען דאָ אין קרעטש־מע... אָבער וואַלענטי רירט זיך ניט צו בראַנפען, און דאָ וויל ער דוקא מיט־רייזען מיט איהם... וואָס טוט מען? ער האָט שוין אויסגעקוקט זיינע אויגען אויף דער דאָזיגער געלעגענהייט. שוין היבשע עטליכע חדשים וואָס ער האָט זי ניט געזעהן און לעצטענס האָט איהם איינער פון זיינע דאָרטיגע הייַדוקעס איהם געבראַכט א בריוו אין געהיים פון ראַשעיל, אין וואָס זי שרייבט איהם אז זי בענקט זעהר שטאַרק נאָך איהם, און אז זי פּיהלט זיך דאָרט זעהר איינזאַם. און אויב ער וועט אין גיכען צו איהר ניט קומען, וועט זי ניט קאָנען אַריבערטראָגען איהר איינזאַמקייט. און זי האָט מורא אז זי וועט זיין געצוואונגען צו מאַכען א שריט, פאַרוואָס זי אַליין ציטערט אויף.

דער גראַף האָט פאַרשטאַנען אז זי גיט איהם אָנצוהערען, אז אויב ער וועט ניט קומען צו איהר גאָר אין גיכען, וועט זי געוויס פון דאָרט אַנטלויפען... זי האָט עס איז גאַנץ דייטליך געזאָגט איינמאָל, ווען ער האָט פאַרשפּעטיגט צו קומען צו איהר... ער וואָלט זעהר ניט געוואָלט זי פאַרלירען, און דאַריבער האָט ער לעצטענס גע־קויפט אין ווילנע פאַר איהר א טייערען שנירעל פּערעל, און ער האָט געוואַרט אויף דער דאָזיגער געלעגענהייט... קומט איצט זיין זוהן און צעשטערט אַלע זיינע פּלענער.

— הער זיך איין זוהן! — האָט דער גראַף צו איהם געזאָגט — מיין פריינד האָט א יונגע, שעהנע טאָכטער, און אויב דו וועסט קומען מיט מיר צו איהם, וועט ער מיינען אז דאָס האָב איך דיך געבראַכט מיט'ן צוועק זי זאָל ווערען דיין פרוי... איך ווייס דאָך ווי אַזוי דו באַציהסט זיך צו פרויען, דאַריבער וויל איך דיך וואָרענען אז אויב דו וועסט מיר מיט דיין האַנדלונג שטעלען אין פאַרלעגענהייט, וועל איך דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין... זאָגסטו מיר צו אז דו וועסט פאַרברייגנען מיט זיין טאָכטער, ווי עס פּאַסט פאַר א פּאַטאָצקי'ן, און זיך ניט צוריקציהען אין דיין ווינקעל, און זיך ניט אומקוקען אפילו אויף זיין טאָכטער... ווי דו האָסט עס געטאָן צו דער טאָכטער פון מיין פריינד לינעצקי. מיין ניט אז דער גראַף לינעצקי האָט מיר ניט פאַרגע־וואָרפען וועגען דעם. ער האָט מיר נע־זאָגט אז דו האָסט זיך אויף זיין טאָכ־טער אפילו ניט אומגעקוקט... דאַריבער וויל איך דיר וואָרענען אז אויב דו וועסט אַרויסווייזען מעהר העפליכקייט צו מיין פריינד'ס טאָכטער, זאָלסטו בעסער ניט מיטפאָרען מיט מיר!

— אויב דאָס איז דיין וואונש, פּאָ־טער, וועל איך זיין זעהר העפליך צו איהר, אָבער דאָס דאַרף דאָך ניט מיי־נען אז איך וועל מיט איהר דאַרפען חתונה האָבען...

— און פאַרוואָס ניט? אויב דו האָסט עס ניט אין זינען וועסטו דאַר־פען נעבען אַן ערקלערונג מיין פריינד, און אויב דו ווילסט פאַרמיידען אונ־אַנגענעמליכקייטען, זאָג איך דיר, אז עס וועט זיין פאַר דיר בעסער צו פאַר־בלייבען דאָ איבער נאַכט.

— לויט דיינע רייד, פּאָטער, קומט אויס אז איך בין זעהר ניט העפליך צו מענשען, איך האָב דערווייל אפשר קיין אינטערעס אין פרויען, אָבער איך ווייס זיך ווי צו באַגעהן אין פאַל ווען איך טרעף זיך מיט א פרוי...

— איך וויל פון גאָרנישט וויסען!

— האָט דער גראַף איהם געזאָגט — דו דאַרפסט זעהן מיר ניט צו שטע־לען אין א פאַרלעגענהייט. אויב דו ווילסט קום מיט מיר!

וואַלענטי האָט שוין איינגעזעהן אז דאָס וואָס זיין פּאָטער האָט אָנגע־ווענדעט אַלע מיטלען ניט צו דערלאָ־זען אז ער זאָל מיט איהם מיטפאָרען,

איז א סימן אז זיין שוועסטער איז געווען געערכט, אז ער פירט א ליבע מיט זייער אמאליגער גאווערנאנטקע, און דעריבער האט ער זיך ניט געלאזט אנשרעקען פון זיין פאטער און ער האט איהם געזאגט אז ער פארט מיט איהם מיט.

דער גראף פאטאצקי, אבער, האט ניט געוואוסט וואס צו טאן. פאהרען צוזאמען מיט איהם וועט ער דאך ניט קאנען, ווייל ער האט דאך ניט זיין פריינד אין אט דעם געגענט, וועט דאך זיין זוהן אויסגעפינען אז ער האט איהם אפגענארט, און זיין חשד וועט גרעסער ווערען.

ער האט פלוצלונג געבעטען דעם קרעטשמאר ער זאל איהם געבען נאך א גלעזעל בראנפען, און ווען ער האט עם אויסגעטרונקען, האט ער באשלאסען זיך צו צוקריגען מיט זיין זוהן, און דאן וועט ער האבען א גוטען תירוץ איהם ניט מיטצונעמען.

— ברייננ אויך א גלעזעל בראנפען פאר מיין זוהן! — האט דער גראף באפוילען דעם קרעטשמאר.

דער איד האט זיך פארנייגט און האט באלד געבראכט א גלעזעל שנאפס און עס צוגעטראגען צו וואלענטי'ן.

— פאטער, דו ווייסט דאך אז איך טרינק ניט!

— וועסטו איצט יע טרינקען!

— אבער איך האב נאך קיינמאל ניט גענומען דאס צו מיינע ליפען!

— און איך וויל אז איצט זאלסטו נעמען אביסעל בראנפען!

— איך קאן ניט! דו ווייסט גאנץ גוט אז אלס א סטודענט פון דער קאטוילישער סעמינאריע, איז מיר ניט ערלויבט צו טרינקען קיין שארפע געטראנקען!

— אפשר אזוי לאנג ווי דו געפינסט זיך דארט, אבער איצט ביזטו מיט מיר, און פאדער פון דיר אז דו זאלסט מיט מיר טרינקען צוזאמען פאר דער געזונדהייט פון דיין מוטער!

— איך וועל צוזאמען מיט דיר ווינשען מיין מוטער געזונט, אבער טרינקען וועסטו אליין.

— וואס מיינסטו, איך וועל דארפען זיין דער וועלכער טרינקט און דו וועסט זיך נאכדעם גרוים האלטען געגען מיר. אז דו טרינקסט ניט! ניין, דו וועסט טרינקען צוזאמען מיט מיר!

— דו ווייסט דאך, פאטער, אז איך פאלג דיר אלץ וואס דו הייסט מיר, אבער דאס איז געווען מיין איבערצייגונג, עס איז מיר ניט ערלויבט, און צום באדויערען וועל איך דיר אט דעם איצטיגען מאל ניט קאנען פאלגען!

— אויב אזוי וועסטו מיט מיר ניט קאנען מיטגעהן צו מיין פריינד! איך וויל ניט אז דו זאלסט מיר דארט פארשעמען... ווייל מיין פריינד וועט געווים נעמען צושטעהן צו דיר אז דו זאלסט טרינקען צוזאמען מיט אונז, און אז דו וועסט בלייבען איינגעשפארט וועל איך זיך דארפען שעהמען! ניין, אויב דו וועסט איצט ניט פארזוכען קיין שנאפס קאנסטו מיט מיר ניט מיטגעהן!

— אויב אזוי, וועל איך זיין געצוואונגען געגען מיין ווילען צו בלייבען דא, — האט וואלענטי געזאגט — איך קאן ניט טרינקען, און איך טאר ניט טרינקען!

— אז דו ביזט אזוי פאר'עקשנ'ט, וועסטו טאקע מוזען בלייבען דא נעכטיגען, און איך קאן דיר ניט צוזאגען אז איך וועל זיך אומקערען מארגען אין דער פריה, ווייל איך וועל געוויס וועלען פארברייגגען מיט מיין פריינד א פאר טעג! דו וועסט דארפען ווארטען אויף מיר ביז וואנען איך וועל קומען צוריק.

דער גראף האט זיך געזעצט אויף זיין פערד, און אין דער באגלייטונג פון זיין דינער, איז ער אוועקגעריטען פון יענער קרעטשמע.

ער האט אזוי אפגעריטען א קארגע שעה, ביז וואנען זיי זיינען צוגעקומען צו א קליינעם דארף. דער גראף פאטאצקי איז באלד אריינגעקומען צו דעם גלח, זיין פריינד, היסענדיג דעם דינער ווארטען אויף איהם אין דרויסען. דער גלח האט זיך שטארק דערפרייט מיט דעם גראף, און ער האט איהם געזאגט:

— אט טאקע נאר וואס האב איך פון אייך געטראכט, גראף פאטאצקי! עס זיינען שוין פאריבער היבשע עטליבע חדשים אז אייער דורכלויכט איז דא ניט געווען.

— איך האב זיך אלץ ניט געקאנט ארויסרייסען! — האט דער גראף געזאגט — און איצט דערציילט מיר אלץ וואס עס האט פאסירט, אבער

פריהער זאָגט מיר וואָס מאַכט מיין שעהנע ראשעיל.

— זעהר גוט! — האָט דער גלח א שמייכעל געטאָן — איך האָב געזעהן אז זי זאָל האָבען אלץ וואָס עס איז נויטיג פאַר איהר... די איינציגע זאַך איז וואָס זי האָט זעהר שטאַרק געבענקט נאָך אייך, און איהר קאָנט זיך גאַרניט פאָרשטעלען, גראַף פּאָטאָצקי, מיט וואָס פאַר א פרייד זי וועט אייך אויפנעמען!...

— איך בין זעהר צופרידען דאָס צו הערען! — האָט דער גראַף געזאָגט — זאָגט מיר, פּאָטער'ל, ווען האָט איהר זי געזעהן לעצטענס?

— מיט א צוויי טעג צוריק! — האָט דער גלח געענטפערט — איך בין געקומען צו איהר זי זאָל זיך מתודה זיין אויף איהרע זינד, און זי האָט מיר דאַן געזאָגט אז זי ווייסט ניט פאַרוואָס זי האָט שוין פון אייך אזוי לאַנג ניט געהערט.

— זאָגט מיר דעם אמת, פּאָטער'ל, האָט ראשעיל זיך געהאט אויף וואָס מתודה צו זיין?

— יעדער איינער האָט זיך אויף וואָס מתודה צו זיין! — האָט דער גלח געענטפערט מיט א שמייכעל — ווייל אפילו ווען מיר זאָלען גאָר קיינע געלעגענהייטען ניט האָבען צו באַגעהן א זינד, זינדיגט דאָך יעדער מענש אין זיינע געדאנקען, און אז מען איז זיך ניט מתודה אויף אזעלכע זינד, ווערען זיי פאררעכענט פאר אמת'ע זינד.

— איך בעט אייך, פּאָטער'ל, דערציילט מיר וועגען איהרע זינדיגע געדאנקען — האָט דער גראַף זיך צו איהם אָנגערופען — איהר ווייסט דאָך אז איך וועל מיט איהר וועגען דעם קיינמאָל ניט ריידען!

— איך האָב דאָך אייך שוין ניט איינמאָל געזאָגט, גראַף פּאָטאָצקי, אז מיר, גלחים טאָרען קיינמאָל ניט ארויסגעבען אזעלכע סודות!

— איהר זייט גערעכט, פּאָטערל אַנטאָן! — האָט דער גראַף אויסגערופען — אָבער איך בין זיך מודה, אז איך בין אייך מקנא, ווייל איהר ווייסט אלע געדאנקען פון מיין ליבער ראשעיל! וויפיל וואָלט איך ניט געגעבען צו וויסען וואָס מיין ליבע, טייערע ראשעיל טראַכט פון מיר! איך בין זיך מודה פאַר אייך, אז איך טראַכט זעהר פיל פון איהר... איך האָב אויך זעהר שטאַרק געבענקט, אָבער איך האָב אלץ קיין געלעגענהייט ניט געהאט צו קומען אהער. איך האָב פון איהר ערהאַלטען א בריוו, און האָב זיך שטאַרק געשראָקען, אז זי זאָל ניט מאַכען דעם שריט וועגען וואָס זי האָט מיר געשריבען... איך האָב זיך אָבער באַרוהיגט, ווייסענדיג, אז זי איז אינגאַנצען אונטער אייער איינפלוס, און אז איהר וועט שוין זעהן, אז זי זאָל בלייבען.

— עס איז אמת, גראַף! — האָט דער גלח געזאָגט — זי האָט מיר אָנפאַרטרויט, אז זי פיהלט זיך זעהר איינזאַם, און זי טראַכט פון מאַכען א רייזע צו איהר מוטער, אין פּאַריז, אָבער איך האָב איהר פון דעם אָפּגערעדט. איך האָב איהר געגעבען צו פאַרשטעהן אז אויב איהר זאַמט זיך אזוי לאַנג, איז געווים ווייל עס איז פאַר אייך געווען ניט מעגליך זיך אוועקצורייסען... איצט, אָבער וועט זי זיין זעהר צופרידען מיט אייער קומען!

— איך בין ניט געקומען מיט ליידיגע הענט! — האָט דער גראַף געזאָגט און ארויסגענומען די שנירעל פּערל און איהם געצייגט — אזא שנירעל פּערל וועט זי ניט קריגען אפילו אין פּאַריז! איך האָב עס אין ווילנאָ אָפּגעקויפט ביי איינעם וועלכער זאָגט, אז די דאָזיגע פּערל האָט דער רוסישער צאַר, פּיאָטער וועליקי, געגעבען א מתנה צו קאַטערינאַ די ערשטע, ווען זי איז נאָך געווען זיין געליבטע... איך האָב פאַר דעם באַצאָלט זעהר א גרויסע סומע געלט, און איך בין זיכער, אז די דאָזיגע מתנה וועט פון איהר אויפגענומען ווערען מיט גרויס פרייד.

דער גלח האָט גענומען די פּערל אין האַנט און עס באַטראַכט. א שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף זיין רונדען פעטען פּנים. ער האָט צוגעשאָקעלט מיט זיין קאָפּ און געזאָגט:

— איך קאָן שוין זעהן ווי איהר שעהנער, אומשולדיגער פּנים וועט אויפגעלויכטען ווערען ווען זי וועט דאָס דערזעהן! און טאַקע צו אָט דער געלעגענהייט, דאַרפען מיר ביידע נעמען א טרונק בראָנפען!...

דער גלח האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און ער האָט פון אונטער

א טישעל ארויסגעבראכט א פלאש בראנפען. ער האט אויך אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש צוויי גלעזלאך און אנגעגאסען.

דער גראף האט גענומען דאס גלעזעל אין האנט און ער האט אויסגערופען:

— איך טרינק פאר'ן געזונט פוי מיין שעהנער ראשיעל!

— פאר אייער שעהנער ראשעיל!

— האט דער גלח נאכגעזאגט, און אין זיך אריינגעגאסען דאס בראנפען, — איך זאג אייך דעם אמת, גראף, אז איך האב שוין ניט געטרונקען זינט דאן, ווען איהר זייט ביי מיר געווען דעם לעצטען מאג.

דער גראף האט איהם באטראכט און א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף זיינע ליפען. ער האט א קוק געטאן אויף דעם פלעשעל און ער האט צוגעגעבען:

— ווי ווייט איך געדענק, האבען מיר דאן געטרונקען פאר אן אנדער פלעשעל!

— איהר זייט גערעכט! — האט דער גלח ניט אויפגעהערט צו שמייכלען! פאר אייך דארף איך זיך דאך ניט שעהמען! גאנץ אפט ווערט מיר דא אזוי איינזאם, און ביטער אויפ'ן הארצען, אז איך מוז פארטרייבען מיין ביטערקייט מיט דעם ביטערען טראפען...

— א, פאטערל! — האט דער גראף געלאכט — איהר האט שוין געוואלט ווארפען די גאנצע שולד אויף מיר! אז איהר נעמט א טרונק בלויז צוליב מיר! דאס דערמאנט מיך, אז מיין זוהן וואלענטי האט בשום אופן ניט געוואלט נעמען קיין טרונק בראנפען מיט מיר! און דאס איז געווען מיין גליק! ווייל ווען ניט דאס, וואלט איך גארניט געקאנט קומען אהער! איהר פארשטעהט, פאטערל, מיין זוהן האט זיך איינגעשפארט און פארלאנגט פון מיר, אז איך זאל איהם מיטנעמען אויף דעם יאגד! איך האב געזאגט אלעמען, אז איך פאר אויפ'ן יאגד. מיין זוהן האט קיינמאל ניט געוואלט געהן אויף יאגד, און נעכטען, ווען ער האט אויסגעפונען, אז איך גרייט זיך צום יאגד, האט ער גענומען צו מיר צושטעהן, און אויך מיין טאכטער האט מיך געבעטען, האב איך קיין אויסוואל ניט געהאט און איהם מיטגענומען.

— און וואו איז ער איצט? — פרעגט איהם דער גלח.

— איך האב איהם איבערגעלאזען אין קרעטשמע ביי דעם אידען צוזאמען מיט מיינע היידוקעס. און איך בין אליין געקומען אהער מיט מיין געטרייען דינער.

— און וואו איז דער דינער? — האט דער גלח געפרעגט.

— ערווארט אויף מיר אין דרויסען! — האט דער גראף געזאגט.

— זאל ער אריינקומען! איך וועל בעטען מיין דינסט זי זאל איהם געבען א טרונק און עטוואס צובייסען. ער וועט זיך געפינען אין יענעם צימער, אט וועל איך איהם אריינרופען.

דער גלח איז ארויס אין דרויסען און אריינגערופען דעם דינער. ער האט געהייסען זיין קעכין זי זאל פאר איהם צוגרייטען שפייז און איהם געבען א טרונק.

איהר וועט דאך דעם דינער ניט מיטנעמען אהין, צו איהר, האט דער גלח זיך אנגערופען צום גראף — זאל ער בלייבען דא איבערנעכטיגען.

— איהר זייט גערעכט, פאטערל!

— האט דער גראף געזאגט — ער זאל זיך דא אנטרינקען און בלייבען. כאטש איך וויים, אז ער איז מיר געטריי און וועט ניט וואגען קיינעם צו דערצעהלען וועגען מיין באזוך ביי איהר.

— יע, איהר האט מיר געוואלט דערצעהלען וועגען וואלענטי'ן — האט דער גלח געזאגט און ווידער אנגעפילט די גלעזלאך. וואס האט איהר איהם געזאגט, פארוואס איהר פארלאנגט פון איהם ער זאל ניט מיטרייזען מיט אייך? דער גראף האט זיך פאנאנדערגעלאכט:

— ניט אזוי גרינג איז דאס מיר אנגעקומען! ער האט דוקא געוואלט מיט מיר מיטפאהרען. איך האב איהם געזאגט, אז איך וויל דא באזוכען מיינעם א פריינט, זאגט ער, אז ער וועט מיט מיר מיטרייטען. וויים איך שוין גארניט וואס צו טאן. איך פרוביר איהם אפריידען, אבער ער וויל ניט העהרען. ער לאזט מיך ניט אפ. איז מיר איינגעפאלען א געדאנק: אזוי ווי איך וויים, אז ער טרינקט ניט, האב איך דעם זשידעק געהייסען ברענגען

שנאפס פאר מיר און איהם. איך האב איהם געבעטען ער זאל מיט מיר מיטטרינקען, אבער ער האט מיר געזאגט, אז ער קאן ניט. אז אלס א סטודענט פון דער קאטוילישער סעמינאריע, טאר ער ניט טרינקען קיין שארפע געטראנקען.

— אט דאס איז אן אמת'ער פרומער קאטויליק! — האט דער גלח זיך אנגערופען — ער האט די מאכט צו פארטרייבען דעם טייוועל פון זיך. איך קאן עס ניט טאן! זאל מיר דער האר יעזוס קריסטוס פארגעבען... איך מוז האבען א טרונק יעדען טאג... אבער איך זעה, אז דאס זאל מיר גלייך פארגעבען ווערען! איך בעט דעם היילינגען גייסט ער זאל אויף מיר רחמנות האבען און עס מיר ניט פאררעכענען פאר קיין זינד. ווען איך פיהל, אז איך האב געזינדיגט געה איך אין מיין וידוי־צימער, און איך בין זיך מתודה פאר מיינע זינד!

— פאר וועמען, פאטערל זייט איהר זיך מתודה? — פרעגט איהם דער גראף מיט א שמייכעל.

— וואס הייסט פאר וועמען, פאר זיך אליין! אויב פרעמדע קומען צו מיר און זיי זיינען זיך מתודה אויף זייערע זינד, טא פארוואס קאן איך עס ניט! איך קלאפ זיך אין הארצען און זאג צו זיך: "א, פאטערל, אנטאן! דיין קנעכט אנטאן האט געזינדיגט! ע' האט געכאפט אן איבעריגען טרונק, און ער האט א קוש געטאן א... ער האט זיך גלייך פארכאפט, און ניט פארענדיגט...

— וועמען האט איהר עס א קוש געטאן? — האט דער גראף געלאכט.

— איך האב דאך אייך שוין געזאגט, גראף, אז עס איז דער פליכט פון א גלח ניט צו דערצעהלען דאס וואס מען איז זיך צו איהם מתודה... אנטאן דער זינדיגער איז זיך מתודה צו אנטאן, דעם גלח, און דאס דארף בלייבען ביי איהם אין הארצען פארזיגעלט אויף שטענדיג...

— איך וועל פון אייך, פאטערל פארלאנגען איהר זאלט מיר אויסזאגען! — האט דער גראף פאטאצקי זיך אנגערופען — אבער איך פארדעכטיג, אז אויך איהר מוזט ערגיץ האבען א געליבטע... איך האב געהאט עטליכע פריינד, גלחים, און זיי פלעגען אויך גאנץ אפט אונטערזינדיגען...

— איהר האט מיר ניט דערצעהלט ווי אזוי איהר האט געווירקט, אז אייער זוהן זאל מיט אייך ניט מיטרייזען! — האט דאס פאטערל אנטאן געזאגט.

—איך האב דורכדעם געהאט א געלעגענהייט זיך מיט איהם צו צוקריגען, און אלס שטראף האב איך איהם געזאגט, אז ער וועט מיט מיר ניט קאנען מיטפאהרען! כא, כא, כא, איהר פארשטעהט, אט דער געדאנק איז מיר איינגעפאלען ווען איך האב אויסגעטרונקען נאך א גלעזעל שנאפס... אלע מאל פאלען מיר איין די בעסטע געדאנקען ווען איך נעם א טרונק בראנפען!

— און איך פיהל אויך אזוי! אהן א טרונק בראנפען וואלט איך קיינמאל ניט געקאנט זיך מתודה זיין פאר מיר אליין! און מיין געוויסען וואלט מיר זעהר שטארק געפלאגט... איך מוז אייך זאגען, גראף, אז ראשעיל איז א זעלטענע שעהנהייט. איהר פנים איז ווי דאס פנים פון דער מאדאנא... זאל מיר די היילִיגע מוטער מוחל זיין פאר'ן פארגלייך...

— און איך בין אייך זעהר דאנקבאר, היילינגער פאטערל, אנטאן! — האט דער גראף ארויסגענומען א הויפען גאלדענע מטבעות און דערלאנגט דעם גלח — איך גלויב, אז דאס וועט זיין גענוג ביז דעם צווייטען מאל, ווען איך וועל קומען באזוכען מיין שעהנע ראשעיל...

דער גלח האט גענומען די גאלדענע מטבעות און זיי אריינגעלייגט אין זיין קעשענע, צושאקלענדיג מיט'ן קאפ... איך זאג אייך, גראף, אז מיר דארפען זיך שעצען גליקליך וואס מיר זיינען גוטע קריסטען, און קאטויליקען דערצו. דער היילִיגער גייסט איז אונז תמיד מוחל, אזוי שנעל ווי מיר זיינען זיך מתודה אויף אונזערע זינד! איך האב נאך ביי זיך קיינמאל ניט געהאלטען קיין זינד מעהר ווי איין טאג!...

— איהר זייט גליקליך, פאטערל, וואס איהר דארפט ניט געהן זעהר ווייט זיך מתודה צו זיין פאר אייערע זינד אבער וואס זאל איך טאן? — איך דארף ווארטען אזוי לאנג ביז איך וועל אייך זעהן...

— נו, אז איהר זייט שוין געקומען

צו מיר קאָנען מיר גלייך אריינגעהן אין מיין ווידוי־צימער...

— ניין, איך וועל שוין ווארטען ביז וואנען איך וועל זיין גרייט צוריקצוקערען זיך... איך וועל זיך שוין מתודה זיין אויף די נייע זינד... איהר פארשטעהט דאָך, הייליגער פאָטערל!...

— יע, איך פארשטעה! — האָט דער גלח א שמייכעל געטאָן — איהר וועט האָבען א סך אויף וואָס זיך מתודה צו זיין, נאָכדעם ווי איהר וועט אוועק פון ראשעיל... און לעצטען מאָל ווען זי איז צו מיר געקומען זיך מתודה צו זיין, האָט זי מיר געזאָגט, אז זי האָט געזינדיגט וועגען אייך אין איהרע געדאנקען...

— אזוי האָט זי אייך געזאָגט! — האָט דער גראף אויסגערופען, און זיינע אויגען האָבען גענומען לייכטען — זאָגט מיר וואָס האָט זי אזוינס געזאָגט?

— איהר פארגעסט שוין ווידער, אייער דורכלויפט, אז איך קאָן ניט דערצעהלען קיין סודות וואָס מען פארטרויט מיר אָן... איך גלויב, אז דאָס אלץ וועט איהר אויסגעפינען פון איהר אליין!

— נו, איצט וועל איך צורייטען אהין וואו מיין שעהנע ראשעיל געפינט זיך! — האָט דער גראף אויסגערופען און זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ — איך וועל זיך דארפען מאָרגען צוריקקערען צו דער קרעטשמע, צוליב מיין זוהן! איך זאָג אייך, פאָטערל, אז עס פארדריסט מיך זעהר שטארק וואָס איך האָב איהם מיטגענומען, ווען ניט וואלענטי, וואָלט איך געקאָנט מיט איהר פארבריינגען די גאנצע צייט!...

— איהר קאָנט אזוי אויך פארברענגען מיט איהר מעהר ווי איין טאָג, אלץ וואָס איהר דארפט טאָן איז צושיקען אייער געטרייען דינער צו דער קרעטשמע, וואו אייער זוהן געפינט זיך און ער וועט איהם איבערגעבען, אז איהר זייט דאָרט פארהאלטען געוואָרען אויף א טאָג אָדער צוויי מעהר ווי איהר האָט ערווארטעט...

— איהר זייט גערעכט, פאָטערל! — האָט דער גראף אויסגערופען מיט א שטראהלענדען פנים, און איהם דערלאנגט נאָך א פאָר גאָלדענע מטבעות — איהר זייט קלוג, איך וועל טאקע אזוי טאָן! איך וועל טאקע מיטנעמען מיין דינער מיט מיר, מאָרגען אין דער פריה וועל איך שיקען מיין דינער, און ער וועט זאָגען מיין זוהן, אז איך בין פארהאלטען געוואָרען ביי מיין פריינט אויף נאָך א פאָר טעג... כא, כא, כא! איך וויים שוין וואָס איהם צו זאָגען! איך האָב דאָך איהם פריהער איינגערעדט, אז מיין פריינט האָט א טאָכטער, נו, וועל איך איהם לאָזען וויסען דורך מיין דינער, אז מיין פריינט'ס טאָכטער פייערט איהר חתונה אין א פאָר טאָג ארום, און מיין פריינט האָט פארלאנגט פון מיר, אז איך זאָל בלייבען ביי איהם ביז איבער דער חתונה! הא, א גוטער איינפאל!

— ניט קיין שלעכטער איינפאל! — האָט דער האלב שיכור'ער גלח צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — איך וועל צוקומען מאָרגען און זעהן וואָס איהר מאכט!

דער גראף האָט אריינגערופען זיין דינער, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך געזעגענט מיט דעם גלח, זיינען זיי ביידע אוועקגעריטען צו זיין מאיאָנטעק, וואו ראשעיל האָט זיך געפונען.

## קאפיטעל זעקס

כאָטש וואלענטי האָט אלע מאָל געציטערט פאר זיין פאָטער און אונטער געוועהנליכע אומשטענדען, וואָלט ער ניט געוואגט איהם ניט צו פאָלגען, אָבער איצט, האָט וואלענטי געקראָגען אן אינערליכען דראנג נאָכצופאָלגען זיין פאָטער, און זעהן וואוהין ער געהט.

ער האָט צוגעווארט א קליינע ווילע, און דאן צוגערופען דעם עלטסטען פון די היידוקעס, און איהם אָנגעזאָגט אכטונג צו געבען, אז די היידוקעס זאָלען ניט טרינקען, כדי זיי זאָלען זיך נאכהער ניט צעיושענען... ער האָט מורא געהאט, אז ווען עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל אויף זיי אכטונג געבען, וועלען זיי זיך אָנשיכור'ן און אָנטאָן שאָדען צו דעם אידען.

באלד נאָכדעם האָט ער זיך געזעצט אויף זיין פערד און גענומען שנעל רייטען ביז וואנען ער האָט שוין פון וויטען געקאָנט זעהן זיין פאָטער מיט דעם דינער רייטענדיג אין א ריכטונג וואָס פיהרט צום וועג. ער האָט זיי נאָכגעריטען, האלטענדיג זיך א היב־

שע שטרעקע ווייט פון זיי, און אין דער זעלבער צייט, האט ער געזעהן זיי ניט צו פארלירען.

וואלענטי האט באמערקט ווי זיי פארקערעווען זיך צו א דארף. ער האט גענומען רייטען לאנגזאמער, נאכפאלגענדיג זיי מיט זיינע אויגען. ער האט באמערקט, אז זיי קומען צו א הויז, וואס איז געווען דאס שעהנסטע אין גאנצען דארף. זיי זיינען ארונטער פון די פערד, און צוגעבונדען די פערד צו א בוים וואס איז געווען ניט ווייט פון יענעם הויז. דאן האט ער געזעהן ווי זיין פאטער געהט אריין אינוועניג. דער דינער איז פארבליבען שטעהן אין דרויסען נעבען דער טיר.

וואלענטי האט צוגעווארט א ווייל, און נאכהער איז ער ארונטער פון פערד, און איהם צוגעבונדען גאנץ ווייט פון דארט, כדי מען זאל איהם ניט באמערקען. ער האט זיך ביסלעכווייז גענומען דערנעהנטערען צום הויז, אויסמארקירענדיג, אז דער דינער זאל איהם ניט דערזעהן. ער האט זיך צ..עזעצט אויפ'ן גראז הינטער א בוים און געווארט צו זעהן וואס זיין פאטער וועט טאן ווייטער...

באלד האט ער באמערקט ווי א גלח קומט ארויס פון הויז און רופט אריין דעם דינער. אזוי שנעל ווי זיי זיינען ביידע אריין אינוועניג, האט זיך וואלענטי אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און איינבויגענדיג זיך מען זאל איהם ניט באמערקען פון פענסטער, איז ער דארט צוגעקומען...

צו זיינע אויערען האט זיך דערטראגען די שטימע פון זיין פאטער און ער האט זיך גענומען צושארען צו יענעם פענסטער, פון וואנען די שטימע איז געקומען. ער האט זיך דאן אוועקגעזעצט אויפ'ן גראז, און אזוי ווי דער פענסטער איז געווען אפען האט ער געקאנט הערען דעם גאנצען געשפרעך וואס עס איז פארגעקומען צווישען זיין פאטער און דעם גלח. און דאס וואס ער האט געהערט האט איהם געמאכט שווידערען. דער גלח האט געטרונקען בראנפען, זיי ריידען זינדיגע רייד. זיי ריידען וועגען ראשעיל, די געוועזענע גוווערנאנטקע פון זיין שוועסטער... ווי עס ווייזט אויס העלפט איהם אט דער דאזיגער גלח דורכפיהרען די דאזיגע זינדיגע ליבע...

ער האט געהערט ווי ער רעדט מיט דעם גלח וועגען די פערל וואס ער האט געקויפט אין ווילנא אלס א מתנה צו ראשעיל. ער איז געווארען אויפגעציטערט... אט דאס זיינען דאס די פרומע גלחים צו וועמען דאס פאלק קומט זיך מתודה זיין אויף די זינד... ער הערט ווי דער גלח דערצעהלט איהם וועגען ראשעיל, ווי זי קומט צו איהם זיך מתודה צו זיין... ער האט געהערט ווי דער גראף האט געראטען זיין פאטער, אז ער קאן פארברייננגען מעהר ווי איין טאג מיט זיין געליבטער, אלץ וואס ער דארף טאן איז צו שיקען זיין געטרייען דינער צוריק אין קרעטשמע אריין אנזאגען איהם, אז ער איז דארט פארהאלטען געווארען א סך לענגער...

דאס בלוט האט גענומען זידען אין וואלענטי'ס קערפער... זיין שוועסטער האט געהאט רעכט! זיין פאטער פירט א ליבע מיט זייער געוועזענער גוווערנאנטקע, און דער גלח אנטאן העלפט צו...

אט באמערקט ער, אז זיין פאטער און דער דינער געהען ארויס פון הויז. זיי זעצען זיך אוועק אויף זייערע פערד, און רייטען אוועק זעהר שנעל. וואלענטי האט זיך א לאז געטאן צו זיין פערד, אבער ער האט ניט באוויזען איהם אפצובינדען, און זיך ארויפזעצען אויף איהם, האט ער זיי פארלוירען. ער איז ארויסגעריטען פון דארט און גענומען שנעל טרייבען זיין פערד. ביז ער איז צוגעקומען צו א פארצווייגטען וועג... ער האט זיך גענומען ארומקוקען, אבער ער האט קיין שפור ניט באמערקט... ער האט דעריבער ניט געוואוסט אויף וועלכען וועג זיך צו פארנעמען. ער האט א קוק געטאן אויפ'ן הימעל און געזעהן, אז די זון האלט שוין ביים פארגעהן, און פון דעם האט ער געדרונגען, אז דער מאיאנטעק וואו ראשעיל האלט זיך אויף, מוז זיין ניט ווייט פון דאנען, ווייל אויב ניט וואלט דאך זיין פאטער זיך ניט אוועקגעלאזען אהין אזוי שפעט... אבער ווי אזוי קאן ער אויסגעפינען וואו דאס איז? קיין לעבעדיגען נפש זעהר ער ניט ארום זיך. ער איז געבליבען זיצען אויף זיין פערד, ניט וויסענדיג וואס צו טאן, און וואוהין זיך צו ווענדען...

פלוצלונג איז איהם ארײנגעפאלען א געדאנק: ער וועט זיך אומקערען צום גלח, און ער וועט איהם צווינגען צו פיהרען איהם אהין, צו דער אומווירדיגער ראשעיל... ער וועט איהם קאָנען צווינגען דאָס צו טאָן, ווייל דאָס וואָס ער האָט געהערט פון אונטער דעם פענסטער, וועט זיין גענוג פאר דעם גלח זיך צו דערשרעקען און טאָן אלץ וואָס ער וועט פון איהם פארלאַנגען.

ער האָט זיך אויסגעדרעהט מיט זיין פערד, און איז צוגעריטען צום גלח׳ס הויז. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. און באַלד איז דער גלח צוגעקומען און דערזעהענדיג איהם, האָט ער זיך אָנגערופען:

— קום אריין, מיין פריינט, אין מיין הויז! דו ביזט געוויס מיד פון וועג.

— ווייסט איהר, פאָטערל, ווער איך בין? — האָט זיך וואלענטי צו איהם געווענדעט.

— ניין, איך האָב ניט קיין באַגריף ווער איהר זייט, אָבער פון אייער קליידונג קאָן איך מערקען, אז איהר זייט א יונגער גראַף.

— איך בין וואלענטי, דער זוהן פון דעם גראַף פּאָטאָצקי!

— אָ, וואלענטי! ווילקאָמען! ווילקאָמען! — האָט דער גלח אויסגערופען — קומט אריין צו מיר אין צימער, און מיר וועלען א ווײלע פארברײנגען.

וואלענטי איז איהם נאָכגעגאַנגען. ער האָט געקאָנט הערען פון זיין מויל דעם ריח פון בראָנפען. ווען ער איז אריינגעקומען מיט איהם אין צימער, האָט ער באַמערקט, אז אויף דעם טישעל זיינען געווען אויסגעשפּרייט גאָלדענע מטבעות, וואָס דער גלח האָט, ווייזט אויס, געהאַלטען אין ציילען, און ווען ער האָט איהם אונטערבראָכען מיט זיין אָנקלאַפּען אין טיר, האָט דער גלח איבערגעלאָזען די מטבעות אויף דעם טישעל און איז ארויס זעהן ווער דאָס איז.

דער גלח האָט באַמערקט ווי וואלענטי׳ס בליקען זיינען געווענדט אויף דעם טישעל וואו די מטבעות זיינען געווען, האָט ער זיך אָנגערופען, מאכענדיג דערביי א פרומע מינעלע:

— די אָרימע פּויערים האָבען אָנגעקליבען דאָס געלט און געבראַכט צו מיר, ווייל זיי ווילען בויען א נייעם קלויסטער... זעהר פרומע קאטויליקען זיינען זיי, די פּויערים. זיי שפּאָרען צאָפּ דעם ביסען פון מויל און זיי ברײנגען זייער געלט פאר אזא הייליגען צוועק... זאָג מיר, וואלענטי, וואָס מאַכט דיין פאָטער, דער גראַף פּאָטאָצקי? שוין לאַנג, זעהר לאַנג, אז איך האָב איהם ניט געהאַט דעם פארגעניגען איהם צו זעהן...

וואלענטי האָט זיך קוים באַהערשט, ער זאָל ניט באַמערקען זיין צאָרן וואָס האָט אין איהם געברענט. ער האָט זיך אָנגערופען:

„איך בין געווען זיכער, אז מיין פאָטער געפינט זיך דאָ, הייליגער פאָטערל, און איך בין אהער געקומען זעהן!

— ווער האָט עס דיר געזאָגט, אז דיין פאָטער געפינט זיך דאָ? — האָט דער גלח איהם אָנגעקוקט.

— איך האָב געדאַרפט מיין פאָטער זעהן זעהר נויטיג, האָב איך זיך געלאָזט אין וועג, און אימיצער האָט מיר געזאָגט, אז ער איז אוועק צו אייך, פאָטערל!

— אָ, ניין, ווי עס ווייזט אויס, האָט יענער געמאַכט שפּאַס מיט אייך! איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אז איך האָב שוין אייער פאָטער ניט געזעהן שוין היבשע עטליכע חדשים. און איך זאָג אייך דעם אמת, אז איך האָב שוין נאָך איהם געבענקט... ער פלעגט שטענדיג מיך באַזוכען ווען ער פלעגט געהן אויף דעם יאַגד... און איצט ווייזט אויס, האָט ער זיך אינגאַנצען פארגעסען אָן מיר...

— איך בין זעהר דורשטיג, פאָטערל! — האָט וואלענטי געזאָגט — אפשר וועל איך קריגען דאָ א טרונק!

— אָט וועל איך הייסען די דינסט אריינברענגען א קאַלטען טרונק פון ברונעם! — האָט דער גלח געזאָגט.

— ניין, פאָטערל! — האָט וואלענטי געזאָגט מיט א שמייכעל — איך וויל ניט טרינקען קיין וואסער, אפשר געפינט זיך ביי אייך אביסעל בראָנפען!...

— בראָנפען!! — האָט דער גלח איהם אָנגעקוקט — ווי קומט עס צו אייך? לויט ווי איך ווייס זייט איהר דאָך א סטודענט אין דער קאטוילישער

סעמינאריע, און ווי קומט איהר צו טרינקען בראנפען?

— איז דען א זינד צו טרינקען בראנפען? — האט איהם וואלענטי געפרעגט.

—געוויס איז דאס א זינד! מיר, די גלחים טארען ניט טרינקען קיין שארפע געטראנקען! און אזוי ווי איהר האט בדעה ווען עס איז צו זיין א גלח, טארט איהר דאס שוין ניט טאן.

— דעריבער בין איך דאך ביי אייך, הייליגער פאטערל! אויב דאס איז ווירקליך א זינד, וועל איך זיך פאר אייך באלד מתודה זיין און מיין זינד וועט פארגעבען ווערען...

— עס איז אבער ניט רעכט צו זינדיגען פריהער מיט דער כונה, אז די זינד וועט אלץ פארגעבען ווערען?

— טא, ווי אזוי טרינקט איהר, פאטערל, בראנפען? — האט וואלענטי פלוצלונג איהם א פרעג געטאן.

— דער גלח איז געווארען טויט בלאס... ער האט זיך אבער געשטארקט און געזאגט:

— ווער האט דיר געזאגט אז איך טרינק!

— מען דארף מיר דען זאגען? — האט וואלענטי אויסגערופען — איך שמעק דאך דעם ריח פון שנאפס פון אייער מויל.

— א, איצט זעה איך פון וואנען עס קומט צו אייך אט דער טעות! — האט דער גלח אויסגערופען — איך האט נאר וואס געטרונקען די מעדיצין, וואס דער דאקטאר האט מיר געגעבען, וויל איך האב לעצטענס געגומען הוסטען, און כדי צו ווייזען איהם, אז דאס איז אזוי, האט ער גענומען הוסטען...

— נו, זאל זיין מעדיצין! — האט וואלענטי געזאגט — גיט מיר טאקע אויך פון אט דער מעדיצין!

— אבער איהר הוסט דאך ניט!

— וועל איך אנפאנגען צו הוסטען!

— האט וואלענטי געזאגט און זיך געמאכט הוסטענדיג...

דער גלח איז געבליבען שטעהן אין א פארלעגענהייט... און דאן האט ער זיך אנגערופען:

— איך האב נאר וואס אויסגעטרונקען דעם לעצטען טראפען מעדיצין...

— הייליגער פאטער'ל — האט וואלענטי זיך צו איהם אנגערופען— איך בין צו אייך געקומען איהר זאלט מיך פיהרען צו דעם פלאץ וואו עס געפינט זיך מיין פאטער'ס געליעבטע, ראשיעל!

— וואס רעדט איהר?! — האט דער גלח אויסגערופען — ווי קום איך, איך מיין... ווי קומט אייער פאטער!

— איך פערלאנג פון אייך אז איהר זאלט מיט מיר געהן און אנצייגען דעם פלאץ וואו מיין פאטער איז אוועק פארברייגגען!

— פון וואנען זאל איך וויסען?— האט דער גלח אויסגערופען.

— איהר ווייסט וואו ראשיעל געפינט זיך! פיהרט מיך אהין!

— ווער האט דיר אזוינס געזאגט! האט דער גלח גענומען ווערען מעהר אויפגערעגט — און אט די גאלדענע מטבעות, וואס איהר זאגט, אז די ארימע פויערים האבען דאס געבראכט צו אייך, איך ווייס אז מיין פאטער האט זיי אייך געגעבען, וויל איהר גיט אכטונג אויף זיין געליבטער... איך ווייס אויך אז זי קומט צו אייך זיך מתודה זיין אויף איהרע זינד! דעריבער פערלאנג איך פון אייך, אז איהר זאלט מיך טאקע איצט פיהרען אהין!

— המ... איך ווייס ניט פון וואס צו זאגען! מען האט אויף מיר א בלבול געמאכט! איך האב אייער פאטער שוין לאנג ניט געזעהן! — האט דער גלח גענומען שטאמלען — מיינער א שונא האט געוויס אויף מיר אנגערעדט, און איהר האט איהם גענומען ערנסט!

— וועט איהר זיין ווילִיג צו שווערען ביים הייליגען צלם, אז אלץ וואס איהר זאגט מיר איז אמת? — האט וואלענטי איהם געפרעגט.

— איהר האט קיין רעכט ניט צו צווייפלען אין מיינע רייד! — האט דער גלח שטרענג צו איהם א זאג געטהאן. — איהר דארפט שוין וויסען, אז ווען א הייליגער פאטער זאגט, דארף מען איהם גלויבען!

— ביז היינט האב איך אויך אזוי געמיינט — האט וואלענטי געזאגט— אבער היינט האב איך, צו מיין גרויס באדויערען, אויסגעפונען אז איך האב געמאכט א טעות! איהר זייט נאך מעהר פארדארבען פון מיין פאטער! וויל איהר העלפט איהם אין דעם

ארויס! איהר ערלויבט איהם צו זינדיגען, און איהר פארזיכערט איהם אז נאך דעם ווי ער וועט צו אייך קומען און זיך מתודה זיין אויף זיינע זינד, וועט איהם גאט מוחל זיין! איך ווייס אלץ! איך ווייס אז מיין פאטער איז, מיט א ווײלע פריהער, ביי אייך געווען, אז איהר האט ביידע געטרונקען, אז ער האט אייך דערצעהלט ווי אזוי ער האט אויסגעמארקירט איך זאל פארבלייבען אין דער קרעטשמע. איך ווייס אויך אז ווען אנטאן דער זינדיגער, זינדיגט מיט מיין פאטער׳ס געליעבטע, בעט ער נאכהער ביי אנטאן דעם גלח ער זאל איהם מוחל זיין... איהר הערט, פאטער׳ל אנטאן, פאר מיר עקזיסטירען ניט קיין פארבארגענע זאכען!

— א, יונגער גראף פאטאצקי!— איך בעט אייך האט אויף מיר רחמנות און דערצעהלט ניט אייער פאטער וועגען דעם, ווייל ער איז זעהר איי־פערזיכטיג!

— אט אזוי האב איך ליעב! — האט וואלענטי געזאגט — אנשטאט צו געהן צום גלח אנטאן זיך מודה זיין אויף אייערע זינד, טהוט איהר דאס צו מיר! איהר לייקענט ניט, אז איהר זינדיגט מיט מיין פאטער׳ס געליבטער!

דער גלח האט זיך ארומגעזעהן אז ער איז אריינגעפאלען, און ער האט גענומען פלאנטערען מיט׳ן צונג, זוכענדיג צוריקצוכאפען זיינע רייד.

— ווער האט אייך דאס געזאגט? עס איז א ליגען! איך האב בלויז אויף איהר אכטונג געגעבען.

— זאגט מיר, האט איהר ניט געגעבען מיין פאטער אן עצה, מיט א ווײלע צוריק, אז ער זאל שיקען זיין דינער מיר איבערצוגעבען, אז מיין פאטער איז פערהאלטען געווארען ביי זיין פריינד אויף עטליכע טעג, און מיין פאטער האט אייך דערפאר געגעבען נאך עטליכע גאלדענע מטבעות. און ער האט געזאגט אז ער וועט שיקען זיין דינער מיר אנזאגען אז זיין פריינד׳ס טאכטער פייערט איהר חתונה אין א פאר טעג ארום, און דעריבער וועט ער מוזען דארט פארבלייבען נאך עטליכע טעג! איצט לייקענט עס!

דעם גלח׳ס פנים איז בלאס געווארען. ער האט זיך גענומען קראצען אין קאפ. ער האט בעת מעשה ניט געקענט בעגרייפען ווי אזוי קומט עס אז אט דער זוהן פון גראף פאטאצקי, זאל וויסען פון אלץ! איבערהויפט איז זיין שרעק געווארען גרויס, ווען ער האט פון איהם געהערט די בעשולדיגונג אז ער זינדיגט מיט דעם גראף׳ם געליעבטע! ער האט געוואוסט אז ווען דער גראף פאטאצקי זאל זיך פון דעם דערוויסען, וועט איהם שוין קיין צרות ניט פעהלען. ער איז דאך זעהר איפערזיכטיג אויף איהר...

— זאגט מיר, וואלענטי — האט דער גלח אויסגערופען מיט א ציטערנדער שטימע — ווער האט אייך דערצעהלט אזעלכע זאכען?

— איך האב דאך אייך געפרעגט אויב איהר זייט וויליג צו שווערען ביי דעם הייליגען קרייץ, אז אלץ וואס איך האב אייך געזאגט איז א ליגען!

— איך בין גרייט צו שווערען — האט דער גלח אויסגערופען און אויפגעהויבען דעם צלם וואס איז געהאנגען אויף זיין ברוסט.

— איהר זייט גרייט צו שווערען, אז מיין פאטער איז ביי אייך פריהער ניט געווען, אז איהר האט מיט איהם ניט געטרונקען קיין בראנפען, אז איהר האט ניט גערעדט וועגען מיר?... הא, זייט איהר גרייט צו שווערען אויף אלץ!

— המ... איך בין גרייט!—האט דער גלח ארויסגעמורמעלט.

— טא שווערט!—האט וואלענטי אויסגערופען.

דער גלח האט שוין געוואלט שווערען, אבער וואלענטי האט איהם געווארענט, אז עס וועט זיין פליכט זיין איהם צו ווארענען געגען שווערען פאלש, און אז ער האט בעוויזען אז זיין פאטער איז ביי איהם געווען, אז זיי האבען ביידע געטרונקען, און אז ער האט געהאט צו טהאן מיט זיין פאטער׳ס געליבטער! — איצט קענט שווערען, אבער כ׳וועל דאס דארפען בעריכטען אין הייליגען סינאד, ווען זיי וועלען זיך פערזאמלען אין ווילנא.

א טויט שרעק איז באפאלען דעם גלח. ער האט איינגעזעהן אז ער האט זיך פריהער ארויסגערעדט אזוי אז וואלענטי האט שוין געקענט פארשטעהן אז ער האט געהאט צו טהאן

מיט דער געליבטער פון זיין פאטער, און ווי אזוי וועט ער קענען איצט אלץ אפליקענען? ער וועט דאך פון איהם פערלאנגען א שבועה! ער איז געבליבען אין א גרויסער פארלעגענהייט. אויב ער זאל זיך פאר איהם מודה זיין, אז ער האט נאר וואס פארבראכט מיט זיין פאטער, וועט ער דאך זיין געצוואונגען איהם צו פיהרען צו דעם מאיאנטעק, וואו דער גראף פאטאצקי פארברייגנט איצט מיט ראשיעל, זיין געליבטע, און וואס וועט ער זאגען ווען ער וועט אויסגעפינען אז ער האט איהם אהער געפיהרט! מעהר וועט איהם שוין ניט פעהלען! אויב אבער ער וועט עס ניט טהאן, וועט דאך דער יונגער גראף קענען איהם אנקלאגען פאר'ן סינאד, און מען וועט איהם געוויס אהין רופען, און אפשר וועט מען אויך רופען ראשיעל'ן, און זי וועט זיך נאך אפשר פאר זיי מודה זיין? דאן איז ער דאך א פארלארענער!

ער האט זיך ווידער גענומען קראצען דעם קאפ... ער האט זיך ארומגעקוקט און דאן האט ער זיך אפגערופען:

— גוט, איך בין זיך מודה, אז אייער פאטער איז דא ביי מיר געווען, און מיר האבען דא גערעדט וועגען אייך, אבער וועגען דעם אז ער האט א געליעבטע, האב איך גאר ניט געוואוסט!

— עס איז א ליגען! — האט וואלענטי אויסגערופען — איך ווייס אז מיין פאטער האט מיט אייך גערעדט וועגען זיין געליעבטער ראשיעל!

— איהר לערענט דאך אין דער הייליגער סעמינאריע, ווייסט איהר דאך, אז עס איז ניט רעכט פאר א גלח, ארויסצוגעבען די סודות, וואס זיינען איהם אנפערטרויט געווארען ווען מען האט זיך פאר איהם מתודה געוועזן!

— איז דען מיין פאטער געקומען פריהער אויך צו אייך זיך מתודה צו זיין? — האט איהם וואלענטי געפרעגט.

— געוויס! ער איז צו מיר געקומען מיט אט דעם צוועק — האט דער גלח אויסגערופען — טא ווי אזוי קענט איהר פון מיר פערלאנגען איך זאל אייך דערצעהלען וועגען דעם!

— און דאס וואס איהר האט געזאגט צו מיין פאטער אז ראשיעל איז א זעלטענע שענהייט, אז זי קוקט אויס ווי די מאדאנע! און וואס וועט איהר זאגען אויף דעם, אז מיין פאטער האט אייך געזאגט ווי גוט עס איז אייך וואס איהר, "הייליגער" פאטער'ל, קענט זינדיגען און איהר דארפט ניט גערן גאנץ ווייט זיך צו מתודה זיין, ווייל איהר זייט זיך מתודה פאר זיך אליין, און האט איהר איהם ניט פארגעשלאגען אז ער, מיין פאטער, זאל אריינגעהן צו אייך אין וידוי צימער, אבער מיין פאטער האט אייך געזאגט אז ער וועט שוין צווארטען ביז וואנען ער וועט האבען בעגאנגען די נייע זינד... און איהר האט נאך צוגעגעבען אז ער איז גערעכט, אז נאך דעם ווי ער וועט קומען פון ראשיעל וועט ער האבען א סך זינד אויף וואס זיך מתודה זיין! הא, קענט איהר אפשר דאס אויך פארלייקענען!

דער גלח האט געשוויגען. ער האט האט אויסגערופען:

— א, איך זעה שוין! איהר זייט די גאנצע צייט געשטאנען אונטער'ן פענסטער און זיך צוגעהערט צו אונזער געשפרעך.

— עס איז אמת — האט וואלענטי אויסגערופען — נו, פאטער'ל, וועט איהר איצט אפשר אויך לייקענען?

— המ... איך קען דאס ניט לייקענען — האט דער גלח געזאגט, אבער דאס וואס איהר האט געמאכט א בעשולדיגונג געגען מיר, אז איך האב געהאט צו טהאן מיט ראשיעל, דאס לייקען איך אפ! עס פארשטעהט זיך, אז איך בין די גאנצע צייט געווען איהר "וידוי-פאטער"...

— וועט איהר זיין וויליג צו שווערען וועגען דעם, פאטער'ל — האט וואלענטי איהם א פרעג געטהאן.

דער גלח האט געשוויגען. ער האט געזעהן אז ער איז אריינגעפאלען און אז אט דער וואלענטי איז זעהר כיטרע, און אז ער וועט דארפען געפינען א וועג ווי אזוי צו ווירקען אויף איהם אז ער זאל ניט רעדען.

א געדאנק איז דעם גלח אריינגעקומען, אז ער וועט מיט איהם אוועקגעהן צום גראף, דארט וואו ער געפינט זיך מיט ראשיעל. ער וועט געהן אהין מיט וואלענטי'ן, און ער וועט איהם אליין ערקלעהרען אז זיין זוהן

האָט זיך אונטערגעהערט צו זייער געשפּרעך.

— גוט, וואַלענטי — האָט דער גלח זיך צו איהם אָנגערופען — איך געה מיט אייך אהין. איהר פאַרשטעהט דאָך, אז אייער פאָטער איז שולדיג אין דעם מעהר ווי איך, און אויב איהר זייט גרייט ארויסצוברענגען אייער פאָטער'ס זינד אין דער עפענטליכקייט, דאַן קאָנט איהר דאָס טאָן אויך אויף מיר, אָבער זיי וויסען, אז אייער פאָטער וועט ניט שווייגען! איהר האָט קיין רעכט ניט צו פאַרשעמען אייער פאָטער! ניין, א זוהן קאָן ניט ארויסקומען מיט א באשולדיגונג געגען זיין אייגענעם פאָטער.

— אלץ וואָס איך בין פאַראינטערעסירט איז, צו זעהן, אז מיין פאָטער זאָל ניט געשטרויכעלט ווערען אין זינד! — האָט וואַלענטי אויסגערופען — און דעריבער איז מיין פאַרלאַנג מיר זאָלען געהן אהין וואָס שנעלער! קומט מיט מיר, פאָטערל!

— איך וויל, אז איהר זאָלט וויסען, וואַלענטי, אז איך בין ריין פון זינד! איך מיין אָט טאַקע וועגען דעם וואָס איהר האָט געזאָגט, אז איהר האָט אויסגעפונען, אז איך האָב געהאט צו טאָן מיט דער...

— וועגען דעם וועלען מיר צייט האָבען צו ריידען! — האָט וואַלענטי געזאָגט — איך וויל נאָר אייך זאָגען, אַ' אויב איהר וועט וועגען דעם שווערען, וועלען מיר דאַן קאָנען זעהן אויב עס איז ניט ריכטיג... און איצט קומט שנעלער, עס ווערט שפּעט...

— עס איז אָבער גאַנץ ווייט פון דאַנען! — האָט דער גלח געזאָגט — און עס ווערט שוין פינסטער!

— עס וועט זיין א ליכטיגע נאַכט און מיר וועלען ניט בלאָנדזשען! — האָט וואַלענטי געזאָגט. — נעהמט ארויס אייער פערד פון שטאַל און לאָמיר ביידע אוועקרייטען וואָס שנעלער!

דער גלח אנטאָן האָט געזעהן, אז ער קאָן דאָ גאָרניט אויפטאָן, איז ער דעריבער אריין אין שטאַל און גענומען דעם פערד. פאַרשידענע געדאַנקען זיינען דורכגעלאָפען זיין מח... וואָס וועט זאָגען דער גראַף ווען ער וועט איהם דערזעהן, און ווען ער וועט אויסגעפינען, אז ער האָט אהער געפירט זיין זוהן! יע, ער וועט איהם דאַרפען דערצעהלען, אז זיין זוהן האָט איהם נאָכגעפאָלגט און אז ער האָט זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך, אז ער ווייסט שוין פון אלץ. ער וועט זיך אויך דאַרפען מיט איהם באראטען וואָס צו טאָן, כדי וואַלענטי זאָל ניט איבערגעבען דעם סינאָד וועגען דעם, אז ער, דער גלח האָט איהם ארויסגעהאָלפען אין זיין ליבע מיט ראשעיל.

אנטאָן האָט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין פערד און ער איז צוזאמען מיט וואַלענטי'ן אוועקגעריטען צו דעם אלטען מאַיאָנטעק וואו די געוועזענע פראַנצויזישע גאָווערנאַנטקע האָט זיך אויפגעהאַלטען.

זיי האָבען זיך פריהער אָנגעשטעלט נעבען א קליין הייזעל. דער גלח האָט געזאָגט וואַלענטי'ן, אז דאָ געפינט זיך דער אויפזעהער פון דעם מאַיאָנטעק, און דורך איהם וועט ער דערגעהן וואו דער גראַף געפינט זיך איצט, ווייל דאָרט זיינען געווען עטליכע שעהנע געביידעס, און ער ווייסט ניט וואו זיי זיינען איצט.

דער גלח האָט געהאט אין זינען, אז איידער ער וועט אריינקומען מיט וואַלענטי'ן וועט ער דורך דעם אויפזעהער לאָזען וויסען דעם גראַף, אז זיין זוהן זוכט איהם, און ער וועט זיך וויסען ווי צו היטען. אָבער וואַלענטי האָט עס פאַרשטאַנען, און ווען דער אויפזעהער האָט זיך אָנגעבאָטען צו געהן אָנזאָגען דעם גראַף, האָט וואַלענטי זיך צו איהם געווענדעט:

— איך וועל שוין אליין צוקומען אהין, אלץ וואָס דו דאַרפסט טאָן איז מיר אָנצייגען אין וועלכען הויז ער געפינט זיך.

דער אויפזעהער האָט גענומען ווישען דעם שווייס פון זיין שטערן, ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן! ער האָט געקוקט אויף דעם גלח, אָבער וואַלענטי האָט זיי געהיט, און ער האָט זיך אויף דעם אויפזעהער א בייזער געטאָן:

— פאַרוואָס קווענקעלסטו זיך! — דו זעהסט דאָך, אז מיר זיינען געקומען פון אזוי ווייט, און מסתמא איז דאָס זעהר וויכטיג.

ווען דער גלח האָט א וואונק געטאָן צום אויפזעהער, אז ער זאָל ניט ווייזען, האָט עס וואַלענטי באמערקט, און ער האָט זיך דערנעהענטערט צום גלח,

און איהם ארייגעשושקעט אין אויער:

— איך האב עס באמערקט, און איך זעה, אז איהר ווילט איך זאל דערצעהלען מיין פאטער וועגן אייערע זינדיגע באציהונגען מיט ראשעיל... פארגעסט ניט, אז איהר האט זיך אזוי גוט ווי מודה געווען פאר מיר... און אויב איהר וועט מאכען פארשידענע שוועריגקייטען, וועט איהר נאכהער חרטה האבען. הייסט איהם שנעלער אנצייגען דאס הויז!

דער גלח האט שוין קיין אנדער ברירה ניט געהאט, און ער האט געזאגט צום אויפזעהער:

— נו, צייגט אונז אן אין וואס פאר א הויז דער גראף געפינט זיך!

— א, היילינגער פאטערל! איהר ווייסט דאך אליין! — האט דער אויפזעהער אויסגערופען — ער געפינט זיך דארט וואו ראשעיל האלט זיך אויף!

— אבער צייג דאך אונז אן! — האט שוין דער גלח אויפגעהויבען זיין שטימע.

דער אויפזעהער האט געהאט א באפעהל פון גראף ניט צו דערלאזען, אז מען זאל איהם שטערען, און ער האט פארשטאנען, אז דער גלח וויל ניט נעמען אויף זיך די פאראנטוואָרטליכקייט. ער האט דעריבער געזאגט: "איהר זייט דאך דארט געווען מיט צוויי טעג צוריק! איך מיין, אז איהר זייט געווען ביי איהר זי זאל זיך מתודה זיין אויף איהרע זינד, נו, איצט וועט איהר זי געפינען אין דעם זעלבען פלאץ!"

— איך האב דאך דיר ניט געפרעגט וואו זי געפינט זיך! — האט דער גלח אויסגערופען — איך האב דאך דיך געפרעגט וואו דער גראף געפינט זיך איצט...

— דארט! — האט ער געענטפערט — אין דעם זעלבען פלאץ!

— פארוואס זאלט איהר זיך מאכען ניט ווילסענדיג! — האט וואלענטי זיך געווענדעט צום גלח, קומט, היילינגער פאטערל, לאמיר געהן אהין וואו איהר זייט געווען מיט צוויי טעג צוריק.

דער גלח האט ניט אויפגעהערט צו ווישען די שווייס פון זיין שטערען. ער איז מיט לאנגזאמע טריט געגאנגען צו יענער שעהנער געביידע...

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער טיר, איז דער גלח געבליבען שטעהן.

— איך וועל אנקלאפען אין טיר און איך וועל ארייקומען אליין. איהרווארט דא צו. איך וועל זאגען דעם גראף, אז זיין זוהן איז געקומען!

— א, איך פארשטעה! — האט וואלענטי אויסגערופען, — איהר ווילט איהם ווארענען, ער זאל דערוויל האבען א געלעגענהייט זי צו באהאלטען, און דערנאך קאנען אויף מיר שרייען אז איך האב איהם נאכגעפאלגט! ניין, היילינגער פאטערל! איהר געהט טאקע פאראויס און איך וועל אייך נאכגעהן.

וואלענטי האט זיך געשטעלט אן א זייט, און דער גלח האט מיט א ציטערענדער האנט געגעבען א לייכטען קלאפ אין טיר. אבער עס איז ניט געווען קיין ענטפער.

דער גראף און זיין געליבטע זיינען געווען פארנומען אין זייער ליבע נעסט, אז זיי האבען גארניט געהערט.

צו די אויערען פון וואלענטי און דעם גלח האבען זיך דערווייל דערטראגען די געלעכטערלעך פון ביידע, פון ראשעיל און פון גראף... דאס פענסטער פון זייער צימער איז געווען אפען, און מען האט געקאנט הערען דייטליך זייער געשפרעך...

דער גלח האט שוין געוואלט געבען א שטארקערען קלאפ אבער וואלענטי האט איהם אנגענומען פאר'ן האנט, און געזאגט אין דער שטיל:

— ווארט נאך צו א קליינע ווייל! מיר וועלען ניט פארזאמען... איך וויל הערען וואס זיי ריידען... האסטו דען ניט געהערט, אז מיין פאטער האט דערמאנט מיין נאמען... זי האט געלאכט, ווען ער האט איהר דערצעהלט ווי אזוי ער האט מיך גענארט... איך וויל זיך צוהערען א קליינע ווייל.

דער גלח איז געשטאנען נעבען דער טיר און זיך געטרייסעלט פון שרעק... ער שטעלט זיך פאר, אז קיין צרות וועלען איהם ניט פעהלען. אט הערט ער אזוי דייטליך ווי דער גראף רעדט מיט איהר וועגען זייערע אינטימע פארהעלטענישען, ער דערצעהלט איהר ווי ער האט נאך איהר געבענקט, ווי אזוי ער האט געוואלט וויסען וואס זי האט זיך מתודה געווען פאר דעם גלח...

"דאס היילינגע פאטעריל זינדיגט אויך אונטער אביסעל!" — האבען

ביידע, דער גלח און וואלענטי, געקאנט דייטליך הערען ווי ער רעדט צו ראשיעל — איהם איז אבער א סך גרינגער זיך מתודה צו זיין ווי מיר. ער איז זיך מתודה פאר זיך אליין! יע, אזוי שנעל ווי ער זינדיגט, געהט ער אריין צו זיך אין צימער און איז זיך מתודה. איך בין זעהר נייגעריג אויסצוגעפינען וואס פאר א זינד אחוץ טרינקען בראנפען באגעהט דאס הייליגע פאטעריל — הערען זיי ווי דער גראף זאגט צו איהר לאכענדיג.

— פארוואס זאלסטו איהם פארדעכטיגען אז ער האט אויך אנדערע זינד? — האט זי דייטליך געקאנט הערען ווי ראשיעל רופט אוים לאכענדיג.

— ווייל ווען דאס פאטעריל האט מיר דערצעהלט ווי אזוי ער איז זיך מתודה פאר זיך אליין און ער האט גענומען אויסרעכענען זיינע זינד, האט ער זיך ארויסגערעדט אז ער האט זיך מתודה געווען ווייל ער האט א קוש געטהאן א... ער האט זיך באלד פארכאפט און ער האט ניט געוואלט אויסזאגען ווער דאס איז געווען וועמען ער האט א קוש געטהאן, אבער איך האב פארשטאנען אז ער האט געמיינט אז ער האט א קוש געטהאן א מיידעל, אדער אפשר גאר א ווייבעל, וועלכע איז געקומען צו איהם זיך מתודה צו זיין!

— פארו״אם זאלסטו אזוי טראכטען פון הייליגען פאטעריל! — האט ראשיעל איהם געזאגט מיט עטוואס פארוואורף אין איהר שטימע.

— ווייל — הערען זיי ווי דער גראף ענטפערט איהר — אז מען קושט דעם צלם איז דאך עס ניט קיין זינד, און פאר דעם דארף מען זיך ניט קומען מתודה זיין, הא, וואס זאגסטו, מיין ליבסטע? זעהסטו אז איך וועל דיר קושען וועל איך שפעטער דארפען קומען צום גלח און איהם דערצעהלען וועגען דעם! און דו דערצהלסט דאך איהם אויך אלץ, ניט אמת!

— געוויס מיין ליעבסטער! — הערען זיי ווי זי ענטפערט איהם — גאנץ אפט שעהם איך זיך פאר איהם צו דערצעהלען אלע איינצעלהייטען, אבער דאס פאטעריל, אנטאן, האט ליב אז מען דערצעהלט אלע איינצעלהייטען... אז ניט, זאגט ער, איז עס ביי איהם ניט פאררעכענט פאר א וידוי... און איך מוז דיר זאגען, ליבסטער מיינער אז אט דער אנטאן האט שטארקע פעהיגקייטען ארויסצוקריגען אלע איינצעלהייטען פון מיר...

— איך בעט דיך, ראשיעל, דערצעהל איהם ניט אלע איינצעלהייטען! — הערען זיי ווי דער גראף רופט זיך אן צו איהר — עס איז גענוג אז דו ביזט זיך מתודה אויף דיינע זינד אין אלגעמיין, פארוואס זאלסטו איהם דערצעהלען די איינצעלהייטען! איך שעהם זיך פאר איהם!

— אבער לויט ווי דו דערצעהלסט מיר, זינדיגט ער דאך אליין אויך, טא וואס האסטו זיך וואס צו שעהמען!

— הערען זיי איהר שטימע.

— ער אבער דערצעהלט דאך פאר קיינעם ניט! ער איז זיך מתודה פאר זיך אליין, דערפאר זאג איך דאך אז איך בין איהם מקנא! ער קאן זינדיגען און קיינער אויסער איהם ווייסט דערפון ניט!

— מען ווייס יע! — האט ראשיעל אויסגערופען.

— וואס? דו ווייסט פון זיינע זינד?! — האט זיך דער גראף צו איהר אנגערופען — האט ער דיר דען דערצעהלט!

— ניין, איך מיין ניט צו זאגען אז איך ווייס פון דעם! — האט זי אויסגערופען — אבער דו האסט מיר דאך נאר־וואס געזאגט אז ער האט דיר דאס דערצעהלט אז ער האט געקושט און אויב ניט דעם צלם טא וועמען האט ער געקושט?

דער גלח איז געשטאנען נעבען דער טיהר ווי אויף הייסע קויהלען. ער האט געציטערט, זיין גאנצער קערפער איז באדעקט געווארען מיט שוויים. ער האט זיך גענומען שרעקען טאמער וועט איהם ראשיעל דערצעהלען וועגען זיינע זינדיגע באציהונגען מיט איהר... עס קאן דאך זיין אז זי וועט זיך אנ׳שיכור׳ן וועט זי אנפאנגען פלאפלען, ער האט דעריבער זיך אנגערופען צו וואלענטי׳ן:

— איך מוז אנקלאפען, ווייל עס איז ניט רעכט פאר א זוהן זיך אונטערצוהערען די זינדיגע רייד פון א פא־

— איז עס רעכט פאר א פאטער צו זינדיגען געגען זיין פרוי? — האט איהם וואלענטי געפרעגט—גוט, קלאפ אן אין טיר!

דער גלח האט גענומען קלאפען גאנץ שטארק! באלד האט זיך דערטראגען די כעס'דיגע שטימע פון דעם גראף:

— ווער איז דארט? ! ווער וואגט עס צו קומען מיר שטערען איצט?!...

— איך, דאס פאטעריל אנטאן! — האט דער גלח מיט א ציטערענדער שטימע אויסגערופען.

— א, דאס פאטעריל! — האט דער גראף זיך אנגערופען און זיך געווענדעט צו ראשיעל:

— געה עפען די טיהר און לאמיר הערען וואס ער פארלאנגט! ער האט מיר געזאגט אז ער וועט אפשר צוקומען מארגען....

— אבער... האט ראשיעל געזאגט — עס פאסט ניט אזוי צו ערשיינען פאר דעם הייליגען פאטעריל — האט זי איהם אנגעוויזען אויף זיך — ער וועט דאך..

— דו ביזט גערעכט, מיין ליבסטע! אט וועל איך אליין געהן איהם עפענען. אבער דו ווייסט דאך אז פאר איהם דארפסטו זיך ניט שעהמען. דו וועסט דאך אליץ איינם שפעטער דארפען איהם דערצעהלען וועגען אליץ, ווען דו וועסט פאר איהם זיך מתודה זיין... דו בלייב דא זיצען און איך וועל שוין פאר איהם עפענען די טיר.

דער גלח און וואלענטי האבען דאס אויך געהערט, און ער האט געבעטען וואלענטי'ן ער זאל זיך אפרוקען פון דארט פאר א ווײלע ביז וואנען ער וועט ערקלעהרען דעם גראף וועגען זיין קומען. וואלענטי אבער, האט זיך ניט געריהרט פון ארט.

דער גראף פאטאצקי האט שוין געהאט אין זיך אריינגעגאסען עטליכע גלעזלעך פון ביטערען טראפען, און איהם איז געווען שווער צו באוועגען זיינע פיס. ער איז לאנגזאם צוגעגאנגען און געעפענט די טיהר. ער האט דערזעהן דעם גלח, און ניט באמערקענדיג זיין זוהן, האט ער זיך צו איהם אנגערופען:

— א, הייליגער פאטעריל, פארוואס האט איהר זיך צוגעאיילט! איהר זייט געקומען גאר אונערווארטעט. איך האב זיך נאך אפילו ניט אויף וואס מתודה צו זיין! מיר האבען דערווייל גאר גערעדט וועגען מיין זוהן, און וועגען אייך, איך מיין אז אויך איהר האט ליב א שעהנע מיידעל, הא, ניט אמת! אבער איצט, אז איהר זייט געקומען, וואלט אפשר געווען א פלאן אז איהר זאלט איבערנעכטיגען ביי דעם אויפזעהער, און מארגען וועל איך זיך באלד מתודה זיין!

— ניין, פאטער! — האט זיך וואלענטי דערנעהנטערט — עס וועט טאקע זיין בעסער אז דו וועסט ניט האבען אויף וואס זיך מתודה צו זיין.

— וואלענטי! — האט דער גראף אויסגערופען און איז געבליבען שטעהן ווי פארגליווערט — ווי קומסטו אהער, וואלענטי!....

— דאס הייליגע פאטעריל האט מיך אהער געבראכט! — האט וואלענטי זיך אנגערופען — ער האט געוואלט פארמיידען אז דו זאלסט ניט געשטרויכעלט ווערען מיט א זינד!

— א, פאטעריל! ווי אזוי האט איהר געקאנט טהאן אזא זאך צו מיר!

דער גלח האט זיך גענומען צלם'ען, און ער האט גענומען שטאמלען:

— גלויבט מיר גראף, איך מיין אז איך בין ניט שולדיג!

— אט אזוי האט איהר מיר באהאנדעלט! — האט דער גראף א געשריי געטאן אויפ'ן גלח. — איך האב אייך געגעבען אזוי פיעל גאלד, איך האב אייך די גאנצע צייט אויפגעהאלטען און אייך האט גאר ניט געפעלט, און צום סוף פארראט איהר מיך! איהר בריינגט אהער מיין זוהן!

— איך זאג דאך דיר, פאטער אז דער גלח האט בלויז געוואלט פארמיידען אז דו זאלסט ניט זינדיגען, דאריבער האט ער זיך געאיילט מיט מיר אהער.

— האב איך אייך דען ניט געגעבען עטליכע גאלדענע מטבעות, און האב איך אייך ניט געזאגט אז אזוי שנעל ווי איך וועל זיך צוריקקעהרען וועל איך קומען צו אייך זיך מתודה צו זיין אויף מיינע נייע זינד!

— עס איז א סך בעסער, פאטער, אז מען האט ניט אויף וואס זיך מתודה צו זיין! אבער אויב אפילו דו ווילסט דוקא זיך מתודה זיין, קאנסטו עס טאן בלויז פאר דער שלעכטער כונה, וואס דו האסט געהאט!

— דו שוויג! — האט דער גראף א געשריי געטהאן אויף איהם. איך האב דאך דיך איבערגעלאזט אין קרעטשמע, טא ווי קומסטו אהער?

— און איך האב געמיינט אז דו ביזט אפגעפאהרען צו דיין פריינד,

וועלכער האָט א טאָכטער, וועלכע זוכט א חתן, טאָ ווי קומסטו אהער? — האָט איהם וואלענטי געענטפערט מיט א צווייטער פראַגע.

— הם... איך בין ניט מחויב דיר אָפּצוגעבען א חשבון וואס איך טהו! געה אוועק פון דאנען!

—ניין, פּאָטער, איך וועל ניט אוועק פון דאנען ביז וואנען איך וועל האָבען געזעהן אונזער געוועזענע גוּווערנאנטע, און זי פרעגען אויב עס איז ריכטיג אזוי צו באהאנדלען מיין מוטער, וועלכע איז געווען צו איהר אזוי פריינדליך.

— אָ, איהר אנטאָן! — האָט דער גראף אויסגערופען מיט כעס — ווי אזוי קומט איהר איהם צו ברייגגען אהער! איהר אליין זייט דאָך אויך ניט ריין פון זינד!

— הייליגע מאריע! — האָט זיך דע׳ גלח ניט אויפגעהערט צו צלם׳ן — איך בין אין דעם ניט שולדיג — אייער זוהן האָט...

— נו, פּאָטעריל, רעדט זיך אקאָרשט ניט ארויס קיין נארישקייטען — האָט איהם וואלענטי געגומען ווארענען — מיר ווייסען דאך וועגען אייך אויך זאכען וואס וועלען אייך קיין כבוד ניט פארשאפען.

— א, גראף פּאָטאָצקי! — האָט אנטאָן זיך אָנגערופען — אייער זוהן איז זעהר שלעכט ערצויגען געארען. ער האָט קיין דרך ארץ ניט פאר קיין הייליגען גלח, און ניט פאר זיין אייגענעם פּאָטער!

— איך וועל איהם ניט שיינקען!— האָט דער גראף אויסגערופען — אָבער פארוואס האָט איהר איהם געבראכט אהער! איך האָב דאָך אייך אָנגעזאָגט אז קיינער טאָר קיין מאָל ניט וויסען אז איך געפין זיך דאָ!

— אייער זוהן, הער גראף, האָט אייך נאָכגעפאָלגט די גאנצע צייט, און ווען איהר זייט געווען מיט מיר, איז ער געשטאנען אונטער׳ן פענסטער און זיך צוגעהערט צו אלץ וואס מיר האָבען גערעדט....

— אָבער איך האָב דאָך ניט געהערט, אז איהר זאָלט האָבען זיך מודה געווען פאר מיין פּאָטער, אז די מיידעל, וועלכע איהר האָט געקושט, איז ניט געווען קיין אנדערע ווי אָט די ראשיעל, וועלכע געפינט זיך איצט אין צווייטען צימער!

— וואָס! — האָט דער גראף אויסגעשריען. — איהר האָט געקושט מיין ראשיעל!

דער גלח איז געשטאנען און האָט געציטערט פון שרעק.

— המ . . . ניין! עס איז א ליגען!

— האָט דער גלח גענומען ארויסשטאמלען. — ער מאכט אויף מיר א בלבול!

— א הייליגער פּאָטערל טאָר קיין ליגען ניט זאָגען! — האָט וואלענטי אויסגערופען. — איהר האָט דאָך כמעט ווי זיך מודה געווען פאר מיר! הא, איז דאָס אפשר א ליגען! איך האָב אייך געוואָלט געבען א שבועה, און ביי אייך איז געווען רעכט אפילו צו שווערען פאלש. נאָר אזוי ווי איך האָב אייך געוואָרענט, אז דער הייליגער סינאָד וועט ניט שאנעווען א גלח, וועלכער זינדיגט און שווערט פאלש דערצו, האָט איהר מיך געבעטען איך זאָל ניט דערצעהלען. נו, גוט, איך וועל ניט דערצעהלען דעם סינאָד, אָבער מיין פּאָטער האָב איך דאָך א רעכט צו דערצעהלען!

דער גראף פּאָטאצקי איז אויפגערעגט געווארען. ער האָט געפיהלט, אז ער ווערט אינגאנצען פארצערט פון אייפערזוכט! איז דאָס מעגליך, אז זי, זיין ראשיעל, איז דאָס געווען די מיידעל, וועמען דער גלח האָט געקושט. עס איז אוממעגליך! ער קען אזא זאך ניט גלויבען אויף דעם הייליגען פּאָטערל, וועמען ער האָט די גאנצע צייט געשטיצט מיט א ברייטער האנד.

— אנטאָן! — האָט דער גראף אויסגערופען. — איך מוז איצט וויסען דעם אמת! זאָגט מיר, איז עס אמת דאָס, וואָס מיין זוהן דערצעהלט?

— ניין, עס איז ניט אמת! — האָט דער גלח אויסגערופען. — איך האָב איהם בלויז דערצעהלט, אז ראשיעל קומט זיך צו מיר מתודה זיין אויף איהרע זינד, און ער האָט גענומען דרינגען פון דעם, אז איך און זי . . . אָט טאקע צוליב דעם, כדי ער זאָל אויף מיר ניט מאכען קיין בלבול, בין איך געצוואונגען געווען צו ברייגען איהם אהער . . . אבער איצט, אז ער האָט שוין אויסגענוצט זיין דראָהונג, און געמאכט אויף מיר דעם בלבול, מוז איך אייך זאָגען, הערר גראף, אז אייער זוהן, וואלענטי, איז זעהר פארדאָרבען. ער האָט קיין עהרעפורכט פאר זיין פּאָטער און פאר א

הייליגען גלח! ער האָט פאַרדינט באַשטראָפט צו ווערען!

— דו אומווירדיגער ליגנער! — האָט דער גראַף אויפגעהויבען זיין האנד, און זיך פאַרמאָסטען אראָפּצולאָזען זיין זוהן א פּאטש.

— הער זיך איין, פּאָטער! — האָט וואלענטי זיך א דרעה געטאָן. פּאָטער, איך בין זיכער, אז אך האָב דיר דערצעהלט דעם אמת, און אויב דו וועסט מיר ערלויבען, וועל איך דיר איבערצייגען!

— ווי אזוי וועסטו מיר קאָנען איבערצייגען, דו ליגנער! איך האָב מעהר אין דיר קיין צוטרויען ניט! — האָט זיך דער גראַף געקאָכט.

— איך וועל דיר איבערצייגען מיט דעם, אז דיין געליבטע ראשיעל וועט זיך פאַר דיר מודה זיין אין דעם! — האָט וואלענטי אויסגערופען. — זאָל ער, אָט דער הייליגער גלח, בלייבען אין דרויסען פאַר א ווייל ... און דו קום מיט מיר אריין צו איהר, וועל איך דיר איבערצייגען, אז דאָס פּאָטערל האָט דיך די גאנצע צייט גענארט, אז ער אליין האָט געזינדיגט מיט איהר! און דו האָסט געמיינט, אז זיי ביידע זיינען דיר געטריי.

גראַף פּאטאצקי'ס בלוט האָט אין איהם גענומען זידען. ער איז געווארען ווילד פון איפּערזוכט. און דערזעהענדיג, ווי דער גלח ציטערט ווי א בלאט, האָט זיך אין איהם זיין צאָרען נאָך מעהר צעפלאקערט. ער האָט גענומען מורא האָבען, אז זיי האָבען איהם ווירקליך פאַרראַטען ... דאָס וואָלט פאַר איהם געווען דער שווערסטער קלאַפּ ... בפרט נאָך איצט, ווען ער האָט איהר, זיין געליבטער, געגעבען אזא טייערע מתנה — אזא שנירעל פּערעל, וואָס איהר ווערדע איז גאָר ניט אָפּצושאצען ... די גאנצע צייט, וואָס דער גראַף איז געשטאנען לעבען טיר און גערעדט, האָט ראשיעל געמיינט, אז דאָס רעדט ער מיט דעם גלח אליין, און זי איז דעריבער אריין צו זיך אין שלאָפצימער, און גענומען באטראכטען די וואונדער שעהנע מתנה, וואָס זי האָט נאָר וואָס געקראָגען פון דעם גראַף. ער האָט איהר געזאָגט, אז די דאָזיגע שנור פּערעל האָט געטראָגען די רוסישע צארינע, קאטערינע די ערשטע, וואָס דער צאר

פּיאָטער האָט איהר געגעבען נאָך ווען זי איז געווען זיין געליבטע. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז אפשר וועט קומען א צייט און דער גראַף וועט זי קאָנען מאכען פאַר זיין גרעפין. און ווי גוט דאָס וואָלט געווען פאַר איהר. דאַן וואָלט זי מיט איהם צוריקגעפאָהרען קיין פּאריז און געבראכט אהער איהר מוטער ... זי וואָלט דאַן געקאָנט האָבען אלע פאַרגעניגענס, וואָס איהר הארץ וועט נאָר געלוסטען ...

איהרע געדאנקען זיינען איבערגעשלאָגען געווארען, ווען זי האָט דערהערט טריט. זי איז געווען זיכער, אז דאָס קעהרט זיך דער גראַף צוריק צו איהר און זי איז ארויס פון איהר שלאָפצימער, אנגעטאָן אין איהר זיידענער קימאָנע, וואָס איז ניט געווען אינגאנצען צוגעשפּילעט, אנטבלויזענדיג א טייל פון איהר קערפּער ...

— אָה, מיין ליעבסטער! — האָט זי אויסגערופען. — גיב א קוק ווי שעהן איך זעה אוים מיט דיין פּראכטפולער מתנה, וואָס דו האָסט מיר געגעבען! איך שטעל זיך פאָר, אז די צאריצא קאטערינא האָט אויך געמוזט אויסזעהן אזוי שעהן!

דער גראַף האָט זיך א נייג געטאָן אָן א זייט און ראשיעל האָט באלד דערזעהן וואלענטיין ...

— אָה, — האָט זי אויסגעשריען, און האָט זיך באלד ענגער איינגעהילט אין איהר קימאָנע! — אָה, פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געזאגט, אז דיין זוהן איז געקומען? האָט זי מיט פאָרוואורף אין איהר שטימע זיך צו איהם אָנגערופען.

— מיין זוהן וויל דיר עפּעס זאָגען! — האָט דער גראַף אויסגערופען מיט פאַרביטערונג.

— און איך האָב געמיינט, אז דאָס איז געווען דאָרט דאָס הייליגע פּאָטערל! — האָט ראשיעל אויסגערופען. — איך בין געווען אזוי זיכער, אז איך האָב געהערט זיין שטימע!

— דאָס הייליגע פּאָטערל איז אויך געקומען מיט מיר אהער! — האָט וואלענטי זיך אָנגערופען. — אבער ער האָט מיך געבעטען איך זאָל אריינגעהן און ריידען מיט אייך, מאַדעמואזעל! יא, איך האָב עס ניט געוואלט גלויבען, אָבער ער באשולדיגט אייך אין זעהר ניט קיין שעהנע זאכען!

— וואָס! דאָס הייליגע פּאָטערל באַשולדיגט מיך! — האָט ראשיעל אוים-

גערופען מיט ערשטוינונג. — ווי קומט ער צו ריידען שלעכטעס אויף מיר!

— ער דערצעהלט, אז איהר האָט איהם אראָפּגעפיהרט פון גוטען וועג! אז בעת איהר זייט געקומען צו איהם זיך מתודה זיין, האָט איהר גאָר מיט איהם געזינדיגט! ער זאָגט, אז ער האָט זיך געוועהרט געגען אייך אזוי לאנג, ווי עס איז פאר איהם געווען מעגליך, אָבער אז ענדליך איז אייך געלונגען איהם איבערצוריידען...

— אוי, דער ליגנער, דער אויסוואורף! — האָט ראשיעל גענומען ווערען היסטעריש! — ער האָט דאָך מיך איבערגערעדט! ער האָט מיר געזאָגט, אז ער וועט זעהן, איך זאָל זיך פאר איהם נאכהער מתודה זיין און דאָס וועט מיר ניט פאררעכענט ווערען פאר קיין זינד! איך האָב זיך געגען איהם געוועהרט! יא, פון אָנפאנג האָב איך זיך פון איהם אפילו ניט געלאָזט קושען, אָבער שפּעטער, אז ער האָט מיך איבערגערעדט, בין איך שוין אינגאנצען געווען אונטער זיין איינפלוס! אָה, ווי אזוי קאָן ער, דער אויסוואורף, מאכען אויף מיר דעם בלבול, ווי אזוי קאָן ער ארויפוואַרפען די גאנצע שולד אויף מיר!

דער גראף איז געשטאנען אָן א זייט און קוים באהערשט זיין צאָרען. איצט זעהט ער, אז זיין זוהן האָט איהם דערצעהלט דעם אמת! זיין געליבטע און דער גלח, וועמען ער האָט פארטרויט אלץ, וועמען ער האָט געבעטען אכטונג צו געבען אויף זיין געליבטער, האָט איהם גאָר פאראַרטען!

— אָט איז דאָ דער גלח אין דרויסען! — האָט וואלענטי זיך צו איהר אָנגערופען. — מיר וועלען איהם אריינרופען און זאָגט עס איהם אין די אויגען! ער זאָל נאכהער ניט קאָנען וואַרפען די גאנצע שולד אויף אייך. מאדעמואזעל!

— זאָל אָט דער פאלשער, דער אויסוואורף, אריינקומען אהער, און איך וועל איהם ווייזען ווי אזוי ער וועט זאָגען, אז איך האָב איהם אראָפּגעפיהרט פון גלייכען וועג!

— אָט וועל איך איהם אריינרופען!

— האָט וואלענטי אויסגערופען. ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער און אויסגערופען: "הייליגער פאָטערל, קומט אריין!"

דער גלח איז אריינגעקומען אין יענעם צימער מיט וואקלענדע טריט, און איידער ער האָט באוויזען אויפצופּענען זיין מויל, איז ראשיעל אויף איהם ארויפגעפאלען און איהם גענומען גראבלען מיט איהרע שארפע נעגעל און פליקען זיינע לאנגע האָר פון קאָפּ, שרייענדיג מיט היסטעריקע:

— אָה, איהר אויסוואורף! איהר זינדיגער! ווי אזוי קאָנט איהר ארויפוואַרפען אויף מיר די גאנצע שולד! ווער האָט וועמען צוגערעדט צו זינדיגען, איך אייך, אָדער איהר מיך! איצט, אז איהר האָט שוין אויף מיר געמאכט דעם בלבול, וועל איך דערצעהלען דעם גאנצען אמת! איך וועל זיך שוין ניט שעהמען!

— דאָס איז גענוג! — האָט גראף פאטאצקי אויסגעשריען. — איך וויים שוין אלץ! איך דארף ניט הערען קיינע איינצעלהייטען! איהר זייט ביידע אומפארשעהמטע, אומדאנקבארע הינט!

ער איז צוגעגאנגען נעהענטער צו ראשיעל און פון איהר האלז ארונטערגעריסען דעם שנירעל פּערל.

— דו, פאלשע, אומטרייע, אויסגעלאסענע! — האָט זיך דער גראף אויף איהר צעשריען! — דו האָסט ניט פארדינט, אז איך זאָל דיר געבען אזעלכע מתנות! איך וויל מעהר דיין פּנים ניט אָנקוקען! אָט אזוי ביזטו מיר געווען דאנקבאר! איך האָב דיר געגעבען אלץ, וואָס דיר האָט זיך געלוסט! איך האָב דיר געקויפּט די טייערסטע מתנות! איך האָב דיר געגעבען גענוג געלט דו זאָלסט קאָנען אוועקשיקען דיין מוטער אין פּאריז, און איהר ארויסהעלפען! אָבער דו ביזט ניט בעסער פאר דיין מוטער! איך וויים, אז דיין מוטער איז געווען אן אויסגעלאסענע פרוי, און דו געהסט אין איהרע פוסטריט! דו האָסט מיך פאררַאטען, הינטער מיינע פּלייצעס האָסטו געפיהרט א ליעבע מיט דעם גלח, צו וועמען דו האָסט באדארפט קומען זיך מתודה זיין אויף דיינע זינד!

— אָה, איך בעט דיך גראף, זיי מיר מוחל! — האָט ראשיעל גענומען וויינען. — ער איז אינגאנצען שולדיג, ניט איך! ער האָט מיך גענומען איבערריידען, און איך האָב געהאט אין

איהם אזוי פיעל צוטרויען. איך האב ניט געוואוסט וואס איך טהו. ער האט מיר געזאגט, אז...

— איך וויל מעהר פון דיר ניט הע־רען! — האט דער גראף געשטורעמט.

— איך וויים נאר, אז דו האסט מיך פארראטען הינטער מיינע פליינעם!

— און אז דו האסט פארראטען דיין אייגענע פרוי הינטער איהרע פלייצעם! — האט ראשיעל איהם גע־ענטפערט!

— שוויג, דו אויסגעלאסענע! — האט דער גראף איהר א שטויס גע־טאן, — דו זאלסט ניט וואגען צו דערמאנען מיין פרוי'ס נאמען.

ראשיעל האט זיך נאך אמאל א ווארף געטאן אויף דעם גלח און איהם גענומען פליקען די האר, שרייענדיג מיט א היסטערישער שטימע:

— איהר האט מיך פאראומגליקט! איהר האט מיר איינגערעדט צו באגעהן א זינד געגען דעם גראף! וואס האט איהר צו מיר געהאט?

דער גלח האט זיך באפרייט פון איהרע הענט, ער האט ניט געוואוסט וואס צו טאן... אויב דאס וועט דער־גרייכען דעם סינאד, וועט ער זיין א פארלוירענדער. ניין, ער טאר צו דעם ניט דערלאזען...

דער גראף פאטאצקי איז ארומגע־גאנגען איבער'ן צימער הין און צוריק ווי אן אויפגערייצטע חיה אין א שטייג... ער איז געווען זעהר אויפ־גערעגט און צארנדיג. און ער האט ניט געוואוסט אויף וועמען פריהער אויס־צולאזען זיין כעס, אויף דעם גלח וועל־כער האט איהם אזוי אפגענארט, אדער אויף זיין געליבטער, וועלכע האט איהם פארראטען אדער גאר אויף זיין זוהן, וועלכער האט צעשטערט זיין גאנ־צען פארגעניגען?... באלד אבער איז איהם געקומען א געדאנק, אז אויף זיין זוהן האט ער קיין רעכט ניט צו זיין אין כעס... פארקערט, ער דארף איהם דאנקבאר זיין, וואס ער האט געעפענט זיינע אויגען. וויל, ווען ניט ער, וואלט ער דאך קיינמאל ניט אויסגעפונען, אז מען פארראט איהם... ער האט אויף ראשעיל'ן אויסגעגעבען אזוי פיל געלט, ער האט פאר איהר געקויפט די שעהנסטע מתנות, און צום סוף האט זי איהם די גאנצע צייט גענארט! און מיט וועמען מיט דעם גלח!

— דו קאנסט שוין דא מעהר ניט בלייבען! — האט דער גראף זיך גע־ווענדעט צו ראשיעל'ן — דו וועסט גלייך פארלאזען אט דעם פלאץ!

— אבער, גנעדיגער גראף — האט זי זיך גענומען בעטען ביי איהם — עס איז דאך איצט שוין שפעט אין אוונט. וואוהין קאן איך איצט געהן?...

— מיך ארט ניט וואוהין דו וועסט געהן! — האט דער גראף אויסגערו־פען — דו קאנסט אפילו געהן צום טייוועל, צו דעם היילינען פאטערל! יא, געה מיט איהם! איהר ביידע האט געזינדיגט! איהר קאנט ווייטער זינ־דינען!

— עס איז שוין אפילו צו שפעט זיך אומצוקערען צו מיין הויז! — האט דער גלח זיך אנגערופען — אפשר וועל איך קאנען געפינען נאכטלעגער ביים אויפזעהער!

— מיך ארט ניט וואס איהר טוט! — האט דער גראף אויסגערופען מיט א בייזער שטימע — דא פארבלייב איך מיט מיין זוהן נעכטיגען די נאכט! — געה שוין ארויס פון דאנען! געה זאג דעם אויפזעהער ער זאל געפינען פאר דיר אויך א פלאץ ביז מארגען אין דער פריה — האט ער זיך געווענדעט צו ראשיעל — דא וועסטו שוין מעהר ניט קאנען בלייבען... און מארגען אין דער פריה וועסטו מוזען אפרייזען פון דא־נען, צוריק צו דיין לאנד! איך וויל גארנישט האבען צו טאן מיט אויסגע־לאסענע פרויען! איך וועל דיך באַ־זארגען מיט הוצאות און דו וועסט זיך ארויסלאזען אין וועג!

ראשיעל האט געוואלט אריינגעהן אין איהר צימער צו נעהמען איהרע קליידער און איהר צירונג וואס זי האט פון איהם געקראגען אלס מתנות, אבער דער גראף האט איהר געזאגט, אז די צירונג וועט ער צונעמען פון איהר. זי קאן בלויז נעמען איהרע קליידער.

ראשיעל האט גענומען איהרע קליי־דער און זי איז ארויס פון דעם פרעכ־טיגען הויז וואו זי האט געהאט פאר־בראכט היבשע עטליכע יאהר אלס גע־ליבטע פון דעם גראף פאטאצקי. זי האט געוויינט ווען זי איז פון דארטען ארויס... זי האט אבער מעהר ניט גע־וואלט ריידען מיט'ן גראף, און בעטען

איהם ער זאָל איהר מוחל זיין. זי האָט זיך געטראַכט, אַז איצט איז ער צאָרנדיג, און עס וועט זיין בעסער פאַר איהר מיט איהם ניט צו ריידען, כדי ער זאָל זיך נאָך מעהר ניט אויפרעגען. מאָרגען אין דער פריה, ווען ער וועט זיך עטוואָס אָפּקיהלען וועט זי מאַכען א פארזוך מיט איהם צו ריידען. אפשר וועט זי פון איהם קאָנען צוריק ארויסבאַקומען די צירונג, איבערהויפּט, האָט זי זעהר געוואָלט צוריקקריגען דעם שנירעל פּערל, וואָס זי האָט געוואוסט איז זעהר קאָסטבאַר...

דער גלח האָט באַשלאָסען ניט אוועקצוגעהן פון דאָרט ביז וואנען ער וועט האָבען גערעדט מיט דעם גראַף. נאָכאַמאָל דאַרף ער דאָך וויסען, אַז אויך פאַר איהם וועט ניט זיין זעהר אנגענעם אויב דער סינאָד וועט אויסגעפינען וועגען אַלץ.

דער גראַף האָט זיך אָבער ניט געקאָנט באַרוהיגען. ער האָט געפיהלט, אַז ער איז זעהר מיאוס אריינגעפאַלען. זיין זוהן האָט אויסגעפונען וועגען איהם זעהר ניט קיין שעהנע זאַכען, און אויב עס וועט דערגעהן די אויערען פון זיין מוטער וועט איהם שוין קיין צרות ניט פעהלען. עס קאָן אויך דערגרייכען די אויערען פון דעם פּויפּסט, און דאַן וועט פון דעם ארויסקומען א גרויסער סקאַנדאַל... ער האָט געפיהלט, אַז ער דאַרף זיך באַציהען פריינטליך צו זיין זוהן, כדי צו פאַרמיידען אָט דעם גרויסען סקאַנדאַל.

דער גראַף פּאָטאָצקי האָט געוואָרפען א בליק פון פאראַכטונג אויף דעם גלח, וועלכער איז געשטאַנען אין א ווינקעל פון צימער א דערשלאָגענער און פאַרשעמטער. איצט זעהט ער, אַז מען קאָן ניט טרויען די גלחים. זיי זיינען א סך מעהר זינדיג ווי די פּריצים... און ער פלעגט קומען צו איהם זיך מתודה צו זיין אויף זיינע זינד... וואָס וועט איצט זיין זוהן טראַכטען. ער געהט דאָך אין דער קאַטוילישער סעמינאַרע... ער האָט אויפגעשווידערט ווען ער האָט א טראַכט געטאָן פון דער מעגליכקייט, אַז די גרעפין וועט אויסגעפינען וואָס עס האָט פּאַסירט. אָט דער גלח אנטאָן פלעגט דאָך זיין אַן אָפטער אריינגעהער אין זיין פּאַלאַץ, און די גרעפין אַליין פלעגט אָפט קומען צו איהם זיך מתודה זיין... וואָס וועט זי איצט טראַכטען ווען זי וועט אויסגעפינען, אַז דער גלח אַליין איז א זינדיגער, אַז ער איז אַן אויסוואורף... ווען ער וואָלט ניט געווען פארמישט אין דעם, וואָלט דער גלח פאַרדינט, אַז מען זאָל ארונטעררייסען די מאַסקע פון זיין פּנים, און איהם מאַכען צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר אַלעמען, אָבער ווי אַזוי וועט ער דאָס קאָנען טאָן, ניט ברענגענדיג קיין שאַנדע אויף זיך אַליין!

וואַלענטי איז געזעסען אויף א שטוהל און ער האָט געשוויגען. ער האָט געפיהלט אַן עקעל צו אָט דעם גלח. ער האָט גענומען טראַכטען ווי פאַלש די דאָזיגע גלחים זיינען. ער האָט אָנגעפאַנגען צו פיהלען, אַז די רעליגיע אין וואָס ער איז ערצויגען געוואָרען קאָן איהם שוין ניט צופרידענשטעלען. אָט זעהט ער זיין אייגענעם פאָטער! ער איז דאָך רעליגיעז. ער געהט אין קלויסטער יעדען זונטאָג. ער געהט צום גלח זעהר אָפט און איז זיך פאַר איהם מתודה אויף זיינע זינד, פונדעסטוועגען האָט עס איהם ניט אָפּגעהאַלטען פון צו זינדיגען... פאַרוואָס? ווייל די גלחים ריידען איין יעדען איינעם, אַז אויב ער איז זיך מתודה אויף זיינע זינד, איז איהם גאָט מוחל, און ער קאָן ווייטער זינדיגען, אַזוי לאַנג ווי ער קומט שפּעטער, און איז זיך מתודה אויף דעם.

— עס קאָן זיין, האָט וואַלענטי געטראַכט — אַז פון אָנפאַנג האָט די קירכע געהאַט א גוטע כונה, ווייל ווען דער זינדיגער וועט דאַרפען זיך מתודה זיין אויף זיינע זינד, וועט ער זיך שעהמען צו זינדיגען... אָבער מיט דער צייט איז אָט דאָס גופא געוואָרען א קוואַל פון זינד. יעדער פרומער קאַטוילִיק זינדיגט אונטער, וויסענדיג, אַז אַזוי שנעל ווי ער וועט זיך מתודה זיין, וועט איהם גאָט מוחל זיין. ער איז זיכער, אַז ווען זיין פאָטער וואָלט געוואוסט, אַז ער וועט דערמיט וואָס ער איז זיך מתודה, וועט ער זיך ניט קאָנען אויסקויפען פון זיינע זינד, וואָלט ער אַזוי לייכט ניט געזינדיגט... די גלחים אַליין, זינדיגען אויך דורכדעם וואָס מען קומט צו זיי זיך אָנפאַרטרויען וועגען די זינד. איבערהויפּט ווען עס קומען צו זיי יונגע שעהנע מיידלאַך אָדער ווייבלאַך... זיי הערען

אוים די איינצעלהייטען פון זייערע זינד, און דערווייל זינדיגען זיי אליין...

וואלענטי האט פלוצלונג דערפיהלט, אז די גאנצע קאטוילישע רעליגיע איז איהם געווארען דערווידער... ער וועט שוין קיינמאל ניט קאנען זיך צופרידענשטעלען מיט אט דער רעליגיע... ער האט גענומען טראכטען פון דעם אידען ר׳ לייזער, ביי וועמען ער האט ניט לאנג צוריק פארבראכט עטליכע שעה אין דעם טאג פון זייער שבת. ווי שעהן און רוהיג זייער שבת איז געווען. וואס פאר אן איבערגעבענהייט ביי יעדען פון זיי איז געווען צו זייער גאט און צו זייער תורה... יעדער איינער פון זיי איז גרייט זיך מקריב צו זיין פאר זייער גאט...

זיינע געדאנקען זיינען איבערגעבראכען געווארען, ווען ער האט דערהערט דעם גלח׳ס שטימע. ער האט אויפגעהויבען זיין קאפ און ער האט געזעהן ווי דער גלח דערנעהנטערט זיך צו זיין פאטער. ער הערט ווי ער זאגט צו איהם: ״הער גראף, איך וויל מיט אייך ריידען וועגען עפעס זעהר וויכטיגעס.

— וואס קאנט איהר איצט מיט מיר ריידען! — האט דער גראף פאטאצקי זיך אנגערופען צו איהם מיט כעס.

— דאס וואס איך האב אייך צו זאגען, גראף פאטאצקי, איז אזוי וויכטיג פאר אייך ווי פאר מיר, און דעריבער וואלט איך וועלען זיך מיט אייך דורכריידען אליין, אונטער פיער אויגען... קומט מיט מיר אריין אין א צווייטען צימער.

דער גראף איז מיט איהם אריין אין א צווייטען צימער, און דער גלח האט זיך צו איהם אנגערופען:

— מיר האבען ביידע געזינדיגט, דאס קאנען מיר דאך ניט לייקענען. אייער זוהן, וואלענטי, האט דורך כיטרעקייט ארויסבאקומען דעם אמת פון ראשעיל, אייער געליבטע, און איך וויים, אז ער וועט אין דעם ניט שווייגען, ער וועט געוויס איבערגעבען א באריכט צו דעם הייליגען סינאד! און מען וועט מיך שיקען רופען צו געבען אן ערקלעהרונג!

— איהר וועט האבען געקראגען דאס וואס איהר האט פארדינט, פאטערל! — האט דער גראף זיך צו איהם געווענדעט. איהר וועט פאר זיי ניט קאנען לייקענען!

— איין זאך, גראף, האט איהר פארגעסען, אז ווען עס וועט קומען דערצו, וועל איך זיין געצוואונגען צו דערצעהלען אלץ. איך וועל דארפען דערצעהלען וועגען אייער זינדיגען אט די אלע יאהרען מיט אייער געוועזענער גוווערנאנטקע. און איך גלויב, אז דאס וועט אייך געוויס ניט פארשאפען קיין כבוד, ניט פאר אייערע פריינט, און געוויס ניט פאר אייער פרוי... עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז דאס וועט אויך דערגרייכען דעם הייליגען פויפסט... און איהר וועט ווערען דער ציעלברעט פון שפאט און שאנד . . . טראכט זיך אריין וועגען דעם, און לאמיר ביידע איצט באשליסען ווי אזוי דאס צו פארמיידען...

דער גראף האט זיך א ווײלע באטראכט. ער האט איינגעזעהן, אז דער גלח איז גערעכט. אויב ער, דער גלח וועט געבראכט ווערען צו דער עפענטליכקייט, און וועט זיין געצוואונגען אפצוגעבען א דין וחשבון פאר דעם סינאד, וועט ער דאך אויך דערצעהלען וועגען איהם...

— וואס איז אייער עצה? — האט זיך דער גראף געווענדעט צו איהם.

— מיין עצה איז, אז ערשטענס דארפען מיר צוריק ווערען פריינט, און דאן באטראכטען א וועג ווי אזוי די גאנצע געשיכטע זאל קיינמאל ניט ארויסקומען אין דער עפענטליכקייט...

— אבער מיין זוהן ווייסט דאך איצט פון אלץ! — האט דער גראף זיך אנגערופען — און ער וועט...

— ניין, ווירדיגער גראף! — האט דער גלח געזאגט — איהר פארגעסט, אז איהר זייט זיין פאטער, און עס איז זיין פליכט צו זעהן, אז דער כבוד פון זיין פאטער זאל ניט ליידען... איהר קאנט אויף איהם ווירקען אפילו מיט בייזען ווען דאס וועט נויטיג זיין! ער האט קיין רעכט ניט אייך צו מאכען צו שאנד און צו שפאט. איהר דארפט איהם דעריבער ערקלערען, אז ער טאר וועגען דעם מיט קיינעם קיין ווארט ניט ריידען... אז ער מוז אייך פארשפרעכען ניט צו פאר׳מסר׳ן מיך פאר דעם סינאד... ווייל ער דארף וויסען, אז ווען ער דערצעהלט וועגען מיר, וועט מען אויך מוזען וויסען וועגען אייך...

— איהר זייט גערעכט, פאטערל!

קיינער טאָר ניט וויסן וואָס עס איז
פאָרגעקומען דאָ... איך וועל טאַקע
ר׳ דען מיט איהם.

— די ערשטע זאַך וואָס איהר
דאַרפט אייער זוהן באַווייזען איז, אַז
מיר ביידע זיינען ווידער פריינט, און
אַז ער דאַרף אונז ביידען אַרויסווייזען
עהרענפורכט... איך גלויב אָבער, אַז
מיט גוטען וועט איהר אויף איהם קאָ־
נען בעסער ווירקען... ער דאַרף אייך
צוזאָגען, אַז ער וועט דאָס האַלטען
פאַרזיגעלט אין זיין האַרצען, בפרט
איצט, אַז ער ווייסט, אַז איהר האָט
דידאָזיגע געליבטע אייערע פּאָרטריבען
פון דאַנען, און אַז איהר וועט שוין
מעהר ניט האָבען וואָס צו טאָן מיט
איהר!

— איהר האָט רעכט, פּאָטערל! איך
וועל שוין מיט איהם זיך דורכריידען.
דער גלח און דער גראַף זיינען צוריק
אַריין אין דעם צימער וואו וואַלענטי
איז געזעסען. זיי האָבען זיך ביידע
אוועקגעזעצט נעבען איהם. דער גראַף
האָט אַליין אָנגעצונדען דעם לאָמפּ
וואָס איז געשטאַנען אויף דעם טיש,
און אין צימער איז געוואָרען ליכטיג.

— הער זיך איין, וואַלענטי, מיין
זוהן! — האָט דער גראַף זיך צו איהם
געווענדעט — איך וויל אויסדריקען צו
דיר מיין האַרציגסטען דאַנק, וואָס
דורך דיר בין איך פאַרהיט געוואָרען
פון צו זינדיגען... איך מוז דיר זאָ־
גען, אַז כאָטש פון אָנפאַנג בין איך
אויף דיר געווען אין כעס, בין איך
איצט צופרידען וואָס דו האָסט מיר
נאָכגעפאָלגט... דו האָסט מיינע אוי־
גען געעפענט. איצט זעה איך, אַז איך
האָב געזינדיגט געגען גאָט און געגען
דיין ליבע, טייערע מוטער, וועלכע איז
אַזוי ריין און זויבער ווי א מלאך. איך
ווייס, אַז איך האָב די גאַנצע צייט
ניט געוואוסט ווי אָפּצושאַצען אַזאַ גע־
טרייע, ליעבע פרוי, וועלכע איז מיר
געווען די גאַנצע צייט איבערגעגעבען
מיט איהר לייב און לעבען... איצט
וויל איך דיך פרעגען מיין זוהן, גלויב־
סטו, אַז דיין מוטער דאַרף אויסגעפינ־
נען וועגען דעם מיאוס׳ן סקאַנדאַל?

— ניין, פּאָטער, איך בין זיכער, אַז
דאָס וואָלט זיך זעהר שלעכט אָפּגע־
רופען אויף איהר געזונט. איך וועל
געווים איהר ניט דערצעהלען פון דעם,
אויב דו וועסט מעהר ניט האָבען צו
טאָן מיט איהר, איך מיין מיט אָט דער
אויסגעלאַסענער ראַשעיל, אָדער מיט
אַנדערע אויסגעלאַסענע פרויען.

—דו האָסט דאָך געהערט, אַז איך
האָב אָנגעזאָגט ראַשעיל׳ן, אַז זי וועט
דאָ מעהר ניט קאָנען פאַרבלייבען. און
טאַקע מאָרגען אין דער פריה וועל איך
זי פאַר דיר אין די אויגען פון דאַנען
אוועקשיקען... דו זעהסט אָט די דאָ־
זיגע צירונג, דאָס וועל איך געבען דיין
מוטער!

דער גראַף האָט אַרויסגענומען פון
זיין קעשענע דעם שנירעל פּערעל און
ער האָט געצייגט זיין זוהן.

— איך זעה אַז איך בין באַגאַנגען
אַן עולה געגען דיין מוטער, און איצט
וויל איך עס פאַרריכטען. איך וועל
געבען דיין מוטער אָט די דאָזיגע צי־
רונג, אָבער דו וועסט דאַרפען מיר
העלפען אין דעם . . . איך וועל איהר
זאָגען אַז איך האָב געקויפט די צירונג
פון איינעם פון מיינע פריינד, אין דער
צייט ווען מיר זיינען געווען אויף דעם
יאַגד.

א שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף
וואַלענטי׳ס פּנים. ער האָט געטראַכט
פון דעם ווי אַזוי זיין פאָטער האָט די
גאַנצע צייט גענאַרט זיין מוטער און
דער גלח וועלכער דאַרף זיין דער פאַר־
מיטלער צווישען גלויביגען קאַטוילים
און דער קירכע, האָט איהם נאָך גע־
האָלפען זינדיגען . . . און איצט ווי־
לען זיי אַז ער זאָל העלפען צו פאַר־
גלעטען זייער זינד.

— איך וועל געווים טאָן אַלץ וואָס
עס וועט זיין מעגליך צו זעהען אַז מיין
טייערע מוטער זאָל דערפון ניט ליי־
דען — האָט וואַלענטי אויסגערופען
— אָבער איך פאַרלאַנג אויך פון דיר
אַז דו זאָלסט מיר פאַרשפּרעכען מעהר
קיינמאָל ניט צו פאַרראַטען מיין מו־
טער, און נאָך א זאַך פאַרלאַנג איך פון
דיר.

— און וואָס איז די צווייטע זאַך?

— פרעגט איהם דער גראַף.

— איך וויל דיר דערמאָנען, אַז מיט
עטליכע וואָכען צוריק, איז ביי אונז
פאָרגעקומען אַן אונטערהאַלטונג, אין
וואָס דיין אַרענדאַר, און יוזשיק האָ־
בען באַדאַרפט טאַנצען דעם "בערען־
טאַנץ־געוועט" . . . איך האָב די גאַנ־
צע צייט געטראַכט ווי אַזוי דיין אַרענ־
דער, דער פרומער אָרימער איד, האָט

באוויזען אזעלכע וואונדער און באַזיגט דיין בעסטען טענצער יוזשוק, אַט דער וועלכער האָט שוין היבשע עטליכע מאָל ערמאָרדעט אידען אויף דעם גרוויזאמסטען אופן. איך גלויב אז דער אידישער גאָט האָט מיט זיי א נס געטאָן!

— א, הער גראף! — האָט דער גלח אויסגערופען — אזעלכע רייד זיינען א לעסטערונג צו אונזער הער יעזוס. דער איד איז אן אומגלויביגער און קיינע ניסים קאָנען מיט איהם ניט פּאסירען!

— איך וויל אייך אויפמערקזאם מאכען, פאטעריל, אז מיר אליין גלויבען אין דעם אלטען טעסטאמענט, און אז איך קאָן זיך ניט פארשטעלען אז א גייסטליכער ביי אידען וועט זינקען אזוי נידעריג ווי מאנכע פון אונזערע גייסטליכע טוען עס...

דער גלח האָט פארביסען זיינע ליפּען און געשוויגען. ער האָט בלויז געווארפען א בליק אויף דעם גראף, ווי ער וואלט געוואלט ער זאל איהם קומען צו הילף...

דער גראף האָט עס פארשטאנען און ער האָט זיך אנגערופען:

— דו האסט מיר נאָך אלץ ניט געזאגט, וואס די צווייטע זאך איז, וואס דו פארלאנגסט פון מיר!

—איך וויל, אז דו זאלסט מיר פארשפּרעכען מעהר ניט צו דריקען די אידען, וועלכע זיינען דיר אלע געטריי און איבערגעגעבען און וועלכע טוען קיינעם קיין שלעכטס ניט!

— ווער האָט דיר געגעבען דאָס רעכט צו ריידען אין זייער נאמען!

— האָט דער גראף אויסגערופען. — איך וועל טאָן מיט מיינע זשידעס וואס מיר וועט געפעלען!

— מיין הער גראף! — האָט דער גלח אויסגערופען, איך האָב מורא אז די זשידעס האָבען ארויפגעטאָן א כישוף אויף אייער זוהן.

— און ערלויבט מיר אייך צו פרעגען, הייליגער פאטעריל, ווער האָט ארויפגעטאָן אויף אייך א כישוף איהר זאלט זינדיגען?

— הער זיך איין מיין זוהן! — האָט דער גראף אויסגערופען — איך וויל דיר זאגען, אז איך באהאנדעל די אידען זעהר גוט! דו אליין ווייסט דאָך אז דער ארענדאר פון מיין מיל אין איליע, האָט געקראָגען א גאָר גוטע באלוינונג פאר זיין באזיגען יוזשוק'ן אין טאנצען. איך האָב איהם באפרייט פון צאָהלען מיר די ארענדע אפצאהלונג פאר צעהן יאָהר צייט! וואס נאָך האָב איך געקאָנט טאָן פאר איהם?

— אבער, פאטער, וויפיעל האָט געפעלט, אז יוזשוק זאל געווינען דעם טאנץ געוועט, און דאן ווייסטו וואס עס וואלט פּאסירט! יוזשוק וואלט זיך דאָך ניט באגניגענד מיט דעם וואס ער וואלט ארונטערגעשאָסען דעם עק פון דעם בער, ווי דער איד האָט עס געטאָן. איך גלויב, פּאָטער, אז דער גלח ווייסט ניט וואס עס האָט פּאסירט, דאריבער דריקט ער אויס זיין שטארקע שנאה צו די אידען... אפשר וואלסטו איהם דערצעהלט, וואס עס איז פארגעקומען מיט עטליכע וואכען צוריק, ווען דו האסט געהאט די אונטערהאלטונג אין דיין זומער פּאלאץ?

— איצט איז ניט די צייט צו ריידען פון דעם, מיין זוהן! איצט דארפען מיר דאָ באשליסען ווי אזוי צו האנדלען אז די דאָזיגע פּאסירונג זאל ניט דערגרייכען דיין מוטער!

— האָב איך דיר דען ניט געזאגט, פּאָטער, אז איך וועל דער מוטער גאר ניט דערצעהלען! — האָט וואלענטי זיך אנגערופען.

— דאָס איז אבער נאָך ניט גענוג!

— האָט דער גראף אויסגערופען. — דיין מוטער דארף זיך וועגען דעם ניט דערוויסען פון דיר זעלבסט! עס קאָן דאָך אבער מעגליך זיין, אז דו זאלסט זיך ארויסריידען צו דיין שוועסטער, קאטערינא, און זי זאל עס איבערגעבען דיין מוטער!

— דו קאָנסט זיך אויף מיר פארלאָזען, פאטער! איך וועל מיט מיין שוועסטער ניט ריידען וועגען אזעלכע זאכען!

— איך וויל אז דו זאלסט מיר פארשטעהן, מיין זוהן, דו דארפסט מיט קיינעם ניט ריידען וועגען דעם! איך מיין ניט נאָר וועגען מיר, נאָר אפילו ניט וועגען דעם הייליגען פאטעריל, וועלכער איז געשטרויכעלט געווארען מיט א זינד!

—אין דעם, פאטער מאכסטו א

טעות ! — האָט וואָלענטי אויסגערור־
פען. — איך לערן דאָך אויך אין א
הייליגע סעמינאַריע, און עס קאָן זיין
אז איך וועל אויסקלייבען צו זיין א
גייסטליכער, וואָלסטו געוואָלט איך זאָל
זיין פאַלש . . . איך זאָל זאָגען מוסר
דעם פאָלק. איך וועל פּרעדיגען אז מען
טאָר ניט זינדיגען, אז יעדער מענש
דאַרף זיין ריין פון זינד און איך אַליין
וועל טאָן פּונקט פאַרקעהרט . . . הא,
וואָס וואָלסטו געזאָגט אויף דעם, פּאָ־
טער ? איז ביי דיר רעכט, אז אָט דאָס
הייליגער פּאַטעריל, וועלכער גלאָצט
מיט זיינע אויגען און נעהמט אויף
ביי זיך מענשען, וועלכע קומען צו
איהם ער זאָל זיין זייער פאַרמיטלער
און בעטען גאָט מוחל צו זיין פאַר זיי־
ערע זינד, זאָל אַליין אונטערזינדיגען
און נאָך אין דער צייט ווען ער טהוט
זיין פליכט ! ניין, פּאַטער ! איך
גלויב אז עס איז מיין פליכט, אַלס
איינער וועלכער שטרעבט אַמאָל אַליין
צו זיין א גייסטליכער, אַרונטערצורייי־
סען די מאַסקע פון אַזעלכע אומוויר־
דיגע ! זאָל ער זינדיגען וויפיעל זיין
האַרץ גלוסט, אבער ניט אונטער דעם
מאַנטעל פון א גייסטליכען ! יע, איך
גלויב אז עס איז מיין פליכט צו מעל־
דען דעם סינאָד וועגען זיינע פאַרברע־
כענס . . .

— ניין, מיין זוהן, איך פאַרלאַנג
פון דיר, אז דו זאָלסט אינגאַנצען פאַר־
געסען וואָס עס איז פאָרגעקומען !

— פּאַטער, ווי קאַנסטו פאַרגעסען
אַזא זאַך! ער האָט דאָך דיר גענאַרט, ער
האָט דיך פאַרראַטען ! דו האָסט גע־
האַט צו איהם צוטרויען. דו האָסט גע־
מיינט אז ווען ער וועט אויף איהר אַכ־
טונג געבען, וועסטו קאָנען זיין רו־
היג ! ווייסטו וואָס ער האָט געטאָן ?
ער האָט אַוועקגענומען פון דיר דיין
געליבטע ! און ער האָט עס געטאָן,
ווען זי, ראַשיעל, איז צו איהם געקו־
מען זיך מתודה זיין אויף איהרע זינד?
ווי אַזוי קאָנסטו איהם שענקען אַזא
עולה !

— איך ווייס, מיין זוהן, אז ער איז
באַגאַנגען א גרויסען פאַרברעכען גע־
גען מיר ! אבער איך וויל מעהר ניט
טראַכטען פון דעם ! דאַריבער וויל
איך אז דו זאָלסט מיר צוזאָגען, ניט
צו דערמאָנען פאַר דעם סינאָד אז דער
גלח אנטאָן, איז פאַרוויקעלט אין אַזא
סקאַנדאַל !

— פּאָטער, דו קאַנסט פון מיר
פאַרלאַנגען איך זאָל שאַנעווען דיין
כבוד, אבער ניט דעם כבוד פון אָט
דעם זינדיגען, וועלכער וועט געוויס
ווייטער אַנגעהן מיט זיינע זינד, אויב
מען וועט ניט אַרונטעררייסען די מאַס־
קע פון זיין פּנים ! דו, פּאַטער,
דאַרפסט אַליין זעהען אז איך זאָל
מעלדען דעם סינאָד וועגען דעם.

— עס קאָן זיין אז דו ביזט גע־
רעכט, מיין זוהן ! — האָט דער גראַף
אויסגערופען, — אבער באַלד האָט ער
דערפילט די שטעכיגע בליקען פון דעם
גלח און ער האָט זיך דערמאָנט אז
אויב דער גלח וועט געבראַכט ווערען
צום משפט פאַר דעם סינאָד, וועט ער
דערצעהלען אויך וועגען זיינע זינד . . .

— פונדעסטוועגן דאַרפסטו אין זינען
האָבען אז אויב דער סינאָד וועט
אויסגעפינען וועגען זיין זינד, וועלען
זיי במילא אויסגעפינען אויך וועגען
מיר און דאַן וועט אויסקומען אז דו
וועסט זיין דער יעניגער, וועלכער וועט
ברענגען שאַנדע אויף מיר.

— איך זעה, פּאַטער, אז דו האָסט
רעכט, וויל אָט דער פּאַטעריל, וועט
זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלען, ער
וועט געוויס זוכען אַריינצוציהען דיין
גוטען נאָמען אין דעם דאָזיגען סקאַנ־
דאַל און דאַריבער וועל איך ערפילען
דיין פאַרלאַנג, אבער דערפאַר וועסטו
אויך דאַרפען ערפילען מיין בקשה און
צורוה לאָזען די אידען, וועלכע זיינען
אונטער דיין אויפזיכט. איך מיין אז
דו זאָלסט זעהען אָפּשאַפען די שענד־
ליכע שטראַפען וואָס דו האָסט באַ־
שטימט פאַר זיי . . . זיי זאָלען ניט
מעהר געשמיסען ווערען צוליעב דיי־
נעם א קאַפּריז אדער צוליעב א בלבול
וואָס זייער א שונא וועט אויף זיי מאַ־
כען !

דעם גראַף האָט זעהר ניט געשמעקט
זיין באַדינג, אבער ער האָט געזעהן
אז ער האָט קיין אנדער ברירה ניט,
האָט ער צו איהם זיך אַנגערופען:

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת,
אז מיר געפעלט גאָרניט דאָס וואָס דו
נעהמסט זיך שטאַרק אָן פאַר דעם
כבוד פון די אידען, די קרייציגער פון
אונזער האַר יעזוס, אבער כ'בין זעהר

נייגעריג צו פארמיידען א סקאנדאל און דאריבער זאג איך דיר צו באַ־האנדלען דיינע גוטע פריינד, די אי־דען, ווי דו פארלאנגסט. און דו דארפסט מיר פארשפרעכען קיינעם ניט צו דערצעהלען וועגען דעם וואס דו ווייסט.

— גוט, פאַטער, איך זאג דיר צו !

— האָט וואלענטי אויסגערופען.

דער גלח האָט לייכטער אפגעאטעמט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גע־זאגט :

— מיר דארפען זעהען פון היינט אָן און ווייטער צו פארבלייבען פריינד! מיר זיינען דאָך בלויז מענשען פון פלייש און בלוט און מיר זינדיגען אונטער אמאָל, אבער דערפאר איז אונזער האר יעזוס גנעדיג צו אונז, ער איז אונז מוחל די זינד, אויב מיר זיינען זיך מתודה פאר איהם !

זיי האָבען אלע דריי איבערגענעכ־טיגט דאָרט, אין די צימערען וואס ראשיעל האָט געהאט פארנומען. דער גלח האָט זיך געלייגט שלאפען אין פאדערשטען צימער.

ראשיעל האָט זיך געפילט שטארק דערשלאָגען פון איהר מפלה. מיט א קורצע ווייל׳ע צוריק איז זי געווען אזוי גליקליך. דער גראף האָט איהר גע־בראכט אזא פרעכטיגע מתנה, דאָס שנירעל פערעל פון דער צאריצא . . . זי האָט געוואוסט די ווערדע פון אזא מתנה . . . זי האָט געוואוסט אז מיט אזא שטיקעל צירונג אין איהר באזיץ וועט זי שוין מעהר ניט דארפען זאר־גען. און דאָ קומט דעם גראפ׳ס זוהן און ער האָט אלץ קאליע געמאכט . . .

זי איז צוגעקומען צו דעם קליינעם שטיבעל פון דעם אויפזעהער מיט איהרע עטליכע קליידער אויף איהר האנט און זי האָט אנגעקלאפט אין טיהר.

דער אויפזעהער האָט אויפגעעפענט די טיהר און איז געבליבען שטעהן א דערשראָקענער. ער האָט פארשטאנען אז דער גראף האָט איהר ארויסגעטרי־בען פון זיין מאיאנטעק. ער האָט זעהר רחמנות געקראָגען אויף איהר, ווייל זי איז צו איהם אלעמאָל געווען זעהר גוט.

— אָ, מיין הארינטע וואס איז גע־שעהן ? — האָט ער זי געפרעגט.

— דער אומווירדיגער גלח האָט מיך פארראטען ! — האָט זי געבלי־פעט.

— וואס האָט ער געטאָן ? — האָט דער אויפזעהער זי געפרעגט.

— ער האָט פריהער מיר איינגע־רעדט צו זינדיגען מיט איהם און דער־נאָך האָט ער דערצעהלט דעם גראף, אז איך בין צו איהם צוגעשטאנען, און ער האָט געווארפען די גאנצע שולד אויף מיר !

— איך קאָן זיך ניט פארשטעלען אז דער הייליגער פאטער זאל טאָן אזא זאך צו דיר ! — האָט דערעלטערער אויפזעהער זיך אנגערופען — איצט אז איך נעהם טראכטען פון דעם, דוכט זיך מיר, אז ער איז גארניט אזוי שולדיג ווי דו מיינסט ! ווייל איך געדענק, אז ווען ער און דעם גראפ׳ס זוהן זיינען דאָ נעכטען געקומען צו מיר, האָט דער גלח זיך געמאכט ניט וויסענדיג אז דו און דער גראף געפי־נען זיך דאָרט . . .. ער האָט צו מיר געוואונקען און איך האָב ניט גע־וואלט אויסזאגען . . .

— אָ, ער האָט מיך באשולדיגט !

— האָט ראשיעל ניט אויפגעהערט צו וויינען ! איצט ווייס איך ניט וואס צו טאָהן ! דער גראף האָט מיך איינפאך ארויסגעטריבען פון זיין מאי־אַנטעק. ער האָט מיר געזאגט, אז איך קאָן דאָ איבערנעכטיגען ביי אייך און מארגען אין דער פריה זאל איך איינ־גאנצען פארלאָזען דעם פלאץ און איך זאל צוריקפאהרען קיין פאריז ! איך ווייס ניט וואס צו טאָן !

— בארוהיג זיך, — האָט דער אויפזעהער איהר גענומען טרייסטען. — דער גראף איז געווען אויפגערעגט און ער האָט אזוי געהאנדעלט אין גרויס האסט. ווען ער וועט קומען צו זיך און זיך בארוהיגען, וועט ער ווייכער ווערען !

— מיין הארץ שרעקט מיך אז איך האָב איהם שוין פארלאָרען ! — האָט זי געבליפעט. ער האָט פון מיר אוועק־גענומען די שעהנסטע מתנה וואס ער האָט מיר געגעבען היינט. ער האָט מיך אָנגעזידעלט און פאַרטריבען.

דער אויפזעהער האָט געהייסען זיין טאָכטער מאכען פאר איהר א געלעגער

אין איהר צימער און ראשיעל האט דארט איבערגענעכטיגט. זי האט א גאנצע נאכט ניט געקאנט שלאפען. זי איז אויפגעשטאנען אזוי שנעל ווי עס האט אנגעהויבען ליכטיג צו ווערען. זי איז ארויס אין הויף. זי האט גענו־מען געהן הין און צוריק.

באלד האט זי דערזעהן דעם גלח ארויסקומענדיג פון דארט. זי איז צו איהם שנעל צוגעלאפען און זי האט זיך פאנאנדערגעוויינט.

— א, פאטערל, וואס האט איהר גע־האט צו מיר! פארוואס האט איהר מיר געטאן אזוי פיעל שלעכטעס! איהר ווייסט דאך דעם אמת!

— ניט איך האב דיר שלעכטעס געטאן, נאר דו האסט זיך אליין פאר־ראטען! — האט דער גלח זיך צו איהר אנגערופען.

— איך! — האט ראשיעל אויסגע־רופען.

— יע, דו אליין! איך האב דאך די גאנצע צייט געלייקענט! אבער דער יונגער גראף האט פון דיר ארויס־געקראגען א ווידוי. ער האט מיט א כיון דיר געזאגט אז איך באשולדיגט דיך, וויסענדיג, אז געווים וועסטו וואר־פען צוריק די שולד אויף מיר און דורכדעם וועט ער ארויסבאקומען דעם אמת! און דו זעהסט דאך אז איהם איז געלונגען! דו האסט ניט פאר־שטאנען זיין איינפאל און זיך איינפאך מודה געווען פאר איהם! ווען דו וואלסט געהאט שכל און אינגאנצען גע־לייקענט, וואלט דער גראף איינגעזע־הען, אז זיין זוהן האט געוואלט מא־כען א בלבול אויף אונז און ער וואלט איהם נאך באשטראפט. איצט, אז דו האסט זיך מודה געווען, נאר דו האסט געווארפען די שולד אויף מיר, האט שוין דער גראף אויסגעפונען דעם גאנצען אמת!

— א, דער כיטרער וואלענטי! — האט ראשיעל אויסגערופען. — איך האב זיך פון איהם געהיט, ווען ער איז נאך געווען א קינד און איצט האט ער אויף מיר געבראכט אזא צרה! איך בעט דיך, הייליגער פאטעריל, ראטעווע מיך! איך ווייס ניט וואס איך קאן איצט טאן...

— איך ווייס ניט וואס איך קאן פאר דיר טאן! — האט דער גלח זיך אנגערופען — דער גראף קאן שוין מיט דיר מעהר ניט אנגעהן ווי פרי־הער! ער האט געגעבען א פארשפרע־כע צו זיין זוהן אז ער וועט דיך צוריק אוועקשיקען קיין פאריז, פון וואנען דו ביזט געקומען.

—אפשר קאנסטו מיט איהם זיך דורכריידען! ער וועט דאך פאר־שטעהן אז...

— ניין, דער גראף וועט דיר קיינ־מאל ניט מוחל זיין! — האט דער גלח איהר געזאגט.

— און וואס בלייבט מיר איבער צו טאן? ער האט דאך פון מיר אוועק־גענומען אפילו די אלטע צירונג וואס ער האט מיר געגעבען. איך האב גאר קיין געלט ניט!!

— איך האף, אז געלט וועט ער דיר געבען גענוג!

— אבער וואס וועל איך איצט טאן? ווי אזוי וועל איך זיך קאנען אונ־טערנעהמען אזא ווייטע רייזע?

—אפשר וועט ער דיר ערלויבען זיך אפצושטעלען ביי אימיצען פון זיינע פריינד! — האט דער גלח זיך צו איהר אנגערופען. — איך ווייס אז ער האט איינציגע באקאנטע, וועלכע האבען דיך געזעהען און זיי האבען איהם מקנא געווען...

— א, פאטעריל, פאטעריל! — האט זי געיאמערט. — בין איך שוין אזוי געזונקען ביי אייך אין די אויי־גען, אז מען האלט מיך שוין פאר אן אויסגעלאסענע, וועלכע קאן איבערגע־געבען ווערען פון איין מאן צום צוויי־טען!

— דאס איז דערוויל דער איינצי־גער אויסוועג! — האט ער געזאגט.

— עס איז גאנץ מעגליך ווען דו וועסט האבען א געלעגענהייט צו פארבלייבען דא אין לאנד, וועט זיך דער גראף שפעטער ארומזעהען! ער וועט זיך בארוהיגען און דאן אנפאנגען צו בענ־קען נאך דיר און דאן וועט ער דיר צוריקנעהמען!

—וועסטו מיט איהם אפשר ריידען וועגען מיר?

—ניין, איך קאן מעהר ניט ריי־דען מיט איהם וועגען דיר! דו ווייסט דאך גאנץ גוט אז ער איז אויך אויף מיר אין כעס צוליעב דעם. עס האט מיר גענומען א היבשע ווייל ביז ווא־נען איך האב איהם באוואויגען ער זאל זיך איבערבעטען מיט מיר. דארי־

בער איז איצט בעסער אז איך זאל זיך איצט ניט מישען . . . אבער איך וועל זעהען אז דו זאלסט ביי איהם ארויסקריגען גענוג געלט, דו זאלסט ניט דארפען ליידען !

— איך וואלט זעהר געוואלט ביי איהם ארויסקריגען די מתנה וואס ער האט נעכטען געבראכט — האט ראשיעל געזאגט. — גיט מיר אן עצה, פאטעריל, ווי אזוי קאן איך דאס פון איהם צוריק ארויסבאקומען.

וועגען דעם דארפסטו פארגעסען! —האט דער גלח געזאגט. — איך האב געהערט אז דער גראף האט צוגעזאגט זיין זוהן, אז די פערעל וועט ער איבערגעבען זיין מוטער און איצט וועט ער דאס מוזען טאן ! ווייל דו קאנסט דאך פארשטעהן אז דער גראף וויל ניט עס זאל קומען צו א סקאנדאל . . .

באלד זיינען אויפגעשטאנען דער גראף און וואלענטי. זיי האבען דערהערט די שטימע פון ראשעיל, וועלכע האט גערעדט גאנץ הויך.

— א, די אומפארשעהמטע! — האט דער גראף אויסגערופען — זי האט נאך די חוצפה צו ריידען מיט דעם פאטערל !

— פאטער, איך גלויב, אז דער גלח איז נאך מעהר שולדיג ווי זי, ווייל פון א פרוי, וועלכע פירט א לינקע ליבע קאן מען ניט ערווארטען, אז זי זאל זיין עהרליך און צנועה'דיג, אבער פון א גלח ערווארט יעדער איינער צו לערנען פון איהם גוטע מידות. יעדער איינער האט צוטרויען צו איהם, און אויב ער זינדיגט, קאנסטו שוין ניט האבען צופיל טענות צו איהר, וועלכע זוכט ניט צו פארבארגען איהר אויסגעלאסענהייט... דו האסט ביי זיך ניט באדארפט זיין גענארט, דו האסט באדארפט וויסען, אז זי איז אויסען איהר אייגענע פארגעניגענס, און זי איז אין דיר ניט פארליבט... זי האט געוואלט בלויז ארויסקריגען פון דיר וויפיל עס איז פאר איהר געווען מעגליך. און דעריבער האט זי געגען דיר געזינדיגט, זייענדיג זיכער, אז דו וועסט קיינמאל ניט אויסגעפינען... איך האף, דעריבער, אז דו וועסט זי אוועקשיקען פון דאנען, און מעהר קיינמאל ניט האבען צו טאן מיט איהר.

— איך האב דאך דיר שוין געזאגט, אז איך וועל זי אוועקשיקען פון דאנען ! — האט דער גראף זיך אנגערופען — יעדענפאלס צי זי וועט פאהרען צוריק, צי ניט, איך וויל פון איהר מעהר ניט וויסען ! און עס איז דיין פליכט וועגען דעם מיט קיינעם ניט צו ריידען...

— איך וועל מיט קיינעם ניט ריידען, פאטער, אבער אויב דו וועסט מיר ערלויבען וועל איך דיר זאגען, אז דו אליין רעדסט זיך ארוים וועגען דעם...

— וואס מיינסטו ? — האט דער גראף איהם אנגעקוקט.

—איך גלויב, אז דו פארשטעהסט איצט, אז איך האב ניט געהאט קיין אינטערעס צו געהן מיט דיר אויפ'ן יאגד, אז איך בין געקומען אהער, ווייל איך האב געהאט א באגריף צוליב וועלכען צוועק דו ביזט געגאנגען היינטיגס מאל אויפ'ן יאגד !

— יע, איך בין טאקע נייגעריג צו וויסען פון וואנען דו האסט אויסגעפונען ?

— טאקע פון דיין אייגען מויל, פאטער, — האט וואלענטי געזאגט — דו האסט זיך דאמיט באריהמט.

— וואס רעדסטו, וואלינטי ! — האט דער גראף אויסגערופען — ווי קום איך זיך צו בארימען מיט דעם ?!

— הער זיך איין, פאטער, איך אליין האב דיך ניט געהערט, אז דו זאלסט זיך האבען באריהמט, אבער מיין שוועסטער קאטערינא האט עס יע געהערט !

— ווען ?

— דאס איז געווען דאן, ווען דו האסט געהאט די אונטערהאלטונג, יע, ווען דער איך האט באזיגט יוזשוק'ן. דאן האסטו און דיינע אנדערע פריינט, געטרונקען אביסעל צופיל, און איך דארף דאך דיר ניט זאגען ווי ניט גוט עס איז, אז מען נעמט אן איבעריגען ביטערען טראפען. נו, האסטו זיך גענומען פאנאנדערריידען מיט איינעם פון דיינע פריינט, דו האסט מיט איהם גערעדט וועגען אן אינטימען ענין, וועגען ראשעיל, דיין געליבטע, און זייענדיג אונטער דעם איינפלוס פון בראנפען, האסטו זיך אפילו ניט גענומען די מיה אויסצוגעפינען אויב אימיצער געפינט זיך אין צימער. גראד איז קאטערינא דאן געזעסען אויף דער זאפא, ניט ווייט פון דעם פלאץ וואו דו און דיין פריינט זיינען געזעסען, און

זי האָט געהערט אַלץ וואָס דו האָסט
מיט איהם גערעדט... זי האָט געהערט,
אַז דו דערמאָנסט איהר נאָמען, אַז דו
קלייבסט זיך איין גיכען מיט איהר צו
זעהן! דו האָסט אפילו איהם פאַר־
טרויט וועגען דעם שנירעל פּערל וואָס
דו האָסט געקויפט אין ווילנא א מתנה
פאַר איהר...

— זי האָט עס אַלץ געהערט! —
האָט דער גראַף אויסגערופען מיט ער־
שטוינונג.

— יע, זי האָט אַלץ אויסגעפונען פון
דיין אייגענעם מויל!

— דאַן קאָן דאָך זיין, אַז מיין טאָכ־
טער וועט דערצעהלען איהר מוטער
וועגען דעם! — האָט דער גראַף מיט
אומרוהיגקייט געזאָגט.

— ניין, פּאָטער, קאַטערינא וועט
ניט וועלען פאַראורזאַכען שמערצען צו
אונזער מוטער! דעריבער האָט זי
מיר פאַרטרויט דעם גאַנצען סוד, און
זי איז צו מיר צוגעשטאַנען איך זאָל
מיט דיר מיטגעהן אויף דעם יאַגד. זי
האָט געוואוסט, אַז אויב איך וועל מיט
דיר מיטגעהן, וועסטו זיך ניט קאָנען
זעהן מיט דיין געליבטער!

— אַ, איצט פאַרשטעהע איך פאַר־
וואָס זי איז אויך אזוי צוגעשטאַנען
צו מיר איך זאָל דיך מיטנעמען! —
האָט דער גראַף אויסגערופען.

— איך זאָג דיר, אַז קאַטערינא וועט
זיך שעצען גליקליך ווען זי וועט אויס־
געפינען, אַז...

— דו מיינסט, אַז דו וועסט איהר
דערצעהלען וועגען אַלץ! — האָט ער
איהם אָנגעקוקט. דו האָסט דאָך מיר
צוגעזאָגט, אַז דו וועסט מיט קיינעם
ניט ריידען וועגען דעם, וועסטו דען
ניט האַלטען דיין וואָרט? איין זאַך
בין איך זיכער, אַז אזוי שנעל ווי קאַ־
טערינא וועט אויסגעפינען דעם סוד,
וועט עס לאַנג קיין סוד ניט פאַרבלײ־
בען!

— ניין, פּאָטער, איך וועל מיין
וואָרט האַלטען, אויב דו וועסט האַל־
טען דיין פאַרשפּרעכען צו מיר! —
האָט וואַלענטי זיך אָנגערופען — איך
האָב ניט געהאַט בדעה צו דערצעהלען
קאַטערינאַ'ן. אַלץ וואָס איך וועל איהר
דערצעהלען, איז אַז איך בין מיט דיר
די גאַנצע צייט געווען צוזאַמען און דו
האָסט גאַרניט געטאָן, אויסער געהן
אויפ'ן יאַגד... און דאָס וואָס זי האָט
געהערט, איז עס געווען בלויז א באַ־
ריהמעריי...

— אויב דו וועסט איהר קאָנען מאַ־
כען צו גלויבען, וועל איך זיך צופרי־
דענשטעלען — האָט דער גראַף פּאָ־
טאָצקי געזאָגט — ווייל איך וויל, אַז
מען זאָל גאַרניט אויסגעפינען, ניט
וועגען מיר און ניט וועגען גלח, ווייל
ווען ער וועט גענומען ווערען אויפ'ן
פאַרהער, וועל איך דאַרפען ליידען
דערפון...

א ווייל'ע שפּעטער איז אַריינגעקומען
ראשעיל און זי איז גלייך צוגעגאַנגען
צום גראַף און איהם געבעטען, אַז ער
זאָל איהר מוחל זיין!

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז
איך וויל מעהר מיט דיר ניט האָבען
צו טאָן! — האָט ער אויף איהר א
געשריי געטאָן — דו וועסט מעהר ניט
קאָנען פאַרבלייבען דאָ!

— אָבער ווי אזוי וועל איך זיך קאָ־
נען אַרויסלאָזען אויף אזא לאַנגע ריי־
זע איינע אַליין? — האָט זי אויסגע־
רופען — דער גראַף האָט דאָך מיך
מיטגענומען פון פּאַריז!

— דאַן ביזטו נאָך געווען גאָר יונג!
— האָט דער גראַף געזאָגט, און איצט,
אַז דו ביזט עלטער געוואָרען, קאָנסטו
זיך אונטערנעמען צו מאַכען די רייזע
אַליין...

— אָבער איך האָב גאַרניט! איך
האָב ניט קיין געלט זיך אונטערצונע־
מען צו מאַכען אזא רייזע! — האָט
זי געזאָגט.

— איך וועל דיר געבען גענוג געלט!
— האָט דער גראַף געזאָגט און ער האָט
אַרויסגענומען פון זיין קעשענע א
הויפען גאָלדענע מטבעות און איהר
געגעבען.

ראשעיל האָט פון איהם גענומען
דאָס געלט, און זי האָט זיך אָנגערו־
פען מיט טרעהרען אין די אויגען:

— איך בעט דעם גראַף מיט מיר
צו טאָן בלויז נאָך איין געפעליגקייט!
זאָל ער מיר ערלויבען צו פאַרבלייבען
דאָ אויף דעם מאַיאָנטעק נאָך עטליכע
טעג, כדי איך זאָל זיך קאָנען באַ־
רוהיגען, און דאַן איז מעגליך, אַז איך
וועל טרעפען נאָך מענשען וועלכע
פּלאַנעווען צו מאַכען א רייזע נאָך פּאַ־
ריז! אַ, איך בעט אייער דורכלויכט!
— האָט זי מיט טרעהרען אין די אוי־
גען געזאָגט.

דער גראף האט זיך א קער געטאן אין דער ריכטונג פון זיין זוהן, צו הערען וואס ער האט צו זאגען וועגען דעם!

— יע, פאטער, די מאדמאזעל איז גערעכט, זי קאן ניט פארלאזען דאס לאנד אזוי שנעל, און זי קאן קריגען גענוג צייט, אבער בלייבען דא, ביי די אויף דעם מאיאנטעק, קען זי ניט ווייל דו ווילסט דאך ניט, אז מען זאל ריידען וועגען דעם! דעריבער איז מיין עצה, אז זי זאל געהן מיט דעם גלח, צו זיין דארף! עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז ער וועט קאנען געפינען פאר איהר א פלאץ זי זאל קאנען שטעהן עטליכע טעג... הא, פאטערל! — האט ער זיך צו איהם געווענדעט.

— המ... גוט, איך וועל זעהן צו בעטען איינעם פון די פויערים מען זאל פאר איהר מאכען פלאץ! — האט דער גלח געזאגט — מעגליך, אז זי וועט ניט האבען די אלע באקוועמליכקייטען וואס זי האט געהאט דא, אבער זי וועט האבען פלאץ וואו צו לייגען איהר קאפ!

— אויב אזוי — האט דער גראף זיך אנגערופען צום גלח — לאז איך זי איבער אין דיין רשות, און וואס דו וועסט מיט איהר טאן, וועל איך זיין צופרידען, אזוי לאנג ווי איך וועל שוין ניט מעהר זיין פאראנטווארטליך.

ראשעיל האט מיטגענומען אלע איהרע זאכען, און זי איז אוועק מיט'ן גלח צו איהם אין דארף.

כד אראפצונעהמען פון איהם יעדען חשד, האט ער געקראגען פאר איהר א פלאץ וואו צו נעכטיגען. ער האט דארט אין דארף דערקלעהרט, אז זי איז אן אלמנה, וועלכע האט ניט לאנג צוריק פארלארען איהר מאן. דערווייל האט דער גלח זיך געהאט דורכגערעדט מיט איינינע פון די פריצים וועלכע פלעגען קומען צו איהם זיך מתודה זיין... ער האט זיי דערצעהלט וועגען דער אונגליקליכער אלמנה, וועלכע איז געבליבען הילפלאז, און אז זי זוכט א שטעלע אלס גוּווערנאנטע. ער האט זעהר שטארק געוואלט אז זי זאל בלייבען אין לאנד, און טאקע ניט וויט פון איהם, כדי זי זאל קאנען קומען צו איהם זיך מתודה זיין אויף איהרע זינד...

עס האט ניט לאנג גענומען און דער גלח האט זיך געזעהן מיט דעם גראף לינעצקי. ער האט קיין אהנונג ניט געהאט או אט דער דאזיגער גראף איז א גוטער פריינד פון דעם גראף פאטאצקי און אז ער ווייסט פון זיין לינקער געליבטע.

דער גלח האט זיך מיט איהם דורכגערעדט. ער האט איהם דערצעהלט, אז אין זיין דארף האלט זיך אויף א יונגע אלמנה, וועלכע האט נאר וואס פארלארען איהר מאן. אז זי איז א פרומע קאטוילִיקין פון פראנקרייך, און אויב ער קאן איהר געבען א שטעלע ביי איהם אין פאלאץ, אדער אויף איינעם פון זיינע מאיאנטקעס, וואלט ער דאמיט געטהאן זעהר א גוטע זאך...

— גוט! —האט דער גראף לינעצקי זיך אנגערופען — איך בין זעהר צופרידען איהר צו העלפען! זאל זי מארגען צוקומען צו אייך אין הויז און איך וועל זי אנקוקען!

דער גלח האט גלייך געשיקט רופען ראשיעל'ן און ער האט איהר געזאגט צו קומען מארגע. איז דער באשטימטער צייט, ווייל ער האט זיך שוין דורכגערעדט מיט איינעם פון זיינע באקאנטע גראפען און יענער וועט זען איהר צו געבען א שטעלע אין זיין פאלאץ אדער אין איינעם פון זיינע מאיאנטקעס.

— א, הייליגער פאטעריל! — האט זי אויסגערופען — איך בין אייך זעהר דאנקבאר! איך וועל ניט דארפען פארלאזען דאס לאנד און אומקעהרען זיך צוריק אהיים!

— איך וויל אבער אז דו זאלסט איהם גאר ניט דערצעהלען וועגען אונזערע פארהעלטענישען — האט דער גלח איהר געווארענט — דערצעהל איהם אויך ניט וועגען דעם גראף פאטאצקי! עס וועט זיין פאר דיר א סך בעסער אז דו וועסט זיך וואס ווינציגער באווייזען פאר מענשען, כדי מען זאל דיר ניט דערקענען..

אויף מארגען איז דער גראף לינעצקי געקומען צום גלח. און ווען ער האט דערזעהן רעשיעל'ן, האט זיך א שמייכעל באוויזען אויף זיינע ליפען.

— איך האב גאר ניט געוואוסט אז דער גראף פאטאצקי איז טויט — האט ער געזאגט, און זיך באלד פאנאנדערגעלאכט — איהר דערקאנט מיך ניט, מאדמאזעל! איך האב אייך געזעהן

איז גראף פאטאצקי'ס פאלאץ מיט עט־
ליכע יאהר צוריק! זאגט מיר ווי
קומט עס, אז דער גראף האט אייך
פארלאזען! איך געדיינק אז מיט
עטליכע וואכען צוריק, ווען איך האב
פארבראכט ביים גראף און מיר האבען
ביידע עטוואס געטרונקען, האט ער מיר
דערצעהלט ווענען אייך, ער האט ניט
געהאט גענוג ווערטער זיך אפצולויבען
פון אייך! זאגט מיר, וואס איז גע־
שעהן צווישען אייך?

ראשיעל האט א ווילע געשוויגען.
ווען זי האט זיך עטוואס בארוהיגט,
האט זי זיך אנגערופען:

— איך האף אז איהר, ווירדיגער
גראף ווערט מיר פארשטעהן! איך בין
געווען זעהר שטארק באפריינדעט מיט
דעם גראף פאטאצקי, אבער זיין זוהן
וואלענטי האט זיך דערוואוסט פון
אונזער פריינדשאפט, און ער האט גע־
ווירקט אויף זיין פאטער מיך צו פאר־
לאזען! איך האב גאר ניט צו איהם
ער וויל אז איך זאל פארלאזען פוי־
לען און זיך אומקעהרען צוריק קיין
פראנקרייך, אבער מיר איז זיך שווער
צו שיידען פון דאנען...

דער גראף לינעצקי האט זי בא־
טראכט. זי איז געווען זעהר שעהן,
איהרע אויגען האבען געגלאנצט... א
געדאנק איז איהם געקומען, פארוואס
זאל ער זיך טאקע ניט פאראינטערע־
סירען אין איהר... ער האט דאך ניט
קיין זוהן פאר וועמען ער וועט דאר־
פען אפגעבען א חשבון...

— גוט — האט ער געזאגט — איך
וועל זי מיטנעהמען מיט זיך! אבער
מיין פריינד, דער גראף פאטאצקי דארף
דערפון ניט וויסען. איך בעט אייך פא־
טעריל, אז איהר זאלט איהם אפילו
ניט געבען קיין אנדייטונג ווענען דעם!

— איהר קאנט זיך אויף מיר פאר־
לאזען, גראף לינעצקי, איך וועל מיט
קיינעם ווענען דעם ניט ריידען.

דער גראף לינעצקי האט געהייסען
איינעם פון זיינע היידוקעס מיטצונעה־
מען ראשיעל'ס זאכען, און ער האט זיך
אריינגעזעצט מיט איהר אין זיין
בריטשקע און זיי זיינען אפגעפאהרען
צו זיין גוט, וואס איז געווען ניט ווייט
פון דארט.

---

# קאפיטעל זיבען

דער גראף פאטאצקי האט פאר־
בראכט עטליכע טעג אויף דעם יאגד,
אבער זיין גאנצער פארגעניגען איז
איהם געווען פארשטערט... ער האט
אנגעפאנגען בענקען נאך ראשיעל. ער
האט אזוי שנעל ניט געקענט פארגעסען
איהר פרעכטיגען שעהנעם פנים, איהר
יוגענדליכע פרייד, וואס האט געשיינט
פון איהרע אויגען. איהם האט שוין
אנגעהויבען באנג צו טהאן, פארוואס
ער האט געהאנדעלט אזוי ראשיג... ער
איז אליין שולדיג אין דעם ווען ער
באריהמט זיך ניט פאר זיין פריינד,
לינעצקי, וואלט קיינער ניט געוואוסט
פון דעם. איצט דארף ער איבערגעבען
זיין פרוי די גרעפין די טהייערע
מתנות וואס ער האט געהאט געגעבען
ראשיעל'ן. זי וועט זיך געוויס וואונ־
דערען, פאר וואס ער האט איהר פלוצ־
לונג אנגעהויבען געבען מתנות... אבער
ער האט דאך קיין אנדער ברירה ניט!
זיין זוהן און טאכטער וויסען פון דעם
און ער וועט עס דארפען טהאן צוליב
זיי.. ער וועט דארפען ארויסווייזען
זיין פרוי צערטליכקייט, כאטש דאס
איז איהם זעהר ניט צום הארצען...

ער האט גענומען טראכטען אז נאך
אלעמען קאן ער אינגאנצען ניט בא־
שולדיגען ראשיעל'ן פאר איהרע זינד.
זי אי זאיינפאך געפאלען א קרבן פון
דעם גלח'ס שעהנע רייד, ווען זי איז
געקומען צו איהם זיך מתודה זיין...
בפרט ווען ער האט זי פארנאכלעסיגט
אזוי לאנג.. איהם האט שוין פארדרא־
סען וואס ער האט זי געהייסען זיך
צוריקקערן קיין פראנקרייך... ער האט
באדארפט איהר מוחל זיין, און זי
וואלט זיך געוויס אויפגעפיהרט עהר־
ליך נאכדעם.

ווען דער גראף האט זיך אומגע־
קעהרט אהיים מיט זיין זוהן, איז זיין
שטימונג געווען זעהר ניט קיין גוטע.
זיין טאכטער און פרוי זיינען איהם
אנטקעגען געקומען, איהם מיט פרייד
באגריסט, אבער ער האט זיי געזאגט
אז ער איז זעהר מיד, און ער וויל זיך
אויסרוהען.

אין א ווילע ארום האט קאטערינא
אוועקגערופען איהר ברודער אן א זייט,
און זי האט איהם געבעטען ער זאל
איהר דערצעהלען וואו איהר פאטער
איז געווען, און וואס עס איז געשעהן!

—מיין ליבע שוועסטער, גאָר ניט איז געשעהן ! — האָט וואַלענטי אויסגערופען — מיר האָבען אלע די גאַנצע צייט פארבראכט אויף דעם יאגד !

— אָבער וואס האָסטו אויסגעפונען וועגען מיין געוועזענער גוואווערנאַנטקע ?

— מיר דוכט זיך אז דיין פארדאכט האָט קיין שום גרונד ניט. דער פאָטער האָט קיין שום פארבינדונג ניט מיט איהר. און מיר דוכט זיך אז זי געפינט זיך גאָר ניט אין אונזער לאנד. זי איז שוין לאנג אָפּגעפאָהרען פון דאנען...

— פונדעסטוועגען צווייפעל איך ניט אז ווען מיר פאלט ניט איין דער געדאנק אז דו זאָלסט מיט איהם מיטגעהן, וואלט ער שוין געפונען א וועג זיך מיט איהר צו טרעפען. אונזער ארימע מוטער. מיר דוכט זיך אז אויך זי פארדעכטיגט עפּעס, זי האָט מיט מיר ניט לאנג צוריק גערעדט וועגען פאָטער, און זי האָט מיר געגעבען אָנצוהערעניש, אז ער האָט זיך א סך געענדערט...

— און מיר דוכט זיך אז דו מאכסט א טעות ! — האָט וואלענטי געזאָגט — איך האָב געהאט א געשפּרעך מיט מיין פאָטער ווען מיר האָבען זיך צוריקגעקעהרט, און ער האָט מיר פארטרויט אז ע. האָט געקויפט פאר אונזער מוטער א שעהנע מתנה, א שנירעל פּערל, וואס די צאריצא קאטערינא האָט געטראגען.

— האָט ער דיר עס געוויזען ? — איז זי געוואָרען נייגעריג.

— יע, ער האָט עס מיר געוויזען ! עס איז וואונדער שעהן, איך בין זיכער אז אונזער מוטער וועט זיך פיהלען גליקליך מיט אזא מתנה ! אָבער, איך בעט דיך, מיין שוועסטער, דו זאָלסט מיט דער מוטער וועגען דעם גאָר ניט ריידען ! ער האָט מיך אָנגעבעטען איך זאָל קיינעם וועגען דעם ניט דערצעהלען ! ער וויל איבערראשען אונזער מוטער מיט אָט דער קאָסטבארער מתנה...

— אָ, ווי נייגעריג איך בין דאס צו זעהן ! האָט קאטערינא אויסגערופען — אָבער איך זאָג דיר צו אז איך וועל האָבען גערולד צו ווארטען ביז וואנען די מוטער וועט עס מיר אליין ווייזען !

עס זיינען אָבער פאריבער עטליכע טעג, און די גרעפין האָט אפילו ניט דערמאָהנט וועגען איהר מתנה פון גראף, און קאטערינא האָט שוין מעהר ניט געהאט קיין גערולד צו ווארטען, און זי איז צוגעגאנגען צו איהר מוטער און זיך אָנגערופען :

"איך בין זעהר נייגעריג צו זעהן די מתנה וואָס דער פאָטער האָט פאר דיר געקויפט !

— א מתנה ? — האָט די גרעפין איהר אָנגעקוקט — איך הער עס ערשט פון דיר ! ניין, מיין טאָכטער, דיין פאָטער האָט שוין לאנג אויפגעהערט צו קויפען מתנות פאר מיר.

— אָבער איך וויים, אז ער האָט יא געקויפט פאר דיר א מתנה !

— וואלענטי האָט עס מיר געזאָגט, מיין טאָכטער ?

— ווער האָט עס דיר געזאָגט, מיין טאָכטער ?

—וואלענטי האָט מיר געזאָגט, — האָט קאטערינא אויסגערופען. — דער פאָטער האָט איהם אפילו געוויזען די מתנה ! און ער האָט איהם געזאָגט, אז אזוי שנעל ווי ער וועט קומען אהיים וועט ער דיר געבען די מתנה.

— מיין טאָכטער, דו מאכסט מיר שוין אויך נייגעריג, — האָט די גרעפין אויסגערופן,—איך וואָלט וועלען וויסען וואָס דיין פאָטער האָט פאר מיר געקויפט...

— איך וועל דיר זאָגען ! — האָט קאטערינא זיך אָנגערופען — איך וויים וואָס — אָבער איך גלויב, אז איך האָב קיין רעכט ניט דיר צו זאָגען !

— זאָג דאָך מיר, קאטערינא ! — האָט די מוטער זיך ביי איהר געבעטען — איך בין זעהר נייגעריג צו ווייסען !

אָבער ווען איך וועל דיר אויסזאָגען, וועט דאָך שוין מעהר ניט זיין קיין איבערראשונג פאר דיר !

— איך גלויב, אז עס וועט אליץ ניט זיין קיין איבערראשונג פאר מיר ! — האָט די מוטער א זיפץ געטאָן — איך בין ניט אזוי זיכער, אז דיין פאָטער זאָל האָבען געקויפט די מתנה פאר מיר ! יע, מיין טאָכטער, איך האָב געזוכט פון דיר צו פארבאָרגען מיין וועהטאָג, אָבער איצט זעה איך ווי שווער דאָס איז ! דיין פאָטער האָט זיך לעצטענס א סך געענדערט ! ער איז איינגאנצען פארטאָן אין פארגעניגענס... ער געפינט ניט מעהר קיין

אינטערעס אין מיר! איך בעט דעם האר יעזוס, ער זאָל איהם מוחל זיין פאַר זיינע זינד!

— וואָס רעדסטו, מוטער! — האָט קאַטערינא אויסגערופען — פאַרוואָס זאָלסטו גלויבען, אז דער פאָטער זינדיגט!

— מיין ניט, טאָכטער, אז ווייל איך בין זעהר פאַרנומען מיט מיין רעליגיעזע ארבייט, אז איך האָב שוין ניט קיין אויער און אויגען פאַר אנדערע זאכען! איך האָב געהערט זאכען וועגען דיין פאָטער, וואָס האָבען מיר געמאכט זעהר אומגליקליך!

— דו זאָלסט זיך קיינמאָל ניט צוהערען צו די וועלכע האָבען ליב צו דערצעהלען רכילות...

ווען איך אליין וואָלט עס ניט געמערקט אין זיין באַציהונג צו מיר, וואָלט איך געווים עס ניט געגלויבט. אָבער איך זעה ווי ער באַציהט זיך צו מיר, און איך קאָן זעהר גוט די אומרוהיגע נאַטור פון דיין פאָטער! און דעריבער בין איך גענויגט צו גלויבען וואָס מען דערצעהלט מיר!

— און איך זאָג דיר, אז עס איז ניטאָ קיין איין וואָרט אמת! — האָט קאַטערינא געזאָגט.

— פון וואנען ביזטו עס אזוי זיכער?

— אויב דו ווילסט עס וויסען, וועל איך דיר זאָגען, מוטער! פאַרשטעהסט, איך האָב אויך געהערט רכילות... איך האָב געהערט, אז דער פאָטער וויל גאָרניט געהן אויפ׳ן יאגד!

— אָ, די גרעפין לינעצקי האָט דיר אויך דערצעהלט וועגען דער געוועזענער גאָווערנאנטקע?

— די גרעפין לינעצקי! וואָס מיינסטו? ווי קום איך צו דער גרעפין לינעצקי?

— דאָן האָט איהר טאָכטער מיט דיר גערעדט? יע, מיר האָט עס איבערגעגעבען די גרעפין לינעצקי! זי האָט מיך געוואָרענט, אז איך זאָל בעסער אכטונג געבען אויף דיין פאָטער און זי האָט מיר געזאָגט, אז ער האָט נאָך אלץ צו טאָן מיט ראשעיל... און לאָמיר דיר זאָגען, מיין טאָכטער, אז ווען זי האָט מיר אָנפאַרטרויט אָט דעם סוד, האָט זי דערפון שטאַרק הנאה געהאַט...

— זי איז א רכילות טרייבערין!

— האָט קאַטערינא אויסגערופען — דו זאָלסט איהר קיינמאָל ניט גלויבען! איך פאַרזיכער דיר, מוטער, אז אלץ וואָס זי האָט דיר דערצעהלט איז פאַלש!

— פאַרוואָס זאָלסטו אזוי זאָגען, מיין טאָכטער! — די גרעפין קאָן אפשר אביסעל איבערטרייבען אָבער אין גאַנצען קיין ליגען איז עס ניט. און איצט דערצעהלסטו מיר, אז אויך דו האָסט געהערט וועגען דעם! זאָג מיר פון וועמען דו האָסט עס געהערט.

— איך גלויב, אז איך האָב עס געהערט פון דעם זעלבען פאַלשען קוואַל,

— האָט קאַטערינא אויסגערופען — דו האָסט עס געהערט פון דער מוטער און איך האָב די זעלבע זאַך געהערט פון דער טאָכטער... איך האָב אָבער גלייך געוואוסט, אז דאָס איז א ליגען, האָב איך דעריבער געבעטען וואַלענטי׳ן, ער זאָל היינטיגס מאָל מיטרייזען מיט׳ן פאָטער און זעהן האַלטען אן אויג אויף איהם... נו, האָט ער דאָך עס געטאָן, און ער האָט מיר איבערגעגעבען, אז אלץ וואָס מען דערצעהלט אויף איהם איז אויסגעטראַכט. ער האָט מעהר ניט צו טאָן מיט ראשעיל, און אז זי איז שוין אָפּגעפאָהרען פון דאַנען!

— איך האָב גאָרניט פאַרדעכטיגט, מיין טאָכטער, ווען דו ביזט געוועזען איינגעשפּאַרט, אז וואַלענטי זאָל מיט איהם מיטפאָהרען צוליב דעם.

— יע, צוליב דעם, איך האָב עס אנטדעקט וואַלענטי׳ן, און ער האָט שוין געהאַלטען אן אויג אויפ׳ן פאָטער און ער איז איבערצייגט, אז אלץ וואָס אי דהאָב געהערט וועגען פאָטער איז געוועזען פאַלש. ער האָט נאָך געזאָגט, אז ער האָט פאַר דיר געקויפט א מתנה.

— אָבער פאַרוואָס האָט ער מיר וועגען דעם ניט געזאָגט? — האָט די גרעפין זיך אָנגערופען — ער איז שוין צוריק עטליכע טעג און עס שיינט מיר, אז ער איז עפּעס אָנגעשטויסען אויף מיר!

— עס קאָן זיין, אז ער וואַרט אויף א געלעגענהייט דיר איבערצוגעבען די מתנה.

— וואָס פאַר א געלעגענהייט! — האָט די גרעפין געזאָגט — צו מיין געבורטסטאָג איז נאָך גאַנץ ווייט.

ווען עס זיינען פאַריבער נאָך עטליכע טעג און דער גראַף האָט זיך ניט וויסענדיג געמאַכט, האָט די מוטער גערופען וואַלענטי׳ן, און זי האָט איהם איבערגעפרעגט ווענען דער מתנה. אויב עס איז אמת, וואָס קאַטערינאַ האָט איהר דערצעהלט ווענען דעם שניירעל פּערל!

— עס איז אמת, מוטער! — האָט וואַלענטי געזאָגט — ער האָט מיר געוויזען דיין מתנה, ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס האָט ער פאַר דיר געקויפט אין ווילנא.

— טאָ פאַרוואָס גיט ער מיר דאָס ניט?

— אפשר האָט ער פאַרגעסען, מוטער! — האָט וואַלענטי געזאָגט.

— ווען ער וואָלט עס געהאַט געקויפט פאַר ראַשעיל, וואָלט ער עס ניט פאַרגעסען איהר באַלד אָפּצוגעבען.

— ניין, מוטער, דו דאַרפסט אַזוי ניט ריידען! ראַשעיל עקזיסטירט שוין ניט מעהר פאַר דעם פאָטער! און דו וועסט זעהן, אַז נאָך היינט וועסטו קריגען דיין פּאַרדינטע מתנה! אַלץ וואָס איך וועל דאַרפען איז דערמאַנען איהם, און ער וועט דיר געבען די מתנה מיט גרויס צופרידענהייט.

דעם זעלבען אָוונט האָט וואַלענטי זיך געזעהן מיט זיין פאָטער, און ער האָט זיך אָנגערופען:

— דו ווייסט, פאָטער, אַז די מוטער ערוואַרט די מתנה פון דיר!

— ווער האָט דיך געבעטען דערצעהלען? — האָט דער גראַף אויסגערופען מיט כעס — איצט זעה איך, אַז איך קאָן דיר ניט אַנפאַרטרויען מיט קיין סודות!

— עס איז זעהר גוט וואָס מען האָט דער מוטער געזאָגט — האָט וואַלענטי זיך אָנגערופען — ווען דו וועסט איהר געבען די מתנה, וועלען אַלע איהרע פאַרדאַכטען פאַרשווינדען — ווייל דו דאַרפסט וויסען, אַז דיין פריינט׳ס פרוי, די גרעפין לינעצקי, האָט אויף דיר אָנגערעדט פאַר דער מוטער, ווי עס ווייזט אויס האָט לינעצקי דערצעהלט זיין פרוי, ווענען דיינע באַרימערייען ווענען ראַשעיל. יע, און איך האָב געדאַרפט לייקענען. און אַלס באַווייז האָב איך דאָך איהר געמוזט זאָגען, אַז דו האָסט איהר געקויפט אַ מתנה. איצט וועסטו טאָן זעהר גוט ווען דו וועסט איהר געבען די מתנה, דאַן וועט זי זיך איבערצייגען, אַז די גרעפין לינעצקי, האָט געזוכט צו מאַכען אַ בלבול אויף דיר, פאַרשטעהסטו, פאָטער?

דער גראַף האָט פאַרשטאַנען, אָבער צופרידען איז ער פון דעם ניט געווען, ער האָט זעהר ניט געוואָלט אָפּגעבען די דאָזיגע קאָסטבאַרע מתנה צו זיין אייגענער פרוי... ער האָט שוין געהאַט פאַרשידענע פּלענער... אָבער איצט זעהט ער, אַז ער איז אריינגעפאַלען... ער וועט איהר דאַרפען אָפּגעבען דאָס שנירעל פּערל...

ער איז אַ ווײַלע שפּעטער אריינגעגאַנגען צו דער גרעפין אין צימער, און מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעלע זיך צו איהר אָנגערופען:

— מיין טייערע, איך האָב דיר געוואָלט מאַכען אַן איבערראַשונג. איך האָב פאַר דיר געקויפט אַ טייערע מתנה, און איך האָב געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט. אָבער איך בין געווען נאַריש גענוג אָנצופאַרטרויען ווענען דעם וואַלענטי׳ן, און ווי עס ווייזט אויס, האָט ער זיין וואָרט ניט געהאַלטען און ער האָט דערצעהלט קאַטערינאַ׳ן, און זי האָט דאָך געוויס דיר דערצעהלט... נו, אָט איז דאָס!

די גרעפין האָט גענומען דעם שנירעל פּערעל און עס באַטראַכט מיט גרויס ענטציקונג. אין איהרע אויגען האָבען זיך באַוויזען טרעהרען.

— אַ דאַנק דיר! — האָט זי אויסגערופען — עס איז דאָך אַזאַ פּרעכטיגע מתנה...

— המ... — האָט דער גראַף פּאָטאָצקי אויסגערופען — איך האָב דאָס פאַר דיר געקויפט אין ווילנא. די דאָזיגע פּערעל האָט געטראָגען די צאַריצאַ קאַטערינאַ.

קיין סך .זאָט דער גראַף מיט איהר ניט גערעדט. ער האָט איבערגעלאָזען די גרעפין מיט די צירונג וואָס זי האָט באַטראַכט מיט גרויס באַגייסטערונג און ער האָט זיך צוריקגעקעהר צו זיין צימער. ער איז געווען זעהר בייז אויף זיין זוהן, ווייל ער האָט געפיהלט אַז דורך איהם האָט ער פאַרלאָרען זיין געליבטע. ער איז געוואָרען אומרוהיג. איהם האָט שוין פאַרדראָסען וואָס ער האָט זי אַוועקגעשיקט פון דאַנען. ער האָט געהאַנ־

דעלט זעהר ראשיג... ער האט באדארפט זיך פריהער בארוהיגען אבער איצט איז שוין פארפאלען. ער דארף זיין פארזיכטיג זיין זוהן זאל מיט קיינעם ניט ריידען וואס עס האט פאסירט. ער האט באשלאסען זיך צו זעהן מיט דעם גלח און הערען וואס ער וועט זאגען. אפשר וועט ער איהם זאגען אז זי ניט אפגעפאהרען. . . . ער האט זיך גענומען לאנגווייליגען אין זיין זומער פאלאץ. ער האט זיך קיין ארט ניט געפונען. און ער האט באשלאסען אפצופאהרען קיין ווילנא און פארבלייבען אין זיין דארטיגען פאלאץ פאר א פאר וואכען. אין ווילנא האט ער פילע פריינד, און ער וועט מיט זיי קאנען פארוויילען.

## קאפיטעל אכט

דער יונגער וואלענטי פאטאצקי איז אויך געווארען זעהר אומרוהיג. זינט ער האט אויסגעפונען ווי אזוי דער גלח אנטאן זינדיגט און אז ער העלפט נאך זינדיגען זיין פאטער מיט דעם וואס ער ערקלעהרט איהם אז ווען ער איז זיך מתודה אויף זיינע זינד, ווערען זיי איהם פארגעבען. ער האט פלוצלונג דערפילט א מין פרעמדקייט צו זיין אמונה... עפעס האט זיך איהם גענומען דוכטען אז אין דער ווירקליכקייט איז די קאטוילישע אמונה ניט דאס זעלבע וואס ער האט זיך פארגעשטעלט... זיין ענטוישונג איז נאך געקומען א סך פריהער פון דעם. דאס איז געווען ווען ער האט אויסגעפונען : די גלחים אין דער קאטוילישער סעמינאריע, תריידיגען האס און העצען צו פאגראמען געגען די אידען, וועלכע זיינען אזוי הילפלאז.... דאס איז איהם געווען דערווידער.

וואלענטי האט געפיהלט אז א גרויסע אומרעכט ווערט דא באגאנגען געגען די אידען און טאקע געגען דער קריסטליכער רעליגיע, ווייל לויט דער קריסטליכער לעהרע האט באדארפט זיין די אויפגאבע פון די גייסטליכע צו פריידיגען ליבע, ברידערליכקייט און שלום, אנשטאט דעם ווערען די יונגע גלחים ערצויגען אין גייסט פון שנאה און בלוט־דורשטיגקייט.

ער האט זיך לעצטענס באקאנט מיט עטליכע אידען און ער האט געזעהן ווי אנדערש זיי זיינען. ווי אזוי זיי היטען אפ זייער רעליגיע. זיי זיינען רוהיגע, שטילע מענשען, וועלכע טהוען קיינעם קיין שלעכטס ניט. זיי ארבייטען שווער און ביטער פאר דעם שטיקעל ברויט... פארוואס האט מען זיי אזוי פיינט ? פארוואס האט אפילו זיין אייגענער פאטער ביז ניט לאנג צוריק זיך צו זיי באצויגען ווי צו חיות, מיט וועמען מען קען טאן וואס מען וויל, כדי זיך צו אמוזירען. ווי אזוי האט ער זיך ערלויבט צו צווינגען א אידען ארויפצוקלעטערען אויף א בוים און דערנאך שיסען איהם בלויז צוליב פארוויילונג...

א שוידער איז דורך זיין לייב ווען ער האט וועגען דעם געטראכט. ערשט מיט עטליכע וואכען צוריק וואלט דאך דאס זעלבע פאסירט מיט אט דעם אידען ר׳ לייזער זוסקעס, זיין פאטער׳ס ארענדאר, ווען ניט זיין איינפאל מיט חיים׳ן, וועלכער האט געוואונען זיין טאנץ־געוועט געגען יוזשוק׳ן. ער וואלט דאך דאן געצוואונגען א פאטער פון א פאמיליע, זיך נאריש צו מאכען און טאנצען, און ווען ער וואלט דעם טאנץ פארלארען, און געווים וואלט ער דאך פארלארען, דאן וואלט איהם יוזשוק אדער פארשמיסען צום טויט אדער ער וואלט איהם געצוואונגען ארויפצוקלעטערען אויף דעם בוים, און דאן איהם דערשיסען....

אין אט די דאזיגע מאמענטען איז ביי וואלענטי׳ן געבארען געווארען דער געדאנק צו ווערען א איד... ער האט בעסער געוואלט באלאנגען צו די אונטערדריקטע, איידער צו די אונטערדריקער... ער האט זיך געשעהמט מיט זיינע בלוט דורשטיגע ברידער...

דעם קומענדען שבת האט ער ווידער אפגעשטאטעט א באזוך צו ר׳ לייזער׳ן אין הויז. ער איז געקומען עטוואס פריהער, נאך איידער ר׳ לייזער און זיינע צוויי זיהן, דוד און נפתלי, האבען זיך אומגעקעהרט פון דאווענען.

רבקה און יהודית האבען איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך. זיי האבען זיך שוין איצט גענומען פיהלען א סך היימישער אין זיין געגענווארט. די אנגעצויגענקייט איז פארשוואונדען, און וואלענטי האט מיט זיי גענומען ריידען וועגען דער אידישער תורה און וועגען די פרעכטיגע אידישע מנהגים און טראדיציעס.

כאָטש פון אָנפאנג, איז יהודית געווען צוריקגעצויגען, זי איז געזעסען אויף איהר פלאַץ און זיך צוגעהערט צו די רייד פון דעם יונגען גראף, רויטלענדיג זיך יעדעס מאָל וואס ער פלעגט ווארפען א בליק אין איהר ריכטונג, האָט זי זיך אָבער ביסלעכווייז גענומען בארוהיגען, ווען זי האָט געהערט ווען ער רעדט פון דער אידישער תורה, אלס די גרעסטע מתנה וואס די וועלט האָט באקומען פון דעם אידישען פאָלק. ער האָט גענומען ארומריידען די וויכטיגקייט פון די אידישע געבאָטען, און יהודית און איהר מוטער זיינען געבליבען זיצען ווי פארגליווערט, הערענדיג אזעלכע רייד פון א גראף.

יהודית, וועלכע האָט גוט געקאָנט חומש און תנ״ך, האָט גענומען ציטירען פילע פסוקים. וואַלענטי איז געווען איבעראשט צו הערען אז אזא יונגע מיידעל זאָל זיין געלערענט און פארשטעהן די וויכטיגקייט פון איהר רעליגיע.

ער האָט געטראַכט פון זיין שוועסטער, וועלכע ווייס בלויז פון איהרע פארגעניגענס... קאטערינא איז פארדאָרבען פונקט ווי זיין פאָטער... זי פילט אז זי קאָן זינדיגען וויפיל איהר הארץ געלוסט אזוי לאנג ווי זי קומט שפעטער צום גלח און איז זיך מתודה אויף איהרע זינד... וואָס פאר אן אונטערשייד צווישען זיי ביידען! וואַלענטי האָט גענומען פילען אז אָט די דאָזיגע יונגע אידישע מיידעל האָט איהם באצויבערט. זי איז אזוי איינפאַך, און דאָך אזוי צוציהענד... וואָס פאר אן איידעלקייט איז אויסגעגאָסען אויף איהר פנים... זי איז אזוי אומשולדיג, אזוי צארט, און אויך זי איז אונטערוואָרפען די קאפריזען פון זיין פאָטער און אנדערע קריסטען. ער ווייסט אז ווען זיין פאָטער וואָלט געוואָלט וואָלט ער זי געקאָנט צווינגען צו טאָן אלץ וואָס ער וועט פון איהר פארלאנגען... א שטארקער רחמנות ערוועקט זיך אין זיין הארצען צו אָט דער יונגער שעהנער מיידעל וועלכע איז אזוי איידעל און צארט, וועלכע פילט שוין דעם יאָך פון צרות, פונקט ווי איהרע עלטערען...

באלד זיינען געקומען ר׳ לייזער און זיינע צוויי זיהן פון בית המדרש, און אריינגעסומען אין הויז מיט א פרעהליכען "גוט־שבת". ווען ר׳ לייזער האָט דערזעהן דעם יונגען גראף, איז ער א ווײלע געבליבען שטעהן ווי צוטומעלט...

אָבער ווען וואַלענטי האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאַץ און איהם באגריסט מיט א פריינדליכען שמייכעל, האָט ער שנעל צוריקגעקראָגען זיין גלייכגעוויכט. און זיך פאר איהם א נייג געטאָן.

— ניין, טוט עס ניט ר׳ לייזער! — האָט וואַלענטי זיך צו איהם אָנגערופען — איך דארף זיך גאָר פארנייגען פאר אייך, ווייל איהר זייט א ווירדיגער מענש. איהר זייט א גאָטספאָרכטיגער, און טראָגט דעם וואָס איהר ליידט זיך אזוי פיל אָן צוליב אייער אמונה, זייט איהר איבערגעגעבען צו אייער גאָט מיט׳ן לייב און לעבען... איך וויל אייך זאָגען, אין מיינע אויגען זייט איהר א סך העכער פון די אלע מיינע באקאנטע, וועלכע האלטען זיך ביי זייער אמונה צוליב באקוועמליכקייטען... איך וויל אייך זאָגען גאנץ אָפען אז מיר געפעלט די אידישע אמונה א סך בעסער ווי מיין, קריסטליכע אמונה...

— אָ, מיין האר גראף! — האָט ר׳ לייזער מיט שרעק אויסגערופען — איהר טאָרט אזוינס ניט ארויסברייגען פון אייערע ליפען!

— איך ווייס! — האָט וואַלענטי געזאָגט — איך ווייס אז עס איז פאר מיר זעהר געפערליך אזוי צו ריידען, אָבער איך פיהל אז דאָס איז דער אמת! איך באלאנג ניט מעהר צו מיינע... איך פיל זיך פרעמד צו זיי... אויב דאָס קריסטענטום שטעלט פאָר דאָס וואָס זיי האָבען פון איהם געמאכט, וויל איך ניט מעהר זיין קיין קריסט!

א טויט שרעק איז באפאלען ר׳ לייזער׳ן, ווען ער האָט געהערט אָט די דאָזיגע רייד פון וואַלענטי׳ן. ער האָט געוואוסט וואָס וועט געשעהן ווען דער גראף פאָטאָצקי וועט זיך דערוויסען וועגען זיין זוהן׳ס געדאנקען. ער וועט דאָך דאָן ווארפען די גאנצע שולד אויף איהם, ער וועט באשולדיגען די אידען אז זיי האָבען אויף איהם ארויפגעטאָן א כישוף...

וואַלענטי האָט באמערקט ווי ר׳ לייזער׳ס פנים איז געוואָרען ווייס ווי

קאלד, און ער האָט איהם גענומען באַרוהיגען:

— איך וויל אייך פאַרזיכערען, מיין פריינד, אַז איך וועל זיין זעהר פאַרזיכטיג. קיינער וועט ניט אויסגעפינען וואָס ביי מיר אין הארצען טוט זיך... איך רייד דאָך ניט אַזוי פאַר אַ קריסט. אָבער איך וועל אייך זאָגען אַז איך טראָג זיך שוין לאַנג ארום מיט דעם געדאַנק צו ווערען אַ איד. איך האָב געהאַט דעם פאַרגעניגען צו פאַרברייננגען אַ היבש ביסעל צייט מיט חיים'ס זיידען, ר' מנחם מאַן, און וואָס מעהר איך האָב מיט איהם גערעדט, אַלץ מעהר האָב איך איינגעזעהן אַז די אידישע אמונה איז די העכסטע און ריינסטע... איך פיל אַז איך באַלאַנג מעהר צו אייך, צו אייער תורה, צו אייער סביבה! איך שטרעב צו ווערען אַ איד מיט מיין לייב און לעבען!...

— אָבער ווירדיגער גראַף! — האָט ר' לייזער אויסגערופען — איהר האָט דען אַ באַגריף וואָס פאַר אַ געפאַר עס לויערט אויף אונז אידען, ווען אימיצער פון אייערע זאָל זיך דערוויסען פון אייערע שטרעבונגען...

— קיינער וועט זיך ניט דערוויסען פון דעם! — האָט דער יונגער גראַף געזאָגט — איך וועל עס ניט דורכפירען אָט דאָ, ביי אונז אין לאַנד... איך וועל פון דאַנען אָפּרייזען. איך בין ניט אַליין... איך ווייס אַז מיין פריינד זאַרעמבאַ פילט אויך פונקט ווי איך...

— איך בעט אייך, נאָבעלער גראַף, רעדט מעהר ניט פון דעם! אויב איהר ווילט עפּעס אויפטאָן פאַר אונזערע הילפלאָזע ברידער, וואָלט געווען אַ סך בעסער, ווען איהר בלייבט ביי אייער אמונה... דאַן וואָלט איהר אונז געקאָנט טאָן פילע טובות! איהר וואָלט געקאָנט ראַטעווען אומשולדיג אידען פון אַ זיכערען טויט, פונקט ווי איהר האָט עס געטאָן מיט מיר, ווען איהר האָט געלאָזען וויסען ר' מנחם'ן וועגען דעם פּלאַן פון אייער פאָטער, און דורכדעם מיך געראַטעוועט פון אַ זיכערען טויט...

וואַלענטי האָט איינגעזעהן אַז ער האָט רעכט. זיין באַקערען זיך צום אידענטום וועט נאָר ברענגען מעהר צרות אויף די אָרימע אומגליקליכע אידען... אָבער פונדעסטוועגען פילט ער, אַז ער קאָן מעהר ניט בלייבען ביי זיין אייגענער רעליגיע. זי וועט שוין ניט מעהר באַפרידיגען זיין נשמה... ער באַלאַנגט איצט צו אַ גאַנץ אַנדער וועלט... ער באַלאַנגט צו די געפּייניגטע און ניט מעהר צו די פּייניגער...

ער איז געבליבען זיצען אויף זיין פּלאַץ פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען. זיינע אויגען האָבען געפינקעלט, און זיין פּנים איז בלאַס געוואָרען...

יהודית האָט אויף איהם אַ קוק געטאָן און איהר יונגע הארץ האָט אַ צאַפּעל געטאָן... איהר האָט זיך גע־דוכט אַז זי דערזעהט פּלוצלונג זיין נשמה... זי איז אַזוי ריין און זויבער... ער איז ערנסט, ער וויל ווערען אַ איד מיט'ן גאַנצען הארצען. ער איז איבערצייגט אין דעם... פאַרוואָס זאָל מען איהם ניט קאָנען העלפען אין דעם? באַלד אָבער איז אַ ציטער דורך איהר קערפּער. איהר פאָטער איז גערעכט! ווען מען וועט אויסגעפינען אַז ער האָט זיך מגייר געווען, וועלען זיי, די גוים נעהמען נקמה פון אַלע אידען... זי האָט שוין זיך אָנגעהערט פון אַזעלכע מעשיות... ניין, די סכנה איז צו גרויס... איהר פאָטער איז גערעכט. ער קאָן טאָן אידען אַ סך מעהר טובות, אַלס קריסט...

די שטילקייט אין צימער איז מיט יעדער רגע געוואָרען מעהר אָנגעצויגען. רבקה האָט אויך געשטוינט און אַ ווײַלע קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסריידען. באַלד אָבער איז זי צו זיך געקומען און זי האָט זיך געווענדעט צום יונגען גראַף:

— איהר וועט מיט אונז עסען טשאָלענט!

— אַ דאַנק! — האָט ער זיך פאַרנייגט.

ר' לייזער האָט דאַן געמאַכט קידוש. זיי האָבען זיך געוואַשען צום עסען. וואַלענטי האָט זיך אויך געוואַשען. ער האָט געקוקט ווי זיי מאַכען די ברכות, און ער האָט ביי זיך אין הארצען געטראַכט ווי גוט וואָלט איהם געווען ווען ער קאָן אויך אָט די דאָזיגע ברכות.

יהודית, אָנגעטאָן אין אַ ריינעם ווייסען שירץ, האָט דערלאַנגט דעם יונגען גראַף דעם טשאָלענט. און דעם געשמאַקען קוגעל. די אָנגעצויגענקייט אין הויז איז אַ סך לייכטער געוואָרען. ר' לייזער האָט געזונגען זמירות, און

זיינע קינדער האָבען איהם אונטערגעהאָלפען. דאָך האָט זיך געקאָנט מערקען ווי א שווערניש איז אויף אלעמען געלעגען.

כאָטש וואלענטי איז אָט דעם מאָל געקומען צו ר׳ לייזער׳ן צופוס, ניט רייטענדיג אויף זיין פערד ווי ער האָט עס געטאָן פריהער, פונדעסטוועגען האָט מען זיך שנעל דערוואוסט אין איליע, אז דער יונגער גראף האָט ווידער באזוכט ר׳ לייזער׳ס הויז.

עס איז שוין פאר קיינעם ניט געווען קיין סוד אז ר׳ לייזער, דער וועלכער האלט די מיל פון דעם גראף פאָטאָצקי אין ארענדע, האָט געוואונען א טאנץ־געוועט געגען יוזשוק׳ן, און דערפאר האָט איהם דער גראף באפרייט פון צאָהלען פאר דער ארענדע פאר די צעהן קומענדע יאָהר! דאָס האָט אויסגעפונען יאָסעל דער שניידער, ווען דער אויפזעהער פון גראף׳ס פערד איז צו איהם געקומען באשטעלען אן אנצוג. ער האָט איהם דערציילט די גאנצע געשיכטע, און אויף מאָרגען האָט שוין מיט דעם געקלונגען גאנץ איליע. מען האָט גערעדט אין בית המדרש און אין גאס וועגען דעם. יעדער איינער האָט זיך געוואונדערט ווי קומט עס צו ר׳ לייזער׳ן אז ער זאָל קאָנען טאנצען... בפרט נאָך אזוי, אז ער זאָל געווינען דעם טאנץ געגען דעם שונא ישראל יוזשוק, וועגען זיי האָבען געהערט אז ער האָט דערשאָסען עטליכע אידען, ווען זיי האָבען פארלאָרען א טאנץ־געוועט צו איהם.

יאָסעל דער שניידער האָט אויך דערציילט אז מען האָט איהם איבערגעגעבען אז ר׳ לייזער איז א גוטער שיסער, אז ער טרעפט פינקטליך אין ציל... אז ער האָט געקאָנט דערשיסען יוזשוק׳ן נאָר ער האָט עס ניט געטאָן, ווייל ער האָט זיי געוואָלט באווייזען אז א איד איז ניט בלוטדורשטיג... און אז ער האָט געזאָגט דעם גראף אז ער וועט זיך צילעווען ארונטערצושיסען דעם עק פון דער בערישער פעל, וואָס יוזשוק האָט אויף זיך געטראָגען ווען ער האָט געמוזט ארויפקלעטערען אויף דעם בוים.

ווען ר׳ לייזער איז געקומען יענעם פרימאָרגען אין בית המדרש, האָבען איהם די אידען ארומגערינגעלט און גענומען פארווארפען מיט פראגען.

— מיר האָבען קיינמאָל ניט געוואוסט ר׳ לייזער, אז איהר זייט אזא טענצער! — האָט זיך איין איד צו איהם אָנגערופען — זאָגט אונז, איז עס אמת, וואָס יאָסעל דער שניידער דערציילט?

— וואָס ווילט איהר, איך זאָל איהם ערקלערען אלס ליגנער! — ענטפערט ר׳ לייזער מיט א שמייכעל.

— דאַן איז עס דאָך אמת! טאָ ווי קומט עס צו אייך?

— מיט גאָט׳ס הילף! — האָט ר׳ לייזער געענטפערט.

— אָבער פאָרט, ווי אזוי איז עס פאָרגעקומען? — האָט איהם א צווייטער איד ניט אָפּגעלאָזען.

— וואָס פרעגט איהר מיך? — האָט ר׳ לייזער א קוועטש געטאָן מיט זיינע פּלייצעס — פרעגט יאָסעל דעם שניידער! ער שיינט צו וויסען מעהר ווי איך וועגען אלע איינצעלהייטען.

— אָבער איהר קריגט דאָך צעהן יאָהר פריי די ארענדע פון מיל! דאָס איז דאָך אמת!

— יע, עס איז אמת!

— איצט פארשטעהען מיר פארוואָס דער יונגער גראף קומט צו אייך עסען טשאָלענט! — האָט נאָך א איד אויסגערופען. ווי עס ווייזט אויס, איז ער גאָר ענטציקט פאר אייער טאנצען.

אויף דעם האָט ר׳ לייזער ניט געענטפערט. אָבער יאָסעל דער שניידער האָט ניט אויפגעהערט צו פארשפּרייטען נאָך מעהר קלאנגען. יעדען אָווענט פלעגען זיך פארזאמלען אידען ארום זיין הויז און ער, ווייזט אויס, פלעגט האָבען פארגעניגען פון דעם.

ער האָט זיי דערצעהלט אלץ וואָס דער אויפזעהער פון דעם גראפ׳ס פערד האָט איהם דערצעהלט. ער אליין האָט זיך געוואונדערט ווי אזוי דאָס איז מעגליך... ער האָט ניט געקאָנט פארשטעהן ווי אזוי ר׳ לייזער דער מילנער, זאָל זיין אזא וואונדערבארער טענצער. ער האָט געוואָלט דערגעהן מעהר איינצעלהייטען. אָבער ער האָט געוואוסט, אז פון ר׳ לייזער׳ן וועט ער גאָר ניט דערגעהן...

ווען זיין אייניקל, בערקע, האָט איהם געזאָגט, אז ער האָט געזעהן דעם יונגען גראף געהענדיג אין דער ריכטונג פון ר׳ לייזער׳ס הויז, האָט ער זיך

אויף איהם אנגעבייזערט פארוואס ער האט איהם ניט נאכגעפאלגט און געזעהן אויב ער איז טאקע אהין אריין.

ער האט איהם אהין געשיקט, ער זאל זעהן אויב דער גראף געפינט זיך טאקע ביי ר' לייזער'ן אין הויז. בערקע איז געווען א מיידעם א אינגעל, ער איז געווען זעהר פלינק און כיטרע. ער האט געקאנט ארויסקריגען פארשידענע געשיכטעס פון די אנדערע אינגלאך.

דוד און נפתלי, ר' לייזער'ס אינגלאך האבען זיך שוין ניט מעהר מיט איהם געשפילט, זינט דאן, ווען ער האט פון זיי ארויסגעקראגען זאכען וואס זייער פאטער האט ניט געוואלט זיי זאלען איהם דערצעהלען. פונדעסטוועגען האט דאס איהם ניט אפגעהאלטען צו קומען נאהענט צו זייער הויז און זיך דארטען שפילען.

ווען ער איז צוגעקומען אהין יענעם שבת, האט ער זיך אפגעשטעלט ניט ווייט פון דארטען און ער האט געווארט צו זעהן אויב דער יונגער גראף קומט ארויס. ווען ער האט געזעהן, אז דער יונגער גראף קומט ניט ארויס, האט ער זיך גענומען צושארען צום פענסטער און גענומען אריינקוקען אינווענינ.

ער האט געזעהן ווי דער יונגער גראף זיצט און עסט צוזאמען מיט זיי. דוד האט איהם באמערקט, און ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ.

— וואוהין געהסטו? — פרעגט איהם דער טאטע.

דוד האט גענומען שטאמלען: "איך געה א ווײלע ארויס אין דרויסען".

ר' לייזער האט פארשטאנען, אז עפעס איז געשעהן. ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער און ער האט דערזעהן ווי בערקע, יאסעל דעם שניידער'ס שטעהט אונטען.

— אוועק פון דאנען, דו יונגאטש!

— האט ער אויסגערופען.

בערקע האט זיך אויפגעשטעלט און ער האט גענומען שטעלען פיס.

ר' לייזער האט זיך צוריקגעזעצט ביים טיש און דאן זיך אנגערופען צו וואלענטי'ן:

— מען דארף אזוי פארזיכטיג זיין. אפילו צווישען אייגענע דארף מען זיך אויך היטען. אט דער יאסעל, דער שניידער, וועמענס אינגעל איך האב נאר וואס אוועקגעטריבען פון דאנען, ווייזט אויס ווייס אלץ וואס עס איז פארגעקומען אין גראף'ס זומער פאלאץ מיט עטליכע וואכען צוריק. אימיצער פון פאלאץ, וועלכער האט ביי איהם באשטעלט א גארניטור צו נייען, האט איהם דערצעהלט אלץ וועגען דעם בערען־טאנץ און וועגען דעם, אז איך האב באזיגט יוזשוק'ן, און אז איך קריג די ארענדע פריי פאר צעהן יאהר. דאס באווייזט, אז מען דארף זיך זעהר היטען פאר זייערע צינגער. אט איז דעם שניידער'ס אינגעל געשטאנען אונטער דעם פענסטער און ווען ער וואלט עפעס געהערט וואלט ער שוין דאס באלד איבערגעגעבען זיין טאטען א. דאן וואלטען שוין אלע געוואוסט...

— איך וועל זיין זעהר פארזיכטיג!

— האט וואלענטי געזאגט. איך וועל מארגען אפרייזען פון דאנען קיין ווילנא, וואו איך וועל זיך זעהן מיט מיין פריינט זארעמבא, און צוזאמען מיט איהם וועל איך געהן צו ר' מנחם מאן, חיים'ס זיידע. איך וועל איהם ערקלערען מיין פארלאנג. איך וועל איהם בעטען ער זאל מיט מיר און מיין פריינט זארעמבא לערנען די אידישע תורה און געזעצען. און ווען איך וועל האבען א באגריף וועגען אידישקייט וועל איך אוועקפאהרען קיין אויסלאנד.

— און אין אויסלאנד וועט מען אייך לאזען טאן אזא זאך? — האט זיך ר' לייזער צו איהם געווענדעט.

— איך האב געהערט, אז אין אמסטערדאם, איז מעגליך אנצונעמען די אידישע אמונה. דארט זיינען די אידען פריי, און יעדער איינער קאן דינען צו דעם גאט וועמען ער גלויבט.

— עס איז ווירקליך זעהר דערפרעהענד צו הערען, אז עס געפינט זיך א לאנד וואו די אידען ווערען ניט אונטערדריקט — האט ר' לייזער זיך אנגערופען — אבער פונדעסטוועגען ווייס איך ניט אויב עס איז ניטא קיין געפאהר פאר אייך זיך מגייר צו זיין... ווייל עס וועלען זיך געפינען מענשען וועלכע וועלען אייך קענען און זיי וועלען אייך מסר'ן.

— אזוי לאנג ווי איך בין אין אויסלאנד וועט מיר קיינער קיין שלעכטעס ניט טאן! — האט וואלענטי געזאגט — איך וועל ניט געהן אין אזעלכע פלעצער וואו איך וועל קאנען טרעפען באקאנטע.

לאנג האָט ר׳ לייזער מיט איהם גערעדט וועגען דעם. מיט דעם וואָס דער יונגער גראף האָט איהם אנטדעקט, אז ער וויל ווערען א איד, האָט ער דאמיט אוועקגענומען די מחיצה וואָס עס איז געווען צווישען זיי און ער האָט זיך געפיהלט היימיש אין זיין געזעלשאפט... ער האָט איינגעזעהן, אז וואלענטי איז איינגעשפּארט, און זיינע רייד וועלען ניט ווירקען, ער האָט צו איהם דעריבער געזאָגט:

— איהר דארפט וויסען, אז אַן איד ווענדעט זיך א סך, אויב מיר זאָלען ליידען דערפון צי ניט. די געפאהר איז זעהר גרויס. אויב מען וועט זיך דערוויסען, אז אימיצער פון אונז האָט אייך אין דעם געהאָלפען, דאַן וועלען דערפון ליידען פילע אידען!

— איך וויים זעהר גוט וועגען דער געפאהר — האָט וואלענטי געזאָגט און איך וועל זעהן, אז קיינער זאָל צוליב דעם ניט דארפען ליידען.

ווען וואלענטי האָט פארלאָזען ר׳ לייזער׳ס הויז, האָט דאָרט א קליינע ווײלע געהערשט א שטילקייט. ר׳ לייזער האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און איז צוגעגאנגען צום פענסטער, און באגלייט דעם יונגען גראף מיט זיינע אויגען... ווען ער האָט זיך שוין מעהר ניט געזעהן, האָט ר׳ לייזער אויסגערופען:

— א טייערע נשמה!

— א מלאך איז געשטאלט פון א מענשען! — האָט רבקה צוגעגעבען.

יהודית האָט געגעבען א לייכטען זיפץ און די מאמע האָט אויף איהר א קוק געטאָן. ווידער איז אין שטוב געוואָרען שטיל...

## קאפּיטעל ניין

דער גראף פּאָטאָצקי האָט אין ווילנע פארבראכט עטליכע טעג, און ער האָט פלוצלונג דערזעהן זיין זוהן, וואלענטי׳ן. ער איז ניט געווען צופרידען פון זיין באזוך.

— העער זיך איין וואלענטי — האָט דער גראף געזאָגט — איך האָב געמיינט אז דו ווילסט זיך אויסרוהען דורך די זומער מאָנאטען אין אונזער זומער־פּאלאַץ, און איצט קומסטו אהער, אין ווילנא ווען עס איז דאָ אזוי היים! זאָג מיר דעם אמת, מיין זוהן, האָט דיך אהער געשיקט דיין מוטער, מיך צו היטען.

— גייז פּאטער! — האָט וואלענטי געזאָגט — איך בין אהער געקומען זיך צו זעהן מיט מיין פריינד זארעמבא. איך האָב איהם פארשפּראָכען צו באזוכען אין ווילנא.

— און איך האָב דיך פארדעכטיגט אז דיין מוטער שיקט דיך צו האלטען אַן אויג אויף מיר. איך וויל דיר דאריבער זאָגען אז איך וועל מעהר ניט דולדען, אז דו זאָלסט מיך נאָכפאָלגען אויף יעדען טריט און שריט.

— איך פארזיכער דיר, פּאָטער, אז איך האָב ניט בדעה דיך נאכצופאָלגען — האָט וואלענטי איהם געזאָגט — זאָל דיין אייגענער געוויסען דיך היטען!

— דיין מוטער זוכט צו פאראורמערען מיין לעבען — האָט דער גראף געזאָגט — זי האָט באדארפט ארייננטרעטען אין א מאָנאסטיר. זי וויל ניט וויסען פון די פארגעניגענס פון לעבען. איך בין אויך א געטרייער קאטאָליק, אָבער פונדעסטוועגען וויים איך אז מען קאָן זיין א פרומער קאטאָליק און אין דער זעלבער צייט אויך געניסען פון לעבען...

— איך וועל דיר ניט שטערען — האָט וואלענטי געזאָגט — איך בין אהער געקומען צוליב אַן אנדער צוועק... איך וועל געדיינקען דעם אָפּמאַד וואָס מיר האָבען ביידע אָפּגעמאכט, אז איך זאָל מיט קיינעם ניט ריידען וועגען דעם וואָס איך האָב אויסגעפונען, און דערפאר וועסטו אויפגעבען דיין אונטערדריקען די אידען און זיי ניט צווינגען צו באַטייליגען זיך אין אזעלכע אונטערהאלטונגען. אויב דו וועסט האלטען דיין אָפּמאַד, וועל איך האלטען מיינעם!

— איך וועל האָבען היינט אַן אונטערהאלטונג אין מיין פּאלאַץ, אָבער ניט ווי פריהערדיגע — האָט דער גראף געזאָגט — בלויז אייניגע פון מיינע פריינד וועלען קומען און מיר וועלען פארברייגגען. איך זאָג עס דיר איצט, ווייל איך פארלאנג פון דיר אז דו זאָלסט ניט קומען שטערען.

— איך וועל זיך האלטען פון וויטען! — האָט וואלענטי געזאָגט.

וואלענטי איז גלייך אוועק צו זיין גוטען פריינד זארעמבא אין הויז. דאָרט האָט איהם זארעמבא אויפגענומען מיט גרויס פרייד.

— איך קאָן דיר ניט איבערגעבען ווי צופרידען איך בין דיך צו זעהן!

— האט איהם זארעמבא געזאגט — זינט מיין באזוך ביי דיר אין דיין פאטער'ס זומער־פאלאץ, אין איליע, האב איך ניט אויפגעהערט צו טראכטען פון דיר, און פון די אידען וועמען איך האב געהאט דעם פארגעניגען צו באזוכען יענעם שבת.

— טאקע צוליב דעם בין איך צו דיר איצט געקומען! — האט וואלענטי געזאגט.

— וואס האט עפעס פאסירט? — האט זארעמבא איהם געפרעגט.

— יע, זינט דו ביזט אוועק פון אונז האט זעהר פיל פאסירט! — האט וואלענטי געזאגט — א גאנצע איבערקערעניש אין מיין נשמה... אבער קום, ארוים מיט מיר אויף א שפאציר, איך וועל דיר אלץ איבערגעבען.

זיי זיינען ביידע ארויפגעגאנגען אויף דעם שלאסבארג. דארט האבען זיי זיך געזעצט אונטער א בוים, און זיי האבען גערעדט צווישען זיך. וואלענטי האט איהם איבערגעגעבען וועגען אלץ וואס האט פאסירט וועגען דעם גלח אנטאן און זיין פאטער און וועגען דער אויסגעלאסענער פראנצויזישער מיידעל.

— איך ווייס ניט וואס מיט מיר איז געשעהן! — האט וואלענטי געזאגט — איך האב פלוצלונג דערפיהלט אז איך באלאנג ניט מעהר צו דער קריסטליכער אמונה! זי קאן מעהר ניט צופרידענשטעלען מיינע גייסטליכע באדערפענישען... איך האב לאנג געטראכט וועגען דעם, איך האב געשטודירט דעם אלטען טעסטאמענט, און איך האב אן אינערליכען דראנג צו באקעהרען זיך צו דעם אידישען גאט! יע, איך האב באשלאסען צו ווערען א איד!

— א, וואלענטי! — האט זארעמבא אויסגערופען — דו ווייסט וואס דאס באדייט?

— יע, איך ווייס גאנץ גוט וואס מיר קאן ערווארטען, אבער איך בין גרייט אויף אלץ... איך בין גרייט אפילו מקריב צו זיין מיין לעבען פאר דעם אידישען גאט!

— זאג מיר, דעם אמת, וואלענטי — האט זארעמבא זיך צו איהם געווענדעט — פארלייקען גארניט פון מיר! האט די שעהנע טאכטער פון דיין פאטער'ס ארענדאר עפעס צו טאן מיט דיין פלוצלינגען באשלוס?..

— עס איז אמת, יהודית האט אויף מיר א סך געווירקט צו מאכען מיין שריט שנעלער ווי איך האב געטראכט — האט וואלענטי זיך אנגערופען — אבער ניט צוליב איהר, האב איך געמאכט מיין באשלוס. איך האב שוין פון לאנג געטראכט פון דעם, נאך איידער איך האב זיך געטראפען מיט דער פאמיליע זוסקעס, און ווען איך האב געזעהן מיט מיינע אויגען ווי אזוי דער גלח און די אנדערע זינדיגען און טרייסטען זיך מיט דעם אז ווען זיי וועלען זיך מתודה זיין אויף זייערע זינד וועט זיי גאנץ פארגעבען ווערען. איך האב גענומען פיהלען אז איך באלאנג ניט מעהר צו זיי... איך האב זיך אויך צוגעקוקט ווי אזוי די אידען פיהרען זיך אויף, איך האב געזעהן דעם אונטערשייד צווישען אונזער רוה טאג און דעם אידישען שבת, און איך האב דאן געמאכט מיין באשלוס... יע, מיין פריינד זארעמבא, איך וויל ווערען א איד!

זארעמבא האט איהם באטראכט א קליינע ווילע און דערנאך זיך אנגערופען:

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת, איך אליין פיהל אויך אז די אידישע אמונה האט אין זיך עפעס צוציהענדעס, עפעס מעהר מיסטעריעזעס... און דאריבער האב איך געפיהלט א מין נאהענטקייט צו מיין נייעם פריינד, חיים, און זיין געלערנטען זיידען ר' מנחם מאן. דו ווייסט אז איך בין שוין געוועזען ביי איהם עטליכע מאל, זינט איך האב זיך צוריקגעקעהרט פון איליע. איך האב מיט איהם גערעדט וועגען דיר, און ער האט ניט אויפגעהערט דיך צו לויבען. ער האט מיר געזאגט אז דו האסט געראטעוועט די גאנצע אידישע משפחה פון אונטערגאנג... ער האט מיר אויך געזאגט אז ער האפט אז דו האסט געמאכט א סוף צו אט דעם דאזיגען שפיל, וואס האט שוין אומגעבראכט עטליכע אידישע לעבענס...

— יע, איך בין זיכער אז מיין פאטער וועט ניט מעהר האבען אזעלכע אונטערהאלטונגען אין זיין פאלאץ. איך האב פון איהם ארויסבאקומען א פארשפרעכען. ער וועט זיך שוין פון איצט אן באציהען מיט מעהר פריינדליכקייט צו די אידען!

— אויך מיין משפחה האט לעצטענס געענדערט די באציהונגען צו די אידען. איך האב זיי דערצעהלט

אז דער ארענדאר פון דיין פאָטער האָט באַזיגט דעם באריהמטען טענצער יוזשוק אין א טאנץ־געוועט, און ווי אזוי ער האָט איהם באהאנדעלט, נאכדעם ווי ער האָט געהאט א געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אָן איהם, און ער האָט עס ניט געטאָן... אָבער פונדעסטוועגען וואָלט איך דיר אָפּגערעדט פון אזא שריט... דו דארפסט ניט פארגעסען די פילע שטרויכלונגען וואָס דו וועסט באגעגענען אין וועג. אויסער דעם, וועסטו דאמיט קיין טובה ניט טאָן צו די אידען.

— טאקע וועגען דעם וויל איך זיך מיט דיר בעראטען — האָט וואלענטי געזאָגט — איך האָב ענטדעקט מיינע געפיהלען צו דעם אידען ר' לייזער פון איליע, און ער האָט מיר אויך אָפּגערעדט פון דעם. ער האָט מיר געזאָגט אז איך וועל שטעלען אין געפאהר זעהר פיעל אידען, ווען איך וועל עס טאָן!

— ער איז גערעכט! — האָט זארעמבא געזאָגט — דו ווייסט דאָך ווי שטארק די שנאה פון אונזעריגע איז צו די אידען, זיי וועלען אין דעם ניט שווייגען!

— דערפאר האָב איך באשלאָסען צו פארלאָזען פוילען. איך וועל אוועק אין אויסלאנד. איך האָב געהערט אז אין האָלאנד קאָן מען בייטען די רעליגיע אָהן שטערונגען. עס פארשטעהט זיך אז איך וואלט פריהער וועלען זיך בעראטען מיט אונזער פריינד ר' מנחם מאָן.

— קום, לאָמיר אריבער געהן צו איהם! —האָט זארעמבא אויסגערופען — און אפשר וועט זיין א סך בעסער, אז דו וועסט דערווייל אליין געהן צו איהם. זאל עס בלייבען א סוד צווישען אייך ביידען און דו וועסט זעהען וואס ער וועט דיר ראטהען צו טאָן!

—איך ווייס, אז ער וועט מיר זוכען אפצורייד‍ען פון דעם! — האָט וואלענטי געזאגט, און איך האָב ביי זיך באשלאָסען צו ווערען א איד, אפילו ווען די אידען אליין וועלען מיר פון דעם אפריידען! דו ביזט דער איינציגער קריסט פאר וועמען איך האָב ענטדעקט אָט דעם דאָזיגען סוד מיינעם. איך ווייס אז דו וועסט עס וויסען ווי צו האלטען!

— איך בין זיך מודה פאר דיר, מיין פריינד, אז איך אליין האב אויך פיעל געטראכט וועגען דעם, איבערהויפּט זינט מיין פריינדשאפט מיט חיים'ען, אבער איך בין נאָך ניט גרייט זיך מקריב צו זיין פאר דעם אידעאל! איך האָב געזעהען די פיעלע אומרעכטען, וואס ווערען באגאנגען אין נאמען פון אונזער אמונה, און איך האָב איינגאנצען פארלאָרען מיין צוטרויען צו איהר. אבער אין דער זעלבער צייט האָב איך ניט געפונען קיין צווייטע רעליגיע וואס זאל פארנעהמען איהר פלאץ אין מיין הארצען! — האָט זארעמבא זיך צו איהם אנגערופען.

— דאָס איז ווייל דו האָסט ניט געהאט קיין געלעגנהייט צו שטודירען דעם אלטען טעסטאמענט. דו האָסט בלויז געהערט ווי אונזערע גלחים טייטשען אוים די רייד פון די נביאים און גיבען אין זיי אריין כוונות, בלויז כדי צו שטיצען דאָס וואס זיי זוכען צו פריידיגען. אבער ווען מען פארטיפט זיך אין די רייד פון יענע גרויסע נביאים פון פאָלק ישראל, קאָן מען זעהען די געטליכקייט וואס שטראמט ארוים פון זייערע רייד . . . מען קאָן פיהלען אז זיי זיינען באגאבט מיט אן איבערמענשליכען כח צו ריידען אין נאמען פון גאָט . . . אזוי פיהל איך ווען איך לייען די הייליגע שריפטען. איך ווייס אז ניט אלץ איז מיר פארשטענדליך, אז איך האָב נאָך קיין אהנונג ניט וועגען דער גרויסקייט און טיפקייט, וואס געפינען זיך אין דער אידישער אמונה און דערפאר האב איך באשלאָסען צו לערנען, צו שטודירען דעם יודענטום, איידער איך וועל זיך מגייר זיין, ווייל ווען איך וועל ווערען א איד, וויל איך האָבען די מעגליקייט צו לערנען די הייליגע תורה און צו פארשטעהן די הויפּט פּרינציפּען פון דער אידישער אמונה . . . יע, זארעמבא, איך צווייפעל ניט, אז ווען דו אליין וועסט בעסער פארשטעהן די אידישע תורה, וועסטו אויך, ווי איך, איינזעהען, וואו עס ליגט דער אמת!

— איך בין איבערצייגט אין דעם! —האָט זארעמבא זיך אנגערופען — אבער איך ווייס ניט אויב דאָס וואלט מיר איצט געהאָלפען . . .

— פארוואס ניט? — האָט איהם וואלענטי געפרעגט. — ביזטו דען ניט

פֿאַראינטערעסירט צו געפֿינען דעם אמת?

— איך בין זעהר פֿאַראינטערעסירט! — האָט זארעמבא געענטפֿערט — און עס קאָן זיין, אז ווען עפּעס אנדערש וואלט איצט ניט פּאסירט אין מיין לעבען, וואלט איך מיט דיר געגאנגען קיין אויסלאנד, כדי צו האבען א בעסערע געלעגענהייט צו שטודירען דעם יודענטום, און דאַן באשליסען אויב איך זאָל אננעהמען די אידישע רעליגיע אדער ניט... איצט אבער, קאָן איך אפילו פֿון דעם ניט טראַכטען...

— פֿאַרוואס? — האָט איהם וואַלענטי אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— ווייל איך בין פֿאַרליעבט! — ענטפֿערט ער און אויף זיין פּנים באַווייזט זיך א שמייכעל.

— דו ביזט פֿאַרליעבט! — רופֿט אויס וואַלענטי מיט ערשטוינונג, — ווער איז זי?

— איך גלויב אז דו קאַנסט זי — האָט זארעמבא זיך אנגערופֿען. — זי איז די אינגערע טאָכטער פֿון דעם גראַף לינעצקי! זי איז געוועזן אין דיין פֿאַטער'ס פּאַלאַץ אין איליע, ווען חיים האָט באזיגט יוזשיק'ן.

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת, אז איך געדענק ניט! — האָט וואַלענטי זיך אנגערופֿען. — איך בין געוועזן אזוי פֿאַרטאָן אין דעם צו זעהען, אז חיים זאָל געווינען דעם טאַנץ געוועט, אז איך האָב קיינעם דאָרט ניט באמערקט! אלץ וואס איך וויים איז, אז מיין שוועסטער קאטערינא, האָט מיר נאָכדעם אויסגערעדט אז לינעצקי'ס טאָכטער האָט זיך פֿאַר איהר באקלאָגט, אז איך האָב צו איהר קיין אויפֿמערקזאמקייט ניט געשאָנקען.

—יע, דאָס איז געוועזן איהר עלטער שוועסטער! — האָט זארעמבא געזאגט — זי איז אין דיר פֿאַרליעבט!

— א, נארישקייטען! — האָט וואַלענטי אויסגערופֿען. — מיר ליגט ניט אין זינען אזעלכע זאכען!

— נו, געוויס ניט איצט!

— האָט זארעמבא געזאגט מיט א שמייכעל, — איצט ווען דיינע געדאנקען באלאנגען צו דער שעהנער יהודית, די טאָכטער פֿון דיין פֿאַטער'ס ארענדאר!

— זארעמבא! — האָט וואַלענטי אויסגערופֿען, — דו זוכסט אויך חוזק צו מאַכען פֿון מיר! אויב אזוי מעגסטו וויסען, אז איך האָב זיך ניט אומגעקוקט אויף דעם גראַף לינעצקי'ס טאָכטער, נאָך איידער איך האָב געהאט געזעהען יהודית'ן! גלויב מיר אז מיין באשלוס צו ווערען א איד, האָט גאָר ניט צו טאָן מיט איהר!

—איך גלויב דיר, מיין פֿריינד!

— האָט זארעמבא געזאגט. — איך וויים, אז אזעלכע זאכען ווערען ניט בעאיינפֿלוסט פֿון ראמאנסירען, איך מיין דיין באשלוס צו בייטען דיין אמונה. גאנץ אָפֿט טראַכט איך אבער אז פֿיעלע זאכען אין אונזער לעבען ווערען בעאיינפֿלוסט פֿון אונזער שטארקער ליעבע צו א געוויסער פּערזאָן.

— ווען איך וואלט דיך ניט געקאָנט זעהר גוט, וואלט איך פֿילייכט חרטה געקראגען וואס איך האָב פֿאַר דיר ענטדעקט אט דעם דאָזיגען סוד!

— האָט וואַלענטי געזאגט, — אבער איך וויים, אז דיין פֿריינדשאַפֿט צו מיר וועט דורך דעם ניט געמינערט ווערען!

— פֿאַרקעהרט, איך פֿיהל אז איך בין צו דיר איצט נאָך מעהר צוגעבונדען... איך פֿיהל אז איך בין ניט שטארק גענוג צו טאָן דאָס זעלבע וואס דו רעכענסט צו טאָן... עס קאָן זיין אז איך בין א פֿייגלינג!...

— ניין, זארעמבא, דו ביזט ניט קיין פֿייגלינג! דו אליין האָסטו דאָך מיר נאָר וואס געזאגט, אז דו ביזט פֿאַרליעבט, און דאָס איז די אורזאכע! דאָס קאָן איך פֿאַרשטעהן! פֿונדעסטוועגען גלויב איך אז ווען דו וועסט פֿיהלען, אז דו ביזט איבערצייגט אין דעם, אז די אידישע אמונה איז די ריכטיגע, וועסטו זיך אויך מיט קיין זאך ניט רעכענען, ווייל דאַן וועסטו שטעלען דיין אמונה העכער פֿון אלץ אין דער וועלט...

— איך בין ווירקליך נייגעריג צו לערנען צוזאמען מיט דיר! — האָט זארעמבא געזאגט, — כאָטש איך וויים אז איך וועל עס ניט קאנען טאָן צוליעב מיין ליעבע צו יוליא, די טאָכטער פֿון דעם גראַף לינעצקי.

— דו ווייסט וואס איך גלויב — האָט וואַלענטי אויסגערופֿען — אז ווען עס עקזיסטירט א שטארקע

ליעבע צווישען צוויי פערזאנען, דארפען זיי זיין גרייט צו ברייננגען די גרעסטע קרבנות, זיי דארפען זיך פארשטעהן, און אויב דו וועסט זיין איבערצייגט אז די אידישע אמונה איז די ריכטיגע און דו וועסט זיך וועלען באקעהרען צו איהר, דארפסטו האבען גענוג איבערצייגונג אין זיך אויך צו ווירקען אויף דיין געליבטער ! ערשט דאן קאנט איהר ביידע זיין גליקליך...

— אפשר ביזטו אויך אין דעם גערעכט, אבער שטעל זיך פאר ווען איך קום צו יוליא'ן און זאג איהר, אז מיר דארפען ווערען אידען, וואלט זי דאך געמיינט, אז איך בין פון זינען ארונטער . . .

—עס פארשטעהט זיך, אז מען וועט דארפען צוגרייטען פריהער דעם באדען פאר אזא זאך. דאס קאן געדויערען עטליכע יאהר, אבער ענדליך קאן מען עס דערגרייכען . . . דאן אבער וועסטו אליין מוזען זיין זעהר שטארק איבערצייגט . . .

—איין זאך בין איך שוין איבערצייגט, אז דער קאטוילישער גלויבען, שטעלט מיר ניט צופרידען ווי פריהער . . . איך האב אויסגעפונען פיעלע זאכען, וואס איך האב ביז איצט ניט געוואוסט . . . אויך דאס וואס דו האסט מיר דערצעהלט וועגען דעם גלח אנטאן, האט צוגעגעבען צו מיין אומצופרידענהייט מיט דער קאטוילישער אמונה, אבער אין דער זעלבער צייט, איז מיין באגריעף וועגען דער אידישער אמונה אויך זעהר באגרעניצט . . . און ביז וואנען איך וועל אנפאנגען פיהלען אן אינערליכען דראנג צו דער אידישער תורה, וועל איך ניט זיין פעהיג איבערצוריידען יוליא'ן.

— עס פארשטעהט זיך אז ניט, ווייל דאן וואלסטו זיכער קיין ערפאלג ניט געהאט און דו וואלסט זיך בלויז פארשאפט צרות . . . איך וואלט דיר אליין אפגערעדט פון דעם ! — האט וואלענטי געזאגט. — מיין עצה איז, אז דו זאלסט איצט אויך נעהמען שטודירען צוזאמען מיט מיר. לאמיר ביידע אריבערגעהן צו אט דעם געלערנטען אידען, ר' מנחם און ער וועט אונז אלץ ערקלעהרען.

— גוט, איך בין גרייט ! — האט זארעמבא געזאגט. — אויב איך וועל דיר דארט ניט שטערען, געה איך מיט דיר ! דו, אבער וועסט דארפען איהם ערקלעהרען אז ער האט ניט וואס מורא צו האבען פאר מיר.

זיי זיינען באלד אוועקגעגאנגען צו ר' מנחם'ען אין הויז. ער איז גראד געווען אליין. ער איז געזעסען איבער א גרויסער גמרא און געלערנט. ווען ער האט דערזעהן וואלענטי'ן און זארעמבא'ן, האט ער צוגעמאכט די גמרא און זיי געבעטען זיך זעצען. ער האט זיך נאכגעפרעגט ביי וואלענטי'ן וועגען דעם גראף און גרעפין, זיינע עלטערען. זיי האבען א ווייל'ע גערעדט פון פארשידענע זאכען.

— איך בין געקומען צו אייך מיט מיינעם א פריינד וועגען א וויכטיגען ענין ! — האט וואלענטי זיך צו איהם געווענדעט. — איך וויל ריידען מיט אייך גאנץ אפען . . . און איך האף, אז איהר וועט מיר פארשטעהן און מיר געבען די ריכטיגע עצה !

ר' מנחם האט אויף איהם געווארפען זיין בליק, און דאן זיך אנגערופען :

— איך בין גרייט אייך צו דינען, הער גראף, פונקט ווי איך דין אייער פאטער !

— לעצטען שבת האב איך פארבראכט ביי אונזער פריינד, ר' לייזער זוסקעס ! — האט וואלענטי אויסגערופען, — איך בין צו איהם געקומען נאך א וואך פון ענטוישונגען און ענטדעקונגען, וואס האט געבראכט א צערודערונג אין מיין נשמה . . .

וואלענטי האט דאן דערצעהלט ר' מנחם'ן אלץ וואס עס האט פאסירט און האט צוגעגעבען :

— כאטש נאך לאנג פאר דעם, האב איך זיך ארומגעטראגען מיט דעם געדאנק, אז די אידישע אמונה איז די ריכטיגע, האט אבער די דאזיגע ענטדעקונג וועגען דעם גלח אנטאן, מיר א שטויס געטאן נאך שנעלער ווי איך האב ערווארטעט ! איך האב דאן ענטדעקט מיין הארץ פאר ר' לייזער'ן אבער צו מיין גרויס ערשטוינונג האט ער מיר פון דעם אפגערעדט . . .

— ער האט ריכטיג געטאן ! — האט ר' מנחם זיך צו איהם אנגערופען — עס וועט זיין א סך בעסער פאר אייך און פאר אונז אז איהר וועט זיך

ארויסשלאגען אזעלכע געדאנקען פון קאפ.

— א, ניין, מיין פריינד ! — האט וואלענטי אויסגערופען, — איך וואלט זיך געפיהלט זעהר אונגליקליך אויב איך וואלט געדארפט אויפגעבען מיין האפענונג צו דערגרייכען מיין ציעל... איך קאן שוין מעהר אזוי ניט לעבען! איך וויל ווערען א איד !

ר' מנחם האט איהם באטראכט און געבליבען זיצען אויף זיין פלאץ שווייגענדיג. ער האט אויך געקוקט אויף זארעמבא'ן.

— און וואס איז אייער מיינונג ?

— פרעגט ר' מנחם זארעמבא'ן נאך א קליינער פויזע.

—איך ווייס איין זאך — האט זארעמבא געענטפערט, — אז מיין פריינד וואלענטי איז ערנסט און איבערצייגט אז ער וועט ניט מעהר קאנען פארבלייבען קיין קריסט. איך אליין בין אויך שטארק ענטוישט און צוזאמען מיט דעם וואס ער האט מיר דערציילט האט מיך איינגאנצען אפגעקעהרט פון מיין רעליגיע... איך פיהל זיך איצט ווי איינער וועלכער שפרינגט ארונטער פון א הויכען בארג און ער האט נאך ניט דערגרייכט די ערד, און ער ווייסט ניט אויב זיין פאל וועט זיין אויף א ווייכען פלאץ אדער אויף א הארטען פעלזענשטיין.

— אבער דו זעהסט אז די געפאהר איז דא פאראן ! — האט ר' מנחם אויסגערופען, — יע, עס איז פאראן א געפאהר אז מען זאל זיך אנשלאגען אן א הארטען פעלזענשטיין...

— ר' מנחם ! — האט וואלענטי אויסגערופען — איך פארמאך ניט מיינע אויגען און זאג ניט אז איך זעה ניט די געפאהר, אבער דאס איז בלויז א קערפערליכע געפאהר ! איך בין גרייט מקריב צו זיין מיין קערפער אויף דעם חשבון פון מיין נשמה !... איך בין ביי זיך ניט גענארט ! איך האב שוין פון דעם זעהר פיעל געטראכט... ניט פון היינט אן טראכט איך פון דעם, אבער איך טראכט שוין פון דעם פאר פיעלע יאהרען... זינט איך האב אנגעהויבען צו פארשטעהן דעם אונטערשייד פון שלעכטעס און גוטעס... איך האב געהאט א געפיהל אז ניט אלץ וואס מען לערנט מיט אונז אין דער קאטוילישער סעמינאריע, איז ריכטיג ... איך האב אנגעהויבען צו זעהען, אז מען נארט אונז אין פיעלע זאכען, איך האב אליין גענומען שטודירען די ביבעל, דעם אלטען טעסטאמענט, און איך בין געקומען צום באשלוס, אז פיעלע פון אונזערע געלערנטע, זוכען אריינצוגעבען א פאלשען אויסטייטש וועגען די רייד פון די הייליגע נביאים ... איך האב זיך אבער מיט דעם נאך ניט באגניגענד... איך האב געקוקט ווי אזוי אייערע אידען פיהרען זיך אויף, ווי איהר האט אפ אייער תורה און מיין הארץ איז אנגעפילט געווארען מיט א שטארקען ווונש, צו ווערען איינער פון אייער פאלק, וועלכער וועט קאנען געפינען צופרידענהייט אין מיין הארץ און א באלזאם פאר מיין נשמה אין דער הייליגער תורה, וואס משה האט אייך געגעבען פון גאט אויף דער בארג סיני...

— מיין ווירדיגער גראף ! — האט ר' מנחם אויסגערופען — עס איז מיר זעהר שווער אייך צו געבען אן עצה... איהר האט מיר געשטעלט אין א פארלעגענהייט... איין זאך אבער ווייס איך, אז דא וועט איהר דאס בשום אופן ניט קאנען אויספיהרען...

— דאס ווייס איך ! — האט וואלענטי געזאגט — איך האב באשלאסען צו פארלאזען פוילען און אפפאהרען קיין אמסטערדאם... איך האב געהערט אז דארט איז יעדער איינער פריי צו דינען זיין גאט, און קיינער שטערט ניט דעם צווייטען צו דינען צו דעם גאט צו וועמען זיין הארץ ציהט...

—איך ווייס, אז די אידען פון אמסטערדאם זיינען אויך זעהר פארזיכטיג ניט צו ערמוטיגען קיין גרים... זיי ווילען ניט אז מען זאל זאגען אז זיי מיסברויכען זייערע פריווילעגיעס... זיי זיינען מגייר איינעם, וועלכער קומט צו זיי באוואפענט מיט א סך וויסענשאפט פון דער אידישער תורה...

— דערפאר בין איך געקומען צו אייך, ר' מנחם, איך וויל אז איהר זאלט מיט מיר לערנען אייער הייליגע שפראך און אייער תורה... איך וועל זיך דאן מגייר זיין ווען איך וועל פיהלען אז איך קאן גלייך אנהויבען

דינען גאָט, פּונקט ווי יעדער איד טהוט עס . . .

— אין דעם ליגט אויך די סכנה פאר אונז ! — האָט ר׳ מנחם זיך אָנגערופען. — ווען אייער פאטער וועט אויסגעפינען אז איך לערען מיט אייך די אידישע תורה, וועט ער אויסגיסען זיין צאָרן ניט נאָר אויף מיר, נאָר אויך אויף אלע אנדערע אידען וועלכע זיינען אונטער איהם . . .

— מיין פאטער איז לעצטענס זעהר שטארק פארנומען מיט זיינע פארוויילונגען — האָט וואלענטי געזאגט — ער איז צופרידען אז איך שטער איהם ניט . . . אויסער דעם ווייס ער אז איך האָב א סך צו דערצעהלען וועגען איהם און וועגען זיין גלח אנטאָן, און דאריבער וועט ער ניט שענקען קיין אויפמערקזאמקייט צו דעם וואס איך טהו . . .

— איך גלויב אויך, אז וואלענטי האָט רעכט ! — האט זארעמבא זיך אָנגערופען — מיר ביידע זיינען סטודענטען אין דער קאטוילישער סעמינאריע. מיר שטודירען רעליגיע און מר האָבען א רעכט צו לערנען הייליגע שפּראַך. מיר קאָנען דאָך שטענדיג זאגען, אז דאָס טהוען מיר, ווייל מיר ווילען וויסען ווי אזוי צו ענטפערען די וועלכע וואס האָבען א סך ספקות וועגען אונזער אמונה . . . איך ווייס אז איינער פון אונזערע גלחים לעהרער אין דער סעמינאריע, קאָן זעהר גוט די העברעאישע שפּראַך און ער זאגט אונז אז ער האָט געשטודירט דעם אלטען טעסטאמענט אין׳ם אָריגינעל...

— מיר האבען נאָך אן ערך פון צעהן וואכען איידער מען פאנגט ווידער אָן צו לערנען אין דעם סעמינאר — האָט וואלענטי געזאגט — און דורך אָט דער צייט קאָנען מיר ביידע א סך אויפטאָן. מיר וועלען ביידע שטודירען די הייליגע שפּראַך און אין דער זעלבער צייט וועט איהר אונז אויך באלייכטען וועגען די הויפּט פּרינציפּען פון יודענטום . . . גלייך נאָכדעם, וועל איך זיך גרייטען צו דער רייזע . . . איך גלויב אז מיין פאטער וועט ניט זיין דאגעגען מיין פאהרען, ווייל איך האָב שוין לאנג אויסגעדריקט מיין פארלאנג צו פאהרען קיין פּראנקרייך, דאָרט הערשט איצט א גאַנץ פרייער גייסט . . . איך געדענק אז מיט א יאָהר צוריק, האָט מיין פאָטער אליין מיר פארגעשלאָגען צו פאהרען קיין פּאריז . . .

— פאָהרען פריהער קיין פּאריז, איז גאָר ניט קיין שלעכטער פּלאַן ! — האָט ר׳ מנחם געזאגט. — איך האָב דאָרט מיינעם א פריינד, א זעהר געלערנטען און פרומען אידען. איך וועל אייך מיטגעבען א בריוו צו איהם און ער וועט אייך זעהר שטארק מקרב זיין . . . ער וועט מיט אייך לערנען און ער וועט אייך ראטען וואס צו טאָן, צו וועמען זיך צו ווענדען ווען איהר וועט זיין אין אמסטערדאם.

— דו ווייסט, וואלענטי ! — האָט זיך זארעמבא צו איהם אנגערופען — איך וועל מיט דיר מיטפאהרען קיין פּאריז !

— דו ? . . . — האָט וואלענטי איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג — ווי קומסטו עס צו טאָן ? דו האָסט דאָך דיין יוליע׳ן אזוי ליעב, ווי אזוי וועסטו קאָנען איהר איבערלאזען און פּלוצלונג אוועקפאהרען . . .

— איך וועל דיר דערצעהלען דעם אמת, — האָט זארעמבא געזאגט — יוליע איז ניט איבעריג צופרידען מיט דעם, וואס איך שטודיר אין דער קאטוילישער סעמינאריע. זי האָט מיר געזאגט אז בלויז אזעלכע וועלכע ווילען זיין גלחים דארפען דאָס טאָן . . . און אזוי ווי איך האָב דאָך ניט בדעה צו ווערען א גלח, דארף איך ניט שטודירען דאָרט. איך בין זיכער, אז ווען איך וועל איהר זאגען אז איך פאהר מיט דיר שטודירען אין פּאריז, דאן וועט זי איינשטימען... ווען איך וועל זיין דאָרט מיט דיר קאָן זיין, אז איך זאל אויך טאָן וואס דו וועסט טאָן !

— דאָס לאז איך איבער צו אייך ביידען ! — האָט ר׳ מנחם געזאגט — איהר קאנט דערווייל קומען צו מיר און איך וועל מיט אייך לערנען העברעאיש און אייך אויך ערקלעהרען די הויפּט פּרינציפּען פון אונזער תורה...

זינט דאן פלעגען ביידע, וואלענטי און זארעמבא קומען צו ר׳ מנחם׳ן יעדען טאָג און ער פלעגט מיט זיי ביידען לערנען העברעאיש. ער האָט זיי אויך ערקלעהרט די באדייטונג פון פיעלע פון די מצוות . . .

אין משך פון עטליכע וואָכען האָבען ביידע געמאכט פארשריט. וואלענטי

האָט זיך דורכגערעדט מיט זיין פאָטער און איהם געזאָגט וועגען זיין פּלאַן צו פאָהרען קיין פּאריז.

— זעהר גוט, מיין זוהן ! — האָט דער גראף אויסגערופען — איך האָב אויך שוין וועגען דעם געטראכט, מיר וועלען פאָהרען צוזאמען !

דאס איז אפילו וואלענטין ניט געווען צום הארצען, אָבער וויסענדיג אז זיין פאָטער וועט פאָהרען קיין פּאריז צו זוכען דארט פארגעניגען, וועט ער פון איהם קיין סך שטערונגען ניט האָבען. בפרט ווען ער וועט דארט זיין מיט זיין פריינד זארעמבא.

די גרעפין, וואלענטי׳ס מוטער, האָט אָבער געמאכט א פארזוך וואלענטי׳ן אָפּצורייד ען פון דעם.

— מיין זוהן ! — האָט זי איהם געזאָגט — איך וויים אז דו ביזט אנדערש פון די פילע יונגע ליט וועלכע זוכען צו געפינען קערפּערליכע פארגעניגען אין לעבען. דו ביזט פרום און אינגאנצען איבערגעגעבען צו אונזער האר יעזוס. דאריבער וואָלט איך געוואָלט אז דו זאָלסט פארטזעצען דיין שטודיום אין דער קאטוילישער סעמינאריע, בלויז דארטען וועסטו געפינען דיין גייסטיגע באפרידיגונג...

—מוטער, מיר לעבען איצט אין א גאנץ אנדער וועלט — האָט וואלענטי זיך אָנגערופען — אפילו א גייסטליכער קאָן זיך מעהר ניט באנוגענען מיט דעם וואס ער לערענט וועגען זיין רעליגיע. מיר דארפען וויסען ווי אזוי צו באַשטרייטען די אומגלויביגע, און דאס קאָנען מיר טהאָן בלויז דאן, ווען מיר באוואפענען זיך מיט אלגעמיינער וויסענשאפט... מיר דארפען זיך אויך באַקאָנען מיט די פארשידענע אמונות, כדי צו קאָנען איבערציינגען אונזערע געגנער אז זיי בלאָנדזשען, אז זיי ווייסען ניט דעם ריכטיגען וועג... און דאריבער גלויב איך אז דאס שטודירען אין פראנקרייך, וועט מיר א סך ארויסהעלפען...

— אָבער איך האָב געהערט אז פּאַריז איז א זינדיגע שטאָדט.

— מוטער, דער וועלכער זוכט צו זינדיגען קאָן עס טהאָן אפילו דא !— האָט וואלענטי זיך צו איהר אָנגערופען.

— דאס איז אויך אמת ! — האָט די גרעפין א זיפץ געטהאָן — יע, מיר האָבען דא צווישען אונז א סך, גאר א סך, זינדיגע מענשען וועלכע רעכענען זיך מיט קיין זאך ניט... איך וויים מיין זוהן, אז איך קאָן זיך פארלאָזען אויף דיר איך האָב געהערט אז אויך דיין פריינד זארעמבא וועט מיר דיר פאָהרען, אויב אזוי, בין איך שוין באַרוהיגט. איך וויים אז אזעלכע צוויי פרומע קאטוילִיקען ווי דו און זארעמבא, וועלען טהאָן בלויז גוטעס... יע, זאָג מיר, מיין זוהן, וואס הער איך אז זארעמבא האָט בדעה צו הייראטען יוליע, די טאָכטער פון דעם גראף לי־

— יע, מוטער, עס איז אמת ! ער

נעצקי ?

איז פארליבט אין איהר !

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, וואלענטי, אז איך בין עטוואָס ענטוישט — האָט די גרעפין אויסגערופען — איך האָב מיט דיר שוין לאנג געוואָלט ריידען וועגען דיין פריינד זארעמבא. ער איז מיר זעהר געפעלען געווארען, ווייל ער איז ווי דו פרום און אויפריכטיג, און איך האָב געמיינט אז דו האָסט איהם געבראכט מיט דעם צוועק צו באקאָנען איהם מיט דיין שוועסטער, קאטערינא, אָבער ווי עס ווייסט אוים האָט איהם גאָר אויסגעכאפּט יוליע . . .

— ניין, מוטער, עס איז ניט מיין שולד ! — האָט וואלענטי געזאָגט— מיין פריינד זארעמבא האָט געהאט א געלעגענהייט צו בעאָבאכטען קאטערינא׳ן, אָבער ווי עס ווייזט אוים איז זי איהם ניט געווען צום הארצען... ווייל זי איז ניט אזוי באשיידען ווי ער וואָלט געוואָלט זי זאָל זיין ! דו ווייסט דאך גאנץ גוט, אז מיין שוועסטער האָט אנדערע אינטערעסען. זי האָט ליעב צו פארברייגען, צו טאנצען און געניסען פון לעבען... זארעמבא אָבער האָט געזוכט א שטילע, א באַשיידענע און דאָס האָט ער געפונען אין יוליע׳ן. אָבער דו דארפסט ניט זארגען, מוטער, וועגען קאטערינא׳ן. זי וועט שוין אויסזוכען איהר באַשערטען... זי איז ניט קיין פארשלאָפענע. איך שטעל זיך פאר אז אויב זי וואָלט געווען פאראינטערעסירט אין זארעמבא׳ן, וואָלט זי שוין געוואוסט וואס צו טאָן, ווי אזוי איהם צו קריגען... מן הסתם איז ער איהר אלץ איינס ניט געווען צום הארצען . . .

— איך זעה ווי ווינציג דו קאָנסט

דיין אייגענע שוועסטער ! — האָט די גרעפין זיך צו איהם אָנגערופען — לאָמיר דיר זאָגען אז קאַטערינא, האָט זיך שטארק גענומען צום הארצען ווען זי האָט אויסגעפונען אז זארעמבא האָט זיך פארליבט אין יוליע׳ן, ווייל זי איז געווען זיכער אז ער איז אהער געקומען ווייל ער איז געווען פאראינטערעסירט אין איהר... עטליכע טעג איז זי ארומגעגאנגען א פארזארגטע, און צעקלעמטע פון דעם.. זי איז אפילו ברוגז אויף דיר, ווייל זי גלויבט אז דו האָסט איהר געקענט העלפען אין דעם...

— עס איז אינגאנצען איהר שולד!

— האָט וואלענטי אויסגערופען — זי האָט ניט געוואוסט ווי זיך אויפצופירן אין זיין געגענווארט. ער איז אָפּגעווען עטליכע טעג נאָכאנאנד, און זי האָט זיך ארויסגעוויזען צו זיין אזוי לייכטזיניג, און אויבערפלעכליך, אז זארעמבא האָט געמיינט אז זי איז אומוויסענד, אז אלץ וואס עס ליגט איהר אין זינען איז, צו פארווילען זיך אין פארשידענע פארגעניגענס...

— אזוי האָט ער דיר געזאָגט וועגען דיין שוועסטער ? — האָט די גרעפין איהם געפרעגט.

— יע, דאס איז דער איינדרוק וואס איך האָב ארויסגעקראָגען פון זיינע רייד, ווען ער האָט גערעדט וועגען מיין שוועסטער... אָבער זי דארף זיך ניט זאָרגען, זארעמבא וועט וואהרשיינליך פארבלייבען מיט מיר אין פאריז היבשע עטליכע יאהר, און זי וואָלט דאך אלץ איינס ניט געוואָלט ווארטען אויף איהם אזוי לאנג. יוליע איז דאך א סך אינגער פון קאַטערינא׳ן, און זי וועט קאָנען ווארטען אפילו ווען זיין שטודירען אין פראנקרייך וועט געדויערען עטליכע יאהר.

— זאָג מיר, מיין זוהן, ווי איך האָב געהערט וויל דיין פאָטער אויך פאהרען קיין פאריז... יע, איך ווייס אז ער פאָהרט ניט אהין שטודירען... איך האָב זיך געוואונדערט וואָס פאר די לעצטע עטליכע יאָהר איז ער ניט געפאָהרען קיין פראנקרייך... נאָר לעצטענס זיינען מיר קלאָהר געווארען פילע זאכען... יע, מיין זוהן איצט איז ניט די צייט צו ריידען וועגען דיין פאָטער קיין שלעכטעס... איך וויל דיר בלויז זאָגען אז קאַטערינא׳ס געוועזענע גאוווערנאנטקע, ראשיעל, איז ניט צוריק געפאָהרען קיין פראנקרייך ווי מיר האָבען פריהער געטראכט, נאָר זי איז פארבליבען דא.. און ווייסטו ביי וועמען זי געפינט זיך איצט ?

— ניין, איך ווייס ניט ! — האָט וואלענטי געזאָגט.

— זי געפינט זיך איצט אין דעם פּאלאץ פון גראף לינעצקי ! אָ, ווי אזוי קען א פרוי זיין אזוי אויסגעלאַסען ! . . .

— ווער האָט עס דיר דערצעהלט ?

— ווער ? דיין אייגענע שוועסטער, קאַטערינא ! זי איז דארט געווען מיט עטליכע טעג צוריק אויף א באזוך, און זי האָט דארט געזעהן ראשיעל׳ן... און דאן האָט איהר לינעצקי׳ס עלטערע טאָכטער דערצעהלט, אז זינט זי איז דארט געקומען פיהלט זי זיך ווי זי וואָלט געווען איינע פון זיי, און איהר פאָטער מאכט זיך זעהר נאריש אין איהר געזעלשאפט. איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אז איך בין גראד יע צופרידען פון דעם... אמווייניגסטען וועל איך זיין זיכער אז דיין פאָטער האָט גאָר ניט צו טהאָן מיט איהר... צוליב וואס זאָלען מיר זיך נארען, מיין זוהן, איך ווייס שוין פון לאנג אז ער פלעגט זיך זעהן מיט איהר, אז איך האָב דיר צו פארדאנקען וואס ער האָט מיר געגעבען די פּערל אנשטאט איהר... דיין שוועסטער האָט מיר אלץ דערצעהלט... איך דרינג פון דעם אז דו איבסט אויס גאָר א שטארקען איינפלוס אויף דיין פאָטער, און דאריבער האָף איך אז ווען ער וועט זיין אין פאריז, וועסטו זעהן ווירקען אויף איהם אז ער זאָל זיך אויפפיהרען דארט ווי א פרומער קאטויליק, ער זאָל דארט ניט פארשווענדען זיין צייט און געלט אויף פארגעניגען....

— איך וועל טהאָן אלץ וואס איך וועל קאָנען, מיין מוטער ! — האָט וואלענטי געזאָגט — אָבער איין זאך דארפסטו וויסען אז אויב ער וויל זיך אויפפיהרען ווי א פרומער קאטויליק, קאָן ער עס טהאָן א סך בעסער דאָ... אין פאריז קומט ער פארברייגגען, און ווי איך פארשטעה וועט ער פאָהרען מיט נאָך איינינגע פון זיינע פריינד..

— אָט טאקע צוליב דעם שרעקט מיר מיין הארץ ! — האָט די גרעפין געזאָגט — ווען עטליכע גראפען קו־

מען צוזאמען, שיכור'ן זיי זיך אָן, און דאן זינדיגען זיי...

— איך וועל טהאָן אלץ וואָס ס'איז מעגליך פאר מיר צו טהאָן — האָט וואלענטי געזאָגט — אָבער אינגאנצען פארלאָזען זיך אויף מיר קאָנסטו אויך ניט, ווייל איך וועל דארט זיין שטארק פארנומען מיט זארעמבא'ן, און אויסער דעם, וועט דער פאָטער ניט וועלען ליידען אז איך זאָל איהם דארט זאָגען דעות. דאריבער, מוטער, וואָלט איך דיר געראטען אָנצואווענדען אלץ וואס דו קאָנסט איהם אָפּצוריידען פון זיין געפּלאנטער רייזע... דו דארפסט וויסען ווי אזוי אויסצונוצען דיין איינפלוס אויף איהם!

— די צרה איז אז איך האָב גאָר קיין איינפלוס ניט איבער איהם — האָט די גרעפין געזאָגט — ער זאָגט מיר אז איך ווייס ניט פון קיין לעבען, אז איך פאראומערט זיין לעבען, און אז איך גיב זיך אָפּ צופיעל מיט רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען... ער מיינט נאָך אז ער איז יונג, און אז ער מעג הוליען און זינדיגען! יע, מיין זוהן איך האָב שוין לאנג פארלאָרען מיין איינפלוס איבער איהם, און איך האָב דעריבער באשלאָסען איינצולאדען צו אונז דעם גלח אנטאָן, ווייל ווי איך האָב געהערט, האָט דער דאָזיגער גלח א שטאַרקע ווירקונג אויף איהם... ער דארף אהער קומען די טעג, און איך האָף אז ער וועט מיר העלפען איהם איבעררייִדען ער זאָל אויפגעבען זיין געפּלאנטע רייזע נאָך פּאריז...

— איך האָף אז דאס וועט העלפען מוטער, אָבער איך מוז דיר זאָגען דעם אמת, אז איך צווייפעל זעהר שטארק אין דעם... פארשטעהסטו, דער פאָטער האָט פארשידענע אורזאכען פאר וואס ער וויל מאכען די דאָזיגע רייזע... ער האָט שוין אָפּגעמאכט מיט זיינע פריינד, און ער וועט מן הסתם פאָהרען... ווען דו פאָלגסט מיר, פאָהרסטו מיט... ווייל דאן וואָלט ער זיך דארט ניט פארזאמט צו לאנג, און דו וואָלסט געוועזן תמיד מיט איהם...

— ווי אזוי קאָן איך מיטפאָהרען מיט איהם, ווען ער פאָהרט מיט נאָך איינינע גראפען און זיי פאָהרען אויך אָהן זייערע פרויען....

— עס וועט אָבער נישט שאדען אויב דו וועסט מיט איהם זיך דורכריידען און איהם פארשלאָגען אז אויך דו ווילסט פאָהרען... דו ביזט דאָך קיינמאָל ניט געוועזן אין אויסלאנד... אפשר וועט ער איינזעהן אז דו ביסט בארעכטיגט צו אָט דעם פארגעניגען — האָט וואלענטי זיך אָנגערופען צו זיין מוטער.

— איך וועל זיך מעהר ניט ווי נאַריש מאכען — האָט די גרעפין געזאָגט — זעהסטו ניט אז דיין פאָטער וויל אוועקפארען און זיין ווייט פון מיר, טאָ פארוואָס זאָל ער וועלען מיך מיטנעמען?...

— זאָג מיר, מוטער, ווייס דער דער פאָטער אז ראשיעל געפינט זיך איצט ביי דעם גראף לינעצקי אין הויז? — האָט וואלענטי איהר געפרעגט.

— עס ווייזט אויס אז ניין! איך האָב איהם איינמאָל געהערט זאָגענדיג אז זי האָט זיך צוריקגעקעהרט קיין פּאריז...

— ווארט, עס קאָן זיין אז דער פאָטער זאָל אפשר אינגאנצען אויפגעבען זיין רייזע! — האָט וואלענטי אויסגערופען, און זיך גלייך פארכאפּט: איך מיין אז איך וועל אפשר פּרובירען ווירקען אויף איהם...

— איך פארשטעה מיין זוהן, וואָס דאָ ווילסט, אָבער ניין, איך גלויב אז עס וועט זיין בעסער ער זאָל יאָ פאָהרען אונטער די אומשטענדען... איך האָב טאקע בדעה צו זאָגען קאטערינא'ן אז זי זאָל איצט קיין וואָרט ניט דערמאָנען צום פאָטער וואָס זי האָט געזעהן אין לינעצקי'ס פּאלאץ...

— מיר דוכט זיך אז איך הער קאטערינא'ס שטימע, אונטען — האָט וואלענטי געזאָגט — איך גלויב אז זי רעדט איצט מיט'ן פאָטער.

— אויב אזוי וועל איך גלייך ארונטערגעהן איהר וואָרענען אז זי זאָל ניט וואגען איהם צו דערצעהלען וועגען ראשיעל'ן — האָט די גרעפין געזאָגט.

זי איז שנעל ארויס פון איהר צימער. וואלענטי האָט איהר נאָכגעפאָלגט. זיי זיינען ביידע געגאנגען אין דער ריכטונג פון די טרעפּ. און ווען דער געשפּרעך פון דעם גראף פּאָטאָצקי און זיין טאָכטער קאטערינא האָט דערגרייכט זייערע אויערען, זיינען זיי ביידע געבליבען שטעהן און זיך אונטערגעהערט. זיי האָבען געהערט ווי קאטערינא דערצעהלט איהר פאָטער ווי אזוי דער גראף לינעצקי האָט

אריינגענומען ראשיעל'ן צו זיך אין פאלאץ... און ווי אזוי זיינע טעכטער זיינען אויפגערעגט... זייער מוטער ליגט א קראנקע...

— דו, פאטער וועסט דאך פארשטעהן — הערען זיי ווי זי זאגט צו איהם — ווען דו האסט געבראכט ראשיעל'ן צו אונז אין הויז, האסטו דאך געהאט אן אויסרייד, דו האסט זי געבראכט צו זיין מיין גאווערנאנטקע, אבער לינעצקי האט דאך אט דעם דאזיגען אויסרייד ניט, ער האט זי אריינגעבראכט אויף זעהר א חוצפה'דיגען אופן...

— ער זאל טאן אזא זאך! — הערען זיי ווי דער גראף רופט אויס — איך וויל מעהר פון איהם ניט וויסען... ער איז נידעריגער פון א הונט...

— פאטער, זאג מיר דעם אמת, — הערען זיי ווי קאטערינא זאגט צו איהם לאכענדיג — דאס וואס דו רעדסט אזוי איז דאס וויל דו ביסט אייפערזיכטיג אויף איהם, אדער דו גלויבסט אז ער איז באגאנגען אן עולה געגען זיין משפחה?...

— שוויג, דו אומפארשעהמטע טאכטער! — האט זיך דער פאטער אויף איהר א בייזער געטאן — דו האסט קיין רעכט ניט צו ריידען מיט מיר וועגען דעם...

— איך האב יע א רעכט, פאטער! — האט קאטערינא געזאגט — איך האב שוין פון לאנג געוואוסט וועגען דיין ליבע מיט ראשיעל... און אויב דו ווילסט וויסען דעם אמת, בין איך דאס געווען וועלכע האט געבעטען וואלענטי'ן צו געהן מיט דיר אויף דעם יאגד, וויל איך האב געוואוסט אז דו געהסט זיך זעהן מיט איהר און אז דו האסט געקויפט פאר איהר א מתנה — א שנירעל פערל. איך האב עס אויסגעפונען פון א געשפרעד וואס דו האסט געהאט מיט דעם גראף לינעצקי'ן, טאקע אין אט דעם זעלבען צימער. דו ביסט געווע זעטוואס שיכור, האסטו זיך גענומען באריהמען פאר דיין פריינד לינעצקי'ן אז דו האסט געקויפט אזא טייערע מתנה פאר דיין געליבטער... נו, האב איך באשלאסען אז זי טאר עס ניט קריגען פון דיר, און אויך האב אויסגעפירט... אבער פונדעסטוועגען דארפסטו זיך באשולדיגען מעהר ווי מיר, וויל דורך דיין אייגענעם צונג האסטו פארלוירען ראשיעל'ן צו דיין פריינד. ווי עס וויזט אויס האט ער זי פון דיר אוועקגענומען...

— אוועקגענומען! איך האב זי דאך ארויסגעטריבען פון... — האט דער גראף ניט פארענדיגט.

— דו האסט זי ארויסגעטריבען פון וואנען? — האט קאטערינא איהם געפרעגט.

— דאס איז ניט דיין געשעפט! — האט ער זיך אויף איהר א בייזער געטאן — רייד מעהר מיט מיר ניט וועגען דעם. מיר ארט ניט וואס מיט איהר האט פאסירט.

דערווייל איז די גרעפין ארונטערגעקומען פון די טרעפ, און זי האט געפרעגט איהר טאכטער:

— וואס איז געשעהן? פארוואס האט איהר ביידע אזוי געשריען?

— גארניט מאמא, — האט קאטערינא אויסגערופען — איך האב געהאט א געשפרעד מיט מיין פאפא!

— איך קאן נישט פארשטעהן פארוואס איהר זאלט האבען סודות פון מיר! — האט זי אויסגערופען — איהר שושקעט זיך גאנץ אפט, און איך ווייס פון גארניט!

— מיר האבען פון דיר קיינע סודות! — האט דער גראף זיך צו איהר געווענדעט.

— הער זיך איין — האט די גרעפין זיך צו איהם געווענדעט — איך וויל מיט דיר ריידען!

— וואס ווילסטו שוין פון מיר?

— איז דער גראף געווארען אומגעדולדיג. — אלע האבען צו מיר טענות! פריהער וואלענטי, נאכהער קאטערינא און איצט דו!...

— דו האסט א טעות! איך בין די איינציגע וועלכע קום ניט צו דיר מיט קיינע טענות! — האט זי געזאגט — איך האב בלויז צו דיר א ביטע.

— נו קום אריין אהין און זאג מיר וואס דו פארלאנגסט פון מיר? — האט דער גראף זיך אנגערופען — און אנגעוויזען אויף א טיהר וואס פיהרט צו א צווייטען צימער.

זי איז מיט איהם אריין און דאן האט זי זיך צו איהם אנגערופען:

— איך האב געטראכט פון דעם אז אין גיכען וועסטו אפרייזען פון דאנען אויף א לוסטרייזע קיין פראנקרייך. איך וועל בלייבען דא און זיין בא־

זאָרגט וועגען דיר... האָב איך א טראכט געטאָן אז אפשר וואָלטען מיר צוזאמען געמאכט די דאָזיגע רייזע!

— וואָס איז מיט דיר פלוצלונג געשעהן? — האָט דער גראף אויסגערופען — ווער האָט דאָס אריינגעגעבען אין דיר אזא געדאנק? אָ, איך פאנג שוין אָן צו פארשטעהן, דאָס האָט וואלענטי געטאָן!

— ניין, קיינער האָט מיר ניט אריינגעגעבען אָט דעם געדאנק, איך האָב געטראכט אז איך האָב אָפגעלעבט כמעט א גאנצען לעבען און גאָרניט גענאָסען פון דעם...

—ווי קומען צו דיר אזעלכע רייד? ווילסטו דען זינדיגען מיט דיינע רייד... דו אליין האָסט דאָך אלע מאָל געזאָגט אז פאריז איז א זינדיגע "שטאָדט, און איצט ווילסטו אהין פאָהרען! ניין, דו וועסט ניט פאָהרען מיט מיר! און אויב דו ווילסט וויסען וועל איך שוין אויך ניט פאָהרען! יע, איך בלייב דאָ!

— אויב דו בלייבסט דאָ צוליעב דעם וואָס איך וויל מיט דיר מיטפאָהרען, קאָן איך דיר זאָגען אז דו מאכסט א גרויסען טעות. איך האָב ניט בדעה דיר צו שטערען אויב דו מיינסט אז איך וועל דאָרט דיר פאלען צו לאסט, וועל איך בלייבען דאָ, און דו פאָהר! ווייל איך ווייס אז נאכהער וועסטו ווארפען די שולד אויף מיר!

— איך וועל אפשר פאָהרען אָבער ניט אזוי שנעל — האָט דער גראף זיך אָנגערופען. — איך דארף דאָ נאָך פארבלייבען א געוויסע צייט... איך האָב עטוואָס צו ערלעדיגען...

די גרעפין האָט פארשטאנען אז ער מיינט דעם גראף לינעצקי, אָבער זי האָט מעהר ניט געוואָלט ריידען מיט איהם וועגען דעם. זי האָט געזעהן ווי שטארק אויפגערעגט ער איז, און זי האָט געוואוסט אז עס וועט זיין בעסער פאר איהר מיט איהם ניט צו ריידען מעהר וועגען דעם.

וואלענטי און זארעמבא זיינען געווען צופרידען וואָס דער גראף פאָהרט מיט זיי ניט קיין פאריז. זיי האָבען מורא געהאט אז ער זאָל זיי דאָרט ניט שטערען. זיי האָבען זיך גענומען גרייטען צו דער רייזע. וואלענטי האָט אלץ געהאט צוגעגרייט. ער האָט זיך געזעגנט מיט זיין מוטער און מיט זיין פאָטער און שוועסטער. ער האָט זיי געזאָגט אז ער וועט נאָך פארברענגען אין ווילנא, ביי זיין פריינד זארעמבא אי ןהויז עטליכע טעג, און פון ווילנא וועלען זיי מאכען די רייזע קיין פאריז.

אין ווילנא האָבען ביידע, וואלענטי און זארעמבא פארבראכט ביי ר' מנחם מאן אין הויז. ער האָט זיי אָנגעזאָגט ווי אזוי זיך אויפצופירען. ער האָט אויך מיטגעגעבען וואלענטי'ן א בריוו צו זיין גוטען פריינד ר' אהרן ליפמאן, וועלכער איז געווען זעהר א גרויסער למדן און א פרומער איד. אָט דער ר' אהרן האָט זיך איינמאָל געטראָפען מיט ר' מנחם'ן אויף א יאריד ערגעץ אין א דייטשע שטאָדט, און זיי האָבען זיך ביידע שטארק באפריינדעט... ר' אהרן האָט געהאנדעלט מיט צירונג, און ער האָט אויפגעקויפט אנטיקען, און זיי פארקויפט נאכהער צו די גראפען און רייכע יונגען אין פאריז. זייענדיג אויף דעם יריד, האָט ר' מנחם געזעהן ווי ער, ר' אהרן איז שטארק באזאָרגט. פרעגט ער איהם די אורזאכע פון זיין זאָרג, דערצעהלט איהם ר' אהרן אז עס מאכט זיך איהם אָפצוקויפען אן אנטיק, וואָס איז א ווילדע מציאה, נאָר אזוי ווי ער האָט שוין כמעט אויסגעגעבען זיין גאנצע געלט אויף די פארשידענע סחורות וואָס ער האָט איינגעקויפט, וועט ער איצט ניט קאָנען קויפען אָט דעם דאָזיגען אנטיק, פון וואָס ער וואָלט זיכער פארדינט מעהר ווי פון אלע אנדערע איינגעהאנדעלטע זאכען.

— וויפיל באטרעפט אָט דער אנטיק? — פרעגט איהם ר' מנחם.

— הונדערט גאָלדענע דוקאטען!

— ענטפערט ר' אהרן ליפמאן, און עס איז ווערט דריי מאָל אזוי פיל — גיט ער צו.

— איך גיב אייך דאָס געלט! — האָט געזאָגט ר' מנחם. — יע, איך וועל אייך אויסלייען דאָס געלט, און אז גאָט וועט אייך העלפען און איהר וועט עס פארקויפען וועט איהר מיר דאָס געלט אָפשיקען.

ר' אהרן האָט איהם זעהר באדאנקט. ער האָט אָפגעקויפט דעם אנטיק, און ער האָט אין דער זעלבער צייט איינגעלאדען ר' מנחם'ן ער זאָל מיט איהם מיטפאָהרען קיין פאריז, און ביי איהם איינשטעהן ביז וואנען ער וועט איהם קאָנען אָפצאָהלען דעם חוב.

ר׳ מנחם האָט זיך אָבער ענטזאגט.

— ווען איך זאָל אָננעמען אייער איינלאדונג — האָט ער געזאָגט — וואָלט עס אויסגעקומען אז איך נעם ביי אייך פּראָצענט פאר דעם חוב...

— איך האָב אָבער געהאט בדעה איך איינצולאדען צו מיר נאָך איידער איך האָב געטראכט וועגן דער הלואה! — האָט ר׳ אהרן אויסגערופען. — אָבער איך פארשטעה אייך... איך וואָלט זעהר ניט געוואָלט איהר זאָלט חלילה נכשל ווערען אין אן עבירה... ווייסט איהר גאָר וואס? קומט מיט מיר קיין פּאריז, איהר וועט איינשטעהן ביי מיינעם א באקאנטען און איהר וועט פאר דעם צאָהלען. און דערווייל וועל איך האָבען א געלעגענהייט אייך אָפּצאָהלען דעם חוב.

— מיט דעם וואָט איהר וועט מיך פאָרשטעלען פאר אייער פריינד, וועט ער געוויס מיר ארויסווייזען מעהר פריינדליכקייט צוליב אייך, און דאָס וואָלט געמיינט אבק רבית, די שטויב פון פּראָצענט, און מיר דארפען עס פארמיידען...

— זאָל אייך גאָט בענשען! — האָט ר׳ אהרן געזאָגט — איך זעה אז איהר זייט זעהר א פרומער איד, און דערצו א גרויסער למדן. איך פיהל זיך גליקליך וואָס דער רבונו של עולם האָט אונז דאָ צוזאמענגעבראכט, און איך האָף אז אונזער פריינדשאפט וועט אָנהאלטען אויף אייביג. איך וועל דאָ־ריבער זעהן אליין צו קומען צו אייך קיין ווילנא, און איך אָפּברייגנען דעם חוב...

זיי האָבען זיך געזעגענט מיט גרויס פריינדשאפט. און ר׳ אהרן האָט זיך צוריקגעקעהרט קיין פּאריז, און ר׳ מנחם — קיין ווילנא.

עס זיינען פאָראיבער דריי יאָהר און ר׳ מנחם האָט גאָרניט געהערט פון זיין נייעם פריינד ר׳ אהרן ליפּמאן. ער האָט אָבער ניט געוואָלט טראכטען קיין בייזעס אויף אזא פרומען אידען. ער האָט קיינעם ניט דערציילט וועגן דעם אז ער האָט אויסגעבאָרגט אזא גרויסע סומע געלט. ער האָט אפילו קיינעם ניט אָנגעגעבען די סיבה פארוואָס ער האָט אויף יענעם יריד גאָרניט איינגעקויפט. ער האָט בלויז געזאָגט אז ער האָט דאָרט גאָרניט געזעהן וואס צו קויפען. ווען זיין פרוי און זיין זוהן האָבען באמערסט אז ער איז עטוואָס באזאָרגט, האָבען זיי איהם געפרעגט וואָס דאָס באדייט, אָבער ער האָט זיי גאָרניט דערצעהלט. זיי האָבען אָבער געוואוסט, אז ער האָט זיך צוריקגע־קעהרט מיט ליידיגען, אָהן געלט און אָהן סחורה... וויבאלד ער האָט גאָר־ניט געוואָלט ריידען וועגן דעם, האָ־בען זיי איהם ניט געפרעגט.

דורך די דריי יאָהר האָט ר׳ מנחם פארדינט אביסעל געלט דורך זיין פארבינדונג מיט דעם גראף פּאָטאָצקי, אָבער ער האָט שוין מעהר ניט גע־וואָלט פאָהרען אהין אויף דעם יריד כדי ניט צו פארשעהמען דעם איד ר׳ אהרן ליפּמאן טאָמער באגעגענט ער איהם דאָרט.

איינמאָל ווען ר׳ מנחם איז געזעסען אין זיין צימער און געלערנט מיט זיין אייניקעל חיים, האָט ער דערהערט א קלאפּ אין טיהר. חיים האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאץ און איז געגאַנגען עפענען די טיהר.

— געפינט זיך דאָ ר׳ מנחם מאן?

— האָט דער פרעמדער א פרעג געטאָן חיים׳ן.

— יע, ער איז מיין זיידע! — האָט חיים געענטפערט.

— געבענשט זיי צו גאָט וואָס דו האָט אזא זיידען — האָט ער געזאגט, געה זאָג איהם אז אן אורח פון א וויטען לאנד איז געקומען.

חיים האָט איבערגעגעבען זיין זיי־דען וואָס דער פרעמדער האָט איהם געזאָגט, און ר׳ מנחם איז ארויס זעהן ווער דאָס איז.

— אָ, ר׳ אהרן ליפּמאן! — האָט ר׳ מנחם איהם געגעבען "שלום עליכם", און איהם ארייגעפירט צו זיך אין צימער.

— איידער איך פאנג אָן צו ריידען מיט אייך, וויל איך אייך אומקערען דעם חוב! — האָט ר׳ אהרן געזאָגט — און ארויסגענומען פון זיין בוזים, א זעקעלע מיט הונדערט גאָלדענע דו־קאטען. איך האָף בלויז אז איהר זייט ניט נכשל געוואָרען אין דער עבירה צו זיין א חושד בכשרים...

— געלויבט איז גאָט! — האָט ר׳ מנחם מיט א שמייכעל זיך אָנגערופען — ער האָט מיך פארהיט פון אָט דער דאָזיגער עבירה...

— פיהל איך זיך נאָך מעהר גליק־ליך! — האָט ר׳ אהרן ליפּמאן זיך אָנגערופען — איצט קאָן איך מיט

איך ריידען און איך דערצעהלען וואָס מיט מיר האָט פאסירט...

— חיים, אפשר וועסטו איצט געהן אהיים! — האָט ר׳ מנחם זיך אָנגערופען צו זיין אייניקעל.

— ניין, זאָל ער פארבלייבען, אייער אייניקעל! — האָט ר׳ אהרן געזאָגט — זאָל ער אויך פון אלץ הערען און זעהן וואָס פאר א זיידען ער האָט.

— אפשר וועט איהר פריהער עפּעס צובייסען! — האָט ר׳ מנחם זיך אָנגערופען צו איהם.

— ניין, איך דאנק אייך, איך וועל ביי אייך גאָרניט פארזוכען ביז וואנען איך וועל אייך האָבען דערצעהלט וואָס מיט מיר האָט פאסירט, ווען איך האָב זיך דאן צוריקגעקערט קיין פאריז מיט דער מציאה וואָס איך האָב איינגעהאנדעלט...

ר׳ אהרן ליפמאן האָט זיך געזעצט נעבען טיש, וואו עס זיינען געזעסען ר׳ מנחם און זיין אייניקעל, חיים.

— גלייך נאָכדעם ווי איך האָב זיך מיט אייך געזעגענט — האָט ר׳ אהרן אָנגעפאנגען — און איך האָב זיך אומגעקערט קיין פאריז, האָב איך געקראָגען א גוטען קונה פאר דעם אנטיק, וואָס איך האָב געהאט איינגעהאנדעלט מיט דער הילף פון אייער הלואה. איך האָב טאקע אין דעם פארדינט דריי מאָל אזוי פיל. איך האָב געדאנקט גאָט און אייך פאר אייער גנאדע וואָס איהר, א פרעמדער, האָט מיט מיר געטאָן. איך האָב שוין גענומען פלאנעווען ווי אזוי איך אומצוקערען דאָס געלט וואָס איהר האָט מיר געהאט געגעבען אלס הלואה. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי מיינע באקאנטע אויב אימיצער פון זיי האָט בדעה צו מאכען א רייזע נאָך פוילען, אָבער איך האָב ניט געקאָנט קריגען אזעלכען וועמען איך זאָל קאָנען אָנפארטרויען אזא סומע געלט, און דעריבער האָב איך באשלאָסען, אז ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועל איך אליין מאכען די רייזע כדי אייך אָפּצוגעבען דעם חוב, און אין דער זעלבער צייט האָבען דעם כבוד צו פארברייננגען מיט אייך.

אָבער אזוי שנעל האָב איך ניט געקאָנט פאָהרען. איך האָב אָבער אָפּגעלייגט דאָס געלט וואָס אייך קומט. איך האָב עס באהאלטען אין א זיכערען פלאץ, און איך האָב ביי זיך א נדר געטאָן, אז וואָס עס זאָל זיך ניט מאכען וועל איך אָט דאָס געלט ניט אָנרירען...

עס איז פאָריבער איין חודש זינט איך האָב פארקויפט דעם אנטיק, און איין פריהמאָרגען פאָהרט צו אן עקיפאזש צו מיין געשעפט. איך האָב געהאט נאָר־וואָס זיך צוריקגעקערט פון דאווענען. איך גיב א קוק דורכ׳ן פענסטער, און איך זעה אז פון דער קארעטע געהט ארויס דער גראף וועלכער האָט ביי מיר אָפּגעקויפט די אנטיק־צירונג. נאָך איהם קומט ארויס אן עלטערער גראף, און נאָך זיי ביידען שטייגט ארויס פון עקיפאזש א יונגע פארפוצטע דאמע. זיי געהען אלע גלייך צו מיין טיר. איך בין געווען זיכער, אז יענער גראף האָט זיי רעקאָמענדירט צו מיר און זיי ווילען קויפען נאָך צירונג. איך האָב פאר זיי געעפענט די טיר, און זיי העפליך געבעטען אריינקומען.

דער גראף, מיין קונה האָט ארויסגענומען די צירונג וואָס איך האָב איהם געהאט פארקויפט און ער פרעגט מיך: "וואו האָסטו געקראָגען אָט די דאָזיגע צירונג?"

איך האָב איהם דערצעהלט, אז איך האָב עס געקראָגען אויף דעם יריד, אז איך האָב פאר דעם באצאָהלט א דריטעל פון דער ווערדע. און אז אויב ער גלויבט, אז עס האָט ניט די ווערדע דאָס געלט וואָס ער האָט מיר פאר דעם באצאָהלט, בין איך גרייט איהם אומצוקערען דאָס געלט.

— די דאָזיגע צירונג איז גע׳גנב׳עט געוואָרען פון אָט דער מאדאם! — האָט ער אָנגעוויזען אויף דער יונגער פרוי.

— אָבער מסיע, רוף איך זיך אָן צו איהם — איך האָף, אז איהר זייט מיך ניט חושד אין גנבה...

— אויב איהר אליין האָט עס ניט גע׳גנב׳עט, האָט איהר דאָס אָפּגעקויפט ביי א גנב! — האָט יענער געענטפערט.

— איך זאָג דאָך אייך, אז דאָס האָב איך געקויפט אויף דעם יריד, און יעדע ראיינער האָט א רעכט צו קויפען דאָרט סחורה. איך האָב דעם סוחר געזעהן פילע מאָל דאָרט און איך גלויב ניט, אז ער זאָל זיין אומעהרליך.

דעו פאקט איז, אז איהר האָט עס

געקראָגען פאר א דריטעל געלט, אין א באוויז, אַז דאָס איז געווען גע׳גנב׳עטע סחורה און איהר האָט פון דעם געוואוסט און דאָך האָט איהר דאָס געקויפט...

— איך האָב געהאט א רעכט צו קויפען — ווייל איך בין איבערצייגט געווען, אַז דאָס איז ניט קיין גע׳גנב׳עטע סחורה.

— די צירונג איז מיינע! — האָט די דאַמע אויסגערופען און מען האָט דאָס פון מיר גע׳גנב׳עט.

— דו וועסט דארפען מיר אומקערען דאָס געלט! — האָט דער גראַף זיך אָנגערופען — און איך וועל אומקערען די דאָזיגע צירונג צו דער מאַדאַם.

— איך קאָן דאָס ניט טאָן! — ענטפער איך.

— אויב אזוי וועסטו דארפען געהן אין דער פאָליציי. — האָט דער אלטער גראַף, דער מאַן פון דער מאַדאַם זיך צו מיר אָנגערופען.

— איך האָב געוואוסט, אַז אויב איך וועל זיך דארפען פארלאָזען אויף דער פאָליציי, אין מיין סכסוך מיט דעם גראַף, וועל איך קיין געלעגענהייט ניט האָבען אפילו זיך צו פארטיידיגען, רוף איך זיך אָפּ צו זיי:

— איך בין גרייט אייך צוריקצוקערען מיין ריוח וואָס איך האָב געמאכט. אָבער דעם קרן, וואָס איך האָב באַצאָהלט פאר דעם, בין איך בארעכטיגט צו האלטען פאר זיך.

— דו וועסט מיר אומקערען דאָס גאַנצע געלט וואָס איך האָב דיר באַצאָהלט — האָט דער גראַף געזאָגט, אַז ניט רוף איך באלד פאָליציי.

— איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיין נדר, אַז איך טאָר ניט רירען די הונדערט דוקאטען און איך האָב געזאָגט, אַז איך קאָן זיי בלויז אומקערען צוויי הונדערט דוקאטען, דעם ריוח.

זיי האָבען ניט געוואָלט הערען פון דעם. זיי זיינען ארוים און אין א ווייַלע ארום האָבען זיי זיך צוריקגעקערט מיט פאָליציי. מען האָט מיך ארעסטירט. מען האָט מיך פאר׳משפט צו צעהן יאָהר געפענגניש. איהר קאָנט זיך פאָרשטעלען מיין לאַגע. מען האָט אוועקגענומען פון מיין פרוי און זוהן אַלץ וואָס זיי האָבען פארמאָגט, און מען האָט עס פארקויפט כדי אָפּצוגעבען דעם גראַף די הונדערט דוקאטען וואָס ער האָט געזאָגט, אַז עס קומט איהם.

— איך בין געזעסען אין געפענגניש. מיין פרוי און מיין זוהן האָבען געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבען געקאָנט, מיך צו ראַטעווען, אָבער זייער מיה איז געווען אומזיסט. זיי האָבען געליטען הונגער און נויט, איך האָב אָבער קיינעם ניט געוואָלט זאָגען וואו איך האָב באהאלטען די הונדערט דוקאטען, ווייל איך האָב מורא געהאט, אַז אויב זיי וועלען אויסגעפינען וואו דאָס געלט געפינט זיך וועלען זיי זיך וועלען מיט דעם באנוצען מיך צו ראַטעווען פון געפענגניש, און איך האָב זיך דאָך א נדר געטאָן, אַז דאָס געלט, אייער חוב טאָר ניט גערירט ווערען.

אי נמאָל קומט מיך מיין זוהן באַזוכען אין געפענגניש, און ער פרעגט מיך אויב איך געדענק ווי אזוי דער מאַן, וועלכער האָט מיר פארקויפט די צירונג, זעהט אויס. איך האָב איהם אויסגעמאָלט ווי ווייט איך האָב געדענקט, אָבער איך האָב זיך פּלוצלונג דערמאָנט, אַז איינער פון מיינע באַקאנטע אידען, וועלכער פלעגט דאוונען מיט מיר אין דעם זעלבען בית המדרש, איז געווען דערביי ווען איך האָב ביי איהם געקויפט די אנטיק־צירונג. איך האָב דאָס געזאָגט מיין זוהן, און ער איז גלייך אוועק צו יענעם אידען און זיך מיט איהם דורכגערעדט. יענער איד האָט איהם געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט איהם דערזעהן, וואָלט ער איהם דערקענט. ווי אזוי אָבער קאָן ער איהם זעהן, אַז מיר האָבען ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. האָט מיין זוהן באשלאָסען צו פאָהרען מיט אונזער באקאנטען אידען צום יריד, וואָס איז ניט ווייט פון דעם פראנצויזישען גרעניץ, אפשר וועט איהם געלינגען צו דערקענען יענעם מאַן. האָט ער דאָך אָבער קיין געלט ניט געהאט, און איך האָב איהם ניט געוואָלט זאָגען וואו די הונדערט דוקאטען געפינען זיך. ער האָט דעריבער געבעטען יענעם אידען ער זאָל איהם אויסבאָרגען אויף הוצאות. יענער איד איז אָבער געווען א גרויסער אָרימאַן, פונדעסטוועגען האָט ער געקראָגען דאָס געלט און זיי זיינען דאָרט געווען.

**אבער זיי האבען יענעם מאן דארט ניט געזעהן.**

אויפ'ן צווייטען יאהר, זיינען זיי ווידער אהין אפגעפאהרען, אבער אויך אומזיסט. ערשט מיט דריי חדשים צוריק, ווען דאס איז שוין געווען אויף דעם דריטען יאהר, איז מיין זוהן ווי־דער געפאהרען מיט יענעם אידען, און צו מיין גליק האט ער איהם דארט גע־טראפען. מיין זוהן איז גלייך צו יע־נעם צוגעקומען און ער האט איהם גע־זאגט ווער ער איז, און איהם דער־צעהלט די גאנצע געשיכטע!

— א, דאס איז שוידערליך! — האט יענער גוי אויסגערופען — איך האב די צירונג אפגעקויפט ביי א גראף און איך האב פון איהם באקומען א קבלה פאר דעם געלט וואס איך האב איהם געגעבען פאר די צירונג. איך בין זיכער, אז איך האב נאך די דא־זיגע קבלה.

מיין זוהן איז צו איהם צוגעשטא־נען, און ער האט מיט איהם צוריקגע־רייזט קיין פאריז. דער גוי האט גע־וואוינט הינטער דער שטאט, ער האט געהאט א צירונג געשעפט. ער האט גענומען זוכען צווישען זיינע אלטע פאפירען און צום גליק האט ער געפו־נען יענע קבלה פון דעם גראף...

מיין זוהן האט איהם ניט אפגעלא־זען. ער איז מיט איהם געקומען צום הויפט פון דער פאליציי און איהם גע־זאגט, אז ער האט געפונען דעם מאן, וועלכער האט פארקויפט זיין פאטער די צירונג.

עס פארשטעהט זיך, אז מען האט איהם באלד גענומען אויף א פארהער און ער האט באוויזען די קבלה. האט מען שוין גערופען דעם גראף צו דער פאליציי, און מען האט איהם געוויזען די קבלה. צום ערשטען האט ער גע־לייקענט. ער האט געזאגט, אז עס איז ניט זיין האנטשריפט, אבער דער גוי האט שוין געקראגען עקספערטען, און מען האט פעסטגעשטעלט, אז ער האט איהם געגעבען די קבלה. דער גראף איז דאן ארעסטירט געווארען און איז באשולדיגט געווארען אין גנבה. יע, איך האב פארגעסען צו דערצעהלען, אז דער, וועלכער האט געשריבען די קבלה איז דער זעלבער גראף, וועלכער האט פון מיר אפגעקויפט די צירונג פאר אזא הויכען פרייז...

פארשטעהט זיך, אז מען האט מיך באלד באפרייט, און איך האב געזעהן, אז מען זאל מאכען וועגען דעם א חקירה ודרישה. און אט וואס עס האט זיך ארויסגעוויזען: דער גראף, וועל־כער האט ביי מיר געהאט געקויפט די צירונג, איז געווען דער לינקער געליבטער פון דער יונגער גרעפין. ער איז געווען אין שלעכטע פינאנ־ציעלע אומשטענדען, האט ער בא־גנב'ט די גרעפין. אין דער צייט וואס ער האט מיט איהר פארבראכט אין איהר צימער, ער האט די צירונג פאר־קויפט, אבער אזוי ווי יענער גוי'יא־שער צירונג הענדלער האט געזעהן, אז די צירונג איז אן אנטיק, און אז ער קריגט עס זעהר ביליג, האט ער זיך געוואלט באזארגען, ער האט דא־ריבער איהם ניט געוואלט געבען די געלט, אויב ער וועט איהם ניט גע־בען קיין קבלה אויף די געלט.

איצט געפינט זיך דער יונגער גראף אין געפענגעניש, און דער אלטער גראף האט אויך באשטראפט זיין פרוי, וועלכע האט איהם פארראטען. פונ־דעסטוועגען האבען זיי מיר ניט אומ־געקערט די צירונג און אויך ניט די געלט...

דאס האט מיך אין גאנצען רואי־נירט. איך האב פארלוירען מיין גע־שעפט. און איצט האב איך קוים צע־נויפגעקליבען אויף הוצאות און איך אפגעבראכט דעם חוב.

ר' מנחם מאן און זיין אייניקעל האבען זיך צוגעהערט מיט גרויס אינ־טערעס צו זיין דערצעהלען. זיי האבען גלייך געזעהן וואס פאר אן עהרליכער איד ער איז. זיי האבען מיט איהם פארבראכט א היבשע ווילע, און דער־נאך האט ער זיך פלוצלונג אנגערו־פען:

"איך האב נאך זינט דעם פריה־מארגען ניט געלערענט קיין תורה. לאמיר אריינקוקען אין א ספר. אפילו ווען איך בין געזעסען אין תפיסה, האב איך ניט אויפגעהערט צו לער־נען. ווען איך האב קיין ספר ניט געהאט האב איך געלערענט דאס וואס איך האב געדענקט אויסוויניג. שפע־טער האט מיר מיין זוהן געבראכט א גמרא און איך האב געלערענט. אזוי האב איך ניט געפיהלט דעם צער פון זיצען אין תפיסה. איצט וועל איך א ווילע לערנען און נאכהער וועל איך ביי אייך צובייסען. ר' מנחם האט

אַרויסגענומען אַ גמרא און זיי האָבן זיך ביידע געזעצט לערנען. ר׳ מנחם האָט באַלד איינגעזעהן, אַז ער איז אַ גרויסער למדן און אַ ירא שמים. חיים האָט אויך מיטגעלערנט. ר׳ אהרן האָט זעהר שטאַרק געלויבט חיים׳ען פאַר זיין שאַרפען מח. נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה אין לערנען, האָבן זיי זיך געוואַשען צום עסען און חיים׳ס באָבע האָט דערלאַנגט צום טיש אַ גרויסאַרטיגען מאָלצייט. באַלד נאָך דעם עסען זיינען זיי געגאַנגען אין בית המדרש דאַווענען מנחה און מעריב.

ר׳ מנחם האָט שוין ר׳ אהרן ניט אָפּגעלאָזען. ער האָט איהם געבעטען, אַז ער זאָל מיט איהם פאַרבלייבען אַ היבשע צייט. זיי האָבן ביידע פאַרבראַכט אין לערנען. ער האָט איינגעזעהן, אַז ניט נאָר איז זיין טייערער גאַסט אַ גרויסער למדן, נאָר ער איז זעהר קלוג און איז באַהאַוועגט אויך אין וועלטליכע חכמות. ווען די צייט איז געקומען און ער האָט זיך גענומען גרייטען צו זיין רייזע צוריק, איז ר׳ מנחם׳ען געווען זעהר שווער זיך צו שיידען מיט איהם.

ער איז צו איהם צוגעשטאַנען ער זאָל פאַרבלייבען מיט איהם נאָך עטליכע וואָכען. ר׳ אהרן האָט זיך אויך געפיהלט זעהר גליקליך אין מנחם׳ס געזעלשאַפט, און ער האָט זיך געלאָזט איבעררידען און פאַרבליבען מיט איהם נאָך אַ פּאָר וואָכען.

פאַר זיין אָפּרייזען האָט זיך ר׳ מנחם אָפּגערופען צו איהם:

— איך וויל אייך מיטגעבען פופציג גאָלדענע דוקאַטען.

— אָ, ניין, — האָט ר׳ אהרן געזאָגט — איך וועל מעהר ניט נעמען קיין געלט ביי אייך!

— איהר האָט נאָך ניט געהערט וואָס איך וויל אייך זאָגען! — האָט ר׳ מנחם זיך צו איהם אָנגערופען — איך וויל אייך געבען דאָס געלט ניט פאַר אייך, איך וויל, אַז איהר זאָלט האַלטען דאָס געלט ביז אַ געוויסער צייט. ווייל מיר ווייסען ניט וואָס די צייט קאָן ברענגען דאָ, ביי אונז. עס איז מעגליך, אַז אימיצער פון מיין משפּחה אָדער אפשר אַ פריינד וועט זיין געצוואונגען צו פאַרלאָזען דעם פּלאַץ און אויסוואַנדערען פון דאַנען. וועל איך האָבן אַ פריינד צו וועמען איהם צו שיקען. און אויב יענער וועט זיך נויטיגען אין געלט, וועט איהר איהם געבען. און אויב עס וועלען פאַריבערגעהן צעהן יאָהר, און קיינער וועט צו אייך ניט קומען זאָלט איהר אָפּגעבען דאָס געלט פאַר צדקה...

ר׳ אהרן ליפּמאַן האָט גענומען דאָס געלט פון ר׳ מנחמ׳ען אויף דער דאָזיגער באַדינג. ער האָט זיך מיט איהם געזעגענט, און איידער ער איז אָפּגעפאָהרען האָט איהם ר׳ מנחם געזאָגט, אַז אויב ער וועט זיך נויטיגען אין דאָס געלט, זאָל ער עס באַנוצען, ווייל ער וועט געוויס נאָכהער קאָנען איהם אָפּגעבען. דאַמיט האָט ר׳ מנחם איהם געוואָלט געבען אָנצוהערען, אַז ער קאָן ווידער אָנפאַנגען אַ מסחר, און גאָט וועט איהם נאָך מצליח זיין און ער וועט ווידער קאָנען קומען צו זיך. ער האָט איהם אויך געבעטען צו לאָזען וויסען דורך אימיצען ביי אַ געלעגענהייט, וואָס ער מאַכט. און ווי ער האָט אויסגעמאַכט.

אַזוי האָבן זיך די דאָזיגע ביידע פריינד געזעגענט. ר׳ אהרן איז צוריקגעפאָהרען קיין פּאַריז.

עס זיינען פאַריבער עטליכע יאָהר און ר׳ מנחם האָט געקראָגען פון איהם אַ גרוס דורך אַ אידען. ער האָט איהם געשריבען אַ בריוו, און ער האָט איהם געלאָזט וויסען, אַז ער האָט אויפגעגעבען אינגאַנצען זיין מסחר, אַז ער האָט געעפענט אַ קליין ווערקשטאַדט, און ער איז אַן ארבייטער, ער איז אַ יואוועליר. און ער איז צופרידען, ער האָט אויף פּרנסה און דאַרף שוין מעהר ניט אַרומפאָהרען אויף ירידים.

צו אַט דעם ר׳ אהרן ליפּמאַן האָט ער געגעבען וואַלענטינ׳ס אַ בריוו, אין וועלכען ער האָט איהם פאָרגעשטעלט, דערצעהלענדיג אין העברעאיש באַריכות אַלץ וואָס האָט פּאַסירט, ווי אַזוי ער האָט געראַטעוועט די עטליכע אידען און אויך, אַז ער וויל זיך מגייר זיין. ער האָט איהם געבעטען ער זאָל איהם און זיין פריינד זאַרעמבאַ מקרב זיין. ער זאָל זיי העלפען דערגרייכען דעם ציל. אַז ער זאָל מיט זיי לערנען אַלץ וואָס עס וועט זיין נויטיג פאַר זיי.

ער האָט זיך מיט וואַלענטי׳ן און זאַרעמבאַ׳ן געזעגענט.

זארעמבא האט געהאט עטוואס שוועריגקייטען מיט זיין געליבטער יוליע; כאטש ער האט איהר געגעבען צו פארשטעהן אז ער פאהרט מיט וואלענטי'ן צו שטודירען, איז איהר אבער געווען שווער זיך צו געזעגענען מיט איהם. זי האט מיט איהם פארבראכט א גאנצען טאג. זיי האבען זיך געשווארען אייביגע ליבע, און זי האט איהם פארזיכערט, אז וואס עס זאל ניט געשעהן, וועט זי אויף איהםווארטען. ער האט איהר אויך געשווארען, אז ער וועט זיין געטריי צו איהר, און ער וועט תמיד טראכטען פון איהר.

וואלענטי האט מיטגענומען א היבשע סומע געלט. זיין פאטער האט איהם אויך מיטגעגעבען אן עקיפאזש געשפאנט צו צוויי טייערע פערד מיט א קוטשער.

די רייזע האט זיי געדויערט עטליכע וואכען. ווייל זיי האבען זיך אפגעשטעלט אין יעדער וויכטיגער שטאדט אויף דעם וועג.

ווען זיי זיינען אנגעקומען אין פאריז, האבען זיי זיך אפגערוהט עטליכע טעג, און נאכדעם האבען זיי געהייסען דעם קוטשער צוריקפאהרען אהיים מיט דעם עקיפאזש און די פערד.

דער קוטשער האט זיך געוואונדערט, ער איז געווען זיכער, אז דער גראף האט איהם געהייסען דארט פארבלייבען מיט זיין זוהן, ער זאל האבען ווער עס זאל איהם ארוימפיהרען ווען ער וועט דארפען פאהרען. אבער זארעמבא האט איהם ערקלערט, אז ער איז געקומען אהער שטודירען און ער וועט דאריבער קיין צייט ניט האבען ארומצופאהרען. ער האט געהייסען דעם קוטשער געבען זיין פאטער אט די דאזיגע ערקלערונג.

דער קוטשער האט זיך אומגעקעהרט צוריק, און דער גראף איז אויף איהם זעהר שטארק צארענדיג געווארען צוליב דעם.

— דו האסט קיין רעכט ניט געהאט צוריקצוקומען אהער — האט ער זיך אויף איהם געבייזערט — איך האב דאך דיר געזאגט, אז דו זאלסט פארבלייבען מיט איהם!

— א, גנעדיגער גראף — האט ער זיך אנגערופען, דער יונגער גראף האט מיר געזאגט, אז ער וועט זיך אין מיר דארט ניט נויטיגען, און כאטש איך האב איהם געזאגט וועגען דעם, אז דער האר גראף האט מיר געהייסען דארט פארבלייבען מיט איהם, האט ער מיר באפוילען צוריקצופאהרען, ווייל ער האט מיר ערקלערט, אז ער איז געקומען דארט צו שטודירען און ער וועט קיין צייט ניט האבען ארומצופאהרען אין עקיפאזשען.

## 10

ר' אהרן ליפמאן איז געזעסען אין זיין קליינעם ווערק־שטאט און ער האט געארבייט. צו איהם פלעגען אריינקומען קונים, וועלכע האבען געדארפט פארריכטען צירונג. ער איז איצט געווען איינזאם. זיין פרוי איז מיט א קורצער צייט צוריק געשטארבען, און זיין זוהן איז געווען פארהייראט און ער האט געוואוינט אין אן אנדער געגענד.

פלעגט ר' אהרן אזוי זיצען א גאנצען טאג אין זיין ווערקשטאט און טאן זיין ארבייט. ווען ער האט שוין ניט געהאט וואס צו טאן, האט ער גענומען זיין גמרא און געלערנט. ער פלעגט אזוי אפזיצען און לערנען שעה'ן לאנג, ביז וואנען אימיצער פלעגט אריינקומען מיט עפעס צו פארריכטען.

איינמאל, ווען ער איז אזוי געזעסען און געלערנט, האט זיך די טיר געעפענט און ווען ר' אהרן האט אויפגעהויבען זיין קאפ, האט ער דערזעהן צוויי יונגע לייט, וועלכע האבען אויסגעקוקט צו זיין אדעללייט.

ר' אהרן האט צוגעמאכט זיין גמרא און ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און זיי באגריסט.

— מיט וואס קאן איך אייך דינען?

— האט ער זיי געפרעגט.

— דאס זייט איהר ר' אהרן ליפמאן? — פרעגט איהם איינער פון די יונגע לייט.

— יע, דאס בין איך!

— מיין נאמען איז וואלענטי! — האט ער געזאגט און ארויסגענומען א בריוו פון זיין קעשענע און איהם איבערגעגעבען. — און אט דער איז מיין פריינט זארעמבא.

ר' אהרן האט שנעל געעפענט דעם בריוו און זיינען אויגען האבען אויפגעלויכטען.

— א, א בריוו פון מיין ליבען פריינט, ר' מנחם מאן! — האט ער

אויפגערופען — זעצט אייך!

ער האט זיי דערלאנגט צוויי בענק־לאך און אליין האט ער גענומען לייע־נען דעם בריוו. ווען ער האט געענ־דיגט לייענען, האט ער זיי ביידען בא־טראכט. ער האט געשוויגען א ווײלע און דאן האט ער זיך אנגערופען:

— דא קאן איך מיט אייך גארניט ריידען וועגען דעם צוועק פון אייער קומען, איהר וועט מוזען צוואווארטען א ווײלע, ביז וואנען איך וועל צומא־כען מיין געשעפט, און דאן וועל איך מיט אייך ארויפגעהן צו מיר אין שיילקע און מיר וועלען ריידען. איהר זייט ביי מיר זעהר אנגענליגטע געסט.

ער האט זיי ביידען געגעבען זיין האנט.

— מיר וועלען אריינקומען א ווײלע שפעטער, האט וואלענטי געזאגט — מיר דארפען אליץ איינס עפעס באזאר־גען.

ווען זיי זיינען ארויס, האט ר' אהרן נאכאמאל דורכגעלייענט דעם בריוו, זיין הארץ איז אנגעפילט געווארען מיט שרעק. ער האט געוואוסט מיט וואס פאר א געפאהר עס שטעקט אין דעם... ער האט אויף זיך זעהר א שווערע אויפגאבע. ער האט פארשטאנען, אז ר' מנחם האט געוויס געטאן אליץ וואס ער האט געדארפט, אפצוריידען זיי פון דעם שריט, אבער ווי עס ווייזט אויס, האט ער איינגעזעהן, אז דאס איז דער איינציגער וועג...

ער האט אויף זיי געווארט, און ווען זיי זיינען צוריקגעקומען איז ער זיי אנטקעגען געגאנגען. ער האט גלייך צוגעמאכט זיין געשעפט און איז מיט זיי ארויף אויבען אין זיין שיילקע אל־קיר.

ער האט אנגעצונדען א קליינעם קע־ראסין לעמפעל און ער האט זיי געבע־טען זיך זעצען נעבען טישעל. א ווײ־לע זיינען זיי געזעסען און געשוויגען.

— ווי איך זעה,—האט ר' אהרן זיך צו זיי געווענדעט אין דער פראנצויזי־שער שפראך — האט מיין פריינט גע־ווים געטאן זיין פליכט. ער האט אייך אפגערעדט פון אט דעם שריט.

— יע, ער האט אונז אפגערעדט. איך וויל אויך באמערקען, אז דערוויל בין איך דער וועלכער איז גרייט אנ־צונעמען די אידישע רעליגיע. מיין פריינט זארעמבא, וועט נאך צוואווואר־טען א ווײלע. אבער איך בין זיכער, אז עס וועט לאנג ניט דויערען און אויך ער וועט ווערען א איד.

— דערצעהלט מיר אליץ וועגען מיין פריינט, ר' מנחם! — האט ר' אהרן זיי געבעטען, ווייל עס איז שוין זעהר לאנג, אז איך האב פון איהם ניט גע־הערט.

וואלענטי האט איהם דערצעהלט אליץ איינצעלהייטען וועגען איהם און וועגען זיין אייניקעל חיים. ווי אזוי ער האט גערעטעוועט א אידישע משפחה פון איליע.

זיי זיינען אפגעזעסען ביי איהם ביז שפעט ביינאכט... ר' אהרן האט אויס־געפונען, אז ביידע, סאי וואלענטי, און סיי זארעמבא, האבען שוין א היבשע ידיעה אין העברעאיש און אז זיי קאנען שוין עטוואס חומש, וואס ר' מנחם האט זיי געלערענט פאר דער קורצער צייט.

כאטש ער איז געווען איבערצייגט, אז זיי זיינען ביידע ערנסט, און אז וואלענטי וויל ווערען א איד מיט זיין גאנצען הארצען, האט ער פונדעסטוועגען זיך ניט געאיילט מיט זיי צו לער־נען תורה. ער האט געוואלט זיי גע־בען א געלעגענהייט זיך צו באקענען עטוואס בעסער מיט דעם פאריזער לע־בען. ער האט זיך געטראכט, אז טא־מער וועלען זיי היינגעריסען ווערען מיט דעם לוקסוסרייכען לעבען פון דער גרויסער שטאט, פאריז, און זיי וועלען אויפגעבען דעם געדאנק צו ווערען אי־דען.

ער האט אבער באלד איינגעזעהן זיין טעות. די צוויי האבען איהם שוין ניט אפגעלאזען. זיי זיינען צו איהם געקומען יעדען פריהמארגען, און ער האט מיט זיי געלערענט. ער האט מיט זיי געלערענט די אידישע אמונה. ער האט זיי ערקלערט די הויפט פרינציפען פון אידענטום.

וואלענטי האט געלערענט מיט גרויס חשק. ער האט געשלונגען די רייד פון דעם געלערענטען ר' אהרן, און איז מיט יעדען טאג אליץ מעהר געווארען צו איהם צוגעבונדען. ווען עס איז פאריבער א האלב יאהר, האט וואלענטי גענומען צושטעהן צו ר' אהרן, אז ער זאל איהם מגייר זיין.

— יעדער טאג וואס געהט אוועק און איך בין נאך ניט קיין איד — האט

וואלענטי זיך צו איהם אָנגערופען — איז ביי מיר א פארלוירענער טאָג. איך פיהל, אז איך מוז ווערען א איד!

— דו ווייסט דאָך, וואלענטי, אז דאָס איז אונמעגליך! — האָט איהם ר' אהרן געזאָגט — דאָ אין פאריז איז געפערליך דורכצופירען אזא זאך! דעריבער מוזטו האָבען געדולד. דערווייל קאָנסטו זיך אויפפירען ווי א איד. דו דארפסט זיך אָפּהיטען פון עסען טרפות, און גאָט וועט דיר ניט פאררעכענען פאר קיין זינד, ווען דו וועסט זיין געצוואונגען דערווייל, צו בלייבען אזוי. דו דארפסט זיין זעהר פאָרזיכטיג, אז קיינער זאָל דיר ניט חושד זיין, אז דו האָסט אין זינען צו ווערען א איד. איך וויל זאָגען, אז ערשט מיט עטליכע טעג צוריק, האָט מיר איינע א יונגע גרעפין געפרעגט ווער איהר זייט! ווי עס וויזט אויס האָט זי אייך באמערקט, אריינקומענדיג צו מיר, און דעריבער האָט זי זיך אין אייך פאראינטערעסירט.

— און וואָס האָט איהר איהר געענטפערט? — האָט זארעמבבא איהם געפרעגט.

— איך האָב איהר געענטפערט, אז איהר זייט פרעמדע, און אז איהר קומט אריין צו מיר צוליב געשעפט. אָבער איך האָב מורא, אז די גרעפין וועט שוין אייך ניט אָפּלאָזען. אזוי זיינען זיי, די פאריזער גרעפינס און רייכע פרויען. יעדער פרעמדער פאראינטערעסירט זיי.

— איך בין זעהר נייגעריג אויסצוגעפינען ווער זי איז? — האָט זעראמבא זיך אָנגערופען — איך האָב א פאָרדאכט, אז דאָס מוז זיין איינע, וועלכע האָט אונז געזעהן אין אונזער האָטעל.

— וואָס איז דער אונטערשיד ווער זי איז? — האָט וואלענטי זיך אָנגערופען — מיר דארפען זעהען אויסמיידען צו פארבינדען פריינטשאפט מיט פרעמדע מענשען צי זיי זיינען מענער צי פרויען.

— איך בין נאָך דערווייל פריי צו טאָן וואָס איך וויל! — האָט זארעמבא געזאָגט. איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, מיין פריינט, אז מיר האָט זיך שטארק פארבענקט נאָך יוליע'ן, און כדי צו פארטרייבען מיין בענקשאפט נאָך איהר, מוז איך פארברענגען א ווילע אין געזעלשאפט פון פרויען.

— אויב דו האָסט דאָס אין זינען, האָסטו גאָרניט באדארפט פארלאָזען פוילען און דיין געליבטע — האָט איהם וואלענטי פאָרגעוואָרפען.

— דאָס איז ביי מיר א צייטווייליגע בענקשאפט! — האָט זארעמבא זיך אָנגערופען — איך בין זיכער, אז ווען איך וועל זיך מעהר פארטיפען אין דער לעהרע וואָס אונזער פריינט לערענט מיט אונז, וועל איך זיך ענדערען.

— איך זוך ניט דיך צו ענדערען, מיין פריינט, האָט וואלענטי געזאָגט, אלץ וואָס איך וויל דיך בעטען, איז אז דו זאָלסט זעהר פאָרזיכטיג זיין ניט ארויסצוברענגען מיין סוד... איך וויים, אז איך קאָן זיך אויף דיר פארלאָזען, אָבער איך וויים אויך, אז די פרוי פארמאָגט א געוויסע קראפט מיט וואָס זי קאָן ארויסבאקומען פילע סודות פון מאַן. אָט נעם דעם ביישפיל פון שמשון הגבור מיט דלילה'ן... איך דארף דאָך דיר ניט זאָגען וואָס פאר א וויסטען סוף שמשון האָט געהאט, ווייל ער האָט ניט געקאָנט האלטען זיין סוד פון דער פרוי דלילה.

— איך וועל ניט זיין אזא נאר! — האָט זארעמבא געזאָגט — אויסער דעם ווייסטו דאָך, אז איך בין פארליבט אין יוליע'ן און איך בין פאר'קנס'ט צו איהר און קיין אנדער פרוי, ווי שעהן זי זאָל ניט זיין וועט זי מיך ניט פאראינטערעסערען... אלץ וואָס איך זוך איז צו דערטרינקען מיין בענקשאפט נאָך יוליע'ן, ווייל אויב ניט, ווייס איך ניט ווי לאנג איך וועל קאָנען פארבלייבען אזוי ווייט פון איהר.

— איך האָב אלץ געהאָפט, אז דו וועסט דיין בענקשאפט דערטרינקען אין לערנען די אידישע תורה — האָט וואלענטי זיך אָנגערופען — זאָג מיר דעם אמת, האָט דען דאָס לערנען פון אונזער פריינט ר' אהרן ליפּהאַן אויף דיר גאָר קיין איינדרוק ניט געמאכט?

— איך וועל דיר זאָגען דעם ריינעם אמת! — האָט זארעמבא זיך אָנגערופען — איך בין זעהר שטארק געריהרט פון אלץ וואָס ער האָט אונז דערצעהלט, אָבער פונדעסטוועגען פיהל איך, אז איך בין נאָך אלץ ניט אינגאנצען איבערצייגט. איך האָב פארלוירען מיין קריסטליכע אמונה, און די אידישע האָב איך נאָך ניט געפונען...

— אָ, מיין ליבער חבר! — האָט וואלענטי געזאָגט, — ווען דו וואלסט

זיך פארטיפט ווי איך אין די הייליגע שריפטען, וואלסטו אויך איינגעזעהן אז די אידישע אמונה, איז די איינציגע ריכטיגע אמונה.

— איך זאג דען אנדערש ? — האט זארעמבא זיך אנגערופען.

— האסטו פיליכט חרטה, וואס דו ביזט מיט מיר אהער געפאהרען ? — פרעגט איהם וואלענטי.

— ניין, איך בין העכסט צופרידען וואס איך בין אהער געקומען מיט דיר און וואס איך שטודיר מיט דיר די אידישע רעליגיע, אבער איך ווילווארטען ביז וואנען איך וועל ווערען איבערצייגט ווי דו, דאן וועל איך טראכטען פון ווערען א איד. דו פארשטעהסט, מיין פריינד, בייטען א רעליגיע, מיינט אן איבערקערעניש אין מענשענ׳ס לעבען. די דאזיגע איבערקערעניש קאן קומען בלויז דאן, ווען דאס הארץ און שכל זיינען פאראייניגט . . . פונקט ווי ביי דיר. דאריבער איז ביי דיר וועגען דעם מעהר קיין פראגע ניט, אבער ביי מיר, יע, איך בין איבערצייגט אז די אידישע אמונה שטעהט העכער פון אלע אנדערע אמונות, אבער מיין הארץ ציהט מיר דערווייל ניט צו ווערען א איד און צו זיין אונטערגעווארפען אלע ליידען און צרות וואס וועלען דארפען קומען מיט דעם . . . אפשר וועט עס קומען שפעטער, און דאן וועל איך אויך פיהלען ווי דו און איך וועל זיין גרייט אויף די גרעסטע קרבנות.

— אויב ביי דיר זיינען נאך פאראן ספקות, טא פארוואס ליגסטו זיי ניט פאר פאר ר׳ אהרן. איך בין זיכער, אז ער וואלט אלץ פאר דיר קלאהר געמאכט. און ווען דיינע ספקות וואלטען פארשוואונדען, וואלט צוזאמען מיט זיי אויך דיין צענגערען און קווינקלען פארשוואונדען.

איך האב מעהר קיינע ספקות וועגען דער אידישער אמונה. אלץ וואס מיר פעהלט, איז ווי איך האב דיר שוין געזאגט — איז הארץ, אביסעל הארץ און דאן וועל איך פיהלען דאס זעלבע ווי דו. איצט בין איך נאך דערצו ניט געגרייט. איצט פיהל איך, אז מיין יוגענד רופט מיך צו געניסען פון לעבען. איך בין אין פאריז, אין דער שעהנסטער שטאדט פון דער גאנצער וועלט און איך וויל זיך פריהער אביסעל ארומקוקען . . .

— און איך ווארט שוין אויף דעם טאג ווען איך וועל קאנען ווערען א איד ! ווען איך וועל קאנען פארערבענט ווערען ווי איינער פון זיי — האט וואלענטי געזאגט — און דאס קאן דא ניט געשעהן . . . ר׳ אהרן זאגט מיר, אז ווען מען וועט דא אויסגעפינען, וועט זיין לעבען און די לעבענס פון די אנדערע אידען, וועלכע געפינען זיך דא, זיין אין גרעסטער געפאהר. דאריבער וועל איך דארפען אפפאהרען קיין אמסטערדאם, דארט פיהלען זיך די אידען פריי, דארט קאן יעדער איינער דינען צו דעם גאט, וואס איז איהם אמנאהענטסטען צום הארצען.

---

**11**

צווישען דעם גראף פאטאצקי׳ס טאכטער, קאטערינא, און יוליע, דעם גראף לינעצקי׳ס טאכטער, איז דורכגעלאפען א שווארצע קאץ. דאס האט פאסירט, קורץ נאכדעם ווי עס איז באקאנט געווארען אז יוליע איז פאר׳קנס׳ט צו זארעמבא׳ן.

קאטערינא האט פון אנפאנג נישט געוואלט צוגעבען, אז זי אליין איז געוועז פארליעבט אין זארעמבא׳ן. זי האט ערווארטעט אז ער זאל זיין דער ערשטער וועלכער וועט איהר זאגען... איז זי דען ניט א סך שעהנער פון יוליע׳ן און פון די אנדערע מיידלאך, וועלכע זיינען דאן געוועז צו גאסט אין זייער פאלאץ אין איליע. זי האט געהאפט, אז אויך איהר ברודער וועט איהר קומען צו הילף און ער וועט שוין זעהען, אז זארעמבא, זיין פריינד, זאל ווענדען זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט אויף איהר, אבער פאסירט האט גאנץ אנדערש. ווי עס ווייזט אויס האט זארעמבא זיך גאר ניט פאראינטערעסירט אין איהר. ער איז געוועז ניט פון די פרעהליכע לעבעיונגען, וועלכע ווייסען ווי אפצושאצען א פרעהליך מיידעל ווי קאטערינא איז געוועז. האט זי זיך אזוי ניט גענומען צום הארצען, וואס ער איז גלייכגילטיג צו איהר. ווען אבער זי האט אויסגעפונען אז איהר פריינדין יוליע האט איהם ארייגעקראגען, האט זיך אין איהר צעפלאקערט איהר איפערזוכט...

קורץ נאָכדעם וויביידע, וואלענטי און זארעמבא זיינען אוועקגעפאהרען קיין פראנקרייך שטודירען, פלעגט יוליע קומען באזוכען קאטערינא'ן נאָך אפטער ווי פריהער. זי האָט זיך איינמאָל צו איהר אָנגערופען און געזאגט:

— דו ווייסט, קאטערינא, איצט דאַרף אונזער פריינדשאפט נאָך שטארקער צעמענטירט ווערען.

— פארוואס איצט מעהר ווי פריהער? — האָט קאטערינא איהר געפרעגט.

— ווייל איצט האָבען מיר ביידע אונזערע צוויי טייערסטע און ליבסטע מענער אזוי ווייט פון אונז. דו האסט דיין ברודער וואלענטי'ן דאָרט אין פאריז, און איך האב מיין געליעבטען זארעמבא'ן, דאָרט.

אָט די דאָזיגע רייד האבען קאטערינא'ן וועה געטאָן, ווי א מעסער וואלט געשניטען איהר לייב. זי האָט איהם פארלאָרען און יוליע האָט איהם געפונען...

— איך פארשטעה דיר ניט, יוליע, האָט קאטערינא איהר א שטאָך געטאָן — ווי אזוי קאָנסטו מאכען אזא פארגלייך? וואלענטי איז מיין ברודער, מיין בלוט און פלייש און זיין אבוועזענהייט, פארשאפט מיר אזוי פיעל צער און בענקשאפט. אבער זארעמבא, איז דאָך א פרעמדער צו דיר...

— וואס הייסט א פרעמדער! ער איז דאָך מיין געליעבטער! — האָט יוליע אויסגערופען, — ער איז דאָך מיר אמטייערסטען! יע, ער איז מיר טייערער פון מיין אייגען לעבען! איך בין גרייט איצט און צו יעדער צייט אפצוגעבען מיין לעבען פאר איהם...

— איך וועל דיר ערקלעהרען, וואס איך מיין — האָט קאטערינא געזאגט. —א געליבטען און א מאן קאָן מען צו יעדער צייט פארביטען אויף א צווייטען. אָט לאָמיר אננעהמען אז דיין געליבטער זאמברא טרעפט אין פאריז א צווייטע שעהנע מיידעל און ער פארליבט זיך אין איהר, דאן וועט ער דיך פארבייטען אויף א צווייטער. אין דער זעלבער צייט, ווען דו באגעגענסט א צווייטען יונגען מאן, וועלכער וועט דיר נאָך שטארקער געפעהלען ווי זארעמבא און דו וועסט זיך אין איהם פארליבען, וועסטו פארבייטען זארעמבא'ן אויף איהם...

— אָ, ניין! ניין! — האָט יוליע אויסגערופען. — איך קאָן שוין איהם קיינמאָל ניט פארבייטען אויף א צווייטען! — האָט יוליע געזאגט — איך פארשטעה ניט ווי אזוי דו קאנסט גאָר ריידען אזוי! האָסטו גאָר קיינע געפיהלען ניט. ווייסטו דען ניט וואס אמת'ע, ריינע ליבע איז?...

— איך וויים בלויז איין זאך, אז א ברודער וועל איך שוין קיינמאָל ניט קריגען, אויב איך וועל איהם פארלירען, אבער א געליבטען אדער אפילו א מאן, קאָן מען קריגען צו יעדער צייט, בפרט ווען מען וויים ווי אזוי דאָס צו טאָן...

— אבער ליבע! ווייסטו דען ניט וואס ליבע מיינט? יע, קאטערינא, איך זאָג דיר נאָכאמאָל, אז אזוי ווי עס איז אונמעגליך צו פארבייטען א ברודער, פונקט אזוי אונמעגליך איז צו פארבייטען א געליבטען...

— און וואס וואלסטו געטאָן דאן, ווען דו געפינסט אויס, אז דיין געליבטער האָט דיך פארביטען...

— דאָס איז אוממעגליך! — האָט יוליע א שוידער געטאָן.

— פארוואס איז דאָס אונמעגליך? מיר אלע ווייסען אז דאָס פאסירט כמעט יעדען טאָג. היינט איז א מאן פארליבט אין דיר מיט זיין גאנצען לייב און לעבען, און מאָרגען טרעפט ער א צווייטע און איהם דוכט זיך, אז זי איז נאָך שעהנער, צו אפשר דוכט זיך איהם ניט, נאָר זי איז ווירקליך שעהנער פון זיין געליבטער, און וואס פאסירט דאן? ער בייט זי אום!... האָסטו דען ניט געהערט פון אזעלכע זאכען? פארוואס זאלסטו זיין גענארט, יוליע? איך האָב געהערט פון אזעלכע זאכען. מיר דוכט זיך אז דאָס האָט פאסירט טאקע אין אונזערע אייגענע משפחות... איך שעהם זיך ניט! איך קאָן דיר זאגען דעם ריינעם אמת. מיין פאטער האָט געליבט מיין מוטער מיט זיין גאנצען לייב און לעבען. מיין מוטער האָט מיר ניט איינמאָל דערצעהלט פון זייער פלאמענדער ליבע, און וואס האָט פאסירט מיט איהם שפעטער? ער איז אוועקגעפאהרען אין פאריז, דאָרט האָט ער געטראָפען אן אינגערע, א

שעהנערע פון מיין מוטער און זיין גאנצע ליבע צו מיין מוטער איז פארשוואונדען ווי א רויך . . . ער האט שוין געהאט אן אנדער געליבטע און ער האט איבערגעטראגען זיין גאנצע ליבע און געטרייהייט צו יענער . . . דו ווייסט דאך ווען איך מיין . . . דאס זעלבע האט פאסירט מיט דיין פאטער. דו וועסט דאך מיר ניט וועלען איינריידען אז דיין פאטער האט געהייראט מיט דיין מוטער אהן ליבע. געווים האט ער זי ליעב געהאט און זי איהם, פונקט ווי דו האסט ליעב זארעמבא'ן, און איצט זעהסטו דאך וואס דיין פאטער טהוט . . . ער האט צו זיך אין פאלאץ אריינגעבראכט אט די זעלבע אויסגעלאסענע פרוי, ווען מיין פאטער האט אוועקגעווארפען און זי פארנעהמט דיין מוטער'ס פלאץ . . . ער טהוט עס גאנץ אפען און דיין מוטער מוז עס צוזעהען מיט איהרע אויגען און שווייגען...

יוליע האט פארביסען מיט איהרע ליפען . . . זי האט איצט איינגעזעהען אז איהר פריינדין וויל איהר וועה טאן. זי האט געקאנט איצט פארשטעהן, אז אין איהר פריינדין ברענט די אייפערזוכט. איהר פארדריסט וואס זי האט זיך באקאנט מיט זארעמבא'ן אין איהר פאטער'ס פאלאץ, און איהם אוועקגענומען פון איהר . . . כאטש זי האט איהר ניט איינמאל געהאט פארזיכערט, אז זי איז אין זארעמבא'ן קיינמאל ניט געוועזן פארליעבט, פארשטעהט זי אבער איצט פון אהרע רייד, אז עס טהוט איהר שטארק וועה . . .

— פון דיין שווייגען זעה איך, אז דו פילסט אז איך בין גערעכט ! — האט קאטערינא איהר ניט אפגעלאזען.

— ניין, דו ביזט ניט גערעכט ! אמת'ע ריינע ליבע איז דויערהאפט.

— און וואס וועסטו זאגען אויף אונזערע ביידענ'ס פאטערס !

— עס קאן זיין, אז אונזערע מוטערס זיינען אויך אין דעם שולדיג — האט יוליע איהר געענטפערט — זיי זיינען געוועזן אזוי זיכער מיט די ליבעס פון זייערע מענער, אז זיי האבען גאר ניט געטאן כדי אנצוהאלטען די דאזיגע ליבעס. איך ווייס אז דיין מוטער, איז אינגאנצען איבערגעגעבען צו דער קירכע און זי געפינט זיך זעלטען אין דער געזעלשאפט פון דיין פאטער. דאס זעלבע פאסירט מיט מיין מוטער און מיט פיעלע אנדערע. עס זיינען פאראן פארשידענע אורזאכען, פארוואס א מאן ווערט מיעד פון זיין פרוי און אלע מאל גלויב איך, איז דאס מעהר די שולד פון דער פרוי, ווי פון דעם מאן. א קלוגע פארנינפטיגע פרוי וועט וויסען ווי אנצוהאלטען איהר מאנ'ס ליעבע אויף איהר גאנצען לעבען . . .

— און דו גלויבסט, אז דו ביזט די קלוגע און פארנינפטיגע פרוי ? — האט קאטערינא געלאכט — אויב אזוי טא פארוואס האסטו ביי איהם, איך מיין ביי דיין געליבטען, זארעמבא'ן, ניט גע'פועל'ט, ער זאל פארבלייבען אין ווילנא, מיט דיר און ניט פאהרען קיין פאריז. איך צווייפעל ניט, אז דיר איז זיין רייזע ניט געוועזן צום הארצען.

— יע, איך גיב צו, אז איך בין זעהר ניט געוועזן צופרידען וואס ער פאהרט אוועק אזוי ווייט, אבער אין דער זעלבער צייט, האב איך געוואוסט, אז דאס איז געוועזן זיין באשלוס, אז ער גלויבט אז ער דארף פארען שטודירען און איך האב איהם דאריבער ערמוטיגט. איך שטעל זיך פאר ווי אן אנדערע אויף מיין פלאץ וואלט געהאנדעלט. זי וואלט די ערשטע זאך ארויסגעוויזען איהר שארפע נעגנערשאפט, זי וואלט געזאגט, אז זי וועט ניט קענען אריבערטראגען איהר איינזאמקייט און בענקשאפט. דאן וואלט זי גענומען איהם נעגען אז ער זאל ענדערען זיין פלאן, און ער זאל בעסער פארבלייבען מיט איהר. און אויב ער וואלט אבער איהר געזאגט, אז ער מוז פאהרען שטודירען, ווייל זיין גאנצע צוקונפט היינגט אפ אין דעם, וואלט זי צו איהם צוגעשטאנען זיי זאלען ביידע חתונה האבען און פאהרען צוזאמען . . . און דאן, זעהסטו וואלט ז' אליין, מיט איהרע איינענע הענט אוועק'גע'הרג'עט זיין ליבע פאר איהר . . . ווייל ער וואלט דאן איינגעזעהען, אז זי איז בלויז אויסען איהר אייגענע פארגעניגענס. אז זי איז ניט גרייט צו ברייננען קיינע קרבנות פאר איהר ליבע צו איהם. איך אבער האב געהאנדעלט מיט פארנופט. איך האב איהם געזאגט, אז איך וועל דערפון לידען, און אז איך

וועל זעהר שטארק בענקען נאך איהם, אבער אין דער זעלבער צייט, האב איך איהם געגעבען מוט צו פאהרען. איך האב איהם געזאגט, אז אויב ער גלויבט אז דאס וועט זיין א וויכטיגער שריט אין זיין צוקונפטיגען לעבען, דארף ער זיך ניט רעכענען מיט סענטימענטען. ער דארף פאהרען און איך וועל ווארטען אויף זיין צוריקקעהרען זיך מיט דער גרעסטער אומגעדולד . . . און דאן אויב ער וועט מיך נאך אלץ ליעב האבען וועלען מיר ביידע הייראטען . . .

— זעהסטו, ווען איך בין אויף דיין פלאץ, וואלט איך טאקע אנדערש געהאנדעלט — האט קאטערינא זיך אנגערופען, — איך וויל דיר ניט מאכען שווער אויף דיין הארץ, אבער איך ווייס אין זאך, אז ווען א יונגער מאן פארהט אפ קיין פאריז, האט ער אין זינען אויך אנדערע זאכען אויסער שטודירען . . . איך וועל דיר זאגען דעם אמת, יוליע, מיין ברודער איז זעהר א שטילער און א באשיידענער. איך האב איהם נאך צוגערעדט צו פאהרען אין פאריז, ווייל איך גלויב אז דארט וועט ער זיך ענדערען... ער וועט זעהען אנדערע מענשען, ער וועט זיך באקאנען מיט די פרויען פון פאריז, מיט זייער לעבען און ער וועט ניט זיין אזוי צוריקגעהאלטען. ער וועט זיין ווי די אלע יונגע לייט, וועלכע געפינען פארגעניגען אין דער געזעלשאפט פון פרויען. אבער דיין זארעמבא האט דאס ניט באדארפט . . . איך ווייס, אז ער איז קיינמאל ניט געוועזען קיין צוריקגעשטאנענער ווען ס'האט זיך געהאנדעלט וועגען פרויען, דאריבער וואלט איך שוין ניט געוועזען אזוי נאכגיביג און וואלט איהם טאקע ניט געטרויט צו פאהרען קיין פאריז . . . ווייל זייענדיג דארטען, קאן ער טאן וואס ער וויל . . . און א יונגער מאן וועלכער האט אן אויג אויף א שעהנע מיידעל, קען דארט, אין פאריז, געפינען זעהר פיעל שעהנהייטען . . .

— פאר מיין זארעמבא'ן וועט דארט קיינע אויסער מיר עקזיסטירען, — האט יוליע געזאגט. — ער האט מיר געשווארען אייביגע ליבע, און איך — אויך, האב איהם געשווארען צו בלייבען געטריי, און מיר האבען ביידע צוטרויען איינע צום צווייטען . . .

— ווען מיר וועלען עלטער ווערען, וועלען מיר זעהן ווער עס איז גערעכט, — האט קאטערינא געלאכט. — דערווייל האב איך געהערט פון מענשען, וועלכע האבען זיך אומגעקעהרט פון פאריז, אז ביידע, סאי מיין ברודער, און סאי דיין זארעמבא, פארברענגען דארט זעהר גוט.

— וואס, דו האסט געהאט א גרוס פון זיי? — האט יוליע זי געפרעגט מיט ערשטוינונג.

— געוויס! — האט קאטערינא געענטפערט. — איך האב זיך דורכגערעדט מיט איינעם, וועלכער האט זיי דארט אין פאריז געטראפען.

— טא פארוואס האסטו מיר גלייך ניט געזאגט! — האט יוליע אויסגערופען. — דו ווייסט דאך ווי נייגעריג איך בין צו הערען עטוואס פון זארעמבא'ן און דו מאכסט זיך גאר ניט וויסענדיג! אה, ווי אזוי קאנסטו זיין אזוי גרויזאם? . . .

— גרויזאם, זאגסטו! — האט קאטערינא זיך פאנאנדערגעלאכט. — ווען דו וואלסט געוואוסט דעם אמת, וואלסטו געזאגט פארקעהרט, אז איך בין זעהר גוטהערציג, ווייל איך האב דיך ניט געוואלט מצער זיין!

— וואס מיינסטו! — האט יוליע מיט שרעק אויסגערופען, — האט עפעס פאסירט מיט מיין זארעמבא'ן? איז ער קראנק אדער אפשר האט מיט איהם אן אומגליק פאסירט!

— אה, ניין, ער איז ניט קראנק און אויב א שעהנע פרוי איז אן אומגליק, קאן זיין, אז אזא "אומגליק" האט מיט איהם פאסירט. . .

— עס איז א ליגען! — האט יוליע אויסגערופען.

— דער, וועלכער האט עס מיר דערצעהלט, איז ניט קיין ליגנער! — זאגט קאטערינא מיט א שמייכעל אויף איהרע ליפען.

— ווער האט עס דיר דערצעהלט? זאג מיר, איך בעט דיך, קאטערינא, איך וועל פון זינען ארונטערגעהן! ווי אזוי קאנסטו מיך באהאנדלען מיט אזא פרעמדקייט?

— איך זאג דאך דיר, אז איך האב עס געטאן, ווייל איך האב דיר ניט געוואלט פארשאפען קיין שמערצען.

— אבער איצט, אז דו האסט מיר

שוין געזאָגט, ביז איך דאָך באַרעכטיגט צו וויסען ווער דאָס איז, וועלכער האָט דיר געבראַכט אַזאַ געררוס פֿון מיין זאַרעמבאַ'ן. איך וועל געהן צו איהם און איך וועל אויסגעפינען אַלץ וואָס ער ווייסט וועגען איהם.

— און וואָס וועט דאַן זיין? — האָט קאַטערינאַ ניט אויפגעהערט צו שמייכלען.

— דאַן וואָלט איך יענעם מאַן געזאָגט, אַז ער איז אַ ליגנער! — האָט יוליע אויסגערופען — איך וואָלט איהם געמאַכט צו בלאָטע גלייך.

— דערפאַר טאַקע וועל איך דיר ניט זאָגען ווער דאָס איז! — האָט קאַטערינאַ מיט געלאַסענהייט אין איהר שטימע אויסגערופען — איך וויל ניט אַז דו זאָלסט יענעם מאַן באַליידיגען!

— דו וועסט מיר זאָגען ווער דאָס איז, ווייל יענער וועלכער האָט דיר געבראַכט די דאָזיגע רכילות, עקזיסטירט גאָר ניט! ער איז געבוירען געוואָרען אין דיין פאַנטאַזיע. דו האָסט עס אַלץ אויסגעטראַכט!

— ווי אַזוי וואַגסטו מיך צו מאַכען פאַר אַ ליגנערין! — האָט קאַטערינאַ אויסגערופען מיט צאָרן — אָט דאָס באַצאָהלסטו מיר פאַר דעם וואָס איך וויל דיר שאַנעווען, און דיך ניט צוזאַמענברענגען מיט יענעם וועלכער האָט מיר דערצעהלט, ווי אַזוי דיין געליבטער פאַרשווענדעט זיין צייט אין געזעלשאַפט פֿון אויסגעלאַסענע פרויען.

— איך ווייס, אַז דו ביזט אייפערזיכטיג אויף זאַרעמבאַ'ן, ווייל דו האָסט גערעכענט, אַז ער וועט זיך גאָר פאַרליבען אין דיר! — האָט יוליע אויסגערופען און איהר צאָרן האָט זיך אין איהר צעפלאַקערט.

— ווען איך וואָלט איהם געוואָלט, וואָלט איך איהם געקראָגען! — האָט קאַטערינאַ זיך מיט איהר אַ רייץ געטאָן — אָבער איך האָב אין איהם קיין אינטערעס ניט געהאַט — איך האָב ליב אַ יונגען מאַן, וועלכער האָט אין זיך לעבען, לוסט און פרעהליכקייט! זאַרעמבאַ אָבער איז געווען שטיל, רוהיג און לעבענסלאָז... יע, דאָס איז ער געווען אָבער ווי איך האָב איצט געהערט, האָט ער זיך אינגאַנצען געענדערט! ווי עס ווייזט אויס, האָבען די פראַנצויזישע פרויען אַ מין מאַכט, אַזוי אַז אפילו דער שטומפינגסטער יונגער מאַן, ווערט אַ לעב־יונג... אָט וואָס דאַרפסטו געהן ווייט, נעהם דיין אייגענעם פאָטער, ביז אַהער, אַזוי ווייט ווי איך ווייס, האָט ער גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט אַנדערע פרויען, און איצט, זינט ער האָט דערזעהן אָט די אויסגעלאַסענע פראַנצויזין, מיין געוועזענע גוּאַווערנאַנטקע, האָט ער זיך געענדערט, דו אַליין האָסט דאָך מיר דערצעהלט, ווי אַזוי זי האָט געוואָרפען אַ צויבער אויף דיין פאָטער...

— איך וויל זאָגען, אַז דיין פאָטער האָט זי ניט אָוועקגעוואָרפען! — האָט יוליע אויסגערופען — ראַשיעל האָט דיין פאָטער איבערגעלאָזען, און מיין פאָטער האָט...

קאַטערינאַ האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— איך ווייס בעסער וואָס עס האָט פּאַסירט מיט ראַשיעל'ן. מיין פאָטער איז זעהר צופרידען וואָס ער איז פּטור געוואָרען פֿון איהר — האָט זי געזאָגט — איצט זאָל זיך דיין פאָטער האַלטען מיט איהר.

— ווי איך פאַרשטעה ווייס אפילו ניט דיין פאָטער, אַז זי געפינט זיך ביי אונז. ער מיינט, אַז זי איז אַפּגעפאָהרען קיין פּאַריז.

— איצט זעהסטו שוין, אַז דו ווייסט גאָרניט! — האָט קאַטערינאַ ווידער געלאַכט — איך אַליין האָב מיין פאָטער אויסגעזאָגט, אַז ראַשיעל געפינט זיך ביי דיין פאָטער אין פּאַלאַץ. און ווילסטו וויסען וואָס מיין פאָטער האָט געזאָגט ווען ער האָט דאָס דערהערט? יע, ער האָט געזאָגט, אַז דיין פאָטער, דער גראַף לינעצקי איז נידעריגער ווי אַ הונט, אויב ער האָט געקאָנט טאָן אַזאַ זאַך!

יוליע האָט זיך אויפגעשטעלט פֿון איהר פּלאַץ. איהר פּנים איז רויט געוואָרען פֿון צאָרן.

— מיין פאָטער וועט פֿון דעם וויסען! — האָט זי אויסגערופען.

— און אפשר מיינסטו, אַז מיין פאָטער שרעקט זיך אָפּ פאַר דיין פאָטער! — האָט קאַטערינאַ געשמייכעלט. — דו קאָנסט איהם דערצעהלען וואָס מיין פאָטער טראַכט פֿון איהם, און דאָס אי' ניט ווייל איהם פאַרדריסט וואָס ער האָט אַריינגענומען ראַשיעל'ן צו זיך אין פּאַלאַץ...

יוליע האָט איהר מעהר ניט געענטפערט. זי איז שנעל ארוים פון פּאַלאַץ, און זיך אריינגעזעצט אין איהר עקיפּאַזש און געהייסען דעם קוטשער גלייך פאָהרען אהיים.

ווען זי איז אָנגעקומען צו זיך אין פּאַלאַץ, האָט איהר ראשיעל באַגעגנט מיט א שמייכעל, פרעגענדיג איהר, פאַרוואָס זי קוקט אוים אזוי אויפגערעגט. יוליע האָט ניט געענטפערט. זי איז אריין צו זיך אין צימער און זיך פאַנאַנדערגעוויינט. איהר פאָטער איז גראד ניט געווען אין הויז, און צו איהר מוטער אין צימער האָט זי ניט געוואָלט אריינגעהן, כדי איהר ניט צו פאַרשאַפען מעהר שמערצען. איז זי דעריבער געבליבען ביי זיך אין צימער און זיך דאָרט גוט אויסגעוויינט.

ראשיעל, וועלכע האָט זיך שוין געפיהלט ווי אן אייגענע, האָט פאַרדראָסען וואָס זי האָט איהר ניט געענטפערט. זי איז דעריבער אריין צו איהר אין צימער, און ווען זי האָט באמערקט, אז זי וויינט, האָט זי זיך צוגעזעצט און מיט א צערטליכער שטימע זי געפרעגט:

— זאָג מיר, יוליע, וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט, פאַרוואָס ביזטו אזוי אויפגערעגט? פאַרוואָס וויינסטו? פאַר מיר דאַרפסטו זיך ניט שעהמען! דערצעהל מיר, אפשר האָסטו געקראָגען א שלעכטען גרוס פון דיין געליבטען, זאַרעמבא!

— איך גלויב אלץ איינס ניט, די ליגנערין! — האָט זיך יוליע צעכליפּעט.

וועמען גלויבסטו ניט? וואָס האָט מען דיר דערצעהלט וועגען דיין געליבטען?

— אָט די פאַלשע קאטערינא, די ליגנערין! איך וויים, אז זי איז אייפערזיכטיג, דעריבער האָט זי אויף איהם אויסגעטראַכט אזא שענדליכען ליגען! זי זאָגט מיר, אז אימיצער איז געקומען פון פּאריז און איהר דערצעהלט, אז מיין זארעמבא פירט זיך אויף זעהר שלעכט, אז ער איז אין געזעלשאפט פון אויסגעלאסענע פרויען...

— געוויס דאַרפסטו איהר ניט גלויבען! — האָט ראשיעל זיך אָנגערופען — עס איז פאַרשטענדליך, אז זי איז אייפערזיכטיג, ווייל ווי איך וויים איז דיין געליבטער זעהר א וואוילער יונגער מאַן... גלויב איהר ניט!

קאטערינא האָט אויך אייך געזאָגט, אז איהר זייט אויסגעלאסען! — האָט יוליע געזאָגט — זי האָט זיך באַרימט, אז איהר פאָטער האָט אייך אוועקגעוואָרפען, און אז איהר האָט אריינגענומען מיין פאָטער אין אייער נעץ!

— עס איז ניט אמת! דו קאָנסט אָנפרעגען דעם גלח אנטאָן! ער וועט דיר זאָגען, אז איך האָב אפילו ניט געטראַכט פון דיין פאָטער! ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דיין פאָטער, און איך בין איהם געפעלען געוואָרען. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אז דו זאָלסט איהר ניט גלויבען... און דאָס וואָס זי האָט דיר געזאָגט, אז איהר פאָטער האָט מיך אוועקגעוואָרפען, אויב אזוי קאָן איך דיר דערצעהלען, אז ערשט מיט צוויי טעג צוריק האָט מיר איינער פון דעם גראף פּאָטאָצקי׳ס היידוקעם געבראַכט א בריוו פון איהם, און אין בריוו בעט ער מיך איך זאָל איהם מוחל זיין, און ער וויל איך זאָל זיך צוריקקערען צו איהם!

— אָ, ווען איך וואָלט עס געקאָנט גלויבען! — האָט יוליע אויסגערופען.

— וואָס? דו מיינסט אז איך זאָג דיר א ליגען!

— איך בין אזוי צוטומעלט אז איך וויים ניט וואָס צו טראַכטען!

— אויב אזוי וועל איך דיר צייגען גראף פּאָטאָצקי׳ס בריוו! — האָט ראשיעל זיך אָנגערופען — אָט בריינג איך גלייך אריין דעם בריוו, אָבער דו וועסט מיר פריהער צוזאָגען אז דו וועסט דיין פאָטער ניט דערציילען וועגען דעם. איך האָב בדעה איהם אליין צו דערציילען.

יוליע איז זעהר שטארק פאראינטערעסירט געוואָרען און זי האָט איהר פאַרשפּראָכען. ראשיעל איז ארוים פון איהר צימער און זיך באלד צוריקגעקערט מיט דעם בריוו.

ווען יוליע האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט זיך אויף איהר פּנים באוויזען א שמייכעל.

— איך וועל איהר ווייזען! — האָט זי אויסגערופען — זי האָט מיר געוואָלט איינרעדען אז איהר פאָטער האָט אייך אוועקגעוואָרפען. זי האָט מיר דערציילט אז ווען איהר פאָטער האָט אויסגעפונען אז איהר געפינט זיך ביי אונז, האָט ער באַליידיגט מיין פאַ־

טער, און איך וועל שוין זעהן אז דאס זאל איהם ניט נעשאנקען ווערען.

— פאלג מיך, יוליע, דערצייל גארניט דיין פאטער! איך מיין, דערצייל איהם ניט וואס דו האסט געהערט פון קאטערינא. ער וועט זיך פיהלען זעהר שלעכט, און עס קאן ארויסקומען צווישען זיי א קריגעריי.

— איך וויל טאקע אז מיין פאטער זאל וויסען אז דער גראף פאטאצקי איז זיין שונא, און ער זאל אהין קיינמאל ניט געהן!

— ער וועט שוין אלץ איינס אהין ניט געהן! — האט ראשיעל געזאגט.

— איך וועל שוין זעהן דערצו.

— וואס מיינט איהר, ער האט מיין פאטער אנגערופען "נידעריגער פון א הונט" און איך וועל עס פארשווייגען? ניין, איך וועל איהם דאס זאגען!

— פאלג מיך יוליע, האט ראשיעל אויסגערופען — עס וועט זיין בעסער אז ער וועט עס ניט וויסען. ווייסטו גאר וואס? לאמיר זיך בעראטען מיט דעם היילינגען פאטער'ל, אנטאן, ער וועט דיר זאגען וואס צו טאן.

— איך וועל מיין באשלום ניט ענדערען! — האט יוליע געזאגט — איך וועל מיין פאטער אלץ דערציילען. זאל ער וויסען וואס זיין בעסטער פריינד טראכט פון איהם! איך אליין וועל שוין מעהר ניט געהן אהין! איך וויל ניט האבען צו טאן מיט א פאלשער פריינדין, א ליגנערין, און איך וואלט וועלען אז מיין פאטער זאל אויך גארניט האבען צו טאן מיט איהם.

— ווייסטו גאר וואס? —האט ראשיעל זיך אנגערופען — לאז עס איבער צו מיר! איך וועל רײדען מיט דיין פאטער וועגען דעם און איך וועל איהם אלץ דערציילען! איך וועל איהם אפילו ווייזען דעם בריוו וואס דער גראף פאטאצקי האט צו מיר געשריבען. דאס אליין וועט זיין גענוג ער זאל אויפהערען צו געהן צו איהם אין פאלאץ, און זייער פריינדשאפט וועט אפגעקילט ווערען. הא, זאגסטו מיר צו אז דו וועסט מיט איהם ניט ריידען וועגען דעם!

— איך וועל זעהן! — האט יוליע אויסגערופען — איך קאן אייך גארניט צו זאגען מאדמאזעל!

— איך ווייס יוליע, אז דו ביזט זעהר אויפגערעגט פון דעם וואס קאטערינא האט דיר דערצעהלט וועגען דיין געליבטען זארעמבא, איך האב פאר דיר א פלאן!

— וואס פאר א פלאן? — האט יוליע געפרעגט.

— דו ווייסט דאך אז איך האב א משפחה אין פאריז, אז איך האב א מוטער און א שוועסטער און ברודער. איך וועל שרייבען א בריוו צו מיין מוטער, און איהר בעטען זי זאל אויסגעפינען וואס דיין געליבטער טהוט אין פאריז, און זי זאל ביי דער ערשטער געלעגענהייט מיר שרייבען וועגען דעם, און דאן וועסטו זיך איבערציינגען אז אלץ וואס קאטערינא האט דיר דערצעהלט וועגען זארעמבא'ן, האט זי עס אויסגעטראכט פון איהר קאפ. נו, ווי געפעהלט דיר מיין פלאן?

— המ... איך ווייס ניט! איך וועל אייך זאגען דעם אמת, אז איך גלויב אלץ איינס ניט וואס קאטערינא האט מיר דערצעהלט.

— דו דארפסט מיר ניט איינריידען, איך קאן זעהן אז איהרע רייד האבען אויף דיר געמאכט א שטארקען רושם, און אז א שטיקעל פארדאכט האט זיך ביי דיר אין הארצען פאר'גנב'ט, דאריבער וויל איך אז דו זאלסט זיך פארלאזען אויף מיר, איך וועל שוין אויסגעפינען דורך מיין מוטער דעם גאנצען אמת! איך קאן קריגען א גערוס פון מיין מוטער גאנץ אפט, ווייל פילע פון מיין מוטער'ס פריינד פאהרען גאנץ אפט קיין פוילען. איך בין זיכער אז דו וועסט זיך שעצען גליקליך אויסצוגעפינען, אז דיין געליבטער זארעמבא, איז אין גוטען געזונטצושטאנד, און אז ער איז דיר איבערגעגעבען מיט זיין גאנצען הארצען.

— איך וואלט אבער ניט געוואלט אז ער זאל אויסגעפינען אז אימיצער שפירט איהם נאך — האט יוליע געזאגט — איך האב צוטרויען צו איהם, אז ער איז מיר געטריי.

— דו מעגסט זיך פארלאזען אויף מיין מוטער, זי וועט שוין וויסען ווי דאס צו טאן. ער וועט אפילו נישט וויסען אז זי האלט אן אויג אויף איהם. דיין פאטער האט מיר געזאגט אז איינער פון זיינע פריינד דארף אין גיכען אפפאהרען קיין פראנקרייך, און ער וועט צופאהרען צו יענעם, וועל איך אנשרייבען א בריוו צו מיין מוטער און איך וועל איהר אלץ ער-

קלערן און זי בעטן אויסצוגעפינען וואו זיי האלטן זיך אויף.

— איך ווייס אין וואָס פאר א האָטעל זיי שטעהן איין! — האָט יוליע אויסגערופען.

— איז דאָך געוויס גוט! — האָט ראשיעל געזאָגט — וועל איך מיין מוטער שרייבען אז זי זאָל דאָרט צוקומען און זיך נאָכפרעגען אויף די צוויי יונגע פריינד, אויף דעם גראף וואלענטי פּאָטאָצקי און זארעמבא. איך וועל איהר בעטען אז זי זאָל זיך נאָכפרעגען אויף זארעמבא׳ן און אויסגעפינען וואָס ער טהוט, און איבערהויפּט אויב ער איז פאראינטערעסירט אין יונגע פראנצויזישע מיידלעך. ביזטו צופרידען?...

יוליע האָט געשוויגען. זי האָט ביי זיך ניט געקאָנט באשליסען, צו טאָן אזא זאך. זי האָט געהאט צו איהם פולען צוטרויען. ער, זארעמבא איז אינגאנצען אנדערש פון די פרעהליכע לעבע יונגען, וועלכע זיינען אזוי לייכטזיניג. ער איז ערנסט. אין אָט דער הינזיכט איז ער כמעט ווי קאטערינא׳ס ברודער, א שטילער, א צוריקגעצויגענער, און איבערהויפּט אן עהרליכער. פונדעסטוועגען אָבער, האָט אָט די קאטערינא אריינגעטאָן דעם סם פון צווייפעל אין איהר מח. איצט טראכט זי איבער דאָס ערגסטע. וואָס וועט טאקע זיין ווען ער טרעפט דאָרט א צווייטע, און אפשר אויך א שעהנערע... אפשר האָט קאטערינא איהר געזאָגט דעם אמת... אפשר האָט מען איהר איבערגעגעבען א געררס פון איהר ברודער, און אין דער זעלבער צייט, דערצעהלט וועגען זארעמבא׳ן...

— איך פארשטעה פון דיין שווייגען אז דו ביסט איינשטימיג, דו ווילסט אז איך זאָל שרייבען צו מיין מוטער.

— יע, אָבער שרייב איהר אז זי זאָל זיין זעהר פאָרזיכטיג! — האָט יוליע געזאָגט.

אָט דער דאָזיגער געשפּרעך צווישען יוליע׳ן און ראשיעל׳ן, האָט זיי געמאכט פריינדליכער, איינע צו דער צווייטער. פונדעסטוועגען האָט יוליע זיך ניט געקאָנט באהערשען און דערצעהלט איהר עלטערע שוועסטער וואָס דער גראף פּאָטאָצקי האָט זיך אויסגעדריקט וועגען זייער פּאָטער.

— איך מוז עס דערצעהלען דעם פּאָטער! — האָט זי געזאָגט — זאָל ער וויסען אז ער איז זיינער א שונא, און זאָל ער מעהר ניט געהן צו איהם.

— וואָס מיר געפעלט, — האָט יוליע געזאָגט — איז דאָס וואָס קאטערינא האָט מיר געוואָלט איינרייד ען אז איהר פּאָטער האָט פארטריבען ראשיעל׳ן... און ערשט מיט א ווייל ע פריהער, האָט זי מיר געוויזען א בריוו וואָס דער גראף פּאָטאָצקי האָט איהר געשיקט, און וואָס ער בעט זי געהן צוריק צו איהם...

— אָ, אונזער אָרימע מוטער, ווען זי וואָלט געווען געזונט און וויסען וואָס עס קומט פּאָר ביי אונז — האָט די עלטערע טאָכטער א זיפץ געטאָן — פונדעסטוועגען וויל איך דיר זאָגען, מיין שוועסטער אז דו האָסט ניט גוט געטאָן וואָס דו האָסט זיך צעקריגט מיט קאטערינא׳ן. איך האָב זעהר געוואָלט אָנהאלטען אונזער פריינדשאפט מיט איהר. ווייל דו ווייסט דאָך אז איך בין נאָך אלץ פאראינטערעסירט אין איהר ברודער וואלענטי... איך האָף נאָך אז ווען ער זיך אומקערען פון פּאריז, וועט ער זיך א סך ענדערען. אפשר וועט ער דאן אויך האָבען אַן אנדער באציהונג צו מיר!...

— קאטערינא האָט אליין געזוכט זיך צו קריגען מיט מיר! — האָט יוליע געזאָגט — זי איז שטארק אייפערזיכטיג וואָס זארעמבא איז אין מיר פארליבט...

— איך האָף אז אונזער פּאָטער וואָלט אויך אוועקגעשיקט ראשיעל׳ן פון אונז. זי וועט אונז אלעמען קיין פרייד ניט פארשאפען. דאריבער גלויב איך אז איך וועל איהם דערצעהלען וואָס דער גראף פּאָטאָצקי האָט געזאָגט.

— ווארט נאָך צו א ווייל ע! — האָט יוליע געזאָגט — מיר וועלען זיך דארפען בעראטען ווי אזוי איהם דאָס צו זאָגען.

## 12

דער גראף פּאָטאָצקי האָט זיך שטארק גענומען צום הארצען ווען ער האָט אויסגעפונען אז זיין געליבטע ראשיעל געפינט זיך איצט אין דעם פּאלאץ פון גראף לינעצקי. ער ווייסט אז ער איז אליין שולדיג אין דעם. אמת, זי איז איהם געווען אומגעטריי. אָבער ער האָט איהר באדארפט מוחל זיין, ווויסענדיג אז עס איז ניט געווען איהר שולד. דער גלח האָט אויף איהר געהאט א גאָר גרויסע ווירקונג

און זי האָט זיך פאַרלוירען... זי איז דאָך אָבער געווען אַזוי שעהן, אין איהר געזעלשאַפט האָט ער זיך געפיהלט אַ גאַנץ אַנדער מענש. ער האָט זיך געפיהלט אַז ער איז געוואָרען אַ סך איינגער ווען ער פלעגט פאַרברייננגען מיט איהר.

ווען עס זיינען פאַראיבער נאָך עטליכע חדשים, זינט זיין זוהן איז אָפּגעפאָהרען קיין פּאַריז, און זינט ער האָט אויסגעפונען אַז ראשיעל איז איצט אין דעם גראַף לינעצקי'ס פּאַלאַץ, איז ער געוואָרען זעהר אומרוהיג. ער האָט באַשלאָסען אַז ער מוז זי צוריק אַריינקריגען. ער האָט דאַריבער פריהער געשריבען דעם בריוו, וואָס ער האָט איהר געשיקט דורך זיין היידוק און ווען ער האָט קיין ענטפער ניט געקראָגען, האָט עס איהם שטאַרק פאַרדראָסען. ער האָט באַשלאָסען צו צווינגען לינעצקי'ן, ער זאָל זי איהם צוריקגעבען.

דער גראַף פּאָטאָצקי האָט געמאַכט אַן אונטערהאַלטונג אין זיין פּאַלאַץ אין ווילנא און ער האָט איינגעלאַדען דעם גראַף לינעצקי, ער זאָל קומען צוזאַמען מיט ראשיעל. אָבער לינעצקי, האָט זיין איינלאַדונג ניט אָנגענומען. ער האָט געשיקט אַן ענטפער אַז ער קאָן ניט קומען.

דאָס האָט אַריינגעבראַכט דעם גראַף פּאָטאָצקי איז גרויס גרימצאָרן. ער האָט באַשלאָסען זיך מיט איהם אָפּצורעכענען. ער האָט געוואוסט אַז ער אַלס גראַף איז אַ סך שטאַרקער פון לינעצקי'ן. און אַז גאַנץ אָפט פלעגט לינעצקי דאַרפען אָנקומען צו איהם וועגען געוויסע טובות. ער וועט איהם שוין דאַריבער ווייזען.

ער האָט איהם געשיקט זאָגען אַז ער וואָלט זיך מיט איהם וועלען זעהן. אָבער דער גראַף לינעצקי האָט איהם געענטפערט אַז ער וואונדערט זיך ווי אַזוי אַזאַ גראַף ווי דער גראַף פּאָטאָצקי זאָל זיך וועלען זעהן מיט איהם, וועלכער איז נידעריגער פון אַ הונט.

דאָן האָט דער גראַף פּאָטאָצקי פאַרשטאַנען אַז זיין טאָכטער קאַטערינא האָט שוין געפּלוידערט און זי האָט איבערגעגעבען לינעצקי'ס טאָכטער ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט וועגען איהם. ער האָט גלייך אַריינגערופען צו זיך אין צימער קאַטערינא'ן און זיך צו איהר געווענדעט:

— ווער האָט דיר געהייסען דערצעהלען לינעצקי'ס טאָכטער אַז איך האָב געזאָגט אַז איהר פאָטער איז נידעריגער ווי אַ הונט.

— אָבער עס איז דאָך אמת!

— און אַז עס איז אמת, דאַרפסטו אַלץ איבערגעבען וואָס איך רייד מיט דיר!

— איך מיין אַז עס איז דאָך אמת, אַז לינעצקי איז נידעריגער פון אַ הונט — האָט קאַטערינא געלאַכט.

— דו האָסט אָבער קיין רעכט ניט געהאַט דאָס צו זאָגען!

— ווען דו וואָלסט מיר אָנגעזאָגט ניט צו ריידען וועגען דעם, וואָלט איך עס געוויס ניט געטאָן. אָבער פאַרוואָס זאָלסטו זיך נעמען צום הארצען, פאָטער! איך האָב אַזוי גוט ווי פאַריאָגט פון אונזער פּאַלאַץ יוליע'ן, און איצט אַלץ, וואָס דו דאַרפסט טאָן איז ניט צו האָבען צו טאָן מיט לינעצקי'ן און מיר וועלען ביידע האָבען געטאָן זעהר אַ גוטע זאַך!

— איך פרעג ביי דיר קיין עצות ניט! — האָט זיך דער גראַף אויף איהר אָנגעבייזערט. איך וויל אַז דו זאָלסט פון היינט מאָל אָן און ווייטער, ניט ריידען דאָס וואָס מען דאַרף ניט. דו האָסט מיר שוין פאַרשאַפט גענוג הארצוועהטאָג!

— איך ווייס וואָס דו צילסט מיט...

— שווייג! — האָט דער גראַף אויף איהר אַ געשריי געטאָן — איך וויל מעהר פון דיר קיין וואָרט ניט הערען.

קאַטערינא האָט געוואוסט אַז ווען איהר פאָטער רעדט אין אַזאַ טאָן, איז אַ סך בעסער פאַר איהר אַז זי זאָל האַלטען איהר מויל צוגעמאַכט. זי איז אַרויס פון זיין צימער שוויינענדיג.

דער גראַף פּאָטאָצקי האָט דאַן באַשלאָסען אָפּצושטאַטען לינעצקי'ן אַ באַזוך. ער האָט צוזאַמענגערופען זיינע היידוקעס און זיי געזאָגט אַז ער וויל געהן אויפ'ן יאַגד. זיי האָבען זיך דאַריבער צוגעגרייט. זיי האָבען זיך באַוואָפענט און געוואַרט אויף דעם גראַף.

ווען דער גראַף פּאָטאָצקי איז שוין געווען אין וועג, האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע באַגלייטער:

— איך דאַרף פריהער באַזוכען דעם גראַף לינעצקי. מיר וועלען אַוועקרייטען צו איהם אין פּאַלאַץ. און איהר וועט צווואַרטען ניט ווייט פון דאָרט.

ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָהענט צו דעם הויף, וואו עס איז געווען לינעצקי'ס פּאַלאַץ, האָט דער גראַף פּאָטאָצקי ארונטערגעשטיגען פון זיין פערד, ער האָט געהייסען זיינע היידוקעס צוואַווארטען און ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו דעם טויער, און געזאָגט דעם וועכטער אז ער וויל זיך זעהן מיט דעם גראַף לינעצקי'ן.

— דער גראַף לינעצקי איז ארויסגעפאָהרען אויף א שפּאַציר! — האָט איהם דער וועכטער געזאָגט — איך גלויב אָבער אז ער וועט זיך באַלד צוריקקעהרען.

— זאָג מיר דעם אמת, האָט דיר דער גראַף אָנגעזאָגט אז דו זאָלסט מיר אזוי זאָגען ווען איך וועל דאָ קומען?

— האָט פּאָטאָצקי איהם געפרעגט.

— ניין, פּאַן גראַף! — האָט דער וועכטער אויסגערופען — עס איז אמת, דער גראַף לינעצקי איז מיט א קורצער צייט צוריק אריינגעזעצט זיך אין זיין עקיפּאַזש און איז אָפּגעפאָהרען פון דאַנען.

— איז ער אָפּגעפאָהרען אליין? — האָט ער געפרעגט.

— המ... איך קאָן דאָס ניט זאָגען...

— אָ, איך פארשטעה, ער איז געוויס ארויסגעפאָהרען מיט...

— אָט קומען זיי! — האָט דער וועכטער אויסגערופען.

דער גראַף פּאָטאָצקי האָט א דרעה געטאָן זיין קאָפּ, און ער האָט דערזעהן אז לינעצקי'ס עקיפּאַזש דערנעהנטערט זיך. זיין בלוט האָט אין איהם גענומען זידען. ער האָט געוואוסט אז מיט איהם געפינט זין איצט ראשיעל. ער האָט זיך באהערשט, און איז געבליבען שטעהן אויף זיין פּלאַץ.

לינעצקי האָט איהם דערזעהן, און ער האָט זיך אָנגערופען צו ראשיעל:

— אָט קומט אָן דער גראַף פּאָטאָצקי... זאָג מיר, וועסטו געהן צוריק צו איהם?

— קיינמאָל ניט! — האָט ראשיעל אויסגערופען — ער האָט מיך באליידיגט, און איצט וויל זיך גאָרניט האָבען צו טאָן מיט איהם!

— אָבער פונדעסטוועגען וועסטו דארפען וויסען ווי צו האנדלען! — האָט לינעצקי זיך צו איהר אָנגערופען — דער גראַף פּאָטאָצקי איז זעהר מעכטיג, ער האָט א סך מעהר פריינד אין דער רעגירונג ווי איך און ער וועט זוכען אונז ביידען שלעכטס צו טאָן.

זיי זיינען ארויס פון עקיפּאַזש, און דער גראַף פּאָטאָצקי האָט זיך עטוואָס דערנעהנטערט צו זיי מיט שטאָלצע טריט.

— אָ, א טייערער גאַסט, גראַף פּאָטאָצקי! — האָט לינעצקי איהם באַגריסט. — אזוי אומגעריכט!

— איך האָב דיך איינגעלאַדען צו זיך און דו האָסט זיך ענטזאָגט צו קומען — האָט פּאָטאָצקי איהם פארגעוואָרפען, — דאָס איז ביי מיר געווען א צייכען אז דו ווילסט זיך דערווייטערען פון מיר.

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, גראַף פּאָטאָצקי, איך האָב זיך געטראכט: ווי קום איך, וועלכער איז נידעריגער פון א הונט, צו באַשיינען ...יין פּאַלאַץ?

— איך האָב געהאַט פולע רעכט צו מאכען אזא באמערקונג וועגען דיר!

— האָט פּאָטאָצקי געזאָגט — דו האָסט זעהר ניט שעהן געהאַנדעלט נעגען מיר!

— וועסטו מיר אפשר ערקלערען ווי אזוי איך האָב געהאַנדעלט ניט שעהן?

— ווי אזוי! דו דאַרפסט אליין וויסען! איך האָב דיך געהאַלטען פאר מיין גוטען פריינד, און איך האָב דיר אנפארטרויט איינינע פון מיינע סודות, און דו האָסט זיך דערמיט באַנוצט מיך צו ערנידעריגען.

— איך זעה ניט איין מיט וואָס איך האָב דיך דערנידעריגט? — האָט לינעצקי איהם געפרעגט.

— דאָ איז ניט דער פּלאַץ צו ריידען וועגען דעם. אלץ וואָס איך פארלאַנג איז זיך דורכצוריידען מיט ראשיעל'ן.

— איך זעה ניט איין פארוואָס זי זאָל זיך וועלען מיט ...יר דורכריידען!

— האָט לינעצקי געזאָגט — דו האָסט זי באליידיגט, דו האָסט זי פון זיך פארטריבען, זי איז געבליבען דאָ עלענד, אָהן א פריינד, און ווען איך האָב געזעהן אז זי איז פארלאָזען, איינזאַם און זי פיהלט זיך אומגליקליך, האָב איך זיך איבער איהר דערבארעמט, און איך האָב זי אריינגענומען צו זיך אין פּאַלאַץ. איצט פרעג איך דיך, וואָס פאר א פארברעכען האָב איך דערמיט באַגאַנגען, צוליב וואָס האָט מיר געקומט אז דו זאָלסט מיך באליידיגען און באַצייכענען אלס "נידעריגער פון א הונט"...

— איך בין געווען זעהר אויפגערעגט, און דאָס האָב איך געזאָגט אין דער געגענוואַרט פון מיין טאָכטער, און זי האָט קיין רעכט ניט געהאַט איבערצוגעבען מיינע רייד צו דיין טאָכטער. איך בין גרייט זיך צו ענטשולדיגען פאר דיר... און איך האָף אז צוליב דעם וועט אונזער לאנגע פריינדשאַפט ניט דאַרפען ליידען.

— איך בין וויליג עס צו פארגעסען! — האָט לינעצקי געזאָגט, — און איצט לאָמיר אריינגעהן צו מיר אין פֿאַלאַץ און לאָמיר זיך איבערבעטען מיט א טרונק בראָנפען...

די גאַנצע צייט וואָס די ביידע גראַפען האָבען צווישען זיך גערעדט, איז ראשיעל געשטאַנען אָן א זייט. איהרע בליקען זיינען געווען געווענדעט אין א צווייטער ריכטונג. זי האָט געטראַכט פון דעם, אז דער גראַף פֿאָטאָצקי איז צו איהר געווען א סך מעהר איבערגעגעבען ווי לינעצקי. ער פלעגט איהר ברינגען מתנות זעהר אָפט. און זיין ליבע צו איהר איז געווען שטאַרקער ווי די פון לינעצקי.

נאָך אַלעמען, האָט זי זיך געטראַכט, איז ער דאָך געווען גערעכט. זי האָט איהם פאַרראַטען... ער האָט געמיינט, אז זי איז צו איהם געטריי און איבערגעגעבען, און צום סוף האָט ער אויסגעפונען אז זי פאַרראַט איהם. דאָך האָט ער קיין רעכט ניט געהאַט איהר אזוי צו באהאַנדלען... איהרע געדאַנקען האָבען ווייטער געאַרבייט:

וואָס פאַרלאַנגט ער איצט פון איר? צוליב וואָס איז ער געקומען? וואָס וועט זיין אויב ער וועט פון איהר פאַרלאַנגען זי זאָל זיך אומקערען צו איהם, ווי אזוי זאָל זי האַנדלען. עס וואָלט געווען זעהר גוט ווען זי קאָן זיך אומקערען צו איהם, ווייל ביי דעם גראַף לינעצקי׳ן אין פֿאַלאַץ פיהלט זי זיך זעהר ניט באַקוועם...

— ראשיעל, ווילסטו אפילו מיך ניט מעהר באַגריסען? — האָט זיך דער גראַף פֿאָטאָצקי צו איהר געווענדעט.

ראשיעל האָט זיך א קעהר געטאָן, אויף איהרע ליפען האָט זיך באַוויזען א שמייכעל און זי האָט זיך פאַרנייגט פאַר איהם.

— קום, ראשיעל, לאָמיר אריינגעהן אין פֿאַלאַץ און מיר וועלען טרינקען צוזאַמען פאַר אונזער באַנייטער פריינדשאַפט.

זיי זיינען אריין אין פֿאַלאַץ, און זיך געזעצט אַרום א רונדען טישעל, וואָס איז געשטאַנען אין איינעם פון די ווינקלען פון דעם גרויסען צימער. א דינער האָט געבראַכט א פלאַש בראָנפען, און זיי האָבען געטרונקען.

דער גראַף פֿאָטאָצקי האָט זיינע אויגען ניט אַרונטערגענומען פון דער שעהנער ראשיעל. ער האָט געזעהן אז זי איז איצט נאָך שעהנער פון פריהער. איהרע אויגען פינקלען ווי דימאַנטען, און איהר פּנים איז ווי א בליהענדע רויז. יע, איצט אז זיין זוהן איז אין פּאריז, וואָלט ער געקאָנט פאַרברענגען מיט איהר אונגעשטערט. ער וועט מוזען ריידען מיט איהר, אפשר וועט נאָך מעגליך זיין אז זיי זאָלען ווידער צוזאַמענקומען.

— דו ווייסט, גראַף לינעצקי — האָט זיך פֿאָטאָצקי צו איהם געווענדעט — מיין זוהן און דיין צוקונפטיגער איידעם זאַרעמבאַ זיינען דאָך אין פּאריז, און איך האָב באַשלאָסען אין גיכען אויך צו מאַכען א רייזע קיין פּאריז. אפשר וואָלסטו מיט מיר געוואָלט מיטפאָהרען?

— ניין, פאַר מיר איז עס אונמעגליך! — האָט לינעצקי אויסגערופען — איך קאָן עס איצט ניט טאָ: ! יע, ניט אזוי גיך, אפשר אין א פּאָר יאָהר אַרום.

— דו פארגעסט, מיין פריינד, אז דו ווערסט עלטער, ניט אינגער. איצט איז די צייט צו געניסען פון לעבען! שפּעטער, ווען מיר וועלען עלטער ווערען, וועלען מיר שוין ניט קאָנען האָבען די זעלבע פאַרגעניגענס ווי איצט. האַ, ראשיעל, בין איך ניט גערעכט?

— יע, מיין ווירדיגער גראַף, האָט זי צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— איך וואָלט אויך זעהר געוואָלט מאַכען אָט די דאָזיגע רייזע! — האָט לינעצקי געזאָגט, אָבער איך האָב זיך זעהר שטאַרק פאַראיינגט, און איך וועל מוזען דאָ בלייבען אַמווייניגסטען נאָך איין יאָהר, ביז וואַנען איך וועל זיך קאָנען אַרומצאָהלען.

ווען לינעצקי וואָלט געווען ניכטער וואָלט ער דאָס איצט געוויס ניט דערצעהלט פאַר דעם גראַף פֿאָטאָצקי, אָבער אזוי ווי ער האָט שוין געהאַט אריינגעגאָסען אין זיך עטליכע גלעזלעך, און ער האָט זיך דערפיהלט דערוואַרימט, איז זיין צונג לויז געוואָרען

און ער האָט זיך גענומען אראָפּריידען פון הארצען פאר דעם גראף פּאָטאָצקי'ן, ניט באגרייפענדיג אז ער איז איצט ניט מעהר זיין פריינד...

— איך האָב גאָרניט געוואוסט אז דו האָסט פינאנציעלע שוועריגקייטען — האָט דער גראף פּאָטאָצקי זיך געמאכט ווי ער פאנגט אָן צו סימפּאטיזירען מיט איהם — פארוואָס האָסטו עס מיר פיהער ניט געזאָגט? איך וואָלט דיר געוויס געהאָלפען. דו ווייסט דאָך אז פאר מיר דארפסטו זיך ניט שעהמען!

— דו ביזט גערעכט, מיין פריינד, פאר דיר דארף איך זיך געוויס ניט שעהמען, דו האָסט מיר שוין איינמאָל געהאָלפען. געדענקסט אז דו האָסט מיר איינמאָל ארויסגעהאָלפען מיט אַ הלואה פון צעהן טויזענט גילדען, און דו האָסט מיך דאַן געראַטעוועט פון פולשטענדיגער רואינע...

— געוויס געדענק איך! — האָט דער גראף פּאָטאָצקי געזאָגט — איך געדענק אויך אז דו האָסט מיר אומגעקערט מיין געלט און דו ביזט מיר געווען דאנקבאר, ווייל איך האָב זיך ענטזאגט צו נעהמען פון די פּראָצענט.

— יע, איך וועל דיין חסד קיינמאָל ניט פארגעסען, מיין פריינד, — האָט לינעצקי געזאָגט — דו ביזט צו מיר געווען בעסער ווי א ברודער. איך האָף אז דו וועסט ווידער טאָן די דאָזיגע געפעליגקייט, און מיר אויסבאָרגען אַן עהנליכע סומע געלט. יע, גראף פּאָטאָצקי, ווען דו קאָנסט מיר קומען צו הילף און אויסבאָרגען נאָך אמאָל צעהן טויזענט גילדען, וועל איך דיין טובה ניט פארגעסען אזוי לאַנג ווי איך לעב...

— איך וועל זיך שעצען גליקליך דאָס צו טאָן מיט דיר, מיין פריינד, — האָט דער גראף פּאָטאָצקי זיך צו איהם אָנגערופען, — ביי מיר האָט קיין ווערדע ניט צעהן טויזענט גילדען. דו געדענקסט וואָס איך האָב דיר דערצעהלט, ווען דו ביזט געווען לעצטען זומער ביי מיר אין פּאלאַץ. געוויס געדענקסטו עס! איך וועל דיר דערמאָנען, דאָס איז געווען ביי יענער אונטערהאלטונג, ווען דער זשידעק, מיין ארענדאר, האָט באזינגט יוזשוק'ן אין דעם "בערן־טאנץ געוועט".

— אָ, יע — האָט לינעצקי אויסגערופען. — איך האָב טאקע געהאט אין זינען דיך צו פרעגען, זאָג מיר וואָס איז געוואָרען פון דעם יוזשוק'ן?

— ער איז געווען פארשפּארט אין מיין געפענגניש היבשע עטליכע מאָנאטען און איך האב שוין געהאט פארגעסען וועגען איהם, איז געקומען איינמאָל מיין טאָכטער און מיך געבעטען איך זאָל איהם באפרייען. דו ווייסט, אז איך בין גוטהערציג, איך האָב דאָריבער ערפיהלט איהר פארלאנג. איך האָב איהם באפרייט און איהם געגעבען עטליכע גילדען און איהם אָנגעזאגט, אז ער טאָר זיך מעהר ניט געפינען ביי מיר, צוליעב דער שאנדע, וואס ער האָט מיר פארשאפט. איצט ווייס איך ניט וואו ער איז אהינגעקומען. געוויס איז ער אוועקגעפאהרען צוריק קיין ווארשע . . .

— יע, געגען וואס איז דאָס אויסגעקומען צו ריידען? — האָט לינעצקי געפרעגט.—אָ, איך דערמאָן זיך: קעגען דעם וואס דו האסט נאָר וואס געזאגט אז ביי דיר האָט ניט קיין ווערדע צעהן טויזענט גילדען.

— ריכטיג! — האָט דער גראף פּאָטאָצקי אויסגערופען. — דו געדענקסט, אז דאן נאָך דער אונטערהאלטונג, האָב איך דיר פארטרויט, אז איך האָב געקויפט א מתנה פאר ראשיעל'ן, דאָס איז געווען א שנירעל פּערעל, וואס די צאריצא קאטערינא האָט געטראָגען. יע, ווייסטו וויפיעל איך האָב באצאָהלט פאר דער דאָזיגער צירונג?

— וויפיעל?

— צעהן טויזענט גילדין! עס איז געווען זעהר קאסטבארע פּערל, און איך האָב דאָס טאקע אפּגעגעבען ראשיעל'ן, אבען דאן האָט עפּעס פּאָסירט און איך האָב עס צוריק פון איהר צוגענומען . . .

ראשיעל האָט ארונטערגעלאזען איהר קאָפּ. איהר פּנים איז רויט געוואָרען און דער גראף האָט ווייטער גערעדט:

— אויב אלץ וואס דו דארפסט איז א סומע פון צעהן טויזענט גילדען צו מאכען א סוף צו דיינע פינאנציעלע שוועריגקייטען, בין איך גרייט דיר ארויסצוהעלפען, אבער דאן וועסטו מיט מיר מיטפאָהרען קיין פּאריז.

— יע, האָט לינעצקי אויסגערופען

—איך וועל ערלידיגען אלע מיינע

חובות און איך וועל קאָנען מיט דיר מיטפאָהרען.

— און וואָס וועסטו טאָן מיט . . . הם . . . יע, איך מיין מיט ראשיעל'ן?

— וועגען ראשיעל'ן דארף איך ניט זיין באַזאָרגט — האָט לינעצקי זיך אַנגערופען. — זי פילט זיך גאַנץ היימיש ביי מיר. דו ווייסט דאָך אַז מיין פרוי איז קראַנק, זי קאָן ניט ארונטער פון איהר בעט. זי ווייסט אפילו ניט אַז ראשיעל געפינט זיך ביי מיר. מיינע טעכטער זיינען געוואָרען גאַנץ פריינדליך צו איהר, און איך בין זיכער, אַז ווען איך וועל אוועקפאָהרען אויף עטליכע חדשים, וועט זי זיך פיהלען באַקוועהם אין מיין פּאַלאַץ.

— ניין, האָט זיך ראשיעל אַנגערופען, — איך וועל זיך ניט פיהלען באַקוועהם אָהן דיר!

— פאַרוואָס ניט, האָסטו מיר דען ניט דערצעהלט, אַז יוליע איז געוואָרען דיין פריינדין און אַז מיין עלטערע טאָכטער ווייזט דיר אויס אויך מעהר פריינדשאַפט ווי פריהער.

— איך וויל אויך פאָהרען קיין פּאַריז! — האָט ראשיעל אויסגערופען.

— דו ווילסט פאָהרען קיין פּאַריז!

— האָט לינעצקי איהר אַנגעקוקט — ווי אַזוי וועל איך דאָס קאָנען באַווייזען! ניין, דו וועסט דאַרפען בלייבען דאָ, ביי מיר!

—אויב דו וועסט מיך ניט מיטנעהמען, וועל איך אַליין פאָהרען! — האָט ראשיעל געזאָגט — איך בין שוין מיעד צו געפינען זיך ביי דיר אין פּאַלאַץ און אַלע מאָל זיין אין שרעק, טאָמער וועט דיין קראַנקע פרוי אויסגעפינען. איך וויל אוועקפאָהרען פון דאַנען!

— אויב אַזוי, וועל איך אויך ניט פאָהרען! — האָט לינעצקי געזאָגט — איך וועל פאַרבלייבען דאָ צוליעב דיר, מיין טייערע.

— דו קאָנסט פאָהרען! איך וועל אַלץ איינס ביי דיר ניט מעהר פאַרבלייבען! — האָט ראשיעל געזאָגט — איך האָב זיך פאַרביינקט נאָך מיין מוטער, נאָך מיינע שוועסטער און ברידער און נאָך מיין היים! איך וועל פאָהרען אהיים קיין פּאַריז!

— אויב אַזוי, וועלען מיר טאַקע ביידע צוזאַמען פאָהרען! — האָט לינעצקי זיך אַנגערופען. — איך וועל אָפּצאָלען מיינע חובות מיט דער הילף פון מיין פריינד גראַף פּאָטאָצקי, און איך וועל זעהען אַז א היבשע סומע זאָל מיר איבערבלייבען פאַר די אויסגאַבען.

דער גראַף האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ, און ער האָט געזאָגט:

— איך גלויב אַז עס איז שוין צייט פאַר מיר צו געהן!

— וואָס איילסטו זיך, מיין פריינד?

— האָט לינעצקי איהם פאַרהאַלטען.

— לאָמיר נעהמען נאָך צו ביסלאָך בראַנפען.

— ניין, דאָס איז גענוג. איך וועל ניט קאָנען אַנגעהן מיט'ן יאַגד. איך דאַרף זיך האַלטען ניכטער!

— איז אָפּגעמאַכט!—האָט לינעצקי זיך אַנגערופען — דו וועסט מיר אויסבאָרגען די דאָזיגע סומע געלט און דאַן וועלען מיר אָפּפאָהרען קיין פּאַריז, יע, מיט ראשיעל'ן.

— דערווייל איז דאָס נאָך ניט אָפּגעמאַכט! — האָט דער גראַף געזאָגט מיט א שמייכעל — איך דאַרף פריהער אויסגעפינען, ווי אַזוי דו האַלסט מיט דיינע פינאַנסען. איך קאָן דיר דאָך ניט געבען אַזא גרויסע סומע, ניט זייענדיג זיכער, אַז דו וועסט מיר ווען עס איז צוריקגעבען.

— איך וועל דיר געבען א פאַרזיכערונג! — האָט לינעצקי געזאָגט — זאָג מיר וואָס דו פאַרלאַנגסט און איך וועל דיר געבען!

— אַלץ וואָס איך פאַרלאַנג פון דיר איז, אַז דו זאָלסט מאַכען א מאָהלצייט ביי דיר אין פּאַלאַץ און דו זאָלסט איינלאַדען אַלע אונזערע פריינד און באַקאַנטע, דאַן זאָלסטו זיך אוועקשטעלען אויף דעם גרויסען טיש און אויסשרייען דריי מאָל: "איך, לינעצקי, בין נידעריגער פון א הונט!"

דער גראַף לינעצקי איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ. ער האָט זיך געוואָלט וואַרפען אויף איהם, אבער ראשיעל האָט זיך געשטעלט צווישען זיי ביידען.

— ראשיעל, ווילסטו געהן מיט מיר? — האָט דער גראַף פּאָטאָצקי זיך צו איהר געווענדעט — אָדער ווילסטו פאַרבלייבען מיט אָט דעם לינעצקי'ן, וועלכער וועט באַלד ניט האָבען אפילו פון וואַנען צו לעבען, ווייל ווי

דו זעהסט האָט ער פאַרשוואונדעט ניט נאָר זיין אייגענעם פאַרמעגען נאָר אויך פרעמדע געלט. דו זעהסט דאָך, אז ער ערוואַרט איך זאָל איהם באָרגען די געלט! אָבער איך וועל עס טאָן בלויז דאַן ווען ער וועט ערפילען מיין פאַרלאַנג...

דער האַלב שיכור'ער לינעצקי איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער. זיין פּנים איז געוועזן רויט און זיינע אויגען האָבען געבלישטשעט פון צאָרן. ער האָט געוואָלט כאַפּען זיין ביקס און דערשיסען דעם גראַף פּאָטאָצקי, אָבער ער האָט געוואוסט, אז אין דרויסען וואַרטען זיינע היידוקעס, וועלכע זיינען באוואפענט, און ער קאָן זיי אריינרופען צו יעדער רגע.

— מיין ניט, אז איך האָב ניט געוואוסט, אז דו האָסט באַשווינדעלט פילע פון דיינע פריינד! — האָט דער גראַף פּאָטאָצקי זיך צו איהם אָנגערופען — דאָס האָבען דערצעהלט אייניגע פון דיינע פריינט. זיי וועלען וואַרטען בלויז געציילטע טעג, און דאַן וועלען זיי זוכען גערעכטיגקייט. דו וועסט שוין ניט מעהר האָבען קיין רעכט זיך צו רופען "גראַף", ווייל דו וועסט מוזען אָפּגעבען א חשבון פאַר אלץ וואָס דו האָסט געטאָן. איך וועל דיר צייגען ווי אזוי זי צו פאַרגלייכען צו מיר!

— איך האָב פאַר דיר קיין מורא ניט — האָט דער גראַף לינעצקי אויסגערופען — איך בין נאָך אין גאַנצען ניט פאַרלוירען איך האָב אויך א היבשע צאָל אידען וועלכע זיינען מיינע פריינט, און זיי וועלען מיר העלפען ארויסצוקריכען פון פאַרלעגענהייט. איך ווייס, אז דיין רייכטום האָסטו אָנגעהאַלטען ביז איצט, א דאַנק די אידען. זיי האָבען דיר געגעבען די ריכטיגע עצות, און דורכדעם האָסטו באפעסטיגט דיין פאַרמעגען. איך וועל דיר אויך ווייזען וואָס מיינע אידען וועלען פאַר מיר אויפטאָן.

— נו, ראַשיעל, וועסטו בלייבען מיט איהם און וואַרטען ביז וואַנען זיינע זשידעס וועלען איהם ארויסהעלפען, אָדער דו וועסט געהן מיט מיר!

ראַשיעל איז געוועזן אזוי צעטומעלט פון אלץ וואָס זי האָט דאָ נאָר־וואָס געהערט, אז זי איז געבליבען שטעהן ווי פאַרגליווערט. זי האָט ניט באַגריפען וואָס דאָ קומט פאָר. ערשט מיט א ווייל׳ע צוריק איז געוועזן דאָ אזוי צופרידען. דער גראַף לינעצקי האָט איהר פאַרשפּראָכען, אז אזוי שנעל ווי זיין פרוי וועט שטאַרבען וועט ער מיט איהר חתונה האָבען. ער האָט איהר פריהער געזאָגט, אז ער ערוואַרט ניט, אז זיין פרוי זאָל אויסלעבען דעם יאָהר און ער האָט איהר געמאַכט פאַרשידענע פאַרשלאָגען. ער האָט איהר געזאָגט, אז אזוי שנעל ווי מעגליך וועט זי ווערען די גרעפין, און זי וועט האָבען אלץ וואָס איהר הארץ וועט ווינשען. איצט אָבער געפינט זי אויס, אז אלץ וואָס ער פאַרמאָגט, וועט פון איהם גאָר אין גיכען אוועקגענומען ווערען. און אויב ער וועט איהר גאָרניט קאָנען געבען, טאָ פאַרוואָס דאַרף זי איהם?

— ווירדיגער גראַף! — האָט ראַשיעל אויסגערופען — אויב איהר ווילט מיך נעמען צוריק, בין איך גרייט מיט אייך צו געהן!

— דו וועסט ניט געהן, ראַשיעל! האָט לינעצקי זי א כאַפּ געטאָן פאַר איהר האַנט — דו באַלאַנגסט צו מיר! ער האָט דיך פאַרשטויסען פון זיך! איך האָב דיר אריינגענומען, אין דער צייט ווען דו ביזט געוועזן עלענד און פאַרלאָזען!

— ניין, איך וועל געהן מיט אייך, גראַף פּאָטאָצקי! — האָט זי אויסגערופען און באפרייט איהר האַנט פון זיינער.

— איך וועל דיר ניט שענקען! — האָט ער אויסגערופען, און ער האָט זיך א קער געטאָן אָן א זייט. — דו קאָנסט געהן מיט איהם. אָבער געדענק דערנאָך וועסטו חרטה האָבען!

דער גראַף פּאָטאָצקי איז ארויס מיט ראַשיעל׳ן. ער האָט איהר געזאָגט, אז ער וועט מיט איהר צופאָהרען צו זיין מאַיאָנטעק וואו זי האָט זיך פריהער אויפגעהאַלטען, און זי וועט דאָרט פאַרבלייבען ביז וואַנען זיי וועלען באַשליסען וואָס ווייטער צו טאָן.

ער איז מיט איהר צוגעגאַנגען צו זיינע היידוקעס, וועלכע האָבען אויף איהם געוואַרט נעבען טויער פון לינעצקי׳ס פּאַלאַץ. ער האָט פון איינעם פון זיי אוועקגענומען זיין פערד, און ער האָט געהאָלפען ראַשיעל׳ן ארויפגעהן אויף דעם פערד. דער היידוק האָט דעם פערד געפירט, און ווען דער

גראַף האָט זיך אויך אוועקגעזעצט, האָבען זיי אַלע אוועקגעריטען צו זיין מאַיאָנטעק.

דער אויפזעהער האָט זיך שטאַרק דערפרעהט ווען ער האָט דערזעהן זיין האַר מיט זיין פראַנצויזישער געליבטער. ער האָט גלייך געזעהן צו מאַכען אַלץ אין אָרדענונג.

ווען ער האָט זי אַריינגעבראַכט צוריק אין דעם הויז וואו זי האָט זיך פריהער געפונען, האָט ראַשיעל זיך פאַנאַנדערגעוויינט. דאָס האָט גערירט פּאָטאָצקי'ס האַרץ. ער האָט איהר געפרעגט פאַרוואָס זי וויינט, אויב זי איז ניט צופרידען וואָס ער האָט זי צוריקגענומען.

ווען זי האָט זיך עטוואָס באַרוהיגט האָט זי געזאָגט, אַז זי וויינט, ווייל זי איז געוואָרען ווי עפּעס אַ זאַך וואָס מען קויפט און פאַרקויפט. פריהער האָט ער זי אוועקגעוואָרפען, און ליניעצקי האָט זי אויפגענומען, און איצט איז זי ווידער דאָ מיט איהם. און וואָס וועט זיין ווייטער?

— איך האָף, אַז איצט וועסטו מיט מיר פאַרבלייבען! — האָט דער גראַף פּאָטאָצקי זיך אָנגערופען — דו קאָנסט דאָך מיך אויך ניט אינגאַנצען באַשולדיגען! איך בין דאָך געווען באַרעכטיגט צו ווערען אייפערזיכטיג. און איך האָף, אַז מעהר וועט עס ניט פּאַסירען...

— אָ, ווירדיגער גראַף! — האָט ראַשיעל אויסגערופען — איך בין געווען עהרליך און געטריי, אָבער איך האָב זיך געפיהלט אַזוי פאַרנאַכלעסיגט, און דאָס הייליגע פּאָטערל האָט מיך פאַרדרעהט דעם קאָפּ.

— נו, לאָמיר מעהר וועגען דעם ניט ריידען! איך בין ווילִיג צו פאַרגעסען די פאַרגאַנגענהייט, אָבער דו וועסט מיר דאַרפען צוזאָגען, אַז דו וועסט עס מעהר קיינמאָל ניט ווידערהאָלען.

ער האָט מיט איהר פאַרבראַכט דעם גאַנצען אָוונט. ער האָט איהר געזאָגט וועגען זיין פּלאַן צו פאָהרען נאָך פּאַריז מיט איהר און זי האָט זיך געפיהלט גליקליך. זי האָט שוין לאַנג געוואָלט פאָהרען קיין פּאַריז. זי האָט זיך פאַרבענקט נאָך איהר מוטער. זי האָט געוואוסט, אַז איהר מוטער איז דאָרט זעהר אָרים, און זי האָט געוואָלט, אַז זי זאָל זעהן ווי זי קומט דאָרט אָן ווי אַ גרעפין.

— דערווייל וועל איך זעהן, אַז קיינער זאָל ניט אויסגעפינען, אַז מיר וועלען ביידע אָפּפאָהרען קיין פּאַריז. איך וועל מיין פאַמיליע זאָגען, אַז איך פאָר אָפּ זיך צו זעהן מיט מיין זוהן, איך וויל אויסגעפינען ווי אַזוי ער פירט זיך דאָרט אויף. איך וויל דיר אָבער זאָגען, מיין טייערע, אַז איך האָב באַשלאָסען מעהר קיינמאָל ניט צו ריידען וועגען דעם וואָס עס האָט פּאַסירט צווישען דיר און דעם הייליגען פּאָטערל. איך ווייס, אַז עס איז ניט געווען דיין שולד. דער אמת איז, אַז אַזוי שנעל ווי איך האָב זיך מיט דיר צעקריגט און אוועקגעשיקט פון דאַנען האָב איך חרטה געקראָגען... איך האָב נאָך דיר געבענקט. איך האָב געפיהלט, אַז מיין לעבען איז פּוסט אָהן דיר... מיט דעם פּאָטערל אָנטאָן האָב איך שלום געמאַכט. ער וועט פון איצט אָן און ווייטער ווערען אָפטער אַריינגעהער אין מיין פּאַלאַץ. ער וועט מיר אַ סך צוניץ קומען. ווייל, ווי דו ווייסט איז די גרעפין זעהר רעליגיעז, און ער וועט שוין זעהן, אַז זי זאָל אויף מיר קיין פאַרדאַכט ניט האָבען...

דער גראַף פּאָטאָצקי האָט מיט איהר פאַרבראַכט עטליכע טעג. ער האָט זיך געפיהלט זעהר גליקליך וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטען אַ זיג איבער דעם גראַף ליניעצקי. דאָס האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען איינעם פון זייערע פריינט, וועלכער האָט איהם דערצעהלט אין וואָס פאַר אַ שלעכטער פינאַנציעלער לאַגע ליניעצקי געפינט זיך.

ער האָט זיך מיט איהר געזעגנט, און געזאָגט, אַז אין גיכען וועט ער זיך צוריקקעהרען. ער פאָהרט איצט אין אַ גרויסער שטאָדט וואו ער וועט פאַר איהר קויפען שעהנע קליידער און צירונג. און נאָכדעם וועלען זיי ביידע אָפּפאָהרען קיין פראַנקרייך.

## 13

נאָכדעם ווי דער גראַף פּאָטאָצקי האָט פאַרלאָזען זיין פּאַלאַץ צוזאַמען מיט ראַשיעל'ען, איז דער גראַף ליניעצקי אַרומגעגאַנגען הין און צוריק אין דעם צימער וואו מיט אַ ווײַלע צוריק איז זי געווען, ווי אַן אויפגערייצטע חיה. זיין צאָרן האָט אין איהם געברענט. ער האָט געטראַכט ווי אַזוי נקמה צו נעהמען פון דעם גראַף פּאָטאָצקי פאַר דער גרויסער באַליידיגונג

וואס ער האט איהם באליידיגט אין ראשיעל'ס געגענווארט.

ער האט אבער געוואוסט, אז איצט איז ער הילפלאז. ער האט זיך פארפלאנטערט אין חובות, ער האט באשווינדעלט פילע פון זיינע פריינד און אויב ער וועט ניט געפינען קיין מיטעל ווי אזוי אריינצוקריגען א ביסעל געלט, וועט ער אינגאנצען רואינירט ווערען... ווער ווייסט וואס עס קאן נאך מיט איהם פאסירען. זיינע פריינד ווערען וואס ווינציגער, און עס קאן נאך פאסירען אז די וועלכע האבען דורך איהם געליטען געלט פארלוסטען, וועלען איהם אנקלאגען פאר דער רעגירונג, דאן וועלען איהם שוין קיין צרות ניט פעלען! ער ווייסט אויך, אז דער גראף פאטאצקי איז זעהר מעכטיג. ער איז רייך, און איבט אוים אן איינפלום אויף פילע אנדערע גראפען. געוויס וועט ער זוכען נוקם צו זיין זיך אן איהם. א, ווען ער קאן נאר קריגען די נויטיגע סומע געלט, און צאהלט אוים זיינע חובות, דאן וואלט ער שוין ניט באדארפט מורא האבען פאר קיינעם ניט. ער וואלט זיך צוריק געשטעלט אויף די פים. זיין פאלאץ וואלט פארבליבען ביי איהם, און פון די מאיאנטקעס וואס ער פארמאגט, וואלט ער געקאנט ציהען פאר זיינע הוצאות.

לאנג האט ער געטראכט וועגען דעם ווי אזוי ער קאן קריגען געלט, אבער ער האט זיך ניט געקאנט דערטראכטען...

ער האט אבער געוואוסט, אז לאנג וועט ער ניט קאנען אזוי אנהאלטען. ער מוז געפינען אן אויסוועג גלייך, אז ניט וועט ער אלץ פארלירען. קיינער אין זיין משפחה ווייס ניט פון זיינע צרות. זיין פרוי איז קראנק, זיינע טעכטער האבען קיין אהנונג ניט, אז זיי לעבען אויף געבארגטען געלט. זיי פיהרען זיך אויף ווי עס פאסט פאר טעכטער פון א גראף. זיי פארשווענדען זעהר פיעל געלט, זיי מאכען אונטערהאלטונגען, און געהען צו אנדערע אונטערהאלטונגען. ער וועט מוזען, איינמאל פאר אלע מאל, דערצעהלען פאר זיי זיין לאגע. ער וועט זיך מיט זיי האלטען אן עצה...

ער האט געהייסען זיין דינער געהן זאגען זיינע טעכטער, אז ער וויל זיך מיט זיי זעהן, דא אין צימער.

באלד זיינען אריינגעקומען זיינע צוויי טעכטער. זיי האבען דערזעהן דעם אויפגערעגטען פנים פון זייער פאטער, און זיי האבען זיך שטארק דערשראקען.

— וואס האט פאסירט, פאטער?

— האט יוליע זיך צו איהם געווענדעט.

— יע, פאטער, פארוואס ביזטו אזוי אויפגערעגט און דערשלאגען? — פרעגט איהם זיין עלטערע טאכטער.

דער גראף פאטאצקי איז דא נאר וואס געווען, און ער האט מיך אזוי שטארק באליידיגט, אז איך קאן זיך ניט מוחל זיין וואס איך האב איהם ניט דערשאסען ווי א הונט. — האט לינעצקי געביסען זיינע פינגער.

— און וואו איז ראשיעל? — האט יוליע איהם געפרעגט.

— ער האט זי אוועקגענומען! — האט ער געענטפערט.

—א, אט דאס מיינסטו, — האט זיך א שמייכעל באוויזען ביי זיין עלטערער טאכטער אויפ'ן פנים — אויב אזוי דארפסטו איהם דאנקבאר זיין! גלויב מיר, פאטער, אז ראשיעל'ס דא זיין, האט קיינעם פון אונז קיין גליק ניט געבראכט! די מוטער האט זיך אנגעשטויסען, און איהר לאגע איז פארערגערט געווארען, און זי, די אויסגעלאסענע, האט שוין גענומען הערשען איבער אונז... נעהם זיך ניט צום הארצען, וואס זי איז צוריק געגאנגען מיט דעם גראף פאטאצקי.

אין א געוועהנליכער צייט, ווען זיין טאכטער וואלט צו איהם אזוי גערעדט, וואלט זי שוין פון איהם געקראגען א פסק פאר איהרע רייד, איצט אבער, איז ער געווען דערשלאגען, און איהם האט שוין אזוי ניט געארט דאס וואס ער האט פארלארען ראשיעל'ן, ווי די באליידיגונג פון דעם גראף פאטאצקי, און דאס וואס איהם דראהט נאך אן ערגערע דערנידערונג.

— ניין, מיינע טעכטער, מיר פארדריסט ניט וואס ער האט זי פון מיר אוועקגענומען. נאך אלעמען, איז ער צו איהר געווען מעהר בארעכטיגט ווי איך. אבער ער האט מיר איינפאך אנגעשפיגען אין פנים!...

— וואס! — האבען ביידע טעכ־

טער מיט אַמאָל אויסגערופֿען, — ווי
אַזוי האָט ער דאָס געוואָגט צו טאָן
אַזאַ זאַך!
— איך מיין ניט צו זאָגען, אַז ער
האָט מיך איינפֿאַך אָנגעשפּיגען אין
פּנים, אָבער דאָס וואָס ער האָט מיר
געזאָגט איז געווען נאָך ערגער ווי אַ
שפּיי אין פּנים! ער האָט עס געוואָגט
צו טאָן, ווייל ער האָט זיך דערוואוסט,
אַז מיין פֿינאַנציעלע לאַגע איז זעהר
טרויעריג.
— וואָס מיינסטו, פּאַטער? —
האָט די עלטערע טאָכטער איהם גע־
פֿרעגט.
— איך מיין, אַז איך האָב זיך זעהר
שטאַרק פֿאַרפּלאָנטערט. מיין פֿאַר־
מעגען איז מיט יעדען טאָג אַלץ קלע־
נער געוואָרען. מיינע מאַיאָנטקעס זיי־
נען, ווייזט אויס, ניט פֿאַרוואַלטעט גע־
וואָרען ווי עס באַדאַרף צו זיין, און
מיט יעדען יאָהר איז מיין איינקונפֿט
פֿאַרקלענערט געוואָרען... מיר האָבען
זיך אָבער געלעבט זעהר ברייט, און
כדי צו דעקען אָט די אַלע אויסגאַבען,
בין איך געווען געצוואונגען צו באָר־
גען. איך האָב אַרויסגעגעבען וועקס־
לען, וואָס וועלען באַלד ווערען פֿעל־
טיג. איך האָב געקעמפּט און זיך
געדרעהט אויף פֿאַרשידענע וועגען,
אָבער עס איז איצט געקומען אַזוי, אַז
איך זעה ניט קיין אויסוועג צו מיינע
שוועריגקייטען... ווי עס ווייזט אויס
האָבען פּאָטאָצקי'ן איינינע פֿון מיינע
געוועזענע פֿריינד דערצעהלט וועגען
מיין שווערע לאַגע, און דעריבער האָט
ער געהאַט די חוצפּה אָנצובאָטען אַן
הלואה פֿון צעהן טויזענט גילדען...
—אַ, פּאַטער, דאָס הייסט ביי דיר
אַ חוצפּה! — האָט יוליע אויסגערו־
פֿען, — דו האָסט באַדאַרפֿט פֿאַרבוי־
גען דיין שטאָלץ און אָננעהמען זיין
אָנבאָט מיט דאַנק, — דאָס וואָלט דאָך
דיר איינפֿאַך געראַטעוועט!
— ווען דו וועסט הערען די באַ־
דינגונגען וואָס ער האָט מיר געשטעלט,
וועסטו שוין אַזוי ניט ריידען, מיין
טאָכטער! — האָט לינעצקי געזאָגט.
— ער האָט פֿון מיר פֿאַרלאַנגט איין
קלייניגקייט: איך זאָל מאַכען אַ מאָל־
צייט דאָ ביי אונז, איך זאָל איינלאַדען
אַלע אונזערע פֿריינד און באַקאַנטע,
און דאַן זאָל איך זיך אוועקשטעלען
אויפֿ'ן טיש און פֿאַר אַלעמען אין די
אויגען אויסשרייען דריי מאָל: „איך,
לינעצקי, בין נידעריגער פֿון אַ הונט!
— אַ, דער אומפֿאַרשעהמטער פּאָ־
טאָצקי! — האָט יוליע אויסגערופֿען
— ווי אַזוי האָט ער געוואָגט אַזוי
צו ריידען מיט דיר אין דיין פּאַלאַץ!
— ער האָט עס געזאָגט אין דער
געגענוואַרט פֿון ראַשיעל'ן, — האָט
לינעצקי געזאָגט, ער האָט עס געטאָן
כדי צו ערנידעריגען מיך אין איהרע
אויגען, זי זאָל זעהן ווי הילפֿלאָז איך
בין, אַז איך בין ניט מעהר אימשטאַנד
איהר צו געבען דאָס וואָס זי וועט
פֿאַרלאַנגען.
— און זי איז צוליעב דעם אוועק
פֿון דיר! — האָט די עלטערע טאָכ־
טער געזאָגט, — דאָס באַווייזט דיר,
ווי אומווירדיג זי איז. און דו, האָסט
דאָך אויף איהר אויסגעגעבען אַזוי
פֿיל געלט. איך בין זיכער ווען ניט
זי, וואָלסטו איצט ניט געווען אין אַזאַ
געדריקטער לאַגע!
— איך וויל קיינעם ניט באַשול־
דיגען אין מיין איצטיגער שלעכטער
לאַגע, — האָט ער געזאָגט, — אַלץ
וואָס איך וויל איז זיך באַראַטען מיט
אייך, מיינע טעכטער, וואָס צו טאָן?
ווי אַזוי איך זאָל קאָנען אַרויסקריכען
פֿון מיינע שוועריגקייטען...
— פּאַטער! — האָט זיך די על־
טערע טאָכטער אָנגערופֿען, — איך
האָב זיך לעצטענס אין דעם אַריינגע־
טראַכט. — איך האָב געזעהן, אַז דער
גראַף פּאָטאָצקי ווערט מיט יעדען
יאָהר רייכער, אַז ער קריגט אַרויס אַ
סך פּראָפֿיטען פֿון זיינע מאַיאָנטקעס,
און מיר דאַרפֿען נאָך דערלייגען געלט.
וואָס איז די אורזאַכע?
— איך וועל דיר זאָגען, מיין שוועס־
טער! — האָט יוליע זיך אָנגערופֿען,
— די מאַיאָנטקעס און די אַנדערע
גיטער פֿון דעם גראַף פּאָטאָצקי ווע־
רען פֿאַרוואַלטעט דורך אידען. זיי
זיינען קלוג און עהרליך, און דעריבער
בריינגען זיי אַריין אַ סך פּראָפֿיטען.
אָבער דו, פּאַטער, — האָט זי זיך גע־
ווענדעט צו איהם, — דו האָסט ער־
לויבט דיין שטאַרקע שנאה צו די אי־
דען דיך צו בעאיינפֿלוסען אַזוי, אַז
דו האָסט פֿאַרטריבען יעדען אידען,
וועלכער האָט זיך ביי דיר געפֿונען,
און אויף זייערע פּלעצער האָסטו אָנ־
געשטעלט אייגענע, איצט זעהסטו שוין

צו וואָס דאָס האָט דיך געפיהרט?...

— איך האָב אויך די זעלבע מיינונג, אז מיר האָבען געדארפט טאָן ווי דער גראף פּאָטאָצקי, און ווי פילע אנדערע פּריצים טוען! — האָט די עלטערע טאָכטער אויסגערופען, — מיר האָבען באדארפט אָנשטעלען זשידעס, זיי זאָלען פארוואלטען אונזערע גיטער, דאן וואָלטען מיר געקאָנט זיין אזוי רייך ווי די אַנדערע פון אונזערע באַקאנטע.

— אָבער וואָס זאָל איך איצט טאָן?

— האָט ליניעצקי אויסגערופען מיט פארצווייפלונג, — עס האָלט דאָך שוין גאנץ נאָהענט, אז מיינע גיטער זאָלען פון מיר אינגאנצען אוועקגענומען ווערען... און עס וועט דאָך שוין ניט זיין וואָס צו פארוואלטען... יע, אויב איך וועל אין משך פון די דריי קומענדע חדשים, ניט קאָנען קריגען צעהן טויזענט גילדען, בין איך א פארלאָרענער! עס וועט נאָך פיליכט פּאַסירען, אז מען וועט פון אונז אוועקנעמען אפילו דעם פּאַלאַץ, וואו מיר וואוינען! וואָס קאָן איך טאָן?

— האָסטו שוין ניט מעהר קיינע פריינד, ביי וועמען דו קאָנסט אויסבאָרגען די דאָזיגע סומע געלט? — פרעגט איהם יוליע.

— איך האָב פריינד, אָבער אזוי שנעל ווי איך וועל זיי פאָרשלאָגען אז זיי זאָלען מיר אויסבאָרגען אזא סומע געלט, וועלען זיי נעהמען מאכען אויספאָרשונגען וועגען מיינע אָנגעלעגענהייטען, און ערשט דאן וועלען זי מיר ניט וועלען אָנפארטרויען קיין גרויסע סומע געלט. איך ווייס ניט וואָס צו טאָן!

— ווארט, פּאָטער, איך האָב א פּלאָן! — האָט די עלטערע טאָכטער אויסגערופען, — ערשט מיט צוויי טעג צוריק איז דאָ געווען די טאָכטער פון דעם גראף ראדיצקי, זי איז דאָ פאַרביינעפאָהרען האָט זי זיך אריינגעכאפּט צו מיר, און זי האָט אונז איינגעלאדען צו א גרויסער פייערונג וואָס איהר פּאָטער געהט מאכען צוליב זיין פופציגסטען געבורטסטאָג.

— איך וועל איצט צו איהם ניט געהן! — האָט ליניעצקי געזאָגט, — ער וועט מיר קיין געלט ניט געבען, און איך וועל זיך ניט מעהר ווי נאריש מאכען!

— ניט דאָס האָב איך געמיינט, פּאָטער! — האָט זי געזאָגט, — איך האָב געהערט אז דער גראף ראדיצקי איז א גרויסער געמבלער. ער האָט זיך ליב צו וועטען ביי יעדער געלעגענהייט. זיין טאָכטער האָט מיר אויך געזאָגט, אז ביי דער אונטערהאלטונג וועלען זיי האָבען איינעם פון די גרעסטע טענצער פון ווארשע. איז מיר איצט איינגעפאלען אז דו זאָלסט זיך מיט איהם וועטען אין פופצעהן טויזענט גילדען, אז דו האָסט א בעסערען טענצער פון זיינעם, אז דו האָסט א טענצער א אידען וועלכער וועט באזיגען זיין גרויסען טענצער פון ווארשע. איך בין זיכער, אז ער וועט דעם געוועט אָננעמען, דאן וועסטו אוועקגעהן קיין איליע, צו גראף פּאָטאָצקי'ס ארענדאר, און איהם אָנבאָטען א פּאָר טויזענט גילדען, ער זאָל קומען צו דער פארוויילונג און טאנצען, ער וועט זיך פארמעסטען געגען זיין טענצער, און די וועלכע וועלען זיין דערביי וועלען דארפען אורטיילען וועלכער טענצער האָט געוואונען!

— דאָס איז זעהר א גוטער איינפאל, — האָט ליניעצקי געזאָגט, — אָבער וואָס וועל איך טאָן טאָמער פארליר איך?

— דו האָסט שוין פארגעסען ווי אזוי דער איד האָט געטאנצט ביי דעם גראף פּאָטאָצקי אין זומער פּאַלאַץ. דו האָסט געוואוסט, אז יוזשיק איז געווען א גאָר גרויסער טענצער, און וואָס האָט פּאַסירט! געדענקסטו ניט ווי אלע האָבען מיר באוואונדערט דעם זשיד'ס טאנצען, און מיר האָבען געמוזט צוגעבען, אז ער איז דער געווינער!

— יע, איך געדענק! — האָט ליניעצקי געזאָגט, — אָבער פון וואנען ווייס איך, אז דער איד וועט זיך אונטערנעמען?

— ווען דו וועסט אָנבאָטען דעם זשיד א פּאָר טויזענט גילדען, וועט ער אפילו טאנצען אויסען הויט! — האָט די עלטערע טאָכטער אויסגערופען.

— ער וועט דאָך אָבער מורא האָבען פאר דעם גראף פּאָטאָצקי'ן.

— וועסטו איהם דארפען זאָגען, אז קיינער וועט ניט זעהן זיין פּנים. זיי וועלען טאנצען אין די זעלבע בע־

רישע פּעלען. דער גראַף פּאָטאָצקי וועט קיינמאָל ניט אויסגעפינען...

— וואָס זאָגסטו יוליע צו דעם? — האָט לינעצקי זי געפרעגט.

— אויב דער גראַף ראַדיצקי וועט איינגעהן אויף אַזאַ געוועט, און אויב דער איד פון איליע וועט זיך אונ־טערנעמען צו טאַנצען, דאַן האָסטו אַ גוטע געלעגענהייט צו געווינען דעם געוועט! — האָט יוליע געזאָגט אָבער איך קאָן קוים גלויבען, אַז דער איד וועט איינוויליגען דאָס צו טאָן.

— דו קאָנסט ניט די זשידעס! — האָט די עלטערע שוועסטער צו איהר געזאָגט, — ווען ער וועט דערהערען אַז עס שמעקט מיט אַזאַ סומע געלט, וועט ער שוין צושטימען און אויב ער וועט זיך קווינקלען, וועט מען איהם אָנבאָטען נאָך עטליכע הונדערט גילדען. ער וועט אַזאַ געלעגענהייט צו פאַרדינען אַזאַ גרויסע סומע געלט, ניט דורכלאָזען. אָט האָט ער דאָך עס געטאָן איינגאַנצען אָהן געלט, פאַר דעם גראַף פּאָטאָצקי...

— יע, דער גראַף פּאָטאָצקי האָט אָבער מזל, ער האָט אָנגעשטעלט ביי זיך אַזעלכע אידען פון וועמען ער קאָן ארויסבאַקומען פילע נוצען. די אי־דען וועלכע זיינען אונטערגעוואָרפען אונטער איהם, קאָן ער צווינגען, איך אָבער קאָן דאָך איהם ניט צווינגען!

— דו וועסט איהם ניט דאַרפען צווינגען! ער וועט עס טאָן פאַר געלט! און ווי איך פאַרשטעה וועט דאָך דער גראַף פּאָטאָצקי גאָר אין גיכען אָפּ־פּאָהרען קיין פּאַריז, וועט ער דאָך ניט דאַרפען מורא האָבען אַז ער זאָל זיך דערוויסען, בפרט ווען דו וועסט איהם צוזאָגען, אַז ער וועט פון קיינעם ניט אויסגעפינען וועגען דעם. דעריבער, פּאָטער, איז מיין עצה, אַז דו זאָלסט אריבערגעהן צו איהם, צו דעם גראַף ראַדיצקי, גלאַט אַזוי זיך, פאַר אַ באַ־זוך, און דו וועסט זיך מיט איהם פּאַ־נאַנדעררעדען, דו וועסט זעהן ארויפ־צוברינגען אייער געשפּרעך אויף דער אונטערהאַלטונג וואָס ער וועט האָבען, און דאַן וועסטו האָבען אַ געלעגענהייט איהם צו מאַכען דעם אָנבאָט וועגען דעם געוועט. איך בין זיכער, אַז ער וועט זיך אָנכאַפּען אָן דעם. ער וועט בשום אופן ניט וועלען צוגעבען, אַז עס געפינט זיך אַ איד, וועלכער וועט קאָנען באַזיגען זיין טענצער, און דאַן וועסטו מיט איהם מאַכען אָט דעם דאָ־זיגען געוועט.

— אָבער פון וואַנען וועל איך נעה־מען געלט פאַר דעם געוועט? — האָט לינעצקי געזאָגט.

— דו וועסט איינשטעלען אונזער פּאַלאַץ! דו וועסט זיך אונטערשריי־בען, אַז אויב דו פאַרלירסט דעם גע־וועט, וועט אונזער פּאַלאַץ געהערען צו איהם! וואָס האָסטו צו פאַרלירען? אַלץ איינס וועט מען דאָך ביי דיר אוועקנעמען דעם פּאַלאַץ, פריהער אָדער שפּעטער.

— דו האָסט רעכט, מיין טאָכ־טער, איך וועל פּרובירען מיין מזל! אפשר וועט מיר זיין מזל'דיג, און איך וועל באַקומען די דאָזיגע סומע געלט אויף דעם זאָנדערבאַרען אופן.

דער גראַף לינעצקי האָט ניט פאַר־לאָרען קיין צייט. אויף מאָרגען אין דער פריה איז ער אוועקגעריטען צו דעם פּאַלאַץ פון דעם גראַף ראַדיצקי. ער איז איהם כלומרשט געקומען באַ־דאַנקען פאַר דער איינלאַדונג צו דער אונטערהאַלטונג און —

— איך בין פאַרביי געריטען דיין פּאַלאַץ, — האָט לינעצקי זיך אָנגע־רופען צו דעם גראַף אַריצקי, בין איך שוין אַריינגעקומען דיר צו ווינשען גליק צו דיין פופציגסטען געבורטס־טאָג. אַ, ווען איך וואָלט געווען דו, מיין פריינד, וואָלט איך קיינעם ניט אויסגעזאָגט, אַז איך בין שוין פופציג יאָהר אַלט, בפרט, אַז דו קוקסט אויס מיט צעהן יאָהר יונגער!

די דאָזיגע חניפה האָט געהאַט אַ גו־טע ווירקונג אויף איהם און ער האָט איהם שוין איינגעלאַדען צו טרינקען צוזאַמען מיט איהם.

זיי האָבען זיך אריינגעגאָסען עטליכע גלעזלאַך בראַנפען און זיי האָ־בען זיך צערעדט.

— איך ערוואַרט, אַז אַן אונטער־האַלטונג ביי דיר וועט זיין אַ סך מעהר אינטערעסאַנטער ווי די אונטערהאַל־טונגען פון אונזער פריינד, דעם גראַף פּאָטאָצקי . . . איך בין מיט אַ צייט צוריק געווען ביי איהם צו אַן אונטער־האַלטונג, און איך מוז דיר זאָגען, אַז איך האָב זיך דאָרט זעהר געלאַנגוויי־ליגט. ער האָט געהאַט אַ טענצער, וואָס זיינע פיס האָבען זיך געצויגען ווי פון פעך . . .

— אויב אזוי, קאָן איך דיר פארזיכערן, אז ביי מיר וועסטו זיך שוין ניט לאנגווייליגען! — האָט זאריצקי איהם געזאגט, — ווייל איך האָב דעם בעסטען טענצער פון ווארשא! ער האָט אין ווארשא געטאנצט פאר פיעלע גראפען און מגינים אויף טענץ און זיי האָבען צוגעגעבען אז צו איהם איז קיין גלייכען ניטאָ!

— ווען דו פאלגסט מיר, גראף זאריצקי, וואלט איך דיר געהייסען נעהמען פאר דיין אונטערהאלטונג מיינעם א באקאנטען זשידעק, וועלכער איז נאָך א בעסערער טענצער פון דיין ווארשאווער טענצער!

— וואס! — האָט זאריצקי אויסגערופען א באליידיגטער — דו ווילסט מיר מאכען צו גלויבען, אז עס איז פאראן א בעסערער טענצער פון דעם, וועלכען איך האָב אויסגעקליבען!

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז מיין באקאנטער איד איז א בעסערער טענצער און אז ער קאָן דיין טענצער פון ווארשא פארשטעקען אין גארטעל!

— פון וואנען ביזטו עס אזוי זיכער! — רופט אויס זאריצקי. — דו האָסט דאָך אפילו מיין טענצער קיינמאָל ניט געזעהן טאנצען!

— איך האָב אבער געזעהן מיין באקאנטען זשידעק טאנצענדיג און דאריבער בין איך אפילו גרייט זיך צו וועטען אז ווען מען זאָל ביידע טענצער לאָזען טאנצען פאר אלע דיינע געסט, וועלען אלע אויסקליבען מיין זשידעק, אלס דער וועלכער האָט געוואונען דעם טאנץ געוועט!

— אויב אזוי, בין איך גרייט זיך מיט דיר צו וועטען! — האָט זאריצקי אויסגערופען — איך וועל דיר באווייזען, אז אזא טענצער ווי מיינער, איז נאָך ניטאָ, ניט נאָר אין פוילען, נאָר אויך אין אנדערע לענדער.

— איך בין גרייט זיך צו וועטען אין פופצעהן טויזענט גילדען! — האָט לינעצקי זיך אנגערופען. — אמת, איך האָב ניט ביי זיך די מזומנים, בין איך גרייט אפצושרייבען פאר דיר מיין פאלאץ, אויב איך וועל פארלירען מיין געוועט, און אויב דו וועסט פארלירען, וועסטו מיר מוזען באצאהלען פופצעהן טויזענט גילדען. נו, ביזטו צופרידען?

— אפגעמאכט! — האָט דער גראף זאריצקי אויסגערופען און איהם געגעבען די האנט, — אויב דו וועסט מיר קאָנען באווייזען אז דיין זשידעק קאָן טאנצען בעסער פון מיין טענצער, וועל איך דיר געבען פופצעהן טויזענט גילדען, אבער ווען דיין טענצער וועט פארלירען געגען מיינעם, דאן וועסטו מיר אפגעבען דיין פאלאץ!

— איך בין צופרידען אנצונעהמען דעם געוועט — האָט לינעצקי געזאגט און זיינע אויגען האָבען זיך צעשטראלט פון גליק — איין זאך אבער וויל איך דו זאָלסט טאָן, כדי נאכהער צו פארמיידען א מיספארשטענדניש,

— איך וויל, אז מיר זאלען דאָס אלץ אנשרייבען אויף פאפיר און מיר ביידע זאלען זיך אונטערשרייבען. מיר וועלען אנשרייבען אלע איינצעלהייטען פון אונזער געוועט און פון די באדינגונגען, יעדער פון אונז וועט האבען דאָס אין שריפט און מיר וועלען דאן ניט דארפען זיך קריגען. איך וויל אויך אז ביידע, דיין טענצער און מיינער, זאלען טאנצען צוזאמען דעם באוואוסטען "בערען טאנץ" אנגעטאָן אין בערישע פעלען.

— איך בין ניט דאגעגען! — האָט זאריצקי געזאגט, מיין טענצער וועט טאנצען וואס פאר א טאנץ מיר וועלען פארלאנגען פון איהם.

באלד האָט דער גראף זאריצקי געשיקט רופען זיין שרייבער, וועלכער האָט אנגעשריבען צוויי באזונדערע פאפירען מיט די אלע איינצעלהייטען פון זייער געוועט, מיט די באדינגונגען, אז אויב דער פארלירער וועט זיין זאריצקי׳ס טענצער, וועט ער, דער גראף זאריצקי באצאָהלען דעם גראף לינעצקי׳ן, פופצעהן טויזענט גילדען, אויב דער פארלירער וועט זיין דער זשידעק, לינעצקי׳ס טענצער, וועט ער, דער גראף לינעצקי, דארפען אפגעבען זיין פאלאץ צו דעם גראף זאריצקי׳ן.

לינעצקי האָט אונטערגעשריבען איין פאפיר און ער האָט עס איבערגעגעבען דעם גראף זאריצקי׳ן און דאן האָט זאריצקי אונטערגעשריבען דעם צווייטען פאפיר און עס איבערגעגעבען דעם גראף לינעצקי׳ן.

א גליקליכער איז דער גראף לינעצקי אוועק פון זאריצקי׳ן. ער האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיך אין פאלאץ. און ער האָט גלייך א קוש געטאָן זיין עלטערע טאָכטער.

דו ביזט זעהר קלוג, מיין טאָכטער! דיין פּלאַן האָט געאַרבייט אויסגעצייכענט! אָט איז דער פּאַפּיר!

ער האָט ארויסגענומען דעם פּאַפּיר און געוויזען זיינ׳ טעכטער.

— איך האָב שוין געוואוסט ווי אזוי איהם אנצוצויהען — האָט לינעצקי מיט א שטאָלצען שמייכעלע געזאָגט — ער האָט זין אין דעם אנגעכאַפּט און איצט וועט שוין נעהמען א סוף צו מיינע פינאנציעלע שוועריגקייטען!

— יע, פאטער, דו וועסט קאָנען אויסצאהלען דיינע חובות און ערשט דאַן וועסטו זיך קאָנען נוקם זיין אָן דיין שונא, דעם גראַף פּאָטאָצקי!

— שטעל זיך פאר, אז דאָס וואס ער האָט געטאָן צו מיר וועט איהם ניט געשאָנקען ווערען! — האָט לינעצקי געזאגט. — ער וועט פאר די באליידיגונגען גוט באצאָהלען!

— איצט וועסטו דארפען זעהן זיך מיט דעם זשידעק! — האָט די עלטערע טאָכטער געזאגט. — איך האָף אז דו וועסט מיט איהם קיינע שוועריגקייטע ניט האָבען.

— דו קאָנסט זיך שוין פארלאָזען אויף מיר! — האָט לינעצקי אויסגערופען — אויב איך האָב געוואוסט ווי אזוי צו ריידען מיט דעם גראַף זאַריצקי, און מאכען, אז ער זאל אָננעהמען מיין אָנבאָט, וועל איך דאָך קיינע שוועריגקייטען ניט האבען מיט דעם זשידעק.

— דו מאכסט א טעות, פאטער! — האָט יוליע אויסגערופען. — דו דארפסט ניט פארגעסען אז דער גראַף זאריצקי איז ניט קיין ג. בערגעשפּיצטער, דאריבער איז דיר ג. ינג אנגעקומען איהם איבערצורײדען, אבער דער איד פון איליע מוז זיין זעהר פעהיג, אויב איהם איז געלונגען צו באַזיגען דעם גראַף פּאָטאָצקי׳ס טענצער. געווים א:ז ער כיטרע און דיר וועט ניט אָנקומען אזוי גרינג איהם איבערצורײדען.

— פארוואס זאלסטו ענטמוטיגען דעם פּאָטער? — האָט די עלטערע שוועסטער געזאגט — דו ווייסט דאָך גאנץ גוט, אז דער פאטער טהוט עס ניט פון וואוילטאָג. ווען דער נויט וואָלט איהם ניט געצוואונגען, מיינסטו אז ער וואלט זיך ערנידעריגט, צו פאהרען צום זשידעק און זיך ביי איהם בעטען ער זאל איינגעהן אויף דעם!...

— ביי מיר איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אז דער זשידעק וועט איינשטימען! — האָט לינעצקי געזאָגט — בפרט ווען ער וועט דערהערען אז ער קאָן מאכען עטליכע הונדערט גילדען! יע, איך וועל איהם טא..ע ניט אנבאָטען קיין סך געלט, ווייל איך בין זיכער אז ער וועט עס טאָן פאר ווינציגער. די איבעריגע געלט וועט אונז בעסער צונוץ קומען!

— אבער וואס וועסטו טאָן אז ער וועט זיך ענטזאגען אונטערצונעהמען דעם טאנץ פאר אזא קליינער סומע?

— ו‍אָט יוליע געפרעגט.

—וועל איך דאַן צייט האבען איהם אָנצובאָטען אביסעל מעהר געלט — האָט לינעצקי אויסגערופען. — יע, איך קאָן זיך פארשטעלען ווי זיינע אויגען וועלען אויסשטארטשען ווען ער וועט דערהערען אז איך באָט איהם אָן פאר דעם צוויי טויזענט גילדען!

— ער וועט דיר נאָך דאנקבאר זיין!

— האָט די עלטערע טאָכטער געזאגט

— ווען, אין זיין לעבען האָט ער פארדינט אזוי פיעל געלט? איך בין גראד ניט באזארגט וועגען דעם, צי דער איד וועט וועלען זיך אונטערנעהמען. איך בין זיך מודה אז איך בין באזאָרגט געווען פריהער, טאָמער וועט זיך דער גראַף זאריצקי ניט וועלען וועטען מיט דעם פּאָטער.

— איך וויל דיר זאג.ן, מיין טאָכטער, וועגען וואס איך זא.ג! — האָט לינעצקי אויסגערופען, — אין זארג טאָמער וועט דער זשידעק זיך ניט ארויסווייזען צו זיין אזא גרויסער טענצער ווי מיר קאָנען זיך פארשטעלען. — אמת, טאקע געגען יוזשוק׳ן, האָט ער געקאנט באווייזען, אז ער קאָן טאנצען פאר איהם, אבער געגען דעם גראַף זאריצקי׳ס טענצע. . . . ער זאגט גאָר אז אזא טענצער ווי ער איז נאָך ניטאָ!

— פאטער! — האָט די עלטערע טאָכטער געזאָגט, — ווען איך וואָלט ניט צוגעזעהן דעם טאנץ צווישען דעם זשידעק און יוזשוק׳ן מיט מיינע אויגען, וואָלט איך קיינמאָל ניט געגלויבט, אז דאָס איז מעגליך, אָבער איך האָב געזעהן ווי יוזשוק האָט געטאנצט און איך האָב איהם שטארק באוואונדערט! איך בין געווען זיכער אז צו איהם איז קיין גלייכען ניטאָ . . .

אבער ווען איך האב נאכהער געזעהן ווי דער זשידעק האט זיך צעטאנצט, נו, דאן האב איך שוין גארניט געוואוסט וואס צו זאגען . . . יעדער איינער וועלכער איז דאן געווען, האט זיך אויסגעדריקט אז אזא טענצער ווי דער זשידעק, קאן מען אין ערגעץ ניט געפינען . . . דו האסט ניט וואס מורא צו האבען, דער גרעסטער טענצער פון ווארשא, וועט זיך ניט קאנען פארמעסטען מיט איהם!

— דו ביזט גערעכט, מיין טאכטער!

— האט לינעצקי געזאגט — איך דערמאן זיך טאקע, ווי אלע האבען ניט אויפגעהערט צו באוואונדערען זיין טאנצען, און איך שטעל זיך פאר אז אויב דעם זשידעק'ס טאנצען וואלט ניט געווען צעהן מאל אזוי גוט ווי יוזשוק'ס, וואלט דאך קיינער ניט דערלאזען אז דער זשידעק זאל ארויסקומען דער זיגער.

— ווען וועסטו אוועקפאהרען צו דעם זשידעק? — האט זי איהם געפרעגט.

— איך גלויב אז איך וועל עס טאן מארגען אין דער פריה — האט לינעצקי געזאגט, — ווייל צו דער אונטערהאלטונג זיינען פארבליבען בלויז צוויי וואכען און איך מוז זעהן אז אלץ זאל זיין אין ארדענונג.

—אפשר וועט זיין בעסער אז דו וועסט איהם שיקען רופען? — האט די עלטערע טאכטער איהם געפרעגט.

— איך האב מורא, אז ווען איך וועל איהם שיקען רופען, וועט ער נעוויס אוועקגעהן צום גראף פאטאצקי און פרעגען איהם אויב ער זאל געהן צו מיר! און ווען דער גראף פאטאצקי זאל זיך פון דעם דערוויסען וועט מיין גאנצער פלאן צעשטערט ווערען... איך דארף קומען צום אידען פלוצלונג און איהם דערצעהלען אז איך וויל ער זאל טאנצען נעגען א צווייטען גוטען טענצער און דערפאר וועט ער באקומען א סך געלט. און ווען ער וועט מיר זאגען, אז ער וויל זיך פריהער נאכפרעגען ביים גראף, וועל איך דאן איהם קאנען אפריידען פון דעם. איך וועל איהם פארזיכערען אז קיינער וועט אפילו ניט וויסען ווער דאס איז און אז גראף פאטאצקי וועט פון דעם קיינמאל ניט אויסגעפינען. און ווען איך וועל זעהן אז ער צעגערט נאך, אז ער קווינקעלט זיך, וועל איך איהם אנבאטען נאך עטליכע הונדערט גילדען! ווען ער וועט דערהערען, אז איך גיב איהם אזוי פיעל געלט, וועט ער איינשטימען! דאריבער איז א סך בעסער אז איך זאל בעסער פאהרען צו איהם. איצט אין הערבסט, איז דאך קיינער ניטא, אין פאטאצקי'ס פאלאץ אין איליע און איך וועל ניט דארפען מורא האבען, אז אימיצער פון זיינע מענשען וועלען מיך דערזעהן און איהם איבערגעבען אז איך בין געקומען קיין איליע.

—איך וועל מיט דיר מיטפאהרען!

— האט די עלטערע טאכטער געזאגט.

— אויב דיר וועט אנקומען שווער איהם איבערצורעדען, וועל איך דיר ארויסהעלפען.

— עס איז ניט נויטיג, מיין טאכטער, איך וועל זיך אליין קאנען ספראווען מיט דעם זשידעק. איך ווייס דעם זשידעק'ס שוואכקייט פאר געלט און מיט דעם, וועל איך אויף איהם ווירקען און ער וועט טאן אלץ וואס איך וועל פארלאנגען פון איהם.

אויף מארגען גאנץ פריה האט דער גראף לעניצקי געהייסען שפאנען זיין קארעטע, און ער האט זיך אריינגעזעצט און געהייסען זיין קוטשער טרייבען זיין קארעטע צו איליע.

עס איז געווען א דאנערשטאג ביי טאג. ר' לייזער זוסקעס, דער מילנער פון איליע, איז געווען זעהר שטארק פארנומען אין מיל, ווייל דאנערשטאג פלעגען פילע ארימע לייט קומען צו איהם מאלען זייערע קארן און ווייץ, כדי צו האבען צו באקען חלה און ברויט אויף שבת. ר' לייזער האט ביי קיינער פון זיי קיין געלט ניט גענומען, און ער אליין האט יעדען געהאלפען מאלען און אריינשיטען די מעהל אין זעקלאד.

רבקה, ר' לייזער'ס ווייב, האט שוין צוגעגרייט זיין געקעכץ, און זי האט עס איינגעוויקעלט אין א טיכעל, און יהודית האט עס גענומען און איז ארויס פון הויז. איידער זי איז אפגעגאנגען עטליכע טריט, האט זי דערזעהן פון ווייטען ווי א פריצי'שע קארעטע דערנענטערט זיך אין דער ריכטונג פון זייער הויז.

יהודית, אנשטאט צו געהן אין דער מיל מיט איהר פאטער'ס אנבייסען, האט זיך גלייך צוריקגעקערט אין הויז.

— וואס איז, יהודית, — האט איהר

רבקה א פרעג געטאָן מיט ערשטוינונג — האָסט עפּעס פארגעסען.

— ניין, מאמע, האָט זי געזאָגט, אָבער מיר דוכט זיך, אז איינער פון די פריצים פאָהרט צו אונז...

— וואָס וועט א פריץ טאָן ביי אונז, — האָט רבקה זיך אָנגערופען — עס קאָן זיין, אז ער פאָהרט פארביי אונזער גאס. געה שנעלער, עס וועט דאָך קאַלט ווערען דעם טאטענ׳ס אָנבייסען. דו ווייסט דאָך, אז דער טאטע האָט נאָך היינט אין מויל ניט געהאט.

יהודית האָט אויפגעעפענט די טיר, און זי האָט א קוק געטאָן. זי האָט געזעהן ווי די קארעטע שטעלט זיך אָפּ געגען איבער זייער הויז. זי האָט שנעל צוריק פארמאכט די טיר און זי האָט אויסגערופען:

— נו, מאמע, וואָס האָב איך דיר געזאָגט. אָט האָט זיך די פריצ׳ישע קארעטקע אָפּגעשטעלט נעבען אונזער הויז. ווער קאָן עס זיין?

— ווער ווייסט, אפשר איז דאָס וואַלענטי! — האָט די מאמע אויסגערופען און זי האָט שנעל ארומגעווישט איהר פנים פון די סאזשע פון אויוועז, און אויף איהר קאָפּ ארויפגעטאָן א ווייסע טיכעל — ווארט דאָ צו א ווילע, דו ווייסט דאָך, אז איך קאָן זיך ניט אזוי גוט צוזאמענריידען מיט איהם!

יהודית האָט ארויסגערוקט איהר קאָפּ דורך א קליינער עפענונג פון דער טיר, און זי האָט געזעהן א פנים פון אן אומבאקאנטען פריץ. זי האָט אָבער דערקענט אָן זיינע בגדים, אז ער איז א פריץ. ער האָט געהאט לאנגע פארדרעהטע וואָנצעס, און איז געגאנגען מיט א פאררריסענעם קאָפּ, גלייך צו זיי.

— דער פריץ אליין קומט צו אונז!

— האָט יהודית אויסגערופען.

— וועלכער פריץ! — האָט די מאמע געפרעגט, און זי האָט גלייך גענומען מאכען א שטיקעל אָרדנונג אין הויז.

יהודית האָט אריינגעשטעלט איהר פאָטער׳ס אָנבייסען צוריק אין אויוועז, און זי האָט אָפּגעווישט די עטליכע בענקלאך, טאָמער וועט אויסקומען דעם פריץ זיך צו זעצען אויף זיי.

עס האָט זיך באלד דערהערט א קלאַפּ אין טיר. ביידענס הערצער, רבקה׳ס און יהודית׳עס האָבען זיך א צאפּעל געטאָן. יהודית איז צוגעגאנגען צו דער טיר און זי אויפגעעפענט. זי האָט דערזעהן דעם גראף פון נאָהענט און איהר שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרען.

דער פריץ האָט זיך באגריסט מיט א "דזיען דאָברי". אויף זיין פנים האָט זיך באוויזען א פריינטליכער שמייכעל און ער האָט געפרעגט:

— איז דער פאַן זוסקעס אין דער היים?

— ניין, האָט יהודית געענטפערט, און אין איהר שטימע איז געווען א ציטער.

— איך בין דער גראף לינעצקי! — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט פאר איהר — איך בין אהער געקומען זיך דורכריידען מיט איהם וועגען זעהר א וויכטיגען עניין, וואָס איך גלויב, אז ער וועט דערפון זעהר פיל געניסען. איז עס מעגליך, אז ער זאָל באלד צוקומען אהער?

— המ... איך ווייס ניט, האָט יהודית ארויסגעשטאמעלט. ער איז זעהר פארנומען. זי האָט זיך א קער געטאָן צו דער מאמען צו הערען פון איהר וואָס איהם צו ענטפערען.

די מאמע אָבער איז אליין געווען זעהר דערשראָקען. זי האָט קיינמאָל ניט געהערט פון א גראף מיט׳ן נאָמען לינעצקי.

— איך בין געקומען פון גאנץ ווייט — האָט לינעצקי ווייטער געזאָגט, איך בין שוין אין וועג היבשע עטליכע שעה. איך וואָלט זיך וועלען זעהן מיט איהם. וואו געפינט זיך איצט דיין פאָטער?

— מיין פאָטער איז איצט אין מיל!

— האָט יהודית געענטפערט.

— געה זאָג איהם, אז איך, דער גראף לינעצקי איז געקומען זיך זעהן מיט איהם, ער גערענקט מיך געוויס. ער האָט דאָך מיך געזעהן ביי מיין פריינט, דעם גראף פאָטאָצקי, ווען ער האָט דאָן געטאנצט דעם בערען טאנץ געגען יוזשוק׳ן. זינט דאַן בין איך געוואָרען זיינער א פארעהרער. און איצט בין איך געקומען צו איהם צו ריידען וועגען זעהר א וויכטיגע זאך. איך בעט דיך, מאך דאָס שנעלער, זאָג איהם, אז איך ווארט אויף איהם טאקע דאָ, ביי איהם אין הויז.

— זאָל ער אריינקומען! — האָט די מאמע געזאָגט — מען קאָן דאָך איהם ניט לאָזען ווארטען אין דרויסען.

יהודית האט איהם געהייסען אריינקומען. זי האט איהם אריינגעפירט אין סטאלאווע, און איהם זיך געבעטען זעצען.

— מען דארף געהן אנזאגען דעם טאטען! — האט די מאמע זיך אנגערופען צו יהודית'ן, אבער זי האט ניט געוואוסט ווער עס זאל געהן. איבערלאזען יהודית'ן אליין מיט דעם פריץ האט זי מורא געהאט, און בלייבען אליין מיט איהם האט זי אויך ניט געוואלט... זי האט געהייסען יהודית'ן איהם פרעגען אויב ער וועט עפעס וועלען צובייסען און טרינקען א גלאז טיי.

— טיי וועל איך טרינקען! — האט דער גראף געזאגט.

רבקה איז געגאנגען צושטעלען א טאפ געקאכטע וואסער, און יהודית האט זיך דערווייל גענומען צוגרייטען צום טיש.

— איך וועל קאנען ווארטען! — האט דער גראף זיך אנגערופען — דו בעסער געה שנעלער, און רוף דיין טאטען!

יהודית האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען. זי האט דאך ניט געקאנט איבערלאזען איהר מאמען אליין מיט דעם גראף אין הויז.

— וואס טוט מען? — האט יהודית זיך געווענדעט צו איהר מאמען.

— איך וועל דיר זאגען! — האט רבקה זיך אנגערופען מיט א נידעריגער שטימע — דו געה אוועק אין חדר, און זאג דעם רבי'ן, ער זאל אפלאזען אויף א ווײלע דוד'ן, און ווען ער וועט זיין מיט דיר אין דרויסען, זאלסטו איהם זאגען, אז ער זאל לויפען שנעל אין מיל, און זאגען דעם טאטען, אז א פריץ מיט'ן נאמען לינעצקי איז געקומען איהם זעהן. אבער זיי פארזיכטיג, אז קיינער זאל ניט אויסגעפינען וועגען וואס עס האנדעלט זיך. איך וועל' דערווייל צוואווארטען אין דרויסען. דו וועסט איהם דערקלערען, אז דו וועסט שיקען דיין ברודער רופען דיין פאטער.

יהודית האט ערקלערט דעם גראף, אז זי געהט רופען איהר ברודער, וועלכער געפינט זיך דא ניט וויט, און ער וועט שוין רופען איהר פאטער. זי האט איהם געבעטען ענטשולדיגען וואס זיי וועלען איהם איבערלאזען אליין אויף א ווײלע...

יהודית איז מיט איהר מוטער ארויס אין דרויסען. יהודית איז שנעל געלאפען צום חדר. זי האט קוים געקאנט אפכאפען דעם אטעם ווען זי איז אריינגעקומען דארט, און געבעטען דעם רבי'ן ער זאל אפלאזען דוד'ן פאר א ווײלע.

— וואס איז געשעהן, יהודית, ביי אייך, — האט דער רבי זיך צו איהר אנגערופען.

— גארניט, גארניט, רבי, אבער איך מוז האבען דוד'ן פאר א קליינע ווײלע.

— עס איז היינט אפילו דאנערשטאג, ווען מיר חזר'ן איבער די גמרא פון א גאנצער וואך, נאר אז דו זאגסט, אז דו דארפסט איהם האבען נויטיג, נו זאל ער געהן! גוט, דוד, געה מיט דיין שוועסטער, אבער געדענק, אז אזוי שנעל ווי דו וועסט פארטיג ווערען זאלסטו זיך אקארשט ניט פארשפּילען, דערווייל.

ווען יהודית איז שוין געווען מיט דוד'ן אין דרויסען, האט זי איהם געהייסען שנעל לויפען צום טאטען אין מיל.

— דו זאלסט זאגען דעם טאטע, אז א גראף מיט'ן נאמען לינעצקי איז געקומען צו אונז אין שטוב, און ער וויל זיך מיט איהם דורכריידען. ער ווארט ביי אונז. זאג איהם, אז די מאמע האט געזאגט ער זאל קומען וואס שנעלער אהיים.

פייל אויסען בויגען, איז דוד געלאפען צום מיל, און יהודית האט זיך אומגעקערט אהיים. זי האט געטראפען איהר מאמען ווארטענדיג אויף איהר אין דרויסען. און זיי האבען זיך ביידע צוריקגעקערט אין שטוב. ווען דער גראף לינעצקי האט דערזעהן, אז ביידע קומען אריין מיט אמאל, האט זיך באוויזען א שמייכעל ביי איהם אויף די ליפען. ער האט פארשטאנען, אז איינע פון זיי האט ניט געוואלט פארבלייבען מיט איהם אליין אין שטוב.

רבקה האט דערווייל צוגעגרייט עפעס פאר'ן פריץ, יהודית האט איהם דערלאנגט טיי און עפעס צו פארבייסען.

ווען דוד איז אריינגעלאפען אין מיל, אהן אן אטעם, האט ער געטראפען זיין טאטען אין גאנצען ווייס פון די מעהל.

ווען ער האָט דערזעהן דוד'ן, זיין זוהן, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקען.

— דוד, וואָס טוסטו דאָ? וואָס איז געשעהן? — האָט ער איהם געפרעגט מיט שרעק.

— איך ווייס ניט, טאַטע, אָבער יהודית איז געקומען צו מיר אין חדר, און מיך געשיקט דיך צו רופען אהיים, וואָס שנעלער, ווייל א פריץ מיט'ן נאָמען לינעצקי, וואַרט אויף דיר אין שטוב...

— א פריץ וואַרט אויף מיר! — האָט ער אויסגערופען מיט ערשטוינונג! — א פריץ מיט'ן נאָמען לינעצקי. ווער קאָן דאָס זיין? וואָס פאַרלאַנגט ער פון מיר?

— איך ווייס ניט, טאַטע, אָבער אז די מאַמע האָט געשיקט יהודית'ן מיך צו רופען פון חדר אום דאָנערשטאָג, מוז עס זיין געוויס זעהר נויטיג.

ר' לייזער האָט צוגערופען איינעם פון זיינע אַרבייטער, און ער האָט זיי געהייסען איבערנעהמען זיין אַרבייט, און אליין איז ער אַריין דאָרט אין א צימער, וואו ער האָט זיך אַרומגעוואַשען, און איבערגעביטען זיינע בגדים. ער האָט זיך גלייך געלאָזט געהן אהיים. טויזענדע אַלערליי מחשבות זיינען דורכגעפלויגען זיין מח . . . ווי קומט עס, אז א גראַף זאָל צו איהם קומען פלוצלונג. אויב עס איז אזוי וויכטיג, וואָלט ער דאָך געפאָדערט ער זאָל קומען צו איהם. אמת, ער איז ניט אונטערגעוואָרפען זיין הערשאַפט, אָבער ער ווייסט דאָך, אז א פריץ וועט זיך אזוי ניט דערנידעריגען און קומען צו א אידען אין הויז.

דוד איז מיט איהם מיטגעגאַנגען, און ר' לייזער האָט איהם געהייסען גלייך צוריקגעהן אין חדר, און ער אליין איז מיט האַסטיגע טריט געגאַנגען אהיים. עס איז געווען א האַרבסטיגער קאַלטער טאָג, און ר' לייזער האָט פון גרויס אייל'עניש פאַרגעסען אָנצוטאָן זיין אויבער־מאַנטעל, אָבער ער האָט אפילו ניט געפיהלט, אז עס איז איהם קאַלט.

אַריינגעקומען אין הויז, האָט ער דערזעהן די בלאַסע פנים'ער פון זיין פרוי און טאָכטער. ער האָט זיי אָבער גאָר ניט געקענט פרעגען, ווייל אין דעם צווייטען צימער איז געזעסען דער גראַף לינעצקי, און ווען ער האָט געהערט, אז אימיצער איז אַריין אין שטוב, האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאַץ, און ער האָט אויפגעעפענט די טיר פון צימער.

— אָה, דאָס ביזטו, פאַן זוסקעס! — האָט לינעצקי אויסגערופען. — זעהר גוט וואָס דו ביזט געקומען. איך האָב מיט דיר צו ריידען וועגען א זעהר וויכטיגען ענין. קום אַריין אין צימער און מיר וועלען זיך דורכריידען.

פון די פריינדליכע רייד, וואָס ער האָט מיט איהם גערעדט, האָט זיך ר' לייזער עטוואָס באַרוהיגט. ער איז אַריין מיט איהם אין דער סטאַלאַווע, און ער האָט צוגעמאַכט די טיר. זיי האָבען זיך ביידע געזעצט לעבען טיש.

— איך בין דער גראַף לינעצקי! — האָט ער זיך צו איהם אָנגערופען. — איך גלויב, אז דו האָסט מיך געזעהן אין דער צייט, ווען דו האָסט זיך פאַרמאָסטען אין דעם "בערען־טאַנץ" געגען יוזשוק'ן. איך בין דאַן געזעסען לעבען דעם גראַף פאָטאָצקי, וועלכער איז מיין בעסטער פריינד. הא, דו געדענקסט מיך ניט? אָבער איך קאָן דאָך ניט ערוואַרטען פון דיר דו זאָלסט מיך געדענקען דאַן, ווען דו האָסט פאַר דיינע אויגען געזעהן אזוי פיעל געסט, בפרט ווען דו ביזט געווען אזוי אויפגערעגט און צוטומעלט. דו האָסט דאָך דאַן געקעמפט פאַר דיין לעבען, ווייל עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט געווען, אז אויב יוזשוק וואָלט געזיגט, וואָלט ער געוויס ניט געהאַנדעלט ווי דו, ער וואָלט זיך שוין ניט געצילעוועט אויף דעם בערישען עק, ווי דו האָסט עס געטאָן, ער וואָלט זיכער דיך דערשאָסען.

ר' לייזער איז געזעסען לעבען גראַף און זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. ער האָט ניט געוואוסט צו וואָס ער ציעלט זיך מיט דעם, אָבער ער האָט זיך געפיהלט זעהר אומבאַקוועם מיט דעם, וואָס דער גראַף האַלט, אז ער איז דאָס געווען דער טענצער, וועלכער האָט באַזיגט יוזשוק'ן. אָבער ער האָט דאָך קיין אַנדער ברירה ניט ווי צו צושאָקלען מיט'ן קאָפּ . . . ער האָט אָבער נאָך אַלץ ניט געוואוסט צוליב וואָס ער איז געקומען צו איהם.

— איך וויל דיר זאָגען! — האָט דער גראַף לינעצקי ווייטער גערעדט —

אז זינט איך און מיין טאָכטער האָבען געזעהן דיין וואונדערבארען טאַנצען, האָבען מיר ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון דיר מיט פארעהרונג. איך בין געווען דער ערשטער, וועלכער האָט זיך דאַן אויסגעדריקט, אז דו האָסט באַזיגט יוזשוק'ן, כאָטש דו דאַרפסט וויסען, אז אלע זיינען געווען די פריינד פון יוזשוק'ן, און אז דיר האָבען ניט געפעהלט קיינע שונאים, נאָר איך האָב ליב גערעכטיגקייט, האָב איך זיך איינגעשטעלט פאַר דיר, און איך האָב געזאָגט, אז דער זיג איז מיט דיר, און די אנדערע, וועלכע האָבען געהאלטען שטאָהל און אייזען מיט יוזשוק'ן, האָבען שוין געמוזט צוגעבען, אז דו האָסט באַזיגט יוזשוק'ן.

לינעצקי האָט אַ קוק געטאָן צו זעהן וואָס פאַר אן איינדרוק זיינע רייד האָבען געמאַכט אויף איהם, און ווען ער האָט געזעהן, אז ער שווייגט, האָט ער ווייטער גערעדט:

— ווי איך זעה ביזטו זעהר נייגעריג אויסצוגעפינען דעם צוועק פון מיין קומען צו דיר. אויב אזוי וועל איך דיר זאָגען: איך בין געקומען דיך איינצולאַדען צו אן אונטערהאלטונג ביי איינעם פון מיינע פריינד, דעם גראַף זאַריצקי. ביי איהם וועט פאָרקומען אויך אזאַ מין טאַנץ, ווי עס איז פאָרגעקומען אַ פאָר יאָהר צוריק ביי דעם גראַף פּאָטאָצקי'ן אין פּאַלאַץ דאָ, אין איליע, און איך האָב דיין טאַנצען זעהר שטאַרק געריהמט, און איך האָב זיך אונטערגענומען דיך צו ברינגען צו טאַנצען געגען איינעם פון זיינע טענצער פון ווארשא.

— אָה, ניין, ניין, מיין האַר גראַף! — האָט ר' לייזער מיט שרעק אויסגערופען. — איך קאָן עס ניט טאָן!

— דו האָסט ניט וואָס מורא צו האָבען! — האָט לינעצקי געזאָגט. — ערשטענס, בין איך זיכער, אז דו וועסט איהם גאַנץ גרינג באַזיגען, און צווייטענס, דאַרפסטו וויסען, אז דו וועסט דאָך עס ניט טאָן געצוואונגענערהייט. און ווען אפילו דו וועסט איהם ניט באַזיגען, וועסטו דערפאַר ניט באַשטראָפט ווערען, ווייל מיר וועלען ניט ארויסשטעלען קיינע באַדינגונגען. עס וועט בלויז זיין אן אומשולדיגער געוועט. יעדענפאַלס וועסטו ניט דערלייגען צו דעם. איך בין וויליג דיר צו געבען צוויי הונדערט גילדען פאַר דיין אנטיילנעמען אין טאַנצען, און אז דו וועסט ארויסקומען דער זיגער, וועסטו קריגען פון מיר אַ מתנה נאָך דריי הונדערט גילדען.

— ניין, מיין האַר, איך וועל עס ניט טאָן! איך קאָן דאָס ניט טאָן! — האָט ר' אליעזר אויסגערופען — איך וועל ניט טאַנצען!

— אָבער דו וועסט דאָך ניט זיין איינגעשפּאַרט ווען איך בעט דיך אַ טובה, בפרט ווען דו וועסט צום עסק ניט דערלייגען! ווייסטו וואָס, איך וועל דיר געבען גאַנצע טויזענד גילדען! קאָנסטו זיך פאָרשטעלען? גאַנצע טויזענד גילדען, אויב דו וועסט באַזיגען דיין געגנער!

— צו מיין גרויסען באַדויערען בין איך געצוואונגען צו אנטזאָגען דעם גראַף'ס פאַרלאַנג! — האָט ר' לייזער מיט דרייסטקייט געזאָגט. ער האָט דאָך געוואוסט, אז ער איז ניט אונטער זיין הערשאַפט, און ער קאָן איהם ניט צווינגען אזוי לאַנג, ווי זיין אייגענער פּריץ פאַרלאַנגט עס ניט פון איהם. ער האָט זיך דערמאָנט, אז חיים האָט איהם דערצעהלט, אז דער גראַף פּאָטאָצקי האָט איהם פאַרשפּראָכען ניט מעהר צו האָבען אזעלכע טענץ־געוועטען ביי איהם, און דער גראַף וועט זיין וואָרט האַלטען, דעריבער האָט ער איהם געוואָגט צו אנטזאָגען.

— זאָג מיר, פאַרוואָס דו ווילסט ניט נאָכקומען מיין פאַרלאַנג! — האָט לינעצקי איהם געפרעגט. — אויב דו ווילסט מעהר געלד בין איך דיר גרייט צו געבען! ווייל דו קאָנסט דאָך פאַרשטעהן, אז איך בין זעהר נייגעריג צו באַווייזען מיין פריינד, דעם גראַף זאַריצקי, אז איך בין גערעכט, ווען איך האָב איהם געזאָגט, אז עס איז שווער צו קריגען אַ טענצער אזוי גוט ווי דער איד פון איליע. איך וויל דיר זאָגען דעם ריינעם אמת, אז איך בין געווען אזוי זיכער, אז דו וועסט מיין פאַרלאַנג ערפילען, אז איך האָב זיך אפילו געוועט מיט דעם גראַף זאַריצקי, און איך האָף, אז דו וועסט דאָך ניט דערלאָזען, אז איך זאָל מיין געוועט פאַרלירען. איך בין וויליג דיר צו געבען צוויי טויזענד גילדען, אויב דו וועסט נאָר באַזיגען!

— איך וועל עס ניט טאָן פאר קיין געלד אין דער וועלט! — האט ר' לייזער זיך אָנגערופען. — איך בין ניט קיין טענצער!

— אָה, דו ביזט צו באשיידען, מיין פריינד. איך מוז דיר זאָגען, אז אזא טענצער ווי דו איז שווער צו געפינען, טאקע ווייל דו גיסט זיך ניט אָפּ דערמיט, איז דעריבער דער וואונדער גרעסער. איך קום צו דיר פון אזוי ווייט און איך פארלאנג פון דיר, אז דו זאָלסט מיין פארלאנג ערפילען.

— מיין האר, אָבער דאָס איז אוממעגליך פאר מיר! — האָט ר' לייזער געזאגט. — איך קאן דאָס ניט טאָן!

— איך בין געקומען צו דיר מיט פריינדשאפט, ווייל איך האלט פון דיר און איך האָב דיר אָנגעבאָטען צוויי טויזענד גילדען, זעהסטו דאָך, אז וואָס אנבאלאנגט געלד, וועל איך זיך פאר קיין זאך ניט אָפּשטעלען. איך בין וויליג דיר צו געבען נאָך טויזענד גילדען, אבי דו זאָלסט מיך ניט מאַכען צום נאר!

— מיין האר גראַף, איך וועל אייך ניט מאכען צום נאר, ווייל איך האָב דאָך אייך קיינמאָל ניט צוגעזאגט! און איך האָב אייך שוין געזאָגט, אז ווען איך וואָלט עס געקאָנט טאָן, וואָלט ניט געווען קיין אָפּהאלט! איך בין ניט געלד גייציג. איך דאנק גאָט, אז איך קאן האָבען גענוג מפרנס צו זיין מיין פרוי און קינדער, איך זוך ניט קיין רייכטום!

— אָבער דו פארגעסט, אז איך בין א גראַף און איך בין ניט געוואוינט, אז א איך זאָל מיין פארלאנג צוריקווייזען! — האָט ער שוין אָנגענומען א דראָהענדען טאָן. — אויב דו וועסט מיך ניט וועלען פאָלגען, וועסטו עס טאָן דורך צוואנג. דו ווייסט דאָך, אז איך קאָן בעטען מיין פריינד, דעם גראַף פּאָטאָצקי, און אז ער וועט דיר הייסען געהן וועסטו שוין מוזען געהן טאנצען, פּונקט ווי דו האָסט עס דאן געטאָן. מיין ניט, אז איך ווייסט ניט, אז דו האָסט זעהר ניט געוואָלט געהן, אָבער אז די היידוקעס האָבען דיר געדראָהט מיט'ן טויט, האָסטו עס געטאָן, און כאָטש דו האָסט דורכדעם פארשוועכט דיין שבת. די היידוקעס האָבען מיר דערצעהלט, ווי אזוי דו האָסט ניט געוואָלט אויספאָלגען דיין גראַף'ס וואונש. און איצט, וואָס וועסטו טהאָן, אז דיין אייגענער גראַף פּאָטאָצקי וועט דיר באַפוילען צו געהן און טאנצען דאָרט.

— אָבער קיינער קאָן דאָך מיך ניט מאכען צו געווינען דעם טאנץ! — האָט ר' לייזער זיך אָנגערופען. — און אויב איך וועל אַלץ איינס דעם טאנץ־געוועט פארלירען, טאָ וואָס פאר א נוצען וועט איהר האָבען פון דעם?

— זעהסטו! — האָט לינעצקי שוין כעס'דיג געזאָגט, — איך קאן שוין געפינען א מיטעל ווי אזוי דיך צו צווינגען צו געווינען דעם טאנץ געוועט . . .

— גאנץ איינפאך! — האָט דער גראַף לינעצקי איהם געענטפערט — וואָס צום ביישפּיל וועסטו טאָן, אז ווען דו וועסט דאָרט פאָרגעבראכט ווערען דורך צוואנג, און איך וועל שטעלען א באדינגונג אז דער געווינער זאָל האָבען א רעכט צו טאָן מיט דעם פארלירער וואָס איהם געפעלט...

די דאָזיגע רייד, האָבען אָנגעוואָרפען א פּחד אויף ר' לייזער'ן. ווער ווייסט, וואָס עס קאָן נאָך פּאסירען. טאָמער וועט דער גראַף פּאָטאָצקי איהם ווירקליך צווינגען צו געהן טאנצען דאָרט... ער מיינט דאָך, אז דאָס איז ער געווען דער גוטער טענצער.

לינעצקי האָט געזעהן דעם פּחד אין דעם אידען'ס אויגען, און ער האָט נאָך מיט מעהר שטרענגקייט צו איהם גערעדט, ער האָט איהם געזאָגט אז קיין פּריץ וועט ניט דערלאָזען אז זיין איד זאָל באַליידיגען א צווייטען פּריץ, בפרט, איינער וועלכער איז זיינער א גוטער פריינד.

— ווירדיגער גראַף! — האָט ר' לייזער זיך צו איהם געווענדעט — איך קאָן אייך איצט מיין תשובה ניט געבען. איך פארלאנג פון אייך איהר זאָלט מיר געבען א איין וואָך צייט זיך צו באַזינען.

— וואס איז דא זיך צו באזיגען!

— האט לינעצקי אויסגערופען — נאך אלעמען, פארלאנג איך פון דיר ניט אז אונמעגליכע זאך. ווען איך וואלט געהאט דעם מינדעסטען צווייפעל אז דו וועסט פארלירען דעם טאנץ, וואלט איך דאך צו דיר געקומען. און געוויס פופצעהן טויזענט גילדען... אויב דו וועסט מיר גלייך געבען די תשובה. איך בעט דיך, זאל מיין רייזע צו דיר ניט זיין אומזיסט.

— איך מוז האבען כאטש איין וואך צייט זיך צו באטראכטען — האט ר׳ לייזער געזאגט — אין א וואך ארום וועל איך אייך לאזען ווייסען, אויב איך וועל געהן צו ניט!

— ווען איך וואלט ווייסען, אז אין א וואך ארום וועסטו מיר געבען א תשובה אויף יע, וואלט איך איינגעשטימט, אבער וואס טו איך, אז דו וועסט מיר דאן זאגען "ניין"...

— ווען איך וואלט געווען זיכער, אז דאן וועל איך קאנען זאגען "יע", וואלט איך דאך דאס באלד געזאגט — האט ר׳ לייזער זיך אנגערופען — און דאריבער, הער גראף, דארפט איהר זיין געגרייט אויף וואס פאר א תשובה איך וועל אייך געבען.

— ניין, איך מוז אומבאדינגט האבען א גוטע תשובה! — האט לינעצקי געזאגט — אז ניט וועל איך ניט נאר בלייבען צום נארען, נאר עס וועט מיר אויסקומען צו פארלירען א גרויסע סומע געלט!

— איהר וועט דאך אבער צוגעבען, הער גראף, אז עס איז ניט מיין שולד, ווער האט אייך געגעבען דאס רעכט זיך צו וועטען אויף מיין חשבון, איידער איהר האט זיך בעראטען מיט מיר!

— אין דעם ביזטו גערעכט, פאן זוסקעס — האט שוין לינעצקי גענומען ריידען מיט מעהר צערטליכקייט צו איהם, אבער דאס איז דאך א זאך וואס עס איז פארפאלען. איך האב זיך דאך שוין געוועט, און דו דארפסט האבען איינזעהעניש מיט מיר... איך וועל דיר זאגען דעם אמת, אז איך האב געטראכט, אז ווען איך וועל דיר אנבאטען אזא סומע געלט, וועסטו זיך אויף א רגע ניט קווינקלען...

— דאס האט איהר געמאכט א צווייטען טעות, הער גראף! — האט ר׳ לייזער אויסגערופען — איהר האט באדארפט ווייסען אז געלט שפילט ביי אונז אידען זעהר א קליינע ראלע, מיר זיינען פאראינטערעסירט אין געלט, אויף אזוי פיל, וויפיל עס ריהרט אן אונזער טעגליכע באדערפניש, אבער מיר זוכען קיינמאל ניט קיין רייכטום, אלס וואס מיר ווינשען איז אז מען זאל אונז לאזען דינען אונזער גאט, און אפהיטען אונזער הייליגע תורה...

— אבער דאס וואס דו וועסט טאנצען ביי דעם גראף זאריצקי אויף זיין אונטערהאלטונג, וועסטו דאך ניט באגעהן קיין ברוך געגען דיין תורה! טא פארוואס זאלסטו זיך לאזען אזוי לאנג בעטען!

— איך האב אנדערע סיבות! — האט ר׳ לייזער אויסגערופען — און דאריבער אויב איהר ווילט ווארטען איין וואך צייט וועל איך אייך לאזען ווייסען. עס קאן זיין אז אויב איך וועל עס ניט קאנען טאן אליין, וועל איך אפשר דערוויילן אויפזוכען א צווייטען וועלכער קאן גוט טאנצען.

— ווען איך וואלט געוואלט א צווייטען, וואלט איך דאך צו דיר ניט געקומען! — האט לינעצקי אויסגערופען — איך קאן קריגלען א סך בעסערע טענצער ווי דו וועסט עס פאר מיר קריגען. איך האב געטראכט בלויז פון דיר, ווייל אין דיר האבען מיר ביידע, איך און מיין טאכטער, געזעהן א טענצער צו וועמען עס איז שווער צו געפינען זיין גלייכען. און דאריבער בעט איך דיך, נאך אמאל, לאז מיך ניט געהן צוריק מיט לידיגען. איך וויל זיך מיט דיר ניט קריגען!

— איך מוז האבען א וואך צייט זיך צו באזיגען! — האט ר׳ לייזער אויסגערופען.

— זאג מיר דעם אמת, פאן זוסקעס, ווילסטו זיך פריהער בעראטען מיט דעם גראף פאטאצקי, זאג איך דיר, אז עס וועט זיין אומזיסט. ווייל דער גראף איז מיין בעסטער פריינד און ער וועט דיר אלץ איינס הייסען פאלגען מיך. פארקערט, איך האב געמיינט, אז דו ווילסט אז דער גראף פאטאצקי זאל פון דעם ווייסען, דאריבער בין איך געגאנגען פריהער צו דיר, אבער אויב דו מיינסט איהם צו פרעגען, קאן איך דיר פארשפארען אן ארבייט. איך אליין וועל מיט איהם ריידען, און דער באפעהל וועט קומען

פון איהם, אבער דאן וועט פאר דיר זיין א סך ערגער. ווייל איך קאן דיר דאן ניט גאראנטירען די סומע געלט וואס איך האב דיר צ.געזאגט, און דערצו קאן איך דיר ניט גאראנטירען אויב דיר וועלען ניט געשטעלט ווערען אזעלכע באדינגונגען, ווי דאן מיט יוזשוק׳ן, דאריבער איז מיין פריינדליכע עצה צו דיר, אז דו זאלסט זיך מיט קיינעם ניט בעראטען און פאלג מיר, און לאמיר דא ענדיגען אונזער אפמאך. איך וועל זיך אונטערשרייבען דיר צו געבען א סומע פון גאנצע פינף טויזענט גילדען, אויב דו וועסט געווינען דעם טאנץ־געוועט ביי דעם גראף זאריצקי, אויף זיין אונטערהאלטונג.

— איך מוז האבען א וואך צייט!

— האט ר׳ לייזער אויסגערופען — און איך פארזיכער אייך העך גראף אז איך וועל זיך ניט בעראטען מיט דעם גראף פאטאצקי וועגען דעם.

אט די דאזיגע פארזיכערונג אז ער וועט זיך ניט בעראטען מיט דעם גראף פאטאצקי׳ן, האט בארוהיגט לינעצקי׳ן. אויב פאטאצקי, זיין געווארענער שטארקסטער שונא, וועט דערפון ניט וויסען, וועט ער געווים איהם אריינקריגען אלס טענצער, און אזוי שנעל ווי ער וועט געווינען די גרויסע סומע געלט, וועט ער זיין פריי פון די חובות און דאן וועט ער קאנען זיך אפרעכענען מיט דעם גראף פאטאצקי, וועלכער האט איהם אויף אזא שענדליכען אופן באליידיגט.

נו, אויב דו גיסט מיר דיין עהרענווארט, אז דו וועסט זיך דורך דער צייט ניט בעראטען מיט דעם גראף פאטאצקי׳ן, וועל איך דיר געבען א וואך צייט זיך מישב צו זיין. אבער איך האף אז דיין ענטפער וועט מיר צופרידענשטעלען, ווייל דו ווייסט דאך וואס דאס מיינט צו מיר, ניט אזוי דאס געלט, ווי מיין כבוד!

לינעצקי האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ, און ער האט זיך געזעגענט מיט ר׳ לייזער׳ן געבענדיג איהם זיין האנד.

— אויב דו וועסט קומען צו א גינסטיגען באשלוס אידער די וואך איז פאראיבער, וואלט איך זעהר שטארק אפגעשאצט ווען דו שיקסט מיר אנזאגען, ווייל וואס מעהר צייט מיר האבען זיך צוצוגרייטען אלס זיכערער וועט אונזער זיג זיין!

ר׳ לייזער האט געשוויגען. ער האט איהם ארויסבאגלייט ביז אין דרויסען, און דערשטוינט איז ער געווארען ווען ער האט פון וויטען באמערקט יאסעל דעם שניידער שטעהט אן א זייט נעבען א בוים, און קוקט זיך צו ווי דער גראף לינעצקי זעצט זיך אריין אין זיין קארעטע, און פאהרט אפ. ער האט געזעהן אז יאסעל שניידער ציהט פאר איהם די הוט, ווען ער איז איהם פארביי געפאהרען. ר׳ לייזער איז אריין צוריק אין הויז. ער איז געוועזן זעהר דערשלאגען.

— וואס האט ער פון דיר פארלאנגט? — האט רבקה א פרעג געטאן איהר מאן ווען ער איז אריין צוריק אין הויז.

— זאלען מיר אזוי וויסען פון איהם! א חוצפה! אויך א מחותן מיט מיר!

— אבער וואס האט פאסירט? — האט רבקה מיט אומגעדולד אויסגערופען — פארוואס ביזטו אזוי דערשראקען? ווער איז ער דאס אט דער גראף לינעצקי!

— האסטו געהערט א חוצפה! ער פארלאנגט פון מיר ניט מעהר און ניט וועניגער איך זאל פאר איהם געווינען זיינעם א נארישען געוועט וואס ער האט געמאכט מיט אן אנדער פריץ! ער מיינט דאך אז איך האב דאן געוואונען דעם טאנץ געוועט געגען יוזשוק׳ן, ווייל ער איצט אז איך זאל געהן דארט טאנצען, כדי צו געווינען פאר איהם א געוועט פון פופצעהן טויזענט גילדין.

— און וואס האסטו איהם געזאגט?

— האט זי געפרעגט.

— וואס האב איך איהם געקענט זאגען, איך האב איהם געזאגט אז דאס איז אונמעגליך, אבער ער האט פון דעם ניט געוואלט הערען, ער האט גערעדט צו מיר מיט גוטען און מיט בייזען, ביז וואנען איך האב איהם געמוזט ענטפערען, אז איך וויל א וואך צייט זיך צו בעראטען.

— אבער וואס קאן ער דיר טאן?

— האט רבקה זיך אנגערופען — נאך אלעמען איז ער דאך ניט דיין פריץ. ער האט קיין רעכט ניט איבער דיר.

— דאס האב איך אויך געטראכט — האט ר׳ לייזער געזאגט — אבער

ער האָט מיר געדראָהט אז ער וועט זעהן זיך איבערצורײדען מיט דעם גראף פּאָטאָצקי, און וואָס וועל איך טאָן ווען דער גראף פּאָטאָצקי וועט עס פון מיר פארלאנגען. דאן וועל איך דאָך זיין א פארלאָרענער... איך וועל דאָך דאן זיין געצוואונגען איהם צו דערצעהלען דעם גאנצען אמת, און ווער ווייסט וואָס פאר אן אומגליק עס לויערט אויף אונז אלעמען.

— און וואָס וועסטו טאָן? — האָט רבקה מיט צעשראָקענהייט איהם געפרעגט.

— איך וועל טאקע נאָך היינט מורגען אָפּפאָהרען קיין ווילנע, זיך צו זעהן מיט חיים'ן. איך וועל איהם דערצעהלען אלץ און איך וועל הערען וואָס ער האָט צו זאָגען וועגען דעם. איך האָף אז ער וועט שוין געפינען אן אויסוועג.

— און ווען וועסטו איבערלאָזען אין מיל?

— וואָס קאָן איך זיך העלפען — איך וועל זיך דארפען פארלאָזען אויף מיין ארויסהעלפער. איך האָף, אז מאָנטאג וועל איך זיך אומקערען צוריק. איך האָב דאָך קיין אנדער ברירה ניט! אָ, ווען עס וואָלט דאָ איצט געווען דער יונגער גראף וואלענטי פּאָטאָצקי, וואָלט איך זיך געפיהלט א סך זיכערער, ווייל ער וואָלט שוין געפונען אן אויסוועג. ער וואָלט שוין געזעהן, אז איך זאָל ניט דארפען מורא האָבען.

— זאָל גאָט אונז העלפען! — האָט רבקה אויסגערופען — מיין הארץ שרעקט מיר אזוי... מיר זיינען דאָך תמיד אין די הענט פון די פּריצים. זיי קאָנען טאָן מיט אונז אלץ וואָס זיי געפעלט. איך ווייס ניט וואָס חיים וועט קאָנען טאָן פאר דיר, סיידען ער זאָל ווידער וועלען פארנעמען דיין פּלאץ, אָבער דאן וועט מען דאָך אויסגעפינען דעם אמת...

— איך ווייס נאָך גארניט וואָס דיר צו זאָגען! — האָט ר' לייזער אויסגערופען — מיר דארפען האָבען בטחון אין גאָט, ער וועט אונז אויך אויף ווייטער ניט פארלאָזען. איצט וועל איך גלייך שפּאנען מיין פוהר, און איך וועל גלייך אָפּפאָהרען פון דאנען. איך האָב געהאָפט, אז דאָס וועט דערווייל בלייבען בסוד, אָבער טרעף וועמען איך האָב דערזעהן דאָ ניט ווייט פון אונזער שטוב?

— יאָסעל דעם שניידער! — האָט יהודית אויסגערופען.

— נו, ווער דען אויב ניט ער! איך ווייס ניט פון וואנען ער האָט עס אויסגעפונען, ווייל זיינע בנים זיינען דאָך איצט פארנומען אין חדר. דו האָסט באדארפט זעהן ווי ער האָט געצויגען זיין הוט פאר איהם, פּונקט ווי ער וואָלט געווען זיינער א באקאנטער גראף...

— נו, איצט וועט מען שוין וויסען אין גאנץ איליע, אז צו אונז איז געקומען א נייער גראף — האָט רבקה געזאָגט — זאָל מען אויסגעהיט ווערען פון זיין צונג!

— מילא, זאָל ער ריידען וואָס ער וויל, איין זאך בין איך זיכער, אז ער וועט פון אונז קיינמאָל ניט אויסגעפינען צוליב וואָס פאר א צוועק דער גראף איז צו מיר איצט געקומען...

— זעה צו פאָהרען דורך אן אנדער וועג, ווייל ער וועט דיך געוויס זעהן, אויב דו וועסט פאָהרען דורך דעם שטענדיגען וועג קיין ווילנא.

ר' לייזער האָט איינגעשפּאנט זיין פערד צו דעם וואָגען, און ער האָט געזאָגט יהודית'ן, אז זי זאָל זיך אריבערכאפּען אין מיל, און זאָגען זיין ארבייטער, אז ער מוז פּלוצלונג אָפּפאָהרען אויף עטליכע טעג, און ער זאָל טאָן אלץ וואָס עס וועט נויטיג זיין.

— דו קאָנסט דערווייל אויך פארבלייבען דאָרט אויף עטליכע שעה צו זעהן, אז אלץ איז אין אָרדענונג.

ווען יהודית איז געגאנגען צום מיל האָט זי געטראָפען יאָסעל דעם שניידער, שטעהענדיג אויף דעם וועג. ער איז צו איהר צוגעגאנגען און זיך צו איהר אָנגערופען:

— זאָג מיר, יהודית, וואָס האָט ביי אייך געטאָן אָט דער גראף לינעצקי?

— איך ווייס ניט! — האָט זי געענטפערט און גענומען געהן ווייטער, אָבער יאָסעל דער שניידער האָט איהר שוין ניט אָפּגעלאָזען.

— דו דארפסט פאר מיר קיין מורא ניט האָבען. איך האָב דאָך גלייך דערקענט דעם גראף לינעצקי! איך געדענק, אז מיט א צייט צוריק איז ער דאָ געווען און זיין היידוק האָט מיר געבראכט זיינעם אן אנצוג צו פּרעסען, איך האָב דאן געפונען צוויי גאָלדענע מטבעות אין זיין קעשענע, און

איך האָב דאָס צוריקגעבראַכט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער זעהט, אַז אויך צווישען אידען זיינען פאַראַן עהרליכע מענשען. דעריבער, אויב דו וועסט מיר זאָגען וואָס ער האָט פון אייך געוואָלט, קאָן זיין, אַז איך זאָל דיין טאַטען קאָנען טאָן א טובה...

— מיר זיינען אייך מוחל אייערע טובות, און איך בעט אייך איהר זאָלט זעהן וואָס ווינציגער זיך צו מישען אין אונזערע געשעפטען.

— זעה נאָר, דיר שטעהט שוין גאָר ניט אָן צו ריידען מיט א שניידער! — האָט ער זי ניט אָפּגעלאָזט — דו מיינסט, אַז אויב עס פלעגט צו דיר אריינקומען אין הויז דער יונגער גראַף פּאָטאָצקי, ביזטו שוין געוואָרען א פּרינצעסין. מיין עלטערער זוהן דערצעהלט, אַז די לעצטע צייט ענטפערסטו איהם ניט אפילו אויף זיין "גוט־מאָרגען!" דיר פּאסט שוין ניט זיך צו באגריסען מיט איהם. עפּעס א קליינינקייט, דער יונגער גראַף פּאָטאָצקי האָט דאָך ביי אייך געגעסען טשאָלענט צוויי מאָל... אפשר האָסטו זיך גאָר פארליבט אין איהם! איצט אָבער איז דאָך שוין ניטאָ דער יונגער גראַף פּאָטאָצקי! ער איז דאָך אוועקגעפאָהרען קיין פּאריז!

דאָס בלוט האָט א זעץ געגעבען יהודית'ן אין פּנים. זי האָט איהם געוואָלט גוט אויסזידלען, אָבער זי האָט געוואוסט, אַז אריינצופאלען ביי איהם אין מויל, וועט זי שוין דארפען אנטלויפען פון איליע, זי האָט דעריבער פארשנעלערט איהרע טריט, און איז געגאנגען ווייטער.

אָבער יאָסעל דער שניידער האָט אָנגערירט אין איהר זעהר א צארטע סטרונע... אָ, ווען ער וואָלט וויסען דעם אמת, וואָס עס טוט זיך ביי איהר אין הארצען... ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז דער יונגער גראַף איז אוועקגעפאָהרען אין פּאריז זיך צוצוגרייטען צו ווערען א איד... ווען ער וואָלט געוואוסט ווי אזוי ער האָט אויף איהר געקוקט ווען ער איז ביי זיי געווען זיך געזעגענען... ווען ער וואָלט געוואוסט ווי זי ליגט ביי זיך אויפ'ן געלעגער און טראַכט פון איהם, ווי זי הערט זיין אנגענעמע שטימע, ווען ער רעדט וועגען דער אידישער אמונה, ווי אזוי עס ציהט איהם צו ווערען א איד...

יע, ווען אָט דער שניידער וואָלט געוואוסט אָט דאָס אלץ, וואָלט ער ערשט דאַן געהאט וואָס צו ריידען...

## 14

ר' לייזער איז אָנגעקומען אין ווילנאָ פרייטאָג אין דער פריה, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אן אכסניא, און איז גלייך געגאנגען דאווענען. נאָכ'ן דאווענען האָט ער צוגעביסען, און ער האָט זיך אוועקגעלאָזט צו ר' מנחם מאַן, חיים'ס זיידע.

ער האָט אָנגעקלאפּט אין טיר און ר' מנחם האָט איהם געהייסען אריינקומען.

— איך בין לייזער זוסקעס פון איליע! — האָט ער זיך פאר איהם פאָרגעשטעלט.

— אָ, ר' לייזער, קומט אריין! — האָט ר' מנחם איהם אויפגענומען מיט גרויס פריינטשאפט.

— זעצט זיך.

ר' לייזער האָט זיך צוגעזעצט, און ר' מנחם האָט איהם געפרעגט פאר וואָס ער איז אזוי צעטראָגען און באַזאָרגט.

— זאָגט מיר וואָס איז געשעהן?

— זעהר פיעל איז געשעהן! — האָט ר' לייזער זיך אָנגערופען — און איך בין געקומען זיך זעהן מיט אייער אייניקעל, חיים, און זיך האלטען אן עצה מיט איהם.

— גוט, איך ערווארט, אַז מיין אייניקעל חיים, זאָל טאקע באלד אָנקומען — האָט ר' מנחם געזאָגט, דערווייל טרינקט א גלאָז טיי און איהר וועט זיך דערווארעמען. עס איז אזא קאלטער, נאסער הערבסט טאָג.

ער האָט געהייסען אריינטראָגען טיי, און ער האָט זיך געזעצט נעבען איהם. באלד האָבען זיך דערהערט טריט און ר' מנחם האָט געזאָגט, אַז דאָס קומט אָן זיין אייניקעל, חיים.

ווען חיים האָט דערזעהן ר' לייזער'ן, האָט ער זיך מיט איהם שטארק דערפרעהט. ער האָט געדריקט זיין האנט, און ער האָט זיך גלייך געזעצט נעבען איהם.

ר' לייזער האָט אונז וואָס צו דערצעהלען, ער איז נאָר־וואָס געקומען, און ער ווארט עס אויף דיין קומען.

— וואָס איז געשעהן? — האָט חיים זיך אָנגערופען מיט נייגעריגקייט

— האט איהר פיליכט געהאט א גרוס פון וואלענטי'ן!

— ניין! איך האב וועגען איהם גארניט געהערט! — האט ר' ליזער געזאגט — אבער אויף מיר איז געקומען א נייע צרה, און איך וויים ניט וואס צו טאן.

- - לאמיר הערען וואס עס איז געשעהן! — האט חיים זיך אנגערופען.

— נעכטען, ווען איך בין געווען אין מיל, קומט צולויפען מיין איינגעל און זאגט מיר, אז עפעס א גראף מיט'ן נאמען לינעצקי איז געקומען צו אונז אין הויז און ווארט דארט אויף מיר.

— א, דער גראף לינעצקי! — האט ר' מנחם אויסגערופען — איך וויים ווער דאס איז! אבער דערצעהלט אונז פריהער וואס ער האט פון אייך פארלאנגט!

— ווי עס ווייזט אויס, איז אט דער דאזינער גראף לינעצקי געווען דאן ביי דער אונטערהאלטונג פון דעם גראף פאטאצקי, ווען איהר האט דארט געטאנצט, — האט ער זיך געווענדעט צו חיים'ן — נו, מיינט ער דאך, אז דאס בין איך, איז ער געקומען צו מיר און דערצעהלט, אזוי ווי זיין פריינט, דער גראף זאריצקי, וועט אין א צוויי וואכען ארום האבען אן עהנליכע אונטערהאלטונג, מיט א בעריהמטען טענצער, האט ער זיך ניט מעהר און ניט ווייניגער געוועט מיט יענעם פריץ, אז זיין אידישער טענצער וועט באזיגען זיין טענצער. ער דערצעהלט מיר, אז ער האט זיך מיט איהם געוועט אין פופצעהן טויזענט גילדען, און אז איך מוז קומען טאנצען דארט יענעם אווענט...

— וואס הייסט, איהר מוזט, ווי אזוי קאן ער אייך צווינגען. ער האט גארניט וואס צו זאגען איבער אייך. ער איז דאך ניט אייער פריץ! — האט ר' מנחם אויסגערופען — איהר זייט אונטער דעם שוץ פון דעם גראף פאטאצקי, און קיין אנדער גראף קאן אייך גארניט טאן!

— אבער ער האט מיך געסטראשעט, אז אויב איך וועל זיך ענטזאגען איהם צו פאלגען, וועט ער מיך פארקלאגען פאר זיין פריינט, דעם גראף פאטאצקי, און וואס וועל איך טאן, אויב דער גראף פאטאצקי וועט מיך צווינגען?...

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף ר' מנחם'ס ליפען. ער האט געווארפען א בליק צו זיין אייניקעל, און חיים האט אויך א שמייכעל געטאן.

— און וואס האט איהר איהם געזאגט? — האט ר' מנחם זיך אנגערופען.

— איך האב איהם געזאגט, אז איך קאן זיין פארלאנג ניט ערפילען.

— זעהר גוט האט איהר געטאן! — האט ר' מנחם אויסגערופען — איהר האט ניט וואס מורא צו האבען.

— אבער, ער וועט קומען צו מיר נאך אמאל, אין א וואך ארום!

— צוליב וואס? — פרעגט איהם חיים.

— ווייל ווען ער האט מיך גענומען דראהען מיט דעם, אז ער וועט ווירקען אויף זיין פריינט, דעם גראף פאטאצקי ער זאל מיך צווינגען עס צו טאן, האב איך זיך טאקע דערשראקען, און איך האב זיך ביי איהם אפגעבעטען ער זאל צוווארטען איין וואך, און איך וועל איהם געבען א תשובה... איך האב זיך געטראכט, אז דערווייל וועל איך אריבער קומען צו אייך, און הערען אייער עצה...

— אויב אזוי איז מיין עצה, אז איהר זאלט איהם ענטפערען, אז איהר וועט בשום אופן ניט געהן! — האט איהם ר' מנחם געזאגט.

— און וואס וועל איך טאן אויב ער וועט אוועקגעהן צום גראף פאטאצקי און איהם בעטען מיך צו צווינגען?

— האט ר' ליזער מיט זארגט געזאגט.

— איהר מעגט רוהיג זיין, אז דער גראף וועט עס קיינמאל ניט טאן, ווייל עס איז שוין מעהר ווי א חודש זינט דער גראף פאטאצקי, האט זיך צעקריגט מיט איהם. און ווען עס וואלט געשעהן דאס, אז איהר זאלט קאנען דערפילען זיין פארלאנג, וואלט אייך דער גראף פאטאצקי זעהר שטארק באשטראפט פאר דעם.

—יע, זיידע, דו האסט מיר צוגעזאגט צו דערצעהלען וועגען דעם וואס דער גראף פאטאצקי האט דיר אנפארטרויט לעצטע וואך.

— נו, גוט, איצט קאן איך דאס דערצעהלען פאר אייך ביידען. וועט איהר זעהן, אז דער גראף לינעצקי האט געזוכט איהם אפצונארען, מיינענדיג, אז ער איז ווירקליך געווען דער טענצער. זייט וויסען, אז דער גראף לי־

נעצקי איז פארזונקען אין חובות, אז עס וועט לאנג ניט דויערן און מען וועט פון איהם אלץ אוועקנעמען, אפילו זיין פאלאץ. דער גראף פאטאצקי איז ביי איהם געווען מיט א קורצער צייט צוריק, זיי האבען ביידע געהאט א סכסוך וועגען עפּעס אן אויסגעלאסענע פראנצויזישע מיידעל, וועלכע איז געווען דעם גראף'ס געליבטע, און דערנאך איז זי אריבער צו לינעצקי'ן. זיי האבען זיך צוליב דעם איבערגערעדט, און דער גראף פאטאצקי איז געקומען צו איהם אין פאלאץ, און ווען לינעצקי האט געזעהן, אז די פראנצויזישע מיידעל וויל זיך צוריקקערען מיט איהם, האט ער געפּרובירט מאכען שלום מיט איהם. האבענדיג דערביי א כונה, ער זאל איהם אויסבארגען צעהן טויזענט גילדען, כדי ער זאל זיך קאנען אויסצאהלען פון זיינע חובות. נו, וואס מיינט איהר האט איהם דער גראף פאטאצקי געזאגט? ער האט איהם געזאגט, אז ער וועט איהם בארגען די געלט נאר מיט א באדינג...

— און וואס איז געווען די באדינגונג? — פרעגט איהם חיים.

— די באדינגונג איז געווען, אז דער גראף לינעצקי זאל מאכען א פארוויילונג ביי זיך אין פאלאץ, און ווען אלע וועלען דארט זיין, זאל ער ארויפגעהן אויפ'ן טיש און אויסרופען גאנץ הויך: ״איך, דער גראף לינעצקי, בין נידעריגער פון א הונט״...

ר' לייזער האט לייכט אפגעאטעמט. אויב אזוי האט ער דאך ניט וואס מורא צו האבען פאר איהם. און דער גראף לינעצקי האט איהם גאר גענארט.

— דער גראף פאטאצקי האט עס מיר אלץ דערצעהלט, און ער האט צוגעגעבען, אז דער גראף לינעצקי איז אזוי אויפגערעגט געווארען, אז ווען ער וואלט געקאנט, וואלט ער איהם דערשאסען. אבער ער, דער גראף פאטאצקי האט זיך געהאט צוגעגרייט און ער האט מיטגענומען זיינע היידוקעס — האט ר' מנחם ווייטער גערעדט.

— אבער ווי קומט עס ער זאל זיך באנוצען דערמיט, איך מיין מיט דעם גראף פאטאצקי אלס דראהונג צו מיר!

— האט ר' לייזער אויסגערופען.

— דאס באווייזט, אז ער איז געווען זעהר פארצווייפעלט, אז ער האט זיך געוועט מיט דעם גראף זאריצקי, האפענדיג, אז דורך דעם אידישען טענצער וועט איהם געלינגען צו געווינען דעם געוועט פון פופצעהן טויזענט גילדען, און ער וועט קאנען אויסצאהלען די חובות זיינע. זעהר גוט, האט איהר געטאן, ר' לייזער, וואס איהר זייט געקומען אהער! — האט ר' מנחם געזאגט.

— א ברירה האב איך געהאט! — האט ר' לייזער געלאכט — האב איך זיך דען געקאנט אונטערנעמען צו געהן טאנצען פאר זיי, דארט, אין דעם פאלאץ פון דעם גראף זאריצקי.

איך מיין צו זאגען, אז דערוויל האט איהר זיך פארשפארט א סך עגמת נפש, און זארג, און איך וועל האבען וואס צו דערצעהלען דעם גראף פאטאצקי. איך וועל איהם זאגען, אז איהר, ניט וויסענדיג וועגען די באציהונגען צווישען איהם און לינעצקי'ן, האט זיך ענטזאגט צו ערפילען זיין פארלאנג. איך וועל איהם אויך ערקלערען, אז ער האט אייך געוואלט דראהען מיט דעם, וואס ער וועט איהם בעטען צו צווינגען אייך... וועל איך איהם ערקלערען, אז איהר האט איהם געענטפערט, אז דער גראף פאטאצקי האט איהם צוגעזאגט מעהר ניט צו פארלאנגען פון איהם, צו טאנצען אויף די דאזיגע פארוויילונגען. דערוויל וועט עס זיין א גוטע דערמאנונג צום גראף אליין, ער זאל פון אייך מעהר קיינמאל ניט פארלאנגען איהר זאלט דארפען טאנצען פאר איהם אדער פאר אימעצען אנדערש.

— ער, דער גראף לינעצקי האט אבער פון מיר ארויסגעקראגען א פארשפרעכונג, אז איך זאל דערוויל זיך ניט אנפרעגען ביי דעם גראף פאטאצקי, און איך זאל מיט איהם דערוויל ניט ריידען. איך האב איהם פארשפראכען, אז איך וועל ניט ריידען מיט איהם. און איצט, ווען ער וועט קומען פאר זיין תשובה, און ער וועט הערען, אז איך וויל ניט ערפילען זיין וואונש, וועט ער זיך געווים אנשטויסען, אז איך בין געווען ביים גראף פאטאצקי, וויל איך האבען די מעגליכקייט איהם צו פארזיכערען, אז איך האב מיט דעם גראף ניט גערעדט.

— ער איז גערעכט, זיידע! — האט חיים געזאגט — עס איז גאנץ מעגליך, אז ווען דו וועסט איהם דערצעהלען,

וועט ער זיין נייגעריג צו הערען דאָס פון ר׳ ליזער׳ן, און ער וועט איהם שיקען רופען צו קריגען פון איהם איינצעלהייטען.

— נו, גוט, איך וועל צואווארטען די וואָך, כאָטש איך האָב געהערט, אז דער גראף פאָטאָצקי קלייבט זיך אין גיכען אָפצופאָהרען פון דאנען קיין פאריז... עס הייסט, אז ער פאָהרט זיך זעהן מיט זיין זוהן, וואלענטי, אָבער אין דער אמת׳ן האָב איך אויסגעפונען, אז ער פאָהרט אָפּ מיט דער פראנצויזין... און דאָס איז גראָד א סך בעסער פאר וואלענטי׳ן, ווייל, ווי איך האָב געהערט, פארברענגט וואלענטי ביי מיין פריינט, ר׳ אהרן ליפּמאן אין פאריז, וועלכער לערענט מיט איהם תורה, און גרייט איהם צו ער זאָל זיך קאָנען מגייר זיין אין אמסטערדאם. מיין פריינט, ר׳ אהרן, שרייבט מיר, אז דער יונגער גראף וואלענטי האָט אין זיך א הייליגע נשמה, אז אזוי שנעל ווי מען וועט איהם קאָנען מגייר זיין, וועט ער קאָנען פאררעכענט ווערען פאר א צדיק... ווייל ער היט שוין אָפּ אידישקייט ווי דער גרעסטער צדיק... און ווען זיין פאָטער וועט איהם דאָרט זעהן, וועט ער זיך אָנשטויסען, אז ער האָט צו טאָן מיט אידען, און אז ער איז געניינגט צו אידישקייט... דאָס וואָלט זיכער ניט נאָר צעשטערט אלע זיינע עפּלענער, נאָר עס וואָלט אויך געבראכט אויף מיין פריינט, ר׳ אהרן ליפּמאן א גרויסען אומגליק, און אפשר אויף אונז אלעמען... דעריבער דאַרפען מיר זיין זעהר צופרידען, אז דאָס וואָס דער גראף פאָטאָצקי זאָגט, אז ער פאָהרט זעהן זיין זוהן, איז עס בלויז אן אויסרייד, אז אין אמת׳ן פאָהרט ער אהין צו הוליען, און ער וועט אפילו זיך ניט אומקוקען אויף זיין זוהן... און דאָס וועט זיין פאר אונז אלעמען א געווינס...

— האלט עס טאקע אזוי ווייט מיט דעם יונגען גראף פאָטאָצקי? — האָט ר׳ ליזער געפרעגט מיט גרויס נייגעריגקייט — איך מיין, אז ווען ער האָט מיר געזאָגט, אז ער וויל ווערען א איד, האָב איך גאָרניט גענומען אזוי ערנסט. איך האָב איהם אָפּגערעדט, און איך האָב געטראכט, אז ער אליין וועט זיך באלד ארומזעהן, און וועט אויפגעבען דעם געדאנק. און ווען איך האָב אויסגעפונען, אז ער איז צוליב דעם צוועק געפאָהרען קיין פאריז, האָב איך אויך ניט געגלויבט, אז ער זאָל זיין אזוי ערנסט...

— וואָס רעדט איהר, ר׳ ליזער! די עטליכע חדשים וואָס ער און זיין פריינט זארעמבא, האָבען פארבראכט מיט מיר, האָבען זיי ביידע געלערענט מיט גרויס התמדה. זיי האָבען געמאכט פאָרטשריט, און וואָס אנבאלאנגט דעם יונגען גראף פאָטאָצקי, האָב איך אויסגעפונען, אז ער באזיצט א שארפען קאָפּ, און אז ער האָט פארשטאנען די הויפּט יסודות פון אונזער תורה, און ער האָט זיך אין דעם אריינגעוואָרפען מיט זיין לייב און לעבען... און איך קאָן פאָראויס זאָגען, אז ער וועט זיין א גדול אין ישראל, אז ער איז גרייט צו געהן אויף קידוש השם פאר אונזער אמונה. ווער ווייסט, אפשר וועט דורך איהם אויך קומען א ישועה אויף די אידען.

— און גאָט וויים, אויב חלילה מען זאָל אויסגעפינען וועגען איהם, וועט עס אונז אלעמען ניט שאדען...

— איך האָב אויך געטראכט פון אָט דער מעגליכקייט! — האָט ר׳ מנחם מאן זיך אָנגערופען — אָבער איך האָב באמערקט, אז ער איז באזעסען געוואָרען מיט אזא קראפט, וואָס איז געווען אונמעגליך איהם אָפּצושטעלען. איך האָב איינגעזעהן, אז מיט דעם וואָס איך וועל איהם זוכען צו בעאיינפלוסען געגען דעם, וועל איך אין איהם פארניכטען זיין נשמה, און ער וועט ניט קאָנען עקזיסטירען... און ווען איך האָב זיך אין דעם איבערצייגט, בין איך געקומען צום שלום, אז איך האָב קיין רעכט ניט איהם צו פארשטויסען פון אונזער אמונה, אז עס איז מיין פליכט איהם צו שטיצען און העלפען ווי ווייט מעגליך ער זאָל דערגרייכען זיין ציל. איך גלויב, אז עס איז מעגליך, אז ווען דער גראף פאָטאָצקי וועט אָנקומען אין פאריז, זאָלען זיי ביידע, וואלענטי און זארעמבא זיין אין אמסטערדאם, און ער וועט זיי אפילו ניט טרעפען דאָרטען.

— ווי איך פארשטעה איז זארעמבא ניט געווען אזוי באגייסטערט אָנצונעמען אונזער אמונה, ווי וואלענטי, און מיין הארץ שרעקט מיר, טאָמער וועט ער איינגאנצען חרטה האָבען, און

ער וועט נאָך פאַר׳מסר׳ן אונז אַלעמען צוזאַמען מיט זיין פריינט, וואַלענטי׳ן צו דער קאַטוילישער קירכע. און דאַן וויסען מיר דאָך שוין וואָס מיר קאָנען ערוואַרטען פון זיי — האָט חיים זיך אָנגערופען צו זיין זיידען.

— זאָל גאָט אויסהיטען! — האָט ר׳ לייזער אויך צוגעגעבען — איך וויים וואָס עס קאָן אונז אַלעמען ערוואַרטען!

— איידער איך האָב זיך אונטערגענומען זיי צו העלפען, האָט ר׳ מנחם געזאָגט — האָב איך גוט זיך דורכגערעדט מיט זאַרעמבאַ׳ן, און איך האָב געזעהן, אַז ער אַליין איז אויך אַ קנאַפּער גלויבער אין אַלץ וואָס קומט פאָר ביי זיי, און אַז ער באַזיצט אַ גוטען כאַראַקטער, און אַז ווען ער וועט זיך איבערצייגען אין דער גרויסקייט פון אונזער אמונה, וועט ער זיך אויך אַריינוואַרפען מיט זיין לייב און לעבען און ער וועט זיין גרייט אפילו מקריב צו זיין זיין לעבען אויב עס וועט נויטיג זיין פאַר זיינע איבערצייגונגען. און ווען איך האָב זיך אין דעם איבערצייגט, האָב איך באַשלאָסען, אַז מען קאָן איהם אָנפאַרטרויען, אַז סוף כל סוף, וועט ער ווערען געטריי אונזער תורה פונקט ווי וואַלענטי איז... איך וויים, אַז ער און וואַלענטי האָבען צווישען זיך אָפּמאַד, מיט אַ שבועה, אַז וואָס עס זאָל ניט געשעהן, וועלען זיי ביידע וויסען ווי צו האַלטען זייער סוד...

ר׳ לייזער איז פאַרבליבען ביז איבער שבת ביי ר׳ מנחמ׳ן. זיי האָבען די מעהרסטע צייט פאַרבראַכט אין לערנען און זונטאָג אין דער פריה, איידער ר׳ לייזער איז אָפּגעפאָהרען פון דאָרט, האָט ער זיך נאָך אַמאָל דורכגערעדט מיט ר׳ מנחמ׳ן ווי אַזוי ער זאָל האַנדלען מיט דעם גראַף לינעצקי׳ן.

— איין זאַך דאַרפסטו וויסען, — האָט ר׳ מנחם זיך אָנגערופען, ווען ער האָט זיך מיט איהם געזעגענט, — אַז לינעצקי האָט קיין שליטה ניט איבער אייך, און אפילו ווען ער וואָלט געוועזען זעהר מעכטיג און ניט געהאַלטען ביים אַרונטערגעהן פון זיין גדולה, וואָלט ער אייך קיין שלעכטעס ניט געקענט טאָן. די איינציגע שרעק, וואָס איהר וואָלט יאָ געקענט האָבען, וואָלט געווען, אַז ער זאָל זיך ניט ווענדען צו

דעם גראַף פּאָטאָצקי, אַז ער זאָל אייך באַשטראָפען, און דאָס ווייסט איהר דאָך, אַז אונטער די איצטיגע אומשטענדען וועט ער דאָס ניט קאָנען טאָן, ווייל פּאָטאָצקי איז געוואָרען זיין גרעסטער שונא, און עס זיינען ניט פאַראַן קיינע אויסזיכטען, אַז זיי זאָלען מאַכען שלום צווישען זיך. דער גראַף פּאָטאָצקי איז פאַראינטערעסירט, אַז לינעצקי זאָל מעהר ניט קאָנען אויפהויבען זיין קאָפּ... און ווען פּאָטאָצקי וועט שפּעטער אויסגעפינען, אַז ער איז ביי דיר געווען און אָנגעבאָטען אַזוי פיל געלד, און דו האָסט זיך אָנטזאָגט עס אָנצונעהמען, וועסטו נאָך שטייגען אין זיינע אויגען.

מיט אַ לייכטען געמיט איז ר׳ לייזער צוריקגעפאָהרען קיין איליע. ער איז אָנגעקומען זונטאָג ביינאַכט.

זיין פרוי רבקה, זיין טאָכטער יהודית, און זיינע צוויי קינדער, דוד און נפתלי, האָבען שוין אויף איהם געוואַרט מיט דעם גרעסטען אומגעדולד. אַ גאַנצען טאָג האָבען שכנים און באַקאַנטע אָפּגעשלאָגען די טיר פון ר׳ לייזער׳ס הויז, ווייל אַלע אין איליע האָבען געוואוסט, אַז ר׳ לייזער איז שנעל אָפּגעפאָהרען קיין ווילנע, און נאָכדעם, ווי יאָסעל דער שניידער האָט גענומען פאַרשפּרייטען קלאַנגען, אַז דער גראַף לינעצקי איז געקומען צו ר׳ לייזער׳ן אין הויז, כדי ער, ר׳ לייזער, זאָל ווערען דער פאַרמיטלער צווישען איהם און דעם גראַף פּאָטאָצקי, ווייל ער וויל אָפּקויפען דאָס שטעדטעל איליע און דעם גאַנצען געגענד.

אַ פּחד איז אָנגעפאַלען אויף אַלע אידען. זיי האָבען זיך געשראָקען, אַז ווען לינעצקי וועט ווערען דער פריץ איבער זיי, וועט זיין פאַר זיי אַ סך ערגער, ווייל דער גראַף פּאָטאָצקי מישט זיך זעהר ווייניג אין זייערע ענינים. זיי דאַרפען איהם צושטעלען אַ געוויסע סומע געלד יעדען יאָהר און ווייטער וויסען זיי פון גאָר ניט. דעריבער ווען זיי האָבען געהערט אַט די דאָזיגע קלאַנגען, און געזעהן, אַז ר׳ לייזער איז ווירקליך ניטאָ אין דער היים, זיינען זיי געווען זיכער, אַז יאָסעל ווייסט וואָס ער רעדט, וואָרום אויב ניט, טאָ וואָס האָט ער טאַקע געטאָן אין ר׳ לייזער׳ס הויז? זיינען געקומען די באַלעבאַטים פון שטאָדט און גענומען אויספרעגען רבקה׳ן. זיי

האבען זי געבעטען זי זאל זיי זאגען, כדי זיי זאלען זיין צוגעגרייט, טאמער וועט, חלילה, עפעס געשעהן.

רבקה האט זיי פארזיכערט, אז עס איז ניטא קיין ברעקעל אמת אין די קלאנגען, וואס יאסעל דער שניידער פארשפרייט. אז זיי האבען שוין איהם באדארפט קאנען זיך ניט צוהערען צו זיינע רייד . . . אבער פונדעסטוועגען זיינען זיי אוועק פון דארט אומרוהיגע מיט עטוואס שרעק אין זייערע הערצער. זיי האבען געפרעגט רבקה'ן, זי זאל זיי ערקלעהרען פארוואס איז איהר מאן אזוי שנעל אפגעפאהרען קיין ווילנע . . .

רבקה האט זיי געזאגט, אז זי ווייסט אליין ניט, אז עס איז בלויז א פערזענליכע זאך, און קיינער וועט דערפון ניט ליידען. דאס, ווייזט אויס, האט נאך זייער נייגעריגקייט פארגרעסערט. און ווען זיי האבען פון איהרע רייד פארשטאנען, אז זי ערווארט איהם היינט ביינאכט צוריק, זיינען שוין פילע פון זיי געווען אין דרויסען צו זעהן, אויב ער וועט טאקע קומען, און דאן וועלען זיי שוין אויסגעפינען פון איהם. שפעט ביינאכט איז ר' לייזער אנגעקומען קיין איליע. עס איז געווען א קאלטע, אבער ליכטיגע נאכט, און ווי נאר די עטליכע אידען האבען איהם דערזעהן זיך דערנעהענטערען צו זיין הויז, זיינען זיי שנעל צו איהם צוגעגאנגען און איהם ארומגערינגעלט, איידער ער האט אפילו באוויזען ארויסצוגעהן פון זיין וואגען. ער האט זיך ארומגעקוקט מיט ערשטוינונג. דערוויל האט מען איהם פארווארפען מיט פראגעס. רבקה און יהודית, דערהערענדיג דעם גערויש, זיינען ארויס פון הויז, און דערזעהענדיג איהם און די מענשען, וועלכע האבען איהם ארומגערינגעלט, האט זי ניט געוואוסט וואס צו טאן.

— אה, לייזער! גאט צו דאנקען וואס דו ביזט געקומען געזונטערהייט! — האט זי אויסגערופען. — מיר זיינען שוין געווען באזארגט.

— נו, ר' לייזער, וואס איז געבליבען? דער גראף לינעצקי וועט טאקע אפקויפען אונזער שטעדטעל? — האט איהם איינער פון די אידען געפרעגט.

— וואס רעדט איהר! — האט ר' לייזער געענטפערט. — ווער האט עס אריינגעקלאפט אזעלכע נארישקייטען אין אייערע קעפ?

— ווער? ! — האט רבקה אויסגערופען, — אט טאקע יאסעל, דער שניידער! דוכט זיך, אז מען האט שוין באדארפט וויסען, אז יאסעל פלוידערט גלאט אין דער וועלט אריין, אבער פונדעסטוועגען גלויבט מען אלע נארישקייטען וואס ער ברענגט ארויס פון זיין מויל.

— איך פארזיכער אייך, אז עס איז גאר ניט מיט גאר ניט! — האט ר' לייזער זיך אנגערופען. — עס האט מיט קיינעם, אויסער מיר, ניט געהאט צו טאן.

— אבער דער גראף לינעצקי איז דאך פארט געווען ביי אייך אין הויז און מסתמא האט ער עפעס פארלאנגט פון אייך.

— יא, ער האט עפעס פארלאנגט, אבער וואס האט עס צו טאן מיט אייך? איך בעט אייך, לאזט מיך איצט צורוה, איך בין זעהר מיעד פון וועג און איך וויל זיך אויסרוהען.

איינינע זיינען גלייך אוועק, אבער עטליכע אידען האבען איהם ניט אפגעלאזען.

— מיר וועלען פון דאנען ניט אפטרעטען ביז וואנען איהר וועט אונז ניט זאגען דעם אמת, וואס דער גראף לינעצקי האט פון אייך געוואלט . . .

— דאס קאן איך אייך קיינעם דערווייל ניט זאגען, אבער איך וויל אייך נאכאמאל פארזיכערען, אז דאס האט צו טאן בלויז מיט מיר! און איך האף, אז איהר וועט מיר גלויבען. א גוטע נאכט!

ווען זיי זיינען אוועק, איז ר' לייזער אריין מיט זיין פרוי און טאכטער אין הויז. זיינע צוויי אינגלעך זיינען שוין געווען אויף זייערע געלעגערס, און ווי זיי האבען דערהערט, אז דער טאטע איז געקומען, זיינען זיי ארויסגעגאנגען פון זייער צימער.

— נו, וואס הערט זיך, לייזער, — האט רבקה מיט אומגעדולד געפרעגט.
— וואס האט מען דיר געזאגט?

— עס איז גאר ניט מיט גאר ניט!
— האט ר' לייזער געענטפערט. — איך האב זיך גאר ניט וואס צו שרעקען פאר דעם לינעצקי'ן. ער האט נעמינט, אז ער וועט מיך נארען. ער האט געוואלט איך זאל זיין אונטער'ן איינדרוק, אז ער און דער גראף פאטאצקי זיינען די בעסטע פריינד, און

אויב איך וועל איהם ניט וועלען אויספאלגען, וועט ער בעטען דעם גראף פאטאצקי און ער וועט מיך שוין צווינגען.

נו, האב איך אויסגעפונען פון חיים'ס זיידע, וועלכער איז דאך א שטענדיגער אריינגעהער ביי דעם גראף פאטאצקי אין הויז, אז ער איז נאר א בלוטיגער שונא פון לינעצקי'ן, און ווען איך וואלט איהם אפילו געוואלט העלפען מיט חיימ'ען, וואלט ער, דער גראף פאטאצקי, מיך דערפאר שטארק באשטראפט. איצט, ווען ער וועט אויסגעפינען, אז איך האב אנטזאגט לינעצקי'ן, וועט ער זיין שטארק צופרידען.

רבקה האט דערלאנגט צום טיש, און ר' לייזער, זייענדיג אויסגעהונגערט, האט זיך געוואשען און זיך געזעצט עסען. ער האט זיי דערצעהלט אלץ, וואס ער האט געהערט וועגען דעם יונגען גראף וואלענטי פאטאצקי, ווי אזוי ער זיצט אין פאריז און לערענט תורה ביי ר' אהרן ליפמאן, ר' מנחמ'ס פריינד, וועלכער שרייבט איהם, אז אזוי שנעל, ווי עס וועט מעגליך זיין, וועט ער אפפאהרען קיין אמסטערדאם און זיך דארט מגייר זיין.

יהודית'ס פנים איז באדעקט געווארען מיט רויטקייט, ווען זי האט עס געהערט. איהר הארץ האט גענומען קלאפען האסטיגער. זי האט די גאנצע צייט ניט אויפגעהערט צו טראכטען פון איהם. אין איהרע אויגען איז ער געווען ווי א מלאך. ער האט געראטעוועט איהר פאטער פון א זיכערען טויט מיט דעם, וואס ער האט געלאזען וויסען ר' מנחמ'ען וועגען זיין פאטער'ס באשלוס, און ער האט דערווייל געשיקט חיימ'ען און איהם געראטעוועט. פון די עטליכע באזוכען, וואס וואלענטי האט אפגעשטאטעט אין זייער הויז, האט יהודית געזעהן, אז ער באזיצט אן איידעלע נאבעלע נשמה און דעריבער איז זי געווען זעהר גליקליך, ווען זי האט געהערט, אז ער וויל ווערען א איד. אין איהרע געדאנקען האט זי זיך פארגעשטעלט, ווי ער קומט צוריק פון דארט א פולשטענדיגער איד, א פרומער און אויך א געלערענטער. ער זיצט אין בית המדרש און לערענט. קיינער ווייסט ניט ווער ער איז, ווייל ער וועט דאך טראגען א בארד. ער וועט אריינגעהן צו זיי, ער וועט ביי זיי עסען, און זי וועט מיט איהם ריידען. ער וועט איהר דערצעהלען ווי אזוי ער האט פארבראכט דארט, אין דער פרעמד, ביז וואנען איהם איז געלונגען צו ווערען א איד . . . און דאן . . .

א לייכטער ציטער איז דורכגעגאנגען איהר קערפער, ווען זי האט פון דעם א טראכט געטאן. אבער זי האט ליעב געהאט פון דעם צו טראכטען... ווען ער וועט זיין ביי זיי אין הויז, און אפשר וועט ער אויך ביי זיי נעכטיגען. זי וועט פאר איהם אויסבעטען זיין געלעגער. ער וועט אויף איהר קוקען מיט די זעלבע מילדע בליקען ווי ער האט עס געטאן נאך דאן, מיט איבער א יאהר צוריק, ווען ער האט ביי זיי געגעסען טשאלענט . . . ער וועט זי פרעגען וועגען פארשידענע אידישע זאכען. זי וועט פאר איהם ברייגנען פסוקים פון חומש און פון די נביאים. ער וועט געוויס אליין קאנען א סך, גאר א סך לערנען און זי וועט זיך שוין דארפען לערנען פון איהם . . .

א גאנצע נאכט האט יהודית געטראכט פון איהם, און ווען זי איז איינגעשלאפען, האט זי גע'חלומ'ט פון איהם.

אויף מארגען אין דער פריה— ווען ר' לייזער איז געקומען אין בית המדרש דאווענען דעם ערשטען מנין, האט ער פאר אלעמען געמוזט דערצעהלען א טייל פון דעם אמת, אז דער גראף לינעצקי האט פארלאנגט פון איהם, אז ער זאל קומען אונטערהאלטען עפעס א פארוויילונג, און ער האט ניט געוואוסט, אויב ער קאן איהם אנטזאגען, ניט מורא האבענדיג פאר'ן צארן פון זייער אייגענעם פריץ, האט ער אין ווילנא אויסגעפונען, אז ער האט ניט וואס מורא צו האבען, און דאס איז אלץ...

— איהר זאלט זיך קיינמאל ניט איינהערען צו יאסעל דעם שניידער'ס פלוידערייען. ער האט זעהר שלעכטע געוואוינהייט. ער שטעקט אריין זיין נאז אומעטום, און דערנאך טראכט ער אויס אייגענע ניט געשטויגענע ניט געפלויגענע געשיכטעס...

---

דער גראף לינעצקי איז געווען זיכער, אז דער איד וועט טאנצען אויף דער פארוויילונג פון זאריצקי און וועט פאר איהם געווינען דעם געוועט, אז

ער האָט שוין מיט דער עלטערער טאָכטער געפּלאַנט ווי אַזוי זיך נוקם צו זיין אָן דעם גראַף פּאָטאָצקי פאַר דער באַליידיגונג.

— אַזוי שנעל ווי דו וועסט באַווייזען אָפּצוצאָהלען דיינע חובות, וועסטו זיך נעמען צו איהם — האָט זי געזאָגט — ד׳, זאָלסט איהם ניט שענקען פאַר דער באַליידיגונג. דו וועסט דאַרפען צום אַלעם ערשטען אַריינקריגען עטליכע זשידעס זיי זאָלען פיהרען דיינע געשעפטען, וועסטו אויך זיין ערפאָלגרייך.

— איך וועל טאַקע אָנפאַנגען מיט דעם זשיד זוסקעס, דעם טענצער, איך וועל איהם אָנבאָטען צו פאַרוואַלטען מיינע מאַיאָנטקעס. אַזוי שנעל ווי ער וועט געווינען דעם געוועט פאַר מיר. איך וועל איהם געבען אַ גרויסען געהאַלט, און עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אַז ער וועט איינשטימען זיך צו שטעלען אונטער מיין שוץ. דאָס אַליין וועט שוין זיין פאַר איהם אַ באַליידיגונג.

— איך צווייפעל, אויב ער וועט מיט׳ן גוטען ווילען וועלען אַוועקגעהן פון דעם גראַף פּאָטאָצקי, דו וועסט דאַרפען נוצען צוואַנג.

— נו, אַז דאָס וועט זיין נויטיג וועל איך דאָס טאָן! — האָט לינעצקי געזאָגט — דערווייל גלויב איך האָב איך אויף איהם געווירקט, אַז ער זאָל קיין וואָרט וועגען אונזער פאַרהאַנדלונג ניט זאָגען דעם גראַף. און אַזוי לאַנג ווי ער וועט ניט אויסגעפינען דעם אמת וועגען דער באַציהונג צווישען מיר און פּאָטאָצקי׳ן וועט ער טאָן אַלע מיינע פאַרלאַנגען אוים מורא פאַר׳ן גראַף פּאָטאָצקי.

פּונקט צום וואָד איז לינעצקי אָנגעקומען אין איליע און איז גלייך צוגעפאָהרען צו ר׳ לייזער׳ס הויז.

ר׳ לייזער איז שוין יענעם טאָג ניט אַוועק צו דער מיל. ער האָט שוין געוואַרט אויף איהם. אין הויז איז אַלץ געווען אויפגערוימט. רבקה און יהודית זיינען געווען אָנגעטאָן אין ריינע קליידער, ער איז דאָך פאָרט אַ פּריץ...

יהודית האָט יעדע ווייל׳ע אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער. אָט האָט זי פון ווייטען דערזעהן דעם גראַף׳ס קאַליאַסקע, און זי האָט אויסגערופען מיט אויפרעגונג:

— ער קומט! ער קומט!

— נו, זייט רוהיג! — האָט ר׳ לייזער געזאָגט, מיר האָבען זיך גאָרניט וואָס צו שרעקען. איך וועל איהם גלייך זאָגען, אַז איך וועל עס ניט טאָן, אַז ער זאָל זיך אָפּזוכען אַ צווייטען טענצער.

— ווער ווייסט, אויב ער וועט ניט פּראָבירען הויבען אַ האַנט אויף דיר! -- האָט רבקה מיט זאָרג געזאָגט.

— ער האָט קיין רעכט ניט אפילו מיך צו דראָהען, ווייל איך באַלאַנג צו דעם גראַף פּאָטאָצקי, און ער וועט ניט וואַגען עס צו טאָן.

לינעצקי איז געקומען צוזאַמען מיט זיין עלטערע טאָכטער. זיין האַרץ האָט איהם געזאָגט, אַז ער וועט האָבען שוועריגקייטען, און ער האָט געהאָפּט, אַז זיין טאָכטער וועט קאָנען האָבען אויף איהם אַן איינפלוס.

זיי זיינען ביידע אַריינגעקומען אין הויז. די טאָכטער האָט זיך גענומען אַרומקוקען, און דערזעהענדיג די שעהנע יהודית׳ן, האָט זי מיט באַגייסטערונג אויסגערופען:

— אָ, ווי וואונדערשעהן זי איז! איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז ביי אייך, געפינען זיך אַזוינע שעהנהייטען.

יהודית׳עס פּנים איז רויט געוואָרען, און דאָס האָט איהר נאָך צוגעגעבען אַ באַזונדערען חן.... רבקה האָט זיי געבעטען זיצען און געפרעגט אויב זיי ווילען טרינקען טיי. דאָס איז געווען ביי דעם גראַף לינעצקי אַ סימן, אַז ער וועט זיין פאַרלאַנג דערפילען. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין טאָכטער, און ווען זי האָט איהם אויפ׳ן וואונק געהייסען אָננעמען זייער גאַסטפריינטליכקייט, האָט לינעצקי צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. זיי האָבען געטרונקען טיי, און לינעצקי און זיין טאָכטער האָבען מיט זיי געמיטליך געשמועסט. ביז זיי זיינען צוגעקומען צו דעם ענין פון דער פאַרוויילונג, וואָס וועט אין אַ וואָך אַרום דאַרפען פאָרקומען אין דעם גראַף לינעצקי׳ס פּאַלאַץ.

— איך מוז אייך זאָגען, פּאַן זוסקעס! — האָט די טאָכטער מיט אַ לייכטען שמייכעלע זיך אָנגערופען — אַז איך ערוואַרט שוין מיט דער גרעסטער אומגעדולד דעם אָווענט פון דער פאַרוויילונג. איך האָב אַזוי ליב די

קונסט פון טאנצען, און איך זאָג אייך, אז איך בין איינפאך געווען ערשטוינט און איבערראשט צו זעהן ווי וואונדערשעהן איהר טאנצט. און ווי איך זעה זייט איהר דאָך ניט גאָר יונג! מיר וועלען קיינמאָל ניט פארגעסען אייער געשיקטקייט און פלינקקייט, און דערצו אייער בראווקייט און העלדישקייט. איך בין זיך מודה, אז זינט דאן, האָב איך אינגאנצען געביטען מיין מיינונג וועגען אייך און אייער פאָלק. איך האָב זיך אלע מאָל פאָרגעשטעלט, אז ביי אייך געפינען זיך ניט קיינע בראווע מענשען, אז איהר לאָזט זיך טרעטען מיט די פיס, און אז פאר געלט וועט איהר אלץ אין דער וועלט טאָן...

— יע, דאָס איז דאָך די צרה מיט פילע פון די קריסטען, זיי לאָזען דעם אידען ניט אויפהויבען דעם קאָפּ און זיי זאָגען נאָך, אז מיר זיינען נידעריג, אז מיר האָבען שקלאפישע נשמות! — האָט ר' לייזער מיט שטאָלץ געזאָגט — מיר זיינען געבויגען און מיר לאָזען זיך טרעטען מיט די פיס, ווייל מיר זיינען מאכטלאָז זיך געגענצושטעלען געגען די וועלכע האָבען די מאכט צו טאָן מיט אונז וואָס זיי ווילען... אָבער ווען דער איד וואָלט געהאט די זעלבע מאכט ווי זיין געגנער, אָדער אפילו ווען זיין געגנער זאָל זיין שטארקער, אָבער זאָל זיין בלויז פריי זיך געגענצושטעלען, וואָלט שוין יענער געפיהלט, אז ער דארף זיך ניט אָנפאנגען מיט קיין אידען... יע, וואָס קאָנען מיר טאָן! ווען מען צווינגט אונז זיך צו דערנידעריגען! האָבען מיר די ברירה ניט צו פאָלגען, און דורכדעם אפשר פארליערען דעם לעבען, אָבער מיר אידען זיינען אָנגעזאָגט דורך אונזער הייליגער תורה אָפּצוהיטען אונזערע לעבענס, און בלויז איינשטעלען אונזער לעבען אין געפאהר, ווען מען וועט אונז וועלען צווינגען צו טאָן א זאך וואָס איז געגען אונזער תורה. מיר האָבען אויף אונזער חשבון זעהר פיל מארטירער, וועלכע האָבען זיך געלאָזען ברענען אבי ניט צו זיין געצוואונגען צו פארלאָזען זייער אמונה... און איך גלויב, אז דאָס וועט אייך איבערצייגען, אז א איד קאָן אויך זיין א העלד!

— אהן צווייפעל! — האָט לינעצקי צוגעגעבען — און גלויבט מיר, אז דאָס וואָס איהר וועט זיך אונטערנעמען צו טאנצען דאָרט אויף דער פארוויילונג, וועלען אייך צוקומען נאָך פריינט, וועלכע זיינען אייך ביז איצט געווען שונאים. זיי וועלען וויסען ווי אָפּצושאצען אייער קונסט, און אויב איהר וועט נאָך וועלען באווייזען פאר זיי וואָס פאר א גוטער שיסער איהר זייט, וועט איהר נאָך מעהר שטייגען אין זייערע אויגען.

— מיר אידען זוכען ניט זיך צו פארגלייכען מיט אייך אין די דאָזיגע קונסטען! אלץ וואָס מיר ווילען איז צו ארבייטען און פארדינען אונזער ברויט רוהיג און אָהן מורא.

— איך בין זיכער, אז נאָכדעם ווי איהר וועט געווינען דעם טאנץ געוועט, וועט איהר ערשט דאן זיך ארומזעהן, אז איהר מעגט שטאָלצירען...

— צום באדויערען מוז איך אייך זאָגען, אז איהר זאָלט אויפזוכען א צווייטען, וועלכער וועט פאר אייך טאנצען. מיר אידען גיבען זיך דערמיט ניט אָפּ.

— פארוואָס ניט! — האָט דער גראף לינעצקי אויסגערופען — איך פארלאנג דאָך דאָס ניט אומזיסט פון אייך...

— עס וועט זיין א סך בעסער פאר אונז אידען ווען מיר וועלען זיך ניט אָפּגעבען מיט א זאך וואָס באלאנגט ניט צו אונזער שטאאט. ווייל עס פּאסירט גאנץ אָפט, אז ווען מיר טוען זאכען וואָס אייערע זיינען געוואוינט צו טאָן, און מיר זיינען ערפאָלגרייך, פאנגען זיך אָן די קנאה און שנאה. זיי זאָגען, אז מיר אידען פארכאפּען אלץ וואָס באלאנגט צו זיי.

— נו, וועגען דעם דארפט איהר זיך ניט זאָרגען! — האָט לינעצקי אויסגערופען — קיינער וועט עס ניט זאָגען, ווייל זיי וועלען דאָך איינזעהן, אז קיינער קאָן זיך ניט פארגלייכען צו אייך... איך בעט אייך, ענטזאגט מיר ניט!

— צום באדויערען בין איך געצוואונגען אייך צו ענטזאגען. איך בין ניט קיין טענצער, און איך האָב ניט בדעה צו קאָנקורירען מיט די עכטע טענצער, וועלכע ציהען פון דעם זייער ערנעהרונג!

— אָבער איך האָב זיך דאָך געוואָטען מיט דעם גראף זאריצקי און איהר וועט דאָך ניט דערלאָזען, אז דורך אייך זאָל איך פארלירען אזא גרויסע סומע געלט!

— ווען איהר וואלט זיך מיט מיר פריהער דורכגערעדט, וואלט איך אייך גלייך געזאגט זיך ניט צו וועטען, אבער איהר האט מיך ניט געפרעגט, און דעריבער בין איך ניט פאראנטווארטליך פאר דעם!

— פאן זוסקעס! — האט זיך שוין די טאכטער ארייגעמישט — איהר ווייסט גאנץ גוט, אז ווען מיר וואלטען געהאט דעם מינדסטען צווייפעל, אז איהר וועט דעם טאנץ־געוועט ניט געווינען, וואלטען מיר דאך זיך אויף אייך ניט פארלאזען. מיר זיינען איבערצייגט, אז איהר וועט ניט נאר פארשאפען אונז כבוד מיט דעם, נאר אויך זיך זעלבסט און אייער פאלק. אויסער דעם האט דאך מיין פאטער אייך אנגעבאטען א גרויסע סומע געלט, ווען איהר וועט געווינען דעם טאנץ־געוועט...

— איך גלויב, אז איך האב אייך קלאר געמאכט, אז מיר אידען זוכען ניט רייך צו ווערען אויף א גרינגען אופן. מיר זיינען גרייט צו ארבייטען מיט שוויים און בלוט פאר אונזער שטיקעל ברויט, און מיר זיינען צופרידען, אז מען לאזט אונז צו רוה און מען שטערט אונז ניט צו דינען אונזער גאט. ניין, געלט מיינט גארניט צו מיר!

— און איך בין אונטער דעם איינדרוק, אז א איד איז געלט־גייציג! — האט די טאכטער געזאגט, דעריבער מוז איך צוגעבען, אז איהר זייט גאר אן אויסערגעוועהנליכער איד, איך בעט אייך אבער, אז בלויז היינטיגעם מאל, זאלט איהר טאן מיין פאטער'ס פארלאנג!...

— ניין! איך קאן עס ניט טאן! — האט ר' לייזער מיט ענטשלאסענהייט געזאגט.

— איהר וועט מוזען טאן דאס פאר מיר! — האט שוין לינעצקי מיט אויפרעגונג אויסגערופען — איך האב זיך אינגאנצען פארלאזען אויף אייך... איך זאג אייך צו, אז אויב איהר וועט מיין פארלאנג ערפילען, וועל איך אייך מאכן פאר דעם הויפּט אויפזעהער פון אלע מיינע מאיאנטקעס. איך וועל זעהן צו טאן גוטעס ניט מיט אייך, נאר אויך מיט אלע אנדערע אידען, וועלכע קומען אין בארירונג מיט אייך...

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת, גראף לינעצקי — האט ר' לייזער נעזאגט, אז איך פיהל זיך זעהר גליקליך אונטער דעם שוץ פון אונזער גוטען פריץ גראף פּאטאצקי...

דאס האט ארויסגערופען גרויס צארן ביי איהם, און ער האט זיך אנגערופען:

— איך זעה, אז איהר האט ניט נעהאלטען אייער ווארט! איהר האט מיר געהאט פארשפראכען זיך ניט צו זעהן מיט דעם גראף פּאטאצקי וועגען דעם, און פון אייערע רייד פארשטעה איך, אז איהר האט זיך יע געזעהן מיט איהם און איהם דערצעהלט וועגען מיין באזוך צו אייך...

— איהר מאכט א טעות, מיין גראף, ביי אונז אידען איז א ווארט הייליג! ווען איך האב אייך צוגעזאגט האב איך מיין צוזאג געהאלטען. איך פארזיכער אייך, אז איך האב זיך מיט דעם גראף פּאטאצקי ניט געזעהן שוין גאר א לאנגע צייט...

לינעצקי האט לייכטער אפּגעאטעמט. אויב אזוי, אויב ער האט זיך ניט נעזעהן מיט דעם גראף פּאטאצקי, קאן ער זיך דאך מיט דעם ווייטער באנוצען אלס דראהונג...

— אויב איהר האט זיך ניט געזעהן מיט איהם וועל איך זיך זעהן מיט איהם! — האט לינעצקי אויסגערופען מיט כעס. — איך וועל איהם איצט דערצעהלען ווי אזוי איהר באהאנדעלט איינעם פון זיינע בעסטע פריינד, און איך וועל איהם בעטען ער זאל אייך צווינגען דאס צו טאן פאר מיר, דאן וועט איהר עס טאן אזוי ווי דאן, געצוואונגענערהייט — און איך וועל שוין זעהן, אז איהר זאלט זיך מיהען צו געווינען דעם טאנץ־געוועט, ווייל אייער לעבען וועט זיין אפּהענגיג פון דעם.

— איהר קאנט טאן וואס אייך געפעלט, איך וועל טאן וואס מיר געפעלט, — האט ר' לייזער זיך אנגערופען מיט רוהיגקייט — קיינער וועט מיך ניט צווינגען צו טאן א זאך וואס איז געגען מיין ווונש.

— אויב אזוי וועל איך גלייך פון דאנען אפּפאהרען קיין ווילנא, צו מיין גוטען פריינט, גראף פּאטאצקי, און איך וועל איהם דערצעהלען וועגען אייער חוצפּה געגען א פּוילישען גראף...

— איך בין גרייט אויף אלץ! — האט ר׳ לייזער געזאגט — איהר קאנט צו איהם פאהרען, און איך פארזיכער אייך, אז אפילו דער גראף פאטאצקי וועט מיך ניט קאנען צווינגען צו טאן אזא זאך!

— אהא, דאס מיינט, איהר וועט אייך ווידערשפעניגען זיין מויל! — האט לינעצקי אויסגערופען — דאס איז גוט צו וויסען! איך וועל איהם טאקע אויך דערצעהלען וואס זיין זשיד האט נאר וואס געזאגט וועגען איהם.

— איך האב גארניט געזאגט וועגען איהם! — האט ר׳ לייזער זיך אנגערופען — איך האב אייך בלויז געוואלט זאגען, אז איך האב א פארשפרעכען פון דעם גראף פאטאצקי, אז ער וועט מיך מעהר ניט צווינגען צו טאנצען! יע, דאס האב איך פון איהם ארויסגעקראגען דאן, ווען ער האט מיך געפרעגט וואס איך פארלאנג אלס א באלוינונג פאר מיין גוטען טאנצען.

— אבער ווי איך האב אויסגעפונען, האט ער דאך אייך געגעבען די ארענדע פון דער מיל פריי אויף צעהן יאהר!

— דאס האט ער מיר געגעבען אלס צוגאב צו זיין פארשפרעכען!

— פארוואס זאלען מיר זיך דארפען קריגען, — האט זיך די טאכטער אריינגעמישט, — לאמיר דורכקומען אויף א פרידליכען אופן — זאגט אונז, פאן זוסקעס, אויף וועלכע באדינגונגען וואלט איהר געטאן מיין פאטער׳ס פארלאנג.

— אויף קיינע באדינגונגען, אפילו ווען עס זאל מיר אויסקומען לײדען זעהר שטארק פאר דעם, וועל איך זיך ניט אונטערנעמען אזא זאך!

— איך וועל אייך ניט שענקען פאר דער חוצפה! — האט זיך גראף לינעצקי צעשריען.

— איך וויל אייך אויפמערקזאם מאכען, גראף לינעצקי, אז איהר זייט דערווייל מיין גאסט, און עס איז ניט העפליך פון אייער זייט צו שרייען אין מיין הויז!

— איך וועל דעם זשיד ווייזען ווי אזוי צו ריידען צו מיר מיט אזוי פיל חוצפה — האט ער גענומען קלאפען מיט׳ן פויסט אין טיש.

— פאטער, בארוהיג זיך! — האט זיין טאכטער זיך צו איהם געווענדעט. מיר וועלען מוזען געפינען א פריעדליכען וועג, מיט כעס וועסטו דאך געווים ניט אויספיהרען . . . איך קאן ניט פארשטעהן פאן זוסקעס, פארוואס איהר ווילט ניט ברענגען כבוד און רייכטום צו אייער משפחה! איהר האט אזא שעהנע טאכטער, און זי וועט דארפען הייראטען, און אז איהר וועט האבען א סך געלט, וועט זי קאנען קריגען א ווירדיגען יונגען מאן . . . איהר זעהט, אז אייער טאכטער׳ס גליק ליגט אין אייערע הענט, און איהר ווילט איהר ניט העלפען!

— איך בעט אייך ניט צו זארגען פאר מיין טאכטער׳ס גליק! — האט ר׳ לייזער אויסגערופען — מיר גלויבען אין גאט, אז ער וועט איהר צושיקען איהר באשערטען . . . געלט שפילט ביי אונז זעהר א קליינע ראלע.

— ווילט איהר דען ניט העלפען אייערע ברידער, וועלכע געפינען זיך אונטער דעם שוץ פון מיין פאטער און פון אונזערע פריינד?

— מיר אידען פארלאזען זיך זעלטען אויף דער הילף פון א מענשען... נאט איז אונזער הילף!

— אויב איהר וועט מיר ניט פאלגען וועל איך מיין צארן אויסגיסען אויף אייערע ברידער! — האט לינעצקי אויסגערופען מיט כעס.

— גאט וועט זיי באשיצען! — האט ר׳ לייזער אויסגערופען — איך קאן ניט טאן אייער פארלאנג, און איך גלויב, אז איהר ברענגט אין ניװעץ אייער צייט, און איך וואלט אייך געראטען צו זוכען אימיצען אנדערש דערווייל, כדי איהר זאלט ניט דארפען לײדען צוליעב דעם. עס זיינען פאראן גענוג גוטע טענצער צווישען אייערע.

לינעצקי׳ס צארן איז געווארען גרעסער מיט יעדער רגע. ער האט גענומען שרייען און שטורמען, און ר׳ לייזער האט איהם עטליכע מאל דערמאנט, אז ער זאל ניט פארגעסען, אז ער באלאנגט ניט צו איהם, און אז ער איז זיין גאסט, און ער האט קיין רעכט ניט אזוי צו ריידען צו איהם.

— א, דו שמוציגער זשיד! — האט זיך אין לינעצקי׳ן צעקאכט זיין יוכע — איך וועל דיר ניט שענקען פאר דיין חוצפה!

— איך בין געצוואונגען אייך צו בעטען צו פארלאזען מיין הויז! — האט ר׳ לייזער זיך אנגערופען — אויב ניט וועל איך זיך דארפען ווענדען מיט אן אנקלאגע געגען אייך צו מיין

באשיצער דעם גראַף פּאָטאָצקי! איך קום אייך גאָרניט, און איהר האָט קיין רעכט ניט מיר צו באליידיגען אין מיין הויז!

— קום, פּאָטער! — האָט זיין טאָכטער זיך אָנגערופען צו איהם — דו זעהסט דאָך, אז מיר וועלען גאָרניט קאָנען פּועל'ען ביי איהם, ער איז איינגעשפּארט, און עס קאָן זיין, אז ער מיינט, אז דיין מאכט האָט זיך פון דיר איינגאנצען אָפּגעטאָן... קום, מיר וועלען איהם וויזען וואָס דו קאָנסט נאָך טאָן!

ליינעצקי האָט ניט אויפגעהערט צו זידלען און צו שילטען. ער איז ארויס מיט זיין טאָכטער פון הויז, ער האָט זיך אריינגעזעצט מיט איהר אין זיין קאָליאסקע. ער האָט באמערקט ווי א היבשע צאָהל אידען האָבען זיך פארזאמעלט ניט ווייט פון דאָרט. און דאָס האָט איהם נאָך מעהר אויפגערעגט.

ער האָט אויפגעהויבען זיין האנט און געדריקט זיין פויסט, קריצענדיג מיט די ציינער און אויסשרייענדיג:

— איך וועל נאָך אין איין אלעמען נקמה נעהמען, איהר אומווירדיגע אידען! איך וועל אייך אלעמען אויסקוילענען!

זיין קוטשער האָט א שמיץ געטאָן די פערד, און זיינען שנעל אָפּגעפאָרען פון דאָרט.

די אידען וועלכע האָבען זיך ארומגעקליבען ניט ווייט פון ר' לייזער'ס הויז, ווען דעם גראַפ'ס עקיפּאזש איז דאָרט געשטאנען, זיינען איצט געבליבען שטעהן פארגליווערטע פון שרעק, ווען זיי האָבען געהערט די רייד פון דעם פּרינץ.

— וועה איז אונז! מיר זיינען פארלאָרען! — האָבען זיי גענומען יאָמערען, — וואָס אזוינס האָט ר' לייזער צו איהם געטאָן, וואָס ער האָט איהם אריינגעבראכט אין אזא גרימצאָרן.

— נו, וואָס האָב איך אייך געזאָגט! — האָט יאָסעל דער שניידער אויסגערופען — איך האָב אייך פריהער געזאָגט, אז דער פּריץ וויל אָפּקויפען איליע פון דעם גראַף פּאָטאָצקי, און ער האָט געוואָלט, אז ר' לייזער זאָל זיין דער פארמיטלער, און ווי עס ווייזט אויס, האָט ר' לייזער איהם אריינגעבראכט אין כעס און איצט וועט ער געוויס אויסלאָזען זיין כעס אויף אונז!

לאָמיר געהן צו איהם און לאָמיר איהם ניט אָפּלאָזען ביז וואנען ער וועט אונז ניט געבען קיין ערקלעהרונג, פארוואָס ער האָט אזוי דערצאָרענט דעם פּריץ.

— האָט איהר געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט! — האָט איין איד זיך געקאָכט, ער האָט דאָך געזאָגט, אז ער וועט אונז "אלעמען אויסקוילענען"...

— פארוואָס קומט עס אונז! — האָט א צווייטער איד געבראָכען מיט די הענט — וואָס האָט ער צו איהם געטאָן, אז ער זאָל וועלען אויסלאָזען זיין צאָרן צו אונז אלעמען!

— קומט, לאָמיר אריינגעהן צו איהם אין הויז, מיר וועלען פון דאָרט ניט אָפּטרעטען ביז וואנען ער וועט אונז זאָגען דעם אמת! — האָט יאָסעל דער שניידער זיך אָנגערופען — מיין הארץ האָט מיר געזאָגט, אז עפּעס האָט דאָ פּאסירט. מיך קאָן מען ניט נארען. ווי איך האָב דערזעהן דעם פּריץ'עס קארעטע צום ערשטען מאָל, האָב איך אייך געזאָגט, אז עפּעס קומט דאָ פאר וואָס האָט א שייכות צו אונז אלעמען! איהר האָט מיר ניט געוואָלט גלויבען, איצט האָט איהר מיט אייערע אויערען געהערט, וואָס דער פּריץ האָט געזאָגט, און איך פרעג אייך, בין איך דען ניט געווען גערעכט!

— מיין הארץ שרעקט מיר! איך האָב מורא, אז אן אומגליק רוקט זיך אָן אויף אונז אלעמען. ער האָט דאָך געברענט פון צאָרן. ער האָט אונז אלעמען געסטראשעט מיט זיין פויסט.

— לאָמיר געהן איהם פרעגען! — האָט נאָך איינער זיך אָפּגערופען.

זיי האָבען זיך אלע א לאָז געטאָן צו ר' לייזער'ס הויז, און יאָסעל איז געווען דער ערשטער אָנצוקלאַפּען אין טיר. יהודית האָט די טיר געעפענט, און זיי זיינען אריינגעגאנגען אינוויינ־ניג.

— ר' לייזער! — האָט איינער פון זיי זיך צו איהם געווענדעט — מיר זיינען געווען אין דרויסען ווען דער פּריץ איז ארויס פון אייער הויז, און זאָל גאָט דערבארעמען זיך איבער אונז! דער פּריץ האָט געקריצט מיט זיינע ציינער און ער האָט געדריקט זיין פויסט און געשריען, אז ער וועט נעהמען נקמה אָן אונז אלעמען, אז ער

וועט אונז אַלעמען אויסקוילענען!

— טאַ וואָס זשע ווילט איהר פון מיר! — האָט ר' לייזער מיט געלאַסענקייט אויסגערופען — עס איז אייער אייגענער שולד. פאַרוואָס זאָלט איהר זיך אוועקשטעלען נעבען איהם און קוקען אויף איהם ווי אויף א ביידוואונדער.

— ער איז ניט געווען אין כעס אויף אונז צוליב דעם! — האָט יאָסעל דער שניידער זיך אָנגערופען — ער איז ארויסגעקומען פון אייער שטוב שוין אַן אויפגערעגטער. זאָגט מיר, וואָס אזוינס איז געשעהן, אז דער פּריץ זאָל זיין אזוי בייז?

— ווען איהר פאָלגט מיר, וועט איהר אלע געהן צו אייערע היימען, און זאָל זיך יעדער פון אייך באַשעפטיגען מיט זיינע אייגענע עסקים! עס איז זעהר ניט שעהן פון אייך אריינצוקוקען אין יענעמ'ס פענסטער און אריינשטעקען אהין די נעזער! שטעלט זיך פאָר ווען איך וואָלט געפילט, אז א סכנה דראָהעט אונז, וואָלט איך דען געבליבען אזוי רוהיג און געלאַסען . . . איך האָב אייך דאָן געזאָגט, אז עס איז גאָרניט מיט גאָרניט, און איך זאָג אייך איצט אויך דאָס זעלבע. דאָס, וואָס דער שיכור'ער פּריץ איז ביי מיר געווען, האָט גאָרניט צו טאָן מיט אייך, און ער קאָן קיינעם פון אונז קיין שלעכטס ניט אָן, און אויב איהר ווילט פאַרט וויסען פאַרוואָס ער איז געווען אזוי בייז, וועל איך אייך זאָגען. ער איז געוואָרען אין כעס ווייל איך האָב איהם און זיין טאָכטער אזוי גוט ווי ארויסגעטריבען פון מיין שטוב.

— וואָס? ארויסגעטריבען דעם פּריץ! — האָבען אלע מיט שרעק אויסגערופען — ווי אזוי האָט איהר געקאָנט טאָן אזא זאַך? . . . זייט איהר משוגע געוואָרען?

— איך ווייס, וואָס איך טו, און איהר האָט זיך ניט וואָס צו שרעקען! גאָט האָט פון מיר ניט אוועקגערויבט מיין שכל, און מיר דאַרפען ניט מורא האָבען פאַר דעם בילען פון א שיכור'ן פּריץ! געלויבט איז גאָט, אונזער גוטער פּריץ גראַף פּאָטאָצקי, וועט ניט דערלאָזען אז א פרעמדער פּריץ זאָל זיך אריינמישען אין אונזערע ענינים. איך פאַרזיכער אייך, אז ער וועט שוין פאַרזאָגען א צעהנטען מעהר אהער ניט צו קומען.

יאָסעל און די אנדערע אידען זיינען געבליבען שטעהן ווי געפּלעפטע, וואָס האָט דאָ פּאַסירט? זיי האָבען זייערע אויגען געוואונדעט צו יאָסעל דעם שניידער, אָבער זיי האָבען באַלד פאַרשטאַנען, אז ער אליין וואונדערט זיך, אז ער קאָן ניט פאַרשטעהן, וואָס עס איז דאָ פאָרגעקומען מיט ר' לייזער'ן. ער האָט אָבער זיך אזוי שנעל ניט געוואָלט אונטערגעבען. ער האָט געוואָלט, אז די אנדערע זאָלען זיין אונטער'ן איינדרוק, אז ער ווייסט אַלץ, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען ביי ר' לייזער'ן אין שטוב. ער האָט זיך דאריבער אָנגערופען:

— איך קאָן דעם גראַף לינעצקי זעהר גוט, ווען ער איז געווען ביי דעם גראַף פּאָטאָצקי אין פּאַלאַץ, האָב איך פאַר איהם געטאָן געוויסע אר..יט. איך ווייס גאַנץ גוט, אז ער איז דער בעסטער פריינד פון פּאָטאָצקי'ן, און אויב ער וועט איהם דערצעהלען ווי אזוי מען האָט יהם דאָ באַהאַנדעלט, וועט ער דען אונז שווייגען?

— ווען איהר, יאָסעל שווייגט וואָלט געווען א סך בעסער! — האָט ר' לייזער זיך צו איהם געוואונדעט — עס איז שוין צייט, אז איהר זאָלט ניט זיין קיין קאָך־לעפעל... איהר, מיט אייער לויזען צונג וואַרפט אַן א שרעק אויף די, וועלכע גלויבען נאָך אין אייערע פּלוידערייען.

— איך פּלוידער ניט! איך ווייס פילע זאַכען, און קיינער קאָן מיר ניט אָנרופען פּלוידערער! מיינט ניט, אז איך ווייס ניט, אז איהר זייט א גוטער טענצער און א גוטער שיסער! איך ווייס אַלץ!

— געה, יאָסעל, נעהם זיך בעסער צו דיין נאָדעל און פּאָדעם! — האָט ר' לייזער מיט כעס זיך אָנגערופען — איך וויל דיר מעהר ניט אָנקוקען נעבען מיין שטוב, איך געה ניט צו דיין שטוב און איך שטעה ניט אונטער דיין פענסטער, און רוק ניט אריין מיין נאָז אין דיינע געשעפטען, וועסטו מיר אויך פּילייכט טאָן די טובה און זיך מעהר ניט מישען אין מיינע געשעפטען.

— איך מיש זיך ניט אין קיינעמ'ס געשעפטען! — האָט יאָסעל אויסגערופען — איך זאָג נאָר, אז איך קאָן וויסען, וואָס עס טהוט זיך ביי ד־י

פריצים, ווייל איך טהו ארבייט פאר זייערע פאראבקעס און היידוקעס און זיי דערצעהלען מיר אלץ, וואס עס קומט פאר ביי די פריצים.

— אבער איך האב דערווייל קיינמאל דיר ניט געבעטען דו זאלסט מיר דערצעהלען, וואס עס קומט דארט פאר, דאריבער פארלאנג איך פון דיר איצט, אז דו זאלסט אהער מעהר ניט קומען! ווען איך וועל זיך נויטיגען אין דיינע עצות, אדער ווען איך וועל ווערען ניינעריג צו וויסען, וואס עס טהוט זיך ביי די פריצים אין פאלאץ, וועל איך אריבערגעהן צו דיר.

— אבער, וואס וועט איהר זאגען צו דעם! — האט איינער פון די אידען מיט שרעק אויסגערופען — ער האט דאך אונז נעסטראשעט!

— איהר דארפט ניט מורא האבען!

— האט זיי ר' ליזער אלעמען בארוהיגט — אויב איך האב איהם געקאנט משלח זיין פון דאנען, איז א סימן, אז מיר האבען זיך ניט וואס צו שרעקען.

די אידען זיינען ארויס פון ר' ליזער'ס שטוב. און יאסעל האט זיך ניט אויפגעהערט צו קאכען און טומלען.

עס איז ניט פאראיבער קיין האלבע שעה און אלע אידען אין איליע האבען געהערט, אז ר' ליזער האט ארויסגעטריבען א פריץ פון זיין שטוב. א פחד איז אויף אלעמען געפאלען. אידען האבען פארמאכט די קראמען, און פארלאזען זייערע ווארשטאטען און געלאפען צו ר' ליזער'ן אין הויז. ר' ליזער האט אבער פארשטאנען, אז מען וועט קומען צו איהם, און ער איז אוועק צו זיך אין מיל. אידען און אידענעס האבען באלאגערט זיין שטוב, און רבקה און יהודית האבען זיי קוים געקאנט בארוהיגען.

— ווי אזוי נעהמט ער דאס און טרייבט ארויס א פריץ! — האבען עטליכע ווייבער מיטאמאל געשריען — מעהר ווי דאס פעלט אונז ניט! מען וועט דאך אונז אלעמען אויסקוילענען.

— ווען מען רייסט ארויס די ציינער פון א בייזען הונט, דארף מען מעהר פאר איהם קיין מורא ניט האבען — האט יהודית זיך אנגערופען.

— מיין מאן איז איצט אין מיהל, ביי דער ארבייט, — האט רבקה געזאגט, — געהט אהין און איהר וועט הערען פון זיין מויל, אז איהר האט זיך ניט וואס צו שרעקען.

זיינען די אידען אוועק צו ר' ליזער'ן אין מיהל און האבען פון איהם געפאדערט ער זאל זיי געבען אן ערקלערונג פארוואס ער האט אזוי באהאנדעלט דעם פריץ, וועלכער קאן דערנאך זיך טאקע נוקם זיין אן די אידען.

ר' ליזער האט איינגעזעהן, אז ער וועט מוזען געבען אן ערקלערונג די אידען, אנדערש וועלען זיי זיך ניט בארוהיגען. ער איז ארויס צו זיי און זיך אנגערופען:

— איך האב שוין ערקלערט צו די ניינעריגע וועלכע זיינען געקומען צו מיין שטוב און געשטאנען אין דרויסען, צוקוקענדיג זיך וואס עס קומט פאר ביי מיר. איצט וויל איך ערקלערען, אז דער גראף פאטאצקי איז א שונא דעם גראף לינעצקי, און אז לינעצקי האט פארלאנגט איך זאל פארראטען אונזער גוטען פריץ, האב איך איהם משלח געווען! איהר דארפט אויך וויסען, אז דער גראף לינעצקי, וועלכער איז צו מיר געקומען צוויי מאל, איז אין זעהר שלעכטע אומשטענדען, און ער האט געמיינט, אז מיר אידען וועלען איהם קאנען העלפען. איצט שטעלט זיך פאר, ווען איך וויים, אז דאס איז אויך דער וואונש פון אונזער גוטען פריץ גראף פאטאצקי, וואלט איך דען אזוי געהאנדעלט. אבער ווען ער קומט מיט א שלעכטער כונה צו מיר, האב איך איהם געוויזען דעם וועג, איהר האט זיך ניט וואס צו שרעקען.

ווייזט אוים, אז אט די דאזיגע רייד זיינע האבען געמאכט דעם געווינשטען איינדרוק, ווייל זיי האבען זיך בארוהיגט, און זיינען געגאנגען אהיים.

פונדעסטוועגען האט מען אין איליע ניט אויפגעהערט צוריידען וועגען דעם פאר היבשע עטליכע וואכען. ר' ליזער איז ביי אלעמען פארגעבענט געווען פאר א גרויסען העלד. א קליינינקייט, ארויסצוטרייבען א פריץ פון זיין שטוב...

אפילו יאסעל דער שניידער האט שוין געהאט מעהר דרך ארץ פאר ר' ליזער'ן. און ארום זיין פערזענליכקייט האבען זיך שוין גענומען וועבען פארשידענע געשיכטעס. מען האט

געזאָגט, אַז דער גראַף פּאָטאָצקי וועט איבערגעבען די גאַנצע שטאָדט איליע אין ר׳ לייזער׳ס הענט. ווייל ער האַלט זעהר שטאַרק פון איהם. מען האָט גערעדט, אַז ר׳ לייזער האָט ביי איהם גע׳פּועל׳ט, אַז ער זאָל באַפרייען עטליכע אידען פון ווילנאָ, וועמען ער האָט פאַרשפּאַרט אין געפענגניש, ווייל זיי האָבען ניט געקאָנט באַצאָלען די אַרענדע.

## 15

אויף מאָרגען נאָכדעם ווי ר׳ לייזער האָט פאַרלאָזען ווילנאָ, איז ר׳ מנחם מאַן אַוועק צו דעם גראַף פּאָטאָצקי אין פּאַלאַץ, און ער האָט געבעטען מעלדען דעם גראַף, אַז ער וויל זיך מיט איהם זעהן.

פּאָטאָצקי, וועלכער האָט זעהר שטאַרק געהאַלטען פון דעם אַלטען, קלוגען אידען האָט איהם געהייסען אַריינקומען.

—אַז דו ביזט געקומען צו מיר ניט גערופענערהייט, איז אַ סימן, אַז דו האָסט מיר מיטצוטיילען עטוואָס וויכטיגעס, — האָט דער גראַף פּאָטאָצקי זיך אָנגערופען.

—איך וויים ניט ווי וויכטיג דאָס איז, — האָט ר׳ מנחם געזאָגט מיט אַ לייכטען שמייכעל, אָבער איך גלויב, אַז דער ווירדיגער גראַף וועט זיין פאַראינטערעסירט צו הערען דאָס וואָס האָט צו טאָן מיט זיין ניי־געוואָרענעם שונא, דעם גראַף לינעצקי!

—אָ, לינעצקי! — האָט דער גראַף אויסגערופען, — האָט ער דיך געשיקט צו מיר איך זאָל זיך מיט איהם איבערבעטען? אויב אַזוי איז דיין מיה אַרויסגעוואָרפען! איך וויל מיט איהם ניט האָבען וואָס צו טאָן!

— אָ, ניין, ווירדיגער גראַף! — האָט מנחם געזאָגט, — איך בין צו אייך געקומען דערצעהלען וואָס פאַר אַ געמיינהייט ער האָט געוואָלט אָפּטאָן!

— נו, לאָמיר הערען! — האָט פּאָטאָצקי אַרויסגעוויזען אומגעדולדקייט.

— ווי איהר האָט מיר דערצעהלט מיט עטליכע טעג צוריק, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער גראַף לינעצקי איז זעהר שטאַרק פאַראַרימט געוואָרען.

—פאַראַרימט געוואָרען,—האָט דער גראַף פּאָטאָצקי געלאַכט, — אויב ער וועט ניט אין גיכען באַקומען צעהן טויזענט גילדין, וועט ער אַלץ פאַרלירען, ער וועט פאַרלירען זיין פּאַלאַץ, ער וועט פאַרלירען אַלע זיינע מאַיאָנטקעס, און ער קאָן נאָך אפילו אַריינגעזעצט ווערען אין געפענגניש. איך וועל איהם ווייזען דעם הונט זיך אָנצופאַנגען מיט מיר! איך האָב איהם געזאָגט, אַז ער זאָל אויסרופען פאַר אַלע זיינע געסט, אַז ער איז נידעריגער פון אַ הונט, וועל איך איהם דאַן לייהען דאָס געלט. אָבער ער וועט עס ניט טאָן, נו, וועל איך זעהן אָן איהם אַ נקמה!

— דער גראַף לינעצקי איז מיט עטליכע טעג צוריק אָנגעקומען קיין איליע און זיך געזעהן מיט דעם אידען זוסקעס, — האָט ר׳ מנחם זיך אָנגערופען.

— וואָס? — איז דער גראַף אויפגעשפּרונגען מיט כעס, — אויב איך וועל אויסגעפינען, אַז דער איד זוסקעס האָט איהם מיט וואָס ניט איז געהאָלפען, וועל איך איהם דערשיסען ווי אַ הונט!

— אָ, ניין, ווירדיגער גראַף! — האָט ר׳ מנחם געזאָגט, דער איד זוסקעס איז זעהר געטריי און איבערגעגעבען צו אייך, און ער וועט ניט טאָן קיין זאַך וואָס זאָל אייך ניט זיין צום האַרצען... דער גראַף לינעצקי ווייזט אויס איז געווען אַזוי געמיין, אַז ער האָט געזוכט אַריינצונאַרען דעם אידען מיט דעם וואָס ער האָט איהם געזאָגט, אַז ער איז געקומען צו איהם אין אייער נאָמען.

— וואָס אַזוינס האָט ער פון איהם פאַרלאַנגט? — האָט פּאָטאָצקי מיט נייגעריגקייט איהם געפרעגט.

— ער האָט איהם איינגעלאַדען צו טאַנצען אויף אַ פאַרוויילונג ביים גראַף זאַריצקי, און ווען ער האָט זיך ענטזאַגט דאָס צו טאָן, האָט ער איהם אָנגעבאָטען אַ באַלוינונג פון פינף טויזענט גילדין. ער האָט איהם דאַן דערצעהלט, אַז ער האָט זיך געהאַט געוועט מיט דעם גראַף זאַריצקי, און אויב ער וועט ניט וועלען געהן דאָרט טאַנצען און געווינען, וועט ער דורך דעם פאַרלירען.

— נו, און וואָס האָט איהם דער איד געזאָגט?

— ער האָט איהם געענטפערט, אז ער וועט ניט טאנצען אפילו ווען ער זאָל איהם אָנשיטען א פולע הויז מיט גאָלד!

— זעהר גוט האָט ער געטאָן! — האָט דער גראף מיט צופרידענהייט אויסגערופען.

— דער גראף לינעצקי ווייזט אוים האָט אָבער באשלאָסען איהם צו צווינגען, און זייענדיג זיכער, אז דער איד ווייסט ניט וועגען די באציהונגען צווישען אייך און לינעצקי'ן, און ער וועט זיכער מיינען, אז איהר זייט ביידע גוטע פריינד, האָט ער איהם געסטראשעט, אז אויב ער וועט איהם ניט פאָלגען, וועט ער דאן זעהן, אז איהר זאָלט איהם צווינגען. אָבער זוסקעס האָט זיך ניט געאיילט צו געבען איהם זיין צושטימונג. ער האָט ביי איהם געבעטען א וואָך צייט, און ער איז אהער געקומען און מיר דערצעהלט אלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען, און איך האָב איהם דאן זעהר געלויבט וואָס ער האָט איהם ניט נאָכגעגעבען, און איהם געזאָגט, אז ווען לינעצקי וועט קומען נאָך אמאָל צו איהם פאר זיין תשובה זאָל ער וויסען וואָס איהם צו ענטפערען.

— איך האָף, אז ער וועט איהם ארויסווארפען פון זיין שטוב! — האָט פאָטאָצקי אויסגערופען, — ער האָט געמיינט, אז איהם וועט געלינגען אריינצוקריגען דאָס געלט אין וואָס ער נויטיגט זיך אזוי שטארק, דורך מיין אידען! ער וועט פאר איהם געווינען זיין געוועט, האָט ער זיך געטראכט! זעהר גוט האָט דער איד מיינער געטאָן! ווען ער נעהמט זיך אונטער איהם צו העלפען, וואָלט ער זיין לעבען פארלאָרען... אפילו ווען ער וואָלט געמיינט, אז ער טוט מיר דורך דעם א טובה... זאָל דער איד פון איליע קומען צו מיר, און איך וועל איהם באלוינען... אָבער ניין, איך וועל מוזען אָפּלייגען מיין באלוינונג, ווייל איך קלייב זיך אָפּצורייזען פון דאנען קיין פראנקרייך, איך ווייס ניט ווי לאנג איך וועל זיך דאָרט פארזאמען, אָבער ווען איך וועל זיך צוריקקערען, וויל איך, אז דו זאָלסט מיר וועגען דעם דערמאָנען און איך וועל איהם שוין באלוינען פאר זיין קלוגער האנדלונג.

— איך וועל אייך דערמאָנען, גנע־דיגער גראף, האָט ר' מנחם זיך אָנגערופען, — איך וויל אייך ביי דער געלעגענהייט ווינשען א גליקליכע רייזע.

— זעהר גוט, — האָט דער גראף זיך אָנגערופען, — איך דאנק דיר פאר דיין וואונש, איך האָב א צווייפאכיגען ציעל אין מיין איצטיגער רייזע, ערשטענס וויל איך זיך זעהן מיט מיין זוהן, איך וויל זעהן ווי אזוי ער לערענט זיך דאָרט, און צווייטענס דארף איך זיך אָפּרוהען, און איך האָף, אז איך וועל טאקע קאָנען דאָרט גוט פארברייננגען...

דער גראף פאָטאָצקי איז געווען זעהר שטארק צופרידען מיט דעם באריכט פון זיין אלטען אידישען פריינד. איצט וועט ער נאָך האָבען מעהר פון וואָס צו לאכען פון לינעצקי'ן. זיין לעצטע האָפענונג צו קריגען געלט, און ארויסקריכען פון זיין פלאָנטער, איז אויסגערונען געוואָרען. איצט וואָלט ער געוואָלט וויסען וואָס ער וועט טאָן, ווי אזוי וועט ער נאָכקומען דעם געוועט. ניט נאָר וועט ער ניט אריינקריגען דאָס געלט וואָס ער האָט אזוי שטארק נויטיג כדי אָפּצוצאָלען זיינע חובות, אָבער ער וועט דאָך פארלירען זיין געוועט צו דעם גראף זאריצקי'ן און ער וועט ניט האָבען מיט וואָס איהם צו באצאָלען... ער וואָלט דאביי געוואָלט זיין...

ער ווייסט, אז דער גראף זאריצקי איז געווען זעהר שטארק באפריינדעט מיט לינעצקי'ן, און דורך דעם וועט זייער פריינדשאפט פארוואנדעלט ווערען אין פיינדשאפט.

פאָטאָצקי האָט באשלאָסען צו דערצעהלען זיין געליבטער ראשיעל וועגען דעם, אפשר וועט זיין כדאי צוליב דעם אָפּצולייגען די רייזע, כדי צו זעהן די נקמה אָן איהם...

ער איז אָפּגעפאָהרען אויף מאָרגען צו דעם מאיאָנטעק וואו ראשיעל האָט זיך געפונען און ער האָט איהר אלץ דערצעהלט. זיי האָבען ביידע געלאכט זעהר שטארק.

— דו וועסט נאָך זעהן, ווי ער וועט צו מיר קומען בעטען איך זאָל איהם ראטעווען, — האָט דער גראף פאָטאָצקי זיך אָנגערופען, און ער וועט שוין וועלען טאָן מיין וואונש, אבי איך זאָל איהם ראטעווען, אָבער איך

וועל זיך שוין דאן ניט באנוגענען בלויז מיט דעם וואס ער וועט פאר אלעמען אין די אויגען זיך רופען: "נידעריגער פון א הונט", נאר איך וועל פון איהם פארלאנגען ער זאל זיך אליין אנשפייען אין פנים פאר אלעמען אין די אויגען... כא, כא, כא!

— איך וואלט עס געוואלט זעהן מיט מיינע אויגען! — האט זי אויסגערופען לאכענדיג, ער האט זיך פאר מיר געהאט בארימט, אז ער איז זעהר רייך, און אז ווען ער וויל קאן ער אפקויפען דיין פאלאץ פון ווילנא!

— א בארימער איז גוט צו שמייסען! — האט דער גראף געזאגט, — און דעריבער האב איך באשלאסען צוצואווארטען נאך עטליכע טעג מיט אונזער רייזע...

יע, עס וועט זיין כדאי צו ווארטען און זעהן ווי אזוי ער וועט האנדלען — האט זי געזאגט.

— איך האב דאך אויך געקראגען אן איינלאדונג פון דעם גראף זאריצקי צו זיין פארוויילונג, אבער איך האב איהם געענטפערט אז איך האלט ביים אוועקפארען פון דאנען עטליכע טעג פאר דער פארוויילונג, איצט וועל איך איהם לאזען וויסען אז איך האב באשלאסען צו קומען צו איהם, און צוליב דעם צוועק לייג איך אפ מיין רייזע אויף עטליכע טעג. איך וועל דארט זיין און צוזעהן מיט מיינע אויגען ווי אזוי דער לינעצקי וועט אויסצאלען איהם אזוי פיל געלט, פאר דעם געוועט וואס ער וועט צו איהם פארלירען.

דער גראף פאטאצקי האט געשיקט זיינעם א ספציעלען שליח צו דעם גראף זאריצקי'ן אין וואס ער האט איהם געמעלדעט אז אזוי ווי ער האט געהערט אז ביי איהם אויף דער פארוויילונג וועט פארקומען א זעהר אינטערעסאנטער טאנץ־געוועט, האט ער דעריבער אפגעלייגט זיין רייזע נאך פאריז, און ער וועט קומען צו דער פארוויילונג.

דער גראף זאריצקי איז געווען זעהר צופרידען מיט דעם. ער האט געפילט שטאלץ וואס דער רייכסטער גראף פאטאצקי האט צוליב זיינער א פארוויילונג אפגעלייגט זיין רייזע. ער האט דעריבער ערווארטעט מיט גרויס אומגעדולד צו זעהן וועמען לינעצקי וועט בריינגען. ער האט שוין געהאט צוגע־גרייט די צוויי בערישע פעלען, און ער האט זיך דורכגערעדט מיט זיין טענצער, און איהם דערציילט וועגען זיין געוועט מיט דעם גראף לינעצקי'ן.

— דו וועסט דארפען אנווענדען אלע דיינע כוחות און דיין גאנצע קונסט וואס דו פארמאגסט כדי צו געווינען אט דעם טאנץ־געוועט — האט זאריצקי זיך צו איהם אנגערופען — ווייל אויב דו וועסט פארלירען וועל איך ניט נאר האבען א שאדען פון פופצעהן טויזענט גילדין, נאר די שאנדע וועט זיין נאך מעהר ווי דער געלט פארלוסט, ווייל דיין געגנער וועט זיין א זשיד...

— איהר האט זיך ניט וואס צו שרעקען גראף, האט דער טענצער געענטפערט מיט א שמייכעל — איך וועל ניט דערלאזען אז א זשיד וועט מיך באזיגען.

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת, אז איך האב שוין געהערט פון אזא געשיכטע, און טאקע ביי דעם גראף פאטאצקי; דארט האט א אידישער טענצער באזיגט דעם גרויסען טענצער יוזשוק.

— המ... יוזשוק איז גארניט אזא טענצער! איך וועל איהם ווייזען וואס טאנצען איז!

— פונדעסטוועגען בין איך עטוואס אומרוהיג! — האט דער גראף זאריצקי ווייטער גערעדט — ווי איך פארשטיי איז דער גראף לינעצקי זעהר געענגט אין געלט, און ער קאן געוויס ניט באהויפטען צו פארלירען פופצעהן טויזענט גילדין, און אויב ער האט זיך געוועט, איז א סימן אז ער איז זיכער מיט א זיג!

— עס קאן פאסירען אז ער וועט נאך חרטה האבען! — האט דער טענצער געזאגט, און ער וועט שוין דורך א תירוץ אינגאנצען זיך צוריקציהען פון דעם געוועט. ביי אונז איז פארשטאנען געווארען אז דער וועלכער וועט צוליב וואס פאר א סיבה עס זאל ניט זיין, זיך צוריקציהען, האט ער דורכדעם שוין פארלארען דעם געוועט, און אויב זאריצקי וועט ניט וועלען קומען מיט זיין טענצער, צו עס וועט זיך ארויסווייזען אז ער האט גאר קיינמאל ניט געהאט קיין טענצער, וועט ער מיר מוזען באצאלען די גאנצע סומע געלט. דעריבער איז פארשטענד־

ליד, אז ער וועט געוויס קומען מיט זיין זשידעק דעם טענצער.

אָט איז געקומען דער אָוונט פון דער פאַרוויילונג. אַלע געסט האָבען זיך פאַרזאמעלט אין דעם גראף זאַריצקי’ס פאַלאַץ. אַלע האָבען גערעדט וועגען דעם טאנץ געוועט וואָס וועט דארפען פאָרקומען. יעדער איינער האָט שוין אויף דעם ארויסגעקוקט מיט נייגעריגקייט. מען האָט איינע די אַנדערע דערציילט די געשיכטע וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דעם גראף פאָטאָצקי’ס זומער פאַלאַץ אין איליע, וואו א איד האָט באזיגט יוזשוק’ן, דעם באריהמטען טענצער. די וועלכע האָבען דאָס אליין בייגעוואוינט האָבען פאָראויסגעזאָגט, אז אויב זיין געגנער וועט זיין דער זעלבער איד, דאן האָט שוין זאריצקי פארלאָרען זיין געוועט, ווייל נאָך אזוי פלינקער און געאיבטער טענצער ווי יענער איד איז געוועזן, איז נאָך ניטאָ!

— שאַ, אָט קומט אָן דער גראף פאָטאָצקי אליין! — האָט אימיצער אויסגערופען — מיר וועלען באַלד וויסען אויב דער טענצער וועט זיין דער איד פון איליע, זיין ארענדאר!

די פריצים האָבען זיך באגריסט מיט פאָטאָצקי’ן און זייער ערשטע פראגע איז געוועזן, אויב זיין איד וועט עס טאנצען געגען זאריצקי’ס טענצער!

— מיין איד! — האָט דער גראף פאָטאָצקי אויסגערופען — זיכער ניט! ערשטענס האָט לינעצקי צו מיר זיך ניט געווענדעט נאָך אַן ערלויבניש, און אפילו ווען ער וואָלט מיך געבעטען וואָלט איך דאָס איהם ניט געטאָן! איך וואָלט איהם געגעבען די ערלויבנישט בלויז דאן, ווען ער דערקלערט דאָס פאר אַלעמען אין די אויגען אז ער איז נידעריגער פון א הונט...

די פריצים האָבען זיך פאנאנדערגעלאכט, און איין פריץ, וועלכער איז געווען א נאָהענטער שכן מיט לינעצקי’ן, און ער האָט איהם שוין געהאט פריהער פארטרויט דעם סוד אז ער וועט נוצען פאָטאָצקי’ס זשיד אלס טענצער געגען זאריצקי’ס טענצער, האָט זיך אָנגערופען מיט א שמייכעל:

— און איך בין וויליג זיך צו וועטען מיט דיר, גראף פאָטאָצקי, אז דיין זשיד וועט דאָ קומען טאנצען!

— איהר הערט! — האָט זיך פאָטאָצקי אָנגערופען צו די איבעריגע גראפען — ער וויל זיך מיט מיר וועטען! גוט, לאָמיר זיך וועטען!

— איך בין צופרידען זיך צו וועטען! — האָט יענער גראף זיך אָנגעכאפט — וויפיל זאָל זיין דער געוועט?

— צעהן טויזענט גילדין!

— איך בין גרייט! — האָט יענער אויסגערופען — איהר זייט עדות, אויב דער גראף לינעצקי וועט ברייננגען אהער פאָטאָצקי’ס זשיד, דארף מיר דער גראף פאָטאָצקי באצאָלען צעהן טויזענט גילדין, און אויב ער וועט ברייננגען אימיצען אנדערש, וועל איך איהם דארפען באצאָלען צעהן טויזענט גילדין...

— און ווען ער וועט קיינעם ניט ברייננגען! — האָט דער גראף פאָטאָצקי זיך אָפּגערופען — וועסטו דאן מיר אויך דארפען באצאָהלען:

— איך נעה איין אויף די דאָזיגע באדינגונגען.

דער געוועט איז פאָרגעקומען פאר די אויגען פון דעם גראף זאריצקי, און די איבעריגע פריצים. דער גראף זאריצקי איז געווען זעהר צופרידען פון דעם וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט פון פאָטאָצקי’ן, אז זיין איד וועט זיך ניט באטייליגען אין דעם טאנץ.

— עס איז שוין צייט אז דער גראף לינעצקי זאָל שוין דאָ זיין! — האָט אימיצער געזאָגט — מען וועט דאָך דארפען צוגרייטען די טענצער!

— ער האָט מיר צוגעזאָגט צו זיין גאנץ פריה! — האָט זאריצקי געזאָגט. איך פארשטעה ניט פארוואָס ער זאמט זיך אזוי לאנג!

ווען עס איז פאָראיבער נאָך א שעה צייט, אז ער האָט זיך ניט באוויזען, זיינען שוין די געסט געוואָרען אומגעדולדיג. זאריצקי האָט געשיקט צוויי פון זיינע דינער זיי זאָלען אוועקרייטען אויף פלינקע פערד און איהם צואיילען צו קומען.

די דינער זיינען אָנגעקומען אין לינעצקי’ס פאַלאַץ, און ווען מען האָט זיי אריינגעלאָזען צו איהם, זיינען זיי געוואָרען איבערראשט צו זעהן אז ער זיצט א פארטרויערטער אויף זיין שטול.

— ווען זיי האָבען איהם איבערגעגעבען זייער שליחות, האָט ער געזאָגט, אז צום באדויערען קאָן ער ניט קומען,

ווײַל ער האָט ניט געקאָנט קריגען דעם זשיד, אויף וועמען ער האָט געלייגט אַלע זײַנע האָפענונגען.

— מיר וואָלטען אײַך געראַטען, הער גראַף, צו קומען און געבען אַט די ערקלערונג צו אונזער האַר! — האָט איינער פון די דינער זיך אָנגע־רופען.

—יע, פּאַטער, ער איז גערעכט — האָט זײַן עלטערע טאָכטער וועלכע איז דאַביי געווען, זיך צו איהם אָנגע־רופען — וואָס וועסטו קאָנען טאָן? עס איז דאָך ניט דײַן שולד, וואָס דער זשיד איז געווען אַזוי פאַר'עקשנ'נט!

— וואָס פאַרשטעהסטו דאָ ניט, האָט לינעצקי אין דער שטיל זיך אָנ־גערופען צו זײַן טאָכטער — עס איז צווישען אונז פאַרשטאַנען געוואָרען אַז אויב איך שטעל ניט צו קיין טענ־צער יענעם אָוונט, וועל איך אַלץ איינס פאַרלירען דעם געוועט. נו, פרעג איך דיך, ווי אַזוי קאָן איך איצט געהן אַהין, ווײַסענדיג אַז איך האָב פאַרלאָ־רען דעם געוועט און איך האָב ניט קיין געלט צו באַצאָלען דעם געוועט! איך וועל דאָך דאָרט ווערען צו שאַנד און צו שפּאָט!

— און אַז דו וועסט ניט קומען דאָרט וועט מען דאָך פון דיר נאָך מעהר לאַכען! — האָט זי איהם גע־זאָגט — און מיט דעם וואָס דו וועסט זיך ניט באַווײַזען פאַר דעם גראַף זאַ־ריצקי, מיינסטו אַז ער וועט דיר שענ־קען דאָס געוועט־געלט וואָס ער האָט פון דיר געוואונען.

— און אַז ער וועט וועלען אויפמאַ־נען וועט ער דען קאָנען? — האָט לי־נעצקי טרויעריג זיך אָנגערופען — אַלץ וואָס איך באַזיץ וועלען דאָך מײַנע פריהערדיגע בעלי־חובות אוועק־נעהמען...

— פאָלג מיר, פּאַטער, געה אַריבער צו איהם, און זאָלסט איהם געבען די ערקלערונג וואָס איך האָב דיר געזאָגט.

— אפשר ביזטו גערעכט! — האָט לינעצקי אויסגערופען — איך וועל געהן! ער האָט געזאָגט די דינער אַז ער וועט באַלד אָפּפאָרען אַהין, ער וועט הייסען שפּאַנען זײַן עקיפּאַזש.

ווען די דינער פון זאַריצקי זײַנען אַוועקגעריטען, האָט לינעצקי זיך אַרײַנגעזעצט אין זײַן עקיפּאַזש און האָט געהייסען זײַן קוטשער טרײַבען אַזוי שנעל ווי מעגליך צו דעם פּאַלאַץ פון דעם גראַף זאַריצקי.

מיט גרויס אומגעדולד זײַנען אַלע געבליבען זיצען אויף זייערע פּלעצער ערוואַרטענדיג דאָס אָנקומען פון לי־נעצקי מיט זײַן טענצער. ווען די די־נער האָבען געזאָגט אַז ער קומט באַלד אָן, האָט זיך דער וועלכער האָט זיך געוועט מיט דעם גראַף פּאָטאָצקי זעהר שטאַרק דערפרייט.

ווען לינעצקי איז אַרײַנגעקומען אין פּאַלאַץ, האָבען זיך אַלע אויפגעשטעלט פון זייערע פּלעצער און גענומען זיך אַרומקוקען צו זעהן אויב ער איז גע־קומען מיט זײַן טענצער. דער גראַף פּאָטאָצקי אָבער איז געבליבען זיצען אויף זײַן פּלאַץ.

— נו, וואו איז דײַן טענצער! — האָט איהם זאַריצקי געפרעגט. — דער זשיד האָט מיך פאַרפירט! — האָט לינעצקי געזאָגט ניט באַמערקענדיג דעם גראַף פּאָטאָצקי — ער האָט מיר נעגעבען זײַן עהרענוואָרט אַז ער וועט קומען דאָ טאַנצען, אָבער ער האָט זײַן וואָרט ניט געהאַלטען! איהר ווייסט דאָך, מײַנע פרײַנד, ווי אַזוי מען קאָן זיך פאַרלאָזען אויף אַ זשיד'ס וואָרט! די זשידעם זײַנען אַלע ליגנער און שווינדלער!

— און קיין גרעסערער ליגנער און שווינדלער ווי דו ביזט, דאַרף מען ניט! — האָט דער גראַף פּאָטאָצקי זיך אויפגעשטעלט פון זײַן פּלאַץ און אויסגערופען מיט כעס. איצט וויל איך אײַך זאָגען ווי אַזוי ער האָט געוואָלט אַרײַננאַרען מײַן אידען, וועלכער האָט געוואונען בײַ מיר דעם טאַנץ געוועט נעגען יוזשוק'ן — ער האָט איהם קיינמאָל ניט צונעזאָגט. פאַרקערט ווען ער איז געקומען איהם בעטען, האָט ער איהם גלײַך ענטזאָגט, און טראָץ דעם וואָס ער האָט איהם נעדראָהט, אַז ער וועט איהם באַשטראָפען, און טראָץ דעם וואָס ער האָט איהם אָפּגענאַרט, זאָגענדיג אַז איך וועל איהם צווינגען צו פאָלגען, האָט מײַן איד זיך ניט

געלאָזט פאַרפירען פון איהם. זאָל ער
דאָס לייקענען!

לינעצקי איז געבליבען שטעהן אויף זיין פּלאַץ אַ פאַרגליווערטער. אויף דעם האָט ער זיך גאַרניט געריכט.

— איך האָף אַז דו זעהסט איין אַז דו האָסט פאַרשפּילט דעם געוועט, און דו האָסט מיר געבראַכט די פופצעהן טויזענט גילדין, וואָס דו וואָלסט פון מיר ארויסבאַקומען, ווען איך פאַרליר דעם געוועט.

לינעצקי האָט געשוויגען.

— נו, דו האָסט דאָך פאַרלאָרען דעם געוועט! — האָט זיך נאָך אַ פּריץ אויפגעשטעלט און זיך געווענדעט צו לינעצקי'ן, פאַרוואָס האָסטו מיט זיך ניט געבראַכט די געלט צו באַצאָלען דעם געוועט.

— איך האָב ניט! — האָט לינעצקי געענטפערט.

— אויב דו האָסט ניט קיין מזומן, וועסטו דאַרפען אָפּשרייבען פאַר דעם גראַף זאַריצקי דיין אייגענטום! — האָט אַ צווייטער פּריץ געזאָגט — טו דאָס טאַקע איצט, און מיר אַלע וועלען זיין עדות!

דער גראַף זאַריצקי האָט געהייסען אריינברייגנען אַ פעדער און טינט, און ער האָט געהייסען לינעצקי'ן אָפּצושרייבען זיין פאַרמעגען אין ווערט פון פופצעהן טויזענט גילדין.

— איך קאָן דאָס ניט טאָן! — האָט לינעצקי געזאָגט.

— דו מיינסט אַז דו ווילסט ניט צאָהלען דיין געוועט חוב! — האָט זאַריצקי איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— איך וואָלט געוואָלט, אויב איך וואָלט געקאָנט — האָט לינעצקי געזאָגט.

— איך ווייס אַז דו האָסט ניט קיין מזומן! — האָט זאַריצקי געזאָגט, אָבער ווען דו האָסט זיך מיט מיר געוועט, האָסטו דאָך ערוואַרט אַז איך זאָל דיר באַצאָהלען אויב איך וועל פאַרלירען, און איצט דאַרפסטו מיר באַצאָהלען, און אויב דו האָסט געוואוסט אַז דו וועסט ניט קאָנען באַצאָהלען אויב דו וועסט פאַרלירען, האָסטו דאָך קיין רעכט ניט געהאַט זיך צו וועטען מיט מיר! ניין, איך וועל דיר ניט אָפּלאָזען, אויב דו האָסט ניט קיין מזומן, וועסט מוזען איבערשרייבען דיין פּלאַץ אויף מיין נאָמען! אַנדערש קאָן ניט זיין!

— דאָס קאָן איך אויך ניט! — האָט לינעצקי מיט טרויער אין זיין שטימע אויסגערופען — ווייל אויב איך וועל ניט קאָנען באַצאָהלען מיין חוב אין משך פון דריי וואָכען צייט, וועט מיין בעל חוב האָבען אַ רעכט צוצונעמען מיין פּלאַץ און די אַנדערע מאַיאָנטקעס וואָס איך באַזיץ. יע גראַף זאַריצקי, איך האָב זיך געוועטטען, ווייל איך האָב געהאָפּט אַז מיט דעם געלט וואָס איך וועל געווינען, וועל איך קאָנען זיך באַפרייען פון מיינע חובות!

— האָסטו גאַרניט געטראַכט פון דער מעגליכקייט אַז דו וועסט פאַרלירען? — פרעגט איהם זאַריצקי. — יעדער איינער ווייס אַז אין אַ געוועט, האָט יעדער די זעלבע מעגליכקייט צו פאַרלירען און צו געווינען.

— איך בין געווען זיכער אַז איך וועל געווינען ווייל איך האָב מיט מיינע אויגען צוגעזעהן וויאַזוי יענער זשיד האָט געטאַנצט און באַזיגט דעם גרויסען טענצער יוזשוק'ן. און איך בין געווען אויך זיכער אַז אויב איך וועל איהם אָנבאָטען אַ גרויסע סומע געלט וועט ער זיך אונטערנעמען און זיך באַמיהען צו באַזיגען אויך דיין טענצער! דאַן האָב איך געהאָפט אַז איך וועל האָבען צו באַצאָהלען מיינע חובות.

און דו האָסט קיינמאָל ניט געטראַכט וואו וועסטו נעמען געלט מיר צו באַצאָלען אויב דו וועסט פאַרלירען! — האָט זאַריצקי אויסגערופען און זיך געווענדעט צו די אַנדערע פּריצים — איך וואָלט וועלען הערען וואָס איהר האָט צו זאָגען וועגען דעם! גלויבט איהר אַז ער האָט געהאַנדעלט עהרליך!

— ניין, ער איז ווירקליך אַ שווינדלער! מיר ווילען מעהר ניט האָבען וואָס צו טאָן מיט איהם! — האָבען זיך אייניגע פון די פּריצים אָנגערופען — ער האָט געבראַכט שאַנדע צו אונז אַלעמען!

— איך גלויב אַז מיר קאָנען איהם אָנקלאָגען פאַר אונזער קעניג, סטאַניסלאַוו אויגוסט לעסטשינסקי, ער וועט ניט דולדען אַזאַ אומעהרליכקייט. — האָט דער גראַף פּאָטאָצקי אויסגערופען — ערשטענס וועט ער

פון איהם אוועקנעמען דעם טיטול גראף, און דאן וועט ער איהם גוט באשטראָפען פאר זיין שווינדעל.

— אויב איהר וועט מיר אָנקלאָגען פאר דעם פוילישען קעניג, וועל איך האָבען איהם צו דערציילען זעהר ניט קיין שעהנע זאכען וועגען אָט דעם גראף פאָטאָצקי און אנדערע גראפען — האָט לינעצקי מיט פארביטערונג אויסגערופען — איך וועל איהם דערציילען אז דער גראף פאָטאָצקי האָט צו טאָן מיט אן אויסגעלאסענע פראנצויזין, און אז זיין פרוי קלייבט זיך איהם צו פארקלאָגען פאר דעם פויפסט. איך וועל איהם דערציילען וועגען אנדערע שענדליכע זאכען וואָס איהר טוט, און דורכוואָס איהר בריינגט ניט קיין כבוד צו אונזער לאנד!

— געה און דערצייל דעם קעניג!

— האָט זאריצקי אויסגערופען — דער קעניג סטאניסלאוו אויגוסט לעשטשינסקי, וועט פארשטעהן אזעלכע זאכען... עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט אז ער האָט געפירט א ליבע מיט דער צארינא קאטערינא די גרויסע, און אז דורך איהר איינפלוס האָט ער דערגרייכט דעם טראָן פון פוילען... דאריבער קאָן ער פארשטעהן אזעלכע זאכען, אָבער שווינדעל און גנבה, פאר דעם וועט ער שטארק באשטראָפען.

— איך וואָלט פארגעשלאָגען אז דער שווינדלער לינעצקי זאָל באלד פארשפארט ווערען אין געפענגעניש — האָט דער גראף פאָטאָצקי זיך אָנגערופען צו זאריצקי'ן — דו האָסט א רעכט עס צו טאָן פאר דיין חוב וואָס דו מאָנסט ביי איהם. וויבאלד ער ענטזאגט זיך דיר צו באצאָלען, קאָנסטו איהם פארהאלטען, מיר אלע וועלען זיין עדות, אז ער האָט זיך מודה געווען אז ער קומט דיר פופצעהן טויזענט גילדין!

— אָט דאָס וועל איך טאקע טאָן! — האָט זאריצקי זיך אָנגערופען — איך וועל איהם פארהאלטען ביז וואנען ער וועט מיר באצאָלען מיין געוועט־חוב.

זאריצקי האָט אריינגערופען צוויי פון זיינע הײדוקעס, און טראָץ דעם וואָס לינעצקי האָט געסטראשעט און ארויסגעוויזען א ווידערשטאנד, האָבען זיי איהם א נעם געטאָן און פארשפארט אין א גוט באוואכטען קאמער...

די פארוויילונג איז אָנגעגאנגען, אָבער דער גאנצער אינטערעס פון די פריצים איז אין גאנצען געווען געווענדעט אויף דעם גראף לינעצקי'ן. יעדער איינער האָט געהאט עפעס צו דערציילען אויף איהם, און זיי האָבען זיך אלע פארפליכטעט צו זעהן אז ער זאָל ניט מעהר טראָגען דעם טיטול גראף, און אז ער זאָל זיין שטראָף באקומען...

מעהר ווי אלע איז געווען צופרידען דער גראף פאָטאָצקי. ער האָט אזוי גיך געזעהן נקמה אָן איהם, וועלכער האָט איהם געוואָלט אָנטאָן צרות, מיט דעם וואָס ער האָט פון איהם אוועקגענומען זיין געליבטע.

דער גראף פאָטאָצקי האָט, פאר זיין אָפרייזע קיין פאריז, געזעהן נקמה אָן איהם. ער האָט געזעהן ווי אזוי זיינע בעלי חובות האָבען פארנומען לינעצקי'ס פאלאץ, ער איז געקומען דאָרט מיט די אנדערע פריצים צו קויפען די אנטיקען, וואָס די בעלי־חובות האָבען פארקויפט כדי ארויסצובאקומען וואָס מעהר געלט.

לינעצקי האָט ניט נאָר פארלאָרען זיין פאלאץ און זיין גאנצען פארמעגען, נאָר אויך זיין טיטול גראף. ער איז פון איצט אָן פאררעכענט געוואָרען פאר אן איינפאכען מענשען. זיין עלטערע טאָכטער איז אוועק צו איינער פון איהרע קרובים. און זי איז דאָרט פארבליבען פאר א לייגגערע צייט. זי האָט זיך געפיהלט זעהר שטארק געטראָפען פון דעם אומגליק וואָס עס איז באפאלען איהר פאָטער. זי האָט געהאָפט, אז איהר פאָטער וועט זיך אויך אָט דעם מאָל דורכדרעהען... זי האָט שוין אפילו געהאט באשלאָסען צו הייראטען מיט איינעם פון די רייכע יונגע לייט, וועלכער איז געווען פארליעבט אין איהר. זי האָט ערווארטעט, אז ער וועט קומען איצט און זאָגען איהר, אז ער האָט זי נאָך אלץ ליב. אָבער ער איז ניט געקומען. ווייזט אויס, אז ער האָט זי ליעב געהאט ווייל זי איז געווען די טאָכטער פון א גראף, אָבער איצט, אז זי איז ניט מעהר באטיטולט, וויל ער פון איהר ניט וויסען.

יוליע, די אינגערע טאָכטער פון לינעצקי'ן, איז פאר א קורצער צייט

פארבליבען מיט איהר פאטער. זי האט פרובירט איהם טרייסטען און ארויסהעלפען. לינעצקי אבער איז געווען שטארק פארביטערט. ער האט געשוואָרען זיך נוקם צו זיין אן זיינע שונאים. איבערהויפט איז זיין צארן געווען געווענדעט געגען די אידען

— איך האב נעהאט א געלעגענהייט זיך צו באפרייען פון אלע מיינע חובות, ווען דער זשיד וואלט ניט געווען אזוי פאר׳עקשנ׳ט — האט ער זיך אנגערופען צו זיין טאכטער יוליע. — איך האב זיך ביי איהם געבעטען, איך האב זיך פאר איהם ערנידעריגט, און ער האט זיך צו מיר ניט געוואלט צוהערען. איך וועל איהם ניט שענקען! נקמה וועל איך נעהמען אן איהם!...

— א, פאטער, דו ווייסט דאך אז איך האב אויך ניט איבעריג ליב די זשידעס, אבער פונדעסטוועגען טראג איך אויף דעם דאזיגען אידען, זוסקעס, קיין כעס ניט צוליב דעם וואס ער האט דיר ענטזאגט. נאכאלעמען, שטעל זיך פאר ווען ער וואלט געווען דיין איד, און אן אנדער פריץ וואלט פון איהם פארלאנגט צו טאן דאס זעלבע, וואלסטו איהם דען דערלאזען? בפרט ווען דו ווייסט, אז פאטאצקי איז געווארען דיין שטארקסטער שונא. איך האב דיר געווארענט, אז דו זאלסט זיך ניט פארדרעהען דיין קאפ מיט דער אויסגעלאסענער ראשיעל... איצט שטעל זיך פאר מיין לאגע. גאר אין גיכען וועט פאטאצקי אנקומען מיט ראשיעל אין פאריז, זיי וועלען זיך זעהן מיט מיין חתן זארעמבא, און איהם דערציילען אליץ וואס עס איז פארגעקומען מיט אונז.

— דאריבער איז מיין עצה צו דיר, יוליע, אז דו זאלסט אויף איהם ניט ווארטען, ווייל ווען ער וועט אויסגעפינען, אז מיר זיינען ארונטער פון אונזער גרויסקייט, וועט ער מעהר פון דיר ניט וועלען וויסען.

— איך האב צוטרויען צו איהם — האט יוליע געזאגט — ער איז ניט פון די וועלכע יאגען זיך נאך א טיטול. ער האט מיך ליב און ער וועט מיך ניט פארלאזען.

— וואס דארפסטו מעהר! — האט לינעצקי זיך צו איהר אנגערופען — זעה וואס עס האט פאסירט מיט דיין עלטערער שוועסטער. דער רייכער סטאשעק איז דאך געווען פארליבט אין איהר איבער די אויערען. ער פלעגט קומען כמעט יעדען טאג, און פאלען צו איהרע פיס, זי זאל מיט איהם הייראטען, און איצט, ווען ער האט נעהערט וואס עס האט מיט אונז פאסירט, איז ער פלוצלונג פארשוואונדען געווארען. מיין ניט, אז איך האב זיך מיט איהם ניט געזעהן. איך האב געמיינט, אז אפשר פיהלט ער זעהר שלעכט וועגען דעם, און וואגט ניט צו קומען צו איהר אין אזא צייט. איך בין אהין דעם וויסען פון דיין שוועסטער אוועק צו איהם, און איהם געפרעגט אויב ער האט זי נאך אליץ ליעב. האט ער גענומען פלאנטערען מיט׳ן צונג, און שפעטער א ווייליע צוגעגעבען, אז ער איז ניט מעהר פאראינטערעסירט אין איהר...

— מיין ליבער זארעמבא איז אבער געקנאטען פון א גאנץ אנדער מין טייג! — האט יוליע זיך אנגערופען — ער האט זיך אין מיר ניט פארליבט צוליב דעם וואס דו ביסט געווען א גראף, אדער ער האט געמיינט, אז איך בין רייך...

— אויב ער איז א חבר פון דעם גראף פאטאצקי׳ס זוהן, קאן ער שוין ניט זיין א סך בעסער!

— אין דעם מאכסטו אויך א טעות, פאטער! — האט זי געזאגט — וואלענטי פאטאצקי איז פונקט דאס פארקערטע פון זיין פאטער! ער איז אידעל, גוטהערציג און באזיצט א נאבעלע נשמה. איך שעץ זיך גליקליך וואס באריס זארעמבא איז זיין בעסטער פריינד. ער וועט זיך פון איהם אפלערנען גוטע זיטען...

— הער זיך איין, יוליע, פאלג מיר, וועסטו קיין חרטה ניט האבען. דו ביזט יונג און שעהן, און דו האסט א סך געלעגענהייטען זיך צו באקאנען מיט רייכע יונגע לייט, דו וועסט חתונה האבען און זיין גליקליך... אבער ווען דו וועסט ווארטען אויף זארעמבא׳ן, קאנסטו נאכהער ווערען ענטוישט. ער קאן נאך טאן ווי די אנדערע אונזערע פריינד, וועלכע האבען זיך פון אונז דערווייטערט אזוי שנעל ווי זיי האבען אויסגעפונען וועגען אונזער אומגליק. איך בין איבערצייגט, אז אזוי שנעל ווי ער וועט אויסגעפינען פון דעם גראף פאטאצקי וועגען מיין ירידה, וועט ער אפלאזען דעם שידוך, און דאן

וועסטו אויך האָבען פאַרלאָרען אַנדערע געלעגענהייטען.

— פאָטער, איך האָב ליב זאַרעמבאַ'ן און איך בין גרייט מקריב צו זיין מיין לעבען פאַר איהם. מיר האָבען זיך געשוואָרען אייביגע ליבע, און איך בין זיכער, אז וואָס עס זאָל ניט געשעהן, וועט ער מיר בלייבען געטריי.

דערווייל איז געשטאָרבען לינעצקי'ס פרוי, וועלכע איז געווען זעהר א קראנקע און זי האָט ניט געקאָנט אריבערטראָגען די שאנדע, פון זייער דערנידערונג. יוליע איז פארבליבען אליין מיט איהר פאָטער, וועלכער האָט געזוכט ווידער רייך צו ווערען. ער האָט געזוכט א רייכען שידוך, און דאָס איז איהם ניט אָנגעקומען שווער צו דערגרייכען. ער האָט זיך באַקאָנט מיט אן עלטערער פרוי, וועלכע האָט געוואוינט ניט ווייט פון זיין פריהערדיגען פאלאץ. זי איז געווען זעהר רייך, און איז איינגעגאנגען מיט איהם חתונה צו האָבען. די פרוי איז געווען זעהר א שלעכטע, און יוליע האָט איהר ניט געקענט דולדען. זי האָט אָבער געהאט געשריבען א בריוו צו זארעמבא'ן און געווארט אויף א געלעגענהייט ווי עס איבערצושיקען. ווען זי האָט געקראָגען די דאָזיגע געלעגענהייט, האָט זי געווארט אויף אן ענטפער, אָבער דער ענטפער איז ניט געקומען. זי האָט זיך געפיהלט זעהר דערשלאָגען. טויזענד־ערליי געדאנקען זיינען איהר געקומען אין קאָפּ. ווער ווייסט, אפשר איז איהר פאָטער געווען גערעכט, ווען ער האָט איהר געווארענט וועגען דעם, אז זארעמבא וועט זיך אָפּפרעמדען פון איהר...

נעכט פלעגט זי אָפּליגען און ניט קאָנען איינשלאָפען. זי פלעגט טראכטען פון איהם, פון איהר געליבטען.. און דאָ האָט איהר די פרוי פון איהר פאָטער דערגאנגען די יאָהרען. און איינמאָל, טראכטענדיג פון איהר לאגע, האָט זי באשלאָסען צו פאָהרען קיין ווילנא... זי וועט זיך זעהן מיט זארעמבא'ס עלטערען, און הערען וואָס זיי וועלען איהר זאָגען...

אָט דער געדאנק האָט איהר ניט אָפּגעלאָזען. זי האָט פון דעם ניט אויפגעהערט צו טראכטען טאָג און נאכט. זי האָט אָבער געוואוסט, אז איהר פאָטער וועט זיין געגען אזא רייזע. אויסער דעם האָט איהר די שטיפּ־מוטער גענומען רעדען א שידוך, מיט א יונגען מאַן פון איהר משפחה, וועלכער איז געקומען צו פארברענגען. דאַן האָט יוליע באשלאָסען, אז זי מוז אוועקפאָהרען. זי האָט איבערגעלאָזען דעם יונגען מאַן, געבעטען איהם ענטשולדיגען, און זי איז אריין אין הויז, זי האָט מיטגענומען עטליכע נויטיגע זאכען און זי איז אוועק דורך א זייטיגוועג, ביז זי איז צוגעקומען צו א דאָרף.

קיין געלט האָט זי ניט געהאַט, זי האָט זיך נאָכגעפרעגט ווען די פויערים פון דאָרף פאָהרען אָפּ קיין ווילנא. און ווען זי האָט געהערט, אז באלד דאָרף איין פויער פאָהרען קיין ווילנא, איז זי גלייך צו איהם אוועק, זי האָט איהם אָנגעבאָטען א שטיקעל צירונג וואָס זי האָט געהאט, אויב ער וועט זי מיטנעהמען אויף זיין פוהר, און אזוי איז זי מיט דעם פויער אָפּגעפאָהרען קיין ווילנא.

דאָס פויער'שע פוהר'ל איז אָנגעקומען אין ווילנא אין אָוונט. יוליע איז גלייך אוועק צו זארעמבא'ס עלטערן אין הויז. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר ווען זארעמבא'ס מוטער האָט זי דערזעהן האָט זי זיך שטארק דערפרעהט מיט איהר.

— אָ, יוליע, ווי צופרידען מיר זיינען דיך צו זעהן! — האָט זי געזאָגט — מיין זוהן האָט אין יעדען בריוו צו אונז געשריבען וועגען דיר, ער האָט אונז געבעטען מיר זאָלען זיך זעהן מיט דיר, און דיך איינלאַדען צו אונז. זיין פאָטער איז געווען דיך זוכען און מיר האָבען ניט געוואוסט וואו איהר זיינט אהינגעקומען.

זי האָט גלייך געגרייט צום טיש, און נאכדעם ווי יוליע האָט זיך ארומגעוואשען און געגעסען, האָט זי איהר געוויזען די בריוו פון זארעמבא'ן, וועלכער האָט לויט די בריוו שוין געוואוסט וואָס עס האָט פאסירט מיט איהר פאָטער.

יוליע האָט געוויינט פון פרייד ליי־ענענדיג זיינע בריעף, אין וואָס ער האָט גערעדט פון איהר מיט אזוי פיל ליבע און צערטליכקייט. איצט זעהט זי, אז זי האָט זיך אומזיסט געשראָקען. זארעמבא האָט זי ניט פארלאָזען אפילו נאכדעם ווי ער האָט אויסגעפונען, אז איהר פאָטער איז שוין ניט מעהר קיין גראף.

— איך ווייס ניט וואס צו טראכטען — האט זארעמבא'ס מוטער מיט זארג זיך אנגערופען — עס זיינען שוין פאריבער היבשע עטליכע חדשים און מיר האבען ניט געהערט פון זארעמבא'ן. איך בין געוועזען ביי דעם גראף פאטאצקי אין פאלאץ, האב איך אויסגעפונען, אז דער גראף איז שוין א היבשע צייט אין פאריז, און לויט ווי ער שרייבט האט ער דארט זיין זוהן ניט געטראפען. ער האט איהם ארומגעזוכט אומעטום און קיינער ווייסט ניט וואו ער איז. איך בין זיכער, מיין באריס מוז זיין ערגעץ מיט איהם. ער האט דאך מיר אנגעוואונקען אין איינעם פון זיינע בריוו, אז אין פאריז קומט זיי אן זעהר שווער צו שטודירען, און זיי וועלען פילייכט מוזען זוכען א צווייטען פלאץ. איך האב זינט דאן פון איהם קיין בריוו ניט ערהאלטען, אבער אויב ביי דעם גראף פאטאצקי'ן ווייסמען ניט, איז א סימן, אז זיי זיינען ערגעץ־וואו צוזאמען.

יוליע האט איהר דערציילט מיט אלע איינצעלהייטען וואס עס האט פאסירט מיט איהר פאטער, און מיט איהר זינט ער האט געהייראט מיט זיין צווייטער פרוי ווי אונמעגליך עס איז פאר איהר געוועזען צו פארבלייבען מיט איהר שטיפמוטער, און דאריבער האט זי באשלאסען צו קומען אהער.

— דו ווייסט ניט ווי גליקליך מיר וועלען זיך שעצען דיך צו האבען מיט אונז, — האט זי געזאגט — אזוי שנעל ווי מיר וועלען אויסגעפינען וואו זארעמבא איז, וועלען מיר איהם שרייבען וועגען דיר, און עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז אויך ער וועט זיך פיהלען גליקליך. עס קאן זיין, אז ער וועט גאר אין גיכען צוריקקומען, און דאן וועלען מיר פייערען אייער חתונה.

אין לינעצקי'ס הויז האט זיך דערווייל געטומעלט. קיינער האט ניט געקאנט פארשטעהן וואוהין יוליע איז פלוצלינג פארשוואונדען געווארען. דער יונגער מאן האט אויף איהר געווארט א פאר שעה, ער האט געמיינט, אז דאס דויערט איהר אזוי לאנג זיך איבערצוטאן, אבער אז זי איז נאך ניט ארויסגעקומען, איז ער שוין אריין אינווייניג פרעגען. לינעצקי'ס פרוי איז גלייך אריין צו איהר אין צימער און אז זי האט זי דארט ניט געזעהן, האט זי גלייך געמאלדען איהר פאטער. לינעצקי איז ארומגעלאפען זי זוכען, אבער ער האט קיין שפור פון איהר ניט געהאט.

ער, דער יונגערמאן, און נאך עטליכע שכנים האבען זיך ארויסגעלאזען זי זוכען איבער די נאהענטסטע דערפער. זיי האבען זיך ביי יעדען איינעם נאכגעפרעגט, און זיי האבען געהערט ווי איינינע פויערים דערציילען, אז א יונגע שעהנע מיידעל איז אפגעפאהרען קיין ווילנא.

— איך ווייס שוין וואוהין זי איז געפאהרען — האט לינעצקי געזאגט — זי איז געוויס אוועקגעפאהרען צו זארעמבא'ס עלטערן אין ווילנא!

— אבער אז זי האט געוואלט פאהרען אהין, האט זי דאך אונז געקאנט זאגען! — האט לינעצקי'ס פרוי זיך אנגערופען, — פארוואס האט זי זיך געדארפט ארויס'גנב'ענען? איך האף אז דו וועסט געהן אהין, קיין ווילנא, און זי צוריקבריינגען!

— ניין, דאס וועל איך קיינמאל ניט טאן! איך קאן אין ווילנא ניט קומען! — האט לינעצקי געזאגט.

— איך ווייס פארוואס דו ווילסט ניט געהן קיין ווילנא! — האט איהם זיין פרוי פארגעווארפען, — ווייל דו האסט דארטען זעהר פיעל בעלי חובות. אדער אפשר האסטו גאר מורא פאר דעם גראף פאטאצקי?

דאס האט לינעצקי'ן אריינגעבראכט אין כעס, און ער האט זיך צו איהר אנגערופען!

— איך האב מיט דיר חתונה געהאט, ווייל איך האב געמיינט, אז דו וועסט מיר ארויסהעלפען מיט דיין געלט, און צום סוף ביזטו אזוי קארג, און דו גיסט מיר אפילו ניט גענוג פאר מיין אייגענעם געברויך.

— ווען איך וואלט דיר איבערגעגעבען מיין געלט, וואלסטו אין משך פון א קורצער צייט עס פארלארען, פונקט ווי דו האסט דיין אייגען געלט פארשוועדעט. איך ווייס ווי אזוי א גראף, און אפילו א געוועזענער גראף איז געוואוינט צו לעבען. ניין, איך וועל דאס ניט דערלאזען. איך וויל האבען די דעה איבער מיין געלט.

— מיין טאכטער יוליע איז אוועק

פון דאנען צוליב דיר! — האָט לינעצקי איהר פאָרגעוואָרפען, — צוליב דיין קאָרגשאפט און שלעכטסקייט איז זי פון דאנען אנטלאָפען!

— ווען זי וואלט מיר געפאלגט און געהייראט מיט'ן יונגען מאן, וועמען איך האָב פאר איהר אויסדערוועהלט. וואָלט איך שוין געזעהן, אז זי זאָל ניט דארפען לײדען קיין נויט. אָבער איצט, פאַרזיכער איך דיר, אז זי וועט פון מיין געלט גאָרניט געניסען.

— יוליע וועט דייז געלט ניט דאַרפען, — האָט לינעצקי מיט כעס געזאָגט, — זארעמבא איז רייך! און איהר וועט גאָרניט פעלען!

— זארעמבא וועט זיך אויף איהר ניט ווע‌לען אומקוקען אפילו! — האָט זי געזאָגט, — דו ווייסט גאַנץ גוט, אז ווען זי איז צו איהם פאַר'קנס'ט געוואָרען, איז זי געווען א גראַף'ס א טאָכטער. און איצט איז זי ניט מעהר ווי א טאָכטער פון אַן איינפאכען מענשען, וועלכער האָט חתונה געהאט מיט א רייכער אלמנה, כדי ער זאָל ניט דארפען לײדען קיין נויט...

די אויפרעגונג און צאָרן פון לינעצקי'ן איז געווען זעהר גרויס. ער האָט געפיהלט, אז זי האָט איהם אָפּגענארט. ער האָט זיך דאריבער אָנגע'שיכור'ט, און ארויסגענומען א סומע געלט וואָס זיין צווייטע ווייב האָט געהאט ערגעץ באהאלטען, און ער איז פארשוואונדען געוואָרען.

## 16

דער גראַף פּאָטאָצקי איז אָנגעקומען אין פאריז מיט זיין געליבטער ראַשיעל. די ערשטע עטליכע וואָכען האָט ער פארקערט אין פארשידענע רייכע געזעלשאפטען, וואו ער האָט פארוויילט מיט איהר, און ער האָט גאָרניט געטראכט פון זיין זוהן? ווען אָבער עס איז אריבער א שטיקעל צייט, האָט ער זיך דערמאָנט אָן וואלענטי'ן, זיין זוהן, און ער איז אריבער אין דעם האָטעל וואו זיין זוהן האָט געזאָלט וואוינען מיט זיין פריינד זארעמבא'ן.

דאָרט האָט מען איהם געזאָגט, אז זיי ביידע האָבען דאָ געוואוינט באלד א יאָהר צייט, און דאן זיינען זיי פון דאָרט אוועק, ניט איבערלאָזענדיג קיין אדרעס. פּאָטאָצקי האָט זיך גענומען אויספרעגען וועגען זיין זוהן, און דער אייגענטימער פון האָטעל האָט איהם דערצעהלט, אז דער יונגער גראַף האָט לעצטענס זיך אָנגעהויבען אויפצופירען זעהר מאָדנע. ער פלעגט געהן זעהר נאכלעסיג אָנגעטאָן. ער האָט זיך אויפגעהערט צו ראזירען. און ער פלעגט אוועקגעהן מיט זיין פריינד יעדען טאָג מיטנעמענדיג שווערע און לאנגע ביכער... זעלטען, אז ער פלעגט ריידען מיט אימיצען, און ער האָט די גאנצע צייט קיין איינציגען מאָלצייט ניט געגעסען אין זיין האָטעל.

דער גראַף האָט געקוועטשט מיט די שולטערן און געשטוינט.

— האָסטו א באגריף וואוהין ער פלעגט געהן יעדען טאָג? — האָט פּאָטאָצקי איהם געפרעגט, — איך מיין צו וועמען ער איז געגאנגען לערנען מיט די שווערע ביכער?

— ניין, איך האָב ניט קיין באגריף, — האָט דער אייגענטימער זיך אָנגערופען, — איך בין אויך מודה, אז איך בין געווען זעהר נייגעריג, און איך האָב געשיקט איינמאָל מיין יונג זיי נאָכפאָלגען, האָט ער מיר געזאָגט, אז זיי זיינען אריינגעקומען אין א קליין הייזעל וואו עס געפינט זיך אַן אלטער אידישער גאָלדשמיד. נו, האָב איך פארשטאנען, אז מן הסתם זיינען זיי אויפ'ן וועג אריין צו איהם עפּעס פאררינכטען. ווייל איך ווייס, אז ער האָט געהאט ביי זיך א גאָלדענעם זייגער. זינט דאן האָב איך אויפגעהערט צו זיין נייגעריג. און אז זיי האָבען מיר ניט געזאָגט וואוהין זיי געהען, האָב איך זיי קיינמאָל ניט געפרעגט. פאר וואָס זאָל איך ארויסווייזען מיין נייגעריגקייט, און צוליב דעם מעגליך זיי פארטרייבען פון מיין האָטעל...

— איך וויל אז דיין יונג זאָל מיך פירען צו יענעם אידיעשען יוועליר, — האָט דער גראַף פּאָטאָצקי זיך צו איהם אָנגערופען.

דער האָטעל אייגענטימער האָט שנעל אריינגערופען דעם יונג, און ער האָט איהם געהייסען רופען א קאָליאסקע, און איהם געזאָגט, אז ער זאָל מיטפאָרען מיט'ן גראַף און איהם אָנווייזען וואו דער אידישער יוועליר געפינט זיך.

דער יונג האָט שנעל צוגערופען א קוטשער מיט א קאָליאסקע, און ער

האט איהם געזאגט וואוהין צו פארען.

ער האט זיך מיט איהם ארייננגעזעצט און איהם אנגעוויזען אויף דעם פלאץ. דער גראף פאטאצקי איז אריינגעקומען אין קליינעם געשעפטעל וואו עס איז געווען א ווערקשטאטעל. דארט איז געזעסען ר׳ אהרן ליפמאן און געארבייט. ווען ער האט דערזעהן דעם רייכען גראף, האט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך פארנייגט.

— האסטו פיליכט געקאנט מיין זוהן, וואלענטי פאטאצקי? — האט דער גראף איהם געפרעגט.

— א, יא, מיין האר גראף! — האט ר׳ אהרן ליפמאן געזאגט. ער האט זיך ניט פארלארען און ער האט זיך געהאלטען זעהר רוהיג. — אייער זוהן פלעגט זעהר אפט אריינקומען צו מיר עפעס צו פארריכטען און אמאל פלעגט ער אויך עפעס קויפען פון מיר. ער איז זעהר א וואוילער, איידעלער יונגער גראף!

— ווען האסטו איהם געזעהן דאס לעצטע מאל? — האט פאטאצקי איהם געפרעגט.

מיט עטליכע חדשים צוריק, — האט ר׳ אהרן געענטפערט, — און זינט דאן האב איך איהם מעהר ניט געזעהן. איך האב געמיינט, אז מן הסתם איז ער צוריקגעפאהרען צו זיין געבורטסלאנד...

— ניין, ער איז ניט צוריקגעפאהרען! — האט דער גראף געזאגט, — און איך וויל אז דו זאלסט מיר געבען מעהר איינצעלהייטען וועגען מיין זוהן. זאג מיר, האט ער דיר פיליכט דערצעהלט וואוהין ער פלעגט געהן שטודירען?

— ניין, דאס האט ער מיר קיינמאל ניט געזאגט!

— פלעגט ער קומען צו דיר מיט ביכער?

— ניט אלעמאל! איינינע מאל האב איך געזעהן, אז ער און זיין פריינד האבען מיט זיך ביכער, האב איך פארשטאנען, אז זיי מוזען ערגעץ שטודירען, אבער פרעגען זיי וועגען דעם האב איך ניט.

— האסטו גארניט קיין באנריף וואו איך קאן געפינען מיין זוהן?

— ניין, איך האב ניט קיין באגריף.

— איך וויל דו זאלסט מיר דערצעהלען אלץ וואס דו ווייסט וועגען מיין זוהן! — האט דער גראף מיט א שטרענגע שטימע געזאגט, ווייל איך בין זעהר בעאומרוהיגט.

— אט דאס אלץ וואס איך ווייס. ווען איך וואלט געוואוסט מעהר, גנעדינער גראף, וואלט איך אייך זיכער דערצעהלט, איך אליין האב זיך אויך געוואונדערט פארוואס מען זעהט זיי ניט מעהר. ווייל אויסער דעם וואס זיי זיינען געווען מיינע גוטע קונדען, זיינען זיי געווען זעהר פיינע געלערנטע מענשען און איך האב זעהר ליעב געהאט מיט זיי צו פארברייננגען. איך האב פון זיי א סך געלערנט. זיי זיינען געבילדעטע מענשען.

דער גראף איז אוועק פון ר׳ אהרן מיט גארניט. ער האט ניט געוואוסט וואס צו טראכטען. ער האט זיך גענומען דורכריידען מיט זיין געליבטער, ראשיעל, ייעגען דעם.

— עס קאן דאך זיין, — האט ראשיעל געזאגט, — אז מיר האבען זיך אויסגעמיטען. ווען מיר זיינען אנגעקומען אין פאריז, האט ער פיליכט פארלאזען פאריז און זיך צוריקגעקערט קיין ווילנא.

— איך בין זיכער, אז ער און זיין פריינד זארעמבא וועלען דאס ניט טאן. זיי וואלטען אונז פריהער געלאזט וויסען, אז זיי האבען בדעה זיך אומצוקערען אהיים.

— ווארט! — האט ראשיעל אויסגערופען, — ווען דו האסט דערמאנט זארעמבא'ס נאמען איז מיר עפעס געקומען אויפ'ן געדאנק... איך געדענק, אז ווען איך בין געווען ביי דעם גראף לינעצקי'ן אין הויז, און יוליע, זיין אינגערע טאכטער, האט פאר מיר אויסגעגאסען איהר הארץ, און מיר דערצעהלט וועגען איהר געליבטען זארעמבא'ן, האט זי מיר געזאגט, אז דיין טאכטער קאטערינא האט שווער געמאכט איהר הארץ מיט דעם וואס זי האט איהר דערצעהלט, אז זי האט א גרוס פון זארעמבא'ן...

— דאס איז ניט אמת, מיין טאכטער האט בלויז געוואלט זיך אפרעכענען מיט איהר... ווען זי וואלט געהאט א גרוס פון זארעמבא'ן און פון וואלענטינ'ען, וואלט איך אויך דערפון געוואוסט.

— אבער ניט דאס בין איך אויסען צו דערצעהלען דיר, מיין ליבער! —

האָט ראשיעל זיך אָנגערופען, — איך וויל דיר זאגען, אז איך האָב יוליע'ן פארשפּראָכען זיך צענויפצושרייבען מיט מיין שוועסטער אין פּאריז, זי זאָל אויסגעפינען אויב די דאָזיגע קלאנגען זיינען ריכטיגע. און איך האָב טאקע געשיקט צו איהר דאן א בריוו, און עס קאָן זיין, אז זי האָט יאָ געמאכט אן אויספאָרשונג וועגען זארעמבא'ן, און אזוי ווי וואלענטי און זארעמבא זיינען געווען די בעסטע חברים, קאָן זיין, אז זי וועט וויסען עפּעס וועגען זיי. איך האָב פארגעסען זי צו פרעגען וועגען דעם, ווען איך האָב זי געזעהן צום לעצטען מאָל, אויב דו ווילסט לאָמיר אריבערפאָהרען צו מיין מוטער אין הויז, דאָרט געפינט זיך אויך מיין שוועסטער, און מעגליך אז מיר וועלען קריגען פון איהר אויסקינפטע וועגען וואלענטי'ן.

דער גראף פּאָטאָצקי איז מיט ראשיעל'ן צוגעפאָהרען צו דעם הויז וואו איהר מוטער האָט געוואוינט. דאָרט האָבען זיי געטראָפען איהר שוועסטער. ראשיעל האָט איהר געפרעגט אויב זי האָט געמאכט אן אויספאָרשונג וועגען זארעמבא'ן.

— יאָ, איך האָב געמאכט א גוטע אויספאָרשונג וועגען איהם, און מיר דוכט זיך אז ער און זיין פריינד זיינען א פּאָר משוגעים!

— וואָס רעדסטו! — האָט ראשיעל זיך אויף איהר אָנגעבייזערט. ווייסטו דען ניט, אז זארעמבא'ס חבר איז דער זוהן פון דעם גראף?...

— פון וואנען זאָל איך וויסען? — ענטפערט זי. דו האָסט מיר געשריבען איך זאָל אויסגעפינען וואָס עס טוט זארעמבא, בין איך אוועק צו דעם האָטעל און געהאלטען אן אויג אויף איהם. איך פלעג באמערקען, אז זיי פלעגען יעדען טאָג אוועקגעהן מיט גרויסע דיקע ביכער אונטער זייערע אָרעמס. לעצטענס ווען איך האָב זיי געזעהן זיינען זיי ביידע געווען באוואקסען. זיי האָבען אויסגעקוקט ווי די יונגע פרומע אידען, וועלכע פלעגען פארבייגעהן אונזער הויז צו זייער סינאגאָגע.

דער גראף פּאָטאָצקי איז געוואָרען אויפגערעגט ווען ער האָט געהערט ווי זי רעדט וועגען זיין זוהן אזוי. ער האָט ניט געקאָנט פארשטעהן וואָס עס האָט מיט איהם פּלוצלונג פּאסירט. ער האָט געהערט, אז אין פראנקרייך און אין אנדערע לענדער פיהרט מען אן א באוועגונג וואָס פריידיגט פריי־הייט, און נאָך אזעלכע זאכען. איז עס מעגליך, אז זיין זוהן און זארעמבא זיינען אויך פארכאפּט געוואָרען פון אָט דער באוועגונג?

— זאָג מיר ווי לאנג האָסטו זיי נאָכגעשפּירט? — האָט דער גראף זי געפרעגט.

— עטליכע וואָכען נאכאנאנד, — האָט זי געענטפערט.

— און יעדען טאָג זיינען זיי געגאנגען מיט די דיקע ביכער?

— יאָ, יעדעס מאָל וואָס איך האָב זיי געזעהן.

— ווייסטו פיליכט וואוהין זיי זיינען געגאנגען?

— איינמאָל האָב איך זיי נאָכגעפאָלגט און איך האָב געזעהן ווי זיי געהען אריין אין א פּלאץ וואו מען פארקויפט צירונג. איך פלעג אָפּוואַרטען פילע שעה אין דרויסען ביז וואַנען איך האָב זיי געזעהן ארויסקומענדיג פון דאָרט.

— וואָס האָבען זיי דאָרט געקאָנט טאָן? — האָט דער גראף אויסגערופען. — דער אלטער איך דערציילט מיר, אז זיי פלעגען צו איהם אריינקומען אמאָל און מיט איהם פארברייינגען, אָבער ער האָט מיר ניט געזאָגט, אז זיי פלעגען צו איהם קומען כמעט יעדען טאָג. מיר דוכט זיך, אז דער אלטער ווייסט וועגען זיי א סך מעהר ווי ער איז וויליג מיר צו דערצעהלען. איך וועל אריבערגעהן נאָך אמאָל צו איהם.

דער גראף פּאָטאָצקי איז ווידער אמאָל אוועק צו ר' אהרן ליפּמאן און איהם גענומען אויספרעגען.

— פריהער האָב איך פארשטאנען פון דיינע רייד, אז מיין זוהן און זיין חבר פלעגען צו דיר קומען זעלטען, אָבער איצט האָב איך אויסגעפונען, אז זיי פלעגען ביי דיר זיין יעדען טאָג כמעט.

— אָ, ניין, ניט יעדען טאָג, — האָט ר' אהרן אויסגערופען. — זיי פלעגען קומען צו מיר גאנץ אָפט. און מיר פלעגען פארברייינגען אין פארשידענע געשפּרעכען,

— זאָג מיר, וועגן וואָס פלעגן זיי מיט דיר ריידען?

— וועגן אַלץ, זיי זיינען געווען זעהר געבילדעטע און האָבן געוואוסט א סך מעהר פון מיר. איך האָב פון זיי געלערענט. זיי פון מיר האָבן גאָרניט געקאָנט לערנען...

טאָ פארוואָס זיינען זיי געקומען צו דיר? — פרעגט איהם דער גראַף, — אויב זיי האָבן פון דיר גאָרניט געקאָנט לערנען טאָ וואָס פאר אן אינטערעס האָבן זיי געהאט צו קומען צו דיר, און פארברייננגען מיט דיר היבשע עטליכע שעה מיט אמאָל?

— ווי עס ווייזט אויס האָבן זיי געפונען אין מיר א גוטען אויער. און אזוי איז שוין דער שטייגער פון מענשען, וועלכע האָבן מעהר ליב צו ווערען געהערט, ווי זיך צוצוהערען צו יענעם. יאָ, דאָס איז די איינציגע ערקלערונג.

— מיר איז די גאנצע זאך עפּעס אומפארשטענדליך, — האָט דער גראַף פּאָטאָצקי זיך אָנגערופען, — איך גלויב, אז דו ווייסט וועגן זייער געהיימער פארשווינדונג א סך מעהר ווי דו ביסט וויליג מיר צו דערצעהלען.

— ניין, ווירדיגער גראַף, זייער גאנצע באנעמונג איז געווען עפּעס א געהיימניס, און איך האָב זיי ניט געוואָלט באלעסטיגען מיט מיינע פראַגען. איך בין זיך מודה, אז זינט זיי זיינען פארשוואונדען געוואָרען, פיעל איך זיך איינזאם, ווייל זיי פלעגן מיר ארויסווייזען פיל פריינדשאפט.

— האָבן זיי דיר פיליכט דערצעהלט וועגן זייערע פריינד אין פּאַריז?

— ניין, וועגן דעם האָבן זיי מיט מיר קיינמאָל ניט גערעדט, און ווי איך האָב פארשטאנען האָבן זיי גאָר קיין פריינד ניט געהאט.

— איך וואָרען דיר, אז אויב דו ווייסט עפּעס מעהר וועגן זיי און דו זוכסט עס צו פארבאָרגען, וועל איך עס זיכער אויסגעפינען און דאן וועסטו זעהר שטארק באשטראָפט ווערען.

— איך האָב דעם גראַף דערצעהלט אַלץ וואָס איך ווייס, — האָט ר׳ אהרן געזאָגט.

— ווען איך בין ביי דיר געווען דעם ערשטען מאָל האָסטו מיר געוואָלט געבען דעם איינדרוק, אז ער פלעגט קומען צו דיר זעהר זעלטען, און איך האָב זיך דערוואוסט פון אנדערע, אז ער פלעגט קומען, יאָ, ער מיט זיין פריינד פלעגן קומען צו דיר כמעט יעדען טאָג.

— עס פלעגט פּאַסירען, אז זיי פלעגן קומען איינינע טעג נאָכאנאנד, אָבער ניט תמיד, — האָט ר׳ אהרן געזאָגט, — און איך פארזיכער מיין גנעדיגען גראַף, אז ווען איך וועל עפּעס פון זיי הערען וועל איך אייך לאָזען וויסען.

דער גראַף האָט ביי זיך ניט געקאָנט באשליסען צי דער איד זאָגט איהם דעם אמת צי ניט. ער האָט אָבער ניט געקאָנט באגרייפען פארוואָס וואלענטי און זארעמבא זאָלען וועלען קומען פארברייננגען מיט אן אלטען אומוויסענדען אידען... ווער ער וועט אויפזוכען זיין זוהן וועט ער איהם שוין גוט אויס׳מוסר׳ן פאר דעם.

פּאָטאָצקי אָבער האָט זיין זוהן ניט געפונען אין פּאַריז. ער האָט איהם ארומגעזוכט אומעטום, ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי יעדען איינעם, אָהן ערפאָלג.

די ערשטע צייט איז ער געווען שטארק באזאָרגט וועגן זיין זוהן. אָבער שפּעטער, ווען ער האָט זיך צוזאמענגעטראָפען מיט אנדערע גראַפען און זיי פלעגן פארברייננגען און הוליען, האָט ער שוין פון דעם ניט געטראכט.

אין פּאַריז האָט זיך דער גראַף פּאָטאָצקי באקאָנט מיט א צווייטער מיידעל, און ער האָט אָנגעהויבען צו פארנאכלעסיגען ראשיעל׳ן. אָבער ראשיעל, זייענדיג אין איהר געבורטסשטאָדט, און מיט איהר מוטער און שוועסטער, האָט זיך געפיהלט מעהר אונאָפּהענגיג, און זי האָט דעם גראַף אָפּגעשפּילט א סקאנדאל.

פּאָטאָצקי האָט ניט געוואָלט זיין פארמישט אין דעם סקאנדאל און ער האָט זיך מיט איהר דורכגערעדט אויף א רוהיגען אופן. ער האָט זי געפרעגט וויפיל זי פארלאנגט פון איהם, און ראשיעל האָט זיך ניט געשעמט צו בעטען ביי איהם פינף טויזענט דוקאטען. זי האָט געוואוסט, אז ער איז זעהר רייך, אז ער האָט מיט זיך מיטגענומען א סך געלט, און זי האָט באשלאָ־

סען ארויסצובאקומען פון איהם ווי־
פיל עס וועט נאָר מעגליך זיין.

דער גראף פּאָטאָצקי האָט מיט איהר געשליכטעט פאר צוויי טויזענט דו־קאַטען. שפּעטער אָבער האָט איהם שוין פאַרדראָסען. ווייל זיין נייע גע־ליבטע האָט איהם איין נאכט בארויבט. זי האָט פון זיינע קעשענעס ארויסגע־נומען א היבשע סומע געלט און איז אנטלאָפען. ער האָט זיך געשעמט צו מעלדען דער פּאָליציי. אָבער ער האָט געזעהן, אז זי האָט איהם כמעט גאָר־ניט איבערגעלאָזען. ער האָט באשלאָ־סען צו פארלאָזען פאריז, און זיך צור־ריקקערען קיין ווילנא, אָבער ער האָט איינגעזעהן, אז פון דעם פארבליבענעם געלט, וועט ער אָט די דאָזיגע רייזע ניט קאָנען מאכען. ער וועט מוזען קריגען נאָך צוויי הונדערט דוקאַטען, אמווייניגסטען, כדי צו פאָהרען לויט ווי עס פּאַסט פאר איהם.

ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, און ענדליך האָט ער באשלאָסען צו געהן צו ראשיעל'ן, און בעטען, אז זי זאָל איהם לייהען די צוויי הונדערט דוקאַטען.

עס איז איהם געווען זעהר שווער דאָס צו טאָן, אָבער ער האָט קיין אנ־דער ברירה ניט געהאַט. ער וועט זיך מוזען ערנידעריגען. נאָך אלעמען איז עס דאָך זיין געלט, ער האָט איהר גע־געבען צוויי טויזענט דוקאַטען.

ער איז אוועק צו איהר אין הויז און ער האָט אויסגעפונען, אז זיי וואוינען שוין דאָרט ניט מעהר. ווייזט אויס, אז אזוי שנעל ווי זי האָט גע־קראָגען פון איהם די גרויסע סומע געלט, האָט זי און איהר מוטער ארי־בערגעקליבען זיך אין א בעסערע גע־גענד. ער האָט זיך גענומען נאָכפרע־גען, און נאָך עטליכע טעג פרעגען און אויספאָרשען האָט ער אויסגעפונען וואו זיי געפינען זיך.

ער איז גלייך אהין אוועק. ראשיעל און איהר מוטער האָבען איהם אויפ־גענומען זעהר קאַלט.

— הער זיך איין ראשעל, — האָט ער זיך צו איהר אָנגערופען, — איך האָב באשלאָסען צוריקצוקערען זיך אהיים.

— אויב דו מיינסט, אז איך וועל מיט דיר מיטפאָהרען, מאכסטו א טעות, — האָט ראשיעל צו איהם גע־זאָגט, — דעם ערשטען מאָל ווען דו האָסט מיך אוועקגעשיקט פון זיך, און נאכהער ביזטו צו מיר געקומען, בין איך געווען נאריש גענוג צו געהן צו־ריק צו דיר, אָבער איצט דאָס צווייטע מאָל, וועל איך שוין דאָ בלייבען מיט מיין מוטער.

— איך האָב דאָך דיך ניט אוועק־געשיקט, — האָט דער גראף זיך צו איהר אָנגערופען, — דו ביזט דאָך אוועק פון מיר.

— וואָס מיינסטו, איך האָב זיך באדאַרפט לאָזען טרעטען פון דיר מיט די פיס! — האָט ראשיעל אויסגערו־פען, — דו האָסט געקראָגען א צוויי־טע, א אינגערע איצט גייה מיט איהר! זאָל זי מיט דיר מיטפאָהרען און אויס־שטעהן אלע דיינע קאַפּריזען... איך בלייב דאָ, מיט מיין מוטער און מיינע שוועסטער.

— איך בין ניט געקומען פארלאַנ־גען פון דיר, אז דו זאָלסט מיט מיר מיטפאָהרען, — האָט דער גראף פּאָ־טאָצקי אויסגערופען, — איך וויל דיר בלויז דערצעהלען, אז יענע איז פאר־שוואונדען געוואָרען...

— אהא, דו זעהסט שוין, אז ניט יעדע מיידעל וואָלט געקאָנט זיך האל־טען ביי דיר אזוי לאַנג ווי איך! איך האָב געהאַט גענוג גערולד, איך האָב זיך פון דיר גענוג אָנגעליטען. און איצט ווייס איך ווי אָפּצושאַצען מיין פרייהייט.

— איך וויל, אז דו זאָלסט וויסען, אז יענע האָט מיך באַ'גנב'עט. זי האָט פון מיר אוועקגענומען מיין געלט און איז אנטלאָפען געוואָרען.

— נו, וואָס דען, איך האָב גע־וואוסט, אז דאָס וועט זיין דער סוף, וואָס דען האָסטו געמיינט, אז אזא יונגע שעהנע מיידעל האָט זיך אין דיר פארליבט! זעהר גוט האָט זי געטאָן. איצט וועסטו זעהן, אז דו האָסט ניט געוואוסט ווי אָפּצושאַצען אן עהרלי־כע, א גוטע, און א באשיידענע ווי איך בין געווען.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אז איך וויל אוועקפאָהרען פון דאַנען, אָבער אזוי ווי איך בין פארבליבען אָהן געלט, בין איך צו דיר געקומען דו זאָלסט מיר אויסבאָרגען צוויי הונ־דערט דוקאַטען, כדי איך זאָל קאָ־נען מאכען די רייזע.

ראשיעל האט זיך פאנאנדערגע־
לאכט.

דער גראף פּאטאַצקי האט איהר אָנ־
געקוקט מיט ערשטוינונג.

— פארוואס לאכסטו? — פרעגט
ער זי.

— איך לאך פון דעם, וואס פאר א
גרויסער נאר דו ביזט! ביי דיר, אין
דיין לאנד, וואו דו ביזט זעהר רייך
און דו האסט קיינמאל ניט געוואוסט
פון קיין מאנגעל אין געלט, האסטו זיך
קיינמאל ניט פארגעשטעלט, אז עס
וועט קומען א צייט, אז דו וועסט ניט
האבען קיין געלט צו מאכען א רייזע
צוריק אהיים. דו האסט געמיינט, אז
דו, זייענדיג א גראף, וועט זיך יעדע
יונגע מיידעל שעצען גליקליך ווען דו
וועסט איהר ארויסווייזען ליבע. איצט
זעהסטו וואס דיין יונגע געליבטע האט
פון דיר געטראכט... זי איז בלויז
אויסען געווען ארויסצוקריגען פון דיר
דיין געלט, און איצט אז זי האט עס
געקראגען, לאכט זי זיך אויס פון דיר...
דו ביזט געווען אזוי זיכער, אז זי האט
דיך ליב, אז ביי דיר איז געווען רעכט
מיך אוועקצוואַרפען. דו האסט מיך
באליידיגט, און איצט וואגסטו צו קו־
מען צו מיר.

— איך בין ניט געקומען דיך צו־
ריקנעמען! — האט פּאטאַצקי אויס־
גערופען — איך בין געקומען בעטען
דיך, דו זאלסט מיר אויסבארגען דאס
געלט. איך גלויב, אז איך בין בארעכ־
טיגט צו קומען צו דיר, נאכדעם ווי
איך האב דיר אוועקגעגעבען דעם גרעס־
טען טייל פון דעם געלט וואס איך האב
געהאט מיט זיך מיטגענומען!...

— איך בין געווען בארעכטיגט
צו באקומען נאך מעהר פון דיר! —
האט ראשיעל געזאגט — ווען דו גיסט
מיר דאס וואס איך האב פון דיר פאר־
לאנגט, וואלסטו געהאט ווינציגער פאר
יענער... מיר זיינען זיך פאנאנדער־
געגאנגען, און איצט זיינען מיר פרעמ־
דע איינע צום אנדערען. ניין, איך וועל
דיר דאס געלט ניט בארגען...

— איך וועל דיר באצאהלען צוויי
מאל אזוי פיל! — האט פּאטאַצקי
זיך אָנגערופען — דו ווייסט דאך, אז
איך האב קיינמאל קיין ליגען ניט גע־
זאגט. אזוי שנעל ווי איך וועל זיך
צוריקקערען אהיים, וועל איך זעהן, אז
דו זאלסט דיין געלט באקומען.

— איך וועל ביי דיר געהן מאָנען!
ניין, איך ווייס, אז דו וועסט זוכען זיך
אפּצורעכענען מיט מיר פאר דעם פאר־
ברעכען פון יענער יונגער מיידעל, און
דו ווילסט בלויז ארויסנארען דאס
געלט פון מיר!

— האב איך דען דיך אלע מאל
שלעכט באהאנדעלט? — פרעגט ער
זי. דו ווייסט, אז איך האב דיר געגע־
בען פון דאס בעסטע און שעהנסטע.
איך האב קיינמאל קיין געלט ניט גע־
זשאלעוועט פאר דיר. און איצט, אז
איך בין אין דער פרעמד, און איך
נויטיג זיך אין א קליינע סומע געלט,
ווילסטו מיר ניט בארגען, טראץ דעם
וואס איך פארזיכער דיר, אז איך וועל
דיר אומקערען צוויי מאל אזוי פיל.

— דו האסט מיך זעהר שטארק בא־
ליידיגט! — האט ראשיעל געזאגט —
דו ביזט געקומען אהער מיט מיר, און
איך האב זיך פאר מיין משפחה בא־
ריהמט, אז דו ביזט אין מיר שטארק
פארליבט און ווען עס איז פאריבער א
שטיקעל צייט, געפינען מיר אויס, אז
א פרעמדע, א אינגערע, כאטש ניט
קיין שעהנערע פון מיר, האט פארנו־
מען מיין פּלאץ. מיין ניט, אז מיט
דעם וואס דו האסט מיט מיר געשליכ־
טעט פאר דער נישטיגער סומע פון
צוויי טויזענט דוקאטען, אז מיין צאָרן
האט זיך אין מיר איינגעשטילט. בלויז
איצט, ווען איך זעה דיך אין אזא לאַ־
גע, ווען דו בעטסט זיך ביי מיר איך
זאל דיר בארגען געלט, קאן איך האָ־
בען א שטיקעל באפרידיגונג, און דער־
פאר וועל איך דיר טאקע קיין געלט
ניט געבען...

— איך האב איינינע ווערטפולע זא־
כען מיט זיך — האט פּאטאַצקי זיך
אנגערופען — און איך וועל זיי דיר
געבען אלס משכון.

— נו, און אין וואס וועל איך מא־
כען די רייזע, עס איז דאך ווינטער,
און דו וואלסט דאך ניט געוואלט איך
זאל פריהרען.

— אויב דו וועסט מיר געבען דיין
קאסטבארען פוטער, וועל איך דיר דאס
געלט אויסבארגען! — האט ראשיעל
געזאגט.

— פון מיינטוועגען קאנסטו פאר־
פרוירען ווערען צום טויט! — האט זי
מיט כעס געזאגט. דו האסט זיך ניט
גערעכענט מיט מיינע געפיהלען. איצט

ארט מיך ניט אויב דו וועסט פריהרען. ניין, אנדערש גיב איך דיר נישט דאָס געלט!

אַט די דאָזיגע רייד איהרע האָבען איהם זעהר שטארק אויפגערעגט, און ער האָט מיט צאָרן אויסגערופען:

— דו ביזט אזא אויסוואורף ווי יענע, וועלכע האָט מיך באַ'גנב'עט. דו האָסט א הארץ פון א שטיין, דו אומדאנקבארע!

ער איז אוועק פון דאָרטען פול מיט צאָרן. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, ווייל אַט די אלע פריינט וועלכע האָבען זיך ארום איהם געשארט, ווען ער פלעגט זיך ווארפען מיט געלט, האָבען איצט, ווען זיי האָבען אויסגעפונען, אז ער האָט ניט מעהר קיין געלט, גענומען פון איהם ווייכען. דער האָטעל אייגענטימער האָט איהם אויף א העפליכען אופן געלאָזט וויסען, אז פון איצט אָן וועט ער איהם דארפען צאָהלען פאָראויס.

ער האָט איהם אָפּגעגעבען דאָס לעצטע געלט וואָס ער האָט ביי זיך געהאט, און איצט איז ער געבליבען אינגאנצען אָהן געלט, אין א פרעמד לאנד... איינינע פון זיינע באקאנטע האָבען איהם געראטען, אז ער זאָל געהן מעלדען דער פּאָליציי וועגען דעם, אז די מאדמאָזעל האָט איהם באַ'גנב'עט, אָבער ער האָט ניט געוואָלט עס זאָל קומען צו א סקאנדאל, כדי מען זאָל פון איהם ניט אָפּ'חוזק'ן. ער ווייסט ווי אזוי די פּאָליציי פארהאלט זיך צו אזעלכע זאכען. אויב מען זאָל אפילו געפינען דאָס מיידעל, וועט זי גאָר טענה'ן, אז ער האָט איהר דאָס געלט געגעבען.

ער האָט זיך ארומגעדרעהט א גאנצען טאָג אין פאריז און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער האָט געהאט עטליכע קלייניגקייטען ביי זיך און ער האָט דאָס געוואָלט פארזעצען, אָבער מען האָט איהם אָנגעבאָטען אזוי ווינציג, אז עס האָט זיך ניט געלוינט. איצט איז איהם פארבליבען איין ברירה צו פארזעצען זיין טייערען פוטער, וואָס איז ווערט איבער א טויזענט דוקאטען. אָבער ווי אזוי קאָן ער פאָהרען א היים אָהן דעם. מען וועט דאָך פון איהם אָפּלאכען ווען ער זאָל אָנקומען אין רעכטען פראָסט אָהן זיין ווארימען פוטער, אויסער דעם וועט ער זיך נאָך צוקיהלען און קראנק ווערען! ער איז זיין גאנצען לעבען געוואוינט געוואָרען צו זיין ווארעם אָנגעטאָן אין ווינטער. ניין, דאָס טאָר ער ניט טאָן. אויסער דעם ווען ער טראָגט אַט דעם פוטער, קאָן מען זעהן, אז ער איז ניט קיין איינפאכער מענש, אָבער אָהן דעם, וועט מען אויף איהם קוקען ווי אויף אן אָרימאן.

א גאנצע נאכט איז ער געלעגען אין זיין בעט און געטראכט וואָס צו טאָן... ווען ער וואָלט געקאָנט געפינען זיין זוהן, דאן וואָלט אלץ רעכט געווען. ער ווייסט, אז זיין זוהן האָט מיט זיך מיטגענומען א סך געלט, און ער האָט דאָס זיכער ניט פארשווענדט אויף פרויען... אויסער דעם האָט ער זיך געוויס ערוואָרבען פילע פריינט, וועלכע וואָלטען איהם געטרויט א פּאָר הונדערט דוקאטען... פּלוצלונג פאלט איהם איין א געדאנק: ער וועט געהן צו דעם אידען, צו אהרן ליפּמאן, וועלכער איז געוועזן זיין זוהנ'ס בעסטער פריינט, ער וועט איהם דערצעהלען זיין גאנצע לאגע, אפשר וועט ער איהם קאָנען העלפען.

ער איז אויפגעשטאנען גאנץ פריה, און ער איז אוועק צו איהם אהיים. ער האָט אָנגעקלאָפּט אין טיר און ר' אהרן האָט איהם געעפענט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין טלית און תפילין און געדאווענט.

דער גראף פּאָטאָצקי האָט עס געזעהן צום ערשטען מאָל, און ער האָט אויף איהם געקוקט מיט שטוינונג. ר' אהרן האָט ניט געוואָלט מפסיק זיין אין מיטען דאווענען, האָט ער איהם אָנגעוויזען אויף א בענקעל און אויף א וואונק איהם געבעטען זיך צוזעצען.

דער גראף האָט זיך געזעצט און געווארט. ווען ר' אהרן האָט געענדיגט דאווענען, האָט ער איהם אריינגערופען אין צווייטען צימער.

— איך בין איצט צו דיר געקומען בעטען אן עצה, איך ווייס, אז פאר דיר האָב איך זיך ניט וואָס צו שעמען, איך האָב געהאט צו טאָן דאָ מיט אומערליכע פרויען, און איינע פון זיי האָט ביי מיר ארויסגע'גנב'עט דאָס גאנצע געלט וואָס איך האָב ביי זיך געהאט. איך בין איצט געבליבען אָהן געלט, און איך האָב אפילו ניט די מעגליכקייט מיט וואָס זיך צוריקצוקערען

אהיים. איך ווייס, אז דו ביזט אן ארימער איד, און דו אליין האסט ניט קיין געלט, אבער אפשר קאנסטו זיך אן עצה געבען. איך מיין, ווען דו האסט א פריינד, וועלכער האט געלט וועסטו קאנען פאר איהם זאגען א גוט ווארט וועגען מיר, דו ווייסט דאך שוין ווער איך בין, דו וועסט יענעם קאנען גאראנטירען די סומע געלט, און אזוי שנעל ווי איך וועל זיך אומקערען אהיים, וועל איך דיר אפשיקען דאס געלט דורך א ספּעציעלען שליח, און איך וועל נאך יענעם באלוינען, איך וועל איהם שיקען צוויי מאל אזוי פיעל.

— מיין האר, גראף! — האט זיך ר' אהרן אנגערופען — איך גלויב, אז איך וועל קאנען געבען דאס געלט און איהר וועט עס מיר ניט דארפען צוריקשיקען.

— וואס מיינסטו! — האט זיך דער גראף געפונען באליידיגט — איך וועל ביי דיר נעמען געלט אלס צדקה!

— ניין, הער גראף — האט זיך ר' אהרן אנגערופען — איך בין מיט עטליכע יאהר צוריק געווען אין ווילנא, און איך האב זיך דארט באקענט מיט זעהר א ווירדיגען אידען. ער האט מיר מיטגעגעבען געלט. יע, ער האט מיר געגעבען א סומע געלט פון פינף הונדערט דוקאטען, און איצט וואלט איך געוואלט עס איהם אפשיקען, דעריבער גלויב איך, אז איך האב זעהר א גוטע געלעגענהייט, איך וועל אייך ניט דארפען בארגען דאס געלט, איך וועל עס אייך געבען איהר זאלט אפגעבען מיין פריינט פון ווילנא, און דערווייל וועט איהר זיך דערמיט קאנען באנוצען.

— א, וואונדערבאר! — האט דער גראף פאטאצקי אויסגערופען מיט גרויס פרייד — איז דאך ווירקליך בעסער ווי איך האב געקאנט ערווארטען — איך וועל דאס געלט גלייך אפגעבען אייער פריינט, אזוי שנעל ווי איך וועל אנקומען אין ווילנא. אלץ וואס איהר דארפט טאן איז מיר צו זאגען ווער ער איז, און וואו ער וואוינט, און איך פארזיכער אייך, אז ווי נאר איך וועל אנקומען אין ווילנא וועל איך איהם שיקען רופען און איהם אפגעבען דאס געלט.

— מיין פריינט'ס נאמען איז מנחם מאן! — האט ר' אהרן זיך אנגערופען.

— וואס! דער פאן מאן איז אייער פריינט! — האט זיך פאטאצקי אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ, — דאס איז דאך אויסגעצייכענט! ער איז דאך אויך מיין פריינט און ראטגעבער. איך וועל מאכען פאר איהם א גרויס פאראד, ווען ער וועט קומען! איך וועל איהם איבערגעבען א גרוס פון אייך און איך וועל איהם איבערגעבען דאס געלט! ער איז דאך ווירקליך א ווירדיגער איד! ער איז זעהר קלוג און עהרליך...

ר' אהרן האט שוין איצט חרטה געקראגען וואס ער האט איהם דאס געזאגט. עס איז בעת מעשה איינגעפאלען, אז מנחם איז פארבונדען געווען מיט וואלענטי'ן, און אז ער קאן נאך דורך דעם האבען צרות, ווייל אויב מען וועט זיך דערוויסען, אז וואלענטי האט זיך מגייר געווען, וועט מען דאך נעמען מאכען אויספארשונגען, וועט מען דאן איהם דאך באשולדיגען אין האבען ארויסגעהאלפען דעם יונגען גראף, צום ווערען א איד... אבער עס איז דאך שוין פארפאלען ער האט זיך ארויסגערעדט. ער האט געהאפט, אז ער וועט פארשטעהן ווי אזוי צו רייידען מיט'ן גראף, ער זאל זיך ניט אנשטויסען, אז ער האט עפעס געהאט צו טאן מיט דעם יונגען גראף וואלענטי און מיט זארעמבא'ן, זיין פריינט.

ער האט געבעטען דעם גראף צורווארטען א ווילע, און ער איז אריין אין א צווייטען צימער און פון דארט ארויסגענומען דאס פעקעל געלט. ער האט באשלאסען אנצושרייבען א פאר ווערטער אין העברעאיש און איהם צו ווארענען ער זאל זיך אקארשט ניט ארויסריידען קיין ווארט וועגען וואלענטי'ן. אבער ער האט מורא געהאט טאמער וועט דער גראף זיך פאראינטערעסירען וואס עס שטעהט געשריבען אין בריוו, און ער וועט בעטען א אידע; פאר איהם דורכצולייענען דעם בריוו און עס פארטייטשען פאר איהם. האט ער אין בריוו בלויז געשריבען וועגען זיך און וועגען זיין משפחה און אויסגעדריקט זיין האפענונג, אז ער איז געזונט און ביים סוף פון בריוו, האט ער אנגעשריבען: "בראשית, ל"ד, ה'... און ער האט אונטערגעשריבען זיין נאמען אהרן ליפמאן.

ער האָט דעם גראַף איבערגעגעבען דאָס געלט, מיט דעם קליינעם צעטעלע.

פּאָטאָצקי האָט איבערגעצעהלט דאָס געלט און זיינע אויגען האָבען אויפ־געלויכטען פון גרויס פרייד. עס זיי־נען דאָרט געווען ריכטיג פינף הונ־דערט דוקאַטען. איצט וועט ער קאָנען זיך אויפפירען ווי א גראַף, ער וועט אויסלייזען די עטליכע חפצים אויף וואָס ער האָט אויסגעבאָרגט עטליכע דוקאַטען, כדי צו האָבען מיט וואָס צו עסען. ערשט איצט, דעם ערשטען מאָל אין זיין לעבען ווייסט ער ווי אָפּ־צושאַצען די ווערדע פון געלט...

ער האָט דעם אידען זעהר באַדאַנקט פאַר דעם, און ער האָט געזאָגט, אז ער וועט דאָס איהם קיינמאָל ניט פאַרגע־סען, און ווען ער וועט נאָך אמאָל קו־מען אין פּאַריז וועט ער שוין זעהן איהם אָפּצוטאָן א טובה.

ר' אהרן האָט איהם דאַן געבעטען איבערצוגעבען אָט דעם קליינעם ברי־וועל צו זיין פריינט, און ער האָט זיך מיט איהם געזעגענט.

דער גראַף פּאָטאָצקי האָט זיך גע־נומען גרייטען צו זיין רייזע אהיים. ער האָט געדונגען א קאַרעטע מיט צוויי פערד ווי עס פּאַסט פאַר א פּריץ און ער האָט זיך אוועקגעלאָזען אין וועג.

דעם גאַנצען וועג האָט ער ניט אויפ־געהערט צו טראַכטען וועגען זיין זוהן, ווי קומט דאָס זיין זוהן צו אָט דעם אידען אין פּאַריז, און איצט, אז ער האָט אויסגעפונען, אז אהרן און מנחם זיינען פריינט, האָט ער זיך נאָך מעהר פאַרטראַכט.

דער גראַף פּאָטאָצקי האָט גענומען טראַכטען וועגען דער פאַרבינדונג, מעגליך, אז אָט דער ר' מנחם, זיין פריינט האָט איהם געשיקט צו דעם איד ליפּמאַן. פילע זאַכען וואָס זיי־נען איהם פריהער ניט קלאָר געווען, האָבען זיך איצט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אין דעם גוט אריינגעטראַכט, גע־נומען קריסטאַליזירען...

עס קאָן זיין, אז עס איז בלויז גע־ווען א צופאַל האָט ער זיך געטראַכט, אָבער פונדעסטוועגען זיינען איהם פי־לע זאַכען ניט קלאָר געווען. ווען ער האָט אויסגעפונען, אז וואָלענטי האָט באַזוכט דעם אידען, און ער האָט איהם וועגען דעם געפרעגט, האָט ער איהם געוואָלט געבען דעם איינדרוק, אז ער פלעגט איהם ניט באַזוכען יעדען טאָג, און אין א פּאָר טעג שפּעטער, האָט ער שוין צוגעגעבען, אז ער פלעגט צו איהם קומען כמעט אַלע טאָג. ער וועט דאַרפען מאַכען אַן אויספאָרשונג. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט אַן דעם צעטעלע וואָס ליפּמאַן האָט איהם גע־בעטען איבערצוגעבען צו מנחם'ן. ווער ווייסט! עס קאָן זיין, אז אין דעם צעטעל קאָן ער געפינען דעם שליסעל צו דער געהיימנים.

ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפ'ן וועג אין א גרויסאַרטיגען האָ־טעל, האָט ער פאַרלאַנגט פון האָטעל איינגענטימער מען זאָל צו איהם ברײנ־גען א געלערנטען אידען, וועלכער וועט קאָנען איבערזעצען פון העברע־איש אָדער אידיש, אויף פּויליש. מען האָט צו איהם געבראַכט אזא אידען, און ער האָט איהם געוויזען דעם צע־טעלע און איהם געבעטען איבערזעצען וואָרט ביי וואָרט.

דער איד האָט איהם דורכגעלייענט און געזאָגט, אז אין בריוו פרעגט דער שרייבער דעם צו וועמען עס איז גע־שריבען וואָס ער מאַכט און וועגען זיין משפחה, און ער שרייבט איהם אויך וועגען זיך, וועגען זיין געזונט.

— איז דאָרט קיין זאַך ניטאָ וועגען מיר, אָדער וועגען מיין זוהן? — האָט פּאָטאָצקי איהם געפרעגט.

ניין, קיין זאַך ניט מעהר, אויסער א צייכען פון חומש, וואָס פילע פרומע אידען טוען דאָס...

דער גראַף פּאָטאָצקי האָט זיך גע־וואונדערט וואָס ער דערמאָנט אפילו ניט וועגען די פינף הונדערט דוקאַ־טען וואָס ער האָט איהם געגעבען איהם אָפּצוגעבען. דאָס באַווייזט ווי איידעל און עהרליך ער איז, אז ער האָט אין איהם פול צוטרויען. ער האָט איצט געזעהן דעם אונטערשיד צווישען איהם און ראַשיעל. זי האָט איהם מורא גע־האַט צו געטרויען, כאָטש דאָס איז דאָך געווען זיין אייגען געלט.

אזוי שנעל ווי ער איז צוריקגעקומען קיין ווילנא האָט ער געשיקט רופען זיין פריינדליכען אידען ר' מנחם מאַן, און ער האָט איהם איבערגעגעבען דעם צע־טעל...

ר' מנחם האָט איהם שטאַרק באַ־דאַנקט און ער האָט זעהר פאַרלויבט דעם פריינט זיינעם פון פּאַריז, אַלס עהרליכער מאַן.

— זאָג מיר, שרייבט דען דיין פריינט ניט וועגן געלט?

— ניין, הער גראף! — ענטפערט ער איהם.

— האסטו איהם דען קיינמאָל ניט געגעבען קיין געלט?

— יע, ווען ער איז דאָ געווען האָב איך איהם אויסגעבאָרגט פינף הונדערט דוקאטען. איך האָב איהם געבעטען דאָס האלטען ביז וואנען ער וועט האָבען א געלעגענהייט מיר זיי צוריק אָפּשיקען.

— נו, אויב אזוי קאָן איך דיר זאָגען, אז ער האָט די דאָזיגע געלעגענהייט געפונען אין מיר, איך האָב דיר געבראכט דאָס געלט.

— אָ, מיין הער, גראף! — האָט ר' מנחם אויסגערופען — ער האָט אייך ניט געדארפט מטריח זיין מיט דעם.

— ווען ער וואָלט מיר ניט געוואָלט מטריח זיין, וואָלט איך איצט דאָ ניט געווען — רופט זיך אָן פּאָטאָצקי — איך האָב איהם א סך, זעהר א סך פארוואָס דאנקבאר צו זיין.

דער גראף פּאָטאָצקי האָט איהם דאן דערצעהלט אלץ וואָס עס האָט פּאסירט מיט איהם, און ער האָט איהם אָנגעבעטען ער זאָל זיך פאר קיינעם ניט ארויסריידען וועגן דעם, ווייל ער וועט זיך דארפען שעהמען פאר זיין לייכטזיניגקייט, ווען ער איז געווען אין פּאריז.

ער האָט איהם גלייך אָפּגעצעהלט פינף הונדערט דוקאטען, און איהם געבעטען ער זאָל צו איהם ארייינקומען אין עטליכע טעג ארום, וועט ער נאָך מיט איהם ריידען, ווייל איצט איז ער נאָך אלץ מיד פון וועג.

ר' מנחם איז אוועק אהיים, ער האָט געוויזען דעם צעטל חיים'ן און ער האָט גלייך ארייינגעקוקט אין חומש בראשית פּרק ל"ד, פּסוק ה' און ער האָט דאָרט געלייענט: "והחריש יעקב עד באם", און יעקב האָט געשוויגען ביז וואנען זיי זיינען געקומען...

— וואָס קאָן דאָס באדייטען האָט חיים איהם געפרעגט.

— ווי עס ווייזט אויס האָט דער גראף עפּעס א פארדאכט אויף ר' אהרן ליפּמאן, אז ער ווייסט עפּעס וועגען וואלענטי'ס פארשווינדען פון פּאריז, און אזוי ווי ער האָט אויסגעפונען, אז איך און אהרן זיינען פריינט, וועט ער מעגליך מיך נעמען אויספרעגען, און דעריבער ,האָט ער געמיינט מיך צו וואָרענען מיט דעם פּסוק, איך זאָל שווייגען ביז וואנען ער וועט האָבען א געלעגענהייט מיר צו שיקען בריוו מיט מעהר איינצעלהייטען אָדער אפשר פּלאנט ער אליין צו קומען אהער. יע, מיר דארפען וויסען ווי זיך צו היטען, אז קיינער זאָל ניט אויסגעפינען, אז אימיצער פון אונז האָט א באגריף וואָס וואלענטי האָט אָפּגעטאָן.

— עס איז זעהר קלוג פון ר' אהרנ'ס זייט — האָט חיים געזאָגט, עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז דער גראף האָט אימיצען געבעטען איבערצוזעצען דאָס וואָס ר' אהרן האָט דיר געשריבען אין צעטעל. און ווען ער וואָלט דיר געגעבען אפילו א רמז, וואָלט ער זיך שוין געקאָנט אָנשטויסען, אז מיר האָבען געהאט עפּעס צו טאָן מיט וואלענטי'ן.

אין דריי טעג ארום איז ר' מנחם ארייינגעקומען צום גראף אין פּאלאץ, ווי ער האָט עס פון איהם פארלאנגט. ווען ער האָט זיך געמעלדעט, האָט איהם דער גראף געהייסען ארייינקומען.

ר' מנחם איז ארייינגעקומען צו דעם גראף'ס גאסט-צימער, און ער איז איבערראשט געווען צו זעהן דאָרט א גלח זיצענדיג נעבען גראף. ער האָט זיך שוין געוואָלט צוריקציהען, אָבער דער גראף האָט איהם געהייסען ארייינקומען.

— קום צו און זעץ זיך! — האָט פּאָטאָצקי אָנגעוויזען אויף א שטוהל, ניט ווייט פון איהם. — דאָס פּאָטערל אנטאָן איז מיין פארטרויענסווערטער פריינט, און ער ווייסט אויך וועגען אלץ וואָס עס האָט פּאסירט מיט מיר אין פּאריז, יע, איהר ביידע זייט די איינציגע וועלכע וויסען פון דעם. און דעריבער קאָנען מיר ריידען גאנץ אָפען. איך בין זיכער, אז איך קאָן זיך אויף אייך ביידען פארלאָזען, אז ווייטער ווי פון דאנען וועט עס ניט געהן... יע, דאָס איז אנטאָן, דאָס הייליג פּאָטערל, וועלכער זעהט שוין, אז מיינע זינד זאָלען מיר פארגעבען ווערען, און ער אליין ווייסט, אז מיינע זינד זיינען זעהר שווערע און א סך... איך ווייס טאקע ניט וואָס איך וואָלט געטאָן ווען ער איז ניט מיין פארמיטלער...

אנטאָן האָט געשמייכעלט און ר׳ מנחם האָט פארשטאנען...

— הער זיך איין, פּאַן מנחם! — רופט זיך אָן צו איהם דער גראף — דו האָסט דאָך מיין זוהן גוט געקענט. זאָג מיר דעם אמת, האָסטו אין איהם באמערקט עפּעס וואָס זאָל דיך מאכען גלויבען, אז ער געהט ניט אין דעם ריכטיגען וועג פון די גראפען.

— ער מאכט דעם איינדרוק פון אן ערנסטען מענשען, וועלכער איז איבערגעגעבען מיט זיין לייב און לעבען צו זיין גאָט, און ער וויל זיך ניט אָפּגעבען מיט די פארגעניגענס פון לעבען...

— דו מיינסט ווי איך און די אנדערע אין מיין שטאנד און מיין גלייכען.

— ריכטיג! — האָט ר׳ מנחם געזאָגט — ער פירט זיך אויף שוין אביסעל צו באשיידען פאר א יונגען גראף.

— איהר הערט, פּאָטערל! — האָט פּאָטאָצקי אויסגערופען — אָט דאָס האָב איך געמיינט ווען איך האָב אייך דערצעהלט וואָס איך האָב געהערט וועגען איהם אין פּאריז. מען האָט מיר איבערגעגעבען, אז ער פלעגט געהן אָנגעטאָן אין אָרימע בגדים, אז ער פלעגט זיין באוואקסען, און ער האָט זיך באפריינדעט מיט אזעלכע מענשען וואָס א גראף דארף זיך ניט פריינדלען צו זיי. איך גיב צו, אז יענער איד וועלכער איז געווען באפריינדעט מיט מיין זוהן, איז א פיינער מענש, אָבער ער איז דאָך א איד, און ער האָט געקאָנט קומען אין בארירונג אין פּאריז מיט א העכערען קלאס מענשען...

— יע, איך זאָג אויך אזוי! — האָט אנטאָן געענטפערט — איך וואָלט איהם קיינמאָל ניט ערלויבט צו האָבען צו טאָן מיט אידען, איבערהויפּט ווען ער האָט אזעלכע ניט קריסטליכע נייגונגען. איך וויל אייך איבערגעבען, הער גראף, אז איינער א יונגער גלח האָט געלערענט צוזאמען מיט וואלענטי׳ן אין דער קאטוילישער סעמינאר, האָט מיר דערצעהלט, אז וואלענטי און זיין פריינט זארעמבאָ האָבען געהאט פילע אידישע פריינט, און אז זיי האָבען געהאָלפען פילע אידען.

— ווירדיגער פּאָטער! — האָט זיך ר׳ מנחם אָנגערופען — איך גלויב, אז צו העלפען דעם פארפאָלגטען, דעם אָרימען און שפל׳ען איז זעהר קריסטליך... דאָס מוזט איהר דאָך געוויס פריידיגען פאר אלע קריסטען.

— המ... יע, אָבער מיר טאָרען קיינמאָל ניט העלפען די וועלכע האָבען געקרייציגט יעזוס קריסטוס...

— איך וויל אייך אויפמערקזאם מאכען, פּאָטערל, אז די דאָזיגע באשולדיגונג געגען אידען איז קיינמאָל ניט פעסטגעשטעלט געוואָרען. אלץ וואָס מיר ווייסען פון יענער צייט איז, אז די אידען אין ארץ ישראל זיינען דאן געווען אונטערגעוואָרפען דעם רוימישען יאָך, און די דאמאָלסדיגע אידישע הערשענדע מאכט האָט קיין רעכט ניט געהאט דורכצופירען טויט שטראָפען, דאָס איז אינגאנצען געווען אין רוימישע הענט, און דער וועלכער האָט באשטימט דעם טויט שטראָף פאר יעזוס׳ן איז געווען דער דאמאָלסדיגער רוימישער הערשער פון ירושלים, פּאָנטיוס פּילאטוס...

— אָבער די בלוטדורשטיגע אידען האָבען דאָס פון איהם פארלאנגט — האָט אנטאָן אויסגערופען.

— האָט דען דער בלוטיגער רוימישער טיראן ערפילט אלע אידישע פארלאנגען אין יענער צייט? ניין, אונזער געשיכטע דערצעהלט אונז, אז ער האָט געהערשט איבער די אידען מיט א בלוטיגע האנט. ניט איין אידישער יונגערמאן איז דאן הינגעריכטעט געוואָרען דורך איהם... לויט ווי מיר פארשטעהן האָט ער פארדעכטיגט, אז יעזוס וויל רופען די אידען צו אן אויפשטאנד, און דעריבער האָט ער איהם הינגעריכטעט ,און שפּעטער האָט ער זיך געזוכט ריינצוואשען און געוואָרפען די שולד אויף די אידען. איך וויל, הער גראף, אז איהר זאָלט פארשטעהן — האָט ער זיך שוין געווענדעט צום גראף — לויט דעם אידישען דין, ווען איינער האָט פארדינט טויט שטראָף, האָט מען איהם געקאָנט באשטראָפען בלויז מיט איינער פון די פיר טויט שטראָפען, וואָס רופט זיך אָן: ״ארבע מיתות בית דין״, סקילה, שרפה, הרג וחנק, וואָס מיינט פארשטיינען, פארברענען, ארונטערהאקען דעם קאָפּ און דערווערגען... אָט דאָס זיינען די פיר טויט שטראָפען מיט וואָס די אידען האָבען באשטראָפט איינעם וועלכער האָט פארדינט טויט שטראָף, אָבער טויטען דורך קרייציגען, דאָס האָבען אידען קיינמאָל ניט געטאָן, ווייל עס איז גע־

געץ אונזער תורה, היינט אויב עס איז באוואוסט, אז יעזוס איז געקרייציגט געוואָרען, איז א באוויז ,אז די אידען האָבען גאָרניט געהאט צו טאָן מיט זיין טויט.

— הערט זיך איין, פּאַטערל — האָט דער גראַף זיך געווענדעט צום גלח — איז דאָס אמת, אז ביי אידען זיינען דאָ בלויז פיר מינים טויט שטראָפען?

— המ... דאָס איז אמת, אָבער דאָס מיינט דאָך ניט, אז זיי זיינען ריינגעוואשען פון זיין בלוט!

— טאקע פארוואָס ניט? — האָט דער גראַף איהם געפרעגט — אויב זיי האָבען איהם ניט געקרייציגט, טאָ פארוואָס זאָלען מיר ווארפען די גאנצע שולד אויף זיי?

— ווייל, ווי מיר ווייסען, האָבען די אידען אזוי פארלאנגט פון דעם רוימישען הערשער! — האָט אנטאָן געזאָגט, און פאר דעם אליין האָבען זיי שוין פארדינט אָט די אלע שטראָפען וואָס מיר גיבען זיי.

— אָבער די רוימער, ווען איהר צוגעבען, האָבען אויך אין דעם געהאט א גרויסען חלק, טאָ פארוואס זוכט איהר ניט אויסצולאָזען אייער צאָרן אויך אויף די רוימער? פרעגט איהם ר' מנחם.

— ווייל די רוימער האָבען שוין אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען און דאמיט אליין האָבען זיי זיך ריינגעוואשען פון דעם זינד וואָס זיי האָבען געהאט מיט זייער אנטייל נעמען אין דעם טויט פון אונזער הייליגען יעזוס... איך בין זיכער ,אז ווען די אידען וועלען אָננעמען דעם קריסטענטום, דאן וועלען מיר אויך זיי מוחל זיין...

— ערלויבט מיר, פּאַטערל, אייך צו שטעלען איין פראַגע — האָט ר' מנחם זיך אָנגערופען — איז דען ניט געשריבען אין אייערע הייליגע שריפטען, אז גאָט האָט ארונטערגעשיקט יעזוס'ן אויף דער ערד, כדי ער זאָל מיט זיין בלוט אויסלייזען די מענשהייט?

— יע, עס איז אמת, אונזער האר, יעזוס איז ארונטערגעקומען פון הימעל אויף דער ערד, כדי דורך זיין פארגאָסען בלוט, צו לייטערן די זינדיגע מענשהייט און כדי דער פּאָטער אין הימעל זאָל זיי דורך זיין בלוט מוחל זיין זייערע זינד...

— איצט האָף איך, אז איהר וועט אויף מיר ניט זיין בייז, ווען איך וועל אייך באווייזען ווי איהר ווידערשפּרעכט זיך — האָט ר' מנחם זיך אָנגערופען — איהר אליין זאָגט, אז יעזוס איז ארונטערגעשיקט געוואָרען כדי צו ליידען פאר דער מענשהייט, דאָס מיינט, אז זיין אויפגאבע איז געווען צו פארגיסען זיין בלוט פאר אלעמען כדי דורך זיין בלוט אָפּצוואשען די זינד פון אלע מענשען, יע, ער איז געשיקט געוואָרען צו ווערען דער מארטירער פון דער מענשהייט, און ווען ער האָט זיין שליחות און אויפגאבע דורכגעפירט, און ער האָט פארגאָסען זיין בלוט פאר די מענשען, קומט איהר און איהר ווילט באשולדיגען אנדערע פאר זיין מארטירער טויט. ווען מען וואָלט איהם ניט געטויטעט, וואָלט ער דאָך ניט געהאט דורכגעפירט זיין שליחות, און לויט אייערע אייגענע רייד האָבען די וועלכע האָבען איהם געקרייציגט איהם דערמיט געהאָלפען דורכפירען זיין אויפגאבע, דארפט איהר דאָך גאָר זיי דאנקבאר זיין, איך מיין אָט די דאָזיגע, וועלכע האָבען מעגליך געמאכט, אז די מענשהייט זאָל גערייניגט און געלייטערט ווערען דורך זיין טויט...

דער גלח אנטאָן איז געבליבען זיצען אויף זיין פּלאַץ א צעטומעלטער. ער האָט ניט געוואוסט וואָס איהם דערויף צו ענטפערען. ער האָט געדרעהט מיט'ן צונג אהער און אהין, אָבער מען האָט געקאָנט זעהן, אז קיין גוטען תירוץ אויף דעם האָט ער ניט.

—אויב איהר גלויבט אין אייערע הייליגע שריפטען מיט אייער גאנצען הארצען, דארפט איהר איינמאָל פאר אלע מאָל באשליסען, אז ווער עס זאָל ניט האָבען דורכגעפירט דעם טויט אורטייל איבער יעזוס, האָט בלויז געטאָן דאָס וואָס עס האָט צו איהם געדארפט געטאָן ווערען, אנדערש וואָלט ער דאָך ניט געווען אייער הייליגער מארטירער ,און דעריבער וואָלט איך פארגעשלאָגען, אז איהר און די אלע אנדערע גלחים, זאָלען אויפהערען צו פריידיגען האס און שנאה צו די אידען פאר דער קרייציגונג פון יעזוס'ן, וועלכער איז לויט אייער אייגענער מיינונג געשיקט געוואָרען פון גאָט אויף דער זינדיגער ערד, אָפּצוקומען פאר די

זינד פון דער מענשהייט — האָט ר׳ מנחם עס ווידערהאָלט, זעהענדיג, אז דער גלח איז אין א פארלעגענהייט...

— הא, אנטאָן, הייליגער פאָטער, וואָס ווייסטו איהם אויף דעם ענטפערען, דער איד איז דאָך קלוג און האָט דיר גוט אריינגעזאָגט.

דער גלח האָט א קראַץ געטאָן אין קאָפּ. ער האָט געקוקט אויף ר׳ מנחמ׳ן, און דעם גראף, און דאן האָט ער זיך אָנגערופען:

„ווען די אידען וואָלטען דאן אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען, וואָלטען מיר דאָך גאָרניט געהאט געגען זיי? און טאקע דערפאר האָבען מיר ניט צו די רוימער, וועלכע האָבען דורכגעפירט זיין הינריכטונג. יע, אויב איהר ווילט, אז מיר, קריסטען זאָלען אויף אייך ניט טראָגען קיין שנאה, טאָ נעמט אָן אונזער גלויבען, דאן וועלען מיר אייך באהאנדלען ווי אייגענע ברידער. מיר וועלען לעבען מיט אייך בשלום.

— מיר האָבען זעהר א שעהנעם ביישפּיל ווי אזוי איהר לעבט מיט אייערע אַנדערע קריסטליכע פעלקער — האָט ר׳ מנחם געזאָגט — זאָגט מיר דעם אמת, קאָנט איהר איבערצעהלען די טויזענטער קריסטען וועלכע זיינען געפאלען אין די הונדערטער מלחמות זינט אייער צייט רעכענונג? יע, איין קריסטליך פאָלק האָט געקעמפט געגען א צווייט קריסטליך פאָלק. מען האָט זיך געשניטען די גאָרגלען, איהר האָט פארגאָסען טייכען בלוט פון אייערע אייגענע קריסטען, און אין דער זעלבער צייט ווילט איהר אונז איינריידען, אז אויב מיר וועלען אָננעמען אייער גלויבען וועט איהר לעבען בשלום מיט אונז... ווי אזוי קאָנען מיר נעמען אייערע רייד אין ערנסט, ווען מיר זעהן, אז די קריסטען צווישען זיך האָבען זינט קריסטוס, ניט אויפגעהערט צו פארגיסען אייגענע בלוט, האָבען ניט אויפגעהערט צו פירען מלחמות איינע מיט די אנדערע... די קנאה און שנאה פו זאיין קריסטליך פאָלק צו דער צווייטער, ווערט מיט יעדען יאָהר שטארקער. זאָגט מיר, איך פרעג אייך, ווען איין קריסטליך פאָלק געהט מלחמה האלטען מיט א צווייט פאָלק, טוט זי עס מיט דער צושטימונג פון קריסטוס׳ן?... האָט דען אייער יעזוס ניט געפּריידיגט שלום, עניוות, גוטהערציגקייט אפילו צום שונא. האָט דען אייער יעזוס ניט געפּרעדיגט, אז ווען איינער דערלאנגט דיר א פּאטש אין דער לינקער באק, שטרעק איהם אויס אויך דיין רעכטע באק, ער זאָל דיר געבען נאָך א פּאטש? איצט פרעג איך אייך, טוען די קריסטען דאָס וואָס יעזוס האָט געפּריידיגט און געהייסען טאָן? ער האָט אייך אָנגעזאָגט איהר זאָלט לעבען צווישען זיך בשלום, הערט איהר זיך ניט אויף צו קריגען און פארגיסען טייכען בלוט! ער האָט אייך געהייסען זיין קליין און נידעריג, האלט איהר זיך שטאָלץ, און זוכט בלויז צו ערנידעריגען דעם צווייטען! ער האָט אייך געהייסען דערלאנגען די צווייטע באק, ווען עמיצער פּאטש אייך, איהר באפאלט יענעם, אן אומשולדיגען און איהר טרעט איהם מיט די פיס, איהר פארגיסט זיין בלוט... קאָנט איהר מיר זאָגען, אז דאָס איז קריסטליך? אז איהר זייט גוטע קריסטען?... ניין, איהר זייט ביי מיר ניט קיין גוטע קריסטען, און ווי באלד אז איהר אליין זייט ניט קיין גוטע קריסטען און איהר היט ניט דאָס וואָס א גוטער, געטרייער קריסט דארף אָפּהיטען, טאָ ווי אזוי ערוואַרטעט איהר, אז מיר זאָלען ווערען קריסטען?

— מיר זוכען דעריבער צו פּריידיגען אין די קירכען שלום! — האָט אנטאָן געזאָגט.

— ווען איך וואָלט ניט געוואוסט, אז איהר פּריידיגט אין אייערע קירכען האס צום אידען, וואָלט איך אפשר געקאָנט גלויבען, אז דאָס איז ניט די שולד פון דער קירכע! — האָט ר׳ מנחם געזאָגט — אָבער איך ווייס איין זאך, אז קריסטוס לערענט אייך ווי אזוי צו באגעהן מיט אייערע שונאים, ווי אזוי איהם צו באהאנדלען, און איהר, אנשטאט צו פארשפּרייטען זיין לעהרע צווישען דעם אומוויסענדען המון, העצט איהר זיי אויף צו מאכען פּאָגראָמען אויף אידען און טאקע אין נאָמען פון אייער קריסטוס? קאָן דען געמאָלט זיין א גרעסערע זינד וואָס איהר באגעהט געגען אייער גאָט מיט דעם וואָס איהר טוט פּונקט קאַפּויר וואָס ער האָט אייך אָנגעזאָגט?... איך ווייס וויפיל אידיש בלוט עס איז פארגאָסען געוואָרען גלייך נאָכדעם ווי זיי

פּלעגן ארויס פון קירך אויפגערעגטע, אויפגעהעצטע פון די גלחים? קאָנט איהר מיר דען זאָגען, אז דאָס איז געטאָן געוואָרען אין נאָמען פון קריסטוס?

— אָבער די אידען זיינען פון תמיד אָן געוועזן די שונאים פון קריסטענטום!

— האָט דער גלח געזאָגט.

— נו לאָמיר אָננעמען, אז זיי זיינען געוועזן שונאים, ווייסט איהר דאָך, אז זיי זיינען געוועזן בארעכטיגט צו זיין שונאים נאָכדעם ווי די קריסטען פלעגען באהאנדלען די אידען אויף אזא ניט קריסטליכען אופן! אָבער איהר, קריסטען, זייט דאָך פארזאָגט געוואָרען פון יעזוס'ן צו באהאנדלען פריינטליך אפילו אייער שונא, האָט איהר דאָס דען געטאָן, האָט איהר דען פראקטיצירט דאָס וואָס ער האָט אייך געהייסען? ניין, דאָס האָט איהר קיינמאָל ניט געטאָן! איהר האָט געפריידיגט האַס, נקמה און בלוט פארגיסונג... איר האָט ניט נאָר ניט איינגעהאלטען א צעיושעטען המון ווען ער איז באפאַלען אומשולדיגע, הילפלאָזע אידען, און אומ'רחמנות'דיג געשאָכטען קינדער און פרויען... נאָר איהר האָט זיי נאָך מעהר צערייצט, כדי ארויסצורופען אין זיי דאָס בייזע בלוט. ווען איהר זיי קאָנען אָנרופען קריסטען? ניין, זיי זיינען ניט קיין קריסטען, די וועלכע היטען ניט אָפּ זיינע געבאָטען!

ווען מנחם האָט געענדיגט ריידען, האָט ער באמערקט ווי עפּעס א פייערל האָט זיך אָנגעצונדען אין די אויגען פון גלח. ער האָט אויך געוואָרפען א בליק אויף דעם גראף, און ער האָט באמערקט פון דעם אויסדרוק פון זיין פּנים, אז ער האָט זיך מיט איהם ניט באדארפט אריינלאָזען אין א ויכוח וועגען זיין גלויבען... אין דעם גראף'ס צימער האָט דערווייל געהערשט א שטילקייט, וואָס האָט נאָך מעהר באַאומרוהיגט ר' מנחמ'ן. ער האָט זיך גאָר פארגעסען, אז עס איז אָנגענומען געוואָרען ביי אידען זיך ניט אריינצולאָזען אין א ויכוח וועגען דער קריסטליכער אמונה מיט א גייסטליכען, ווייל אזוי שנעל ווי זיי ווערען צוגענאָגעלט צום וואנט, איז אנשטאט נאָכצוגעבען, אז זיי זיינען אומגערעכט, ווערען זיי אָנגעצונדען מיט צאָרן און ערשט דאַן וועלען זיי העצען צו בלוט פארגיסונג. דאָס האָט שוין ניט איינמאָל פּאסירט...

און ער האָט עס באדארפט וויסען, אז מיט אזא גלח ווי אנטאָן, וועגען וועמען וואלענטי האָט איהם שוין געהאט דערצעהלט, אז ער איז דורכגעדרונגען מיט זינד... מיט אָט אזא גייסטליכען האָט ער זיך ניט באדארפט אריינלאָזען אין א ויכוח.

אנטאָן האָט זיך פּלוצלונג א הויב געטאָן פון זיין פּלאץ, און ער האָט אויסגערופען:

— דער זשיד האָט געלעסטערט אונזער אמונה! — ער האָט אָפּגע"חוזק'ט פון די קריסטען, ער האָט אויך באַאיינפלוסט דעם יונגען גראף פּאָטאָצקי... ווייל אין איהם זיצט דער טייוועל.

ווירדיגער גלח! — האָט ר' מנחם זיך אָנגערופען, זיין דורכלויכט, דער גראף האָט דאָך די גאנצע צייט געהערט וואָס איך האָב געזאָגט. איך האָב ניט חוזק געמאכט פון אייער אמונה, נאָר איך האָב בלויז געזאָגט, אז די אזוי גערופענע קריסטען, זיינען ניט קיין גוטע קריסטען, ווייל זיי טוען ניט די געבאָטען פון קריסטוס, וועלכער האָט ניט אויפגעהערט צו פּריידיגען שלום און ליבע ,און איהר טוט פּונקט דאָס פארקערטע!

— און ווער ביזטו, פארשאָלטענער זשיד, אז דו זאָלסט זאָגען אויב מיר זיינ..ן גוטע קריסטען צי ניט! איך וויל, אז איהר זאָלט וויסען, גראף פּאָטאָצקי, אז אָט דער זשיד האָט אויסגעאיבט א גאָר שטארקען איינפלוס אויף אייער זוהן, און איך גלויב, אז ער האָט איהם אראָפּגעפיהרט פון וועג.

א טויט שרעק איז באפאלען ר' מנחמ'ן. זאָל עס זיין, אז מען האָט זיך דערוואוסט, אז וואלענטי איז אוועק קיין אמסטערדאם צו ווערען א איד! אויב דאָס זאָל האָבען געשעהן וועלען די פּאָלגען זיין טרויעריגע פאר אלע אידען פון ווילנא... און אפשר האָבען זיי בלויז א פארדאכט אויף איהם, און ער וועט זיך דארפען האלטען פעסט, אז מען זאָל איהם ניט קאָנען באשולדיגען.

— זאָג מיר, מנחם! — האָט דער גראף זיך צו איהם געווענדעט, — פארוואָס האָסטו מיר קיינמאָל ניט געזאָגט, אז מיין זוהן, וואלענטי, קומט צו דיר אזוי אָפט, און ער ווערט באַאיינפלוסט דורך דיר!

— גנעדיגער גראף! — האָט ר׳ מנחם איהם געענטפערט — אָט קום איך אריין צו אייך אזוי אָפט, האָב איך דען אייך באאיינפלוסט? דער יונגער גראף איז געווען זעהר א פריינטליכער מענש, און ער פלעגט אריינקומען צו מיר אין הויז, אָבער איך פארזיכער אייך, אז מיט איהם האָב איך זיך קיינמאָל ניט אריינגעלאָזען אין קיין ויכוחים, ווייל ווי איך האָב איהם געזעהן, איז ער געווען דער אמת׳ער קריסט, וועלכער האָט גע־פראקטיצירט דאָס וואָס קריסטוס האָט אָנגעזאָגט.

— פארוואָס פרעגט איהר איהם ניט, ווי אזוי קומט עס, אז זיין פריינט פון פאריז זאָל אויך ווערען דער פריינט פון וואלענטי און זארעמבא? — האָט דער גלח זיך געווענדעט צו דעם גראף — פון דעם וואָס איהר האָט מיר דערצעהלט וועגען אייער זוהנ׳ס אויפפירונג אין פאריז, בין איך געניגט צו גלויבען, אז דאָס האָט ער איהם באאיינפלוסט ער זאָל קומען צו איהם. און דערפאר האָט ער זיך אָנגעפאנגען אויפצופירען אזוי מאָדנע.

— לויט ווי איך האָב געהערט — האָט ר׳ מנחם זיך אָנגערופען — געפינען זיך אין פאריז פילע יונגע לייט, וועלכע פירען זיך אויף ניט ווי עס איז אָנגענומען ביי אונז, עלטערע, אָבער, דאָס האָט גארניט וואָס צו טאָן דאָמיט, וואָס ער פלעגט באזוכען מיין פריינט אין פאריז.

— פארוואָס איז אייער זוהן פלוצלונג פארשוואונדען געוואָרען און קיינער ווייסט ניט וואוהין ער איז אהינגעקומען? — האָט דער גלח זיך ווידער געווענדעט צום גראף — איך וואָלט די דאָזיגע זשידעס ניט געטרויט. זיי זיינען פעהיג צו טאָן דאָס ערגסטע... איך וויל עס ניט ארויסברענגען אויף מיינע ליפען, אָבער עס איז דאָך א באוואוסטע זאך, אז פילע אידען באנוצען זיך מיט קריסטליך בלוט פאר זייערע מצות פאר פסח, און ווער קאָן וויסען וואָס דער זשיד אין פאריז האָט געטאָן צו איהם... עס קאָן זיין, אז ער האָט ביידען, סיי וואלענטי׳ן און סיי זארעמבא׳ן אריינגענארט מיט זייערע גוטע רייד, און ער האָט זיי ביידען אומגעבראכט...

דער גראף האָט א קוק געטאָן אויף דעם גלח און אין זיינע אויגען איז געווען שרעק.

— עס איז דאָך שוידערליך אפילו צו טראכטען פון אזא מעגליכקייט! — האָט פאָטאָצקי אויסגערופען — איהר מיינט, פאָטערל, אז די אידען זיינען אזוי פארדאָרבען, אז זיי וועלען אומברענגען זייערען א קריסטליכען פריינט?

— זיי וועלען פאר זייערע רעליגיעזע צוועקען אפילו זייער אן אייגענעם קינד אומברענגען! — האָט דער גלח געזאָגט — איהר ווייסט דאָך, וואָס זיי טוען צו זייערע קינדער, איינגלאך, וועלכע ווערען בלויז אכט טעג אלט... יע, איך וואָלט יעדען איינעם פון זיי חושד געווען אין טאָן דאָס ערגסטע. ווען איך נעם טראכטען פון דעם, דוכט זיך מיר, אז אזוי האָט טאקע פאסירט. לויט ווי איהר האָט מיר דערצעהלט, האָט איהר אויסגעפונען, אז וואלענטי און זיין פריינט זיינען פארשוואונדען געוואָרען פון פאריז אָנפאנג פריהלינג, און דאָס איז פונקט די צייט ווען די זשידעס זיינען גרייט צו פארגיסען קריסטליך בלוט פאר זייערע רעליגיעזע צוועקען.

— הער גראף! — האָט זיך ר׳ מנחם אָנגערופען מיט צאָרן — איך מוז מיט דער פולסטער ענטריסטונג צוריקשליידערען די דאָזיגע פאלשע באשולדיגונג וואָס אומוויסענדע, פארדאָרבענע קריסטען האָבען אויסגעטראכט אויף אונז. דאָס וועט אלע מאָל בלייבען א פלעק אפילו אויף די גוטע קריסטען אזוי לאנג ווי זיי וועלען דולדען די דאָזיגע שענדליכע בלוט בילבולים אויף אונז אידען.

— איהר הערט, גראף, ווי דער זשיד באליידיגט מיך! — האָט דער גלח זיך באקלאָגט.

— ניין, איך באליידיג בלויז די דאָזיגע בייזוויליגע אומוויסענדע ,וועלכע גלויבען אין אזעלכע אויסגעטראכטע נארישקייטען. אָבער איך בין איבערציינגט, אז איהר באלאנגט ניט צו יענעם קלאס קריסטען, אז איהר ווייסט און איהר זייט ביי זיך אין הארצען איבערציינגט, אז דאָס איז א בלוט בלבול אויף דעם אידישען פאָלק, איהר אלס געלערנטער גייסטליכער ווייסט גאנץ גוט, אז מיר אידען ווייקען און זאלצען פלייש פון כשר׳ע בהמות, כדי

עס זאָל ניט פאַרבלייבען קיין בלוט... מיר זיינען פאַרבאָטען צו עסען מיט בלוט פון אונזער הייליגער תורה, און דאָס איז דאָס בלוט פון בהמות וואָס אונז איז ניט ערלויבט צו עסען, איצט קאָנט איהר דאָך באַגרייפען ווי מיר קאָנען זיך צורירען צו מענשליך בלוט. זאָל מיר דער גלח באַווייזען אז אין אונזער תורה איז פאַראַן אַן אָנוואונק אַז מיר דאַרפען זיך באַנוצען מיט קריסטליך בלוט...

— אין אייער תורה איז ניטאָ וועגען דעם — האָט אַנטאָן צוגעגעבען, אָבער אייער תורה איז דאָך אויסגעטייטשט געוואָרען פון אייערע תלמודיסטען, און זיי האָבען שוין געפונען דאָרט אַן אָנדייט!

— איך וואָלט אייך געבעטען, הער גראַף, איהר זאָלט פאַרלאַנגען פון אייער גלח, ער זאָל באַווייזען, אז ביי אונז אין תלמוד געפינט זיך אַן אָנדייטונג צו באַנוצען זיך מיט מענשליך בלוט פאַר אונזערע רעליגיעזע צוועקען. דער תלמוד איז אָפען פאַר יעדען איינעם, וועלכער זוכט איהם צו שטודירען. אויב ער וועט קאָנען באַווייזען, דאַן וועל איך זיין דער ערשטער איד פון ווילנאַ, וועלכער וועט גלייך אריבערגעהן צום קריסטענטום.

— נו, הייליגער פאָטערל, וועט איהר דאָס קאָנען באַווייזען האָט זיך דער גראַף צו איהם געווענדעט — איך וואָלט זעהר שטאַרק געוואָלט, אז דער פאַן מנחם זאָל ווערען אַ קריסט. איך בין זיכער, אַז אויב אייך וועט געלינגען דאָס צו באַווייזען וועט ער ווערען אַן אונזעריגער...

— אפילו ווען עס זאָל ניט זיין דערמאָנט אין תלמוד וועגען דעם, איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט אז צווישען זיי געפינען זיך אזעלכע גרופּען וועלכע באַנוצען זיך מיט קריסטליך בלוט פאַר זייערע רעליגיעזע צוועקען.

— איך וואָלט וועלען אַז איהר זאָלט עס אויך קענען באַווייזען, — האָט ר׳ מנחם געזאָגט, — אויב עס געפינען זיך אזעלכע וועלכע טרינקען מענשליך בלוט זיינען זיי געוויס ניט קיין אידען, נאָר זיי זיינען קאַניבאַלען און די וועלכע טראַכטען אויס אזעלכע בלבולים אויף אונזער פאָלק מיט׳ן צוועק אויפצורייצען דעם אומוויסענדען המון כדי ער זנל באַפאַלען די הילפלאָזע אידען, אָט יענע זיינען נאָך ערגער פון קאַניבאַלען.

—די וועלכע האָבען באַשולדיגט די אידען אין באַנוצען קריסטליך בלוט, זיינען געווען גוט עהרליכע קריסטען, — האָט דער גלח געזאָגט, — און זיי האָבען דאָס געטהאָן ווען זיי זיינען געווען איבערצייגט אז דאָס איז אזוי. קיינער פון אייך וועט מיר ניט קענען איבערצייגען אז דאָס איז ניט אזוי, און דאריבער בין איך באַרעכטיגט אויסצודריקען מיין מורא אז דער זשיד פון פאַריז האָט געהאט צו טהאָן מיט דעם וואָס דער יונגער גראַף וואַלענטי איז פּלוצים פאַרשוואונדען געוואָרען. יאַ, הערר גראַף, ווי לאַנג איז דאָס אז איהר האָט פון איהם נישט געהערט?

— עס איז שוין מעהר ווי אַ יאָהר, — האָט דער גראַף געענטפערט.

— נו, און איצט קען איך אייך זאָגען, הערר גראַף אז איך האָב געהאט אַ געלעגענהייט זיך דורכצוריידען מיט זארעמבאַ׳ס עלטערן, און זיי האָבען פון איהם אויך ניט דערהאַלטען קיין ידיעה שוין מעהר ווי אַ יאָהר... און נאָך מעהר, זארעמבאַ האָט דאָך איבערגעלאָזט אַ כלה, און אויך זי האָט פון איהם קיין בריעף ניט ערהאַלטען שוין באַלד צוויי יאָהר.

— איך און די גרעפין און אונזער טאָכטער קאַטערינאַ, זיינען שוין זעהר באַזאָרגט וועגען וואַלענטי׳ן — האָט דער גראַף זיך אָנגערופען — און אויב עס וועט פאַראיבער נאָך אַ קורצע צייט און מיר וועלען גאָר ניט הערען פון איהם, וועלען מיר זיין געצוואונגען צו נעהמען שריט! עס קאָן זיין אַז דאַן וועלען זיך די פּאָליציי פון פּאַריז אַ נעהם טאָן צו אייער פריינד... ווייל ווי אזוי אַנדערש קאָנען מיר ערקלעהרען מיין זוהן׳ס פּלוצלונגער פאַרשווינדען!

— מיין ווירדיגער גראַף! — האָט ר׳ מנחם זיך אנגערופען, — איך האָף אז איהר וועט איינזעהן אז דער גלח אנטאָן האָט פאָראורטיילען געגען אונז אידען, און איך האָף אַז איהר וועט עס נעהמען אין אַנבאַטראַכט איידער איהר קומט צום באַשלוס אַז אידען זיינען פעהיג צו באַגעהן אזעלכע פאַרברעכענס געגען די קריסטען. איך מוז אויסדריקען מיין העפטיגען פּראָטעסט געגען אזעלכע אַנדייטונגען.

אלץ וואס איך ווייס איז, אז מיין זוהן איז פארשוואונדען געווארען און קיינער ווייסט ניט וואו ער איז אהינגעקומען. און וויבאלד אז ער איז געווען א שטענדיגער אריינגעהער צו אייער פאריזער פריינד, האב איך א רעכט איבערצוטראכטען דאס ערגסטע. איך קאן אפילו איהם פארדעכטיגען אין דעם, אז ער האט איהם שלעכטעס געטאן און אפשר טאקע זיך באנוצט מיט זיין בלוט פאר זיינע רעליגיעזע צוועקען.

ר׳ מנחם האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און זיך פארנייגט:

—ערלויבט מיר, הער גראף צו געהן אהיים. כ׳קאן דא מעהר ניט פארבלייבען, ווען מען ווארפט מיר אזא שווערליכע באשולדיגונג אין פנים.

— קיינער באשולדיגט דאך דיך ניט אין דעם פארברעכען! — האט דער גראף געזאגט — אלץ וואס דער גלח זאגט, אז עס קאן זיין אז דער פריינד דיינער אין פאריז, האט דאס געטאן, אנדערש קאנען מיר ניט ערקלעהרען זיין פלוצלונגען פארשווינדען. דאריבער האסטו קיין רעכט ניט זיך צו פיהלען באליידיגט און אונז פארלאזען.

— ווען מען באשולדיגט איין אידען אין אזא פארברעכען, איז עס א באשולדיגונג געגען יעדען אידען. איך גלויב אז עס איז ניט רעכט פון מיר צו פארבלייבען דא אזוי לאנג, ווי איהר שטימט איין מיט דעם גלח אז דאס איז מעגליך . . .

— איך הייס דיר פארבלייבען! — האט דער גראף פאטאצקי איהם געזאגט מיט א באפעלערישער שטימע — דו ווייסט דאך אז איך קאן ניט דולדען אז א איד ווערט ביי זיך צו שטאלץ.

— ווירדיגער גראף! — האט ר׳ מנחם אויסגערופען, — איך בין שטענדיג געגרייט אייך צו דינען מיט אלץ וואס איך קאן, אבער איך וויל אז איהר זאלט מיך ניט צונויפמישען מיט די אידען וועלכע זיינען אונטער אייער רשות. איך קום צו אייך פרייוויליג, און איך דיען אייך ווען איהר פארלאנגט עס פון מיר, אבער איך בין ניט פארשקלאפט צו אייך! איך וועל זיך ניט לאזען באלדיידיגען!

דער גראף פאטאצקי איז אויסער זיך געווארען פון כעס. ער האט זיך ניט געקאנט פארשטעלען אז א איד זאל צו איהםריידען מיט אזוי פיעל חוצפה. אמת, ער האט ניט קיין רעכט איהם צו באשטראפען, ווייל ער איז ניט אונטערגעווארפען זיין הערשאפט, אבער ער וועט איהם ווייזען ווי אזוי צו ריידען צו איהם מיט אזוי פיעל חוצפה.

— פארגעס ניט זשיד, אז דורך מיר פארדינסטו דיין ברויט! — האט פאטאצקי אויסגערופען — און אז איך וועל פון דיר אוועקנעהמען דיין פרנסה וועסטו שטארבען פון הונגער.

— דער באשעפער פון דער וועלט איז מיין שפייזער! — האט ר׳ מנחם געזאגט, — ער שפייזט אלע אידען און אלע זיינע באשעפענישען!

— אויב אזוי געה פון דאנען! מעהר זאל דיין פוס ניט אריבערטרעטען דעם שוועל פון מיין פאלאץ! — האט דער גראף אויף איהם א געשריי געטאן.

ר׳ מנחם האט זיך א נייג געטאן פאר דעם פריץ און ער איז ארויס. דער גלח אנטאן האט אין דעם געזעהען א נקמה אן אידען. ער האט שוין פון א לאנגער צייט געוואלט אז דער זשיד זאל ניט זיין קיין אריינגעהער אין דעם גראף׳ס פאלאץ, אבער עס איז פאר איהם געווען שווער דאס צו פועל׳ן ביים גראף, וועלכער האט שטארק געהאלטען פון דעם אידען מנחם׳ן . . . איצט אבער וועט ער שוין איהם ניט מעהר דארפען אנקוקען. ער וועט קאנען בעאיינפלוסען דעם גראף א סך מעהר.

אזוי שנעל ווי ר׳ מנחם איז ארויס פון פאלאץ, האט זיך דער גלח אנגערופען:

— דער ווירדיגער גראף האט ארויסגעוויזען צופיעל גנעדינקייט צו די זשידעס און דאריבער האבען זיי געקראגען צופיעל חוצפה. מיין עצה איז צו מאכען אן אויספארשונג, און דערגעהן, וואס דער זשיד איז פאריז האט געטאן צו דעם יונגען גראף און צו זיין פריינד.

שפעטער, האט דער גלח געזוכט אויך צו ווירקען אויף דער גרעפין. ער האט איהם געזאגט, אז ער פארדעכטיגט אז די זשידעס האבען געטאן

שלעכטעס צו זיי ביידען. און דאריבער דארפען זיי זעהען וואס שנעלער צו מאכען אן אויספארשונג.

ר׳ מנחם האט געוואוסט, אז דער גלח וועט זוכען אן אויסרייד און עס קאן פאסירען, אז דער גראף וועט פארלאנגען אן אויספארשונג, דאן וועט מען דאך מעגליך דערגעהן, אז דער יונגער גראף וואלענטי האט זיך מגייר געווען, האט ער גלייך אנגעשריבען א בריוו צו זיין פריינד ר׳ אהרן ליפמאן און איהם אויסגעשריבען אין וואס פאר א געפאר זיי זיינען. ער האט איהם גערעטען אז ער זאל זעהן זיך צונויפשרייבען מיט וואלענטי׳ן און זארעמבא׳ן אז זיי זאלען זעהן שרייבען בריוו צו זייערע עלטערען און זיי בארוהיגען, ווייל אנדערש קאן זיין אז מען וועט זיי ארומזוכען און דאן קאן מען נאך אויסגעפינען אז זיי זיינען געווארען אידען.

אט דעם דאזיגען בריוו האט ר׳ מנחם געגעבען צו איינעם פון די סוחרים, וועלכע האבען אין גיכען געדארפט מאכען א רייזע נאך פראנקרייך. ער האט זיי אנגעבעטען אז זיי זאלען וואס שנעלער איבערגעבען דעם בריוו צו ר׳ אהרן ליפמאן אין פאריז.

— עס איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאר אלע אידען פון ווילנא, אז דער בריוו זאל וואס שנעלער דארט דערגרייכען ר׳ אהרן ליפמאן! — האט ר׳ מנחם געזאגט.

די סוחרים האבען גוט געקאנט ר׳ מנחם׳ן, און ווען ער האט זיי געזאגט ווי וויכטיג דאס איז, האבען זיי שוין קיינע פראגעס ניט געפרעגט. זיי האבען אפגעלייגט אלע זייערע אייגענע מסחריב און די ערשטע זאך וואס זיי האבען געטאן ווען זיי זיינען אנגעקומען אין א דריי וואכען ארום קיין פאריז, איז געווען איבערצוגעבען דעם בריוו צו ר׳ אהרן.

ר׳אהרן האט באשלאסען אליין צו מאכען דיריזע קיין אמסטערדאם, וואו וואלענטי און זארעמבא האבען זיך געפונען. ער האט זיך שטארק געשראקען טאמער וועט דערפון ארויסקומען א צרה אויף די אידען פון ווילנא.

## 17

צוויי יאהר צייט האבען ביידע וואלענטי און זארעמבא געלערנט ביי דעם גרויסען למדן און צדיק ר׳ אהרן ליפמאן. די ערשטע צייטען האט זארעמבא ביי זיך ניט געקאנט באשליסען צו מאכען דעם זעלבען שריט ווי זיין גוטער חבר וואלענטי, אבער ווען א שטיקעל צייט איז פאריבער, איז זארעמבא געווארען פולשטענדיג איבערצייגט פונקט ווי וואלענטי, אז די אידישע אמונה איז די ריכטיגע, און ער האט באשלאסען מיט זיין גאנצען הארצען צו ווערען א איד.

ער האט מיט וואלענטי׳ן געלערנט די תורה ביי ר׳ אהרן ליפמאן מיט דער גרעסטער התמדה. זעהר שנעל האבען זיי ביידע אנגעפאנגען צו לערנען גמרא, און ווען זיי זיינען שוין געווען גוט באהאווענט אין דער גמרא און אנדערע אידישע ספרים, האט ר׳ אהרן דאן באשלאסען אז עס איז געקומען די צייט נאכצוקומען זייער פארלאנג, זיי ביידען מגייר צו זיין. ער האט זיי דאן אוועקגעשיקט אין געהיים צו דעם אמסטערדאמ׳ער רב, וועלכער איז געווען זעהר באפריינדעט מיט איהם. ער האט זיי מיטגעגעבען א בריוו צו איהם ,און ווען זיי זיינען אנגעקומען, האט זיי דער רב אויפגענומען מיט פיעל פריינדשאפט און ער האט זיי אפגעשטעלט ביי זיך אין הויז.

קיינער א חוץ דער רבי׳צין האט פון דעם סוד ניט געוואוסט. די אנדערע אידען פון אמסטערדאם האבען געמיינט, אז דאס זיינען אנגעקומען צוויי יונגע אידען פון מרחקים, וועלכע ווילען לערנען תורה פון זייער רב.

שפעטער איז אין דעם סוד אויך אריינגענומען געווארען דער אידישער דאקטאר גמליאל ליכטער, וועלכער האט זיי גע׳אידישט. עטליכע טעג זיינען זיי אפגעלעגען קראנק אין דעם רב׳ס הויז, און ווען זיי זיינען געזונט געווארען, פלעגען זיי קומען יעדען טאג אין בית המדרש און דער רב פלעגט מיט זיי לערנען תורה.

זיי האבען ביידע פארלאזען בערד און פאות, זיי האבען געטראגען בגדים פון פרומע אידען, און אז עס איז געווען שווער זיי צו דערקאנען.

וואלענטי און זארעמבא האבען זיך

אזוי ארייננעטאן אין אידישקייט, אז זיי האבען איינגאנצען פארגעסען אן זייערע משפחות. שוין מעהר ווי דריי יאהר, אז זיי האבען צו זיי ניט געשריבען . . . זיי זיינען געזעסען טאג און נאכט על התורה ועל העבודה, און האבען פון קיין זאך נישט געוואלט ־וויסען.

צו זייער פרומקייט איז קיין גרעניץ ניט געווען. זיי האבען געפונען דעם קוואל פון זייער לעבען אין דער תורה. זיי האבען ביידע געלערנט מיט דער גרעסטער התמדה. און דער רב פון אמסטערדאם האט זיי געהאלפען מיט וואס ער האט געקאנט. ער האט זיי ערקלעהרט די שווערע ענינים און ער אליין האט באוואונדערט זייער גרויסקייט אין לערנען און זייער פרומקייט.

איינמאל ווען זיי זיינען ביידע געזעסען אין בית המדרש און געלערנט, איז דער רב דארט ארייננעקומען און זיי געזאגט, אז זיי האבען א גאסט און זיי זאלען זיך גלייך אומקעהרען מיט איהם אהיים.

וואלענטי און זארעמבא האבען זיך אומגעקעהרט צום רב אין הויז און זיי האבען דארט דערזעהן ר׳ אהרן ליפמאן.

זיי האבען זיך מיט איהם פריינדליך באגריסט און ער האט זיי גלייך איבערגעגעבען דעם בריוו פון ר׳ מנחם׳ס מאן.

— איהר פארשטעהט ! — האט זיך ר׳ אהרן צו זיי אנגערופען, — עס ליערט אויף אונז אלעמען זעהר א גרויסע סכנה. ווי עס ווייזט אויס זיינען זיי דארט, אין ווילנא שטארק בעאומרוהיגט. איך מיין אייערע משפחות ווייל זיי האבען דאך שוין לאנג ניט געהערט פון אייך. און זיי האבען באשלאסען צו מאכען אן אויספארשונג. ווי עס שיינט, פארבינדט דיין פאטער מיין פריינדשאפט מיט דיר, און אונזער ביידענס פריינדשאפט מיט ר׳ מנחם פון ווילנא, און ער וועט זיכער זעהען, אז מען זאל מיך ווידער אויספרעגען און עס קאן זיין אז עס וועלען זיך געפינען מענשען, וועלכע האבען געהאלטען אן אויג אויף אונז. דאריבער איז מיין עצה, אז יעדער פון אייך זאל שרייבען א בריוו צו זיינע עלטערען, און אנגעבען אז איהר געפינט זיך אין קליין שטעדטעל פון פראנקרייך, ווייל אויב זיי וועלען הערען אז איהר געפינט זיך אין אמסטערדאם, קאן זיין אז זיי וועלען קומען אהער אייך זוכען . . .

— מיינע עלטערען האבען מיר געשריבען אין דעם לעצטען בריוו וואס איך האב ערהאלטען אין פאריז, אז מיין כלה, יוליע געפינט זיך ביי זיי ! — האט זארעמבא זיך אנגערופען, — און אז איך וועל שרייבען צו זיי, וועל איך שוין מוזען שרייבען צו מיין כלה, ווייס איך אליין ניט וואס צו טאן. מיין הארץ טהוט מיר וועה, איך ווייס וויפיעל זי וועט ליידען פון דעם, ווייל זי האט מיך זעהר ליעב געהאט און איך וועל אין מיין בריוו ארויסווייזען גלייכגילטיגקייט צו איהר, וועט זי דאס אננעהמען פאר א צייכען אז זינט איהר פאטער איז פארארימט געווארען און פארלארען זיין טיטול גראף, ווייל איך פון איהר מעהר ניט וויסען.

—הער זיך איין, זארעמבא — האט זיך וואלענטי צו איהם אנגערופען, — לויט ווי איך פארשטעה, איז דיין יוליע זעהר א פיינע און זי באזיצט א גוטע הארץ. זי האט זיך אנגעזעהן פון די פארדארבענהייט פון אלע וועלכע זיינען געווען אין איהר סביבה און דו האסט איהר פאר דיין אוועקפאהרען דערצעהלט ווי אזוי דער גלח אנטאן, האט זיך אויפגעפיהרט צוזאמען מיט מיין פאטער, און מיט דער אויסגעלאסענער פרוי, ראשיעל, איך גלויב דאריבער, אז דו וועסט קאנען איהר בעאיינפלוססען אז זי זאל זיך אויך מגייר זיין, און איהר ביידע וועט ערגעץ קאנען אוועקפאהרען און לעבען זיך רוהיג ווי אידען.

— איך וויל אז דו זאלסט ניט פארגעסען, אז יוליע איז זעהר א פרומע קאטויליקין און ווער ווייסט אויב איך וועל דאמיט ניט ערגער מאכען אונזער לאגע.

— איך גלויב, אז דו ביזט באוואפענט מיט גענוג וויסען אין אידישקייט, אז דו זאלסט האבען בכח איהר איבערצוצייגען אין דער גרויסקייט פון דער אידישער אמונה. דו וועסט עס דארפען טאן ביסלעכווייז און דו אליין וועסט קאנען אורטיילען אויב דו וועסט איהר קאנען דערצעהלען דיין סוד צו ניט.

— און וואָס זאָל איך טאָן ? — זיך ארומשערן און ארומגאָלן און אַנטאָן אנדערע בגדים און דו זאָלסט פאָהרען צוריק קיין ווילנא, צו דיינע עלטערן. דו וועסט דערווייל זיי איבערגעבן א גערוס פון מיר און טאַקע מיינעם א בריוו, וואו איך וועל זיי שרייבן, אז איך האָב באשלאָסן צו פארבלייבן אין דער פרעמד פאר נאָך עטליכע יאָהר, ביז וואנען איך וועל פיהלן, אז איך האָב פארענדיגט מיין שטודיום. דאמיט וועלן זיך מייניגע באַרוהיגן און וועלן מעהר ניט טראכטן וועגן ארומזוכן מיר. זיי וועלן דאן אויך מעהר ניט האבן קיין פארדאכט אויף ר' אהרן און אויף ר' מנחם'ן.

— אבער ווי אזוי וועל איך קאָנען צוריקקעהרען זיך צו מיין פריהערדיגן לעבן, איך מיין ווי אזוי וועל איך קאָנען געהן אין קלויסטער, און עסן טרפות . . .

— איך בין זיכער, אז גאָט וועט דיר ניט פאררעכענען פאר א זינד, ווען דו וועסט עס טאָן מיט דער כונה, צו פארזיכערן און באשיצן אלע אונזערע אידישע פריינד, וועלכע האבן אונז געהאָלפען אין אונזער הייליגער אונטערנעהמונג.

— ניין, מיין פריינד, — אָהן דיר קאָן איך ניט פאָהרען ! — האָט זארעמבא געזאגט. — טו אויך דאָס זעלבע ווי איך.

— דו האָסט דאָך א כלה אין וועמען דו ביזט פאראינטערעסירט זי זאָל זעהן דאָס ליכט פון דער אידישער אמונה, אבער איך . . .

— און איך וויים, אז דו האָסט שטארק ליעב געהאט יהודית'ן, ר' ליזער זוסקעס'עס טאָכטער און דו וועסט דאָך ניט דארפען זיך צוריקקעהרען צו דיין אַמאָליגער אמונה, דו וועסט צו זיי קאנען קומען און דאָרט פארבלייבן ביי זיי. דו וועסט קאנען זיצען אין בית המדרש און לערנען. ווייל קיינער וועט ניט וויסען ווער דו ביזט . . .

— אבער מיין פאטער האָט דאָך אין איליע זיין זומער פאלאץ און עס קאָן דאָך פאסירען אז אימיצער פון אונזער משפחה וועט מיך דערזעהן...

— הער זיך איין, וואלענטי, איך קאָן דיך דאָך שוין פיעלע יאָהרען און ווען איך וואלט דיך איצט דערזעהן, ניט וויסענדיג פון אלץ וואס מיר האבען דורכגעמאכט, וואלט איך דיך קיינמאָל ניט דערקאָנט. דיין פנים. מיט דיין באָרד און פאות, וועלען דיר קיינמאָל ניט פארראטען, אפילו דיין אייגענע מוטער וועט דיך ניט דערקאָנען.

ווען וואלענטי האָט דערהערט דעם נאמען יהודית, האָט זיך אין זיין נשמה דערוועקט זיינע אמאָליגע געפיהלען צו איהר . . . יע, איצט דערמאָנט ער זיך, אז ווען ער האָט זי צום ערשטען דערזעהען, איז צו איהם געקומען דער געדאנק זיך צו באקעהרען צום אידישען גלויבען. אומבאוואוסטזיניג, האָט ער געפילט אז זי, די שעהנע, יונגע טאָכטער פון ר' ליזער'ן, זיין פאטער ארענדאר, האָט איהם בעאיינפלוסט צו באגעהן אָט דעם דאָזיגען שריט . . . ערשט דאן, ווען ער האָט מיט איהר פארבראכט אביסעל צייט, און געהערט פון איהר מויל וועגען די אידישע גרויסע נביאים וואס זי האָט געקאנט ציטירען אויסווייניג, האָט אין איהם גענומען טליען דער פונק וואָס האָט זיך געפונען אין זיין נשמה, און וואס האָט זיך צעפלאַקערט אין א העלישען פייער, ביז וואנען ער האָט עס אויסגעלאָשען מיט דער הייליגער תורה. יע, ער איז איהר שולדיג זעהר א סך. עס קאָן זיין אז זארעמבא איז גערעכט. ער וועט זיך צוריקקעהרען טאקע אין איליע און ער וועט זיין ביי ר' ליזער'ן. דאָרט וועט ער זיך קאָנען אויפפיהרען ווי א פרומער איד . . . דאָרט וועט ער קאָנען לערנען און אפהיטען אידישקייט און זיין איבערגעבן דער הייליגער תורה . . .

— איך פאָהר מיט דיר ! — האָט וואלענטי פלוצלונג זיך אָנגערופען. יע, פון היינט אָן און ווייטער וועסטו מיך ניט רופען ביי מיין נאָמען, וואלענטי, דו וועסט מיך רופען ביי מיין אידישען נאָמען וואָס דער רב האָט מיר א נאָמען געגעבען, ווען מען האָט מיך מגייר געווען. מיין נאָמען וועט זיין אברהם בן אברהם... אזוי רופט מען מיך דאָ אין אמסטערדאם.

וואלענטי, אָדער ווי ער האָט זיך איצט גערופען — אברהם בן אברהם,

האָט זיך דורכגערעדט וועגען זיין פּלאַן מיט ר׳ אהרן. ער האָט איהם געזאָגט, אז באָריס זארעמבא וועט זיך צוריקקערען אהיים, ער וועט זיך ארומשערען, און אָנטאָן זיינע אמאָליגע בגדים. ער וועט זעהן אויב עס איז מעגליך, אז זיין כלה יוליע, זאָל אויך באַקערט ווערען צום אידענטום. אויב ניט, יועט ער איהר זאָגען, אז זיי קאָנען ניט חתונה האָבען און דאן וועט ער פּלוצים פאַרשווינדען. און איך, — האָט אברהם ,דער גר געזאָגט — וועל זיך צוריקקערען קיין איליע, וואו איך וועל זיצען און לערנען, איך בין זיכער, אז מיין פריינט, ר׳ לייזער זוסקעס, וועט זעהן, אז איך זאָל עס קאָנען דורכפיהרען.

די צוויי גרים, וואַלענטי און זארעמבא, האָבען זיך געזעגענט מיט ר׳ אהרן ליפּמאַן, און מיט דעם אמסטערדאמער רב, זיי האָבען נאָך ביידע געהאט גענוג געלט, און זיי האָבען זיך אוועקגעלאָזען אין וועג. זארעמבא האָט זיך ארומגעשוירען, ער האָט אָפּגעגאָלט זיין באָרד ,און אראָפּגעוואָרפען פון זיך די לאַנגע קאַפּאָטע. ווען אברהם בן אברהם האָט איהם באַטראַכט נאָכדעם האָט זיך א שמייכעל באַוויזען אויף זיינע ליפּען.

— דו ווייסט באָריס, — האָט ער זיך צו איהם אָנגערופען — מיר דוכט זיך, אז איצט וויפיל דו זאָלסט ניט וועלען פאַרבאָרגען דיין אידישקייט, קאָן מען דאָס מערקען אין דיינע אויגען. זינט דו האָסט זיך מגייר געווען, איז אין דיינע אויגען פאָרגעקומען א גרויסע ענדערונג, און דער וועלכער וועט זיך גוט אין זיי איינקוקען וועט זעהן, אז דו ביזט שוין ניט מעהר דער זעלבער ווי פריהער...

— זאָג מיר, אברהם, גלויבסטו, אז מיינע עלטערען און פריינט וועלען אין מיר דערקענען די דאָזיגע ענדערונג?

— אָ, ניין, האָט ער געענטפערט — בלויז דער, וועלכער קאָן טיף אריינדרינגען אין דער אידישער נשמה, יענער וועט קאָנען מערקען דעם אונטערשיד אין דיר.

עטליכע וואָכען האָבען זיי ביידע גערייזט צוזאמען, ביז וואנען זיי האָבען דערגרייכט ווילנא. דאָרטען האָבען זיי זיך צעשיידט. זארעמבא האָט איהם צוגעזאָגט צו קומען איהם באַזוכען ביי דער ערשטער געלעגענהייט.

— עס קאָן זיין, אז איך וועל קומען צו דיינע עלטערען איבערצוגעבען דעם גרוס פון דיר אין איליע, אין דיין פאָטער׳ס זומער פּאלאַץ. און פון דאָרט וועל איך זיך אריינכאַפּען צו ר׳ לייזער׳ן אין הויז, אומבאַמערקטערהייט. און איך וועל דיר איבערגעבען אַלץ וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט.

מיט א קליינעם פּעקעל אויף זיינע פּלייצעס, אין וואָס עס זיינען געווען זיינע תפילין ,א סידור און עטליכע גמרות און אנדערע קלייניגקייטען, האָט זיך אברהם בן אברהם אוועקגעלאָזען צו פוס קיין איליע. ער האָט געוואוסט דעם וועג ,און ער האָט אויסגעמאַרקירט אריינצוקומען אין שטעטעל אין אָוועגט, ווען עס איז שוין געווען טונקעל.

עס איז געווען א הייסער אָוועגט אין אָנפאַנג תמוז, ר׳ לייזער און זיינע צוויי אינגלאַך דוד און נפתלי זיינען מיט איהם געווען אין קלויז דאווגען מעריב. רבקה און יהודית האָבען צוגעגרייט די וועטשערע. יהודית איז געווען אָנגעטאָן אין א ווייסע שירץ און געהאָלפען איהר מאמען אין קיך. פּלוצלונג דערהערען זיי א לייכטען קלאַפּ אין טיר.

יהודית האָט אויפגעעפענט די טיר און זי האָט דערזעהן א באוואַקסענעם בחור, קאָנטיג א ישיבה בחור מיט א קליינעם פּעקעל. זי איז שוין געווען געוואוינט, אז א ישיבה בחור זאָל קומען צו זיי איבערנעכטיגען און אָפּעסען און געהן ווייטער, זיין וועג. זי האָט איהם געבעטען אריינקומען און זי האָט געזאָגט איהר מאמען, אז א ישיבה בחור איז געקומען, און זי האָט איהם געהייסען צוואַרטען אין צווייטען צימער.

— ער מוז געווים זיין דורשטיג!

— האָט יהודית צוגעגעבען — אָט וועל איך געהן אָנשעפּען ביים ברונעם אַ עמער קאַלטע וואַסער און איהם געבען א טרונק.

— געה, מיין טאָכטער! — האָט די מאמע געזאָגט און איך וועל דערווייל צוגעבען עפּעס צו דער וועטשערע, ער מוז דאָך זיין זעהר הונגעריג. איך וועל צושניידען נאָך א הערינג און צוליגען נאָך עטליכע בולבעס...

יהודית האָט גענומען דעם עמער און איז אוועק צום ברונעם, אָנגעשעפּט אַ עמער וואַסער און זיך

גלייך צוריקגעקערט. זי האט אריינ־
געבראכט א קענדעל קאלטע וואסער
און געגעבען דעם אורח.

אברהם האט איהר געדאנקט. ער
איז טאקע געווען זעהר דורשטיג פון
לאנגען וועג. ער האט געמאכט "שהכל"
און געטרונקען.

— איך האב נאך קיין מנחה און
מעריב ניט געדאווענט — האט ער זיך
צו איהר אנגערופען — אט וועל איך
וואשען מיינע הענט און זיך שטעלען
דאווענען.

יהודית האט איהם געוויזען וואו ער
קאן וואשען זיינע הענט, און אברהם
האט געוואשען זיינע הענט און זיך
געשטעלט דאווענען מעריב, דאווענענ־
דיג צוויי שמונה עשרה׳ס. ווען ער
האט געהאלטען אין דער צווייטער
שמנה עשרה, זיינען אריינגעקומען ר׳
לייזער מיט זיינע צוויי זיהן פון מעריב.

— מיר האבען אן אורח! — האט
רבקה געזאגט צו איהר מאן אין דער
שטיל.

— ווער איז ער — האט ער גע־
פרעגט.

— איך ווייס ניט, וויזט אויס א
פרעמדער, ער האט געמוזט געהן לאנג
צו־פוס, ווייל ער איז געווען זעהר פאר־
שטויבט פון וועג. ער דאווענט איצט
מעריב.

ר׳ לייזער איז צוגעגאנגען צו דער
טיר און ער האט א בליק געטאן אינ־
וועניג. ער האט באמערקט ווי א יונ־
גער מאן שטעהט נעבען דער מזרח
וואנט און דאווענט מיט גרויס כונה.
ער האט איהם ניט געוואלט שטערען,
און ער האט אנגעזאגט זיינע זיהן זיי
זאלען אהין ניט אריינקומען ביז ווא־
נען דער אורח וועט ענדיגען דאווענען.

ווען ער האט געענדיגט דאווענען
מעריב, איז ר׳ לייזער אריינגעקומען
אין צימער און איהם געגעבען "שלום
עליכם".

— עליכם שלום! — האט אברהם
איהם געדריקט זיין האנט.

— פון וואנען קומט א איד? —
פרעגט איהם ר׳ לייזער.

— פון מרחקים! — ענטפערט ער
איהם — יע, פון זעהר ווייט. איך בין
שוין אין וועג היבשע עטליכע ווא־
כען.

— נו, אויב אזוי מוזט איהר דאך
זיין זעהר מיד און הונגעריג, דאריבער
וועלען מיר זיך גלייך געהן וואשען און
זעצען עסען. איך וועל איצט ניט
באלעסטיגען אייך מיט קיין פראגעס.

ר׳ לייזער האט איהם אריינגעפיהרט
אין קיך, און ער האט איהם געהייסען
זיך וואשען צום ערשטען. דערנאך
האט ער זיך געוואשען און זיי האבען
זיך געזעצט ביים טיש. דער אורח האט
איינגעטונקט א שטיקעל ברויט אין
זאלץ און האט געמאכט "המוציא".

אויף דעם טיש האט געברענט א
קליין קעראסין לעמפעל. יהודית האט
דערלאנגט דעם ערשטען חלק צו דעם
אורח, אזוי האבען זיי זיך נוהג געווען,
אז דער אורח דארף קריגען זיין חלק
צום ערשטען און דאן פלעג דער טאטע
קריגען זיין חלק. אלע האבען זיך גע־
זעצט ביים טיש. און ווען יהודית
האט געזעהן, אז דער אורח עסט מיט
א גרויסען אפעטיט, האט זי איהם צו־
געגעבען נאך עפעס צו עסען.

ביים עסען האבען אלע געשוויגען.
אין צימער איז געווען טונקעל, און קיי־
נער האט ניט גוט געקאנט זעהן דעם
פנים פון דעם אורח.

אברהם בן אברהם האט באשלאסען
זיך ניט צו לאזען דערקענען ביז אין
דער פרי, ווען ער וועט זיך איבערציי־
גען, אז קיינער פון זיי האבען איהם
ניט דערקענט. ער האט דעריבער גלייך
נאכ׳ן בענשען געבעטען מען זאל איהם
אנווייזען אויף זיין צימער וואו ער
וועט זיך קאנען אויסרוהען.

יהודית איז גלייך אריין אין דעם
גאסט צימער און זי האט דארט אויס־
געבעט דעם געלעגער פאר דעם אורח.
זי האט ארויפגעצויגען פרישע ציכלאך
אויף די קעשינס און א ריינעם ליילאך,
און זי האט אלץ צוגעגרייט פאר דעם
אורח, און אברהם איז אהין אריין און
זיך געלייגט שלאפען. ער איז געווען
אזוי מיד ,אז ער איז אנטשלאפען גע־
ווארען אין מיטען קריאת שמע...

אויף מארגען אין דער פרי, איז ר׳
לייזער געגאנגען דאווענען, אבער דעם
אורח האבען זיי ניט געוואלט אויפווע־
קען, ווייל זיי האבען געזעהן, אז ער
איז זעהר מיד, און אז ער שלאפט גאנץ
געשמאק.

ווען זיי האבען זיך צוריקגעקערט
פון דעם ערשטען מנין, איז שוין דער
אורח געווען אנגעטאן. ער האט גע־
האלטען אין מיטען דאווענען. ער איז

געוועזן אנגעטאן אין תפילין, און זעענדיג, אז ער טראגט ניט קיין טלית ביים דאוונען, האבען זיי פון דעם געדרונגען, אז ער איז נאך א בחור...

ר׳ לייזער האט צוגעווארט מיט דעם פרישטיק לכבוד דעם אורח, בלויז זיינע זיהן האט די מאמע געגעבען עסען, ווייל זיי האבען געדארפט געהן אין חדר, וואו זיי האבען שוין געלערנט גמרא אין דער גרעסערער כיתה, און זיי פלעגען אנפאנגען לערנען זעהר פריה.

יהודית האט צוגעגרייט א גוטען פרישטיק לכבוד דעם אורח. זי האט אליין אויסגעמאלקען די קוה, און אריינגעבראכט א קרוג פרישע מילך.

זיי האבען זיך געוואשען צום עסען. רבקה האט דערלאנגט די פרישע הייסע געבעק וואס זי האט נאר־וואס געבאקען. זיי האבען זיך צוגעזעצט ביים טיש, און גענומען עסען פרישטיק. אין דער ליכטיגקייט האט יהודית געכאפט א בליק אויף איהם און זי האט זיך פאררויטעלט...

ר׳ לייזער האט אויך פון איהם ניט ארונטערגענומען די אויגען. עפעס פארמאגט דער פרעמדער אזעלכע ליכטיגע, ליבליכע און מילדע אויגען, ער האט אזא איידעלען פנים, וואס רופט ארויס צוטרוי, פריינטליכקייט.

אברהם בן אברהם האט געפיהלט זייערע בליקען אויף איהם, ער האט געווארט זיי זאלען איהם עפעס פרעגען, זיי זאלען איהם זאגען, אז ער קוקט זיי אויס באקאנט, אבער קיינער האט ניט גערעדט. ווייזט אויס זיי האבען ניט געוואלט באלעסטיגען דעם אורח מיט זייערע פראגעס.

— זאגט מיר, ר׳ לייזער, וואס מאכט ר׳ מנחם, און זיין אייניקעל חיים? — האט אברהם זיך פלוצלונג אנגערופען צו זיי.

— איהר קענט דען ר׳ מנחם׳ן, און חיים׳ן! — האט ר׳ לייזער אויסגערופען מיט ערשטוינונג. א, איצט פארשטעה איך ווי אזוי איהר זייט גלייך געקומען צו אונז! זאגט מיר, ווער זייט איהר, און פון וואנען קומט איהר.

רבקה און יהודית האבען אויך אנגעשטרענגט זייערע אויערען און אויגען. זיי האבען זעהר געוואלט וויסען ווער אט דער יונגערמאן איז... ער איז עפעס גאנץ אנדערש פון די אנדערע אורחים וואס זיי זיינען געוועזן געוואוינט צו האבען ביי זיך. ער רעדט אנדערש, ער איז געוויס ניט פון דאנען. ער זאגט דאך, אז ער קומט פון גאנץ ווייט...

— יע, איך קען ביידען, ר׳ מנחם און זיין אייניקעל, זעהר גוט! — האט דער אורח געזאגט — איך האב זיי שוין אבער ניט געזעהן היבשע עטליכע יאהר. זאגט מיר, וואס מאכען זיי?

— געלויבט איז השם יתברך, — ענטפערט ר׳ לייזער — זיינען ביידע א דאנק גאט געזונט — איך גלויב, אז איהר ווייסט, אז חיים איז שוין פארהייראט און האט שוין אפילו א זוהן. ערשט מיט עטליכע וואכען צוריק איז געוועזן דער ברית, און איך בין געוועזן סנדק... ער איז זעהר גליקליך. זאל איהם גאט העלפען ער זאל גליקליך זיין זיין גאנצען לעבען. ער איז דאך אזא טייערער יונגער מאן.

— און זאגט מיר, ווי געהט עס אייך? איך מיין ווי אזוי באהאנדעלט אייך דער גראף פאטאצקי?

— איך זעה אז איהר ווייסט א היבש ביסעל וועגען אונז! — האט ר׳ לייזער געזאגט.

— נו, עס פארשטעהט זיך, אז איך האב געהאט אזעלכע פריינד ווי ר׳ מנחם און זיין אייניקעל חיים, וועל איך אויך וויסען עפעס וועגען זייערע פריינד.

— איך דאנק אייך פאר דעם פרעגען! — האט ר׳ לייזער געזאגט — דערווייל איז דער גראף פאטאצקי גנעדיג צו אונז. ער איז איצט גראד אין זומער פאלאץ מיט זיין משפחה, דא אין איליע. אבער מיר לאזט ער צורוה. איהר ווייסט דאך מן הסתם וועגען אליץ, איך מיין דאס וואס חיים האט פאר מיר אויפגעטאן . . .

— יע, איך ווייס! — האט אברהם געזאגט.

— וואס, איהר ווייסט! — האט ר׳ לייזער אויסגערופען מיט שרעק.

— הם . . . איך האב געמיינט אז חיים האט דאס קיינעם ניט דערציילט. און אפשר מאך איך א טעות... איך מיין, אפשר האט אייך חיים דערציילט וועגען עפעס אנדערש. יע, וועגען וואס האט חיים מיט אייך גערעדט וועגען מיר?

— וואס הייסט וועגן וואס ? עס פארשטעהט זיך אז וועגן דעם טאנץ אין דעם גראף פאטאצקי'ס זומער פאלאץ !

— אָ ,איצט זעה איך אז איהר מוזט זיין זעהר א נאָהענטער פריינד פון חיים, ווייל איך בין זיכער, אז ער וואלט אזא זאך א פרעמדען ניט פארטרויט. זאגט מיר, איך בעט אייך, ווער זייט איהר ? און ווי הייסט איהר ?

— מיין נאָמען איז אברהם ! — ענטפערט ער. איצט בעט איך אייך קוקט זיך גוט צו צו מיר ? דערקאָנט איהר מיך ניט ? . . .

ר' ליזער, רבקה און יהודית האבען אויף איהם געקוקט מיט דורכדרינגענדע בליקען. זיי האבען געשאָקעלט מיט די קעפ אויף ניין, אז זיי דערקאָנען איהם ניט.

— אויב אזוי וועל איך אייך דערמאָנען ! — האָט ער געזאגט. — איך בין וואלענטי, דער זוהן פון גראף פאָטאָצקי ! . . .

—אָ, דער יונגער גראף פאטאצקי ! — האָבען אלע מיט אמאָל אויסגערופען, און עפּעס א שרעק איז זיי באפאלען.

— יע, מיינע פריינד, א דאנק גאָט, איצט בין איך א פאלקאמער איד. איך האָב געלערענט א סך ביי דעם גרויסען למדן ר' אהרן ליפּמאן אין פאריז, און דערנאָך האָבען מיר ביידע געלערענט ביי דעם אמסטערדאמער רב.

— וואס מיינט איהר ביידע ? — האָט איהם ר' ליזער געפרעגט נאָכדעם ווי ער איז ביסלעכוויז צו זיך געקומען פון דער איבערראשונג.

— איהר געדענקט, אז קורץ נאָך מיין ערשטער באקאנטשאפט מיט אייך בין איך אהער געקומען מיט מיין פריינד באָרים זארעמבא . . . ער איז זעהר א וואוילער יונג, און ער האָט זיך צוזאמען מיט מיר מגייר געווען... מיר זיינען ביידע גלייך אָנגעקומען אין ווילנא, ער איז אוועק צו זיינע עלטערען.

— א, ער וועט אויף זיך ברייננען אן אומגליק מיט זיין קומען צו זיינע עלטערען. זיי וועלען בשום אופן ניט דערלאָזען ער זאל . . .

— מיר האָבען געוואוסט, און דאריבער איז ער געקומען צו זיי פארשטעלט, איך מיין, ער האָט זיך מיט דער ערלויבעניש פון רב זיך ארומגעשאָרען און ארומגענאָלט. ער האָט אָנגעטאָן זיינע אמאָליגע בגדים און ער איז צו זיי אוועק אלס קריסט. ער וועט פּרובירען ווירקען אויף זיין כלה, זי זאל אויך אננעהמען דעם אידישען גלויבען, און דאן וועלען זיי ביידע פלוצלינג פארלאָזען ווילנא און זיי וועלען אבפּאָהרען אין א פרעמד לאנד וואו ז ייוועלען קאנען זיין גוטע אידען.

— און וואס וועט ער טאָן אז זיין כלה וועט זיך ניט וועלען צוהערען צו איהם ?

— וועט ער דאן אפּלאָזען דעם שידוך. ער וועט עס מוזען טאָן אזוי, ווייל זי ווארט אויף איהם, און אויב ער וועט ניט קומען, און זיך מיט איהר דורכריידען וועט זי אויף איהם ווארטען איהר גאנצען לעבען און ער וואלט ניט געוואלט אז זיין כלה זאל דורך איהם אזוי פיעל ליידען !

א היבשע ווילע האָט געדויערט ביז וואנען רבקה און יהודית זיינען צו זיך געקומען פון איבערראשונג. יהודית האָט געקוקט אויף איהם און געשטוינט, ער איז דאָך אן אמת'ער ישיבה בחור פון די אָרימע ישיבה בחורים, וועלכע פלעגען קומען צו זיי אזוי אפט. ער, דער יונגער גראף, וועלכער איז מיט עטליכע יאָהר צוריק צו זיי געקומען אום שבת רייטענדיג אויף זיין פערד. ער איז איצט א פולשטענדיגער איד. אָ, גאָט ווי גרויס זיינען דיינע וואונדער, האָט זי זיך געטראכט. זי האָט געוואוסט, אז ער פלאנט זיך צו באקעהרען צום אידענטום, אבער זי האָט זיך קיינמאָל ניט געקאנט פארשטעלען אז ער זאל זיין אזוי . . . איהר הארץ האָט גענומען פעסטער קלאפּען . . . איצט איז ער דאָך א איד . . . ער האָט פארלאָזען זיין אמונה, זיין רייכטום, זיין גרויסקייט און ער איז געווארען איינער פון זיי, ער וויל בעסער ליידען צוזאמען מיט דעם פארפאָלגטען און פארפלאָגטען פאָלק, ער וויל ניט מעהר האבען צו טאָן מיט די אידישע אונטערדריקער...

ווידער אמאָל האָט זי אויף איהם געווארפען איהרע בליקען, און איהרע געדאנקען זיינען שנעל דורכגעלאפען אין איהר מח . . . אט דער יונגער גראף פאָטאָצקי האָט דאָך געראטע-

וועט איהר פאטער פון א זיכערען טויט . . . זי געדענקט נאָך עס אלץ אזוי דייטליך, ווי אזוי ער האָט איבערגעגעבען ר׳ מנחם׳ען, אז איהר פאָטער איז אויסגעקליבען געווארען צו זיין דער קרבן, אז ער וועט דארפען טאנצען אין א געוועט טאנץ מיט יוזשוק׳ן, און דאן איז חיים אהער געקומען. יע, איהם אָט דעם גר אברהם, האָט זי צו פארדאנקען וואס איהר פאטער איז צווישען די לעבעדיגע.

— איהר האָט געטאָן א זאך וואָס ניט יעדער איינער איז זוכה—האָט ר׳ לייזער זיך צו איהם אנגערופען. — איהר וועט ביי אונז ניט פארערעכענט ווערען פאר בלויז א גר, איהר זייט א גר צדק, ווייל איהר האָט געבראכט דעם גרעסטען קרבן פאר אונזער אמונה. איהר זייט א צדיק גמור, און זאל גאט אייך באשיצען און אייך געבען גליק.

— איך האָב שוין דערגרייכט דאָס העכסטע גליק ! — האָט אברהם געזאָגט. — איצט, אז איך בין א פולשטענדיגער איד, פיל איך ווי ניי געבוירען . . . איך האב צעבראָכען די קייטען פון מיין פארגאנגענהייט און איצט קוק איך אויף דער צוקונפט. איך האָף אויף דער גאולה. און זאל מיר גאָט געבען כח צו ווידמען מיין לעבען צו אונזער הייליגער תורה . . . איך האָב געלערנט אין דער גמרא ווי ר׳ עקיבא האָט תמיד געוואונשען מקיים צו זיין דעם פסוק : ״ואהבת את ה׳ בכל לבבך ובכל נפשך״, — ליעב צו האבען גאָט מיט דעם גאנצען לייב און לעבען, און אזוי פיהל איך אויך, אפילו ווען מיין לעבען וועט זיין אין געפאהר, וועל איך ניט אויפהערען צו דיענן גאָט מיט מיין גאנצען הארצען.

— די ערשטע זאך וואָס מיר וועלען דארפען טאָן — האָט ר׳ לייזער אויסגערופען — איז צו זעהען אז דאָס זאל בלייבען א סוד צווישען אונז. קיינער טאָר ניט וויסען פון דעם, אפילו ניט אונזערע צוויי זיהן דוד און נפתלי, ווייל נאָך אלעמען זיינען זיי נאָך אינגלאך און ניט ווילענדיג קאָנען זיי זיך ארויסריידען פאר וועמען עס איז. איך ווייס, אז יהודית וועט וויסען ווי צו האלטען דעם סוד און דאָס זעלבע אויך איך און מיין פרוי . . . און מיר דוכט זיך אז קיינער וועט אייך בשום אופן ניט דערקאָנען אזוי לאנג ווי איהר וועט אויסקוקען אזוי. מיר אליין, וואלטען אייך קיינמאָל ניט דערקאנט ווען איהר זאָגט אונז ניט אויס.

— צוליעב דעם טאקע האָב איך זיך אזוי שנעל ניט געלאָזען דערקאָנען — האָט אברהם בן אברהם געזאגט — איך האָב זיך פריהער געוואלט איבערצייגען, אז עס איז זעהר שווער מיך צו דערקאָנען. איך פלאן צו זיצען אין בית המדרש און לערנען. געלויבט איז גאָט, וואס ער האָט מיר געגעבען פארשטאנד צו קאנען באגרייפען די טיפקייט פון אונעזר תורה. איך וועל זיצען טאָג און נאכט און לערנען . . . ווייל די תורה איז דער קוואל פון מיין לעבען. איך וועל דינען גאט מיט מיין גאנצען הארצען. איך דארף ניט קיין סך, איך בין א מסתפק במועט . . .

— געלויבט איז גאָט, אז מיר האָבען זוכה געווען צו האָבען איינעם ווי דו, וועלכער איז געווען א גראף, זאל איצט זיין אן אמת׳ער צדיק ! . . . — האָט ר׳ לייזער געזאגט.

— איך האָב נאָך א הונדערט דוקאטען, וואס איז מיר פארבליבען, און איך וויל דערפון קיין הנאה ניט האָבען, — האָב איך באשלאָסען דאָס איבערצוגעבען אויף צדקה, — האָט דער גר געזאגט. — איך וועל עס אייך איבערגעבען, און איהר וועט פארטיילען פאר די אָרימע לייט.

— יע, איך וועל איינגיכען זיין אין ווילנא און איך וועל דאָרט איבערגעבען דאָס געלט צו אונזער פריינד ר׳ מנחם, און ער וועט דאָס פארטיילען צו די אָרימע ישיבה בחורים — האָט ר׳ לייזער געזאגט. — איך וועל זעהען אייך צו ברענגען פון דאָרט א גאנצען ש״ס. איהר זאלט האבען אין וואס צו לערנען, ווייל דער ש״ס פון אונזער בית המדרש איז שוין אלט, און עס פעהלען היבשע עטליכע דפים פון מאנכע גמרות . . .

— איך וויל אז איהר זאלט ריידען מיט דעם שמש ! — האט אברהם געזאגט, און פון איהם פארלאנגען ער זאל מיר ערלויבען צו נעכטיגען אין בית המדרש . . .

— אָ, ניין, אברהם, איהר וועט שלאָפען ביי אונז אין הויז. איהר וועט

איז בית המדרש ניט קענען האָבען קיין רוה, איבערהויפּט אין ווינטער, ווען עס איז דאָרט זעהר קאלט. איהר וועט עסען און שלאָפען אין מיין הויז, און זאָל גאָט געבען אז אונזער סוד זאָל קיינמאָל ניט ארויסקומען.

— איך האָב באשלאָסען זיך איבערצוגעבען צו דער תורה אמווייניגסטען נאָך פינף יאָהר! — האָט אברהם געזאָגט, און דאריבער בין איך געגרייט אויף יעדען קרבן. איך וועל טאָן ווי עס שטעהט געשריבען אין פרק: פת במלח תאכל, ועל הארץ תישן... וחיי צער תחיה, ובתורה אתה עמל״...

— ווי גליקליך מיר קאָנען זיך שעצען — האָט ר׳ ליזער זיך אנגערופען צו זיין פרוי און טאָכטער, אז מיר הערען פון דעם גראַף׳ס מויל דברי תורה... ווער ווייסט, אויב עס איז טאקע ניט משיח׳ס צייט...

— געלויבט איז גאָט! — האָט רבקה מיט א זיפץ זיך אנגערופען — מיר זעהען טאקע די שטארקייט פון אונזער תורה...

ר׳ ליזער, וועלכער איז אליין אויך געווען א איד א בן תורה, האָט זיך מיט איהם אריינגעלאזען אין א תורה שמועס, און זיין ערשטוינונג איז געוואקסען מיט יעדער רגע. דער גר האט מיט איהם גערעדט אין לערנען, בריינגענדיג אויסצוגען פון גמרא און פון אנדערע ספרים. ער האָט געפרעגט קשיות, געענטפערט תירוצים. יהודית איז געזעסען אויף איהר פלאץ. זי האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון דעם יונגען גראַף, וועלכער איז איצט א פאָלקאָמער איד... וואס פאר א גרויסע ענדערונג אין איהם איז פארגעקומען. ער, וועלכער האָט געהאט דאָס בעסטע, וועלכער איז ערצויגען געווארען אין רייכטום און אין לוקסוס, וויל גאר איצט זיך פייניגען. ער וויל שלאָפען אויף א הארטען באנק, ער וויל עסען בלויז ברויט און זאלץ, און טרינקען וואסער און זיך איבערגעבען צו דער תורה...

טרעהרען האבען זיך באוויזען אין יהודית׳עס אויגען, ווען זי האָט אויף איהם א קוק געטאָן. זי האָט דערפילט אז איהר הארץ געהט אויס נאָך איהם. ער איז דאָך א סך העכער פון פיעלע אידען, גרויסע געלערנטע...

יענע זיינען דאָך געבוירען געווארען אין ארימקייט, און אין נויט, און עס איז דאָך קיין וואונדער ניט, אויב זיי זיינען גרייט צו ליידען צוליעב דער תורה... אבער ער, דער יונגער גראַף, וועלכער האָט געקאנט לעבען און געניסען פון אלע פארגעניגענס, ער האָט אלץ אויפגעגעבען און דערצו שטעלט ער דאָך זיין לעבען אין גרעסטען געפאהר, ווייל ווען מען וואלט איהם געכאפּט, וואלט ער זיכער זיין לעבען פארלאָרען...

זי האָט דערפילט אז זי האָט איהם ליעב, מעהר ווי אלץ אין דער וועלט... וואוסט וואָס ער טראכט וועגען איהר... ער איז טייער, זי האָט אבער ניט גע־ זי האָט דאָך געהערט אז ער האָט געזאָגט, אז ער וויל ווידמען נאָך פינף יאָהר צו לערנען די הייליגע תורה, אויב אזוי, וועט ער זיך אפילו ניט אומקוקען אויף איהר אָט די אלע יאָהרען, וואס ער וועט זיך איבערגעבען צום לערנען.

באלד האָט זי דערפילט זיינע בליקען אויף זיך און איהר הארץ האָט א צאפּעל געטאָן...

— יהודית! — האָט זיך אברהם פּלוצלונג צו איהר אָנגערופען — איך פיל, אז איך קום דיר א הארציגען דאנק.

— מיר, פארוואָס? — האָט יהודית איהם מיט ערשטוינונג אָנגעקוקט.

— מיט דעם, וואָס איך האָב דערזעהן די ליכט פון אונזער תורה, טאקע דורך דיר. דו געדענקסט ווען איך בין דאָ געווען דעם צווייטען מאָל, און דו האָסט גערעדט וועגען דער אידישער תורה מיט מיר און געבראכט ראיות פון דער תורה. ערשט דאן האָב איך דערפילט א שטארקע נייגונג צו לערנען און צו וויסען... איך האָב אין מיינע געדאנקען דיך פארגליכען מיט די אנדערע מיידלעך, איך מיין מיט די דאָזיגע פון מיין געוועזענער אומגעבונג, און איך האָב דערזעהן דעם טיפען אָפּגרונד, וואָס טיילט אייך פאנאנדער. איך האָב געזעהן דעם גרויסען אונטערשייד... פון איין זייט, איך מיין פון אונזער זייט, האָב איך געזעהן יונגע מיידלעך, וועלכע האָבען קיין זאך ניט אין זינען נאָר זייער פּוץ, לוקסוס און פארגעניגען... וועלכע זיינען הארצלאָז און גרויזאם...

פון דער צווייטער זייט, האָב איך גע־
זעהן דיך, אַ אידישע טאָכטער, וועל־
כע איז איידעל, צאַרט, גוטהערציג,
און מיט דעם גאַנצען האַרצען איי־
בערגעגעבען צו גאָט, זוכענדיג צו טאָן
גוטעס, וועלכע איז געלערענט אין
גאָט'ס תורה, און וועלכע האָט שכל צו
פאַרשטעהן און באַגרייפען זאַכען,
וואָס זיינען די הויפּט יסודות פון דער
וועלט . . . מיין האַרץ איז דאַן אויס־
געגאַנגען צו דיר און צו די אַלע, וועל־
כע זיינען אונטערגעוואָרפען די קאַפּרי־
זען פון די גרויזאַמע און אונוויסענדע
פּריצים, וועלכע האָבען די מאַכט צו
טאָן מיט איין אַלץ, וואָס זייערע הער־
צער געלוסטען . . . ערשט דאַן ווען
איך האָב געטראַכט וועגען דעם, האָב
איך מיין באַשלוס געמאַכט. איך האָב
דאַן באַשלאָסען, אַז מיין חלק איז מיט
אייך, די אונטערדריקטע, און ניט מיט
די אונטערדריקער . . . דאַריבער פיל
איך, אַז מיין גליק האָב איך דער־
גרייכט דורך דיין איינפלוס. און טאָקע
צוליעב דעם בין איך דיר דאַנקבאַר
מיט מיין גאַנצען האַרצען.

ר' לייזער און רבקה האָבען זיך צו־
געהערט צו זיינע רייד מיט גרויס
ערשטוינונג. זיי האָבען פון אַזאַ מענ־
ליכקייט קיינמאָל ניט געטראַכט. זיי
האָבען אַ קוק געטאָן אויף יהודית'ן,
און זיי האָבען באַמערקט, אַז איהר
פּנים איז רויט געוואָרען, אַז אין איה־
רע אויגען האָבען זיך באַוויזען טרעה־
רען.

אַ ווייילע האָבען אַלע געשוויגען. די
שטילקייט איז געווען אָן אָנגעצויגענע.
יהודית'עס פּנים האָט געפלאַמט . . .
זי האָט געהאַלטען איהרע אויגען אַרונ־
טערגעלאָזען צום באָדען. איהר האַרץ
האָט געפלאַטערט. ער, דער יונגער
שעהנער גראַף, איז איהר דאַנקבאַר.
ער גיט איהר אָנצוהערען, אַז זי האָט
אויף איהם געהאַט אַ גרויסע השפּעה.
ער גיט דאָך אַליין צו, אַז צוליעב
איהר איז איהם געקומען דער געדאַנק
צו ווערען אַ איד . . . דאָס איז אַ
באַוויין, אַז ער האָט זי ליעב געקראָ־
גען נאָך דאַן, ווען ער האָט זי געזעהן
צום ערשטען מאָל און מיט איהר
גערעדט.

דער גר אברהם בן אברהם האָט זיי
באַטראַכט שווייגענדיג, און דערנאָך
האָט ער זיך אָנגערופען:

— איך האָף, אַז איהר וועט אויף
מיר ניט קיין פאַריבעל האָבען, וואָס
איך האָב אויסגעגאָסען מיין האַרץ
פאַר אייך אויף אַזאַ אופן. איך פיל,
אַז איך בין נאָך ניט ווירדיג גענוג,
צו קאָנען טראַכטען פון אַזעלכע זאַ־
כען. דאַריבער האָב איך באַשלאָסען
צו ווידמען די קומענדע פינף יאָהר
צו דער תורה. איך וועל לערנען טאָג
און נאַכט ביז וואַנען איך וועל דער־
גרייכען מיין ציעל. ערשט דאַן, האָף
איך, אַז איך וועל קאָנען אייך קוקען
גלייך אין די אויגען און איך וועל
פאַררעכענט ווערען פון אייך פאַר
איינעם, וועלכער איז ווערט אַריינגע־
נומען צו ווערען אין דעם כלל ישראל.
איך וועל טאָקע נאָך היינט אוועקגעהן
לערנען אין בית המדרש. איהר וועט
זיך דורכריידען מיט דעם שמש ער
זאָל מיר לאָזען לערנען און נעכטיגען
אין בית המדרש . . . אויב איך וועל
באַגעגענען שוועריגקייטען אין לער־
נען, וועל איך זיך דאַן ווענדען צום
רב ער זאָל מיר דערקלעהרען . . . קיי־
נער וועט ניט דאַרפען וויסען ווער איך
בין . . . קיינער וועט מיך ניט דער־
קאָנען . . .

ר' לייזער איז גלייך אוועק מיט
דעם גר אין בית המדרש. קיינער איז
שוין דאָרטען ניט געווען אויסער דעם
שמש, וועלכער האָט זיך באַשעפטיגט
מיט ריין מאַכען דעם בית המדרש און
האַלטען אַלץ אין אָרדנונג.

ר' לייזער איז צוגעקומען צום שמש
און ער האָט זי צו איהם אָנגערופען
אין דער שטיל:

— דאָס איז אַ יונגער מאַן, אַ
גוטער פריינד פון ר' מנחם. ער קומט
פון גאַנץ ווייט און וויל זיך איבער־
געבען צום לערנען. איך האָב
אפילו געוואָלט ער זאָל נעכטיגען ביי
מיר און לערנען דאָ אַ גאַנצען טאָג,
אָבער ער וויל לערנען טאָג און נאַכט,
און ער וויל אפילו נעכטיגען אין
בית המדרש. דאַריבער וויל איך, אַז
איהר זאָלט איהם מקרב זיין און זעהן
אַז ער זאָל קאָנען לערנען דאָ אומ־
געשטערט. איהר פאַרשטעהט דאָך,
וואָס איך מיין.

דער שמש האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן
קאָפּ, ער איז צוגעגאַנגען צו אברהם'ן
און איהם געגעבען "שלום עליכם".

— זעהר גוט! — האָט ער זיך
צו איהם אָנגערופען — איך וועל אייך
געבען דעם שליסעל צו דעם שלחן,

וואו עס ליגען די ליכט, און צו די ספרים שאפע, און איהר וועט קאָנען דאָ לערנען טאָג און נאכט. איין זאך וויל איך אייך אָבער זאָגען, אז ווינטער וועט איהר דאָ פארפרוירען ווערען. ווען דער אויוועז ברענט נאָך, איז נאָך צו דערליידען אָבער ביינאכט איז אוממעגליך דאָ צו זיין.

— נו, וועל איך זיך איינוויקלען אין נאָך א בגד! — האָט אברהם געזאָגט — די תורה אליין וועט מיך האלטען ווארעם.

אָט אזוי האָט דער גר אברהם בן אברהם אָנגעפאנגען צו לערנען תורה אין דעם בית המדרש פון איליע. ער איז געזעסען א גאנצען טאָג און געלערענט מיט גרויס התמדה.

ר׳ לייזער האָט אָפּגעמאכט מיט׳ן שמש, אז ער זאָל צו איהם צוקומען צוויי מאָל א טאָג און נעמען עסען פאר דעם לערנער. ער האָט דעם שמש גוט באלוינט פאר דעם. ער האָט אויך דעם שמש אָנגעבעטען ער זאָל וואָס ווינציגער מיט איהם ריידען. — איהר פארשטעהט, ער איז א פרעמדער פון א ווייטען געגענד. איך האָב פּרובירט ביי איהם דערגעהן מעהר איינצעלהייטען וועגען זיין לעבען, אָבער איך האָב געזעהן, אז ער רעדט ניט גערן וועגען דעם, דאריבער האָב איך איהם שוין מעהר ניט באלעסטיגט, און איך בעט אייך טאָן דאָסזעלבע! ניט נאָר זאָלט איהר אליין מיט איהם ניט ריידען, נאָר ווען איהר וועט זעהן, אז אימיצער זוכט איהם צו שטערען, זאָלט איהר זיך ניט שעהמען און יענעם זאָגען, איהם ניט צו שטערן און מבטל זיין פון לערנען. איהר פארשטעהט, אז אויב ר׳ מנחם מאן, דער גרויסער למדן און צדיק פון ווילנא, האָט איהם אהער געשיקט, מן הסתם מוז ער זיין א וויכטיגער יונגערמאן, און מיר דארפען זיך ניט גריבלען אין זיין פארגאנגענהייט . . .

פונדעסטוועגען איז דעם שמש אָנגעקומען זעהר שווער צו פּועל׳ן ביי די אידען, וועלכע פלעגען קומען אין בית המדרש, זיי זאָלען איהם צורוה לאָזען. אין שטאָדט איז באלד פארשפּרייט געוואָרען דער קלאנג, אז אהער איז אנגעקומען א גרויסער לערנער, וועלכער איז געשיקט געוואָרען דורך ר׳ מנחם פון ווילנא צו ר׳ לייזער׳ן. יעדער איינער האָט עפּעס צוגעגעבען, און די נייגעריגקייט האָט געשטיגען ביי אלעמען.

בלויז נאָך איינער אויסער ר׳ לייזער, זיין פרוי און טאָכטער, האָט געוואוסט וועגען דעם גר אברהם, און דאָס איז געווען דער איליער רב, ר׳ יחזקאל, וועלכער איז שוין געווען א זקן, און איז שוין געווען רב אין איליע באלד דרייסיג יאָהר. ר׳ לייזער איז דעם זעלבען טאָג, נאָכדעם ווי ער האָט איהם געבראכט אין בית המדרש, גלייך אוועק פון דאָרט צום רב. און ער האָט זיך צו איהם אָנגערופען:

— ר׳ יחזקאל, איך וויל מיט אייך ריידען וועגען זעהר א וויכטיגען ענין.

— קומט אריין אין מיין צימער! — האָט ר׳ יכזקאל צו איהם געזאָגט, און זיי זיינען ביידע אריין אין א חדר מיוחד. — זעצט זיך — האָט ער אָנגעוויזען אויף א שטוהל, נעבען טיש.

ר׳ לייזער האָט זיך געזעצט נעבען רב, און ער האָט גערעדט מיט זעהר א נידעריגען קול:

— איך האָב נעכטען געקראָגען א וויכטיגען גאסט אין מיין הויז. ער איז געקומען פון אמסטעראם. ע׳ איז געקומען אהער ווייל ער וויל לערנען דאָ אין בית המדרש.

— פארוואָס האָט ער אויסגעקליבען דוקא איליע? — האָט דער רב איהם געפרעגט.

— אויב אזוי וועל איך אייך גלייך מוזען זאָגען ווער דאָס איז, אָבער איך איך דארף אייך דאָך ניט זאָגען, אז דאָס איז דער גרעסטער סוד, וואָס מיר האָבען ווען עס איז געהאט. איהר געדענקט דאָך, וואָס איך האָב אייך דערצעהלט וועגען חיים׳ן, דער איינייקעל פון ר׳ מנחם, וועלכער האָט מיין לעבען געראטעוועט דאן בעת ער האָט זיך פארשטעלט פאר מיר און געגאנגען טאנצען אין דעם גראף׳ס פאלאץ.

— יע, איך געדענק, און איהר ווייסט דאָך, אז ביז היינטיגען טאָג ווייסט קיינער ניט פון דעם . . . אָ, איך פארשטעה, אָט דער יונגערמאן איז געוויס אָט דערזעלבער חיים!

— ניין, רבי, ניט חיים איז צו מיר געקומען, נאָר דער, וועלכער האָט מעגליך געמאכט פאר חיים׳ן צו ראַטעווען מיין לעבען . . .

— און ווער איז דאָס? — פרעגט איהם דער רב.

— דאָס איז וואלענטי, דעם גראף

פאָטאָצקי'ס זוהן!

— איך פאַרשטעה אייך ניט! — האָט דער רב זיך אָנגערופען — איהר זאָגט דאָס אז ער איז געקומען פון אמסטערדאַם און וויל לערנען דאָ אין בית המדרש!

— יע, דאָס איז דער סוד! אָט דער יונגערמאַן האָט זיך מגייר געווען אין אמסטערדאַם. ער האָט פריהער געלערענט אין ווילנא ביי ר' מנחם'ן, דאַן אין פּאַריז ביי ר 'אהרן ליפּמאַן, און דערנאָך עטליכע יאָהר אין אמסטערדאַם ביי דעם דאָרטיגען רב, ביז וואַנען ער האָט איהם מגייר געווען. לויט מיין השגה, קאָן איך זאָגען, אז ער קאָן שוין גאַנץ גוט לערנען. און איצט האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אין איליע, און ער האָט באַשלאָסען דאָ צו לערנען אין בית המדרש.

— דער יונגער גראַף איז געוואָרען א איד! — האָט דער רב אויסגערופען — ווי אזוי האָט מען דאָס געקאָנט דערלאָזען אזא זאך! די סכנה איז דאָך זעהר גרויס!

— רבי, מיר האָבען אלע געטאָן אלץ, וואָס איז נאָר געווען מעגליך איהם אָפּצורעדען פון אָט דעם דאָזיגען שריט, אָבער ער האָט זיין באַשלוס ניט געענדערט. ער איז ניט נאָר א גר, א פּשוט'ער גר, נאָר מען קאָן איהם אָנרופען א גר צדק! ווייל ער אָהט באַשלאָסען צו ווידמען זיין גאַנצען לעבען צו דער תורה, און צו עבודת הבורא.

— אָבער, דאָ אין איליע, קאָן מען דאָך איהם דערקאָנען!

— ניין, עס איז זעהר שווער איהם צו דערקאָנען! ער האָט זיך אזוי געענדערט, אז אפילו ווען זיינע עלטערען זאָלען אויף איהם קוקען א גאַנצען טאָג וועלען זיי איהם בשום אופן ניט דערקאָנען. ער טראָגט א באָרד און פּאות, ער איז א איד ווי מיר אלע! ער האָט מיר געזאָגט, אז ער פילט זיך גליקליך, וואָס ער קאָן זיין א איד און דינען אונזער גאָט און לערנען אונזער תורה.

— דאָס איז דאָך איינע פון די גרעסטע וואונדער! א גראַף'ס א זוהן, זאָל אויפגעבען אלץ, וואָס איז איהם געווען טייער, און ווערען א איד, ליידען מיט אונז, און שלעפּען דעם שווערען יאָך פון אונזער גלות.

— ער האָט מיר געזאָגט, אז ער וועט זיין גליקליך אויפצואָפּפערען זיין לעבען פאַר דער תורה, פאַר דעם אידישען פאָלק. ער האָט מיר דייטליך געזאָגט, אז ווען עס וועט נויטיג זיין, וועט ער ווי רבי עקיבא זיך לאָזען שניידען און ברענען פאַר דעם גאָט פון ישראל. נו, זאָגט אליין, האָט מען געקאָנט אָט אזא גר אָפּריידען?

— וואו איז ער איצט? — האָט דער רב געפרעגט.

— ער איז איצט אין בית המדרש. ער האָט מיר געזאָגט, אז ווען ער וועט זיך אָנשטויסען אויף שוועריגקייטען אין לערנען וועט ער זיך ווענדען צו אייך. פאַרשטעהט זיך, אז איהר וועט מיט איהם ניט דאַרפען ריידען וועגען דעם, וואָס איך האָב אייך דאָ ערשט דערצעהלט.

ר' לייזער און דער רב זיינען אוועק אין בית המדרש און ר' לייזער האָט דעם גר פאַרגעשטעלט פאַר דעם רב.

ר' יחזקאל האָט איהם געגעבען "שלום עליכם" און פאַר א ווײלע האָט ער איהם באַטראַכט. ער האָט באַמערקט אז ער לערנט די מתכתא בבא בתרא, "פּרק המוכר פּירות", דף ק"א מיט די צייכנונגען פון די מערות און כוכין . . .

— מערקווירדיג, — רופט זיך אָן אברהם צום רב, וועלכער האָט אריינגעקוקט אין דער גמרא — ווי גרויס עס זיינען געווען די ידיעות פון אונזערע חכמים ז"ל אין חכמת החשבון. ווען מען פאַרטיפט זיך טיעף אין אזעלכע ענינים, קאָן מען זעהן אז שוין אין יענע צייטען האָבען זיי געוואוסט די געאָמעטרישע ליניעס.

דער רב איז געווען ערשטוינט צו הערען אזעלכע רייד פון דעם גראַף'ס זוהן. איז אריין מיט איהם אין א שמועס אין לערנען . . . און זיין ערשטוינונג האָט געשטיגען מיט יעדער רגע. ער איז דאָך טאַקע אויך א למדן . . .

דער רב האָט מיט איהם פאַרבראַכט א היבשע ווײלע, און ער האָט געפילט אז ער ווערט צוגעצויגען צו איהם. ר' לייזער איז געשטאַנען און זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך, מיט יראת הכבוד. ער האָט איצט איינגעזעהן, אז אָט דער גר באַזיצט א הייליגע נשמה. אז ער וועט נאָך באַלויכטען די אויגען פון אונזער פאָלק אין תורה.

שפּעטער, ווען דער רב און ר׳ לייזער האָבען פאַרלאָזען דעם בית המדרש, איבערלאָזענדיג דעם גר אליין, האָבען זיי צווישען זיך גערעדט:

— איך זאָג אייך, רבי, אַז איך קאָן קוים גלויבען מיינע אויערען ווען איך הער ווי אַזוי אַ גראַף׳ס אַ זוהן רעדט תורה. עס איז מיר אַזוי שווער צו באַגרייפען אַזעלכע זאַכען.

— ער וועט געהן אין די פוס טריט פון אונקלוס הגר — האָט דער רב זיך אָנגערופען — ער וועט ברייגנען דעם אידישען פאָלק אַ סך נוצען און זיין נאָמען וועט באַריהמט ווערען בכל תפוצות ישראל...

— זאָל גאָט געבען, אַז אַלץ זאָל געהן כשורה... מיר דאַרפען זיין אַזוי פאַרזיכטיג... איך האָב געזאָגט דעם שמש אַז ער זאָל זעהן מען זאָל איהם ניט באַלעסטיגען מיט פאַרשידענע פראַגען. איהר ווייסט דאָך ווי מיר אידען זיינען... מיר זיינען זעהר נייגעריג. און עס זיינען פאַראַן פיעלע צווישען אונז ביי וועמען עס איז רעכט אַריינצוקריכען מיט זייערע שטיוועל אין יענעמ׳ס נשמה. איבערהויפּט וואָלט איך זעהר געוואָלט זיך אויסהיטען פון יאָסעל׳ן דעם שניידער. ער איז איינער פון די דאָזיגע אידען...

— דאָס מוז פאַרבלייבען אַ סוד. קיינער טאָר ניט דערפון ניט וויסען — האָט דער רב ר׳ יחזקאל געזאָגט.

— איך וועל אַריינקומען יעדען נאָכמיטאָג אין בית המדרש און מיט איהם פאַרברייגגען אין לערנען. איך גלויב אַז איך וועל איהם קאָנען געבען צו פאַרשטעהן, אַז איך ווייס אַלץ וועגען איהם, כדי עס זאָל פאַר אונזביידען זיין גרינגער זיך צו פאַרשטענדיגען. ער וועט דאָך וויסען אַז ער האָט ניט וואָס מורא צו האָבען... איך זעה אַז ער איז שוין זעהר גוט באַהאַוועגט אין דער גמרא, דאָס באַווייזט אַז ער באַזיצט אַ וואונדערבאַרע קאָפּ, און אַז מוז געווים זיין אַ גילגול פון אַ גרויסען צדיק.

**18**

באָרים זאַרעמבאַ, דער חבר פון וואָלענטי׳ן, איז אָנגעקומען אין ווילנא אין אָוועגט. די איבערראַשונג פון זיינע עלטערען איז געווען אַזוי גרויס, אַז פאַר אַ ווײלע האָבע זיי קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסריידען פון גרויס פרייד. די מוטער זיינע איז איהם געפאַלען אויפ׳ן האַלז און געקושט. דער פאָטער האָט געדריקט זיין האַנט. און דערנאָך זיך אָנגערופען:

— דו ווייסט דאָך, אַז דיין כלה יוליע געפינט זיך ביי אונז.

— געווים ווייס איך! — האָט זאַרעמבאַ זיך אָנגערופען, — וואו איז זי איצט?

— זי איז אין איהר צימער! איך געה אַריין איהר אָנזאָגען, — האָט די מוטער אויסגערופען. — אוי, וועט זי זיין איבערראַשט! איך מוז דיר זאָגען דעם אמת, מיין זוהן, אַז מיר זיינען אַלע געווען זעהר שטאַרק באַזאָרגט וועגען דיר... פאַרשידענע קלאַנגען האָבען זיך אַרומגעטראָגען און מיר האָבען איבערגעטראַכט דאָס ערגסטע.

— און וואָס פאַר אַ קלאַנגען האָבען זיך אַרומגעטראָגען! — האָט זאַרעמבאַ מיט נייגעריגקייט געפרעגט.

— נו, מיר וועלען נאָך האָבען צייט וועגען דעם צו ריידען! — האָט די מוטער זיך אָנגערופען. — איך מוז אַריינגעהן אָנזאָגען יוליע׳ן. זי איז דאָך אַזאַ טייער קינד! זי האָט שוין אויסגעוויינט איהרע אויגען. מיר האָבען ניט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטען... אַזאַ לאַנגע צייט פון דיר ניט געהערט. און דער גראַף פּאָטאָצקי האָט דאָך אויך ניט געהערט פון זיין זוהן.

די מוטער איז צוגעגאַנגען צו יוליעס צימער און אָנגעקלאַפּט אין טיהר.

— יוליע, טייערע, — האָט זי אויסגערופען, מיר האָבען אַ גאַסט!

— באָרים! — האָט יוליע אויסגערופען און אַרויסכאַפּענדיג אויף זיך אַ קלייד, איז זי שנעל אַריינגעלאָפען אין דעם צימער וואו דער גאַסט איז געוועזן.

— הייליגע מוטער מאַריע! — האָט זיך יוליע איבערגע׳צלמ׳ט דריי מאָל און דאַן איז זי איהם געפאַלען אויף דעם האַלז און זיך שטאַרק צעוויינט פון גרויס גליק. זאַרעמבאַ האָט זיך אַרומגעוואַשען און זיי האָבען געגרייט צום טיש. ער האָט געזאָגט אַז ער וויל ניט עסען קיין פלייש, ווייל זייענדיג אין פּאַריז האָט ער זיך באַקאַנט

מיט עטליכע קריסטליכע יונגע לייט, וועלכע זיינען וועגעטאריאנער, און זיי עסען קיינמאָל ניט קיין פלייש. און ער ער וועט עסען דערוויל בלויז מילכיגס.

— לויט ווי איך האָב געהערט, געפינען זיך אין פאריז פארשידענע סעקטעס מיט פארשידענע מנהגים און געוואוינהייטען — האָט דער פאטער געזאגט — און איצט ביזטו אויך געווארען איינער פון זיי.

— נישקשה, האָט די מוטער געזאגט, — ער וועט אפזיין מיט אונז א קורצע צייט, וועט ער זיך אפגעוואוינען פון אָט די אלע נארישקייטען. איצט דערצעהל אונז, בּאָרים, וואס איז געווען די אורזאכע, וואס מיר האָבען פון דיר ניט געהערט אזוי לאנג.

— עס איז שוין באלד דריי יאָהר זינט מיר האָבען פון דיר געהערט דעם לעצטען מאָל, מיין טייערער — האָט יוליע זיך אָנגערופען — און איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אז ווען דער גלח אנטאָן, האָט אונז געגעבען אָנצוהערעניש, אז דו און וואלענטי זיינען געווים געפאלען קרבנות פון די זשידעס, האָבען מיר שוין אנגעפאנגען צו גלויבען . . . ער האָט מיר געזאגט, אז מען מאכט אן אויספארשונג אין פאריז וועגען דעם, און דער גראף פאטאצקי האָט אהין אוועקגעשיקט איינעם פון זיינע פריינד, ער זאל די זאך גוט אויספאָרשען. מיר זיינען שוין געווען געגרייט זיך נוקם צו זיין אן אלע אידען פון ווילנע. דו קאנסט זיך פארשטעלען ווען עס וואלט זיך ארויסגעוויזען אז דאָס איז אמת, וואלט איך אליין געווען די ערשטע צו פיהרען אונזערע יוגענד אויסצושלאכטען אלע אידען פון ווילנא.

— ווי אזוי קאנסטו גאָר טראכטען פון אזעלכע זאכען. איך גלויב אז עס איז שוין צייט פאר אייך אלעמען צו וויסען אז די אידען זיינען פרידליכע מענשען, זיי זיינען גליקליך אז מען לאזט זיי צורוה . . .

— אבער, מיין זוהן, האָסטו גאר ניט געהערט וועגען דעם אז די אידען באנוצען זיך מיט קריסטליך בלוט פאר זייערע מצות אויף פסח, און דאריבער איז עס גאָר ניט געווען אזוי אויסער'ן וועג, ניט צו פארדעכטיגען אז עפעס האט מיט אייך דאָרט פאסירט, בפרט ווען דער גראף פאטאצקי האָט אונז איבערגעגעבען אז זיין זוהן און דו פלעגען פארברייננגען א היבשע טייל פון אייער צייט, אין דעם הויז פון א אידען.

— יע, עס איז אמת, מיר האָבען טאקע פארבראכט ביי אידען א היבשע צייט, אבער גלויב מיר, אז ווען יענער איד וואלט ניט געווען קיין נאָבעלמאן, ווען ער וואלט ניט געווען קיין קלוגער, און געלערנטער וואלטען מיר ביי איהם קיין רגע ניט פארווייל. ווי אזוי קאָן גאר אימיצען פון אייך איינפאלען אז די אידען באנוצען זיך מיט מענשליך בלוט פאר זייערע רעליגיעזע צוועקען. ווי ווייט איך וויים, איז די אידען גאר פארבאָטען צו עסען בלוט פון די בהמות אפילו, עס איז דאָך אונז באוואוסט אז ווען א איד קויפט פלייש, מוז ער עס פריהער ווייקען און דערנאָך זאלצען, כדי עס זאל ניט האבען קיין בלוט . . .

— אבער דאָס הייליגע פאטעריל אנטאָן האָט דאָך ניט איינמאָל געזאגט אז זיי, די זשידעס באנוצען זיך מיט קריסטליך בלוט פאר זייערע רעליגיעזע צוועקען, — האָט יוליע זיך צו איהם געווענדעט.

— איך וועל נאָך מיט דיר אמאָל ריידען וועגען דעם ! — האָט זארעמבא זיך אנגערופען. — איצט אבער בין איך מיעד פון וועג. איך וועל זיך אויסרוהען און מאָרגען גאנץ פריה וועל איך אריבערגעהן צו דעם גראף פאָטאָצקי אין פאלאץ און איבערגעבען זיי אלעמען א גרוס און א בריוו פון וואלענטי'ן. איך בין זיכער אז זיי וועלען זיין זעהר צופרידען צו הערען אז ער איז געזונט און אז ער האָט באשלאָסען צו פארענדיגען זיין שטודיום אין דער פרעמד און נאכהער זיך צוריקקעהרען צו זיינע עלטערען.

— ווי איך האָב געהערט, זיינען זיי אלע אוועקגעפאהרען קיין איליע, אין זייער זומער פאלאץ, וואו זיי וועלען פארברייננגען ביז הערבסט — האָט יוליע זיך אָנגערופען.

— נו, גוט, וועל איך טאקע אוועק אהין צו זיי ! — האָט זארעמבא זיך אָנגערופען, און אויב דו ווילסט, יוליע קאָנסטו אויך מיט מיר מיטפאהרען אהין.

— א, נײן, מײן טײערער, װײסטו ניט, אז מײן משפחה איז צוקריגט מיט דער משפחה פון דעם גראף פאטאצקי. װען איך זאל מיט דיר אהין קומען, װאלט מיר קאטערינא, װאלענטינא'ס שװעסטער, ארױסגעטריבען, — װײל דו װײסט דאך געװיס װאס עס האט פאסירט צװישען מײן פאטער און דעם גראף פאטאצקי . . .

— יע, איך האב אלץ געהערט.

— זאג מיר װי פיהלט דײן פאטער איצט ?

— איך בעט דיך, בארים, טײערער, פרעג מיך בעסער ניט ! איך בין צופרידען אז איך האב זיך אן אלץ פארגעסען. מײן פאטער האט זיך שטארק באנארישט און גאט האט איהם דערפאר באשטראפט . . . ער איז שױן ניט מעהר דאס װאס ער איז געװען מיט עטליכע יאהר צוריק. מײן מוטער האב איך פארלארען צוליעב זײנע װילדע מעשים...

— יע, מײן טײערע, איך האב פון אלץ געהערט ! — האט זארעמבא געזאגט. — אבער איך האב געמײנט, אז אויף דיר װעלען זײ דאך קײן כעס ניט טראגען !

— קאטערינא'ס צארן ברענט אויף מיר ! — האט יוליע געזאגט — און דו, מײן געליבטער ביזט אין דעם א סך שולדיג !

— איך ! װאס האב איך געטאן!

— האט זארעמבא מיט ערשטױנונג אויסגערופען.

— װײל דו האסט מיך אויסדערװעהלט אנשטאט זי ! — האט יוליע געשמײכעלט—איך האב אויסגעפונען, אז זי האט שױן געהאט אן אויג אויף דיר פון א לאנגער צײט, און װען זי האט זיך דערװאוסט, אז איך בין פאר'קנס'ט צו דיר, האט זי ניט אויפגעהערט צו שטורמען. װען זי זעהט מיך איצט, װאלט זי מיר די האר אויסגעריסען ! איך בין זיכער, אז װען זי װעט דיך דערזעהן, װעט זי טאן אלץ װאס איז אין איהר מאכט מיך צו פאר'מיאוס'ן אין דײנע אויגען.

— װעגען דעם, מײן טײערע, האסטו ניט װאס צו זארגען. איך װעל ניט פארבײטען דײן קלענסטען נאגעל פאר איהר אינגאנצען...

— איך גלויב דיר, ליבסטער ! — האט יוליע געזאגט, און דערפאר האב איך ניט קײן מורא דו זאלסט אהין געהן, אבער איך װאלט זעהר געװאלט, א זדו זאלסט זיך פריהער אויסרוהען עטליכע טעג, דו ביזט דאך אזױ מיד פון אזא לאנגען װעג.

— נײן, טײערע, איך בין ניט זעהר מיעד ! איך װעל זיך בלױז אויסרוהען הײנט בײנאכט און דאן װעל איך קאנען אװעקרײטען אהין. און אויב דו װאלסט געװאלט מיט מיר מיטפאהרען װאלט איך געהײסען שפאנען די קאליאסקע, און מיר װאלטען דארטען פארבראכט צוזאמען עטליכע טעג.

— איך גלויב, אז עס װעט זײן א סך בעסער, אז מיר װעלען בײדע צוזאמען אהין ניט קומען... איך װעל דארטען ניט זײן װילקאמען... און צו װאס זאל איך אײך אלעמען פארשאפען אונאנגענעמעס...

זײ האבען פארבראכט ביז שפעט אין דער נאכט, זײ האבען געהאט זעהר א סך װעגען װאס צו רײדען, דאן איז בארים ארײן אין זײן צימער און זיך געלײגט שלאפען.

אויף מארגען איז זארעמבא אויפגעשטאנען זעהר פרי און ער האט זיך גענומען גרײטען צו דער רײזע קײן איליע. זײנע עלטערען אבער, האבען אויף איהם געװירקט ער זאל אמװײניגסטען בלײבען נאך א טאג מיט זײ, און דאן װעט ער פאהרען...

— עס װעט זײן א סך בעסער װען דו װעסט פאהרען אין א קאליאסקע — האט דער פאטער זײנער צו איהם געזאגט — רײטענדיג אויף א פערד װעט זײן זעהר שװער פאר דיר. איך װעל מיטשיקען דעם קוטשער און ער װעט דיך אװעקפיהרען קײן איליע.

— נײן, פאטער, איך װעל בעסער רײטען; אויף א פערד ! איך האב שױן לאנג ניט געריטען.

אזױ איז אװעק נאך א טאג און זארעמבא האט פארבראכט מיט זײן משפחה, אויף דעם דריטען טאג איז ער אװעקגעריטען אלײן קײן איליע. ער איז צוגעריטען צו דעם זומער פלאץ פון דעם גראף פאטאצקי, און װען ער האט זיך געלאזען מעלדען צו דעם גראף, איז קאטערינא איהם אנטקעגען געקומען און מיט פרײד אויסגערופען:

— װילקאמען ! װילקאמען, פאן זארעמבא ! — זי האט אויסגעשטרעקט צו איהם איהר האנט. קומט ארײן,

מיר זיינען גליקליך אייך צו באגריסן.

זארעמבא איז אריינגעקומען אין פאלאץ, און דער גראף און די גרעפין האבען איהם זעהר פריינטליך באגריסט.

— איהר וועט אונז פארגעבען, פאן זארעמבא, אויב די ערשטע פראגע וואס מיר שטעלען אייך איז וועגען אונזער זוהן, וואלענטי...

— עס איז דאך זעלבסטפארשטענדליך! — האט זארעמבא געזאגט — און איך אליין בין דאך צו אייך געקומען מיט אט דעם צוועק אייך צו ברענגען א גרוס פון אייער זוהן און אויך א בריוו...

— איהר האט אויך א בריוו פון מיין זוהן! — האט די גרעפין מיט פרייד אויסגערופען — הייליגע מאריע! איך דאנק דיר פאר דיין גוטסקייט.

— מיר האבען שוין געמיינט, אז עפעס אן אומגליק האט מיט אייך ביידען פאסירט — האט קאטערינא געוואלט ערקלערען איהר מוטער'ס אויפרעגונג — מיר זיינען געוועזן זיכער, אז דער זשיד פון פאריז האט אייך ביידען אומגעבראכט צוליב זיינע רעליגיעזע צוועקען — האט זי צוגעגעבען מיט א שמייכעל.

— דאס איז דאך אן אונזין! — האט זארעמבא זיך אפגערופען — אידען זיינען ניט קיין מענשען פרעסער! זיי זיינען ווי מיר, נאר זייער גלויבען איז עטוואס אנדערש.

ער האט ארויסגענומען א בריוו פון זיין בוזים קעשענע און האט עס איבערגעגעבען דעם גראף, וועלכער האט גענומען און איהם גלייך אויפגעעפענט.

— וואס שרייבט מיין ליבער זוהן?

— האט די גרעפין אויסגערופען מיט אומגעדולד.

דער גראף האט גענומען לייענען:

"מיינע ליבע עלטערען! איהר וועט מיר ענטשולדיגען פארוואס איך האב צו אייך אזא לאנגע צייט ניט געשריבען. איך האב איינפאך קיין געלעגענהייט ניט געהאט דורך וועמען צו שיקען מיינע בריוו צו אייך. איך וועל איצט נעמען די געלעגענהייט אייך צו שיקען מיין בריוו דורך מיין פריינט באַרים זארעמבא. איך בין געזונט און שטארק. און איך האב באשלאסען זיך איבערצוגעבען צום שטודיום, און איך וועל פארבלייבען אין דער פרעמד אזוי לאנג וויפיל עס וועט מיר געדויערען מיין שטודירען. איך בעט אייך, זייט ניט באזארגט וועגען מיר. איך ווייס נאך ניט וואו איך וועל זיך אפשטעלען שטודירען, אבער איך ווייס, אז עס וועט מיר געדויערען זעהר לאנג, און ווען איך וועל זיך צוריקקערען אהיים וועל איך האבען אלץ פארענדיגט.

אייער איבערגעגעבענער זוהן און ברודער,

וואלענטי".

— א, פארוואס זאל ער דארפען שטודירען אזוי לאנג! — האט די גרעפין אויסגערופען נאכדעם ווי דער גראף האט געענדיגט לייענען דעם בריוו.

— ער דורשט נאך לערנען! — ענטפערט איהר זארעמבא — איך האב מיט איהם גערעדט וועגען דעם און ער האט מיר געזאגט, אז ער וויל לערנען זעהר פיל וויסענשאפט. און ער האט באשלאסען אויסצובלייבען אין דער פרעמד פאר א לאנגע צייט.

— מוטער, מיר דארפען דאנקבאר זיין אונזער האר יעזוס וואס ער לעבט!

— האט קאטערינא אויסגערופען.

— איך וועל דיר זאגען, זארעמבא!

— האט דער גראף פאטאצקי אויסגערופען — איך און דאס פאטערל אנטאן זיינען געוועזן זיכער, אז דער זשיד פון פאריז האט אייך ביידען אומגעבראכט! דער אמת איז, אז איך אליין האב ניט געקאנט גלויבען אזא זאך אויף דעם אידען פון פאריז. איך האב מיט איהם גערעדט און איך האב איינגעזעהן, אז ער איז אן עהרליכער מענש. אבער ווען איך האב פון איהם ניט געהערט אזא לאנגע צייט, און דאס פאטערל האט מיר אריינגעגעבען דעם געדאנק וועגען בלוט אויף מצות, און אזוי ווי איך האב אויסגערעכענט זעגט איהר ביידע פארשוואונדען געווארען אין דער צייט פון זייער יום־טוב פון מצות, האב איך געהאט א רעכט צו זיין באזארגט און דעריבער האב איך געשיקט מיינעם א מענשען צו מאכען אן אויספארשונג אין פאריז, און אויב ער וועט קריגען דעם מינדסטען פארדאכט, זאל ער זיך צוריקקערען און מיר לאזען וויסען.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז יענער וועמען דער גראף האט געשיקט וועט זיך צוריקקערען מיט "שטוינענדע אנטדעקונגען" — האט

זארעמבא מיט א שמייכעל געזאגט — ער וועט געוויס אייך דערציילן א געשיכטע וואס ער האט געהערט פון שכנים ווי אזוי מען האט אונז ביידען, מיך און וואלענטי'ן געפונען געבונדענע, גרייט צו קוילענען, און אפשר זיינען מיר שוין געקוילעטע...

קאטערינא האט זיך פאנאנדערגעלאכט, און זארעמבא האט זיך צו איהר געווענדעט:

— "זאגט מיר דעם אמת, איהר אליין גלויבט אויך אין אט די אלע נארישקייטען, איך מיין, אז די אידען זיינען קאניבאלען און אז זיי טרינקען קריסטליך בלוט"?

— דער אמת איז, אז איך האב קיינמאל ניט וועגען דעם ניט געטראכט

— האט קאטערינא געזאגט — איך גלויב אבער אלץ וואס דער גלח זאגט מיר, און ער האט מיר ניט איינמאל געזאגט, אז אידען נוצען קריסטליך בלוט, אז מען האט זיי שוין ניט איינמאל געכאפט ביי דער האנט, און אפילו זיי פאר'משפט צום טויט...

— דאס פאטערל אנטאן האט אייך ווי איך פארשטעה איינגערעדט, אז אייער ברודער און איך, זיינען אומגעקומען אויף אזא אופן, און איהר האט איהם געגלויבט...

— איך בין ניט געווען די איינציגע

— האט זיך קאטערינא פארענטפערט

— מיר זיינען אלע אין דעם געווען איבערצייגט, און איבערהויפט מיין פאטער, כאטש לויט ווי ער האט פריהער אונז דערצעהלט, איז אט יענער איד, וועלכער האט זיך געזאלט באנוצען מיט אייער בלוט, א גאנץ עהרליכער און איידעלער מענש...

— איך האב אנגענומען אנטאנ'ס השערה, ווייל עפעס איז מיר פארגעקומען זעהר פארדעכטיגט דאס וואס איהר ביידע פלעגט איהם באזוכען יעדען טאג, און מיט אמאל זייט איהר פלוצלונג פארשוואונדען געווארען... איצט, אבער זעה איך, אז מען טאר קיינעם ניט חושד זיין ביז וואנען מען איבערצייגט זיך אין יענעמ'ס שולד...

— מיר זיינען אייך זעהר דאנקבאר פאר דעם בריוו און פאר דעם גרוס וואס איהר האט מיר געבראכט פון מיין ברודער! — האט קאטערינא געזאגט — און איך זאג אייך, אין נאמען פון מיינע עלטערן, אז איהר זייט ביי אונז אן אנגעלייגטער גאסט, איך האף, אז איהר וועט ביי אונז בלייבען עטליכע טעג...

— איך דאנק אייך פאר אייער פריינטליכקייט! — האט זארעמבא אויסגערופען — אבער איך וועל זיך מוזען צוריקקערען מארגען צו מיינע עלטערן. פילע יאהרען, אז איך האב זיך מיט זיי ניט געזעהן, און איצט זיינען זיי בארעכטיגט, אז איך זאל מיט זיי פארברענגען די גאנצע צייט וואס איך וועל בלייבען אין ווילנא.

— וואס, איהר וועט ווידער אמאל פארלאזען ווילנא? — האט קאטערינא איהם געפרעגט.

— איך האב נאך ניט באשלאסען, אבער עס קאן זיין, אז אויך איך וועל אוועקפאהרען ווייטער שטודירען. איך וועל פאהרען צו וואלענטי'ן...

— פונדעסטוועגען וועט איהר מיט אונז פארבלייבען א פאר טעג! — האט די גרעפין גענומען צו איהם צושטעהן! איך בין אזוי נייגעריג צו הערען פון אייך אלץ וואס עס האט פאסירט מיט מיין זוהן די עטליכע יאהר וואס איך האב איהם ניט געזעהן, און ווער ווייסט ווען איך וועל איהם זעהן! — דעריבער בין איך פאראינטערעסירט צו הערען אלע איינצעלהייטען...

דער גראף האט געמאכט א מאלצייט לכבוד זייער גאסט, און אויך דארט האט ער געמאכט די ערקלערונג, אז ער איז געווארען א וועגעטאריער, און ער עסט ניט קיין פלייש!

— און מיין זוהן? — האט די גרעפין איהם געפרעגט — איז ער אויך א וועגעטעריאנער?

— יע, ער אויך! אין פאריז געהט שוין אן אזא באוועגונג פאר א היבשע צייט, אז א מענש קאן זיך ערנערען בלויז מיט דעם וואס די ערד גיט ארויס, און אויך פון דעם וואס מיר קאנען ארויסבאקומען פון די בהמות און עופות, ווען זיי לעבען, אבער טויטען זיי און עסען זייער פלייש, איז ניט רעכט, לויט זייער מיינונג.

— פאר מיר איז גענוג, אז איך עס ניט קיין פלייש יעדען פרייטאג! — האט קאטערינא מיט א שמייכעל געזאגט — און אויך די זעקס וואכען פאר אונזער פאסחא — אבער קיינמאל ניט עסען קיין פלייש, דאס וואלט איך שוין ניט געקאנט!

ווי ווייט מעגליך האָט זיך זאַרעמבאַ אויסגעהיט צו עסען פליישיגס. ער האָט געגעסען אַנדערע זאַכען — פרוכטען, גרינסען. ער האָט מיט זיי גערעדט און דערצעהלט וועגען זייער לעבען אין פאַריז און אין דייטשלאַנד. ער האָט ניט געוואָלט דערצעהלען, אַז זיי זיינען געווען אין אַמסטערדאַם, האָט ער זיי געזאָגט, אַז זיי האָבען פאַרבראַכט די לעצטע צייט אין אַ קליין שטעטעל אין דייטשלאַנד.

נאָך דעם עסען האָט מען פאַרבראַכט אין גאָרטען. קאַטערינאַ האָט שוין פון איהם ניט אָפּגעטראָטען. זי האָט געוואָלט מיט איהם ריידען און אויסגעפינען אויב ער איז נאָך אַלץ פאַרליבט אין יוליע׳ן... נאָך אַלעמען איז זי דאָך איצט ניט מעהר ווי אַן איינפאַכע מיידעל. איהר פאָטער איז ניט מעהר באַרעכטיגט צום טיטול...

שפּעטער אַ ווײַלע, האָבען דער גראַף און די גרעפין זי איבערגעלאָזט אַליין מיט זאַרעמבאַ׳ן. זיי האָבען געוואוסט, אַז קאַטערינאַ איז זעהר פאַראינטערעסירט אין איהם, און זיי האָבען פאַרשטאַנען אַז זי וויל זיך מיט איהם דורכריידען אומגעשטערט.

קאַטערינאַ איז געווען זעהר שטאַרק צופרידען וואָס זי וועט האָבען אַ געלעגענהייט צו ריידען מיט איהם אַליין. זי האָט זיך צוגערוקט עטוואָס נעהענטער אויף דעם באַנק, וואָס זיי זיינען ביידע געזעסען.

— איך בעט אייך, פאַן זאַרעמבאַ, דערצעהלט מיר עטוואָס פון אייער פּערזענליכען לעבען. זאָגט מיר דעם אמת, האָט איהר זיך אַמוזירט מיט די שעהנע פראַנצויזישע מאַדמאָזעלען? אי דוויס, אַ זמיין ברודער, וואַלענטי, פלעגט ווייכען פון דעם שעהנעם געשלעכט ווי אַ טייוועל ווייכט פון ווייךרויך, אָבער איהר, איך ווייס, אַז איהר האָט שוין דאָ געהאַט פילע באַקאַנטע מיידלאַך, קאָן איך זיך פאָרשטעלען, אַז איהר האָט געוויס זיך ניט געלאַנגווייליגט אין פאַריז...

— אין דעם פאַל מאַכט איהר אַ טעות! — האָט זאַרעמבאַ אויסגערופען — איך און וואַלענטי זיינען געווען צופיל פאַרנומען מיט אונזער שטודירען און מיידלאַך זיינען אונז ניט געלעגען אין זינען.

— אַ, איך האָב גאָר פאַרגעסען! — האָט זיך קאַטערינאַ אָנגערופען — איהר האָט דאָך געהאַט אַ כלה אײדער איהר זייט אָפּגעפאָהרען, און געוויס זייט איהר געבליבען געטריי אייער כלה... ווייל איהר האָט דאָך ניט געוואוסט, אַז איהר פאָטער האָט זיך ארויסגעוויזען צו זיין אַ שווינדלער און ער האָט פאַרלוירען זיין גאַנצען רייכטום צוזאַמען מיט זיין טיטול און עהרע...

— איך האָב אַלץ געוואוסט! — האָט ער געזאָגט — יוליע האָט מיר אַלץ געשריבען.

— זי האָט זיך ניט געשעהמט אייך אויסצושרייבען אַלע איינצעלהייטען וועגען איהר פאָטער, צוליב וועמען זי איז געווען געצוואונגען צו אַנטלויפען טאַקע צו אייערע עלטערען אין הויז. האָט זי אויך אייך געשריבען, אַז ליךנעצקי, איהר פאָטער, האָט געהייראַט אַ צווייטען מאָל מיט זעהר אַ רייכע פרוי און דאַן האָט ער זי באַ׳גנב׳עט און איז פון איהר אַנטלאָפען?

— יע, יוליע האָט מיר אויך וועגען דעם געשריבען! — האָט זאַרעמבאַ געזאָגט — זי האָט פון מיר קיין זאַך ניט פאַרבאָרגען.

— זי האָט געמוזט זיין זיכער מיט אייער ליבע צו איהר! — האָט קאַטערינאַ געזאָגט, — אַז זי האָט זיך ניט געשעהמט אייך אַלץ אויסצושרייבען.

— מיך אַרט ניט וואָס עס האָט פּאַסירט אין איהר משפּחה! — האָט זאַרעמבאַ אויסגערופען — איך האָב זי ליב און מיט איהר וועל איך חתונה האָבען...

— איך האָב ניט געוואוסט, אַז אייער ליבע צו יוליע איז אַזוי שטאַרק — האָט קאַטערינאַ אויסגערופען — איך ווייס בלויז איין זאַך, אַז ווען איהר זייט מיין געליבטער וואָלט איך אייך ניט ערלויבט אוועקצופאָהרען אויף אַזוי פיל יאָהרען. איך וואָלט עס אַזוי לאַנג ניט געקאָנט אויסהאַלטען, איך מיין אַזאַ לאַנגע פּאַראַפּשוידונג... זייט איהר זיכער, פּאַן זאַרעמבאַ, אַז יוליע איז אין אייך פאַרליבט מיט׳ן גאַנצען האַרצען?

— יע, איך בין זיכער! — האָט זאַרעמבאַ געשמייכעלט!

— עס קאָן זיין! — האָט קאַטערינאַ מיט אַ צווידיטיגען שמייכעלע געזאָגט — נאָך אַלעמען ווער איז זי, אַז זי זאָל קאָנען האָבען אַן אויסוואַהל. זי איז אָרים, זי איז אַ טאָכטער פון

לינעצקי׳ן מיט וועמען זי קאן זעהר ווינציג שטאלצירען, און ווי מען האט מיר דערצעהלט, איז זי ניט איבעריג קלוג און געבילדעט...

— די וועלכע האבען אייך דאס איבערגעגעבען זיינען מיט אייך ניט געווען אויפריכטיג! — האט זארעמבא געזאגט — איך האב געפונען אין יוליע׳ן א סך קלוגשאפט, בילדונג און איבערהויפט מענשליכקייט, וואס איז זעהר שווער צו געפינען אין די אנדערע מיידלאך מיט וועמען איך האב געהאט די געלעגענהייט זיך צו באקענען.

— איהר מיינט מיך אריינגערעכענט? — האט זיך קאטערינא גענומען באניידיגען.

— ניין, ניט אייך, ווייל איהר זייט דאך מיין פריינד׳ס שוועסטער, און איך מוז אייך זאגען, אז וואלענטי באזיצט זעהר פיל מענשליכקייט...

— איך פארשטעה, אז איהר מוזט מיך האלטען פאר זעהר גרויזאם! — האט קאטערינא זיך אנגערופען — געוויס האט יוליע אייך דערצעהלט וועגען אונזער צוזאמענשטויס... זי האט מן הסתם אנגערעדט פיל שלעכטעס אויף מיר!

— יוליע האט קיין איינציגען שלעכטען ווארט אויף אייך ניט גערעדט! — האט זארעמבא געזאגט — איך גיב אייך מיין עהרען ווארט אויף דעם.

— נו, דאס איז געוויס, ווייל זי האט נאך קיין געלעגענהייט ניט געהאט צו ריידען מיט אייך וועגען דעם — האט קאטערינא זיך אנגערופען — איך וויים, אז זי האט מיך פיינט, און זי וועט געוויס זוכען מיך צו ערנידעריגען אין אייערע אויגען...

— ניין, איהר מאכט א טעות! — האט זארעמבא געזאגט — יוליע באזיצט געהר אן איידעלע נשמה און זי וועט אויף קיינעם קיין שלעכטעס ניט ריידען.

— איך בעט אייך, דערצעהלט מיר וועגען מיין ברודער, איך מיין וועגען זיינע פריינט, וועגען די מאדמאוזעלען, מיט וועמען ער פלעגט פארברייגגען... ער האט דאך דא ניט איבערגעלאזען קיין כלה, האט ער דאך מן הסתם געהאט פילע באקאנטע יונגע מיידלאך.

— ניין, ער האט קיין באקאנטע מיידלאך ניט געהאט אין פאריז. ער האט צו דעם קיין צייט ניט געהאט, ווייל ער האט זיך איבערגעגעבען אינגאנצען צום לערנען...

— און איך האב געמיינט, אז אין פאריז וועט ער זיך ענדערען. איך וויים, אז דא ביי אונז פלעגט ער ווייכען פון דעם שעהנעם געשלעכט ווי פון א מגפה און איך האב געהאפט, אז אין פאריז וועט אין איהם אנקומען אן ענדערונג, אבער לויט ווי איהר דערצעהלט מיר, איז ער געבליבען הינטערשטעליג אין דער הינזיכט ווי פריהער.

עס קאן זיין, אז ווען ער וועט פארטיג ווערען מיט זיין שטודיום, וועט ער דאן טראכטען פון דעם — האט בארים זארעמבא זיך צו איהר אנגערופען — דערווייל איז ער אינגאנצען איבערגעגעבען צו זיין לערנען.

— איך בענק שוין אזוי שטארק נאך איהם! — האט קאטערינא געזאגט — מיר דוכט זיך, אז איז גאנץ פוילען זיינען ניטא אזעלכע ווירדיגע יונגען ווי ער, עס פארשטעהט זיך אויסער אייך, ווייל אזוי ווי איהר זייט זיין בעסטער פריינט, פארמאגט איהר אויך אלע זיינע מעלות.

— א דאנק אייך, קאטערינא! — האט זארעמבא זיך העפליך א נייג געטאן.

— איך בין זיך מודה, אז ווען איך וואלט געהאט דעם אויסוואל צו באשטימען ווער עס זאל זיין מיין ברודער׳ס פריינט, וואלט איך קיין אנדערען אויסער אייך ניט באשטימט — האט קאטערינא געזאגט — ווייל איך וויים ווי אפצושאצען אלע אייערע גוטע מעלות... ווען איהר האט אזא מיינונג אוי דוועגען מיר, וואלטען מיר אויך געקאנט זיין די בעסטע פריינט... הא, וואס זאגט איהר, פאן זארעמבא.

— המ... איך זאג, אז מיר זיינען דאך פריינט! אט קום איך דאך צו אייך און ברייגג אייך א גרוס פון אייער ברודער, געוויס זיינען מיר פריינט.

— ווי איך זעה אן אייך, זוכט איהר אויסצומיידען צו געבען מיר אן ענטפער אויף מיין פראגע. יע, מיין פראגע איז אויב איהר האט וועגען מיר די זעלבע גוטע מיינונג ווי איך האב וועגען אייך?

— איך האב א גוטע מיינונג וועגען יעדען איינעם, וועלכער איז פארבונדען מיט מיין טייערען פריינט וואלענטי׳ן — האט זארעמבא געזאגט.

— דאָס איז ווידער אַן ארויסדרעהונג צו געבען מיר א ריכטיגען ענטפער — האָט קאטערינא געזאָגט — איך וויל פון אייך הערען דייטליכע רייד. זאָגט מיר דעם ריינעם אמת, וואָס איז אייער מיינונג וועגען מיר?

— עס ווענדט זיך אין פארגלייך צו וועמען! — ענטפער ער.

— נו, לאָמיר זאָגען, אין פארגלייך מיט אייער יוליע'ן, יע, איך וואָלט זעהר שטארק געוואָלט הערען פון אייך ווי איהר שאצט מיך אָפּ אין פארגלייך מיט אייער כלה יוליע. נאָך אַלעמען וועט איהר דאָך צוגעבען, אַז איך שטעה ניט א סך נידעריגער פון איהר אין שעהנקייט, און געוויס ניט אין יחוס... און וואָס אנבאַלאַנגט אין אנדערע זאכען, לאָמיר זאָגען בילדונג, און ערציהונג, נו, אָט טאקע וועגען דעם וואָלט איך וועלען הערען אייער מיינונג?

— מיין אָפּשאצונג פון יוליע באַשטעהט ניט פון זאכען וואָס דאָס אויג קאָן זעהן — האָט זארעמבא געזאָגט — עס איז גאנץ מעגליך, אַז ווען מען זאָל וועלען מאכען א פארגלייך צווישען אייך און יוליע וואָס אמבאַלאַנגט שעהנקייט, וועט איהר שטעהן א סך העכער פון איהר, און די זעלבע זאך אין אנדערע הינזיכטען, אָבער יוליע באַזיצט שעהנקייט אין איהר נשמה, וואָס עס איז זעהר שווער צו זעהן, נאָר מען דאַרף דאָס פיהלען, מען דאַרף זיין עמפינדליך צו דעם...

— איך וועל אייך זאָגען, פּאַן זארעמבא! — האָט זי אויסגערופען — די פרויענצימער איז באגאַבט מיט אזא מאכט, אַז זי קאָן פארבלענדען די אויגען פון דעם מאנספערשוין. אויב זי באַזיצט ניט קיין אויסערליכע מעלות וואָס ציהט צו די אויג פון יונגען מאַן, גיט איהר די נאטור אזא אייגענשאפט... איהר קאָנט עס אָנרופען כשוף, צויבער, אָדער פארבלענדעניש. זי, אָבער איבט אויס דאַן איהר מאכט איבער איהם מיט דעם, וואָס זי קאָן איהם מאכען צו גלויבען, אַז איהר נשמה איז אויף א העכערע מדרגה. אָבער איך פארזיכער אייך, אַז ווען איהר זאָלט זיך גוט אריינדרינגען אין איהר נשמה, וועט איהר זיך איבערצייגען, אַז זי איז מיט אַלע מעלות און חסרונות ווי די נשמה פון יעדער פרוי...

— עס קאָן זיין, אַז איהר זייט גערעכט, אָבער דאָס לעבען איז דאָך פאַרט אזוי!... מיר באזיצען געוויסע חושים, איבערהויפּט אזעלכע אינערליכע געפיהלען, און אונזער גאנצער לעבען ווערט געפירט פון זיי... מיר קאָנען זעהן צוויי מענשען וועלכע באַזיצען די זעלבע מעלות און חסרונות פונדעסטוועגען פיהלען מיר צו איינעם א נאָהענטקייט, און צום צווייטען א גלייכגילטיגקייט, און אפילו א שנאה... עס איז שווער צו ערקלערען אזעלכע זאכען, און דאריבער איז מיר שווער אייך צו ענטפערען אויף אייער פראַגע... אין מיינע אויגען קוקט אויס יוליע העכער פון אַלע אנדערע מיידלאַך, וועלכע איך האָב געזעהן. עס איז זעהר מעגליך, אַז מיין אָפּשאצונג איז ניט קיין ריכטיגע, אָבער אזוי פיהל איך...

— איהר פיהלט אזוי, ווייל זי באַזיצט די מאכט אייך צו מאכען אזוי פיהלען! — האָט קאטערינא געשמייכעלט.

— זאָל זיין אזוי ווי איהר זאָגט, אָבער וויבאַלד, אַז יענער ווייסט עס ווי אָפּצושאצען, איז א צייכען, אַז עס עקזיסטירט פאר יענעם, וועלכער איז עמפינדליך צו אָט דער אזוי־גערופענער שעהנקייט פון איהר נשמה. עס איז מעגליך, אַז אויף א צווייטען וואָלט זי ניט געהאט די מאכט ארויסצוברינגען אזעלכע געפיהלען. אָט נעמט, צום ביישפּיל מוזיק. צוויי מענשען וועלען הערען די זעלבע מוזיק, ביי איינעם וועט עס ארויסרופען די שעהנסטע געפיהלען, און דער צווייטער קאָן בלייבען טויב צו דעם, אין זיינע אויערען זיינען דאָס בלויז קלאַנגען, און מאכען אויף איהם קיין איינדרוק ניט...

קאטערינא האָט איינגעזעהן, אַז איהר גאנצע מי וועט זיין ארויסגעוואָרפען... ער איז פארליבט אין יוליע'ן מיט זיין גאנצען לייב און לעבען. זי האָט דעריבער געוואָלט איהם געבען דעם איינדרוק, אַז זי איז גאָרניט אזוי פאראינטערעסירט אין איהם.

— איך וויל, אַז איהר זאָלט איבערגעבען יוליע'ן מיינע בעסטע וואונשען — האָט זי געזאָגט — און איך וואָלט זעהר געוואָלט, אַז איהר זאָלט זי ברענגען אהער, ווייל מיר זיינען איבער עפּעס ברוגז געוואָרען איינע אויף דער צווייטער, און איך וואָלט וועלען מיט

איהר זיך צוריק איבערבעטען. קומט, איך בעט אייך, מיט איהר, איידער דער זומער וועט פאַריבער.

— אויב איך וועל האָבען נאָך א געלעגענהייט צו זיין ביי אייך, וועל איך זעהן צוקומען מיט איהר — האָט זארעמבא געזאָגט.

זארעמבא האָט איבערגענעכטיגט אין דעם זומער פּאַלאַץ און ער איז אויפגעשטאנען זעהר פרי. ער האָט באשלאָסען אוועקצוגעהן צו ר׳ לייזער׳ן אין הויז, זיך צו זעהן דאָרט מיט וואלענטי׳ן. ער האָט געוואוסט, אז ביי דעם גראף שלאָפען נאָך אלע, און די דינער האָט ער געזאָגט, אז ער געהט באקוקען די שטאָט און נאכהער וועט ער זיך צוריקקערען.

עס איז געווען זעהר פרי, און אפילו די אידען פון שטעטעל זיינען נאָך געווען פארזונקען אין זייער טיפען שלאָף...

זארעמבא האָט אוועקגעשפּאצירט צו ר׳ לייזער׳ס הויז. ער האָט זיך דאָרט א ווײַלע ארומגעדרעהט, און א. י שנעל ווי ער האָט באמערקט, אז אימיצער קומט ארויס פון הויז, איז ער צוגעגאנגען. ער האָט געטראָפען דאָרט רבקה׳ן ר׳ לייזער׳ס פרוי, וועלכע איז געגאנגען צום שטאַל מיט אן עמער צו מעלקען די קוה.

עס איז צוגעגאנגען און זיך פארנויגט. רבקה האָט זיך דערשראָקען און זי האָט אָפּגעטראָטען אויף צוריק עטליכע טריט.

— איך זעה, אז איהר דערקענט מיך ניט! — האָט זארעמבא אויסגערופען.

רבקה איז נאָך מעהר ערשטוינט געוואָרען. זי האָט זיך גענומען ארומקוקען ווי זי וואָלט געזוכט הילף.

— מיין נאָמען איז באָרים זארעמבא! — האָט ער זיך אָנגערופען — קאָן איך זיך זעהן מיט אייער מאן! איך ווייס, אז עס איז זעהר פרי, און אפשר שלאָפט ער נאָך, אָבער איך האָב געמוזט געהן צו אייך זעהר פרי, ווייל איך וויל, אז מען זאָל מיך ניט מערקען.

— אָט וועל איך געהן אָנזאָגען מיין מאן! — האָט רבקה אויסגערופען און זי איז באלד צוריק אריין אין הויז. ר׳ לייזער האָט זיך געגרייט צו געהן דאוונען דעם ערשטען מנין, און ווען ער האָט דערזעהן ווי רבקה איז צוריק אריינגעלאָפען אין הויז א דערשראָקענע, איז ער צו איהר צוגעקומען און זיך אָנגערופען:

— וואָס איז געשעהן, רבקה?

— אין דרויסען... — האָט זי אָנגעוויזען מיט איהר פינגער, דאָרט איז געקומען...

— וואָס רעדסטו! ווער איז דאָרט געקומען.

— געדענקסטו וואלענטי׳ס פריינט!

— האָט זי זיך אָנגערופען מיט א ציטערענדער שטימע.

ר׳ לייזער איז שנעל ארויסגעקומען און זארעמבא איז צו איהם צוגעגאנגען און איהם געגעבען "שלום עליכם".

— אָ, פאַן זארעמבא! — האָט ר׳ לייזער אויסגערופען — קומט אריין אין הויז.

זארעמבא איז אריין מיט ר׳ לייזער׳ן אין הויז, זיינען אריין אין צווייטען צימער און צוגעמאכט די טיר.

— איהר פארשטעהט, באלד וועלען די קינדער אויפשטעהן, און זיי ווייסען ניט וועגען אייער פריינט, וואלענטי... בלויז מיין פרוי, מיין טאָכטער יהודית, און איך ווייסען... יע, און אויך דער רב. ווייטער ווייסט קיינער ניט.

— און וואו איז ער איצט? — האָט זארעמבא איהם געפרעגט.

— ער איז אין בית המדרש!

— אזוי פרי?

— ער נעכטיגט דאָרטען! איך האָב געוואָלט, אז ער זאָל איינשטעהן ביי מיר אין הויז, קיינער וואָלט דאָך אלץ איינם ניט אויסגעפונען, אָבער ער איז באשטאנען אויף דעם, אז ער וויל נעכטיגען אין בית המדרש, כדי ניט מבטל צו זיין קיין סך פון לערנען...

— איך וואָלט איהם זעהר געוואָלט זעהן! — האָט זארעמבא זיך צו איהם אָנגערופען — איך קום ערשט פון זיין פאָטער׳ס פּאַלאַץ, איך האָב דאָרטען איבערגענעכטיגט.

— וואָס האָט איהר געזאָגט דעם גראף? — פרעגט איהם ר׳ לייזער.

— איך האָב איהם געזאָגט, אז זיין זוהן וואלענטי האָט באשלאָסען צו פארבלייבען אין דער פרעמד פאר א לאנגער צייט. איך האָב דאָך געהאט אויך א בריוו פון וואלענטי׳ן, וואו ער שרייבט זיי די זעלבע זאך, און זיי האָבען זיך בארוהיגט. עס איז זעהר גוט

וואס איך בין געקומען אין צייט מיט דעם בריוו זיינעם, ווייל זיי האבען איבערגעטראכט דאס ערגסטע, און דער גלח אנטאן האט זיי שוין גענומען הע־צען, זאגענדיג, אז מען האט אונז ביי־דען אומגעבראכט כדי צו קריגען אונזער בלוט פאר פסח, און ווען איך קום ניט אין צייט מיט זיין בריוו, וואל־טען זיי אויסגעגאסען זייער צארן אויף די ווילנער און היגע אידען.

— געלויבט איז גאט! — האט ר׳ לייזער געזאגט — און זאל גאט גע־בען, אז אויך אויף ווייטער זאלען מיר אויסגעהיט ווערען פון צרות. מיר האבע זאיהם בשום אופן ניט געקאנט דערקענען, און איך גלויב, אז ווער עס זאל איהם ניט זעהן, אפילו זיין איינענע מוטער וואלט איהם ניט דער־קענט...

— איבערהויפט דארפט איהר זעהן, אז דער סוד זאל ווייטער ניט געהן! — האט זארעמבא געזאגט.

— נו, עס פארשטעהט זיך, אז פון אונז וועט קיינער ניט אויסגעפינען. אבער מען דארף זיין זעהר פארזיכטיג. איך מיין, ווען ער וועט איצט קומען אהער, צו מיר, און איהר וועט מיט איהם ריידען. איך גלויב, אז עס וועט זיין בעסער, אז מיינע איינגלאד זאלען פריהער אוועקגעהן אין חדר, כדי זיי זאלען איך ביידען ניט זעהן צוזאמען.

—איך וועל אויף א ווייל אוועק פון דאנען, ביז אייערע איינגלאד וועלען אוועק אין חדר, און נאכהער וועל איך זיך צוריקקעהרען.

— ניין, איהר דארפט עס ניט טהאן. איהר פארבלייבט דא אין צי־מער און מיר וועלען שוין זעהן, אז מיינע איינגלאד וועלען אהער ניט ארייינקומען.

ר׳ לייזער האט אריינגערופען רבקה׳ן און ער האט איהר געזאגט, אז זי זאל אויפוועקען דוד׳ן און נפתלי׳ן און זעהן, אז זיי זאלען מיט איהם געהן דאווענען, זי זאל זיי אויך אנזאגען ניט אריינצוקומען אין אט דעם צימער.

רבקה האט זיי אויפגעוועקט און די איינגלאד האבען זיך שנעל אנגעטהאן. זיי האבען זיך געוואשען און מיטגע־נומען זייערע תפילין. זיי זיינען אוועק מיט זייער פאטער אין בית המדרש דאווענען דעם ערשטען מנין. אין בית המדרש איז נאך קיינער ניט געווען אויסער דעם שמש און אברהם דער גר, וועלכער איז געזעסען אין א ווינקעל אנגעטהאן אין תפילין און האט גע־לערענט.

— דערווייל דאווענט פון ״פאר־רענט״ — האט ר׳ לייזער געזאגט זיי־נע איינגלאד, — איך וועל צוגעהן צום פרוש, איך וויל זיך מיט איהם דורכ־ריידען.

ר׳ לייזער האט אויסגעמארקירט ווען דער שמש איז געווען פארנומען מיט עפעס, איז ער דאן צוגעגאנגען צו אברהם און זיך מיט איהם בא־גריסט.

— איהר האט א גאסט! — האט ר׳ לייזער זיך אנגערופען צו איהם אין דער שטיל.

— א גאסט?! — האט איהם אברהם אנגעקוקט.

— יע, אייער פריינט, בארים איז דא געקומען. ער איז געווען ביי אייע־רע עלטערען אין פאלאץ, ער האט דארט איבערגענעכטיגט, און מיט א ווייל צוריק איז ער געקומען צו מיר אין הויז.

— ער איז געקומען אהער אזוי שנעל! — האט אברהם אויסגערופען.

— ער האט באדארפט זיין פארזיכטי־גער!

— מיינע צוויי זיהן וויסען ניט, אז ער געפינט זיך ביי אונז — האט ר׳ לייזער געזאגט — און וואס אנבא־לאנגט מיין פרוי און טאכטער, ווייסט איהר דאך, אז מיר האבען זיך ניט וואס צו שרעקען. קיינער וועט דאך פון זיי גאר נישט דערגעהן. נאכ׳ן דאווענען וועט איהר צוגעהן צו מיר און הויז, דאן וועלען שוין מיינע איינגלאד זיין אין חדר.

— איך בין זעהר נייגעריג איהם צו זעהן! — האט אברהם געזאגט — אבער איך ווייס ניט אויב עס איז ראט־זאם, מיר זאלען זיך טרעפען אזוי שנעל, בפרט ווען ער איז דער גאסט פון מיין פאטער. געוויס וועלען זיי איהם ארומזוכען, ווען זיי וועלען זעהן, אז ער זאמט זיך אזוי לאנג.

— אויב אזוי איז אפשר גלייכער, אז איהר זאלט גלייך אוועקגעהן צו מיר, — האט ר׳ לייזער געזאגט — איהר וועט דאווענען מיט דעם צווייטען מנין. קיינער וועט ניט דארפען וויסען וואוהין איהר זייט געגאנגען.

אברהם האט אויסגעטהאן זיינע

תפילין און ער איז ארויס פון בית המדרש. דער שמש האָט עס באַמערקט... ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס זאָל באַדייטען. ער איז צוגעגאַנגען צו ר׳ לייזער׳ן און זיך צו איהם אָנגערופען:

— איהר הערט, איך האָב נאָך אויף מיין לעבען ניט געזעהן אזא מתמיד. ווען איך קום אריין אין בית המדרש זיצט ער און לערענט. איך בין ערשט נעכטען געקומען אהער פיער אזייגער פאַרטאָג, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבען ליכטיג צו ווערען, איך עפען אויף די טיר פון בית המדרש, און איך דערהער זיין שטימע. איך גיב א קוק און איך זעה ווי ער זיצט אין זיין ווינקעל און לערענט מיט אזוי פיעל התלהבות. איך גלויב, אז ער מוז זיין א ״לאַמעד וואָווניק״. א מענש זאָל לערנען טאָג און נאַכט. איך וואונדער זיך ווען ער שלאָפט.

— יע, איך האָב געהערט, אז ער איז זעהר א גרויסער מתמיד! — האָט ר׳ לייזער צוגעגעבען — מיר דאַרפען זיך שעצען גליקליך, אז ביי אונז אין שטעדטעל געפינט זיך אזא טייערער יונגערמאַן. צוליב זיין זכות וועט השם יתברך בענשען אונז אַלעמען, און מיר וועלען נאָך זוכה זיין צו הערען דעם שופר של משיח.

— איך קען ניט פאַרשטעהן פאַרוואָס ער איז איצט אוועקגעגאַנגען פון בית המדרש. ער האָט דאָך שוין געטראָגען זיינע תפילין — האָט דער שמש אויסגערופען.

— מיין כלל איז זיך קיינמאָל ניט צו גריבלען אין די אַנגעלעגענהייטען פון אַזעלכע מענשען. עס איז ניט פאַר אונז צו פאַרשטעהן און באַגרייפען וואָס זיי טוען. איך האָב איהם קיינמאָל ניט געפרעגט פאַרוואָס ער טוט אזוי און אזוי. דאָס איז זיין עסק, און איך גלויב, אז יעדער איינער דאַרף איהם צורוה לאָזען. ווייל אויב מען וועט איהם נעהמען באַלעסטיגען מיט פאַרשידענע פראַגעס, וועט ער זיך אויפהויבען און וועט פון אונז אוועקגעהן. איך האָב זעהר געוואָלט, אז ער זאָל בלייבען ביי אונז, און איך האָב איהם דעריבער צוגעזאָגט, אז קיינער וועט איהם ניט באַלעסטיגען. איך האָף, אז איהר וועט האַלטען אייער וואָרט און איהם צורוה לאָזען...

— הם... איך ער... איך האָב איהם בלויז געפרעגט פון וואַנען ער קומט און ווער ער איז, אָבער ער האָט מיר אפילו אויף דעם ניט געענטפערט.

— איהר זעהט, אז איהר האָט ניט געהאַלטען אייער וואָרט — האָט זיך שוין ר׳ לייזער אויף איהם אָנגעבייזערט — איהר ווילט מיר זאָלען פאַרלירען אזא צדיק! איך זאָג אייך אַן נאָך אַמאָל, אז איהר זאָלט איהם מעהר ניט באַלעסטיגען מיט אייערע נייגעריגע פראַגעס, און אויב איהר זעהט, אז אימיצער קומט צו צו איהם און וויל זיך מיט איהם דורכריידען, זאָלט איהר זיך ניט שעהמען און יענעם זאָגען, אז דער גבאי ר׳ לייזער האָט אָנגעזאָגט, אז מען זאָל איהם צורוה לאָזען.

— וואָס מיינט איהר, אז איך האָב דאָס ניט געטהאָן? אָט איז נעכטען נאָך מעריב, ווען אַלע זיינען שוין אוועק אהיים, צו איהם צוגעגאַנגען יאָסעל דער שניידער און ער האָט אָנגעפאַנגען מיט איהם צו ריידען. איך זעה ווי דער פּרוש שטעהט איינגעטיפט אין דער גמרא, און ער יאָסעל טרעט ניט אָפּ... ער פרעגט איהם און יענער מאַכט זיך ניט הערענדיג. געה איך שוין צו צו דעם שניידער, און איהם געפרעגט אויף אַן אידעלען אופן וואָס ער פאַרלאַנגט פון פּרוש. האָט איהר באַדאַרפט זעהן ווי ער איז אויף מיר ארויפגעפאַלען און מיך געזידעלט. ״עס איז ניט מיין עסק, — האָט ער זיך אויף מיר צעשריען — וואָסי, מען טאָר שוין קיין וואָרט ניט אויסריידען מיט יענעם.

—מהיכא־תיתי! — רוף איך זיך אָן, אָבער איהר זעהט דאָך, אז יענער וויל ניט מבטל זיין פון לערנען!

— פונדעסטוועגען האָב איך באַמערקט, אז ער רעדט מיט ר׳ לייזער׳ן און מיט אנדערע! — האָט דער שניידער מיט כעס צו מיר געזאָגט — איך פאַרשטעה, אז מען האָט איהם מן הסתם אָנגעזאָגט, אז ער זאָל צו מיר ניט ריידען! איך ווייס אפילו פון וועמען עס שטאַמט!

— וואָס רעדט איהר נאַרישקייטען, יאָסעל! — רוף איך זיך אָן צו איהם — קיינער האָט איהם גאָרנישט אָנגעזאָגט!

— איהר וועט מיך ניט איינריידען, — האָט ער ווייטער אויף מיר געשריי־

ען — איך ווייס, אז דער מילנער האט אין דעם א האנט. ער מיינט, אז זינט ער האט געקראגען די ארענדע פון דער מיל פריי פאר צעהן יאהר צייט, איז ער דער בעל הבית פון שטאדט. איך בין אזא יחסן ווי ער און ער האט ניט קיין רעכט ניט צו זאגען אימיצען, אז ער זאל מיט מיר ניט ריידען.

— איך וועל דעם שניידערוק אנלערנען דרך ארץ! — האט ר׳ לייזער אויסגערופען — אזא קאכלעפעל ווי ער איז האב איך נאך ניט געזעהן! יעדע זאך, וואס עס פאסירט, איז עס זיין עסק. אומעטום שטעקט ער זיין נאז... ווען אימיצער קומט צו מיר אין הויז, שיקט ער זיין בנ׳אק בערקע׳ן און יענער דרעהט זיך שוין ארום אונזער פענסטער און ער גיט איהם גלייך איבער די פאטשט . . . איינמאל פאר אלע מאל וועט מען איהם דארפען ווייזען ווער עלטער איז!

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת, ר׳ לייזער, אז עס לוינט זיך ניט אריינצופאלען צו איהם אין מויל... וואס קאן מען טאן, אז מיר האבען אזא גראבען יונג ביי אונז אין שטעדטעל? ער קאן זיך מיט אלע פריצים, מיט די גלחים און תמיד רעדט ער! ער געהט נאך אריין מיט די גלחים אין ויכוחים. איך האב אליין געהערט אז דער רב האט איהם איינמאל אויסגערעדט. ער האט איהם געזאגט, אז די בעסטע זאך פאר איהם איז ניט צו פארפלאנטערען זיך אין א ויכוח מיט א גלח. זאל ער דאס איבערלאזען פאר די וועלכע ווייסען ווי אזוי צו ריידען און וואס צו ענטפערען. ער האט קיינמאל ניט געלערענט, און ווייסט ניט ווי אזוי צו ריידען צו גלחים. און ער קאן נאך אונז אלעמען אריינברייגען אין א צרה... האט איהר געדארפט הערען ווי ער האט געעפענט א מויל און גענומען ריידען... נאר צו וואס זאל איך ריידען לשון הרע... איך וויל ניט אריינפאלען צו איהם אין מויל. איהר זעהט, מען גיט איהם גאנץ אפט א גוטע עליה, ער זאל קיינע טענות ניט האבען... איך וויל זיך מיט איהם ניט איינרייסען.

— נישקשה איהר האט ניט וואס מורא צו האבען פאר איהם! — האט ר׳ לייזער זיך אנגערופען — א דאנק גאט וואס מיר האבען ניט א סך ווי ער צווישען אונז. אויב ער וועט ניט ווייסען ווי זיך צו האלטען, וועט איהר איהם דארפען זאגען. מען וועט זיך פאר איהם ניט שעהמען. ער דארף ווייסען, אז אין ווילנא זיינען פאראן גענוג שניידער, וועלכע האבען ניט קיין פרנסה און ווען מען הייסט זיי קומען אהער, וואלט ער שוין געווען אויס מיוחס... איהר קאנט איהם דאס טאקע זאגען, אז עס זיינען געקומען אהער עטליכע שניידער און מען האט זיי אפגערעדט פון דעם. מען האט ניט געוואלט, אז זיי זאלען דא קאנקורירען מיט איהם, אבער אויב ער וועט ווייטער פראווען זיינע שטיק, וועט מען זיי איינלאדען אהער, און דאן וועלען מיר זעהן ווי אזוי ער וועט האנדלען. איהר הערט, איך בעט אייך, אז איהר זאלט איהם זאגען אין מיין נאמען, ניט מעהר צו באלעסטיגען דעם פרוש, וועלכער איז דא געקומען לערנען און ניט שמועסען מיט יעדען איינעם, וועלכער וועט זוכען מבטל צו זיין זיין צייט.

**19**

זארעמבא האט געווארט אויף זיין חבר׳ס קומען אין צימער. רבקה האט דערווייל אריינגעבראכט א גלאז ווארימע מילך און געגעבען דעם גאסט. זי איז אריינגעקומען צו איהר טאכטער אין צימער און — זי האט איהר געזאגט, אז זיי האבען א גאסט.

— ווער איז דער גאסט? — האט יהודית אויסגערופען און גלייך ארויס פון בעט.

— דו געדענקסט, מיין טאכטער, אז דעם גראף׳ס זוהן, איך מיין אברהם, האט אמאל צו אונז געבראכט זיין חבר, בארים זארעמבא, אויך... אבער וואס ער רעדט, דו ווייסט דאך פון דעם, אברהם האט דאך דאס אלץ דערצעהלט אין דיין געגענווארט. טו זיך אן, מיין טאכטער, ווייל באלד וועט דא אויך קומען אברהם, אפשר וועט ער דא עסען פריהשטיק.

יהודית האט זיך שנעל אנגעטאן. זי האט זיך ארומגעוואשען און פארקאמט. זי האט אנגעטאן א ווייסען שירץ, און זי האט געהאלפען איהר מאמען צוגרייטען דעם פריהשטיק. באלד האט זי דערהערט טריט, און זי האט ארויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער און זיך אנגערופען צו איהר מוטער, רויט ווערענדיג:

— ער קומט! איך מיין אברהם קומט!

זי האָט גלייך געעפענט די טיר און אברהם האָט זי באַגריסט.

— וואָס מאכט איהר? — האָט ער געפרעגט.

— א דאנק! — האָט זי געזאָגט.

— און וואָס מאכט איהר? — האָט זי זיך אָנגערופען און ארונטערגעלאָזען איהר קאָפּ.

— געלויבט איז השם יתברך! — האָט ער אויסגערופען — איך הער, אז מיין חבר געפינט זיך איצט ביי אייך.

— יע, ער געפינט זיך אין יענעם צימער! — האָט זי געזאָגט און איהם אָנגעוויזען אויף יענער טיר.

אברהם איז אריינגעקומען און ביידע חברים האָבען זיך צעקושט.

— זאָג מיר, באַרים ווי האָסטו אויסגעמאכט?

— דערווייל ווייסט זי פון גאָרניט, איך מיין יוליע, איך האָב איהר אפילו ניט געגעבען די מינדסטע אָנדייטונג. אָבער איך בין זיכער, אז עס וועט מיר ניט אָנקומען זעהר שווער, ווייל זי איז וואונדערבאר! זי באזיצט א נאָבעלע נשמה. אלץ וואָס איך וועל דארפען איז פריהער צו עפענען איהרע אויגען און באווייזען .וי פארדאָרבען עס זיינען די דאָזיגע גייסטליכע אין וועמען זי האָט אזוי פיל צוטרויען. און דאָס וועל איך טאקע טאָן גאָר אין גיכען, איך מיין אזוי שנעל ווי איך וועל זיך צוריקקערען אין ווילנאָ. דו דארפסט וויסען, אז דער גלח אנטאָן האָט אונז שוין ביידען ערקלערט פאר טויט, און ער האָט געוואָלט וואַרפען די שולד אויף ר' אהרן ליפּמאַן פון פּאריז. לויט זיינע רייד איז ארויסגעקומען, אז ר' אהרן האָט אונז ביידען געשאָכטען פאר רעליגיעזע צוועקען, כדי צו באנוצען זיך מיט אונזער בלוט אויף די מצות! און ווען איך פארשפּעטיג צו קומען אויף עטליכע טעג, קאָן זיין, אז עס וואָלטען אויסגעבראָכען פּאָגראָמען אין ווילנאָ. דער גלח האָט שוין געהאט אלץ צוגעגרייט... דיין פאָטער האָט אוועקגעשיקט אין פּאריז זיינעם א מענשען ער זאָל מאכען אן אויספאָרשונג און ער דארף זיך די טעג צוריקקערען. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז ער וועט זיך צוריקקערען אהער מיט א שוידערליכע געשיכטע וועגען אונז ביידען, און ערשט דאן וואָלטען זיי ארויסגעלאָזען אלע טייוואָלים און אידיש בלוט וואָלט זיך געגאָסען ווי וואסער...

— יע, זאָג מיר וואָס מאכען מיינע? — האָט וואלענטי איהם געפרעגט — האָבען זיי זיך באַרוהיגט?

— נו, עס פארשטעהט זיך, אז ווי נאָר איך האָב זיי געוויזען דיין בריוו האָבען זיי זיך באַרוהיגט. דיין מוטער האָט בלויז געזאָגט, אז זי בענקט זעהר שטארק נאָך דיר, און איהר פארדריסט וואָס דו האָסט באשלאָסען צו פארבלייבען אין דער פרעמד אזא לאנגע צייט.

— און מיין שוועסטער? — האָט ער איהם געפרעגט.

— מיר דוכט זיך, אז דיין שוועסטער האָט זיך ווינציג וואָס געענדערט — האָט זארעמבא געזאָגט — איך האָב געהאט מיט איהר א לענגערען געשפּרעך נעכטען, און איך בין געקומען צום באשלוס, אז זי איז זעהר געראָטען אין דיין פאָטער!

זארעמבא האָט איהם דערצעהלט וועגען אלע זיינע קרובים, וועלכע זיינען געקומען איהם זעהן און זיך נאָכגעפרעגט ווי ער האָט פארבראכט די עטליכע יאָהר.

— איך וועל דיר זאָגען איין זאך, מיין ליבער חבר! — האָט זארעמבא זיך אָ.ערופען — אז מיר איז געלונגען זיי איבערצוציינגען, אז איך בין א וועגעטעריאנער און איך קאָן ניט עסען קיין פלייש, און דערווייל האָב איך נאָך קיין פליש ניט געגעסען.

—און ווי לאנג גלויבסטו וועסטו נאָך דאָ פארבלייבען, איך מיין אין דעם פּאלאץ פון מיין פאָטער?

— איך גלויב, אז איך וועל זיך מאָרגען אומקערען סיידען איך וועל אויסגעפינען, אז ־יין פאָטער'ס שליח האָט זיך אומגעקערט פון פּאריז. איך וואָלט זעהר געוואָלט זיין דערביי און הערען וואָס פאר א באריכט ער וועט זיי ברענגען וועגען אונז. דו פארשטעהסט, עס וועט זיך לוינען זיי אלעמען איבערצוציינגען ווי גרינג עס איז צו מאכען א בלבול אויף די אידען. איך וועל מיט זיי צופּמאכען, אז זיי זאָלען דעם שליח ניט זאָגען, אז דאָס בין איך, און לאָמיר הערען וואָס ער וועט דערצעהלען וועגען מיר.

— איך גלויב, אז וועסט קאָנען

דערצעהלען דיין יוליע'ן וועגען דעם וואס איך האב דיר געהאט דערצעהלט וועגען דעם גלח אנטאן און מיין פאטער, וועלכע האבען ביידע געזינדיגט און זי וועט שוין איינזעהן ווי אזוי מען קאן זיך פארלאזען אויף איהם. דו וועסט איהר זאגען, אז אויך פילע פון די אנדערע וידוי פאטערס זיינען זינדיג, ווייל זיי קומען אין באריהרונג מיט יונגע שעהנע פרויען, און זיי האבען דעם כח צו ווירקען אויף דער יונגער מיידעל אדער פרוי, אז זיי זאלען ניט דערצעהלען.

— איך וועל שוין וויסען ווי אזוי צו ריידען צו איהר און איך האף, אז זי וועט זעהן דעם ריינעם אמת...

— איצט דערצייל מיר וועגען זיך — האט זארעמבא זיך צו איהם אנגערופען — זאג מיר ווי געהט עס דיר דא? אביסעל האב איך שוין געהערט פון ר' לייזער'ן.

— איך בין שוין אלע שוועריגקייטען איבערגעקומען — האט אברהם געזאגט — קיינער דערקענט מיך ניט! און איך וועל קאנען זיצען רוהיג אין בית המדרש און לערנען אונזער הייליגער תורה.

— נו, און וואס הערט זיך מיט יהודית'ן? — האט איהם זארעמבא אין דער שטיל א פרעג געטאן — איך האב זי נאר וואס געזעהן, זי איז דאך א יפת תאר, און איך האף אז גאר אין גיכען וועלען מיר זיך פרעהען צוזאמען.

— איך האב איצט קיין זאך ניט אין זינען! — האט וואלענטי געזאגט — אויסער אונזער הייליגער תורה. איך האף אז אין די קומענדע עטליכע יאהר וועל איך דערגרייכען מיין ציעל, איך וויל האבען דורכגעלערענט גאנץ ש"ס, און דאן וועל איך ריידען מיט יהודית'ן.

— לאמיר האפען אז עס וועט אזוי לאנג ניט דויערען! — האט זארעמבא געזאגט מיט א שמייכעל — איך האף אז מיר וועלען זיך פרעהען ביי די דיר נאך איידער איך און אפשר אויך יוליע וועלען אפפארען פון דאנען קיין אמסטערדאם, און אפשר גאר קיין ארץ ישראל.

— דו טראכסט נאך אלץ פון ארץ ישראל! — האט איהם אברם געפרעגט.

— און דו, מיין פריינד?

— יעדעס מאל ווען איך דאווען און זאג אין שמונה עשרה "וירושלים עירך ברחמים תשוב", בעט איך גאט מיט מיין גאנצען הארצען אז ער זאל אונז שיקען דעם גואל צדק און מיר זאלען אלע זוכה זיין צו געהן קיין ארץ ישראל. יע, בארים, ווען משיח וועט קומען וועלען אלע קריסטען איינזעהן אז זיי זיינען פארפירט געווארען. זיי וועלען אלע תשובה טאן און גאט וועט זיי מוחל זיין. דאן וועט מקוים ווערען די נבואה פון ישעיה הנביא "והיה באחרית הימים... כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים"...

— מיר דוכט זיך אז אויך דער נביא מיכה האט עס געזאגט! — האט זיך זארעמבא אנגערופען.

— יע, ריכטיג! מיכה האט עס אויך געזאגט מיט זעהר א קליינער ענדערונג — רופט זיך אן אברהם.

— ווער איז געוועזן פריהער, מיכה צי ישעיה? — פרעגט איהם זארעמבא — ווי עס שטעהט געשריבען אין אונזערע הייליגע שריפטען זיינען ביידע געוועזן אין די צייטען פון די מלכים יותם, אחז און יחזקיהו. טא ווער האט אט די דאזיגע רייד געזאגט פריהער?

די טיר פון דעם צימער איז געוועזן אפען, יהודית האט דערווייל געהאט צוגעגרייט פאר זיי נאך הייסע מילך, און זי האט עס געוואלט אריינטראגען צו זיי. זי איז צוגעגאנגען צו דער טיר, און הערענדיג אז זיי זיינען פארטיפט אין א געשפרעך האט זי זיי ניט געוואלט שטערען און זי האט זיך גענומען צוריקציהען. ווען אבער זי האט געהערט אז דער געשפרעך איז גאר וועגען די צוויי נביאים, ישעיה און מיכה, איז זי געבליבען שטעהן און מיט גרויס נייגעריגקייט זיך צוגעהערט. ווען זי האט געהערט זארעמבא'ס פראגע ווער עס איז געוועזן פריהער ישעיה אדער מיכה, און זעהענדיג אז אברהם טראכט אליין וועגען דעם, האט זי זיך ניט מעהר געקאנט באהערשען און צוגעגאנגען נעהענטער צו דער טיר, און זי האט זיך אנגערופען:

— ענטשולדיגט, איך בין נאר וואס צוגעקומען און הערענדיג אז איהר רעדט וועגען די נביאים, האב איך זיך אליין פאראינטערעסירט. און אויב איהר וועט מיר ערלויבען וועל איך אויסדריקען מיין מיינונג אז דער נביא

ישעיה איז געווען פריהער, ווייל ביי דעם נביא מיכה איז געשריבען: ״בימי יותם, אחז, יחזקיה מלכי יהודה״... און ביי דעם נביא ישעיהו איז געשריבען: ״בימי עזיהו, יותם, אחז יחזקיהו מלכי יהודה״ פון דעם קאָנען מיר זעהן אז אין דער צייט ווען מיכה האָט אָנגעפאנגען זיינע נביאות ווען יותם איז געוואָרען קעניג, האָט שוין ישעהו געהאט נביאות געזאָגט אין דער צייט פון עזיהו, יותם׳ס פאָטער. דאריבער פארשטעהט זיך אז ישעיהו האָט געמוזט זיין מיכה׳ס רבי, און ער האָט געווים ווידערהאָלט די רייד פון זיין רבי׳ן.

ביידע גרים, אברהם און באָרים זיינען געוואָרען ערשטוינט ווען זיי האָבען געהערט ווי אזוי זי, א יונגע מיידעל, קאָן דעם תנ״ך אזוי גרינדליך.

— איך באדאנק אייך פון דער טיפעניש פון מיין הארצען! — האָט אברהם געזאָגט — איך האָב איצט פון אייך געלערענט. איך מוז באוואונדערען אייער וואונדערבארען זכרון און באהאווענטקייט אין תנ״ך. עס איז א זעלטענהייט.

— איך טייל מיט מיין פריינד׳ס אָפּשאצונג פאר אייער קענען אזוי גרינדליך אונזערע הייליגע שריפטען. ווען איך וואָלט עס ניט געהערט מיט מיינע אויערען וואָלט איך ניט געגלויבט אזא יונגע מיידעל זאָל אזוי פלינק קאָנען ציטירען פון תנ״ך פסוקים און פארענטפערען אונזערע ספקות...

יהודית האָט זיך גערויטעלט. זי האָט זיך ווידער ענטשולדיגט און געוואָלט ארויסגעהן אָבער אברהם האָט איהר געבעטען זי זאָל פארבלייבען, ווייל ער וויל זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט און זי בעטען צו ערקלערען עטליכע שווערע שטעלען אין תנ״ך.

יהודית איז פארבליבען מיט זיי אין צימער און זיי האָבען גערעדט וועגען תנ״ך. יהודית האָט ארויסגעוויזען איהרע פעהיגקייטען אויסצוטייטשען פארשידענע שווערע פסוקים. דאָס אלץ האָט זי געטאָן אויסענווייניג.

זארעמבא האָט געזאָגט אז ער האָט אויך וואָס צו פרעגען אָבער ער געדענקט ניט אויסענווייניג, אויב עס געפינט זיך א תנ״ך, וואָלט ער געפונען דעם פלאץ. יהודית איז אריין אין צווייטען צימער, און רבקה האָט זי געפרעגט וועגען וואָס זי האָט מיט זיי גערעדט, און זי האָט איהר געענטפערט. זיי האָבען מיך געפרעגט אייניגע זאכען פון תנ״ך, איצט ווילען זיי איך זאָל אריינבריינגען דעם תנ״ך, כדי באָרים זאָל געפינען דאָרט די פסוקים וואָס ער פארשטעהט ניט, און איך זאָל זי איהם ערקלערען.

יהודית האָט געפונען דעם תנ״ך, און זי איז צוריק אריין אין צימער. די טיר איז געווען אָפען, און רבקה האָט זיך געשטעלט נעבען דער טיר, און זיך צוגעהערט ווי אזוי איהר טאָכטער ערקלערט צו די צוויי גרים פסוקים אין תנ״ך. זי איז געשטאנען און האָט אָנגעקוואָלען.

רבקה האָט שוין פון לאנג געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין איהר טאָכטער׳ס הארצען. זי האָט געוואוסט אז זינט דער יונגער גראַף האָט ערקלערט אז ער וויל ווערען א איד, און ער איז טאקע אוועקגעפאָרען דורכצופירען זיין באשלוס, האָט יהודית ניט אויפגעהערט צו טראכטען פון איהם. זי האָט ניט איינמאָל גערעדט מיט איהר וועגען דעם אז אזא גר ווי דער יונגער גראַף פּאָטאָצקי, קאָן אמאָל נאָך דערגרייכען די מדרגה פון א צדיק, מיט וועמען דאָס אידישע פאָלק וועט נאָך שטאָלצירען. איצט אז ער האָט זיך צוריקגעקערט און זי האָט געהערט ווי ער רעדט אין לערנען ווי א למדן, האָט זי געזאָגט אז ער האָט דערגרייכט דאָס צו וואָס ער האָט געשטרעבט. ער איז א גר צדק, און גליקליך וועט זיין די אידישע מיידעל וועמען ער וועט אויסקלייבען פאר זיין פרוי...

רבקה געדענקט אז ווען זי האָט עס ארויסגערעדט האָבען זיך אין איהרע אויגען באוויזען טרעהרען. ערשט דאן האָט זי פארשטאנען אז איהר טאָכטער איז אין איהם פארליבט. זי האָט זיך געקליבען טאקע צו ריידען מיט איהר מאן וועגען דעם אָבער זי האָט עס אָפּגעלייגט. איצט אז זי האָט געהערט ווי אזוי אברהם איז ענטציקט פאר איהר קאָנען דעם תנ״ך און ווי אזוי ער לויבט איהר אזוי שטארק, איז ביי איהר קיין ספק ניט געווען אז אויך ער, דער גר, איז פארליבט אין יהודית׳ן און זיי וועלען זיך דארפען דורכריידען צו

זעהן וואָס עס וועט זיין ראַטזאַם צו טאָן. איהר האַרץ האָט איהר געשראָקען. ניט ווייל זי איז געווען געגען דעם. אין איהרע אויגען איז ער דאָך א פאָלקאָמער איד, און דערצו א גוטער און פרומער, און אויך א גרויסער למדן. אָבער זי האָט זיך געשראָקען צוליב דעם געדאַנק, אַז אויב זיי וועלען יע חתונה האָבען וועלען זיי דאָך דאָ לאַנג ניט קאָנען פארבלייבען און זיי וועלען געוויס דאַרפען אויסוואַנדערען פון דאַנען... אָ, ווי שווער עס וועט זיין פאַר איהר זיך צו שיידען מיט איהר טאָכטער.

באַלד האָט זיך ר׳ לייזער אומגעקערט פון דאַוונען דעם ערשטען מנין. ער האָט געזאָגט רבקה׳ן אַז ער האָט דוד׳ן און נפתלי׳ן אַוועקגעשיקט אין מיל, ווייל ער האָט ניט געוואָלט אַז זיי זאָלען טרעפען אין הויז זאַרעמבאַ׳ן צוזאַמען מיט אברהם, כדי זיי זאָלען זיך ניט אָנשטויסען אַז אברהם איז דער געוועזענער גראַף וואַלענטי פאָטאָצקי.

— איך האָב זיי געזאָגט אַז איך וועל זיין פאַרנומען פאַר א קליינע וויילע, און אַז יהודית וועט זיי ברייגנען דאָרט עפּעס צו עסען און דאַן וועלען זיי פון דאָרט קאָנען געהן אין חדר. אָט לייג אַוועק זייערע תפילין אויף דעם פּלאַץ.

ער האָט איהר געגעבען זיין טלית און תפילין און אויך די צוויי פּאָר תפילין פון זייערע זיהן, און רבקה האָט זיי אַריינגעלייגט אין קאַמאָד. ר׳ לייזער איז דערווייל אַריינגעקומען אין צימער וואו די צוויי גרים זיינען געווען פאַרטיפט אין א געשפּרעך פון תנ״ך מיט יהודית׳ן. זיי זיינען געווען אַזוי פאַרטיפט אין געשפּרעך אַזויי האָבען אפילו ניט באַמערקט אַז ר׳ לייזער געפינט זיך אין צימער. ער איז געבליבען שטעהן נעבען דער טיר, און זיך צוגעהערט ווי זיין טאָכטער יהודית לערענט מיט זיי א פּרק אין תנ״ך. זי האָט עס פאַר זיי פאַרטייטשט אויף אַזאַ גרינגען אופן אַז באַרים האָט איהר באַדאַנקט און געזאָגט אַז ערשט איצט פאַרשטעהט ער די ריכטיגע מיינונג פון די פּסוקים און די כונה פון דעם נביא.

באַלד האָט יהודית דערזעהן איהר פאָטער און זי האָט זיך עטוואָס פאַרשעהמט. אברהם האָט געמאַכט א באַמערקונג אַז ער אַליין וועלכער האָט שוין דורכגעלערענט דעם גאַנצען תנ״ך עטליכע מאָל, האָט נאָך ביז איצט ניט געקאָנט פאַרשטעהן אָט די שווערע אומפאַרשטענדליכע טיילען פון די קאַפּיטלען פון ישעיהו הנביא.

— איך בין זיך מודה! — האָט ר׳ לייזער מיט שטאָלץ געזאָגט אַז ווען עס קומט צו תנ״ך, קאָן איך זיך מיט מיין טאָכטער ניט פאַרהערען — זי קאָן תנ״ך גרינדליך. ניט אַלע מאָל איז דאָס א מעלה אַז אידישע טאָכטער זאָל זיך צופיעל פאַרטיפען אין תנ״ך, אָבער איך גלויב אַז יהודית איז טאַקע אַן אויסנאַם. דאָס קאָנען די הייליגע שריפטען אַזוי גרינדליך מיט אַלע תרגומים און אויסטייטשונגען, האָט אויף א האָר ניט געמינערט פון איהר פרומקייט.

— געבענשט איז אונזער פאָלק וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע טעכטער ווי יהודית! — האָט אברהם זיך אָנגערופען און געוואָרפען זיינע בליקען אין איהר ריכטונג.

יהודית׳עס פּנים האָט געפלאַמט. זי האָט אַרונטערגעלאָזען איהר קאָפּ און זיך אַרויסגעשלייכט פון צימער.

זאַרעמבאַ און אברהם האָבען נאָך פאַרבראַכט א קליינע וויילע, זיי האָבען גערעדט וועגען זייערע פּלענער אויף דער צוקונפט.

אויב איך וועל דאָ נאָך פאַרבלייבען עטליכע טעג, איך מיין, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען אַז דיין פאָטער׳ס שליח קיין פּאַריז האָט זיך צוריקגעקערט מיט א תשובה וועגען אונז פון פּאַריז און איך וועל מן הסתם פאַרבלייבען כדי צו הערען וואָס ער וועט זאָגען, וועל איך דיך מן הסתם ווידער זעהן.

ר׳ לייזער האָט איהם געזאָגט אַז ער וועט פריהער אַרויסגעהן אין דרויסען צו זעהן אויב קיינער געפינט זיך ניט דאָרט. ווייל אויב מען וועט איהם דערזעהן אַרויסקומענדיג פון זיין הויז וועלען זיך ווידער אָנפאַנגען פאַרשיידענע ספּעקולאַציעס. מען וועט וועלען וויסען ווער ער איז און וואָס טוט ער דאָ, ביי איהם אין הויז. דעריבער וועט ער דאַרפען זיין זעהר פאָרזיכטיג.

זאַרעמבאַ האָט זיך געזעגענט מיט אברהם׳ן און מיט יהודית׳ן און רבקה׳ן. ער איז אַרויס פון הויז, און

ווען ר׳ לייזער האָט איהם געזאָגט אז ער קאָן געהן, ווייל עס איז קיינער ניטאָ, האָט ער איהם געגעבען זיין האַנט און ער איז שנעל אוועק פון דאָרט.

אברהם האָט נאָך א ווייל̇ע פאַרבראַכט מיט זיי און ווען רבקה האָט איהם איינגעלאַדען צו עסען פריהשטיק מיט זיי, האָט ער זיך ענטזאַגט:

— איך האָב נאָך ניט געדאַווענט — האָט ער געזאָגט — באַלד וועט זיך שטעלען דאַווענען דער צווייטער מנין, און איך מוז זיך איילען צום דאַווענען. ער האָט זיך מיט זיי שנעל געזעגענט און ער איז צוריקגעגאַנגען אין בית המדרש.

— יהודית — האָט ר׳ לייזער זיך אַנגערופען צו זיין טאָכטער — געה שנעל און ברענג פריהשטיק פאַר דוד׳ן און נפתלי׳ן. איך האָב זיי אַוועקגעשיקט מיט אן אויסרייד אין מיל. זיי טאָרען קיינמאָל ניט וויסען וועגען זאַרעמבאַ׳ס באַזוך, ווייל זיי זיינען נאָך אַלץ קינדער און זיי קאָנען זיך אַרויסריידען מיט א וואָרט און דאַן וועלען מיר אַלע זיין אין גרויס געפאַהר. מיר מוזען זיין זעהר ,זעהר פאָרזיכטיג. געה אַהין, שיק זיי אין חדר און דו פאַרבלייב ביז וואַנען איך וועל צוקומען.

יהודית האָט גענומען שפייז און גלייך אַוועק אין מיל. זי האָט זיי געהייסען געהן אין חדר. דוד האָט געפרעגט פאַרוואָס דער טאַטע האָט זיי געשיקט אין מיל אַזוי פריה און זי האָט איהם געזאָגט, אז ער האָט ערוואַרטעט אימיצען א סוחר, און ער האָט ניט געקאָנט אַוועקגעהן.

## 20

ווען זאַרעמבאַ האָט זיך צוריקגעקערט אין דעם זומער־פּאַלאַץ פון גראַף פּאָטאָצקי, זיינען שוין אַלע געזעסן ארום דעם פריהשטיק טיש. איינינגע פון די דינער, וועלכע האָבען זיך נאָר־וואָס צוריקגעקערט פון אַרומזוכען איהם, האָבען זיך פאַרנויגט ווען זיי האָבען איהם דערזעהן. זיי האָבען איהם איבערגעגעבען, אז דער גראַף האָט זיי געשיקט איהם צו זוכען, ווייל ער האָט געמיינט, אז דער פאַן זאַרעמבאַ איז אַרויס אין וואַלד און דאָרט פאַרבלאָנדזשעט.

זאַרעמבאַ האָט זיך מיט אַלעמען באַגריסט און זיך ענטשולדיגט. ער האָט זיי געזאָגט, אז ער האָט געמאַכט א שפּאַציר אין וואַלד און ער האָט זיך ניט אַרומגעזעהן, אז עס איז שוין שפּעט.

ער האָט זיך געזעצט מיט זיי ביים טיש, און דער גראַף האָט מיט איהם ווידער גענומען ריידען וועגען זיין זוהן וואַלענטין און וועגען דעם אידען ליפּמאַן פון פּאַריז, ביי וועמען זיי פּלעגען פאַרברענגען אַזוי פיל צייט.

— דער איד איז זעהר א געלערנטער און קלוגער — האָט זאַרעמבאַ געזאָגט, און מיר האָבען א סך גענאָסען פון זיין געזעלשאַפט.

באַלד איז אַריינגעקומען א דינער און געמאָלדען, אז א געוויסער פאַן זוקאָווסקי איז נאָר־וואָס אָנגעקומען.

— אַ, אָט דאָס איז דער שליח מיינער וועמען איך האָב געשיקט אין פּאַריז אויסצופאָרשען וועגען אייער בּיידענס פאַרשווינדען — האָט דער גראַף זיך אָנגערופען צו זאַרעמבאַ׳ן. אָט וועלען מיר באַלד הערען א באַריכט פון איהם.

— פּאָטער, לאָמיר איהם גאָרניט דערצעהלען וועגען דעם פאַן זאַרעמבאַ, — האָט קאַטערינאַ זיך אָנגערופען — ער האָט דאָך איהם קיינמאָל ניט געזעהן, וועלען מיר איצט הערען וואָס ער האָט צו דערצעהלען וועגען אייער פאַרשווינדען, הא, פאַן זאַרעמבאַ, זייט איהר צופרידען, אז מיר וועלען אייך פאָרשטעלען פאַר דעם גאַסט מיט אן אַנדער נאָמען, און איהר אַליין וועט קאָנען הערען פון זיין מויל א באַריכט וועגען אייך.

— יע, געוויס בין איך צופרידען!

— האָט זאַרעמבאַ אויסגערופען — עס וועט פאַר מיר זיין זעהר אינטערעסאַנט צו הערען זיין באַריכט וועגען וואַלענטי׳ן און וועגען מיר.

— היים איהם גלייך אַריינקומען אַהער! — האָט דער גראַף פּאָטאָצקי באַפוילען דעם דינער.

אין א ווייל̇ע אַרום איז אַריינגעקומען זוקאָווסקי. ער איז געוועזן הויך, ברייט ביינינ, מיט א פּאָר לאַנגע געדרעהטע וואָנצעס.

ער האָט זיך מיט אַלעמען באַגריסט. דער גראַף האָט איהם געבעטען זיצען,

און דאן האט ער פארגעשטעלט זארעמבא'ן פאר איהם, אנגעבענדיג איהם אן אנדער נאמען.

די גרעפין האט געהייסען דערלאנגען פאר איהם עפעס צובייסען, און דער גראף האט זיך צו איהם געווענדעט:

— נו, פאן זוקאווסקי, איהר זעהט דאך ווי אומגעדולדיג מיר אלע זיינען צו וויסען וואס איהר האט אויסגעפונען וועגען מיין זוהן און זיין פריינט.

זוקאווסקי האט ארונטערגעלאזען זיין קאפ און געשוויגען.

— זאגט אלץ וואס איהר האט אויסגעפונען! — האט דער גראף אויסגערופען — מיר זיינען גרייט אויף דאס ערגסטע. איך האף, אז איך האב זיך אויף אייך געקאנט פארלאזען. איהר האט דאך געוויס געמאכט א גרינדליכע אונטערזוכונג.

— יע, גנעדיגער גראף, איך האב געארבייט דארט זעהר שווער, טאג און נאכט האב איך ניט גערוהט. איך האב געזאמעלט באווייזען...

— דאס מיינט, אז איהר האט מיין זוהן און זיין חבר דארט ניט געפונען? — האט דער גראף געזאגט.

— צו מיין גרויס באדויערען, ניין! — האט זוקאווסקי געמאכט א טרויעריגע מינע.

— שנעלער, זאג מיר, וואס האט איהר וועגען זיי אויסגעפונען! — האט דער גראף מיט געמאכטען שרעק זיך צו איהם געווענדעט.

— איך האב קיין געלט ניט געזשאלעוועט! — האט ער זיך אנגערופען — איך האב געדונגען נאך אייניגע מענשען, וועלכע האבען גוט געקענט דעם זשיד ליפמאן. זיי האבען מיר א סך געהאלפען. זיי האבען מיר דערצעהלט, אז זיי פלעגען זעהן ווי וואלענטי און זיין פריינט פלעגען אריינגעהן צו דעם זשיד. זיי פלעגען ביי איהם אפזיצען א היבשע צייט יעדעס מאל ווען זיי פלעגען צו איהם קומען.

— דאס האב איך דאך דיר אליין געזאגט — האט דער גראף זיך צו איהם אנגערופען — דו דערצעהל מיר בעסער וואס איך וויים ניט...

— ווען איך האב דאס פעסטגעשטעלט, האב איך זיך באקענט מיט די נאהענטע שכנים פון דעם זשיד. איך בין אריין צו איינעם פון זיי ווע מענס פענסטער קומט ארויס פונקט געגענאיבער דעם פענסטער פון דעם דאזיגען פארפלוכטען זשיד.

— פון אייערע רייד קאן איך זיך שוין אנשטויסען, אז דער זשיד האט מיין ברודער שלעכטעס געטאן.. — האט קאטערינא געזאגט.

— שלעכטעס! — האט זוקאווסקי זיך גענומען צלמ'ן —ס'איז שוידערליך! עס איז מיר שווער צו ריידען... איך האב אזוי אויפגעשוידערט, אז איך האב געשווארען ביי דעם הייליגען צלם, אז אזוי שנעל ווי איך וועל זיך צוריקקערען, וועל איך זעהן, אז מיר זאלען אויסקוילענען אלע זשידעס... זיי זיינען די גרעסטע געפאהר פאר אלע קריסטען. קיינער פון אונז איז דאך ניט זיכער מיט זיין לעבען...

— דערצעהל אונז, שנעלער, וואס האט מען געטאן צו מיין זוהן! — האט די גרעפין פארשטעלט איהר פנים, ווי זי וואלט געוואלט פארבארגען איהרע טרעהרען.

— עס איז אומגלויבליך! איך האב עס ניט געוואלט גלויבען. ווען דער שכן האט מיר דערצעהלט וואס עס איז פארגעקומען דאן ביי דעם זשיד אין הויז, האבען זיך מיר די האר פון קאפ געשטעלט קאפויר... איך האב איהם געזאגט, אז עס קאן ניט זיין. עס איז דאך צו שרעקליך צו ריידען אזוי, אבער יענער האט זיך געשווארען. ער האט זיך אפשר צעהן מאל איבערגעצלמ'ט, און דאן בין איך נאך אלץ געווען אין צווייפעל... ביז וואנען איך האב באשלאסען זיך צו זעהן מיט דעם זשידעק אליין.

— און וואס האט איהר פון איהם אויסגעפונען? — האט דער גראף זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ.

— עס האט מיך גענוג געקאסט געזונט און געלט, ביז וואנען מיר איז געלונגען איהם צוצודריקען צום וואנט... יע, איך האב איהם גענומען אויפ'ן צימבעל, און ער האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי זיך מודה זיין פאר מיר...

— אין וואס האט ער זיך מודה געווען? — פרעגט איהם קאטערינא.

— אַ, פארוואס איז אויף מיין גורל געפאלען אייך צו ברענגען די טרויעריגע בשורה — האט זוקאווסקי געזאגט און גענומען ווישען זיינע אויגען

— אייער זוהן וואַלענטי און זיין פריינט זאַרעמבאַ זיינען שוין ניט מעהר צווישען די לעבעדיגע.

קאַטערינאַ און די איבעריגע האָבען זיך קוים באַהערשט זיי זאָלען ניט אויסברעכען אין אַ הילכיגען געלעכטער.

זוקאָווסקי, וועלכער האָט געהאַלטען אין ווישען זיינע אויגען, האָט גאָרניט באַמערקט, אַז זיינע צוהערער זיינען גאָרניט אַזוי שאָקירט פון דעם, וואָס ער האָט זיי נאָר־וואָס געזאָגט.

— אָבער, שנעלער, דערצעהלט אונז ווי אַזוי דאָס איז געשעהן? — האָט דער גראַף זיך צו איהם געווענדעט — מיין בלוט קאָכט און זידט אין מיר. איך וועל נקמה נעמען פאַר דעם פאַר־גאָסענעם בלוט פון מיין זוהן און זיין פריינט, נו, זאָגט מיר, אין וואָס האָט זיך דער זשיד מודה געווען.

— ער האָט זיך מודה געווען אין אַלץ! איך מיין אין אַלץ וואָס דער שכן זיינער האָט מיר דערצעהלט!

— איהר האָט נאָך ניט איבערגעגעבען וואָס זיין שכן האָט אייך דערצעהלט — האָט קאַטערינאַ זיך צו איהם אָנגערופען.

— יע, דער שכן זיינער האָט מיר דערצעהלט, אַז ער האָט געזעהן, אַז עפּעס קומט פאָר אין דעם זשיד'ס הויז. דאָס איז געווען איינינע טעג פאַר זייער יום טוב פּסח. ער האָט געזעהן ווי צו דעם אידען זיינען אַריינגעקומען עטליכע אידען מיט אַמאָל. זיי האָבען געהאַט לאַנגע שוואַרצע בערד. ער האָט געזעהן ווי זיי ווינקען זיך איבער מיט די אויגען איידער זיי האָבען געעפענט די טיר. דאָס האָט אַרויסגערופען ביי איהם פאַרדאַכט און ער האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבען זיין פענסטער און אַריינגעקוקט אהין, צום זשיד אין פענסטער. באַלד האָט ער באַמערקט ווי דער זשיד, ליפּמאַן, געהט צו צום פענסטער און ציהט אַרונטער אַ פאָר־האַנג... צום גליק האָט ער איבערגעלאָזען אַ פּלאַץ, דורך וואַנען מען האָט געקאָנט זעהן אַלץ וואָס קומט פאָר אין יענעם צימער.

— און וואָס האָט זיין שכן דאָרט געזעהן? — פרעגט איהם זאַרעמבאַ.

— ער האָט געזעהן ווי די זשידעס מיט די שוואַרצע בערד, זיינען זיך צו־זאַמענגעקומען און זיי האָבען געמאַכט פאַרשידענע באַוועגונגען מיט די הענט... דאַן האָט איינער פון זיי אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ לאַנגען שאַרפען חלף...

— אוי, ווי שוידערליך! — האָט קאַטערינאַ אויסגערופען.

זוקאָווסקי האָט באַמערקט וואָס פאַר אַ שטאַרקען איינדרוק זיינע רייד מאַכען און ער האָט גענומען מאָלען מיט גליהענדע פאַרבען די שוידערליכע רי־טואַלען, ווי אַזוי דער איד האָט אומגעבראַכט וואַלענטי'ן און זאַרמעבאַ'ן.

— דער שכן האָט פּלוצלונג דער־הערט שוידערליכע געשרייען. ער האָט זיך גענומען צוהערען און געקוקט דאָרט. ער האָט געזעהען ווי אַזוי מען האָט אַריינגעבראַכט וואַלענטי'ן און זאַרעמבאַ'ן געבונדענע. זיי האָבען זיך געראַנגעלט, און זיי האָבען גע־שריען. דאַן איז צו זיי צוגעגאַנגען אַ הויכער געזונטער זשיד מיט זיין לאַנגען חלף, און ער האָט זיי געוויזען, אַז ער וועט זיי קוילענען אויב זיי וועלען ניט אויפהערען צו שרייען. ער האָט געקאָנט הערען זייערע געבעטען און געוויינען. דאַן באַמערקט ער ווי אַ צווייטער זשיד געהט צו נעהענטער צו זיי און פאַרשטאָפּט זייערע מיילער זיי זאָלען ניט קאָנען שרייען.

— און וואָס האָט דער שכן דאַן גע־טאָן? — פרעגט איהם דער גראַף מיט אויפרעגונג — פאַרוואָס האָט ער ניט גערופען פּאָליציי?

— המ... דאָס האָב איך איהם אויך געפרעגט, אָבער ער האָט מיר געזאָגט, אַז אויף איהם איז געפאַלען אַזאַ שרעק, אַז ער האָט זיך ניט גע־קאָנט ריהרען פון פּלאַץ... ער האָט געזעהען ווי די זשידעס זינגען אוים איינינע תפלות, דאַן מאַכען זיי פאַר־שידענע תנועות און באַוועגונגען מיט די הענט... זיי האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ אין אַלע ריכטונגען, און דאַן איז צוגעקומען דער איד מיט'ן חלף... די אַנדערע אידען האָבען אַ נעם גע־טאָן זאַרעמבאַ'ן און איהם אַרויפגע־לייגט אויפ'ן טיש און נאָכדעם ווי ער האָט עפּעס אַרויסגעפּרעפּעלט, האָט ער איהם איבערגעשניטען זיין האַלז...

— באָזשע מאָי! ווי שרעקליך!

— האָט די גרעפין זיך גענומען צלמ'ן.

— און וואָס האָבען זיי געטאָן מיט מיין ברודער? — האָט קאַטערינאַ איהם געפרעגט.

— עס איז פאר מיר זעהר שווער צו דערצעהלען די אלע שוידערליכע איינצעלהייטען וועגען וואלענטי'ן — האט ער געזאגט.

— דערצעהלט אונז! — האט דער גראף געזאגט, ווייל איך וויל האבען די איינצעלהייטען כדי איך זאל זיך קאנען נוקם זיין אן אלע זשידעס פון ווילנא און פון ארום.

— זיי האבען געטאן צו וואלענטי'ן דאס וואס זיי האבען געטאן צו דעם אומגליקליכען זארעמבא'ן וועמען זיי האבען געשאכטען אהן רחמנות, פונקט ווי מען שעכט א בהמה...

— פון וואנען ווייסט דו, אז מען האט געקאנט גלויבען דעם קריסט אין אלץ וואס ער האט דערצעהלט? — פרעגט איהם די גרעפין.

— איך האב איהם טאקע ניט געוואלט גלויבען! — ענטפערט זוקאווסקי — בין איך אבער גלייך אריין צום זשיד און איך האב איהם גענומען אויספרעגען. פארשטעהט זיך, אז פון אנפאנג האט ער געמאכט א פארזוך צו לייקענען, אבער ווען איך האב איהם איבערגעגעבען די אלע איינצעלהייטען וואס עס האט פאסירט יענעם אווענט, האט ער זיך מודה געווען פאר מיר. ער האט מיר אפילו אנגעבאטען א גרויסע סומע געלט, איך זאל האלטען מיין מויל...

— וויפיל האט ער אייך אנגעבאטען איהר זאלט שווייגען — פרעגט איהם דער גראף.

— ער האט מיר אנגעבאטען צעהן טויזענט דוקאטען, אבער איך האב אויף איהם אנגעשפיגען און געזאגט, אז קיין געלט אין דער וועלט וועט מיך ניט אפהאלטען צו דערצעהלען דער פאליציי וואס ס'האט פאסירט; ווי אזוי ער און די אנדערע זשידעס האבען געקוילעט דעם יונגען גראף וואלענטי פאטאצקי און זיין פריינט זארעמבא כדי צו קריגען קריסטליך בלוט פאר זייערע מצות...

— נו, האט איהר איהם געלאזט ארעסטירען? — פרעגט איהם קאטערינא.

— א, איך וועל זיך קיינמאל ניט מוחל זיין וואס איך האב ניט געמאלדען די פאליציי, פריהער איידער איך בין ארויפגעקומען צו איהם רידען און איהם צווינגען ער זאל זיך מודה זיין אין דעם ריטועלען מארד פון די צוויי קריסטען. ווי נאר איך בין ארונטער רופען פאליציי, ווייזט אויס, אז ער האט געהאט א געהיימען ארויסגאנג און ער איז אנטלאפען געווארען. איך האב געמאלדען דער פאליציי, און זיי זיינען גלייך אריינגעקומען צו איהם אין הויז, אבער ער האט שוין קיין שפור פון זיך ניט איבערגעלאזען... ער איז פארשוואונדען געווארען...

— ביזטו וויליג צו שווערען ביי דעם הייליגען צלם, אז דאס איז אלץ אמת? — האט דער גראף זיך אנגערופען צו איהם.

— יע, איך בין וויליג צו שווערען, — האט זוקאווסקי זיך אנגערופען.

דערווייל איז צוגעקומען א צווייטער דינער און געמאלדען, אז דער גלח אנטאן איז נאר וואס געקומען.

— זאל ער שנעל אריינקומען אהער — האט זיך דער גראף אנגערופען, — און ער האט א וואונק געטאן צו זארעמבא'ן ער זאל זיך אויפהויבען פון פלאץ.

זארעמבא האט פארלאזען דעם טיש, און זיך געשטעלט הינטער א פארהאנג וואו קאטערינא האט איהם אנגעצייגט, אזוי אז זוקאווסקי זאל עס ניט מערקען.

דאס הייליג פאטערל אנטאן איז אריינגעקומען און האט זיך פריינדליך באגריסט מיט אלעמען.

— איך האב געהערט, אז דער פאן זוקאווסקי האט זיך שוין צוריקגעקערט פון פאריז מיט זיין באריכט וועגען דעם יונגען גראף וואלענטי און זיין פריינד זארעמבא'ן און דעריבער האב איך זיך געאיילט צו קומען אהער.

— איהר זייט געקומען אין צייט, הייליגער פאטער, — האט קאטערינא זיך צו איהם אנגערופען, — דער פאן זוקאווסקי האט אונז דערצעהלט אלע שוידערליכע איינצעלהייטען. מיר זיינען אלע זעהר שטארק אויפגערעגט.

— דערצעהל דעם הייליגען פאטער אלץ וואס דו האסט נאר וואס אונז דערצעהלט, — האט דער גראף זיך אנגערופען צו זוקאווסקי'ן.

זוקאווסקי האט ווידערהאלט אלץ וואס ער האט געהאט דערצעהלט מיט א ווייל צוריק פאר אלעמען.

אנטאן האט זיך אויפגעשטעלט און מיט אויפרעגונג א קלאפ געטאן אין טיש אויסרופענדיג:

— א טויט צו אלע זשידעס! נקמה וועלען מיר נעמען פאר דעם פארגאסענעם בלוט פון אזעלכע צוויי איידעלע קריסטליכע נשמות וועלכע זיינען געפאלען קרבנות פון די רוצחים׳שע הענט פון די זשידעס. וואלענטי און זארעמבא׳ס בלוט איז ניט פארגאסען געווארען אומזיסט. מיר וועלען ניט שווייגען. מיר וועלען פארניכטען אלע זשידעס וועלכע געפינען זיך אין אונזער רשות, און מיר וועלען זעהן, אז זיי זאלען ניט מעהר קאנען אויפהויבען זייערע קעפ און ווידער טאן אזא שוידערליכען פארברעכען... דעם קומענדען זונטאג וועל איך רופען אלע פויערים צו נקמה פאר די הייליגע מארטירער. מיר וועלען שעכטען די זשידעס אהן רחמנות פונקט ווי זיי האבען געשאכטען די צוויי אומגליקליכע, הילפלאזע יונגע קריסטען.

— ווארט, הייליגער פאטער, — האט זיך דער גראף צו איהם געווענדעט, — איידער מיר קומען צו דעם באשלוס, דארפען מיר זיך איבערצייגען, אז אלץ וואס זוקאווסקי האט אונז דערצעהלט איז אמת.

— ביי מיר איז קיין צווייפעל ניטא, אז אלץ איז אמת, — האט דער גלח אויסגערופען און זיין פנים האט געפלאמט פון צארן, — האב איך אייך דען די זעלבע זאך ניט געזאגט מיט א צייט צוריק, איידער איך האב געהערט זיין באריכט. איך האב אויסגעדריקט מיין פארדאכט, אז דער זשיד האט זיך באנוצט מיט זייער בלוט פאר רעליגיעזע צוועקען..

— פונדעסטוועגען וויל איך, אז ער זאל מיר שווערען. אז ער האט עס ניט אויסגעטראכט פון קאפ, — האט דער גראף זיך אנגערופען, — איך האב איהם פריהער געבעטען שווערען און אזוי ווי איהר זייט גראד אנגעקומען האב איך איהם געלאזען אייך איבערדערצעהלען און איצט וויל איך, אז ער זאל מיר שווערען, אז דער שכן פון יענעם זשיד האט עס איהם ווירקליך אלץ דערצעהלט און אויב עס איז אויך אמת, אז דער זשיד אליין האט זיך מודה געווען... ווייל איהר דארפט דאך וויסען, אז איך בין דאך געווען אין פאריז באלד נאכדעם ווי זיי זיינען פארשוואונדען געווארען, איך מיין קורץ נאך זייער יום טוב פסח, און איך האב געמאכט א גענויע אויספארשונג. עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אז איך זוך מיין זוהן און זיין פריינד. איך געדענק גאנץ דייטליך, אז ווען איך בין צוגעפאהרען צו דעם הויז פון יענעם זשיד זיינען אלע שכנים ארויסגעקומען מיך אנקוקען. און אויב דער קריסטליכער שכן זיינער האט שוין דאן געוואוסט וועגען דעם זשיד׳ס פארברעכען וואלט ער דאך מיר דערצעהלט דעם גאנצען אמת.

— המ... איך האב דאך שוין געזאגט דעם גראף, — האט זוקאווסקי אויסגערופען, — דער קריסטליכער שכן האט זיך זעהר שטארק געשראקען פאר דעם זשיד, וועלכער איז אזוי רייך און מעכטיג.

— און וויסענדיג פון אזא פארברעכען האט דער קריסטליכער שכן קיינמאל ניט געמאלדען דער פאליציי?

— פרעגט איהם דער גראף.

— ניין, ער האט מורא געהאט זיך אנצופאנגען מיט איהם, די אנדערע זשידעס זאלען זיך ניט נוקם זיין אן איהם.

— איך וואלט וועלען איהר זאלט טאקע שווערען, — איז דער גראף באשטאנען.

— אויב איהר גלויבט איהם ניט איז ער גרייט צו שווערען ביי דעם הייליגען צלם! — האט דער גלח זיך אנגערופען, — אבער איך בין איבערצייגט, אז יעדעס ווארט וואס ער האט געזאגט איז אמת. איך האב ניט איינמאל געהערט, אז די זשידעס באנוצען זיך מיט קריסטליך בלוט פאר זייערע מצות, און לויט ווי איך האב געהערט איז יענער זשיד פון פאריז זעהר א כיטרער. ער האט זיי פריהער אריינגענארט צו זיך אין הויז און זיך מיט זיי גוט באפריינדעט און ווען ער האט געוואונען זייער צוטרויען, האט ער צוזאמען מיט נאך עטליכע זשידעס זיי ערמארדעט. עס איז אזוי קלאר ווי דער טאג... נאר כדי, אז עס זאל ביי אייך ניט זיין דער מינדסטער צווייפעל וועל איך איהם ערלויבען צו שווערען ביי מיין צלם.

דער גלח האט גענומען אין האנט דעם גאלדענעם צלם וואס איז געהאנגען איבער זיין ברוסט און זו־

קאָווסקי איז צוגעגאַנגען און ער האָט געשוואָרען, אַז אַלץ וואָס ער האָט איהם דערצעהלט איז אמת, אַז ער האָט עס געהערט פון דעם מויל פון דעם קריסטליכען שכן, און אויך, אַז דער זשיד ליפּמאַן האָט זיך פאַר איהם מודה געווען אין דעם און אַז ער האָט איהם אָנגעבאָטען אַ סך געלט צו שווייגען, אָבער ער האָט ניט גענומען און דער זשיד איז דאַן פאַרשוואונדען געוואָרען.

ווי נאָר זוקאָווסקי האָט געענדיגט שווערען איז דער גראַף צו איהם צוגעגאַנגען און אַריינגעלאָזען צוויי פייערדיגע פּעטש, אויסשרייענדיג:

— דו ליגנער! דו אויסוואורף! דו וואגסט נאָך צו שווערען פאַלש ביי דעם הייליגען קרייץ!

— אָ, ווירדיגער גראַף! — האָט זיך אַנטאָן געשטעלט צווישען איהם און זוקאָווסקי'ן, — ער האָט געשוואָרען דעם אמת. ער האָט ניט פאַרדינט, אַז איהר זאָלט איהם אַזוי באַהאַנדלען פאַר ברייגנען דעם דאָזיגען באַריכט. עס איז ביי מיר ניטאָ דער מינדסטער צווייפעל, אַז ער האָט דערצעהלט דעם אמת.

— איך וועל אייך באַלד ווייזען ווי אַזוי ער האָט דערצעהלט דעם אמת, — האָט דער גראַף ווידער אַרונטערגעלאָזען אַ פּאַטש זוקאָווסקי'ן, — איך האָב איהם געשיקט אויסצוגעפינען דעם אמת, איך האָב איהם מיטגעגעבען גענוג געלט, און וואָס האָט ער דאָרט געטאָן? ער האָט געהולטאַיעוועט און ער האָט דאָרט גאָרניט אויסגעפונען, און אויב דאָס איז נאָך ווינציג קומט אהער און דערצעהלט מיר אַ ליגען. ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל פאַרגיסען אומזיסטע בלוט.

— אָבער ער האָט דאָך דערצעהלט דעם אמת, — האָט דער גלח איהם געזוכט צו פאַרטיידיגען.

— זארעמבא, קום אַרויס! — האָט דער גראַף זיך אָנגערופען.

זארעמבא איז באַלד אַרויסגעקומען פון הינטער דעם פאַרהאַנג. ער איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט. דער גלח האָט אַ דרעה געטאָן זיין קאָפּ און זיין פּנים איז בלאַס געוואָרען.

— נו, הייליגער פּאָטערל, איהר קאָנט אָט דעם יונגען מאַן?

— אָ, באַרים זארעמבא! — האָט דער גלח אויסגערופען.

זוקאָווסקי'ן האָט גענומען טרייסלען הענט און פיס. ער האָט איהם ניט געקאָנט. איצט פאַרשטעהט ער, אַז דער גראַף האָט פאַרשפּרייט אַ נעץ פאַר איהם. ער האָט איהם דאָך פריהער פאַרגעשטעלט מיט אַן אַנדער נאָמען. די גאַנצע צייט ווען ער האָט גערעדט וועגען איהם אַלס טויט איז ער געשטאַנען הינטער דעם פאַרהאַנג און געהערט...

— נו, וואָס וועסטו איצט זאָגען: דו פאַרדאַמטער ליגנער, — האָט זיך דער גראַף געווענדעט צו איהם, — איך וועל דיר ווייזען ווי אַזוי מיך אָפּצונאַרען!

—אָ, גנעדיגער גראַף! — האָט זיך זוקאָווסקי גענומען ביי איהם בעטען. עס איז ניט מיין שולד, דער קריסטליכער שכן זיינער האָט מיר, ווייזט אויס אָפּגענאַרט.

— נו, יע, — האָט זיך דער גלח פּרובירט איינשטעלען פאַר איהם, — ס'איז דאָך ניט שווער צו גלויבען אַזאַ זאַך אויף די זשידעס. ער האָט איהם מן הסתם דערצעהלט... און אפשר האָט דער קריסט אויך קיין ליגען ניט געזאָגט, עס קאָן זיין, אַז איהם האָט זיך געדוכט...

— איך וואָלט אפשר איהם געקאָנט גלויבען ווען ער דערצעהלט מיר ניט, אַז ער האָט זיך געזעהן מיט דעם ליפּמאַן, און אַז יענער האָט זיך פאַר איהם מודה געווען אין האָבען געקוילעט מיין זוהן און זארעמבא'ן, — האָט דער גראַף מיט כעס אויסגערופען, — אָבער דער נידערטרעכטיגער, דער ליגנער האָט נאָך די חוצפּה צו שווערען זיך ביי דעם הייליגען קרייץ...

זוקאָווסקי'ן האָט געטרייסעלט אַ צאָן און צאָן. ער האָט ניט געקאָנט עפּענען זיין מויל.

— אָבער עס קאָן דאָך ניט זיין, אַז ער זאָל האָבען געשוואָרען פאַלש! — האָט דער גלח אויסגערופען, — אפשר איז פאַרט פאַראַן אביסעל אמת אין זיינע רייד. עס קאָן זיין, אַז דער זשיד האָט בלויז אומגעבראַכט אייער זוהן און זארעמבא'ן האָט ער ניט געקענט קריגען.

— אָט האָבען מיר אַ בריוו פון מיין זוהן וואָס איז געשריבען געוואָ־

רעדן מיט עטליכע וואָכען צוריק, — האָט דער גראַף אַרויסגענומען פון זיין קעשענע וואַלענטי׳ס בריוו און דאָס געצייגט דעם גלח.

— נו וואָס וועט איהר איצט זאָגען, הייליגער פּאַטערל, — האָט זיך דער גראַף צו איהם געווענדעט, — גלויבט איהר נאָך איצט אויך, אַז מיין זוהן און זארעמבא זיינע געקוילעט געוואָרען פון דעם זשיד פון פּאַריז?

— ווי אַזוי האָסטו געוואָגט צו שווערען פאַלש? — האָט דער גלח זיך אָנגערופען מיט א בייזער שטימע צו זוקאָווסקי׳ן.

— אָ, הייליגער פּאַטערל, איך האָב געזינדיגט! זייט מיר מוחל! איך ווייס ניט וואָס מיט מיר איז געשעהן! עס קאָן זיין, אַז מיין שטאַרקע שנאה צו די זשידעס האָט עס מיטגעבראַכט, אַז איך זאָל אויסטראַכטען אָט דעם בלבול אויף זיי.

— און ביי דיר איז געווען רעכט צו פאַרגיסען אַזוי פיל אומשולדיג בלוט! — האָט די גרעפין געזאָגט.

— אָט לאָמיר אָננעמען, אַז זארעמבא וואָלט אהער געקומען מיט עטליכע טעג שפּעטער, דערווייל וואָלטען מיר דאָך געווען איבערצייגט, אַז אַלץ וואָס דו האָסט דערצעהלט איז אמת און מיר וואָלטען גלייך אויסגעגאָסען אונזער צאָרן אויף אַלע אידען וועלכע געפינען זיך אין אונזער רשות. מיר וואָלטען אויסגעקוילעט זייערע פרויען און קינדער אויס נקמה און מיר וואָלטען דאָך געווען בארעכטיגט, אויב דאָס וואָס דו האָסט אונז נאָר וואָס דערצעהלט וואָלט געווען אמת. קאָנסטע גאָר באַגרייפען וויפיל בלוט, אומשולדיג בלוט וואָלט געווען אויף דיין געוויסען.

— דאָס בלוט פון זשידעס קאָן מען קיינמאָל ניט אָנרופען אומשולדיג, — האָט זוקאָווסקי אויסגערופען — האָבען זיי ניט פאַרגאָסען דאָס בלוט פון אונזער האַר יעזוס!...

— אין דעם האָט ער רעכט, — האָט זיך דער גלח אריינגעמישט.

— און אַזוי רעדט עס א גלח! — האָט זיך שוין זארעמבא ניט געקאָנט באַהערשען, — ביי אייך איז רעכט, אַז מען זאָל מאַכען א בילבול אויף אומשולדיגע מענשען וויל זייערע אור־אור־עלטערען זיינען באַגאַנגען א פאַרברעכען?

— ניין, איך זאָג ניט, אַז דאָס וואָס ער האָט געזאָגט א ליגען און דערצו נאָך געשוואָרען פאַלש, אַז ער איז געווען באַרעכטיגט דאָס צו טאָן,

— האָט זיך דער גלח גענומען פאַרענטפערען, — געוויס איז ער דאָמיט באַגאַנגען א פאַרברעכען, איך זאָג נאָר, אַז ווען מיר, קריסטען, זיינען זיך גאַנץ אָפט נוקם אָן די זשידעס צוליב געוויסע פאַרברעכענס און אפילו ווען עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי האָבען גראָד אָט דעם פאַרברעכען ניט געטאָן, קאָנען מיר זיך פּיהלען באַרעכטיגט.

— איך מוז אייך זאָגען, פּאַטער, אַז צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען הער איך אַזעלכע אומקריסטליכע רייד פון א קריסטליכען גייסטליכען. איהר מעגט זיך שעמען!

זארעמבא האָט זיך אויפגעהויבען און געוואָלט אַרויסגעהן, אָבער דער גראַף האָט איהם פאַרהאַלטען.

— איך קאָן אייך פאַרשטעהן, פּאַן זארעמבא — האָט זיך די גרעפין צו איהם געווענדעט — איך בין איבערצייגט, אַז דער הייליגער פּאָטער איז נאָך אַלץ אונטער דעם איינפלוס פון די רייד פון זוקאָווסקי׳ן, און דאַריבער רעדט ער מיט אַזא פאַרביטערונג געגען די אידען. איך צווייפעל ניט ווען ער ווערט זיך עטוואָס באַרוהיגען ווערט ער אַליין אויסדריקען זיין חרטה אויף זיינע רייד. מיר האָבען א רעכט פיינט צו האָבען די אידען וועמענס אור־עלטערען האָבען אויף אַזא גרויזאַמען אופן אומגעבראַכט אונזער האַר יעזוס, אָבער אין דער זעלבער צייט דאַרפען מיר ליב האָבען גערעכטיגקייט. מיר טאָרען ניט דערלאָזען, אַז אומזיסטע בלוט זאָל פאַרגאָסען ווערען. ווען א מענש איז אומשולדיג מעג ער דאָן זיין אונזער שונא, דאַרף ער קיין שטראָף ניט באַקומען. אָבער ווען ער איז שולדיג דאַרף ער באַקומען זיין שטראָף אפילו ווען ער איז אונזער פלייש און בלוט...

אנטאָן, דער גלח איז געבליבען זיצען ווי פאַרגליווערט. ער האָט איינגעזעהן, אַז ער איז צו ווייט געגאַנגען. ווייזט אויס, אַז אָט דער באַרים זארעמבא, האָט זיך אָנגעשטעקט מיט א נייעם גייסט דאָרט אין פּאַריז. ער האָט

געהאט צופיעל צו טאָן מיט אידען און דאריבער נעמט ער זיך אָן פאר זיי. ער זעהט, אז אויך דער גראף און די גרעפין האלטען מיט זארעמבא'ן, אָבער דאָס איז דערפאר, וואָס זוקאָווסקי האָט זיך ארויסגעוויזען צו זיין א ליגנער און דערצו א נאר...

— איהר זייט גערעכט, גרעפין — האָט אנטאָן זיך אָנגערופען — איך בין טאקע געווען אונטער דעם איינדרוק פון אָט דעם ליגנער און זינדיגער. איך זעה איצט איין, אז ער האָט געמאכט א בלבול אויף אן אומשולדיגען אידען און ער וועט דערפאר דארפען באקומען זיין שטראָף... איך מוז אייך זאָגען, אז איך בין זעהר גליקליך וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזען אזוי, אז אייער זוהן און זיין פריינד זארעמבא זיינען געזונט, און קיין שלעכטעס איז זיי ניט באפאלען, טראָץ דעם וואָס זיי האָבען געהאט צו טאָן מיט זשידעס, אין וועמען עס שטעקט דער טייוועל... ווען איך האָב געהערט פון אָט דעם ליגנער, אז דער יונגער גראף וואלענטי און זיין פריינד זיינען אומגעקומען בין איך אויפגעשוידערט געוואָרען. איך האָב א רעכט צו גלויבען אין אזא זאך, ווייל דאָס פאסירט זעהר אָפט... די זשידעס פארנארען זייערע קרבנות, און איך האָב געמיינט אז זיי אויך זיינען אויף אזא אופן אומגעבראכט געוואָרען.

— איך מוז אייך זאָגען, פאָטער, — האָט זארעמבא געזוכט צו באהערשען זיין צאָרן — די באשולדיגונג, אז די אידען באנוצען זיך מיט בלוט. און נאָך מיט קריסטליך בלוט פאר זייערע רעליגיעזע צוועקען, איז אויסגעטראכט געוואָרען פון אומוויסענדע און פאנאטישע קריסטען, וועלכע האָבען בלויז אליין געדורשט נאָך מענשליך בלוט. יעדער עהרליכער קריסט, וועלכער האָט אביסעל שכל און איז אויך געלערענט, וועט אזעלכע זאכען ניט גלויבען. און איך מוז אייך זאָגען, אז ווען אזא מענש ווי איהר, הייליגער פאָטערל, קומט אויך ארוים מיט אזא באשולדיגונג, פארלירט איהר זעהר פיל דורך דעם, אפשר ניט צווישען אומוויסענדען המון, אָבער צווישען די וועלכע וויסען דעם אמת, וועלכע פארשטעהען, אז אזעלכע באשולדיגונגען זיינען בלויז מיטלען ווי אויפצוהעצען און צו רייצען דעם פשוט'ן פויער, צו רויבען, צו פלינ־

דערען און מאָרדען.

— עס איז גאָט לעסטערונג! — האָט דער גלח מיט כעס אויסגערופען — דו ביזט נאָך יונג און דו האָסט ניט קיין ידיעה וועגען די ריטועלע מאָרדען וואָס עס געהן אָן צווישען די זשידעס. דו האָסט געשטודירט אין דער קאטוילישער סעמינארע, און דו האָסט באדארפט ארויסווייזען מעהר דרך ארץ פאר א גייסטליכען. אָבער אנשטאט דעם איז ביי דיר רעכט צו באשולדיגען די גייסטליכע אין וועלען פארגיסען אומזיסטע בלוט! דו וועסט אפשר שוין באלד קומען און זאָגען אז די הייליגע אינקוויזיציע איז ניט געווען גערעכט וואָס זי האָט געברענט די אומגלויביגע זשידעס, וועלכע האָבען זיך אין דער עפענטליכקייט אָנגעגעבען אלס קריסטען און געהיים געדינט צו זייער גאָט...

זארעמבא האָט געוואוסט, אז עס איז איצט ניט די צייט און דאָ איז ניט דער פלאץ אריינצוגעהן מיט'ן גלח אין אזא ויכוח, ווייל אפשר וועלען זיי זיך אָנשטויסען, אז ער איז געוואָרען א איד אין געהיים. ער האָט דאריבער ניט געענטפערט דעם גלח.

— איך זעה, אז דו שווייגסט, דאָס איז א באווייז, אז דו אליין גיסט צו, אז די הייליגע אינקוויזיציע האָט געהאנדעלט ריכטיג. אז דאָס וואָס זי האָט אומגעבראכט טויזענדער אומגלויביגע זשידעס אויף דעם עשאפאָט, זיינען זיי געווען צו דעם בארעכטיגט, דאָס איז געטאָן געוואָרען מיט דער גוטהייסונג און צושטימונג פון אונזער האר יעזוס!

— אָ, הייליגער פאָטער, אנטאָן! — האָט די גרעפין זיך אָנגערופען — איך האָף, אז איהר וועט מיר מוחל זיין ווען איך וועל אויסדריקען מיין מיינונג און אייך זאָגען, אז איך קאָן בשום אופן ניט פארבינדען דעם נאָמען פון אונזער האר יעזוס מיט בלוט פארגיסונג. דער האר יעזוס האָט דאָך געפריידיגט פרידען, ליבע, אפילו צו דעם שונא, טאָ ווי איז עס מעגליך, אז אין זיין נאָמען זאָל מען פארגיסען בלוט!...

— גנעדיגע גרעפין! — האָט אנטאָן זיך אָנגערופען — עס איז אמת, אז דער האר יעזוס האָט געפריידיגט שלום, אָבער אין דער זעלבער צייט פארשטעהען מיר, אז א גוטער קריסט דארף זיין געגרייט זיך מקריב צו זיין

פאַר ׃ין אמונה. ווען מיר זעהען, אַז אונזער אמונה איז אין געפאהר, דאַן מעגער מיר אַנווענדען אַלערליי מיטלען צו פאַרזיכערען דעם עקזיסטענץ פון אונזער רעליגיע, און ווען די אינקוויזיציע האָט געזעהן, אַז די פאַרשטעלטע זשידעס שטעלען אונזער אמונה אין געפאהר, האָבען זיי באַשלאָסען, אַז מיר האָבען אַ רעכט אויסצואוואָרצלען די שלעכטע דערנער פון דעם קריסטליכען וויינגאָרטען, און דעריבער האָבען זיי קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו טאָן דאָס וואָס זיי האָבען געטאָן, זיי האָבען פאַרברענט די שולדיגע, און דורכדעם פאַרמידען, אַז די אַנדערע זאָלען ניט הינגעשלעפּט ווערען פון די אומגלויביגע זשידעס. אָט טאַקע צוליב דעם האָבען זיי געמוזט פאַרגיסען בלוט, און זיי זיינען זיכער געווען, אַז דאָס איז געווען מיט דער גוטהייסונג פון אונזער האַר, יעזוס.

כאָטש די גרעפין האָט זיך מיט זיין ערקלערונג ניט צופרידענגעשטעלט, האָט זי אָבער מעהר ווענען דעם ניט גערעדט. זי האָט געפיהלט, אַז זאַרעמבאַ איז גערעכט, אָבער אַלס פרומע קאַטוילִיקין, האָט זי געוואוסט, אַז זי טאָר ניט איבערטראַכטען צופיל. אַז וואָס דער גלח זאָגט איז הייליג.

אַ קליינע ווייל האָט אין דעם גראַף׳ס פּאַלאַץ געהערשט אַן אַנגעצויגענע שטימונג. דער גראַף אַליין, איז געווען שטאַרק אויפגערעגט צוליב דעם פאַלשען באַריכט פון זיין שליח זוקאָווסקי׳ן וועמען ער האָט געגעבען אַזוי פיל געלט צו מאַכען די אויספאָרשונג און ער האָט איהם אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט.

— דו אומווירדיגער ליגנער — האָט דער גראַף זיך געווענדעט צו זוקאָווסקי׳ן, און דאַמיט איבערגעבראָכען די שטילקייט וואָס האָט געהערשט פאַר אַ קליינע ווייל — איך האָב דיר געגעבען עטליכע טויזענט גילדין כדי דו זאָלסט פאָהרען קיין פּאַריז און מאַכען אַן אויספאָרשונג. איצט פאַרשטעה איך, אַז דו האָסט דיין פליכט ניט געטאָן. דו האָסט אויסגעטראַכט אַ ליגען און דו האָסט געמיינט, אַז דיר וועט עס געלינגען! דו האָסט פאַרשווענדעט די גאַנצע געלט וואָס איך האָב דיר געגעבען פאַר דיינע פאַרגעניגענס, כדי צו פאַרברענגען אין אַלע דיינע תאוות, דעריבער וועסטו מיר דאַרפען אומקערען דאָס גאַנצע געלט וואָס איך האָב דיר געגעבען, און אויב ניט, וועל איך זעהן, אַז מען זאָל פון דיר אוועקנעמען דיין גאַנצען פאַרמעגען!

— אַ, גנעדיגער גראַף! — איז זוקאָווסקי געפאַלען איהם צו די פיס — האָט רחמנות אויף מיין משפּחה! איך האָב דאָך ניט אַזוי פיל געלט!

— האָסטו רחמנות געהאַט אויף די אידישע משפּחות וועמען ׳ו האָסט מיט דיין פאַלשען, גיפטיגען צונג שיער ניט אומגעבראַכט! ניין, איך וועל אויף דיר קיין רחמנות ניט האָבען! דו וועסט מיר דאַרפען אומקערען דאָס גאַנצע געלט, און איך גיב דיר דריי טעג צייט, אַז ניט וועל איך זיין געצוואונגען פון דיר אוועקצונעמען דיין גאַנצע נחלה.

— ווירדיגער גראַף — האָט זיך זוקאָווסקי אַנגערופען — ערלויבט מיר אייך צו זאָגען איינינע ווערטער אַליין, אין אַ צווייטען צימער.

— וואָס ווילסטו מיר זאָגען! — האָט דער גראַף מיט בייזקייט אין זיין שטימע אויסגערופען.

— עפּעס וואָס איך קאָן ניט זאָגען אין אַלעמענס געגענוואַרט — האָט זוקאָווסקי געזאָגט — איך בין זיכער, אַז ווען איהר וועט מיך אויסהערען וועט איהר איינזעהן, אַז איך בין ניט אין גאַנצען שולדיג.

— דו וועסט דאָך ניט קאָנען לייקענען, אַז דו האָסט געזאָגט ליגען! יע, פון אָנהויב ביז׳ן סוף איז ליגען!

— פונדעסטוועגען בעט איך אייך, הער גראַף, הערט מיך אויס און דאַן וועט איהר אורטיילען!

דער גראַף פּאָטאָצקי איז מיט איהם אַריין אין אַ צווייטען צימער און ער האָט זיך צו איהם אָנגערופען:

— איצט זאָג מיר, וואָס האָסטו וואָס צו זאָגען!

— הער גראַף, ווען איך בין געווען אין פּאַריז, האָב איך צופעליג זיך געטראָפען מיט אייער אַמאָליגער געליבטער. איך האָב געהערט, אַז זי האָט אָנגערעדט אויף אייך שלעכטעס. זי האָט מיר געזאָגט, אַז איהר האָט זי פאַרלאָזען, ווייל איהר האָט געטראָפען אַ אינגערע פון איהר. אָבער זי האָט אייך געצוואונגען איהר זאָלט איהר גוט

באַצאָהלען פאר אלץ. דאַן האָט זי מיר דערצעהלט, אַז יענע, איך מיין די אינגאַנצען מאַדמאַאַזעל, האָט אייך אינגאַנצען אָפּגענאַרט, זי האָט אייך באַרויבט און איהר זייט צו איהר געקומען בעטען אויף הוצאות, אָבער זי האָט אייך ניט געגעבען... יע, איצט זעהט איהר, אַז איך וויים פון אַלע אייערע געהיימניסען!...

— נו, איז וואָס! — האָט איהם דער גראף אָנגעקוקט. — וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אייך?

— איהר פאַרשטעהט, אַז אויך איהר, ווען איהר זייט געווען אין פּאַריז האָט זיך אויפגעפירט ניט ווי עס פּאַסט פאר א גראף. איהר האָט דאָרט אויך א סך געזינדיגט, און דעריבער גלויב איך, דאַרפט איהר האָבען איינזעהעניש מיט מיר...

— ווי אַזוי פאַרגלייכסטו זיך צו מיר, דו אויסוואורף, — האָט דער גראף מיט צאָרן אויסגערופען — אויב איך האָב געהוליעט אין פּאַריז, האָב איך דאָס געטאָן אויף מיין אייגענעם חשבון! מיט מיין אייגען געלט! אָבער דו האָסט דאָך ביי מיר גענומען געלט צוליב א געוויסען צוועק, און דו האָסט מיך אָפּגענאַרט... ניין, דו וועסט מיר דאַרפען אומקערען דאָס געלט, אויב ניט וועסטו פאַרטריבען ווערען פון דיין נחלה!

— איך גלויב, אַז איהר וועט עס ניט טאָן, הער גראף! — האָט ער מיט געלאַסענקייט געזאָגט — ווייל איהר וועט דאָך ניט וועלען, אַז אייער גרעפין זאָל אויסגעפינען וועגען אַלע אייערע שעהנע מעשים אין פּאַריז.

— אָ, דו נידעריגע באַשעפעניש!

— איז דער גראף צו איהם צוגעגאַנגען און איהם גענומען פּאַטשען — דו מיינסט, אַז דו וועסט מיך דראָהען דערמיט! איך וועל דיר ווייזען ווי אַזוי מיר צו סטראַשען.

נאָך דעם ווי ער האָט איהם גוט אויסגעפּאַטשט האָט ער זיך נאָך אַלץ ניט באַרוהיגט. ער האָט געכאַפּט א שטעקען און איהם גענומען דערלאַנגען... זוקאָווסקי האָט זיך געדרעהט און געקאָרטשעט פון יסורים און דער גראף האָט איהם ניט אויפגעהערט צו שלאָגען.

ווען זוקאָווסקי האָט זיך אויפגעהויבען א פאַרבלוטיגטער פון דער ערד, האָט זיך פּאָטאָצקי צו איהם אָנגערופען:

"איצט קאָנסטו געהן דערצעהלען דער גרעפין! זי ווייסט אַלץ פון פריהער!

— אָבער געדענק ווי נאָר דו וועסט עפּענען דיין מויל, וועסטו דערשאָסען ווערען ווי א הונט. ווייל איך האָב א רעכט צו טאָן פאר דיינע ליגענס וואָס דו האָסט מיר דערצעהלט. איצט געה אַרויס פון דאַנען! דו זאָלסט זיך מעהר ניט באַווייזען פאר מיינע אויגען!...

זוקאָווסקי האָט זיך גענומען צושלעפּען צו דער טיהר אָבער דער גראף האָט אויף איהם א געשריי געטאָן:

— ניט דורך דער טיהר פון וואַנען דו ביזט אַריינגעקומען נאָר אָט דורך דער טיהר — האָט ער אָנגעוויזען אויף א הינטער טיהר. געדענק, אַז אויב איך וועל אויסגעפינען אַז דו האָסטש גערעדט, וועסטו פאַרלירען דיין לעבען צוזאַמען מיט דיין פאַרמעגען!

ווען דער גראף האָט זיך צוריקגעקערט צו דעם צימער וואו זיי זיינען אַלע געווען, האָט נאָך אין איהם **געזאָטען** זיין בלוט פון צאָרן. ער האָט געמורמעלט צו זיך: איך וועל איהם באַווייזען, ער וועט שוין וויסען ווי צו האַלטען זיין צונג! הינטיש-בלוט!

זאַרעמבאַ האָט געזעהן אַז די שטימונג אין דעם גראַפ'ס פּאַלאַץ איז ווידער געוואָרען אָנגעצויגען, און ער האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט און זיך אויפגעשטעלט און זיך מיט זיי געזעגענט, זאָגענדיג אַז ער איילט זיך צו פאָהרען אַהיים, צוריק קיין ווילנאָ.

ווען ער איז אַרויס פון פּאַלאַץ, האָט זיך דער גלח אָנגערופען צו אַלעמען:

— איך מוז אייך זאָגען, מיינע פריינד אַז פּאַריז האָט געהאַט זעהר א שלעכטע ווירקונג אויף זאַרעמבאַ'ן, איך האָף אַז וואַלענטי איז אַזוי שנעל ניט געוואָרען באַאיינפלוסט פון דעם פרייען גייסט וואָס הערשט דאָרט, און איבערהויפּט פון די זשידעס וועלכע העלפען געוויס פאַרשפּרייטען דעם ניט קריסטליכען גייסט צווישען דער קריסטליכער יוגענד.

— ווייזט טאַקע אויס אַז מיין זוהן האָט זיך אַרומגעזעהן אַז אין פראַנק־

רייד הערשט א צו פרייער גייסט, דערפאר האָט ער טאקע פארלאָזען פאריז און זיך באזעצט ערגעץ אין דייטשלאנד. איך האָף אז אין גיכען וועלען מיר פון איהם נאָך אמאָל הערען און מיר וועלען זיך קאָנען שטעלען אין פארבינדונג מיט איהם — האָט די גרעפין געזאָגט.

— איך מוז אויך צוגעבען אז איך בין צופרידען וואָס זיי האָבען זיך פאנאנדערגעטיילט, איך מיין אייער זוהן האָט זיך אָפגעטיילט פון זארעמבא'ן.

— און איך באדויער עס זעהר!

— האָט קאטערינא זיך אָנגערופען — איך זעה אז זארעמבא איז אן עהרליכער, ערנסטער מענש. ער איז קלוג און פארנינפטיג. דערצו איז ער אויך זעהר געלערענט. עס איז דאָך א פארגעניגען צו ריידען און פארברייגנען מיט איהם. יע, יוליע דארף זיך שעצען גליקליך וואָס זי האָט איהם געקראָגען פאר א חתן.

— מיר וועלען דארפען האלטען אן אויג אויף איהם! — האָט דער גלח געזאָגט — ער האָט זיך פריהער אויסגעדריקט זעהר ניט קריסטליך! איך מיין, אז ער האָט געצווייפעלט אין דער הייליגקייט פון דער אינקוויזיציע!

— ער איז ניט געווען געגען דער אינקוויזיציע — האָט קאטערינא געזאָגט — אָבער ער האָט בלויז געזאָגט אז פונקט ווי איצט, וואָס אָט דער ליגנער זוקאָווסקי האָט געזוכט צו באשולדיגען אומשולדיגע מענשען, און דורכדעם פאראורזאכען בלוט פארגיסונג, אזוי האָט דאָך געקאָנט פריהער אויך פאסירען אז א שלעכטער אומעהרליכער קריסט זאָל מאכען א בילבול אויף אן אומשולדיגען אידען, און פאראורזאכען זיין טויט.

— דו טאָרסט נישט ריידען, קאטערינא, — האָט דער גלח זיך צו איהר אָנגערופען — אזעלכע זאכען האָבען קיינמאָל ניט פאסירט. יעדעס מאָל ווען א באשולדיגונג איז געבראכט געוואָרען געגען די זשידעס, האָט מען די דאָזיגע באשולדיגונג גוט אויסגעפאָרשט. און ווען עס האָט זיך ארויסגעוויזען צו זיין אמת, האָט מען ערשט דאן דורכגעפירט די שטראָף.

— איצט וועל איך אייך פרעגען, הייליגער פאָטער — וואָס וואָלט פאסירט היינט, ווען זארעמבא וואָלט פארשפעטיגט צו קומען אהער מיט א פאָר טעג, און לויט ווי זוקאָווסקי האָט דערצעהלט, מיט אלע איינצעלהייטען, האָט איהר, און איך בין זיכער אז מיר וואָלטען שוין פון פריהער ניט געוואוסט אז עס איז א ליגען, וואָלטען מיר אויך געגלויבט יעדעס וואָרט וואָס ער האָט דערצעהלט, איך מיין ווי אזוי דער זשיד אין פאריז האָט געקוילעט מיין ברודער און זיין חבר צוליעב זייערע רעליגיעזע צוועקען. און איצט שטעלט זיך פאָר וואָס מיר וואָלטען געטאָן אויף דעם הייסען מאָמענט... איך אליין וואָלט גלייך באשטאנען אויף נקמה, און די ערשטע זאך וואָס מיר וואָלטען געטאָן וואָלט געווען אין אויסצו'הרג'נען אלע אידען פון איליע, דאן וואָלטען מיר זיך גענומען צו די אידען פון ווילנא וועלכע שטעהען אונטער אונזער רשות, און מיר וואָלטען שוין געזעהן אז אלע פויערים זאָלען אָנגערייצט ווערען אויף זיי, און זייער בלוט וואָלט געפלאָסען ווי וואסער... יע, אין דער צייט ווען זיי זיינען געווען אומשולדיג. איך קאָן טאקע פארשטעהען פארוואָס זארעמבא האָט אזוי גערעדט, ווייל ער האָט איינגעזעהן ווי אזוי איין מענש קאָן אמאָל פאראורזאכען אומזיסטע בלוט פארגיסונג! מען דארף נישט זיין א פריינד פון די זשידעס כדי אזוי צו טראכטען. אלץ וואָס מען דארף, איז האָבען א געוויסען און א געפיהל פון גערעכטיגקייט, אז אזא זאך זאָל יענעם אויפרעגען.

— איך גלויב מיין טאָכטער איז גערעכט! האָט זיך די גרעפין געווענדעט צו דעם גלח — איך פיהל אויך אזוי, איך מיין ווי זארעמבא, איך וואָלט זיך געפיהלט זעהר דערשלאָגען ווען איך וואָלט געוואוסט אז צוליב אונזער א טעות, איז פארגאָסען געוואָרען אומזיסטע בלוט. דער גראף אליין וועט אייך קאָנען דערצעהלען וויפיל טרעהרען איך האָב פארגאָסען דאן ווען ער פלעגט צוליב זיין פארגעניגען און דעם פארגעניגען פון זיינע געסט, פארגיסען דאָס בלוט פון אן אומשולדיגען אידען. איהר ווייסט וואָס איך מיין! איך מיין טאקע אין יענער צייט ווען ער פלעגט פארוויילען זיינע געסט מיט דעם "בערען־טאנץ־געוועט". איך ווייס אז צוליב דעם האָבען שוין אייניגע אומשולדיגע אידען

פאַרלוירען זייערע לעבענס. איך געדיינק אַז מיין זוהן וואַלענטי האָט ניט איינמאָל אויסגעדריקט זיין ענטריסטונג געגען אַזאַ צייט פאַרטרייב... און מיר זיינען געווען זעהר שטאַרק צופרידען וואָס ענדליך האָט איינער פון אָט די דאָזיגע אידען אָנגעלערענט אונזער טענצער יוזשוק׳ן, און זינט דאַן האָט דער גראַף אויפגעגעבען דעם דאָזיגען שפּיל...

— פאַרוואָס זאָלסטו ריידען וועגען זאַכען פון אַמאָל! — האָט זיך דער גראַף אָנגערופען — איך וויל אָט יענע יאָהרען פאַרגעסען. דער הייליגער פאָטער אַנטאָן ווייס פון אַלץ. ער וועט דיר אַליין זאָגען אַז נאָכדעם ווען איך האָב פאַראורזאַכט דעם טויט פון אַ זשיד, אויף מיינע פאַרוויילונגען, פלעג איך דאָס רעכענען פאַר אַ זינד, און גלייך קומען צו איהם זיך מתודה זיין... ער האָט דאָך מיר פאַרזיכערט אַז גאָט האָט מיך שוין לאַנג מוחל געווען און איצט ווילסטו מיר ווידער דערמאָנען אָן אַמאָליגע זינד!

— ניין, איך וויל דיר ניט דערמאָנען, איך וויל דאָ בלויז אויסדריקען מיין צופרידענהייט וואָס דו אַליין האָסט זיך ארומגעזעהן אַז דו באַגעהסט אַן אומרעכט געגען די הילפלאָזע אידען וועלכע זיינען דיר פון תמיד אָן געווען זעהר געטריי, און האָבען דיר געבראַכט זעהר פיל נוצען.

— יע, איך האָב ווירקליך געהאַט זעהר פיל נוצען פון די אידען! — האָט דער גראַף געזאָגט — און איצט גלויב איך איז די צייט צו דערצעהלען אַז ווען איך בין געווען אין פּאַריז האָט מיט מיר פּאַסירט אַ צופאַל וואָס האָט מיר געקאָנט ברענגען זעהר פיל אונאַנגענעמעס ווען ניט די גוטסקייט פון אַ אידען. איך האָב אייך ביז אַהער ניט געוואָלט דערציילען, איצט אָבער וועל איך עס דערציילען טאַקע אין דער געגענוואַרט פון דעם הייליגען פאָטער, זאָל עס אויך פאַררעכענט זיין פאַר אַ וידוי פון מיין זייט.

— דערצעהל אונז פאָטער — האָט קאַטערינאַ זיך צו איהם געווענדעט — איך ווייס אַז דו האָסט געמוזט דאָרט דורכמאַכען זעהר אינטערעסאַנטעס זייענדיג אין פּאַריז.

— איך האָב זיך ניט וואָס צו שעהמען! — האָט דער גראַף געזאָגט — עס פאַרשטעהט זיך אַז ווען אַ גראַף פאָרט אין פּאַריז, זוכט ער דאָרט צו פאַרוויילען... נו, האָב איך גענומען וויזט אויס אַז איבעריגען טראָפּען און איך האָב מן הסתם איינגעשלאָפען, האָט זיך דאַמיט באַנוצט איינע פון די מיידלעך וועלכע פלעגען אונטערהאַלטען און אַמוזירען די געסט, און פון מיינע קעשענעס ארויסגע׳גנב׳עט דאָס גאַנצע געלט וואָס איך האָב דאָרט געהאַט. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט האָב איך איינגעזעהן אַז איך בין געבליבען אָהן געלט... איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. איך דאַרף דאָך באַצאָהלען דעם האָטעל אייגענטהימער, איך דאַרף דאָך פאָהרען צוריק אַהיים, און דאָ האָב איך קיין געלט ניט. פאַרשטעהט זיך אַז די ערשטע זאַך וואָס איך האָב געטאָן איז געווען צו געהן צו מיינע פריינד, איך מיין צו די וועמען איך פלעג גאַנץ אָפט געבען געלט, און איך האָב זיי דערצעהלט וועגען מיין צופאַל, און פון זיי פאַרלאַנגט זיי זאָלען מיר אויסבאָרגען אַ געוויסע סומע געלט כדי איך זאָל זיך קאָנען צוריקקעהרען אַהיים, און איך וועל זיי דאָס געלט גלייך צוריקשיקען מיט פּראָצענטען.

— נו, האָט זי דיר אויסגעבאָרגט דאָס געלט? — פרעגט איהם קאַטערינאַ.

—האָב איך דיר דען געזאָגט אַז דאָס איז געווען אַ „זי"! — האָט דער גראַף זיך אויף איהר אָנגעבייזערט — דו הערסט קאַטערינאַ אויב דו וועסט ווידער אונטערברעכען וועל איך דיך אינגאַנצען ארויסשיקען פון צימער.

— אָ, אַנטשולדיג, פאָטער איך האָב דאָס ניט געמיינט! איך וועל דיר מעהר ניט שטערען.

— איהר פאַרשטעהט, — האָט דער גראַף ווייטער געזאָגט — ווען איך האָב געהאַט ביי זיך געלט און האָב יעדען איינעם געגעבען וויפיל איך האָב געוואָלט, זיינען זיי געווען פריינד, און איצט אַז איך אַליין נויטיג זיך אין אַ הלואה, וויל מען מעהר פון מיר ניט וויסען. איך בין אוועק שטאַרק דערשלאָגען, איך האָב שוין געוואָלט פאַרלאָזען פּאַריז, און זיך צוריקקעהרען אַהיים, אָבער איך האָב ניט געהאַט קיין געלט אויף הוצאות... מיט יעדען טאָג איז מיין לאַגע געוואָרען ערגער. איך בין אויסגעווען אומעטום, וואו נאָר איך האָב געהאַט אַ פריינד, אָבער קיינער האָט מיר ניט געוואָלט אויסבאָרגען דאָס געלט. איז מיר פּלוצלונג

געקומען אויף דעם געדאנק איך זאל אוועק צו יענעם אידען, איך מיין טאקע צו דעם וועלכער האט זיך געהאט באפריינדעט מיט וואלענטי'ן און זארעמבא'ן, איך האב געוואוסט אז ער איז אן ארימאן, אבער כ'האב דאך קיין אנדער ברירה ניט געהאט. איך האב זיך געטראכט, אויב ער אליין וועט ניט האבען, וועט ער אם ווענינגסטען זעהן אז איך זאל ערגעץ וואו קריגען דאס געלט. און ווי איבערראשט בין איך געוועזן ווען איך בין צו איהם געקומען און דערצעהלט וועגען מיין לאגע, האט ער מיר אנגעבאטען די גאנצע סומע געלט. און א דאנק איהם האב איך געקאנט פאהרען צוריק קיין ווילנא אויף דעם אופן ווי עס פאסט פאר מיר.

— און אט אויף דעם דאזיגען אידען האט דאס זוקאווסקי געוואלט מאכען אזא שוידערליכען בילבול! — האט די גרעפין אויסגערופען.

— יעס, אויף דעם זעלבען אידען. איך האב איהם שוין גוט געגעבען! ער וועט שוין פארזאגען א צעהנטען! איך בין נאך ניט פארטיג מיט איהם! ער וועט מיר מוזען אומקעהרען דאס גאנצע געלט וואס איך האב איהם געגעבען, אז ניט וועט ער אלץ פארלירען. איך וועל איהם פאריאגען פון זיין מאיאנטעק, און ער וועט שוין ביי מיר קיין איינציגען גילדין ניט פארדינען.

— נו, הייליגער פאטער וואס וועט איהר זאגען! — האט קאטערינא זיך צו איהם אנגערופען — און איהר זייט דאך שוין אויך געוועזן גרייט צו גלויבען אויף דעם אידען אז ער זאל האבען באגאנגען אזא פארברעכען!

— אבער אז איך האב אויסגעפונען אז ער זאגט ליגען האב איך דאך איהם גוט אויס'גע'מוסר'ט — האט זיך אנטאן פארענטפערט.

— יע, עס זיינען פאראנען זעהר פיינע מענשען אויך צווישען אידען — האט די גרעפין געזאגט — און דאריבער קאן איך פארשטעהן פארוואס עס האט געצויגען וואלענטי'ן צו קומען צו אט דעם אידען און פארברינגען מיט איהם.

— פונדעסטוועגען וואלט איך זעהר ניט געוואלט זעהן אז דער יונגער גראף זאל זיך שטארק באפריינדען מיט די זשידעס! — האט אנטאן געזאגט — קיין גוטעס קאן פון דעם קיינמאל ניט ארויסקומען. א זשיד איז א טייוועל, און מיט'ן טייוועל דארף מען ניט זיין פריינדליך, ווייל ער קאן זעהר גרינג אפנארען... ער פארשפרייט א נעץ און איהם געלינגט צו פאנגען דעם וועמען ער זוכט צו פארטיליגען...

## 21

זארעמבא האט זיך צוריקגעקעהרט קיין ווילנא, צו זיין הויז, און זיינע עלטערען און יוליע האבען זיך שטארק דערפרעהט מיט איהם. ער האט זיי דערצעהלט אלץ וואס עס האט פאסירט ביים גראף אין פאלאץ, ווי אזוי זוקאווסקי, דער שליח פון גראף קיין פאריז האט זיך אומגעקעהרט און האט אויסגעטראכט א בילבול אויף דעם אומשולדיגען אידען אז ער האט זיי ביידען געקוילעט, איהם און וואלענטי'ן.

— ער האט דערצעהלט די דאזיגע פאלשע געשיכטע מיט אזוי פיל איינצעלהייטען, אז אפילו איך, וועלכער איז געשטאנען הינטער'ן פארהאנג, האב געשוידערט פון דעם. ווען ער האט פארגעשטעלט ווי אזוי דער איד פון פאריז האט מיך געבונדען, און ווי אזוי די אנדערע אידען זיינע ארויסהעלפער, האבען מיר געקוילעט מיט זייער שארפען חלף האב איך זיך א כאפ געטאן פאר'ן האלז צו זעהן אויב מען האט מיר ווירקליך ניט געקוילעט... — האט זארעמבא געלאכט.

יוליע און זיינע עלטערען האבען אויך מיטגעלאכט, און דאן האט ער זיי דערצעהלט ווי אזוי דער גלח אנטאן האט געהאלפען דעם ליגנער זוקאווסקי, ווי ער האט שוין דאס פאראויסגעזאגט פריהער, אז אזוי שנעל ווי דער גראף האט איהם דערצעהלט אז ער האט געהערט אז מיר פלעגען קומען באזוכען דעם אידען אין זיין הויז.

— איך זאג דיר דעם אמת, מוטער — האט זיך זארעמבא צו איהר געווענדעט, אז ווען איך האב געהערט ווי אזוי אונזערע גייסטליכע זיינען גרייט צו פארגיסען אומשולדיגע בלוט, האב איך פארלוירען מיין גאנצען רעספעקט צו זיי. איך האב שוין ניט מעהר קיין צוטרויען צו זיי.

— א, מיין זוהן, דו טארסט אזוי ניט ריידען! — האט איהם זיין מוטער פארגעווארפען — מיר מוזען טאן וואס די הייליגע פון אונזער קירכע הייסען אונז טאן!

— אפילו ווען זיי הייסען אונז פאר-

גיסען אומשולדיג בלוט! — האט זארעמבא אויסגערופען.

— ווער זיינען מיר איבערצוטראכטען וועגען דעם וואס אונזערע הייליגע גייסטליכע טוען. מיר דארפען זיך איינגאנצען פארלאזען אויף זיי. אויב זיי זאגען, אז יענע זיינען שולדיג, זיינען זיי געוויס שולדיג! די הייליגע קירכע וועט קיינמאל ניט באגעהן קיין אומרעכט.

זארעמבא האט זיך ניט געוואלט אריינלאזען אין א געשפרעך מיט זיין מוטער וועגען די גייסטליכע פון דער קאטוילישער קירכע, ער האט דעריבער געשוויגען.

שפעטער אבער האט ער זיך אנגערופען צו יוליע'ן, אז ער וויל מיט איהר ארויסגעהן אויף א שפאציר, אז ער וויל איהר עפעס דערצעהלען.

— אבער דו ביזט דאך אזוי מיד, מיין טייערער — האט זי זיך צו איהם אנגערופען — רוה זיך אוים היינט, מיר וועלען נאך צייט האבען צו שפאצירען און צו ריידען.

יוליע האט געקאנט מערקען אז איהם, אז ער איז זעהר אויפגערעגט, און זי האט געוואלט ער זאל זיך אויסרוהען כדי נאכהער צו קאנען ריידען מיט איהם און הערען וואס האט מיט איהם דארט פאסירט.

אויף מארגען נאך מיטאג, האט זארעמבא אוועקגעשפאצירט מיט יוליע'ן הינטער'ן שטאט. א היבשע ווילע זיינען זיי ביידע געגאנגען שווייגענדיג, דערנאך האט ער זיך אנגערופען צו איהר:

— זאג מיר דעם אמת, יוליע, מיין טייערע, האלסטו אויך ווי מיין מוטער, אז מיר מוזען פאלגען בלינדערהייט דאס וואס די קירכע הייסט אונז טאן?

— נו, עס פארשטעהט זיך אז ווי א פרומע קאטוליקין, איז מיין פליכט צו טאן אלץ וואס אונזערע גייסטליכע הייסען אונז טאן.

— אבער דו האסט דאך געהערט וואס איך האב דערצעהלט, ווי אזוי דער גלח אנטאן האט שוין געהאט באשולדיגט די אידען אין האבען אונז ביידען געקוילעט... זאג אליין ווי אזוי קאנען מיר האבען צוטרויען צו זיינע רייד, ווען ער איז פעהיג צו טאן אזא זאך, ווען ער קאן ביי זיך פועל'ן, אז אומזיסט בלוט זאל פארגאסען ווערען...

— נו, קאן דאך פאסירען, אז ער האט געמאכט א טעות, ער האט אזוי געמיינט... ער האט אבער גאר קיין שלעכטעס ניט אויסען געוועזן.

— הער זיך איין, יוליע, איך האב פאר די לעצטע עטליכע יאהר א סך, זעהר א סך געלערענט. איך האב געהאט צו טאן מיט פארשידענע גייסטליכע פון פארשידענע אמונות, און איך האב איינגעזעהן, אז אלץ איז ניט ווי עס באדארף צו זיין . . .

— איך פארשטעה ניט וואס דו מיינסט! — האט יוליע זיך אנגערופען.

— הער זיך איין, יוליע, איך וויל דיך עפעס פרעגען, אבער דו וועסט מיר מוזען דערצעהלען דעם גאנצען אמת, דו זאלסט גאר ניט פון מיר פארלייקענען.

— דו ווייסט דאך, מיין טייערער, אז איך וועל פון דיר קיין זאך ניט פארלייקענען!

— זאג מיר, צו וועמען געהסטו זיך מתודה זיין אויף דיינע זינד? — האט ער געפרעגט.

— איך געה צו דעם הייליגען פאטער אנטאן! — ענטפערט זי.

— איצט דערצעהל מיר דעם אמת, איז ער אלע מאל מיט דיר עהרליך? איך מיין האט ער קיינמאל ניט געטאן עפעס וואס האט אין דיר ארויסגערופען פארדאכט?...

— המ... יע, עס האט פאסירט, אז ער פלעגט וועלען ארויסווייזען צופיל פאטערליכקייט צו מיר...

— קאנסטו מיר דערצעהלען מיט מעהר איינצעלהייטען... זאג מיר דעם אמת, האט ער צו דיר געוואלט טאן אזעלכעס וואס דו וואלסט זיך באדארפט שעהמען?

— זאג מיר, באריס, פארוואס האסטו מיך פלוצלונג געפרעגט אזעלכע פראגען?

— איך האב א מאטיוו! איך וועל דיר שפעטער זאגען. איך וויל בלויז וויסען אויב דו האסט מיך זעהר שטארק ליב, איך מיין אויף אזוי פיל, אז דו זאלסט מיר קאנען אלץ דערצעהלען און דו זאלסט זיך ניט דארפען שעהמען פאר מיר. זאג מיר דעם אמת, ווען איז געוועזן דאס לעצטע מאל וואס דו ביזט צו איהם געקומען זיך מתודה זיין אויף דיינע זינד?

— עס איז שוין מעהר ווי א יאָהר!

— האָט זי געענטפערט.

— און ביי ווען האָסטו זיך מתודה געווען אָט דעם גאַנצען יאָהר?

— איך האָב זיך ביי קיינעם ניט מתודה געווען.

— און דו רופסט זיך דאָס א פרומע קאַטויליקין? — האָט באַרים זיך צו איהר געווענדעט.

יוליע האָט אַרונטערגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט געשוויגען.

— דערצעהל מיר די אמת'ע אורזאַך פאַרוואָס דו האָסט זיך א גאַנצען יאָהר ניט מתודה געווען?

— מיר דוכט זיך, אַז דו ווייסט שוין אַליין די אורזאַך! — האָט יוליע זיך אָנגערופען.

— איך שטוים זיך אָן, אָבער פונדעסטוועגען וואָלט איך דאָס געוואָלט הערען פון דיין מויל. איך מיין, אויב דו האָסט געגנוג צוטרויען צו מיר, אַז דו קאָנסט מיר אַלץ דערצעהלען! דו האָסט זיך ניט וואָס צו שעהמען פאַר מיר! איך ווייס, אַז דו האָסט אין דעם קיין שולד ניט. זאָג מיר, וואָס האָט אַנטאָן געוואָלט טאָן צו דיר ווען דו האָסט זיך פאַר איהם מתודה געווען?

— ער האָט זיך צוגעהערט צו מיינע רייד, ער האָט אויסגעהערט מיין וידוי, און מיך געבעטען איהם דערצעהלען מיינע געדאַנקען וועגען דיר. איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך האָב גאָר ריינע געדאַנקען וועגען דיר, מיין חתן, אָבער ער איז באַשטאַנען איך זאָל איהם אַלץ דערצעהלען. איך האָב איהם דערצעהלט, אַז כ'האָב דיך ליב און איך טראַכט נאָר פון דיר... האָט ער פון מיר געוואָלט אַרויסקריגען אַלע מיינע געדאַנקען וועגען דיר, און כאָטש איך האָב איהם פאַרזיכערט, אַז אַלע מיינע געדאַנקען וועגען דיר זיינען אָהן זינד, זיינען ריין און הייליג, האָט ער מיר געזאָגט, אַז געוויס מוז איך האָבען אויך זינדיגע געדאַנקען וועגען דיר... איך האָב אָבער איהם ניט געוואָלט זאָגען. האָט ער מיר געוואָלט איינריידען, אַז איך האָב זיך ניט מתודה געווען אויף אַלץ, אַז ער קאָן מיר ניט פאַרזיכערען, אַז אונזער האַר יעזוס וועט מיר מוחל זיין. האָב איך זיך פאַר איהם פאַנאַנדערגעוויינט, האָט ער מיך גענומען דריקען צו זיך און לאַסטשען.

ער איז געוואָרען פּלוצלונג זעהר צערטליך צו מיר, שוין צו צערטליך... ער האָט מיר געוואָלט א קוש טאָן, און אַז איך האָב איהם ניט געוואָלט לאָזען, האָט ער מיר געזאָגט, אַז דאָס האָט ער געוואָלט טאָן כדי דער האַר יעזוס זאָל מיר פאַרגעבען מיינע זינד . . . איך האָב אָבער געפיהלט, אַז דאָס איז ניט אַזוי, און מעהר בין איך שוין צו איהם ניט געקומען.

— איך בין זעהר צופרידען וואָס דו האָסט עס מיר דערצעהלט! — האָט זאַרעמבאַ געזאָגט — איך האָב געהאַט אין זינען דיר אויך צו דערצעהלען זאַכען וואָס איך האָב אויסגעפונען פון דעם הייליגען פּאַטערל, וועלכער איז דער גייסטליכער פאַרשטעהער פון דער קירכע. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז דו ביזט זעהר פרום און דאָס קאָן זיין פאַר דיר א שרעקליכער קלאַפּ, דו וועסט זיין שטאַרק ענטוישט אין די פאַרשטעהער פון דיין רעליגיע, און דו וועסט אָנפאַנגען טראַכטען, דו וועסט זאָגען צו זיך: דער הייליגער פּאַטער אַליין איז ניט הייליג, ער זינדיגט... ער זינדיגט אפילו ווען ער דאַרף דורכפירען זיינע פליכטען... איצט הער זיך איין וואָס איך האָב דיר צו דערצעהלען טאַקע וועגען אַנטאָן, און שפּעטער וועל איך דיר דערצעהלען וועגען א סך אַנדערע, וועלכע זיינען אויך פאַרטרעטער פון דער קירכע. איך וועל דיר דערציילען אַלץ וואָס איך ווייס. אפשר וועסטו פון דעם אויך פאַרשטעהן פאַרוואָס איך האָב פאַרלאָזען אַלץ און אַלעמען און איך בין אַוועק שטודירען אין אויסלאַנד, און דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן וואַלענטי!

— איז דען געווען אַן אַנדער אורזאַך פאַרוואָס דו און דיין פריינט וואַלענטי זיינען אַוועקגעפאָהרען אין אויסלאַנד? — האָט יוליע איהם געפרעגט.

— געוויס, און איך האָב בדעה דיר אַלץ מיט דער צייט צו דערצעהלען!

דערצעהל איצט אַלץ! — האָט זי געזאָגט — איך וואָלט וועלען הערען אַלץ וואָס דו האָסט מיר צו דערצעהלען.

— פריהער פון אַלץ וועל איך דיר דערצעהלען וועגען דעם גראַף פּאָטאָצקי און וועגען זיין געליבטער ראָשיל.

— אָבער דו ווייסט דאָך אַז איך

ווייס אלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען דעם גראף און זיין געליבטער.

— ניין, ניט וועגן איהם און איהר וועל איך דיר דערצעהלען, אָבער וועגן דעם הייליגן פאָטער׳ל און ראשיל! יע, כ׳וועל דיר דערצעהלען אלץ וואָס עס האָט פּאסירט, ווי וואָלענטי האָט מיר עס איבערגעגעבן. גלויב מיר, מיין טייערע, אז מיר טוט וועה מיין הארץ דיר צו דערצעהלען אזעלכע זאכען, ווייל איך ווייס ווי עמפּפינדליך דיין יונגע צארטע נשמה איז. איך האָב זיך לאנג געשלאָגען מיט דער דעה... אָבער איך בין געקומען צום באשלוס אז עס וועט זיין א סך בעסער פאר אונז ביידען ווען מיר וועלען קוקען אויף די דאָזיגע זאכען מיט אָפענע אויגען. אמת, איז דער קירכע לערענט מען אונז אז מיר זאָלען גלויבען בלינדערהייט. אז מיר זיינען ניט ערלויבט צו שטעלען פראַגען וואָס קאָן אריינברענגען א שאָטען פון צווייפעל אין אונזער מח. אָבער ווען מיר זעהען אז פילע פון די צו וועמען מיר האָבען געהאט אזוי פיל צוטרויען, זיינען אזוי פארדאָרבען, אז אונטער דעם מאנטעל פון הייליגקייט טוען זיי אָפּ אלערליי פארברעכענס... דאן מוז ארויפשווימען דער צווייפעל אין אונזער מח. דאן קאָנען מיר זיך אליין פרעגען: זיינען אָט די רייד פון די דאָזיגע מענשען ריכטיג? קאָנען מיר האָבען צוטרויען צו זיי? וויבאלד אז זיי טוען פּונקט פארקערט וואָס זיי פּרעדיגען, דארפען מיר אלס גוטע, עהרליכע קריסטען טאָן וואָס זיי הייסען אונז?

— אָבער ניט אלע זיינען דאָך פארדאָרבען! — האָט יוליע געזאָגט

— דאָס רוב גייסטליכע זיינען דאָך פיינע עדעלע מענשען מיט הייליגע געפיהלען.

— יע, מיין טייערע, דו ביזט גערעכט, אז עס זיינען פאראן צווישען זיי, און אפשר די מעהרהייט פון זיי זיינען אזעלכע צו וועמען מיר מעגען האָבען צוטרויען... אָבער דאָס מיינט נאָך ניט אז זיי אליין זיינען בכלל פעהיג אונטערצושיידען צווישען אמת און פאלשקייט.

— וואָס מיינסטו? — האָט איהם יוליע אָנגעקוקט מיט פארוואונדערונג.

— אָט וועל איך דיר ערקלערען — האָט ער געזאָגט — עס איז שוין ביי דיר קיין צווייפעל ניט אז דער גלח אנטאָן איז א פאלשער, אומווירדיגער מענש, און ער איז זיכער ניט באַרעכטיגט צו פארטרעטען די קירכע, פונדעסטוועגען האָט דאָך דער בישאָף איהם אויסגעקליבען און איהם געגעבען מאכט צו קאָנען מוחל זיין די זינד פון די דאָזיגע וועלכע קומען זיך צו איהם מתודה זיין... איצט שטעל זיך פאָר דו פיהלסט אז דו האָסט מיט עפּעס געזינדיגט געגען גאָט, דו האָסט אן אינערליכען דראנג אויסצוגיסען דיין הארץ פאר דעם אלמעכטיגען, איהם דערצעהלען וועגן דיינע זינד. אז דו האָסט אויף זיי שטארק חרטה, און אז דו ביזט גרייט זיך אונטערצונעמען צו פארטרייבען פון זיך דעם שטן און ניט מעהר זיך צוהערען צו איהם... איז וואָס דארפסטו טאָן אין אזא פאל? דו געהסט אריבער צום גלח, דו ביזט זיך פאר איהם מתודה, און ער דארף עס זיין דער פארמיטלער צווישען דיר און גאָט. ער דארף לויט דער מאכט וואָס דער הייליגער בישאָף האָט אין איהם אריינגעלייגט, קאָנען דיר פארזיכערען אז גאָט האָט דיר מוחל געווען און דיין געוויסען דארף זיין ריין. דו געהסט אוועק פון גלח א גליקליכע, א צופרידענע, מיט א ריינע, זויבערע נשמה... איך רייד פון מיין אייגענער ערפאַהרונג... ווען איך פלעג ארויסגעהן פון גלח׳ס הויז נאָך אזא מין וידוי, פלעג איך זיך פיהלען ווי ניי געבוירען... אָבער זינט איך האָב אויסגעפונען דעם אמת, איך מיין זינט איך האָב אויסגעפונען אז די אזוי גערופענע הייליגע וידוי־פאָטערס זיינען אליין פול מיט די זינד, אז זיי זינדיגען נאָך דערצו מיט די אומשולדיגע מיידלעך וועלכע קומען זיך ריינִיגען פאר גאָט, זינט דאן האָב איך אויפגעהערט צו געהן זיך מתודה זיין. יע, מיין טייערע, זינט דאן איז מיר געקומען אויפ׳ן געדאנק אז איך בין ערצויגען געוואָרען ניט אויף דעם ריכטיגען וועג... איך בין זיך פאר דיר מודה אז איך האָב אנגעהויבען צו צווייפלען אין אונזער קירכע...

— אַ, באָרים, ווי אזוי קאָנסטו גאָר ארויסברענגען אזא זאך פון דיינע ליפּען! — האָט יוליע אויסגע־

רופען — דאס איז דאך אפיקורסות!

זארעמבא האט א ווײלע זי באטראכט. ער האט געווארט צו זעהן ווי אזוי זי נעמט אויף זײנע רייד, און ווען ער האט געזעהן ווי אויפגערעגט און אויפגעציטערט זי איז געווארען האט ער באשלאסען צו זיין מעהר אדער ווייניגער פארזיכטיגער.

— יוליע, מיין טייערע, איך זעה וואס פאר א שטארקען איינדרוק מיינע רייד האבען אויף דיר געמאכט — אפשר האב איך דאס דיר ניט באדארפט זאגען, ווייל איך ווייס ווי פרום דו ביזט און ווי עמפינדליך דו ביזט ווען עס האנדעלט זיך וועגען רעליגיעזע זאכען. אבער ערלויב מיר טייערע, דיך צו פרעגען, ביזטו אויך אזוי אויפגערעגט געווארען, ביזטו אויך אזוי פארציטערט געווארען ווען דו האסט דערפילט ווי דער גלח אנטאן האט ארויפגעלייגט זיין האנד אויף דיר און געמאכט א פארזוך דיך א קוש צו טאן... איז אזא האנדלונג פון דער זייט פון א פרומען גייסטליכען דען ניט אפיקורסות? פונדעסטוועגען האסטו איהם ניט אנגערופען אפיקורוס!

— המ... אבער איך האב אויפגעהערט צו געהן זיך צו איהם מתודה זיין! — האט זי זיך פארענטפערט.

— דו האסט אבער געוואוסט אז אנדערע מיידלעך און פרויען קומען צו איהם זיך מתודה צו זיין אויף זייערע זינד, און דו האסט קיינעם פון דיינע פריינד און באקאנטע ניט געזאגט דעם אמת, אז ער איז א ליגנער אז ער איז אליין אן אומגלויביגער, א זינדיגער... ניין, דו האסט ניט געזאגט, פארוואס? ווייל ער האט מיט זיינע פאלשע און כיטרע רייד געזוכט צו ווירקען אויף דיר אז ער איז בארעכטיגט צו טאן אזעלכע זאכען, אז ער טוט עס ווייל ער איז דער הייליגער פאטער, און דו האסט מורא געהאט ארויסצורייידען א ווארט געגען איהם... דו ווייסט אז הונדערטע קריסטליכע מיידלעך און פרויען קומען צו איהם זיך מתודה זיין... פילע פון זיי זיינען ניט אזוי שטארק אין כאראקטער ווי דו, זיי ווערען געשטרויכעלט און אויך זיי וועלען מורא האבען צו קומען דערצעהלען דעם אמת, און נאך מעהר זיי וועלען געהן וויטער צו איהם זיך מתודה צו זיין...

נו, פרעג איך דיך, איז דאס ניט קיין היפאקריטסטווא, איז דאס ניט קיין אפיקורסות?...

— יע, מיין טייערער, דו ביזט גערעכט, דאס איז ווירקליך היפאקריטסטווא, איך האב נארניט געטראכט וועגען דעם, איך האב טאקע געמיינט אז דער גלח איז ניט געווען אויסען קיין שלעכטעס, אז ער האט א רעכט ארויסצואווייזען פאטערליכע צערטליכקייט צו א יונגער מיידעל וועלכע קומט זיך צו איהם מתודה צו זיין... דו האסט מיינע אויגען געעפענט... אויב דו ווילסט בין איך געגרייט צו געהן צום בישאף און איהם דערצעהלען אלץ וואס ער טוט, איך וועל איהם דערצעהלען ווי אזוי ער האט בשעת מיין וידוי זיך צוגערוקט נאר נאהענט צו מיר, און ווי אזוי ער האט פרובירט מיר צווינגען איך זאל איהם דערצעהלען מיינע אינערליכע געדאנקען וואס איך טראכט וועגען מיין חתן...

— **ניין, מיין טייערע, דיין געהן** צום בישאף וועט דיר גארניט העלפען, עס האבען שוין פאסירט גאר שוידערליכע זאכען, אין פארשידענע מאנאסטירען, אין קלויסטערס און די פאראומגליקטע זיינען געקומען זיך באקלאגען אויף די גלחים און עס האט גארניט געהאלפען... ערשטענס, זיינען די בישאפ'ן פאראינטערעסירט אז עס זאל ניט קומען צו קיין סקאנדאל, און צווייטענס, וועלען זיי קיינמאל ניט וועלען צוגעבען אז זיי האבען אויסדערוועהלט אזעלכע פארטרעטער מיט וועמען זיי דארפען זיך שעהמען... ווען דו זאלסט זיך קומען באקלאגען אויף דעם גלח אנטאן פאר דעם בישאף, וועט ער איהם שיקען רופען און וואס דער גלח וועט זאגען, וועט ער איהם גיכער גלויבען ווי דיר, דו וועסט פון איהם אוועקגעהן א דערשלאגענע, א דערנידעריגטע... און דערצו וועסטו קריגען א נאמען פאר אן אויסגעלאסענע... יע, עס האט שוין ניט איינמאל פאסירט אזעלכע זאכען, און איך ווייס פון פילע אזעלכע פאלען... דאס האט מיר געגעבען א שטויס אז איך בין איצט געווארען אין גאנצען אנדערש...

— וואס מיינסטו דערמיט? מיט וואס ביזטו אנדערש געווארען? —

האט יוליע איהם אנגעקוקט.

— איך גלויב אז די צייט איז נאך ניט געקומען איך זאל מיט דיר קאנען ריידען גאנץ אפען — האט זארעמבא געזאגט — אין דיר איז נאך גוט איינגעווארצעלט אט דאס וואס די דאזיגע גלחים האבען פארפלאנצט אין דיין יונגען הארצען... אפשר וועט קומען א צייט ווען דו וועסט זיין רייף גענוג מיך צו פארשטעהן, און ערשט דאן וועל איך פאר דיר קאנען ענטפלעקען מיין הארץ, און דו וועסט מיך, האף איך פארשטעהן.

— הער זיך איין מיין טייערער — האט יוליע איהם געענטפערט — דו האסט שוין עטוואס מיינע אויגען געעפענט! איך בין גרייט צו הערען אלץ און איך פארזיכער דיר, אז וואס דו זאלסט מיר ניט דערצעהלען, וועלען מיינע ליבעם געפיהלען צו דיר אויף א האר ניט געמינערט ווערען... איך האב אזוי פיל צוטרויען צו דיר, איך וויים אז איך קאן זיך פארלאזען אויף דיין פארשטאנד, אויף דיין עהרליכקייט, אויף דיין אונערמידליכע שטרעבונג צו זוכען און געפינען דעם אמת. איך בין גליקליך צו פארבינדען מיין גורל מיט דיינעם, וואס דו זאלסט ניט טאן... דו קאנסט מיר זאגען איצט אלץ וואס עס טוט זיך אין דיין הארצען!

— אט די דאזיגע רייד דיינע, מיין ליבסטע, גיבען מיר א סך מוט און האפנונג — האט זארעמבא געזאגט — אבער פונדעסטוועגען פיהל איך אז די צייט איז נאך ניט געקומען איך זאל דאס דיר ענדעקען! איך וועל דיר דארפען פריהער גוט צוגרייטען צו דעם... עס איז א וויכטיגער שריט אין אונזער ביידענס לעבען, און איך וויים וואס עס קאן פאסירען אויב דו וועסט צו דעם ניט זיין גוט צוגעגרייט.

— איך פארזיכער דיר, מיין ליבסטער אז איך וואלט געטאן אלץ וואס דו פארלאנגסט פון מיר. איך האב אויף דיר געווארט מיט גרויס אומגעדולד. איך האב געהאט פארשידענע ספקות אין מיין הארצען. מיין שוועסטער און אויך טאקע אט די קאטערינא, וואלענטי'ס שוועסטער האבען פרובירט שווער מאכען מיין הארץ, זיי האבען מיר געזאגט אז יעדער יונגערמאן וועלכער געפינט זיך אין פאריז פאר א קורצער צייט, וועט זיכער שוין דארט געפינען א מיידעל מיט וועמען ער וועט הייראטען, אבער איך האב זיי געזאגט, אז איך האב צו דיר פולען צוטרויען, און איך זעה דאך אז מיין גלויבען אין דיר איז פולשטענדיג בארעכטיגט געווארען, דאריבער קאן איך דיר פארזיכערען אז איך וועל דיר נאכפאלגען ביז דעם סוף פון דער וועלט, איך מיין וואוהין דו וועסט געהן און וואס דו וועסט טאן, וועל איך זיין מיט דיר, מיט מיין גאנצען לייב און לעבען.

— און אט מיט א ווייל צוריק, ווען דו האסט געמיינט אז איך בין געווארען אן אומגלויביגער, האסטו אויף מיר געקוקט מיט אויפרעגונג און צארן...

— ענטשולדיג, מיין טייערער, אויב מיינע געפיהלען האבען אויף דיר געמאכט אזא איינדרוק — איך בין זיך מודה, אז פון אנפאנג האב איך זיך שטארק דערשראקען פאר אזעלכע רייד, אבער איצט בין איך גרייט צו הערען אלץ. יע, דו האסט מיר נאך ניט דערצעהלט וואס עס איז פארגעקומען צווישען דעם גראף פאטאצקי, זיין געליבטער ראשיל און דעם גלח אנטאן.

— גוט, איך וועל דיר דערצעהלען! — האט זארעמבא געזאגט — איך האב דיר זעהר פיל צו דערצעהלען, לאמיר צוגעהן צום שלאסבארג, דארט וועלען מיר זיך זעצען אויפ'ן גראז און איך וועל דיר דערצעהלען אלץ וואס וואלנעטי האט מיר דערצעהלט וועגען זיין פאטער און דעם גלח...

זיי זיינען ביידע אוועק צום שלאסבארג, און זיי האבען אויפגעזוכט אן איינזאמען רוהיגען פלאץ און זיך צוגעזעצט אויפ'ן גראז. א ווייל זיינען זיי ביידע געזעסען און געשוויגען. זארעמבא האט אריינגעקוקט טיף אין איהרע אויגען. ער האט געוואלט זיך דערגרונטעווען וואס עס טוט זיך ביי איהר אויף דער נשמה. זי האט דערפהילט זיינע בליקען און ארונטערגעלאזען איהרע אויגען. באלד האט זי ווידער אויפגעהויבען איהרע אויגען און זי האט א קוק געטאן אויף איהם. א ליבליכער שמייכעל האט זיך באוויזען אויף איהרע ליפען, און זארעמבא האט אנגעפאנגען איהר צו דער־

צעהלען די געשיכטע וואָס וואַלענטי האָט איהם דערצעהלט.

ער האָט איהר דערצעהלט ווי אזוי ער, וואַלענטי האָט נאָכגעפאָלגט זיין פאָטער, און ווי ער האָט געזעהן ווי ער קומט אריין צו דעם גלח אנטאָן אין הויז. ווי אזוי זיי טרינקען ביידע שאַרפע געטראַנקען און ריידען וועגען דער געליבטער זיינער. ער האָט איהר דערצעהלט מיט אַלע איינצעלהייטען, ווי אזוי וואַלענטי האָט פון גלח ארויסבאַקומען, אז ער האָט געזינדיגט מיט ראַשיל ווען זי פלעגט צו איהם קומען זיך מתודה זיין... און ווי אזוי ער האָט געפירט צו דעם, אז ראַשיל האָט זיך אין דעם אויך מודה געווען פאַר זיין פאָטער, און זי האָט געוואָרפען די גאַנצע שולד אויף דעם גלח. און דער גלח האָט איהר באשולדיגט, און אזוי האָט דער גראַף א׳יסגעפונען, אז אין דער צייט וואָס זי, ראַשיל, פלעגט קומען צו איהם זיך מתודה צו זיין, פלעגט ער מיט איהר זינדיגען.

— איצט זאָגט מיר, יוליע, וואָס קאָנען מיר ערוואַרטען פון אזא גלח, ער זאָל זיך פאַר אונז איינשטעלען און זעהן ארויסקריגען א מחילה פון גאָט פאַר אונזערע זינד.

— דו ביזט גערעכט, מיין ליבער — האָט יוליע געזאָגט — פון איצט אָן וועל איך שוין מעהר צו קיינעם פון זיי ניט האָבען קיין צוטרוי.

— דאָס איז אָבער ניט נויטיג, מיין ליבסטע, — האָט זאַרעמבא זיך אָנגערופען — ווען מיר געפינען אויס, אז דאָס וואָס מיר האָבען געהאַלטען פאַר אן אמת, איז גאָר א פאַלשקייט, דאַרפען מיר ניט קומען צום באשלוס, אז עס איז מעהר ניטאָ קיין אמת אויף דער וועלט... מיר דאַרפען ניט אויפגעבען אונזער האָפענונג, אז מען קאָן געפינען דעם אמת ערגיץ אנדערש. מיר ווייסען, אז עס איז פאַראַן א גאָט, וועלכער האָט באשאַפען די וועלט און אַלץ וואָס געפינט זיך אויף דער וועלט. קיינער לייקענט דאָס ניט. איצט איז די פראַגע ווי אזוי קאָנען מיר דערקענען די גאָטהייט? מיר דאַרפען זוכען, נישטערען און געפינען דעם אמת, ווייל אמת מיינט גוטהייט. יע, אזוי זאָגען די אידישע חכמים אז דער זיגעל פון גאָט איז "אמת". ווי קאָנען מיר זיך פאַנאַנדערקלייבען וואָס עס איז אמת און וואָס עס איז שקר? מיר דאַרפען טראַכטען, מיר דאַרפען זיך דערגרונטעווען, מיר דאַרפען זעהן און לערנען די הייליגע שריפטען, דורך וואָס די געטליכקייט האָט זיך אנטפלעקט פאַר דער מענשהייט. עס איז ניט גוט צו לאָזען זיך איינריידען פון אזעלכע, וועלכע האָבען בלויז זיך זעלבסט אין זינען, וועלכע זיינען ניט באַאינטערעסירט צו געפינען דעם אמת... אַט טאַקע ווי דער גלח אנטאָן און זיין גלייכען.

— אָבער וואו געפינט מען דעם אמת? — האָט יוליע איהם געפרעגט.

—אז מען זוכט געפינט מען. שוין באַלד פינף יאָהר ווי איך האָב זיך אָפּגעגעבען מיט אַט דער דאָזיגער פראַגע, איך צוזאַמען מיט דעם יונגען גראַף וואַלענטי פּאָטאָצקי. מיר האָבען געזוכט, גענישטערט, געשטודירט, געהאַט צו טאָן מיט פאַרשידענע גייסטליכע, פון דער קריסטליכער און דער אידישער רעליגיע. מיר האָבען געוואויגען און געמאָסטען יעדען באַוויז, יעדער אָנדייטונג, און ערשט דאַן האָבען מיר גענומען שטודירען די ביבעל אין אָריגינעל, אין דער הייליגער שפראַד...

— וואָס, איהר האָט זיך אויסגעלערנט העברעאיש? — פרעגט איהם יוליע.

— דו ווייסט דאָד, אז אביסעל העברעאיש האָבען מיר געלערנט אין דער קאַטוילישער סעמינאַריע, און דאָס איבעריגע האָבען מיר זיך דערלערנט אין פאַריז און ערגיץ אנדערשוואו.

— וואו, אנדערשוואו?

— דאָס קאָן איך דיר דערווייל ניט זאָגען. איך וועל שפּעטער אַלץ דערצעהלען, דערווייל אָבער וועל איך דיר זאָגען, אז נאָכדעם ווי איך און וואַלענטי האָבען גרינדליד אויסגעלערנט די העברעאישע שפראַד זיינען אונזערע אויגען אויפגעעפענט געוואָרען. מיר האָבען ערשט דאַן דערזעהן די ליכטיגקייט. יע, יוליע, מיר זיינען די גאַנצע צייט געגאַנגען אין דער פינסטערניש... דאָס וואָס מיר האָבען געלערנט די הייליגע שריפטען פון דעם אַלטען טעסטאַמענט, איז ניט געווען די ריכטיגע אויסטייטשונג. דער אָריגינאַל דערצעהלט גאָר א גאַנץ אנדער געשיכטע. ערשט דאַן ווען מען קאָן לערנען די ביבעל פון דעם מקור, זעהט מען איין, אז עס האָבען זיך געפונען אזעלכע, וועלכע האָבען געפעלשט דעם אמת,

זיי האָבען אריינגעגעבען אַ גאַנץ נייעם פּירוש אויף די רייד פון די הייליגע נביאים. יענע האָבען דאָס געטאָן אבזיכטליך און די אנדערע זיינען שוין פון דעם פארפירט געוואָרען... יע, יוליע, מיר זיינען דערגאנגען דעם אמת...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף יוליע׳ן מיט זיינע דורכדרינגענדע בליקען. ער האָט געוואָלט זעהן אויב ער זאָל געהן ווייטער, אָדער ער האָט שוין גענוג גערעדט. ער האָט באַמערקט טרעהרען אין יוליע׳ס אויגען, און ער האָט געפיהלט, אז זיינע רייד האָבען געטראָפען אין ציעל. זי פארשטעהט איהם. זי פּיהלט מיט איהם, און איצט וועט ער קאָנען זיך אנטפּלעקען פאר איהר. איצט וועט ער קאָנען איהר דערצעהלען דעם אמת, אז ער איז געוואָרען א איד... אָבער ניין, ער טאָר נאָך אזוי שנעל מיט דעם אמת ניט ארויסקומען. עס קאָן פּאַסירען, אז ווען זי זאָל דאָס הערען וועט זי דערשטוינט ווערען.

יוליע האָט געווישט איהרע אויגען. זי האָט געקוקט אויף איהם און דערזעהענדיג דעם פייערל אין זיינע אויגען האָט זי זיך צו איהם אָנגערופען:

אויב דו האָסט שוין יע אויסגעפונען דעם אמת, טאָ פארוואָס ווילסטו מיר איהם ניט אנטפּלעקען?

— ווייל די צייט איז נאָך ניט געקומען. דו ביזט נאָך צו דעם ניט צוגעגרייט. ניין, מיין טייערע, מען קאָן ניט פארוואנדעלט ווערען אין איין טאָג צייט אין עפּעס וואָס איז אזוי פרעמד... דו וועסט דארפען צוואווארטען. דו וועסט דארפען שטודירען, זיך פאנאנדערקלייבען, און דאן ווען דו אליין וועסט וויסען דעם אונטערשייד צווישען אמת און שקר, ערשט דאן וועסטו אליין קומען צו דעם זעלבען באשלום ווי איך...

— הער זיך איין, באָרים, דו ווייסט דאָך, אז איך זעה איצט אלץ מיט דיינע אויגען, איך פיהל אלץ מיט דיין הארצען... אויב דו האָסט געפונען דעם אמת, וועל איך אָט דעם זעלבען אמת דערקענען. דו מעגסט זיכער זיין, אז איך בין גרייט אויף דעם גרעסטען קרבן, פּונקט ווי דו... איך דארף אזוי לאנג ניט שטודירען און פאָרשען ווי דו האָסט עס געטאָן, פאר מיר איז גענוג, אז דו האָסט עס געטאָן, און דעריבער איז דאָס די ריכטיגע זאך, דער ריכטיגער וועג, איך בעט דיך פארהויל גאָרניט פון מיר... איך בין גרייט צו טאָן אלץ וואָס דו וועסט מיר זאָגען.

— יוליע, טייערע, דו דארפסט וויסען, אז דער נייער וועג וואָס איך האָב פאר זיך אויסגעקליבען איז ניט פארפלאנצט מיט בלומען... יע, מיט דערנער, מיט שטעכיגע, גיפטיגע דערנער איז ער פארפלאנצט, און איך וועל דארפען זיין זעהר פארזיכטיג ווי איך געה אויף דעם דאָזיגען וועג, איך זאָל ניט געשטרויכעלט ווערען און פאלען אויף די גיפטיגע דערנער און זיך ניט פארגיפטען, אויב אזוי ווי אזוי קאָן איך ערווארטען, אז דו זאָלסט מיט מיר מיטגעהן אויף דעם זעלבען וועג...

— דו ביזט מיין ליבער אויף אייביג און דעריבער איז דיין וועג אויך מיין וועג! — האָט יוליע אויסגערופען — וואוהין דו וועסט געהן וועל איך אויך מיטגעהן, דיין אמונה וועט אויך זיין מיין אמונה...

— איך זעה, אז דו שטויסט זיך אָן יוליע צו וואָס איך האָב געצילעוועט מיט מיינע רייד. איצט זאָג מיר דעם אמת, וועסט וויסען ווי אזוי צו האנדלען ווען דו געפינסט אוים דעם אמת וועגען מיר. דו פארשטעהסט, איך וויל איבערלאָזען די ברירה צו דיר. אויב דו גלויבסט, אז דו וועסט מיט מיר ניט קאָנען געהן אויף יענעם וועג, דאן האָסטו דיין אויסוואל...

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, טייערער, אז דיין וועג איז אויך מיין וועג. דו האָסט ניט וואָס מורא צו האָבען. דו קאָנסט פאר מיר עפענען דיין הארץ, איך פאנג שוין איצט אָן אלץ צו באַגרייפען... מיינע אויגען האָסטו שוין געעפענט, איך קאָן שוין זעהן און אלץ וואָס דו דארפסט טאָן איז אָנצייגען מיר דעם ריכטיגען וועג. איך וועל זיכער שוין ניט בלאָנדזשען, אזוי לאנג ווי מיינע אויגען זיינען געעפענט געוואָרען...

זי האָט איהם ארומגענומען און א קוש געטאָן.

זארעמבא האָט דאן פארשטאַנען, אז עס איז געקומען די צייט... ער קאָן מיט איהר שוין ריידען אָפען.

— איך ליעג מיין לעבען איז דיינע הענט — האָט זארעמבא זיך צו איהר

אנגערופען — אויב דו ווילסט, וויסטו מיך קאנען איבערגעבען צו די גייסטליכע פון אונזער קירכע און אין עטליכע טעג בין איך א טויטער. זיי וועלען מיך פארברענען פאר דעם. אין דעם צווייפעל איך ניט. אויב דו גלויבסט, אז איך האב דאס פארדינט קאנסטו עס טאן. איך וועל דיר אלץ דערצעהלען.

— א, מיין טייערער! — האט זי אויסגערופען און איהם ווידער גענומען קושען — ווי אזוי קאנסטו גאר טראכטען אזוינס פון מיר! אויב שטארבען וועל איך מיט דיר, ווייל צו דיר געהערט מיין קערפער און מיין נשמה. דערצעהל מיר אלץ און איך וועל זיך שעצען גליקליך ווען דו וועסט מיט מיר לערנען און ערקלערען אלץ וואס דו האסט אויסגעפונען. איך וועל זיך שעצען פאר די גליקליכסטע אויב איך וועל אויסגעפינען, אז ניט נאר בין איך אוועק פון קרומען וועג, נאר איך האב אין דער זעלבער צייט געפונען דעם גלייכען וועג. איך האב שוין געהאט ספקות, איך האב געטראכט, געזארגט, און געזוכט, אבער איך בין ניט געקומען צו קיין ענדגילטיגען באשלוס... איצט בין איך אבער איבערציינגט, אז דו וועסט מיך פיהרען אויף דעם ריכטיגען וועג, און אז איך וועל דורך דיר ראטעווען מיין נשמה, וואס איז לעצטענס געווארען פאראיינזאמט... דערצעהל מיר אלץ, מיין געליבטער, און איך וועל געהערען צו דיר אויף אייביג.

— זאג מיר, יוליע, ביזטו גרייט אוועקצופאהרען פון דאנען, ווייט, זעהר ווייט, וואו מיר וועלען קאנען זיין רוהיג און אהן מורא דינען צו דעם גאט פון ישראל...

— וואס, דו ביזט שוין געווארען א איד? — האט יוליע איהם א פרעג געטאן.

זארעמבא האט זי באטראכט א ווײלע און דאן האט ער געזאגט:

— יע, מיין טייערער, איך בין איצט א איד. איך האב זיך מגייר געווען מיט א פאר יאהר צוריק...

יוליע האט אויף איהם אנגעשטעלט איהרע אויגען. איהר פנים איז בלאס געווארען. איהר גאנצער קערפער האט גענומען ציטערען.

— וואס איז מיט דיר, מיין טייערע? — האט ער זי געפרעגט א דערשראקענער. איהם האט זיך אויסגעדוכט, אז איצט, אז זי ווייסט שוין פון זיין גרויסען סוד, וועט זי זיך אפטרייסלען פון איהם... זי וועט אפילו זיך אויף איהם ניט וועלען אומקוקען...

יוליע האט זיך פאנאנדערגעוויינט. זי האט פארשטעלט איהרע אויגען מיט איהרע הענט און זי האט ביטער געוויינט.

זארעמבא האט איהר געלאזט גוט אויסוויינען, און דאן האט ער זיך צו איהר אנגערופען:

— דו קאנסט מיך פארטרייבען פון זיך. איך ווייס, אז איך האב קיין רעכט ניט געהאט מיט דיר אזוי צו האנדלען. איך בין אין דיינע אויגען געוויס פארברעכער ווי דער גרעסטער פארברעכער... איך ווייס, אז דו פיהלסט זיך איצט זעהר אומגליקליך...

— א, נייז, פארקערט, איך בין די גליקליכסטע אין דער וועלט! — האט זי איהם ארומגענומען און באדעקט מיט קושען. איך זעה איצט, אז דו האסט מיך ליב און אז דו האסט צו מיר צוטרויען... איך בין גליקליך, אז דו האסט געפונען דעם אמת, און דו וועסט מיך אויך ארויפפירען אויף דעם ריכטיגען וועג... יע, מיין ליבסטער, איך בין דיינע, איך וועל זין טיילען מיט דיר אלץ, די גוטעס און די שלעכטעס... איך בין גרייט צו ווערען א אידען און געהן מיט דיר וואוהין דו וועסט געהן.

— איך האב ניט גענוג ווערטער דיר צו זאגען ווי גליקליך דיינע רייד האבען מיך איצט געמאכט. — האט געזאגט זארעמבא. — איצט ווייס איך, אז איך וועל האבען מיט וועמען זיך צו טיילען מיינע ליידען און פריידען.

—זאג מיר, מיין טייערער וואס וועלען מיר איצט דארפען טאן? — האט יוליע געזאגט און איהרע אויגען האבען זיך צעלויכטען.

— דערווייל וועלען מיר דאס דארפען ביידע האלטען בסוד! — האט זארעמבא געזאגט — מיר וועלען זיך דארפען אויפפירען ווי גארניט וואלט פאסירט. דערווייל זיינען מיר ביידע קאטויליקען... מיר וועלען שפעטער דארפען אויסארבייטען דעם פלאן. און מיר וועלען זעהן וואס פאר א שריט צו מאכען. עס קאן זיין, אז איך וועל

זיך נאָך באראטען מיט וואלענטי'ן.

— און וואו איז וואלענטי? — האָט זי איהם געפרעגט.

— וואלענטי געפינט זיך אין איליע!

— האָט ער געזאָגט.

אין איליע! דאָרט געפינען זיך דאָך זיינע עלטערען! — האָט זי אויסגערופען מיט ערשטוינונג.

— יע, וואלענטי געפינט זיך דאָרט אָבער ניט ביי זיינע עלטערען! — האָט זארעמבא איהר געזאָגט — ער געפינט זיך אין בית המדרש. דאָרט זיצט ער און לערענט.

— און האָט ער גאָרניט מורא, אז זיינע עלטערען וועלען איהם דערקענען?

— איך פארזיכער דיר, יוליע, אז ווען זיינע עלטערען ריידען מיט איהם אָפּ א גאנצע שעה, וועלען זיי איהם ניט דערקענען.

— אָבער פארוואָס האָט ער דוקא אויסגעקליבען אָט דעם דאָזיגען פּלאַץ? — פרעגט איהם יוליע.

— איך זעה, אז איצט קאָן איך דיר אלץ דערצעהלען, טייערע! — האָט ער געזאָגט — וואלענטי איז פארליבט אין א אידישער מיידעל!

— וואלענטי איז פארליבט! — האָט יוליע אויסגערופען — איך וואָלט עס קיינמאָל ניט געגלויבט! איך האָב געמיינט, אז ער וועט קיינמאָל ניט ליב האָבען... און דערפאר האָט ער...

— ניין, טייערע יוליע! וואלענטי האָט זיך ניט מגייר געווען צוליב זיין ליבע. ער האָט זיך שוין לאנג ארומגעטראָגען מיט אָט דעם דאָזיגען געדאנק. ער האָט שטודירט, געפאָרשט און גענישטערט אין אלע רעליגיעזע ביכער, ביז וואנען ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג... יע, ער האָט באַשלאָסען צו ווערען א איד, א סך פריהער איידער ער האָט מיר אנטדעקט זיינע פּלענער וועגען דעם! צוליב זיין באשלוס, האָט ער דאן געזוכט די נאָהענטקייט פון אידען, און ער האָט באַזוכט זיין פאָטער'ס ארענדאר, לייזער זוסקעס!

— אָ, דו מיינסט דער וועלכער האָט געוואונען דעם טאנץ געוועט געגען יוזשוק'ן?

זארעמבא האָט א שמייכעל געטאָן, און יוליע האָט איהם געפרעגט די באַדייטונג.

— איצט, מיין טייערע, קאָן איך דיר דערצעהלען דעם גאנצען אמת. איך ווייס, אז דו וועסט וויסען ווי צו האלטען אלע אונזערע סודות. זיי וויסען, אז דער וועלכער האָט געטאנצט געגען יוזשוק'ן איז ניט געווען לייזער זוסקעס, דעם גראַפ'ס ארענדאר. דאָס איז געווען אן אנדער איד, מיינער און וואלענטי'ס גוטע פריינט, חיים, אן אייניקעל פון ר' מנחם מאן.

זארעמבא האָט איהר דערצעהלט מיט אלע איינצעלהייטען, ווי אזוי וואלענטי האָט געראטעוועט דעם אידען זוסקעס פון א זיכערען טויט מיט דעם וואָס ער האָט געלאָזט וויסען מנחמ'ן וועגען דעם גראף'ס פּלאן צו צווינגען זיין אידישען ארענדאר צו טאנצען געגען יוזשוק'ן. מנחם'ס אייניקעל חיים איז זעהר א גוטער, געאיבטער טענצער, האָט ער שוין געזעהן, אז ער זאָל פארנעמען זיין פּלאַץ, און אזוי האָט וואלענטי געהאט א געלעגענהייט צו באזוכען דעם ארענדאר פון זיין פאָטער, וועלכער האָט זעהר א שעהנע טאָכטער מיט'ן נאָמען יהודית...

— האָסטו זי אויך געזעהן? — פרעגט איהם יוליע.

— יע, איך בין געווען ביי דעם אידען צוזאמען מיט וואלענטי'ן, מיט עטליכע יאָהר צוריק, און אויך מיט עטליכע טעג צוריק, ווען איך האָב באַזוכט דעם גראף פּאָטאָצקי און איהם געבראכט א גרוס און א בריוו פון זיין זוהן.

— דו האָסט זיי געבראכט א גרוס פון זייע זוהן און אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך געפונען אין דעם זעלבען שטעטעל! — האָט יוליע א שמייכעל געטאָן.

— יע, כאָטש ער האָט זיך געפונען בלויז א צעהן מינוט גאנג פון זיי, פונדעסטוועגען איז ער געווען אזוי ווייט פון זיי ווי מזרח איז ווייט פון מערב — האָט זארעמבא געזאָגט — ער איז דאן געזעסען אין בית המדרש און געלערענט די הייליגע תורה... דו פארשטעהסט, ווען מיר האָבען ביידע באַשלאָסען זיך אומצוקערען, האָבען מיר צווישען זיך אָפּגעמאכט, אז איך זאָל זיך אומקערען אלס קאטויליק, פונקט ווי איך בין דאָס געווען איידער איך בין אוועקגעפאָהרען פון דאנען און ער זאָל קומען קיין איליע אלס איד.

איך פארזיכער דיר, יוליע, אז ווען דו וואָלסט מיך דערזעהן מיט עטליכע וואָכען צוריק איידער איך האָב זיך אָפּגעגאָלט און ארומגעשאָרען און געביטען מיינע בגדים, וואָלסטו מיך בשום אופן ניט דערקענט... איך האָב געטראָגען א באָרד און פאות, און האָב אויסגעקוקט ווי אן עכטער איד. מיר האָבען זיך אָבער געשראָקען, אז צוליב דעם וואָס מיר האָבען פון זיך ניט געלאָזט הערען פאר אזא לאנגער צייט, וועלען די אידישע שונאים ארויסלאָזען א קלאנג, אז מען האָט אונז ערמאָרדעט צוליב ריטועלע צוועקען און דאן וואָלט מען זיכער געמאכט א פּאָגראָם אויף די אידען, און איידער וואָס ווען, וואָלט אידיש בלוט זיך געגאָסען ווי וואסער... אזוי האָט געהאט געשריבען אונזער פריינד מנחם מאן צו אונזער פריינד אין פאריז, און ער איז שנעל געפאָהרען קיין אמסטערדאם און אונז איבערגעגעבען אלץ, און דאן האָבען מיר באשלאָסען צוריקצופאָהרען. מיר האָבען געטראכט, אז עס איז גענוג ווען איינער פון אונז זאָל ערשיינען, און בריינגען א גרוס און א בריוו פון צווייטען. און אזוי ווי איך האָב דאָך דיך געהאט, איז באשלאָסען געוואָרען, אז איך זאָל צוריק פארוואנדעלט ווערען אין א קריסט, און קומען אהיים...

— און וואָס וואָלסטו געטאָן ווען איך וויל ניט טאָן וואָס דו האָסט געטאָן? — פרעגט איהם יוליע מיט א שמייכעל.

— דאן וואָלט איך געצוואונגען געוואָרען ווידער צו פארשווינדען. אָבער איך פארזיכער דיר, אז איך וואָלט שוין קיינמאָל מעהר ניט חתונה געהאט... ווען איך וואָלט געצווייפעלט אין דיין ליבע צו מיר, וואָלט איך אפילו קיין פארזוך ניט געמאכט מיט דיר צו רייד־דען וועגען דעם. איך האָב דיך זעהר ליב און איך בין געווען זיכער, אז אויך דו האָסט מיך ליב אויף אזוי פיל, אז דו זאָלסט קאָנען ארייגדרינגען אין מיין נשמה און דאָרט געפינען דעם הייליגען פלאם וואָס האָט זיך אין מיר אָנגעצונדען, אזוי, אז אָט דער זעלבער פלאם זאָל אויך דיין נאָבעלע און זויבערע נשמה אָנצינדען.

— יע, מיין טייערער, איך פיהל, אז אין מיין נשמה ברענט שוין אָט דער דאָזיגער פלאם, איך בין גליקליך, אז ענדליך האָב איך געפונען דעם ריכטיגען וועג. איך פיהל זיך ווי ניי געבוירען. עס דוכט זיך מיר, אז אלץ וואָס איך זעה ארום זיך, איז אנדערש ווי עס איז געווען מיט א ווייל צוריק איידער דו האָסט פאר מיר אנטפּלעקט דיין נשמה. ריהר אָן מיין פּנים ווען־סטו פיהלען ווי עס ברענט אין מיר א העלישער פייער. איך האָב אין די עטליכע שעה דורכגעמאכט א גרויסע ענדערונג, און איך פיהל; אז יעדעס גליד פיבערט אין מיר...

— יע, מיין טייערע, איך פארשטעה עס זעהר גוט, איך אליין האָב אויך דורכגעלעבט אָט די זעלבע געפיהלען ווען איך האָב פּלוצלונג דערפיהלט, אז איך וועל ווערען א איד. איך האָב אָנגעהויבען צו קוקען אויף אלץ מיט אנדערע אויגען. די וועלט איז געוואָרען אזוי שעהן, אזוי פּרעכטיג, ווייל איך האָב געפיהלט, אז איך האָב פּלוצלונג דערזעהן א וואונדערבארע ליכט, א ליכט וואָס קריגט איהר ליכטיגקייט פון אמת...

— איך בין אזוי גליקליך, אז עס ווילט זיך מיר וויינען פון פרייד! — האָט יוליע איינגענורעט איהר קאָפּ אין זיין בוזים און זי האָט געוויינט...

— מיין ליבסטע, מיין טייערסטע!

— האָט זארעמבא זי געדריקט צו זיך

— אָט דעם הייליגען מאָמענט וועל איך ניט פארגעסען כל זמן איך וועל לעבען. איך בין גרייט איצט אויף אלץ. איך בין אפילו גרייט צו שטארבען מיט די הייליגע ווערטער פון "שמע ישראל" אויף מיינע ליפּען, ווי פילע אידישע צדיקים און מארטירער האָבען דאָס געטאָן. דאָס זעלבע פיהלט אויך מיין חבר וואלענטי...

— ניין, מיין ליבער, מיר וועלען דארפען לעבען און העלפען פארשפּרייטען דעם אמת צווישען די וועלכע בלאָנדזשען. מיר וועלען מיט אונזער לעבען קאָנען א סך מעהר אויפטאָן ווי מיט אונזער טויט...

— דו ביזט גערעכט, דעריבער וועלען מיר מוזען זיין זעהר און זעהר פאָרזיכטיג! מיר וועלען דארפען האנדלען ווי גאָרניט האָט פּאסירט. מיר וועלען זיך דארפען ביידע אויפפירען ווי פרומע קאטויליקען. מיר וועלען דארפען געהן אין קלויסטער, און אויב דו וועסט ווידער אמאָל דארפען אָנ־

פאנגען געהן צו דעם גלח אנטאָן, פאר דיין וידוי... דו וועסט שוין וויסען ווי אזוי זיך צו היטען פון איהם. און איך אליין אפילו וועל אויך געהן צו איהם זיך מתודה צו זיין. מיר וועלען דארפען צווישען זיך אָפּמאכען וואָס איהם צו זאָגען, כדי ער זאָל קיינמאָל ניט קאָנען פארדעכטיגען וואָס איז פאָרגעקומען אין אונזערע נשמות. מיר וועלען אויך דארפען זיין זעהר פאָרזיכטיג, אז מיינע עלטערען זאָלען ניט האָבען דעם מינדעסטען פארדאכט, אז מיר האָבען זיך געענדערט. דו זעהסט דאָך, אז איך האָב שוין ניט מעהר געקאָנט עסען קיין חזיר, האָב איך זיי איינגערעדט, אז איך בין געוואָרען א וועגעטעריאנער, וועלכער עסט ניט קיין פלייש...

— דו ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאלען — האָט יוליע זיך אָנגערופען — איך וועל זיי אויך זאָגען, אז איך בין א וועגעטעריאנערין!

— דו דארפסט עס ניט טאָן, ערשטענס ביזטו נאָך דער, ווייל ניט געוואָרען קיין אידין, און אפילו מיר, האָט דער רב פון אמסטערדאם געגעבען די ערלויבניש צו טאָן אלץ כדי מען זאָל ניט אויסגעפינען ביז וואנען איך וועל קאָנען זיין צווישען אידען און ניט מעהר דארפען מורא האָבען.

— אָבער איך פיהל, אז איך וועל שוין מעהר ניט קאָנען עסען קיין חזיר!

— האָט זי געזאָגט — מיר דוכט זיך, אז איך וועל שוין אפילו ניט קאָנען קוקען אויף דעם... זיי דארפען ניט וויסען. אזוי לאנג ווי מיר זיינען דאָ, וועל איך זיי ערקלערען, אז נאָכדעם ווי דו האָסט מיט מיר ארומגערעדט וועגען דעם, קאָן איך שוין אויך ניט מעהר עסען קיין פלייש...

— איך בין גליקליך צו הערען פון דיר אזעלכע רייד! — האָט זארעמבא געזאָגט — איך קאָן זיך אויך פאָרשטעלען ווי צופרידען אברהם וועט זיין...

— אברהם? ווער איז אָט דער אברהם? — פרעגט זי איהם.

— אָ, איך האָב דיר פארגעסען צו דערצעהלען! וואלענטי׳ס נאָמען איז שוין געביטען געוואָרען אויף אברהם. יע, מען רופט איהם אברהם בן אברהם, ווייל אזוי ווי ער איז געוואָרען א איד, ווערט דער ערשטער טאטע פונ׳ם אידישען פאָלק, אברהם, פאררעכענט איך פאר זיין טאטען, און דעריבער רופט ער זיך אברהם בן אברהם.

— און ווי וועט דיין נאָמען זיין?

— איך האָב אויך באדארפט אָנגעמען דעם זעלבען נאָמען, אָבער אזוי ווי מיר ביידע האָפען נאָך צו זיין צוזאמען, וועט אויסקומען מיספארשטענדנישען ווען איך זאָל אויך טראָגען דעם זעלבען נאָמען, דעריבער האָב איך באשלאָסען, אז מיין נאָמען זאָל זיין יצחק בן אברהם.

— און ווי וועסטו מיך רופען? — האָט יוליע איהם געפרעגט.

— דיך וועל איך רופען רבקה, ווייל די מוטער רבקה איז דאָך געווען יצחק׳ס ווייב, און דו וועסט דאָך אויך ווערען מיין ווייב, דעריבער וועסטו אָנגערופען ווערען מיט איהר נאָמען.

— ווי לאנג גלויבסטו וועלען מיר דאָ זיין געצוואונגען צו פארבלייבען!

— האָט זי איהם געפרעגט.

— איך ווייס ניט ווי לאנג, עס ווענדט זיך א סך אָן מיין חבר אברהם, איך גלויב, אז אזוי שנעל ווי זיי וועלען חתונה האָבען וועלען זיי מן הסתם אָפּפאָהרען פון דאָרט. יע, מיר האָבען ביידע געפּלאנט, אז אויב אלץ וועט זיך אויסלאָזען ווי מיר ווינשען, וועלען מיר אָפּפאָהרען קיין ארץ ישראל און זיך דאָרט באזעצען... מיר וועלען מיטברענגען אביסעל געלט און מיר וועלען דאָרטען קויפען א נחלה, און מיר וועלען זיך דאָרטען קאָנען רוהיג לעבען. קיינער וועט אפילו ניט דארפען אויסגעפינען, אז מיר זיינען ניט קיין געבוירענע אידען. איך וועל דיך אויסלערנען די הייליגע שפּראך...

— אָבער מיר קאָנען דאָך ניט ריידען קיין אידיש! — האָט זי אויסגערופען — וועט מען דאָך זיך גלייך אָנשטויסען, אז מיר זיינען ניט קיין געבוירענע אידען.

— דו מאכסט א טעות! — האָט זארעמבא געזאָגט — עס זיינען פאראן א סך אידען, וועלכע קאָנען ניט ריידען קיין אידיש. זיי ריידען העברעאיש און שפּאניש, יע, אין האָלאנד האָב איך געטראָפען זעהר פיל אידען, איך געדענק גאנץ גוט, ווען אונזער פריינד ר׳ אהרן ליפּמאן פון פאריז, איז צו אונז געקומען אין אמסטערדאם און

ער האָט געדאַרפט זיך דורכריידען מיט דעם דאָרטיגען רב, האָט דער רב ניט פאַרשטאַנען קיין אידיש, און ר׳ אהרן האָט ניט פאַרשטאַנען קיין האָלענדיש אָדער שפּאַניש, האָבען זיי גערעדט אויף העברעאיש. יע, מיר וועלען דאַרפען זאָגען אין ארץ ישראל, אַז מיר זיינען ספרד׳ישע אידען.

— אָ, מיין טייערער, דו זעהסט ניט, די נאַכט איז שוין צוגעפאַלען, מיר האָבען אפילו ניט געפיהלט ווי די צייט איז פאַרלאָפען. אין הויז מוזען שוין דיינע עלטערען זיין שטאַרק באַזאָרגט וועגען אונז ביידען.

— יע, מיר מוזען זיך איילען אַ היים! — האָבען זיי זיך ביידע אויפגעהויבען פון דעם גראָז אויף וואָס זיי זיינען געזעסען היבשע עטליכע שעה.

מיט קלאַפּענדע הערצער האָבען זיי ביידע לאַנגזאַם געשפּאַצירט צוריק אַהיים. זיי האָבען צווישען זיך אָפּגעמאַכט צו זיין זעהר און זעהר פאָרזיכטיג, אַז דערווייל זאָל קיינער ניט האָבען אפילו דעם מינדסטען פאַרדאַכט.

— דו ווייס דאָך, אַז אויף מיין חלק קומט אויס אַ היבש ביסעל געלט, און מיר וועלען זעהן דאָס אַרויסצוקריגען איידער מיר וועלען באַשטימען אָפּצופאָהרען פון דאַנען. מיר וועלען אָבער פריהער דאַרפען חתונה האָבען, ווייל ערשט דאַן וועל איך קאָנען אַרויסבאַקומען דאָס געלט. איך מיין, אַז איך וועל האָבען אַ גוטען אויסרייד. איך וועל זאָגען, אַז מיר ווילען אָפּרייזען צו וואַלענטי׳ן און דאָרט זיך באַזעצען פאַר עטליכע יאָהר.

— איך לאָז עס אַלץ איבער צו דיר, מיין טייערער! — האָט זי געזאָגט — איך וועל טאָן אַלץ וואָס דו וועסט מיך הייסען.

— איך וועל זאָגען מיינע עלטערען, אַז מיר האָבען באַשלאָסען צו הייראַטען און מיר וועלען דאַרפען מאַכען די נויטיגע הכנות. מיר וועלען מוזען פייערען אַ חתונה לויט אונזער רעליגיע און שפּעטער, ווען מיר וועלען שוין זיין ווייט פון דאַנען, אין אַמסטערדאַם, וועלען מיר נאָכדעם ווי דו וועסט זיך מגייר זיין, ווידער אַמאָל חתונה האָבען לויט דעם אידישען דין.

ווען זיי זיינען אַריין אין הויז, האָט זאַרעמבאַ׳ס מוטער זיי געפרעגט וואו זיי זיינען דאָס געווען. זי האָט זיי געזאָגט, אַז זי איז געווען באַזאָרגט וועגען זיי, ווייל זיי האָבען ניט געגעסען אַזאַ לאַנגע צייט!

— מוטער, מיר האָבען זיך אַזוי פאַררעדט, אַז מיר האָבען גאָרניט באַמערקט ווי די צייט איז פאַרלאָפען.

— יע, איך פאַרשטעה האָט די מוטער מיט אַ שמייכעל געזאָגט — איך בין אַמאָל אויך געווען יונג. איך געדענק ווען איך בין געוואָרען אַ כלה פאַר דיין פאָטער, פלעגען מיר זיך גאָרניט אַרומזעהן ווי די צייט פלעגט פאַרפליהען. ווען מען האָט זיך ליב דאַן ווילט זיך זיין צוזאַמען טאָג און נאַכט.

— דאָס איז ריכטיג, מוטער, און דעריבער האָבען מיר באַשלאָסען צו הייראַטען אַזוי שנעל ווי דו און דער פאָטער וועלען באַשטימען דעם טאָג.

דעם זעלבען אָווענט האָבען זיי זיך אַלע דורכגערעדט און זיי האָבען באַשטימט צו פייערען זייער חתונה אין דריי חדשים אַרום.

— איך וועל זיך אין גיכען זעהן מיט דעם הייליגען פאָטער, אַנטאָן, — האָט די מוטער געזאָגט — איך האָב זיך שוין לאַנג ניט מתודה געווען — און דאַן וועל איך זעהן מיט איהם מאַכען די נויטיגע פאָרבאַרייטונגען פאַר דער חתונה.

עס זיינען פאַריבער עטליכע טעג און זאַרעמבאַ׳ס מוטער איז אַוועק צו דעם גלח אַנטאָן זיך מתודה צו זיין. ער האָט זי זעהר פיין אויפגענומען. ער איז שוין געווען אַביסעל באַזאָרגט וואָס זי איז ביי איהם שוין ניט געווען אַזאַ לאַנגע צייט. ער האָט זיך געשראָקען טאָמער האָט יוליע דערצעהלט וועגען זיינע פאַרזוכען צו ווערען אינטים מיט איהר. איצט אָבער ווען ער האָט זי דערזעהן איז ער איבערצייגט געוואָרען, אַז יוליע האָט קיין וואָרט וועגען דעם מיט קיינעם ניט גערעדט.

ער האָט זי אַריינגענומען אין זיין וידוי צימער און נאָכדעם ווי זי איז פאַרטיג געוואָרען מיט איהר וידוי האָט זי איהם דערצעהלט וועגען דעם פּלאַן צו פייערען איהר זוהנ׳ס חתונה מיט יוליע׳ן.

— דאָס איז זעהר אַ גוטע זאַך! — האָט אַנטאָן זיך אָנגערופען — עס איז שוין צייט, אַז אייער זוהן זאָל אויפהערען צו וואַנדערען און זיך פריינדלען

מיט מענשען וועלכע זיינען אומגלויביג און קאָנען אויסאיבען אויף איהם א שלעכטען איינפלוס.

עס איז צווישען זיי אָפּגעמאכט געוואָרען צו פייערען די חתונה אין דריי חדשים ארום. יוליע און זאָרעמבא האָבען דערווייל אויסגעארבייט זייערע פּלענער. יוליע איז געוואָרען נאָך מעהר אומגעדולדיג. זי האָט דערפיהלט פּלוצלונג, אז זי קאָן שוין לאנג ניט אריבערטראָגען די דאָזיגע סביבה. זי האָט שוין גענומען טראכטען פון דעם טאָג ווען זי וועט פון זיך ארונטערוואַרפען איהרע שווערע קייטען וואָס די קאטוילישע אמונה האָט אויף איהר ארויפגעטאָן און ווערען פריי. זי וועט זיין ווי איהר זאָרעמבא... זי וועט זיך מגייר זיין און פיהלען גליקליך. גאנץ אָפט פלעגט זי זיך טראכטען ווי אזוי איז דאָס פאר איהר געוועזן מעגליך, אז אין אזא קורצע צייט זאָל אין איהר פאָרקומען אזא ענדערונג... איצט זעהט זי, אז זאָרעמבא האָט פאר איהר אנטפּלעקט דאָס וואָס האָט געוויס געטליעט שוין לאנג אין איהר נשמה. זי איז צו דעם געוואָרען זעהר עמפינדליך... ער האָט מיט זיינע רייד געטראָפען אין ציל. זי קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלען, אז עס האָט געקאָנט זיין אנדערש...

זאָרעמבא איז דערווייל אוועק צו זיין פריינט ר' מנחם מאַן. דאָס האָט ער געטאָן אין געהיים. קיינער זאָל ניט אויסגעפינען. זיין מוטער האָט ער געזאָגט. אז ער געהט צו איינעם פון זיינע געוועזענע פריינט פון דער סעמינאר און עס קאָן זיין, אז ער וועט זיך דאָרט לאנג פארזאמען... יוליע'ן האָט ער געזאָגט דעם אמת. ער האָט איהר שוין לאנג דערצעהלט וועגען ר' מנחם'ן, אז ער וויל זיך מיט איהם בעראטען וועגען אלץ.

ווען ער איז אריין צו ר' מנחם'ן האָט ער דאָרט געטראָפען חיים'ן. ביידע, דער זיידע און זיין אייניקעל האָבען זיך שטארק דערפרעהט מיט זאָרעמבא'ן. זיי האָבען זיך פארשפּארט אין א באזונדערען צימער, און זאָרעמבא האָט איהם דערצעהלט וועגען אלץ. ער האָט איהם דערצעהלט, אז ער האָט זיך שוין דורכגערעדט מיט זיין כלה, יוליע, וועלכע וואַרט שוין מיט אומגעדולד אויף דעם טאָג ווען זי וועט קאָנען ווערען א אידישע טאָכטער.

ער האָט איהם געפרעגט אויב עס וועט ניט פאררעכענט ווערען פאר קיין זינד דאָס וואָס זיי געהען איצט פראווען א קאטוילישע חתונה.

— דו טוסט דאָך מיט א צוועק — האָט ר' מנחם געזאָגט — און דעריבער דארפסטו וועגען דעם ניט זיין באזאָרגט — גאָט וועט עס ניט פאררעכענען פאר קיין זינד. זאָל גאָט געבען, אז אלע דיינע האָפענונגען זאָלען פארווירקליכט ווערען.

— מיין איינציגע האָפענונג איז צו קאָנען אויסוואנדערען מיט מיין טייערע יוליע'ן קיין ארץ ישראל. איך האָב שוין צו דעם געשטרעבט זינד איך האָב גענומען טראכטען וועגען ווערען א איד. ווען איך האָב געלערענט די הייליגע ביבעל וואו עס ווערט דערצעהלט פון אמאָליגען אידישען לעבען אין ארץ ישראל, האָט מיך אָנגענומען א שטארקער באגעהר דאָרט צו זיין און זיך קאָנען איבערגעבען מיט מיין לייב און לעבען צו דינען דעם אלמעכטיגען גאָט פון ישראל, וועלכער הא. געטאָן אזוי פיל ניסים מיט זיין אויסדערוועהלטען פאָלק.

— האָסטו אויך מיט דיין כלה וועגען דעם גערעדט? — האָט ר' מנחם איהם געפרעגט.

—יע, זי פיהלט אויך דאָס זעלבע. זי האָט מיר געזאָגט, אז איהר הארץ לעכצט און בענקט. אז איהר נשמה ציהט איהר צו דעם הייליגען לאנד. מיר וועלען גלייך נאָך אונזער חתונה אָפּפאָהרען קיין אמסטערדאם, וואו דער דאָרטיגער רב וועט יוליע מגייר זיין און דאָ וועט ער אונז פארהייראטען לויט'ן אידישען דין. פון דאָרט וועלען מיר אָפּרייזען קיין ארץ ישראל.

— ווייסטו אָבער, באָרים, אז אין ארץ ישראל וועט דיר אויסקומען צו ליידען פיל צרות, ווייל דאָס לאנד איז דאָך פוסט און וויסט, און די פראגע פון פרנסה וועט זיין זעהר א שווערע.

— איך וויים אלץ, און איך האָב טאקע אלץ ארומגערעדט מיט יוליע'ן. זי, פּונקט ווי איך איז גרייט אויף אלץ. מיר זיינען גרייט צו ליידען נויט און הונגער, אבי מיר זאָלען קאָנען זיין אין דעם הייליגען לאנד און דינען גאָט אומגעשטערט. איך ערווארט צו באקומען א חלק פון דעם געלט וואָס באלאנגט צו מיר לויט מיין זיידענ'ס צוואה, און מיט דעם געלט האָף איך

וועל איך זיך קאָנען איינשאפען א קליינע נחלה. איך זון וליע וועלען ארבייטען זעהר שווער, און מיר וועלען פון הונגער נישט שטאַרבען.

— זיי געבענשט צו גאָט, באָרים, יע, זאָג מיר ווי איז איצט דיין אידישער נאָמען? געוויס אויך אברהם בן אברהם?

— ניין, ר' מנחם! מיין נאָמען איז יצחק בן אברהם. איך האָף, אז גאָר אין גיכען וועל איך זיך קאָנען פאראייניגען מיט מיין חבר וואַלענטי'ן, וועמענס נאָמען איז אברהם בן אברהם, און כדי מיר ביידע זאָלען ניט טראָגען די זעלבע נעמען, האָב איך זיך א נאָמען געגעבען יצחק בן אברהם, און יוליע'י וועל איך רופען רבקה.

— זאָל אייך גאָט ביידען בענשען. איהר זאָלט זיין גליקליך און צוליב אייער זכות, זאָל אויף דער וועלט אויפהערען צו זיין קנאה און שנאה און זאָל משיח קומען און אויסלייזען די אידען און אלע מענשען, וועלכע וועלען דאַן אנערקענען דעם איינציגען גאָט, דעם באַשעפער פון דער וועלט און זיין הייליגע תורה.

— איך וויל אייך עפּעס בעטען, האָט זאַרעמבא זיך געווענדעט צו ר' מנחמ'ן — זינט איך האָב זיך צוריקגעקערט פון אמסטערדאם צוזאמען מיט וואַלענטי'ן, האָב איך נאָך ניט געדאַווענט. זייענדיג אין מיין הויז קאָן איך אפילו פון דעם ניט טראַכטען. ווען איך שטעה אויף אין דער פריה אין מיין צימער, וואו עס געפינט זיך דאָס בילד פון דער מאַדאָנא און אויך די צלמים קאָן איך דאָך ניט דערמאָנען גאָט'ס נאָמען דאָרט. דעריבער וואָלט איך וועלען זיך באַנוצען מיט דער געלעגענהייט וואָס איך געפין זיך איצט אין אייער הויז און איך וואָלט זעהר געוואָלט זיך שטעלען דאַווענען אין תפילין. איך ווייס, אז עס איז שוין לאַנג נאָך דער מאָרגען תפלה, אָבער איך פיהל, אז גאָט וועט מיר מוחל זיין אויב איך וועל איצט לייגען תפילין און דאַווענען שחרית.

— דיין פארלאַנג וועל איך באַלד ערפילען — האָט ר' מנחם געזאָגט, אָבער דו מוזט זעהר פאָרזיכטיג זיין זיך ניט צו שטעלען נעבען פענסטער ווייל טאָמער וועט דיך אימיצער באַמערקען, דאַן זיינען מיר אלע פאַרלוירען.

ר' מנחם האָט איהם געגעבען א פּאָר תפילין און זאַרעמבא האָט מיט גרויס כונה געמאכט די נויטיגע ברכות, און זיך געשטעלט אין א ווינקעל דאַווענען. חיים און זיין זיידע האָבען אויף איהם געקוקט מיט טרעהרען אין די אויגען. זיי האָבען געזעהן ווי ער דאַווענט מיט אזא התלהבות, ווי ער גיסט אויס זיין הארץ פאר גאָט, האָבען זיי זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען.

ווען זיי זיינען אריין אין צווייטען צימער, איבערלאָזענדיג זאַרעמבא'ן דאַווענענדיג, האָט זיך ר' מנחם אָנגערופען:

— ווען די יעניגע אידען וועלכע האָבען אָנגעפאנגען זיך צו גריבלען אין חקירה, און אין השכלה, און וועלכע פארפעהלען גאַנץ אָפט א מנחה אָדער א מעריב, וואָלטען געקאָנט זעהן ווי אזוי אָט דער געוועזענער פרומער קאַטוילי̇ק, דאַווענט אין תפילין מיט אזוי פיל דבקות און הארציגקייט, וואָלטען זיי לאַנג געטראַכט איידער זיי ערלויבען זיך צו פארפעהלען א דאַווענען.

נאָכדעם ווי זאַרעמבא האָט אָפּגעדאַווענט, האָט ער צוזאמענגעלייגט די תפילין, און ער האָט יעדע ווילע זיי געקושט.

— איך פיהל זיך אזוי גליקליך נאָכדעם! — האָט ער זיך אָנגערופען צו חיים'ן און צו זיין זיידען — עפּעס ווי איך וואָלט געהאט די גרעסטע באַפרידיגונג אין מיין לעבען. איך וואַרט שוין מיט גרויס אומגעדולד אויף יענער צייט, ווען איך וועל עס קאָנען טאָן יעדען טאָג אומגעשטערט. איך בין מקנא מיין ליבען חבר, אברהם בן אברהם, וואָס ער קאָן דאָס שוין איצט טאָן אונגעשטערט.

— יע, דיין חבר האָט איינגעשטעלט זיין לעבען אין גרעסטער געפאהר, מיט דעם וואָס ער האָט זיך אומגעקערט קיין אילי̇ע, דאָרט וואו זיין פאָטער פארברענגט יעדען זומער. וויפיל פעהלט, אז זיין פאָטער אָדער אימיצער אנדערש זאָל איהם דערזעהן און דערקענען!...

— ווען איהר וואָלט איהם געזעהן, ר' מנחם, וואָלט איהר איהם ניט דערקענט! — האָט זאַרעמבא געזאָגט —

איך האָב איהם מיט עטליכע וואָכען צוריק געזעהן אין ר׳ לייזער׳ס הויז, און איך גלויב, אז קיינער וועט איהם ניט דערקענען. סיידען מען זאָל האָבען א שטיקעל פארדאכט, און דאן זיך גוט אריינקוקען אין זיין פנים.

— איך בין ערשט געווען אין איליע מיט צעהן טעג צוריק — האָט זיך חיים אנגערופען און איך האָב איהם אויך געזעהן. איך גלויב אויך, אז עס איז שווער איהם צו דערקענען, פונדעסטוועגען האָט ר׳ לייזער אויסגעדריקט זיין מורא פאר מיר. ער האָט מיר געזאָגט, אז ווי פאָרזיכטיג זיי זאָלען ניט זיין, קאָן אזא סוד ארויסקומען און דאן וועלען זיי אלע זיין פארלוירען. איך האָב אויסגעפונען, אז זיי פלאַנעווען חתונה צו מאכען זייער טאָכטער יהודית מיט איהם, און דאן וועלען זיי אָפּפאָהרען פון דאָרט.

— דאָס וואָלט געווען זעהר גוט!

— האָט זארעמבא געזאָגט — דאן וואָלטען מיר אלע צוזאמען געקאָנט אָפּפאָהרען קיין ארץ ישראל. איך וועל מאַקע אין גיכען זיין דאָרט און זיך מיט זיי דורכריידען וועגען אָט דעם פּלאַן.

— מיין עצה איז, אז דו זאָלסט זיין זעהר פאָרזיכטיג! — האָט ר׳ מנחם איהם געזאָגט — דו ווייסט דאָך אז דאָרט געפינען זיך מענשען, וועלכע האָבען זעהר נייגעריגע אויגען, און ווען מען דיך דאָרט דערזעהן צום צווייטען מאָל וועלען זיי אָנפאנגען צו פארדעכטיגען, און ווער ווייסט וואָס פאר א סכנה עס קאָן פון דעם ארויסקומען.

— איך וועל זיין זעהר פאָרזיכטיג!

— האָט זארעמבא געזאָגט — איך האָב אן איינלאדונג פון דעם גראף פּאָטאָצקי צו קומען איהם באזוכען אין זיין זומער פּאלאץ צוזאמען מיט מיין יוליע. איך האָב זיי פארשפּראָכען דאָס צו טאָן. קאטערינא, זיין טאָכטער, האָט מיך שטארק געבעטען צו ברייינגען יוליע׳ן צו זיי, ווייל זי וויל זיך מיט איהר איבערבעטען, און ווען זי וועט זיך געפינען אין פּאלאץ, וועט זי שוין זעהן, אז איך זאָל קאָנען פון דאָרט אוועקגעהן אויף א ווײלע אומבאמערקט. איך וועל עס טאָן אין דער פריה, פונקט ווי דעם ערשטען מאָל, און איך וועל זיך מיט איהם זעהן ביי ר׳ לייזער׳ן אין הויז. איך וועל זיך מיט איהם דורכריידען און מיר וועלען אויסארבייטען אלע פּלענער. איך וועל אויסגעפינען ווען זיי פּלאַנען זייער חתונה, און אויב עס וועט זיין שפּעטער נאָך דער חתונה, וועל איך מיט איהם אָפּמאכען זיך צו טרעפען אין אמסטערדאם, איך וועל האָבען אלץ צוגעגרייט, און דאן וועלען מיר קאָנען מאכען אונזער רייזע קיין ארץ ישראל אונגעשטערט. אויב עס וועט איהם פעהלען געלט וועל איך זעהן איהם צו העלפען, ווייל דאָס געלט וואָס איך וועל באקומען וועט זיין איבערגענוג פאר אונז ביידען.

— איך וויל דיך בעטען — האָט ר׳ מנחם זיך צו איהם געווענדעט — ווען דו וועסט זיך זעהן מיט ר׳ לייזער׳ן און ער וועט דיר ערקלערען, אז די חתונה צווישען דעם גר צדק און זיין טאָכטער וועט אין גיכען פאָרקומען, זאָלסטו איהם זאָגען אין מיין נאָמען, אז איך גלויב, אז עס וואָלט געווען א סך בעסער ווען זיי וועלען פייערען די חתונה ניט אין איליע נאָר אין ווילנע... ווייל אין א קליין שטעטעל וועט אזא פּאַסירונג ארויסרופען צופיל אויפמערקזאמקייט, און עס קאָן א מאָל פּאסירען, אז דער קאפּריזנער גראף פּאָטאָצקי וועט אויסדריקען זיין פארלאנג צו קומען צו דער חתונה און דאן וועט ארויסקומען אן אומגליק, ווען אָבער די חתונה וועט געפייערט ווערען אין ווילנא, וועט דערפון קיינער נישט וויסען אויסער איניגע אייגענע מענשען און די געפאהר וועט זיין א סך קלענער.

זארעמבא האָט זיך געזעגנט מיט ר׳ מנחם׳ן און זיין איניקעל, חיים, ער האָט געזאָגט, אז ער וועט נאָך געוויס איהם נאָכאמאָל באזוכען איידער ער וועט פארלאָזען ווילנא צוזאמען מיט יוליע׳ן.

געוויס אויסדריקען זיין פארלאנג צו

— גוט, איך וועל איהם דאָס זאָגען!

— האָט זארעמבא זיך אָנגערופען — איך גלויב אויך, אז עס איז א סך זיכערער ווען זייער חתונה וועט פאָרקומען אין ווילנא.

— איך וועל קומען צוזאמען מיט יוליע׳ן — האָט ער געזאָגט — איך וואָלט זעהר געוואָלט, אז איהר זאָלט זי בענטשען, איידער מיר מאכען אונזער רייזע נאָך אמסטערדאם.

## 22

אין אילִיע האָט זיך דערווייל פאַרשפּרייט דער קלאַנג אַז אָט דער אָרימער בחור, אברהם, וועט ווערען אין גיכען ר׳ לייזער׳ס איידעם. פריהער האָט מען וועגען דעם גערעדט צווישען זיך אין מארק און אין הויז, אָבער ווען עס זיינען פאַראיבער עטליכע וואָכען און מען האָט באמערקט אַז צו יעדען שבת און יום טוב ווערט דער פרעמדער איינגעלאַדען צו ר׳ לייזער׳ן אין הויז, האָט מען שוין גענומען ריידען אויך אין בית המדרש גאַנץ אָפען.

די אידען, די מתפללים, האָבען זיך שוין גענומען פאַראינטערעסירען אין דעם יונגען מאַן, און יעדער האָט געוואָלט וויסען מעהר איינצעלהייטען וועגען איהם. יעדער איינער ווייסט, אַז יהודית, די בת יחידה פון ר׳ לייזער, איז אַ יפת תואר, אַ זעלטענע שעהנהייט, און ר׳ לייזער איז דאָך זעהר רייך געוואָרען, איבערהויפּט זינט דער גראַף האָט איהם אָפּגעגעבען די אַרענדאַ פריי פאַר צעהן יאָהר צייט, טאָ ווי קומט עס אַז אַרים בחור, אָהן אַ נאָמען, זאָל ווערען זיין איידעם. ווער איז ער, אָט דער יונגער מאַן, וועלכער קאָן קוים ריידען אידיש. יעדער איינער האָט געוואָלט וויסען פון וואַנען ער קומט, און וואָס פאַר אַ איד איז ער, אַז ער רעדט אידיש ווי אַ גוי?

פאַרשטעהט זיך אַז פריהער פון אַלץ האָט מען גענומען שטעלען ר׳ לייזער די דאָזיגע פראַגעם.

— ער איז דאָך געקומען צו אייך!

— האָט איהם איינער פון די בעלי בתים געפרעגט—מוזט איהר דאָך געוויס וויסען ווער ער איז, און ווי קומט עס אַז ער רעדט בלויז לשון קודש. קוים רעדט ער אַרויס עטליכע אידישע ווערטער!

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט אַז איך ווייס וועגען איהם פונקט אַזוי פיל ווי איהר! — פלעגט ער ענטפערען — איך האָב פיינט אַריינצוקריכען יענעם אין די ביינער, אָבער איך שטוים זיך אָן אַז ער מוז זיין איינער פון די ספרד׳ישע אידען, ווייל איך האָב געהערט אַז די אידען וועלכע קומען פון שפּאַניען און פון אַנדערע מקומות ווי האָלאַנד, טערקיי, און גריכענלאַנד ריידען גישט קיין אידיש.

מיט אָט דעם תירוץ האָבען זיך די בעלי בתים באַנוגענד, פריהער איידער עס איז אַרויס דער קלאַנג אַז דער פרעמדער ישיבה בחור וועט ווערען זיין איידעם. איצט, ווען מען האָט אָנגעהויבען צו ריידען אָפען וועגען דעם, האָט מען שוין גענומען צושטעהן צו איהם ער זאָל זאָגען ווער ער איז.

ווען ר׳ לייזער האָט געגעבען דעם זעלבען ענטפער, האָט מען איהם שוין געשטעלט די פראַגע, וואָס הייסט, איהר ווייסט ניט ווער ער איז ווער זיינע עלטערען זיינען, און פון וואַנען ער קומט! מען זאָגט דאָך אַז איהר וועט איהם מאַכען פאַר אייער איידעם, שיקט זיך דען איהר זאָלט ניט וויסען מיט וועמען איהר זייט זיך משדך?

— פאַר מיר איז גענוג אַז ר׳ מנחם פון ווילנא האָט איהם רעקאָמענדירט אַלס אַ וואוילער, פרומער בחור און אַלס גרויסער למדן! — האָט ר׳ לייזער געענטפערט.

— פונדעסטוועגען גלויבט זיך קוים אַז איהר זאָלט זיך ניט פאַראינטערעסירען צו וויסען ווער ער איז! ווי נעמט מען דאָס אַן איידעם און מען ווייסט ניט וואָס פאַר איד ער איז, פון וואַנען ער שטאַמט.

וואָלט ר׳ לייזער געווען דער מענש וועלכער קאָן זאָגען אַ ליגען, וואָלט ער שנעל געקאָנט פּטור ווערען פון אָט די אַלע פראַגעם. ער האָט דאָך געקאָנט עפּעס אויסטראַכטען אַ מיוחס׳דיג משפחה פון האָלאַנד און זיי זאָגען אַז ער איז זייער זוהן, און די אַלע נייגעריגע אידען וואָלטען זיך צופרידענגעשטעלט.

ר׳ לייזער אָבער האָט בשום אופן קיין ליגען ניט געקאָנט זאָגען. ער האָט דאַריבער געזוכט זיך אויסצודרעהען פון צו געבען אַ קלאָהרע, דייטליכע תשובה, און דאָס האָט נאָך מעהר צערייצט די נייגעריגקייט פון יעדען איינעם, און מען האָט זיך גענומען גריבלען, זוכען און נישטערען, אויסצוגעפינען ווער ער איז!

איבערהויפּט האָט יאַשקע דער שניידער זיך ניט באַרוהיגט. אָט דער יאַשקע, וועלכער האָט געשטעקט זיין נאָז אומעטום, האָט זיך ניט צופריעדענגעשטעלט מיט ר׳ לייזער׳ס ענטפערט. ער האָט באַשלאָסען אַז ער מוז דערגעהן ווער דער קלויזניק איז. ער פלעגט קומען אין בית המדרש אַ סך פריהער פאַר׳ן דאַווענען און האַלטען

אַן אויג אויף דעם פרעמדען. ער האָט שוין אפילו געמאכט א פּאַרזוך צו ריידען מיט איהם. ער האָט איהם גענומען פרעגען ווען עס פאלט אויס ראש השנה, אָדער צי מען דארף זאָגען תחנון אין א געוויסען טאָג, אברהם פלעגט איהם ענטפערען האלב אין אידיש און האלב אין לשון קודש, און דורך דעם האָט ער אויסגעפונען אז ער קאָן ניט קיין אידיש... האָט ער גענומען ריידען וועגען דעם מיט אלעמען. און ער האָט געזאָגט אז ער קאָן ניט פארשטעהן וואָס פאר א איד ער איז אז ער רעדט דאָך פונקט ווי א גוי רעדט אידיש.

ער האָט דאריבער באשלאָסען אויסצופאָרשען מעהר וועגען איהם. ער האָט אויך אָנגעזאָגט זיינע אינגלעך זיי זאָלען זעהן און הערען מיט וועמען און וואָס ער רעדט.

פלעגען יאָשקע דעם שניידער'ס אינגלעך זיך ארומדרעהען ארום אברהם'ס שטענדער, וואו ער פלעגט שטעהן איבער דער גמרא און לערנען. זיי פלעגען פון איהם זייערע אויגען ניט ארונטערנעמען און ווען אימיצער פלעגט מיט איהם ריידען פלעגען זיי צוגעהן נעהענטער און זיך איינהערען וואָס מען רעדט. שפּעטער פלעגען זיי אלץ איבערדערצעהלען זייער טאטען. זיי פלעגען איהם נאָכמאכען און איבערקרימען ווי ער רעדט אידיש, און דער טאטע פלעגט מיטלאכען מיט זיי.

וויבאלד אז דער טאטע העלפט זיי אפּלאכען פון פרעמדען, האָבען שוין די בנים, יאָשקעס, געקראָגען מעהר חוצפּה, און זיי פלעגען שוין נעמען אָפּלאכען דעם פרעמדען אין פּנים. זיי פלעגען נאָכזאָגען און נאָכקרימען ווי ער רעדט. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז דער שמש האָט עס באמערקט, און ער האָט זיי אוועקגעטריבען פון דאָרט.

ווען יאָשקע האָט אויסגעפונען אז דער שמש פארטרייבט זיינע אינגלעך פון בית המדרש, איז ער געקומען צו לויפען און אויף איהם אָנגעשריען:

— איך וועל אייך ווייזען ווי אזוי ארויסצוטרייבען מיינע אינגלאך פון בית המדרש, ווען זיי קומען דאווענען.

— ווען זיי וואָלטען געקומען בלויז דאווענען, וואָלט מען זיי ניט ארויסגעטריבען — האָט זיך דער שמש פאַרענטפערט — אָבער זיי קומען שטערען דעם יונגען מאַן פון לערנען.

— וואָס מיינט איהר ווער איז דער האלבער גוי! — האָט זיך שוין יאָשקע שניידער צעשריען אויף דעם שמש — ער קאָן דאָך אפילו קיין איין גאנצען וואָרט נישט ריידען אין אידיש! ער רעדט פונקט ווי א גוי — און ביי אייך איז ער געוואָרען א גאנצער יחסן. איך וויים פאַרוואָס איהר נעמט זיך אזוי שטארק אָן פאַר איהם. ווייל ר' לייזער האלט מיט איהם. איהר האָט אפשר מורא פאר ר' לייזער'ן אָבער איך האָב פאר איהם קיין מורא ניט, און איך זאָג אייך נאָך אמאָל אָן, אז איהר זאָלט מיינע אינגלאך צורוה לאָזען.

דער שמש האָט עס דערצעהלט ר' לייזער'ן און צוגעגעבען:

— זיי זיינען אזעלכע צעלאָזענע אינגלעך אז זיי פאַנגען שוין אָן צו קריכען איהם אויפ'ן קאָפּ.

— איהר הערט פאָלגט מיר, אויב זיינע בנים וועלען איהם דערקוטשען, זאָלט איהר זיך ניט שעהמען און זיי ארויסוואַרפען פון בית המדרש — האָט ר' לייזער אָנגעזאָגט — אויב ער אליין קאָן ניט לערנען זיינע בנים צו האָבען דרך ארץ פאר אן עלטערען און א למדן דערצו, דאַרפט איהר זיי דאָס אָנלערנען.

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך וויל זיך מיט איהם ניט אָנפאנגען. ער האָט אזא צונג אז מען זאָל אייכּגעהיט ווערען אריינצופאַלען צו איהם אין מויל. די בעסטע זאך וואָלט געווען ווען ער אליין, איך מיין ווען ר' אברהם וואָלט זיי איינמאָל, פאר אלעמאָל אָנגעלערענט, וואָלטען זיי שוין מורא געהאט זיך מיט איהם צו רייצען . . גלויבט מיר אז איך האָב ניט איינמאָל באמערקט ווי אברהם ווערט אויפגערעגט, ווען זיי פאַנגען אָן איהם צו קריכען אויפ'ן קאָפּ. ווען ער פאטשט אויס איינעם פון זיי איינמאָל, וואָלטען זיי שוין מעהר ניט געוואגט זיך אָנצופאנגען מיט איהם . . . פאר מיר האָבען שוין זיינע בנים קיין מורא ניט!

— לאָמיר אקאָרשט כאפּען אימיצען פון זיי, ווען זיי פאנגען זיך אָן מיט איהם, האָט ר' לייזער אויסגערופען — איך וועל שוין זעהן אז ער וועט פאַרזאָגען א צעהנטען זיך מעהר ניט צו רייצען מיט איהם.

— איבערהויפּט דערגעהט איהם די יאָהרען, יאָשקעס עלטערער אינגעל,

בערקע — האט דער שמש געזאגט — ער קומט דא אריין צווישען מנחה און מעריב און שטערט איהם. איך האב זיך ביי איהם געבעטען מיט גוטען, און איך האב אויך אויף איהם זיך שוין אנגעבייזערט און עס העלפט ניט!

— איך וועל שוין זעהן אז עס זאל העלפען — האט ר׳ לייזער אויסגערדערפען — איך וועל פארבלייבען אין בית המדרש נאך מנחה, און איך וועל שוין איהם אפּהיטען.

— נו, ווען ער וועט אייך דערזעהן וועט ער ניט וואגען דאס צו טאן! — האט דער שמש געזאגט.

— איך וועל שוין זעהן אז ער זאל מיך ניט באמערקען — איך וועל אריין אין פּאליש, און איך וועל שוין האלטען אן אויג אויף איהם — האט ר׳ לייזער געזאגט.

זיינען פּאראיבער א פּאר טעג, און ר׳ לייזער פלעגט פארבלייבען נאך מנחה אין בית המדרש, נאכדעם ווי אלע פלעגען געהן אהיים. בערקע פלעגט גראד אויך געהן אהיים מיט זיין טאטען. אבער איינמאל, באמערקט ר׳ לייזער דורך דעם פענסטער פון בית המדרש, אז יאשקע און בערקע שטעלען זיך אפּ, זיי ריידען עפּעס א ווילע און בערקע קערט זיך אום צוריק אין בית המדרש.

ר׳ לייזער האט זיך געשטעלט אין א ווינקעל פון בית המדרש צו זעהן וואס דא וועט פּארקומען. ער באמערקט ווי בערקע געהט אריין אין בית המדרש, און געהט צו נעהענטער צו דעם פּלאץ וואו אברהם איז געשטאנען און זיך געשאקעלט איבער דער גמרא. א קליינע ווילע איז בערקע געשטאנען און געקוקט אויף אברהמן, ער האט געקוקט און געשמייכעלט, דאן האט ער גענומען זיך שאקלען און זינגען מיט דעם זעלבען ניגון ווי ער: ״אברעמיל, אברעמיל, אוי, אוי, אברעמיל! געה אין קרעמיל, און ברייננ מיר א זעמעל! אוי, אוי, אוי, און...

ווען דער גר האט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט און ווייטער פארגעזעצט זיין לערנען.

״איך האב געזעסען, און איך בין געגעסען״ — האט בערקע גענומען נאכמאכען ווי ער רעדט אידיש.

ר׳ לייזער האט זיך גענומען דערנעהענטערען שטילערהייד, אזוי אז בערקע האט איהם ניט באמערקט.

ווען ער איז שוין געווען גאנץ נאהענט צו איהם, האט בערקע א קער געטאן זיין קאפּ, און דערזעהענדיג ר׳ לייזער׳ן האט ער געוואלט מאכען א ויברח. אבער ר׳ לייזער האט איהם א כאפּ געטאן פאר דער האנט, און איהם גענומען אנדרעהען פאר׳ן אויער.

— ווען איך וועל דיך נאך אמאל כאפּען, אז דו שטערסט איהם אין לערנען, וועל איך דיר צעברעכען דיינע ביינער! — האט איהם ר׳ לייזער געווארענט.

בערקע האט זיך ארויסגעריסען פון זיינע הענט און איז אנטלאפען געווארען. ער איז געקומען אהיים מיט א רויטען אויער, און ווען זיין טאטע האט איהם געפרעגט וועגען דעם, האט ער זיך פאנאנדערגעוויינט און געזאגט אז ר׳ לייזער האט איהם געשלאגען ווייל ער האט אויסגערעדט אווארט צו דעם פרעמדען קלויזניק.

— איך וועל איהם דאס ניט שענקען! — האט יאשקע געדריקט זיין פויסט — ער מיינט אז איך האב מורא פאר איהם. איך ווייס אז ער וויל נעמען אט דעם גוי פאר אן אידעם.

— וואס רעדסטו? — האט שוין זיין ווייב זיך צו איהם אנגערופען — ווי אזוי קאנסטו אנרופען דעם ישיבה בחור א ״גוי״. ער איז דאך, דערצעהלט מען, אזא פרומער איד!

— הער זיך איין, מיר קאן מען ניט נארען! — האט יאשקע געשריען — איך האב גלייך פארשטאנען פון דעם אופן ווי ער רעדט אידיש איז עפּעס איז ער ניט קיין אונזעריגער. איך ווייס אז ר׳ לייזער וויל איינריידען אלעמען אז ער קומט ערגעץ פון שפּאניען אדער פון האלאנד, וואו די אידען קאנען ניט ריידען קיין אידיש... דאס קאן ער איינריידען יעדעם איינעם, אבער ניט מיר! איך האב איינמאל אליין געהערט ווי ער האט זיך עפּעס ארויסגערעדט אין פּויליש, פּונקט ווי אן עכטער פּאליאק! איך זאג דיר, אז ער איז ניט קיין איד! איך ווייס וואס איך רייד!

— טא ווי קומט עס אז ער זאל איהם וועלען נעמען פאר אן אידעם? — האט דאס ווייב איהם געפרעגט.

עפּעס איז דא פאראן און איך וועל שוין אויסגעפינען! — האט יאשקע געשריען — איך וועל איהם ווייזען ווי אזוי צו שלאגען מיין אינגעל!

— פארוואס זאל בערקע קריכען צו איהם! איז דאס זיין עסק! — האט די מאמע געזאגט — קיינעם ארט

ניט וואָס און וועֶר עֶר איז און איהם געהט עס ממש אין לעבען.

— ער האָט א רעכט צו זיין אין בית המדרש פונקט ווי יעדער אינגעל! — האָט יאָשקע אויסגעשריען — איך וועל דאָס איהם ניט שענקען! גלויב מיר איך וועל שוין אויסגעפינען ווער ער איז. און איך וועל איהם ווייזען ווי אזוי צו הויבען א האנט אויף מיינעם אן אינגעל!

— ר׳ לייזער איז ניט פון די מענשען וועלכער האָט ליב צו הויבען א האנט! — האָט זיין ווייב געזאָגט — ווען דו פאָלגסט מיך, וואָלסטו זיך מיט איהם ניט אָנגעפאנגען!

— וואָס, דו מיינסט, אז איך האָב מורא פאר איהם! מיר קאָן ער גאָרניט טאָן.

— דו האָסט דאָך געהערט אז מען רעדט ער קאָן נאָך אראָברייינגען א שניידער פון ווילנא, און וואָס וועסטו דאן טאָן?

— זאָל ער אראָברייינגען א שניידער פון ווילנא! — האָט יאָסעל געשטורעמט — א סך פארדין איך פון די היגע אידען. יעדער איינער איז דאָך א שניידער פאר זיך... פאר די קינדער ווערט די מאמע א שניידערקע, און נייהט פאר זיי גארניטערלעך אויף יום טוב... און וויפיל האָב איך פון די אנדערע? אלע ווייסען אז איך האָב פרנסה טאקע פון די גוים, פון די פריצים, און פון די גלחים וועלכע באַשטעלען ביי מיר אנצוגען און מאנטלען, און איך פארזיכער דיך, אז זיי וועלען צו אן אנדער שניידער ניט געהן!

יאָשקע שניידער האָט זיך אויף מאָרגען צעקריגט מיט ר׳ לייזער׳ן, און טאקע אין בית המדרש.

— ווען איהר וועט נאָך אמאָל הויבען א האנט אויף מיין אינגעל, וועל איך אייך ניט שענקען! — האָט יאָשקע שניידער אויסגערופען — ווער מיינט איהר, זייט איהר, א גאנצער יחסן! איהר מיינט אז עפּעס האָט איהר געמאכט א שווינדעל מיט א בערען טאנץ, און צוליב דעם ארויסבאקומען פון גראף די ארענדע פון דעם מיל פריי פאר צעהן יאָהר, זייט איהר שוין א גאנצער יחסן. פּרובירט אקארשט הויבען א האנד נאָך איין מאָל אויף מיין אינגעל און איהר וועט זעהן וואס איך וועל טאָן!

— זאָל ער ניט קומען אהער און שטערען דעם יונגען מאן פון לערנען! — האָט ר׳ לייזער געזאָגט — איך האָב געזעהן און געהערט וואָס ער האָט געטאָן. אויב איהר קאָנט איהם ניט האַלטען געצוימט, וועט מען איהם דארפען לערנען א פּרק אין דרך ארץ! ווי קומט אזא שמאָרקעוואטער אינגעל זיך נאָכצוקרימען און זיך צו רייצען מיט אזא גרויסען למדן און צדיק ווי אָט דער יונגער מאן איז!

— אפשר ביי אייך איז ער א פּרומער און א למדן, אָבער ביי מיר איז ער פארעכענט פאר א האלבען גוי!

— האָט יאָשקע אויסגעשריען אין דער הויך — מיר נארט מען ניט, איך ווייס אז א איד פון יענע מקומות ווי איהר ווילט אונז אלעמען איינריידען, אז ער איז פון דאָרט, ווייס איך קאָן ניט רעדען קיין פּויליש, אָבער איך האָב אליין געהערט ווי ער האָט זיך ארויסגערעדט עפּעס אין פּויליש פּונקט ווי ער וואָלט געווען אן עכטער פּאַליאק! איך בין א מבין אויף אזעלכע זאכען...

— איהר ווייסט ניט וואָס איהר פּלוידערט! — האָט ר׳ לייזער געזאָגט — און איך זאָג אייך נאָך אמאָל, אויב איהר ווילט אז אייער בניאָק זאָל ניט קריגען גוט אָנגעבראָכען די ביינער, טאָ זאָגט איהם אז ער זאָל איהם צורוה לאָזען, איהר פארשטעהט!

— מיין אינגעל האָט פאר אייך קיין מורא ניט! — האָט יאָשקע זיך צעשריען, — ער קאָן טאָן וואָס איהם געפעהלט און איהר פּרובירט איהם אָנרירען.

— ווי דער טאטע אזוי דער זוהנדעל! — האָט ר׳ לייזער געזאָגט — האָט גאָר קיין דרך ארץ ניט פאר קיין עלטערען אידען, און נאָך א למדן דערצו.

— איהר דארפט אונז ניט לערנען קיין דרך ארץ! — האָט יאָשקע דער שניידער אויסגערופען — איך בין אזא יחסן ווי איהר, כאָטש איהר האלט די ארענדע פון דער מיל, און דער גראף נעמט ביי אייך ניט קיין ארענדע געלט! איך ווייס אלץ! פּרובירט זיך אנפאנגען מיט מיר, און איהר וועט חרטה האָבען אייער גאנצען לעבען!

ר׳ לייזער האָט געוואוסט, אז אימיצער פון די היידוקעס האָט איהם געהאט דערצעהלט וועגען דעם טאנץ געוועט ביים גראף אין פּאלאץ וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט עטליכע יאהר

צוריק, אבער ער איז געווען זיכער, אז ער האט ניט קיין באגריף ווי אזוי דאס איז פארגעקומען. ער, יאשקע שטעלט זיך פאר, אז ער איז ניט קיין טענצער, אי, טא ווי האט ער געוואונען דעם טאנץ? דאס וואלט ער זעהר און זעהר געוואלט וויסען און ער האט שוין אייניגע מאל געגעבען איהם אנצוהערען, אז ער ווייסט, אבער ער, ר' לייזער פארשטעהט, אז ער זאגט עס בלויז, ווייל ווען ער וואלט געוואוסט דעם אמת, וואלט שוין די גאנצע שטאט געוואוסט און דעריבער האט ער גארניט וואס מורא צו האבען פאר איהם.

ער האט מיט איהם זיך ניט געוואלט אריינלאזען אין א שטארקען קריעג, ער האט איהם דעריבער מעהר ניט געענטפערט.

יאשקע דער שניידער האט אבער עס אנגענומען פאר א סימן, אז ער האט מורא פאר איהם, און ער האט געזאגט זיין אינגעל, אז ער האט מעהר ניט וואס צו שרעקען זיך פאר איהם.

— זאל ער נאר פראבירען זיך אנפאנגען מיט דיר! — האט ער געזאגט בערקען, און ער וועט שוין זעהן וואס איך קאן אויפטאן. איך שרעק זיך פאר איהם ניט, איך בין ביי די גראפען און גלחים אזא יחסן ווי ער איז.

איין שבת, נאכ'ן דאווענען, ווען ווען אברהם איז געזעסען ביי ר' לייזער'ן אין הויז און יהודית האט דערלאנגט דעם טשאלענט צום טיש, האט זיך ר' לייזער דורכגערעדט מיט אברהמ'ן.

איך האב געהאט אן איבעררייד מיט יאשקע דעם שניידער, צוליב דעם, וואס זיין אינגעל האט דיר לעצטענס גענומען שטערען אין לערנען. ער איז זעהר א פראסטער איד, און ער קאן אנטאן פיל צרות. קעגען וואס זאג איך דיר דאס, קעגען דעם, וואס ער האט מיר בעת דעם קריג צווישען אונז געזאגט, אז ער גלויבט ניט, אז דו ביזט פון די ספרד'ישע אידען, ווייל ער האט איינמאל געהערט ווי דו דריקסט זיך אויס אין פויליש. יע, דו וועסט דארפען זיין זעהר פארזיכטיג. דו טארסט קיין איינציגען פוילישען ווארט ניט ארויסריידען...

— איך קאן זיך ניט דערמאנען ווען דאס האט פאסירט! — האט אברהם געזאגט — איך בין זעהר פארזיכטיג.

— איך האב זיך דורכגערעדט מיט אונזער פריינט ר' מנחם און ער האט מיך געראטען צו פייערען דיין חתונה מיט יהודית'ן אין ווילנא, און טאקע דארט פארבלייבען א קורצע צייט ביז וואנען מיר וועלען באשליסען וואס צו טאן ווייטער.

— האט ר' מנחם אייך דערצעהלט אויף וועגען מיין פריינט זארעמבא'ן — האט אברהם איהם געפרעגט.

— יע, ער האט מיר דערצעהלט זעהר א סך פון איהם און זיין כלה יוליע — האט ר' לייזער געזאגט און זיינע אויגען זיינען געפאלען אויף זיינע צוויי אינגלאך, וועלכע זיינען געזעסען נעבען טיש.

אברהם האט פארשטאנען, אז ער קאן איצט ניט ריידען מיט איהם וועגען דעם. און ער האט געווארט ביז נאכ'ן עסען.

שפעטער א ווילע ווען זיינע אינגלאך דוד און נפתלי זיינען געווען אין דרויסען. האט איהם ר' לייזער דערצעהלט, אז ווען ער איז לעצטענס געווען אין ווילנא, האט איהם ר' מנחם דערצעהלט, אז זארעמבא איז ביי איהם געווען, און אז זיין כלה, יוליע, האט איינגעשטימט צו ווערען א אידישע טאכטער, און אזוי שנעל ווי זיי וועלען חתונה האבען לויט דער קאטוילישער צערעמאניע, וועט ער און זי פארלאזען ווילנא. דאן וועט ער אויך אריינקריגען זיין חלק ירושה וואס איז איהם פארבליבען פון זיין זיידען, און זיי וועלען אוועקפאהרען קיין אמסטערדאם, וואו זי וועט זיך מגייר זיין און פון דארט וועלען זיי אפפאהרען קיין ארץ ישראל.

— לויט זיינע רייד, פארשטעה איך, אז ער וועט זיין דא פריהער און זיך דורכריידען מיט דיר. ער גלויבט, אז אויך דו און יהודית וועלען האבען דעם זעלבען פלאן אפצופאהרען קיין ארץ ישראל.

— יע, איך האב שוין אויך פון דעם געטראכט — האט אברהם געזאגט — דארט אין דעם הייליגען לאנד וועלען מיר זיך קאנען לעבען רוהיג, מיר וועלען דינען גאט אונגעשטערט. איך ווייס אבער ניט וואס יהודית וועט זאגען אויף דעם פלאן.

— אט קאנען מיר זי פרעגען! — האט ר' לייזער זיך אנגערופען — זי ווייס שוין פון זארעמבא'ס פלאן. איך

האָב איהר אַלץ דערצעהלט און לויט ווי איך פאַרשטעה גלויבט זי, אַז דאָס איז זעהר אַ גוטער פּלאַן. איך גלויב, אַז עס וואָלט געווען זעהר גוט, ווען זארעמבא קומט אהער מיט זיין כלה, און מיר ארבייטען אויס צוזאמען דעם פּלאַן.

רבקה האָט גענומען ווישען די טרערען פון איהרע אויגען. זי האָט אומגעדרעהט איהר פּנים מען זאָל ניט באַמערקען, אַז זי וויינט. אָבער ר׳ לייזער האָט עס באמערקט און ער האָט זי געפרעגט פארוואָס זי וויינט.

— ווען איך טראכט, אַז מיין טאָכטער וועט פון מיר אוועק און איך וועל זי שוין מעהר קיינמאָל ניט זעהן, פאנגט אָן מיין הארץ צו ציטערען...

— מיר דארפען דאנקען גאָט, — האָט ר׳ לייזער געזאָגט — מן הסתם דארף אזוי זיין.

— לאָמיר האָפען, אַז די גאולה איז נאָהענט, און דאן וועלען מיר אַלע זיין אין ארץ ישראל! — האָט אברהם געזאָגט — מיר מעגען זיך איצט ריכטען, אַז משיח וועט קומען יעדען טאָג.

— אוי, גאָטעניו! עס איז שוין צייט! — האָט רבקה געזאָגט מיט געבעט אין איהרע אויגען — מיר האָבען שוין זיך גענוג אָנגעליטען און לײדען איצט אין אונזער לאנגען גלות...

— אפשר צוליב דיין זכות — האָט ר׳ לייזער זיך געווענדעט צו אברהם׳ן — יע, אפשר צוליב דעם וואָס דו, אַ גראפ׳ס אַ זוהן איז געוואָרען אַ גר צדק, און צוליב דיין פריינט זארעמבא, וועט אונז דער רבונו של עולם אויסלייזען פון גלות, און ער וועט אָננעמען אונזער תפלה, וואָס מיר זאָגען אין שמונה־עשרה: "ולירושלים עירך ברחמים תשוב".

— איך האָב שוין גערעדט מיט פילע מקובלים אין אמסטערדאם און זיי זיינען אויך מיט דער מיינונג, אַז דער טאָג פון דער גאולה איז נאָהענט — האָט אברהם געזאָגט — ווען איך וועל זיין אין ארץ ישראל, וועל איך דאָרט פאסטען פערציג טעג און מתפּלל זיין צו גאָט, אפשר וועט ער זיך מרחם זיין אויף זיין פאָלק ישראל און זיי אויסלייזען פון גלות! איינער אַ בעל מקובל האָט מיר געזאָגט, אַז איך אלס גר, קאָן מיט מיין פאסטען און מיינע תפלות פועל׳ן ביים רבונו של עולם, ער זאָל זיך דערמאָנען אָן זיינע קינדער און זיי צוריקברענגען צו זייער הייליג לאנד.

ווען יהודית האָט זיך צוריקגעקערט פון דער קיך, האָט ר׳ לייזער זיך צו איהר אָנגערופען:

— איך האָב דאָך דיר דערצעהלט וועגען זארעמבא׳ן און זיין כלה, אַז זיי פּלאַנעווען זיך צו באַזעצען אין ארץ ישראל. איצט האָב איך זיך דורכגערעדט מיט אברהם׳ן, ער האָט אויך בדעה זיך צו באזעצען מיט דיר אין ארץ ישראל. וואָס זאָגסטו, מיין טאָכטער, צו דעם.

יהודית האָט געוואָרפען אַ ליבליבען בליק אין דער ריכטונג וואו איהר חתן איז געזעסען, און דאן האָט זי זיך אָנגערופען:

— ווען איך טראכט פון דער מעגליכקייט, אַז איך וועל נאָך זוכה זיין צו באַטרעטען דעם באָדען פון אונזער הייליג לאנד, פון דעם לאנד פון די נביאים, און אונזערע חכמים, געהט איבער מיין קערפּער דורך אַ ציטער פון פרייד... זאָל נאָר גאָט געבען, אַז מיר זאָלען אַלע זוכה זיין דאָרט צו זיין.

— ביזטו מסכים מיט מיין פּלאַן צו פאָהרען מיט מיר קיין ארץ ישראל גלייך נאָך אונזער חתונה? — האָט אברהם זי נאָך אמאָל געפרעגט.

— איך געהער צו דיר, אברהם, און אַלע דיינע פּלענער וועלען אויך זיין מיינע פּלענער — האָט יהודית געזאָגט און איהר פּנים האָט זיך גענומען רויטלען.

— איך דאנק דיר, יהודית, — האָט אברהם געזאָגט — איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסען, אַז איך האָב דיר אַ סך גאָר אַ סך דאנקבאר צו זיין פאַר אַלץ וואָס איך האָב דערגרייכט אין מיין לעבען. דורך דיר האָב איך דערגרייכט דעם גרעסטען גליק, וואָס איך האָב זיך געקאָנט ווינשען. און איך האָף אַז מיר וועלען זוכה זיין צו גרינדען אונזער הויז אין ארץ ישראל.

אַ היבשע ווײלע האָבען זיי צווישען זיך גערעדט נאָכ׳ן טשאָלענט, און זיי האָבען באַשלאָסען צו פייערען די חתונה ארום חנכה צייט. דערווייל זיינען פאַרלאָפען נאָך איניגען וואָכען. אברהם האָט געלערענט אין בית המדרש מיט גרויס התמדה. ער פלעגט גאַנץ אָפט פאַרברענגען אין לערנען מיט דעם רב פון שטעטעל, וועלכער האָט אויך געוואוסט פון דעם סוד.

כאטש דערוויל האט מען פרובירט האלטען בסוד דעם טאג פון זייער חתונה, האט מען אבער אין איליע זיך דערוואוסט, אז יהודית איז געווארען א כלה פאר דעם פרעמדען יונגען מאן, וועלכער זיצט אין בית המדרש און לערנט טאג און נאכט. דאס האט ארויסגערופען גרויס אינטערעס צווישען אלע אידען. יעדער איינער האט געוואלט אויסגעפינען מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם פרעמדען יונגען מאן. יאשקע שניידער האט ניט גערוהט. ער האט געוואלט אויסגעפינען מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם פרעמדען וועמען ער האט אנגעהויבען צו פארדעכטיגען צוליב דעם וואס זיין איינגעל האט ניט לאנג צוריק געקראגען אנגעדרעהט פאר זיין אויער פון ר' לייזער'ן.

ער האט געהאט א חשד, אז עפעס איז דא ניט גלאט... ער האט תמיד געהאלטען אן אויג אויף איהם, און ער האט געטראכט פון דעם וואס ער האט געהערט ניט לאנג צוריק ווי ער רעדט פויליש ווי אן עכטער פאליאק. איהם קאן מען ניט נארען.. ער ווייסט דעם אונטערשייד צווישען דאס פויליש ריידען פון א אידען און אן עכטען פאליאק.

איינמאל ווען יאשקע האט גערעדט מיט זיין איינגעל בערקע'ן וועגען דעם, האט בערקע געזאגט, אז אויך ער האט געהערט ווי ער האט גערעדט עטליכע ווערטער אין פויליש.

— ווען איך האב איהם געהערט אזוי ריידען האב איך געטראכט, אז ער מוז זיין פון פוילען. אבער ר' לייזער וויל אלעמען איינרעדען, אז ער קומט פון א ווייטער מדינה.

— ווען ער וואלט אמווייניגסטענס געקאנט ריידען אידיש ווי מיר אלע, וואלט איך געמיינט, אז אפשר איז ער געקומען פון טיף פוילען — האט יאשקע געזאגט — אבער אידיש רעדט ער ווי א גוי, און פויליש קאן ער אויך ווי א גוי, טא ווער איז ער טאקע! — האט יאשקע אויסגערופען — איין זאך קאן איך ניט פארשטעהן ווי קומט עס, אז ר' לייזער זאל וועלען אפגעבען זיין טאכטער צו איהם? וואס פאר א גליק איז דאס? ארים איז ער, אידיש קאן ער ניט ריידען, קיינער ווייסט ניט ווער ער איז... און פארוואס וויל ער ניט פייערען די חתונה אין איליע?...

אט די אלע פראגעס האט יאשע גע־זוכט צו פארענטפערען. ער האט דעריבער געפארשט און גענישטערט, ער האט ביי יעדער געלעגענהייט צוגענויגט זיין אויער זיך צוצוהערען וואס מען רעדט. ער האט אויך אנגעזאגט זיין איינגעל בערקע'ן ער זאל זיך צוהערען צו אלץ וואס מען רעדט און איהם גלייך איבערגעבען.

בערקע האט צוגעקראגען מעהר חוצפה. ער פלעגט קומען אין בית המדרש און זיך שטעלען נעבען איהם און גאנץ אפט זיך מיט איהם א רייץ טאן.

אברהם האט זיך ניט געמאכט הערענדיג, ער האט זיך אפילו אויף איהם ניט אומגעקוקט. דער שמש האט זיך שוין ניט געוואלט אריינמישען, כדי ניט ניט אריינצופאלען אין יאשקע'ס מויל.

ביי אלע אנדערע אידען פון איליע, אבער, איז דער פרעמדער פאררעכענט געווארען פאר א הייליגען. יעדער איינער האט געוואוסט אז ער זיצט טאג און נאכט און לערנט און דאווענט. עס האבען זיך שוין גענומען פארשפרייטען פארשידענע קלאנגען וועגען איהם. איינינגע האבען אפילו גערעדט אז ער מוז זיין איינער פון די ל"ו צדיקים, צוליב וועמעס זכות די וועלט עקזיסטירט. דער רב פון איליע האט זיך אפילו אויסגעדריקט פאר איינינגע בעלי־בתים, אז דער פרעמדער איז א גרויסער צדיק, און איליע דארף זיך שעצען גליקליך וואס ער געפינט זיך ביי זיי.

יאשקע שניידער אבער האט אט די אלע זאכען ניט געוואלט גלויבען. ער האט בשום אופן ניט געקאנט באגרייפען ווי אזוי א איד זאל ריידען אידיש פונקט ווי ער וואלט געוועזען א גוי, און בפרט ווען ער האט געהערט אז ער האט זיך איינמאל אויסגעדריקט אין פויליש ווי אן עכטער פאליאק. ער האט דאריבער ביי זיך באשלאסען איהם נאכשפירען און טאן אלץ וואס ער וועט נאר קאנען אויסצוגעפינען ווער ער איז, פון וואנען ער קומט און וואס ער טהוט דא? פארוואס האט ר' לייזער איהם אויסדערוועהלט פאר א חתן פאר זיין שעהנע יהודית?

ווען ר' לייזער האט אנגעדרעהט זיין בערקע'ן פאר'ן אויער, האט ער געברענט פאר צארן. ער האט באשלאסען איהם ניט צו שווייגען. ער האט נאך

איצט מעהר גענומען נאכשפירען דעם פרעמדען. ער פלעגט שטענדיג האלטען אן אויג אויף איהם, צו זעהן וואוהין ער געהט, מיט וועמען ער רעדט, און וואס ער טהוט. ר' לייזער האט עס באמערקט און ער האט ניט איינמאל זיך דורכגערעדט מיט אברהם'ען וועגען דעם.

— עס איז אמת! — האט אברהם געזאגט — איך אליין האב עס אויך באמערקט! איבערהויפט פארפאלגט מיך זיין אינגעל. ווען נאר ער זעהט אז איך רייד אויס א ווארט מיט אימיצען אזוי קומט ער צו און שטעלט זיך אוועק נעבען מיין שטענדער און הערט זיך צו צו אלץ וואס איך רייד. איך קאן ניט פארשטעהען ווי אזוי ער געפינט אויס אז אימיצער איז געקומען זיך דורכריידען מיט מיר . . .

— איך גלויב אז דו אברהם זאלסט איהם איינמאל פאר אלע מאל אנלערנען, קאן זיין אז ער וועט שוין קריגען דרך ארץ און וויסען ווי צו האלטען זיך פון דערווייטענס! — האט ר' לייזער געזאגט.

עס איז געווען א פריהמארגען, און ר' לייזער איז שוין געווען אויף דעם וועג צום בית המדרש, צו דאווענען דעם ערשטען מנין, האט ער פון ווייטען דערהערט א שטימע. ער האט זיך אומגעקערט און ער האט דערזעהן זארעמבא'ן. ער האט זיך ארומגעקוקט און ווען ער האט געזעהן אז קיינער געפינט זיך ניט איז ער צו איהם צוגעגאנגען און איהם געגעבען די האנט.

— וואס מאכט איהר? — האט איהם ר' לייזער געפרעגט — און וואס טהוט איהר איצט דא, אין איליע?

— ווי אייך איז שוין מן הסתם באוואוסט, גרייטען מיר זיך צו פארלאזען דאס לאנד אזוי שנעל ווי איך און יוליע וועלען חתונה האבען, און איך בין זיך געקומען געזעגענען מיט אברהם'ען. איך וואלט זיך מיט איהם וועלען זעהן. יוליע איז דא אויך דא, מיר געפינען זיך ביים גראף אין פאלאץ. קאטערינע האט מיך געבעטען איך זאל ברייגנען יוליע'ן, ווייל זי וויל זיך מיט איהר איבערבעטען, נו, האב איך דאס אויסגענוצט אלס אן אויסרייד און איך בין אהער געקומען דערווייל זיך צו זעהן מיט אברהם'ען און מיט איהם אפמאכען זיך צו טרעפען. איך וועל דארט אויף איהם ווארטען ביז וואנען מיר וועלען קאנען צוזאמען אויסוואנדערען קיין ארץ ישראל.

עס האט זיך דערהערט א שארך צווישען די בוימער און ר' לייזער האט זיך שטארק דערשראקען. ער האט געגעבען א וואונק צו זארעמבא'ן ער זאל מעהר ניט ריידען, און אליין איז ער צוגעגאנגען זעהן ווער עס געפינט זיך דארט. ווי איבערראשט איז ער געווארען ווען ער האט באמערקט ווי בערקע, יאשקע דעם שניידער'ס אינגעל, אנטלויפט.

— אט דער יאשקע, דער שניידער, איז אן אנשיקעניש! — האט ר' לייזער געזאגט — פון אונטער דער ערד וואקסט ער אויס... עס איז גוט וואס מיר האבען ניט גערעדט אזוי אפען, ווייל ער וואלט עס גלייך איבערגעגעבען זיין טאטען, און אונז וואלטען שוין ניט געפעלט קיין צרות. יע, מיר טארען מעהר ניט ריידען אין דרויסען. ווי עס ווייזט אויס האט אייך דער שניידער באמערקט געהענדיג אין מיין ריכטונג, האט ער ארויסגעשיקט זיין אינגעל אונז נאכצושפירען. איהר געהט איצט צו מיר א היים, און איך וועל זאגען אברהם'ן, אז איהר ווארט דארט אויף איהם.

— ניין, איך וועל זיך איצט צוריקקערען צום גראפ'ס פאלאץ, וואו איך האב אויך איבערגעלאזען יוליע'ן, איך וועל זיי דארט זאגען, אז איך וויל איהר באווייזען די שטאט, און איך וועל קומען צוריק צו אייך מיט איהר.

— גוט, און דערווייל וועלען מיינע אינגלאך אוועקגעשיקט ווערען אין חדר ,און איך וועל זיך צוריקקערען מיט אברהם'ן אהיים.

זארעמבא האט זיך צוריקגעקערט צו פאטאצקי'ס פאלאץ. דארט האבען נאך אלע געשלאפען, אויסער קאטערינא, וועלכע איז געזעסען מיט יוליע'ן אויף דעם באלקאן און גערעדט. זי האט געוואלט זי זאל איהר דערצעהלען וועגען איהר ליבע צו זארעמבא'ן, און וועגען איהר חתונה וואס וועט אין גיכען דארפען פארקומען.

— איך קאן זיך ניט פארשטעלען, אז מיין ברודער וואלענטי זאל ניט זיין צו דער חתונה פון זיין בעסטען פריינט — האט קאטערינא אויסגערופען — מיין ברודער און דיין חתן זיינען דאך די בעסטע פריינט פאר פילע יאהרען!

— דערפאר טאקע פלאנעוועט מיין בארים צו פאהרען צוזאמען מיט מיר

גליך נאך אונזער חתונה צו וואלענטי'ן, וואו ער וועט פארזעצן זיין שטודיום.

— דו מיינסט, אז דו וועסט איהם לאזען שטודירען אויך נאך דיין חתונה? — האט קאטערינא זי געפרעגט.

— איך וועל איהם ניט שטירען. ער קאן טאן וואס איהם וועט געפעלען — האט יוליע צו איהר געזאגט — ווען ער האט אויסגעדריקט זיין פארלאנג, אז ער וויל פאהרען שטודירען אין פאריז, בין איך ניט געווען דאגעגען! איך האב געהאט פולען צוטרויען צו איהם. און דו זעהסט דאך, אז ער איז מיר פארבליבען געטריי...

— יע, איך זעה! — האט קאטערינא געזאגט — איך געדענק, אז איך האב דיר אמאל געגעבען אנצוהערען, אז ער וועט געוויס געפינען אן אנדערע, און זיך אין איהר פארליבען, איצט זעה איך, אז איך בין געווען אומגערעכט. זארעמבא איז זעהר א פיינער געוויסענהאפטער יונגער מאן. איך וויל, אז דו זאלסט מיר ניט מיספארשטעהן און מיינען, אז איך זאג דאס ווייל איך גלויב, אז ער האט דיך ניט געקאנט ליב האבען אזוי שטארק צו בלייבען דיר געטריי... אז ער האט דיך ניט פארראטען צוליב זיין געוויסען. א, ניין, איך בין זיכער, אז ער האט דיך טאקע ליב געהאט מיט זיין גאנצען לייב און לעבען. און איך גיב צו, אז דו האסט טאקע פארדינט געליבט צו ווערען... אבער דו ווייסט דאך ווי א יונגער מאן פירט זיך אויף אין פאריז. דעריבער זאג איך, אז ער איז געוויסענהאפט.

— איך דאנק דיר, קאטערינא, פאר דיינע הארציגע רייד! — האט יוליע איהר אונטערבראכען — איך ווייס, אז דו מיינסט עס, און איך בין זעהר צופרידען, איך האף נאר, אז אין גיכען וועל איך דיך אויך זעהן א פארליבטע, און אזוי גליקליך ווי איך בין.

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת, יוליע, דערווייל האב איך נאך ניט געטראפען א יונגען מאן, וועלכער זאל מיר זיין צום הארצען. אט די אלע יונגע לייט וועלכע קומען צו מיר און ערקלערען זיך אין ליבע צו מיר זיינען פון אט די וועמען איך וואלט ניט געטרויט פון דאנען אהין... דו ווייסט וואס איך מיין. יענע קוואפען זיך אויף דעם וואס איך בין א גראפ'ס א טאכטער, און דערצו א רייכען גראף. זיי זיינען אויסען מיין געלט...

— דו האסט קיין רעכט ניט אזוי צו ריידען, קאטערינא — האט יוליע געזאגט — דו ווייסט גאנץ גוט, אז די יונגע לייט געהען אויס נאך דיינע טריט! זיי האבען דיך ליב, ווייל דו ביזט זעהר שעהן, ווייל דו ביזט זעהר געבילדעט און קלוג, און דערצו טאקע א גראפ'ס א טאכטער. וואס דאס איז געוויס קיין חסרון ניט!

— אט קומט אן זארעמבא! — האט קעטארינא אנגעוויזען אויף איהם, וועלכער האט זיך דערנעהענטערט צו דעם פלאץ וואו זיי זיינען געזעסען.

ער האט זיי ביידען באגריסט מיט א "גוטען מארגען". ער האט געזאגט קאטערינא'ן, אז ער האט צוגעזאגט יוליע'ן צו ווייזען איהר דעם געגענט ארום. זיי זיינען ביידע ארויסגעגאנגען און ווען זיי האבען זיך דערווייטערט פון פאלאץ, האט ער איהר געזאגט, אז זיי געהען איצט צו ר' לייזער'ן אין הויז, און דארט וועלען זיי טרעפען זיך מיט אברהם'ן.

זיי זיינען לאנגזאם געגאנגען דורך די שטילע געסלאך ביז זיי זיינען צוגעקומען צו ר' לייזער'ס הויז. דארט האבען זיי שוין געטראפען אברהם'ן, וועלכער האט אויף זיי געווארט. רבקה האט שוין מיט אווילע פריהער אוועקגעשיקט איהרע צוויי זיהן אין חדר, און יהודית האט צוגעגרייט דעם טיש פאר אלעמען.

אברהם האט פארגעשטעלט יהודית'ן פאר יוליע'ן און עס האט לאנג ניט געדויערט, און ביידע יונגע מיידלאך זיינען געווארען צוגעצויגען איינע צו די אנדערע.

יוליע און יהודית'ן פארטרויט, אז זי ווארט שוין מיט גרויס אומגעדולד אויף דעם טאג ווען זי וועט שוין קאנען ערקלערט ווערען פאר א אידישע טאכטער. זי האט איהר איבערגעגעבען וועגען די פלענער וואס זי און איהר התן האבען.

זארעמבא און אברהם האבען זיך דורכגערעדט וועגען אלץ. זארעמבא האט איהם דערצעהלט וועגען זיין פלאן צו פאהרען אין ארץ ישראל, און וואס ער רעכענט דארט צו טאן.

— איך ווייס, אז דאס לאנד איז

זעהר אָרעם, און איך וועל דאַרפען דורכמאַכען פילע שוועריגקייטען, דאָריבער האָב איך באַשלאָסען ארויסצובאַקומען מיין חלק ירושה וואָס איך דאַרף קריגען, און מיט דעם דאָזיגען געלט וועלען מיר דורכפיהרען אונזערע פלענער. מיר וועלען דאַרפען האָבען זעהר א סך געלט אונטערצונעמען אַזאַ רייזע. און דעריבער וואָלט איך דיר גראַטען, אַז דו זאָלסט ארויסקריגען עטוואָס געלט פון דיין פאָטער. נאָר אַלעמען ביזטו דאָך זיין איינציגער יורש, אויסער דיין שוועסטער, און דו ביזט דאָך באַרעכטיגט צו האָבען עטוואָס געלט.

— ווי אַזוי וועל איך דאָס קאָנען באַווייזען? — האָט וואָלענטי איהם געפרעגט.

— איך בין געקומען נעכטען שפּעט ביינאַכט צו דיין פאָטער אין פּאַלאַץ, איך האָב נאָך אפילו קיין געלעגענהייט ניט געהאַט צו ריידען מיט איהם. אויב אַזוי קאָן איך איהם זאָגען, אַז איך האָב דערהאַלטען א בריוו פון דיר, און אַז דו פאַרלאַנגסט געלט, כדי פאָרטצוזעצען דיין שטודיום אין דער פרעמד.

— ער וועט דאָך אָבער פון דיר פאַרלאַנגען דו זאָלסט איהם ווייזען מיין בריוו? — האָט אברהם זיך צו איהם אָנגערופען.

— נו, דאַריבער וועל איך איהם טאַקע ווייזען דיין בריוו. איך וויל, אַז דו זאָלסט איצט אָנשרייבען א בריוו, און איך וועל איהם זאָגען, אַז איך האָב שוין דעם בריוו דיינע ערהאַלטען דורך אונזערען א פריינט, וועלכער איז דורכגעפאָהרען ווילנא, און דאַן וועל איך פון איהם ארויסבאַקומען דאָס געלט און איידער איך וועל אָפּרייזען פון דאַנען צוריק קיין ווילנא וועל איך דיר דאָס איבערגעבען. דו ביזט דאָך באַרעכטיגט נאָך אַלעמען צו דיין חלק!

-- וואָס זאָגט איהר, ר' לייזער?
-- האָט זיך אברהם צו איהם געווענדעט.

— איך גלויב, אַז עס וועט זיין בעסער אַהן דעם! — האָט ר' לייזער אויסגערופען — עס קאָן פּאַסירען, אַז ער זאָל אָנפאַנגען צו פאַרדעכטיגען און וועלען מאַכען אַן אויספאָרשונג. געלויבט איז השם יתברך, איך האָב גענוג געלט זיי מיטצוגעבען. איך גלויב, אַז עס וועט זיי קלעקען!

— מיר וועלען זיך ביידע באַגנוגענען מיט ווינציג! — האָט אברהם געזאָגט — און ווען מיר וועלען זיין דאָרט אין ארץ ישראל, וועלען מיר שוין פון הונגער ניט שטאַרבען. גאָט וועט אונז ניט פאַרלאָזען.

— איך האָב בדעה אייך מיטצוגעבען גענוג געלט, אַז אויך איהר זאָלט קאָנען דאָרט קויפען א נחלה! — האָט ר' לייזער געזאָגט — ווייל נאָך אַלעמען שטרעבען מיר דאָך אַלע זיך צוריקצוקערען קיין ציון, און אויב איהר וועט דאָרט זיין און האָבען דאָרט א שטיקעל נחלה, וועלען מיר אפשר שפּעטער אויך אַלע קאָנען פאָהרען אַהין.

יהודית און יוליע זיינען אריינגעקומען אין צימער, און אברהם האָט זי געפרעגט וואָס איז איהר מיינונג וועגען דעם. און זי האָט איינגעשטימט מיט איהר פאָטער, אַז מען דאַרף זיין זעהר פאָרזיכטיג און ניט זוכען צו באַקומען געלט פון דעם גראַף.

זיי האָבען פאַרבראַכט א היבשע ווייל און זיי האָבען אַלץ ארומגערעדט. זיי האָבען אָפּגעמאַכט וואו זיך צו טרעפען אין אַמסטערדאַם, זאַרעמבאַ האָט געזאָגט, אַז ער וועט אויף זיי וואַרטען...

ווען זיי האָבען זיך געזעגענט, האָבען זיך יהודית און יוליע צעקושט און זיך געוואונשען צו טרעפען דאָרט און צוזאַמען זוכה זיין צו פאָהרען קיין ארץ ישראל.

פון דאָרט זיינען זיי צוריק אוועק צום פּאַלאַץ פון גראַף פּאָטאָצקי, וואו זיי האָבען פאַרבראַכט א קליינע ווייל און דאַן האָבען זיי זיך צוריקגעקערט קיין ווילנא.

ר' לייזער האָט זיך דאַן צוריקגעקערט צו דער מיל, און אברהם אין דעם בית המדרש. ער האָט אפילו ניט געטראַכט פון דעם, וואָס דאָס איינגעל בערקע האָט איהם געזעהן צוזאַמען מיט זאַרעמבאַ'ן. איהם איז גאָר ניט איינגעפאַלען צו טראַכטען, אַז אָט דער בערקע האָט אַמאָל געהאַט געזעהן זאַרעמבאַ'ן אריינקומענדיג צו איהם אין הויז מיט דעם גראַף'ס זוהן וואָלענטי.

בערקע איז גלייך אוועק צו זיין

טאטען און איהם דערצעהלט, אז ער האט זיך אונטערגעהערט ווי אט דער פרעמדער פאליאק האט געזאגט צו ר' לייזער'ן, אז ער איז געקומען זיך זעהן מיט אברהם'ן.

— איך בין זיכער! — האט בערקע געזאגט, אז איך האב אויך געהערט, אז ער האט עפעס געזאגט וועגען פאהרען צוזאמען קיין ארץ ישראל!

— א, דו ווייסט ניט וואס דו האסט געהערט! ווי קומט א גוי צו פאהרען קיין ארץ ישראל! — האט די מאמע אויף איהם זיך אנגעבייזערט — געדענק, יאשקע, האט זי זיך געווענדעט צו איהר מאן, דו וועסט נאך מיט דיין רוקען דיין נאז אין יענעם'ס געשעפטען, ברייגנען אויף אונז אלעמען אן אומגליק.

— קיינער פרעגט ביי דיר ניט, בהמה! — האט יאשקע זיך א בייזער געטאן אויף זיין ווייב — איך האב באשלאסען איינמאל פאר אלע מאל אויסצוגעפינען ווער אט דער פרעמדער איז, און איך וועל מיין באשלום דורכפירען. זעהר גוט האסטו געטאן, בערקע! דו האסט געדארפט ווארטען און הערען מעהר!

— איך האב געזעהן, אז ער קומט צו נעהענטער, האב איך ניט געוואלט ער זאל מיך דארט געפינען, בין איך אנטלאפען געווארען — האט בערקע געזאגט.

— איצט איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז דער פרעמדער איז ניט קיין איד, אז ער איז געווען א פאליאק! — האט יאשקע זיך אנגערופען — איך וועל איהם ווייזען ווי צו קריגען זיך מיט מיר. ער וועט מיך באליידיגען... דו הערסט, בערקע, דו זאלסט מעהר ניט מורא האבען פאר איהם. דו קאנסט אריינקומען אין בית המדרש ווען נאר דו ווערסט ווילען און דו קאנסט טאקע צייגען דעם פרעמדען, אז דו ציטערסט ניט פאר איהם. זאל ר' לייזער פרובירען הויבען א האנט אויף דיר... איך וועל שוין וויסען וואס צו טאן מיט איהם.

עס זיינען פאריבער נאך עטליכע וואכען זינט זארעמבא האט פארלאזען איליע. אברהם פלעגט זיצען אין בית המדרש ווי זיין שטייגער איז געווען, און געלערענט טאג און נאכט. בערקע פלעגט זיך אריינכאפען אהין, און זיך שטעלען נעבען איהם און איהם נאכמאכען. ער פלעגט זיך מיט איהם רייצען, און זינגען די לידער וואס ער אליין האט צוזאמענגעשטעלט וועגען איהם.

אברהם האט זיך אבער ניט וויסענדיג געמאכט. ער האט זיך באהערשט און זיך אויף איהם אפילו ניט אומגעקוקט. דאס האט דעם צעווילדעוועטען אינגעל נאך מעהר ערמוטיגט. ער האט זיך גענומען רייצען מיט איהם. און איינמאל, ווען דער שמש איז אין בית המדרש ניט געווען, האט בערקע גענומען א האנטוך, ער האט דעם האנטוך איינגעטונקט אין כיור, וואס איז געווען פול מיט וואסער, און ער האט זיך געצילעוועט אויף אברהם'ן. ער האט אויף איהם א ווארף געטאן דעם נאסען האנטוך און ער האט איהם געטראפען אין פנים.

דאס האט שוין דעם געדולדיגען אברהם'ן ארויסגעבראכט פון געדולד. ער האט זיך א לאז געטאן צו בערקע'ן, וועלכער האט גענומען לויפען איבער די בענק און שטענדערס, און ארויסשטעקען א צונג צו איהם.

אברהם צבער האט איהם א כאפ געטאן פאר זיין האנט און איהם ארונטערגעלאזען א פלאם־פייערדיגען פאטש.

בערקע האט ארויסגעלאזען א געשריי או זיך ארויסגעריסען פון זיינע הענט אוז א וויינענדיגער איז ער גלייך געלאפען אהיים.

— וואס איז געשעהן, בערקע, — האט איהם יאשקע געפרעגט ווען ער האט געזעהן ווי ער וויינט האלטענדיג זיך פאר זיין באק.

— בהו... ער האט מיך געשלאגען! — האט ער וויינענדיג געזאגט.

— ער, דער פרעמדער, אברהם!

— וואס, ער האט דיך געשלאגען!

— האט יאשקע גענומען ברענען פון כעס.

— גוט פאר דיר! — האט די מאמע זיך אנגערופען — איך האב דיר ניט איינמאל געזאגט, אז דו זאלסט איהם צו־רוהע לאזען!

— איך האב איהם גארניט געטאן! איך האב בלויז אויף איהם א קוק געטאן — האט בערקע גענומען נאך שטארקער וויינען.

— גיב נאר א קוק און זעה! — האט יאשקע זיך אנגערופען צו זיין

ווייב — זיין באַק איז דאָך געשוואָלען! וואָס שטעהסטו ווי א ליימענער גולם! לייג איהם צו א קאָמפּרעס!

— נישקשה, ער וועט פון דעם ניט שטאַרבען! — האָט די מאַמע געזאָגט — ער האָט זיך מיט איהם ניט געדאַרפט אָנפאַנגען. איך האָב איהם צוואַנציג מאָל געזאָגט ער זאָל זיך מיט איהם ניט רייצען! נו, גוט, האָט ער איהם אָנגעלערנט!

— איך וועל איהם פאַר דעם ניט שענקען! — האָט יאָשקע א קלאַפּ געטאָן מיט זיין פויסט אין טיש — איך וועל איהם ווייזען ווי צו שלאָגען מיין אינגעל! ער מיינט, אז איך ווייס ניט ווער ער איז! ער איז געווען א פּאָליאַק! איך ווייס! ער איז ניט קיין געבוירענער איד, מיך קאָן מען ניט נאַרען! איך וועל שוין זעהן, אז זיין דור זאָל דאָ מעהר ניט זיין! ער וועט הויבען א האַנט אויף מיין אינגעל!

ווען בערקע האָט געהערט זיין טאַטענ׳ס רייד האָט ער זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט, ער האָט זיך געהאַלטען פאַר זיין באַק און געשריען פון וועהטאָג.

— דוכט זיך אן אידעלער, א שוואַכענקער! — האָט יאָשקע ניט אויפגעהערט צו ריידען מיט אויפרעגונג — אזוי זאָגט מען דאָך אויף איהם! ער איז אן אידעלער מענש, א שטילינקער! — נעמט ער און שלאָגט אזוי מיין קינד! איך וועל איהם ניט שענקען! איך וועל איהם דאָ מאַכען אזוי ענג, אז ער וועט מוזען אַנטלויפען פון איליע.

— דו אליין ביזט אין דעם שולדיג! האָט די מאַמע זיך אָנגערופען צום טאַטען — אנשטאַט איהם אָנצוזאָגען ער זאָל איהם צו־רוה לאָזען, האָסטו איהם דערצו נאָך אָנגערעדט. מיין נים, איך ווייס ניט, אז דו שיקסט איהם ארום אלע ווילע אויסצוגעפינען פאַרבאָרגענע זאַכען פּונקט ווי עס וואָלט געווען דיין עסק!

— ווער פרעגט ביי דיר, בהמה, איינע! — האָט זיך יאָשקע צעשריען — אומעטום מישט זי זיך! וואָס מיינסטו איך וועל זיך לאָזען קריכען אויפ׳ן קאָפּ! איך וועל זיי ווייזען ווער יאָשקע דער שניידער איז!

— וואָס האָט מען דיר אזוי געטאָן? פאַרוואָס ביזטו אזוי אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט. דאַכט זיך, איז א ן בית מדרש באַהאַנדעלט מען דיך ניט ערגער ווי אלע אנדערע אידען, איך מיין די פּראָסטע בעלי בתים: וואָס האָסטו געוואָלט זיך פאַרגלייכען צו ר׳ לייזער׳ן אָדער די אנדערע אידען, וועלכע קאָנען גוט לערנען, און דעריבער קריגען זיי אביסעל מעהר כבוד אין בית המדרש!

— איך לאָז זיך קאָסטען אין בית המדרש אזוי פיל ווי די אנדערע, פונדעסטוועגען, אז בערקע איז לעצטען יאָהר געוואָרען בר מצוה, האָט מען איהם געגעבען מפטיר ווי מען האָט עס געטהאָן צו ר׳ לייזער׳ס אינגלאַך? איהם האָט מען געגעבען אן איינפאַכע עליה! און טאָמער האָט ער אמאָל א שטיף געטאָן, האָט ר׳ לייזער אליין געהויבען א האַנט אויף איהם! מיין ניט, אז איך געדענק ניט! און איצט, נעהמט אָט דער פּרעמדער, דער געוועזענער פּאָליאַק און מאַכט בערקע׳ן א געשוואָלענע באַק!

— איך וועל איהם וואַרפען א שטיין אין קאָפּ! — האָט בערקע געדריקט זיין פויסט!

— דו טו גאָרניט! איך וועל שוין זעהן וואָס איך האָב צו טאָן מיט איהם. — האָט יאָשקע זיך אָנגערופען

— מיר וועלען שוין לאַנג ניט דאַרפען ליידען פון איהם! איך בין זעהר צופרידען וואָס דו האָסט דאַן געזעהן דעם זעלבען פּאָליאַק ריידענדיג מיט ר׳ לייזער׳ן, און דו האָסט זיך אונטערגעהערט. איצט איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז ער איז געווען פריהער א גוי...

נאָכדעם ווי אברהם האָט א פּאַטש געטאָן דעם צעווילדעוועטען אינגעל, בערקע׳ן, האָט עס איהם שטאַרק פאַרדראָסען. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט געהויבען א האַנט אויף אימיצען. אמת, ער איז איהם דערגאַנגען די יאָהרען. ער האָט איהם ניט צו רוה געלאָזען און געשטערט פון לערנען. אָבער... ווי קומט ער צו הויבען א האַנט! די גמרא זאָגט דאָך, אז דער וועלכער הויבט א האַנט אויף א צווייטען ווערט אָנגערופען א רשע. ער האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצען און ווען ער האָט אויף מאָרגען דערזעהן ר׳ לייזער׳ן האָט ער איהם אלץ דערצעהלט און אויסגע־

דריקט זיין שטאַרקען באַדויערען.

— געבענשט זאָלען זיין דיינע הענט! — האָט ר' לייזער געזאָגט — דו האָסט שוין אַרויסגעוויזען אַ סך געדולד מיט צאָ דעם באַד־יונג! איצט, אַז דו האָסט איהם אָנגעפּאַטשט וועט ער שוין ניט וואַגען מעהר צוצוקומען צו דיר און דיר שטערען פון לערנען. אַזאַ יונגאַטש, דאַרף מען אָנלערנען איינמאָל פאַר אַלע מאָל.

## 23

אויף מאָרגען, ווען יאָשקע דער שניידער איז געקומען דאַווענען אין בית המדרש, און דערזעהן דעם פרעמדען איז ער אויף איהם געוואָרען מלא רציחה. ער האָט געזעהן ווי ער שטעהט אין זיין ווינקעל און שאָקעלט זיך איבער דער גמרא, האָט ער געוואָלט צוגעהן צו איהם און איהם אויסזידלען פאַר דעם פּאַטש וואָס ער האָט געגעבען זיין בערקע'ן, אָבער ער האָט עס ניט געטאָן. ער האָט זיך געטראַכט, אַז ער וועט זיך שוין מיט איהם אָפּרעכענען אויף אַן אַנדער אופן. ער האָט אפילו זיך ניט אומגעקוקט אויף ר' לייזער'ן. זאָל ער ניט מיינען, אַז ער וועט איהם קאָנען באַשיצען. נישקשה, ער וועט זעהן וואָס יאָשקע דער שניידער קאָן טאָן. ער האָט געענדיגט דאַווענען, און צוזאַמענגעלייגט די תפילין און גלייך געגאַנגען אַ היים. ער האָט זיך מיט קיינעם ניט אָפּגעשטעלט צו ריידען, ווי זיין שטייגער איז געווען יעדען טאָג נאָכ'ן דאַווענען. ער האָט זיך געזעצט עסען. בערקע האָט געדאַווענט אין שטוב, פאַר זיך. ער האָט זיך ניט געוואָלט באַווייזען אין בית המדרש, אַזוי לאַנג ווי זיין באַק איז נאָך געווען עטוואָס געשוואָלען. ער האָט אפילו ניט געוואָלט געהן אין חדר, אָבער זיין מאַמע האָט איהם געצוואונגען.

— נישקשה, דער שוואַרץ יאָהר וועט דיך ניט נעמען! מען קאָן שוין קוים באַמערקען, אַז דו האָסט געקראָגען דיין פאַרדינטע שטראָף. געה אין חדר! און וואַקס ניט אויס קיין כאַמולע ווי... זי האָט איהם געוואָלט זאָגען ווי זיין טאַטע, אָבער זי האָט דאָס ניט געטאָן. זי האָט ניט געוואָלט אַזוי ריידען פאַר בערקע'ן וועגען זיין טאַטען.

בערקע איז אַוועק אין חדר אַן אויפגערעגטער און צאָרענדיגער. יאָשקע האָט זיך גענומען צו זיין אַרבייט. ער איז אַזוי געזעסען אויף אַ הויכען בענקעל און גענייט. באַלד האָט זיך געעפענט די טיר און דער גלח אַנטאָן איז אַריינגעקומען.

— אַ, פאָטערל, גוט מאָרגען! — האָט איהם יאָשקע באַגריסט — און ער האָט איהם גלייך דערלאַנגט אַ בענקעל זיך צו זעצען.

דער גלח פלעגט זיין אַן אָפטער גאַסט ביי יאָשקע'ן דעם שניידער. ער פלעגט ביי איהם באַשטעלען נייען זיינע בגדים. און אפילו ווען ער האָט פאַר איהם קיין אַרבייט ניט געהאַט פלעגט ער אַריינקומען צו איהם יעדעס מאָל ווען ער פלעגט זיין אין אילינע. ער האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט איהם, ניט אַזוי צוליב די געשפּרעכען וואָס ער פלעג פיהרען מיט איהם, ווי צוליב דעם וואָס ער פלעגט קריגען ביי איהם אַביסעל גוטען בראָנפען. יאָשקע פלעגט אָנגרייטען אַ סך שנאַפּס. זיין ווייב פלעגט פאַרגיסען שוואַרצע יאַגדעס אָדער קאַרשען. זיין שנאַפּס האָט געקראָגען אַ שם, און ווען אַ פּריץ פלעגט צו איהם קומען באַשטעלען אַן אַנצוג אָדער נעמען אַ מאָס, פלעג ער יענעם מכבד זיין מיט אַ פּאָר גלעזלאַך פאַרגאָסענעם שנאַפּס, אַז יענער פלעגט זיך מחיה זיין. ווען דער פּריץ צדער אַ דינער פון פּריץ פלעגט נעמען ביי איהם אַ טרונק בראָנפען, פלעגט ער שוין מיט זיי מוזען מיטטרינקען, און אַז זיי פלעגען זיין עטוואָס שיכורלאַך פלעגט מען זיך צערייד
ען, אַזוי פלעגט יאָשקע דער שניידער אַרויסקריגען פון זיי פאַרשידענע זאַכען און פּאַסירונגען. אַזוי האָט ער זיך דערוואוסט פון איינעם פון די היידוקעס פון דעם גראַף פּאָטאָצקי, אַז ר' לייזער זוסקעס האָט געטאַנצט דעם בערען טאַנץ און באַזיגט דעם גרויסען טענצער יוזשוק'ן. ווען יאָשקע האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, און איהם געזאָגט, אַז ער גלויבט איהם ניט. אַז דער פּאַן זוסקעס זאָל קאָנען אַזוי גוט טאַנצען, אַז ער זאָל באַזיגען יוזשוק'ן, האָט זיך דער היידוק געשוואוירען און דריי מאָל זיך געצלמ'ט, אַז ער זאָגט איהם דעם אמת.

ווען אַנטאָן האָט זיך צוגעזעצט,

האט יאשקע געגעבן א וואונק צו זיין
ווייב און זי האט אריינגעבראכט א
פלעשעל מיט פארגאסענע קארשען,
מיט צוויי גלעזלאך.
יאשקע האט אנגעפילט ביידע גלעז־
לאך, און ער האט אויסגערופען:
„לאמיר טרינקען פאר אייער גע־
זונט, פאטערל!"
— יע, פאר מיין געזונט! — האט
דאס פאטערל אויפגעהויבן דאס גלע־
זעל און אריינגעגאסען אין זיך —
עפעס לעצטענס האב איך אנגעהוי־
בען פיהלען ניט איבעריגס געזונט,
דער שווארץ יאהר זאל עס נעמען!
איך ווייס ניט וואס עס האט מיט מיר
פאסירט! איך האב פארלוירען מיין
אפעטיט!
— א, ניין, פאטערל, איהר קוקט
אוים גאנץ גוט! — האט יאשקע איהם
געמאכט א קאמפלימענט! איך האב
אייך שוין א לאנגע צייט ניט געזעהן,
און איך מוז אייך זאגען, אז איהר
האט זיך אויף א האר ניט געענדערט,
אדרבא, איהר קוקט אוים איצט א סך
געזינטער ווי ווען עס איז פריהער.
— איך מוז דיר זאגען, אז דיין
שנאפס איז גאר אויסגעצייכענט! —
האט זיך אנטאן אנגעגאסען א צווייט
גלעזעל — שוין לאנג אזא גוטען
שנאפס ניט פארזוכט! איהר, זשיד־
קעס מאכט אלץ גוט, איהר קאנט גוט
קאכען און באקען, איהר קאנט מא־
כען אפילו גוטע שנאפס און וויינען.
ווען איהר וואלט ניט געווען פאר־
שאלטענע, וואלט איהר געווען א גאנץ
גוט פאלק. גלויב מיר, יאשקע, אז
ווען ניט איך, וואלט פון אייך אלעמען
דא ניט געבליבען קיין גדעכניש!...
איך האב אייך אלעמען געשאנעוועט
פון א זיכערען טויט... און דעריבער
האב איך טאקע פארדינט פון דיר א
שנעפסעל.
— א, היילינגער, פאטערל! — האט
יאשקע אויסגערופען און ווידער אנ־
געפילט זיין גלעזעל מיט שנאפס, ווי
קומט עס, אז מיר זאלען פלוצלונג זיין
אין געפאהר?
— אט וועל איך דיר דערצעהלען!
— האט דער גלח שוין עטוואס שכור־
לאך גענומען פלאנטערען מיט'ן צונג
— דו פארשטעהסט, דער יונגער גראף
פאטאצקי איז דאך אוועק פון דאנען
קיין פאריז צוזאמען מיט זיין פריינד
זארעמבא. נו, איז פאראיבער א היב־
שע צייט, און דער גראף איז אליין
אויך געפאהרען קיין פאריז אבער ער
האט זיי ניט געטראפען דארט. ער
האט זיך אבער דערוואוסט, אז זיי פלע־
גען אריינקומען צו א אידען אין פא־
ריז. שפעטער ווען ער האט זיך אומ־
געקערט אהיים און דערצעהלט וועגען
אלץ וואס ער האט אויסגעפונען הא־
בען איינינע פון די פריצים איהם גע־
זאגט, אז זיי האבען מורא, אז דער
זשיד פון פאריז האט זיי אומגעבראכט.
אזוי ווי עס איז דאן געווען פאר אייער
פסח, און זינט דאן האט מען זיי ניט
געזעהן, איז ביי אלעמען געבליבען, אז
דאס האט ווירקליך פאסירט און דער
זשיד האט ביידען, וואלענטי פאטאצ־
קי און זיין פריינט זארעמבא'ן געקוי־
לעט און זיך באנוצט מיט זייער בלוט
אויף פסח!
דער גראף האט דאן געשיקט זיינעם
א שליח קיין פאריז צו מאכען אן
אויספארשונג, און ווען ער האט זיך
צוריקגעקערט האט ער באשטעטיגט די
קלאנגען. דו קאנסט זיך פארשטעלען
ווי שטארק דער צארן האט געברענט
ביי יעדען איינעם. מען האט מיך גע־
שיקט רופען, און זיי האבען מיר גע־
זאגט, אז זיי האבען באשלאסען אויס־
צומארדען אלע אידען פון איליע און
יענע אידען פון ווילנא, וועלכע
זיינען אונטער דעם גראפ'ס אויפזיכט.
— ווען איך האב דאס דערהערט,
האב איך זיך צו זיי אנגערופען:
— ניין, מיינע ברידער, מיר טארען
ניט פארגיסען קיין אומשולדיגע בלוט,
מיר מוזען זיך פריהער איבערצייגען
אויב דאס איז אמת!
— נו, היילינגער פאטערל, און וואס
האט פאסירט! — האט יאשקע מיט
שרעק איהם געפרעגט.
— איצט זיינען זיי מיר אלע דאנק־
באר וואס איך האב ניט דערלאזען צו
פארגיסען אומשולדיג בלוט, ווייל איז
א קורצער צייט ארום איז אהער גע־
קומען זארעמבא, דער פריינט פון יונ־
גען גראף וואלענטי, און ער האט גע־
בראכט א בריוו פון דעם יונגען פא־
טאצקי'ן, אז ער לעבט און איז געזונט,
און אז ביידע האבען געשטודירט ער־
גענץ אין אויסלאנד, נאר אזוי ווי זא־
רעמבא האט א כלה, איז ער געקומען
מיט איהר חתונה האבען און נאכדעם

וועט ער אפּפּאהרען מיט זיין כלה קיין אויסלאנד צו פארענדיגען זיין שטודיום. איך וועל טאקע דורכפירען די היילינגע צערעמאניע פון זייער חתונה.

— נו, און וואס האבען זיי געזאגט אויף דעם? — האט יאשקע געפרעגט.

— זיי האבען איינגעזעהן, אז איך זוך גערעכטיגקייט! עס קאן זיין, אז איך אליין האב אויך ניט איבעריגס ליב די זשידעס, אבער איך וועל דאך ניט דערלאזען, אז אומרעכט זאל באגאנגען ווערען געגען אומשולדיגע. אויסער דעם זיינען פאראן א סך זשידעס וועמען איך האב גארניט פיינט. אט נעם דיך, צום ביישפיל, דו ביזט א וואוילער זשידעק. דו קאנסט אויפנייען זעהר גוט אן אנצוג, מען קאן ביי דיר קריגען א גוטען שנעפסעל, און דו ביזט גראד אן עהרליכער זשידעק, איך קאן זיך ניט פארשטעלען, אז אזא ווי דו זאלסט וועלען טרינקען קריסטליך בלוט... איך צווייפעל אפילו ניט, אז ווען דו וואלסט געוואוסט, אז עס געפינט זיך א איד, וועלכער האט זיך באנוצט מיט קריסטליך בלוט, וואלסטו אליין איהם איבערגעגעבען אין אונזערע הענט!

— געוויס, פאטערל, געוויס וואלט איך איהם איבערגעגעבען אין אייערע הענט, ווייל דאן וואלט ער דאך אלץ איינס ניט פאררעכנט געוועזען פאר א אידען... אן אמת'ער פרומער איד, וועט דאך ניט טרינקען קיין בלוט!

— אט דאס וואס איך האב טאקע געזאגט דעם גראף! איך האב זיי געזאגט, אז עס געפינען זיך טאקע זשידעס, וועלכע האבען ליב צו טרינקען קריסטליך בלוט, אבער ניט אלע, דעריבער דארפען מיר זיך ניט איילען צו מאכען א פאגראם אויף די זשידעס ביז וואנען מיר וועלען אויסגעפינען דעם אמת! און טאקע האט אזוי פאסירט. אט האט מען גאר אויסגעפונען, אז די צוויי, דער יונגער גראף וואלענטי פאטאצקי און זיין פריינט זארעמבא לעבען גאר!

— איך זעה איצט, פאטערל, אז איהר זייט טאקע א גוטער! איך וועל אייער פריינטשאפט קיינמאל ניט פארגעסען, און דעריבער לאמיר ווידער נעמען א טרונק בראנפען פאר אייער געזונט — האט יאשקע אנגעגאסען די גלעזלאך.

ווען זיי האבען אויסגעטרונקען אויך די גלעזלאך שנאפס, האט זיך שוין יאשקע'ס קאפ גענומען דרעהען, ער האט זיך דערמאנט אן דעם ווי אזוי דער פרעמדער האט א פאטש געטאן זיין אינגעל, און זיין בלוט האט אין איהם גענומען זידען. ער האט גענומען טראכטען פארוואס ער האט זיך היינט, מעהר ווי אלע מאל דערפרעהט מיט דעם גלח, און ער האט זיך דערמאנט, אז ער האט געהאט בדעה טאקע איהם, דעם גלח, צו דערצעהלען וועגען דעם פרעמדען, זאל ער וויסען, אז א פאליאק איז געקומען דא, און ער איז געווארען א איד! ער וועט איהם שוין פון דאנען אוועקנעמען!

— א, פאטערל! — האט ער אויסגערופען אין עטוואס א שיכורן צושטאנד, איך מוז אייך עפעס דערצעהלען, אבער איך בעט אייך איהר זאלט עס פאר קיינעם ניט אויסזאגען!

— דערצעהל, יאשקע, דערצעהל!

— האט דער גלח זיך צו איהם געווענדעט — דו ווייסט דאך, אז איך בין דיין בעסטער פריינט! אויב עס איז א סוד וועל איך געוויס קיינעם ניט דערצעהלען! זאג מיר, וואס איז דאס אזוינס?

— א, עס איז ניט וויכטיג! אבער זאל ער וויסען איינמאל פאר אלע מאל, ווי אזוי צו הויבען א האנט אויף מיין אינגעל! האט איהר געהערט א חוצפה! געקומען איז ער א פרעמדער, דער שווארץ יאהר ווייסט ווער ער איז! ער איז דאך אפילו ניט קיין איד! געקומען איז ער אין בית המדרש און מיינט, אז ער איז א גאנצער יחסן! ער מיינט, אז דער פאן זוסקעס וויל איהם מאכען פאר זיין איידעם, קאן ער שוין טאן וואס ער וויל!

— אבער, יאשקע, וועגען וועמען רעדסטו? — האט זיך שוין דער גלח פאראינטערעסירט.

— איך רייד דא וועגען פרעמדען! ער איז געקומען אהער, קיינער ווייסט פון וואנען! ער לערענט אין אונזער בית המדרש די היילינגע ספרים, אבער קאן קוים אויסריידען א אידיש ווארט! זעהט איהר, פאטערל, פויליש רעדט ער פונקט ווי ער וואלט געוועזען אן אייעריגער! מיך קאן מען ניט נארען! איך האב איהם געדארפט איינמאל הע־

רען ווי ער רעדט ארוים א פּאָר ווער־טער אין פּויליש, האָב איך שוין גע־קאָנט גלייך איינזעהן, אז ער איז ניט פון יענע אידען, וועלכע קומען פון שפּאניען, וועלכע קאָנען קוים רעדען א אידיש וואָרט... ניין, מיך נארט מען ניט!

— אָבער ווער איז דאָס! פּארוואָס זאָגסטו מיר ניט ווער ער איז? — האָט זיך אנטאָן צו איהם אָנגערופען מיט גרויכ אומגעדולד — דו האָסט מיר אָנגעפאנגען צו דערצעהלען און דו הערסט אויף פּלוצלונג! זאָג מיר, ווער איז אָט דער מאן, וועגען וועמען דו רעדסט?

— איך זאָג דאָך אייך, פּאָטערל, אז איך הויב ניט אָן צו וויסען ווער ער איז! איך בין אָבער חושד, אז ער איז גאָר קיינמאָל קיין איד ניט געווען! מיך קאָן מען ניט נארען. טאקע ער איז זעהר פרום, אָבער קיין איד איז ער ניט געבוירען געוואָרען. איך פּארדעכטיג, אז ער האָט געמוזט זיין א פּאָליאק און ער האָט זיך מגייר געווען!

— וואָס!? — האָט דער גלח אָנ־געשטעלט אויף איהם א פּאָר אויגען

— דו מיינסט, אז צווישען אייך גע־פינט זיך א קריסט, וועלכער האָט אָנ־גענומען דעם אידישען גלויבען?

— איך ווייס ניט אויף זיכער! — האָט יאָשקע אָנגעהויבען צו פּלאָנ־טערען מיט׳ן צונג, אָבער לויט ווי איך קאָן פארשטעהן איז ער געווים ניט קיין געבוירענער איד! אפשר מאַך איך א טעות, אָבער ניין, מיך נארט מען ניט! זיי מיינען, אז אויב איך בין ניט קיין געלערנטער ,איז מיך גרינג צו נארען! איך וועל זיי ווייזען!

— אָבער פארוואָס מיינסטו, אז יע־נער איז געווען א קריסט? — פרעגט איהם דער גלח.

— איך ווייס! איך בין איבער־צייגט אין דעם!

— אויב דו ביזט איבערצייגט אין דעם, טאָ פארוואָס ווילסטו מיר אלץ ניט דערצעהלען? ווייסטו דען ניט, אז עס איז דיין פליכט צו דערצעהלען אזעלכע זאכען! איך באהאנדעל דיך אזוי גוט, און דו ווילסט אפילו מיר ניט דערצעהלען ווער דאָס איז!

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, פּאָטערל — האָט יאָשקע האלב שיכור־לאָך געזאָגט — אָט דאָס איז יענער יונגער מאן, וועלכער זיצט טאָג און נאכט אין בית המדרש און לערענט תורה! איך האָב שוין פון לאנג גע־האלטען אז אויג אויף איהם...

יאָשקע, וועלכער האָט געטרונקען כמעט אזוי פיל ווי דער גלח, האָט שוין גענומען פיהלען דאָס רוישען און זשור־מען אין קאָפּ. ער האָט אפילו גע־פיהלט, אז אפשר טוט ער ניט קיין רעכטע זאך, מיט דעם וואָס ער געהט פאר׳מסר׳ן אויף דעם פרעמדען, אָבער זייענדיג עטוואָס שיכור, און דערמאָ־נענדיג זיך ווי אזוי ער האָט געפּאטשט זיין בערקע׳ן, האָט ער איינמאָל פאר אלע מאָל באשלאָסען איהם צו דער־צעהלען אלץ וואָס ער ווייס.

דער גלח אנטאָן, אָבער, כאָטש ער האָט געטרונקען אביסעל מעהר פון יאָשקע׳ן, איז געווען ביי זיין פולען פארשטאנד. ווען ער האָט געהערט, אז עס קאָן זיין, אז דער פרעמדער איז א געוועזענער פּאָליאק, וועלכער האָט זיך מגייר געווען, איז ער געוואָ־רען אויסער זיך פון אויפרעגונג. ער האָט ארויסגעוויזען גרויס אומגעדולד, און ער האָט איהם גענומען אויספרע־גען מעהר איינצעלהייטען.

— איך זאָג אייך, פּאָטערל, אז אָט דער פרעמדער איז ניט קיין איד! ער איז געווים א... א קריסט! — האָט יאָשקע ארויסגעשטאמעלט — מיך וועט מען ניט נארען!

— א קריסט זאָגסטו, איז ער? ווי רופט מען איהם?

— זיין נאָמען איז אברהם! מיין אינגעל רופט איהם אברעמיל! מיין אינגעל, בערקע, האָט איהם ניט ליב, איהר ווייסט דאָך, פּאָטער, אז מיר גלויבען, אז א איד דארף זיך האלטען ביי זיין אמונה, און א קריסט דארף זיין א קריסט!

— און איך זאָג אייך אזוי! — האָט דער גלח אויסגערופען — אודאי דארף א זשיד בלייבען א זשיד און א קריסט בלייבען א קריסט!... אָבער וועלכער קריסט וועט וועלען בייטען זיין אמונה אויף א אידישער?

— אָט זעהט איהר דאָך! קיין אידיש ריידען קאָן ער ניט, פּויליש, יע! און ער הויבט נאָך א האנט אויף מיין אינגעל! האָט איהר געהערט א חוצפּה?

— איך בין זעהר נייגעריג איהם צו זעהן! — האט דער גלח זיך אנגערופען.

— איהר קאנט איהם זעהן! ער געפינט זיך אין אונזער בית המדרש, יע, אין דעם גרעסערען בית המדרש. דארט זיצט ער און לערענט און דאווענט! א קריסט דארף בלייבען א קריסט! אזוי זאג איך אלע מאל...

— דו ווייסט דאך, יאשקע, אז איך קאן ניט אריין צו אייך אין בית המדרש! — האט דער גלח געזאגט — איך בין אבער זעהר נייגעריג איהם צו זעהן!

— איהר קאנט אריינקוקען דורכ'ן פענסטער. איך וועל אייך זאגען ביי וועלכער זייט ער זיצט. איצט זיינען די פענסטער אפען, קאנט איהר אריינקוקען אינוועניג.

— אבער איך וויל ניט, אז מען זאל מיך זעהן!

— ווארט צו נאך א ווייל, ווען אלע אידען, אפילו נאר די פרומע וועלען פארלאזען דעם בית המדרש דאן בלייבט ער איבער אליין, וועט איהר איהם קאנען זעהן!

דער גלח אנטאן מיט זיין דיקען בויך און ברייטען קארק, האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און ער האט גענומען ארומגעהן איבער דעם צימער הין און צוריק. ער האט געטראכט פון דעם, וואס יאשקע האט איהם נאר־וואס דערצעהלט. ווען דאס וואלט נאר געווען אמת, ווען איהם געלינגט צו אנטדעקען א פאליאק, וועלכער האט זיך מגייר געווען, וואלט עס זעהר שטארק צונוץ געקומען. ער ווייסט, אז דער בישאף האט פון איהם געקראגען זעהר ניט קיין געהויבענע מיינונג. ווייזט אויס, אייניגע פון די יונגע מיידלאך האבען זיך באקלאגט אויף איהם. אמת, דער בישאף האט איהם קיינמאל ניט אויסגערעדט אבער פארשטעהן פארשטעהט ער, אז ער איז ניט אזוי פריינטליך צו איהם ווי געווען. דעריבער וואלט פאר איהם געווען ווי געוואונשען צו קומען צום בישאף און איהם דערצעהלען, אז ער האט אנטדעקט א פאליאק, וועלכער האט אנגענומען דעם אידישען גלויבען. דערמיט וואלט ער איהם געוויזען, אז ער האלט זיינע אויגען אפען צו אלץ וואס קומט פאר ביי די זשי־דעם, און אז ער האט ניט גערוהט ביז איהם איז געלונגען אלץ צו אנטדעקען. ער איז געווען זעהר צופרידען וואס ער האט באשלאסען צו באזוכען יאשקע'ן אין אזא צייט ווען ער איז געווען אויפגערעגט אויף דעם פרעמדען, ווען ניט דאס, וואלט ער איהם ניט דערצעהלט. עס קאן זיין, אז ווען ער איז ניכטער וואלט ער אפשר אויך ניט געוואלט איהם אנטדעקען אזא זאך...

אנטאן האט זעהר געוואלט אנקוקען דעם פרעמדען. ער איז געווען זיכער לויט יאשקע'ס דערצעהלען, אז ער איז געווען א פאליאק. ער האט נאך ניט געזעהן א אידען, וועלכער זאל ניט קאנעןריידען קיין אידיש און רעדט אזוי גוט פויליש ווי יאשקע האט איהם איבערגעגעבען. איצט איז די פראגע ווי קומט מען צו צו איהם, אז קיינער זאל דאס ניט באמערקען. ער האט געוואוסט, אז אויב די זשידעם וועלען אויסגעפינען, אז מען האלט אן אויג אויף דעם פרעמדען וועלען זיי איהם באהאלטען. זיי קאנען איהם אוועקשיקען ערגיץ אנדערש, און ער וועט דורך דעם פארלירען א גאלדענע געלעגענהייט...

— הער זיך איין, יאשקע — האט זיך דער גלח צו איהם געווענדעט — איך וועל דיך האלטען פאראנטווארטליך פאר דעם פרעמדען... קיינער, אויסער דיר, ווייסט דאך ניט, אז איך פארדעכטיג דעם פרעמדען, אז ער איז געווען א פאליאק און אויב ער וועט פלוצלונג פארשווינדען, וועל איך וויסען, אז דו האסט אונזער סוד אויסגעגעבען, און דו וועסט שוין קריגען דיין שטראף פאר דעם.

— א, פאטערל, איך וועל קיינעם ניט דערצעהלען — איך בין זיך מודה, אז איך האב איהם פיינט, און אז איך וואלט זעהר געוואלט מען זאל איהם פון דאנען אוועקנעמען. ווען איך וואלט ניט געוואלט, אז איהר זאלט וועגען דעם וויסען, וואלט איך דאך אייך ניט דערצעהלט!

— דאס איז ריכטיג האט אנטאן צו איהם געזאגט — איך וועל שוין זעהן, אז דו זאלסט קריגען א גוטע באלוינונג. אבער דו וועסט מיר דארפען העלפען אויסצוגעפינען דעם אמת. איך וואלט איצט וועלען צוגעהן צו

דעם בית המדרש, און איך וואלט געוואלט זיין איבערצייגט, אז דארט געפינט זיך קיינער ניט אויסער איהם.

— זאל דער פאטער בלייבען דא א ווייל‎ע — האט יאשקע געזאגט — מיין עלטערער אינגעל וועט זיך צוריקקערען באלד פון חדר, וועל איך איהם שיקען צום בית המדרש. ער וועט ארייכקוקען אין בית המדרש דורכ'ן פענסטער און וועט זיך צוריקקערען און זאגען אויב עס איז דארט פאראן אימיצער אויסער דעם פרעמדען.

אנטאן איז פארבליבען מיט איהם, אבער ער איז געווארען זעהר אונגעדולדיג. ער האט שטארק געוואלט זעהן דעם פרעמדען אויף וועמען יאשקע האט געזאגט, אז ער איז זיכער, אז ער איז געוועזן א פאליאק. ער איז ארומגעגאנגען איבער'ן צימער הין און צוריק. יאשקע האט דערווייל געזאגט זיין ווייב, אז זי זאל אריינברענגען עפעס צובייסען.

דער גלח האט גענומען נאך א גלעזעל שנאפס און ער האט פארביסען מיט א זעמעל וואס איז נאך פארבליבען פון שבת.

באלד איז אריינגעקומען בערקע עסען אנבייסען. יאשקע האט איהם אריינגערופען צו דעם גלח אנצייגענדיג אויף בערקע'ס באק:

— איהר זעהט, פאטערל, זיין באק איז נאך אלץ געשוואלען פון דעם פאטש וואס ער האט איהם געגעבען! איך וועל איהם ניט שענקען דערפאר!

— דו טו דערווייל גארניט! — האט דער גלח איהם געזאגט — איך וועל שוין זעהן, אז ער זאל קריגען וואס ער פארדינט. איך וויל בלויז איהם אנקוקען.

— יע, בערקע! — האט יאשקע שניידער זיך צו איהם אנגערופען — לויף צו צום בית המדרש, און טוט א קוק דורכ'ן פענסטער און זעה אויב אימיצער איז דארט פאראן אויסער דעם פרעמדען. געה ניט אריין אינווייניג, נאר דורכ'ן פענסטער און זיי פארזיכטיג, אז קיינער זאל דיך ניט באמערקען. פארשטעהסט, דאס פאטערל וויל כאפען א קוק אויף דעם פרעמדען. קעהר זיך באלד אום צוריק און זאג קיינעם ניט וועגען דעם.

בערקע איז ארויסגעלאפען פון הויז און ער האט געטאן וואס זיין טאטע האט איהם געהייסען. ער האט זיך באלד צוריקגעקערט פון דארט און געזאגט, אז איצט איז אין בית המדרש קיינער ניטא, אויסער דער פרעמדער. ער האט איהם אויך געזאגט פון וועלכען פענסטער ער קאן איהם גוט אנקוקען.

דער גלח איז ארויס פון יאשקע'ס הויז און האט זיך לאנגזאם אוועקגעשפאצירט צו דער ריכטונג פון בית המדרש. ער איז געגאנגען דורך די זייטיגע געסעלאך ביז וואנען ער איז צוגעקומען צו דעם בית המדרש. ער האט זיך ארומגעקוקט און ווען ער האט זיך איבערצייגט, אז קיינער באמערקט איהם ניט האט ער אריינגעקוקט דורכ'ן פענסטער. ער האט געזעהן ווי א יונגערמאן, מיט א רונבערדיל מיט פאות שטעהט איבער א שטענדער אויף וואס עס ליגט א גרויסער ספר און לערנט מיט גרויס פארטיפונג. ער שאקעלט זיך און זינגט דערביי אן אומעטיגען ניגון. א היבשע ווייל איז דער גלח געשטאנען און באאבאכטעט דעם יונגען מאן. ער האט געקאנט זעהן זיין פנים זעהר גוט, אבער ער האט ניט געקאנט באשטימען צי זיין פנים איז אן עכט אידישער אדער ניט. וואס מעהר ער האט אויף איהם געקוקט, אלץ מעהר האט זיך איהם געדוכט, אז ער באזיצט פוילישע שטריכען. ער האט געווארט אויף א געלעגענהייט צו קאנען זעהן זיינע אויגען, אבער דאס האט זיך איהם ניט איינגעגעבען.

כאטש דער גלח, אנטאן, האט ניט געקאנט אויף זיכער באשטימען צי דער פרעמדער איז איינער פון זיי צי ניט, האט ער אבער ביי זיך באשלאסען, אז ער איז געווים א קריסט, ווייל אויב ניט, וואלט דאך יאשקע איהם ניט פארדעכטיגט. ער האט דעריבער ביי זיך אפגעמאכט, אז ער זאל זעהן צו קריגען א געלעגענהייט מיט איהם דורכצוריידען זיך. ער וועט אבער דאס מוזען טאן אזוי, אז ער זאל זיך ניט קאנען ארויסדרעהען פון זיינע הענט. ווייל אויב ער וועט אויסגעפינען, אז מען פארדעכטיגט איהם, וועט ער אנטלויפען פון דאנען. ער מוז דעריבער האנדלען זעהר פארזיכטיג. ער האט זיך אומגעקערט צו־

יאשקע'ן און איהם געזאגט, אז ער גלויבט, אז ער מאכט א טעות! לויט זיין פנים קוקט ער אויס צו זיין אן עכטער איד!

— ביי מיר איז אבער קיין צווייפעל ניט, אז ער איז ניט קיין געבארענער איד, האט יאשקע דער שניידער זיך אנגערופען — איך בין איבערצייגט אין דעם!

אנטאן, דער גלח, האט אבער געזוכט צו שאפען דעם איינדרוק, אז ער איז גארניט פאראינטערעסירט אין דעם, ווייל אויב ער וועט איהם זאגען, אז ער גלויבט אויך אזוי, קאן זיין, אז דער שניידער וועט שפעטער חרטה האבען, און דאן וועט ער אליין איהם לאזען וויסען, אז ער איז אונטער פארדאכט און דערמיט איהם געבען אנצוהערען, אז ער זאל אנטלויפען.

— פון דעם וואס ער רעדט גוט פויליש, איז נאך ניט קיין באווייז, אז ער איז א געוועזענער פאליאק. איך קען א סך אידען, וועלכע ריידען א גוטען פויליש! — האט דער גלח זיך אנגערופען.

— אבער וואו האט איהר געהערט, פאטערל, אז א אידישער לערנער זאל קענען ריידען גוט פויליש און שלעכט אידיש?

— עס זיינען פאראן אויך אזעלכע! — האט דער גלח געזאגט — יע, אויב דו וועסט אויסגעפינען נאך עפעס וועגען איהם וואס וועט זיין מעהר איבערצייגענד, זאלסטו אזוי גוט זיין און מיר לאזען וויסען. דיין באלוינונג וועסטו שוין קריגען.

דער גלח האט באשלאסען דערווייל מיט קיינעם ניט צו ריידען וועגען דעם, ניט אפילו מיט דעם גראף און זיין משפחה, ווייל זיי קאנען מאכען אן איבערגעאיילטען שריט און דאן וועט ער פארלירען די געלעגענהייט. ער האט געוואלט, אז דער בישאף זאל וויסען, אז ער האט דאס אנטדעקט. ער האט דעריבער באשלאסען צו פאהרען קיין ווילנא, און אליין איבעררייד ער מיט דעם בישאף וועגען דעם. ער זאל איהם געבען די ערלויבניש איהם צו ארעסטירען, און דאן וועט ער אליין אנפירען די אויספארשונג.

ווען ער איז געקומען צום בישאף אין פאלאץ, האט ער דערפיהלט, אז ער נעמט איהם אויף זעהר קאלט.

— אנטאן! — האט דער בישאף זיך צו איהם אנגערופען — איך האב געהערט איינינגע קלאגען געגען דיר.

— איך מוז דיר זאגען, אז ווען איך האב דאס געהערט צום ערשטען מאל, האב איך דאס ניט געגלויבט, איך האב געמיינט, אז דיינע שונאים האבען דאס אויף דיר אויסגעטראכט, אבער איך האב דא ניט לאנג געקראגען אן עהנליכע קלאגע... און איך האב געפלאנט צו שיקען נאך דיר, דו זאלסט מיר געבען אן ערקלערונג.

— איך ווייס נאר איין זאך, העד בישאף, אז איך האב פילע, פילע שונאים, און דעריבער ווייס איך ניט וואס פאר ערקלערונג צו געבען. איך דארף פריהער אויסגעפינען אין וואס מען באשולדיגט מיך, און ווער איז מיין באשולדיגער, דאן וועל איך וויסען וואס צו ענטפערען.

— דו קאנסט זיך אנשטויסען, אז דיינע באשולדיגער ווילען ניט אנגעבען זייערע ריכטיגע נעמען. איך האב אט די אלע באשולדיגונגען געקראגען שריפטליך, און איך ווייס ניט פון וועמען זיי קומען.

— אט דאס אליין, הייליגער בישאף ווייזט מיין אומשולד! — האט אנטאן מיט א שמייכעל געזאגט — איך בין זיכער, אז דאס שטאמט פון די זשידעס, אדער פון די וועלכע זיינען באאיינפלוסט פון די זשידעס.

— צו מיר זיינען דערגאנגען קלאנגען, אז עפעס איז פארגעקומען צווישען דיר און א פראנצויזישער מיידעל מיט'ן נאמען ראשיל, און וואס אויך דער גראף פאטאצקי איז געווען פארמישט. איז דאס אמת?

— יע, עס איז אמת, אבער בלויז א העלפט דערפון! — האט אנטאן געזאגט.

— וואס מיינטסו?

— איך מיין, אז עס איז אמת, אז איך בין פארמישט אין דעם, אבער ניט ווי מיינע שונאים ווילען עס האבען. פארקערט, העד בישאף, ווען איהר וועט אויסגעפינען דעם אמת, וועט איהר זעהן, אז איך פארדין געלויבט צו ווערען פאר דעם, און געוויס ניט געטאדעלט צו ווערען. איך האב אויסגעפונען, אז צווישען דעם גראף פאטאצקי און אט דער ראשיעל, איז עפעס פארגעקומען, זי האט זיך

פאר מיר מתודה געווען און זי האט מיר אלץ דערצעהלט. בין איך אוועק צו דעם גראף פאטאצקי, און איהם גוט אויסגע׳מוסר׳ט, און איך האב אויף איהם געווירקט, אז ער זאל זי אוועקשיקען צוריק קיין פראנקרייך, אוי א׳נגאנצען אפברעכען זיינע באציהונגען מיט איהר. נו, איצט קאן איך דעם בישאף באריכטען, אז מיר איז דאס געלונגען. דער גראף האט מעהר ניט וואס צו טאן מיט איהר... אבער מיינע שונאים האבען גענומען די זעלבע געשיכטע און געזוכט צו מאכען א בלבול אויף מיר. יע, דאס מוז שטאמען פון די זשידעס, וועלכע ווייסען, אז איך מאך איצט אן אויספארשונג וועגען א געוויסען פאליאק, וועלכער האט פארלאזען אונזער אמונה, און איז געווארען א איד!

— וואס! ! — האט דער בישאף אויסגערופען — דו ווייסט פון אט אזא פאליאק!

— איך האלט דאס איצט טאקע ביי דער אויספארשונג. וואס מעהר איך האב זיך נאכגעפרעגט אלץ מעהר איבערציינגט בין איך, אז דאס איז אזוי.

— און וואו געפינט זיך אזא פאליאק? — האט דער בישאף מיט אויפרעגונג אין זיין שטימע אויסגערופען.

— דער דאזיגער אומווירדיגער פאליאק געפינט זיך אין דעם שטעטעל אידיע, וואו דער גראף פאטאצקי האט זיין זומער פאלאץ — האט אנטאן געזאגט.

— ביזטו אין דעם איבערציינגט?

אין אייניגע טעג ארום, בעת די אי־שונג בין איך געקומען צו דער איבערציינגונג, אז עס איז טאקע אזוי. פארשטעהט זיך, אז איך האב געהאנדעלט זעהר פארזיכטיג, ווייל איך האב ניט געוואלט, אז יענער פאליאק זאל ניט קריגען קיין געלעגענהייט זיך ארויסצודרעהען. יע, העבר בישאף, איך בין צו אייך געקומען אייך לאזען צו וויסען וועגען דעם און פון אייך פארלאנגען איהר זאלט מיר אין דעם ארויסהעלפען.

— וואס זאל איך טאן? — האט דער בישאף איהם געפרעגט.

— איך וויל, אז מען זאל איהם ארעסטירען און האלטען אונטער א שטרענגער וואך. איך וויל האבען א געלעגענהייט מיט איהם זיך דורכצורייען, איך בין זיכער, אז מיר וועט געלינגען אויסצוגעפינען דעם אמת.

— ווייזט אויס, אז דו אליין ביזט נאך אויך אין צווייפעל! — האט דער בישאף צו איהם זיך אנגערופען — און אט דא נאר וואס האסטו מיר געזאגט, אז דו ביזט איבערציינגט, אז ער איז געווען א פאליאק!

— געוויס בין איך איבערציינגט, אבער איך וויל אויסגעפינען אלע אומשטענדען, ווער עס איז אין דעם שולדיג, כדי די אלע שולדיגע זאלען באקומען זייער פארדינטע שטראף!

— גוט, איך וועל דאס לאזען וויסען דעם פאליציימייסטער און איהם בעטען ער זאל דיר מיטגעבען פאליציי און טאן אלץ וואס דו וועסט זיי הייסען!

באלד האט זיך דער בישאף געשטעלט אין פארבינדונג מיט דעם פאליציי מייסטער. ער איז טאקע צו איהם צוגעפאהרען מיט דעם גלח און ער האט איהם ערקלערט וועגען וואס עס האנדעלט זיך.

דער פאליציימייסטער איז אויך געווען שטארק אויפגעקאכט ווען ער האט דאס געהערט, און ער האט מיטגעשיקט דריי פאליציי בעאמטע צו פאהרען נאך אידיע צוזאמען מיט אנטאן, דעם גלח און טאן אלץ וואס ער וועט זיי הייסען.

אין אייניגע טעג ארום, בעת די אידען האבען נאר־וואס געענדיגט דאווענען דעם צווייטען מנין, זיינען זיי איבערראשט געווארען ווען די טיר פון בית המדרש האט זיך געעפענט און א גלח מיט א צלם אויף זיין הארצען איז אריינגעקומען און האט מיט לאנגזאמע טריט גענומען צוגעהן צו דעם פלאץ וואו אברהם איז געשטאנען אנגעטאן אין זיינע תפילין און געלערנט גמרא.

אברהם איז געווען אזוי פארטיפט אין לערנען, אז ער האט גארניט געפיהלט, אז אימיצער שטעהט נעבען איהם.

אין בית המדרש איז פלוצלונג שטיל געווארען. אלעמענס הערצער האבען גענומען קלאפען האסטיג פון שרעק. אלעמענס אויגען זיינען געווען געווענדעט צו יענער ריכטונג, וואו דער גלח איז געשטאנען און מיט דורכדרינגענדע בליקען באטראכט דעם פרעמדען לערנער.

די אנגעצויגענע שטילקייט האט באַוואויגען אברהם'ן אויפצוהויבען זיין קאָפּ פון דער גמרא, און ער האט דערזעהן נעבען זיך דעם גלח אנטאָן קוקענדיג אויף איהם מיט דורכדרינגענדע שפּיזען שאַרפע בליקען.

א קאלטער שוויס האט באגאָסען אברהם'ס קערפּער. ער איז געבליבען שטעהן פארגליווערט.

דער גלח האָט פון איהם זיינע אויגען ניט ארונטערגענומען. ער איז געשטאנען נעבען איהם און איהם אריינגעקוקט אין די אויגען.

— ווער ביזטו? — האָט דער גלח אויסגערופען מיט א נידעריגע אָבער שטרענגע שטימע אין פּויליש.

אברהם האט אַנגעווענדעט זיינע אויגען צום באָדען און האָט איהם ניט געענטפערט.

— אויב דו וועסט מיר ניט זאָגען ווער דו ביזט, און פון וואנען דו קומסט, וועל איך דיר הייסען ארעסטירען.

אברהם, וועלכער האָט נאָך אלץ געשוויגען, האט זיך גענומען עטוואָס בארוהיגען.

ווי איהם שיינט האָט ער איהם ניט דערקענט. אויב אזוי האָט ער ניט וואָס מורא צו האָבען. ער וועט זיך מאכען, אז ער פאַרשטעהט ניט קיין פּויליש. ער האָט א שאָקעל געטאָן מיט זיין קאָפּ אלס צייכען, אז ער פארשטעהט ניט וואָס ער רעדט, האלטענדיג אין דער זעלבער צייט זיינע אויגען געווענדעט צום באָדען.

— ווען ווילסטו איינריידען, אז דו קאָנסט ניט ריידען קיין פּויליש! איך וויים, אז דו רעדסט זעהר גוט פּויליש ווי אן עכטער פּאָליאק. זאָג מיר ווער ביזטו?

— וואָס וויל דער גלח האָבען פון איהם! — האָט זיך איין איך אַנגערופען אין דער שטיל צו א צווייטען.

— זאָל איך אזוי ויסען פון צער! האָט איהר געהערט אזא זאך, ארייגצוקומען אין בית המדרש מיט זיין גרויסען צלם, דאָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרען! — האָט נאָך א איד א ברום געטאָן — וואָס הייסט ער וועט אריין אין א מקום קדוש און גאָרניט! לאָמיר איהם פרעגען וואָס ע. פארלאנגט!

— זעהט איהר דען ניט וואָס ער וויל? ער איז דאָך צוגעגאנגען צו דעם פרעמדען. ער רעדט צו איהם, אָבער עס ווייזט אויס, אז ער פארשטעהט א וואָרט ניט וואָס ער רעדט. אַט וועל איך צוגעהן און איהם זאָגען, אז איך וועל איבערזעצען פאר איהם וואָס ער וויל איהם זאָגען, ווייל ער פארשטעהט דאך ניט קיין פּויליש.

דער איד האָט זיך גענומען דערנעהנטערען, אָבער ווי ערשטוינט זיינען אלע אידען פון בית הדרש געוואָרען, ווען, זיי האָבען געזעהן ווי דער גלח קערט זיך אום צו דער טיר, און שווייגענדיג פארלאָזט ער דעם בית המדרש. זיי האָבען זיך א לאָז געטאָן צו אברהם'ן און איהם גענומען פארוואַרפען מיט פראגעס.

איידער אברהם האָט באוויזען אויסצוריידען א וואָרט, האָט אימיצער א געשריי געטאָן:

— פּאָליציי קומט!

ווידער אמאָל איז געוואָרען א טויט שטילקייט אין בית המדרש. דריי פּאָליציילייט זיינען אריינגעקומען אין בית המדרש. נאָך זיי איז געגאנגען דער גלח, וועלכער האָט אַנגעוויזען אויף דעם פרעמדען...

די פּאָליציית לייט האָבען איהם א נעם געטאָן.

— וואָס ווילט איהר פון מיר! — האָט אברהם אויסגערופען מיט א נידריגער שטימע, אין פּויליש.

— קום! דו וועסט שוין זעהן! — האָט איין פּאָליציי מאן א זאָג געטאָן.

— אהא, ער קען יע פּויליש! — האָט דער גלח אויסגערופען — און מיט א ווייל'ע פריהער האָט ער געוואָלט מאכען דעם איינדרוק, אז ער רעדט ניט קיין פּויליש!...

— איך בעט אייך, זאָגט מיר, פארוואָס ארעסטירט איהר מיך? — האָט זיך אברהם צו זיי אַנגערופען עטוואָס העכער.

— וואַרט, דיין שטימע איז מיר באַקאַנט! — האָט דער גלח אויסגערופען — איך בין זיכער, אז איך קען דיך! אז איך האָב דיין שטימע געהערט אמאָל!

דער גלח האָט זיך גענומען צו איהם גוט צוצוקוקען. ער האָט איהם אריינגעקוקט אין פּנים און אין די אויגען, און פּלוצלונג האָט ער זיך גענומען צלמ'ן, און אויסשרייען: דאָס איז דאָך דער יונגער גראף פּאָטאָצקי! וואַלענטי, דו ביזט עס געוואָרען א זשי־

דעס. דו טראגסט אט די דאזיגע זאכען אויף דיין קאפ! — האט ער אנגעוויזען אויף די תפילין!

— איך ווייס ניט וואס דו רעדסט!

— האט וואלענטי זיך אנגערופען — איך קום פון גאנץ ווייט, איך בין ניט קיין פאליאק. איך קען גוט פויליש, ווייל ביי אונז איר הויז איז געווען א פוילישע דינסט!

— מיך וועסטו ניט נארען! איך קאן קיינמאל ניט פארגעסען קיין פנים! יע, איך קאן שווערען ביי מיין הייליגען צלם, אז דאס ביזטו, וואלענטי פאטאצקי!

די אידען, וועלכע האבען זיי ארומגערינגעלט זיינען געווארען דערשטוינט צו הערען אזעלכע רייד פון דעם גלח! איז דאס מעגליך, אז עס איז אמת!

זיי האבען געזעהן ווי דאס פנים פון דעם פרעמדען איז טויט בלאס געווארען, און זיין גאנצער קערפער האט זיך אנגעפאנגען צו טרייסלען.

— הייליגע מוטער, מאריע! — האט זיך דער גלח ניט אויפגעהערט צו צלמ'ן — וואס האט דא פאסירט צו דעם יונגען גראף פאטאצקי!

די דריי פאליציי ליוט, וועלכע האבען געהאלטען אברהמ'ן ביי זיין האנט, האבען אנגעשטעלט זייערע אויגען און געשאקעלט מיט די קעפ.

— איך לויף אנזאגען ר' לייזער'ן — האט דער שמש זיך אנגערופען צו איינעם פון די אידען אין דער שטיל — איך האף, אז ער וועט דא נאך בלייבען ביז וואנען ר' לייזער וועט אנקומען.

דער שמש איז שנעל געלאפען צו ר' לייזער'ן אין הויז. ווען ער איז דארט אנגעקומען האט ער אויפגעעפענט די טיר און אויסגערופען: "איז ר' לייזער דא".

רבקה און יהודית זיינען ארויסגעקומען און דערזעהענדיג דעם שמש איז א צושטאנד פון אויפרעגונג, זיינען זיי שטארק דערשראקען געווארען.

— וואס איז געשעהן! — האבען ביידע מיט אמאל אויסגערופען מיט שרעק.

— וואו איז ר' לייזער? — האט דער שמש ווידערהאלט זיין פראגע.

—ער איז מיט א ווייලע צוריק אוועק צו דער מיל! — האט יהודית געזאגט.

— אבער צו וואס דארפט איהר איהם אזוי דרינגענד? — האט רבקה איהם געפרעגט.

— המ... דער גלח און דריי פאליציי ליוט זיינען געקומען אין בית המדרש און ווילען ארעסטירען אברהמ'ן — האט דער שמש אויסגערופען — שנעלער, יהודית, לויף זאג אן דיין טאטען, אפשר וועט ער איהם נאך קאנען אפראטעווען פון זייערע הענט!

— אוי, מאמע! — האט יהודית א געשריי געטאן — גאט ווייסט וואס עס האט דארט פאסירט!

רבקה האט גענומען ברעכען מיט איהרע הענט, און איז געווארען היסטעריש.

— שנעלער יהודית, לויף, זאג אז דיין טאטען! — האט דער שמש זיך צו איהר אנגערופען — אפשר וועט איהם געלינגען איהם צו ראטעווען! איך וואלט געלאפען, אבער דו קאנסט געוויס לויפען שנעלער פון מיר!

יהודית איז אהן אטעם געלאפען צו איהר טאטען אין מיל. דער שמש האט זיך דערווייל צוריקגעקערט צום בית המדרש, און ווען ער האט פון ווייטען דערזעהן, אז דער המון איז נאך אלץ פארזאמעלט נעבען בית המדרש, האט ער פארשטאנען, אז מען האט נאך דעם פרעמדען ניט אוועקגעפירט.

ער איז צוגעקומען גאנץ נאהענט, און ער האט געהערט ווי איינינגע אידען שטעהען און ביטען זיך ביים גלח ער זאל איהם אפלאזען.

— דאס וועט אייך קיינעם ניט געשאנקען ווערען! — האט דער גלח אויסגערופען — איהר האט געהאלפען דעם גראפ'ס זוהן ווערען זשידעק!

— אידען האלט איהם אפ ביז ר' לייזער וועט קומען! — האט דער שמש זיך אנגערופען — לאמיר טאן אלץ וואס מעגליך און איהם ניט לאזען אוועקפירען פון דאנען איידער ר' לייזער קומט אן, איך האב געשיקט זיין טאכטער איהם אנצוזאגען, און ער וועט אנקומען יעדע רגע!

— ווי אזוי קאן מען איהם דא פארהאלטען! — האט איין איך אויסגערופען — אויב עס איז אמת וואס דער גלח האט נאר־וואס געזאגט, אז ער איז דעם גראפ'ס זוהן, וועלען דאך אונז קיין צרות ניט פעהלען!

— עס קאן ניט זיין! ער מאכט א טעות! — האט אן אנדער איד געזאגט — וואס הייסט דעם גראפ'ס זוהן וועט וועלען ווערען א איד! און דערצו וועט ער זיין א גרויסער למדן.

— מיר דארפען ריידען מיט דעם גלח און איהם ערקלערען, אז ער מאכט א טעות, אז דאס איז א איד, וועלכער זיצט שוין דא אין בית המדרש און לערענט א לאנגע צייט.

— וואס מיינט איהר, מען האט דאס איהם ניט געזאגט, — האט אימיצער אויסגערופען — אבער ער וויל פון גארניט וויסען, ער וויל איהם אוועקפיהרען פון דאנען! מען דארף איהם עפעס "נותן ביד זיין".

דאס דארף טאן ר' ליוזער אליין! מיר מוזען איהם פארהאלטען ביז וואנען ר' ליוזער קומט אן.

— איהר קאנט דאך ריידען גוט פויליש — האט זיך דער שמש געווענדעט צו איינעם פון די אידען — געהט צו צו איהם און ערקלערט איהם. אז אויב ער וועט וועלען צואווארטען א ווײלע וועט קומען אהער דער ארענדאר פון גראפ'ס מיל, וועט ער איהם אלץ ערקלערען.

דער איד איז צוגעגאנגען און האט אנגעהויבען צו ריידען צום גלח, ער האט איהם געבעטען ער זאל צואווארטען א ווײלע, באלד וועט אנקומען דער פאן זוסקעס, וועלכער איז ביים גראף גוט אנגעליינט, וועט ער געוויס אייך ערקלערען ווער אט דער פרעמדער איז, און איהר וועט איינזעהן, אז איהר מאכט א טעות!

— איך מאך שוין גאר קיין טעות ניט! — האט דער גלח אויסגערופען — איך קאן זעהן א מענש בלויז איינמאל און איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען זיין פנים! אפילו ווען ער זאל לאזען וואקסען א בארד און פאות... עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז ער איז דאס דער יונגער גראף פאטאצקי... און איך וועל איהם שוין ניט אפלאזען!

דער גלח אליין אבער האט ביי זיך ניט געקאנט באשליסען וואס צו טהאן! איצט, אז ער איז כמעט איבערציינגט, אז דאס איז דער יונגער גראף פאטאצקי, וואלט ער דאך באדארפט הייסען די פאליציי איהם אוועקפיהרען צום גראף'ס פאלאץ, און דארט וואלט מען דאך איהם באלד דערקאנט... האט ער אבער מורא געהאט, אז אויב ער וועט איהם ברײנגען צו דעם גראף, דאן וועט ער איז גאנצען ארויס פון זיינע הענט און ער וועט אפילו ניט באקומען קיין אנערקענונג פון בישאף, פאר זיין קלוגע האנדלונג. ניין, פריהער וועט ער הייסען איהם אוועקפיהרען קיין ווילנא, און דארט וועט ער זאגען, אז ער האט געמאכט א גענויע אויספארשונג, און אויסגעפונען, אז ער איז דער יונגער גראף וואלענטי, דאן וועט ער זעהן, אז דער גראף און זיין משפחה זאלען קומען איהם דערקאנען טאקע אין געפענגעניש.

ווייל ער האט זיך א היבשע ווײלע געשלאגען מיט דער דעה וואס צו טהאן מיט איהם, האט ער זיך ניט געאיילט אוועקצוגעהן פון דארט. ער האט אויסגעהערט וואס די אידען ריידען צו איהם, און ער האט געגעבען א וואונק צו די פאליציי, אז זיי זאלען איהם גוט היטען, כדי צו האבען אן אויסרייד פאר די פאליציי־לייט, פארוואס ער הייסט זיי ניט איהם ברײנגען צו דעם גראף אין פאלאץ, האט ער זיך צו זיי אנגערופען:

— עס קאן זיין, אז איך מאך א טעות, אז דאס איז ניט דעם גראף'ס זוהן, אבער איין זאך איז קלאר, אז ער איז ניט קיין איד, אז ער איז א פאליאק, וועלכער האט פארלאזען זיין אמונה און איז איבערגעגאנגען צו די זשידעס.

דערווייל איז צוגעקומען ר' ליוזער. ער איז געוועזן אויפגערעגט און דערשראקען. ער איז גלייך צוגעקומען צום גלח און מיט טרעהרען אין די אויגען זיך ביי איהם גענומען בעטען, אז ער זאל איהם אפלאזען, אז ער מאכט א טעות.

— ער איז א איד פון א וויטען לאנד! — האט ר' ליוזער געפרובירט איהם איינריידען — דאס איז א בלבול אויף איהם! איך וויים, אז ער האט דא געקראגען א סך שונאים און מען האט אויף איהם א בלבול געמאכט!..

דער גלח האט זיך פאנאנדערגעלאכט.

— מיך נארט מען ניט! איינער פון אייערע אידען האט מיר געזאגט, אז ער קאן קיין אידיש ניט, און אז ער רעדט א גוטען פויליש, האב איך ערשט

אליין געהערט. ער האט געוואלט פריהער ליקענען — האט דער גלח געזאגט.

אברהם איז געווען טויט בלאס און ווען ר׳ לייזער איז צו איהם צוגעגאנגען. האט ער אין לשון קודש א זאג געטהאן: "אכן נודע הדבר", מען ווייסט שוין!

— וואס טהוט מען?! — האט ר׳ לייזער אויסגערופען — מען האט דיך גע׳מסר׳ט! איך וועל פּרובירען איהם עפּעס נותן׳ען ביד!..

— איהר דארפט זעהן אנזאגען מיין חבר, אז די געפאהר איז זעהר גרויס און אז ער זאל זעהן וואס שנעלער צו אנטלויפען פון ווילנא — האט אברהם זיך אנגערופען צו ר׳ לייזער׳ן אין דער שטיל. — ער ווייסט שוין אלץ! ער האט מיך דערקאנט!..

— איך ווייס, אז יאשקע שניידער האט דיך גע׳מסר׳ט — האט ר׳ לייזער צו איהם געזאגט — ער האט איהם געזאגט, אז דו קאנסט ניט ריידען קיין אידיש! זאל גאט רחמנות האבען!

— איך בין גרייט אויף אלץ! — האט אברהם געזאגט — איך האב מורא, אז ער ווייסט שוין ווער איך בין! ער איז אבער כיטרע, ער וויל איצט מאכען, ווי ער צווייפעלט נאך.

— וואס פּלוידערסטו דארט צו איהם? — האט דער גלח געזאגט — נעהמט איהם אוועק פון דאנען. מיר וועלען איהם אפּפיהרען נאך ווילנא.

די פּאליציי האט איהם גענומען פיהרען. ר׳ לייזער איז צוגעלאפען צו דעם גלח און איהם אנגעבאטען א סומע געלט, אויב ער וועט איהם אפּלאזען, אבער דער גלח האט אויסגערופען:

— מיך וועסטו ניט אונטערקויפען, זשידאס!

דער גלח איז נאכגעגאנגען די באוואפענטע פּאליציי־לייט, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו א פוהר, וואס האט אויף זיי געווארט. די אידען זיינען געשטאנען צושראקענע, ניט ווימענדיג און ניט באגרייפענדיג וואס דא האט פּאסירט.

— ווער איז ער, טאקע אט דער פרעמדער? — האט איינער זיך אנגערופען צו ר׳ לייזער׳ן.

— וועה איז אונז, אז צווישען אונז געפינען זיך מוסרים! — האט ר׳ לייזער מיט טרעהרען אין די אויגען אויסגערופען.

באלד האט זיך באוויזען בערקע יאשעקס דעם שניידער. ווען ער האט געזעהן, ווי די פּאליציי פיהרט אוועק אברהם׳ען, האט ער זיך פאנאנדערגעלאכט. ער איז גלייך געלאפען אנזאגען זיין טאטע׳ן.

יאשקע דער שניידער איז געזעסען ביי זיין ארבייט, און דערזעהענדיג בערקע׳ן, האט ער אויסגערופען:

—פארוואס ביזטו ניט געגאנגען אין חדר?!

— אה, טאטע, דו האסט באדארפט זעהן, ווי מען האט געפיהרט אברהם׳לען, דריי פּאליציי־לייט מיט בלויזע שווערדען האבען איהם געפיהרט!

— אה, מען האט איהם ארעסטירט! — האט יאשקע אויסגערופען.

באלד איז אנגעקומען די מאמע, און דערזעהענדיג בערקע׳ן, האט זי איהם געפרעגט, וואס האט פּאסירט.

— אוי, מאמע, האב איך נאר וואס געזעהן נקמה אן דעם פרעמדען, וועלכער האט מיך געפּאטשט — האט בערקע מיט פרייד אויסגערופען — דער גלח איז געגאנגען פאראויס און דריי פּאליציי־לייט האבען איהם געפיהרט. איך בין צו איהם צוגעגאנגען...

— גוט פאר איהם! — האט יאשקע אויסגערופען — ער האט עס פארדינט!

— זאג מיר דעם אמת, יאשקע, האסטו איהם גע׳מסר׳ט? — האט זיין ווייב איהם געפרעגט.

— וואס דען, איך וועל דערלאזען, אז ער זאל פּאטשען אונזער אינגעל! איצט וועט ער שוין מעהר ניט הויבען קיין האנט אויף איהם.

— אוי וועה און ווינד איז מיר!

— האט די מאמע געבראכען מיט די הענט — וואס האסטו געטהאן, ווי אזוי מסר׳סטו דאס א אידען?!

— א שעהנער איד איז ער! — האט אשקע געלאכט — ער איז א געוועזענער גוי! ער איז א גר!

— נו, און אז א גר, דארפסטו איהם מסר׳ן? — האט זי ניט אויפגעהערט צו ברעכען מיט איהרע הענט — דו ווייסט, וואס דו האסט געטהאן?

— איך האב געזאגט, אז איך וועל

זיך נוקם זיין אַן איהם און איך האָב געהאַלטען מיין וואָרט. זאָל ר' לייזער ניט מיינען, אַז איך האָב מורא פאַר איהם!

— וואָס וועלען זיי צו ״יהם טהאָן!

— האָט זי אויסגערופען מיט היסטעריקע — געה שנעלער, יאָשקע, און זאָג דעם גלח, ער זאָל איהם ניט טשעפּען! דער גלח איז דאָך דיינער א פריינד! זעה, איך בעט דיך, איידער עס ווערט צו שפּעט! דו וועסט איהם נאָך דעריאָגען!

— וואָס מיינסטו, איך וועל זיך איצט געהן איינרייסען מיט דעם גלח! ער האָט אויסגעפונען, אַז ער איז א געוועזענער פּאָליאַק, האָט ער געהאַט א רעכט איהם צו לאָזען ארעסטירען!

—דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט! וואָס האָסטו געטהאָן? ווען מען וועט אויסגעפינען, אַז דו האָסט איהם גע׳מסר׳ט. וועט מען דאָך דיך פון שטאָדט ארויסיאָגען!

— זאָלען זיי פּרובירען זיך אָנפאַנגען מיט מיר! — האָט יאָשקע געזאָגט — דו וועסט נאָך זעהן, אַז דער גראף פּאָטאָצקי וועט מיר באַלוינען פאַר דעם, וואָס איך האָב דעם גלח אויסגעזאָגט, אַז צווישען אונז געפינט זיך איינער א געוועזענער פּאָליאַק.

— אָך און וועה וועט זיין צו דיר, ווען די אידען פון איליע וועלען אויסגעפינען, אַז דו ביזט דאָס דער מסור!

— ערשטענס, דארף דאָס קיינער ניט אויסגעפינען! — האָט יאָשקע געזאָגט — דער גלח וועט דאָך קיינעם ניט דערצעהלען.

— אויב דו וועסט גלייך ניט געהן בעטען דעם גלח, ער זאָל איהם אָפּלאָזען, וועל איך אליין דערצעהלען פאַר אלעמען — האָט זיין ווייב זיך צעשריען.

— וואָס, דו וועסט מיך מסר׳ן! — איז יאָשקע צו איהר צוגעגאַנגען — מעהר וועט דיר ניט פעהלען!

— אויב ביי דיר איז געוועזן רעכט צו פאַר׳מסר׳ן א אידען, אפילו זאָל זיין אַז ער איז געוועזן א גר, וועל איך אויסזאָגען פאַר אלעמען, דו הערסט!

— דו פּרוביר עפענען דיין מויל און איך וועל דיר אויסהאַקען אלע ציינער! — האָט יאָשקע אויף איהר א געשריי געטהאָן.

—דו קאָנסט נאָך איהם ראַטעווען! לויף שנעלער, איידער עס ווערט צו שפּעט!

— עס איז ניט דיין עסק! — האָט יאָשקע ווידער א געשריי געטהאָן אויף איהר — עס איז אונמעגליך פאַר מיר צו לויפען איצט צום גלח, ער וועט זיך אפילו אויף מיר ניט אומקוקען, ער וועט נאָך איין כעס ווערען אויף מיר און ער וועט מיר אפילו ניט וועלען מעהר טהאָן קיינע טובות! ניין, איך געה ניט!

— אָבער ווי אזוי קאָנסטו דערלאָזען, אַז מ׳זאָל ארעסטירען אַן אומשולדיגען אידען? — האָט זיין ווייב מיט היסטעריקע אויסגערופען.

דערזעהענדיג אַז זיין מאַמע וויינט און גיט אַן אזוי פיעל, האָט זיך בערקע אויך שטארק דערשראָקען. אין זיין קינדישען מח האָט זיך גענומען פּלאָנטערען די געשפּרעכען פון די אידען, וואָס ער האָט געהערט, זייערע געבעטען און געוויינען ביי דעם גלח און די פּאָליציי.

— טאַטע, געה בעט דעם גלח, ער זאָל איהם אָפּלאָזען — האָט בערקע זיך צו איהם געווענדעט.

— דו אויך! — האָט זיך יאָשקע אויף איהם צעשריען — די געשווילאָכץ פון דיין באַק איז נאָך ניט ארונטער. ער האָט דאָך דיך געפּאַטשט, דער דאָזיגער פרומאַק!

— ניין, טאַטע, עס איז ניט געוועזן זיין שולד! איך האָב זיך מיט איהם גערייצט. איך בין איהם דערגאַנגען די יאָהרען! איך האָב זיך צו איהם די גאַנצע צייט געטשעפּעט, איך האָב איהם ארויסגעבראַכט פון געדולד!

— נו, זעהסטו שוין! — האָט די שניידערקע אויסגערופען — דו הערסט דאָך, אַז ער אליין גיט צו, אַז ער האָט איהם ארויסגעבראַכט פון געדולד! איך ווייס, אַז דו אליין, יאָשקע, ביזט אין דעם שולדיג! דו האָסט בערקע׳ן געהייסען זיך טשעפּען צו איהם. ער האָט ארויסגעוויזען גענוג געדולד! און אויב ער איז איין מאָל ארויס פון געדולד און איהם א פּאַטש געטהאָן, האָט עס בערקע כשר פאַרדינט!

— איך האָב איהם פיינט געקראָגען פון דעם ערשטען טאָג, וואָס ער איז געקומען אין בית המדרש! — האָט יאָשקע אויסגערופען — ווען איך האָב

געזעהן, אז ער זיצט ביי דער גמרא דעם גאנצען טאג און וויל זיך אפילו ניט ארומקוקען אויף מיר, און ווען איך בין צו איהם צוגעגאנגען ריידען, האט מיר אויף צעהן ווערטער גענט־פערט איינעם, בין איך אויף איהם צארנדיג געווארען. איך האב אויף איהם זינט דאן געטראגען א שנאה און ווען איך בין איבערצייגט געווארען, אז ער איז גאר קיין איד ניט, אז ער איז א גר, האב איך באשלאסען זיך נוקם צו זיין אן איהם.

— ווייסטו דען, וואס דו האסט גע־טהאן? דו האסט דאך איהם אומ־גליקליך געמאכט! — האט זיין פרוי זיך אנגערופען — אויב עס איז אמת, אז ער איז א גר און זיי וועלען דאס אויסגעפינען, ווייסט נאר איין גאט וואס זיי וועלען צו איהם טהאן! דו מיינסט, אז עס איז א קלייניגקייט! ביי זיי איך דאך דאס דער גרעסטער פארברעכען!

— עס איז גארניט מיט גארניט! אלץ וואס ער וועט דארפען טאן איז צוריק ווערען א גוי, און זיי וועלען איהם אפלאזען — האט יאשקע זיך אנגערופען. — איך האב שוין געהערט פון אזעלכע פאלען -

— ביי דיר איז עס גארנישט — האט זי געשריען — אבער דו ווייסט דאך וואס פאר א פרומער איד ער איז געוועזן. ווי אזוי וועט ער צו־ריק קענען ווערען א גוי!

—קיין גרעסערע אומגליק זאל ניט זיין! — האט יאשקע אויסגערופען — מיר וועלען גארניט פארלירען, אויב ער וועט צוריק ווערען א גוי!

— דו ביזט א גראביאן, א שניידע־רוק! דו האסט ניט מורא פאר גאט!
— האט זי זיך ווידער צעשריען — אויב דו וועסט איהם ניט געהן ראַ־טעווען, וועל איך פאר אלעמען דער־צעהלען וואס דו האסט געטהאן, דו הערסט, דו ביזט אין גאנצען שולדיג! איך וויים, אז דו האסט בערקע'ן און די אנדער קינדער אנגערייצט געגען איהם... ער איז אומשולדיג! ער האט קיין פליג אויף דער וואנט ניט אנגע־ריהרט און דו ביזט אויף איהם אין כעס געוועזן פאר גארניט, ווייל דו קאנסט ניט דולדען קיין איידעלען גע־לערנטען מענשען! איך קאן דיך זעהר גוט!

אפשר געפעלט דיר גארניט דער שידוך, — האט יאשקע זיך א קרים געטאן, — אויב אזוי קאנסטו זיך געהן פון דאנען! איך ארבייט שווער און ביטער כדי דיר צו באזארגען מיט עסען, מיט א שוד און קלייד, און ביי דיר איז עס אפילו ניט אנגעלייגט.

ניכאי וואלט איך בעסער אויסגע־בראכען א פוס איידער צו געהן מיט דיר צו דער חופה! א גליק האט מיר געטראפען... יאשקע שניידערוק! א גראבער יונג, א מסור!

יאשקע איז צו איהר צוגעגאנגען און ארונטערגעלאזען א פאטש...

— נא, אט האסטו פאר דיין גרוי־סען מויל.

די שניידערקע איז ארויסגעלאפען פון הויז, און יאשקע איז איהר נאכ־געלאפען. ער האט זי א כאפ געטאן פאר דער האנט און זי גענומען שלע־פען צוריק.

— אויב דו וועסט באלבענען מיט דיין צונג, וועל איך דיר דיינע ביינער צעברעכען!

בערקע האט זיך גענומען בעטען ביי זיין טאטען ער זאל זיין מאמען קיין שלעכטס ניט טאן. יאשקע אבער, האט איהם א בריק געטאן מיט זיין פוס, און ער האט ניט אויפגעהערט צו שרייען אויף זיין ווייב, אז אויב זי וועט וואגען ריידען וועט ער זי ארויס־יאגען פון זיין הויז.

דערווייל האט זיך אין איליע אפ־געטאן חשד. די אידען וועלכע הא־בען געהערט אז ווי דער גלח אנטאן האט איהם דערקאנט און געזאגט, אז ער איז דעם גראף'ס זוהן, זיינען פאר־ציטערט געווארען. זיי האבען ניט געוואוסט וואס איבערצוטראכטען. איז דאס מעגליך, אז דער יונגער גראף פאטאצקי איז געווארען א איד!

אלע אידען פון איליע האבען זיך פארזאמעלט אין בית המדרש און ארומגערינגעלט ר' לייזער'ן, וועלכער האט געוויינט און געקלאגט.

— אוי, וואס פאר אן אומגליק, — האט ער געיאמערט, — ווער וואלט זיך געריכט, אז א איד זאל איהם מסר'ן?

— ווער האט איהם גע'מסר'ט? — האט מען איהם פארווארפען מיט פרא־גען.

ווער האט איהם גע'מסר'ט? וואס פארשטעהט איהר ניט? ווער האט זיך

**אויף** איהם אנגעזעצט די גאנצע צייט אויב ניט יאשקע שניידער! ער האט דאך אנגעשיקט אויף איהם זיין אינגעל ער זאל איהם דערגעהן די יאהרען.

— מען טאר ניט זאגען אזא זאך איידער מען איז זיכער, — האט איהם אימיצער פארגעווארפען.

— איך בין זיכער, אז דאס איז זיין ארבייט. דער גלח אנטאן האט מיט א פאר טעג צוריק פארבראכט ביי איהם, און וואנען האט דער גלח געוואוסט, אז ער קאן ריידען פויליש און איהם איז שווער צו ריידען אידיש. יא, יאשקע האט מיר געסטראשעט, אז ער וועט זיך מיט איהם אפרעכענען. ער האט מיר געזאגט, דאס זעלבע וואס דער גלח האט געזאגט, אז ער רעדט גוט פויליש. יא, ער, יאשקע האט אויף אונז אלעמען אן אומגליק געבראכט.

— איך וואלט געזאגט, אז מען זאל איהם צווינגען צו געהן צום גלח און איהם בעטען ער זאל איהם באפרייען.

— איך האב שוין מורא, אז עס איז שוין צו שפעט, — האט ר׳ לייזער געזאגט, — איך האב איהם אנגעבאטען א גרויסע סומע געלט און עס האט ניט געהאלפען. איך בין וויליג אוועקצוגעבען אלץ וואס איך פארמאג אבי איהם צו ראטעווען.

איצט קאנט איהר דאך אונז זאגען דעם אמת, — האט זיך נאך איינער צו איהם אנגערופען, — מיר האבען דאך געהערט ווי דער גלח האט זיך צו איהם געווענדעט און געזאגט, אז ער דערקאנט איהם אלס דעם זוהן פון דעו גראף פאטאצקי, און אברהם האט ניט געמאכט קיין שטארקען פארזוך צו לייקענען.

— וואס איז דא צו ריידען. מיר מוזען איהם ארויסראטעווען פון גוי,אישע הענט. מיר טארען ניט שווייגען, ווייל גאט ווייסט וואס איהם ערווארט...

— איך גלויב נאך אלץ ניט, אז ער זאל זיין דעם גראף׳ס זוהן, — האט דער שמש אויסגערופען, — איך האב דאך נאכגעפאלגט און איך האב געזעהן, אז מען פיהרט איהם אויף דעם וועג צו ווילנא... ווען ער וואלט ווירקליך געווען דעם גראף׳ס זוהן, וואלט מען איהם דאך געפיהרט צום גראף אין פאלאץ, איך מיין טאקע דא אין זיין זומער פאלאץ, ווייל יעדער איינער ווייסט, אז דער גראף און זיין משפחה געפינען זיך איצט אין איליע.

— ווער ווייסט וואס פאר א כונות דער גלח האט, — האט זיך ר׳ לייזער אנגערופען, — מיר דארפען איהם אנזאגען און ווידער מאכען א פארזוך איהם אנצובאטען א גרויסע סומע געלט. אפשר וועט עס העלפען. מיר דארפען עס אבער טאן אזוי, אז די פאליציי זאל עס ניט הערען, ווייל ער וועט ניט וועלען אז זיי זאלען וויסען, אז מען האט איהם אונטערגעקויפט. ר׳ מענדעל, איהר וואוינט דאך דא דערביי, שפאנט שנעל אייער וואגען און מיר וועלען איהם נאך אפשר אנזאגען. מיר טארען ניט דערלאזען, אז מען זאל איהם ברייגנען צום געריכט, איהר פארשטעהט, עס שמעקט מיט דער גרעסטער שטראף.

— אט וועל איך לויפען איינשפאנען דעם וואגען, — האט מענדעל אויסגערופען, — אבער איך גלויב, אז מען וועט דארפען מיטנעמען יאשקע דעם שניידער, ווייל אויב עס איז אמת אז ער האט איהם גע׳מסר׳ט, וועט ער מוזען איהם העלפען.

— איך וועל איבערלויפען דערווייל צו יאשקע דעם שניידער, — האט דער שמש זיך אנגערופען ווען מענדעל איז אוועק שפאנען זיין פערד און וואגען.

— איך וועל איהם ניט זאגען, אז מען פארדעכטיגט איהם אין האבען גע׳מסר׳ט אויף אברהם׳ן, איך וועל איהם זאגען, אז אזוי ווי דער גלח איז מיט איהם זעהר גוט באפריינדעט, וועט ער אפשר קאנען ביי איהם פועל׳ן ער זאל איהם אפלאזען פאר א גרויסער סומע געלד...

גאט ווייסט וואס עס וועט געשעהן. אפשר וועלען מיר גאר ניט קאנען זיי אניאגען, — האט ר׳ לייזער טרויעריג געזאגט.

דער שמש איז אוועקגעלאפען צו יאשקע דעם שניידער אין הויז, און ווען ער איז צוגעקומען האט ער געהערט געשרייען. ער האט זיך געשטעלט נעבען דער טיר און ער האט געהערט ווי יאשקע שרייט אויף זיין ווייב און ווארענט איהר, אז אויב זי וועט מסר׳ן וועט ער זי פאריאגען פון זיין הויז.

ער האט אנגעקלאפט אין טיר. און יאשקע האט געעפענט די טרי און ווען ער האט דערזעהן דעם שמש, האט זיך די קאלירען פון זיין פנים געענדערט.

— וואס פארלאנגט איהר? — האט ער איהם מיט אויפרעגונג א פרעג געטאן.

— איך בין צו אייך געשיקט געווארען אייך צו בעטען מיטצופאהרען מיט ר' לייזער און מיט ר' מענדעל'ן. זיי ווילען אניאגען דעם גלח און איהם אנבאטען א גרויסע סומע געלט, ער זאל באפרייען דעם פרעמדען, און אזוי ווי מיר ווייסען, אז איהר זענט באפריינדעט מיט דעם גלח און איהר קאנט ביי איהם פיליכט פועל'ן ער זאל עס טאן, ווילען זיי, אז איהר זאלט מיט זיי מיטפאהרען.

— איך וועל ניט פאהרען. איך האב דאמיט גארניט צו טאן, — האט יאשקע זיך גענומען קאכען, — איך וועל מיט זיי ניט מיטפאהרען!

— אבער איהר ווייסט דאך, אז זיין לעבען איז אין געפאהר, — האט דער שמש געזאגט.

— פארוואס איז עס אין געפאהר?

— האט יאשקע געזאגט, — אויב ער איז א געבארענער איד, האט ער דאך ניט וואס מורא צו האבען, און אויב ער איז טאקע געווען פריהער א פאליאק, וועט ער זיי דארפען זאגען, אז ער וועט זיך צוריקקעהרען צו זיין גלויבען, און זיי וועלען איהם גארניט טאן. איך זעה ניט איין פארוואס זיי מאכען אזא ווען פון דעם.

— הערט זיך איין, יאסעל! — האט דער שמש געזאגט, עס איז ניטא קיין סך צייט. מען מוז איהם ראטעווען! און איהר קאנט עס טאן בעסער ווי אימיצער אנדערש.

— ניין, איך וועל ניט געהן! ביי מיר וועט ניט זיין קיין גרויסער פארלוסט אויב ער וועט צוריק ווערען א גוי. איי, ר' לייזער, נו, וואס זאל איך נאך געהן באזארגען זיין טאכטער? וועט זי זיך דארפען זוכען אן אנדער חתן! נישקשה, זי איז א שעהנע מיידעל, און זי וועט ניט פארזעסען ווערען. איך בין נישט מחויב צו באזארגען יהודית'ן מיט א חתן א גר.

— איהר ווייסט ניט וואס איהר רעדט! — האט דער שמש אויף איהם א געשריי געטאן.

— איך ווייס יא וואס איך רייד, — האט יאשקע זיך צעשריען, — איך זאג אייך, אז איך וועל ניט געהן! לאזט מיר צורוה.

— הערט זיך איין, איך בין אייער פריינד, — האט דער שמש אויסגערופען, — איך ראט אייך, אז איהר זאלט יא געהן, ווייל אויב ניט, א.:: מען וועט איהם ניט קאנען ראטעווען, וועט איהר זיין פאראנטווארטליך פאר זיין לעבען. איהר הערט? מען ווייסט שוין אין שטאדט, אז איהר האט אויף איהם גע'מסר'ט!

— עס איז א ליגען! קיינער ווייס ניט, — האט יאשקע געשטורעמט, — איך ווייס, איהר האט זיך אונטערגעהערט הינטער דער טיר, און איהר אליין זענט עס דער וועלכער וועט עס געהן דערצעהלען! איך וועל אייך ניט שענקען!

— זאל איך אזוי געזונד זיין, אז מען האט שוין פריהער גערעדט וועגען דעם, און טאקע דערפאר האט מען מיך צו אייך געשיקט, איך האב אייך ניט געוואלט עס זאגען, האב איך אייך געגעבען אנצוהערען, אז איהר קאנט זיך מיט דעם גלח און איהר קאנט ביי איהם גיכער פועל'ן. אבער עס איז שוין ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט, אז דאס איז אייער ארבייט, און אויב איהר וועט זיך ניט באמיהען איהם צו באפרייען, וועט איהר חרטה האבען אויף דעם.

— איך האב פאר קיינעם קיין מורא ניט — האט יאשקע אויסגערופען, — זאלען זיי זאגען אויף מיר וואס זיי ווילען, איך ווייס, אז איך האב גארניט געהאט צו טאן דאמיט, און דעריבער וועל איך ניט געהן!

— דאס קאנט איהר אפשר איינרעדען אנדערע, אבער ר' לייזער און אויך פיעלע אנדערע ווייסען דעם אמת, אויסער דעם האב איך דאך טאקע אליין נארוואס געהערט מיט מיינע אויערען. יא, איהר האט עס אליין צוגעגעבען אין דעם קריג וואס איהר האט געהאט מיט אייער ווייב.

— נו, יאשקע! — האט זיין ווייב אויסגערופען, — ווער איז גערעכט, איך צו דו, איך האב דאך דיר גלייך געזאגט, אז דו זאלסט געהן איהם העלפען באפרייען פון די גוי'אישע הענט! איך האב דאס ניט געדארפט געהן דערצעהלען פאר אלעמען, מען

האַט זיך דערוואוסט אהן מיר !

— דו וועסט שוין ביי מיר ווערען די כפּרה ! — האַט זיך יאַשקע ווידער צעשריען אויף זיין ווייב, ווען דו פאנגסט זיך ניט אַן, וואָלט איך דאַך ניט געדאַרפט שרייען אויף דיר, און דער שמש וואָלט דאַך גאָרנישט געהערט הינטער דער טיר ! אַבער טאקע דערפאר געה איך ניט ! איך האָב פאר קיינעם קיין מורא ניט ! געהט ארויס פון מיין הויז ! — האָט ער זיך געווענדעט צום שמש, און איהם געוויזען די טיר.

ווען דער שמש האָט זיך צוריקגעקערט צום בית המדרש, האָט ער שוין געפונען ר׳ מענדעל׳ן און ר׳ לייזער׳ן אין דער פור.

— ער וויל ניט מיטפאָהרען — האָט ער זיך אָנגערופען — איך האָב שוין געהערט פון זיין אייגען מויל, אז ער האָט טאקע גע׳מסר׳ט. נו, וואָס איז דאָ וואָס צו ריידען איצט. פאָרט שנעלער אפשר וועט איהר איהם דערגרייכען !

ר׳ מענדעל האָט געשמיסען זיין איינגעדאָרט פערדעל און נאָך א האלבע שעה פון שנעל פאָהרען, האָבען זיי אָנגעיאָגט דעם גלח מיט די פּאָליציילייט.

דער גלח האָט די פּאָליציי זיך געהייסען אָפּשטעלען, און ער האָט זיך געווענדעט צו ר׳ לייזער׳ן:

— וואָס פארלאנגסטו ?

— איך וואָלט וועלען מיט אייך ריידען אליין פאר א קליינע ווייל.

אנטאָן איז ארונטערגעקראָכען פון זיין וואָגען און ער האָט זיך עטוואָס אָפּגערוקט פון דאָרט. ר׳ לייזער איז צו איהם צוגעגאנגען און ער האָט זיך צו איהם אָנגערופען אין דער שטיל:

— איך בעט אייך, הייסט די פּאָליציילייט איהם באפרייען ! ער איז אומשולדיג ! איך ווייס, אז ער האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. איך בין וויליג אייך צו געבען וויפיל געלט איהר וועט פון מיר פארלאנגען !

— אויב צוליב דעם ביזטו געקומען נאָך מיר, איז דיין מיה ארויסגעוואָרפען — האָט דער גלח אויסגערופען. דו וויכט גאנץ גוט אז ער וועט שוין פון מיינע הענט זיך ניט ארויסדרעהען. גיב א קוק, זיינע הענט זיינען געבונדען, ער וועט שוין בלייבען ביי מיר ! איך וועל איהם אוועקפיהרען צום בישאָף !

— אַבער ער איז אומשולדיג ! — האָט זיך ר׳ לייזער ביי איהם גענומען בעטען — וואָס וועט אייך פון דעם ארויסקומען ? מיר זיינען גרייט זיך לאָזען באצאָהלען וויפיל איהר וועט זאָגען !

— איך ווייס שוין ווער ער איז !

— האָט דער גלח געזאָגט — ניין, פאר קיין געלט אין דער וועלט וועט איהר איהם פון מיר ניט קאָנען אוועקנעהמען. געהט זיך בעסער צוריק, אז ניט וועט איהר ערגער מאכען !

— יאַשקע שניידער האָט אויף איהם א בלבול געמאכט ! — האָט ר׳ לייזער געזאָגט — אלע ווייסען, אז ער איז אויף איהם געווען אין כעס, דערפאר האָט ער עס אויסגעטראכט אויף איהם.

-- ער האָט שוין גאָר ניט קיין בילבול ניט געמאכט ! ער האָט מיר דערצעהלט דעם אמת. און איך האָב זיך גלייך איבערצייגט אזוי שנעל ווי איך האָב אויף איהם א קוק געטאָן און געהערט זיין שטימע.

אנטאָן האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין וואָגען און זיך אריינגעזעצט דאָרט. ער האָט געהייסען די פּאָליציסטען שמייסען די פערד און זיי זיינען ווייטער געפאָהרען.

ר׳ לייזער איז געבליבען שטעהן א ווייל, ניט ווייסענדיג וואָס צו טאָן. באלד האָט ער זיך אָנגערופען צו ר׳ מענדעל׳ן:

— מיר מוזען אָנקומען אין ווילנא איידער דער גלח וועט דאָרט זיין. מיר מוזען ראטעווען נאָך א מענשען, און אפשר צוויי... קאָנט איהר פון דאנען גלייך פאָהרען קיין ווילנא ?

— ווי אזוי קען איך דאָס טאָן ?

— האָט ר׳ מענדעל געפרעגט — ערשטענס וועט מיין פערדעל ניט קאָנען מאכען אזא רייזע אין איילעניש, און צווייטענס, מ׳וועט דאָך אין הויז ניט ווייסען וואָס איבערצוקלערען.

— איהר ווייסט אָבער ניט וואָס דאָס מיינט ! — האָט ר׳ לייזער אויסגערופען — ווען דער גלח זאָל אָנקומען אין ווילנא פריהער, וועט מען דאָן ארעסטירען אברהם׳ס חבר און אויך זיין חבר׳ס יונגע פרוי... זיי זיינען אויך געוואָרען אידען, אָבער דערוויל זיינען זיי צווישען זייערע אייגענע

און זיי האַלטען זיך נאָך פאַר קריסטען. זיי קלייבען זיך אינגיכען אָפּצורייזען פון ווילנא, און אויב דער גלח וועט דערצעהלען דעם בישאָף אז דאָס איז וואָלענטי, דער זוהן פון דעם גראַף פּאָטאָצקי, וועט מען זיך גלייך נעמען צו זיין חבר, ווייל דער חבר זיינער האָט דאָך דעם גראַף געזאָגט, אז זיין זוהן איז ערגעץ אין אייראָפּע און ער שטודירט, ער האָט אפילו פון איהם געבראכט א בריוו. איצט וועלען זיי אויסגעפינען, אז ער האָט זיי גענארט, וועט אויף איהם פאַלען דער פאַרדאכט. אברהם האָט מיר אָנגעזאָגט פריהער, אז איך זאָל גלייך זעהן מען זאָל אָנזאָגען זיין חבר!

— איך גלויב, אז דער גלח און די פּאָליציי וועלען געוויס ניט פאָהרען ביינאכט. זיי וועלען זיך אָפּשטעלען אין א קרעטשמע. און דאריבער גלויב איך, אז אויב איהר וועט זיך צוריקקערען צוריק קיין איליע און פון דאָרטען אָפּפאָהרען קיין ווילנאָ וועט איהר אַלץ זיין אין ווילנאָ א סך פריהער פון דעם גלח.

זיי האָבען זיך אומגעקערט קיין איליע, זיי האָבען נאָך געטראָפען דעם גאַנצען המון אין דרויסען. יעדער איינער האָט געשאָלטען יאָשקע'ן, ווייל ביי קיינעם איז שוין קיין צווייפעל ניט געווען, אז יאָשקע האָט גע'מסר'ט און אז דער פרעמדער איז ווירקליך געווען א פּאָליאַק.

ר' ליזער איז שנעל צוגעלאָפען צו זיין שטוב. דאָרט האָט זיך שוין געטאָן חושך. יהודית און רבקה האָבען געוויינט, און זיינע אינגלעך זיינען געקומען פון חדר, ווייל דער רבי זייערער, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעפונען וואָס עס האָט פּאַסירט אין בית המדרש האָט זיי באַפרייט.

— איך מוז גלייך אָפּפאָהרען קיין ווילנא! — האָט ר' ליזער געזאָגט ווען ער איז אריינגעקומען אין שטוב. זיין פּנים איז געווען טויט בלאַס און זיינע אויגען זיינען נאָך געווען פייכט פון די טרעהרען.

— וואָס, דו האָסט איהם ניט דערגרייכט? — האָט רבקה איהם געפרעגט.

— איך האָב איהם דערגרייכט, אָבער עס איז ארויסגעוואָרפען — ער וויל פון גאָרניט הערען. ער האָט, ווייזט אויס, איהם דערקאָנט און איצט אז ער הזיסט, אז ער איז וואָלענטי, דעם גראַף'ס זוהן, וועט ער איהם שוין ניט אָפּלאָזען פאַר קיין געלט. אָבער איך מוז זיין אין ווילנא, און אָנזאָגען זארעמבא'ן און זיין יונגע פרוי יוליע. זיי וועלען ניט טאָרען פאַרבלייבען קיין איבעריגע שעה אין ווילנא, מען וועט זיי געוויס באַלד ארעסטירען און זיי צווינגען זיך מודה צו זיין. אברהם האָט מיך געבעטען, אז איך זאָל איהם גלייך אָנזאָגען, כדי איהם צו ראַטעווען.

— אָבער ווי אזוי וועסטו קאָנען צוקומען צו זיי? — האָט רבקה מיט טרעהרען אין איהרע אויגען זיך אָנגערופען.

— איך וועל זיך דאַרפען בלויז זעהן מיט ר' מנחם מאָן אָדער מיט זיין איניקעל חיים, און זיי וועלען שוין איהם דערגרייכען. שנעלער, איך טאָר קיין איינציגע רגע ניט פארלירען.

רבקה און יהודית האָבען שנעל גענומען צוגרייטען עטוואָס שפּייז און דוד האָט געהאָלפען זיין טאַטען איינשפּאַנען דעם פערד. ר' ליזער האָט זיך גלייך געלאָזען אין וועג. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר איין רגע. ער האָט געטריבען זיין פערד וואָס שנעלער, כדי ער זאָל אָנקומען אין ווילנא פריהער פון דעם גלח, וועלכער האָט געפיהרט מיט זיך אברהם'ן דעם גר. דעם גאַנצען צווייטען האַלבען טאָג און די גאַנצע נאַכט איז ר' ליזער געפאָהרען אָהן אָפּשטעל. פאַרטאָג איז ער אָנגעקומען אין ווילנא און איז גלייך פאַרפאָהרען צו ר' מנחם'ן.

עס איז געווען נאָך טונקעל און דער אַלטער ר' מנחם האָט זיך נאָר וואָס אויפגעהויבען פון זיין בעט. ווען ער האָט דערהערט א קלאַפּ אין זיין טיהר אזוי פריה, האָט ער זיך דערשראָקען. ער האָט אויפגעעפענט די טיר און דערזעהענדיג דעם טויט בלאַסען פּנים פון ר' ליזער'ן האָט ער פאַרשטאַנען, אז אן אומגליק איז געשעהן.

— אוי, ר' מנחם! — האָט ר' ליזער מיט טרעהרען אין די אויגען אויסגערופען — אברהם בן אברהם איז ארעסטירט געוואָרען. דער גלח אנטאָן האָט איהם דערקאַנט, און ער פיהרט איהם אונטער א וואַך פון דער פּאָליציי קיין ווילנא. גאָט ווייסט, וואָס מען וועט צו איהם טאָן!

— אָ, גאָט, ווי אזוי איז דאָס גע־

שעהן! — האט ר׳ מנחם אויסגערופען און זיין גאנצער קערפער האט געציטערט.

—איינער, א איד פון איליע, יאשקע שניידער איז זיין נאמען, האט אויף איהם גע׳מסר׳ט. ער האט זיך שוין אויף איהם אנגעזעצט פון א לאנגע צייט, און ווען דער גלח איז צו איהם געקומען האט ער איהם דערצעהלט, אז אין בית המדרש האלט זיך אויף א פאליאק, וועלכער איז געווארען א איד, און דער גלח איז גלייך אוועק צום בית המדרש איהם אנקוקען, און ער האט איהם גלייך דערקאנט.

— גאט ווייסט! גאט ווייסט! — האט מנחם אויסגערופען — איך ווייס ניט וואס איך קאן דא טאן. ניט נאר איז ער אליין אין גרויס געפאהר, אבער דער אומגליק קאן טרעפען פילע אידען!

— אברהם׳ס פארלאנג איז געווען, אז איך זאל גלייך אנזאגען זיין גוטען פריינד בארים זארעמבא און יוליען. אזוי שנעל ווי דער בישאף וועט אויסגעפינען, אז זארעמבא איז געשטאנען אין פארבינדונג מיט דעם גראף׳ס זוהן, וועט ער איהם אויך לאזען ארעסטירען און דאן וועט מען זיי געווים ביידען צווינגען זיך מודה צו זיין. ער און זיין פרוי מוזען אנטלויפען פון דאנען אזוי שנעל ווי מעגליך.

ר׳ מנחם האט זיך שנעל אנגעטאן און איהם געהייסען ווארטען. איך וועל גלייך אריבערגעהן צו מיין אייניקעל חיים, און איך וועל איהם שיקען צו זארעמבא׳ן אין הויז. ער וועט שוין אויסמארקירען זיך צו זעהן מיט איהם, אזוי אז קיינער זאל ניט באמערקען. איך האב שוין עטליכע מאל איהם געשיקט צו רופען זארעמבא׳ן. ער ווייסט אין וועלכען צימער פון זיין הויז ער שלאפט, און ער וועט זיך געווים מיט איהם זעהן. איהר בלייבט ווארטען דא אויף א ווילע, ביז וואנען איך וועל זיך צוריקקערען.

ר׳ מנחם איז שנעל אוועק צו זיין אייניקעל אין הויז, וואס איז געווען ניט ווייט פון זיינעם. ער האט איהם איבערגעגעבען אלץ וואס איז געשעהן.

— זאג זארעמבא׳ן אז ער זאל גלייך אריבערקומען מיט זיין פרוי צו מיר אין הויז. ער זאל אויף קיין זאך ניט ווארטען. ווייל די געפאהר איז גרויס. איך וועל האבען אלץ צוגעגרייט פאר איהם. וועגען געלט זאל ער זיך ניט זארגען.

חיים איז שנעל אוועק צו דעם הויז פון זארעמבא׳ס עלטערען. ער איז צוגעקומען צו דעם פענסטער פון זארעמבא׳ס שלאף־צימער. ער האט לייכט א קלאפ געטאן. באלד האט זיך זארעמבא באוויזען אין א פענסטער, ווען ער האט דערזעהן חיים׳ן האט ער פארשטאנען, אז עס מוז זיין זעהר וויכטיג. ער האט זיך ארויסגעבויגען פון פענסטער און חיים האט מיט איהם גערעדט און מיט א נידעריגער שטימע דערצעהלט אלץ וואס עס איז געשעהן.

— זאג אן דיין פרוי, אז זי זאל זיין געגרייט, און קום מיט איהר גלייך אריבער צו מיין זיידען אין הויז. דו טארסט קיין רגע ניט פארלירען, ווייל ווען דער גלח וועט אנקומען אין ווילנא, וועט שוין זיין צו שפעט.

חיים איז שנעל פארשוואונדען פון דארט. זארעמבא האט אויפגעוועקט זיין פרוי יוליע און ער האט איהר דערצעהלט וואס עס האט פאסירט.

— מיר מוזען זיך צואיילען. מיר וועלען קיין זאך ניט טארען מיטנעמען כדי עס זאל אויף אונז קיין חשד ניט פאלען! — האט ער איהר געזאגט — נעם בלויז מיט דיינע צירונג און אנדערע זאכען, וואס מען וועט ניט באמערקען.

בליץ שנעל האט זיך יוליע אנגעטאן. זארעמבא האט געהאט אביסעל געלט וואס ער האט געהאט באהאלטען פאר אזא פאל. ער האט דאס מיטגענומען און צוזאמען מיט יוליע׳ן איז ער שטילערהייט ארויס פון זיין הויז.

זיינע עלטערען זיינען נאך געשלאפען. ער האט אויך איבערגעלאזען א קליינעם פעקעל מיט עטליכע קליידער אויף דעם אפענעם פענסטער פון זיין שלאפצימער און ער האט עס אוועקגענומען און איז שנעל אוועק צוזאמען מיט יוליע׳ן צו ר׳ מנחם׳ס הויז.

דארט האבען זיי שוין געטראפען ר׳ לייזער׳ן, ר׳ מנחם׳ן און חיים׳ן. ר׳ לייזער האט זיי דערצעהלט אלע איינצעלהייטען און זארעמבא און יוליע האבען געוויינט מיט ביטערע טרערען.

— איהר מוזט גלייך פון דאנען אפפאהרען! — האט ר׳ מנחם זיך צו

זיי אנגערופען. — איהר וועט אנקומען קיין אמסטערדאם און זיך דאָרט אויפהאלטען ביי דעם רב, און אזוי שנעל ווי אונז וועט געלינגען צו באפרייען אברהם'ען, וועלען מיר איהם אויך אהין אוועקשיקען. יעדענפאלס וועט איהר דאָרט ביידע פארבלייבען ביז וואנען איהר וועט הערען פון אונז.

— איך האָב אפילו ניט באוויזען ארויסצובאקומען מיין חלק געלט!

— האָט זארעמבא געזאגט. דאָס ביסעל געלט וואס איך האָב ביי זיך וועט קוים קלעקען פאר אונז ביידען זיך צו דערשלעפען צו אמסטערדאם.

ר' מנחם האָט ארויסגענומען א פעקעל מיט גאלדענע מטבעות און ער האָט זיך צו איהם אנגערופען:

— נעהם דאָס! ווען גאט וועט געבען אז אלץ וועט זיך אויסלאזען צום בעסטען, וועלען מיר דאן מאכען א חשבון. עס קאָן זיין אז עס וועט זיין נויטיג פאר אייך צו פאהרען פון דאָרט קיין ארץ ישראל. איהר זעהט דאָך אז איהר קאָנט דאָ אויף א רגע ניט פארבלייבען. וויל דער גלח וועט אויך הייסען ארעסטירען אברהם'ס חבר. און עס וועט זיי דאָך לאנג ניט נעהמען אויסצוגעפינען אז אויך זארעמבא איז געווארען א איד.

— איך ווייס ניט אויב איך האָב א רעכט צו אנטלויפען אין דער צייט ווען מיין ליבסטער חבר איז אין א אזא גרויסען געפאהר — האָט זארעמבא געזאגט.

— דאָס איז דאָך געווען אברהם'ס פארלאנג! — האָט ר' לייזער געזאגט, — ער האָט מיך זעהר אנגעבעטען אז איך זאל למען השם געהן קיין ווילנא אזוי שנעל ווי מעגליך און ראטעווען זיין פריינד און זיין פרוי. ניין זארעמבא, איהר וועט איהם גארניט קיין טובה ניט קאָנען טאָן מיט אייער בלייבען דאָ, פארקעהרט, ווען זיי וועלען זיך איבערצייגען אז אויך איהר זייט געווארען א איד, וועט זייער צאָרן גרעסער ווערען אויך אויף אברהם'ן

זארעמבא האָט גענומען דאָס געלט פון ר' מנחם'ן און ער און יוליע האָבען זיך געזעגענט מיט ר' מנחם'ן, זיין איניקעל חיים'ן און מיט ר' לייזער'ן און זיי זיינען אפגעפאהרען פון ווילנא, א סך פריהער ווי זיי האָבען ערווארטעט.

## 24

דער גלח אנטאָן איז אנגעקומען מיט דעם גר אברהם אין ווילנא אויף דעם צווייטען טאָג. ער האָט זיך איבערנאכט אפגעשטעלט אין א קרעטשמע און כאָטש דער גר איז געווען געשמידט אין קייטען, פונדעסטוועגען האָט מען איהם געהיט. דריי שעה איז אין זיין צימער געווען איין פאליציימאן און די אנדערע דריי שעה האָט איהם א צווייטער אומגעביטען.

אין ווילנא זייענען זיי אנגעקומען נאָך האלבען טאָג און די פאליציי צוזאמען מיט דעם גלח אנטאָן זיינען זיינען אנגעקומען מיט דעם גר צום בישאָף אין פאלאץ.

אברהם האָט די גאנצע צייט וואס מען האָט איהם געפיהרט, זיך ענטזאגט צו עסען פון זייערע מאכלים, אויסער ברויט און וואסער. ער האָט ניט אויפגעהערט צו לערנען אויף אויסווייניג און ער האָט מתפלל געווען צו גאָט.

ווען מען האָט איהם אריינגעפיהרט צום בישאָף אין צימער, האָט אברהם ניט געוואלט ארונטערנעהמען די יארמולקע וואס ער האָט געטראָגען אויף זיין קאָפּ.

אנטאָן איז צו איהם צוגעגאנגען און פון זיין קאָפּ ארונטערגעווארפען די יארמולקע.

— ווער ביזטו? — האָט זיך דער בישאָף צו איהם געווענדעט מיט צאָרן!.

אברהם האָט געשוויגען. ער האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף איהם. דער בישאָף האָט זיך דאן געווענדעט צום גלח:

— האסטו אויסגעפונען ווער ער איז?

— יע, אייער הייליגקייט! — האָט דער גלח זיך אנגערופען, — איך ווייס שוין ווער ער איז, און איך בין זיכער אז אויב איהר וועט זיך גוט צוקוקען צו איהם, וועט איהר איהם אויך דערקאָנען, וויל ער פלעגט גאנץ אפט קומען צו אייך מיט זיין פאטער און איך מיט זיין מוטער.

דער בישאָף האָט זיך גוט צוגעקוקט

צו איהם און ער האָט געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ אויף ניין.

— קוקט זיך איין נאָך אַמאָל, הער בישאָף ! — האָט דער גלח געזאָגט.

דער בישאָף האָט איהם גוט באַטראַכט נאָך אַמאָל און ער האָט געקוועטשט מיט זיינע פּלייצעס.

— דאָס איז וואַלענטי פּאָטאָצקי, דער זוהן פון דעם גראַף פּאָטאָצקי !

— האָט דער גלח מיט צופרידענהייט אין זיין שטימע אויסגערופען, — איך וויים אַז עס איז זעהר שווער איהם איצט צו דערקענען, וויל ער איז געווארען אַ שמוציגער זשיד פון אַ גראַף, אָבער איך האָב זעהר אַ שאַרפע אויג, איך דערקען אַ מענשען אפילו ווען איך האָב איהם בלויז געזעהען איין מאָל. און אָט דעם וואַלענטי, האָב איך געזעהען אפשר הונדערט מאָל, זינט ער איז אַ קליין קינד געוועזען.

— ביזטו דאָס דער זוהן פון דעם גראַף פּאָטאָצקי ? — האָט דער בישאָף זיך צו איהם געווענדעט מיט ערשטוינונג.

דער גר אברהם האָט געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ אויף ניין !

— אפשר מאַכסטו אַ טעות ! — האָט זיך דער בישאָף צו איהם אַנגערופען, -- איך האָב דאָך ערשט מיט עטליכע טעג צוריק געזעהען זיך מיט דעם גראַף פּאָטאָצקי און איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין זוהן וואַלענטי'ן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט ערשט ניט לאַנג צוריק געהאט אַ גערוס פון זיין זוהן און אויך אַ בריוו. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער שטודירט אין אויסלאַנד . . . און זיין פריינד באַרים זאַרעמבאַ וועט אין גיכען צוריקפאָהרען צו איהם.

— דאָ איז פאַרגעקומען אַ שווינדעל ! — האָט דער גלח געזאָגט, — אין דעם בין איך איבערצייגט ! איך בין טאַקע געווען דערביי ווען זאַרעמבאַ האָט געבראַכט דעם גערוס און איך פאַרדעכטיג אַז אָט דער זאַרעמבאַ ווייסט פון דעם סוד. מיין עצה, דאַריבער איז אַז מען זאָל גלייך שיקען אַרעסטירען באַרים זאַרעמבאַ'ן, וויל איך בין זיכער, אַז אויך ער האָט געמוזט נאָכטאָן דעם שרעקליכען ביישפּיעל פון זיין אומווירדיגען חבר זאַרעמבאַ.

פונדעסטוועגען וואָלט איך וועלען האָבען בעסערע באַווייזען אַז ער איז ווירקליך דער זוהן פון דעם גראַף פּאָטאָצקי — האָט דער בישאָף זיך אַנגערופען, — איך קאָן זיך בשום אופן ניט פאַרשטעלען, אַז אַ זוהן פון גראַף פּאָטאָצקי זאָל אוועקוואַרפען זיין הייליגע אמונה און איבערגעהן צו די שונאים פון קריסטענטום.

— פריהער בין איך געווען אין ספק ! — האָט דער גלח אוסגערופען

—און דאָס איז די סיבה וואָס איך האָב איהם גלייך ניט אוועקגעפיהרט צו דעם גראַף אין פּאַלאַץ זיי זאָלען איהם דאָרט דערקענען.

— יע, איך האָב זיך טאַקע געוואונדערט ! — האָט דער בישאָף אויסגערופען, — וויבאַלד אַז דו האָסט גלייך איהם דערקאַנט און דו ביזט געווען אין אייליע, דאָרט וואו די גאַנצע משפּחה פון דעם גראַף פּאָטאָצקי געפינט זיך, האָסטו זיך דאָך באַלד געקאָנט איבערציי͏גען, ווען דו וואָלסט איהם אוועקגעפיהרט צום גראַף אין זומער פּאַלאַץ און זיין אייגענע פאַטער-מוטער און אויך זיין שוועסטער וואָלטען דאָך זיכער איהם געקאָנט דערקענען.

— הם . . . דער אמת איז — האָט דער גלח געזאָגט דעם בישאָף אַ ליגען — אַז פון אַנפאַנג איז מיר גאָר ניט איינגעפאַלען, אַז ער זאָל עס זיין דער זוהן פון דעם גראַף פּאָטאָצקי, דעריבער האָב איך דער פּאָליציי גלייך געהייסען פיהרען איהם אהער, שפּעטער ווען מירן זיינען שוין געווען העלפט אין וועג און איך האָב זיך צו איהם גוט צוגעקוקט, האָב איך איהם דערקאַנט אַלס וואַלענטי'ן, דעם גראַף'ס זוהן . . .

— עס איז אַ ליגען ! — האָט דער גר געבראָכען זיין שטילקייט — ער האָט געזאָגט, אַז איך בין דעם גראַפ'ס זוהן, אַזוי שנעל ווי ער האָט מיך דערזעהן. דער בישאָף קאָן אפילו פרעגען די פּאָליציי לייט. שפּעטער, צוליעב פאַרשידענע טעמים, האָט ער פּרובירט מאַכען דעם איינדרוק אַז ער האָט עס ניט געזאָגט.

—נו, איז עס אמת ? — האָט דער בישאָף איהם געפרעגט.

— איך האָב באַוויזען דעם בישאָף אַז ער איז אַ ליגנער ! — האָט דער גר

געזאגט.

— אויב אזוי, ווער ביזטו ? — האט דער בישאף איהם געפרעגט מיט נייגעריגקייט.

— איך געהער צו דעם הייליגען פאלק ישראל ! — האט דער גר געזאגט.

— איך דערקאן אויך פון דיין ריידען אונזער שפראך, אז דו ביזט געווען איינער פון אונז ! — האט דער בישאף געזאגט.

— איצט בין איך איינער פון ישראל ! — האט דער גר געענטפערט.

— דו האסט פארלאזען אונזער אמונה און אריבערגעגאנגען צו די אידען ! — האט דער בישאף זיך צו איהם געווענדעט. — הא, איז עס ניט אמת ?

—די אידישע אמונה איז די ערשטע און די אמת'ע און די וועלכע האבען געגרינדעט די קריסטליכע אמונה האבען פארלאזען די אידישע ! — האט אברהם געזאגט מיט געלאסענקייט.

— דו האסט געלעסטערט אונזער הייליגע אמונה און דו וועסט באשטראפט ווערען !

— איך בין געבליבען געטריי דעם איין־איינציגען גאט אוי איך בין גרייט מקריב צו זיין מיין לעבען פאר איהם.

— איך וועל זיך פריהער מוזען איבערציינגען ווער ער איז ! — האט זיך דער בישאף געווענדעט צו דעם גלח — אויב עס איז אמת אז ער איז דער זוהן פון דעם גראף פאטאצקי, וועלען מיר דאן דארפען אננעהמען גאנץ אנדער'ע מיטלען געגען איהם. מיר וועלען זיך דארפען בעראטען צוזאמען.

— איך וועל זיך אומקעהרען קיין אילִיע ! — האט דער גלח געזאגט — און איך וועל דערציילען דעם גראף פאטאצקי און דער גרעפין אז איך האב געפונען זייער זוהן צווישען די זשידעם און אז ער איז געווארען איינער פון זיי . . .

— גוט, דערווייל וועל איך איהם פארהאלטען אין מיין תפיסה ! — האט דער בישאף געזאגט — און ווען מיר וועלער זיך איבערציינגען ווער ער איז, וועלען מיר דאן באשליסען וואס ווייטער צו טאן מיט איהם !

—יע, הייליגער בישאף ! — האט דער גלח ווייטער געזאגט — אבער איך וויל אז איידער איך פארלאז ווילנא צוריקצוקעהרען זיך אין אילִיע, האבען א געלעגענהייט צו ריידען מיט זארעמבא'ן. איך וואלט אליין געגאנגען צו זיינע עלטערען, אבער איך ווייס ניט אויב ער וועט מיך פאלגען ווען איך וועל צו איהם קומען.

— ווארט צו א ווײלע ! — האט דער בישאף געזאגט און אריינגערופען זיינע דינער.

ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין דעם צימער, האט דער בישאף זיי געהייסען אוועקפיהרען דעם גר אין תפיסה און איהם האלטען אונטער א שטרענגע וואך.

די דינער האבען ארויסגעפיהרט דעם גר, און דער בישאף האט זיך צום גלח געווענדעט :

— ערשט מיט א קורצער צייט צוריק האסטו דאך דורכגעפיהרט די חתונה צערעמאניע צווישען זארעמבא'ן און יוליע, און איך קאן דיר איצט זאגען, אז יוליע איז געווען איינע פון די וועלכע האט זיך געהאט באקלאגט אויף דיר.

— אט טאקע צוליעב דעם בין איך געקומען צום באשלוס, אז זארעמבא איז אויך פארמישט אין דעם פארראט פון דעם גראפ'ס זוהן, און ער האט געבעטען יוליע'ן, זי זאל זיך באקלאגען אויף מיר פאר דעם הער בישאף, כדי איך זאל ניט קאנען דורכפיהרען די אויספארשונג.

— אבער זי האט זיך באקלאגט לאנג איידער זארעמבא האט זיך צוריקגעקעהרט פון אויסלאנד און זי האט דאך פון איהם ניט געהערט פאר א לאנגער צייט.

— איך בין זיכער, אז אימיצער האט עס איהר אנגערעדט צו טאן ! — האט דער גלח זיך אנגערופען, — און איך גלויב, אז דאס אלץ שטאמט פון די זשידעם ! יעדער איינער קאן איינזעהען, אז די אידען וואלטען געטאן אלץ וואס זיי קאנען כדי מיר צו געבען א שלעכטען נאמען. ווייל זיי האבען געוואוסט אז איך האלט מיינע אויגען אפען צו אלץ וואס זיי טוען. אבער איך מיין אז ווען איך זאל אליין געהן צו זארעמבא'ן אין הויז, קאן זיין אז איך זאל גאר ניט קאנען אויפטאן, ווייל אויב איך וועל איהם זאגען

אז דער בישאָף וויל זיך מיט איהם זעהען און ער זאָל מיט דיר געהן צוזאַמען, קאָן ער זך נאָך אנשטויסען וועגען וואס עס האנדעלט זיך, דאריבער וואלט איך געבעטען דעם בישאָף, ער זאָל מיט מיר מיטשיקען די דריי פּאליציי־לייט, און אין פאל ער וועט ניט וועלען געהן מיט זיין גוטען ווילען, וועל איך דאן איהם קאָנען לאזען ארעסטירען.

— גוט ! — האָט דער בישאָף געזאגט — אבער זיי זעהר פארזיכטיג איהם ניט צו באליידיגען, ווייל עס קאָן דאָך זיין אז דאָס איז בלויז דיינע אן השערה, אז ער זאָל האָבען פארלאָזען אונזער רעליגיע.

— איך וועל זיין זעהר פארזיכטיג!

— האָט אנטאָן געזאגט.

נאָכדעם ווי דער גלח האָט זיך געהאט אפּגערוהט און זיך אנגעגעסען, האָ טער זיך אוועקגעלאזט מיט די דריי פּאליציי־לייט צו דעם הויז פון זארעמבא'ס עלטערען.

עס איז שוין געווען נאָך האלבען טאָג, ווען ער האָט זיך דאָרט דערנעהענטערט מיט די פּאליציי־לייט. ער האָט זיי געהייסען ווארטען א ווייל ניט ווייט פון דעם הויז און אליין איז ער צוגעגאנגען און אנגעקלאפּט אין טיהר.

זארעמבא'ס מוטער האָט געעפענט די טיהר און זי האָט איהם איינגעלאַדען אריינצוקומען אינוויינינג.

אנטאָן איז אריינגעקומען און ער האָט זי גלייך געפרעגט אויף איהר זוהן.

— איך ווייס ניט וואס עס איז געשעהן !— האָט די מוטער אויסגערופען, — אבער ביידע, באָריס און יוליע זיינען אוועקגעגאנגען פון הויז גאנץ פריה און זיי האָבען זיך נאָך ניט אומגעקעהרט .. דאָס פּאסירט דעם ערשטען מאָל ווייל יעדעס מאָל ווען זיי דארפען ערגיץ געהן, זאגן זיי מיר פריהער ! עס קאָן זיין אז זיי האָבען געדארפט געהן ערגיץ גאנץ פריה און זיי האָבען מיר ניט געוואלט אויפוועקען, אבער פארוואס זיי זאמען זיך אזוי לאנג, דאָס קאָן איך שוין ניט פארשטעהן.

— איך האָב מורא אז איך פארשטעה ! — האָט דער גלח זיך אנגערופען.

— וואס מיינט איהר, הייליגער פּאטער ! — האָט זי אויסגערופען מיט נייגעריגקייט.

—איך מיין, אז עס קאָן זיין, אז זיי וועלען שוין זיך מעהר ניט אומקעהרען אהער . . .

— איך פארשטעה ניט ! — האָט די מוטער אויסגערופען מיט שרעק.

— וואס הייסט זיי וועלען זיך שוין מעהר ניט אומקעהרען ?

— גיט נאָר א קוק אין זייער צימער און זעהט אויב דאָרט געפינט זיך אלץ וואס האָט באלאנגט צו זיין ביידען ! — האָט דער גלח מיט געלאַסענקייט געזאגט.

— איך בין געווען אין זייער צימער און איך האָב צערעכט געמאכט די בעטען, און איך האָב גארניט באַמערקט.

— האָט איהר געזעהן אויב אייער שנור'ס צירונג און די אנדערע ווערטפולע זאכען זייערע געפינען זיך דאָרט.

— דאָס איז מיר גארניט איינגעפאלען !

זי איז שנעל אריין אין זייער צימער און זיך באלד צוריקגעקעהרט א טויט בלאסע.

— יע, הייליגער ! — איהר זייט גערעכט ! — איהרע צירונג און מיין זוהן'ס ווערטפולע זאכען זיינען ניטאָ! ווי עס ווייזט אוים האבען זיי אלץ מיט זיך גענומען איידער זיי זיינען אוועק פון דאנען ! אבער פארוואס זאלען זיי דאָס טהאָן ! מיר זיינען דאָך ניט געווען געגען זייער אפּרייזען פון דאנען !

— האבען זיי געהאלטען ביים אפּרייזען פון דאנען ? האָט דער גלח זי געפרעגט.

—יע, מיין זוהן האָט געפּלאנט גאָר אין גיכען אפּצופאהרען פון דאנען מיט זיין פרוי, זיך טרעפען אין אויסלאנד מיט זיין חבר וואלענטי און צו זאמען פארטזעצען זייער שטודיום דאָרט.

— יע, יע ! — האָט דער גלח געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ, — איצט איז מיר שוין אלץ קלאָר ! זייט ווימען אז אייער זוהן איז אוועק פון אייך כדי זיך צו באקעהרען צום אידישען גלויבען.

— אָ, הייליגער פּאטער, וואס רעדט איהר ? ווי איז דאָס מעגליך ! איהר

מאכט א טעות! וואס הייסט מיין באַרים וועט וועלען ווערען א איד!

— וואלענטי האָט עס געטאָן און ער, אייער זוהן, האָט איהם וואהרשיינליך נאָכגעפאלגט, און אפשר האָבען זי דאָס ביידע געטאָן אין דער זעלבער צייט.

זארעמבא׳ס מוטער איז געווארען היסטעריש, זי האָט גלייך אריינגערופען איהר מאַן און ער האָט זיך געווענדעט צום גלח ער זאל איהם ערקלעהרען וואס דאָ קומט פאָר, פארוואס גלויבט ער אז דאָס האָט פאסירט מיט זיין זוהן!

— וואלענטי, דער זוהן פון דעם גראף פאטאצקי געפינט זיך איצט אין געפיינגניש ביי דעם בישאָף. איך האב איהם געטראָפען אין איליע צווישען די אידען אין זייער שוהל, ער האָט געטראָגן א באָרד און פאות און ער איז געזעסען איבער זייערע הייליגע ביכער און געלערענט. איך האָב איהם גלייך דערקאנט. און אזוי ווי באַרים זארעמבא האָט כלומר׳שט געבראכט א נערום פון וואלענטי׳ן און אין מיין נעגענווארט דערצעהלט דעם גראף אז ער, וואליענטי, געפינט זיך ערגיץ, אין אויסלאנד, איז מיר איינגעפאלען אז ער האָט געווים געוואוסט פון אלץ וואס עס האָט פאסירט מיט דעם גראף׳ס זוהן. און אפשר האָט ער נאָכגעטאָן זיין ביישפיעל, און איך האָב זיך דאריבער געאיילט צו אייך איהם צו פרעגען עטליכע פראגען, אבער ווי עס ווייזט אויס, האָט מען איהם שוין געלאזט וויסען וואס עס האָט נעכטען פאסירט מיט וואלענטי׳ן און ער איז דאריבער אנטלאָפען פון דאנען!

— אבער יוליע! — האָט די מוטער מיט היסטעריע אויסגערופען — יוליע איז דאָך אזא פרומע קאטוילִיקין... זי וועט דאָך אזא זאך קיינמאָל ניט טאָן.

— ווי עס ווייזט אויס, האָט ער איהר אויך איבערגערעדט! — האָט דער גלח געזאגט, און ווען א פרוי האָט ליעב א מאַן, וועט זי טאָן אלץ וואס ער פארלאנגט פון איהר.

—איך גלויב עס ניט אויף מיין זוהן! — האָט דער פאטער געזאגט — איך בין זיכער, אז זיי וועלען זיך באלד צוריקקעהרען און דער אמת וועט ארויסקומען.

— פונדעסטוועגען וואלט איך געראטען איהר׳ זאלט מיר העלפען איהם אויפזוכען — האָט דער גלח זיך אנגערופען. — איהר קאנט מיר זאגען אלע מעגליכע פלעצער וואו איך וועל מעגליך זייביידען געפינען.

—איך אליין האָב שוין אויך געטראכט אוועקצוגעהן צו אייניגע פון זייערע פריינד אויסצוגעפינען אויב זיי זיינען דאָרט ביי זיי ניט געווען — האָט די מוטער געזאגט — איך וועל מיט אייך מיטגעהן.

— עס איז ניט נויטיג! — האָט דער גלח געזאגט. — איך וועל אליין אהין אוועקגעהן, איהר זאגט מיר בלויז וועגען אלע מעגליכע פלעצער.

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת, אז איך האָב אויך געטראכט פון דעם זומער פאלאץ פון דעם גראף פאטאצקי! — האָט זארעמבא׳ס מוטער זיך אנגערופען, — כאָטש איך האב זיך ניט געקאנט פארשטעלען אז אויב זיי האָבען באַשלאָסען צו געהן אהין, וואס דאָס מיינט שוין עטליכע טעג, — אז זיי זאלען אונז וועגען דעם ניט זאָגען.

— איך זעה, אז איך בין גערעכט! — האָט דער גלח געזאגט. — מיין פארדאכט איז באגרינדעט! זארגט ניט, אויב זיי געפינען זיך נאָך אין ווילנא וועל איך זיי געפינען.

דער גלח האָט זיך א ווייליע פארטראכט און דערמאָנענדיג זיך וועגען זיין לעצטען געשפרעך מיט ר׳ מנחם מאַן, אין דעם גראף׳ס פאלאץ אין ווילנא, איז איהם איינגעפאלען, אז אפשר באהאלט זיך זארעמבא דאָרט, ביי איהם אין הויז. וואלענטי איז דאָך געווען אפריינדעט מיט דעם דאָזיגען אידען, און עס ליגט זיך אויף דעם שכל, אז אויך זארעמבא מוז זיין באַפריינדעט מיט איהם. ער איז גלייך אוועקגעגאנגען מיט די פאליציי צו ר׳ מנחם׳ן אין הויז. ער האָט דאָרט אנגעקלאפט און ר׳ מנחם האָט געעפענט די טיהר.

— ווענען האב איך צו פארדאנקען פאר דעם כבוד וואס דו טהוסט מיר אָן, פאטעריל, — האָט ר׳ מנחם זיך צו איהם אנגערופען.

— זאָג מיר, געפינט זיך דאָ ביי דיר אין הויז באַרים זארעמבא, דער פריינד

פון וואלענטי׳ן ? — האט דער גלח איהם געפרעגט.

—זארעמבא ? איך ווייס ניט ווער ער איז ? — האט ר׳ מנחם געצוקט מיט זיינע אקסלען.

— אפשר ווייסטו אויך ניט, אז וואלענטי, דער זוהן פון גראף איז ארעסטירט, און ווערט באשולדיגט אין האבען פארלאזען אונזער אמונה?

—איהר מאכט שפאס, פאטעריל, — האט ר׳ מנחם מיט רוהיגקייט געזאגט, — לויט ווי איך האב געהערט איז דאך וואלענטי גאר ערגיץ אין אויסלאנד.

— אוי, זייט איהר ביטרע זשידעס!

— האט דער גלח געזאגט — איך גלויב ניט קיין איינציגען ווארט וואס דו זאגסט מיר, און איך וועל טאקע הייסען די פאליציי זוכען ביי דיר אין הויז, אפשר וועט מען געפינען ביי דיר זארעמבא׳ן.

— מיט פארגעניגען! איהר קאנט זוכען ביי מיר אין הויז!

דער גלח האט אריינגערופען די פאליציי און זיי האבען געזוכט אין יעדען צימער.

— מיר מוזען איהם געפינען! — האט דער גלח געזאגט צו דער פאליציי, מיר מוזען ביידען געפינען, איהם און זיין פרוי יוליע. אפילו ווען ער זאל ניט האבען פארלאזען זיין אמונה, קאן ער דינען פאר אן עדות געגען וואלענטי׳ן.

ער האט זיך אומגעקערט צו דעם בישאף אין פאלאץ און ער האט איהם געזאגט:

— מיין פארדאכט האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין באגרינדעט, איך בין געוועזען ביי זארעמבא׳ס עלטערען אין הויז, און זיי האבען מיר געזאגט אז זארעמבא און זיין פרוי, האבען פארלאזען זייער צימער זעהר פריה, ווען ז זיינען נאך געשלאפען. זיי האבען מיטגענומען אלע ווערטפולע זאכען וואס האבען באלאנגט צו זיי, און פון דעם קאן מען דרינגען אז זיי האבען זיך שוין דערוואוסט פון דעם ארעסט פון וואלענטי׳ן און זיי זיינען אנטלאפען פון ווילנא. דאס באווייזט אויך אז זארעמבא איז געגאנגען אין די פוס טריט פון זיין פרייד וואלענטי׳ן, און ער האט אפילו אויך איבערגערעדט זיין יונגע פרוי. מיין עצה איז אז מען זאל ארויסשיקען פאליציי זיי ביי־דען אויפצוזוכען.

— דיין פליכט איז דערוויל צו ברייגגען אהער צו מיר, אין פאלאץ, דעם גראף און גרעפין פאטאצקי, זיי זאלען דערקענען זייער זוהן, וויל אויב ער איז ניט זייער זוהן, דאן איז דאך אלץ וואס דו פארדעכטיגסט, גרונדלאז.

— יע, הייליגער בישאף! — האט דער גלח אויסגערופען — איך וועל זיך גלייך גרייטען אפצופאהרען פון דאנען קיין איליע און צו ריידען מיט דעם גראף וועגען דעם.

— דו האסט דאך געקאנט אלץ פארשפארען ווען דו ברייגגסט איהם גלייך צו זיי אין פאלאץ.

— איך האב גראד דאן וועגען דעם ניט געטראכט — האט דער גלח געזאגט.

— איך האף אז עס איז א מיספארשטענדניש פון דיין זייט! — האט געזאגט דער בישאף, — וויל אויב דאס איז אמת, דאן וועט עס זיין זעהר ניט קיין אנגענעמע פאסירונג פאר אונז אלעמען.

דער גלח אנטאן אבער איז געוועזען זיכער אז ער מאכט שוין קיין טעות ניט. ער האט אפגעדייזט קיין איליע, און איז אנגעקומען גראד אין א צייט ווען דער גראף האט געהאט איינע פון זיינע פארוויילונגען. פאטאצקי האט זיך עטוואס אנגעשיכורט און זיינע געסט וועלכע זיינען אויך געוועזען שיכור האבען צווישען זיך גענומען ריידען וועגען דעם געוועזענעם גראף ליגעצקין׳ן, ווי אזוי ער האט פארלוירען זיין געוועט, און צוזאמען מיט דעם זיין גאנצען פארמעגען.

— גראף פאטאצקי! — האט זיך צו איהם אנגערופען דער גראף ראדיצקי — מען האט מיר אזוי פיל דערצעהלט פון דיין אידען, דעם אויסגעצייכענטען טענצער, אז איך בין זעהר נייגעריג צו זעהן ווי ער טאנצט. אפשר איז מעגליך אז דו זאלסט נאך איהם שיקען, און זאל ער אונז אונטערהאלטען מיט זיין טאנצען.

— איך האב איהם פארשפראכען נאך מיט יאהרען צוריק ניט מעהר צו באלעסטיגען מיט טאנצען — האט דער גראף געזאגט.

— נו, דאס איז דאך געוועזען מיט יאהרען צוריק. איצט אבער, קאנסטו

זיך ערלויבען ער זאל קומען אונז אונטערהאלטען נאך אמאל מיט זיין וואונדערבארען טאנצען.

— יע, זאל ער טאקע קומען אהער און ווייזען ווי גוט ער קאן טאנצען!

— האבען די אנדערע פריצים צוגעגעבען.

— זאל ער קומען, פאטער! — האט קאטערינא געזאגט.

— אבער איך האב געגעבען וואלענטי'ן מיין ווארט אז איך וועל איהם מעהר ניט צווינגען צו טאן אזא זאך! — האט דער גראף געזאגט.

— דו יועסט איהם ניט דארפען צווינגען! אלץ וואס ועסט טאן, און ער וועט פאר אונז טאנצען.

דער האלב שיכור'ער גראף האט זיך געלאזט איבערבעטען. און ער האט געשיקט רופען צוויי פון זיינע היידוקעס און זיי געהייסען אריבערגעהן צו דעם פאן זוסקעס און איהם אנזאגען אז דער גראף וויל ער זאל גלייך קומען צו איהם אונטערהאלטען זיינע געסט.

איידער די היידוקעס זייענן ארויס פון דעם זאל, האט זיך דארט באוויזען דער וילה אנטאן מיט א דיקען שטעקען אין האנט. אויף דעם שפיץ פון שטעקען איז געווען א צלם. ער איז אריינגעקומען אין גרויסען זאל צימער און מיט לאנגזאמע טריט זיך גענומען דערנעהענטערען צו דעם גראף. עס איז דארט געווען א גערויש און א געלעכטער האט זיך געטראגען פון די יונגע פאנענקעס, וועלכע האבען זיך אמוזירט מיט די קאוואלערען.

— עס איז איצט ניט קיין צייט פון פרעהען זיך! — האט אנטאן א קלאפ געטאן מיט זיין שטעקען אויף דעם באדען — א שרעקליכע זאך האט פאסירט!

אין זאל איז פלוצלונג שטיל געווארען. אלע האבען געקוקט אויף דעם גלח מיט שרעק. אפילו די היידוקעס, וועמען דער גראף האט געשיקט ברייננען דעם אידען ר' לייזער'ן צו טאנצען פאר זיי, זיינען אויך געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט צו זייערע פלעצער.

— וואס איז געשעהן! — האט דער גראף זיך געווענדעט צום גלח.

— זאל דער האר יעזוס קריסטוס אונז אלעמען פארגעבען! — האט דער גלח זיך גענומען צלם'ען — מיר האבען אלע געגען איהם געזינדיגט, און דאריבער האט פאסירט אזא שרעקליכע זאך!

— א, הייליגער פאטער אנטאן!

— איז קאטערינא צו איהם צוגעלאפען — זאגט אונז, זאגט אונז שנעלער וואס האט פאסירט!

— איך בין אהער געקומען פון ווילנא, פון דעם בישאפ'ס פאלאץ! דארט אין געפענגעניש געפינט זיך איצט דיין ברודער וואלענטי! — האט דער גלח געזאגט.

— מיין ברודער וואלענטי אין געפענגעניש ביים בישאף! — האט קאטערינא אויסגערופען מיט ערשטוינונג — א. ניין, פאטעריל, עס איז א טעות! מיין ברודער איז דאך אין אויסלאנד!

דער גראף, וועלכער איז אויך דערביי געשטאנען האט זיך גענומען אויסניכטערען פון זיין שכרות. ער האט זיך אנגערופען צום גלח:

— זאגט איבער וואס איהר האט נאר וואס געזאגט?

— זאל אויך די גרעפין אהער צוקומען! — האט אנטאן זיך אנגערופען — איך וויל אז איהר אלע זאלט הערען וואס די זשידעס האבען געטאן צו אייער זוהן!

קאטערינא איז גלייך אריינגעלאפען צו איהר מוטער אין צימער און זי איז מיט איהר גלייך אריינגעקומען אין זאל, וואו אלע געסט צוזאמען מיט דעם גראף זיינען געשטאנען ווי געפלעפטע.

—וואס איז געשעהן? ! — האט די גרעפין זיך געווענדעט צום גלח — א, זאגט מיר הייליגער פאטעריל, וואס איז געשעהן, וואס דערצעהלט מיר עפעס קאטרין אז מיין זוהן, מיין וואלענטי, איז ארעסטירט, ביים בישאף!

— יע, גנעדיגע גרעפין, — ער איז ארעסטירט. איך האב איהם געטראפען דא אין איליע, ער איז געווען אין א זשידאווסקי שוהל, דארט האט ער געלערענט זייער תלמוד!

— וואס רעדט איהר, פאטער הייליגער! — האט דער גראף אויסגערופען — ווי קומט מיין זוהן אין איליע, אז ער איז דאך אין אויסלאנד, ער שטודירט דאך דארט!

— דאס האב איך אויך געטראכט, אבער איך בין ניט בלינד, איך האב איהם געזעהען מיט מיינע אויגען!

איך האב איהם דערקאנט. איך האב אפילו דערקאנט זיין שטימע. איך בין זיכער אז דאס איז ער!

— אבער ערשט ניט לאנג צוריק האט מיר דאך זארעמבא, זיין חבר, געבראכט א בריוו פון מיין זוהן! — האט דער גראף אויסגערופען. — איך האב דאך דערקאנט מיין זוהן'ס האנדשריפט.

— דא איז פארגעקומען א שווינדעל. און טאקע דער זעלבער זארעמבא און זיין פרוי זיינען אויך פלוצלונג פארשוואונדען געווארען פון ווילנא. ווייזט אויס אז אימיצער האט זיי דערצעהלט אז מען האט ארעסטירט וואלענטי'ן. עס קאן דאך מעגליך זיין אז ער האט זיך מיט איהם געזעהן דא, אין איליע, און ער האט דא טאקע אנגעשריבען דעם בריוו און איהם איבערגעגעבען.

— ניין, איך קאן עס ניט גלויבען!

— האט די גרעפין אויסגערופען — עס מוז געוויס זיין א מיספארשטענדניש.

— איך בין ניט גערירט פון זינען! איך שווער אייך ביי דעם הייליגען צלם אז איך האב געטראפען וואלענטי'ן אין א זשידאווסקי שוהל. ער האט דארט געלערנט תלמוד און ער טראגט א בארד און פאות, פונקט ווי אלע זשידעס! יע, ער האט פארלאזען אונזער הייליגע אמונה און איז אריבערגעגאנגען צו די זשידעס, די וועלכע האבען געקרייצט אונזער הייליגען יעזוס!

ווען דער גראף האט געזעהן אז דער גלח שווערט זיך שוין ביים צלם, האט ער אויף דעם גלח גענומען קוקען מיט דורכדרינגענדע בליקען. די געסט וועלכע זיינען אויך שטארק ערשטוינט געווארען און האבען ארומגערינגעלט דעם גלח, האבען זיך גענומען איבערווארפען ביט בליקען. זיי האבען ניט געוואוסט וואס צו טאן. ערשט מיט א ווײלע צוריק זיינען זיי אלע געווען אזוי פרעהליך און אזוי לוסטיג. מען האט דערווארט אז באלד וועט קומען דער איד, דער ארענדאר פון גראף, און וועט טאנצען פאר זיי און פלוצלונג איז דא געווארען אזא איבערקערעניש. זיי האבען געהערט, אז דער גלח רעדט וועגען דעם גראפ'ס זוהן אז ער איז געווארען א זשיד . . . און יעדער איינער איז געווען נייגעריג צו הערען די איינצעלהייטען. און דעריבער האבען זיי זיך גענומען דערנעהנטערען צום גלח.

— צום באדויערען וועלען מיר מוזען אויפגעבען אונזער אונטערהאלטונג! — האט זיך דער גראף געווענדעט צו זיינע געסט — איהר וועט מיר מוזען ענטשולדיגען, אבער איהר אליין וועט דאך פארשטעהן אז אונטער די אומשטענדען איז שווער אפילו פאר מיר צו באגרייפען וואס עס האט פאסירט. און איך וועל די זאך מוזען גלייך אויספארשען. עס קאן זיין אז דאס איז א מיספארשטענדניש, אבער רוהיג זיין קאנען מיר שוין ניט, ווען מיר האבען געהערט אזא זאך פון דעם הייליגען פאטער'ס מויל. איך בעט אייך נאך אמאל: האט אויף מיר קיין פאריבעל ניט, אויב עס וועט זיך ארויסווייזען, אז דא איז ווירקליך פארגעקומען א מיספארשטענדניש, וועל איך נאכאמאל מאכען א פארוויילונג אין מיין פאלאץ און אייך אלעמען איינלאדען.

די געסט זיינען זיך צוגאנגען. די צוויי היידוקעס וועלכע האבען געזאלט געהן רופען דעם ארענדאר צו טאנצען, און זיינען אויך געבליבען דערווייל אין זאל, האבען איצט ניט געוואוסט וואס צו טאן, צו געהן אדער ניט צו דעם פאן זוסקעס. זיי האבען מורא געהאט צו פרעגען דעם גראף, ווייל זיי האבען געוואוסט, אז ווען ער איז אין אזא שטימונג, איז א געפאהר צו ריידען צו איהם.

ווען זיי האבען דערזעהן אז דעם גראפ'ס טאכטער געהט פארביי זיי, האט זיך איינער פון די היידוקעס געווענדעט צו איהר און געפרעגט אויב זיי דארפען איצט געהן צום זשיד און איהם הייסען קומען טאנצען.

— איהר נארישע אייזלען! — האט קאטערינא אויף זיי א געשריי געטאן — פאר וועמען וועט ער טאנצען? די געסט זיינען דאך צוגאנגען, געהט צוריק אין שטאל צו די פערד וואו איהר באלאנגט.

די היידוקעס האבען זיך פארנייגט און זיי זיינען ארויס. דער גלח איז נאך אלץ געבליבען שטעהן אין מיטען זאל מיט זיין שטעקען אין האנט. די גרעפין האט געווישט איהרע אוי־

נען און זיך נאָך אמאָל געווענדעט צו איהם:

— אַ, הייליגער פּאַטער, אפשר מאכט איהר א טעות! איך קאָן זיך ניט פאַרשטעלען אז מיין זוהן, מיין טייערער זוהן, וועמען איך האב ליעב מעהר פון אלץ אין דער וועלט, זאל אפּטאָן אזא זאַך.

— עס קאָן ניט זיין! — האָט דער גראף אויסגערופען געהענדיג הין און צוריק איבער'ן צימער. — עס לייגט זיך ניט אויפ'ן שכל! פּאַרוואס זאל אונזער וואלענטי וועלען טהאָן אזא שרעקליכע זאַך! ווי אזוי קאָן ער פארוואנדעלט ווערען אין א שמוציגען זשיד! — האָט ער דאָס אליין צוגעגעבען! — האָט ער זיך געווענדעט צום גלח — האָט ער געזאגט אז ער איז ווירקליך אונזער זוהן!...

— נו, עס פארשטעהט זיך, אז ער לייקענט. ער זאגט, אז ער איז א זשיד וועלכער איז געקומען פון א גאנץ אנדער לאנד.

— אפשר איז ער גערעכט! — האָט דער גראף אויסגערופען, — אפשר איז ער טאקע א פרעמדער זשיד, וועלכער איז עטוואס עהנליך צו אונזער זוהן און איהר האָט געמאכט א טעות, פּאַטעריל!

— יע, אפשר איז ער טאקע א פרעמדער! — האָט די גרעפין ווידערהאָלט דעם גראפ'ס רייד. עס פּאַסירט גאנץ אפט, אז מענשען זיינען עהנליך איינע צו די אנדערע. איהר אליין האָט דאָך שוין וואלענטי'ן ניט געזעהן שוין מעהר ווי פינף יאָהר, און ווען אפילו ער איז געווען דאָ, ביי אונז, האָט איהר איהם אויך זעלטען געזעהן. קאָן דאָך פּאַסירען אז אייך האָט זיך בלויז אויסגעוויזען אז ער איז מיין זוהן.

— איך קאָן דערקאנען א מענשען אפילו ווען איך זאל האבען איהם געזעהן איינמאָל מיט פיעלע יאהרען צוריק! — האָט דער גלח געזאגט — איך קאָן קיינמאָל ניט פארגעסען א מענשענ'ס פּנים. אבער אויב איהר צווייפעלט, גלויב איך, אז ס'וואָלט געווען ווינשענסווערטה פאר אייך אלעמען, איך מיין פאר אייך גרעפין, פאר דעם גראף און אייער טאָכטער, איהר זאלט וואס שנעלער צופאהרען קיין ווילנא און איהר וועט זיך איבערציינגען ביי דעם בישאף אין הויז, וואו מען וועט איהם אריינברייגנען. איהר וועט פּרובירען אליין מיט איהם ריידען.

— נו, געוויס וועלען מיר פאהרען. מיר קאָנען דאָך ניט ערלויבען אז אפילו א קלאנג זאל פאַרשפּרייט ווערען וועגען אונזער זוהן. איך וויל, הייליגער פּאַטער, איהר זאלט מיר ניט מיספארשטעהן, איך זאָג ניט אז איהר זייט ניט פא־זיכטיג געווען מאכענדיג די דאָזיגע באשולדיגונג, אבער מען איז דאָך נאָכאלעמען ניט מעהר ווי א מענש און א מענש קאָן מאכען א טעות.

— איך פארזיכער אייך גרעפין, אז איך אליין וואלט זעהר שטארק געוואונשען אז איך זאל האבען געמאכט א טעות — האָט דער גלח זיך אנגערופען, — אבער צום באדויערען בין איך איבערציינגט אין דעם, און אויב איך האָב געשווארען ביי דעם הייליגען קרייץ, איז א סימן, אז איך מאַך שוין גאר קיין טעות ניט.

— מוטער, לאָמיר נאָך היינט אפּרייזען קיין ווילנא! — האָט קאטערינא געזאגט. איך קאָן ניט בלייבען איין רגע דאָ, הערענדיג, אז מיין ברודער ווערט באשולדיגט אין אזא שרעקליכע זאך!

— יע, מיר וועלען באלד אפּפאהרען — האָט דער גראף געזאגט — איך בין אליין אויך זעהר אונגעדולדיג.

דער גראף האָט גלייך געשיקט רופען זיין הויפּט פון די קוטשערס און איהם געהייסען שפּאנען זיין גרויסען עקיפּאזש צו זעקס פערד. דערווייל האָבען זיי זיך שנעל גענומען גרייטען צו דער רייזע.

ווען דער עקיפּאזש איז געווען גרייט האָבען זיי זיך אריינגעזעצט צוזאמען מיט דעם גלח. דער קוטשער האָט געטריבען די פערד, און זיי זיינען ארויסגעפאהרען פון איליע.

אויפ'ן וועג האָט דער גראף אויסגעפרעגט דעם גלח נאָכאמאָל די איינצעלהייטען ווי אזוי איהם איז איינגעפאלען צו געהן אין א אידישער שוהל און דאָרט אויפזוכען דעם פרעמדען אויף וועמען ער האָט א פארדאכט אז ער איז דאָס זייער זוהן.

— ניין, הערר גראף, — איך האָב

ניט קיין פארדאכט, איך בין אין דעם איבערצייגט. פון אנפאנג קאן זיין אז איך האב טאקע געהאט בלויז א פארדאכט, אבער ווען איך האב געהאט די געלעגענהייט זיך נעהנטער צו צוקוקען צו איהם, בין איך געווארען איבערצייגט אז דאס איז וואלענטי, אייער זוהן. או דאס וואס איהר פרעגט ווי אזוי איך בין דערצו געקומען, מוז איך צוגעבען מיט מיין פולער באשיידענהייט, אז איך ווייס ווי אזוי ארויסצובאקומען פיעלע סודות פון די זשידעם. אין איליע איז פאראן א זשיד, מיט דעם נאמען יוקא, ער איז א שניידער און ער נעהט גאנץ אפט אויך פאר מיר. קום איך אריין צו איהם אין הויז איך ווייס אז ער האט ליעב צו ריידען א סך. לאז איך איהם ריידען. פארשטעהט זיך, אז ווען ער איז ניכטער, היט ער זיך זעהר שטארק מיט זיין צונג, אבער קוים נעהמט ער אביסעל בראנפען, ווערט ער לויז מיט זיין צונג און איך קאן ארויסבאקומען פון איהם אלץ אין דער וועלט. האב איך מיט א קורצער צייט געמאכט א באזוך ביי איהם צוריק. און איך האב געפילט אז ער האט מיר עפעס צו דערציילען, נאר עס איז איהם זעהר שווער צו ריידען. האב איך איהם געזאגט אז מיר זאלען ביידע אויסטרינקען א ביסעל שנאפס פאר דער געזונדהייט פון דעם גראף פאטאצקי, האט ער געבראכט שנאפס, און איך האב זיך געמאכט ווי איך טרינק מיט איהם, אבער אין אמת'ן האב איך איהם אליין געלאזט טרינקען און איך האב מיין שנאפס אויסגעגאסען, אזוי אז ער זאל עס ניט באמערקען. נו, ווען ער האט שוין געהאט אויסגעטרונקען עטליכע גלעזעלאך בראנפען, האב איך ביי איהם גענומען אויספרעגען פארשידענע זאכען. הער איך ווי ער רעדט עפעס וועגען א פרעמדען, וועלכער האלט זיך פאר א איד, און אין דער אמת'ען איז ער ניט קיין איד. ווען איך האב דאס געהערט, בין איך שוין געווען שטארק פאראינטערעסירט. איך האב גענומען איהם אויספרעגען איינצעלהייטען. און איך האב פון איהם ארויסבאקומען אז אין זייער א שוהל געפינט זיך א פאליאק וועלכער האט אנגענומען דעם אידישען גלויבען. ער האט מיר געזאגט אז ער רעדט איהם שווער צו ריידען. בין איך שוין געווארען נייגעריג און איך האב איהם באטראכט דורך דעם פענסטער פון זייער שוהל. איך האב זיך ניט געקאנט גוט צוקוקען צו איהם, אבער איך האב געפילט אז ער איז ניט קיין איד און איך האב באשלאסען איהם צו ארעסטירען.

— האט אייך דער דאזיגער שניידער געזאגט אז דאס איז מיין זוהן ?

— האט דער גראף איהם געפרעגט.

— ניין, ווייזט אויס, אז ער האט עס ניט געוואוסט, אבער איך בין זיכער אז אייער ארענדאר, לייזער זוסקעס האט פון דעם געוואוסט, ווייל ווען איך בין געקומען איהם ארעסטירען, האט זוסקעס מיר אנגעבאטען א גאר גרויסע סומע געלט, איך זאל איהם אפלאזען. ער האט פרובירט לייקענען אז ער איז אן אונזעריגער, אבער איך האב זיך ניט געלאזען אונטערקויפען. ער איז מיר אפילו נאכגעלאפען א היבשען וועג, אבער איהם איז גאר ניט געלונגען.

— פארוואס האט איהם איהם גלייך צו אונז ניט געבראכט, פאטעריל ?

— האט קאטערינא איהם געפרעגט.

— איך האב דאך אייך שוין געזאגט, אז פון אנפאנג איז מיר גארניט איינגעפאלען אז דאס זאל זיין וואלענטי, אבער ווען מיר זיינען שוין געווען א היבשע שטרעקע אין וועג, האב איך זיך גוט צוגעקוקט צו איהם און איך האב איהם דערקאנט. דאן אבער בין איך שוין געווען נעהנטער צו ווילנא און דאריבער האב איך איהם געבראכט צום בישאף. און ערשט דארט האב איך זיך איבערצייגט, אבער אזוי ווי ער איז געבליבען פאר'עקשנ'ט און זיך ניט געוואלט ארויסגעבען, האט מיר דער בישאף געהייסען אייך ברינגען אהער, כדי איהר זאלט איהם דערקאנען, אידער מען וועט איהם קאנען משפט'ן פאר זיין שרעקליכען פארברעכען.

— איך קאן ניט פארשטעהן פארוואס אט דער יושקא האט פאר אייך פאר'מסר'ט אז אין איליע געפינט זיך א פאליאק, וועלכער איז געווארען א איד ! — האט קאטערינא זיך אנגערופען. — ווי איך האב געהערט וועט א איד קיינמאל ניט מסר'ן אויף א צוויי־

טען אידען עפּעס וואָס האָט צו טאָן מיט זייער אמונה!

— צו מיין גליק האָט וויזט אויס וואלענטי א פאטש געטאָן יושקא'ס און אינגעל, איז זיין טאטע אויף איהם אין כעס געוואָרען און ער האָט איהם פאר מיר גע'מסר"ט.

— איך בעט אייך, הייליגער פאַטער, רעדט ניט ארוים מיין זוהנ'ס נאמען — האָט די גרעפין זיך צו איהם אָנגערופען — איך קאָן בשום אופן ניט פארבינדען מיין זוהן'ס נאמען מיט די זשידעס, און מיט זייערע שוהלען.

— איהר קאָנט מיר גלויבען, אז אויך איך וואָלט ניט געוואָלט פארבינדען אייער זוהן'ס נאמען מיט די פארהאַסטע זשידעס, אבער צום באַדויערען מוזען מיר צוגעבען אז אזוי האָט פּאסירט, איך ווייס ניט, ווער עס איז שולדיג אין דעם!

— פונדעסטוועגען בין איך זיכער, אז איהר מאכט נאָר אליין א טעות!

— האָט קאטערינא זיך אָנגערופען. — מיין ברודער וועט אזא זאך ניט טאָן!

— מיר וועלען זיך שוין באלד איבערציינען — האָט דער גראף געזאגט.

— צו וואס זאלען מיר איצט ריידען וועגען דעם. מיר וועלען דאָך געוויס דערקאָנען אונזער זוהן.

— איך וועל דערקאָנען וואלענטי'ן אפילו ווען ער זאָל טראָגען א באָרד ביז זיינע קניה — האָט קאטערינא געזאגט.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין ווילנא איז שוין געווען שפּעט ביינאכט און דער גראף און די גרעפין צוזאמען מיט קאטערינא'ן זיינען אוועק צו זייער פּאלאץ אין ווילנא. זיי האָבען אויך איינגעלאדען דעם גלח איבערצונעכטיגען די נעכט מיט זיי כדי זיי זאלען קאנען געהן צוזאמען גאנץ פריה צום בישאָף.

זיי זיינען אלע געווען אויסגעמאַטערט פון דער לאנגער רייזע, און זיי האָבען מעהר ניט גערעדט וועגען דעם.

אויף מאָרגען אין דער פריה זיינען זיי אלע אוועק צום בישאָף, וועלכער האָט זיי פריינדליך אויפגענומען. דער בישאָף האָט זיי געבעטען זיך זעצען און מיט אן ערנסטען פּנים, האָט ער זיך געווענדעט צו דעם גראף:

— ווען אנטאָן האָט מיר געזאָגט, אז ער איז איבערצייגט, אז דער וועלכער געפינט זיך איצט אין מיין תפיסה, איז דער יונגער גראף פּאָטאָצקי, האָב איך עס ניט געוואָלט גלויבען, איבערהויפּט ווען יענער האָט עס געלייקענט, אָבער פון די אלע באַווייזען, וואָס אנטאָן האָט געהאַט געזאמעלט, בין איך גענויגט צו גלויבען, אז ער מאכט ניט קיין טעות, פונדעסטוועגען וויל איך זיך גוט איבערציינען, איידער איך וועל איהם איבערגעבען אין די הענט פון גערעכטיגקייט. ווער נאָר ווי עלטערן קאָנען דערקאָנען זייער אייגענעם זוהן!...

נאָכדעם ווי דער בישאָף האָט מיט זיי פארבראַכט א קליינע ווייל, האָט ער געשיקט רופען צוויי באאמטע און זיי אָנגעזאָגט, אז זיי זאָלען אריינפיהרען דעם ארעסטירטען געשמידט אין קייטען.

— מיר דארפען זיין זעהר פאָרזיכטיג! — האָט זיך דער בישאָף פארענטפערט פאר זיי — מיר קאָנען ניט זיין צו זיכער, אז ער וועט ניט מאכען קיין פארזוך צו אנטלויפען פון דאַנען. מען וועט איהם אריינפיהרען אין א באזונדערען צימער און יעדער איינער פון אייך וועט קאָנען אריינקומען און איהם גוט באטראכטען.

ווען מען האָט דעם גר אריינגעפיהרט אין פּאלאץ פון בישאָף, האָט מען איהם אריינגעבראכט אין א באַזונדערען צימער. איין וועכטער איז געשטאנען ביי דער טיהר פון צימער און איהם געהיט.

— איהר קאָנט אריינקומען צום ערשטען! — האָט דער בישאָף זיך געווענדעט צו דער גרעפין.

מיט א קלאפּענדען הארץ און מיט וואקלענדע טריט, איז די גרעפין צוגעגאנגען צו דער טיר, וואָס דער וועכטער האָט לאנגזאם אויפגעעפענט. זי איז אריינגעגאנגען איבווייניג. דער פרעמדער איז געשטאנען מיט דעם פּנים געווענדעט צום באָדען.

ווען די גרעפין האָט אויף איהם א קוק געטאָן און זעהענדיג זיין הילוך, מיט זיין באָרד און פּאות, האָט זי זיך אפילו ניט געוואָלט איינקוקען גוט אין זיין פּנים, זי האָט זיך גלייך איבערגע'צלמ'ט און גענומען צוריקטרעטען.

זי איז געוואָרן היסטעריש, און ווען זי איז צוריק אריין אין דעם צימער, וואו דער בישאָף און דער גלח און די אנדערע זיינען געווען האָט זי זיך ניט אויפגעהערט צו צלמ׳ן און מורמלען מיט עקעל:

— אָ, ניין, ניין! דאָס איז ניט מיין זוהן! עס קאָן ניט זיין!

— האָט איהר זיך גוט צוגעקוקט צו זיין פּנים? — האָט דער בישאָף זי געפרעגט.

— איך דאַרף גאָרניט אָנקוקען זיין פּנים פון נאָהענט! — האָט די גרעפין געשוידערט — איך האָב בלויז א קוק געטאָן אויף זיינע קליידער און זיין באָרד און פּאות און איך בין איבערצייגט, אז דאָס איז ניט מיין זוהן, מעהר האָב איך אפילו ניט געדאַרפט קוקען אויף איהם.

— ניין, גרעפין, עס איז אייער פליכט איהם גוט אָנצוקוקען און אויך מיט איהם אריינצוגעהן אין א געשפּרעך. איהר דאַרפט ניט נאָר זעהן די שטריכען פון זיין פּנים נאָר אויך הערען זיין שטימע. געהט אריין נאָך אמאָל. און באַטראַכט איהם זעהר גוט איידער איהר קומט צום באַשלוס, אז ער איז ניט אייער זוהן...

די גרעפין איז ווידער אריינגעקומען אין צימער. זי האָט זיך גענומען דערנעהנטערען צו איהם. דער גר האָט זיך אַלץ נאָך ניט ארומגעקוקט.

— הויבט אויף אייער פּנים, איך וויל אייך אָנקוקען! — האָט די גרעפין אויסגערופען מיט א ציטערנדער שטימע.

אברהם׳ס האַרץ האָט א צאַפּעל געטאָן ווען ער האָט דערהערט די שטימע פון זיין מוטער, אָבער ער האָט זיך באַהערשט. ער האָט אָבער עטוואָס אויפגעהויבען זיין פּנים און געווענדעט זיין בליק אין איהר ריכטונג.

די גרעפין איז צוגעקומען נעהענטער צו איהם... זי האָט איהם געבעטען נאָכאַמאָל אויפהויבען זיינע אויגען, און אויך איצט איז זי געווען איבערצייגט, אז ער איז ניט איהר זוהן. זי האָט אָבער באַשלאָסען צו הערען זיין שטימע.

— ווער זייט איהר? — האָט זי איהם א פרעג געטאָן.

— איך בין א איד! — האָט ער געמאַכט א פאַרזוך צו ענדערען זיין שטימע.

די גרעפין אָבער האָט פּאָרט געקאָנט דערקאָנען, אז דאָס איז די שטימע פון איהר זוהן!

— אויב איהר זייט א איד, טאָ ווי קומט, אז מען זאָגט, אז איהר זייט וואַלענטי, — האָט זי זיך צו איהם געווענדעט און אָנגעשטריינגט איהרע אויערען צו הערען ווי ער וועט ריידען...

אברהם האָט ניט געענטפערט און די גרעפין האָט זיך נאָך נעהנטער צוגערוקט צו איהם. זי האָט גענומען אריינקוקען אין זיינע אויגען און באַלד האָט זיך איהר גענומען דרעהען דער קאָפּ און שווינדלען אין די אויגען. אברהם האָט דערזעהן, אז זי וועט באַלד אומפאַלען, האָט ער זי אונטערגעהאַלטען און זי צוגעפיהרט צו א שטוהל.

— אָ, מיין זוהן, דאָס ביסטו טאַקע מיין וואַלענטי! — האָט זי מיט א שוואַכער שטימע גענומען מורמלען — אָ, באָזשע מאָי, באָזשע מאָי!

— האָט זי זיך גענומען צלמ׳ן.

וואַלענטי איז געשטאַנען נעבען איהר מיט א געבויגענעם קאָפּ, און האָט מעהר קיין וואָרט ניט גערעדט.

די טיר פון צימער האָט זיך געעפענט און דער גראַף איז אריינגעקומען. ווען ער האָט דערזעהן די גרעפין זיצענדיג אויף א שטוהל, און דער פרעמדער שטעהענדיג נעבען איהר, האָט ער פאַרשטאַנען, אז זי האָט איהם געוויס דערקאָנט. ער איז אויך צוגעגאַנגען נאָהענטער און א קוק געטאָן אויף וואַלענטי׳ן, וועלכער האָט נאָך אַלץ געזוכט צו באַהאַלטען זיינע אויגען.

— לאָמיר דיך אָנקוקען! — האָט דער גראַף מיט א באַפעלערישער שטימע אויסגערופען.

אברהם האָט אויפגעהויבען זיין פּנים עטוואָס העכער און דער גראַף האָט איהם באַטראַכט.

— איך ווייס, אז דאָס ביסטו, וואַלענטי, אָבער איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלען, אז דו זאָלסט טאָן אזא זאַך, אז דו זאָלסט פאַרלאָזען דיין אמונה דיינע עלטערען און אריבערגעהן צו די שמוציגע זשידעס! פאַרוואָס האָסטו געטאָן אזא זאַך!

— איך בין גליקליך, וואס איך האב דערקאנט די אידישע אמונה! — האט וואלענטי אויסגערופען — ביז דאן האב איך ניט געלעבט, אבער זינט איך בין געווארען א איד, האב איך ערשט געזעהן די גרויסקייט און געטליכקייט פון דער אידישער תורה.

דערוויל איז אריינגעקומען קאטערינא, און זי האט דערזעהן ווי איהר פאטער רעדט צו איהם, האט זי גענומען שוידערן מיט עקעל. זי האט געזעהן, אז דער פרעמדער טראגט א לאנגע קאפאטע, וואס איז געוועזן איינגעשמוצט און ערטערווייז צעריסען פון דעם וועג, וואס ער האט דורכגעמאכט. זי האט געווארפען א בליק אויף זיין ניט פארקאמטער בארד און פאות, און זי האט זיך ניט געקאנט פארשטעלען, אז דאס זאל זיין איהר ברודער. זי האט געזעהן ווי איהר מוטער זיצט אויף דעם שטוהל א האלב פאר'חלש'טע, און איינער פון די דינער דערלאנגט איהר א גלאז וואסער. זי האט פארשטאנען, אז איהרע עלטערען האבען איהם דערקענט און דאך דערזעהענדיג איהם האט נאך אין הארצען געליט א קליינער פונק פון האפענונג, אז אפשר מאכען זיי אלע א טעות! עס איז דאך אומעגליך, אז איהר ברודער וואלענטי זאל פארוואנדעלט ווערען אין א שמוציגען זשיד! ניין, עס קאן ניט זיין!

באלד אבער האט זי איינגעזעהן, אז עס איז אמת! זי האט איהם אויך דערקאנט. זי האט ארויסגעלאזען א געשריי און זיך גענומען צלמ'ען.

— דו זעהסט קאטערינא, וואס איז געווארען פון דיין ברודער! — האט דער גראף אויסגערופען — ער האט געבראכט שאנדע און זינד אויף אונזער פאמיליע. ער האט פארלאזען אונזער אמונה און איז איבערגעגאנגען צו זיי, צו די זשידעס. איך וועל זיי ניט שענקען! איך וועל זיך אפרעכענען מיט אלע זשידעס!

— קיינער פון די אידען איז ניט שולדיג! — האט וואלענטי אויסגערופען — איך האב שוין לאנג באשלאסען צו ווערען א איד, און איך בין געקומען צו די היגע אידישע רבנים און גרויסע לייט און זיי האבען מיר פון דעם אפגערעדט. ווען איך בין אבער באשטאנען אויף מיין פארלאנג, האבען זיי מיר ענטזאגט, זיי האבען מיר בשום אופן ניט געוואלט מאכען פאר א אידען. דאריבער בין איך געצוואונגען געוועזן אוועקצופאהרען פון דאנען קיין פאריז, און אויך די דארטיגע אידען האבען ניט געוואלט ערפילען מיין פארלאנג. דאריבער זעהט איהר דאך, אז קיינער פון די אידען איז ניט שולדיג! איך בין גרייט צו נעמען די גאנצע פאראנטווארטליכקייט אויף זיך.

— אוי, מיין זוהן! — האט זיך ערשט די גרעפין צעוויינט — ווי אזוי האסטו געקאנט טאן אזא זאך צו אונז! עס איז דאך שוידערליך! איך קאן נאך אלץ ניט גלויבען מיינע אויגען.

— וואלענטי, דאס ביזטו! דו ביזט געווארען א זשיד, אזא שמוציגער זשיד!

— וויסטו וואס דיר קומט פאר אזא זאך! — האט דער גראף געדריקט זיין פויסט — דו האסט פארראטען דיין פאלק, דיין גאט און דיינע עלטערען! דו האסט אונז אלעמען פארשעהמט! זאג מיר ווער האט דיך אריינגעשלעפט אין אזא בלאטע?...

— זאל גאט עפענען אייערע אויגען, אפשר וועט איהר אויך זעהן די אמת'ע ליכט. — האט דער גר געזאגט — איהר זייט דערוויל געשלאגען מיט בלענדעניש, און אייך איז שווער אורצוטיילען צווישען ליכט און פינסטערניש. איך דאנק גאט וואס ער האט מיינע אויגען געעפענט אין צייט, און מיך געפיהרט אויף דעם ריכטיגען וועג!

— שוויג, דו אומווירדיגער, דו אומגלויביגער! — האט דער גראף איהם ארונטערגעלאזען א פאטש אין פנים — דו לעסטערסט אונזער גאט!

— א, ניין, איז די גרעפין צוגעגאנגען און אנגענומען דעם גראף פאר'ן האנט — זעהסטו דען ניט אז ער איז קראנק, אז ער נויטיגט זיך אין א סך רוה... זאל ער זיך צוריקקערען צו אונז אהיים, ער וועט זיך ארומשערען, ער וועט זיך ארומוואשען און גוט אויסרוהען, וועט ער דאן איינזעהן אז ער איז פארפיהרט געווארען, און ער וועט טאן תשובה און אונזער האר יעזוס

וועט איהם מוחל זיין! הא, וואלענטי, וועסטו מיט אונז געהן?

— איך האב געפונען דעם גרעסטען גליק אין מיין לעבען! — האט אברהם געזאגט — ווי אזוי קאן איך דאס אויפגעבען! ניין, איך וועל בלייבען א איד!

— מיין זוהן! מיין זוהן! — האט זיך די גרעפין גענומען דערנעהנטערען צו איהם, — איך בעט דיך, רייד ניט אזוי! דו ביזט קראנק, דו ווייסט ניט וואס דו רעדסט!

— די זשידעס האבען אויף איהם א כשוף ארויפגעטאן! — האט קאטערינא געזאגט — זיי האבען איהם איבערגערעדט צו פארלאזען אונזער אמונה!

— ס'איז ניט ריכטיג! כ'בין איצט א איד, ווייס איך אז עס איז געגען דעם אידישען געזעץ איבערצורייד[ע]ן אימיצען צו בייטען זיין אמונה און ווערען א איד! איך אליין האב אויך געהאט פיעלע שוועריגקייטען ביז וואנען מיר איז געלונגען צו ווערען א איד! קיינער האט מיך ניט בעאיינפלוסט! איך וויל אז איהר זאלט עס וויסען אז קיינער פון די אידען איז ניט שולדיג אין דעם!

— א, וואלענטי, וואלענטי, מיין ליבער זוהן! — האט די גרעפין וויינענדיג געזאגט — האסטו גאר קיין רחמנות ניט אויף דיין מוטער! פארוואס זאלסטו זיין אזוי פאר'עקשנ'ט. זאג אונז אז דו וועסט אויפגעבען דיין זינדיגען וועג און מיר וועלען זיין ווידער צוזאמען!

— איך בין ניט פאר'עקשנ'ט! — האט אברהם געזאגט — איך האב לאנג געזוכט דעם אמת, און איך האב ענדליך געפונען — איצט וועל איך זיך צוריק ניט אומקערען צו אייך, איך בין מתפלל צו גאט אז ער זאל אייך אלעמען אריינגעבען דעם געדאנק נאכצוטאן מיין ביישפיל!

— דו זעהסט דאך אז מיר וועלען גארניט קאנען אויפטאן מיט איהם! — האט דער גראף זיך געווענדעט צו דער גרעפין — מיר וועלען עס דארפען איבערלאזען צום בישאף. זאל ער מיט איהם זיך דורכריידען. ער וועט וויסען בעסער ווי אזוי ארויסצוטרייבען די נארישקייט פון זיין קאפ.

— פאטער, לאז מיך ריידען צו אים! האט קאטערינא זיך אנגערופען — איך בין אלע מאל געוועזן זעהר נאהענט צו איהם. איך פלעג איהם דערציילען אלע מיינע סודות, און ער פלעגט אויך פאר מיר ענטדעקען אלץ וואס דריקט איהם אויפ'ן הארצען. איך בעט אייך לאזט מיך איבער מיט איהם פאר א ווייל[ע], אפשר וועל איך קאנען ביי איהם פועל'ן ער זאל אויפגעבען זיין נארישקייט און זיך צוריקקערען מיט אונז אהיים.

די גרעפין האט א וואונק געטאן צום גראף און זיי זיינען ארוים פון צימער. קאטערינא איז צוגעגאנגען נעהנטער צו איהר ברודער און זי האט זיך איהם געבעטען זיך צוזעצען. ער האט איהר געפאלגט און זיך צוגעזעצט. דער קלאנג פון די קייטען וואס ער האט געטראגען אויף זיינע פיס האט ארויסגערופען א ציטער אין קאטערינא'ס הארץ. איהרע אויגען זיינען אנגעפילט געווארען מיט טרעהרען.

— וואלענטי, מיין ליבער ברודער — האט זי אנגעהויבען מיט א צערטליכע שטימע — דו ווייסט דאך אז פאר דיר פלעג איך קיינע סודות ניט האבען. געדענקסטו, ווי מיר פלעגען ביידע אריינגעהן אין גארטען און אפזיצען שעה'ן לאנג און ארומריידען פארשידענע זאכען. דאן בין איך געווען זעהר יונג, און איך האב ניט פארשטאנען פילע זאכען וואס דו פלעגסט מיר דערציילען. איך געדענק אבער אז דו ביזט געווען אזוי אנדערש פון די אלע יונגע לייט וואס איך האב געקאנט. דו ביזט געווען אזוי באשיידען, אזוי אויפגעקלערט, און טאקע אויך א סך מעהר געלערנט ווי די אנדערע און איך פלעג טאקע תמיד הנאה האבען פון א געשפרעך מיט דיר. ווען דו ביזט אוועקגעפארען שטודירען, האב איך נאך דיר זעהר שטארק געבייגקט. איך פלעג זיך פילען שטארק איינזאם. יעדעם מאל ווען איך פלעג זיך טרעפען מיט א יונגען מאן, פלעג איך איהם אין מיין הארצען פארגלייכען צו דיר, און דאן פלעג איך איינזעהן ווי נישטיג ער איז געגען דיר, און איך פלעג איהם שנעל אוועקשיקען פון מיינע אויגען. דו ביזט געווען ביי מיר דער מוסטער, און איך פלעג זעהר אפט טראכטען, אז ווען איך וועל טרעפען איינעם וועלכער זאל פארמאגען אט די אלע

מעלות פון דיר, וועל איך איהם אויסדערוויילען פאר מיין מאן. איך האב איינעם אזא געטראפען און דאס איז געוועזן בארים זארעמבא, דיין פריינד, אבער ווי עס ווייזט אויס בין איך איהם ניט ווערט געווען. יוליע האט איהם נעקראגען. זי איז געוועזן מעהר באשיידען און מעהר צו זיין הארצען ווי איך... עס קאן זיין אז איך בין געוועזן זעהר ניט ווינשענסווערט. אז איך בין געוועזן צו לייכטזיניג, אז איך האב געהאט א צו שטארקען לוסט צו אלע פארגעניגענס אין לעבען, אבער איצט האב איך זיך א סך געענדערט. איך בין א סך פרימער געווארען, איך געה אין קלויסטער זעהר אפט.

— און געוויס געהסטו זיך מתודה זיין אויף דיינע זינד א סך אפטער ווי פריהער! — האט אברהם צו איהר געזאגט.

— געוויס! — האט זי געענטפערט.

— און גלויב מיר, אז נאכדעם ווי איך קום ארויס פון דעם הייליגען פאטער'ס צימער פיהל איך אז אלע מיינע זינד זיינען מיר פארגעבען געווארען און איך פיל זיך א סך גליקליכער.

— איך בין זעהר צופרידען אז דו קאטרינא קאנסט געפינען גליק אין דיין רעליגיע. אבער איך וויל דיך פרעגען און איך האף אז דו וועסט זיין זעהר אפענהערציג מיט מיר. זאג מיר דעם אמת, קאנסטו ווירקליך געפינען צופרידענהייט אין דיין הארצען, דאס וואס דו נעהסט זיך מתודה זיין ביי אנטאן, וועגען וועמען דו אליין ווייסט אז ער איז א זינדיגער, ער איז נידעריגער פון דעם נידעריגסטען. דו געדענקסט דאך וואס איך האב דיר דערציילט וואס ער האט אנגעגעבען מיט ראשיעל! ער איז א שכור, ער איז א שווינדלער, א ליגנער, און ער איז דער פארשטעהער פון דיין אמונה! זאג מיר דעם אמת, ווי אזוי קאנסטו האבען צוטרויען צו איהם, נאכדעם ווי דו ווייסט ווער ער איז!

— עס קאן זיין אז ער איז געוועזן אמאל לייכטזיניג, אבער ער איז זעהר ערנסט איצט.

— ווייסטו פארוואס יוליע האט אויך אנגענומען דעם אידישען גלויבען! האט אברהם זי געפרעגט.

— וואס, יוליע האט ווירקליך אנגענומען דעם אידישען גלויבען! — האט קאטערינא אויסגערופען מיט ערשטוינונג. — איך האב געהערט ווי דער גלח אנטאן האט אונז דערציילט אז מארים זארעמבא און יוליע זיינען אנטלאפען און דאס האט ער אנגענומען אלס באווייז אז אויך זארעמבא האט געמוזט ווערען א איד, אבער אז יוליע זאל האבען שוין אנגענומען די אידישע אמונה, דאס איז ווירקליך אן איבערראשונג! זאג מיר טאקע פארוואס האט זי עס געטאן?

— ווייל זי האט אויך איינגעזעהן ווי פאלש דער אנטאן איז. זי פלעגט צו איהם קומען זיך מתודה זיין אויף איהרע זינד, און ער האט געמאכט א פארזוך צו טאן צו איהר ווי ער האט געטאן צו ראשיעל'ן און צו פיעלע אנדערע — האט דער גר צדק צו איהר געזאגט.

— אבער עס זיינען דאך פאראן פיעלע אנדערע וועלכע זיינען עהרליך און געטריי אונזער אמונה! — האט קאטערינא זיך אנגערופען צו איהר ברודער.

— יע, דאס איז ריכטיג — אבער דו פלעגסט קומען צו איהם און הערען אלץ פון זיין פאלשען מויל. דאס באווייזט אז די אמונה איז ניט דאס וואס קאן צופרידענשטעלען די וועלכע זוכען דעם אמת!

קאטערינא איז געבליבען שטעהן א ווייל נעבען איהם און זי האט איהם באטראכט. א שטארקער רחמנות האט איהר באנומען צוקוקענדיג אויף איהם. ער איז אזוי ערנסט, ער איז איבערגעגעבען צו זיין נייער געפונענער רעליגיע. ער איז גרייט אויפצוגעבען אלע פארגעניגענס פון דער וועלט, ער איז גרייט צו ליידען פונקט ווי אלע אידען. וואס איז מיט איהם געשעהן? פארוואס טהוט ער דאס!

— הער זיך איין, וואלענטי! — האט קאטערינא זיך צו איהם געווענדעט — דער בישאף איז זעהר אן עהרליכער און הייליגער מענש, דאס וועסטו דאך צוגעבען. ער איז אויך געלערענט און ער וועט דאך ניט געהן אויף ניט קיין ריכטיגען וועג, איך בין זיכער, אז ער קאן דיר בעסער געבען צו פארשטעהן ווי איך. אבער דו דארפסט וויסען זיין, אז אויב דו וועסט זיין איינגעשפארט, און וועסט גע'משפט ווערען פון דעם הייליגען

סינאד, וועט דיר דאן קיינער ניט קאנען העלפען. דו ווייסט דאך אויך, אז אין אזא פאל קריגט דער זינדיגער די העכסטע שטראף!

— איך ווייס, מיין שוועסטער, און איך בין גרייט אויף אלץ. זיי קאנען פארניכטען מיין קערפער אבער ניט מיין נשמה! דאס אידישע פאלק האט דורכגעמאכט פיעלע צרות, יסורים און פיין, מען האט זיי געברענט און געבראטען, מען האט זיי ווי שאף געשאכטען און דאך זיינען זיי אלץ איבערגעקומען און איבערגעלעבט פיעלע פעלקער, ווייל דער אידישער גייסט איז שטארק און זיין אמונה אין דעם אלמעכטיגען ואט איז שטארק. ער קאן דאריבער געהן אין דעם טאל פון טויט און ניט מורא האבען . . .

— וואלענטי, מיין ברודער, לערן מיר ווי אזוי איך זאל אויך באגרייפען דיין ניי געפונענע אמונה. איך וואלט אויך וועלען פארשטעהן אט די אלע אומפארשטענדליכע זאכען פון לעבען. איך פאנג אן פיהלען אין מיין הארצען אז דו ביזט גערעכט, אז דו האסט ווירקליך געפונען דעם ריכטיגען וועג, אבער איך ווייס ניט ווי אזוי נאכצופאלגען דיר . . . ווייז מיר אן דעם וועג!

— ניין, מיין שוועסטער, פאר דיר וועט דער וועג זיין מיט פיעלע שטרויכלונגען. דו טארסט זיך אויף איהם ניט אוועקלאזען, ווייל דו וועסט זיכער געשטרויכעלט ווערען. בלויז נאכצוטאן מיין ביישפיעל איז ניט גענוג! עס וועט דיר ניט פיהרען צו קיין גליק, דו פארבלייב ביי דיין אמונה, אבער טו גוטעס צו אידען, וועלכע זיינען די אויסדערוועהלטע פון גאט, וועלכע זיינען עהרליך, געטריי און איבערגעגעבען צו די וועלכע באהאנדלען זיי מיט יושר און גערעכטיגקייט . . .

— אבער יוליע האט דאך אויך, פונקט ווי איך ניט געוואוסט די באדייטונג פון רעליגיע, פונדעסטוועגען האט זי זיך באקעהרט צו דער אידישער רעליגיע, — האט קאטערינא זיך אנגערופען — מיט וואס גלויבסטו שטעה איך נידעריגער פאר איהר?

— יוליע האט א בארים זארעמבא, וועלכער קאן איהר תמיד באלייטען אויף דעם ריכטיגען וועג, אבער דו האסט קיינעם ניט און דאריבער דארפסטו ניט מאכען קיין איבעראיילטען שריט!

— הער זיך איין, וואלענטי! — האט קאטערינא געזאגט — אויב דו וועסט באפרייט ווערען, וועלען מיר ביידע אפרייזען פון דאנען און דו וועסט מיט מיר לערנען אלץ וואס דו ווייסט וועגען דער אידישער רעליגיע. דו וועסט מיר ערקלעהרען די הויפט פרינציפּיען פון יודענטום, און איך בין זיכער אז דאן וועסטו איינזעהן; אז איך בין ווירדיג צו זיין דיין שוועסטער.

דו מעגסט זיכער זיין מיין שוועסטער, אז איך וועל שוין ניט מעהר זיין פריי . . . דער גלח אנטאן און דער בישאף וועלען מיך שוין ניט ארויסלאזען פון זייערע הענט. זיי וועלען מיר געבען די העכסטע שטראף. און איך בין גרייט אויף דעם!

— אבער דו ביזט דאך אזוי יונג, מיין ברודער, דו קאנסט נאך ברייגען אזוי פיעל נוצען דיין ניי געפונענעם פאלק, טא פארוואס זאלסטו זיך לאזען אומברייגען פון זייערע הענט?

— איז דען מעגליך פאר מיר זיך ניט צו לאזען! — האט דער גר געזאגט, — איך בין דאך אין זייערע הענט, און זיי וועלען מיך ניט פרעגען וואס זיי זאלען טאן צו מיר!

— איך וואלט דיר דאריבער געראטען, אז דו זאלסט זאגען דעם בישאף אז דו האסט חרטה און אז דו ווילסט זיך צוריק אומקעהרען צו אונזער אמונה, און דאן וואלט מען דיך באפרייט און; דו וואלסט שפעטער געקאנט טאן אלץ וואס דיר געפעלט. דאן וואלטען מיר פיליכט ביידע געקענט טאן דאס זעלבע ווי יוליע.

— אן אמונה קאן מען ניט בייטען, ווי מען בייט א בגד! — האט וואלענטי זיך אנגערופען.

— איך מיין ניט, אז דו זאלסט זי בייטען, איך מיין אז דו זאלסט אפנארען דעם בישאף און איהם זאגען, אז דו ווילסט צוריק ווערען א קאטויליק, און ווען דו וועסט פריי ווערען, וועסטו אנטלויפען פון דאנען און זיי וועלען דיר גאר ניט קאנען טאן!

— דו מאכסט א טעות, קאטערינא, ניט אזוי גרינג וועט מען מיך באפרייען. אפילו ווען איך זאל עס וועלען טאן, וועט מיך דער בישאף פאר[illegible]

טען פאַר א לענגערע צייט, מען וועט דאַן באַשטימען אז איך זאָל אוועקגעהן אין א מאָנאַסטיר פאַר פיעלע יאָהרען. ניין, אפילו ווען איך וואָלט געוואָלט איהם נאַרען וואָלט איך ניט געקאָנט, בפרט אז איך וועל עס בשום אופן ניט טאָן. איך וועל אפילו אויף איין איינציגע רגע ניט פאַרלאָזען מיין אמונה, די אמונה פון דעם פאָלק ישראל!

— און וואָס וועסטו טאָן ווען דער בישאָף וועט באַשליסען דיר צו צווינגען?

— קיין זאַך אין דער וועלט וועט מיר ניט קאָנען צווינגען אויפצוגעבען מיין אידישע אמונה — האָט דער גר געזאָגט — דאָס אידישע פאָלק האָט אַרויסגעגעבען א סך מאַרטירער, וועלכע האָבען בעסער מקריב געווען זייערע לעבענס איידער עובר צו זיין אויף א הייליגע מצוה ווי קליין און ניט וויכטיג זי זאָל ניט זיין! איך בין גרייט צו שטאַרבען פאַר מיין אמונה!

— אָ, ניין, מיין ליבער ברודער. רייד ניט אזוי! איך קאָן עס ניט הערען! דו מוזט בלייבען לעבען! איך וועל טאָן אַלץ אין דער וועלט דיך אַרויסצוראַטעווען פון זייערע הענט איך וועל רײדען מיט דער מוטער, אפשר וועט זי געפינען א מיטעל. איך וועל ניט דערלאָזען אז זיי זאָלען דיך אומברייגנען!

— באַרוהיג זיך, מיין שוועסטער, — האָט וואַלענטי געזאָגט, — איך פיהל זיך גליקליך און קיינער קאָן פון מיר ניט אוועקנעהמען אָט דעם דאָזיגען גליק! איך האָב געלערענט אין דעם הייליגען תלמוד, אז ר' עקיבא, א הייליגער גרויסער צדיק, פלעגט שטענדיג ווינשען מקיים צו זיין דעם פסוק פון דער תורה: "און דו זאָלסט ליעב האָבען גאָט מיט דיין גאַנצען לייב און לעבען", אפילו ווען מען וויל אוועקנעהמען דיין לעבען פון דיר. יע, און איך וועל זיך אויך שעצען גליקליך, ווען איך וועל קאָנען מקיים זיין דעם זעלבען פסוק.

קאַטערינא איז אזוי געריהרט געוואָרען פון איהר ברודערס רייד, אז זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. זי האָט מעהר קיין וואָרט ניט געזאָגט און א וויינענדיגע אַרויס פון דעם צימער.

— נו, מיין טאָכטער? — האָט דער גראַף זי געפרעגט אזוי שנעל ווי זי איז אַריינגעקומען אין צימער וואו דער בישאָף און די איבעריגע האָבען זיך געפונען.

— דו זעהסט דען ניט, אז זי וויינט! — האָט די גרעפין אויסגערופען — דאָס איז דאָך א באַוויז, אז זי האָט ביי איהם גאָר ניט געקאָנט פועל'ן.

— וואָס זאָלען מיר טאָן! — האָט דער גראַף זיך געווענדעט צו דעם בישאָף.

— איהר וועט עס דאַרפען איבערלאָזען צו אונז, הער גראַף! — האָט דער בישאָף זיך אָנגערופען. — מיר וועלען שוין געפינען א וועג ווי אזוי צוריקצוברייגנען איהם צום שכל.

— מיר וועלען זעהן, אז דער כשוף וואָס די זשידעס האָבען אויף איהם אַרויפגעטאָן זאָל פון איהם אָפּגעטאָן ווערען — האָט דער גלח אָנטאָן צוגעגעבען.

— איך בעט אייך הייליגער בישאָף! — האָט קאַטערינא כליפּענדיג געזאָגט — טהוט איהם ניט קיין שלעכטעס!

—דו מעגסט זיין רוהיג, טאָכטער, — האָט דער בישאָף צו איהר געזאָגט — אַלץ וואָס מיר וועלען טאָן צו איהם וועט ניט קאָנען אָנגערופען ווערען שלעכטעס... מיר וועלען א סך גוטעס טאָן צו זיין נשמה. און אויב ער וועט זיך אַרומזעהן, אז ער איז באַגאַנגען א פעהלער, וועלען מיר איהם געבען א געלעגענהייט דעם פעהלער צו פאַרריכטען...

— עס איז דאָך שוידערליך! עס איז דאָך שוידערליך! —האָט די גרעפין ניט אויפגעהערט צו וויינען — מיין איינציגער זוהן זאָל ווערען א זשיד!

— איך וויל מעהר פון איהם ניט וויסען! — האָט דער גראַף אויסגערופען — אויב ער האָט געקאָנט טאָן אזא זאַך צו מיר, איז ער ניט מעהר מיין זוהן!

— איך וועל נאָך אויסגעפינען ווער עס איז שולדיג אין דעם! — האָט אָנטאָן זיך אָנגערופען. איך וועל אויספאָרשען אָט די אַלע זשידעס. איך וועל שוין דערגעהן פון דעם אידישען שניידער, אויב דאָרט אין איליע האָט מען געוואוסט אז דאָס איז געווען דער

זוהן פון דעם גראף. איך האב געהערט, אז דער זשיד זוסקעס האט א טאכטער און אז וואלענטי האט געזאלט מיט איהר חתונה האבען און ווען עס זאל זיין אמת, וועלען מיר דארפען זעהען אז אט די דאזיגע טאכטער זיינע, זאל אריינגענומען ווערען אין מאנאסטיר. און דאס וועל איך טאקע טאן אזוי שנעל ווי מעגליך! מען וועט דארפען ווייזען אט די דאזיגע זשידעס, אז אזוי ווי זיי האבען גענומען א קאטויליק און איהם געמאכט פאר א זשיד, וועלען מיר נעהמען א זשידאווקע און זי מאכען פאר א קאטויליק.

— דו ביזט גערעכט, אנטאן! — האט דער בישאף געזאגט. — דו זאלסט טאקע זעהען צו ברייגנען די טאכטער פון יענעם זשיד אזוי שנעל ווי מיר וועלען קאנען. מיר וועלען נאך פרובירען זיך דורכריידען פריהער מיט וואלענטי'ן אפשר וועט ער חרטה האבען אויף זיין זינד.

דער גראף און די גרעפין האבען זיך צוריקגעקעהרט קיין איליע. זיי האבען זיך געפײַלט שטארק דערשלאגען. די גרעפין האט ניט אויפגעהערט צו וויינען. קאטערינא האט א גאנצע נאכט ניט געקאנט איינשלאפען. זי האט געטראכט וועגען דעם וואס זי האט גערעדט מיט איהר ברודער... ער האט איהר קיין ווארט ניט דערצעהלט וועגען דער אידישער מיידעל אין וועמען ער איז געווען פארליבט. זאל עס זיין, אז ער האט עס געטאן צוליעב דעם. אבער ניין, זי קאן איהר ברודער זעהר גוט. זי ווייסט אז ער וועט ניט אויפגעבען זיין רעליגיע צוליעב א ליעבע.. געוויס האט ער געפונען אין דער אידישער אמונה דאס וואס זיין נשמה האט פארלאנגט. ער איז געגרייט אויף אלץ, אפילו מקריב צו זיין זיין לעבען פאר זיין נייער אמונה. זי האט גענומען טראכטען וועגען זיך, וועגען איהר גלויבען. איז איהר גלויבען אויך אזוי טיעף איינגעווארצעלט אין איהר נשמה, אז זי איז גרייט צו שטארבען פאר דעם?...

ניין, האט זי זיך אליין געענטפערט, ווען איהר לעבען וואלט געדראהט געווארען וואלט זי זיך געוויס ניט מקריב געווען פאר איהר אמונה. דאס איז א באווייז, אז די אמונה וואס איהר ברודער האט איצט אנגענומען, איז א סך שטארקער ווי די קאטוילישע. זי האט אנגעפאנגען מורא צו האבען, אז זי אליין וועט יוערען הינגעשלעפט פון דעם, וואס איהר ברודער האט איהר נעכטען ערקלעהרט...

באלד זיינען איהר געקומען אויף די געדאנקען די רייד פון דעם גלח אנטאן, וועלכער האט געזאגט אז ער וועט זעהען צו צווינגען די טאכטער פון דעם אידען זוסקעס, זי זאל ווערען א קאטוליקען און אריינטרעטען אין א מאנאסטיר. א ציטער איז איהר איבערגעגאנגען איהר קערפער. איהר נשמה איז פלוצלונג אנגעפילט געווארען מיט מיטלייד פאר יענער אידישער מיידעל, וועלכע זי האט אפילו קיינמאל ניט געזעהען. זי האט זיך אויפגעשטעלט און ארויסגעקוקט דורך דעם פענסטער, האט זי געזעהן, אז עס פאנגט שוין אן צו טאגען. זי האט פלוצלונג באשלאסען אז זי מוז ראטעווען וואלענטי'ס געליבטע. זי וועט זיך אנטאן און גלייך אריבערגעהן צו דעם הויז פון איהר פאטער'ס ארענדאר. זי וועט איהר ווארענען...

קאטערינא האט זיך שנעל אנגעטאן. זי האט ניט געוואלט אז אימיצער פון פאלאץ זאל אויסגעפינען אז זי איז ארוים אזוי פריה פון דארט. זי איז ארוים פון פאלאץ דורך א הינטער טיהר און זי איז גלייך אוועק צו ר' לייזער'ן אין הויז. אין דרויסען איז געווען שטיל. עס איז געווען גאנץ פריה, און זי האט קיינעם ניט געטראפען אויפ'ן וועג. זי איז געגאנגען מיט האסטיגע טריט און ווען זי איז צוגעקומען צו דעם הויז פון זוסקעס, איז זי געבליבען א ווײַלע שטעהן. זי האט זיך א־ומגעקוקט און באמערקט אז פון ערגיץ וואו קומט ארוים א יונגע מיידעל, איינגעהילט אין א ווייסע טיכעל, טראגענדיג אין האנט אן עמער מיט פרישע מילך.

— "דזשן דאברי!" — האט קאטערינא זי באגריסט — זאג מיר ביזטו פיליכט די טאכטער פון דעם פאן זוסקעס?

— יע, דאס בין איך, פאניענקא!

— האט זי געענטפערט.

— א, זעהר גוט, וואס איך האב דיך געטראפען, — האט זי געזאגט, — איך בין קאטערינא, וואלענטי'ס שוועסטער

שטער. איך האָב מיט דיר און דיינע עלטערן צו ־יידען וועגן זעהר א וויכטיגען ענין. איך וועל אבער מוזען אריינגעהן אין הויז ווייל איך וויל ניט, אז אימיצער זאָל מיך באמערקען. געהן אריין און זאג דיינע עלטערן, אז איך ווארט אין דרויסען.

א דערשראָקענע און טויט בלאסע איז יהודית אריינגעלאפען אין הויז און קוים אפּכאַפּענדיג איהר אטעם, האָט זי דערצעהלט איהר טאטען אז אין דרויסען געפינט זיך אקטערינא, די שוועסטער פון דער גר צדק.

— אוי, פאָטער אין הימעל, האָב רחמנות אויף אונז ! — האָט רבקה אויסגערופען מיט שרעק — מיין הארץ זאָגט מיר, אז קיין גוטעס האָט זי אונז ניט געבראכט.

— פון איהרע רייד איז קאנטיג אז זי איז פריינדליך ! — האָט יהודית צוגעגעבען — אבער ווער ווייסט וואס פאר א בשורה זי האָט אונז געבראכט.

ר׳ לייזער, וועלכער איז פאר די לעצטע עטליכע טעג איינגאנצען גרוי געווארען, איז שווייגענדיג ארויס אין דרויסען. ער האָט דערזעהן דעם גראף׳ס טאָכטער און האָט זי באגריסט פארנייגענדיג זיך פאר איהר.

— פאן וסקעם איך בין צו אייך געקומען וועגען א וויכטיגער זאך און איך מוז מיט אייךריידען אין הויז.

— קומט אריין ! — האָט ר׳ לייזער געזאגט — און אויפגעעפענט די טיהר. קאטערינא איז אריינגעקומען אינוויינ־ניג און זי האָט זיך באגריסט מיט רבקה׳ן, וועלכע האָט זיך פאר איהר ענטשולדיגט, וואס די שטוב איז נאָך ניט אין ארדענונג.

יהודית האָט אנגעוויזען אויף א בענקעל און געבעטען קאטערינא׳ן זיך זעצען.

קאטערינא האָט זיך. צוגעזעצט, און באטראכט יהודית׳ן.

— איצט פארשטעה איך שוין פאר־וואס מיין ברודער איז אין אייך אזוי שטארק פארליעבט ! — האָט זי זיך אנגערופען צו יהודית׳ן, וועלכע האָט קוים געקאנט באהערשען איהרע טרעה־רען — איהר זייט אן עכטע ביבלישע שעהנהייט ! יע, איך האָב אייך גע־בראכט א גערוס פון מיין ברודער.

— אַ, וואס מאכט ער ! — האָט יהודית אויסגערופען.

— ער איז דאָך ארעסטירט ! און ער איז אינגאנצען אין זייערע הענט ! זיין גורל הענגט אויף א האָר ! דער בישאָף ויעט פּרובירען איהם איבער־ריידען ער זאָל זיך צוריקקעהרען צו אונזער רעליגיע, און אויב דאָס וועט איהם ניט געלינגען, ווייסט נאָר גאָט וואס זיי וועלען טהאָן צו איהם . . .

איך האָב מיט מיין ברודער געהאט א לענגערען געשפּרעך אין דעם פּאלאץ פון בישאָף, וואו ער איז אריינגעפירט געווארי̇ן פון געפענגעניש זיך צו זע־העז מיט מיינע עלטערן און מיט מיר. מיין הארץ האָט אין מיר געבלו־טיגט ווען איך האָב איהם דערזעהן. ער איז געווען געשמידט אי זקייטען, זיין פּנים איז געווען בלאס און זיינע אויגען האָבען אויסגעדריקט אזוי פיעל צער און ליידען, אז מיר האָט זיך בשעת מעשה געדוכט אז אזוי האָט געווים געמוזט אויסקוקען אונ ער האר יעזוס, ווען מען האָט איהם געקריי־ציגט . . . מיין הארץ האָט מיר וועה געטאָן ווען איך האָב אויף איהם א קוק געטאָן. איך האָב מיט איהם גע־רעדט און געמאַרט א פארזוך איהם איבערצוריידען ער זאָל זיך אומקעה־רען צו אונז, ארער נאָכדעם ווי איך האָב מיט איהם אפּגערעדט א היבשע ווייל, האָב איך איינגעזעהען, אז ער איז גערעכט. ער האָט גערעדט מיט אזא איבערצייגונג, מיט אזא ערנסט, אז איך אליין האָב שוין גענומען טראַכ־טען אז איך וואלט אויך געוואלט זיין ווי יוליע, אויב איהר ווייסט ניט, קאָן איך אייך זאגען, אז זארעמבא און יוליע׳ן איז געלונגען צו אנטלויפען, איידער דער גלח אנטאָן האָט זיי גע־קאָנט דערגרייכען. איך וויל איהר זאלט וויסען, אז איך בין געקומען צו אייך ווי א פריינדין. איהר דארפט וויסען, אז מיין ברודער איז מיר גע־וואָרען איצט א סך טייערער ווי פריע־הער, און ווי איך האָב געהערט, אז זיין כלה יהודית איז אין גרויס גע־פאהר, האָב איך געפונען פאר נויטיג אייך צו קומען ווארנען אין צייט.

— וואס איז געשעהן ! — האָט ר׳ לייזער אויסגערופען און זיין פּנים איז נאָך בלאסער געווארען.

— אייער טאָכטער טאָר זיך ניט געפינען ביי אייך אין הויז ! — האָט

קאַטערינאַ אויסגערופען. — איך האָב געהערט ווי דער גלח אנטאָן האָט זיך אויסגעדריקט, אז ווי באלד די אידען האָבען אוועקגענומען איינעם פון אונזערע און פון איהם געמאכט א איד, וועט ער זעהען אוועקצונעהמען וואלענטי'ס כלה, און זי צווינגען צו ווערן א קאטוילִיקען און נאָכדעם וועט זי פארשפארט ווערען אין א מאנאסטיר איהר גאנצען לעבען. איך האָב וועגען דעם געטראכט א גאנצע נאכט און ניט געקאנט איינשלאָפען. איך האָב געפילט אז מיין ליבער ברודער וואלט זעהר שטארק געוואונשען איך זאָל ווארענען זיין כלה וועגען דער געפאהר, וואס לויערט אויף איהר. און איך האָב באשלאָסען דאָס צו טאָן. איצט, אז איך האָב זי דערזעהען, פיהל איך זיך זעהר גליקליך וואס אָט דער דאָזיגער געדאנק איז צו מיר געקומען. יע, אייער טאָכטער מוז אמשנעלסטען אוועקגעהן פון דאנען. ווען איך וועל האָבען א געלעגענהייט זיך צו זעהן נאָך אמאָל מיט מיין ברודער, וועל איך איהם דערצעהלען, אז איך האָב זיין כלה געראטעוועט און דאָס וועט איהם געבען מעהר מוט און כח אריבערצוטראָגען די יסורים און ליידען, וואס איהם וועט אויסקומען דורכצומאכען.

— גאָט מיינער! גאָט מיינער!

— האָט רבקה געבראכען מיט איהרע הענט — וואס וועט זיין איצט! גאָט'ס צאָרן האָט זיך אויף אונז אויסגעגאסען!

— איך וויל, אז איהר זאלט וויסען, אז איך בין אייער פריינדין. איך וועל זעהען אייך איבערגעבען אלץ וואס עס קומט פאָר ביי אונז. מיין ברודער האָט מיר אפגערעדט פון צו מאכען אן עהנליכען שריט ווי ער... עס וועט זיין בעסער — האָט ער מיר געזאגט, אז איך זאָל בליבען ביי מיין אמונה און דורכדעם קאָנען ברייגגען פיעל נוצען צו זיינע נייע ברידער. איך האָב באשלאָסען אזוי צו טאָן. איך בין אהער געקומען אייך ראטעווען און איך וועל טאָן אלץ וואס מעגליך צו ראטעווען מיין ברודער. און אויב מיר וועט דאָס געלינגען וועל איך זיך שעצען גליקליך.

— מיר דאנקען אייך פון דער טיפעניש פון אונזער הארצען! — האָט ר' לייזער זיך צו איהר אנגערופען — מיר וועלען בעטען גאָט פאר אייך, ער זאָל אייך ברענגען גליק.

יהודית איז צו איהר צוגעקומען און איהר א קוש געטאָן אין האנט.

— איך בעט אייך ראטעוועט איהם פון זייערע הענט! — האָט זי וויינענדיג געזאגט.

— איך וועל ניט רוהען ביז וואַנען איך וועל זעהען אז ער איז אויסער געפאהר — האָט קאטערינא געזאגט — און איצט מוז איך זיך אומקעהרען צוריק צו מיינע עלטערען אין פאלאץ. זיי טאָרען קיינמאָל ניט אויסגעפינען אז איך בין ביי אייך געווען. און איהר מוזט זעהן גלייך צו פארלאָזען ווילנע. דערווייל זאלט איהר זיך אויסבאהאלטען אין אן אנדער שטעדטעל, אויב עס איז מעגליך אין ווילנא וועט אודאי זיין גוט. אבער איהר מוזט זיין זעהר פארזיכטיג ניט צו באהאלטען זיך ביי אזעלכע אויף וועמען עס אין פאראן א חשד אז זיי האבען געהאלפען מיין ברודער צו ווערען א איד...

זיי האָבען איהר נאָך אמאָל באדאנקט און קאטערינא האָט זיך צוריקגעקעהרט צום פאלאץ.

אזוי שנעל ווי קאטערינא האָט פארלאָזען זייער הויז, האָט זיך רבקה פאנאנדערגעוויינט.

—מיין טאָכטער, מיין ליבע טאָכטער, האָט זי ארומגענומען יהודית'ן, פארוואס דארף דיר אויסקומען אזוי פיעל צו ליידען! דו ביזט דאָך אזוי יונג און אומשולדיג... דו האָסט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן!

— און וועמען האָט אברהם שלעכטעס געטאָן! — האָט יהודית אויך געווישט איהרע אויגען — ער איז דאָך די גוטסקייט אליין! ער האָט תמיד געטאָן מענשען טובות, און איצט, גאָט ווייסט אויב ער וועט ארויסקומען פון זייערע הענט א לעבעדיגער.

— מיר דארפען האָפען אז גאָט וועט איהם העלפען! — האָט ר' לייזער געזאָגט—מיר זעהען דאָך אז גאָט שיצט אונז. ווער האָט זיך געקאנט גאָר פארשטעלען אז דעם גראפ'ס טאָכטער זאָל אזוי פיהלען וועגען איהר ברודער און אויך טראכטען אפילו, וועגען אננעהמען אונזער אמונה. איצט דארפען מיר זעהן גלייך

אוועקצושיקען יהודית׳ן פון דאנען. דער רשע, דער גלח אנטאָן טאָר זי ניט געפינען אין אונזער הויז, ווייל ער וועט זי זיכער לאָזען ארעסטירען און דאַן וועט זיין צו שפּעט זי צו ראַטעווען.

— וואוהין קאָנען מיר זי אוועקשיקען! — האָט רבקה וויינענדיג געזאגט, — אפשר ביי חיים׳ן אָדער ביי זיין זיידען אין הויז?

— ניין, דו האָסט דאָך געהערט זי האָט אונז אנגעזאגט, אז אויב עס איז אויף אימיצען א חשד, אז ער זאָל האָבען געהאָלפען איהר ברודער, וועט מען דאָרט געוויס זוכען. דאריבער וועל איך מוזען טראַכטען וועגען אן אנדער פּלאַץ, טאקע אין ווילנא אבער ניט ביי ר׳ מנחם׳ן און זיין משפּחה.

— אבער ווען קאָנסטו דאָרט אזוי גוט אז דו ווייסט איהם קאָנען אנפארטרויען מיט דעם גאנצען סוד אונזערען, — האָט רבקה איהם געפרעגט.

— איך ווייס טאקע ניט — האָט ר׳ ליזער געזאגט, אבער אין ווילנא איז דער איינציגער פּלאַץ, וואו עס איז פאראַן א מעגליכקייט אויסצובאהאַלטען ביז וואנען אלץ וועט רוהיג ווערען. איך וועל זיך טאקע דארפען בּאראַטען מיט ר׳ מנחם׳ן. איך וועל איבערלאָזען יהודית׳ן אין אכסניא פאר א פּאָר שעה און מיר וועלען באַשליסען וואָס צו טאָן . . .

רבקה האָט דערווייל אויפגעוועקט איהרע צוויי אינגלעך, דוד און נפתלי׳ן און זי האָט זיי דערציילט וועגען וואָס עס האנדעלט זיך.

— אייער שוועסטער וועט מוזען אוועקפאָרען פון הויז אויף א לענגערע צייט, און איהר וועט דארפען זיין זעהר פארזיכטיג זיך וועגען דעם צו קיינעם ניט ארויסריידען.

— געהט קינדער, שפּאנט די פוהר — האָט ר׳ ליזער געזאָגט, איך וועל דערווייל געהן דאַווענען און דו רבקה גרייט צו שפּייז און אלע זאכען פון יהודית׳ן מיר וועלען ניט טאָרען פארלירען קיין צייט.

אין הויז איז געווען א טומעל. די קינדער האָבען גענומען שטעלען פראַגען און רבקה האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען. זי האָט גענומען צוגרייטען שפּייז אויפ׳ן וועג און יהודית האָט צוזאמענגעלייגט איהרע קליידער.

ר׳ ליזער האָט זיך צוריקגעקערט פון בית המדרש, וואו ער האָט אויסגעגאָסען זיין הארץ פאר גאָט. ער האָט זיך געוואשען און שווייגענדיג געגעסען.

— קום, יהודית, האָט ער געזאָגט נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעבענשט — מיר טאָרען קיין צייט ניט פארלירען. גאָט ווייסט אויב דער גלח וועט באַלד ניט אָנקומען קיין איליע, און דאַן וועט שוין זיין צו שפּעט.

רבקה איז געפאַלען יהודית׳ן אויפ׳ן האלז און זי האָט זיך היסטעריש צעוויינט.

יהודית האָט זיך געזעגענט מיט איהרע ברידער און זי האָט א קוש געטאָן די מזוזה און איז ארויס אין דרויסען, וואו די פור איז שוין געווען גרייט. די ברידער האָבען ארויסגעטראָגען די עטליכע פּעקלעך און די מאמע האָט אריינגעלייגט אין א טיכעל די אייער קיכלעך און די אנדערע זאכען און צוגעוואונשען איהר מאַן און טאָכטער, אז גאָט זאָל זיי באשיצען. ר׳ ליזער האָט זיך אריינגעזעצט אין פוהר און האָט געהייסען יהודית׳ן זיך זעצען פון הינטען און זיצען איינגעבויגען ביז וואנען מען וועט ארויספאָרען פון שטאָדט, ווייל עס וועט זיין א סך בעסער, אז מען וועט זי ניט באמערקען. ווען זיי זיינען שוין געווען אויסערן שטאָדט, האָט ר׳ ליזער זיך אָנגערופען צו יהודית׳ן:

איך ווייס ניט, וואָס פאר א וועג מיר זאָלען זיך פארנעמען. עס קאָן דאָך פּאסירען, אז מיר זאָלען נאָך אָנטרעפען דעם גלח פאָרענדיג קיין איליע מיט פּאָליציי, דאַן זיינען מיר דאָך פארלאָרען. איך וועל מוזען גוט אכטונג געבען. אויב איך וועל האָבען דעם מינדעסטען פארדאכט, אז ער פאָרט אונז ענטקעגען, וועסטו מוזען שנעל ארויסשפּרינגען פון וואָגען און זיך באהאַלטען צווישען די בוימער.

א גאנצען טאָג זיינען זיי געפאָרען. ר׳ ליזער האָט באשלאָסען פארטצוזעצען די רייזע אפילו באנאכט. ווייל ווען ער זאָל ערגיץ איבערנעכטיגען וועט ער נאָך פיליכט זיך באגעגענען מיט׳ן גלח.

שפּעט באנאכט זיינען אָנגעקומען אין ווילנאַ. ר׳ ליזער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אכסניא און האָט געהיי־

סען יהודית'ן דארט ווארטען ביז וואנען ער וועט זיך צוריקערען. ער איז שנעל אוועק צו ר' מנחם'ן אין הויז. עס איז געוועזן א פינסטערע נאכט און ער האט קוים געטראפען דעם פלאץ אין דער פינסטער. ער האט גענומען קלאפען אין טיר. עס האט געדויערט א קליינע ווילע און באלד האט זיך די טיר געעפנט. ר' מנחם איז געשטאנען מיט א ליכט אין האנט.

— א, ר' לייזער, קומט אריין! — האט ער אויסגערופען.

— איהר וועט מיר מוזען ענטשולדיגען, וואס איך האב געשטערט אייער שלאף! — האט ר' לייזער געזאגט — אבער די זאך איז זעהר דרינגענד. איך בין אהער געקומען מיט יהודית'ן.

— מיט יהודית'ן! — האט ר' מנחם אויסגערופען — א, ניין, זי טאר זיך דא ניט באווייזען. ווייל איך בין אונטער פארדאכט. מען איז שוין געווען ביי מיר אין הויז עטליכע מאל, און ערשט לעצטע נאכט האט מען ביי מיר געמאכט אן אונטערזוכונג. זיי וועלען קומען אהער גאנץ אפט.

— איך האב מיין טאכטער איבערגעלאזען אין אכסניא! — האט ר' לייזער געזאגט — ווייל דעם גראפ'ס טאכטער קאטערינא איז געקומען נעכטען פארטאג מיר אנצוזאגען, אז דער גלח אנטאן האט באשלאסען אוועקצונעמען יהודית'ן פון אונז און איהר צווינגען זיך צו שמד'ן. און דאן וועט מען זי פארשפארען אין מאנאסטיר אויף איהר גאנצען לעבען. איך האב ניט געהאט קיין פלאץ וואוהין זי צו באהאלטען, האב איך באשלאסען זי אוועקצופירען קיין ווילנא, אפשר וועט איהר מיר זאגען וואו איך קאן זי אויסבאהאלטען עד יעבור זעם, ביז וואנען עס וועט זיך איינשטילען.

— זעהר גוט האט איהר געטאן ר' לייזער, וואס איהר האט זי ניט געבראכט צו מיר. זאל זי דערווייל איינשטעהן אין דער אכסניא ביז מארגען פארטאג, און נאכהער וועל איך שוין זעהן זיך דורכריידען מיט איינעם פון מיינע פריינד, וועלכער געפינט זיך אין א זייטיגע געסעל. און זי וועט קאנען זיך אויסבאהאלטען אין זיין הויז. עס פארשטעהט זיך, אז מען וועט איהם מוזען עפעס געבען פאר דעם. ווייל ער איז א איד אן ארימאן, און מען וועט דאך דארפען איהר שפייזען.

— איך וועל שוין איהם איבערלאזען א סומע געלט. און ווען אלץ וועט זיך אויסלאזען צום בעסטען וועל איך איהם גאר גוט באפרידיגען.

— מען האט געמאכט אן אונטערזוכונג אויך ביי מיין איניקעל חיים'ן.

— האט ר' מנחם אויסגערופען — ווי עס ווייזט אוים האט דער גלח א חשד אויף מיר, ווייל ער האט זיך דאך דערוואוסט, אז דעם גראפ'ס זוהן פלעגט אריינקומען צו מיר, אויסער דעם האט דער גראף איהם געזאגט, אז איך בין א פריינד פון ר' אהרן ליפמאן פון פאריז, און ער פארבינדט עס צוזאמען.

— און ווי האלט עס מיט דעם גר?

— האט ר' לייזער געפרעגט.

— גאט ווייסט! — האט ר' מנחם געזאגט — מיין הארץ שרעקט מיר. איך האב מורא, אז דער בישאף וועט איהם געבען די הארבסטע שטראף. ווייל עס איז דאך ביי קיינעם קיין ספק ניט, אז זארעמבא און יוליע, וועלכע זיינען אנטלאפען געווארען זיינען באקערט געווארען צו דעם אידישען גלויבען. איך ווייס, אז זיי וועלען געבען דעם גר די ברירה צוריק צו ווערען א קאטויליק אדער פארברענט צו ווערען אלס אן אומגלויביגער . . .

— זאל גאט רחמנות האבען! — האט ר' לייזער געזאגט — עס איז שרעקליך צו טראכטען אפילו פון דעם.

— זאגט מיר ר' לייזער אין וועלכער אכסניא איהר שטעהט איין און אזוי שנעל ווי איך וועל האבען אלץ איינגעארדענט וועל איך צו אייך צוקומען.

ר' לייזער האט איהם געזאגט, און ער איז צוריק געגאנגען צו דער אכסניא. יהודית האט אויף איהם געווארט, ער האט איהר דערציילט וועגען דער לאגע און געזאגט, אז גלייך אין דער פריה וועט אהער קומען ר' לייזער און מיר וועלען מיט איהם דארפען געהן צו א געוויסען פלאץ, וואו זי וועט קאנען זיך אויסבעהאלטען פאר דער צייט.

כאטש זיי זיינען געוועזן זעהר אויסגעמאטערט פון וועג, האבען זיי זיך אפילו ניט צוגעלייגט שלאפען. זיי האבען געווארט מיט אונגעדולד אויף ר' מנחם'ן.

װען עס האָט אָנגעהױבן טאָגן האָט ר׳ ליזער אָנגעטאָן זײַנע טלית און תפילין, און זיך געשטעלט דאַװנען. װען ער האָט שױן אָפּגעדאַװנט איז שױן געװען גוט ליכטיג. באַלד איז אָנגעקומען ר׳ מנחם מיט זײַן טלית און תפילין אונטער זײַן אָרעם.

— קומט װאָס שנעלער! — האָט ער זיך אָנגערופן צו ר׳ לײזער׳ן און יהודית׳ן — איצט איז נאָך גאַנץ פריה און קײנער װעט אונז ניט באַמערקן.

זײ זײַנען אַװעק מיט איהם און צוגעקומען צו אַ זײַטיגער געסעל. ר׳ מנחם האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און אַן עלטערע פרױ האָט געעפנט די טיר. זי האָט זײ באַגריסט און גלײך אַרײַנגעפירט יהודית׳ן אין אַ קלײן צימערל.

ר׳ לײזער האָט זיך דורכגערעדט מיט דעם אַלטן װעמענס נאָמען איז געװען ר׳ הירש, ער האָט איהם אױך געגעבן אַ סומע געלט און דאַן האָט ער זיך געזעגנט מיט יהודית׳ן און איז אַרױס מיט ר׳ מנחם׳ן פון דאָרט.

— איך האָב געהערט, אַז דער גראַף קערט זיך אום פון זײַן זומער פּאַלאַץ צוריק קײן װילנא! — האָט ר׳ מנחם געזאָגט — און איך װעל זעהן װאָס זײ טוען . . . איך בין צופרידען אַז זײַער טאָכטער האָט אײַך געלאָזט װיסען װעגן דער דראָהענדער געפאַר, דאָס איז אַ באַװײַז אַז זי האָט זיך געענדערט צום בעסערן אפשר װעל איך קאָנען עפּעס אױפטאָן דורך איהר. איך װעל שױן זעהן צו קריגען אַ געלעגנהײט זיך דורכצורײדען מיט איהר און אפשר װעט זי קאָנען איהם באַהילפיג זײַן מיט עפּעס.

ר׳ לײזער האָט זיך צוריקגעקערט קײן אילִיע. ער האָט געטראָפן זײַן װײַב אַ פאַרװײנטע, אַ פאַר׳חשכ׳טע.

ער האָט איהר געזאָגט װאו יהודית געפינט זיך, און צוגעגעבן:

— דאָרט װעט קײנעם ניט אײַנפאַלען זי צו זוכען. און װעגן אברהם׳ען קאָן זײַן, אַז ער זאָל באַפרײַט װערען — האָט ער זי געװאָלט טרײסטען.

— אױ, גאָטעניו, הלואי! — האָט רבקה אױפגעהױבן איהרע הענט — זאָל שױן קומען אױף אונז אַלעמען אַ ישועה.

אױף מאָרגען װען ר׳ לײזער איז שױן געװען אין מיל. האָט ער דערזעהן װי זײַן עלטערער זוהן דוד לױפט צו איהם. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט פּאַסירט . . . ער איז אַרױס פון מיל און איהם ענטקעגען געקומען.

— אַ, טאַטע! דער גלח און פּאָליצײ זײַנען געקומען. זײ האָבען זיך נאָכגעפרעגט אױף יהודית׳ן. איך בין געשטאַנען אין דרױסען הינטערן פענסטער און זיך צוגעהערט. ער איז געװען זעהר בײז, און די פּאָליצײ װאַרטען דאָרט מיט איהם.

ר׳ לײזער האָט איבערגעלאָזען די אַרבײט פון דער מיל אין די הענט פון זײַן אַרבײטער און איז אַװעק מיט דוד׳ן אַ הײם. ער איז אַרײַן אין שטוב און ער האָט דערזעהן װי דער גלח זיצט אױף אַ בענקעל און דרײַ פּאָליציסטען שטעהען נעבען איהם. רבקה איז געװען אין קיך. איהר פּנים איז געװען װײַס װי מילך.

— װאו איז דײַן טאָכטער? — האָט זיך דער גלח געװענדעט צו איהם אַזױ שנעל װי ר׳ לײזער איז אַרײַנגעקומען אין הױז.

— איך װײס ניט עס איז שױן עטליכע טעג, אַז זי איז פאַרשװאונדען געװאָרען, און מיר װײסען ניט װאו זי איז אַהינגעקומען.

— דו זאָגסט ליגען! — האָט דער גלח אױף איהם אַ געשרײ געטאָן — דו האָסט זי באַהאַלטען.

— פאַרװאָס האָב איך זי געדאַרפט באַהאַלטען? — האָט ר׳ לײזער געזאָגט — װאָס פאַר אַ פאַרברעכען האָט זי באַגאַנגען?

— דו האָסט מורא געהאַט טאָמער קומען מיר, האָסטו זי פאַרהאַלטען.

— איך האָב ניט געהאַט װאָס מורא צו האָבען — האָט ר׳ לײזער איהם געענטפערט — מײַן טאָכטער איז דאָך אומשולדיג.

— איך האָב אָבער אױסגעפונען, אַז זי האָט געליבט דעם גראַפ׳ס זוהן װאַלענטי׳ן און אַז ער האָט זיך מגייר געװען צוליב זײַן ליבע צו איהר.

— דאָס איז ניט ריכטיג — מיר האָבען אפילו ניט געװאוסט װער ער איז! — האָט ר׳ לײזער געזאָגט.

— איך װײס אַלץ — האָט דער גלח אױסגערופען — מיר האָט יאַשקע דער שנײַדער דערצײלט, אַז צװישען

דעם גראַפ׳ס זוהן און דיין טאָכטער קומט פאַר א ליעבע.

— אויב ער האָט עס אייך דערצעהלט, האָט ער אייך דערצעהלט א ליגען, ווייל מיר האָבען גאָרניט געוואוסט ווער ער איז ביז וואנען איהר האָט איהם דערקאָנט אלס דעם גראַפ׳ס זוהן.

— ווערסטו אפשר אויך פארלייקענען, אז דיין טאָכטער איז שוין פאררעכענט געוועזן פאר זיין כלה? — האָט דער גלח א געשריי געטאָן.

— יע, זי איז געוואָרען זיין כלה, אבער דאָס איז געוועזן איידער מיר האָבען אויסגעפונען ווער ער איז! אָבער אזוי שנעל ווי מיר האָבען אויסגעפונען, אז ער איז דער זוהן פון דעם גראַף האָבען מיר איינגעזעהן, אז עס איז געוועזן א טעות, און מיר האָבען אָפּגעלאָזען דעם שידוך.

— דו ווערסט עס מיר ניט איינריידען! — האָט דער גלח געזאָגט — מיר זיינען אהער געקומען אויספרעגען דיין טאָכטער. און מיר וועלען פון דאנען ניט אוועקגעהן ביז וואנען זי וועט צוריקקומען אהער.

— איך זאָג אייך, אז מיין טאָכטער איז שוין דאָ ניט געוועזן עטליכע טעג האָט ר׳ לייזער געזאָגט.

— מיין ניט, אז זי וועט זיך פון אונזערע הענט ארויסדרעהען — האָט דער גלח אויסגערופען — מיר וועלען זי שוין קריגען!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און געזאָגט צו די פּאָליציי לייט:

— איהר בלייבט דאָ איבער פאר א ווײלע און איך וועל זיך אריבערכאַפּען צו דעם שניידער, ער וועט מיר שוין זאָגען וואו יהודית געפינט זיך איצט.

דער גלח איז אוועק צום יאָשקע דעם שניידער. ער האָט איהם געטראָפען זיצענדיג ביי זיין ארבייט. ווען ער האָט דערזעהן דעם גלח האָט ער זיך אויפגעשטעלט און איהם ענטקעגען געקומען.

— יאָשקע, דו האָסט פארדינט ביי מיר א גוטע באלוינונג! — האָט דער גלח געזאָגט און איך וועל שוין זעהן, אז דו ווערסט באקומען. מיר, איך און דער בישאָף וועלען וויסען ווי אָפּצושאצען אלץ, וואָס דו האָסט פאר אונז געטאָן!

— אָ, פאָטעריל, איך האָב צרות, א סך צרות! — האָט זיך יאָשקע באַקלאָגט.

— אויב דיינע אייגענע ברידער טוען דיר אָן צרות, דארפסטו זיך ניט שעהמען און מיר דערציילען! — האָט דער גלח געזאָגט — דער גראַף וועט שוין זעהן, אז די אלע וועלכע שעדיגען דיך, וועלען דערפאר טייער באצאָהלען.

— אָ, ניט פאר דעם האָב איך מורא האָט יאָשקע געזאָגט — איך באקלאָג זיך אויף דעם, וואָס מיין ווייב האָט מיך פארלאָזען. זי איז אוועק און זיך פארדונגען פאר א דינסט ערגיץ און זי האָט מיך און די קינדער איבערגעלאָזע אליין . . .

— און פארוואָס האָט דיך דיין ווייב פארלאָזען! — האָט אנטאָן איהם געפרעגט.

— המ . . . נו, אלץ צוליב דעם פארשאָלטענעם גר! זי זאָגט, אז איך בין א מסור, און מיט א מוסר וויל זי ניט וואָהנען. זי וועט בעסער געהן דינען. איך בין שוין געוועזן ביים רב. אָבער ער האָט מיך אפילו ניט געוואָלט אויפנעמען. קיינער פון די אידען פון איליע ווילען מיט מיר ניט ריידען. זיי האָבען אויפגעהערט צו בריינגען צו מיר זייערע בגדים צו פאריכטען. אין בית המדרש האלט איך זיך אָפּגעזונדערט, ווייל קיינער וויל ניט שטעהן נעבען מיר, אָבער דאָס אַרט מיר ניט! איך ווייס אָבער ניט, וואָס צו טאָן מיט מיין ווייב.

— דו ביזט א נאַר, יאָשקע! זאָגט דער גלח צו איהם מיט א שמייכעל! דו ביזט דאָך אזא געזונטער מאַן א פאַרדינער, דו קאָנסט קריגען אן אנדער ווייב!

— המ . . . אָבער ווי אזוי, אז קיינער וויל מיט מיר ניט ריידען!

— אָ, יאָשקע, ווען דו פאָלגסט מיר, וואָלסטו אינגאנצען באדארפט אריבערגעהן צו אונז, איך מיין ווערען א קאַטויליק, דאַן וואָלט דאָך דיר גאָרניט געפעלט!

— אָ, ניין, פאָטעריל! איהר מאכט שפּאַס! ווי קום איך צו ווערען א קאטויליק! אָ, ניין, איך וועל דאָס קיינמאָל ניט טאָן!

אָבער דו זעהסט דאָך, אז דיינע אייגענע ברידער טרייסלען זיך אָפּ פון דיר!

— עס קאָן זיין אפשר זיינען זיי גערעכט! — האָט יאַשקע אומעטיג געזאָגט — איך האָב דאָך טאקע פארמסר'ט אויף דעם גר, און מען זאָגט אַז ער איז גאָר דעם גראַף'ס זוהן!

— דו דאַרפסט געוויס קיין חרטה ניט האָבען אויף דעם! — רופט זיך אָן צו איהם דער גלח — דו האָסט געטאָן א גוטע זאך, און דו וועסט באַלוינט ווערען. דו דאַרפסט ניט זאָרגען טאָמער וועסטו בלייבען אָהן ארבייט. איך וועל שוין זעהן, אַז אונזעריגע זאָלען דיר באַזאָרגען מיט ארבייט...

---

איינינע וואָכען איז דער גר אָפּגעזעסען אין געפענגניש. דער בישאָף האָט איהם געוואָלט געבען גענוג צייט ער זאָל זיך באַזינען. ער האָט זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט דעם אויפזעהר פון געפענגניש און יענער האָט איהם באַריכטעט, אַז וואלענטי הערט ניט אויף מתפלל צו זיין צום אידישען גאָט. דאַן האָט דער בישאָף באַשלאָסען אליין מיט איהם צו ריידען, און זעהן אויב ער וועט אויף קאָנען ווירקען. ער האָט געהייסען איהם ברייננען צו איהם אין פּאַלאַץ.

ווען מען האָט דעם גר אריינגעפיהרט צום בישאָף אין פּאַלאַץ, איז ער געווען אין קייטען. דער בישאָף האָט געהייסען ארונטערנעמען די קייטען פון איהם.

— קום אריין צו מיר אין צימער! — האָט דער בישאָף זיך צו איהם אָנגערופען.

אברהם בן אברהם איז אריינגעקומען אין צימער. זיין פּנים איז געווען בלאַס און אויסגעצערט פון עסען בלויז ברויט און וואסער, און פון פאסטען גאַנץ אָפט. דער בישאָף האָט איהם געבעטען זיך זעצען. אברהם האָט זיך געזעצט האַלטענדיג זיינע אויגען געווענדעט צום באָדען.

— איך האָב מיט דיר ניט געוואָלט ריידען די גאַנצע צייט זינט דו ביזט ארעסטירט געוואָרען, ווייל איך האָב דיר געוואָלט געבען א געלעגענהייט זיך צו באַזינען, און איינזעהן, אַז דו ביזט פארפירט געוואָרען פון שטן. איך האָף, אַז דו האָסט געהאט גענוג צייט זיך ארומצוזעהן איצט זאָג מיר דעם אמת, זעהסטו ניט איין, אַז דו האָסט געמאכט א פאַלשען שריט אין דיין לעבען און אַז דו וועסט פארלירען ביידע וועלטען . . .

— איך בין גליקליך, וואָס מיינע אויגען זיינען געעפענט געוואָרען!

— האָט זיך אברהם אָנגערופען.

— אָ, אָט אזוי רייד! האָסטו ענדליך געקומען איינזעהן דיין טעות, און דו ווילסט חרטה האָבען אויף דיינע זינד! אויב אזוי וועל איך דיר העלפען איך וועל בעטען גאָט פאר דיר ער זאָל דיר מוחל זיין.

— גאָט האָט מיר שוין מוחל געווען! דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב האָט מיר באַגליקט מיט דעם, וואָס איך בין איצט פאררעכענט אלס איינער פון די קינדער פון ישראל. ער האָט אין צייט געעפענט מיינע אויגען צו זעהן דעם אמת!

— און איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט שוין געקומען צום שכל! — האָט דער בישאָף מיט צאָרן אויסגערופען — דו ביזט נאָך אלץ בלינד! דער כשוף וואָס די זשידעם האָבען אויף דיר ארויפגעטאָן האָט זיך נאָך פון דיר ניט אָפּגעטאָן.

— קיינער האָט אויף מיר קיין כשוף ניט ארויפגעטאָן—האָט אברהם געזאָגט — איך אליין בין געקומען צום באשלוס, און פאר דעם האָב איך צו פאַרדאנקען דעם גלח אנטאָן!

— וואָס מיינסטו? — האָט זיך דער בישאָף צו איהם אָנגערופען

— איך מיין אַז ווען איך האָב אויסגעפונען וואָס פאר א פאלשער אנטאָן איז, אַז ער אליין טהוט אלערליי שענדליכע מעשים, אַז ער אליין איז פול מיט זינד, און צו איהם קומען דאָס אונזערע זיך מתודה זיין אויף זייערע זינד האָב איך גענומען טראַכטען אַז אונזער אמונה איז ניט ווי עס בעדאַרפט צו זיין. האָב איך זינט דאַן גענומען נישטערען און זוכען די אמת'ע רעליגיע און גאָט האָט מיר געהאָלפען און איך האָב זי געפינען!

— דו האָסט זיך צופיעל געפריינדעט מי״ די זשידעם! — האָט דער בישאָף געזאָגט — און דערפאר האָבען זיי דיך לייכט אראָפּגעפירט פון וועג. דו ביזט געוואָרען לייכטזיניג און זיי האָבען עס אויסגענוצט.

— איך וויל דאָ ערקלערען אַז די אידישע אמונה זאָגט שטרענג אָן ניט צו ערמוטיגען גרים, און איך האָב

דורכגעמאכט פילע שווערינקייטען ביז וואנען מיר איז געלונגען צו ווערען א איד, און קיינער זויסער איד, איז אין דעם ניט שולדיג.

— מיר האט מען דערצעהלט אז דו פלעגסט גאנץ אפט באזוכען דאס הויז פון דעם זשיד מנחם מאן, און אז ער האט אויסגעאיבט אויף דיר א שטארקען איינפלוס. — האט דער בישאף אויסגערופען.

— דער איינציגער וועלכער האט מיר בעאיינפלוסט צו פארלאזען מיין אמונה איז געווען דער גלח אנטאן — האט דער גר געזאגט — איך בין איהם טאקע דאנקבאר דערפאר, ווייל ערשט איצט זעה איך דאס איך האב דערגרייכט דאס העכסטע גליק צו וואס איך האב פון תמיד געשטרעבט. און דאס איז צו געפינען דעם אמת.

— די זשידעס האבען דיינע אויגען פארבלענדעט, און איצט האסטו נאך א געלעגענהייט צו ווערען א קריסט, דאן וועל איך זעהן אז דיינע זינד זאלען דיר פארגעבען ווערען.

— אומגליקליך איז דער מענש וועלכער האט חרטה אויף די גוטעס וואס ער טהוט!

— דו וועסט חרטה האבען! — האט דער בישאף אויף איהם א געשריי געטאן — אויב דו וועסט ניט תשובה טאן, וועסטו אין גיכען גע׳משפט ווערען ביי דעם הייליגען סינאד וואס וועט זיך אין א חודש ארום פארזאמלען אין ווילנא. און איך קאן דיר זאגען אז דער דאזיגער קריסט וועלכער ווערט יעפוגען שולדיג אין אזעלכע שרעקליכע זינד, ווערט פארמשפט פארברענט צו ווערען... מיין ניט אז ווייל דו היזט דער זוהן פון א גראף, וועט מען דיר שאנעווען! ניין, בלויז דאן ווען דו וועסט איינזעהן אז דו ביזט באגאנגען א גרויסען פארברעכען געגען דיין אמונה און דו וועסט צוריק ווערען א קאטאליק, קאנסטו ראטעווען דיין לעבען.

— איהר קאנט אומברייגגען מיין קערפער אבער ניט מיין נשמה! — האט דער גר אויסגערופען — אויב איך וועל דיר פאלגען וועל איך ראטעווען מיין קערפער וואס איז בלויז ציטווייליג, און פארלירען מיין נשמה וואס איז אן אייביגקייט, דאריבער גלויב איך אז ראטעווען די נשמה איז א סך וויכטיגער ווי צו ראטעווען דעם קערפער! יע, איך בין גרייט אויף אלץ... זאל מען מיך פאר׳משפט׳ן פארברענט צו ווערען, איך וועל שטארבען על קידוש השם ווי פיעלע אנדערע אידישע מארטירער!

דער צארן האט זיך ביים בישאף צעפלאקערט, און ער האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און צוגעגאנגען צום גר, און איהם ארונטערגעלאזען א פאטש.

"הידים ידי עשו" — האט דער גר אויסגערופען — עס איז אלע מאל אזוי, ווען עשו קאן ניט ענטפערען צו דער שטימע פון יעקב, הויבט ער זיינע הענט...

דער בישאף האט אריינגערופען דעם אויפזעהער פון געפענגניש און זיך צו איהם אנגערופען:

— טהו אן אויף איהם די קייטען און פיהר ז.הם צוריק אין געפענגניש!

דער אויפזעהער האט אזוי געטאן און אוועקגעפירט דעם גר צוריק אין תפיסה.

א היבשע ווייל איז דער בישאף ארומגעגאנגען איבער זיין צימער הין און צוריק אן אויפגערעגטער און א דערצארענטער. ער האט איינגעזעהן אז ער וועט מיט דעם גראפ׳ס זוהן גארניט מאכען. ער וועט איהם דארפען איבערגעבען צום סינאד, זיי זאלען איהם משפט׳ן פאר זיין פארברעכען. ער האט אבער געוואוסט אז דאס וועט זיך אפרופען זעהר שלעכט אויף דעם גראף און זיין משפחה. האט ער דאריבער באשלאסען צו לאזען וויסען דעם גראף פאטאצקי וועגען זיין שטארקע באמיהונג איהם צוריק צו ברייגגען צו זייער אמונה, אבער אז וואלענטי איז פארבליבען פאר׳עקשנ׳ט.

דעם בישאף איז אליין אוועק צו דעם גראף אין פאלאץ אין ווילנא. דארט האט ער געטראפען א חוץ דעם גראף, די גרעפין און זייער טאכטער קאטערינא, אויך דעם גלח אנטאן, וועלכער האט זיך געלאזט דארט וואוילגעהן מיט׳ן עסען.

אלע האבען זיך אויפגעשטעלט ווען זיי האבען דערזעהי דעם בישאף. דער גלח אנטאן האט זיך דריי מאל איבערגע׳צלמ׳ט.

דער בישאף האט זיך געזעצט צום

טיש, די גרעפין האט זיך צו איהם געווענדעט:

— א, הייליגער בישאף, האט איהר מיר געבראכט גוטע נייעס וועגען מיין זוהן?

— צום באדויערען מוז איך זאגען אז ניין! איך האב מיט א ווילע פריהער געהאט א ליינגערען געשפרעך מיט איהם. איך האב איהם ערקלערט אז מיר זיינען נאך אלץ גרייט איהם מוחל צו זיין פאר זיין פאלשען שריט וואס ער האט געמאכט, אויב נאר ער וועט חרטה האבען און צוריקקעהרען זיך צו אונזער אמונה. אבער צום באדויערען איז מיין גאנצע מיה געווען ארויסגעווארפען — ער איז געבליבען ביי זיין עקשנות. איך האב מורא אז מיר איז קיין אנדער ברירה ניט פארבליבען ווי איהם איבערצוגעבען אין די הענט פון דעם סינאד וואס וועט זיך אין גיכען פארזאמלען און זיי וועלען איהם משפט'ן.

— אבער איך וויים דאך אז אויב זיי וועלען משפט'ן וועט ער פארברענט ווערן! — האט די גרעפין מיט טרעהרע׳ אויסגערופען — א, ניין, ניין, איך קאן ניט דערלאזען אז מען זאל אומברייגגען מיין זוהן, מיין וואלעטי'ן!...

— גלויבט מיר, גרעפין אז איך אליין וואלט עס אויך ניט געוואלט זעהן, אבער איהר קאנט געפינען אן אנדער אויסוועג... פרובירט אליין ריידען מיט איהם. זעהט אפשר וועט איהר קאנען ווירקען אויף איהם. איך האב אבער מורא אז איהם וועט שוין קיינער ניט העלפען. ער האט מיר דייטליך געזאגט אז ער וועט זיך שעצען גליקליך צו פארברענט ווערען צווישען די אנדערע אידישע מארטירער. נו, ווען א געוועזענער קאטאליק רעדט אזוי, דאן בלייבט איבער פאר אונז איין זאך און דאס איז איהם צו משפט'ן. מיר טארען ניט מאכען קיין אונטערשייד צווישען אן איינפאכען קריסט וועלכער איז באגאנגען אזא פארברעכען און צווישען א זוהן פון א גראף, אלע דארפען זיין גלייך אין די אויגען פון דעם הייליגען סינאד. איך בין אבער צו אייך געקומען איהר זאלט מאכען נאך א פארזוך זיך מיט איהם דורכצוריידען, אפשר וועט זיין פארשטיינערטע הארץ ווייכער ווערען ווען ער וועט הערען זיין מוטער'ס שטימע... ווען ער וועט זעהן איהרע טרעהרען... יע, גרעפין, איידער איך וועל איהם איבערגעבען צו דעם סינאד פאר א משפט וויל איך אז איהר זאלט פרובירען ריידען צו איהם. איך האב געהערט אז ער איז צו אייך תמיד געווען א טרייער, איבערגעגעבענער זוהן. אפשר וועט אין איהם ווידער אויפוואכען זיינע צערטליכע געפיהלען צו זיין מוטער.

— א, איך וועל געהן, הייליגער בישאף! — האט די גרעפין אויסגערופען — איך וועל זיך ביי איהם בעטען, איך וועל פון איהם ניט אפטרעטען ביז וואנען ער וועט מיין פארלאנג ערפיהלען...

— מוטער, איך וועל מיט דיר מיטגעהן! — האט קאטערינא אויסגערופען.

— ניין — האט דער בישאף געזאגט — דיין מוטער אליין וועט דארפען זיך זעהן מיט איהם אונטער פיר אויגען. זי וועט קאנען צוריק ערוועקען אין איהם די געפיהלען פון זיין ליבע צו איהר!

—איך וועל צו איהם ניט אריינקומען אין דער זעלבער צייט ווען מיין מוטער וועט מיט איהם זיין! — האט קאטערינא אויסגערופען — איך וועל אריינקומען צו איהם פריהער אדער שפעטער. אפשר וועל איך קאנען ביי איהם עפעס פועל'ן.

— אויב ניט צוזאמען קאנסטו אויך מיטגעהן! — האט דער בישאף געזאגט — אבער איך גלויב אז עס וועט זיין בעסער ווען דיין מוטער וועט מיט איהם ריידען צום ערשטען.

— איך האב געהאט אין זינען צו לאזען ארעסטירען זיין כלה, די טאכטער פון דעם ארענדאר זוסקעס, אבער ווי עס ווייזט אויס האט מען איהם געלאזט וויסען וועגען מיינע פלענער און ער האט זי ערגיץ באהאלטען!

— ווער האט עס איהם געקאנט לאזען וויסען! — האט דער בישאף זיך אנגערופען — ווער איז געווען דערביי ווען דו האסט גערעדט וועגען דעם דאזיגען פלאן?

— קיינער ניט, אויסער מיר אלע וועלכע געפינען זיך איצט דא, און דא־

ריבער וואונדער איך זיך ווי אזוי ער האָט עס אויסגעפונען.

— עס איז מעגליך אז ער האָט פארשטאנען אז מען וועט געוויס זוכען צו ארעסטירען זיין טאָכטער — האָט קאטערינא געזאָגט — די זשידעס זיינען דאָך זעהר כיטרע, האָט ער זיך באוואָרענט.

— מיין טאָכטער איז גערעכט — האָט דער גראף פּאָטאָצקי זיך אָנגערופען — די זשידעס זיינען זעהן קלוג און כיטרע און דאריבער פארדריסט מיר זעהר וואָס איך האָב ערלויבט מיין זוהן זיך צו באפריינדען מיט זיי. איך ווייס איצט אז מיין זוהן און זיין פריינד באָרים זארעמב, זיינען געוועזן שטארק באפריינדעט מיט דעם זשיד מנחם מאן, וועלכער פלעגט זיין אָן אָפטער אריינגעהער צו מיר אין פּאַלאַץ!

— אָט דאָס האָב איך דאָך אלע מאָל גע׳טענה׳ט — האָט דער גלח געזאָגט — אז מיר דארפען האלטען די זשידעס פון דער ווייטען. ווייל אויב מיר וועלען זיי אריינלאָזען צו אונז וועלען זיי איבערפירען אונזערע קינדער, און אריינברייגגען אומגלויביגע געדאנקען אין זייערע הערצער.

— אויב דער זשיד זוסקעס וועט צו אונז ניט צושטעלען זיין טאָכטער, וועל איך איהם פארטרייבען פון דער ארענדא — האָט דער גראף געזאָגט — איך האָב איהם די ארענדא געגעבען פריי פאר גאנצע צעהן יאָהר, צוליב דעם וואָס ער האָט אמאָל געוואונען א טאנץ וועט, און איצט וועט ער וועט הערען אז איך וועל פון איהם דאָס אינגאנצען אוועקנעמען, וועט ער שוין ברייגגען צו אונז זיין טאָכטער.

— מיין עצה וואָלט געוועזן אז דער גראף זאָל אָפּגעבען די ארענדע פון זיין מיהל אין די הענט פון יאָשקע דעם שניידער, ווייל ער איז געוועזן דער יעניגער וועלכער האָט ענטדעקט דעם סוד אז ביי זיי אין בית המדרש געפינט זיך א גר!

— ניין, פאָטער, מיר וועלען דארפען פריהער ווארטען און זעהן אויב עס וועט אונז געלינגען צוריקצוברייגגען וואלענטי׳ן צו אונזער אמונה, וועט אָט דער יאָשקע דאן ווערט זיין באלוינונג, אָבער טאָמער געלינגט אונז ניט און מען וועט איהם אומברייגגען

טאָ פארוואָס קומט איהם א באלוינונג!

— נו מיר וועלען נאָך האָבען צייט וועגען דעם צו ריידען — האָט דער גראף געזאָגט.

די גרעפין האָט זיך דערווייל צוגעגרייט צו פאָהרען מיט׳ן בישאָף צו דער תפיסה. זי האָט אָנגעטאָן א שווארצע קלייד אויף איהר הארצען האָט זי געטראָגען א גרויסען שווארצען צלם. זי האָט זיך מיט איהר טאָכטער אריינגעזעצט אין דעם עקיפּאַזש פון בישאָף און זיי זיינען צוגעפאָהרען צו דעם ביישאָפ׳ס פּאַלאַץ. פון דאָרט איז די גרעפין אריינגעקומען אין דעם קאָרידאָר פון דער תפיסה אָנגעלעהנט אויף איהר טאָכטער.

דער אויפזעהער האָט געעפענט די טיהר פון זיין קאמער. קאטערינא איז פארבליבען אין קאָרידאָר. אין קאמער וואו דער גר איז געזעסען האָט אריינגעשטראַלט א דינער פאַס ליכט. ווען דער גר האָט דערזעהן זיין מוטער האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון זיין הילצערנעם געלעגער און ער האָט גענומען איהר אנקעגען געהן. אין קאמער האָט זיך דערהערט דער קלאנג פון די קייטען.

— וואלענטי, מיין ליבער זוהן! — האָט זיך די גרעפין צו איהם אָנגערופען — ווי שרעקליך עס איז צו טראַכטען אז דו, מיין זוהן דארפסט טראָגען קייטען אויף דיינע פיס.

— אזוי לאנג ווי מען קאָן ניט אָנטאָן קיין קייטען אויף מיין נשמה, בין איך צופרידען — האָט ער געענטפערט.

— דו מוזט ראטעווען דיין נשמה!

— האָט זי געזאָגט — דער בישאָף האָט מיר געזאָגט אז ער האָט געמאכט א פארזוך מיט דיר צו ריידען און צוריקצוברייגגען דיר צום שכל, אָבער איהם איז ניט געלונגען . . . ווייל דו ביזט פארבליבען פאר׳עקשנ׳ט. איך בין צו דיר געקומען ווי א מוטער צו איהר זוהן וועמען זי האָט ליב מעהר פון אלץ אין דער וועלט. יע, מיין זוהן, זינט יענעם טאָג וואָס איך האָב דיך געזעהן אלס זשיד, האָב איך ניט צוגעמאכט מיינע אויגען, האָב איך שלאָפלאָזע נעכט.

— וועגען מיר האָסטו ניט וואָס צו זאָרגען, מוטער — האָט אברהם זיך צו איהר אָנגערופען — איך פיל

זיך גליקליך. איך ווייס אז יעדע מוטער שטרעבט צו זעהן איהר זוהן א גליקליכען, און איך בין דאך זעהר, זעהר גליקליך.

— פארוואס זאלסטו אזוי ריידען, וואלענטין — האט זי גענומען ווישען איהרע אויגען — דו האסט פארלאזען דיין אמונה, די הייליגע קאטוילישע אמונה און דו ביזט גאר געווארען א זשיד. איצט וועסטו דאך פארלירען ביידע וועלטען...

— א, מוטער, ווען איך וואלט נאר געהאט די מאכט צו עפענען דיינע אויגען כדי דו זאלסט זעהן דעם אמת, וואלסטו אויך געפילט ווי איך. ס'איז פונקט ווי איינער וואנדערט אין דער מדבר. ער איז דורשטיג, מיד און הונגעריג, און האט ניט קיין כח צו שלעפען זיינע פיס, איהם דוכט זיך, אז ער וועט שוין דארפען בלייבען דא און אויסגעהן פון דורשט, און פלוצלונג דערזעהט ער אן אאזיס, א גרינעם פלאץ, מיט פרוכט בוימער און מיט פרישע קוואל וואסער... יע, מוטער, אט פונקט אזוי פיל איך איצט. איך האב מיין גאנצען לעבען געוואנדערט אין א מדבר, איך האב דארט געבלאנדזשעט, און איך האב ניט געוואוסט ווי אזוי איך וועל דערגרייכען מיין ציל, און פלוצלונג האט דער גאט פון ישראל מיינע אויגען געעפענט און ער האט מיר באוויזען דעם פרישען ריינעם קוואל — זיין הייליגע תורה, און איך האב זיך דערפרישט און דערקוויקט. איצט ווילסטו אז איך זאל פארלאזען אט דעם וואונדערבארען קוואל און ווידער ארומבלאנדזשען א מידער, א דורשטיגער? ניין, מוטער! איך וועל מיין נייע אמונה ניט אויפגעבען ווייל דאס איז דער קוואל פון אייביגען לעבען.

— איך האב מורא, מיין זוהן, אז מען האט אויף דיר ארויפגעטאן א כשוף! — האט די גרעפין זיך פאנאנדערגעוויינט. — דו ווייסט אז אויב דו וועסט ניט חרטה האבען אויף דיין זינד און זיך ניט אומקערען צוריק צו דער קריסטליכער אמונה, וועט מען דיך משפט'ן. מען וועט דיך פאר'משפט'ן צום טויט, און דאן וועט דיך קיינער ניט קאנען ראטעווען! ווייל קיינער אויסער דער קעניג, קאן ענדערען דעם באשלוס פון דעם הייליגען סינאד, און דו ווייסט דאך אז דיין פאטער וועט קיינמאל זיך ניט ווענדען צם קעניג פאר באגנאדיגונג. א, וואלענטי, דיין לעבען איז אין געפאהר! איך וויל דיך ראטעווען, און דעריבער בין איך צו דיר געקומען... איך בעט דיך, האב רחמנות אויף מיר און אויף זיך... דו וועסט פארלירען דיין לעבען! און איך וועל פון צער פארלירען מיין גליק! דער בישאף האט מיר געזאגט אז דו וועסט האבען דיין לעצטע געלעגענהייט. אויב דו וועסט גלייך זיך ניט ארומזעהן און זאגען אז דו האסט חרטה, וועט מען דיך פאר'משפט'ן. אוי, וואלענטי, וואס האסטו צו אונז געהאט!

— מוטער, דו ווייסט דאך, אז פון מיין פריהסטען יוגענד האב איך געלערענט אין דעם קאטוילישען סעמינאר, איך האב שטודירט אונזער אמונה און אויך די אמונות פון אנדערע פעלקער. איך האב געזוכט און געפארשט דעם אמת, און דו קאנסט פארשטעהן אז איידער איך האב באשלאסען צו מאכען אזא שריט, האב איך זיך גוט באזינט, און ווען איך האב דאס געטאן, האב איך געוואוסט וואס עס וועט מיט מיר פאסירען ווען מען וועט מיך כאפען, און איך בין געווען גרייט אויף אלץ איך בין גרייט אוועקצוגעבען מיין לעבן פאר מיין נייער אמונה. קיין זאך אין דער וועלט וועט מיר ניט באוועגען איך זאל זיך צוריקקערען צו מיין פריהערדיגען גלויבען. איך באדויער נאר, מוטער, וואס איך בין געצוואונגען דיר צו פארשאפען אזוי פיל ליידען, אבער גלויב מיר, אז אויך איך לייד זעהר פיל פון דעם וואס דו ביזט נאך אלץ אין דער מדבר, אין דער וויסטניש, אהן וואסער און אהן שפייז, איך מיין די שפייז פאר דיין נשמה! איך וועל דעריבער מתפלל זיין צו גאט, ער זאל דיינע אויגען עפענען, אין צייט, כדי דו זאלסט אויך זעהן די ליבטיגקייט...

—דו ווייסט ניט וואס דו רעדסט

מיין זוהן! זאל דיר דער האר יעזוס מוחל זיין! דו ביזט פארפירט געוואָרען! און שולדיג אין דעם זייענען די זשידעס! זיי האבען דיך פון גלייכען וועג ארונטערגעפירט. דו זעהסט דאך אליין ווי דער האר יעזוס באשטראפט די אידען ווייל זיי האבען ניט געוואלט אננעמען דעם קריסטליכען גלויבען, זיינען זיי דעריבער פארטריבען געווארען צווישען פעלקער, מען יאגט זיי און מען פלאגט זיי צוליב זייער עקשנות, און דא קומסטו און דו ווערסט איינער פון זיי! דו ווילסט אויף זיך נעמען די קללה וואס איז געפאלען אויף דעם אידישען פאלק...

— מוטער, עס איז שוין פון לאנג אנגענומען געווארען אז דער וועלכער זאגט דעם אמת, קריגט געשלאגען. יע, דאס אידישע פאלק ליידט צוליב דעם אמת, און איך בין אויך גרייט צו ליידען פאר דעם אמת... מיין איינציגע תפלה צו גאט איז אז ער זאל עפענען דיינע אויגען און די אויגען פון די אלע וועלכע זיינען פארשלאסען צום אמת, און זאל די ליכטיגקייט פון דער אידישע תורה א שיין טאן פאר אייך אלעמען... זיי וויסען, אז בלויז אין דער אידישער אמונה קאן מען געפינען דעם אמת'ן גליק, און איך האף, אז אמווייניגסטען דו וועסט עס איינזעהן!

די גרעפין האט זיך גענומען צלמ'ען און זי האט עפעס געמורמעלט. דאן האט זי פארשטעלט איר פנים מיט איהרע הענט און גענומען וויינען.

אברהם איז געבליבען שטיין אויף זיין פלאץ באוועגלאז. ער האט געקוקט אויף זיין מוטער און א גרויס רחמנות האט איהם באנומען... ער איז צו איהר צוגעגאנגען און זי געוואלט אנרירען, אבער די גרעפין האט זיך אפגערוקט פון איהם, אויסרופענדיג:

— ריהר מיך ניט אן! דו ביזט פאראומרייניגט געווארען! דיינע הענט זיינען די הענט פון אן אומגלויביגען זשיד! אזוי לאנג ווי דו וועסט ניט חרטה האבען אויף דיין שענדליכען שריט, ביזטו ניט מעהר מיין זוהן!...

זי איז ארויס פון זיין קאמער. קאטערינא האט אויף איר געווארט אין קארידאר.

— נו, מוטער, האסטו ביי איהם געקאנט עפעס פועל'ן? — האט זי געפרעגט.

— ער איז שוין א פארפאלענער — האט די גרעפין געווישט איהרע אויגען — ער האט פארלארען ביידע וועלטען. ער איז אומגליקליך.

— איך וועל צו איהם אריינגיין, ליבע מוטער! — האט קאטערינא אויסגערופען —איך וועל נאך פרובירען ריידען מיט איהם.

— ניין, מיין טאכטער, געה ניט, ער רעדט אזעלכע רייד וואס קאן דיר שעדיגען! ער וועט נאך מאכען א פארזוך דיך אפצונייגען פון אונזער גלויבען, ווי ער האט עס געטאן צו מיר...

— מוטער, האט ער אויף דיר געווירקט? — האט זי איהר געפרעגט.

— וואס רעדסטו, מיין טאכטער!

— וועט ער אויך אויף מיר ניט ווירקען, אזוי האף איך — האט קאטערינא צוגעגעבען — איך האב פאר דעם ניט מורא!

קאטערינא איז אריין אין זיין קאמער זי האט זיך ארומגעקוקט אויבער דער וועכטער שטעהט ניט נעבען דער טיר און ווען זי האט געזעהן אז קיינער איז דארט דערביי ניטא, האט זיך זיך אנגערופען:

— וואלענטי, מיין ברודער, איך האב גראטעוועט דיין כלה!

—קאטערינא! — האט ער אויסגערופען — איך האב ניט ערווארט אז דו זאלסט קומען אהער!

— דו האסט ניט געהערט וואס איך האב דיר נאר וואס געזאגט — האט זי זיך אנגערופען אין דער שטיל — איך האב דאך געראטעוועט דיין יהודית'ן, דיין כלה! דער גלח אנטאן האט שוין באשלאסען זי צו ארעסטירען און פארשפארען אין א מאנאסטיר נאכדעם ווי זי וואלט געצוואונגען געווארען צו ווערען א קאטויליקין, ווען איך האב געהערט וועגען זיין פלאן, האב איך באשלאסען אוועקצוגעהן צו דעם פאן זוסקעם אין הויז. איך בין אויפגעשטאנען זעהר פרי יענעם טאג און איך בין אוועק אהין און זיי געווארענט...

איך האָב געזעהן דיין כלה, זי איז וואונדער שעהן, איך האָב מיט איהר פארבראכט א האַלבע שעה, און איך האָב איינגעזעהן אַז זי איז ווירקליך ווירדיג צו זיין דיין כלה! איך האָב בלויז געוואונשען אין מיין הארצען אַז דיר זאָל געלינגען זיך צו באפרייען און איהר זאָלט קאָנען ביידע חתונה האָבען. איך ווייס אַז דאָ וועט דיר זיין אונמעגליך צו בלייבען אָבער ווען דו וואָלסט מיט איהר געקאָנט אוועקפאָהרען קיין אויסלאַנד, וואָלט איך זיך אָנגעשלאָסען מיט אייך. ווייל איך פיהל, אַז דו ביזט גערעכט! איך פיהל אַז באָריס זארעמבא איז גערעכט, און איך ווינש בלויז אַז דיר וועט געלינגען פון דאַנען ארויסצוקומען.

— ביזטו זיכער אַז ער האָט איך קיין שלעכטעס ניט געטאָן? — האָט אברהם זי געפרעגט.

— געוויס בין איך זיכער! ווען אנטאָן וואָלט זי ארעסטירט וואָלט איך דאָך געוואוסט — האָט קאַטערינא געזאָגט — איך האָב געהערט ווי אנטאָן האָט זיך באַקלאָגט אַז אימיצער האָט געמוזט ענטדעקען זיין פּלאַן צו דעם פאַן זוסקעס, ווייל ער האָט אוועקגעשיקט זיין טאָכטער פון זיין הויז און ער האָט זי באַהאַלטען.

— איך דאַנק דיר, קאַטערינא — האָט אברהם געזאָגט — איך זעה איצט איין אַז אויך דו באַזיצט א טייערע נשמה, אָבער פונדעסטוועגען וואָלט איך דיר געראַטען דו זאָלסט ניט מאַכען קיין שריט צו בייטען דיין אמונה. דו דאַרפסט אונז ניט נאָכטאָן, ווייל מיר זיינען דאָך געוואָרען איבערצייגט און מיר האָבען א סך געשטודירט, און מיר ווייסען פאַרוואָס מיר ליידען, אָבער דו וועסט דאָך ניט האָבען די נויטיגע איבערצייגונג און ווייסען, און דו וועסט בלויז ליידען אומזיסט.

— הער זיך איין מיין ברודער — האָט קאַטערינא זיך אָנגערופען — איך ווייס אַז דער סינאָד וועט דיך פאַר׳משפּט׳ן צום טויט. עס איז ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט, סיידען דו וועסט זיי לאָזען ווייסען אַז דו ביזט גרייט צוריקצוקערען זיך צום קאַטוילישען גלויבען און איך ווייס דאָך אַז דאָס וועסטו קיינמאָל ניט טאָן. דעריבער האָב איך באַשלאָסען דיך צו העלפען. איך גלויב אַז איך וועל קאָנען אונטערגרייפען דעם אויפזעהער און ער זאָל זיך ניט זעהענדיג מאַכען ווען דו וועסט ארויסקומען פון דיין קאַמער ביי־נאַכט און אנטלויפען. איך וועל שוין האָבען פאַר דיר אַלץ געגרייט. איך וועל וואַרטען אין דרויסען אין א פוהר, און אַזוי שנעל ווי דו וועסט זיין אין דרויסען וועסטו זיך אריינזעצען אין פוהר און מיר וועלען צופאָהרען צום גרעניץ.

— אָ, ניין, מיין שוועסטער, טו עס ניט — האָט אברהם געזאָגט — דו וועסט בלויז ברייגען אַן אומגליק אויף דיר און אויף די אַנדערע וועלכע וועלען דיר זוכען צו העלפען. ווייל דו דאַרפסט וויסען, אַז איך ווער דאָ זעהר שטאַרק געהיט. דו זעהסט דאָך אַז איך טראָג קייטען און ווען מען וועט דערהערען דעם קלאַנג פון מיינע קייטען, וועט מען מיך גלייך כאַפּען.

— אפשר וועל איך קאָנען פּועל׳ן ביים אויפזעהער פון געפענגניש אַז ער זאָל פון דיר די קייטען ארונטערנעמען — האָט קאַטערינא געזאָגט.

— איך מוז דיר ראַטעווען פון טויט. דאָס איז דער איינציגער וועג!

— איך האָב מורא אַז דו וועסט דורכפאַלען, מיין שוועסטער, און דו וועסט נאָך צוליב דעם אַליין אריינפאַלען אין א צרה! דו ווייסט דאָך ווי דער בישאָף איז פאַרביטערט געגען מיר און אויב ער וועט אויסגעפינען אַז דו האָסט מיך געהאָלפען וועט ער שוין זעהן דיך צו באַשטראָפען.

— איך האָב פאַר איהם קיין מורא ניט — האָט קאַטערינא געזאָגט — ער קאָן מיר גאָרניט טאָן, איך האָב א רעכט צו ראַטעווען מיין ברודער!

— דער בישאָף וועט זיין גאַנצען צאָרן אויסלאָזען צו דיר! ער האָט די מאַכט צו פאַרשפּאַרען דיך אין מאָנאַסטיר פאַר דיין גאַנצען לעבען! ניין, טו עס ניט! איך בין וויליג צו שטאַרבען פאַר מיין אמונה. איך בין גרייט!

— ניין, מיין ליבער ברודער, דו

טאָרסט ניט שטאַרבען! צוליב דיין כלה דאַרפסטו לעבען. ווען אונז וועט געלינגען צו אַנטלויפען, וועלען מיר זיך אַלע אַנשליסען מיט זאַרעמבאַ און יוליע און מיר וועלען קאָנען ערגעץ לעבען רוהיג.

— איך וועל דיר ניט דערלאָזען אַז דו זאָלסט איינשטעלען דיין אייגענעם לעבען אין געפאַהר — האָט אברהם געזאָגט — דו קאָנסט אונז, איך מיין די אידען, איבערהויפּט ר׳ לייזער׳ן און זיין משפּחה, טאָן א סך מעהר גוטעס ווען דו וועסט פאַרבלייבען א קאַטוילִיקין... אויב נאָר דו וועסט טאָן גוטעס וועסטו אַלץ איינס פאַררעכענט ווערען פּונקט ווי דו וואָלסט געווען איינע פון אונז. זייַ בּיי דיר אין האַרצען.

— איך וועל ניט דערלאָזען אַז מען זאָל דיך פאַרברענען — האָט קאַטערינאַ איהם אָנגענומען ביי דער האַנט — איך וועל טאָן אַלץ אין מיין מאַכט דיך פון דאַנען אַרויסצוראַטעווען. איך וועל זיך שטעלען אין פאַרבינדונג מיט ר׳ מנחם׳ען און ער וועט מיר העלפען.

קאַטערינאַ האָט פּלוצלונג דערהערט טריט, און זי האָט זיך גלייך צוריקגעצויגען פון דעם קאַמער. זי איז צוגעקומען צו איהר מוטער, וועלכע איז געזעסען אויף א באַנק און געוויינט.

— מוטער מיר דוכט אַז איך וועל פאַרט ביי איהם פּועל׳ן — האָט קאַטערינאַ געזאָגט.

— וואָס רעדסטו מיין טאָכטער! — האָט די גרעפין איהר אָנגעקוקט — ער וויל ־אַך פון דעם ניט הערען.

— לאָז עס איבּער צו מיר! איך וועל איהם באַזוכען נאָך עטליכע מאָל, און איך בין איבערצייגט אַז ער וועט טהאָן ווי איך פאַרלאַנג פון איהם. איך ווייס שוין ווי צו ריידען מיט איהם. אַלץ וואָס איך וויל איז אַז דו זאָלסט פאַר מיר קריגען פון בישאָף אַן ערלויבניש איהם צו באַזוכען בלויז נאָך א פּאָר מאָל.

— אָ, מיין טאָכטער, דיינע רייד האָבען מיר געגעבען א שטראַהל פון האָפענונג — האָט די גרעפין זיך אָנגערופען — זאָג מיר, וואָס האָסטו מיט איהם גערעדט?

— איך האָב געוואוסט ווי אַזוי צו ריידען מיט איהם! — האָט קאַטערינאַ געזאָגט — דו ווייסט דאָן מוטער, אַז מיר ביידע האָבען זיך אַלע מאָל געטיילט אונזערע סודות. געדענקסטו ווי אַזוי איך האָב איהם געבעטי׳ן ער זאָל נאָכפאָלגען דעם פאָטער ווען ער האָט געוואָלט אָפּרייזען אויף דעם יאַגד, אָבער איך האָב געוואוסט אַז ער וויל געהן פאַרברייגען מיט ראַשיעל, אונזער געוועזענע גוּאוורנאַנטקע?

— יע, מיין טאָכטער. איך געדיינק אַלץ. עס קאָן זיין אָבער אַז דאָס האָט אויף וואַלענטי׳ן געווירקט זעהר שלעכט. דו האָסט דאָך מיר דערצעהלט אַז ער האָט געטראָפען דעם פאָטער און דעם גלח אַנטאָן טרינקענדיג בראַנפען. און דערפאַר האָט ער זיך אָפּגעקעהרט פון אונזער אמונה.

— דו ביזט גערעכט, מוטער! — האָט קאַטערינאַ צוגעגעבען — און אַז דו דערמאָנסט שוין יע, וועל איך דיר דערצעהלען נאָך א זאַך וואָס מיר ביידע האָבען די גאַנצע צייט געהאַלטען בסוד פון דיר.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט די גרעפין.

— וואַלענטי האָט אויסגעפונען, אַז דער גלח צו וועמען ראַשיעל פלעגט קומען זיך מתודה זיין, האָט גאָר געפיהרט א ליבע מיט איהר הינטער די פּלייצעס פון אונזער פאָטער. דאָס האָט וואַלענטי גלייך ענטדעקט פאַר דעם פאָטער און ער האָט אַזוי אויסגעמאַקירט אַז ביידע, סיי ראַשיעל און סיי אַנטאָן האָבען זיך מתודה געווען... עס פאַרשטעהט זיך אַז דער פאָטער האָט ניט געוואָלט עס זאָל קומען צו א סקאַנדאַל, האָט ער דאָס פאַרשוויגען. אָבער פאַר א היבשע צייט האָט ער געטראָגען א שנאה צו אונזער הייליגען וידוי־פאָטעריל.

— אָ. עס גלויבט זיך מיר ניט! — האָט די גרעפין אויסגערופען — ווי אַזוי קאָן ער, דאָס הייליגע פאָטעריל טאָן אַזא זאַך. עס איז דאָך א גרויסע זינד.

— איך מוז דיר זאָגען, מוטער, אַז ווען איך האָב דאָס געהערט וועגען דעם גלח אַנטאָן, האָב איך פאַרלאָרען מיין רעספּעקט פאַר איהם. איך האָב שפּעטער אויסגעפונען אַז ער האָט געמאַכט עטליכע פאַרזוכען צו פיהרען א ליבע מיט יוליען און טאַקע דערפאַר האָט זי זיך שנעל געלאָזט איבּערריי־

דען פון איהר חתן זארעמבא'ן און זי האט פארלאזען אונזער גלויבען. אזא גלח ווי אנטאן בריינגט שוין גאר ניט קיין כבוד צו אונזער אמונה...

— עס איז דאך שוידערליך! — האט די גרעפין געזאגט — און איך האב צו איהם אזוי פיעל צוטרויען. איך קום דאך צו איהם רעגעלמעסיג זיך מתודה צו זיין. איצט וועל איך שוין מעהר ניט קענען קומען צו איהם.

— ער איז אן אויסוואורף, מוטער!

— האט קאטערינא אויסגערופען. — איך ווייס אז ער אליין איז שולדיג אין דעם וואס מיין ברודער וואלענטי האט פארלאזען אונזער אמונה. נאכדעם ווי מען זעהט ווי אזוי א גלח, דער פארטרעטער פון אונזער אמונה פיהרט זיך אויף, פיהלט מען זיך אינגאנצען אפגעפרעמז'עט פון דער קאטוילישער רעליגיע...

— דו טארסט אזוי ניט ריידען, מיין טאכטער! — האט די גרעפין זיך צו איהר אנגערופען — אויב עס געפינט זיך איינער אן אונווירדיגער צווישען די גלחים, מיינט עס נאך ניט אז שולדיג איז דעם אין אונוער אמונה.

— אבער די זעהסט דאך ווי פאלש ער איז, או, ער האט דאך פאראורזאכט אז מיין ברודער זאל זיך אפקעהרען פון אונז. און טאמער איז דאס איהם נאך געווען ווינציג, האט ער איהם אויפגעזוכט און געלאזט ארעסטירען, און איצט וועט ער געהן עדות זאגען געגען איהם ביים סינאד, כדי מען זאל איהם פארברענען לעבעדיגערהייט...

— דאס איז דאך זיין פליכט, מיין טאכטער. יעדער עהרליכער און פרומער קריסט וואלט אזוי געדארפט האנדלען.. ווען ער האט אויסגעפונען אז א קאטויליק האט פארלאזען זיין אמונה און איז געווארען א איד.

— אבער אנטאן איז ווייט פון צו זיין עהרליך און פרום! — האט קאטערינא געזאגט.—ער האט געוויס ניט געהאט קיין רעכט צו פאראורזאכען מען זאל איהם פאר'משפט'ן צום טויט... ער אליין איז שולדיג אין זיין פארברעכען... ניין מוטער, איך וועל אין דעם ניט שווייגען. איך וועל קומען צום משפט פאר'ן סינאד און איך וועל פאר זיי דערצעהלען אלץ וואס איך ווייס וועגען דעם אויסוואורף אנטאן, זאלען זיי זעהען אז מיין ברודער איז ניט אינגאנצען שולדיג. ער האט געוואוסט פון אלע זיינע פארברעכענס און ווען ער האט געטראכט פון דעם אז אמאל פלעגט ער קומען צו איהם זיך מתודה זיין אויף זיינע זינד, און ער האט שפעטער אויסגעפונען אז ער איז אליין גאר זינדיג, האט ער פארלארען זיין אמונה.. יע, מוטער, איך זאג דיר צו אז איך וועל עס טהאן. איך האב ניט וואס מורא צו האבען.

— אבער קאטערינא. דאס וועט דאך אויך אריינציהען דיין פאטער אין א סקאנדאל! — האט די גרעפין זיך צו איהר אנגערופען — דו קאנסט עס ניט טהאן!

— אבער דאס קען ראטעווען דאס לעבען פון מיין ברודער! — האט קאטערינא געזאגט — איך גלויב אז עס איז מיין פליכט ארונטער צו נעהמען די מאסקע פון אזעלכע אויסווארפען ווי דאס פאטעריל אנטאן, וועלכער טהוט אפ די ערגסטע פארברעכען אונטער זיין גלח'ש'ן מאנטעל. צום משפט פאר זיינע פארברעכענס, יע, איך וועל דערצעהלען ווי אזוי ער האט פארשטויסען אויך יוליע'ן פון אונזער אמונה, און אפשר האט ער עס געטהאן צו נאך פילע וועלכע פלעגען קומען צו איהם אויף וידוי...

— אבער קאטערינא, דו האסט מיר דאך מיט א ווײלע פריהער געזאגט אז דו גלויבסט אז דיר וועט געלינגען איבערצורעדען וואלענטי'ן, ער זאל זיך צוריקקעהרען צו אונזער אמונה...

— יע, איך גלויב אז איך וועל עס קענען באווייזען אבער אויך איהם וועל איך זאגען אז איך וועל ארונטעררייסען די מאסקע פון דעם גלח אנטאן. איך בין זיכער אז ווען ער וועט העהרען אז אנטאן וועט געשטעלט ווערען וועט ער זיך בעסער וועלען צוהערען צו מיר. איצט בעט איך דיר, מוטער, אז דו זאלסט גלייך געהן צום בישאף און ביי איהם קריגען ערלויבניש פאר מיר איך זאל זיך קאנען זעהן מיט וואלענטי'ן צו יעדער צייט, און איך וועל דיר באווייזען אז מיר וועט ענדליך געלינגען איהם איבערצורעדען, און וואלענטי וועט צוריק ווערען א קאטויליק.

— א, מיין טאכטער, ווען דו וועסט עס קענען מיר באווייזען וועל איך זיך שעצען פאר דער גליקליכסטער אין דער וועלט — האט די גרעפין זיך אנגערופען — אויב מיין זוהן וועט

בלייבען ביי זיינע עקשנות, וועל איך דאס ניט אריבערטראגען, ווייל דאן וועט מען דאך איהם טויטען, און איך וועל פארלירען מיין ליבען, טהייערען זוהן.

— יע, מוטער. איך ווייס ווי שלעכט דו פיהלסט און אויך איך פיהל אזוי שלעכט, ווייל ער איז דאך מיין איינציגער ברודער וועמען איך האָב אזוי שטארק ליעב געהאט. איך וויל איהם ראטעווען און ווען מען וועט מיר צולאָזען צו איהם נאָך עטליכע מאָל, וועל איך איהם איבערצייגען און דאמיט וועל איך איהם ראטעווען.

די גרעפין האָט צוגעזאָגט קאטערינא'ן אז זי וועט גלייך פון דאנען געהן צום בישאָף און ביי איהם קריגען די נויטהיגע ערלויבניש.

ווען זיי זיינען שוין געווען אין דרויסען האָט די גרעפין געהייסען איהר טאָכטער צו צוואווארטען אין זייער עקיפאזש און זי איז אריין צום בישאָף.

— נו, גרעפין, האָט איהר עפּעס געקאָנט פועל'ן ביי אייער פאר'עקשנ'טען זוהן ? — האָט דער בישאָף זיך צו איהר געווענדעט.

— ניין, הייליגער בישאָף ! — האָט די גרעפין געזאָגט — אָבער ווי עס וויזט אויס האָט מיין טאָכטער אויף איהם געמאכט דעם געהעריגען איינדרוק און זי האָט מיר געזאָגט אז אויב מען וועט איהר געבען א געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט איהם נאָך אייניגע מאָל וועט זי איהם אינגאנצען איבערצייגען...

— איך האָב אלע מאָל געגלויבט אז א מוטער האָט א גרעסערען איינפלוס אויף א זוהן ווי א שוועסטער ! — האָט דער בישאָף זיך אָנגערופען — טאָ ווי קומט עס אז אייער טאָכטער גלויבט אז זי וועט קאָנען אויפטהאָן מיט איהם מעהר פון אייך ?

— קאטערינא און וואלענטי זיינען פון תמיד אָן געווען שטארק צוגעבונדען איינע צו די אנדערע, און זיי פלעגען ניט האָבען קיין סודות איינער פון צווייטען — האָט די גרעפין געזאָגט — אויסער דעם זיינען זיי דאך ביידע יונג און זיי פארשטעהען זיך אסד בעסער ווי עלטערע מיט יונגערע. אויב זי וועט קריגען די ערלויבניש וועט זי זעהן צו קומען צו איהם אָפטער, ביז וואנען זי וועט פועל'ן ביי איהם ער זאָל קומען צום שכל און זיך צוריקקעהרען צו אונזער אמונה.

— אויב איהר גלויבט אז זי וועט קענען ווירקען אויף איהם מעהר ווי איהר און איך האָבען געווירקט, וועל איך איהר געבען די דאָזיגע ערלויבניש. איך וועל אָנזאָגען דעם אויפזעהער פון געפענגניש אז ער זאָל אריינלאָזען אייער טאָכטער צו באזוכען וואלענטי'ן צו יעדער צייט.

די גרעפין האָט איהם באדאנקט און זי איז ארויס פון דארט און איבערגעגעבען איהר טאָכטער אז דער בישאָף וועט איהר געבען די נויטיגע ערלויבניש, צו באזוכען וואלענטי'ן ווען זי וועט נאָר וועלען.

קאטערינא איז געווען שטארק צופרידען. זי האָט געזאָגט איהר מוטער אז זי וועט זיך נאָך א מאָל זעהן מיט וואלענטי'ן מאָרגען און זי וועט איהר לאָזען וויסען אויב זי מאכט פארטשריט מיט איהם.

אויף מאָרגען איז קאטערינא ווידער אמאָל צוגעפאָהרען צום געפענגניש, זי האָט געוואָלט אויסגעפינען אויב דער אויפזעהער וועט איהר ערלויבען זיך צו זעהן מיט איהם. זי האָט ניט באגעגענט קיינע שוועריגקייטען. זי איז ווידער אריינגעקומען צו איהר ברודער אין קאמער, און איהם געזאָגט אז דערווייל איז איהר געלונגען צו קריגען די ערלויבניש פון בישאָף אריינצוקומען ווען זי וויל צו איהם, און זי וועט שוין זעהן דאס אויסצונוצען איהם צו ראטעווען.

— איך בעט דיך, מיין שוועסטער, האָט וואלענטי זיך אָנגערופען צו איהר — שטעל ניט דיין אייגענעם לעבען און פרייהייט אין געפאהר. דו ווייסט דאך אז ניט אזוי גרינג וועט דיר אָנקומען דורכצופיהרען אז' זאך, און איך האָב מורא אז דו וועסט דורכפאלען, און דאן וועסטו ברייגנען אן אומגליק אויף פילע אנדערע...

— איך וועל זיין זעהר פארזיכטיג, מיין ברודער — איך האָב געגנוג געלד מיט וואס אונטערצוקויפען דעם אויפזעהער פון געפענגניש. און אזוי שנעל ווי ער וועט איינוויליגען וועל איך שוין זעהן צו קריגען א פוהר, און דו וועסט זיך ארייגזעצען אהין, און שנעל אָפּפאָהרען פון ווילנא.

— מיין שוועסטער, איך וויל ניט אנטלויפען פון דאנען ! — האָט ער

געזאגט — איך ווייס אז אויב איך וועל זיך אליין ראטעווען, וועלען זיי זוכען אויסצוגיסען זייער צארן אויף מיינע ברידער, די אידען פון ווילנא און פון אילע. ניין, קאטערינא, איך וועל בעסער גע׳משפט ווערען פון דעם סינאד און איך וועל דאן אויך קריגען א געלעגענהייט צו ריידען פאר דעם סינאד און זיי ערקלעהרען אז זיי אלע בלאנדזשען, אז זיי ווילען ניט זעהן דעם אמת, אז זיי זיינען בלינד.

— דו וועסט דאמיט גאר ניט פועל׳ן — האט קאטערינא געזאגט — דו ווייסט גאנץ גוט אז דיינע רייד וועלען פאלען אויף טויבע אויערען. דו וועסט נאך ערגער מאכען. ניין מיין ברודער, איך וועל ניט דערלאזען אז עס זאל קומען צו א משפט... איך וועל מוזען דיך ראטעווען פון זייערע הענט.

— דו ווייסט ניט אין וואס פאר א געפאהר דו וועסט זיך און די וועלכע וועלען דיר ארויסהעלפען, שטעלען. דער צארן פון סינאד וועט אויסגעגאסען ווערען אויף אלעמען.

— זיי קאנען מיר גאר ניט טאן. איך בין דיין שוועסטער און איך וויל ניט דערלאזען אז דו זאלסט פארברענט ווערען אויפ׳ן שייטערהויפען... יע, איך וועל זיך פאר קיין זאך ניט אפשטעלען. איך מוז דיך ראטעווען!

קאטערינא האט מיט איהם א ווייל פארבראכט און ווען זי איז ארויס פון זיין קאמער האט זי דעם אויפזעהער פון געפענגניש געגעבען א גרויסע סומע געלט.

דער אויפזעהער איז געווען דערזיין קיין טובה ניט געטאן מיט דעם וואס ער האט ערלויבט אריינצוגעהן אין זיין קאמער, דער בישאף האט איהם דאך אנגעזאגט. אבער אז זי האט איהם געגעבען אזא גרויסע סומע געלט טא פארוואס זאל ער ניט נעהמען.

אויף מארגען איז קאטערינא אוועק צו ר׳ מנחם׳ן אין הויז. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס קאטערינא האט מיט איהם גערעדט, כאטש ר׳ מנחם פלעגט גאנץ אפט אריינקומען צום גראף אין פאלאץ. דאן איז עס פאר איהר געווען א דערנידערונג צו ריידען צו א אידען, און דאריבער איז ר׳ מנחם געווען שטארק צוטומעלט ווען ער האט דעם גראפ׳ם טאכטער געזעהן ביי זיך אין הויז.

— הערט זיך איין! — האט קאטערינא זיך אנגערופען צו איהם — איך בין צו אייך געקומען איהר זאלט מיר העלפען ארויסראטעווען מיין ברודער וואלעטי׳ן פון זייערע הענט!

— איך? וואס קאן איך טאן?

— האט ר׳ מנחם זיך אנגערופען, — מיינע רייד קאנען זיכער ניט האבען קיין ווירקונג אויף דעם סינאד!

— איהר קאנט מיר העלפען! — האט קאטערינא מיט טרעהרען אין די אויגען געזאגט. — איהר ווייסט גאנץ גוט אז דער סינאד וועט איהם פאר׳משפט׳ן צום טויט, סיידען ער וועט חרטה האבען און זיך צוריקקעהרען צום קאטוילישען גלויבען.

— איהר האט געמאכט א טעות, ווען איהר זייט געקומען צו מיר — האט ר׳ מנחם אויסגערופען — איך האב איהם גענומען אפריידען פון צו ווערען א איד . . . אבער צוריידען ער זאל צוריק ווערען א קאטויליק, דאס קאן איך ניט!

— נייז ניט דאס מיין איך! — האט קאטערינא געזאגט — איך וויל אז איהר זאלט מיר העלפען ער זאל אנטלויפען פון געפענגעניש . . .

— ווי אזוי קאן איך טאן אזא זאך? האב איך דען צוטריט צו דעם געפענגניש?

— איך האב צוטריט! — האט קאטערינא אויסגערופען, — דער בישאף האט מיר געגעבען ערלויבניש זיך צו קאנען זעהן מיט מיין ברודער צו יעדער צייט. און איך וויל דאס אויסנוצען איהם צו באפרייען! איך וועל אונטערקויפען דעם אויפזעהער און ער וועט פון איהם ארונטערנעהמען די קייטען. דאן וועט ער זיך ניט זעהענדיג מאכען און מיר וועלען ארויסגעהן פון דארט. איך וויל אז איהר זאלט צו יענער צייט האבען אייער קאליאסקע נעבען דעם געפענגניש און אזוי שנעל ווי ער וועט שוין זיין אין דרויסען, וועסטו איהם אוועקפיהרען ערגעץ. ער וועט זיך אויסבאהאלטען פאר א קליינע ווייל און דאן וועלען מיר זעהן אז ער זאל אנטלויפען קיין אויסלאנד און דארט זיך אנשליסען מיט יארעמבא׳ן און יוליען.

— א, איהר ווייסט אויך וועגען זיי? — האט ר׳ מנחם זי געפרעגט.

— געוויס ווייס איך אלץ! — האט

קאטערינא אויסגערופען, — איך וויל אז איהר זאלט וויסען פאן מאן, אז איך האר זיך א סך געענדערט ! איך בין שוין ניט די זעלבע מיידעל ווי איך בין געוועז אמאל. איך האב אפילו געראטעוועט יהודית'ן, מיין ברודער'ס כלה . . .

— יע, איך ווייס דאס ! — האט ר' מנחם געזאגט — דער פאן זוסקעס האט מיר דאס דערצעהלט. און איך וויל אייך זאגען, אז איהר האט זיין הארציגסטען דאנק פאר דעם.

— נו. וועט איהר דאס טאן פאר מיר ! - - האט זי איהם געפרעגט — איך מיין וועט איהר צוקומען צום געפענגעניש מיט אייער קאליאסקע ?

— אויב אייער ברודער וועט עס פון מיר פארלאנגען, וועל איך עס טאן מיט דעם גרעסטען פארגעניגען

— - האט ר' מנחם זיך אנגערופען — אבער מיר דוכט זיך אז ער וועט אייך דאס ניט ערלויבען צו פארלאנגען פון מיר אדער פון וועלכען עס איז אנדער אידען. איך וויל אז איהר זאלט מיר פארשטעהן. איך בין גרייט איינצושטעלען מיין לעבען פאר אייער ברודער צו יעדער רגע. איך בין שוין אלט און אייער ברודער איז יונג . . . אבער ווען דא וואלט זיך געהאנדעלט וועגען מיין אייגענעם לעבען, וואלט איך אויף א קליינע רגע ניט געצעגערט, אבער איהר דארפט וויסען אז ווען מען וועט אויסגעפינען אז מיר אידען האבען איהם געהאלפען אנטלויפען, וועט מען דאך די שולדווארפען אויף אונז אלעמען, און דאריבער צווייפעל איך אויב ער וועט עס יעדענפאלס פארלאנגען. אויב ער וועט עס פארלאנגען, בין איך גרייט עס צו טאן !

—איך האב דאך שוין מיט איהם גערעדט וועגען זיין באפרייאונג, אמת, ער האט זיך געקווינקעלט, אבער דאס איז ווייל ער האט אונז ניט געוואלט פארשאפען קיינע צרות. איך גלויב, אז קיינער וועט ניט דארפען וויסען אז איהר האט מיר געהאלפען. אויב אימיצער וועט אויסגעפינען אז איך האב איהם באפרייט, וועל איך דאן נעהמען די גאנצע שולד אויף זיך. איך וועל זאגען, אז קיינער האט מיר ני טגעהאלפען. איהר מוזט מיר העלפען ! מיין ברודער'ס לעבען איז אין גרויס געפאהר. זיי וועלען דאך איהם פאר'משפט'ן צום טויט.

— איך בין גרייט דאס צו טאן ! — האט ר' מנחם אויסגרופען — איך וועל זיין דארט מיט מיין קאליאסקע ווען איהר וועט מיר הייסען !

— איך אליין ווייס נאך ניט באשטימט ! — האט קאטערינא געזאגט — איך וועל זיך דארפען דורכריידען מיט מיין ברודער און דאן וועל איך דארפען אונטערקויפען דעם וועכטער, ער זאל פון איהם ארונטערנעהמען די קייטען און עפענען די טיהר פון געפענגניש. איך ווייס ניט אוב דאס וועט זיך מיר איינגעבען. איך וועל איהם אנבאטען א סך געלט, פונדעסטוועגען גלויב איך, אז איהר זאלט צוקומען אהער מארגען אווענט . . .

ניין, מארגען אווענט איז אונמעגליך ! — האט ר' מנחם געזאגט — מארגען איז פרייטאג, און אין אווענט איז ביי אונז שבת.

— אויב אזוי וועלען מיר עס באשטימען אויף זונטאג ביינאכט. איך וועל זאגען מיינע עלטערען אז איך וויל זיך מיט איהם נאכאמאל דורכריידען און דאן וועלען מיר איהם העלפען אנטלויפען פון געפענגניש. איהר וועט שוין ווארטען מיט אייער קאליאסקע אין א זייטיגען געסעל ניט וויט פון דער תפיסה און איך וועל מיט איהם ארויסקומען.

* * *

עס איז געוועזן זונטאג ביינאכט, דער אלטער ר' מנחם האט אליין גענומען שפאנען זיין קאליאסקע. ער האט קיינעם וועגען דעם ניט געזאגט, כדי זיי זאלען ניט זיין פארמישט אין דעם, אויב מען וועט איהם כאפען. ער איז לאנגזאם געפאהרען ביז וואנען ער איז געוועזן שוין ניט ווייט פון דער תפיסה. ער האט זיך דארט אפגעשטעלט.

די נאכט איז געוועזן א פינסטערע. ארום איז געוועזן שטיל, קיינער איז דארט ניט פארבייגעגאנגען. ר' מנחם איז געזעסען אין זיין קאליאסקע און מיט א קלאפענדען הארץ געווארט אויף קאטערינא'ן און דעם גר.

ער האט זיך גוט ארומגעקוקט, און ווען ער האט זיך איבערציינגט, אז דארט ארום געפינט זיך קיינער ניט,

האָט ער זיך באַרוחיגט. ער האָט געוואָרט אויף קאַטערינאַ'ן, וועלכע האָט איהם געדאַרפט אָנזאָגען אויב היינט וועט זיין מעגליך צו באַפרייען איהר ברודער פון געפענגניש.

קאַטעריגאַ איז אריינגעקומען אין געפענגניש. זי האָט זיך געזעהן מיט דעם וועכטער, און דערווייל איהם דערלאַנגט א גאָלדענע מטבע אין האַנט. דער וועכטער האָט זיך פאַר איהר פאַרנייגט און באַדאַנקט.

— איך האָף, אז דו באַהאַנדעלסט מיין ברודער זעהר גוט! — האָט זי זיך אָנגערופען צו איהם.

— געוויס, מיין האַרינטע! — האָט ער געזאָגט און זיך נאָך אַמאָל פאַרנייגט פאַר איהר.

— ווייסטו פאַרוואָס מען האָט איהם ארעסטירט, — פרעגט זי איהם.

— יע, האַרינטע! אַנטאָן, דער גלח האָט מיר געזאָגט — עס איז דאָך ווירקליך שוידערליך אפילו צו טראַכטען פון דעם. ווי אזוי פאַלט גאָר איין דעם יונגען גראַף צו ווערען א זשיד.

— איך האָף, אז מיר וועט געלינגען איהם צוריקצוברענגען צו אונזער אמונה — האָט זי געזאָגט — עס פאַרדריסט מיך בלויז, אז ער מוז זיין ארעסטירט און זיצען פאַרשפאַרט אין א פינסטערען קאַמער. ער איז צוליב דעם זעהר שטאַרק אויפגערעגט, און ער וויל זיך ניט צוהערען צו מיר, אָבער איך בין זיכער, אז ווען איך וואָלט איהם געהאַט בלויז פאַר איין אָווענט אין אונזער היים, וואו איך וואָלט צו איהם געקאָנט ריידען מיט האַרציגקייט און צערטליכקייט ביז וואַנען איך וואָלט זיין האַרץ צוריק געוואונען און ער וואָלט זיך צו מיר דאַן צוגעהערט, לאָזען זיי איהם אָבער ניט געהן אהיים, אויף א פאָר טעג.

— איך בין זיכער, אויב מיין האַרינטע וואָלט גערעדט מיט'ן בישאָף און איהם אלץ דערקלערט, וואָלט ער געוויס איך ערלויבט איהם צו נעמען אהיים און זיך דאָרט מיט איהם דורכריידען.

— איך האָב שוין געמאַכט א פאַרזוך איהם צו בעטען, אָבער ער וויל פון דעם ניט הערען און שולדיג אין דעם איז אַנטאָן, דער גלח, ווייל ער טראָגט אויף איהם א שנאה, און ער וויל איהם וועה טאָן וואָס מעהר... אַ, ווען איך האָב איהם בלויז פאַר איין אָווענט, וואָלט איך איהם געוויס געקאָנט איבערציינען און ער וואָלט חרטה געהאַט אויף זיין נאַרישקייט... הא, וואָס זאָגסטו אויף דעם?

— אַ, מיין האַרינטע, וואָס קאָן איך טאָן! איך דאַרף בלויז טאָן מיין פליכט. מען הייסט מיך איהם האַלטען אין קייטען און איהם באַוואַכען, טו איך דאָס! איך האָב דאָך געוויס צו איהם גאָרניט. אלץ וואָס איך ווייס איז, אז ער האָט זעהר שטאַרק געזינדיגט, און דער גלח האָט מיר געזאָגט, אז פאַר אזא פאַרברעכען ווערט מען פאַר'משפט פאַרברענט צו ווערען.

— אַ, רייד ניט אזוי! — האָט קאַטערינאַ א שוידער געטאָן — מיין ברודער וועט מען זיכער באַפרייען. איך גלויב, אז דו וואָלסט מיר אפשר געקאָנט ארויסהעלפען.

— ווי אזוי האָסטו עס געקאָנט טאָן! — האָט אברהם זיך צו איהר אָנגערופען — זעהסטו ניט אז דו האָסט געשטעלט אין געפאַהר ניט נאָר זיין אייגענעם לעבען, נאָר די לעבענס פון פיעלע אנדערע אידען! — שטעל זיך פאָר ווען זיי וועלען אויסגעפינען אז ר' מנחם האָט דיר געהאָלפען מיך צו באַפרייען, וועט דאַן אויסברעכען א פאָגראָם אויף אלע אידען פון ווילנא. און דאַן ווער וועט זיך פאַר זיי אָננעמען? זייער בלוט וועט פאַרגאָסען ווערען ווי וואַסער, און ווער וועט זיי באַשיצען?

— איך וועל בעטען דעם פאָטער ער זאָל זיי באַשיצען! — האָט קאַטערינאַ געזאָגט.

— דו ווייסט גאַנץ גוט אז דער פאָטער וועט דאָס ניט טאָן! ער אליין האָט קיינמאָל ניט ליב געהאַט אידען און איצט ווען דער צאָרן פון די גלחים וועט ברענען, וועט ער דען זיי אָפּהאַלטען?

דער וועכטער האָט זיך גענומען דערנעהענטערען מיט די שליסלען. זיי האָבען געקאָנט הערען זיינע שווערע טריט און דעם קלאַנג פון די שליסלען.

— אָט קומט דער וועכטער. ער וויל דיך באַפרייען פון די שווערע קייטען. קום איך בעט דיך, קום מיט מיר! ראַטעווע זיך! איך וועל זעהן אז קיינער זאָל ניט דאַרפען ליידען!

— איך געה ניט! איך בין גליקליך צו שטאַרבען פאַר מיין נייער

אמונה. קיינער וועט פון מיר ניט קאָנען אוועקנעמען אָט דעם דאָזיגען גליק!

— איך בעט דיך, באַדענק זיך! אזא געלעגנהייט וועסטו שוין מעהר ניט קריגען. איך האָב דאָס געפּועל׳ט ביי דעם וועכטער מיט גרויס מיה! איך האָב איהם געזאָגט אז איך וועל דיך בלויז נעמען אהיים אויף עטליכע שעה, און נאָכדעם וועסטו זיך צוריקקערען — האָט זי אין דער שטיל איהם געזאָגט — ער האָט מיר געגלויבט, און ער האָט איינגעשטימט ארונטערצונעמען די קייטען פון דיר און דיך לאָזען פריי אויף עטליכע שעה!

— ווייסטו דען ניט אז דערפאַר קאָן דער וועכטער קריגען גאָר א גרויסע שטראָף. דו באַנוצט זיך מיט דעם וואָס ער האָט צוטרויען צו דיר און גלויבט דיר. און דו ווילסט אויף איהם בריינגען אַן אומגליק...

— אָבער דיין לעבען איז מיר טייערער פון אלץ! — האָט קאַטערינא אויסגערופען — איך האָב באַשלאָסען דיך צו ראַטעווען... די געפאהר איז גרויס אין עטליכע וואָכען ארום פארזאַמעלט זיך דער סינאָד און מען וועט דיך משפּט׳ן. דעם בישאָף׳ס צאָרן איז זעהר גרויס, און סיידען דו וועסט זיך אונטערגעבען, וועלען זיי דיך פאר׳משפּט׳ן פארברענט צו ווערען. אזוי האָט מיר געזאָגט אנטאָן. ער ווייסט וואָס ער רעדט, ווייל עס האָט שוין אזעלכעס פּאַסירט פריהער און דער וועלכער איז געפונען געוואָרען שולדיג, איז פארברענט געוואָרען אויף אַן עפענטליכען פּלאַץ. הער זיך איין מיין ברודער, ווען א פייער ברעכט אויס אין א הויז, קוקט מען זיך ניט ארום, מען שפּרינגט ארויס פון ברענענדיגען הויז, אפילו ווען דו קאָנסט אימיצען שעדיגען מיט דיין שפּרינגען. דו דאַרפסט זיך דערווייל ראַטעווען, און דאַן טראַכטען וועגען צווייטען...

— עס איז ניט ריכטיג, מיין שוועסטער, איך פארשטעה גאַנץ גוט דיינע נאָבעלע כונות, אָבער איך וויים אויך וואָס פאַר אַן אומגליק דאָס קאָן בריינגען צו אנדערע, איבערהויפּט צו מיינע נייע ברידער, וועלכע זיינען תמיד אויסגעזעצט צו פארשידענע גע־ פאַרען פון דער קריסטליכער וועלט. אלץ וואָס אזא גלח ווי אנטאָן וועט דאַרפען, איז צו האָבען אזא אויסרייד, אז ניט נאָר האָבען די אידען מיך מגייר געווען, נאָר זיי האָבען מיר געהאָלפען אנטלויפען, און אידיש בלוט וועט פליסען ווי וואַסער... ניין, מיין שוועסטער, איך געה ניט מיט דיר, איך בלייב דאָ. גאָט איז מיט מיר, איך האָב פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט! איך דאַנק דיר פאַר דיין טרחה, און איך זאָג דיר אָן נאָך אמאָל, אז דו זאָלסט ניט מאַכען קיינע פארזוכען מיר נאָכצוטאָן. ווייל דו וועסט קאָנען בריינגען מעהר נוצען דעם אידישען פאָלק ווען דו וועסט פארבלייבען ביי דיין קאַטוילישער אמונה. דו וועסט קאָנען גאַנץ אָפט ארונטעררייסען די מאַסקעס פון אזעלכע פאַלשע גלחים ווי אנטאָן, און דו וועסט קאָנען ראַטעווען פילע מענשען פון אונטערגאַנג.

קאַטערינא האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט... דער וועכטער איז צוגעקומען צו דער טיר מיט א לאַנטערנע. ער האָט געהערט ווי דעם גראַף׳ס טאָכטער וויינט, און ער האָט זיך אָנגערופען:

— איך בין גרייט צו ערפילען אייער פארלאַנג! אָט האָב איך די שליסלען. איך וועל ארונטערנעמען זיינע קייטען און איהם לאָזען געהן מיט אייך אויף עטליכע שעה!...

— ניין, עס איז שוין ניט נויטיג!

— האָט קאַטערינא כליפּענדיג געזאָגט — ער וויל ניט געהן, מיין ברודער, ער וויל בעסער בלייבען דאָ!

— דער וועכטער האָט אויפגעהויבען די לאַנטערנע און א קוק געטאָן אויף דעם גר. ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געזאָגט:

— איך בין געווען גרייט צו ערפילען אייער פארלאַנג, און איך קאָן ניט פארשטעהן וואָס עס וואָלט איהם געשאַדט ווען ער וואָלט ארויס פון דאַנען אויף עטליכע שעה...

קאַטערינא איז ארויס פון זיין קאַמער וויינענדיג און דער גר האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין האַרטען געלעגער און גענומען לערנען אויסווייניג דאָס וואָס ער האָט געדענקט.

ר׳ מנחם האָט געוואַרט אין זיין

קאַליאַסקע... ער האָט געהאָפט אַז קיינער וועט איהם ניט באמערקען, ווייל ער האָט געוואוסט אין וואָס פאר א געפאהר ער שטעלט זיך און אלע אידען פון ווילנא, ווען מען זאָל איהם דאָ באמערקען. אָט האָט ער באמערקט ווי א קליינע פיגור שלייכט פארביי. ער האָט אין דער פינסטער ניט געקאָנט גוט מערקען ווער עס איז... באלד האָט ער דערהערט איהר שטימע: "דאָס בין איך". ער איז שנעל ארונטער פון זיין קאָליאסקע, און דערזעהענדיג בלויז איהר אליין, האָט ער זיך צו איהר אָנגערופען:

— וואו איז אייער ברודער?

— ער האָט ניט געוואָלט געהן! — האָט קאטערינא מיט טרויער אין איהר שטימע געזאָגט — איך האָב שוין אלץ געהאט דורכגעפיהרט. דעם וועכטער האָב איך אונטערגעקויפט, ער איז שוין געווען גרייט ארונטערצונעמען די קייטען פון איהם, און איהם לאָזען געהן, אָבער וואלענטי האָט געזאָגט אז ער וועט ניט איינשטעלען אנדערע לעבענס אין געפאהר... ער האָט זיך געשראָקען אז ווען ער וועט אנטלויפען וועט מען באשולדיגען די אידען און זיי באַשטראָפען. ער האָט מורא געהאט עס זאָל ניט קומען צו קיינע פּאָגראָמען, יע, ער איז וויליג צו שטארבען פאר אייער תורה, פאר אייער גאָט, און פאר אייער פאָלק! זאָל גאָט רחמנות האָבען אויף איהם...

— אייער ברודער איז איינער פון די גרעסטע צדיקים וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט! — האָט ר' מנחם אויסגערופען — ער איז א מארטירער, און זיין נאָמען וועט פארשריבען ווערען מיט בלוט אין דער אידישער געשיכטע... ער איז א הייליגער!

— אָבער ער וועט דארפען געהן אזוי יונג פון דער וועלט — האָט זיך קאטערינא אָנגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען! אפשר קאָנען מיר איהם פאָרט ראטעווען!

— בלויז א נס קאָן איהם ראטעווען! — האָט ר' מנחם געזאָגט — אלע אידען זיינען פאר איהם מתפלל צו גאָט.

— מיר דוכט זיך אז אימיצער קומט אָן! — האָט קאטערינא אויסגערופען — איך קער זיך צוריק אום צו מיין עקיפּאַזש.

איידער זי האָט באוויזען זיך א קער צו טאָן, האָט זי באמערקט ווי אימיצער צינדט אָן א לאנטערנע, און נעמט זיך דערנעהנטערען.

— פאָר שנעל צוריק אהיים! — האָט קאטערינא אויסגערופען — דאָס איז דאָך דער גלח אנטאָן!

ר' מנחם האָט א שמיץ געטאָן דעם פערד און איז שנעל פארשוואונדען געוואָרען.

אנטאָן האָט אויפגעהויבען זיין לאנטערנע, אין דער הויך, צו ווארפען עטליכע שטראלען אויף דער קאָליאסקע וואָס האָט פּלוצלונג שנעל גענומען פאָהרען, און דאַן אויף קאטערינא'ן, וועלכע איז געשטאנען ווי צוגעשמידט צו איהר פּלאָץ!

— אָ, דאָס ביזטו, קאטערינא! — האָט דער גלח געזאָגט — וואָס טוסטו דאָ, אין דער פינסטערניש פון דער נאכט?

— הם... גאָרניט! — האָט זי געגומען שטאמלען.

— ביזטו דען נאָר וואָס ניט געווען אין געפענגעניש און זיך געזעהן מיט דיין זינדיגען ברודער?

— אָ, יע, איך האָב נאָך אמאָל געפּרואווט איהם בעטען ער זאָל תשובה טאָן!

— און האָסטו ניט געוואָלט איהם העלפען אנטלויפען פון דאנען! — האָט ער מיט א שטרענגער שטימע זיך אָנגערופען.

— אָ, ניין, ווי אזוי האָב איך געקאָנט טאָן אזא זאך! איך האָב בלויז געוואָלט ווידער מיט איהם ריידען, און איהם בעטען צוריקצוקערען זיך צו אונזער אמונה...

— אָבער דערווייל האָסטו איהם געוואָלט ארויסלאָזען פון תפיסה... איך וויים, דו ביזט אהער געקומען מיט דעם זשיד מנחם מאַן!

— ניין, ווי קום איך צו איהם! וואָס האָב איך צו טאָן מיט איהם!

— דו ווייסט דאָך, קאטערינא, פאר מיר דארפסטו קיין זאך ניט פארבאָרגען — האָט דער גלח געזאָגט — דו דארפסט זיך מתודה זיין אויף דיינע זינד, און איך וועל שוין בעטען אונזער האר יעזוס, ער זאָל דיר מוחל זיין — דאָס איז געווען דער זשיד מאַן! הא, ניט אמת!

— ניין, ניט אמת! — האָט קאַטערינא געזאָגט — איך ווייס ניט ווער דאָס איז געווען!

— איך האָב אַליין געהערט ווי דו האָסט צו איהם גערעדט! און איך האָב אויך דערקאַנט זיין קאַליאַסקע, איך בין זיכער אַז דאָס איז געווען דער זשיד מאַן, מיך קאָן מען ניט נאַרען!

— ניין, פּאַטער'ל, איהר מאַכט אַ טעות! — האָט קאַטערינא אויסגערופען — אייך האָט זיך דאָס געדוכט! איך בין בלויז פאַרבייגעגאַנגען דאָ צוצוגעהן צוריק צו מיין עקיפּאַזש, וואו מיין קוטשער וואַרט אויף מיר.

— און אפשר מאַך איך אַ טעות, ווען איך זאָג אַז דו האָסט געוואָלט אונטערקויפען דעם וועכטער ער זאָל ארויסלאָזען דיין ברודער פון געפענגעניש! מיין ניט אַז איך ווייס ניט! דער וועכטער האָט מיר געזאָגט אַז דו האָסט איהם געגעבען געלט, און פון איהם פאַרלאַנגט ער זאָל באַפרייען וואַלענטי'ן, אָבער ער, האָט געהאַנדעלט ווי יעדער פרומער קאַטאָליק וואָלט געהאַנדעלט, ער האָט זיך ענטזאָגט דאָס צו טאָן! דו האָסט שוין פון לאַנג געדאַרפט וויסען אַז מיך קאָן מען ניט נאַרען! איך בין צו כיטרע. איך האָב נאָך נעכטען אויסגעפונען אַז דו האָסט דעם וועכטער געגעבען אַ מטבע אין האַנט, און איך האָב פאַרשטאַנען אַז דו ווילסט עפּעס טאָן... נו, האָב איך שוין געהאַלטען אַן אויג אויף דיין קומען. ווען דו ביזט היינט אריינגעקומען אין געפענגעניש, האָב איך זיך באַהאַלטען נעבען דעם ארויסגאַנג פון תפיסה און געהיט. ווען דו ביזט ארויס אַליין, בין איך גלייך צוגעגאַנגען צו דעם וועכטער, און איהם געזאָגט אַז איך האָב געהערט אַז דו ווילסט באַפרייען דיין ברודער, האָט ער מיר מודה געווען אַז דו האָסט איהם געוואָלט אונטערקויפען, אָבער ער, האָט ניט געוואָלט הערען. דאַן בין איך ארויסגעקומען אין דרויסען צו זעהן אויב דו האָסט געהאַט ארויסהעלפער, און איך בין זיכער, אַז דאָס איז געווען דער זשיד מנחם מאַן...

— איך זאָג דאָך אייך אַז עס איז ניט אמת, דער איד מאַן איז דאָ ניט געווען! — האָט קאַטערינא אויסגערופען.

— נו, דאָס וועלען מיר זעהן! — האָט דער גלח געזאָגט — איך וועל זיך דורכריידען מיט דיין פּאַטער, און הערען וואָס ער האָט צו זאָגען וועגען דיין פאַרזוך צו באַגעהן אַזאַ פאַרברעכען געגען דער קאַטוילישער קירכע.

— עס איז אַ ליגען! — האָט קאַטערינא געזאָגט — איך וועל עס באַווייזען — אַט לאָמיר צוריק אריינגעהן אין תפיסה, און לאָמיר איבערפרעגען דעם וועכטער. איך האָב פון איהם בלויז פאַרלאַנגט אַז ער זאָל איהם אָפּלאָזען פאַר עטליכע שעה, כדי איך זאָל איהם קאָנען ברינגען אהיים, ווייל איך האָב געהאָפּט אַז ווען ער וועט זיך געפינען אין אונזער הויז וועט ער זיך אונטערגעבען... זיין האַרץ וועט ווייכער ווערען ווען ער וועט זעהן אַלץ וואָס איז איהם נאָהענט צום האַרצען.

— איך ווייס! דו האָסט איהם געוואָלט העלפען אנטלויפען, ווייל דיר פעלט אַ סך פרומקייט. דו הערסט, קאַטערינא, דו וועסט דאַרפען תשובה טהאָן אויף דיינע זינד... יע, נאָכדעם ווי דיין ברודער וועט באַקומען זיין פאַרדינטע שטראָף, וועסטו קומען צו מיר זיך מתודה זיין אויף אַלע דיינע זינד.

— יע, היילינער פּאַטער! — האָט קאַטערינא געזאָגט — איך וועל עס טהאָן! האָט קאַטערינא געזאָגט און זי האָט זיך צוריקגעקערט צו איהר עקיפּאַזש און צוגעפאָהרען צו איהר פּאַטער'ס פּאַלאַץ. זי איז גלייך געגאַנגען צו איהר שלאָפצימער און זי האָט זיך אריינגעוואָרפען אין איהר בעט, און זי האָט זיך ביטער פאַנאַנדערגעוויינט.

דער גלח אנטאָן האָט דערווייל אין דעם ניט געשוויגען. ער האָט אויסגענוצט דאָס, וואָס קאַטערינא האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו באַפרייען איהר ברודער, צו מאַכען אַ בלבול אויף דעם אידען ר' מנחם מאַן. ער האָט איהם דערצעהלט, אַז דער זשיד מאַן, וועלכער פלעגט אַמאָל זיין אַן אריינגעהער אין דעם פּאַלאַץ פון גראַף, און וועלכער האָט געקענט דעם גראַפ'ס טאָכטער, האָט זיך מיט איהר געזעהן, און איהר איינגערעדט, אַז זי זאָל העלפען איהר ברודער אנטלויפען פון געפענגעניש.

דער בישאָף האָט געשיקט אַ שליח

צום גראף אין פאלאץ און ער האט געהייסען קאטערינא'ן קומען צו איהם און ערקלערען פארוואס זי האט עס געוואלט טהאן.

קאטערינא איז געקומען, און ווען דער בישאף האט איהר געפרעגט פארוואס זי האט זיך געלאזען איבעררײדען פון דעם אידען צו באפרייען איהר ברודער, האט קאטערינא אויסגערופען:

— דאס פאטערל אנטאן איז א ליגנער!

— א, ווי וואגסטו אזוי צו ריידען וועגען א גייסטליכען פון דער קאטוילישער קירכע!

— ניט נאר איז ער א ליגנער, נאר ער איז אויך א נידעריגער מענש. ער איז שולדיג אין אט דעם גרויסען אומגליק! — האט קאטערינא אויסגערופען — ער איז שולדיג אין דעם, וואס זארעמבא און יוליע, — יא גנעדיגער בישאף, איך מעג מען זאגען אלץ: אנטאן איז אן אויסוואורף. ווען מיין ברודער וואלענטי האט באמערקט, אז אזא פאלשער פארטרעט אונזער אמונה, האט ער זיך דערפאר גענומען דערוויטערען.

— איידער מען האט אויסגעפונען, אז דיין באשולדיגונג איז באגרינדעט, קענען מיר וועגען דעם ניט ריידען!

—איך קען באווייזען דעם בישאף, אז אנטאן איז א גרויסער ליגנער!

— האט קאטערינא אויסגערופען — איך הער, אז ער באשולדיגט מיך אין וועלען באפרייען מיין ברודער פון געפענגעניש, איך קען אבער באווייזען, אז איך האב געוואלט ברינגען וואלענטי'ן צו אונז אין הויז אויף עטליכע שעה. דער וועכטער וועט קענען עדות זאגען אויף דעם. און ווען איך האב וועגען דעם גערעדט מיט מיין ברודער, האט ער זיך ענטזאגט צו געהן. איך וויל טאקע, אז דער בישאף זאל שיקען רופען דעם וועכטער אהער און זאל ער איהם אויספרעגען, וועט איהר זעהן, אז אנטאן איז א ליגנער.

— נו, זאל זיין גענוג! — האט דער בישאף זיך אנגערופען — איצט איז ניט די צייט צו זוכען זינד פון אונזערע גייסטליכע.

— אבער איך באשטעה אויף דעם, אז מען זאל אויספרעגען דעם וועכטער... איך וועל איהם אין דעם ניט שענקען. דער וועכטער האט מיר נעגלויבט אויף מיין עהרענווארט, אז איך וועל איהם צוריקבריינגען אין געפענגעניש איידער עס וועט ווערען טאג. אלץ איז געווען גרייט, אבער מיין ברודער האט ניט געוואלט מיטגעהן מיט מיר.

דער בישאף האט געשיקט רופען דעם וועכטער פון געפענגעניש, און ער האט איהם מיט א שטרענגע שטימע א פרעג געטאן, אויב עס איז אמת, אז זי, קאטערינא האט איהם געזאגט אז זי וויל נעמען איהר ברודער בלויז אויף עטליכע שעה, און אז וואלענטי אליין האט ניט געוואלט געהן.

דער וועכטער, דערזעהענדיג דעם גראף'ס טאכטער, האט זיך שטארק דערשראקען און ער האט געזאגט אז עס איז אמת.

— און פארוואס האסטו דעם גלח אנטאן דערציילט אן אנדער געשיכטע! — האט דער בישאף איהם נעפרעגט.

— א, ניין, הייליגער בישאף, איך האב דעם גלח דערציילט דעם אמת, אבער ער האט מיר אנגעזאגט אז איך זאל פאר אלעמען זאגען אז וואלענטי און זיין שוועסטער האבען מיר געוואלט אונטערקויפען, און אז ער איז שוין געווען גרייט צו פארלאזען דעם געפענגעניש, אבער איך האב ניט געלאזען. ער האט מיר געסטראשעט אז אויב איך וועל אזוי ניט ריידען וועט ער זעהן אז איך זאל מיין שטעלע אלס וועכטער, פארלירען.

— שווער זיך ביי דעם הייליגען צלם אז אלץ וואס דו זאגסט איצט איז אמת! — האט דער בישאף אויפגעהויבען דעם צלם.

דער וועכטער האט געשווארען און דער בישאף האט זיך צו איהם אנגערופען:

— איצט קאנסטו געהן!

ווען דער וועכטער איז אוועקגעגאנגען, האט זיך דער בישאף אנגערופען צו קאטערינא'ן:

— איך גלויב אז דו האסט געטאן אלץ וואס נאר עס איז מעגליך צוריקצובריינגען דיין ברודער צו דעם קאטוילישען גלויבען, און ניט נאר דו אליין, נאר יעדער איינער פון אונז האט געטאן אלץ וואס מיר האבען געקאנט איהם איבערצוצייגען אז דער

שטן האט איהם פארפירט, אבער אונזער מיה איז געווען ארויסגעווארפען, דאריבער וועט ער דארפען גע׳משפט ווערען. איך האב שוין אלץ איבערגעגעבען צום סינאד, און אין דער קומענדער וואך וועט זיך אנפאנגען זיין משפט.

קאטערינא האט פארשטעלט איהרע אויגען מיט איהרע הענט, ער זאל ניט מערקען איהרע טרעהרען. און זי האט באלד פארלאזען דעם בישאף׳ס הויז.

דער משפט פון דעם גר צדק האט זיך אנגעפאנגען. אין גאנץ ווילנא און ארום, האט מען וועגען דעם גערעדט. די אידען האבען איבערגעלעבט גרוים שרעק, ניט נאר האט יעדען אידען געוועהטאגט פאר דעם הייליגען גר, וועלכער איז גרייט זיך מקריב צו זיין פאר דער אידישער תורה, נאר יעדער איינער האט זיך געשראקען. אז ווי דער משפט וועט זיך ניט אויסלאזען, וועלען אידען שלעכט אפשניידען. מען האט געוואוסט, אז דער גרעסטער אנטיסעמיט, אנטאן דער גלח, וועט ניט שווייגען. ער וועט אויפהעצען דעם המון צו פאגראמען אויף אידען. די שטימונג איז געווען א טרויעריגע. מיט שווערע געמיטער האבען די אידען געווארט אויף דעם פסק. עס איז ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט געווען אז דער גר צדק, וועט פארמשפט ווערען צום טויט, ווייל אזוי פלעגט מען אין יענע צייטען טהאן צו יעדען קריסט וועלכער האט פארלאזען די קריסטליכע אמונה. מ׳האט נאר געהאפט, אז ווייל ער איז דאך פארט דער זוהן פון גראף פאטאצקי, וועלכער איבט אויס אזא איינפלוס, וועט מען איהם ראטעווען פון א זיכערען טויט.

דער משפט האט זיך געצויגען עטליכע וואכען. אנטאן האט געארבייט זעהר שווער. ער האט געזאמעלט פילע עדות. ער האט אפילו געצוואונגען יאשקע שניידער, וועלכער האט אויף דעם גר גע׳מסר׳ט, אז ער זאל קומען עדות זאגען ביים משפט, ווי אזוי ער, וואלענטי, איז געווארען א פרומער איד, וועלכער איז געזעסען אין בית המדרש און געלערענט די זשידאווסקי תורה.

יאשקע האט זיך אפילו שוין אנגעהויבען פיהלען שלעכט. ער האט געזעהן אז אין זיין שטעדטעל, אין איליע, וויל קיינער ניט האבען צו טהאן מיט איהם. מען האט מורא איהם ניט אריינצולאזען אין בית המדרש, ווייל ער קען זיך נאך בעקלאגען פאר דעם גלח אז מען רודפ׳ט איהם פאר דעם און דאן וועלען זיי האבען געגוג צרות, אבער קיינער קען דאך די אידען ניט צווינגען צו רעדען און צו האנדלען מיט איהם.

יאשקע האט טאקע דערצעהלט דעם גלח אז די אידען ברענגען איהם מעהר קיין ארבייט ניט, האט דער גלח געזעהן, אז די גוים זאלען ביי איהם באשטעלען צו נייהען אלע זייערע בגדים.

יאשקע׳ס ווייב האט איהם פארלאזען. ער האט געטהאן אלץ וואס ער האט געקענט כדי זי זאל זיך צו איהם צוריקקעהרען, אבער זי האט בשום אופן ניט געוואלט. זי האט בעסער געארבייט אלס דינסט ביי א אידען, איידער צוריקגעהן וואהנען מיט איהם.

די איינגערע קינדער זיינען אוועק מיט דער מאמען, בלויז בערקע, וועלכער פלעגט זיך שטענדיג רייצען מיט דעם גר, און צוליעב וועמען די גאנצע טרויעריגע געשיכטע האט פאסירט, איז פארבליבען אין דער היים מיט זיין טאטען.

פון דעסטוועגען ווען מען האט יאשקע׳ן גערופען פאר אן עדות, האט ער ניט געוואלט געהן. דער גלח אבער האט איהם געזאגט אז אויב ער וועט ניט געהן וועט מען איהם בעשטראפען, איז ער געקומען.

יאשקע שניידער, וועלכער פלעגט האבען צו טהאן מיט פארשידענע פוילישע קונים, האט גערעדט א גוטען פויליש און מ׳האט איהם גוט פארשטאנען.

ווען ער האט גענומען זאגען זיין עדות, איז גראד דאן אויך געווען דער גראף, וועלכער האט נאך אלץ געזוכט צו באוועגען זיין זוהן ער זאל חרטה האבען, וועט מען איהם אלעם מוחל זיין.

ער האט געהערט ווי יאשקע שניידער דערצעהלט מיט אלע איינצעלהייטען ווי אזוי ער האט פון לאנג גענומען פארדעכטיגען, אז ער, דער פרעמדער, וועלכער איז געזעסען אין זייער בית המדרש און געלערענט, איז ניט קיין איד.

— איך האָב עס דערקענט איין מאָל, ווען איך האָב איהם געהערט ווי ער האָט אַרויסגערעדט עטליכע ווערטער אין פּויליש — האָט יאַשקע געזאָגט — איך האָב אויך געהערט ווי ער רעדט אידיש, בין איך געקומען צום באשלוס אז ער מוז זיין א פּאַליאַק, וועלכער האָט זיך מגייר געווען. איך האָב דעריבער גלייך געמאָלדען דעם גלח אנטאָן.

מען האָט איהם געשטעלט נאָך עטליכע פראַגען, און אלע זיינע ענטפערס האָט מען פארשריבען און דאן האָט מען איהם געהייסען געהן.

מען האָט אויסגעפרעגט נאָך עדות, און מען האָט אויך גערופען זארעמבא'ס עלטערען, וועלכע האָבען דערצעהלט אלץ וועגען זייער זוהן און שנור.

נאָך א לאַנגען ישוב הדעת, האָט דער סינאָד ארויסגעטראָגען דעם משפּט, אז וואלענטי איז שולדיג און אז ער וועט פארברענט ווערען אויף אן עפענטליכען פּלאַץ אין ווילנא. דעם טאָג פון וואלענטי'ס הינריכטונג איז בעשטימט געוואָרען אויף דעם 24טען מאי 1749, דאָס איז געווען דעם צווייטען טאָג שבועות.

א טרויער האָט געהערשט אין ווילנא. ניט נאָר ביי אידען, נאָר אויך אפילו ביי פיעלע קאַטאָליקען, וועלכע האָבען גוט געקענט דעם נאָבעלן און גוטהערציגען וואלענטי'ן, דעם זוהן פון גראף פּאָטאָצקי.

גרויס איז אויך געווען דער טרויער אין דעם פּאַלאַץ פון גראף פּאָטאָצקי. ווען די גרעפין האָט געהערט דעם אורטייל, האָט זי גע'חלש'ט. קאטערינא האָט אויך ניט אויפגעהערט צו וויינען. כאָטש דער גראף פּאָטאָצקי אליין איז געווען ביז דער לעצטער מינוט שטארק פארביטערט געגען זיין זוהן, פאר דער שאנדע וואָס ער האָט איהם און זיין משפּחה פאראורזאכט. אָבער ערשט איצט, ווען ער האָט געהערט וועגען דעם אורטייל, און ער האָט געזעהן אז מען וועט זיין איינציגען זוהן פארברענען, האָט ער ניט געקענט איינהאלטען זיינע טרעהרען. און ווען ער איז אריין צו זיך אין פּאַלאַץ און געזעהן אז די גרעפין האָט גע'חלש'ט און זיין טאָכטער הערט ניט אויף צו יאָמערען, האָט ער צוזאמענגעבראָכען.

— אָ, ווי קענען מיר ראטעווען אונזער זוהן! — האָט די גרעפין ניט אויפגעהערט צו קלאָגען נאָך דעם ווי מען האָט איהר אָפּגעמינטערט.

— איך זעה ניט קיין האָפנונג! — האָט דער גראף געזאָגט — קיינער קען ניט מבטל מאכען דעם אורטייל פון דעם סינאָד, אויסער דער קעניג. יע, בלויז דער פּוילישער קעניג אליין קען איהם בעגנאַדיגען.

— ער מוז איהם בעגנאַדיגען! — האָט די גרעפין אויסגערופען — שיק אוועק א בקשה צו איהם. דו ביזט דאָך ביי איהם פאררעכענט פון זיינע שטארקסטע אנהענגער, איך בין זיכער אז ער וועט אונזער בקשה אָננעהמען און ער וועט אונזער זוהן בעגנאַדיגען.

דער גראף האָט אָנגעשריבען א בקשה, און ער האָט עס פאר'חתמ'עט און עס אוועקגעשיקט קיין ווארשא צו דעם פּוילישען קעניג.

— עס איז געבליבען בלויז צוויי וואָכען ביז וואנען דער אורטייל איבער מיין זוהן וועט דארפען דורכגעפיהרט ווערען — האָט דער גראף זיך אָנגערופען צום שליח — איך גיב דיר איינעם פון מיינע בעסטע פערד. און איך ווייס אז דו וועסט קענען זיך אומקעהרען א פּאָר טעג פאר דער הינריכטונג. אייל זיך, זעה, אז קיין זאך זאָל דיך ניט אָפּהאלטען. מיט אָט דעם בריעף און זיגעל פון מיר וועסטו קיינע שוועריגקייטען ניט האָבען צו־צוקומען צו דעם קעניג, און אויב דער קעניג וועט איינוויליגען צו ראטעווען מיין זוהן, וועט ער דיך לאַנג ניט פערהאלטען. געה און זאָל גאָט געבען אז מיין זוהן'ס לעבען זאָל געראטעוועט ווערען.

דער גלח אנטאָן, וועלכער האָט אויסגעפונען פון איינעם פון די היידוקעס פון גראף, וועגען זיין פּעטיציע צום קעניג, האָט שוין אויך ניט גערוהט. ער האָט בעשלאָסען צו זעהן צו פערהאלטען דעם שליח אין וועג אזוי פיעל ווי מעגליך. ער האָט געוואוסט וואו דעם גראף'ן שליח וועט זיך אָפּשטעלען אויף'ן וועג צוריק. ער האָט דעריבער געשיקט איינינע פון זיינע מענשען אז זיי זאָלען טהאָן אלץ וואָס וועט נאָר זיין מעגליך איהם צו פערהאלטען ביז נאָך דער הינריכטונג. ער האָט זיי מיטגעגעבען געלד

און שנאפּס און זיי זיינען אוועק אהין, אין יענעם דורכפאהר־הויז, דארטען אפּצוואווארטען דעם גראף׳ס שליח.

דער שליח איז אנגעקומען אין ווארשא, און האט דערגרייכט צום קעניג. ער האט אין נאמען פון דעם גראף פּאטאצקי איהם איבערגעגעבען די פּעטיציע. דער פּוילישער קעניג האט עס בעטראכט, און עס האט איהם גענומען א פּאר טעג ביז וואנען ער האט בעשלאסען צו בעגנאדיגען וואלענטי׳ן.

ווען דער שליח האט ארויסגעקראגען דעם קעניג׳ס בעגנאדיגונג, איז ער געווארען אויסער זיך פון שמחה. עס איז נאך פארבליבען א פינף טעג, און ער וועט געוויס אנקומען א טאג אדער צוויי פאר דער היגריכטונג. ער האט זיך געאיילט צו פארלאזען ווארשא מיט דעם קעניג׳ס בעגנאדיגונג אין קעשענע.

ווען ער איז שוין געווען א טאג רייזע פון ווילנא, איז צוגעפאלען די נאכט, און ער האט זיך אפּגעשטעלט אין דעם דורכפאהר הויז. דארט האבען שוין אויף איהם געווארט אנטאן׳ס מענשען. ווי נאר זיי האבען איהם דערשמעקט, האבען זיי איהם בעגריסט מיט פריינדשאפט. זיי האבען זיך געמאכט ניט וויסענדיג, אז זיי ווייסען פון דעם גראף׳ס פּעטיציע. זיי האבען מיט איהם פערבראכט. און זיי האבען איהם פארגעשלאגען ער זאל מיט זיי נעהמען א טרונק בראנפען.

— ניין, איך קען ניט! — האט ער זיי געזאגט — איך מוז מארגען גאנץ פריה אפּרייזען פון דאנען קיין ווילנא, און אויב איך וועל נעהמען א טרונק בראנפען, האב איך מורא, אז איך וועל פארשפּעטיגען.

— דו וועסט ניט פארשפּעטיגען! — האבען זיי איהם געזאגט — דו וועסט קיין סך ניט טרינקען — מיר וועלען דיך אויפוועקען גאנץ פריה, ווייל מיר וועלען אויך אפּרייזען פון דאנען אין דער פריה.

דער שליח האט זיך געלאזט איבעררעדען. ער האט בעת מעשה בעשלאסען צו נעהמען בלויז איין טרונק. ווען אבער ער האט גענומען דעם ערשטען טרונק, איז זיי שוין ניט שווער אנגעקומען צו געבען איהם א צווייטען און א דריטען. ער האט גענומען אין זיך גיסען איין גלאז בראנפען נאך דער צווייטער, ביז ער איז אנידערגעפאלען ווי א טויטער.

דאן האבען אנטאן׳ס מענשען איהם אריינגעפיהרט אין א צימער, און זיי האבען איהם בעזוכט. זיי האבען געפונען ביי איהם אין קעשענע דעם קעניג׳ס בריעף מיט זיין זיגעל.

— וואס זאלען מיר טהאן? — האט איינער געפרעגט — אויב מיר זאלען צערייסען דעם קעניג׳ס בריעף, קען מען נאך אונז טהאן דאס זעלבע וואס מען וועט טהאן צו וואלענטי׳ן. ווייל געוויס וועט מען דאך אויסגעפינען, אז מיר האבען דאס געטהאן.

— ווייסטו גאר וואס — רופט זיך אן דער צווייטער — לאמיר דעם בריעף אריינשטעקען אין איינעם פון זיינע שטיוועל. ער וועט דאך איהם זוכען אין זיין קעשענע וועט ער איהם ניט געפינען. וועט ער דאך געוויס מיינען אז ער האט איהם פארלארען אויף׳ן וועג, וועלען מיר איהם אנבאטען צו געהן איהם העלפען זוכען. און שפּעטער ווען ער וועט דעם קעניג׳ס בריעף געפינען אין זיין שטיוועל, וועט ער דאך קיינעם ניט קענען בעשולדיגען בלויז זיך אליין.

זיי האבען אזוי געטהאן. דער שליח איז אויפגעשטאנען אויף מארגען נאך האלבען טאג, און ווען ער האט זיך אויסגעניכטערט פון זיין שכרות, האט ער זיך דערמאנט אז ער דארף דורכפיהרען א שליחות אין וואס א מענשען׳ס לעבען הענגט אפּ. ער האט זיך גלייך א כאפּ געטהאן צו זיין קעשענע וואו דעם קעניג׳ס בעגנאדיגונגס בריעף איז געלעגען, און ער האט א ציטער געטהאן:

— אוי, דער בריעף! דעם קעניג׳ס בריעף! — האט ער אויסגערופען:

— וועגען וואס פאר א בריעף רעדסטו! -- האט איהם איינער פון אנטאן׳ס מענשען א פרעג געטהאן.

— זעהר א וויכטיגער בריעף. א מענשען׳ס לעבען איז אין געפאהר! אוי, וואס טהוט מען!

— אפשר האסטו איהם פארלארען אין וועג? רופט זיך אן איינער.

— איך וויים ניט! איך האב איהם געהאלטען אין מיין בוזים קעשענע.

—מיין עצה איז אז דו זאלסט זיך ארויסלאזען אויפ׳ן וועג און זוכען. מיר ביידע וועלען דיר העלפען זוכען.

זיי האבען זיך אוועקגעלאזען אויפ'ן וועג, דורך וואנען דער שליח האט מיט א טאג צוריק געהאט דורכגעריטען. זיי האבען אויך געריטען אויף זייערע פערד וואס דער גלח האט זיי געהאט געגעבען. זעהר לאנגזאם האבען זיי געריטען, ביז וואנען עס איז שוין צוגעפאלען די נאכט. זיי זיינען שוין דאן געווען א היבשען מהלך נאך ווייטער פון ווילנא. זיי האבען איבערגענעכטיגט אין א דארף, און אויף מארגען אין דער פריה זיינען זיי ווייטער געריטען. אזוי א גאנצען טאג.

— ניין, מעהר האב איך ניט וואס צו געהן! — האט דער שליח מיט טרעהרען אין די אויגען אויסגערופען —איך גערדינק דייטליך אז זייענדיג דא, האב איך ארויסגענומען דעם קעניג'ס בריוו.

— אפשר האסטו איהם אריינגעלייגט ערגיץ אנדערש! — האט זיך איינער פון אנטאן'ס מענשן אנגערופען, וויסענדיג אז אלץ איינס וועט ער שוין ניט באוויזען צו קומען אין צייט אין ווילנא.

— ניין, איך בין זיכער אז איך האב איהם ניט אריינגעלייגט אין א צווייטען פלאץ.

— פונדעסטוועגען וועט נישט שאדען ווען דו וועסט זוכען אין די אנדערע פלעצער פון דיינע בגדים! — האט דער צווייטער איהם געזאגט.

דער שליח האט גענומען זוכען. ער האט ארונטערגענומען זיינע בגדים, און ווען ער האט זיך גענומען צו זיינע שטיוועל, האט ער דערפילט אז דארט געפינט זיך עפעס...

ער האט באלד ארויסגעשלעפט דעם קעניג'ס פארזיגעלטען בריוו, און ער האט אויסגערופען מיט פרייד:

— אט איז ער, איך האב איהם געפונען! אבער ווי אזוי קומט ער דא אין מיין שטיוועל?

— עס קאן זיין אז דו ביזט געווען אביסעל שיכור, האסטו ניט געוואוסט וואס דו טוסט.

— איך מוז שנעל צוריקרייזען קיין ווילנא! — האט ער אויסגערופען — אוי, איך האב נאר מורא אז איך זאל ניט פארשפעטיגען!

ער האט זיך געזעצט אויף זיין פערד און ער האט געריטען שנעל. ער האט אפילו געריטען ביינאכט. ער האט זיך בלויז אפגעשטעלט צו געבען דעם פערד עסען.

דער שליח איז אנגעקומען אין ווילנא שפעט ביינאכט. ער איז שנעל צוגעלאפען צום גראף'ס פאלאץ און אנגעקלאפט אין טויער.

מען האט דעם גראף אנגעזאגט, און ער איז ארויסגעקומען צו איהם מיט א טרויעריגען פנים.

— א, גנעדיגער גראף! איך האב געבראכט! דער קעניג האט באוויליגט צו באגנאדיגען דיין זוהן!

דער גראף איז צוגעקומען און ער האט איהם ארונטערגעלאזען א פייערדיגען פאטש!

— דו הונט איינער! דו ביזט געקומען שוין צו שפעט. מען האט שוין מיין זוהן הינגעריכטעט מיט צוויי טעג צוריק. זיי האבען איהם פארברענט! דיר וועט עס ניט געשאנקען ווערען.

— א, מיין האר גראף, עס איז ניט מיין שולד. די פריינד פון דעם גלח אנטאן האבן מיך פארהאלטן. איצט ווייס איך אלץ. יע, זיי האבען געמאכט אז איך זאל זיך פארשפעטיגן.

— דאס וועט איהם ניט געשאנקען ווערען! —האט דער גראף אויסגערופען.

אויף מארגען אין דער פריה איז דער גראף אוועק צום בישאף און ער האט איהם דערציילט אלץ וואס דער גלח האט געטאן, ווי פאלש ער איז געוועזן, ווי ער פלעגט פיהרען ליבעס מיט די מיידלעך וועלכע פלעגען קומען זיך מתודה זיין.

— איך ווייס פון אלץ! — האט דער בישאף געזאגט — און איך האב טאקע נאר וואס געשיקט אים רופען. איך וועל פון איהם אוועקנעמען זיין היילינגען אמט, און אלס אן איינפאכער מענש וועט ער געשטעלט ווערען צום משפט. דו שטעל זיך דא הינטער'ן פארהאנג און דו וועסט הערען ווי איך וועל ריידען מיט דעם גלח!

אנטאן איז געקומען צום בישאף, און דער בישאף האט איהם גענומען אויסרעכענען אלע זיינע חטאים, האט ער זיך אנגערופען:

—אמת, איך גיב צו אז איך האב געזינדיגט — אבער דאמיט אליין וואס איך האב פאראורזאכט אז מען

זאָל פאַרברענען איינעם וועלכער האָט זיך מגייר געווען, און געבראַכט שאַנד און שמאַך צו אונזער אמונה, האָב איך פאַרדינט פאַרגעבונג. איך וויל דאָ דעם בישאָף אויך דערציילען, אַז ווען ניט איך וואָלט מען דעם גראַף'ס זוהן קיינמאָל ניט הינגעריכטעט, ווייל ער האָט שוין געקראָגן אַ באַגנאַדיגונג פון קעניג. איך האָב אונטערגעשיקט מענשן און זיי האָבען שוין אויסגעמאַקירט אַז דער שליח פון גראַף זאָל פאַרהאַלטען ווערען עטליכע טעג אַזוי אַז ער איז געקומען צו שפּעט!

— איך וויים עס! — האָט דער גראַף אויסגערופען אַרויסגעהענדיג פון הינטער דעם פאָרהאַנג, דאָס איז ניט דיין איינציגער פאַרברעכען.

דער בישאָף האָט אוועקגענומען פון איהם דעם צלם, און איהם געזאָגט:

— דו ביזט ניט מעהר קיין גייסטליכער, דו וועסט זיך שטעלען צום משפט אַלס איינפאַכער פאַרברעכער.

— ער וועט זיך פאַרשפּאָרען צו שטעלען צום משפּט — האָט דער גראַף געזאָגט און אַרויסגעצויגען אַ רעוואָלווער פון זיין קעשענע.

אַנטאָן האָט זיך גענומען בעטען. ער איז געפאַלען אויף זיינע קניע, אָבער דער גראַף האָט אַריינגעיאָגט אַ קויל אין זיין הארצען און אַנטאָן איז געבליבען ליגען אַ טויטער.

— ער האָט עס פאַרדינט! — האָט דער בישאָף זיך אָנגערופען צום גראַף — און גאָט וועט דיר מוחל זיין.

— איך האָב נאָך אַ חשבון צו מאַכען! — האָט דער גראַף געזאָגט און איז גלייך צוריק אוועק צו זיך אין פּאַלאַץ.

— מיר פאָהרען מאָרגען צו אונזער זומער פּאַלאַץ אין איליע! — האָט דער גראַף געזאָגט.

אויף מאָרגען זיינען אַלע אָנגעקומען אין איליע, אין דעם גראַף'ס זומער פּאַלאַץ.

דער גראַף האָט צוגערופען צוויי היידוקעם און זיך צו זיי געווענדעט:

— געהט אוועק צו יאַשקע שניידער, און ברייגנט איהם אהער. אויב ער וועט ניט וועלען געהן מיט גוטן, זאָלט איהר איהם בינדען.

די היידוקעם האָבען געבראַכט יאַשקע'ן שניידער, וועלכער האָט געציטערט פון שרעק...

— דו האָסט אומגעבראַכט מיין זוהן! — האָט דער גראַף אויסגערופען צו איהם, און דו וועסט באַצאָלען מיט דיין לעבען פאַר דעם.

יאַשקע האָט זיך גענומען בעטען. און קאַטערינא וועלכע איז געשטאַנען דערביי, האָט זיך אָנגערופען:

— פאַר אַ מסור איז קיין רחמנות ניטאָ!

— זאָל ער אויפגעהאַנגען ווערען אויף דעם בוים! — האָט דער גראַף אויסגערופען.

זיין באַפעל איז שנעל דורכגעפירט געוואָרען.

---

מוצאי שבועות, נאָכדעם ווי אברהם בן אברהם, דער גר צדק איז פאַרברענט געוואָרען, האָט ר' לייזער זוסקע איינגעשטעלט זיין לעבען, און ווען עס איז געווען גוט פינסטער איז ער מיט זיין טאָכטער יהודית צוגעגאַנגען צו דעם פּלאַץ און ער האָט צוזאַמענגענומען די אש און די עטליכע פאַרבליבענע ביינער פון גר צדק, און ער האָט איהם מקבר געווען אויף דעם אידישען בית עלמין. ווען ער האָט פאַרשאָטען דעם קבר און געשטעלט אַ שטיקעל מצבה אַלס סימן, האָט זיך יהודית געוואָרפען אויף זיין קבר און ביטער געוויינט.

די אידען פון ווילנא האָבען שטאַרק געטרויערט אויף דעם טראַגישען סוף פון אברהם בן אברהם, און ער איז ביי אַלעמען פאַרהייליגט געוואָרען. יעדען יאָהר פּלעגען די אידען געהן צו דעם קבר פון גר צדק און זיך אויסוויינען דאָרט.

זאַרעמבאַ האָט זיך דערוואוסט פון דעם גר צדק'ס טויט, און ער האָט אויך שטאַרק געטרויערט אויף זיין פריינד. ער איז שוין דאַן געווען אין אַמסטערדאַם, און ער איז פון דאָרט אָפּגעפאָרען קיין ארץ ישראל, וואו ער איז פאַרבליבען זיין גאַנצען לעבען.

( ס ו ף )